STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00524

BOVL

Peretz Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Samuel & Sylvia Simon
in memory of
Mary & Hyman Simon and Anna & Jacob Kaplowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַבעל

(טרילאָגיע)

פון

פּרץ הירשביין

ניו־יאָרק, 1942

Copyright 1942
by PERETZ HIRSHBEIN
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

דריטער טייל

בבל

קאַפּיטל איינס

אין דער אַלטער וועלט איז דור פון דור אַרויסגעוואַקסן ווי צווייג פון שטאַם. אויב דער צווייג איז געזונט געווען, איז ער געוועזן מיטן שטאַם צונויפגעוואַקסן. כוחות צום לעבן האָבן געשלאָגן פון דער טיף. פאָלק האָט געגלויבט אין אייביקן קיום. פאָלק האָט געגלויבט אין דערלייזונג, וואָס האָט געמיינט ווידערגעבורט. אין געטאָ־ווענט איינגעשלאָסן, האָט קינד צו טאַטע־מאַמע זיך געקלעפּט — ווי די יונגע שפּראָצונגען קלעפּן זיך צום שטאַם.

אַזוי איז עס געווען אין דער יידישער וועלט אויף א יידישן אופן. עס איז געווען אַ גייסטיקע ערד וואָס האָט דעם יידן געהאַלטן אינאיינעם, געוועקט דאָס האַרץ, געוועקט דעם גלויבן, אַז אייביק איז אונדז באַשערט צו לעבן. אין אונדזער צעשפּרייטקייט ליגט די ברכה ניט צו פאַרטיליקט ווערן פון שונאס האַנט. מחמת, אויב מען פאַרלייגט זיך אויפן יידישן קיום אין איין לאַנד, גייט אויף דאָס ליכט פון יושר און רחמים אין א צווייט לאַנד, וואו יידן האָבן זייער היים געמאַכט.

די רוסישע יידן האָבן געדאַוונט און טאָגטעגלעך געבעטן: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב". תשעה באב איז מען אינאיינעם מיט קינדער געזעסן אין שול אויפן דיל און פאַרנומען דאָס קול פון דער מוטער רחל, וואָס איז באַגראָבן געוואָרן ביים זייט וועג פון אַלע וועגן, און האָבן פאַרנומען די רייד פון די נביאים, וואָס האָבן צוגעזאָגט, אַז דער טאָג פון דערלייזונג וועט קומען.

איז אַמאָל דער דהעלער טאָג אויפגעגאַנגען איבער די יידישע קעפּ אין מזרח אייראָפּע? ניין, די זון איז בלויז אויפגעגאַנגען איבער די קעפּ פון די דייטשע יידן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אז דאָס ניינצענטע יאָר־הונדערט האָט זיי אויסגעלייזט פון דער יידישער תפיסה, אריינגעבראַכט אין דער וועלט פון דעם ניט־יידן, וואָס האָט שוין זיין אמת געפונען. קינ־דער פון משהס גלויבן. אָבער ניט קינדער פון יידישן פאָלק. אין ליכט פון זייער לויטערן טאָג איז דער באַגריף יידיש פאָלק צעשמאָלצן געוואָרן, אויסגערונען אין דעם אומזיכטבאַרן ים, וואָס הייסט אסימילאציע.

אָבער די מזרח אייראָפּייאישע יידן האָבן ניט געלעבט מיט דעם טאָג־באַגריף. זיי האָבן געלעבט מיט דעם בין־השמשות באַגריף. זיי האָבן כסדר געקוקט צום מזרח הימל, אויסגעקוקט דעם מאָרגנשטערן. דעריבער האָט דער פרומער און גלויביקער אָנגעהויבן שיקן זיינע תפילות צום מזרח יעמאָלט, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען.

כאָטש קאָלומבוס האָט אמעריקע אַנטדעקט אין יאָר פערצן צוויי און ניינציק, אָבער די מזרח אייראָפּייאישע יידן האָבן אמעריקע אנטדעקט אין

די אַכציקער יאָרן פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, ווען די ספּרדישע ייִדן האָבן שוין אין הארץ פון יעמאלטדיקער ניו־יאָרק א בית עולם פאַרמאָגט. ווער זיינען געווען די, וואָס האָבן אמעריקע אָנטדעקט? וואָס פאַר אַ געפיל האָט זיי אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג האָט זיך אין קאָלומבוסעס מדינה באַוויזן פאַר די קינדער פון ייִדישן פאָלק?

דאָס זיינען ייִדן געווען ניט בלויז מיט זייערע וואַנדער־געפילן, פּיאָנערן זיינען זיי געוואָרן צוגלייך מיט די קינדער פון אנדערע פעלקער, וואָס האָבן געלאָזן זייער היימלאַנד און אַוועק זיך איבערפלאַנצן אין לאַנד וואָס קאָלומבוס האָט אנטדעקט. אַזוי האָבן אויף דער מייפלאַור געוואַנדערט די ערשטע ענגלענדער. ניט מער, וואָס אינאיינעם מיט די ערשטע ענגלענדער איז מיטגעגאַנגען דער פאַרלאַנג צו פאַרקניפּן קאָלומבוסעס מדינה מיטן היימלאַנד, מיט ענגלאנד. זיי האָבן די ענגלישע שפּראַך מיט זיך מיטגעבראַכט. און ווען זיי האָבן דעם טאַבאַק פאַרפלאַנצט אין דער אַמעריקאנער ערד, ווען דער טאַבאַק איז אויפגעגאַנגען מיט זיינע גרינע בלעטער און איבער זיי — די ווייסע, שמעקעדיקע טאַבאַ־בלום, האָט די זון פון אויבן אין דעם דרום פון לאַנד מיט אירע שטראַלן פאַרזעצט אין דער ערד אויך די ענגלישע שפּראַך, וואָס האָט זיך אַזוי גוט צוגענומען.

אויך פון צווישן די ערשטע ענגלענדער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט אויף צוריק צו די ענגלישע אינדזלען. געבענקט אַ־היים. געבאָרן קינדער און געבענקט אַהיים. געשלאָגן זיך און פאַרטריבן אין מדבר די אינדיאַנער, און געבענקט אַהיים. יענע בענקעניש האָט קיין שפּראַך ניט געהאַט, אָבער אַ היים האָט זי געהאַט. יענע בענקעניש האָט געהאַט אַ לאַנד, וואו א מלך איז געזעסן אויפן טראָן מיט א גילדערנער קרוין אויפן קאָפּ. אַט אַזוי זיינען געקומען די האָלענדער און אירלענדער.

עס זיינען געקומען דייטשן און פראַנצויזן. געקומען די, וואָס רעליגיע האָט זיי אין נאָמען פון גאָט געטריבן. מען איז געלאָפן פון היימישן פאַנאַטיזם, אָבער ניט פון היימישע געקעכצן און היימישער ערד. געווען די, וואָס האָבן ביי זיך געפּועלט אָפּצוטרייסלען דעם היימישן שטויב פון די פיס ווען שוין אריבער די גרענעץ פון אייגענעם לאַנד; און די, וואָס האָבן אין נייעם לאַנד געקושט די זוילן פון די שיף, וואָס האָבן אויף זיך נאָך דעם היימישן שטויב געבראַכט. אויך זיי, די דייטשן און פראַנצויזן, האָבן מיט זיך געבראַכט די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע. די שפּראַך פון פאָטערלאַנד. די שפּראַך, וואָס האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, אָבער ניט אָפּגעריסן פון היימישער ערד. אַזוי זיינען געקומען די נאָרוועגער, די שוועדן און די דענער.

עס זיינען געקומען איטאַליענער, קינדער פון אַ פאָלק וואָס האָט ליב לאָקשן און היימישן געזאַנג. קינדער פון א פאָלק, וואָס היצט זיך און רעדט מיט די הענט. זיי האָבן אינדערהיים זיך געשלאָגן מיט די כוחות, וואָס האָבן די היימלאַנד געמאַכט פאַר אַ תּפיסה. זיי האָבן זייער היים באַפרייט און אַליין זיך געלאָזן וואַנדערן איבער ימען, זוכן אַן אַנדער צייטווייליקע היים, וואו מען קען די הענט פאַרדינגען צו שווערער פּראַצע. געזאַנג האָט מען אינאיינעם מיט דער אייגענער שפּראַך מיטגעבראַכט.

אויך זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען די בענקשאַפט צוריק אהיים, וואָס אפילו דער רויטער ווייַן האָט זי ניט געקענט דערטרינקען.

עס האָבן די ענגלענדער געבראַכט די ביבל און שעקספּירן. עס האָבן די פראַנצויזן געבראַכט מאָליערן און שאַמפּאַניער. עס האָבן די דייטשן געבראַכט לוטערן, געטהען און שילערן, אינאיינעם מיט זויערקרויט, ביר און וואורשטלעך. יעדעס פאָלק האָט זיינע פאָלקס־לידער מיטגעבראַכט. זיין שפּראַך האָט דאָס מויל פול געמאַכט. דער צונג איז אַזש ענג געוואָרן אין מויל.

געוועזן אפשר די, וואָס האָבן געוואָלט פאַרזען דאָס ברוינע פאָלק, די נעגער־קנעכט, וואָס האָבן מיט זייער דרייסן אָטעם געבראַכט אָהער טאַנץ און געזאַנג — אין קנעכטשאַפט געבוירן א ניגון פאַר אמעריקע, אויך זיי האָט די פרייהייט־טראַדיציע, וואָס לינקאָלן האָט ארויסגעטראָגן איבער די אַמעריקאַנער בערג און פּריירים, באַפרייט פון קנעכטשאַפט און ארייַנגעשטעלט אין דעם פילפאַרביקן ראַסן־בילד וואָס די אמעריקאַנער ערד האַלט אין וועבן.

דערנאָכדעם זיינען געקומען די סלאַוון און קינדער פון וויטן מזרח, יאַפּאַן און כינע. יעדעס פאָלק מיט זיינע פיאיקייטן און בריהשקייטן. יעדעס פאָלק מיט זיינע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. אויף דער צונג — די שפּראַך פון פאָטערלאַנד. אין מויל — דער טעם פון היימישע שפּייזן. אין האַרצן — די בענקשאַפט, וואָס האָט שטיקער געריסן און דערמאָנט: „דער וואָס פאַרגעסט זיין אייגענע היים, ער וועט ווערן פאַרגעסן פון גאָט און זיינע גוטע מלאכים.״

האָט מען יענע בענקשאַפט פון די פּיאָנערן אָפּגעשאַצט, געוועגן און געמאָסטן? ניין.

אָבער אַלע, אַלע האָבן איין זאַך געבראַכט מיט זיך: — הענט און פּיאָנערן־גייסט. אַלע האָבן די נייע ערד, וואָס קאָלומבוס האָט אנטדעקט, געפונען פאַר גינסטיק זי אויפצואַקערן און אין איר קערנער פאַרזייען. די מערהייט האָט געשפּירט, אַז איבער דער נייער היים, וואָס הייסט אַמעריקע, שיינט די זון העלער. מחמת, אויף דער ערד זינגט די פרייהייט איר ליד אזוי געטריי. עס האָבן דאָך די ענגלענדער אליין רעוואָלטירט שפּעטער אנטקעגן ענגלאַנד אין דער אַלטער וועלט. ארויסגעגעבן א דערקלערונג וועגן אומאָפּהענגיקייט, מודיע געווען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָ איז די נייע היימלאַנד, מחמת, אלע מענטשן זיינען דאָ פריי. אלע מענטשן האָבן זייער חלק אויף גאָטס ערד!

מיר, מזרח־אייראָפּייאישע יידן, זיינען ניט געקומען צו שפּעט. כאָטש אַביסעלע שפּעטער פון די דייטשע יידן. אָבער ניט אזוי שפּעט, אַז מען זאָל דאַרפן אַלץ נעמען פון גרייטן. אויך מיר יידן זיינען געוואָרן פּיאָנערן, און קיין שום ארבעט איז ניט געווען צו שווער. האָבן מיר ניט געאַקערט און געזייט אין דער נייער ערד — האָבן מיר געניייט און באַקליידט די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט זייער נאַקעטקייט צודעקן. ביים סאַמע ראַנד פון לאַנד האָבן מיר די פעקלעך אראָפּגעוואָרפן. דאָרטן וואו די גרעסטע שטאָט אין לאַנד איז אויסגעוואַקסן. מיר יידן האָבן געהאָלפן, אַז די דאָזיקע שטאָט ביים ראַנד לאַנד זאָל אזוי וואַקסן ווי אויף הויוון, זאָל זיך רייסן

אין דער הויך ביז צו די וואָלקן. אויך מיר האָבן אונדזער בענקשאַפט מיטגעבראַכט. וואוּ־הין? צוריק קיין רוסלאַנד? גיכער פון אַלץ אַ בענקשאַפט צו גאַנצקייט. צופיל האָבן זיך צוצויגן און אַנגעשטרענגט די נשמה־פעדים. כאָטש מען האָט מיט זיך פאַרנומען די פאָלקסשפּראַך אויפן שפּיץ צונג און דעם טעם פון געפעפערטע פיש. כאָטש מען האָט מיט זיך פאַרנומען טלית און תפילין און דעם הייליקן ספר פון אַלע ספרים. ווי די קינדער פון אַנדערע פעלקער, ביי וועמען אָרימקייט איז געווען פון גאָט אַליין אַ מתנה, האָבן זיך אונדזערע וואַנדערער באַנוגנט מיט דער ענגשאַפט. און פון דערדאָזיקער ענגשאַפט האָבן זיך באַוויזן שפּראָצונגען פון אַ צווייטן דור. אין דער ענגשאַפט האָט די בענקשאַפט געטריבן, זין זאָלן זייערע טאַטעס אויסשרייבן; ברידער זאָלן זייערע שוועסטער אויסשרייבן.. אין דער ענגשאַפט זיינען אויך אויסגעטריקנט געוואָרן די וואָרצלען ביי דער מערהייט, וואָס האָט וואָרצלען מיט זיך פאַרנומען פון דער אַלטער היים און אַלטער וועלט — דאָ זיי איבערצופלאַנצן.

פאַר די צוויי און פערציק יאָר זינט די לוריאַס זיינען אריבערגעקומען און געמאַכט זייער היים אין דער איסט־סיידער ענגשאַפט, איז אויף דער אַמעריקאַנער ערד, און אין דער ערד אַ סך ענדערונגען פאָרגעקומען. ניט נאָר איז „קעסל־גאַרדן”, דורך וואַנען די לוריאַס זיינען אריינגעקומען אין לאַנד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקוואַריום וואו פיש פּרוכפּערן זיך. מיט די הענט פון די פרעמדע האָט מען שטעט געבויט און זיך דערגראָבן צו די אוצרות אין די טיפענישן פון דער ערד. „אויב איך אַליין וועל ניט טאָן פאַר זיך, טאָ ווער וועט פאַר מיר טאָן?” דאָס איז געוואָרן דער עלפטער געבאָט אויף דער אַמעריקאַנער ערד. די טאַטעס, די מאַמעס מיט זייער בענקשאַפט אַהין פונוואַנען מען איז געקומען, און די קינדער — מיט דעם פאַרלאַנג וואָס גיכער אָפּצושניידן דעם נאַטירלעכן פליישׂ־און־בלוט־שטריק, וואָס האָט זיי צו עלטערן געבונדן. אָט אַזוי זיינען אויסגעלייגט געוואָרן רעלסן פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק. אַזוי האָט מען מיט די הענט פון ערשטן דור זיך דערקליבן צו די טיפענישן פון דער ערד. גאָלד, זילבער, שטיינקוילן, קופּער און אויל פון דער טיף אַרויסגעבראַכט. אַזוי האָט מען צעאַקערט, פאַרפלאַנצט און פאַרזייט דעם אויבערפלאַך פון דער ערד. צעאַקערט די אַמעריקאַנער פּריירי, און זיך פאַרנומען אויסצוהאַקן די דורותדיקע וועלדער. די קינדער פון ווייטן מזרח האָבן זיך אָפּגעזעצט ביים פּאַסיפיק, נענטער צו דער אייגענער היים. די קינדער פון אייראָפּע — נענטער צום אַטלאַנטיק. און די לוריאַס זיינען אויך געווען עדות ווי אין ניו־יאָרק, די שטאָט פון הונדערטער טויזנטער, איז געוואָרן די שטאָט פון מיליאָנען. די שטאָט פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידן איז געוואָרן די היים פון צוויי מיליאָן. ניויאָרק. ניט נאָר די גרעסטע יידישע קהילה אין איצטיקן דור לעבט אין ניויאָרק, נאָר די גרעסטע קהילה פון אַלע דורות. צווישן צוויי מיליאָן יידן לעבן די לוריאַס. און אַ גרויסער טייל פון ערשטן דור, פּונקט ווי די לוריאַס, קוקן נאָך זייערע קינדער, וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט מיט דער פליצע צום ערשטן דור.

די לוריאַס זיינען געווען עדות ווי די טויערן פון לאַנד זיינען געווען אָפן, וואַנדערער האָבן פראַנק און פריי אריינגעשטראָמט, געשטאַרקט די

געמיטער פון דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער, רוסן, פּאָליאַקן, גריכן און רומענער, און אויך געשטאַרקט די געמיטער פון יעקבס קינדער. און זיינען אויך געווען עדות ווי די טויערן פון לאַנד האָט מען כמעט צוגעמאַכט. געלאָזן נאָר אַ שפּעלטעלע פאַר די געציילטע און פּריווילעגירטע. און וואָס שמעלער עס איז געוואָרן דער דורכגאַנג, אַלץ אָפּטער ד'האָט דאָס הארץ געקלעמט בייבם ערשטן דור, וואָס האָט געהאָפּט, אַז אזוי וועט עס שוין גיין. פריש בלוט וועט דער ידישער ישוב אין אמעריקע כסדר ארייַנקריגן און דורך דעם ניט שפּירן די עלטער, וואָס איז געקומען צוליב דער אָנגעוואָרענער יוגנט. אמת, די לוריאַס האָבן געהאָט צווישן זיך איינעם, וואָס האָט געהאָפּט, אז יידן וועלן דאָ אין לאַנד געפינען א נאַציאָנאַלן באָדן אויף דער ערד. מיט דעם גייסט פון „עם עולם" איז ער געקומען אין די אַכציקער יאָרן. און אויך געווען איינער, וואָס האָט דעם אמעריקאַנעם באָדן באַטראַכט פאַר דעם מדבר, וואו אלע נאַציאָנאַלע געפילן וועלן אויסגעטריקנט ווערן. און כדי דער ארבעטער קלאַס זאָל געניסן פון דער פּראַצע זיינער, איז נויטיק צו פאַרשפּאַרן די טויערן פון לאַנד פאַר די ביליקע הענט. און געווען אויך די, וואָס דווקא צו דער עלטער האָט אָנגעהויבן צו טאָטשען דאָס געוויסן, וואָס אין דער אַלטער וועלט האָט מען משפחה איבערגעלאָזן. כאָטש די אַלטע היים איז צעטרייסלט געוואָרן, די געטאָ־ווענט זיינען שוין מער ניטאָ, אָבער א הארץ איז פאַראַנען וואָס קאַרטשעט זיך דווקא יעמאָלט, ווען עס האָט אויסגעזעעזן אזוי לאָגיש, אַז אַ שמעלצטאָפּ איז אַמעריקע, וואו עס ווערן די קינדער פון פילפאַרביקע פעלקערשאַפטן איבערגעשמאָלצן אין איין מאָנאָליטיש פאָלק — געגנערט פון אנגלאָ־אמעריקאַנישער קולטור.

ביי די לוריאַס איז דער דראַנג אריבערצוברענגען פון דער אַלטער וועלט יונג בלוט, צו פאַרשטאַרקן די עלטער־שוואַכקייט פון ערשטן דור, ניט געקומען פון די מענער, וואָס יעדערער אויף זיין אופן האָט דאָ זיין מזל באַגעגנט. דאָס ד'האָט אויפגעוואַכט די „מאַמע" פון די לוריאַס, די אַמאָליקע קריינדל און איצטיקע קעראָליין סטאָן. זי לאָזט ניט צורו אירע שווער געוואָרענע, געעלטערטע ברידער, זיי זאָלן מסכים זיין אראָפּצוברענגען פון דער אַלטער און באַנייטער וועלט אַ משפחה, בלוט פון אייגן בלוט און פלייש פון אייגן פלייש. א ברודער פון איר מוטער, וואָס איז געשטאָרבן אויפן שיף קיין אמעריקע.

* * *

אַ שאַרפער פרילינג־ווינט האָט געבלאָזן פון צפון־מזרח ווינקל, לענג־אויס מיט דער פינפטער עוועניו, געלופּטערט דעם שטראָםליידיקגייער, וואָס לאָזן זיך אַרויס שפּעט נאָך האַלבן טאָג אָנצוקוקן די מאָדעס אין די פענצטער אויסגעשטעלט, און אויסהערן דעם קלאַנג פון אייגענע טריט אין געזעמל פאַרבייגייער. נאָך די קליידער אויף די פאַרבייגייער, האָט מען געקענט מיינען, אַז דרויסן איז א זוניקער ערב־ווינטער. דאָמען מיט קעלט אין די ביינער האָבן זיך געוויקלט אין זייערע ווינטער־פעלצן; מיידלעך מיט פרילינג אין בלוט האָבן זיך האַלב־זומערדיק אָנגעטאָן, געטראָגן לייב־און־לעבן אַנטקעגן פרילינג־ווינט.

קעראָלײַן סטאָן איז אָנגעקומען פון פּאַרק עוועניו, וואו איר דירה איז די לעצטע צייט געווען, האַלב־ווינטערדיק אָנגעטאָן מיט א שוואַרצן קרעפּ אַרום ברוינעם הוט, איז זי מיט דראַבנע, נערוועאישע טריט אַרויס־געקומען צו דער פינפטער עוועניו, אָפּצאָלן א חוב און לאָזן פאַלן א פּאָר טרערן, דורכגייער זאָלן עס ניט באַמערקן.

אַרום פינף־און־דרייסיקסטער גאַס איז אָנגעקומען א הויכער, שטייפער מאַן מיט שוואַרצע ברילן. די רעכטע האַנט האָט מיט אַ שטעקן געטאַפּט דעם וועג צווישן די דורכגייער, און די לינקע האָט געפירט פאַר א רימען אַ ברוינעם הונט, וואָס האָט טריט־בײַ־טריט געשפּאַנט פאָרויס. ביים הונט אויפן רוקן איז געווען צוגעפּאַסעוועט א בלעכענע פּושקע מיט א שפּעלטל, געלט אַרײַנצוואַרפן. איבער דער פּושקע, אויף א טעוועלע — אן אויפ־שריפט: „העלפט דעם מאַן וואָס האָט געקעמפט אין דער וועלט־מלחמה, פריי מאַכן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע, און האָט זײַנע אויגן פאַרלאָרן.“

קעראָלײַן האָט אין פּושקע אַרײַנגעוואָרפן דעם קוואָדער וואָס זי האָט געוואַרימט אין איר האַנט, און באַגעגנט די אומעטיקע בליקן פון הונט. דער הונט האָט מיט אומעטיקע אויגן באַדאַנקט פאַר איר גוטהאַרציקייט. ווען דער בלינדער מאַן איז שוין געווען ביי דער צווייטער גאַס, האָט זי אים אָנגעיאָגט און נאָך אַ מטבע צוגעוואָרפן. דאַסמאָל האָט דער הונט אין אירע אויגן ניט געקוקט. דער הונט האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז צוויי מאָל קריגט מען ניט קיין דאַנק, ווען מען טוט אפילו גוטס.

איבער זיבן יאָר שוין זינט איר איינציקער זון איז געפאַלן אויפן „פראַנצויזשן פראַנט“. דעריבער, יעדעס מאָל ווען זי באַגעגנט א מלחמה־קריפּל אין גאַס, באַשטימט זי, אַז איר וואָלט געווען ליבער ווען איר זון קומט אַ קריפּל צוריק — אַבי אַ לעבעדיקער. „דער־אָ בלינדער, קען זיין, האָט א ווייב און קינדער וואָס האָבן אים ליב...“

ווען זי איז צוגעקומען צו דער פופציקסטער גאַס, האָט זי גאַנץ אומגע־ריכט באַמערקט ווי איר שאָפער פאָרט איר נאָך; פון זיין פּלאַץ אין אויטאָ־מאָביל לאָזט ער פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ.

זי האָט געמאכט א צייכן ער זאָל זיך אָפּשטעלן. זי איז אריין אינע־ווייניק.

— ווי קומסטו אַהער? — האָט קעראָלײַן ניט באַהאַלטן איר אויפרעגונג — ווי האָסטו געוואוסט, אז איך בין דאָ?

דער שאָפער, אַ האַלבער נעגער, האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט און ניט געענטפערט.

— איך פרעג, ווער האָט דיר געהייסן, זאָלסט מיך נאָכפאָרן? — איז קעראָלײַן באַשטאַנען אויף אירס.

— דיין טאַכטער האָט געהייסן, טעלמא.

— פאַרוואָס?

— ווערסט שנעל מיד, מיסיס סטאָן. מיסטער סטאָן האָט אויך גע־הייסן, איך זאָל דיך נאָכפאָרן אזוי לאַנג ווי דו ביסט אין גאַס. טאָמער ווערסטו מיד, זאָלסטו אריין אין קאַר. וואוהין זאָל איך פאָרן, מיסיס סטאָן?

קעראַלאַין איז געזעסן אַ דערשלאָגענע, ניט געקענט עפענען קיין מויל און נאָך עפעס פרעגן.

— מיסיס סטאָן איז אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ — האָט פרעד דער שאַפער געפּרואווט זיין באַרעדעווודיג — כ'האָב געזען ווי די מאַדאַם האָט צוויי מאָל אריינגעוואָרפן אַ נדבה דעם בלינדן וועטעראַן.

— פיר מיך צו מיין ברודער, צו דאָקטאָר לוריאַן — האָט קעראַלאַין טרוקן באַפעלן.

קעראַלאַין סטאָן האָט די לעצטע צייט אַ געפיל פון אייפערזוכט צו איר צווילינג־ברודער. כאָטש ביידע אַכט און פערציק יאָר אַלט. כל־זמן ער איז געווען בחור האָט קעראַלאַין געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ייִנגל, וואָס זי דאַרף פאַר אים זאָרגן. כל־זמן ער איז געווען בחור, האָט איר אויסגעוויזן, אַז אין דער פאַרצוייגטער לוריאַ־משפחה איז פאַראַן איין מענטש אויף וועמען זי דאַרף אכטונג געבן. אין אמת'ן איז איר צווילינג־ברודער געווען פאַר איר די וויכע, געטרייע קישן, וואוהין זי האָט געקענט פריי אירע טרערן לאָזן פאַלן. יעדעס מאָל ווען זי איז געקומען צו אים אויף דער איסט־סייד האָבן זיך צו איר די יונגע יאָרן אומגעקערט. זי האָט ניט פאַרפעלט דורכצושפּאַצירן לודלאָוו סטריט, וואו מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק האָט זי דאָ דערקענט אמעריקע. זי האָט ליב געהאַט צו שטיין פאַרן הויז פונוואַנען מ'האָט זי אינאיינעם מיט אירע בעבּיכעס ארויסגעשליידערט אויפן ברוק פאַר ניט קענען צאָלן קיין דירה געלט.

זינט דאָקטאָר לוריאַ האָט חתונה געהאַט איז איר ליב ווי אויף צווייען צעריסן געוואָרן. זי באַגרייפט, אַז אין דעם איז קיינער ניט שולדיק. אין דעם איז אוודאי ניט שולדיק איר שוועגערין, די געוועזענע פּערל דובין, וואָס האָט, ווי משפחה מיינט, דאָקטאָר לוריאַן פשוט פאַרכישופט. די שוועגערין איז אַ ליבלינג אין דער משפחה. יונג איז זי, בלאָנד מיט ליכטיק־בלויען אויגן, אין אמעריקע געבאָרן געוואָרן, און, לויט קעראַלאַינס מיינונג, האָט זי אַ ייִדיש האַרץ. אָבער אין דער טיפעניש טוט וויי. זי האָט איר „איינאונאיינציקן ברודער” אָנגעוואָרן.

אַ פּאָר בלאָק פאַר איר ברודערס אָפיס האָט זי דעם שאָפער געהייסן זיך אָפּשטעלן, און אים געוואָרנט:

— אויב דו וועסט מיר נאָכפאָרן אומגעבעטענערהייט, ווען אַפילו מיס־טער סטאָן, צי מיין טאָכטער, פאַרלאַנגען עס פון דיר, וועסטו פאַרלירן דיין דזשאָב. קענסט איצטער פאָרן אַהיים. כ'וועל אליין טרעפן דעם וועג.

איר ברודער, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט זיינע פּאַציענטן, האָט זי באַגעגנט אין טיר, אָנגעקושט אירע באַקן, און אויף שנעל זי אריינגעפירט צו זיין ווייב אין צימער.

פּערל לוריאַ, וואָס איז אויף אַן אויסטערלישן אופן אריין אין לעבן פון אַ מענטשן, וואָס האָט תחילת באַשטימט ניט חתונה צו האָבן, באשר ער וויל ניט געבוירן קיין קינדער אין אַ לאַנד וואו עס עפנט זיך אויף אַזאַ טיפער תהום צווישן ערשטן און צווייטן דור, האָט פאַר די עטלעכע יאָר זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט דאָקטאָר לוריאַן, גוט דערקענט איר סענטימענטאַלע שוועגערין. די יונגע פּערל, אַן אָנגעזאָפּטע מיט די גע־דאַנקען פון די פאַרצייטיקע גריכישע און רוימישע פילאָזאָפן, האָט פאַרמאָגט

א ניכטערן קוק אויפן לעבן, און ס'איז ניט געווען קיין געפיל פון מיט־לייד, וואָס זי האָט אויסגעדריקט איר רייכער שוועגערין יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך באַקלאָגט אויף איר אומצופרידענעם לעבן. מיט רייד פון א באַיאָרנטן און דערפאַרענעם מענטשן האָט זי גערעדט צו איר שוועגערין.

ווען קעראָלאַין איז אריין, האָט פערל מיט נאַטירלעכער פרייד זי באַגעגנט.

— איך גראַטוליר דיך, קעראָלאַין; האָסט דיינס אויסגעפירט. זכריה האָט מיר דערציילט, אז א גאַנצע משפחה פון יענער זייט וועלן מיר דאָ אינגיכן האָבן פאַר געסט. כ'שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר א אינטערע־סאַנטע מענטשן דאָס מוזן זיין!

קעראָלאַין האָט געפאָרשט אין פערלס אויגן, צי זי ווייסט עפּעס ווי מען קוקט אין דער משפחה אויף איר. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט צו באַקלאָגן זיך אויף איר מאַן און טאָכטער, וואָס האָבן אין אַזאַ ניט־גינסטיק ליכט זי אַוועקגעשטעלט אין די אויגן פון אַ שאָפער.

אין דער לעצטער רגע האָט קעראָלאַין פאַרביסן די ליפּן, באַהאַלטן דעם סוד פאַר זיך.

— ווען איך קוק אויף דיר, פערל, טראַכט איך, אַז געבענטשט זיינען די וואָס זיינען דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן. זיי זיינען גאַנצע מענטשן, און מיר — האַלבע. כ'בין אַ האַלבער מענטש, פערל. מיט וואָס אַ יאָר ווייטער, פיל איך עס שטאַרקער.

קעראָלאַין האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, די אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זי איז אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער, באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און אַזוי געלעגן שטיל.

פערל האָט פון איר שוועגערינס קאָפּ אַראָפּגענומען דעם הוט מיט דעם שוואַרצן קרעפּ און געגלעט איר גרויען קאָפּ. איצטער האָט זי באַ־מערקט ווי קעראָלאַין און איר מאַן, דאָקטאָר לוריא, ביידע האָבן אין פאָרם קאָפּ. די אייגענע גרויקייט. דער אייגענער רונדער שטערן.

— א צווילינג — האָט פערל געטראַכט — אונטער איין האַרצן געוואַקסן, ס'איז אפשר בלויז איין העלפט פון אַ גאַנץ לעבן. פאַרוואָס, שטענדיק ווען זי קומט אַהער, זוכט זי א געלעגנהייט זיך אויסצואויינען? דאָס, וואָס איר זון איז אין מלחמה געפאַלן איז נאָר ווי א תירוץ זיך אויס־צואויינען.

פערל איז געווען צופרידן וואָס דאָקטאָר לוריא איז איצטער געווען פאַרנומען מיט זיינע פּאַציענטן און זי קען א וויילע בלייבן מיט איר שווע־גערין.

— ווי קומט צו איר די פילאָזאָפיע, אַז מיר, געבוירענע דאָ אין לאַנד זיינען גאַנצע מענטשן? — האָט פערל געטראַכט — הלוואַי וואָלט עס אמת געווען!

פערל איז אומגעגאַנגען מיט די אויגן איבער איר שוועגערינס גוף. זי האָט זיך דערמאָנט וואָס דאָקטאָר לוריא האָט איר איינמאָל געזאָגט נאָך פאַר דער התונה, ווען ער האָט מיט איר אַרומגערעדט דעם זינען פון דער וועלט־מלחמה: „די מענטשהייט ווי אַ גאַנצע — האָט איר דאָק־טאָר לוריא דערקלערט — איז אַ טראַגישע דערשיינונג. יעדעס פאָלק

באַזונדער מיט זיין אייגענעם שאָוויניזם איז אַ קאָמישע דערשיינונג. יעדער מענטש באַזונדער, דער יחיד, איז טראַגי־קאָמיש. דאָס טראַגישע פון דער מענטשהייט באַשטייט אין דעם, וואָס נאָך אַ תקופה פון שטייגן דערגרייכט זי אַ תקופה פון פאַלן. אַ פאָלק, נאָר איבער יענעמס גוף קען עס שטייגן; און דער יחיד, נאָר איבער יענעמס טויטן קערפּער איז זיין אויפשטייג. און דאָס יידישע פאָלק — האָט איר דאָקטאָר לוריא דערקלערט — פאַרמאָגט דעם טראַגיזם פון אַ מענטשהייט און דעם קאָמיזם פון אַ פאָלק". זייער אָפט טראַכט פּערל פון דעם, און גאַנץ קלאָר איז עס איר דערוויַיל ניט. איין זאַך איז איר דערוויַיל ניט קלאָר, פונוואַנען קומט דידאָזיקע אומצו־פרידנקייט מיטן לעבן, וואָס זי כאַפּט אויף די לעצטע צייט ביי די מענטשן, וואָס קומען צו איר צוגאַסט.

קעראָלאַין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און טרויעריק געשמייכלט צו פּערלען:

— וואָס זאָגט זכריה אויף דעם וואָס איך ברענג אַראָפּ משפּחה קיין אַמעריקע? — האָט קעראָלאַין פאַרשנדיק געפרעגט ביי פּערלען.

— ווען מ'וואָלט אַלע יידן געקענט אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, וואָלט עס זייער גוט געווען.

— זכריהן געפעלט עס ניט. אָבער וואָס אַרט עס מיר? לעאָנאַרד גיט מיר אַזויפיל געלט וויפיל ס'איז נויטיק. איך ריר ביי קיינעם פון די קינדער קיין סענט ניט. כ'ווייס, זיי זיינען ניט צופרידן וואָס איך טו עס.

— כ'וויל מיט זיי גאָר רעדן, זיי זאָלן מיר אַרויסהעלפן דאָ אויף אַן אָרט, ווען זיי וועלן שוין זיין אין לאַנד. כ'ווייס, איצטער איז קיינער מיט מיר ניט צופרידן. זאָגן, כ'בין רייך געוואָרן, פּיעשטשע איך זיך. איך בין ניט רייך, איך בין אָרימער ווי...

קעראָלאַין האָט ניט פאַרענדיקט. איר דאָט פאַרדראָסן, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו באַדויערן איר אייגן לעבן.

— פון די אַלטע איז ניטאָ וואָס צו רעדן — האָט קעראָלאַין געוואָלט פאַריכטן דעם שמועס. אַז מ'איז געווען יונג, האָט מען קיין צייט ניט געהאַט צו קלערן, האָט מען אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו באַמערקן ווי די צייט איז געלאָפן. אָבער מ'איז אַלט געוואָרן. כ'ווייס, כ'האָב עס וואו געהערט, און ס'גייט מיר פון קאָפּ ניט אַרויס. אויב קיין נייע מענטשן וועלן ניט צוקומען קיין אַמעריקע און מאַכן, מיר זאָלן זיך פילן ווי איי־דערהיים, ווי צווישן אייגענע, וועט אונדזער עלטער האָבן זייער אַ מיאוסן פּנים.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ געדאַנק? — האָט פּערל מיט חידוש געקוקט צו איר שוועגערין — איז דאָס טאַקע די איינציקע סיבה פאַרוואָס דו שרייבסט אויס קרובים? איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס דו ווילסט דיינע קרובים העלפן? — האָט פּערל פאַרזיכטיק גערעדט.

— אונדזער משפּחה איז צעריבן געוואָרן. אַז איך בין געווען יונג האָב איך עס ניט באַגריפן. אַז איך בין געווען יונג, דער טאַטע האָט נאָך געלעבט און די ברידער זיינען געווען נאָענט איינס צום אַנדערן, האָט זיך מיר ניט געבענקט צו די וואָס מיר האָבן דאָרטן איבערגעלאָזן. מיין טאַטנס ברידער, מיין מאַמעס ברידער זיינען יעמאָלט געווען יונגע מענטשן.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל אומקערן צוריק. קוק מיך ניט אָן אַזוי, פּערל... כ'ווייס, אַז קיין נייע רוסלאַנד וועט מען דאָ ניט מאַכן. אָבער איצטער, אַז פון דער אַמאָליקער רוסלאַנד איז גאָרניט געבליבן, ווייל איך פון דאָרטן אַרויסרייסן אַלע מיינע קרובים, פעטערס, מומעס... זאָלן זיי נאָר וועלן אַהער קומען.

— כאַ־כאַ־כאַ, ס'איז גוט, ס'איז גוט, ווען איך הער דיך ריידן אַזוי קלוג. ס'איז קלוג און גוט.

— דו ביסט געבאָרן געוואָרן דאָ אין אַמעריקע. דיר זיינען אַזעלכע געפילן פרעמד.

— פאַרוואָס, קעראַלאַין, זאָלסטו עס אַזוי זאָגן? וואָס האָט מיך גע־צויגן צו דיין ברודער, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט ביי אונדז אין שטוב ווען ער איז געקומען צו דער קראַנקער מאַמען? מיר האָבן אויך געלעבט דאָ אויף דער איסט־סייד. ווער ס'איז אַוועק פונ־דאַנען אינגאַנצן, און ווער, ס'איז קיינמאָל ניט אַוועק פונדאַנען. איך בין געווען אַ צוואַנציק יעריק מיידל, און פאַרוואָס האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ פופציק יאָרן מאַן? איך האָב זיך ניט אָפּגעריסן. איך בין ניט קיין פרומע יידישע טאָכטער. מיר, געבוירענע דאָ איר לאַנד, האָבן זיך אפשר אָפּגעריסן פון עלטערן דור, ווי אַ געבוירן קינד רייסט זיך אָפּ פון דעם קנופּ וואָס האָט עס געבונדן מיט דער מוטערס לייב. אָבער צי ווערט דורך דעם דאָס קינד אַזוי ווייט דערווייטערט פון דער מוטער? מיט מיר איז דער פאַל ניט געווען אַזוי. איך פיל דיך מיט, און אַלע קינדער, גלויב איך, פילן דיך מיט.

קעראַלאַין האָט אָנגעקוקט די יונגע שוועגערין און ניט געגלויבט אירע אייגענע אויגן, אַז אַן אַמעריקאַנער געבוירן מיידל זאָל אַזוי רעדן.

— אַטאָ־דאָס מיינסטו? — האָט קעראַלאַין מיט אַ געוויסער אונטער־טעניגקייט גערעדט צו איר שוועגערין — אַלע יאָרן שפּיר איך, אַז דאָס וואָס איך האָב געדאַרפט טאָן, האָב איך ניט געטאָן. אַלע יאָרן פיל איך, אַז איך דאַרף אויסקויפן אימעצנס זינד, אפשר מיינע אייגענע זינד.

אויף דעם איז אַריינגעקומען דאָקטאָר לוריאַ, אַ שטאַרק אויפגעלייגטער איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שוועסטער און געקלאַפּט איר אין פּלייצע:

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, קעראַלאַין! כ'דהאָב מיר שוין נאָכ־געפרעגט אויף דיר, האָב זיך אליין געקליבן צו דיר. איך האָב אויף מאָרגן ביינאַכט פאַרבעטן צו דיר די קינדער. כ'וויל, דו זאָלסט ניט דאַרפן שלעפן אויף דיינע פּלייצעס די רודמאַן משפּחה. כ'ווייס ניט ווער זיי זיינען. און אוודאי דאַרפסטו זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ ווען דער פעטער ר' בונים וועט אַהער אַריבערקומען. דו, קריינע, האָסט דיינס אָפּגעטאָן. לאָז עס איצטער פאַר די שטאַרקערע מאַנצבילן.

קעראַלאַין האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און איז אומעטיק געוואָרן.

— וואָס אי, קריינע? ביסט ניט צופרידן מיט דעם? מאָרגן ביינאַכט וועסטו אונדז זען.

—זאָג עס מיר ניט, זכריה, אַז אַלע ברידער זיינען צופרידן. איך ווייס וואוהין נייטן איז אַוועקגעשוואומען. כ'ווייס אויך ווי עס האלט מיט דניאלן.

— מאַך זיך ניט קינדיש, קריינע. דיינע ברידער זיינען ניט קיין גזלנים.

קעראָלאַין האָט זיך גענומען גרייטן אַוועקצוגיין. מיט נערוועאישע הענט האָט זי אָנגעטאָן דעם הוט, און מיט פינגער וואָס האָבן געציטערט האָט זי פאַריכט דעם קרעפּ ארום הוט.

— וואָס אײַלסטו זיך, קריינע? וואַרט, איך פאָר ארויס באַלד צו מיינע פּאַציענטן, וועל איך דיך אָפּפירן אַהיים.

— אָט, איך וועל אליין, כ׳דאַרף נאָך ערגעץ־וואו אריינגיין.

מיט די ווערטער און מיט די אויגן פאַרטראָגן איז קעראָלאַין אַרויס פון שטוב.

— אוי, ברודער, ברודער — האָט פּערל אָנגעקוקט איר מאַן — פאַר־וואָס האָסטו דערלאָזן, אז א פרוי זאָל באַלאַנגען ניט דאָרטן וואו זי געהער?

— פאַראַנען פרויען העלדינס, פאַראַנען פרויען פּראָסטיטוטקעס, פאַראַנען פרויען זוכערקעס און באשעפערינס פון שיינע קוואַלן אין לעבן; פאַראַנען פרויען מיידלעך, און פרויען איינגעבוירענע מאַמעס. אַזאַ איינע איז קעראָלאַין. נאָר עס זיינען פאַראַנען גליקלעכע מאַמעס, וואָס זייער לייב האָט געבוירן קינדער, א שפע פון קינדער און אַ גאַנץ לעבן שעפּט אַזאַ מאַמע נחת פון קינדערס קער־און־ווענד. אָבער מיין שוועסטער האָט גע־וואָלט זיין א מאַמע צו אירע עלטערע ברידער, צום טאַטן, ווען ער איז אַן אלמן געבליבן. צו אירע אייגענע צוויי קינדער איז זי קיינמאָל קיין גוטע מאַמע ניט געוואָרן. מער ניט, ווען איר זון איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אין דעם טרויעריקן פאַקט, אַז אירע ברידער זיינען מיט דער צייט אָפּגעגאַנגען יעדער איינער אין אַן אַנדער ריכטונג. אַלע זיינען אוועקגעגאנגען וויט פון איר. און די ברידערס קינדער, מיט א קליינעם אויסנאַם, קוקן אויף איר ווי אויף א פרעמדער. אירע אָפּטע מאַמישע טרערן איז צו דערוואַקסענע דערווידער. אויב איר מאַן גיט איר טויזנטער אויף צו טיילן עס וואו זי וויל, ווייס ער צוליב וואָס ער טוט עס.

— איידער מיר האָבן חתונה געהאַט, האָסטו וועגן איר גערעדט מיט מער צערטלעכקייט — האָט פּערל באַדויערט.

— ס׳קען זיין, פּערל. א מענטש ווייסט ניט ווען ער האַנדלט נאַ־טירלעך, און ווען צוליב די געבאָטן פון געזעלשאַפטלעכער עטיק. זינט איך האָב אָנגעהויבן צו אָפּערירן מענטשן און גיב זיי אָפּטער איין א שלאָף־טרונק, און הער זיך איין צו די געוויינען און רייד פון מיינע האַלב־באַטויבטע פּאַציענטן, יעמאָלט ווען זיי האַלטן זיך ביים באַפרייען פון שלאָפטרונק, זינט יעמאָלט האָב איך אַנדערש אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם מענטשן. אויב די אַנדערע ברידער עקשנען זיך, טענהן, אז מ׳זאָל לאָזן משפּחה זיצן דאָרטן וואו זי זיצט, האָב איך קיין פאַראיבל ניט.

* * *

מיט אַ פּאָר נעכט שפּעטער האָבן זיך ביי לעאָנאַרד סטאָן אין דער רייכער דירה פאַרזאַמלט די לוריא ברידער. צווישן זיי א פּאָר קינדער, געבוירענע דאָ אין לאַנד. מחמת דאָקטאָר לוריא האָט אין נאָמען פון דער איינאונאיינציקער שוועסטער גערופן, איז מען געזעסן אַביסל ברוגזלעך אָנגעשטויסן.

טיף אין דהאַרצן זיינען די ברידער געווען אַנגעשטויסן אויף דער איינ־אונאיינציקער שוועסטער הלמאי זי לאָזט ניט לעבן.

— בלוט פון אייגן בלוט און פלייש פון אייגענעם פלייש וואַלגערט זיך ערגעץ פאַרוואָרפן און פאַרגעסן און ס׳איז צייט, מ׳זאָל פאַרגעסן אין דעם אייגענעם טאָפּ לינזן — דאָס איז געווען קעראַלאַינס טענה, וואָס ברידער האָבן דאָס אָפּט ניט געוואָלט ליידן.

קעראַלאַין, וואָס האָט אין דער ריכטיקער רגע געקענט פאַרגיסן טרערן, האָט געווירקט אויף די ברידער, זיי זאָלן זיך איינהערן וואָס זי האָט וואָס צו זאָגן. אגב, ס׳איז פאַרט די נאַטור אַזאַ, ווען עס קומט אויף ווידער־וואוקס פון אָפּגעריסענע וואָרצלען, ס׳הויבן זיך אויף פלאַנצן מיט די אייגענע לעבנס־סמנים וואָס די אַמאָליקע אויסגעוואָרצלטע ביימער האָבן געהאַט, האָט עס אַן אָפּקלאַנג אין בלוט פון די וואָס האָבן זיך דערווייטערט. ווידערוואוקס פון דער ניט גאָר אינגאַנצן אויסגעוואָרצלטער לוריא משפחה האָט ווייט, פון יענער זייט שבעה־ימים געלאָזט פון זיך פילן. א צען־יעריקער ברודער האָט די לוריא־מאַמע געלאָזן דהינטער זיך מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק — בנימין דער מורזע האָט מען אים גערופן, כאָטש ער האָט געהאַט רויטע האָר. ער איז שפּעטער געוואָרן דער רייכער בנימין רודמאַן, וואָס האָט אין צייט פון צאַר געהאַנדלט גרויס מיט תבואה; און שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע, באַוויזן א לענגערע צייט ארויסצוהעלפן די באָלשעוויקעס, ביז ער איז אריבער די סאָוועטישע גרענעץ ערגעץ אין רומעניע און אָנגעהויבן שרייבן בריוו מיט פעך־און־שוועבל אויף די באָל־שעוויקעס, זיך געבעטן, מ׳זאָל אים און זייניקע ראַטעווען פון אונטער־גאַנג.

אומגעריכט האָט זיך אויך אָפּגערופן ר׳ בונים לוריא, דער יינגסטער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם לוריא־פאָטער, דער, וואָס האָט געשריבן פון סאָוועט־רוסלאַנד, אז ער פאַרנעמט דאָרטן „די טריט פון משיח״ און יידן וועלן דאָרטן „זוכה זיין צו א גאולה שלמה״ — אויך ער, דער זיבעציק יעריקער פעטער, האָט אָנגעשריבן און געלאָזט וויסן, אַז זיינע קינדער, ווי זיינע קינדער, אויף אים דער עיקר זאָל מען רחמנות דהאָבן און אין נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער און זייער פאָטער ישראל, וואָס ליגט אין אמעריקאַנער ערד, „זאָל מען הימל און ערד איינרייסן און ארויסנעמען אים אין דער פרייער מדינה.״

קעראַלאַין איז געזעסן און אָנגעקוקט די ברידער אין די אויגן, גערן געווען צו וויסן וואָס זיי וועלן איר זאָגן. דער עיקר האָט זי געפּאָרשט דאָס פנים פון איר עלטערן ברודער דער אַרבעטער פירער, נייטן לוריא, וואָס איז צו דער עלטער געוואָרן א ציניקער בנוגע יידישער צוקונפט, און א דם־שונא פון די באָלשעוויקעס „וואָס האָבן אין אמעריקע באַגראָבן די אָרנטלעכע און מיט שוויס־און־בלוט אויפגעבויטע יוניעָנס״. פאַר זיין מיינונג האָט קעראַלאַין מורא געהאַט.

אין העל־באַלויכטענעם און וואַרימען גאַסט־צימער איז משפחה געזעסן צוזייט, פרעמדלעך איינס צום אנדערן, יעדער איינער וואו ער האָט געקענט געפינען פאַר זיך א ווינקל. אויף דער סאָפע ביי די פענצטער צו דער גאַס איז געזעסן פּערל לוריא, דער קאָפּ אויף דאָקטאָר לוריאס אַקסל

אַנגעשפּאַרט, האָט זי נאָכגעקוקט יעדן איינציקן, ווי גאָר צום ערשטן מאָל וואָלט זי זיך געטראָפן מיטן מאַנס משפּחה.

אומדערוואַרטעט האָט דאָס וואָרט גענומען דער באַלעבאָס, לעאָנאַרד סטאָן, וואָס האָט בטבע ליב געהאַט צו שווייגן ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט די לוריאַס.

— איך בין צופרידן ווען קעראָלאַין ספּענט מיין געלט אויף טשאַריטי. איך צייל ניט אויס די דאָלאַרס וואָס זי ספּענט. כ׳ווייס, זי טוט גוטס מיט מיין שווער־פאַרהאַרעוועט געלט.

ביים דערמאָנען זיין „שווער־פאַרהאַרעוועט" געלט, ד״האָט ער געפּאַרשט מיט די בליקן וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳האָט געמאַכט אויף די לייט פון זיין ווייבס צד. דער עיקר האָט ער געפּילט קיצלט עס זיין פּלימעניק, הילל לוריאַס דעם פאַרמעגס זון, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, אַ געשליפענע צונג ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגן לאָיער. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף זיין איראָנישן שמייכל און איז דערווייל צעטומלט געוואָרן.

— מער ווי טשאַריטי קען איך ניט געבן — האָט לעאָנאַרד סטאָן געפּרואווט קלערער מאַכן זיין געדאַנק — אין מיין שאָפּ גיב איך קיינעם ניט קיין טשאַריטי. די „הענט" וואָס אַרבעטן פאַר מיר אין די שעפּער, וואַרף איך אַרויס ווען זיי ווייזן זיך אַרויס אומנוצלעך. דאָס איז אַן אַמעריקאַנער פּרינציפּ. פאַרדינטן ברויט מיט פּוטער זאָל מען קיינמאָל ניט אויסמישן מיט אויסגעבעטלטן ברויט מיט פּוטער. יעס, קעראָלאַין, — האָט ער אַריבערגעקוקט צו זיין ווייב, וואָס איז ביים קאַמין געשטאַנען אַ בלאַסע און צושראָקענע — מיר אַרט ניט ווען דו ווערסט אפילו אויסגעבן צען טויזנט דאָלער אויף דיין משפּחה אין ראַשע. שיק זיי געלט אַהין, און האַלט זיי דאָרטן. און טאָמער קומען זיי אַהער, פאָדער ניט, כ׳זאָל זיי אַריינעמען צו זיך אין שאָפּ אַריין. אַמעריקע איז גרויס, כ׳וויל זיי ניט קענען.

— בראַוואָ, פּאָ, — האָט זיך ביי דער איינציקער טאָכטער טעלמאַ דאָס בלאַס אויסגעצויגן פּנים אָנגעצונדן אינאיינעם מיט אירע שוואַרצע אויגן — מיר האָבן גענוג יידן אין אַמעריקע, איבער גענוג.

— איך ברענג ניט אַהער קיין בעטלער. מיין מאַמעס אַ ברודער איז מיר אַזוי נאָגט ווי די מאַמע אַליין. ווען זי שטאַרבט ניט אויף דער שיף, וואָלטן איריקע שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע. און דו, טאָכטער מיינע, אויב דו פאַרשטייסט ניט וואו דו ביסט אינדערוועלט, ד״האַלט דיין מויל. באַווייז זיך ניט, אַז דו ביסט אַ שונא־ישראל. זע, כ׳זאָל זיך מיט דיר ניט דאַרפן שעמען.

— זיי וועלן קומען, וועלן זיי זיין — האָט נייטן לוריא זיך טרוקן אָפּגערופן — זיינען ניט קיין גרעסערע פּריצים ווי מיר זיינען געווען מיט אַריבער פערציק יאָר צוריק. איצטער לעבט דער אַרבעטער אַביסל בעסער ווי מיט פערציק יאָר צוריק. פאַרשטייט זיך, ווען ס׳וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, וואָלט איך זיי אויך געשטיצט, זיי זאָלן זיצן וואו זיי זיינען. אָדער, כ׳וואָלט זיי געהאָלפן זיי זאָלן פאָרן אין דניאלס ארץ ישראל. פאָרן אייגענעם געלט קענען זיי פאָרן דירעקט אַהין.

דניאל לוריא איז די לעצטע יאָרן געווען אָפּגעהיט ניט צו פאַרטשעפּען זיין ברודערס אַרכי־סאָציאַליזם. אין צייט, וואָס א סך פון נייטנס חדר האָבן שוין אָנגעהויבן קוקן אויף ארץ ישראל ווי אויף א נאַטירלעכן פאַקט, ווי אויף א דערשיינונג, וואָס מ׳קען עס ניט פאַרקוקן, האָט נייטן נאָך אלץ באַוויזן, אז דער וועג פון יידן אין דער נייער צייט איז אסימילאציע. כאָטש דניאל, וואָס האָט געהאַט א גרעסערן געשעפט אויף פינפטער עוועניו, האָט אין סכסוכים מיט אָנגעשטעלטע ניט געדאַרפט אָנקומען צו יידישע יוניאָן־פירער, האָט ער פונדעסטוועגן געוויכט זיין ברודער, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט אים א שטאָך געטאָן און אים אויפגעוואָרפן זיין פינצטערן שאָוויניזם.

אויך איצטער האָט דניאל געוואָלט אויסמיידן א קאָנפליקט מיט זיין ברודער. אנשטאָט צו רעאַגירן אויף נייטנס רייד, האָט ער זיך געווענדט צו זיין ווייב די גרטע, צו ליליען־רות:

— דו, ליליען, האָסט מיר די לעצטע צייט עטלעכע מאָל אויפגעוואָרפן, אז איך בין ניט קיין געטרייער אמעריקאנער, צוליב דעם וואָס איך וויל אינוועסטן געלט אין פאַלעסטיין און אַהין שיקן דזשייקאָבן. איך וואַרף דיר עס, ליליען, ניט אויף. האָסט אַן אײדעלן כאַראַקטער ווען עס קומט צו דיין אייגן פאָלק. ביסט גליקלעך וואָס דאָס אירישע פאָלק אין יוראָפּ ווערט צוביסלעך זעלבשטענדיק.

— ווער איז מיין פאָלק, און וואו איז מיין פאָלק? — האָט ליליען־רות אַ צעשטרייטע זיך אָפּגערופן — איך קוק ווייטער ווי צו מיינע קינדער ניט אַריבער. אויב דייוויד איז א קאַטאָליק און האָט זיינע קינדער איבער־געגעבן אין רשות פון דער קאַטוילישער קירכע, זאָג איך ניט, אַז ער איז א בעסערער אמעריקאנער ווי דו. אָבער ווען דו ווילסט זען אלע יידן אויף איין אָרט נאָר אין פאַלעסטיין, זאָג איך דאָס אייגענע וואָס נייטן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט נייטן לוריא זיך צעלאַכט — דניאלן איז ניט געלונגען דיך איינצורעדן, אַז די יידן פון דער גאַנצער וועלט ווילן זיין אינאיינעם. פרעג די דייטשישע יידן, צי זיי ווילן לעבן אינאיינעם מיט די רוסישע, וועסטו הערן וואָס זיי וועלן דיר ענטפערן.

— קעראָלאַין איז גערעכט. די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד וועלן ווי מענטשן אומקומען — איז דניאל ארויס פון געדולד — ס׳איז א מצוה ארויסצו־ראַטעווען יידן פון דאָרטן. ס׳קומט א יישר כוח קריינען. ווען יעדערער דאָ זאָל זיך אריינגעמען אין זינען ארויסצוראַטעווען א משפחה פון דאָרטן, וואָלט מען א שלל יידן אָפּגעראַטעוועט.

— נאָר קיין ארץ ישראל, דניאל, — האָט נייטן סאַרקאַסטיש אויפ־געהויבן זיין שטים — דאָ דאַרף מען זיי ניט האָבן.

— פון וואָס מ׳זאָל ניט אָנהויבן — קומען זיי ארויף אויף זייערס — האָט קעראָלאַין זיך געווענדט צום ברודער — פונוואַנען ווייסטו, וואָס בנימין און זיינע קינדער זיינען. איך וועל ניט רוען, ביז איך וועל זיי אַהער ניט אריבערברענגען. וואַרפסט זיך אָפּ, ווילסט פאַר זיי גאָרניט טאָן? ווייס איך, אז מיין ברודער נתן האַלט זיך ביי זיינס. פאַרוואָס שווייגסטו, זכריה? — האָט קעראָלאַין זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאן

וואָס האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל זיך צוגעהערט צום פאַרביטערטן שמועס.

דאָקטאָר זכריה לוריא, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט דער בלאָנדער און אויפגעקלערטער פערל דובין, האָט אַלץ מער אָנגעהויבן אַריינקוקן אין זיין אייגענעם לעבן אַריין. ער האָט זיין שוועסטער זיך ניט געשטעלט אין וועג אַריין, אָבער ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז יידן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד זיינען אַרויף אויף אַ נייעם וועג, און זייער צוקונפט איז דאָרט אין לאַנד. „אין זייער לעבן איז פאָר אונדזערע אויגן פאָרגעקומען אַ מין ווידערגעבורט.” אַזוי האָט ער אָפט געטראַכט וועגן די דריי מיליאָן יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מען קען פאָרויס ניט זאָגן אין וואָס פאַר אַ ריכטונג זייערע געפילן וועלן זיין געווענדט. אפשר וועלן זיי זיך אויף אַ צייט אָפּרייסן פון גאַנצן יידישן כלל, אָבער אומקומען וועלן זיי ניט. „זיי דאַרף מען צורו לאָזן — איז געווען זיין מיינונג — דאָרטן וואו מ׳האָט יידן מיט אַלע פעלקער אויסגעגליכט, וואו אַנטיסעמיטיזם ווי אַ שיטה איז פאַרבאָטן, פון דאָרטן דאַרף מען יידן ניט אַרויסנעמען. אומעטום, וואו יידן וועלן דאַרפן אָנהויבן פון אָנהייב, וועלן קרבנות פאַלן. קיינער האָט ניט געציילט די קרבנות וואָס דער אַמעריקאַנער באָדן האָט צוגענומען ביי יידן, אַלץ צוליב דעם, זיי זאָלן דאָ קענען אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי. ס׳איז ניט קיין חוב, קרובים דאָ זאָלן זיך אַריינגעמען אינזינען אַריבערצונעמען קרובים פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַהער.”

דאָקטאָר לוריא, ווי אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אויף דער איסט־סייד, האָט גוט געוואוסט, אַז אין דער פרייער אַמעריקע, וואו אויסערלעך האָט יעדערער אַלע מעגלעכקייטן צו טאָן וואָס ער וויל, זיין וואָס ער וויל, געפינט זיך אַ גרויסע צאָל יידן אין אַ מין דעקלאַסירטער לאַגע. כאָטש ער האָט געלעבט אויף דער איסט־סייד, פונדעסטוועגן איז אים ניט געווען פרעמד דער געזעלשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם וואָס ווערט דאָ מיט יעדן יאָר שאַרפער. ער האָט גוט געוואוסט ווי זיינע צוויי פאַר־מעגלעכע, די שוועסטער און דער ברודער דניאל, ווען זיי ווילן זיך פילן וואַרים, קערן זיי זיך אום מיטן פנים צו גאַנטע, כאָטש ביידע האַנדלען און באַגעגענען זיך אויפן מאַרק מיט ניט־יידן. ווען דניאל שטעכט אים אין די אויגן מיט דער מיינונג, אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום וועלן שוין אין סאָוועטנפאַרבאַנד קיין יידן ניט זיין, און נאָר אין ארץ ישראל וועלן זיי זיך אויפהאַלטן, קען דאָקטאָר לוריא אויף דעם אים ניט ענטפערן. ער האָט וויפיל מאָל זיין ברודער דניאלן געזאָגט, אַז עס זיינען פאַראַנען פיל בילכערע יידן אין אַנדערע לענדער, וואָס ער מיט זיין געלט קען העלפן זיי אַרויסצופירן קיין ארץ ישראל.

דאָקטאָר לוריא איז געזעסן ביי זיין רייכער שוועסטער אויף דער וויכער, זיידענער סאָפע און געפילט דעם הייסן אָטעם פון זיין יונגער פרוי, וואָס האָט דעם קאָפּ געהאַלטן אויף זיין אַקסל, און אַפיר געקוקט צו די אָנוועזנדיקע, פאַרגלייכנדיק אין האַרצן איר מאַן מיט די עלטערע ברידער.

— נעם זיך, קריינע, ניט צום האַרצן — האָט ער גוטמוטיק זיך געווענדט צו זיין פאַרלאָרענער שוועסטער — צוליב וואָס דאַרפסטו האָבן

די הסכמה פון די ברידער, אויב דו אַליין ווילסט טאָן א זאַך, וואָס דיר דוכט זיך אויס פאַר גוט? כ׳הער, דאָרטן זיינען פאַראַן דערוואַקסענע קינדער. אמעריקע נעמט אויף יעדן איינעם פונקט אזוי גוט און פונקט אַזוי שלעכט. גערעטענע מיידלעך וועלן קריגן חתנים, געזונטע בחורים וועלן געפינען ארבעט. בנימין רודמאַן... כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אז דער מאַמעס צווייטער נאָמען איז געווען רודמאַן. כ׳בין זיכער, צווישן זייערע קינדער געפינען זיך אַלע מוסטערן פון אונדזער משוגענער צייט — קאָמוניסטן, ציוניסטן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, צוקונפטיקע קאַפּיטאַליסטן און גלאַט אזוי גאָרנישטן. יעדער מין וועט דאָ זיין פאַר געפינען. אפילו דער פעטער ר׳ בונים, ווי מען דערציילט האָט ער סמיכות אויף רבנות, וועט נאָך דאָ צו דער עלטער ווערן רב אין א בראָנקסער, צי א ברוקלינער קאָנגרעגיישאָן. דער יידישער נאַציאָנאַלער גוף איז נאָך דער מלחמה געבליבן מיט אָפענע וואונדן. וואונדן האָבן א פאַרלאַנג פאַרהיילט צו ווערן.

— ווען די אָנקלס קומען זיך צונויף איז קיינמאָל ביי זיי ניטאָ קיין איינהייטלעכע מיינונג, כאַ־כאַ־כאַ — איז דער זעקס פוסיקער איזידאָר לוריא אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט ווי צו האַלטן זיין רעדע פאַר א „דזשורי״ — פאַני, אפילו איך און מיין פאַ האָבן זיך אויך קיינמאָל ניט געקענט רואיק צונויפרעדן. ווי נאָר כ׳האָב געוואָלט האָבן מיין אייגענע מיינונג וועגן יידן אויף דער וועלט, איז ער אויפגעשפרונגען פון פלאַץ און ארויסגעלאָפן פון שטוב. מיט די פערד, מיט די קי, האָט ער זיך בעסער געקענט צונויפרעדן ווי מיט זיין עלטסטן זון. איך האָב אים געוואָלט באַווייזן, אַז אין צייט ווען די פאַרמערשע יוגנט לויפט אין שטאָט אריין, דאַרף ער זיינע קינדער ניט צובינדן צו די וויסטע שטיינער ארום אונדזער פאַרם. דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרשטיין. אָבער דאָס איז ניט צו דער זאַך. איך האַלט, אז מ׳דאַרף אָהער אַריבערברענגען יידן צוליב דעם אַליין, וואָס אמעריקע איז א שמעלץ־טאָפּ, וואו ראַסן ווערן איבערגעקאָכט און פון דעם ווערט אַן אמעריקאַנער פאָלק באַשאַפן. מיר זיינען ניט קיין יחסנים. יעס, קינד — האָט ער זיך געווענדט צו דער צעטומלטער טעלמאַן — דיר זיינען פרעמד אַזוינע זאַכן ווי יידישע פּראָבלעמען, דעריבער וואָלסטו ניט געוואָלט אַז אונדזער משפחה זאָל דאָ פאַרגרעסערט ווערן. האָב קיין מורא ניט. אין אמעריקע וועט שוין אונדזער משפחה גרעסער ניט ווערן.

אַ ווײַלע האָבן זיך די אָנקלס איבערגעוואָרפן מיט די בליקן. קיינער פון די לוריא־ברידער איז ניט געווען צופרידן מיט זייער ברודער היללס מצב אויפן פאַרם. אָבער דאָס וואָס איזידאָר האָט איצטער געזאָגט, איז זיי אויך ניט געווען שטאַרק צום האַרצן.

— איך דאַנק דיר, איזידאָר, וואָס דו ביסט געקומען — האָט קעראָלאַין געגלעט זיין אַקסל — הלוואי וואָלטן אַלע אונדזערע קינדער געהאַט אינזינען טאַטע־מאַמע ווי דו טוסט עס.

— יעס, לעאָנאַרד — איז דניאל לוריא אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו זיין רייכן שוואָגער — כאָטש דיר איז גרינגער ארויסצונעמען א טויזנ־

טער ווי מיר, פונדעסטוועגן האָב מיך אינזינען. זאָל קיינער ניט טראַכטן, אַז ביי אירע ברידער איז שוין דאָס האַרץ פאַרשטיינערט.

פערל לוריא איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ, צוגעגאַנגען צו נייטן לוריאַן, אים אָנגעקוקט און געשמייכלט.

— וואָס־אַי, פערל? — איז נייטן לוריאַן געקומען ס׳בלוט אין פּנים אריין.

— האָסט פיינט יידן, דהאַ? — האָט זי ווי פריער, שמייכלענדיק געקוקט נייטענען אין די אויגן אריין.

— אָ, ניין, פערל, מאַכסט א מיסטייק, אויב דו קלערסט אזוי. כ׳האָב זיי גאָר ליב אין זייער צושפּרייטקייט איבער דער וועלט, אין זייער אינטער־נאַציאָנאַלן אויסזען. יידן טראָגן א אינטערנאַציאָנאַלע, און ניט קיין נאַ־ציאָנאַלע מיסיע.

— אָט דאָס אליין איז אַ באַווייז, אז איך פאַרשטיי דיך גוט.

— פאַרוואָס קלערט איר, אַז אַן אויפריכטיקער סאָציאַליסט איז א שונא פון יידישן פאָלק?

— ס׳איז צו טיף פאַר מיר, נייטן.

— האָסט אַ גוטן קאָפּ, ווייסט וואָס איך מיין.

— ס׳איז די פילאָזאָפיע פון אַלטן דור, אָבער ניט פון קינדער דאָ געבאָרענע. אונטער יעדער אידעע ליגט א מאַטעריעלע באַזע. איך וואָלט נאָך ווייטער געגאַנגען און געזאָגט, אז יעדע נידעריקע מאַטעריעלע באַזע גיט פון זיך אַרויס אירע גייסטיקע הויכן. ניט ביי דיר, ניט ביי מיר, און אפילו ניט ביי זכריהן וועט יידישע צוקונפט פרעגן וואָס מ׳זאָל טאָן מיטן יידישן גורל. טיפּעניש איזוינע זיינען פאַראַנען פונוואַנען עס שלאָגט יידיש לעבן אפילו דאָ אין לאַנד, און ווען דו זאָגסט, אז דו האָסט ליב יידן אין זייער צעשפּרייטקייט, זעסטו דאָך, אַז מיר דאָ אין אין שטאָט האָבן זיך צונויפגענומען און געשאַפן אַזאַ גרויסע יידישע ענגשאַפט.

נייטן לוריא האָט זיך א ווייל געפילט אַ פאַרלאָרענער. זי, א געבאָרענע דאָ אין לאַנד, זאָל מיט אַזאַ זיכערקייט רעדן וועגן די טיפּעניש, וואָס מ׳קען ניט פאַרשיטן.

— איך וועל זיך מיט דיר, פערל, ניט קריגן; פונקט ווי איך האָב מיר מיט דיין מאַן ניט געקריגט. אגב, בין איך אליין אויך ניט נאָר מיט דער יידישער צוקונפט, נאָר מיט דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט אַביסל צעטומלט זינט די באָלשעוויקעס זיינען אויסגעוואַקסן פון דער ערד.

מען האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען.

איזידאָר לוריא איז צוגעגאַנגען, געדריקט פערלס האַנט און געזאָגט:

— אַ שאָד וואָס דו ביסט ניט געוואָרן קיין לאָיער, וואָלסט אונדז אַלעמען פאַרשטעקט אין אַרבל.

— נייך, איזידאָר, קיין לאָיער האָב איך ניט געוואָלט זיין. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל א לאָיער הערט זיך מער צו צו זיין שטים ווי צו זיין האַרץ. יעס, איזידאָר, איך פאַרשטיי, און איך פיל מיט מיין שוועגערין קאַראָלאַין. ביי איר איז עס קיין פילאָזאָפיע ניט. ניט נויטיק געווען, אַז מ׳זאָל זיך דאָ צונויפנעמען און רעדן וועגן אַזאַ פּשוטן געפיל פון א מאַמען.

א מאַמע איז ניט קיין פילאָזאָף. זינט איך בין געוואָרן אַ מאַמע זע איך די וועלט אַנדערש.

— ס'איז אַ האַלבער אמת, פּערל, — האָט נייטן לוריא, וואָס האָט אונטערגעהערט דעם שמועס, זיך סאַרקאַסטיש אָפּגערופן — יידן האַלטן זיך ציטריק. יידן מאָלן זיך אויס, אַז פריער פון אַלץ דאַרפן זיי אויס־געלייזט ווערן, כאָטש א גרויסער פּראָצענט פון דער גאַנצער מענטשהייט נויטיקט זיך אין דערלייזונג.

— כ'וויס, איך וויס — האָט פּערל אים געלאַכט אין פּנים אַריין — דיך וואָלט ניט אַרן, אַז מ'זאָל יידן אינגאַנצן אַהער ניט אַריינלאָזן.

— אפשר וואָלט עס מיך ניט אַרן. צייטן זיינען איצטער אַנדערע, א גוטע נאַכט, קריינע — האָט ער אַרומגענומען זיין שוועסטער — ביסט אַ מענטש וואָס האָט שטענדיק געהאַנדלט אויף דיין אייגענעם אחריות, אויף דיין אייגענעם אחריות ביסטו געוואָרן נעבעך א מיליאָנערשע, טאָ, דאגה ניט. זיי האָבן געגנבעט די גרענעץ און זיי זיינען שוין אין רומעניע — זעסטו פון דאָרטן וועט ניט שאדטן זיי ארויסצונעמען.

— רעג זיך ניט אויף, קעראָלאַין, — האָט זי דניאל פאַרן ארויסגיין באַרואיקט — זיי וועלן קומען, וועט מען זיי מקרב זיין. נאָר איין זאַך וויל איך דיך בעטן, אויב דו קענסט זיי איבערן זומער אָפּהאַלטן דאָרטן. די צייט איז איצטער ניט צום בעסטן. האַלט זיי דאָרטן וואו זיי זיינען. ביז אווגוסט קענען זיי דאָרטן בלייבן. אין אמעריקע זיינען פאַראַן אזויפיל יידן, וועלן נאָך א צענדליק יידן ניט פאַרפאַלן ווערן. כ'וועל דיר מאָרגן אַרויסשיקן א טשעק, מאַך ניט דיין מאַן פאַר דעם גאַנצן גביר.

ווען דער עולם איז ארויס פון שטוב, איז קעראָלאַין צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער, הויך און שטרענג געזאָגט:

— וועסט נאָך אַמאָל קומען צו דער מאַמען און זאָגן, אַז מ'שניידט אייגן פליש, טוט וויי. נעם זיך עס אריין אין זינען.

— וועסט נאָך אַמאָל קומען און זאָגן — האָט טעלמא מיט דער אייגע־נער שטרענגקייט געענטפערט — ביסט גערעכט געווען, וואָס גרעסער די משפחה, אַלץ ענגער איז צו לעבן.

דערביי האָט זי זיך אויסגעדרייט און מיט גאווה פאַרלאָזט דאָס צימער.

קאַפּיטל צוויי

די זון איז אויפגעגאַנגען העל־רויט, שפּיזלדיק־שאַרף און אָנגעהויבן אַראָפּטרינקען דעם פּראַסטיק־ווייסן טוי וואָס איז פון האַלבע נאַכט אָן שווער געלעגן אויף דעם האַרבסטיקן ווידערוואוקס. די קליאָן און דעמבביימער אויף הילל לוריאַס פאַרם האָבן געפלאַקערט אין זייערע אייגענע קאָלטע פלאַמען. דאָס גרינע בלעטער־בלוט איז אין איין פראָסטיקער נאַכט גע־פאַרבן געוואָרן אויף אָראַנזש, געל, רויט און פּורפּור. ווען דאָס פרימאָרגן ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן צווישן די צווייגן, האָבן די אָפּגעלעבטע בלעטער, אָפּגעטיילטע פון די צווייגן, צום לעצטן מאָל זיך געמיגלט אין דער אויפ־גייענדיקער זון און שטיל געפאַלן צופוסנס פון דיביימער.

הילל לוריאַ איז מיט שווערע טריט, אַביסל געבויגן, ארויסגעקומען פון שטוב, געבליבן אַ ווייל פאַר דער שוועל, געלאָזן, די זון זאָל אַ וואַרים טאָן זיין גרוי־באַוואַקסענעם און שלעכט־פאַרקעמטן קאָפּ. זיינע אויגן האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט צו די פיר שמוציק־גרויע פערד אויפן גראָז אויף דער אַנדערער זייט דראָטענעם צוים, וואָס האָבן מיט קעפּ פאַרלייגטע איינס איבערן אַנדערנס קאַרק, האַלב אין דרימל, הנאה געהאַט פון דער זון וואָס האָט געוואָרימט זייער פעל.

— פערד פאַרשטייען פון וואַנען די זון שיינט, און דאָס שטיקל מענטש משטיינסגעזאָגט, זאָגט איינער טאָג, זאָגט דער אַנדערער נאַכט.

הילל לוריאַ האָט עס הויך ארויסגערעדט, דער קאַלטער פרימאָרגן זאָל עס הערן. ער איז אַראָפּ פון שטאַרק־איינגעבויגענעם גאַניק, באַטראַכט דעם פאַסאַד פון צוויי־שטאָקיקן פאַרעלטערטן בנין, און זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שילד אונטערן ראַנד פון דעכל איבערן גאַניק: — „דער גאָלדענער זאַנג". מיט אַ יאָר אַכט צוריק האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן פון אַ קלוגן באַרדער, אַזאַ נאָמען צו געבן זיין היים, וואָס איז אין משך פון זומער, צוליב זיין מינעס געשמאַקן קאָכן און באַקן, אָנגע־פּיקעוועט מיט שטאָטישע באַרדערס.

— דער גאָלדענער זאַנג — האָט הילל אין האַרצן אַ לאַך געטאָן — אָטאָ־די־אָ חורבה איז דער זאַנג, און די באַרדער, די גאָלדענע קערנער...

— צוגעפּוילט איז דער גאָלדענער זאַנג און צוגעפּוילט זיינען די קערנער — האָט הילל ווייטער געטראַכט — דאָס זיינען קערנער פון מיין אידעאַל און פון נאָך אַ סך נאַראָנים ווי איך, וואָס האָבן מיט אַריבער פערציק יאָר צוריק ווי קליינע קינדער געגלויבט, אַז אין אַמעריקע וועט מקוים ווערן אַ ניט־געשטויגענער חלום פון „עם־עולם", כאַ־כאַ־כאַ. אין אמעריקע וועלן יידן בויען אַ היים ביי דער ערד!

דער שלאָף האָט היללן געביסן די אויגן. מען איז שפּעט געגאַנגען שלאָפן צוליב די געסט וואָס זיינען פאַרנאַכטצו אָנגעקומען פון ניויאָרק: — די רודמאַן משפּחה, וואָס די לוריאַס אין ניויאָרק האָבן גלייך פון שיף אַריבערגעשיקט צו אים אויפן פאַרם.

מיטן געדאַנק האָט ער פאַרבלאָנדזשעט צום אויבערשטן שטאָק פון זיין באַיאָרנט הויז, וואו מ'האָט באַלייגט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט די רודמאַן־געסט. טאַטע־מאַמע, צוויי דערוואַקסענע זין און צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, מיט א צולאָג — זיין, דהיללס פאַרשטאָרבענעם טאַטנס א ברודער. ר' בונים לוריא.

— געטראַכט, ביי די באָלשעוויקעס איז אונטערגעגאַנגען דער לוריא־שטאַם; געמיינט, אַז אַלץ וואָס האָט געהאַט ס'פּנים פון מענטש איז צו־טראָטן געוואָרן. צום סוף גאָר... די מאַמע איז מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק געשטאָרבן אויף דער שיף און מ'האָט זי אין ים אַריינגעוואָרפן, און איר קליין ברודערל, ס'קליין ביאַמעלע, איז געוואַקסן און דווקא אין צייט פון מלחמה, רעוואָלוציע און הונגער א פיינעם קינדער־פּלאַד אויס־געכאַוועט.

אויף דידאָזיקע געדאַנקען איז פון שטוב אַרויסגעקומען די יינגסטע פון די געסט, ברכה רודמאַן, איינגעוויקלט אין א געקווייטלטער, צעטרענ־טער קי'מאָנע. איר גאָלדיק־געקרויזטער קאָפּ האָט אויפגעלויכטן אין דער פרימאָרגן־זון. צוואַנציק יאָר איז זי אַלט געווען; אויסגעזען האָט זי א יאָר זיבעצן ניט מער. איר רונדער פּנים און אָפענער שטערן, אירע פולע, ברוינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן אָנטקעגן דעם געעלטערטן שוועסטערקינד. באָרוועס איז זי אַרויסגעקומען, ניט געמאַכט קיין ווען וואָס די באָרוועסע טריט האָבן געשפּאַנט איבער א פאַרמיסטיקטן און קאַלטן גרונט.

— גוטמאָרגן — איז ברכה אָנגעקומען און געגומען הילס שווערע, מאַזאָליסטע האַנט, און א קינדיש פּייערל האָט א גלי געטאָן אין אירע טונקל־ברוינע אויגן — ועסט ניט זיין ברוגז, אַז כ'וועל דיך דוצן. כ'בין דאָך א שוועסטערקינד פון הימל אַראָפּגעפאַלן, כאַ־כאַ־כאַ.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען? — האָט זי דהילל באַ־טראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— זינט איך בין א שטיקל מענטש געוואָרן, שטיי איך אויף פרי. דאָרטן אין דער קבוצה איז מען שטענדיק אויפגעשטאַנען מיט טאָג צו־גלייך.

הילל האָט באַטראַכט ברכהס גאָלדענעם קאָפּ, ער האָט זיך געוואָלט אויס־מאָלן ווי אַזאַ מיידל האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין א ציוניסטישער קבוצה, וואָס האָט אונטער שטאַרקן פאַרדאַכט אויסגעקוקט ווען זי איז אַריבער די סאָוועטישע גרענעץ און אַוועק קיין ארץ ישראל. דווקא דאָרטן האָט זי גערעדט העברעאיש. ער האָט געהערט ווי זי האָט מיט איר עלטערן ברודער, מיט פּנחסן, גערעדט אַזאַ העברעאיש וואָס ער האָט שווער פאַר־שטאַנען.

— יעס, ברכה — האָט הילל געוויגט זיין קאָפּ — איר אַלע האָט מיך עפּעס ווי פריטשמעלעט. האָב נעכטן א גאַנצן אָוונט געקוקט אויף אייך, קינדער, און געטראַכט, אַז דאָרטן איז דאָך א וועלט מיט וועלטעלעך.

א האַרעפּאַשניק האָט דאָרטן וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. כ'טראַכט, צי מיין רייכע שוועסטער האָט איך געדאַרפט אונטערגעבן חשק פון דאָרטן זיך אַרויסצורייסן.

ברכה רודמאַן איז א ווייל געשטאַנען מיט א געבויגענעם קאָפּ, געשפּירט די זון וואָס האָט זי וואַרים אָנגערירט דעם נאַקן, און איבערגעלייגט אין געדאַנק וואָס דער גרויער, שווערער מאַן, איר שוועסטערקינד האָט געזאָגט. זי האָט געוואָלט צונויפנעמען מיטן געדאַנק די בלוט־קרובהשאַפט וואָס בינדט זי מיט דעם פאַרפויערטן יידן וואָס שטייט אזוי נאָנט צו איר. פון איר טאַטן האָט זי געירשנט די העל־רויטע האָר, און אזוי איז דער יינגערער ברודער; אָבער דער עלטערער ברודער פנחס, טראַכט זי, איז געראָטן אין דעמדאָזיקן מענטשן.

— זיי פאַרדריסט הלמאי מ'האָט זיי אפילו ניויאָרק ניט באַוויזן — האָט ברכה ווידער אָנגעהויבן — איך בין צופרידן וואָס מ'האָט מיך אַהער געבראַכט. כ'וועל דאָ ווינטערן. כ'וועל זיך ביז ווסנע צוגרייטן, און דערנאָך מיט פנחסן אוועקפאָרן קיין ארץ ישראל.

— וועסט זיך נאָר אויסשטוכען, וועט עס דיך פונדאַנען אוועקטראָגן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ברכה פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און הילכיק געלאַכט אין פרימאָרגן אריין — וועסט שוין זען, אַז כ'וועל ניט אַוועק. כ'וועל דיר נאָך היינט באַווייזן ווי איך אַקער.

ברכהס רייד האָבן היללן אויפגעמונטערט. זי האָט אים אויסגעוויזן ווי אַן איבערגעוואַקסן געראָטן קינד וואָס שטייט נעבן אים און באַרימט זיך, און ניט א מיידל, וואָס האָט אין פאַרלויף פון איר קורצן לעבן אזויפיל שוידערלעכע דערפאַרונגען געהאַט.

— אויב דו וועסט זיך וועלן לערנען אַקערן, וועט דיך מיין אַלטער אַרבעטער טאַראַס ווייזן ווי אַזוי.

— ביסט אַן אפּיקורס, גלויבסט ניט, אַז אַ מיידל קען אַקערן די ערד.

— ווילסט מיר טאַקע איינרעדן, אַז דאָרטן זיינען נאָך פאַראַנען ציוניסטן וואָס קוקן אריבער איבערן שוואַרצן ים?

אויף דעם האָט די אויסגעפּרוואוטע ברכה ניט געענטפערט. זי האָט געקוקט היללן אין די אומעטיקע אויגן אריין און איז אליין אומעטיק געוואָרן. זי ווייס, אַז איר שוועסטערקינד איז שוין מער ווי צוואַנציק יאָר דאָ אויפן פאַרם. זי וויל אין געדאַנק זיך אויסמאָלן ווי אזוי זיין ווייב, די צעיורענע מינע האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אויסגעזען.

הילל איז נאָכגעגאַנגען ברכהס מחשבות. ער האָט זי גענומען פאַרן האַנט און איז מיט איר אוועקגעגאַנגען צום פּלאַץ וואו די פערד האָבן נאָך אַלץ געוואָרימט די פּעל אין דער זון, און געזאָגט:

— פאַרשטייסט, ברכה, אַמאָליקע יאָרן האָבן מענטשן ווינציק גערעדט און א סך געטאָן. איצטער איז אַן אַנדער צייט. מענטשן רעדן א סך און טוען ווינציק.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו עס?

— אַנטקעגן דעם וואָס דאָרטן, ווי מ'דערציילט, איז אַ דיקטאַטור. אַלע מוזן טראַכטן די אייגענע זאַך, אַלע מוזן רעדן ס'אייגענע, אַלע מוזן אויספאָלגן דעם פריקאַז פון אויבן. צום סוף גאָר, פיר קינדער האָבן דיינע

טאַטע־מאַמע פון דאָרטן אַריבערגעבראַכט, און ווי איך שלאָג מיר אָן, שטימט מען איינס מיטן אַנדערן ניט איין. אפשר איז מען גאָר ברוגזלעך צווישן זיך.

ברכה האָט פון איר אויסגעפּראַוווטן שוועסטערקינד געהערט אַ שאַרפן אמת. ס׳האַרץ האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער. איר בליק איז געפאַלן אויף דער גרוילעכער שטוב, וואו איריקע האָבן די ערשטע נאַכט געפּראַוווט פאַרשולפערן די אומרואיקע מחשבות.

טריט־ביי־טריט איז פון שטוב אַנגעקומען ר׳ בונים לוריא. ער איז מיט אַ יאָר צוואַנציק ייִנגער געווען פון הילל׳ס פאָטער. ווען ישראל לוריא מיט זיין משפחה האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט זיך געשניטן אויף רבנות און איז קיינמאָל קיין רב ניט געוועזן. „ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט, וואָלט ער אפשר אויך אַזוי אויסגעזען” — האָט הילל אַ טראַכט געטאָן און איז דעם אַלטן ר׳ בונימען געגאַנגען אַנטקעגן.

— נו, וואָס, פּעטער, געשלאָפן אַ ביסל?

ר׳ בונים לוריא האָט אויסגעווישט מיט דער האַנט זיינע פאַר־טרערטע אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און גאַרניט געזאָגט.

— כ׳רעד דאָ מיט ברכהן; איך קלער, אַז אַ מיידל ווי זי וועט דאָ ניט פאַרפאַלן ווערן.

— בין אַ גאַנצע נאַכט געלעגן און געקלערט, צי בין איך שוין אין אַמעריקע — האָט דער אַלטער ר׳ בונים פאַנאַנדערגענומען אַנטקעגן דער זון זיין טונקל, גרויע באָרד — פאַרוואָס איז טאַקע ישראל אַזוי פרי פון דער וועלט געגאַנגען? מ׳שמועסט, אַז אין אַמעריקע זיינען יידן מיט לייטן גלייך. וואָס איז טאַקע מיט דיין טאַטן געווען, האָט ער דען פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן דעם עול שמים? זיינען דאָ ניט אויסגעבויט געוואָרן שולן מיט בתי־מדרשים? איז ער דען ניט געגאַנגען, ווי אינדערהיים, אין בית־המדרש אַריין, אַריינכאַפּן אין דער פרייער צייט אַ פּרק משניות, צי אַ בלעטל גמרא?

הילל לוריא האָט ניט געהאַט קיין חשק אָנהייבן פאַנאַנדערוויקלען פאַרן אַלטן, וואָס יידן, ווי זיין ברודער, און הילל׳ס טאַטע, דהאָבן אין די אַכציקער יאָרן געהאַט צו ליידן מאָראַליש אין דער נייער וועלט. ער האָט אים ניט געוואָלט דערציילן, וואָס ער, דער זיבעציק יעריקער ר׳ בונים וועט נאָך האָבן פאַר אַ נחת צו די עלטערע יאָרן. הילל איז צופרידן געווען וואָס פון שטוב האָבן זיך באַוויזן בנימין רודמאַן מיט זיין ווייב. ער, אַ פעסט־געבויטער ייד, מיט סמנים פון רויטקייט אין זיין גרוי־פאַרשערט בערדל; און זי — אַן אויסגעטריקנטע, גלייכע מיט אַ שמאָל פּנים און הויכן, צעקנייטשטן שטערן, שוואַרצלעך גרויער קאָפּ און שוואַרצע אויגן — ביידע האָבן גרויסשטעטיש אויסגעזען. זי, גאָלדע רודמאַן, אין איר שוואַרץ־טוכענעם קלייד, אין קאַלטן, זוניקן פרימאָרגן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ פאַרעלטערט מיידל ביים זייט פון איר מאַן.

מ׳האָט זיך אַ ווייל אָנגעקוקט. אין ליכט פון פרימאָרגן געזוכט איינס ביים אַנדערן די בלוט־קרובהשאַפט, וואָס האָט אַרויסגערופן בענקעניש און אומרו אויף זיין אָפּגעלעבטן פּאָרם.

— קוקסט זי אָן דאָרטן — האָט בנימין רודמאַן אָנגעוויזן אויף זיין טאָכטער ברכה, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי די פערד, אפילו ניט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ צו דער זייט פון די עלטערן — זי איז געבוירן אין אַמעריקע. מיט קאָפּ, לייב־און לעבן איז זי אין ארץ ישראל. בין זיכער, זי שמועסט זיך דורך מיט די פערד אויף העברעאיש.

— אויב דאָרטן, וואו ארץ ישראל און העברעאיש איז טריף, האָט אַזאַ יונג קינד זיך געעקשנט און אירס אויסגעפירט, האָב איך פון איר קיין דאגה ניט — האָט גאָלדע מיט מאַמישער צופרידנקייט געזאָגט.

איינס נאָכן אַנדערן איז צום ליכטיקן, האַרבסטיקן דרויסן ארויסגעקומען די גאַנצע רודמאַן־משפחה. ס'איז ניט געווען קיין משפחה מיט טאַטע־מאַמע אין צענטער, נאָר מיט נויט־בענדער צונויפגעבונדענער מענטשן־בונט, מיט אויפגערודערטע פאַרלאַנגען און ליידנשאַפטן, וואָס האָט די רודמאַן משפחה צעריסן און געשליידערט אין די אָרעמס פון אלערליי גוטע און שלעכטע ווינטן, און ווידער אינאיינעם, ווי איצטער, צונויפגעבראַכט אַרום טאַטע־מאַמע.

דער פאָטער, מיט סמנים פון א פלאַמיק רויטן, און די שמאָל־פלייציקע מוטער מיט בולטע צייכנס פון א טיפער ברונעטן, זיינען ניט נאָר אין אויסזען געווען פאַרשיידן. ער, א היציקער, אָפּטמאָל א פלוט. און זי — איינגעהאַלטן, איבערגעטראַכט, פאָרזיכטיק און אויסגערעכנט מיט יעדן טריט, א אין־זיך־באַהאַלטענע, ווי די צייט האָט עס געפאָדערט פון א אונטערגייענדיקן קלאַס אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע. און אזוי זיינען געווען די קינדער. ברכה, די יינגסטע, די ציוניסטקע, און מיט א פאָר יאָר עלטער פון איר דער ברודער יעפים —ביידע רויטע אין פאָטער געראָטן. נאָר זי — א ציוניסטקע, און ער — א פאַרברענטער קאָמוניסט. ביידע פייער־פלאַם, ביידע פאַנאַטיש. ביידע האָבן קיין צען מינוט ניט געקענט פאַרברענגען אינאיינעם, מ'זאָל זיך ניט צעקריגן און צומאָל אויך צושלאָגן.

דער עלטערער זון פנחס, פינף־און־צוואַנציק יאָר אַלט, מיט לייב און נשמה ווי ברכה, אין ארץ ישראל, איז געווען אַן איינגעהאַלטענע נאַטור, א ברונעט אין דער מוטער געראָטן. מיט א אינערלעכן באַהאַלטענעם פייער איז ער געווען אַן אסקעט־טיפּ, וואָס האָט מיט זיין כאַראַקטער געצאַמט זיין שוועסטער, זי באַוואַכט, זי זאָל מיט איר טעמפּעראַמענט ניט ארויסקומען אָפּן און פאַרשפּילן איר פאַרבאָרגענעם קאַמף. פאַרשלאָסענע אין זיך, באַאַרבעטנדיק סאָוועטישע ערד מיט דעם כוח וואָס די ווייטע ארץ ישראל האָט צו זיי אריבערגעשיקט, האָט די יידישע פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט זיך אָפּט פאַר זיי געשפּרייט ווי איין לאַנגער, ליכטיקער טאָג; און אָפּטמאָל ווי א לאַנגע, פינצטערע נאַכט. ביידע האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט געוואָלט זען וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי. די נייע וועלט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרום זיי אויפצוגיין, האָט פאַר ביידן ניט עקזיסטירט. ביידע האָבן זיך געשפּירט ווי אין א תפיסה מיט גייסטיקע ווענט ארומגעשטעלט. דאָס אָפּשאַפן פון קאַפּיטאַל און די דערהויבונג פון פּראָלעטאַריאַט האָט זיי ניט אָנגערירט. די יוגנט טומלט, מען בויט סאָציאַליזם, מ'האָט יידן געגעבן פולע רעכט, יידן האָט מען געגעבן נאַציאָנאַלע רעכט, מ'שמועסט, אַז די מלוכה וועט באַזעצן יידן אויף פרייע ערד־שטחים — דאָס אַלץ האָט מיט

זיי זיך ניט אָנגעקערט. מיט נאָך אַזעלכע ווי זיי איז מען געווען פֿאַראייניקט אין אַ קבוצה, און ווי אַנדערע מיטגלידער פֿון דער קבוצה, האָט מען געהאַפּט אויף נסים ווען עס איז זיך ארויסרייסן פֿון לאַנד און אוועק קיין ארץ ישׂראל. אַזוי־אַרום איז מען אינערלעך ביסלעכווייז איינגעשרומפּן געוואָרן.

דידאַזיקע צווי האָבן אין דער אייגענער היים געשפּירט אַ שונא. האָבן חושד געווען, אַז מ׳הערט אונטער זייערע רייד. מ׳האָט זיך געהיט, אַז דער לייבלעכער ברודער יעפֿים, אָדער אפֿרים, ער זאָל ניט „דערלאַנגען״ וואו מ׳באַדאַרף, און אַנשטאָט ארץ ישׂראל וועט זיין כּף הקלע. כאָטש אַלע זיינען געווען קינדער פֿון דער מלחמה, בירגערקריג און רעוואָלוציע, פֿונדעסטוועגן זיינען זיי געוואַקסן מיט פֿאַרשיידענע באַגריפֿן און פֿאַרשיידענע איבער־צייגונגען.

דער פֿאָטער און טייל ווייז די מוטער, האָבן, ווי אַ סך אַנדערע, גע־גלויבט אַז יידן און פּאָגראָמען איז איינס; אַז דער רוס, וואָס ער זאָל ניט זיין, מאָנאַרכיסט, דעמאָקראָט, צי קאָמוניסט — וועט ער אַלץ געפֿינען אַ תּירוץ פֿאַרוואָס פֿיינט צו האָבן יידן. בנימין רודמאַן האָט זיך צוגעפּאַסט צו אַלץ, געזעסן אויפֿן פֿערד, בשעת ער האָט צוגעשטעלט ברויט פֿאַר דער צאַרישער אַרמיי, אין צייט פֿון בירגערקריג, ווען ער האָט צוגעשטעלט ברויט פֿאַר ביידע צדדים. אים האָט אויסגעזען רעכט צו באַדינען יעדן איינעם וואָס איז געזעסן אויפֿן פֿערד. ער האָט טריי באַדינט אין צייט יעדן איינעם וואָס האָט באַצאָלט. שפּעטער, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען אויף צום אמר־תן און ניט געטראַכט מער אָוועקצוגיין, האָבן בודק געווען וועמען זיי קענען געטרויען און וועמען ניט, האָט בנימין רודמאַן פֿאַר זיין פֿילאָזאָפֿיע טייער באַצאָלט.

דער יינגסטער זון יעפֿים, וואָס איז צו זעכצן יאָר אריין אין דער רויטער אַרמיי, פֿאַר אים האָט דער פֿאָטער מורא געהאַט. ער האָט חושד געווען, אַז זיין זון וועט אים ווען־עס־איז צודינגען ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פֿאַר־ברענטן באָלשעוויק.

ווייט אָפּגעשיידט איז געווען די עלצטע טאָכטער יוסטינע, פֿאַרצויגן פֿון יעטע. דריי־און־צוואַנציק יאָר איז זי אַלט געווען. אויסערלעך איינ־גאַנצן געראָטן אין דער מוטער, אָן אָפּגעשליפֿענע — איז איר אינערלעכע וועלט געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם אייגענעם איך. אין אַ צייט, ווען מענטשלעכער אידעאַליזם און מענטשלעכער ברוטאַלער עגאָאיזם האָבן זיך פֿאַרמאָסטן איינס דאָס אַנדערע אָפּצונאַרן, האָט זיך יוסטינע געדוקט ביים וואַנט, מיט קיינעם אין קיין קאָנפֿליקט ניט געקומען. אין די הונגער־טעג, וואָס האָבן טויט געשפּרייט איבער דרום־רוסלאַנד, וואו די רודמאַנס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן, ווען מענטשלעך לעבן האָט קיין ווערט ניט גע־האַט, איז זי מיטן געדאַנק נאָכגעגאַנגען די, וואָס זיינען ארויסגעקומען די זיגער. די, וואָס האָבן געקענט באַווייזן אין די הונגער־טעג צו קריגן ברויט און עפּעס נאָך צובן ברויט דעם הונגער צו פֿאַרטרייבן — זיי וואָלט זי אויף אַ רגע באַזעצט אויף אַ טראָן און געמאַכט קעניגן איבער אַ זאַטער רגע.

אין שמאַטעס איינגעוויקלט האָט יוסטינע אין די שמאַטעס געשפּירט איר פֿרויען־גוף. מיט איר געשליפֿענעם שׂכל האָט זי באַנומען, אַז די

בראָווע און קלוגע מענער, וואָס געפינען זיך אַלע פיר־און־צוואַנציק שעה פון מעת־לעת אויף דער שוועל פון לעבן און טויט, איז ביי זיי פאַרט פאַראַן אַ רגע ווען טויט שטעלט זיך אוועק אַן אַ זייט און וואַרט, דאָס לעבן זאָל זיין תיקון געפינען. יוסטינע האָט איר גוף געקענט. אין די יאָרן פון הונגער, ווען איר גוף האָט דערגרייכט די יאָרן פון רייפקייט, האָט זי מיט די הענט אירע בריסט געוועגן און געשפּירט זייער באַזונדערן הונגער. איר נאָמען יעטע האָט זי פאַרביטן אויף יוסטינע און איז געווען צופרידן וואָס זי דהאָט געירשנט איר מאַמעס אויסזען, און ניט דעם פלאַמיק רויטן אויסזען פון איר פאָטער. דער מוטערס שוואַרצע האָר און אויגן, דער מוטערס שמאָל פּנים און וויכע, ציטעריקע ליפּן, וואָס האָבן באַהאַלטן צווי שורות ווייסע ציין, ווען ס׳איז ניט געווען קיין צאָן־בערשטל, קיין צאָן־רייניקער — האָט זי מיט אַש געשליפן די ציין.

— זי פאַרשטייט ווי אַ מענטש דאַרף לעבן, ווען מ׳זאָל נאָר איר לאָזן נעמען וואָס איר קומט — מיט די מחשבות האָט די מוטער איר נאָכגע־קוקט.

בנימין רודמאַן האָט זיך מיט די קינדער ניט מיישב געווען ווען ער האָט געשריבן קיין אַמעריקע צו משפחה מ׳זאָל אַרויסראַטעווען און „העלפן אויסלעבן דאָס ביסל באַשערטע יאָרן ווי מענטשן.״ ווען ס׳איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף זיין בריוו, אַז אין אַמעריקע שטרעקט מען אויס די הענט צו זיי, און משפחה וועט אַלץ טאָן פון זייערטוועגן — מחמת משפחה וויל זיך פאַראייניקן — האָט ער פאַרופן די קינדער און זיי פאָרגעלייענט דעם בריוו.

כאָטש דער יינגערער זון איז יעמאָלט אויפגעשפּרונגען, געוואָרנט, אַז יעדער איינער וואָס וועט פאַרלאָזן די באַפרייטע רוסלאַנד און, אַנשטאָט צו העלפן בויען סאָציאַליזם, לאָזט ער זיך גנבענען די גרענעץ און אוועק אין אַ לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, איז אַ פאַרברעכער... ווען ס׳איז געוואָרן ערנסט, די גרענעץ האָט געוואונקען, געלט אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ אין רומעניע האָט געוואַרט, „ממש צו באָדן זיך אין געלט״ — דהאָט דאָס ווייטע גליק אַלעמען ווי איין מענטשן אויף אַ ווייל אַריינגעוואָרפן אין אַ מין פאַרכישופטן שטילשווייגן. איינער האָט אין אַנדערנס אויגן אַריינגעקוקט און אַרויסגעלייענט די צושטימונג. אפילו יעפים איז פאַרבלענדט געוואָרן און צום גרענעץ האָט ער אים געצויגן. פּלוצלונג האָט יעפים אין זיין עלטערן ברודערס האַנט דערשפּירט די נאַטירלעכע וואַרימקייט.

אין בעסאַראַביע וואָס געהער צו רומעניע האָט מען זיך אַרומגעקוקט און איינס דאָס אַנדערע האָט דערזען.

— שלעכטיקייט האָט צווישן פעלקער גרענעצן אויפגעשטעלט!

דידאַזיקע פילאָזאָפיע האָט פּנחס אַנטוויקלט און אַלע קינדער האָבן אין האַרצן מסכים געווען.

קיין אַמעריקע איז די גאַנצע משפחה דעריבער געפאָרן ווי צו אַ יום־טוב. זיי האָבן געגלויבט, אַז די צעצווייגטע לוריא־משפחה שטייט מיט אָפענע אָרעמס זיי צו באַגעגענען. און באמת האָבן זיי ביים שיף באַגעגנט אַ גרויסן טייל פון דער משפחה־לוריא, אַבער, ווי די רודמאַנס האָט זיך אויסגעדוכט, האָט מען זיי באַגעגנט אָן פרייד, מיט אַ געוויסער גאווה האָט

זיי די משפחה־לוריא באגעגנט. אפילו די טרערן פון דער איינציקער לוריא־שוועסטער האָבן זיך אין דער הייסער מינוט ניט אָנגעזען.

צו דעם איז צוגעקומען דאָס אומפארשטענדלעכע, וואָס פון שיף האָט מען זיי אריינגעזעצט אין א גרויסן אויטאָמאָביל, אין דער באגלייטונג פון הילל לוריאס זון, האָט מען זיי אָפּגעפירט צו היללן אויפן פאַרם — זיי זאָלן זיך פון דער רייזע אויסרוען. געפאַלענע ביי זיך, האָבן די רודמאנס, ווי קינדער, אויסגעפּאַלגט.

אין דעם זוניקן און האַרבסטיקן פרימאָרגן האָבן אלע אויף איין אופן געפילט די קעלט. אפילו דער אלטער ר׳ בונים, וואָס האָט ארום זיך געזוכט דעם שאָטן פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער ישראל, האָט זיך ווי א פאַרלאָרן קינד געשפּירט.

— אָט אַזוי וועט אויסזען אונדזער אמעריקע? — האָט יוסטינע געפרעגט היללן.

— יעדערער האָט דאָ געקראָגן זיין חלק אמעריקע — האָט הילל גוטמוטיק געענטפערט.

דער זעקס פוסיקער איזידאָר לוריא האָט גענומען אונטערן אָרעם יוסטינען און בשעת מעשה געוואָלט אויסשפירן ביי א פרויען־אָרעם פון סאָוועטנרוסלאַנד פאַרמאָגט אויך דעם אייגענעם כישוף וואָס אַן אָרעם פון אַן אַמעריקאנער געבאָרן מיידל.

אויפן גאַניק האָט זיך באַוויזן מינע לוריא. פון שווערן האַלדז אַראָפּ איבערן דער באַרגיקער ברוסט צו די קני איז א ברייטן געלן פאַרטעך איינגעוויקלט. מיט א ניט־פאַרקעמטן, גרויען קאָפּ האָט זי זיך באַוויזן צום דרויסן און הייזעריקלעך גערופן:

— מיר בעטן אין שטוב אריין, פליז, ברעקפעסט איז פארטיק. פליז...

— קומט אין שטוב אריין, ט׳איר עפּעס איבערכאַפּן. ט׳איר כוח האָבן צו זאָרגן — האָט הילל געמונטערט די געסט.

— אַז כ׳וועל אָפּעסן וועסטו מיר ווייזן וואָס פאַר אַ פערד איינצושפאַנען און וואָס פאר א שטיקל ערד צו אַקערן — האָט ברכה ענערגיש געררעדט — איך קען אויך דאָ אַקערן די ערד ווי אין סאָוועטנפאַרבאַנד און שפירן, אַז איך אַקער די ערד אין ארץ ישראל, כאַ־כאַ־כאַ.

* * *

די רודמאַן־משפחה איז געזעסן אין הילל לוריאס אָפּגעלאָזענעם עסצימער ארום טיש און געגעסן דעם ערשטן פרישטיק אין אמעריקע. מינע לוריא האָט אלעמען דערלאַנגט שיסעלעך „אוטמיל״, און יעדער איינער פון די געסט האָט מיטן לעפל געמישט, אויפגערודערט די געדיכטע און לויט זייער געשמאַק קאַרג־געקאָכטע קאַשע, אין דעם געזוכט דעם סוד וועגן זייער מאָרגן אין נייעם לאַנד.

אגב, האָט זיך פון אָנהויב ניט אַנטוויקלט דער שמועס וועגן אייגענעם תכלית וואָס מ׳האָט דרויסן אָנגעהויבן, צוליב דעם, וואָס אויסער די שטובלייט און די רודמאַן־משפחה איז ביים טיש געזעסן א פרעמדער מענטש, א פאַרשפּעטיקטער באָרדער, וואָס איז שפּעט ביינאַכט געקומען, און א גאַנצן פרימאָרגן האָט מען אים געהערט זיין טליפען אויף א שרייבמאַשינקע.

א מענטש פון א יאָר דרייסיק, א טונקל־בלאָנדער מיט א ביינערדיק פּנים. הילל האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די געסט — ווי א יידישער שרייבער יוחנן פעלדשטיין, וואָס קען דאָקטאר לוריאן. די געסט האָבן אין דעם אומבאקאנטן באַרדערס פּנים געזוכט דאָס יידישע ניוּיאָרק.

בנימין רודמאן האָט געקייט פלעגמאַטיש, ניט אויפהויבנדיק די אויגן פון טעלער, האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר, הילל, איז דאָס טאַקע אמעריקע?

הילל לוריאן האָט די פראַגע א שלאָג געטאָן איבערן קאָפּ. ער האָט ניט געוואָלט איבערפרעגן וואָס דער יונגער אָנקל מיינט מיט דעם. פאַר זיין דמיון איז געשטאַנען דאָס רויטע יינגל מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק.

— צי איז דאָס מעגלעך, אז דידאָזיקע האָבן געהאַט אויסצושטיין הונ־גער, קראַנקייטן, פאַרפאָלגונגען, בירגערקריג און רעוואָלוציע? זען אויס גוט; אפשר בעסער פון אונדזערע — האָט הילל געטראַכט, און ניט אויפ־געעפנט ס׳מויל צו ענטפערן אויף זיין אָנקלס פראַגע.

אויף הילס מחשבות איז דער אלטער ר׳ בונים געקומען אנטקעגן:

— נצח ישראל לא ישקר — האָט דער אלטער געמישט מיטן לעפל די קאַשע אין שיסל — כ׳טראַכט פון דעם כסדר. מיט איבער פערציק יאָר צוריק איז ער געקומען, און ניט פאַרפאַלן געוואָרן. זאָל מיר נאָר גאָט שענקען אביסעלע יאָרן, וועל איך נאָך פרואוון א פאָר טאָן צוריק, זען וואָס פון יידן איז דאָרטן געוואָרן. קיין ארץ ישראל וואָלט איך נאָך אויך חשק געהאַט פאָרן און א קוק טאָן. טאַקע א קוק טאָן און ניט מער.

— פאַרוואָס, פעטער, א קוק טאָן און ניט מער? — האָט הילל זיך געחידושט.

— דער פעטער איז א פרומער אפּיקורס — האָט פּנחס זיך אָפּגערופן.

— דער פעטער איז א שונא ציון — האָט ברכה מיט א געמאַכטן שמייכל צוגעגעבן.

— כ׳וויל פאָרן א קוק טאָן — האָט דער ר׳ בונים אויסגעמיטן צו רעאַגירן אויף ברכהס ווערטער — כ׳וויל מיט מיינע אויגן א קוק טאָן, צי מ׳קען עפּעס אויספירן, אז מ׳שטעלט זיך אַנטקעגן גאָטס וואָרט.

אַלעמענס בליקן זיינען געפאַלן אויף ר׳ בונימען. ער האָט זיך דער־שפּירט צעטומלט. דאָס וואָס ער האָט דאָ געטראַכט צו זאָגן וואָלט ער דאָרטן, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, עס ניט געטאָן. ער האָט צעשטרייט ארומ־געלעקט דאָס לעפל, אַנידערגעלייגט אין ליידיקן שיסעלע און מיט א פאַר־לאָרענעם שמייכל געפרואווט רעדן אויף דער זייט פון אומבאַקאַנטן מענטשן וואָס איז געזעסן קעגן איבער:

— מיר איז בדעבד געוועזן ניחא וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דעם ציוניזם פאַרווערט. אין דעם שטעקט א העכערע כונה. מ׳טאָר ניט דוחה זיין דעם קץ. אויב גאָט האָט צוגעזאָגט אַליין איבערפירן זיינע קינדער קיין ציון, זאָל מען האָבן געדולד. ארץ ישראל און ישראל איז איינס. לייב און נשמה. ס׳וואָלט געוואָרט אויף יידן. קיינער וואָלט עס ביי דעם אלהי־ישראל ניט צוגענומען. ער וואָלט געגעבן איבער די הענט. אין א דור שכלו־חייב, אין א דור וואָס שטייט מיט א געשאַרפטער שווערד, ווען

די גאולה ניט זיין. א סך פאלשע משיחים זיינען שוין אָנגעשטאַנען ביי ייִדן. דאָס איז א פאלשער משיח.

ביי יעפימען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. ער האָט אָנגעקוקט דעם אַלטן ר׳ בונימען און ניט געגלויבט זיינע אויערן.

— וואָס זאָגסטו, ברכה? — האָט יעפים מיט נצחון געפרעגט זיין שוועס־טער — פאַרוואָס, פעטער, האָט איר עס דאָרטן ניט געזאָגט, זי זאָל עס הערן?

ברכה, אַן אונטערגעשווענקטע פון איר ברודערס צופרידענע רייד, האָט זיך שטיל אויפגעהויבן און ארויסגעשפּאַנט דרויסן.

איזידאָר לוריא האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך איר, האָט זי ארויפ־געכאַפּט אויף די הענט, אריינגעטראָגן צוריק אין שטוב אריין און אַנידער־געזעצט ביים טיש.

— ביי אונדז אין אמעריקע ווערט מען ניט ברוגז. ביי אונדז אין אמעריקע הערט מען אויס אַ מיינונג און מ׳ענטפערט אָפּ אָלרייט. ביי אונדז שלאָגט מען א קעגנער אונטער אַן אויג, אַז ער איז חוצפּהדיק. אָבער אַנטלויפן, האָט מען עס אייך אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע געלערנט?

גאָלדע רודמאַן האָט זיך געשפּירט פאַרשעמט פון איר קינדס האנדלונג. זי האָט מיט די קינדער אָפּגערעדט, אז אין אמעריקע, אזוי לאנג ווי מ׳וועט זיין ביי אייגענע, זאָל מען זיך האַלטן ווי מענטשן און ניט אַרויסווייזן קיין שנאה וואָס די צייט האָט איינגעפלאַנצט איינס צום אַנדערן. זי האָט געהאָפט, אַז פאַרלאָזנדיק דעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועלן אַלע צוויסטיקייטן פאַר־שווינדן, די קינדער וועלן אלע ווי איין מענטש זיך אַ לאָז טאָן זוכן א תכלית. צום סוף גאָר, מען איז נאָך קיין מעת־לעת ניט אין אמעריקע, און שוין האָט מען קיין געדולד ניט.

— זאָג זיי, בנימין, — האָט גאָלדע גערעדט מיט באַהאַלטענעם פאַרדרוס — אַז פון איין טאַטע־מאַמע זיינען זיי געבאָרן געוואָרן. דאָרטן זיינען מיר ניט געוועזן קיין טאַטע־מאַמע. דאָרטן זיינען מיר געוועזן שונאים, מיש־טיינס געזאָגט. דאָרט האָט מען מיט סם אָנגעגאָסן די הערצער פון קינדער צו זייערע טאַטע־מאַמע.

— מיר קריגן זיך ניט, מאַמע, — האָט יעפים געפּרואווט פאַרבעסערן די שטימונג.

— מיינע קינדער רייסן זיך אויף פאַר די נעז — האָט מינע אָפּגע־ווישט א טרער — דאָ איז עס אויך ניט בעסער.

— ביי אייך אין אמעריקע גלויבט מען אויך, אַז קינדער, וואָס זיינען געוואַקסן ביי איין מאַמען אונטערן האַרצן, שטאַמען טאַקע פון איין פלייש און בלוט? — האָט יוסטינע קאָקעטיש אַריבערגעקוקט צום באָרדער, וואָס האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער הערט ניט וואָס מ׳רעדט ביים טיש — ביי אונדז האָט מען דערציילט, אַז אין אמעריקע, קינדער איין טאָג אַלט, לאַכן אויס טאַטע־מאַמע, כאַ־כאַ־כאַ.

— מיר איז ליבער צו הערן וואָס געסט פון אַזאַ וואונדערלעך לאַנד רעדן — האָט דער באָרדער געענטפערט.

נאָך פרישטיק האָט גאָלדע רודמאַן פאַרנומען אין קיך אריין מינען. מיט נאַטירלעכער וואַרימקייט האָט זי דער ברייטער מינען געהאַלטן אונ־

טערן שווערן אָרעם און איר ארײנגעקוקט אין די אויגן ארײן. בײדע פרויען האָבן אײנע בײ דער אַנדערער אין פּנים געפּאַרשט די סודות פון אן אָפּגע־לעבט לעבן.

מינע לוריא האָט זיך ניט געקענט אויסמאָלן, אַז שוועסטערקינדער איז מען. גאָלדע רודמאַן האָט ניט געקענט פאַרשטײן ווי אין אַזאַ לאַנד מיט אַלע מעגלעכקייטן לאָזט זיך א פּרוי אַזוי אָפּ. בײ בײדן אין הארצן האָט אײנער און דער זעלבער געפיל זיך גערירט, אז די ניו־יאָרקער לײט ד'האָבן ניט מיטן גאַנצן הארצן געטאָן די מצוה פון הכנסת־אורחים. ניט צו באַלײדיקן די גאַסטפרײנטשאַפט פון דעם פאַרמער לוריא האָט מען אין דער הויך ניט איבערגערעדט וועגן דער עוולה וואָס מ'איז באַגאַנגען מיט דעם, וואָס בײ זיך אין די דירות האָט מען קײן פּלאַץ ניט געפונען ארײנ־צונעמען די געסט.

די פּשוטע מינע האָט עס ניט געקענט באַהאַלטן. ווי נאָר מ'האָט זיך גוט און וואַרים אָנגעקוקט, האָט זי אויסגעשאָסן:

— זײנען חזירים... כ'האָב עס לאַנג געוואוסט. פון חזירים קען מען קײן בעסערס ניט עקספּעקטן.

— וואָס מײנסטו, טײערע? — האָט גאָלדע רודמאַן זיך אָנגעשלאָגן וואוהין די פּשוטע מינע צילט.

— מיר איז א פלעזשור וואָס איר זײט דאָ. אָבער איך קען עס ניט באַהאַלטן, האָב שוין מיט היללן אויך גערעדט. דערפאַר ווײכן מײנע פיס זײערע הײזער, אז איך קום אין שטאָט ארײן. ווען איך וואוין אין ניו־יאָרק, צי וואָלט מיר אָדער היללן אײנגעפאַלן צו נעמען גלײך פון שיף, אפילו ניו־יאָרק ניט ווײזן, און אוועקשיקן אין קאָונטרי... פון שיף אײך ניט ארײנגענומען צו זיך אין שטוב ארײן...

גאָלדע ד'האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי איז געווען צופרידן וואָס די פאַרהאַרעוועטע און אומגעלומפּערטע, שווער־געוואָרענע פרוי רעדט פאַר אירעטוועגן; רעדט ארויס ממש וואָס איר אײגן הארץ פילט. אין אמתן ווערגט זיך די גאַנצע משפחה מיט די אײגענע געפילן, און ס'איז נאָך קײן געלעגנהײט ניט געווען זיך צוזויפנעמען און זיך אַראָפּרעדן פון הארצן.

— אפשר האָבן זײ גוט געמײנט, וואָרן ניו־יאָרק וועלן מיר ניט אָנווערן

— האָט גאָלדע רודמאַן אָנגעצויגן מינען, זי זאָל נאָך עפּעס זאָגן וועגן די ניו־יאָרקער — זײ האָבן גוט געמײנט, געקלערט, פון אַזאַ וועג וועלן מיר זיך דאָ בעסער אויסרוען.

— מײן מאַן קען זײ אויך ווער זײ זײנען — האָט מינע ניט אָפּגעלאָזן

— כאָטש מיט אײנס זײנען זײ גערעכט ווען זײ האָבן געמאַכט פאַן פון היללן וואָס ער האָט זיך אין קאָפּ ארײנגענומען צו ווערן א פאַרמער.

— איך פאַרלאַנג פון קײנעם גאָרניט מער. די קינדער זײנען גע־זונטע, געוואוינט צו אַרבעט. מיר וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן. איך אלײן וועל מיטן קאָפּ פאַרלײגן און וועל זען צו קײנעם מער ניט אָנקומען. בנימין וועט אויך געפינען אין וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען. ער קען אַלצדינג טאָן. און איך, וואָס די צײט האָט מיך ניט אויסגעלערנט! קײן שום זאַך וועט מיר ניט זײן צו שווער.

— א מענטש דארף זיך ניט פאַרפינצטערן ס׳לעבן ווי איך האָב עס געטאָן.

— איך האָב נאָר געוואָלט ארויס פון גד־הינום, וואָס פאַר מיין יינגערן זון איז עס געווען א גן־עדן. די נויט האָט מיך אויסגעלערנט צו זיין א נייטאָרין. יוסטינע וועט מיר אַרויסהעלפן ווי זי אָט עס דאָרטן געטאָן. אפשר וועל איך דאַרפן צו אימעצן אָנקומען, א ניי־מאַשין אריינגעמען אין שטוב אריין.

— פאַר וועמען וועסטו נייען?

— וואו מ׳זאָל ניט וואוינען, זיינען פאַראַן שכנים.

— אין אמעריקע איז עס אביסל דיפערענט, די פרוי וויל דאָ אָנזען די ליכטיקע וועלט.

קוקנדיק אויפן גאַסט האָט מינע זיך ניט געקענט אויסמאָלן, אז די־דאָזיקע אויסגעאיידלטע פרוי קומט פון די באַלשעוויקעס, ווי זי האָט סאָוועטן־פאַרבאַנד אָנגערופן, וואָס האָט דאָרטן מסתמא געהונגערט, און אזוי אויפגעהיט ס׳פּנים. „זאָל זי טאַקע מיינען צו טאָן וואָס זי זאָגט?״

— געלט האָט ביי זיי ניט קיין ווערט. וועלן איך ניט זשאַלעווען — האָט מינע לוריא געוואָלט אביסל פאַריכטן — קריינע האָט א גוט הארץ, כאָטש איר גאַנצע גבירישקייט בין איך איר ניט מקנא. דער דאָקטאָר, כאָטש ער האָט חתונה געהאט, איז ער צוגעלאָזן צו מענטשן.

גאָלדע רודמאַן איז ארויס דרויסן און געטראָפן איר גאַנצע משפחה הינטערן שטוב אָנגעשפּאַרט אָן שאַרפן אָפּשניט פון א פעלז, וואָס האָט פון אונטער גראָזיקער ערד ארויסגעשטאַרצט צו דער זון.

— וואָס זייט איר אזוי שטיל געבליבן? — האָט די מוטער ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט איר משפחה — דאָ קען יעדערער זאָגן וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט.

בנימין רודמאַן האָט נערוועזיש באַטאַפּט זיין צוגעשווירענע רויט־גרויע באָרד. אים האָט אויסגעוויזן, אז א צו לאַנגע באָרד האָט ער געבראַכט קיין אמעריקע.

— מיר רעדן פון דער מיליאָנערסקער קרובה, וואָס האָט אונדז ביים שיף באַגעגנט מיט טרערן — האָט יעפים סאַרקאַסטיש גערעדט — כ׳האָב פיינט גבירים מיט זייער פאַסקודנעם אָנשטעל.

— וועסט ניט וועלן נעמען פון זיי מערער, איז עס דיינע א זאַך — האָט די מוטער אים געמוסרט — ביז איצטער האָבן זיי אונדז קיין רעה ניט געטאָן; אפילו מיט דעם אָפּשיקן אונדז אַהער אויף אַביסל צייט.

היילל איז אָנגעקומען און באַמערקט די נידערגעשלאָגנקייט פון די געסט.

— זייט ניט אומעטיק, אירט אייערס געפינען. ברכה׳ן וועלן מיר דאָ מאַכן א היים, כאַ־כאַ־כאַ... פאַראַן אין ניויאָרק א פאַר לייטישע מענטשן אין משפחה. ביי אונדז שמועסט מען, אַז די סאָוועטשיקעס קלערן באַזעצן יידן ביי דער ערד. אפשר וועט מען דאָרטן מאַכן א שטיקל טאָלק מיט יידן. אָט, זייט איר ביידע, כ׳מיין ברכה און פנחס, דאָרטן געווען חלוצים.

— ווי אַזוי קומט מען קיין ניויאָרק, גייט פונדאַנען ערגעץ אַ באַן אַהין? — האָט יעפים אומגעדולדיק איבערגעריסן דעם שמועס.

— ניויאָרק וועט פון דיר ניט אַנטלויפן. דוכט זיך, אפרים רופט מען דיך. ווייסט, מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק האָט מען געקלערט ביי אונדזערע הייסע קעפּ, אַז דאָ וועט ווערן א מין ארץ ישראל — האָט הילל לוריא געקוקט אינדערוויט — אָט, ווי איר קוקט אָן די געגנט, זיצן דאָ צעוואָרפן א סך יידן. האָבן זיך תחילת גענומען צו דער ערד, שפּעטער זיך גענומען צו עפּעס אַנדערש. איך, נאָר, עקשן זיך און רייס מיט דער נאָז די ערד. אפשר גלייכער וואָס זיי ציט עס קיין ארץ ישראל. א קריזיס דאָרטן, אָבער, ווי מ'דערציילט, טוט מען עפּעס דאָרטן.

— ווי נאָר כ'בין געקומען צום שכל, האָב איך געזען אז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען יידן געגעבן אלע רעכט אונטערצוגיין ווי א פאָלק — האָט פנחס אָנגעהויבן, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון זיין יינגערן ברודער — איך וויל לעבן ווי א גאַנצער מענטש און גאַנצער ייד, דעריבער בין איך פון דאָרטן געלאָפן. אויב כ'וועל עס אין אמעריקע ניט קענען אויס־פירן, וועל איך לויפן פונדאַנען.

— ביי מיר איז אמעריקע א סטאַנציע אויפן וועג קיין ארץ ישראל, כאָטש כ'האָב זיך געלערנט צו קענען רעדן אביסל ענגליש — האָט ברכה געזאָגט — דעריבער אַרט מיר ניט וואו איך וועלן דערווײַלע זיין.

— אין ניויאָרק, שמועסט מען, זיינען פאַראַן ביי צוויי מיליאָן יידן, קען מען שוין אוודאי לעבן ווי א גאַנצער ייד און גאַנצער מענטש.

— ניט אויף די יידן האָב איך אויסגעקוקט — האָט פנחס אָפּגעענט־פערט היללן.

אַ ווייל איז מען שטיל געבליבן. הילל לוריאן האָבן געחידושט פנחסעס רייד. א פאָרטאַיעט פייערל האָט הילל באַמערקט אין פנחסעס אויגן; ווי אַ נסתר האָט ער אים אויסגעזען, וואָס איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אומגע־גאַנגען מיט א שלאָס אויפן מויל, בלויז געבערנט מיט דעם פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון לאַנד, און האָט אפילו פאַרגעסן ווי צו רעדן. „זי האָט שוין יאָ איר ציגל פריי" — האָט הילל געטראַכט וועגן ברכהן.

— איר וועט אלע אינאיינעם עפּעס אָנהייבן — האָט הילל גע־פּרוּווט א מונטער טאָן — איר וועט ניט פאַרפאַלן ווערן.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן — האָט גאָלדע זיך אָפּגערופן.

— צוליב וואָס אַלע אינאיינעם? — האָט יעפים געזאָגט — איך בין געפאָרן קיין אמעריקע און מיטגענומען מיין אידעאַל. אויך דאָ וועט מיר אויסקומען צו פאַרטיידיקן דאָס, צוליב וואָס איך בין געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. כ'ווייס גוט מיט וועמען כ'וועל דאָ דאַרפן גיין אינאיינעם.

פונוויטן האָט זיך באַוויזן דער באָרדער, יוחנן פעלדשטיין; ער האָט זיך געישובט, צי ער זאָל צוגיין.

— קומט צו נענטער, מיסטער פעלדשטיין, — האָט הילל אים אַ רוף געטאָן — איך קוק דאָ אָן מיינע קרובים. אָט איז א ברודער פון מיין מאַמע, וואָס איז אויפן שיף קיין אַמעריקע מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק געשטאָרבן. עד היום הער איך ניט אויף צו טראַכטן ווי מ'האָט גענומען מיין טויטע מאַמע און אין ים אריינגעוואָרפן. אָט, זיינען יונגע, לעבעדיקע מענטשן... לעבן, משמעות, איז שטאַרקער פון טויט.

יוחנן פעלדשטיין איז פּאַרזיכטיק צוגעגאַנגען. ער האָט געפּילט, אַז דאָ רעדט מען ארום תכלית ענינים, און ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין איבעריקער, כאָטש געסט אין געשטאַלט פון א משפחה פון סאָוועטנפּאַר־באַנד, האָט אים שטאַרק געריפט צו דערקענען נענטער און אויספרעגן. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געכאַפּט אויף זיך בליקן פון די צווי מיידלעך; דער עיקר האָט אים געריצט די עקשנות־דיקע בליקן פון דער עלטע־רער טאָכטער, פון יוסטינען.

ווען ער איז צוגעקומען, האָט יוסטינע זיך אויסגעגלייכט, צו באַווייזן אין דער זון איר גרייס.

— איר זייט דאָך ניויאָרק, קומט אַהער, לאָמיר זיך באַקענען מיט ניויאָרק — האָט יוסטינע זיך געקליגל״ט — ווי זאָגט מען באַנ׳אייך אין ענגליש: — איט איז א בעוטיפול מאָרנינג, כאַ־כאַ־כאַ...

יוחנן פעלדשטיין איז אַביסל צעטומלט געוואָרן פון יוסטינעס ארויס־פּאַר, ס׳בלוט איז אים אין פּנים געקומען.

— כ׳האָב געקלערט, אז אין אמעריקע רויטלט זיך ניט אַ מענטש ווען א פרוי רעדט צו אים — האָט יוסטינע ניט אָפּגעלאָזן — איר זייט אַ יידישער שרייבער, זאָגט מיר מיין שוועסטערקינד, צוליב וואָס דאַרף מען דאָס דאָ שרייבן יידיש?

— ס׳איז סאָוועטישע פילאָזאָפיע; מיר קענען זי דאָ — האָט פעלד־שטיין זיך באַמיט צו זיין גוטמוטיק.

— פאַרוואָס זיינען יידן אין אַמעריקע ביז איצטער נאָך געבליבן יידן?

— האָט יוסטינע זיך איבערגעשטעל״ט נענטער צו פעלדשטיינען — דאָ לאָזט מען דאָך יידן זיך אויסמישן מיט ניט־יידן. אימעצער האָט אָנגערופן אַמעריקע דער גאָלדענער טאָפּ.

— מיינסט א שמעלץ־טאָפּ — האָט הילל אונטערגעכאַפּט.

— אַ שמעלץ־טאָפּ טאַקע, וואו אלע מענטשן... ס׳איז זייער קאָמיש

— האָט יוסטינע אויפגעלעבט — מיך האָט געצויגן קיין אמעריקע, און כ׳האָף דאָ קריגן דאָס וואָס א מענטשן קומט.

— וואָס קומט א מענטשן? — האָט יוחנן פעלדשטיין געפרעגט.

— דאָס רעכט צו לעבן.

— דאָס גיט מען קיינעם ניט. דאָס נעמט מען.

— ניט אומעטום ראַזרעשאַיעט מען צו נעמען.

— ליבע און לעבן, האָס און לעבן,ביידע זאַכן קען מען קריגן נאָר דורך יענעם.

—ניט דאָס מיין איך — איז יוסטינע צעטומלט געוואָרן.

— איך קוק אויף אייך אלעמען און טראַכט, אז דאָרטן, פונוואַנען איר קומט, איז אויך פאַראַן דער שליסל צום לעבן.

— כאַ־כאַ־כאַ, מ׳האָט זיך אין איראָפּע אביסל אויסגעקליידט, פּראָס־טיטיע.

— די רעוואָלוציע האָט דער פאַרעלטערטער מענטשהייט איינגעגעבן א פאַריינגערונגס־טאַניק. ס׳אייגענע מיט אונדזערע קאָמוניסטן דאָ. זיינען יינגער געוואָרן.

— איז עס ווינציק פאר אייך ? — האט יעפים ניט געקענט מער שווייגן — קאמוניזם האט די מענטשהייט טאקע יינגער געמאכט. איך בין צופרידן וואס איר פארשטייט עס — איז יעפים מיט גאוה אראפגעקראכן פון שטיין.

— אפשר ווייסט איר בעסער — האט פעלדשטיין גלייכגילטיק געענט־פערט. — כ׳האב ניט געטראכט מיט אייך פארפירן קיין דעבאטע.

— כ׳האב ניט געמיינט אייך צו באליידיקן — האט יעפים זיך דערפילט אומבאקוועם.

ס׳איז אנגעקומען הילס זון איזידאר, אפגערופן אן א זייט זיין פאטער, און געזאגט אים, אז די מוטער וויל זאים זען; זי איז אין קיך. ער איז מיטן פאטער מיטגעגאנגען.

מינע לוריא איז געשטאנען אין קיך, געוואשן די כלים און מיטן ארעם געווישט די טרערן.

— פרעג איר, פא, פארוואס זי וויינט.

היללל האט געקוקט אמאל צו זיין זון און אמאל צו זיין ווייב, ניט באנומען וואס דא קומט פאר.

— וואס ווינסטו, מינע ? — איז הילל צו איר צוגעגאנגען.

— וואס איז מיט דיר, מא ? — האט איזידאר ארומגענומען מינען און געקושט איר באקן.

ניט באקומענדיק קיין ענטפער, האט איזידאר א וואונק געטאן צום פאטער, ער זאל ביי דער מוטער אויסגעפינען וואס זי וויינט, און איז ארויס פון קיך.

— וואס, פון מיר ווילסטו האלטן א סוד ? פארוואס גייסטו ניט ארויס דרויסן ? זיי פרעגן זיך נאך אויף דיר.

— אמתע מוזשיקעס — דאס האבן זיי געזאגט אויף אונדז — איז מינעס געוויין איבערגעגאנגען אין פארדראס — זיי זיינען גערעכט. אפגע־פוילט דא א לעבן. געדארפט, משפחה זאל קומען פון רוסלאנד און זאגן, אז מיר זיינען דא געווארן מוזשיקעס.

— ווער, וואו, ווער האט עס געזאגט ?

— כ׳האב שוין געהערט. ס׳אי מיר אין די אויגן פינצטער געווארן. די, די עלטערע האט עס געזאגט, האט די יינגערע איבערגעשלאגן און געזאגט, אז די מוזשיקעס זיינען איר טייערער ווי די שטאטישע גבירים.

— זעסטו, דאס איז שוין עפעס אנדערש — האט הילל אפגעווישט ביי מינען די טרערן וואס זיינען געבליבן הענגען אונטער די אויגן — איך געדענק זיי פון דער מאמעס צד, זאל זי זיין אין גן־עדן, האבן זיך אלע געשניטן אויף פריצים.

ביי די ווערטער איז ברכה אריינגעקומען.

— איך בין ניט געוואוינט ארומגיין ליידיק און מ׳זאל מיך באדינען. לאזט מיר, כ׳וועל אליין אויסוואשן די כלים. גענוג, אז איר האט אונדז אנגעקארמעט. לאזט מיר אייך גאר רופן מומע, מומע מינע, כא־כא־כא.

מינען איז מיט אמאל ס׳הארץ אפגעגאנגען. זי האט ארומגעכאפט ברכהן און געטוליעט צו איר ברוסט.

* * *

די רודמאַנס, ביים אָנקומען אין לאַנד, האָבן אויפגעזוכט ביי זיך א שווייגן און פאַרטאַיעטקייט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. זיינען געקומען זען, און ניט פרעגן. געקומען אַליין לערנען. געקומען זוכן אַ היים אין דער אויסגעחלומטער ענגשאַפט. האָבן זיי דעריבער ביים אָנ־קומען געמאַכט דעם איינדרוק פון מידע און נעבעכדיקע. ס׳איז געווען נאַטירלעך, וואָס ביי די מערערע מיטגלידער פון די לוריאס, וואָס האָבן די רודמאַנס באַגעגנט ביים שיף, איז געבליבן מ׳זאָל זיי אוועקשיקן צו הילפן אויפן פאָרם. „זאָלן זיי אָפּעסן צו זאַט און אָפּכאַפּן דעם אָטעם״. אין דער דרייסער מינוט האָט מען אפילו ניט באַמערקט, אז ביי די רודמאַנס, פון טאַטע־מאַמע ביז צום יינגסטן קינד, האָט געזונט בלוט געריזלט אין דער הויט פון פנים, און א יוגנטלעכער פייער אין די אויגן.

ערשט, ווען די רודמאַן־משפחה איז נעלם געוואָרן פון ניויאָרק, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז ניט קלוג געווען זיי צו באַגעגענען און פאַר־שיקן, אפילו ניט אויפנעמענדיק ווי עס פּאַסט. אַזוי האָט מען אויך ביי הילפן אויפן פאַרם געשפירט; און אַזוי האָבן די רודמאַנס אָפּגעשאַצט די באַגעגעניש. דעריבער איז ביי יעדן איינעם פון זיי דער אייגענער איך ארויסגעקומען און האָט געמאָנט. יעדער איינער האָט אויף זיין אופן אָפּגע־שאַצט און באַטראַכט די קרובים, וואָס האָבן ניט געגעבן קיין געלעגנהייט אפילו זיך געגנוג אָנצוקוקן. ביז הילל אליין, אינאיינעם מיט זיין זון האָבן די געסט פאַרנומען און געפירט צוריק אין שטאָט אריין.

אין שטאָט האָט אויף די רודמאַנס געוואַרט א לייטישע דירה פון פיר צימערן אויף דער איסט־סייד. קעראָלאַין סטאָן האָט עס מיט דער הילף פון פערל לוריא אויפגעזוכט. מחמת קעראָלאַין האָט נאָך אַלץ אין הארצן געטראָגן א בענקשאַפט צו דער איסט־סייד, האָט זי באַשלאָסן דאָרטן באַזעצן די „גרינע״ געסט. זי האָט באַוויזן פאַר די עטלעכע טעג אריינצושטעלן אין דער דירה באַשיידענע מעבל, „כדי די קבצנים זאָלן זיך שפירן באַקוועם״. די רודמאַנס, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט און געפונען א צוגע־גרייטע היים, האָט עס געוועקט ביי זיי א געפיל פון דאַנקבאַרקייט איינ־איינעם מיט א געפיל פון זאָרג און אומזיכערקייט.

גאָלדע רודמאַן, וואָס האָט אָפּגעלעבט יאָרן פון אומזיכערקייט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג; וואָס האָט, ווי א דעקלאַריסטע אין סאָוועטנפאַרבאַנד, כאָטש געוואָלט זען אירע קינדער אויף א זיכערן באָדן, ביי דער טיר פון א זיכערער צוקונפט, האָט ביים אָנקומען אין אומבאַקאַנטן לאַנד, דווקא אין א שטאָט פון מיליאָנען יידן, דערפילט א באַזונדערע אחריות גאָר פאַר זיך אליין.

— וואָס פריער, בנימין, — האָט זי גערעדט צו איר מאַן — מיר וועלן זיך שטעלן אויף אייגענע פיס, אלץ גליקלעכער וועל איך זיך פילן. וואָס פריער מירן אַראָפּ אויף אייגענע קעסט, אלץ ליבער וועט זיין דאָס לעבן.

ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז קעראָלאַין סטאָן האָט איינגעצאָלט פאַר צוויי חדשים פאָרויס דירה־געלט, און אויך אָפּגעצאָלט פאַרן מעבל, האָט עס איר א קלאַפּ געטאָן אין הארצן. כאָטש אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין; כאָטש דעם גאַנצן וועג ביז אמעריקע האָבן די רודמאַנס מיט א גרינגער האַנט געביטן די דאָלערס וואָס זיי איז אָנגעקומען פון אמעריקע, פונדעסטוועגן, אז מ׳האָט שוין דערגרייכט דאָס געווינטשטע לאַנד, האָט

די לוריא־משפחה האָט צוגעקראָגן פריש בלוט. יונג, ענערגיש און רעוואָלטירנדיק בלוט. ניט אַלע מיטגלידער פון דער לוריא־משפחה האָבן אויף איין אופן דידאָזיקע מתנה אָנגענומען. אויף יעדן איינעם פון די עלטערע לוריאס האָט דאָס אָנקומען פון דער יונגער רודמאַן־משפחה אַנדערש געווירקט.

צוויי־און־פערציק יאָר זיינען אפשר ניט קיין סך, כדי דורך זיי זאָל מען קענען אָפּמעסטן די ווייטקייט און די מחיצה וואָס האָט אָפּגעטיילט דור פון דור; ווי ווייט דער צווייטער דור האָט מיט זיך פאַרטראָגן די וואָרצלען פון ערשטן דור, ניט איינגעפלאַנצט אין דער נייער צייט, וואָס האָט דעם נייעם דור באַגעגנט. אָבער די צוויי־און־פערציק יאָר, וואָס האָבן די לוריא־משפחה אָפּגעגרעניצט פון דער אַלטער וועלט, און האָבן די רודמאַנס אָפּגעטיילט פון די לוריאס, אין דידאָזיקע יאָרן האָט די שטאַרקע דערוואַכונג אויך אריינגעטראָגן נאַציאָנאַלע מידקייט ביים זייט פון סאָציאַלן ווידערגעבורט. און פאַרקערט — נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און איבער־שאַצונג פון אַלערליי טראַדיציאָנעלע אַלטע ווערטן.

אַלץ וואָס האָט דאָ אין לאַנד געבליט אויף דער יידישער גאַס אין יענע „גרינע" יאָרן, ווען ארבעטן זעכצן שעה אין מעת־לעת איז געווען א ברכה פאַר די ניי־געבאָרענע גלידער און מוסקולן; אפיקורסות, אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, דאָס האָט איצטער ביי א סך פון די איינגעזעסענע אויסגעזען ווי איבעריקער טומל אין א צייט וואָס איז גוט צו רוען און שלאָפן. מלחמה, און שפּעטער די סאָוועטישע רעוואָלוציע, איז געווען פאַר איינעם א באַלזאַם וואָך צו זיין, און פאַר א צווייטן — א קללה פאַר אייגענע זינד. פאַר איינעם — א טיר צו א נייער, פרייער צוקונפט; און פאַר א צווייטן — דער יום טוב פון טומלמאַכער.

אפילו די נאַציאָנאַלע היים, וואָס האָט זיך שוין געבויט מיט אימפּעט אין לאַנד פון די אבות; דער חלוצים־גייסט וואָס האָט דאָ געוועקט דעם נאַציאָנאַלן גייסט ביי די, וואָס האָבן זייערע האָפענונגען ארויפגעלייגט אויף דעם „אַלמענטשלעכן וואָגן", די סאָציאַליסטן — דאָס האָט אויך געהאַט אַ דאָפּלטן זינען אין אונדזער גאַס, וואו פון איין פענצטער האָט זיך געריסן התקוה־געזאַנג; און פון אַנדערן פענצטער — דער אינטערנאַציאָנאַל. ווען אויף איין וואַנט איז געהאַנגען דאָס בילד פון טעאָדאָר הערצל און מאַקס נאָרדוי, און ביים אַנדערן אויף דער וואַנט — בילדער פון מאַרקסן און לענינען. ס'איז אויך צוגעקומען די מחלוקות מכוח דער אייביקייט פון פאָלק ישראל. ווער ס'האָט אין ארץ ישראל אָנגעהויבן ארויסזען דעם קיום פון צעזייטן פאָלק, און ווער — אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע, אין לאַנד פון קלאַסישע פּאָגראָמען, אַז דאָרטן דווקא, וואו די אונטערדריקטע מענטשהייט איז באַפרייט געוואָרן, וואו פעלקער האָבן זיך אויסגעגלייכט אין זייער ווערט, דווקא דאָרטן איז מקוים געוואָרן דעם נביאס „והיה ביום ההוא..." און עס וועט זיין אין יענע טעג, וועט רשעות אָפּגעמעקט ווערן און גערעכטיקייט וועט ס'אָרט פאַרנעמען. און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דווקא אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע דערוויל געזען דעם קוואַל פון שלעכטיקייט און רשעות; געזען דעם תהום וואָס וועט מיט דער צייט איינשלינגען דאָרטן דעם שארית ישראל.

מען אויף די דאָלערס וואָס זיינען נאָך געבליבן פון וועג, געקוקט ווי אויף נדבה־געלט. דווקא אין דער איינגעאָרדענטער דירה האָט זיך גאָלדע דער־שפירט געפאַלן ביי זיך.

גאָלדע האָט דאָס מעבל אַרומגעכאַפּט, געפילט די מאַטראַצן אויף די בעטן, די קישנס, און ס'האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן. גאָר אָן חשבון האָבן די טרערן גערונען פון די אויגן. די מיידלעך האָבן עס באַמערקט און האָבן תחילת ניט געפועלט ביי זיך מוסר זאָגן דער מוטער הלמאי זי טוט עס.

דער ייִנגערער זון יעפים האָט געגלעט דער מוטערס פּלייצע און געזאָגט:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, מאַמע, מירן פאַרדינען און וועלן עס דיינע רייכע קרובים מיט פּראָצענט אומקערן.

— זאָג ניט וואָס דו מיינסט ניט, מיין זון. פאַרשטייסט ניט וואָס מיר טוט וויי.

— כ'מאָל מיר אויס, אַז דיר פאַרדריסט, וואָס אימעצער האָט עס פאַר דיר צוגעגרייט.

— דער אימעצער איז ניט קיין פרעמדער, דער אימעצער איז אַ קרוב און האָט עס געטאָן פון גאַנצן האַרצן — האָט גאָלדע ניט געוואָלט זיך טיילן מיט יעפימס געדאַנקען — איך קלער פון גאָר עפּעס אַנדערש. כ'קלער, צי אין דער־אָ נייער היים וועט אין מיין שטוב זיין פרידן.

אויך בנימין רודמאַן איז געווען אומעטיק. די הענט, ווי זיי וואָלטן אים צו לאַנג געוואָרן פון גאָרניט טאָן. ער איז אומגעגאַנגען צווישן די ווענט פון דער מיט צוויי חדשים פאַרויס באַצאָלטער דירה, און האָט אין איר זיך געפילט פרעמד. אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע איז אַפּנים ביי אים דאָס געפיל און ליבע צו אייגנס אָפּגעשטאָרבן.

— גיי, רייס איין די וועלט און בוי פאַר זיך אַ היים... אַ וויסטער חלום, ניט מער. גיי, שלעפּ צונויף שטיין צו שטיין און זאָג: ס'איז דיין אייגנס, האָב הנאה פון דעם, אַז מ'לאָזט דיר פון דעם קיין הנאה ניט האָבן!

דאָס איז געווען דאָרטן. און איצטער, בנימין רודמאַן האָט צומאָל געפילט ווי די אמאָליקע כוחות, וואָס האָבן אים געדינט אין צאַרישן רוס־לאַנד, די אייגענע כוחות רייצן אים: „דאָ ביסטו פריי צו טאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט, באוויז, אַז דו ביסט נאָך ניט אויסגעשפּילט.“

די קינדער, יעדער איינער אויף זיין אופן האָט געפילט, אַז מען וועט דאָ דאַרפן אַרויסגיין זוכן וואָס צו טאָן. און אויב ס'וועט זיך איינגעבן, וועט עס זיין אַ טריט נענטער צו זעלבשטענדיקייט, אַ טריט נענטער צו אַן אייגן ווינקל, און אַ טריט ווייטער פון דערהיים, וואָס זיי האָבן אויף איר ניט געהאָרעוועט.

צווישן די זאַכן וואָס זיי האָבן אין דער נייער היים געפונען איז געווען אַ גאַנץ גרויסער שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אין איינעם פון די שלאָף־צימערן. יעדער איינער פון די רודמאַנס וואָס האָט זיך אַנטקעגן שפּיגל געשטעלט, האָט אין זיינע אייגענע אויגן זיך פרעמד אָנגעקוקט.

דעם אייגענעם אָוונט זיינען די געסט פאַרבעטן געוואָרן צום עלטסטן ברודער, צו דניאל לוריאַן. דניאל לוריא, וואָס האָט מער פון אַלע אַנדערע קינדער געקוקט אויף די סאָוועטישע יידן ווי אויף די פאַרטריבענע צען שבטים, האָט ניט נאָכגעטראַכט, צי אַלע קרובים פון מוטערס צד האָבן אין דער פאַרלאָרנקייט שטאַרק געבענקט צום לאַנד פונוואַנען די צען שבטים זיינען מיט טויזנטער יאָרן צוריק פאַרטריבן געוואָרן.

זיין ווייב, די גרטע, האָט ממש דערשפּירט אין זיך יענע פאַטעטישע וואַרימקייט צו יידן ווי מיט פערציק יאָר צוריק, ווען זי, אַן ערשט געבוירענע יידישקע, האָט געקוקט צו די וואָס ווערן פאַר פרעמדע זינד אַרויסגערודפט פון פאָגראָמען־לאַנד. ווי איר מאַן, אַזוי אויך זי, האָט מיט שרעק געקוקט צום סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו מ׳לאָזט די ציוניסטן קיין קאָפּ ניט אויפהויבן.

ס׳איז געווען פאַר די לוריאס אַ מין קיבוץ גלוית, ווען די אַלע מיט־גלידער פון דער משפחה, ערשטער און צווייטער דור, האָבן זיך פאַרזאַמלט לכבוד די געסט. אפילו דניאל לוריאס געשמדטער זון דייוויד, אַ ריכטער אין אַ נאַכט־געריכט, וואָס האָט איצטער געהייסן ריכטער דייוויד לאָריע, האָט באַוויליקט צו קומען, און מיט זיין אייגענער דערשיינונג באַוויזן די געסט וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן יידן האָבן אין אַמעריקע.

צווישן די גרינע און די אמעריקאַנער קרובים זיינען געלעגן אומבאַ־קאַנטע וועלטן. די אַמעריקאַנער האָבן איצטער אין דמיון געוואָלט אין די אַיצטיקע רוסישע געסט געפינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלטער היים. און די געסט, ווען זיי האָבן אין די היגע, איינגעבירגערטע געוואָלט אַרויס־זען דעם קשר וואָס בינדט די צוויי משפחות — האָבן זיי עס אויך ניט געקענט. די קינדער פון צווייטן דור האָבן זיך דורכגעוואָרפן אויף ענגליש. די רודמאַן קינדער, וואָס האָבן פאַרן אַרויספאָר פון סאָוועטנפאַרבאַנד פון אַ מעטאָדע־ביכל זיך געלערנט אויף אויסוויינציק ענגלישע ווערטער און קורצע פראַזן, האָבן דאָ־און־דאָרטן אַונטערגעכאַפּט אַ וואָרט. כאָטש די אומ־גאַנגס־שפּראַך ביים טיש איז געווען יידיש, איז אין דער ערשטער שעה ניט געפונען געוואָרן די פאַרמיטלונגס־שפּראַך וואָס זאָל דערנענטערן די צוויי משפחות.

דער מיליאָנער פון דער משפחה, לעאָנאַרד סטאָן, האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן די מאַנצבילן, געפּרוּווט טרעפן ווער ס׳וועט זיך גרינגער צו־פּאַסן צום שאָפּ־לעבן, ווער ס׳וועט אָפּשאַצן, „וואָס אַמעריקע טוט פאַר אַ גרינעם". כאָטש ער האָט געוואָרנט, אַז צו זיך אין שאָפּ וועט ער קיין סאָוועטישע בונטאַרן ניט אַריינלאָזן, פונדעסטוועגן פּרוּווט ער זיך פאַר־שטעלן, אַז דער עלטערער זון פּנחס און ס׳יינגערע מיידל וואָלטן געווען „גוטע הענט".

נייטן לוריא, דער סאָציאַליסט, האָט אויף זיין אופן געפּרוּווט וועגן און מעסטן די געסט; ער האָט זיך געפּרוּווט אויסמאָלן אין וואָס פאַר אַ דרכים דאָס יונגוואַרג וועט אין דער צעטומלטער יידישער גאַס זיך אוועק־לאָזן: „צי וועלן זיי אין שאָפּ זיך אָפּטמאָל ניט פאַרבינדן מיט די קאָמו־ניסטלעך וואָס האָבן די יוניעס שוין באַלד חרוב געמאַכט." אים דוכט, אַז דער עלטסטער זון, וואָס אים איז שוין באַוואוסט, אַז ער איז אַ פאַר־

ברענטער ציוניסט, און אויך די ייִנגערע שוועסטער, זיי וועלן גיין אין שפּאַן.

דניאל לוריא האָט אין זיי אַלעמען דערקענט אַ שטיק ייִדיש לעבן וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אונטערגאַנג. מאַכט ניט אויס וואָס זיי זייַנען דאָרטן געווען. „דאָרטן איז דאָך קיינער ניט דאָס וואָס ער וואָלט געדאַרפט זייַן" — האָט דניאל געטראַכט — ערשט דאָ וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט פרייַ צו לעבן, פרייַ רעדן און פרייַ זיך צוקוקן צו די מעגלעכקייטן וואָס אַ מענטש האָט דאָ." מיט זייַן געדאַנק שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם עלטסטן זון און זייַן ייִנגערע שוועסטער. ער האָט שוין געהערט, אַז די־אָ צוויי, דער שוואַרץ־חנעוודיקער פּנחס און זייַן רויטהאָריקע שוועסטער, זייַנען געווען חלוצים אויך דאָרטן וואו מ׳האָט זייערע טריט געברענט. „אין זייערע אויגן ברענט ס׳ייִדישע פייַערל" — טראַכט ער, און ס׳האַרץ זייַנס קוועלט פאַר נחת.

הילל לוריא, דער מאַן וואָס האָט זייַן גאַנץ לעבן געטרונקען דעם יאוש און איז געוואָרן אַ ציניקער צו דער עלטער, ער האָט די געסט געהאַט בייַ זיך גאַנצע דרייַ מעת־לעת, גערעדט מיט זיי, יעדן באַזונדער אויסגעהערט און האָט כמעט שוין געהאַט אַ מיינונג — אַז קיינער פון זיי איז אַהער ניט געקומען צו פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן קיום דאָ אין לאַנד. צווישן זייַנע בהמות, עופות און די פעלזן ארום זייַן פאַרם האָבן זיי אים אויסגעזען ווי שפּינוועבסן וואָס דער ווינט טראָגט אין האַרבסט איבער זייַן פאַרם. דאָ, בייַם ברודער דעם ציוניסט אין הויז, בייַם רייַכן טיש, וואָס די גרטע האָט געגרייט, אין קרייַז פון צוויי לוריא דורות, קוקנדיק אויף די געסט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענער צייַט, מיט צוויי־און־פערציק יאָר צוריק, בעת ער האָט פאַנאַנדערגעגראָבן די ערד בייַם צופאָר צו דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער ברוקלינער בריק. אַן אייַרישער חברהמאַן האָט אים יעמאָלט אַ רידל עוד אַרונטערגעשאָטן אונטערן קאָלנער, און ער, ניט פאַרשטייענדיק וואָס דער אייַרישער יונג האָט אים בשעת מעשה געזאָגט, האָט ער גענומען און אויפן הויכן קול דעם אייַרישן יונג געלייענט „שמע ישראל". האָט עס אויפן אייַרישן יונג אַזוי קאָמיש געווירקט — אַז ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן און וויינען, מיט די הענט אים געריינּיקט זייַן האַלדז און אַרויסגעבלאָזן דעם זאַמד פון אונטער זייַן העמד. און אויף מאָרגן, ווען דער אייַרישער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט זייַן מיידל, פאַר אַ׳ר פאָרגעשטעלט דעם טשיקאַווען ייִדן, בשעת זי האָט אים מיט אַזאַ ערנסטן, פאַרחידושטן פּנים אָנגעקוקט. יעמאָלט האָט ער געטראַכט, ווי גוט ס׳איז וואָס מענטשן פאַרמאָגן ניט אַלע איינע און די אייגענע שפּראַך. וואָרום, ווען ער קען זיך יעמאָלט אויסטענהן אויף דער מענטשלעכער שפּראַך מיט זייַן קאַמעראַד מיטן רידל אין האַנט, וואָלט ער דאָך געווען אַ פּשוטער שווערער אַרבעטער און מ׳וואָלט זיך געוויס צושלאָגן. און אַזוי, מיט דער שפּראַך פון די געפילן, האָט יעדער איינער געזוכט דאָס בעסערע אין זיך. „ס׳איז עפּעס ניטאָ קיין לשון אָנצוהויבן רעדן מיט דיזאָזיקע מענטשן" — האָט הילל געטראַכט.

אויף זייַן אופן האָט דאָקטאָר לוריא איצטער באַטראַכט די געסט:

— וואָס איז אײגן בלוט וואָס מאָנט און פאָדערט, באַשיץ מיך? זיינען עס די פליכטן, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון מענטשן, אָדער בלויז אַן עטישער שטריך ביי מענטשן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין זיין קולטורעלן שטייגן?

וויפיל מאָל האָט דאָקטאָר לוריא אליין זיך געפּרוּווט ארויסרייסן פון משפחה־קרייז, באשר, ווי א מענטש, האָט ער פליכטן צו דער געזעל־שאַפט! דווקא זינט ער האָט חתונה געהאַט זוכט ער געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט אייגענע. ס'האָט ביי אים א ציטער ארויסגערופן אין לייב די ידיעה, בשעת ער האָט זיך דערוואוסט, אז דער ברודער פון דער פּריצייטיק אומגעקומענער מוטער איז אינאיינעם מיט זיין משפחה אריבער די גרענעץ, און זיי זיינען שוין אויפן וועג קיין אמעריקע.

איצטער איז זיין בליק איבערגעטראָגן געוואָרן פון אײן גאסט צום אַנדערן, און זיך פאַרהאַלטן אויף דער עלטסטער טאָכטער, אויף יוסטינען, וואָס איז געזעסן א צעטומלטע, זיך גערויטלט, און בלאַס געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך געקליבן וויינען.

די ווייבער פון לוריאס צד, ווי זיי וואָלטן זיך אלע צונויפגערעדט, האָבן, אַמאָל איינע, און אמאָל די אנדערע, געווישט די טרערן פון די אויגן. אַן אומקלאָרער געפיל האָט יעדע איינע באַזונדער פאַרטראָגן אין א פאַר־נעפּלטער און אומקלאָרער וועלט, וואו צווישן היינט און נעכטן איז קיין קשר ניטאָ. יעדע אויף איר אופן האָט אָפּגעשאַצט די יוגנט אין די געסט. „יונג און אַלט איז אומעטום שיין, ווען ס'איז פאַראַנען א בריק וואָס ליגט צווישן יוגנט און עלטער...״

— וואָס איז דאָרטן געוואָרן פון יידן? — האָט דניאל געפרעגט, ניט וואַרטנדיק אימעצער זאָל אים אויף דעם ענטפערן.

— נצח ישראל לא ישקר — האָט דער אַלטער ר' בונים געהאַלטן אויפן צונג זיין אויסגעפּרוּווטן ענטפער.

ער אויך האָט אין די געגאָלטע פנימער פון די מאַנצבילן געזוכט דעם לוריא־שורש.

— איך האָב דאָרטן געקלערט — האָט ר' בונים געצויגן זיינע רייד — אַז דאָ אין אמעריקע איז שוין אונטערגעגאַנגען דער יידישער שורש. און איר דאָ טראַכט ס'אייגענע פון יידן דאָרטן. וואָס מיר פעלט דאָ, איז צו באַגעגענען מיין ברודער ישראל. ווי קומט עס וואָס ער איז אַזוי פרי פון דער וועלט אַוועק?

— אין אמעריקע, פעטער, — האָט דאָקטאָר לוריא געשמייכלט — האָבן יידן אויפגעבויט א גאַנץ גרויסע יענע וועלט. אונדזער טאַטע ישראל לוריא, אייער ברודער, איז ניט געווען פון די ערשטע אין וועמעס אויגן די גאָלדענע מדינה האָט ניט געפונען קיין חן.

* * *

דווקא דער זיבעציק יעריקער ר' בונים לוריא, דער צולאָג צו דער רודמאַן־משפחה, האָט געשפּירט, אז אויף א נייער ערד טרעטן זיינע פיס. אים האָט נאָר אין דער טיף געקלעמט, וואָס זיין עלטערער ברודער ישראל, דער טאַטע פון די לוריאס וואָס זיצן ביי דניאל לוריאן ארום דעם שיין־געגרייטן טיש, ער ליגט שוין איבער דרייסיק יאָר אין דער „נייער ערד״.

ר׳ בונים האָט געפילט, ווי כוחורת, לאַנג שוין איינגעשלאָפענע, וועקן זיך און מאָנען, ער זאָל זיי ניט פאַרשווענדן אויף גאָרניט. די־אַ אַלע מענער און פרויען וואָס זיצן אַרום טיש, לאָזן זיך באַדינען פון דער גרטע מיט אַזאַ יידישן אויסזען, זיי רעדן צו אים ניט אַזוי מיט די מיילער ווי מיט זייער קרוביש בלוט. אָט־אָ־דער זכריה לוריא, דער פּלימעניק זיינער, וואָס ווי מען שמועסט „איז ער זייער א גוטער יידישער דאָקטאָר" — זיינע רייד זיינען אים געווען צום פאַרשטענדלעכסטן. ער רעדט צו אים ווי א מענטש וואָס קען די וועלט. דער אלטער ר׳ בונים איז צופרידן וואָס מען רופט אים „אָנקל", און מיט דעם שטרייכט מען אונטער די מאָס התחייבות צו אים. אים פאַרדריסט ניט, הלמאי ער האָט דעם אומעט ארויסגערופן ביי די וואָס זיצן ארום טיש מיט דעם וואָס ער האָט דער־מאָנט דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער זיינעם. ער פאַרפעלט אויך ניט אַפיר צו קוקן פון אונטער די ברעמען צו די רודמאַנס, וואָס זיצן ווי פאַרלאָרענע ביי דעם רייך־סערווירטן טיש, וואָס דניאלס ווייב די גרטע, האָט פון דער פולער האַנט געגרייט.

אים האָט א שטאָך געטאָן אין הארצן, גלייך ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, בשעת דאקטאר לוריא האָט אים געזאָגט, אַז אַרום ניויאָרק דהאָבן יידן אויפגעבויט אַ גאַנץ גרויסע „יענע וועלט", און אַז זיין ברודער ישראל לוריא איז ניט געווען דער איינציקער אין וועמעס אויגן די גאָלדענע אמעריקע האָט ניט נושא חן געווען.

— שטייט כאָטש א מצבה אויף זיין קבר? — האָט ר׳ בונים לוריא זיך צוגעהערט צו זיין האַסטיקן האַרץ־קלאַפּ.

— צי איר, אָנקל, זאָלט אזא זאַך פרעגן? — האָט דאָקטאָר לוריא גוטמוטיק געשמייכלט — אז איר וועט גיין אויף א באַזוך אַהין וועט איר ניט קענען אָפרייסן די אויגן פון דעם וואַלד מצבות, וואָס מ׳האָט דאָ אין אונדזער גאָט־געבענטשטער אמעריקע אָנידערגעשטעלט צוקאָפּנס פון די אומצופרי־יידענע.

— ווי איך זע, האָלסטו ניט פון אָמעריקע — האָט ר׳ בונים לוריא געגלעט זיין גרויע באָרד — וואָס האָסטו צו אמעריקע צוגעלייגט?

— מ׳שמועסט, אז דאָרטן אין סאָוועטרוסלאַנד איז שוין א ייד אַ דאָקטאָר קיין חידוש ניט. דאָרטן וועלן מיט דער צייט אַלע יידישע מאַנצבילן געבאָרן ווערן דאָקטוירים און אינזשינערן. איז עס אמת, אָנקל?

— הלוואי וואָלט עס אמת געווען — האָט יוסטינע זיך אַרומגעקוקט, געפאָרשט ווי אירע ווערטער ווירקן — איך וואָלט מיר ביי יענע דאָקטוירים ניט געהיילט. גוט וואָס איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען קראַנק.

— איך הער, אַז זיי דהאָבן דאָרטן א סך אויפגעטאָן אין דער וויסנ־שאַפט, אפילו אין דער מעדיצין זיינען זיי אויך ניט הינטערשטעליק.

— איך בין צופרידן וואָס דאָ ווייסט מען פון דעם — האָט יעפים ניט געקענט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג — מיט יוסטינען האָב איך זיך קיינמאָל ניט געוואָלט קריגן. מיט איר קען מען ניט רעדן וועגן סאָוועטנ־פאַרבאַנד.

— איך בין אַ שונא... איך לייקן ניט. קענסט דערציילן אין וואָס פאַר א גן־עדן עס לעבן דאָרטן מענטשן.

— קינדער, קינדער — האָט גאַלדע מיט אַ געדריקטער שטים און מיט בושה אין פּנים זיך אָנגערופן — איר זייט ניט קיין קליינע קינדער. איר מעגט וויסן אויך וואָס פאַר אַ וועלט איר לעבט. כ'האָב געטראַכט, מ'וועט זיך אַרויסכאַפּן אויף דער פרייער לופט, וועט מען פאַרגעסן פונוואַנען מ'איז געקומען. אויב אַזוי וועט עס ווייטער גיין וועלן מיר זיך אפשר דאַרפן צוטיילן. אין מיין שטוב וויל איך זאָל הערשן פרידן.

— ס'איז אַ צו גרויסער פאַרלאַנג — האָט דאָקטאָר לוריא ווידער אָנגעהויבן — ביי זיך אין שטוב פרידן. אַ קליניקייט! ביי יעדן אין שטוב איז אַ קליינער קיבוץ־גליות... יאָ, אָנקל, אַזוי דאַרף מען זאָגן?

— געדענקסט נאָך, כאַ־כאַ־כאַ — האָט ר' בונים געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יעס, אָנקל, און ווי אַזוי זיינען ביי אייער ברודער דאָ אין לאַנד געוואָקסן די קינדער? מ'איז יונג געווען, יעדערער אויף זיין אופן האָט דאָ געזוכט אַ תכלית פאַרן פאָלק ישראל אין אמעריקע, און מ'האָט זיך געקריגט. אָט זיצט הילל, ער האָט געוואָלט, אַז אַלע גרינע זאָלן ווערן פאַרמער; און אָט איז דניאל, וואָס האָט נאָך יעמאָלט אַריבערגעקוקט קיין ארץ ישראל און דעריבער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אמתער רות. און אָט איז נתן, ער האָט געגלויבט, אַז אַלע יידן וועלן ווערן הונדערט פּראָצענטיקע פּראָלעטאַריער.

— און דו, וואָס איז מיט דיר? — האָט בנימין רודמאַן זיך אַזש אונטערגעהויבן פון זיין אָרט.

— אפשר ווייסטו, פּערל, זיי דערקלערן — האָט דאָקטאָר לוריא זיך צוגערוקט נענטער צו זיין בלאָנדער ווייב.

—איר ווילט, אָנקל, וויסן וואָס אייער פּלימעניק איז דאָ אין לאַנד, וועל איך אייך זאָגן: ער וויל ניט ווערן קיין אמעריקאַנער.

— וואָס הייסט? — האָט ר' בונים געגאַפּט.

— אין אמעריקע איז דער מענטש גאָר יונג. אַז מ'זאָל אים וועלן אָפּשאַצן נאָך זיינע יאָרן נאָך — האָט מען אים געדאַרפט געבן אַן עלטער פון פינף יאָר. ווייסט איר דאָך, אַז אַ קינד לערנט אַלץ פון דערפאַרונג און ניט פון דעם, וואָס דערוואַקסענע מענטשן ווילן אים אָנווייזן. דערוואַקסענע מענטשן האָבן פיינט אַ קינד אין אַזאַ עלטער. דערוואַקסענע מענטשן האָבן ליב, דער יינגערער זאָל כסדר פאָלגן. קיינער פון די לוריאס האָט זיך אַזוי שלעכט ניט צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער יונגער אמעריקע ווי מיין מאַן. און קיינע פון די פרעמדע ראַסן דאָ אין לאַנד האָבן זיך ניט אַזוי שלעכט צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע, אפילו צו דער פיזיאָלאָגיע פון אמעריקאַנעם פאָלק, ווי דאָס יידישע.

— צוליב וואָס עקשענען זיך יידן אַזוי? — האָט יעפים געפרעגט, און געקוקט צו די אַנוועזנדע — וואָס פאַר אַ רושם זיין פראַגע האָט געמאַכט.

מ'איז אַ ווייל געבליבן שטיל. זיין פראַגע האָט צום מיינסטן אָנגערירט בייטן לוריאַן. דאָס איז אויך זיין טענה געווען, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, אַז יידן זאָלן זיך אַביסל אָפּרייסן פון זייער יידישקייט. ווען ניט דער געזעלשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד, וואָס אפילו בייטן לוריא האָט אים ניט געקענט פאַרלייקענען; און אויך די גרויסן וואָס זיינען

אַנגעקומען פון ארץ ישראל, אַז דאָרטן בויען יידן אַ נייע וועלט — דאָס האָט ניטן לוריאן די לעצטע פאַר יאָר אַראָפּגעשלאָגן פון זיין אַסימילאַטאָרישן גלייכגעוויכט.

— איז טאַקע אַנטיסעמיטיזם באַנ׳איך דאָרטן... טאַקע ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם? — האָט ניטן לוריא זיך געווענדט צו יעפימען.

— אַנטיסעמיטיזם איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ קרימינעל פאַרברעכן — האָט יעפים קורץ און שאַרף געענטפערט.

— איז דאָס אַ נאַטירלעכער פּראָצעס?

— ניטאָ קיין נאַטירלעכע פּראָצעסן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

— איז דיקטאַטור נאַטירלעך? — האָט ניטן לוריא פאַרזיכטיק געפרעגט.

— דיקטאַטור איז אומעטום צווישן מענטשן. נאָר ס׳איז פאַראַן דיקטאַטור וואָס דער מענטש באַמערקט און פילט. און פאַראַן דיקטאַטור וואָס איז אַזוי נאַטירלעך ווי גוטע אָדער שלעכטע לופט.

— איך פאַרשטיי עס ניט — האָט ניטן לוריא אויסגעצויגן זיין פּנים צו זיין פּלימעניק.

— די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל האָט אייער געזעלשאַפט אָנגענומען פאַר אַ צווייטער נאַטור. דעריבער, וואָס קאַפּיטאַל ליגט אויף אייך ניט אַרויף, נעמט איר עס אָן פאַר נאַטירלעך. איז געקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אַראָפּגעשליידערט דעם פּאַראַזיט קאַפּיטאַל, און וויל ברענגען אָרדענונג דורך סאָציאַליזם. מאַכט מען אַ גוואַלד — דיקטאַטור! דאָרטן איז די דיקטאַטור פאַר דעם קלאַס וואָס לעבט זיינע לעצטע טעג; פאַר די, וואָס בענקען נאָך דעם אַמאָליקן צאַר.

לעאָנאַרד סטאָן האָט געזוכט זיך צו טרעפן מיט זיין ווייבס בליקן. זיין קעראָלאַין, וואָס האָט טויזנטער ביי אים אַרויסגעצויגן און איבערגעשיקט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד צו דידאָזיקע קרובים זיינע; ער וויל וויסן וואָס טוט זיך איצטער אין האַרצן ביי זיין ווייב.

ער האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און אַ זאָג געטאָן צו יעפימען:

— אויב אַזוי, איז טאַקע אַ שאָד וואָס דו האָסט געמופט פון דאָרטן.

— וואָס? — האָט יעפים אָנגעשטעלט אויף לעאָנאַרדן די אויגן.

— כ׳מיין, האָסט געקענט בלייבן אין דיין סאָוועט ראַשי.

— ס׳איז ניט מיין — האָט יעפים זיך ניט פאַרלאָרן — ס׳וועט מיט דער צייט זיין אַלעמענס.

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, ער האָט אָבער באַמערקט ווי זיין מוטער זיצט אַ צונויפגעקאָרטשעטע און בעט הילף מיט די אויגן ביי איר מאַן, האָט ער באַשטימט צו שווייגן.

ר׳ בונים לוריא האָט ניט געוואָרט, האָט אַליין געפּרוּווט פאַרגלעטן יעפימס פּריצייטיקע דרשה.

— זון מיינער, עס זיינען פאַראַנען רייד, און עס זיינען פאַראַן מעשים. ביסטו געווען דאָרטן, האָסטו זיך אָנגעקערט צו די וואָס האָבן געטאָן מעשים. אַ סך גוטע, און אַ סך שלעכטע מעשים. איצטער, אַז דו ביסט אין אַן אַנדער לאַנד זאָלסטו וויסן, אַז אונדזערע חכמים האָבן שוין געזאָגט:

— אין וואָס פאַר א שטאָט דו קומסט, אזוי זאָלסטו זיך אויפפירן. קומסטו לעבן צווישן נאַקעטע — טו זיך אויס נאַקעט. קומסטו לעבן צווישן געקליידטע — טו אויך אָן דיינע קליידער. קומסטו לעבן צווישן וואַכע — זיי וואַך. קומסטו צו שלאָפנדיקע — לייג זיך אויך שלאָפן. קוק אָן מיין ברודערס קינדער און זייערע קינדער. זיינען ארויסגעפאָרן פון אָרימקייט און פון פאָגראָמען, קוק וואָס פון זיי איז געוואָרן. וואו איז עס געשריבן געוואָרן, אַז אַלע מוזן זיין קבצנים, אלע מוזן לעבן אין גאָלער שרעק? בעסער שוין, אַז א טייל לעבט אין עשירות, האָט א גוט האַרץ און לאָזט דעם אָרימאַן ניט פאַלן ביים זייט.

יעפים איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט מיט די אויגן גענומען זוכן די טיר.

— וואוהין, אפרים? — איז דער פאָטער בנימין רודמאַן אויפגעשטאַנען פון אָרט.

— איך בין שוין אין אמעריקע, כ׳וועל דאָ אין ניויאָרק ניט פאַרפאַלן ווערן.

מיט די ווערטער איז יעפים ארויס פון שטוב, לאָזנדיק דעם עולם צעטומלט.

— גיי, פנחס, כאַפּ אים, ברענג אים אריין צוריק — האָט די מוטער מיט טרערן געבעטן איר עלטסטן זון.

— ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, מאַמע. סיי־ווי וועסטו דיינע קינדער ניט קענען איינהאַלטן אַרום זיך.

— ער וועט פאַרבלאָנדזשען — האָט די מוטער זיך געבעטן.

— זאָל ער בלאָנדזשען. ס׳וועט קומען א צייט, וועט ער געפינען דעם וועג, ווי אַלע אין זיין גלייכן וועלן נאָך מיט דער צייט געפינען דעם וועג.

— קום, פנחס! — איז די יינגערע טאָכטער ברכה אויפגעשטאַנען, געכאַפּט איר ברודער אונטערן אָרעם — לאָמיר אים דעריאָגן און ברענגען צוריק.

מיט אומדערוואַרטעטן אימפעט האָט ברכה איר ברודער ארויסגענומען דרויסן.

— ס׳מוז נעמען א סוף צו דעם, פנחס—האָט ברכה געכאַפּט איר ברודערס הענט ווי נאָר מ׳האָט זיך דערפילט אין גאַס — דו ביסט שולדיק וואָס ער איז מיט אונדז מיטגעפאָרן. אַוואו איז ער אַהינגעקומען? — האָט זי געזוכט מיט די אויגן אין דער אומבאַקאַנטער נאַכט.

— וואו זיינען מיר אינדערוועלט? — האָט פנחס א צעשטרייטער גערעדט — ווער זיינען זיי, די לוריאַס? זיינען זיי טאַקע אויסן געווען אונדז העלפן?

— זיי האָבן אונדז געבראַכט. היינט דהאָבן זיי זיך געוואָלט מיט אונדז באַקענען. וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן?

— קום אריין צוריק, ברכה; ניט שיין פאַר די מענטשן. איך קען זיי ניט, און איך וויל פאַר זיי ניט אויפדעקן וואָס מיר זיינען. איך בין געזעסן א שטומער, האָב געוואָלט הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן. און וועל בלייבן שטום ביז מיר וועלן איבערגיין אויף אונדזער אייגענע קעסט. קום אריין,

ביי א געלעגנהייט וועל איך פרעגן, צי זיי האָבן עפּעס פאַר אונדז צוגע־גרייט מ׳זאָל קענען די הענט פאַרטשעפּען.

פּנחס האָט פאַרן האַנט גענומען זיין שוועסטער און זי געפירט צוריק אין שטוב אריין.

— איך שוויג און הער וואו איך בין אינדערוועלט — האָט ער גע־מוסרט זיין שוועסטער — מיר זיינען נאָך דערוויילן ניט אין אונדזער אייגע־נעם רשות. אַזוי לאַנג ווי מ׳וועט באַדאַרפן צו זיי אָנקומען, דאַרף מען אַראָפּבויגן דעם קאָפּ און שווייגן.

— איך וויל אויך זיין פריי, פּנחס. וואָס, וואָס, אויב יעפים רייסט זיך צו זיין פריי, איז ער גערעכט.

— מוחל די קאָמוניסטישע פריהייט. פאַרלויף ניט דעם וועג פאַרויס. קום אין שטוב אריין, זאָלן זיי ניט איבערטראַכטן וואָס מ׳באַדאַרף ניט.

ווען זיי זיינען אריין צוריק אין שטוב איז שוין דער עולם געווען צוזייט איבער די צימערן. דער טיש מיט דער גאַנצער שפע איז געווען א פאַרשעמטער. לעאָנאַרד סטאָן איז געשטאַנען גרייט אוועקצוגיין, און קע־ראַלאַין האָט אים געבעטן ער זאָל אויף איר וואַרטן, מחמת זי האָט זיך נאָך אפילו מיט די קרובים ניט דורכגערעדט און ניט אויסגעפרעגט וואָס זי האָט געוואָלט.

דאָקטאָר לוריא האָט אויפן הויכן קול גערעדט צו גאָלדע רודמאַן:

— מיר קענען זיך ניט באַרימען מיט דעם וואָס מיר האָבן דאָ פאַר פערציק יאָר איבערגעלעבט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער פרייער מדינה האָבן מיר זיך גלייך אָנגעהויבן צו קריגן. יעדער איינער האָט געגלויבט, אַז ער האָט אין נייעם לאַנד דעם אמת געפונען. מ׳האָט געאַרבעט און זיך געקריגט. און איצטער, שוין נאָך אַ גרויסער וועלט-מלחמה, די צאַרישע רוסלאַנד, פונוואַנען מיר זיינען אַמאָל געלאָפן, איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פיר אַרויף, און מ׳קריגט זיך נאָך אַלץ. וואו פרייהייט — דאָרטן קריגט מען זיך. באַנ׳אייך, הער איך, האָבן אַלע איין מיינונג, א סימן, אַז די אמתע פרייהייט איז דאָרטן ניטאָ דערוויילן. עד, ווי די רייד־דאַמבעס וועלן עס אויפרייסן און א שטראָם טאָן ברייט און לאַנג ווען די אמתע פרייהייט וועט פון שלאָס זיך דאָרט אָפּרייסן! איר זייט אַ מאַמע — האָט ער גענומען גאָלדע רודמאַןביים האַנט — לערנט זיך, די קינדער זאָלן אייך נאָכלויפן. און איר זיי? מאַכט זיך, אַז איר קוקט ניט אין זייער זייט.

— פאַרוואָס איז מען אויפגעשטאַנען פון טיש? — האָט ליליען־רות א באַליידיקטע זיך געווענדט צו די געסט — כ׳האָב געגרייט פון אלדאָס גוטס; זעט ווי איר האָט אַלץ געלאָזן אויפן טיש. גיי, זכריה, צו צום טיש — האָט זי גענומען דאָקטאָר לוריאַן אונטערן אָרעם — אָ, איר לוריאַס, כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳האָב אייך שוין פיינט, צום סוף קען איך אָן אייך ניט לעבן.

צוביסלעך האָט מען זיך צונויפגענומען ארום דאָקטאָר לוריאַן, הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

— אָט זיינען מיר היינט אינאיינעם צוליב די געסט — האָט דאָקטאָר לוריא באַמערקט ווי זיין פּערל קוועלט אָן פון זיינע רייד — די צוויי

מיליאָניקע יידישע וועלט נעמט איך אריין מיט צופרידנקייט, פונקט ווי דער ים די עטלעכע טראָפּן וואַסער. און פונקט ווי די וואַסער־טראָפּן אין ים זיינען פאַראַן, און דאָך זיינען זיי פאַרפאַלן געוואָרן, אזוי איז עס מיט די כסדר נייע צוגעקומענע געסט. ניט מער וואָס די לוריאס וועלן כסדר פילן דעם צופלוס פון אייער שיינער יוגנט. דאַגהט ניט, טאַנטע, וואָס אייער זון האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיינע געפילן און איז אנטלאָפן פון שטוב. אין דער ריכטיקער צייט וועט ער זיך אָפּזוכן.

— איך בין אַ מאַמע און מיר איז שווער איבערצוטראָגן זייערע קריגע־רייען — האָט גאָלדע רודמאַן ניט באַהאַלטן איר פאַרדראָס.

— די געסט זיינען נאָך מיד פון וועג; זאָלן זיי בעסער גיין צו זיך אַהיים און אויסרוען — האָט הילל לוריא אַליין זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אָנגעצויגנקייט וואָס האָט ארומגענומען די שטובלייט — זיי האָבן ביי מיר זיך אויך געפילט ווי אינדערפרעמד.

שוין ביים אוועקגיין האָט קעראָלאַין פארנומען אָן א זייט דניאלן, מיט צושראָקענע אויגן האָט זי צו אים ארויפגעקוקט, און געפרעגט:

— מיינסטו, דאָס זיינען אייגענע, בלוט און פלייש וואָס איז דאָרטן געבליבן נאָך אונדזער אוועקפאָרן פון רוסלאַנד?

דער אלטער ר׳ בונים איז צוגעקומען צו דניאלן און מיט קינדישער נאַיוויטעט געזאָגט:

— אַז איך וועל קענען באַווייזן און געוואוירוווערן, צי מיין ברודער ישראל ליגט טאַקע אויף א יידישן בית־עולם...

— יידן, יידן אומעטום. ניט נאָר אויפן בית־עולם זיינען פאַראַן יידן — האָט דניאל געגלעט דעם אַלטנס פלייצע — מאָרגן, אויב איך וועל נאָר האָבן צייט, וועל איך אייך באַווייזן די שול וואָס דער טאַטע האָט נאָך געהאָלפן בויען. איר וועט נאָך געפינען דאָרט אביסל דאַוונער און אביסל, וואָס בלעטערן נאָך א ספר. יאָ, דער טאַטע האָט די שול... אָבער ער האָט ניט זוכה געווען...

קאַפּיטל דריי

די הייזער אויף דער איסט־סייד, ווען זיי וואָלטן קענען רעדן מיט אונדזער שרייעדיקער מענטשן־שפּראַך, האָבן זיי געקענט א סך, גאָר א סך דערציילן פון דעם וואָס צווישן זייערע ווענט האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר די יאָרן זינט יידן האָבן אין זייערע ווינקלען און ביי די ווענט אויסגעשטעלט ס'ביסל איינגעקויפטע מעבל, און בעבעכעס, געבראַכט פון אויף יענער זייט ים.

זיי וואָלטן אוודאי געקענט דערציילן פון א דורות איינגעשלעפּערטער יוגנט, וואָס האָט אין זייערע ד' אמות אויפגעזוכט, א יוגנט א נאַקעטע, אָן דעם טל־ירת וואָס האָט זינדיקע מחשבות פאַרדעקט. זיי וואָלטן דערציילט פון א יונגן באַגינען אויף פרילינג־פעלדער, וואָס האָט זיך אויף מיילן געשפּרייט און געבלענדט צווישן די טונקעלע, פאַרדומפּענע ווענט. זיי וואָלטן אויך געקענט דערציילן פון אומגליקן און ביטערן מזל; פון אויס־געלאָשענע האָפענונגען און פאַרשניטענע יאָרן. זיי וואָלטן געקענט דער־ציילן פון מענטשן־קנוילן, אַלט און יונג, זיידע און אייניקל, וואָס האָבן זיך געשטויבט אין דעם כלאָם פון צוגעשניטענע שטאָפן, העמדער־שטאָף, קינדער־הייזלעך, מאַנטלען, בלוזן, און זשום פון ניי־מאַשינען — גענייט און געשטשאָבעט פון באַגינען ביז האַלבע נאַכט, און דאָ טאַקע אָנגעד־ויבן שפּייען מיט בלוט און אויסהוסטן דאָס איבערגעבראַכטע חיות.

זיי וואָלטן אויך געקענט דערציילן פון מענטשן, פון זייערע געדאַנקען און געפילן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פאַרפּאַקט אין איינבינד פון ספרים, ירושה־ספרים, מיט אלע זייערע פאַרשאָטענע סודות, און דאָ געלאָזן, די מילבן זאָלן די געדאַנקען און סודות פאַרצערן.

און זיי וואָלטן אוודאי געקענט דערציילן פון פאַרשאָלטענער ליבע, פון אויסגעלערטע הערצער און אויסגעלאָשענע נשמות. און אויך — פון גע־פונענער יוגנט און יונגער ענערגיע, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף נייע, פרייע וועגן אין נייעם, פרייען לאַנד; אָנגעוויזן אויף דעם וועג, וואָס פירט ארויס פון דער איסט־סייד, פירט אוועק אין דער אַמעריקאַנער וועלט, וואו גוף און נשמה האָבן באַגערט זיך אָפּטובלען אין לעבלעכן, ברייטן וואַסער, פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם יידישן עבר־בגד, און אָנטאָן זיך אין פּראַקטישן „הייגנט".

די ווענט וואָלטן אויך דערציילט פון די איינציקע, וואָס זיינען אויפ־געשטאַנען האַלבע נאַכט צו „חצות", אין זאַקן, ווי צו שבעה, זיך געזעצט נידעריק צום דיל און באַקלאָגט, ניט נאָר דעם חורבן פון בית־המקדש, נאָר דעם חורבן פון א דור, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון א היימישער

פינצטערער וועלט און אַנגעקומען אין אַן אומהיימלעך ליכטיקער וועלט — פאַר ווענען דאָס אויסוואַנדערן פון רוסלאַנד איז געווען געגליכן צו א דריטן חורבן. די ווענט וואָלטן אויך איבערגעגעבן נצחון־פרייד פון יענע יחידים, וואָס האָבן נאָך מיט פערציק יאָר צוריק געטאַנצט אויף נאַציאָנאַלע חורבות, אין עקסטאַז נביאות געזאָגט, אַז אין קומענדיקן צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, טאָקע דאָ אין קאָלומבוסעס מדינה, וועט דאָס אַלט פאָלק דער־בליקן דעם אָנהייב פון זיין אונטערגאַנג.

און אויך דאָס שטילע געזאַנג פון די פריי־אויפגעאָטעמטע האָר אויפן קאָפּ פון מאַמעס, וואָס האָבן אויף אייביק דעם טויטן שייטל אראָפּגענומען פון קאָפּ און אינאיינעם מיטן מיסט צום דרויסן ארויסגעשיקט, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, די אויסגעצערטע און שוין לאַנג אָפּגעלעבטע יוגנט זאָל קומען און אומקערן צוריק יענע טעג, ווען פון די מיידלשע צעפּ האָט ארויסגעשריען די ליבע צום מאַן, וואָס איז הינטער זיבן שלעסער געווען פאַרהוילן מיט זיין נאַטירלעכער תאווה.

די ווענט האָבן געקענט דערציילן פון יום־כיפור שמחהלעך, ווען רייסנ־דיק די רעליגיעזע שלייערן ווי מ׳רייסט פון זיך פאַרשימלטע קליידער, האָט מען די נשמה־נאַקעטקייט אין הפקר־טאַנץ געשליידערט און געגלויבט, אַז אַזוי טאַנצנדיק וועט מען ארויסטאַנצן פון דער יידישער מקום־מקלט־וועלט אין א פרייער און לויטערער וועלט, וואו קיינמאָל פארגייט ניט די זון איבערן לעבן.

איצטער, אָנהייב ווינטער ניינצן פינף און צוואַנציק האָבן די אייגענע ווענט געדאַרפט אין זיך איינזאַפּן די באַגערן און בענקשאַפטן פון אַן אויס־געוואַרצלטער רודמאַן־משפחה, וואָס האָט שוין אַן א צאָל גילגולים דורכ־געמאכט, פון צען מאָל צען טויטן לעבעדיק געוואָרן — מיט אלע ניט־אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען, מיט אלע קעגנערישע כוחות און באזונדערע אמתן, מיט דעם געפיל, אַז איינער דעם אַנדערן טרעט די פיס אָפּ; איינער שטעכט מיט זיינע בליקן דעם אנדערנס הארץ דורך. גייסטיקע ענגשאפט, וואָס איז טויזנט מאָל שווערער איבערצולעבן ווי פיזישע ענגשאפט. געלעכ־טער און געוויין, שפּאָט און רחמנות־טרערן. פאַרהאַסטע פאַרגאַנגנהייט און פאַרנעפּלטע צוקונפט.

— וואו, און פונוואַנען האָבן זיך גענומען די כוחות דאָס אלץ איבער־צוטראָגן? — האָט בנימין רודמאַן באַדויערט וואָס קיין אמעריקע האָט ער געבראַכט גרויע האָר אויף זיין וואַכן קאָפּ.

דאָס איז דער סוד פון אלע סודות, ווי אזוי א מענטש, וועלנדיק זיך אָנהאַלטן אַן זיין פאַרמעגן איז ארונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון מלחמה און רעוואָלוציע, בירגער־קריג און פּאָגראָמען, אומעטום און אין אלע צייטן זיך געפּרוּווט שטעלן אַנטקעגן זיין פאַרמעגן אָפּצוראַטעווען, איז געטראָטן געוואָרן אונטער די פיס, אויסגעשמירט געווען אין בלוט פון ייד און ניט־ייד, אויסגעשמירט אין בלוט פון מענטש, הונט און חזיר, און פון בלוטיקן שמוץ ארויסגעקראָכן מיט א שטיק ברויט פאַר ווייב און קינדער.

בנימין רודמאַן, א תבואה־סוחר, האָלץ־סוחר; און גאָר שפּעטער — סוחר פון אייזן־ברוך, שמאַטעס און חזיר־האָר, האָט ביי יעדער אויסטערלישער געלעגנהייט זיינע קליידער ניט געביטן. דעם סורדוט, וואָס אמאָל, גאָר

אמאָל, ווייט פאַר דער מלחמה, האָט ער געטראָגן צו דער חתונה מיט דער שווארץ־חנעוודיקער גאָלדען — האָט ער באַוויזן נאָך צו טראָגן ווען ער איז „געזעסן" אין צייט פון בירגערקריג, אויף דעם חשד, אז ער האָט ביי זיך אַ־ין שטוב אויסבאַהאַלטן פעטלורעווצעס.

— איך בין געבאָרן געוואָרן צו זיין א מענטש, א מאַן און אַ טאַטע פון קינדער, ווער קען זיך מיר שטעלן אין וועג, אַז איך דאַרף זוכן חיונה פאַר מיינע קינדער?

אין די ייִנגערע יאָרן האָט ער זיך געשניטן צו זיין רב, און האָט זיך גאָר אויסגעלערנט צו קענען שרייבן „פראָשעניעס". פון זיין קליינעם שטעטל אין פּאָדאָליע האָט ער גאַנץ פרי אָנגעהויבן אריבערקוקן אין דער גובערנסקער שטאָט, וואו אַ מענטש, „א ייד קען זיין מיט מענטשן צוגלייך". די קינדער, ייִנגלעך, מיידלעך, אַלע נאָך יונג אין צייט פון מלחמה — די מלחמה אליין איז געוואָרן א מקור פאַר פּרנסה. תבואה צוגעשטעלט פאַר מיליטערישע פערד. ברוך־אייזן צוגעשטעלט פאַר די נויטן פון דער קריגס־אינדוסטריע. אין דער גובערנסקער שטאָט איז גרינג געווען אריינ־צושפּאַרן קינדער אין רוסישע גימנאזיעס, און אַיבער די קעפּ פון די קינדער אריבערקוקן צו דער הויפּטשטאָט — פּעטערבורג.

— ווייסט, גאָלדע, — האָט בנימין רודמאַן אין אַ צייט ווען ס'ד־הימל איז ענג געוואָרן אויפן קאָפּ, געזאָגט צו זיין ווייב — פאַראַנען אויפגעקלערטע מענטשן וואָס באַווייזן, אַז מלחמה איז א ראַטוניק פאַר טשעלעוועטשעסטוואָ. די וועלט ווערט געראַמער, און די מענטשן געזינטער.

— דאָס רעדסטו אזוי נאָר צוליב וואָס פּנחס איז אַינגאַנצן פופצן יאָר אַלט און אפרים צוועלף יאָר אַלט. וואָלסט אַנדערש גערעדט ווען דו וואָלסט אין מלחמה אריין געדאַרפט שיקן דיינע אייגענע קינדער, און איך זאָל שפּעטער אפילו ניט קענען געפינען ס'אָרט וואו זייער געביין פוילט.

— די וועלט איז געגליכן צו א חתונה, ווער עס קען כאַפּן און עסן, דער כאַפּט און עסט.

— כ'וועל ליבערשט אַויף אַזאַ חתונה דערוואַרגן ווערן, בנימין.

אָבער דער מענטש, וואָס איז גאָט און באַשעפער, וואָס קען באַשאַפן און חרוב מאַכן וועלטן, ער איז אויך דער בלינדער וואָרים, וואָס ניט בלויז אויס מורא פאַרקריכט ער בלינדערהייט אין דר'ערד אריין און לעבט ווי א וואָרים צווישן ווערים, קנוילט זיך מיט ווערים אינאַיינעם און שפּייזט זיך מיט ערד און שמוץ. דערדאַזיקער מענטש קען אַויך ווערן טכויר און פוקס, וואָס בשעת ער וויל לעבן זעט ער ניט יענעמס אונטערגאַנג. די מלחמה, און שפּעטער — די רעוואָלוציע, זיי האָבן באַוויזן וואָס פאַר א פאַרבאָרגענע כוחות דער מענטש האָט — דער סוד פון באַווייזן אייגענעם אומגליק און ניט פילן דעם שכנס אומגליק. דער מענטש, וואָס האָט שוין געהאט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם הויכן שטאַפּל פון מענטשלעכער קול־טור, זאָל זיך אויך פאַרוואַנדלען אין אַ שלאַנג מיט אַ מענטשן־קאָפּ; אמאָל מיט גיפט אין מויל, און אמאָל מיט ברכות אויף די ליפּן.

— בין איך עס טאַקע געלעגן יעמאָלט אין א שטאָל, איבערגעדעקט מיט בהמהשע מיסט, געפילט ווי עס טרעטן אויף מיר די גזלנים וואָס זיינען געקומען אין שטאָל אריין די בהמות ארויסנעמען?

— זיינען עס טאַקע די אייגענע קינדער מיינע, וואָס האָבן זיך געשלאָגן איבער אַ שטיקל פלייש פון אַ געפּגרטער קאַץ און פונדעסטוועגן זיך געטיילט מיט אַ געקאָכטער קאַרטאָפליע? איז דאָס אייגענע לייב וואָס איז געווען באַדעקט מיט צרעת, און דער קאָפּ, וואָס האָט געקישעיעט מיט לייז? זיינען עס די אייגענע אויגן וואָס האָבן צוגעזען ווי הינט האָבן אַרומגעשלעפּט מענטשלעכע הרוגים, ווי אין שוואַנגערע בייכער האָבן חזירים זיך געריעט? זיינען דאָס די אויערן וואָס האָבן פאַרנומען געיאָמער פון הונגעריקע, פאַרלייזיקטע און פאַרבלוטיקטע יתומים, און אויך דעם רוף פון דער נייער צייט: „פרייהייט פאַר אַלעמען, ברויט פאַר אַלעמען?"

איצטער, אַז גאָלדע רודמאַן איז געזעסן צווישן די איסט־סיידער ווענט, געהערט ווי אירע קינדער קריגן זיך ביז הייזעריקייט, יעדערער פאַרטיידיקט זיינע אמרתן, מאַכט צו בלאָטע זיין נאָנטסטן און ליבסטן; ווען פּנחס שרייט, אַז די סאָוועטן האָבן אין יידן דערשטיקט יעדן מענטשלעכן געפיל סיי צו זיך און סיי צו יענעם; און אפרים שרייט, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף מען וואָס גיכער טרייבן צום אונטערגאַנג — קיין יידן־פראַגע זאָל מער ניט עקזיסטירן... און אַז ברכה פלאַקערט אויף מיט איר רויטן קאָפּ, אַנשטאָט אָן ענטפער — גיסט זי אַפּרימען אָפּ מיט קאַלט וואַסער, ביז מ'הייבט זיך אָן רייסן פאַר די שוואַרצע און רויטע האָר... יעמאָלט גייט גאָלדע אַוועק מיטן געדאַנק צוריק צו יענע טעג אין דרום־רוסלאַנד, אין צייט פון בירגערקריג און הונגער, ווען זי איז געלעגן אין שפּיטאָל אויף טיפוס און דורך דעם גענאַנט ווי אַ באַרמהערציקע שוועסטער קלייבט אין אַ גלאָז אַראָפּ די לייז פון איר קערפּער.

— פאַרוואָס האָט עס די באַרמהערציקע שוועסטער געטאָן? — טראַכט זי — ווער איז געווען יענע אָפּגעצערטע פרוי אין אַ כלומרשט ווייסן כאַלאַט, וואָס איז מיט אַזויפיל רחמנות פול געווען, איז דאָס פאַר אירעטוועגן געווען די רעוואָלוציע דאָרטן? פאַר אירעטוועגן געווען די גרויסע איבערקערעניש, אין אַ צייט ווען דער הונגעריקער מאָגן האָט נאָכגעקוקט אַן אויסגעמאָגערטע קאַץ וואָס האָט זיך געשלייכטביים זייט גאַס, ווען דער אָנגעצונדענער מאַרך האָט זיך אויסגעמאָלן ווי עס בראָט זיך די־דאָזיקע קאַץ אויף אַ סקאָווראָדע — — —

גאָלדע האָט עס אין גייעם, פרייען לאַנד געוואָלט פון זיך אָפּטרייסלען. זי האָט געגלויבט, אַז פון אומגליק קומט קיין גליק ניט אַרויס. פון שלעכטס וואַקסט קיין גוטס ניט אויס. בשעת בנימין רודמאַן האָט געשריבן קיין אַמעריקע צו קרובים, מ'זאָל זיי אַרויסנעמען פון רוסלאַנד, העלפן אָנהייבן אַ נייַ לעבן; „העלפן אויפריכטן דאָס ביסל יאָרן וואָס איז נאָך באַשערט צו לעבן", האָט זי אויף דעם גאָרניט געזאָגט. מחמת, זי האָט ניט געגלויבט, אַז נאָכדעם וואָס מ'האָט דורכגעלעבט קען מען נאָך אָנהייבן אַ לעבן אויפסניי.

— וואו וועט מען נעמען כוחות איצטער אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב?

אמת, זי האָט געהערט דערציילן, אַז אין אַמעריקע זיינען קינדער ניט אָפּהענגיק פון עלטערן. קינדער טוען וואָס זיי ווילן, טראַכטן וואָס זיי ווילן; און דאָרטן, אין רוסלאַנד, פּנחס און ברכה — זייער לעבן איז גאַנץ אָפּט געשטאַנען אין קאָן צוליב זייער עקשנות, אַז נאָר אין ארץ ישראל

וועט דאָס יידישע פאָלק אויסגעלייזט ווערן, און אז די רעוואָלוציע האָט זיך אויפן יידישן פאָלק אָנגעזעצט עס אומצוברענגען.

זי האָט אויך געגלויבט, אַז אין אַמעריקע, וואו יעדער איינער לעבט זיך אויס אויף זיין אייגענעם אופן, אַז די קינדער וועלן קומען — וועלן זיי זיך פרייער פון אַלץ באַקענען מיטן לעבן און די מעגלעכקייטן וואָס זיי וועלן דורך די קרובים קריגן. צום סוף גאַר האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן קאַפויר ווי זי האָט געטראַכט.

די אייגענע נאַכט, ווען מ'האָט זיך אומגעקערט אהיים פון דעם כבוד וואָס זיי האָבן געקראָגן ביי דניאל לוריאן, האָט אויסגעבראָכן א קריג צווישן יעפימען, וואָס האָט די שטוב פאַרלאָזן און אַלעמען דערמיט מבייש געווען.

— דאָס באַווייזט וואו דו האלסט אין דער וועלט — האָט דער פאָטער ביים אריינגאנג אין שטוב באַמערקט — מענטשלעכקייט מעג א באַל־שעוויק אויך ארויסווייזן.

— וועמען זאָל איך ארויסווייזן מענטשלעכקייט? — האָט יעפים ציניש געשמייכלט — די אמעריקאנער חזירים?

— די חזירים האָבן דיך אַהער אריבערגעבראַכט.

— איך בין ניט צו זיי געקומען. אז כ'וועל פאַרדינען, וועל איך פאַר די שיפסקארטן באַצאָלן. כ'בין געפאָרן אהער ווייל כ'ווייס, אז דאָ איז פאַראַנען מיין פאַרטיי.

— מ'וועט דיך ארויסשיקן פון לאַנד.

— דאָ זיינען קאָמוניסטן לעגאַל.

— אַ סימן, אז מ'האָט דאָ פאר זיי קיין מורא ניט — האָט זיך פנחס אָפּגערופן.

—מיט קיין פינצטערע רעאַקציאָנערן רעד איך אין דער פרייער אמעריקע אויך ניט, טפוי אויף דיר!

פנחס איז אים פאַרפאָרן אין באַק אריין. א געשלעג האָט אויסגעבראָכן צווישן דעם ציוניסט און קאָמוניסט.ביידע האָבן זיך אוועקגעוואַלגערט אויף דר'ערד, און ווען ניט יוסטינע מיט איר בלאָס, אויסגעצויגענעם פנים וואָלט ניט א פאַל געטאָן מיט א געוויין, די ברידער זאָלן זיך אויפהערן שלאָגן, איז רעכט — די ברידער וואָלטן איינס פון אַנדערן שטיקער געריסן.

— אָט אזוי הויבט מען אָן א ניי לעבן אין אַמעריקע? — האָט יוסטינע געיאָמערט. — אנשטאָט זיך אָנהייבן וואַרימען אין דער פרייער זון, ארויסקוקן צום נייעם לעבן, האָט איר אַהער פאַרשלעפּט דעם סאָוועטישן אומגליק. האָט רחמנות אויף טאַטע־מאַמע. האָט רחמנות אויף זיך אַליין!

קיינער האָט א ווייל ניט געפרואווט יוסטינען אָפּענטפערן. טאַטע־מאַמע, נידערגעשלאָגענע, האָבן אויך געשוויגן. זיינען אין דהאַרצן צופרידן געווען וואָס יוסטינע האָט דאָ איר מויל געעפנט און רעדט צו דער זאַך.

— איך ווייס וואָס איר האָט פון מיר געטראַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד — האָט יוסטינע ניט אָפּגעלאָזן — מיר אַרט ניט וואָס איר וועט פון מיר דאָ טראַכטן. א מענטש בין איך. כ'פיל, מיר איז דאָ באַשערט אָנצוהויבן א ניי לעבן. כ'וויל דאָ אָנהויבן לערנען די „אזבוקע" פון לעבן אויפסניי. פאַרביטערט מיר ניט מיינע גליקלעכע מינוטן.

— גוט איז דיר — האָט ברכה גערעדט מיט אַ דערוואָרגענער שטים — ביסט אַ מענטש פאַר זיך אַליין. יעדערער מיינט, ער איז אַ מענטש פאַר זיך אַליין. וואַרט, יוסטינע, וועסט נאָך אפשר דאָ אויסגעפינען עפּעס אַנדערש.

בנימין רודמאַן האָט געוואָלט זיין דער רואיקער פאָטער. געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז קיין שום זאַך רודערט אים ניט אויף. ער איז געווען זיכער, אַז מ׳וועט ניט דאַרפן לאַנג וואַרטן ביז זיינע גרעסטע קינדער וועלן זיך ארומזען וואו זיי זיינען אינדערוועלט.

— ווען איר וואָלט מיר, קינדער, פאָלגן — האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן — פאַרגעסט אַלע אָן דעם וואָס איז געווען. פּראַשלאַיע פּראָ־פּאַלאָ — האָט ער צוגעגעבן אויף רוסיש — דו, פּנחס, האָסט דוקא דאַרטן געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל; באַקלער זיך איצטער. אפשר וועסטו דאָ געפינען ארץ ישראל. און דו, ברכה, ביסט אַ גרעטענע, וועסטו אויך דאָ געפינען דיין ארץ ישראל. און דו, יעפּים, לאָמיר דיך דאָ בעסער רופן אפרים, אויב דו מיינסט, אַז אין אמעריקע וועסטו געפינען דיינע לייט... זאָג איך דיר, שפּיי אויס דאָס גאַנצע ביסל סם וואָס דו האָסט פון דאַרטן פאַרנומען. קוק זיך ארום, גיב זיך אָפּ חשבון, גייט אייך אלע אינאיינעם; בלוט און פלייש, ווי איר האָט עס געדאַרפט אויך דאַרטן זיין. מאָרגן, אויב ס׳וועט זיין אַ שיינער טאָג, וועלן מיר אַלע ארויסגיין אינאיינעם באַטראַכטן די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט ניויאָרק. מיר קלאַפּט ס׳האַרץ ווען איך טראַכט, אַז אין אַ שטאָט פון צוויי מיליאָן יידן געפין איך זיך איצטער.

דעם פאָטערס רייד האָבן ניט באַרואיקט די צעשטורעמטע געמיטער. זיינע רייד האָבן נאָר געווירקט, אַז אין נייעם לאַנד זאָלן די קינדער אויף אַ ווייל שפּירן, אַז אַ פאָטער רעדט צו זיי. בנימין רודמאַן האָט אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און אים האָט אויסגעוויזן ווי צום ערשטן מאָל קלינגען אים זיינע רייד נאַטירלעך און צו זיין שטים הערט מען זיך צו. אפילו די ווענט, האָט בנימין רודמאַן געפילט, הערן זיך איין צו זיינע רייד.

— וואָס האָב איך שוין צו זאָגן? — האָט די מוטער געוואַרט ביז איר מאַן איז שטיל געבליבן — אפשר וועל איך דאָ באַלוינט ווערן פאַר מיינע ביטערע טעג און קינדער וועלן אויף מיר קוקן ווי אויף אַ מאַמען, און ניט ווי אויף אַ וויסטער צווייג. מער פאַרלאַנג איך ניט פאַר זיך. מיין עצה, מ׳זאָל מאָרגן אָנהויבן איינציקוויז אויפזוכן אלע אונדזערע קרובים. צו יעדן אין שטוב גיין באַזונדער. מ׳דאַרף נאָך אַמאָל באַדאַנקען פאַר דער דירה, פאַרן מעבל — פאַר אַל דאָסגוטס, וואָס זיי האָבן שוין געטאָן פאַר אונדז. אָט, דער דאָקטאָר, זעט אויס צו זיין אָן איידעלער מענטש. זי איז אויך אַ דימענט פון אַ מענטשן. און די גרטע... כ׳האָב פון איר ניט געקענט אראָפּנעמען די אויגן. כ׳וויל אויך ארויפגיין צו קריינען. כ׳וועל איר ווי אַ מאַמען באַדאַנקען. דו, יוסטינע, וועסט מיט מיר צו איר ארויפּ־גיין. כ׳וויל ניט, מ׳זאָל עס אָפּלייגן.

אויך דער מוטערס רייד האָבן ניט באַרואיקט די געמיטער. מען האָט זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער, וואָס האָבן בלויז געוועקט אין דער טיף

דעם אחריות פאַר די קומענדיקע טעג אין פרעמדן לאַנד. ס׳איז נויטיק געווען צו דערמאָנען די קינדער, אַז אפילו אַרומצוקריגן זיך איבער פאַר־טיאישע אמתן דאַרף מען פריער פאַר אַלץ האָבן אַן אייגן שטיקל ווינקל וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, און ניט קיין אויסגעבעטלט שטיקל ברויט.

— אין אַמעריקע דאַרף פריער פאַר אַלץ אַ מענטש אַליין פאַר זיך זאָרגן — האָט גאָלדע שוין גיכער גערעדט צו זיך אַליין — אויף מיר ציטערט מיין הויט. זיי האָבן באַצאָלט פאַר צוויי חדשים דירה־געלט אין פאָרויס. איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס זיי האָבן דאָס געטאָן. צי צאָלט מען דאָ טאַקע פאָרויס פאַר גאַנצע צוויי חדשים? אפשר איז אין דעם עפּעס געווען אַ מיין. צי אַזוי, צי אַזוי, דאַרף מען פון זייערע פּלייצעס אַראָפּקריכן.

גאָלדע האָט גערעדט און די טרערן האָבן גערונען איבער די באַקן. זי האָט געהאַלטן די אויגן צום דיל און מיט אַ שטילער האַנט געווישט די טרערן.

— ווען איך זאָל וויסן, אַז כ׳וועל דאָ כסדר דאַרפן אָנקומען צו רייכע קרובים, איז רעכט, כ׳וואָלט מיך פון דאָרטן ניט גערירט. נעמט זיך עס אַריין אינזינען, קינדער.

ביי די ווערטער האָט די מוטער אויפגעהויבן איר גרויליך שוואַרצן קאָפּ, און אַרויס פון צימער.

* * *

— איבער טויזנט וועגן פירט ס׳האַרץ דעם מענטשן נעביך אַרום, ביז די בענקעניש, ווי אַ הונגעריקער וואָלף, רייסט פון דעם שטיקער; און אַז דער מענטש קומט שוין צום לעבן, איז שוין קיין האַרץ ניטאָ. איז שוין קיין לייב־און־לעבן ניטאָ.

אַזוי האָט די אַכציק יעריקע רויזע ליפּשע געדזשאַמקעט מיט די הוילע יאַסלעס אַ טרוקענעם פּייג און באַווייזן איר שכנה גאָלדע רודמאַן, אַז צופיל זאָל מען זיך ניט לאָזן פון האַרצן פאַרפירן.

— שפּאָן ניט איין די יונגע קינדער, זיי זאָלן מיט דיר דאָ שלעפּן דעם דלות ביי די הערנער — האָט זי אירע אויגן ניט אַראָפּגענומען פון דער נייער ניי־מאַשין וואָס איז ביים פענצטער געשטאַנען — דאָ קויפט מען אַלץ גרייט. גוט אַזוי וואָס מ׳קויפט אַלץ גרייט. קיינער באַקט דאָ ניט קיין ברויט אַליין. קיינער באַקט דאָ ניט אַליין קיין חלה אויף שבת. און ווער גייט דאָ באַשטעלן אַ בגד ביי אַ שניידער? קינד וואָס דו ביסט! מ׳האָט דאָ פיינט שטשאָבעניש. מ׳האָט דאָ פיינט אומגיין מיט לאַטעס אויף דער קני, כי־כי־כי. אַז איך בין אַהער געקומען מיט קאַרגע פערציק יאָר צוריק, כ׳האָב שוין אַהער דריי איינִיקלעך געבראַכט, איז כאָטש מיין מאַן איז שוין געלעגן גאַנצע צען יאָר אין דר׳ערד, האָט עס אָטאָ־דאָ אונטערן האַרצן שטאַרק געטיאַכקעט. מחמת, אַ מענטש, אַז ער לעבט, גלוסט ער, דאָס איז אַ מעשה. איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס ווי איך פאַרשטיי, ווילסטו דאָ מאַכן שבת פאַר זיך. קיינער מאַכט דאָ ניט שבת פאַר זיך. ווי כ׳זע האָסטו ליבער דיינע טעכטער. ביי מיר איז געווען פאַרקערט. איך האָב אָן מיינע זין ניט געקענט אויסקומען אַ טאָג, כי־כי־כי.

גאָלדע רודמאַן איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; דער זקנהס ווערטער האָבן ווי קאַלטע טראָפּנס געטריפט אין איר בלוט אריין. זי איז מיט איר געדאַנק אומגעגאַנגען צווישן די משפחות קרובים, געוואָלט שפּירן נאָענטקייט צו זייערע פּרוּיען־מאַמעס. גאָלדע שפּירט, אַז קיינע פון די משפּחה־ווייבער האָבן זיך צו שטאַרק צו איר ניט צוגעקלעפּט. נאָר דידאָזיקע ווילד־פרעמדע קומט אַרויף און פּרוּוווט מיט איר קאַלטן אָטעם, מיט קאַלטער פאַלקס־פילאָזאָפיע, איר אויפקלערן וואו זי איז אין דער וועלט.

פאר דעם חודש, זינט גאָלדע מיט איר משפּחה איז אין אַמעריקע, פאַרשטעט זי מיט אַלע חושים אירע אין וואס פאַר אַ וועלט זי איז. ס׳חיות גייט איר אויס פאר בענקשאַפט דווקא אין אַזאַ יידישער שטאָט ווי ניו־יאָרק, אין אַזאַ יידישער געגנט ווי די איסט־סייד — זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַן אַ שיעור יידישע שכנים. גאָלדע רודמאַן האָט נאָכגעקוקט איר מאַן, וואס איז דאָ אין נייעם לאַנד ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. מער קיין בעטל־ברויט האָט מען ניט געוואָלט עסן. כאָטש אַ טייל קינדער האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען, געטראָגן די פאַרדינסטן אין שטוב אריין — האָט די שטוב דערוויל ניט פאַרמאָגט די היימישע וואַרימקייט. פרעמד ד׳האָט זי געפילט צו די אַרומיקע גאַסן אָנגעפּיקעוועטע מיט יידן. זי האָט אויך בחוש געפילט, אַז היינט־מאָרגן וועלן די קינדער זיך אָפּרייסן, אַוועק דעם אייגענעם וועג, און אפשר אַוועק פון שטוב. אינאיינעם מיט איר מאַן האָט זי געוואָלט אָנהייבן אַ לעבן אויפסניי, און גיט זי, און ניט איר בנימין האָבן דערוויל געשפּירט אַ באַדן אונטער די פיס. צו ביידן האָבן זיך אומגעקערט יונגע, אָנגעוואָרענע יאָרן און האָבן געמאָנט אַ תכלית.

אַ ניי־מאַשין האָט איר קעראָלאַין סטאָן צוגעשיקט. אַ ניי־מאַשין, וואָס אַרבעט מיט עלעקטרע. קעראָלאַין אַליין איז געקומען דערציילן ווי מיידלוויז, מיט פערציק יאָר צוריק, האָט זי אין אַ קעלער אויף מעדיסאָן סטריט איבערגעקליבן שמאַטעס. גאָלדען איז פון איר דערציילונג ניט גרינג־גער געוואָרן: „צי דאַרף יעדער איינער וואָס קומט אַהער אָנהויבן ס׳לעבן פון איבערקלייבן שמאַטעס?״ — האָט גאָלדע אַ פרעג געטאָן, און האָט גלייך חרטה געהאַט. זי ד׳האָט איר פּלימעניצע, וואָס איז געווען עלטער פון איר, און וואָס האָט אַ מאַן אַ מיליאָנער, ניט מקנא געווען. מחמת, קיין איינער פון די קרובים, קומענדיק צו איר, האָט איר דערוויל די שטוב ניט אָנגעוואַרימט.

צוויי וואָכן צייט שטייט שוין די ניי־מאַשין ביים פענצטער. גאָלדע האָט געפּרוּווט נאָכפרעגן ביי די שכנות וואָס זי האָט באַגעגנט אויף די טרעפּ, אפשר האָט מען עפּעס צו נייען; זי האָט נאָכגעפרעגט אין די שכנישע געוועלבלעך וואו זי האָט איינגעקויפט, געפרעגט, אפשר דאַרף מען עפּעס נייען, אָדער איבערנייען, זי וועט עס מאַכן פאַר שפּאָט ביליק — האָט מען זי אָנגעקוקט און געשמייכלט.

איר איז אויך ניט געווען צום האַרצן ברכהס באַשעפטיקונג. דניאל לוריא האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט. אין אַ זייטיקן, מיט עלעקטרע באַלויכטענעם צימער, האָט זי צווישן נאָך עטלעכע מיידלעך און אַ פּאָר מענער געדאַרפט איינסדרן, איינפּאַקן און צוגרייטן צום אַוועקשיקן אַלערליי פרויען מלבושים וואָס מ׳האָט אין די פּאָדערשע אָפּטיילונגען פאַר־

קויפט. כאָטש די היציקע ברכה האָט איר מוט ניט אָנגעוואָרן, געווען גליקלעך מיט איר ערשטער „פּעידע", וואָס זי האָט פאַר איר אַרבעט ביים שוועסטערקינד געקראָגן, האָט עס קיין גליק ניט אַריינגעבראַכט אין לעבן פון דער מוטער, וואָס האָט איר געראַטענער ברכהן געוואָלט זען ביי א בעסערן תכלית. גאָלדע רודמאַן אַליין האָט ביים אָנקומען קיין אַמעריקע אַרום זיך געזוכט איר יוגנט, וואָס זי האָט אויף יענער זייט ים אין אַלערליי שטורעמס פאַרלאָרן. איר איז שווער געווען אַרויפצובריענגען אויף די ליפּן, אז דאָס „פאַרהאַסטע לאַנד" פונוואַנען מ'האָט מיט אַזויפיל האָפענונג און זיסן טרויער אַריבערגעקוקט צו דער ווייטער אַמעריקע, האָט געוואונקען און געדופן צוריק; געדופן, און צומאָל געחוזקט: „ביסט אַנטלאָפן אַהין וואו איינער לעבט אויפן חשבון פון זיין ברודער־מענטש", וואו איינער זעטיקט זיך מיט זיין ברודערס אומגליק. פאַרוואָס האָסטו ניט באַנומען, אַז צוליב דיין אייגן גליק האָט מען די אַלטע וועלט חרוב געמאַכט, כדי מ'זאָל אויף איר שטויב בויען א נייע וועלט, וואו דיינע קינדער וואָלטן סוף־כל־סוף געפונען דעם רעכטן תכלית פון זייער לעבן?"

די צוויי זין, פּנחס דער ציוניסט און אפרים דער קאָמוניסט, זיינען דאָ אין לאַנד ניט נעבעטער געוואָרן איינס צום אַנדערן. אפרים, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען ביי לעאָנאַרד סטאָן אין שאַפּ, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אַרויסצוציען וואוינען ערגעץ באַזונדער. בלויז נאָכדעם, ווען גאָלדע האָט אים מיט פּשוטע ווערטער באַוויזן, אַז צו פאַר־גיסן ס'בלוט פון אַן אייגענער מאַמען איז פונקט אַזאַ זינד ווי פאַרגיסן ס'בלוט פון א פרעמדער מאַמען — האָט ער דערוויל אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו פאַרלאָזן די שטוב. ער, אפרים, האָט געטענהט, אַז אים אַרט ניט צו לעבן אין איין שטוב מיט פּנחסן, צי מיט ברכהן, מיט וועמען ער האָט זיך נאָך ניט אויפגעהערט צו קריגן, און אַפילו זיך שלאָגן, מחמת „אַן אָפענעם שונא איז ניט קיין סכנה אָנצוקוקן אין פּנים, אָבער פאַרבאָרגענע שונאים זיינען א געפאַר". פאַר א פאַרבאָרגענעם שונא האָט ער געהאַלטן די עלטערע שוועסטער יוסטינע. ער האָט איר אַיראָנישן שמייכל ניט סובל געווען. זי האָט אים ניט געענטפערט אַנטקעגן, נאָר געשמייכלט. דאָס איז אים געווען שווער צו פאַרטראָגן. יוסטינען איז ניט אָנגעשטאַנען צו גיין ערגעץ אַרבעטן. זי, ווי די מוטער, ביידע האָבן אַפיר געקוקט צו דער ניי־מאַשין, געוואַרט אויף „נאָקעטע און אָפּגעריסענע", וואָס וועלן ברענגען עפּעס צו נייען, אָדער איבערנייען.

בנימין רודמאַן האָט ניט געפועלט ביי זיך אַראָפּצונעמען די גאַנצע באָרד. אומוואַנדערנדיק איבער דער איסט־סייד האָט ער דאָ־און־דאָרטן באַגעגנט בערדיקע יידן, וואָס האָבן מיט אייליקע און איבערגעשראָקענע טריט פון ערגעצן אין ערגעץ געאיילט — געהיימע שליחותן אויסצופירן. אַיינאייגעם מיטן אַלטן ר' בונים האָט ער אויפגעזוכט יידישע „געבעט־הייזער", געכאַפּט א שמועס מיט די געציילטע בטלנים, וואָס האָבן מיט די אויגן געטרייסט די פאַרוואָרלאָזטע ספרים. ביידע האָבן נאָך א באַזוך אין א שול באַשטימט, אַז די באַלשעוויקעס דאָרטן טוען מיט יידישקייט ס'אייגענע וואָס יידן האָבן שוין פון לאַנג אָפּגעטאָן אין דער פרייער אַמעריקע. ביידע האָבן משיג געווען פאַרוואָס ישראל לוריא, ווען ער איז מיט אַריבער

פערציק יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך גענומען צו מלאכה.

— איך, ווי איך — האָט דער אַלטער ר׳ בונים מסביר געווען — איך וועל זיך נאָך פּרוּוון איינשטעלן פאַר די ספרים. דייקע אין דער שול וואָס מיין ברודער ישראל האָט מיט פערציק יאָר צוריק געהאָלפן בויען וועל איך אַריינקומען. וועל זיין איינער פון די לעצטע. אָבער דו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַז ס׳האָט ניט געלוינט זיך אַראָפּשלעפּן אַהער? דאָס דייקע ניט. ביסט יונג, דערומעד שפּאַר זיך אָן אויף דיין אייגענעם שטעקן.

ס׳איז געווען אַ רעגנדיקער פרייטיק צונאַכטס. גאָלדע רודמאַן האָט זיך פאַרבענקט נאָך דעם אַמאָליקן שבת. זי איז אַרויס באַצייטנס אין גאַס, געקראָגן אַ פּאָר מעשענע לייכטערלעך, און געבענטשט ליכט. זי האָט זיך געמאַטערט צו דערמאָנען די תפילה, וואָס איר מוטער האָט שטיל ביי ליכט־בענטשן געזאָגט, בעת זי האָט מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן, און ניט געקענט. זי האָט געזוכט פּאַסיקע ווערטער, אַליין אויסצושטעלן אַ תפילה. האָט איר געדאַנק איבערגעשלאָגן דער שטראָם וואַסער, וואָס האָט זיך אויף יענער זייט וואַנט פון קראַן געגאָסן אין וואַנע אַריין: יוסטינע האָט זיך דאָרט געבאָדן, זיינען דער מאַמעס מחשבות אַהין אַוועק, כאָטש ס׳פּנים האָט אויף זיך רעפלעקטירט די וויגנדיקע פלעמלעך פון די צוויי סטעריין־ליכט אין די מעשענע לייכטער.

— זעסט ווי מיין לייב איז פראַזראַטשנע געוואָרן — איז אָדם־נאַקעט פון באָד־צימער יוסטינע אַריינגעקומען, און געבליבן שטיין פאַר דער מוטער — טו אַ טאַפּ מיין לייב, ווי צייטיקע עפּל; סע שמעקט... ס׳איז פאַרוועלקט געווען. וואָס פאַר גליק צו האָבן צוויי קראַנען וואַסער ביי זיך אין שטוב! קאַלטע און וואַרימע וואַסער ווען מען וויל. ס׳גלוסט זיך מיר אַזש וויינען פאַר פרייד.

ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט יוסטינע אַרומגעכאַפּט איר מאַמעס צעשעטרייטן קאָפּ און געדריקט צו איר נאַקעטער ברוסט.

— וואָס איז לעבן, מאַמע? וואָס איז גליק, מאַמע? בענטשסט ליכט, זאָגסט תפילה צו גאָט; פרעג אים, וואָס איז גליק, וואָס איז לעבן...

— גיי, מיין קינד, כאַפּ אויף זיך אַרויף עפּעס, מ׳קען דיך דערזען דורכן פענצטער.

— זאָל מען זען. איך שעם זיך ניט. אדרבה, זאָל מען זען ווי אַ מיידל האָט אין הונגער, אין אומגליק איר גוף אויפגעהיט. זאָג מיר עפּעס, מאַמע.

— כ׳קלער, אין וועמען דו ביסט געראָטן.

— אין דיר בין איך געראָטן. איך וויל לעבן, פּונקט ווי דו ווילסט עס.

— איך? — האָט גאָלדע מיט אַן אינערלעכן ציטער באַטראַכט דאָס לייב פון איר קינד — וואָס פאַרלאַנג איך דען? איך וויל מער צו קיינעם ניט אָנקומען. אפילו צו קיין קינד וויל איך אויך ניט אָנקומען. ווי טייער וואָלט מיר געווען דער ביסן ברויט וואָס דער טאַטע, אָדער איך זאָלן פאַרדינען!

— מיך אַרט ניט, אויב אַ מאַן וועט פאַר מיר האַרעווען. כ׳וועל זיין אודאַוולעטוואָראַיעט, ווען א געטרייער מאַן וועט עס פאַר מיר טאַן. מיר אַרט ניט וואָס דו קלערסט.

— רעד ניט אזוי. רעד ניט וואָס דו מיינסט ניט.

— איך מיין עס, מאַמע.

— דאָ זע איך, איז אַנגענומען, א מיידל זאָל אַרבעטן און זיין אַ כאַזאַיקע איבער זיך אליין.

— ניט אַלץ וואָס מיידלעך טוען דאָ, וויל איך טאַן. ארבעטן אויף א זאַוואָד וויל איך ניט.

— איך ווייס ניט, מיין קינד, וואָס איך זאָל דיר זאָגן.

טריט האָבן זיך דערהערט אויף די טרעפּ הינטער דער טיר. יוסטינע האָט מיט די הענט פאַרדעקט די נאַקעטע בריסט און אוועקגעאיילט אין צווייטן צימער.

עס זיינען אריינגעקומען פנחס און יוחנן פעלדשטיין. גאָלדע רודמאַן, אַביסל פאַרלאָרן, איז געבליבן אויף איר אָרט, געוואַרט אויף די ערשטע ווערטער פון די אריינקומענדיקע.

— וואָס שטייסטו אזוי, מאַמע, צוטראָגן — איז פנחס נאָגנט צוגעגאַנגען צו דער מוטער, געפאָרשט אין איר פּנים — קענסט דאָך דעם מיסטער פעלדשטיין; לאָזט זיך אויס, ער איז זכריהס, כ׳מיין דאָקטאָר לוריאס א נאָנטער פריינט. מיר האָבן זיך דאָרטן געטראָפן.

— אַ דאַנק דיר, מיין זון, וואָס דו האָסט געבראַכט אַ לעבעדיקן מענטשן. אוודאי געדענק איך אייך — האָט איר פּנים זיך באַגאָסן מיט פריינטלעכקייט אַנטקעגן דעם גאַסט — איר זייט א שרייבער... איך פּרואוו לייענען די גאַזעטן. ס׳איז מיר אלץ אַזוי פרעמד נאָך. זיצט, זיצט.

— ביסט אַליין אין שטוב? — האָט פנחס געקוקט אויף די געבענטשטע ליכט און אויף דער מוטער.

— יוסטינע איז אין שטוב.

יוחנן פעלדשטיין איז פול געווען מיט נייגיר, זינט ער האָט ביי הילל לוריאן אויפן פּאַרם באַגעגנט די רודמאַן־משפּחה. ער האָט כסדר געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען יוסטינען, וואָס איז אים יעמאָלט אזוי אנטקעגן געקומען מיט איר אָפנהאַרציקייט. גייענדיק מיט פנחסן האָט ער אָנגערירט דאָס יידישע שול־לעבן, וואו ער, פעלדשטיין, איז געווען לערער. פאַר פנחסן איז געווען א חידוש צו געפינען, אז דאָ אין לאַנד האָבן זיך געצײַלטע פאַרמאָסטן אויפצוהאַלטן נאַציאָנאַל־וועלטלעכע שולן. און אזעלכע מענטשן ווי יוחנן פעלדשטיין, אַ באַוואוסטער שרייבער, איז לערער אין איינער פון די יידישע שולן.

— מיינסטו, מאַמע, אַז נאָר דאָרטן זיינען פאַראַנען עקשנים, וואָס ווילן אָפּהיטן יידישקייט פון אונטערגאַנג? אָט־דאָ איז אויך דאָס אייגענע. אָט איז דער מר. פעלדשטיין; ער איז דאָ א יידישער פּיאָנער.

— מיר זיינען דאָ ניט קיין פּיאָנערן — האָט פעלדשטיין גוטמוטיק געקלאַפּט פנחסן איבערן אַקסל — טאָקע צוליב דעם אליין וואָס דאָ איז אונדז דערלויבט פראַנק־און־פריי אפילו זיך שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט.

אונדז ווילט זיך באקליידן די יידישע נשמה־נאַקעטקייט. ס'איז זייער באַשיידן.

יוסטינע איז אַרייַנגעקומען אייַנגעוויקלט אין אַ יאַפּאַניש גרין־און־וויים געקווייטלטער קימאָנע. די שוואַרצע האָר פריי צעלאָזן איבער אַקסל און פּלייצע. זי האָט פעלדשטיינען אויסגעזען העכער, ווי ער דהאָט זי געדענקט פון דער ערשטער באַגעגעניש.

— פאַרוואָס האָט מען אייך אַזוי לאַנג ביי אונדז ניט געזען? — האָט יוסטינע אים געטראָגן איר לענגלעכע, בלאַסע האַנט אנטקעגן — איך פאַרשטיי, האָט איר זיך ביים דאָקטער באַגעגנט.

— ווען איך טרעף אייך ניט דאָ אין שטוב, וואָלט איך אייך ניט דער־קענט.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן די ענדערונג וואָס איז אין יוסטינען פאַרגעקומען זינט ער האָט זי צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט אַ חודש צוריק. איר פאַררעסנקייט איז אים יעמאָלט געפעלן געווען. כאָטש איצטער, אין איר קימאָנע, האָט זי אויסגעזען גלייכער, שטרענגער, פונדעסטוועגן האָט אין איר געפעלט די געוויסע גאוה וואָס זי האָט יעמאָלט אַרויסגעוויזן. ער האָט געקוקט אויף יוסטינען און אויף דער מוטער. ער האָט אין דער מוטערס פּנים דערקענט טיפע זאָרג. אים איז אומנאַטירלעך אַרויסגעקומען יוסטינעס קלינגענדיקע שטים אין אַנגעזיכט פון דער מוטער, וואָס האָט גערעדט מיט אַן אייַנגעדראַלטענער שטים.

יוסטינע, ווי זי וואָלט זיך אַנגעשלאָגן אָן פעלדמאַנס מחשבות, איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, אַרומגענומען איר קאָפּ און אַ קוש געטאָן.

— דאגה ניט, מאַמע, — האָט זי בשעת מעשה אַריבערגעקוקט צו פעלד־שטיינען — מיין מאַמע זאָרגט, און איך דערלאָז ניט. מיין מאַמע זאָגט, אַז אַ מענטש טאָר ניט פאַרלאַנגען צופיל, סיידן ער איז זיכער, אַז דאָס וואָס ער פאַרלאַנגט וועט אים אָנקומען גרינג. איך זאָג, אַ מענטש מעג האָבן זיינע פאַרלאַנגען און מעג אפילו איינשטעלן ס'לעבן צוליב זיי. איך האָב מיט אַ ווילע צוריק זיך אויסגעבאָדן און געוואָלט וויזן דער מאַמען ווי שיין איר טאָכטער זעט אויס, האָט זי אויף איר טאָכטער ניט געוואָלט קוקן. זי האָט צוגעדעקט די אויגן מיט די הענט און געבענטשט ליכט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוחנן פעלדשטיין אַ לאַך געטאָן — ס'איז ווערט געווען צו קומען דאָס אליין הערן, און מער גאָרניט, כאַ־כאַ־כאַ.

יוחנן פעלדשטיינס געלעכטער האָט געקלונגען אין אַ פוסטקייט. יוס־טינע האָט, ווי איר שטייגער, חשק געהאַט דעם פעלדשטיינען אַרייַנצוזאָגן אָפּנהראַציק. אין דער לעצטער רגע האָט זי באַשטימט בעסער פאַרשווייגן זיין געלעכטער, הערן וואָס דערדאָזיקער מענטש האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט באַמערקט אין איר ברודערס פּנים טרויער. ער איז אַרומגעגאַנגען זוכן אַרבעט אין אַ שאַפּ וואָס נייטן לוריאַ האָט אים רעקאָמענדירט; צום סוף איז ער גאָר געקומען פון דאָקטאָר לוריאַן. זי האָט חשק געהאַט פרעגן דעם ברודער וואו ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען.

— ווי איך פאַרשטיי, פילט איר זיך פרעמד אין אונדזער מדינה. ווען איך טו אָפּ ס'אייגענע וואָס איר, וואָלט איך מיר אפשר אויך אַזוי געפילט.

— וואָס מיינט איר? — האָט יוסטינע געפרעגט.

— איך בין ניט קיין פריינט פון רעוואָלוציע. אָבער, אַז אַ שטאַרקע האַנט האָט איינגעוואָרפן אַזאַ פאַרשימלטע וועלט ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד, און די אייגענע האַנט פּרוּווט בויען אַ נייע וועלט, ווען דאָס וואָלט פאַר מיינע אויגן פאָרגעקומען, וואָלט איך געוואָלט דאָרטן בלייבן, זיין אַ שטומער עדות, און אפשר העלפן די בויער.

— מיט וואָס איז די צאַרישע רוסלאַנד געווען פאַרשימלט? — האָט יוסטינע ווידער געפרעגט.

— פאַרשימלט איז אפשר ניט געווען קיין פּאַסיקער אויסדרוק. גיכער איז די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע סטרוקטור פון אַמאָליקער רוסלאַנד געווען צעפוילט — האָט פעלדשטיין פאַרבעסערט.

— אויך מיט דעם בין איך ניט מסכים — האָט פנחס זיך אָפּגערופן

— דער ציוניזם איז אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד ניט געווען לעגאַל, אָבער אין היינטיקער איז ער פאַרבאָטן.

— ניט אויף דעם יידישן ציוניזם שטייט די וועלט.

— די יידישע וועלט שטייט אויף דעם.

— כ׳וועל זיך מיט אייך ניט קריגן. אָבער ניט אין דעם אליין דאַרף מען זוכן די כאַראַקטעריסטיק פון אַמאָליקער רוסלאַנד.

— די אַמאָליקע רוסלאַנד האָט געהאַט איר אייגנאַרטיקע ראָמאַנטיק. אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד האָט געקענט וואַקסן אַ גראַף טאָלסטאָי, אַ טורגענעוו, אַ פּושקין, אָדער אַ לערמאָנטאָוו — האָט פנחס ניט נאָכגע־געבן.

— אויך פון אַ זומפּ וואַקסן ארויס בלומען — האָט יוחנן פעלדשטיין טרוקן אָפּגעענטפערט.

— איר רעדט דאָך ווי אַ באָלשעוויק — האָט יוסטינע זיך ניט געקענט איינהאַלטן — אבי, כ׳האָב געמיינט עפּעס אַנדערש.

—איך האָט אַמאָל פון אַ האַלבן אמת אויך.

— קיין בורעקל אמת איז אין דער רעוואָלוציע ניטאָ.

— מיט אייער ברודער דעם באָלשעוויק, איך געדענק אים גוט, מיט אים וואָלט איך זיך ניט אריינגעלאָזט אין קיין שום דיסקוסיע. און מיט אייך וויל איך עס אויך ניט טאָן. איך בין געקומען מיט אייער ברודער זען ווי איר לעבט. איר׳ט דאָך מיך ניט ארויסטרייבן, האַ? — האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט צו יוסטינען.

— איך וועל זיך אויך מיט אייך ניט קריגן — איז יוסטינען געקומען דאָס בלוט אין פּנים אריין.

— איך האָב נאָר געוואָלט ארויסזאָגן וואָס איך פיל באַנ׳אייך אין שטוב — האָט פעלדשטיין גערעדט אויף דער זייט פון גאָלדע רודמאַן — איר שפּירט זיך פרעמד. כ׳האָב עס ניט ארויסגעזען ביי די יידישע אימי־גראַנטן וואָס זיינען אהער געקומען פאַר דער מלחמה. די וואָס קומען פון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען גאָר אַנדערש. זיי שפּירן זיך דאָ פרעמד.

— ס׳איז אמת — האָט גאָלדע רודמאַן דערפילט אַ נאָענטקייט אין פעלד־שטיינס רייד — מיר איז שווער זיך צו געפינען צווישן אזויפיל יידן און שפּירן די קעלט וואָס סע בלאָזט פון זיי. גלויבט מיר, אַז דאָרטן האָט מען זיך געטוליעט איינס צום אנדערן. דאָרטן האָט מען זיך פאַרטרויט

איינס ס׳אַנדערע. כ׳מיין, ניט אַלע האָבן זיך פאַרטרויט, אָבער די, וועמען עס איז געווען שלעכט, האָבן געפונען צו וועמען זיך צוצוטוליען. דאָ אַרום לעבן יידן ווי הערינג אין אַ פאַס, און כ׳ווייס ניט ווער זיי זיינען.

— ס׳איז אפשר בעסער אַזוי — האָט פעלדשטיין באַרויִקט — איר זייט ניט די ערשטע און ניט די איינציקע וואָס שפּירן זיך אַזוי. אַלע, אַלע, וואָס האָבן געהאַט מוט צו טראַכטן פון גרויסע דערגרייכונגען, האָבן זיך תחילת געשפּירט אַליין. שטאַרקע גייען אַליין — האָט ער איבערגעקוקט צו יוסטינען — שטאַרקע מאַכן אַליין זייערע ערשטע טריט. ווער ס׳קוקט דעם אַנדערן אין די הענט אַריין, דער קריגט גאָרניט. דער וואָס באַגרייפט זיין אייגענעם כוח, דער געפינט די פּאַסיקע שעה זיין כוח אויסצונוצן פאַר זיין אייגענעם דערפאָלג.

יוסטינע האָט אָנגעקוקט פעלדשטיינען און געטראַכט, צי איז דאָס דער אייגענער מענטש וואָס איז לעבן איר געשטאַנען ביי הילל׳ן אויפן פאַרבאַנגעשפּאַרט אָן פעלז? יעמאָלט האָט ער איר אויסגעזען נאַרישער. „און צי איז דאָס טאַקע דער גייסט פון אַמעריקע?״ זי האָט געשפּירט ווי דאָס בלוט קומט איר אין פּנים אַריין. זי האָט געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל רעדן, דערציילן פון אַמעריקע און פון דעם שטאַרקן מענטשן, וואָס ווייס צו דערגרייכן זיין פאַרלאַנג.

— איך בין דאָ פרעמד — האָט יוסטינע גערעדט מיט די אויגן צו דער מוטער — אָבער איך האָב פאַר דעם ניט קיין מורא. ס׳איז גוט צו פילן זיך אינדערפרעמד, ס׳איז גוט צו באַגעגענען ווילד־פרעמדע מענטשן.

יוסטינע האָט מיט הונגעריקע אויגן זיך איינגעגעסן אין יוחנן פעלדשטיינען, פאַר אירע אויגן האָט זיין געשטאַלט געשווינדלט.

קאַפּיטל פיר

יוחנן פעלדשטיין איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג אין לעבן. ווי א יידישער שרייבער, האָט ער געהאַלטן, אַז עס ליגט דער חוב אויף אים אָפּצוגעבן זיך ניט בלויז מיט די „בלומען אויפן בוים", נאָר אויך מיט זיינע „וואָרצלען": ניט גענוג צו זיין בלויז יידישער שרייבער, נאָר לייגן דעם יסוד פאַר א נייעם לייענער איז דער חוב פון שרייבער. דעריבער איז ער געשטאַנען נאָנט צו דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג. אליין געווען לערער אין אַזאַ שול.

אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז אים ניט גוט געגאַנגען. זיינע יוגנט־לעכע ליבעס האָט ער צו שפּעט אָנגעהויבן צו פירן, און קיינע פון זיי ניט אויסגעפירט. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין אָנהייב פון דער מלחמה, און א געוויסע צייט געאַנט, אַז אין אמעריקע איז דער היינטצייטיקער קיבוץ גליות, און אויך די היינטצייטיקע ארץ ישראל. ביז ס'איז געקומען די רעוואָלוציע און זיין אַלטע היים איז איינגעפאַלן. ס'איז גע־קומען די באַלפור דעקלאַראַציע און אָנגעוויזן אויף ארץ ישראל ווי די יידישע היים, איז פעלדשטיין געוואָרן סקעפּטיקער: „צוויי מאָל משיח אין איין יאָר איז צופיל פאַר יידן" — האָט פעלדשטיין געטראַכט. ווען אויף דער יידישער גאַס האָט מען אין נאָמען פון יעדן משיח באַזונדער אָנגעהויבן זיך ארומצוקריגן, איז פעלדשטיין פאַרקראָכן אין זיינע ד' אמות, פון דאָרטן אריבערגעקוקט צום יידישן עבר, מקנא געווען די צייט ווען מען האָט יידן פון שפּאַניען געטריבן; מקנא געווען די, וואָס האָבן זיך געלאָזן אויף קידוש השם אומברענגען. אין דער רגע ווען ער האָט ביי זיך אין געמיט געקענט פאַראייניקן זיינע צוויי אַרבעטן, זיין שרייבן און זיין לערנען מיט יונגע, אין אמעריקע געבאָרענע קינדער, די שפּראַך פון זיין שרייבן — יעמאָלט האָט פאַר אים זיך אויסגעלייטערט דער הימל־ראַנד.

מיט דאָקטאָר לוריאן האָט ער זיך באַקענט, און שפּעטער פריינט געוואָרן. ווען ער איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאן ער זאָל אים אונטערזוכן זיין האַרץ, און געפונען ביי אים אויפן טיש די יידישע געשיכטע פון גרעץ — אויפ־געמישט די צייט פון שבתי צבי. דאָקטאָר לוריא האָט אים אויסגעהערט זיין האַרץ, געפּאַרשט זיין בלוט־דרוק, און אים דערקלערט, אז א נאָרמאַל האַרץ איז שוין א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. א יידיש האַרץ איז ממש רעדעוודיק. דאָקטאָר לוריא האָט אים יעמאָלט באַקענט געמאַכט מיט דער יונגער פּערל לוריא, און צוליב דעם האָט ער פאַרגעסן אפילו צו פרעגן הלמאי דער דאָקטאָר האָט אים קיין שום רעצעפּט ניט פאַרשריבן.

פערל לוריא האָט שפּעטער ביי אים א געוויסע צייט געלערנט לייענען און שרייבן יידיש, און ער האָט ביי איר געלערנט ווי צו זוכן גליק אין יעדער רגע פון לעבן. דאָקטאָר לוריא האָט אים געראָטן, ער זאָל אַרויס־פאָרן אין די בערג אויף א פּאָר וואָכן, געגעבן אים דעם אַדרעס פון זיין ברודער דעם פאַרמער. דאָרטן איז אויף זיין לעבנסוועג אָנגעקומען אַזוי אומגעריכט די רודמאַן־משפחה, און די צוויי רודמאַן־טעכטער, יוסטינע און ברכה. כּמעט די עלטערע יוסטינע איז פאַר אים געווען א רעטעניש, „א פרוי א ספינקס" — האָט זי זיין גאַנצן יש, פון די שפּיצן האָר ביז צו די טריט מיט איר בליק איבערגעמישט. ער האָט זיך שפּעטער באַמיט זי אַרויסצוואַרפן פון זיין געדאַנק. אָבער ווען די רודמאַנס האָבן פאַר־לאָזן דעם פאַרם, איז אים דאָרטן ענג געוואָרן. קומענדיק אין שטאָט אַריין ד'האָט ער זיך באַמיט אויסצומיידן די רודמאַנס. נאָר פערל לוריא האָט עפּעס אין אים דערקענט. זי האָט אים צוגערעדט, ער זאָל זיך מיט די רודמאַן־טעכטער ווידער באַגעגענען. ווען פנחס רודמאַן האָט אים גע־נומען צו זיך אַהיים, האָט פעלדשטיין אינגאַנצן אָנגעוואָרן זיין גלייכגעוויכט. דאָס וואָס ער האָט געטראַכט צו רעדן האָט ער פאַרגעסן. בלויז יוסטינען און איר מוטער האָט ער באַגעגנט, און ער האָט אַליין ניט געקענט באַנעמען פאַרוואָס דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, ער האָט אפילו ניט געפונען די פאַסיקע רייד אין דער ריכטיקער רגע. ער איז דעריבער אומדערוואַרטעט אַוועק פון די רודמאַנס.

פערל לוריא האָט אים געגעבן צו וויסן, אז די רודמאַן־מיידלעך וועלן זיין זונטיק ביינאַכט. ווען יוחנן פעלדשטיין איז אָנגעקומען צו דאָקטאָר לוריאַן זיינען שוין פנחס און ברכה רודמאַן געווען. מיט א געוויסער בושה אין פּנים האָט פנחס אויפגעקלערט, אז כּמעט ער איז פון סאָוועטנפאַרבאַנד געלאָפן צוליב דעם דאָרטיקן פאַרלייקענען אלע נאַציאָנאַלע געפילן, פונ־דעסטוועגן גלויבט ער, אז די דאָרטיקע יידן וועלן לענגער פאַרבלייבן יידן, ווי די יידן אין אמעריקע. פערל לוריא איז אין צימער ניט געווען.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך שטיל אריינגעזעצט אין א ווייכן שטול; ס'ד'האָט אים געדופעט וואָס ברכה רודמאַן האָט אים דערלאַנגט אַזאַ קאַלטע האַנט, ווי זי וואָלט אים ניט געוואָלט קענען. ער האָט חושד געווען, אז יוסטינע איז ערגעץ מיט פערל לוריא אין צווייטן צימער. ער האָט געזוכט א ענלעכקייט צווישן די צוויי שוועסטער. ניט אין וואוקס און ניט אין באַנעמונג זיינען זיי ניט געווען ענלעך. ער געדענקט יוסטינעס שמאָלע, ווייכע האַנט — ווי אירע פינגער האָבן פּיל'דייטיק אָנגערירט זיין האַנט. ברכה, פאַרקערט, אירע קורצע, גראָבלעכע פינגער האָבן אים געגעבן צו פילן, אז די־אָ הענט קערן זיך איינס מיטן אנדערן ניט אָן.

ניט קוקנדיק אויף פעלדשטיינען, האָט ברכה זיך אָפּגערופן אויף איר ברודערס מיינונג, און געזאָגט:

— פאַרלאַנג ניט, פּנחס, פון מענטשן צופיל. איך בין געוואַקסן און צום שכל געקומען אונטער א דיקטאַטור. בגנבה גערעדט. בגנבה גע־טראַכט. בגנבה געוואויגן מיינע געפילן. אוי, ווי זיס ס'איז געגנבעט וואָסער? דאָרטן רעדט די רעוואָלוציע אין דער יוגנט, אז מיט דער צייט וועט מען יאָגן, דעריאָגן און איבעריאָגן אַמעריקע. בין איך שוין מער ווי

א חודש אין אמעריקע. איך קלער אלץ: וואָס יאָגן זיי דאָרטן און וואָס וועלן זיי איבעריאָגן?

— וואָס זאָגט איר אויף דעם? — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געווענדט צו פעלדשטיינען.

— האָ?

— איר דהאָט ניט געהערט וואָס מיר רעדן דאָ?

— אָ, יע, איך טראַכט — האָט פעלדשטיין געוואָלט פאַרבעסערן — פונקט ווי אין די אכציקער יאָרן, אַזוי אויך איצטער, ליפערט נאָך רוסלאַנד די אמתע יידן קיין אמעריקע.

— מיינט איר עס אונדז אויך? — האָט ברכה געפרעגט.

— אַז איר וועט זיך פאַרדינען — האָט פעלדשטיין רואיק געענטפערט.

ביי ברכהן האָבן די אויגן געפינקלט. פעלדשטיינס ווערטער האָבן איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. זי האָט אריבערגעקוקט, אמאָל צו איר ברודער, און אַמאָל צו דאָקטאָר לוריאן. זי האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס יוחנן פעלדשטיין האָט געמיינט מיט זיינע ווערטער. זי האָט געגלויבט, אַז אין דער פרייער אמעריקע וועלן זיך ביי איר די רייד א ריס טאָן ווי פון א תפיסה ארויס. און צום סוף גאָר: דאָ רעדן מענטשן פראַנק און פריי. „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג". און וואָס מען רעדט דאָ קומט ברכהן אויס ניט ניי. זי האָט אזויפיל מאָל געהערט רעדן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט. איר איז דאָ שווער דערוויל אָנצוטאַפּן, וואו ס'לאָזט זיך אויס קאַפּיטאַל און וואו ס'דהויבט זיך אָן אַרבעט.

פעלדשטיינס ווערטער האָבן איר אויסגעוויזן שטעכיק און ציניש. ווען קיינער האָט זיך אויף זיינע ווערטער ניט אָפּגערופן, האָט זי פּאַרזיכטיק געפרעגט:

— זייט איר צופרידן מיט אייער לעבן דאָ?

— וועמען מיינסטו? — האָט דאָקטאָר לוריא געפרעגט.

— איך מיין אייך אלעמען, וואָס טענהן, אַז זיי זיינען נאָך יידן. כ'וויל אייך נאָר זאָגן, דאָ באַגרייף איך מער די כוחות וואָס האָבן געבראַכט די רעוואָלוציע. ס'איז געווען א רעוואָלוציע קעגן אַלץ וואָס איז אָפּגעלעבט ביי מענטשן, ווי דער ציוניזם איז א רעוואָלוציע קעגן אַלץ וואָס איז אָפּגעלעבט ביי יידן.

יוחנן פעלדשטיין האָט אָנגעקוקט ברכהן און איראָניש געשמייכלט.

— איך קען ביי זיך ניט האָדעווען קיין דאָפּלטע געפילן — האָט פּנחס אונטערגעהאָלפן זיין שוועסטער — איך קען זיך ניט פילן צופרידן און גליקלעך ווי א מענטש, און אומגליקלעך ווי א ייד. דאָס איז די צרה מיט דער יידישער אינטעליגענץ אומעטום אין דער היינטיקער צייט: דער כלומרשטער מענטש אין זיי איז מקריב דעם יידן.

ברכהן האָט פאַרדראָסן די געפאַלנקייט אין איר ברודערס שטים. זי האָט גלייך באַמערקט:

— וואָס מ'זאָל ניט טראַכטן פון לאַנד פונוואַנען מיר זיינען געקומען, איינס מוז מען צוגעבן: מ'לאָזט דאָרטן די יוגנט ניט שלאָפן. זע, פּנחס, זאָלסט דאָ ניט איינשלאָפן.

— איך קלער שטענדיק פון דער רעוואָלוציע אין מיין אַמאָליקער היים — האָט דאָקטאָר לוריא געוואָלט אָפּלייגן דעם שמועס אָן א זייט — ס'איז דאָס וואונדערלעכסטע אין הייַנטיקער צייט. איך קוק אָן מיינע שוועסטערקינדער; א שאָד וואָס די אַנדערע צוויי קינדער זיינען דאָ ניטאָ. א נייער מענטש איז דאָרטן אויפגעשטאַנען. כאָטש דער מענטש קען פון זיין אייגענער פעל ניט ארויסקריכן. קאָמוניזם איז א באַגריף וואָס וואַקסט אַרויס פון כלל און ניט פון פּרט. פונקט ווי דער וואַלד און דער באַזונדערער בוים, אַזוי איז דער כלל און דער באַזונדערער יחיד. רעוואָלוציע איז א פּראָדוקט פון כלל. קאָנטר־רעוואָלוציע איז א פּראָדוקט פון יחיד. קאָנטר־רעוואָלוציע ברענגט ארויס בולטער דעם יחיד. אייך האָט מען דאָרטן באַטראַכט פאר קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. אפילו דער נאַציאָנאַלער גייסט וואָס שפּראָצט ארויס פון כלל וועט מיט דער צייט די רעוואָלוציע באַטראַכטן ווי דעם פאַרראַט פון יחיד.

— איר באַנוצט, דאָקטאָר, א צו הויכע שפּראַך פאר פּשוטע אמתן — האָט פּעלדשטיין זיך אָפּגערופן.

— ווי וואָלט איר געזאָגט? — האָט ברכה זיך אַיינגעגעסן מיט די בליקן אין פעלדשטיינען.

— רעוואָלוציע שטאַמט פון מאָגן און ניט פון שכל — האָט פעלדשטיין איראָניש גערעדט — די ערשטע רעוואָלוציע האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן מחמת מ'האָט די סאָלדאַטן געקאָרמעט מיט פאַרפוילטע קרויט. די איצטיקע רעוואָלוציע האָט מען געקענט דורכפירן, מחמת מ'האָט ניט אין צייט אָפּגעראָמט די מלחמה־טויטע, און אָנשטאָט ברויט האָט מען די זעלנער געגעבן לייז. דאָ אין אמעריקע זעט עס אויבערפלאַך אויס, אַז אלעמענס מאָגן איז זאַט, יעדער איינער האָט גענוג וואַסער און זייף, ניט דערלאָזן, אז לייז זאָלן ביי אים אונטערן העמד זיך פּלאָדזשען. ווען די מענטשהייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד וועט דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה, ס'זאָל אויסזען, אז אַלע האָבן ברויט, אַלע זיינען באַקליידט און אַלע האָבן גענוג זייף און וואַסער, וועט מען זיך כאַפּן, אַז מ'דאַרף האָבן א רעוואָלוציע אויפסניי. נאָר ס'וועט ניט זיין מיט וועמען זי דורכצופירן.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך צעוואַרימט, געשפּירט, אז די געסט הערן אים בייגעריק, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מ'זאָגט אויף מיר, אַז איך בין קעגן ארץ ישראל. פאַרוואָס זאָל איך זיין קעגן? פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן, אז מיר יידן זאָלן האָבן אַן אייגן ווינקל אויף דער ערד? איך קען ניט פאַרטראָגן, ווען איך זע דאָ ביי אונדז, אז אין נאָמען פון משיח רעדן די מענטשן, פאַר וועמען ארץ ישראל איז געוואָרן א שעפּס מיט ווייכע, וואַרימע וואָל. און די, וואָס רייסן די ערד, פּיבערן און פאַרלייגן מיטן קאָפּ, טאַקע די חלוצים אין אייער געשטאַלט — האָט ער אָנגעוויזן צו ברכהן — זיי זיינען די קנעכט פון אַמאָליקן מצרים. איבער זייערע קערפּערס וועלן נאָך שפּאַנען אונדזערע אייגענע בריונים.

— איר רעדט ווי אַן אַנאַרכיסט — האָט פּנחס רודמאַן, מיט א געדריקטער שטים זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ — אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט מען אייך באַשטראָפט פאַר אזא געדאַנק.

— איך ווייס עס.
— ווער בויט פאַרט די יידישע היים?
—די אייגענע קנעכט, וואָס האָבן אמעריקע אויפגעבויט.
— האַלט איר חלוצים פאַר קנעכט?
— ווי די אידעאַלע קנעכט, וואָס בויען איבער די חרובע רוסלאַנד.
— ס'אי פאַלש.
— פאַרוואָס האָט איר די רעוואָלוציע ניט אָנגענומען? זי האָט דאָך יידן געגעבן אַלע פרייהייטן!
— ניט די דאָזיקע פרייהייט האָב איך געוואָלט פאַר אונדזער פאָלק.
— איך וויל' אייך אריינפירן אין אַ קרייז — האָט פעלדשטיין גערעדט אויף ברכהס זייט — כ'וויל, איר זאָלט זיך באַקענען מיט געוויסע מענטשן און מיינונגען.
— ניין, ניין, פירט מיך אינערגעץ ניט — האָט ברכה איבערגעשלאָגן און איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן — כ'וועל אַליין זוכן און געפינען אידעאַליסטן.
— אמעריקע פאַרמאָגט ניט קיין אידעאַליסטן. אויב אימעצער וועט עס אייך דערציילן, אַז צווישן די אמעריקאַנער ציוניסטן זיינען פאַראַן אידעאַליסטן, לאַכט זיך אויס.
— וואָס דען פאַרמאָגט אַמעריקע?
— אַמעריקע פאַרמאָגט אַ וויסטן געוויסן. אין אמעריקע האָט מען אויך אויסגעפונען, אַז אַ קראַנקן געוויסן קען מען מיט געלט אויסהיילן. דעריבער האָט אַמעריקע די גרעסטע פילאַנטראָפּן. אונדזערע מיליאַרדערן, וואָס האָבן זייערע פאַרמעגנס געמאַכט דורכן פּשוטן אויסנאָגן ביז צו דער מיתה משונה הונדערטער טויזנטער קנעכט, זיי גיבן מיליאָנען אויף צדקה. זיי בויען די שענסטע אינסטיטוציעס, אַזוי האָט געטאָן קאַרנעגי, אַזוי האָט געטאָן ראָקעפעלער. אַזוי טוען קלענערע עשירים; און אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב טוען עס אונדזערע אייגענע פילאַנטראָפּן. חלוצים־גייסט, פאַרלאַנג צו העלפן אויסבויען אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל — ביי די רייכע יידן איז עס די אַרבעט פון וויסטן געוויסן.

אין דער אייגענער צייט איז אין צווייטן צימער אויף אַ שטול געזעסן פּערל לוריא, מיט גוף און נשמה איבערגעבויגן צו איר זעקס חדשימדיק קינד. אַ מיידעלע, וואָס האָט האַלב אין שלאָף געזויגן דער מוטערס ברוסט. אָפּגעריסענע ווערטער און פראַזן האָבן זיך צו איר געטראָגן פון צווייטן צימער. די ווערטער זיינען איר באַקאַנט, און פאַרט אומבאַקאַנט. זי, אַ געבאָרענע דאָ אין לאַנד, ביי טאַטע־מאַמע וואָס זיינען כסדר געווען אומצופרידן מיט זיך, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געבאָרן קינדער, יינגלעך, מיידלעך. די עלטערע פון איר האָבן חתונה געהאַט, און לעבן זייער לעבן. אַ ברודער אַן אַפּטייקער, אַ ברודער אַ ציווילער אינזשינער. איר לעבן וואָלט אויך אַוועק אין דער ריכטונג וואוהין ס'גייט ס'לעבן פון צווייטן דור — צו זיין מער „מענטש" ווי „ייד". ווי ווייט מעגלעך פאַרשטעלן דעם יידן הינטער דעם מענטשן. נו, האָט זי זיך פאַרליבט אַזוי אומגעריכט און חתונה געהאַט מיט אַ מאַן וואָס איז כמעט מיט דרייסיק יאָר עלטער פון איר, און וואָס ווי מענטש און ייד איז ער געבליבן אומ־

צופרידן. זי, וואָס האָט מיידלוויז זיך פאַרטיפט אין דער פילאָזאָפיע פון די גריכישע און רוימישע סטאָיקער, געוואויגן יעדע רגע וואָס איז געווען פון דער זון באַלויכטן, — שוין מער ווי א יאָר ווי זי האָט אָנגעהויבן שטודירן יידישע געשיכטע און יידישן עבר. זי האָט זיך באַקאַנט מיטן יידישן פּאַטאָלן וועג צווישן פעלקער, און זייער אָפּט, דווקא זויגנדיק דאָס קינד, איגאַיינעם מיטן קוואַל תענוג וואָס ריזלט פון איר לייב צום קינדס מויל, דוכט איר, אַז עס ריזלט פון א פאַרבאָרגענעם קוואַל אויך די ביטערניש. ווען דאָס קינד צעווייגט זיך נאָכן אָנזויגנדיק זיך מיטן מילך, דוכט פערלען, אז דאָס האָט דאָס קינד אינאַיינעם מיטן מילך אויסגעזויגן פון איר לייב עטלעכע טראָפּן ביטערניש.

איצטער קומען צו איר פון צווייטן צימער די רייד פון די געסט. איר מאַן רעדט ווינציק. די לעצטע צייט האָט ער א טבע לאָזן אַנדערע זאָלן רעדן. זי האָט אים דערפאַר די לעצטע צייט א פּאָר מאָל אויסגערעדט. די פרוי אין איר, די מאַמע, וויל זיך דערקלייבן צו די געפילן פון דער רויטהאָריקער ברכהן, וואָס רעדט מיט איר ברודער גאָר העברעאיש.

— צי וועט זי זיך ניט וועלן אייַנבירגערן דאָ אין לאַנד? — טראַכט זי ווידער — צייטוויז האָט מיר אויסגעוויזן, אז דאָס גאַנצע לאַנד איז צו ענג, מיינע פאַרלאַנגען זאָלן דאָרטן ניט דערשטיקט ווערן. ס'איז גאָר ניטאָ קיין ענטפער פאַר מיינע טויזנטער פראַגן — קינדער פון אומצופרי־דענער צייט — ניטאָ קיין ענטפער ביים היינטיקן מענטשן... און צום סוף גאָר איז געקומען א איסט־סיידער דאָקטער צו מיין קראַנקער מאַמען, וואָס האָט מיר מיט צוואַנציק יאָר צוריק פּאַקן געשטעלט, און אין דעמדאָזיקן קיילעכדיקן פּאָק־צייכן האָט פאַר מיינע אויגן דער גאַנצער ערד־קיילעך אויפגעלויכטן. „מענטש און ייד, ייד און מענטש" — וואָס רעדן זיי דאָרטן אַזויפיל פון דעם?

פערל וויס, אַז יוחנן פעלדשטיין איז מיט זיין בענקשאַפט פול ווי א ברונעם. ער מאַכט זיך פאַר אַ ציניקער, אָבער ער מיינט עס ניט. דאָס וויל ער זיין אייגענע אומצופרידנקייט איבערשרייען. איר פאַרדריסט וואָס ער האָט זיך אין קעגנוואָרט פון ברכהן אַזוי אויסגעדריקט. ער איז בכיוון געקומען כדי זיך צו באַגעגענען, און זי — אפשר אויך דאָס אייגענע; און פונדעסטוועגן רעדט מען, דיסקוטירט מען פון אַלץ אינדערוועלט, און נאָר ניט פון דעם צוליב וואָס מ'האָט זיך באַגעגנט.

פערל האָט חשק אריין צו די געסט, איבעררייסן דעם קאַלטן, פאַרבי־טערטן שמועס. ס'איז איר שאָד אָפּצורייסן דאָס איינגעשלאָפענע קינד, וואָס לאָזט ניט ארויס דעם ברוסט־נאַפּל פון מויל. ווי זי וואָלט געוועזן די גאַנצע ערד, און איר סילוויא, א פלאַנץ וואָס דאַרף די חיונה נאָגן פון דער גאַנצער ערד.

זי האָט דאָס קינד אַנידערגעלייגט אין וויג, עס איבערגעדעקט, און מיט א באַרואיקטן געמיט אריין צו די געסט אין צימער, זיך צוגעזעצט ביים זייט מיט דאָקטאר לוריאן ביים שרייבטיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, אריבערגעקוקט צו פעלדשטיינען, און גוטמוטיק געשמייכלט.

— וואָס אי, מיסיס לוריא? — האָט פעלדשטיין אביסל צעטומלט געפרעגט.

— איז טאַקע דאָס לעבן אַזוי זויער?

— ניט זויער, נאַר, כאַ־כאַ־כאַ — האָט פעלדשטיין זיך פלוצלונג צעלאַכט — איר לעבט דאָך ניט אויף אונדזער ערד, איר לעבט דאָך אויפן שטערן מאַרס.

— חלילה, איך לעב יאָ אויף דער ערד. ווי אַזוי האָב איך זיך מיט דיר באַקאַנט, זכריה, אויפן שטערן מאַרס, צי אויף דער ערד? „זע, האָב הנאה פון גרויסן לעבנס יום־טוב מיט נאָך אימעצן" — האָט עפּיקטעטוס געזאָגט — און איר גלייבט, אַז פון גרויסן לעבנס יום־טוב קען מען הנאה האָבן איינער אַליין. „אויב אַ מענטש איז אומגליקלעך, זאָל ער דעם אומגליק זוכן אין זיך אַליין..." אמת, אַ קלוגער מענטש געווען דער עפּיקטעטוס? וואָס שווייגסטו, זכריה?

יוחנן פעלדשטיין האָט געקענט פּערלס פילאָזאָפיע. ער האָט פאַר־שטאַנען וואוהין זי צילט. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברכהס בליקן און באַמערקט אין זיי בייזקייט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ וויל זיך אומ־געדרייט איבערן צימער, גאַנץ איינגעהאַלטן זיך געזעגנט מיט אַלעמען, און אַרויס פון צימער.

— וואָס איז עס פאַר אַ מענטש? — האָט ברכה געפרעגט.

— ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ קלוגן מענטשן — האָט פּנחס באַמערקט.

—ער איז אַ נאַר און הערט ניט וואָס ער רעדט — האָט ברכה אים איבערגעשלאָגן.

— מאַכסט אַ טעות, ברכה — האָט פּערל געשמייכלט — אַ נשמה קען מען ניט אויסשפּייען, און מענטשן פּרואוון עס כסדר טאָן. ער האָט עס היינט ביינאַכט אויך געוואָלט טאָן. אַז אַ מאַן, ווען ער באַגעגנט זיך צום ערשטן מאָל מיט אַ יונגער פרוי, טראַכט פון איר, און רעדט כלומרשט פון גרויסע וועלט־פּראָבלעמען, ער וויל זיין נשמה אויסשפּייען. דו, ברכה, זיי מיר מוחל, ביסט אויך אַזוי. רעד שטילער מיטן מויל, און לאָז בעסער ס'האַרץ רעדן הויך.

— איך האָב פיינט אַזעלכע מענער — איז ברכה אַ צעפלאַמטע אויפ־געשטאַנען פון פּלאַץ.

* * *

אָבער דווקא די פּולבלוטיקע, אין זיך איינגעגלויבטע און ענערגישע ברכה רודמאַן איז געווען די ערשטע אין נייעם לאַנד דורכצואווייקן איר קישן מיט טרערן. זי, וואָס האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד באַוויזן, אַז „אַ מיידל קען מיטן טייוול אַליין זיך פאַרמעסטן און אים צאַלן מיט טייוולשער וואָג און מאָס", האָט דאָ, אין פרייען לאַנד, דערפילט גאָר פרי ווי אָנגעג־זאַמלטע עקשנות אונטער אַ דיקטאַטור קען אויסרינען, ווען אַלע שטערונ־גען זיינען באַזייטיקט געוואָרן, ווען די אַמביציע קען זיך פאַרמעסטן איינ־צונעמען אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד.

עס איז געווען אין מיטן דער נאַכט, שבתצונאַכטס, נאָך אַ וואָך אַרבעט ביי איר שוועסטערקינד דניאל לוריאן אין זיין „סטאָר". זי האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט, אַז איר שוועסטער יוסטינע, וואָס איז מיט דער פּלייצע צו איר געלעגן אין דער אייגענער בעט, זאָל ניט דערשפּירן איר שטילן

געווען אין קישן אריין. פאַר מענטשן אין די אויגן האָט ברכה ארויסגעוויזן איר פאַרריסנקייט, צומאָל גאווה; אבער די פאַרלאָרנקייט צווישן די מיט־גלידער פון דער אייגענער משפחה האָט אונטערגעגראָבן איר יוגנטלעכן מוט. איר איינציקער ציל אין לעבן: — ווען עס איז דערגרייכן ארץ ישראל, אריין אין א קבוצה אינאיינעם מיט איר ברודער, טאָן אָפּן און מיט פרייד דאָס וואָס זיי האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד געטאָן בגנבה, קומענדיק קיין אמעריקע האָט דידאָזיקע פרייד אויסגערונען. פאַרוואָס זי, אָדער איר ברודער, האָבן אָפּגעלאָזן די הענט און דערווייל אָנגעהויבן זוכן א תכלית אויף דעם שטייגער פון די אלע גרינע וואָס האָבן זיך דאָ באַנוגנט מיט חיי־שעה, מיט דעם טאָג־טעגלעכן גייסטיק־אָרימען דערפאָלג — אויף דעם האָט זי ביי זיך ניט געפונען קיין תירוץ און ניט קיין באַרעכטיקונג.

זינט איר באַגעגעניש מיט יוחנן פעלדשטיין ביי דאָקטאר לוריאן, וואָס האָט איר אויפגעקלערט אז בכלל איז קיין אידעאַליזם ניטאָ, נאָר א ווייסטער געוויסן וואָס מענטשן פרוּוון אים היילן מיט כלומרשטע גוטע מעשים, כאָטש זי האָט אים דערפאַר פיינט געקראָגן, לאָזט עס זי ניט אָפּ. מיידלשע אַמביציעס קלייבן אויס זייטיקע שטעגן. הייס בלוט לאָזט זיך שטראָמען אויף יענע זייטיקע וועגן וואָס פאַרפירן. אָפטמאָל פירן זיי צום אויסגע־חלומטן ציל; און גאַנץ אָפט פאַרפירן זיי אין א פוסטער וועלט אריין. די וועלט, וואו עס הערשן געפילן, פאַרלייקנט די זיכערקייט פון שכל הישר. מיט איר שכל הישר האָט ברכה שוין צו זעכצן יאָר אויסגעלייגט אירע פּלענער פאַר דער צוקונפט; האָט זי געבויט איר וועלט אין א וועלט וואָס זי האָט אי אָנערקענט, אי פאַרלייקנט: „דאָ איז קאָמוניזם וואָס וויל יידן אויפלייזן ווי א פאָלק; איך וויל בויען קאָמוניזם וואָס וועט יידן אויפבויען ווי א פאָלק.” איצטער, צו ניינצן יאָר, האָט דער שכל הישר אָפּגעטראָטן פאַר די געפילן וואָס האָבן ארויסגעשטראָמט פון איר לעבן און צוריק אין האַרצן געבראַכט אַ שטורעם.

ברכה איז ניט געווען קיין וויינערקע, דעריבער האָבן די טרערן, וואָס זי האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פון איר שוועסטער ביים זייט, צו־בראָכן איר גאַנץ גוף. א ווייטיק האָט גענאַגט אין אלע גלידער. א פאַר־לאַנג צו וויינען אויפן הויכן קול. קעגן איר ווילן האָט איר גוף אויפגע־ציטערט.

— וואָס וויינסטו, ברכה? — האָט גאַנץ אומגעריכט יוסטינע שטיל געפרעגט, און זיך אומגעקערט מיטן פנים צו דער שוועסטער.

— כ'וויין ניט, יוסטינע — האָט ברכה געביסן די ליפּן, ניט צו דער־לאָזן, איר גוף זאָל פון פאַרשטיקטן געוויין אויפרייסן.

יוסטינע האָט מיט דער האַנט א וויש געטאָן איבער ברכהס קישן און געפילט דאָס דורכגענעצטע ציכל.

—איך בין דאָך נאָך אַלץ אַ שטיקל שוועסטער, ברכה... אפשר קלאָגסטו וואָס דו האָסט געבראָסיעט סאָוועטסקע ראָסייאַ?

ברכה האָט געשוויגן. איר שוועסטערס ווערטער האָבן איר געקלונגען קאַלט, אומפריינטלעך. אין איר שוועסטערס ווערטער האָט זי געפילט איראָניע; און דאָך האָבן זיי אָנגערירט פאַרבאָרגענע געפילן וואָס האָבן אין צייט פון פריצייטיקן יאוש געצוואונגען ברכהן א בליק טאָן צום וועג

צוריק, צו דער נייער וועלט, וואו איר רעוואָלטירנדיקע יוגנט האָט געהאַט אַן אויסטערלישע היים.

— ביסט דאָרטן געווען פונקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערקע ווי איך, דעריבער ביסטו פון דאָרטן געלאָפן. וואָס דאָ וועט זיין מיט אונדז? האָב געדולד. איך האָב געדולד. איך בענק פונדאָנען אינערגעץ ניט.

ס׳ערשטע מאָל הערט ברכה איר שוועסטער זיך פאַרגלייכן מיט איר. א טרוקנקייט איז אָנגעשטאַנען אין די אויגן און אין מוח. ס׳האָרץ האָט שאַרף און ספּאַזמאַטיש אַ וויל געקלאַפּט ביז ווייטיק, און באַלד ווידער אנטשוויגן געוואָרן, נייגנדיק דעם קאָפּ איינצודרעמלען.

— א ייִנגערע שוועסטער מעג זיך צוהערן צו אַן עלטערער. כאָטש דו ביסט זיכער, אַז אַלץ וואָס דיין שוועסטער האָט איבזינען איז עס זיך אליין. יעדערער האָט איבזינען זיך אליין. קיינער פאַרזאָרגט ניט די וועלט. א מיידל האָט נאָר איין נשמה און איין גוף, און דאַרף זיך וויזן פאַר דער וועלט מיט טויזנט נשמות און טויזנט גופן. אָט־דאָס איז עס, ברכה. א מיידל טאָר זיך אליין ניט פאַרלייקענען. א מיידל טאָר זיך ניט איינרעדן, אַז זי איז א מושטשינע. אויב יונגעלייט קוקן אויף דיר, ווייס, ס׳איז דערפאַר וואָס דו ביסט א יונגע פרוי. וועסט דיינע אייגענע געפילן ניט פאַרשווייגן. לאָז, כ׳וועל איבערקערן די קישן, די טרערן זאָלן דיר דיינע באַקן ניט פאַרברענען.

ברכה האָט געלאָזן, די שוועסטער זאָל פאַר איר איבערקערן די קישן מיט דער טרוקענער זייט אַרויף.

— א קישן איז ניט קיין מאַמע. מעגסט זיך אביסל מיט דער מאַמען אויך אָפּגעבן. נימאַ וואָס צו קלאָגן אין קישן אַריין.

ברכה האָט מיט אַמאָל דערשפּירט א וואַרימקייט פון איר שוועסטערס רייד. זי האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו יוסטינען, געדריקט צו זיך יוסטינעס שמאָלן גוף, געלאָזן פריי דעם פרישן קוואַל טרערן אויף איר שוועסטערס האַלדז.

יוסטינע איז א וויל, מעשה מאַמע, אומגעגאַנגען מיט איר שמאָלער האַנט איבער ברכהס יאַדערדיקן גוף, באַרואיקט, ביז ברכה איז איינגע־שלאָפן.

אויף מאָרגן, זונטיק, איז ברכה געבליבן לענגער אין בעט. אַן אויסגעלאָשענע איז זי געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, געלופּטערט אין געדאַנק איר שוועסטערס ווערטער. מיט דעם וואָס יוסטינע האָט איר דערמאָנט, אַז זי איז א יונגע פרוי, דערציילט ווי א פרוי קומט אויס צו לעבן מיט טויזנט נשמות, דערפון איז יוסטינע איר ניט נענטער געוואָרן. זי האָט יוסטינען ניט געטרויט, כאָטש ביינאַכט האָט יוסטינע געוואָלט צו איר זיין אַ מאַמע, און איז עס טיילוויז געווען. ברכה איז געבליבן אין בעט, געוואַרט, די מוטער זאָל צו איר אַריינקומען, זי זאָל זיך קענען פאַר דער מוטער באַקלאָגן, אַז זי פילט זיך ניט גוט.

פונדעסטוועגן, אַז די מוטער איז אַריינגעקומען, זיך צוגעזעצט נעבן איר און געטאַפּט איר שטערן, האָט זי אויפגעציטערט מיט איר גאַנצן גוף, אויפגעעפנט ברייט די אויגן און געזאָגט:

— ווייסט, מאַמע, מיך פאַרדריסט וואָס איך בין מיט אײַך מיטגעפאָרן אַהער.

— רעד ניט קיין נאַרישקייט, מײַן טאָכטער.

— אפשר פאַר דיר מיטן טאַטן, אפשר פאַר יוסטינען איז דאָרטן ניט געווען קיין פּלאַץ, אָבער פאַר מיר... איך בין געוואַקסן אין א נײַער וועלט. דאָ איז אַן אַלטע, אָפּגעלאָזענע וועלט. מענטשן רעדן צופּיל, מענטשן רעדן וואָס מ'באַדאַרף ניט.

— ארץ ישׂראל האָסטו שוין פאַרגעסן?

ברכה האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט אָנגעקוקט די מוטער, וואָס איז דאָ א סך געלאַסענער און אונטערטעניק געוואָרן. זי קען ניט באַנעמען וואָס האָט אויף דער מוטער געווירקט, זי זאָל אָנהייבן רעדן שטי־לער, פאַרטראַכטער.

— איך האָב דאָך דיך געפרעגט, צי דו האָסט שוין ארץ ישׂראל ארויס־געשלאָגן פון קאָפּ? — האָט די מוטער געגלעט דער טאָכטערס רויטע האָר אויף ארויף שטערן — יוסטינע האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט געוויינט בײַנאַכט.

— יע, יוסטינע האָט מיר געזאָגט, אַז א קישן איז ניט קיין מאַמע. ס'איינציקע מאָל וואָס זי האָט געזאָגט א גוטע זאַך.

ברכה האָט פאַרנומען צו זיך דער מוטערס קאָפּ און געדריקט צו איר ברוסט:

— אוי, מאַמע, — האָט זי געקושט דער מוטערס קאָפּ — איך טראַכט פון די מיליאָנען יידן וואָס געפינען זיך אין אמעריקע, און אויב זיי אַלע האָבן איבערגעלעבט דאָס וואָס מיר, און פון דעם איז גאָרניט ארויסגע־קומען, איז גערעכט דער יידישער שרײַבער פעלדשטיין. כ'האָב אים באַגעגנט בײַ דאָקטאָר לוריאַן. ער לאַכט פון אַלץ און פון אַלעמען אָפּ.

— אפשר איז דאָס אַן אמת.

— יוסטינען געפעלט ער.

— יוסטינע? זי רעדט ניט פון אים.

יוסטינע איז ארײַנגעקומען פון דרויסן, וואוהין זי איז ארויסגעגאַנגען אײַנקויפן צום עסן. זי האָט א ווײַל אָנגעקוקט ברכהן און פרעמדלעך א שמייכל געטאָן.

ברכה האָט עס אָנגענומען, ווי איר שוועסטער חוזקט אָפּ פון איר. דער ערשטער אימפּולס איז געווען, א פרעג טאָן יוסטינען, וואָס זי מיינט מיט איר פרעמדן קוק. אין דער לעצטער רגע האָט זי פאַרביסן די ליפּן. איז אויפגעשטאַנען, זיך ארומגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער, געזאָגט, אַז צו מיטאָג וועט זי קומען צוריק; ארויפגעכאַפּט אויף זיך איר מאַנטל און הוט און איז אַרויס דרויסן.

די גאַס האָט ברכהן אויסגעזען ווילד־פרעמד: מענטשן, ווי גאָר אָן א ציל, דרייען זיך אַרום, איינער קוקט ניט אין דעם אַנדערנס זײַט. זי איז מיטן געדאַנק אַוועק צו דער צעפּלאָגטער נאַכט און איר שוועסטערס אײַננע־מען זי, און ווי די שוועסטער האָט איבערגעקערט איר קישן מיט דער טרוקענער זײַט אַרויף. איר שוועסטער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין וואָס א יונג מיידל פילט, און זי האָט ניט געהאַט קיין מוט אײַנמיטן איר

געוויק אויפצואווייזן איר שוועסטער, אַז זי האָט ניט קיין רעכט אַזוי צו רעדן צו איר, ווען זי האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט געקענט באַנעמען פאַרוואָס זי האָט איר לעבן באַגראָבן אין אַ קבוצה, און דאָרטן, לויט יוסטינעס באַגריף, פאַרגרעבט געוואָרן.

דער אומבאַגרייפלעכער פייער וואָס האָט אין איר כסדר געגליט, און וואָס האָט אין ליכט פון דעמדאָזיקן פייער ארויסגעזען אַ איר דערלייזונג אין ארץ ישראל — דערדאָזיקער פייער איז ביים אָנקומען קיין אמעריקע ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. זי דערקענט דאָס אייגענע אין איר ברודער פנחס. אפשר איז עס געקומען דערפון וואָס אין די אָפיציעלע ציוניסטישע קרייזן, ווען זי איז געגאַנגען זיך פאַרשטעלן און בעטן מ׳זאָל איר געבן די מעגלעכקייט ארויסצוואַנדערן אין ארץ ישראל, האָט מען זי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל, און איינער פון די באַאַמטע האָט איר גוטמוטיק געזאָגט, אַז איצטער, ווען זי איז שוין אין אמעריקע און איז ניט אין קיין מאַטעריעלער נויט, קען זי האָבן געדולד און וואַרטן אויף איר ריי — מחמת, עס זיינען פאַראַן בילכערע אין פוילן און אין ליטע וואָס מ׳באַדאַרף זיי פון דאָרטן העלפן ארויסרייסן זיך קיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען מיט אַ טאָג צען צוריק. אין איר האָט עס געטליעט. די אינערלעכע טיפע באַליידיקונג האָט איר מוט אונטערגעשווענקט און זי האָט זיך באמת דערפילט ניט מער ווי אַ שוואַכע פרוי; אַז ניט וואָלט זי ניט נאָס געמאַכט מיט טרערן די קישן, כדי אויסצוקוקן אין דער שוועסטערס אויגן ווי אַ נאַריש מיידל.

זי האָט געפּרואווט זיך פאַרשטעלן די מיטגלידער אין דער לוריא־משפחה, זיי און זייערע קינדער. פאַרן געדאַנק איז געקומען הילל לוריאס יינגערער זון, מאָזעס, וואָס האָלט ביים ענדיקן מעדיצין. אַ פּאָר מאָל האָט זי אים באַגעגנט. ער דערמאָנט איר מיט זיין אויסזען דאָקטאָר לוריאַן; ניט מער וואָס ער איז קורצזיכטיק און טראָגט ברילן, אין זיין רעדן איז ער ענלעך אויף דעם דאָקטאָר, אַ שטאַרקער און ברייטפּלייציקער. ער האָט איר ביי אַ געלעגנהייט דערציילט, אַז ער איז נאָך גרייט, ווען ער וועט ענדיקן שטודירן, אוועק אין זיין פאָטערס וועגן — מחמת די אויפגעאַקערטע ערד יעדן פרילינג רופט אים, ער זאָל וואַרפן די שטאָט, זיך אָפּטרייסלען פון אַ לעבן וואָס איז גאָלער ליגן, גיין צו דער ערד, וואָס איז לויטער אמת.

זי ווייס זיין אַדרעס; ער וואוינט אין ראָיאַן פון קאָלומביא אוניווער־זיטעט. זי איז ביי אים קיינמאָל ניט געוועזן.

— ווען איך בין זיכער, אַז ער איז אינדערהיים... איך בין זיין גליד־שוועסטערקינד. ער וועט דאָך ניט חושד זיין, אַז איך בין צוליב עפּעס געקומען צו אים.

זי דערמאָנט זיך, אַז צום לעצטן מאָל ווען זי האָט אים געטראָפן ביי דאָקטאָר לוריאַן, האָט ער גערעדט פון דעם יידישן פאָלק און פון צווייטן דור יידן אין אמעריקע. איר איז געפעלן געווען ווער ער האָט איר געזאָגט, אַז די יידן פון ערשטן דור האָבן קיין אמעריקע געבראַכט אַ שטאַרקע נשמה אין אַ געבויגענעם גוף; און דאָ האָט זיך דער גוף אויסגעגלייכט, אָבער עס ווייזט אויס, אַז די יידישע נשמה האָט זיך בעסער געפילט אין אַ געבויגענעם גוף.

— ווי ס'איז אמת, ווי ס'איז אמת — האָט ברכה געטראַכט — דאָרטן, אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען אויך דעם יידישן גוף אויסגעגלייכט און דעריבער איז די יידישע נשמה אינערגעצן פאַרפלויגן. נאָר דאָרטן, נאָר אין ארץ ישראל, גלויב איך, איז דער גוף גלייך און די יידישע נשמה איז אין שלמות געבליבן.

זי האָט באַשטימט אוועק צו דאָקטאָר לוריאַן, אָפּנהאַרציק מיט אים זיך דורכרעדן וועגן איר תכלית; און צי איז עס ווערט, זי זאָל זיך אַליין אַוועקלאָזן קיין ארץ ישראל ווען אפילו איר ברודער פנחס וועט מיט איר ניט מיטפאָרן.

אין זיינע בחורשע יאָרן, ווען דאָקטאָר לוריא האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן — באַשר ס'לוינט ניט צו פאַר־גרעסערן די יידישע משפּחה, האָט ער געפירט אַ טאָג־בוך. ביי אים האָט עס געהייסן: „שמועסן אינדערשטיל אַליין מיט זיך".

זינט די ענערגישע פּערל דובין איז אָנגעקומען אויף זיין וועג און באַוויזן, אַז צו פופציק יאָר קען אַ מענטש אויך בייטן זיין מיינונג: — אַ סימן, ער האָט חתונה געהאַט און געוואָרן אַ פאָטער פון אַ טאָכטער מיט שוואַרצע האָר און אויגן, אין אים געראָטן — האָט ער אויפגעהערט צו „רעדן אַליין מיט זיך". זיין טאָג־בוך האָט ער פאַרשטעקט ערגעץ צווישן זיינע פּאַפּירן.

אין סוף פון דער וועלט־מלחמה, אין צייט פון רעוואָלוציע און ביר־גער־קריג, ווען עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות פון די שווידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, האָט ער נאָך אַמאָל דורכגעבלעטערט די יידישע געשיכטע און האָט אין זיין טאָג־בוך איינגעשריבן: „ארץ ישראל און בבל בייטן פּלאַץ און באַגריף. בבל איז דער באַגריף פון מקום־מקלט אין צייט פון גרויסע גזירות אויף יידן. דעריבער, וואו ס'איז געווען דער באַגריף בבל — ווערט עס מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין ארץ ישראל: מחמת, מיט דעם ארץ ישראל באַגריף איז דורך דורות געווען פאַרבונדן אויך דער באַגריף פון חורבן. די אַמאָליקע רוסלאַנד, וואו מיר האָבן געהאַט אַ דורותדיקן בבל, כאָטש אין געטאָ, דאָרטן האָט שוין דאָס יידישע פאָלק די בבל־תקופה איבערגעלעבט. אין אונדזער אַמעריקע לעבן איצטער איבער יידן די בבל־עפּאָכע".

ווען ער האָט עס געוויזן זיין עלטערן ברודער, דעם גלויביקן ציוניסט, דניאל, — איז יענער געוואָרן בלאַס ווי קרייד. דניאל האָט ניט געצווייפלט אין זיין ייִנגערן ברודערס אָרנטלעכקייט. ער האָט נאָר ווי פאַר זיך אַליין באַמערקט: „אַ דאָקטאָר דאַרף וויסן, אַז כאָטש דער סוף פון יעדן מענטשן איז דער אייגענער, פונדעסטוועגן ווערן כסדר מענטשן געבוירן מיט דעם פולן חשק צו לעבן. ס'אייגענע מיטן יידישן פאָלק. כאָטש צוויי מאָל האָט מען זיין לאַנד חרוב געמאַכט און יידן פאַרטריבן אין גלות, פונ־דעסטוועגן זיינען יידן מחויב ארץ ישראל ווידער אויפבויען. הייַנט בויען יידן ארץ ישראל מחמת אין בבל איז חורבן."

ווען ברכה רודמאַן איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן, און אַ נידער־געשלאָגענע פאַר אים אויסגעלייגט אירע ספקות וואָס זיינען ביי איר געבוירן זינט זי איז פון סאָוועטנפאַרבאַנד; געוואָלט וויסן זיין מיינונג וואָס

ער טראַכט וועגן איר צוקונפט, און וועגן איר נסיעה קיין ארץ ישראל — האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין טאָג־בוך און שמועס מיט דניאלן. ער האָט ניט געפּועלט ביי זיך זיין יעמאָלטדיקע פילאָזאָפיע ווידער ברענגען פאַר די ליפּן. זינט יעמאָלט זיינען א סך וואַסערן דורכגעלאָפן. ארץ ישראל בויט זיך. כאָטש ער אליין נעמט ניט קיין אַקטיוון אַנטייל אין דער באַוועגונג, אָבער ווען זיין ברודער קומט צו אים נעמען עטלעכע דאָלער פאַר ציוניסטישע צוועקן, גיט ער. אָבער אין א סך פּרטים האָט ער געביטן זיין מיינונג וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז איצטער מיט דער מיינונג, אז בדיעבד איז גוט וואָס מען לאָזט יידן ניט ארויס פון דאָרטן. אזוי לאַנג ווי מ׳האָט זיי געגעבן די אייגענע רעכט וואָס אַלע פעלקער האָבן דאָרטן, ניט מער, וואָס אנשטאָט האַנדל וועלן זיי דאַרפן איבערגיין צו פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, איז דאָרטן זייער אָרט. אַזוילאַנג ווי מיר ווייסן ניט וואָס עס וועט זיין מיטן יידישן גורל אין א סך לענדער, וואו יידן געפינען זיך איצטער נאָך אין אַן ערגערער לאַגע ווי אין אַמאָליקן רוסלאנד, דאַרף מען פון דאָרטן קיין יידן ניט רירן. ערשט איצטער, ווען די רודמאַן־משפחה איז אָנגעקומען, און די פולע מאָס לעבן און ענערגיע וואָס יעדער איינציקער פון דער משפחה האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט אים אינערלעך פאַרדראָסן וואָס מ׳האָט זיי פון דאָרטן ארויסגענומען און געבראַכט קיין אַמעריקע, זיי זאָלן זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, און אפשר אײַנגאַנצן אָנווערן די האָפענונג וואָס זיי האָבן פונדערווייטנס אָנגעבונדן אָן דער איבערוואַנדערונג קיין אַמעריקע.

ער האָט אין ברכהן דערקענט א דערשלאָגנקייט. אונטער די אויגן בלויע צייכנס. ער האָט דערקענט, אז זי האָט געוויינט. איר גאַנצער אָנקומען איז פאַר אים געווען א חידוש. אין איר פראַגע וועגן אירע פּלענער צו פאָרן קיין ארץ ישראל האָט אים אויסגעוויזן, אז ניט דאָס איז דער עיקר פון איר קומען.

דאָקטאָר לוריא האָט דערפילט צו דער יונגער, געזונטער ברכהן א שטאַרקן מיטגעפיל. ער האָט אויסגעקוקט, אז פּערל לוריא, וואָס איז אריינגעקומען פון צווייטן צימער, זאָל דעם שמועס אריבערטראָגן אויף א מער נאַטירלעכן ענין.

— וואָס זאָגסטו, פּערל, דאַרף אַזאַ יונג מיידל זיין פאַרזאָרגט? איז ניט אמת, אז אונדזער לעבן האָט באַשאַפן צופיל קרומקייטן איבער וועלכע מענטשן מיט א גלייכן שכל זאָלן געשטרויכלט ווערן?

— איך בין ניט געשטרויכלט — האָט ברכה געשמייכלט — איך בין יונג, איך האָב פאַר זיך גענוג יאָרן פון קאַמף. איך וויל נאָר אָנפירן מיין קאַמף פאַר אַ צוועק. איך וויל ניט קעמפן מיטן ווינט.

— ליב זיך איין אין דעם ריכטיקן מאַן. קעמף פאַר אזא ליבע, וועסטו געפינען דיין צוועק — האָט פּערל פילאָזאָפירט — ליבעס פירט מען אין אַמעריקע אינטענסיווער ווי ביי אייך דאָרטן.

— זאָל איך זיך אפשר פאַרליבן אין אייער פריינט דעם ציניקער?

— האָט ברכה פאַריסן דעם קאָפּ און א לאַך געטאָן.

— מיינסט פעלדשטיינען?

ברכה האָט ווידער אַ לאַך געטאָן און באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף די הענט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט דאָקטאר לוריא געפרעגט.

— איך האָב פיינט מענטשן וואָס האָבן אַ ציניש באַציאונג צום לעבן.

— ער איז א אינטערעסאַנטער שריפטשטעלער און א אינטערעסאַנטער מענטש — האָט דאָקטאר לוריא ערנסט גערעדט — ער איז ווייט ניט קיין ציניקער. יעדער שאַרפער אמת, ברכה, האָט תחילת א שלעכטן קלאַנג.

— פאַרוואָס? — האָט ברכה אָנגעשטעלט איר פּנים אויף דאָקטאר לוריאן.

— דער מענטש, ווער ס׳זאָל ניט זיין, לעבט א דאָפּלטן לעבן. איינער טוט עס אומבאַוואוסטזיניק; דער צווייטער — מיט אַ קלאָרן קאָפּ. אין קאַמף פאַרן לעבן טרעפן זיך די שטאַרקע מיט די שוואַכע אין איין קרייז. ווען איך רייד וועגן קאַמף אין לעבן, בין איך אויסן אלע פאַזן פון לעבן, וואָס האָבן נאָר א שייכות מיטן יחיד און זיין שותפות מיטן גרויסן כלל, אָדער מיט א צווייטן יחיד. איינער מיינט, אז לעבן איז דאָרטן וואו עס איז פאַראַן שטענדיקער קאַמף, און א צווייטער גלויבט, אז לעבן איז דאָרט וואו מ׳גייט איין אויף פּשרות. איך בין מיט דער צווייטער מיינונג. לאָמיר נעמען ליבע ווי דעם גרעסערן כוח אין מענטשנס באַוועגונגען, וואָס באַנ׳אייך אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט די רעוואָלוציע עס געוואָלט צושרייבן צו דער בורזשואזיע און איר עטיק. די בשותפותדיקע ליבע צווישן מאַן און פרוי איז געבויט אויף פּשרות. די גליקלעכע ליבע, וואָס פאַסירט צום גרעסטן טייל צווישן קעגנגעזעצטע כאַראַקטערן, איז באַזירט אויף פּשרות. אויב יעדער צד פאַרבויגט ניט אויף זיין פערזענלעכן אמת, אויב ביידע צדדים גייען ניט איין אויף עקסטרעמע פּשרות — קען קיין ליבע ניט זיין.

— אַ, כ׳וויל ניט הערן פון אַזאַ פילאָזאָפיע — האָט פערל מיט דער האַנט פאַרדעקט דאָקטאר לוריאן ס׳מויל, ער זאָל ניט רעדן — אונדזער לעבן איז ניט געבויט אויף פּשרות. פילאָזאָפיר ניט אזוי אין ברכהס קעגנוואַרט.

דאָקטאר לוריא האָט אַראָפּגענומען פון זיין מויל זיין ווייבס האַנט, און זי נאָך אַמאָל צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן.

— איך פיל זי מיט — האָט דאָקטאר לוריא ווייטער גערעדט — מיר, די לוריאס, אריבערקומענדיק אַהער מיט אַריבער פערציק יאָר צוריק, דורך אונדזער פופצן שעה א טאָג אין סוועט־שאָפּ האָבן מיר ארויסגעזען אונדזער באַפרייאונג. היינטיקע מענטשן, וואָס קומען אַהער ווען מיר האָבן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, שטרעבן דורך דער אַרבעט ניט צו זייער באַפרייאונג. איצטער איז אַ צייט פון קלאַסנקאַמף און קלאַסנהאַס. ס׳איז די יידישע טראַגעדיע אין דער נייער צייט, און ס׳האָט מיט ברכהן אינגאַנצן ניט צו טאָן.

—איר ווייסט — האָט ברכה גערעדט מיט די אויגן פאַרטראַגן — איך האָב געעכטן ביינאַכט מיט מיינע טרערן דורכגעווייקט מיין קישן. כ׳בין צו אייך געקומען, מחמת אין שטוב איז מיר שווער. איך פיל איצטער,

ווען איך קען נאַר, וואָלט איך אַוועק צוריק קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. כ׳וועל זאָגן, אַז איך האָב געמאכט אַ טעות. כ׳וועל בעטן, מען זאָל מיך אַרייַנ־לאָזן צוריק, און לאָזן זיך שטעלן אין דער רעוואָלוציאָנערער ריי. און וויסן, אַז איך בוי. מיר איז דאָ שווער. איך בין געוואַקסן אונטער בוי־קלאַנגען. דאָ הער איך עס ניט מער. דעריבער איז אַזוי מיין געמיט צובראָכן געוואָרן.

ברכה האָט נערוועזיש מיט דער רעכטער האַנט געשאַרט אירע רויטע לאָקן אויף־אַרויף און געביסן די ליפּן ניט צו וויינען.

קאַפּיטל פינף

ריכטער דייוויד לאַרי איז געזעסן און זיך צוגעהערט וואָס זיין מוטער, די גרטע ליליען־רות, האָט דערציילט פאַר זיין שוויגער מיסיס מעקפאַדן, וועגן דער פאַרטרעטונג פון דער לוריא־משפחה און וועגן די געסט, וואָס זיינען געקומען פון סאַוועטנפאַרבאַנד.

אין זיין נאָמען „דייוויד" האָט ריכטער לאַרי געשפּירט דעם קשר מיטן יידישן פאָלק. דער נאָמען „לאַרי", וואָס ער האָט אומגעביטן פון „לוריא", האָט אים בעסער געקלונגען. אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב, געוועזענע ראָז מעקפאַדן, און זיין שוויגער — איז ער געוואָרן אַ גוטער קאַטאָליק. אין זיין מאַמען די גרטע האָט ער ארויסגעזען די געוועזענע קריסטין. דעריבער איז אים שווער געווען צו באַנעמען ווי די מאַמע זיינע רעדט פון יידן אַזויפיל. ער איז זעלטן ווען געגאַנגען צו זען זיין טאַטע־מאַמע. אמת, דניאל לוריא, כאָטש ער האָט זוכה געווען צו האָבן אַ זון אַ ריכטער, פונדעסטוועגן האָט אים דער נאָמען „לאַרי" ווילד־פרעמד געקלונגען. אַ מאַמע, איז פאָרט אַ מאַמע. ליליען־רות האָט פאַר דניאל לוריאן ניט באַהאַלטן, אַז זי גייט פון צייט צו צייט אויף אַ באַזוך צו איר שנור און זון. ליליען־רות האָט נישט באַגריפן צוליב וואָס איר מאַן האָט דעם זונס שמד גענומען אַזוי טראַגיש. ער האָט לויט דעם יידישן מנהג זיך קריעה געריסן, און איז געזעסן אויף דר'ערד שבעה. דווקא נאָכן זונס שמדן זיך האָט זי דערשפּירט אַ נאָענטקייט צו יידן — ווי מיט איר קינדס שמד האָט זי באַצאָלט דעם חוב, וואָס זי איז דער קאַטוילישער אמונה שולדיק געבליבן זינט זי אַליין האָט זיך מגייר געווען.

עס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר קריסמעס. ביי ריכטער דייוויד לאַרי אין הויז, לכבוד דאָס זעקס יעריקע טעכטערל, עלען, איז דאָס באַפּוצטע קריסמעס בוימעלע געשטאַנען פאַרטיק; און לכבוד דער באָבען האָט מען אָנגעצונדן די עלעקטרישע לעמפּלעך אָנגעהאַנגענע אויף די צווייגן.

— האָסט זיי אפילו נישט געוואָלט באַטראַכטן, דייוויד, זיי זיינען דאָך דיינע בלוט־פאַרוואַנדטע — האָט ליליען־רות מיט אַ פּייערל אין די אויגן גערעדט צו איר זון.

אין איר דייווידס בלאַסן און אויסגעצויגענעם פּנים האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן. ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין שוויגערס בליקן, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעלייענט דעם „וואָס זאָגסטו צו דיין נאַרישער מאַמען?" ער האָט אין דער הייסער רגע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן זיין מאַמען.

— איך וויל נישט גלייבן, מיין זון, — האָט ליליען־רות ווידער אָנגעהויבן — אַז צוליב דעם וואָס דיין טאַטע און דיין מאַמע זיינען פון באַזונדערן אָפּשטאַם, לעבן אין דיר צוויי נשמות. ביסט געראָטן מער אין די לוריאס. אפילו דיין עלען איז מער געראָטן אין די לוריאס.

— אַנטקעגן וואָס דערציילסטו עס מיר, מאַמע? — האָט ריכטער לאַרי ניט געקענט באַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט וואָס אין דער שוויגערס קעגנוואָרט האָט זי אַנגעצויגן אַזאַ שמועס — אין אַמעריקע, ווען אפילו קינדער גייען נישט איבער צו אַן אַנדער גלויבן, דערוווייטערן זיי זיך פון טאַטע־מאַמע. וואָס געהער זיך אָן דער צווייטער, דריטער דור מיט די גרינע טאַטע־מאַמע?

— דו קלערסט, אַז דאָס איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין?

— איך רעד נישט מיטן פאַ; נאָר ס'פאַרדריסט מיר, וואָס איך האָב נישט געוואוסט באַצייטנס, אַז זיי גייען אויסשרייבן אַהער באַלשעוויקעס פון רוסלאַנד. איך וואָלט די לוריאַס געוואָרנט, זיי זאָלן עס ניט טאָן. צייט צו פאַרקלאַפּן די טיר פאַר די רוסישע יידן.

— דאַרפסט אַזוי נישט רעדן — האָט זיין שוויגער, מיסיס מעקפאַדן צופרידן געשמייכלט — שטאַמסט פאָרט אָפּ פון יידן.

— איך פאַרלייקן נישט מיין אָפּשטאַם. דערפאַר אַליין בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יידישער אויפפירונג. אַז איך הער אויס אַ באַשולדיקונג אין געריכט קעגן אימעצן, קרענקט עס מיר נישט אַזוי ווי יעמאָלט, ווען מען פירט מיר אַריין אין געריכט אַ יידן אַ שולדיקן. איך ווער יעמאָלט אָן מיין גלייכגעוויכט. איך בין שטענדיק גרייט צוצוטיילן אַ יידישן פאַרברעכער אַ שווערערע שטראָף.

— איך פאַרשטיי עס נישט, זון מיינער — האָט ליליען זיך געוועדט — פאַרוואָס זאָלן ביי דיר זיין אַזעלכע געפילן? פאַרוואָס זאָלן בכלל יידן האָבן אַזאַ געפיל אַנטקעגן אייגענע?

— מיר זעט אויס, מאַ, אַז דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ שלעכטע מחשבה.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— דיר דוכט זיך אויס, אַז אויסער דער יידישער וועלט זיינען אַלע טויערן פאַר דיר צוגעמאַכט. דער פאַ, און מיין ליבער ברודער דזשייקאָב, זיי האַלטן זיך אָן פאַר די לעצטע צעדריבלטע פעדים, וואָס בינדט זיי מיט אַ פאַרגאַנגענהייט. איך האָב פיינט אַ פאָלק וואָס לעבט און גרייסט זיך מיט אַ פאַרגאַנגענהייט!

ריכטער לאַרי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, ליליען־רות האָט אַ וויילע נאָכגעקוקט דעם צערודערטן זון, און שטיל געזאָגט:

— אויב דו פאַרלאַנגסט, איך זאָל צו דיר מער נישט קומען, קענסט עס ביי מיר לייכט אויספירן. איינס וויל איך דיר זאָגן, אַז מיט מיין איבערגיין צום יידישן גלויבן איז מיר מיין וועלט גרעסער געוואָרן; און דו, מיט דיין אַוועקגיין פון יידישן גלויבן, כאָטש ווי דו מיינסט ביסט אַריין אין אַ גרויסער וועלט, איז דיר דאָרט ענג געוואָרן. ווי עס גלייבן אַלע יידן־פיינט, אַז יידן האָבן אַריינגעבראַכט אָן ענגשאַפט אין אַמעריקע. וועמען מאַכן יידן ענג? האָבן די לוריאַס נישט שווער געאַרבעט דאָ אין לאַנד? האָבן זיי ביי אימעצן עפּעס פאַרנומען? האָט דיין פאַ ביי אימעצן פאַרנומען? איך זאָג עס דיין שוויגער און דיין פרוי, וואָס איז מיר טייער ווי אַן אייגן קינד. זיי אין די אויגן זאָג איך עס און שעם זיך נישט, אַז יעדעס מאָל ווען איך באַגעגן די יידן־פיינט, ווערט מיר אַלץ טייערער און נעענטער דאָס יידישע

פאַלק. איך האָב נישט קיין חרטה וואָס איך האָב געטאָן. ס׳טוט מיר ווי מיין האַרץ פאַר די אַלע יידן וואָס פלאָגן זיך אויף דער וועלט. איך פיל מיט דניאלן, וואָס גיט זיין לעבן אַוועק און העלפט אויפבויען דאָס הייליקע לאַנד. און איצטער, אויב איך מאַך דיר ענג אין שטוב מיט מיין יידישקייט, טאָ זיי מיר געזונט!

מיסיס לאַרי, וואָס איז געזעסן אַ צעטומלטע און ניט געוואָלט זיך אַריינמישן אין וויכוח צווישן איר מאַן און זיין מוטער, האָט זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט און פאַרלאָפן דער שוויגער דעם וועג:

— מאַ, וועסט עס נישט טאָן . . . קריג זיך נישט מיט דיין זון. דו דאַרפסט אים בעסער פאַרשטיין, ער מיינט דאָך נישט צו באַליידיקן. ער גיט דיר בלויז איבער די מיינונג וועגן יידן, וואָס עס קומט אויס אַזוי אָפט צו הערן אין קרייזן וואו מיר פאַרקערן. דאָ מאַכן מיר נישט קיין פאַרגראַמען אויף יידן. איך אַליין וואָלט מיר געשטעלט אַנטקעגן די, וואָס ווילן פיזיש שלעכטס טאָן יידן. אָבער מ׳קען דאָך די אויגן נישט צומאַכן. ניו־יאָרק האָט שוין אפשר צוויי מיליאָן יידן, און זעט אויס ווי אַ יידישע שטאָט.

— איז וואָס? — האָט ליליען־רות געשטויגט — שעמסט זיך צו פאָרן מיט זיי אין סאָבווייַ, וואָס?

— נישט דאָס מאַ: פאַרשטייסט נישט דעם אַרגומענט וואָס דייוויד האָט דיר געגעבן, ווען ער זאָגט, אַז די לוריאס האָבן קיין פרישע יידן נישט געדאַרפט אַראָפּברענגען פון רוסלאַנד. בפרט, מ׳איז דאָ אַזוי אַנטקעגן די באָלשעוויקעס.

— איך ווייס נישט וואָס באָלשעוויקעס מיינט; כ׳ווייס נאָר איינס, אַז מען קלאַפּט אין מיין טיר, און ביי מיר איז פאַראַן פּלאַץ, עפן איך אויף די טיר. אַז נישט וואָלט איך נישט ווערט געווען צו טראָגן דעם נאָמען מענטש.

— עקסקיוז, מאַ — איז ריכטער לאַרי צוגעגאַנגען און אַרומגענומען זיין מוטער — נו, זיי נישט אויפגערעגט. איך וויל זיך מיט דיר נישט קריגן. דו דאַרפסט זיך מיט מיר אויך נישט קריגן. די מענטשהייט איז אַ צעלאָזן קינד, אַ קלוגס און אַ צעלאָזנס.

— ס׳איז צו הויך פאַר מיר, מיין זון.

— ס׳איז גאָרנישט אַזוי הויך . . . וואָס הייסט מענטשלעכע געפילן, מאַ? — האָט דייוויד לאַרי געהאַלטן אַרומגענומען זיין מאַמען און מיט שפּאַס גערעדט — ס׳איז אַ טעות צו מיינען, מאַ, אַז די מענטשלעכע געפילן זיינען עס די נאָבלסטע געפילן. דער מענטש איז א חיה, א בלוטיקע חיה. און אַזוי פירן מענטשן אָן דער קאַמף צווישן זיך. אַמאָל איז דער קאַמף פאַר דער פשוטער עקזיסטענץ, און אַמאָל — צוליב גלוסטונג און פאַרדאָרבענע אינסטינקטן. ווי אַ ריכטער קען איך דיר זאָגן, אַז כ׳האָב וועגן מענטשן נישט קיין הויכע מיינונג.

— גוט, מיין זון!

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרביטערט, מאַ? כ׳האָב באמת גאָרנישט געמיינט.

— יעס, מיין טייערע, האָט מיסיס מעקפאַדן זיך אָפּגערופן, — ביסט אַביסל צו סענסיטיוו. אַן אַמעריקאַנערין דאַרף קוקן מיט קלאָרע אויגן אויף דער לאַגע.

ליליען־רות האָט דערשפּירט אַ שטומפּן ווייטיק אין דעם הינטערשטן טייל קאָפּ. פאַר די אויגן איז איר טונקל געוואָרן. ס׳איז איר אויסגעקומען אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי זי האָט געקענט מיט איר זון פאַרפירן אַזאַ שמועס. איר האָט שטאַרק פאַרדראָסן הלמאַי זי איז גלייך נישט אַוועקגעגאַנגען ווי נאָר איר זון האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט וועגן זיין אייגענעם פאָטער.

— גוט, מיין זון, גיי זיך דו דיין וועג, און פאַרגין מיר, ווען איך גיי מיין אייגענעם וועג. אַ גוטע נאַכט.

אויף מאָרגן האָט ריכטער לאַרי באַשלאָסן גיין צו טאַטע־מאַמע אין הויז, אויסגלייכן דאָס וואָס האָט אַזוי קרום אויסגעזען אין זיינע אויגן; אגב, איבערבעטן די מוטער, וואָס איז אַ צעוויטיקטע אַוועק פון זיין הויז.

טיילוויז האָט אים זיין ראַז באַוועגן דאָס צו טאָן:

— דיין מאַמע איז מיט אַ צעפּלאָגטער נשמה. פאַרגיב איר, אויב זי איז פאַרלאָרן געגאַנגען צווישן צוויי פרעמדע וועלטן. ס׳איז מיין שולד וואָס זי איז נישט איבערגעגאַנגען צוריק צום קריסטנטום.

ריכטער לאַרי האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט באַשטימט ווען עס איז זיך טרעפן פּנים־אל־פּנים מיטן פאָטער, אים באַווייזן, אַז ער איז אים ניט קיין שונא.

אָבער אָנשטאָט טאַטע־מאַמעס היים, — איז ער אַוועק צו דאָקטאָר לוריאַן.

דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט זיך געקליבן אַרויספאָרן צו קראַנקע, האָט נישט געקענט באַהאַלטן זיין חידוש, וואָס זיין פּלימעניק, ריכטער לאַרי, האָט באַוויליקט אים צו באַזוכן און דערלאַנגען אַ האַנט מיט אַזאַ פריינטלעכן שמייכל. דאָקטאָר לוריא האָט בכלל ווינציק־וואָס געהאַלטן פון זיין פּלימעניק: „צו ווערן אַ ריכטער דאָ אין לאַנד, אַדער חתונה האָבן מיט אַ נישט־יידיש מיידל, צוליב דעם דאַרף מען זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ פאַנאַטישן קאַטאָליק“.

— וואָס מאַכט דער אָנקל? — האָט ריכטער לאַרי געפאָרשט אין דאָקטאָר לוריאס פּנים.

— ביסט דאָך מער גלייביקער ווי איך — האָט אים דאָקטאָר לוריא געקלאַפּט אין פּלייצע — גלייבסט דאָך אויך אין משיחס צייטן; כאָטש פאַר דיר איז שוין משיח געקומען.

— זאָל דער אָנקל נישט מאַכן קיין חוזק. אַ מענטש איז אַ שוואַכע באַשעפעניש. יעדער איינער באַנאַרישט זיך אויף זיין אופן.

— מיינסט מיר נישט צו דערציילן, אַז דו האָסט זיך ווען־עס־איז באַנאַרישט?

— אַלץ וואָס אַ מאַן טוט אויס ליבע צו אַ פרוי, ווערט נישט פאַררעכנט פאַר מענטשלעכער נאַרישקייט.

— אָ, יעס, זעסטו, מיט דעם בין איך דורכאויס מסכים, דייוויד, וואָס פאַר אַ גוטער ווינט האָט דיך צו מיר געבראַכט פּונקט ווען איך האַלט ביים פאַרלאָזן די שטוב?

— זאָל זיך דיר דוכטן, אַז איך בין אַ שווערער חולה, אָנקל.

— אָ, ניין, פאַר אַ געזונטן דאַרף מען געפינען צייט.

— כ'האָב געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענשטויס מיט מיין מאַ. איך האָב זיך נישט איידל אויסגעדריקט וועגן דעם בינטל קרובים וואָס איז געקומען פון דעם משוגענעם לאַנד. איך האָב איר געזאָגט, אַז מען באַגייט אַ פאַרברעכן, אויב מען שרייבט אויס יידן פון רוסלאַנד.

— וואָס האָט זי דיר געענטפערט? — האָט דאָקטאָר לוריא מיט אַ גע־ווּסער אייגנגעהאַלטנקייט באַטראַכט זיין פּלימעניק.

— קענסט דאָך מיין מוטער. אָט, איז זי אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, קוקט אויס מען זאָל זי אַרויסראַטעווען פון געפענקעניש; און מיט אַמאָל איז זי מער יידישקע ווי הונדערט בלוטגעבאַרענע יידישע קינדער.

— דאַרפסט נאָך אַלץ זיין שטאָלץ וואָס דו האָסט זי פאַר אַ מאַמען. איך האָב זי געקענט איידער דו ביסט געבאָרן געוואָרן. עס מאַכט נישט אויס וואָס זי דהאָט חתונה געהאַט מיט אַ יידן און איבערגעגאַנגען צום יידישן לויבן. זי איז פון די אויסדערוויילטע פּרויען. טאָרסט איר ניט ווי טאָן.

— יעס, מיר פאַרדריסט אַביסל. כ'האָב ניט אויסגערעכנט, אַז איך זאָל ווי טאָן ווען איך וועל זיך אויסדריקן קעגנעריש צו דעם גאַנצן געדאַנק פון אַראָפּברענגען יידן פון רוסלאַנד.

— דער עלטערער איז אַ ציוניסט, און ער איז אין דיר שטאַרק געראָטן.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— וואָס לאַכסטו?

— אין מיר געראָטן . . . וואָס הערט זיך דאָרט ביי די ציוניסטן?

— רעד זיך דורך מיט דיין פאָטער; ער האָט דיר אַ סך צו דערציילן. יידן בויען אַ לאַנד.

— מיינסט עס, אַנקל?

— בויען אַ ריין יידישע שטאַט זייט־ביי־זייט מיט דער אַלטער שטאָט יפו.

— וועט עס, מיינסטו, בלייבן זייערס? קאַטאָליקן וועלן עס ניט דערלאָזן.

— ביסט אויך פון יענע קאַטאָליקן?

— איך מיין, יידן האָבן שוין לאַנג געדאַרפט אויפגעבן זייער רעליגיע; אויב גיין קיין פּאַלעסטינע, האָבן זיי געדאַרפט גיין, ניט ווי יידן, נאָר ווי קאַטאָליקן.

— עס איז אַ וויטער קוק, דייוויד.

— ס'איז ניט אַזאַ וויטער קוק, ס'איז אַ פּראַקטישער קוק.

— נאָר יידן וועלן עס אויפבויען. נאָר ביי יידן איז פאַרבליבן אַ ליב־שאַפט צו יענעם הייליקן מדבר.

— דוכט מיר, אַנקל, אַז דו האָסט זיך שטענדיק אַרומגעקריגט מיט מיין פּאַ!

— אַ, דאָס איז אַ יידישער שטאַנדפּונקט וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן אַ קאַטוילישן שטאַנדפּונקט. און ווייסטו פאַרוואָס? מחמת דער קאַטוילישער גלויבן זאָגט צו עולם הבא, אָבער ער האַלט שטאַרק פון עולם הזה. דער יידישער גלויבן זאָגט צו עולם הבא צוליב דעם וואָס מיט עולם הזה איז מען ניט זיכער.

— איך וויל עפּעס טאָן פאַר דער דאָזיקער משפּחה — האָט ריכטער דייוויד לאַרי גאַנץ באַשיידן זיך אָפּגענייגט פון פריערדיקן שמועס — האָבן זיי פון וואַנען צו לעבן?

— זיי וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן. יונגע, געזונטע און פעאיקע מענטשן.

ריכטער לאַרי האָט אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאן און איראָניש גע־שמייכלט.

— וואָס'אי, דייוויד, קלערסט, איך דערלאָז ניט, דו זאָלסט עפּעס טאָן פאַר גרינע?

— איך קלער, אַז קיינער פון די לוריאס איז ניט ווערט מיין אַכטונג. אפילו דו, אָנקל, ביסט אָנגעזאָפּט מיט יידישער ביטערניש און ענגהאַרציקייט.

— רעד ניט ווי אַ קינד, דייוויד. דיר פעלט גאַרניט. כ'ווייס, דו פאַר־קערסט אין אַ געזעלשאַפט וואו מ'האָט יידן ניט ליב. ס'איז אַ מדרגה, דייוויד. ליב האָבן איז ניט קיין גרויסער אויפטו. פיינט האָבן — איז אין היינטיקער צייט אַ מידה פון אַ הויכן ווערט. מ'דאַרף קיין קאַטאָליק ניט זיין כדי פיינט צו האָבן דאָס פאָלק וואָס האָט קריסטוסן געגעבן.

— איך וויל דיר, אָנקל, זאָגן דעם אמת. גאַנץ אָפט טראַכט איך פון דעם ווי משונהדיק פאַרקריפּלט עס איז די יידישעווירקלעכקייט. מיין ניט, איך בין בלינד; מיין ניט, אָנקל, אַז איך האָב גענומען און אַוועק פון יידן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט צוליב אַ מיידל וואָס האָט געהייסן ראָוז מעק־פאָדן. אָ, ניין! ס'איז פאַראַנען אַ מין אַוועקגיין וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דעם וואָס איר טראַכט. איך האָב קודם כל געוואָלט אַוועקגיין פון מיין פאָטערס הויז — ביבליש זיך אויסצודריקן. יעס, אָנקל, דאָס פאָלק, צו וועמען מיין מאַ איז געקומען ווי די ביבלישע רות, האָב איך ניט ליב.

— ביסטו דאָס מיר געקומען זאָגן?

— דאָס אוודאי ניט. כ'האָב אויף דעם ניט קיין צייט.

— כ'קען דיר געבן דעם אַדרעס פון די רודמאַנס. זיי וועלן זיין צו־פרידן, מער ווי צופרידן, ווען זייערער אַ קרוב, אַ ריכטער אין אַמעריקע, איז געקומען זיי באַזוכן.

— וואָס טוען זיי דאָ?

— לויט דיין באַגריף זיינען זיי געקומען איינצונעמען אַמעריקע. לויט מיין באַגריף האָבן זיי געבראַכט פריש בלוט פאַר אַמעריקע.

— אַ שאָד.

— איך זאָג אויך דאָס אייגענע, אַ שאָד.

— וואָס מיינט דער אָנקל?

— איך מיין, אַ שאָד, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעקליבן יונג צו ווערן אין היינטיקן יאָרהונדערט, וואָס וועט אין די וויטערדיקע דורות באַצייכנט ווערן אַלס דער יאָרהונדערט פון אַ גרויסער פאַרוויסטונג אויף די מענטשלעכע פרידלעכע פעלדער.

— איך האָב ניט געגלייבט, אָנקל, אַז דו ביסט אַזאַ הייסער ייד. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד. ס'איז אומזיסט דאָס אַמפּערן זיך. אַ שאָד, וואָס דאָס פרישע בלוט דיינס ווערט דאָ פאַרדאָרבן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט דאָקטאָר לוריא אויסגעבראָכן מיט אַ האַרציקן גע־לעכטער — צוליב וואָס האָבן מיר פאַרפירט אַזאַ אומנייטיקן שמועס שטייענ־

דיק ביי דער טיר, און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג ניט געזען? בפרט, איך קען דיך ניט באַליידיקן; ביסט ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. גייסט איצטער פון געריכט?

— נו, גוט — האָט ריכטער לאַרי ניט געענטפערט דירעקט אויף דאָקטאָר לוריאס פראַגע — דער מענטש איז אַ קאָמישע באַשעפעניש. פלאָגט זיך מיט זיין נאַרישן געוויסן. כ'האָב נעכטן ביינאַכט באַליידיקט אַ ביסל די מאַמע, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט ניט גערוט. בין געגאַנגען זי איבערבעטן און ס'איז מיר שווער איר שוועל אַריבערצוטרעטן. כ'וויל מיטן פאַ קיין צוזאַמענשטויס ניט האָבן. מיין ברודער דזשייקאָב — אים איז מיר דערווידער אין די אויגן אַריינצוקוקן. אויב דו דאַרפסט גיין צו אַ פאַציענט, אַנקל, שטער זיך ניט. דאָס אייז איז אַ ביסל איינגעבראָכן. כ'וועל די טעג צו דיר אַריינקומען מיט ראָזן. מען באַדאַרף זיך אַזוי ניט דערווייטערן.

דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעקוקט דעם ריכטער דייוויד לאַרי, געוואָלט געפינען אין אים שפורן פון דער לוריא־משפחה. ער האָט אים געוואָלט אַן עצה געבן, אַז ער זאָל פאַרט גיין צו זיין מוטער און זי איבערבעטן. אין דער לעצטער מינוט האָט ער חרטה געהאַט.

* * *

יעדער אָנד־הייב איז שווער. אָבער גאָר שווער איז דער אָנהייב וואָס אַ מענטש דאַרף מאַכן צום צווייטן מאָל, יעמאָלט ווען עס איז ניטאָ פאַר די אויגן קיין ווייטער אַרויסבליק. די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן געבראַכט „הענט", קלאָר געזען דעם וועג וואָס האָט געפירט אין סוועט־שאָפּ אַריין. „מורא פאַר פאַגראָמען; אַרנטלעך, כאָטש שווער פאַרהאַרעוועט ברויט פאַר וויב און קינד" — דאָס איז געווען אַ גוטער אָנהייב אין נייעם לאַנד. ווער ס'איז געבליבן פראָלעטאַריער, און ווער עס האָט דעם שאָפּ באַנוצט פאַר אַ טרעפּ פונוואַנען ער האָט זיך אַרויסגעקליבן צו בעסערע מעגלעכקייטן.

די, וואָס זיינען קיין אַמעריקע געקומען מיט אַ דור שפּעטער, האָבן שוין באַגעגנט די הייכטצייטיקע שטרויכלשטיינער, וואָס זיינען פאַרן יידן אויסגעלייגט געוואָרן אויף זיין לעבנסוועג. ווען מען האָט שוין ווי עס איז דורכגעריסן גרענעצן, דערגרייכט דאָס געווינטשטע לאַנד, האָט מען אין אויסגעחלומטן לאַנד אַריינגעבראַכט אַן איבערגעשראָקענע ענערגיע. יעדער אָנהייב, האָט געמיינט אַרויפצוקלעטערן אויף אַ הויכן באַרג.

דאָס איז געווען דער פאַל מיט די רודמאַנס, טאַטע־מאַמע. ביי זייער אָנקומען האָט מען שוין אין שאָפּ געזוכט יינגערע „הענט". אַוועק יענע צייטן ווען פאַר די הענט פון אַלטע לייט וואָס האָבן זיך געבראַכט ביים אָנגעגליטן פרעס־אייזן — אַלע הענט זיינען פאַרן „באָס" געווען אָנגעלייגט. דאָס איז געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל. איצטער האָבן די טאַטע־מאַמע רודמאַן קעגן זייער ווילן געדאַרפט טראַכטן פון אַ „סטאָר". כאָטש אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָך דער רעוואָלוציע, ווען האַנדל איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעכן, דאָט בנימין רודמאַן אַלערליי שפּיצלעך אָנגעווענדט אָפּצונאַרן די רעוואָלוציע וואָס האָט יעדן הענדלער געשטעמפּלט פאַר אַ פאַרברעכער און פאַרמיאוסט אין די אויגן פון אייגענע קינדער אפילו. אויב איצט איז געלונגען צו מאַכן אינדערשטיל עטלעכע רובל דורך אַ געלונגענעם מסחרל,

איז עס ביי אים געווען אַ שטיק נצחון איבער דער רעוואָלוציע. דאָ אָבער, ווען משפּחה האָט אַרומגעטראַכט דעם תּכלית פֿון די רודמאַנס, דעם ר־תּכלית פֿון די קינדער באַזונדער און פֿון די עלטערן באַזונדער, האָט עס די עלטערן שטאַרק ווי געטאָן.

— די יונגע וועלן גיין דערווײַלע אין שאַפּ אַרבעטן. אַמעריקע האָט ליב יונגע הענט. אַמעריקע איז פֿאַר יונגע הענט אַ גוטע מאַמע. אָבער דער אָנקל וועט דאַרפֿן עפּענען עפּעס אַ סטאָרק.

דאָס האָט אויף בנימין און גאָלדע רודמאַן אָנגעיאָגט אַ מרה שחורה. און נאָך עפּעס: קומענדיק פֿון אַ לאַנד וואו אַ מענטש דאַרף גוט הערן וואָס ער רעדט, אין אַ לאַנד, וואו ס'מויל קען פּלאַפּל־ען וואָס עס וויל, זײַנען די קינדער מיטאַמאָל אָפּגעשוואומען פֿון טאַטע־מאַמע. יעדער איינער איז אַוועק מיט זײַן אייגענעם שטראָם. די ציוניסטן באַזונדער און דער קאָמוניסט באַזונדער. יעדער שטראָם האָט געטראָגן אָן אַ זײַט פֿון טאַטע־מאַמע. אפֿילו יוסטינע האָט אַריבערגעקוקט ווײַט, ווײַט פֿון דער נײַער היים. די רודמאַנס, עלטערן פֿון נאָך גאָר יונגע קינדער, האָבן זיך מיט אַמאָל דערשפּירט אַלט. די הענט האָבן זיך ניט געהויבן עפּעס צו טאָן. ווען דאָס יונגוואַרג האָט מיט בלינדע פֿינגער געטאַפּט די לופֿט אין נײַעם לאַנד; ווען די יונגע, יעדערער אויף זײַן אופֿן, האָבן מיט אַלע חושים זיך געצויגן אַהין, וואו עס ליגט דער וועג צו אַ נײַעם אָנהויב, האָבן די עלטערן, נאָך גאָר ענערגישע מענטשן ביים גנבֿענען די גרענעץ, זיך דאָ דערשפּירט אָפּגעל־עבט.

גאָלדע רודמאַן, די מאַמע פֿון אַ צעשויבערטער און קריגערישער מיניאַ־טור־וועלט, האָט אָנגעהויבן אײַנצוגיין פֿון טאָג־צו־טאָג. אירע שוואַרץ־גרויע האָר זײַנען אין אַ פּאָר חדשים צײַט געוואָרן גרוי־ווײַס. די שוואַרצע, פֿולע אויגן זײַנען מאַט־ברוין און קלענער געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן פּילן אַ ווייטיק אַרום האַרצן, און אַ בענקעניש צוריק אַהיים.

— אפֿשר, בנימין, האָבן מיר פֿאַרזינדיקט מיט דעם, וואָס מ'האָט זיך געשטעלט קעגן אַ מאַכט, וואָס וויל אַ שלעכטע וועלט איבערבויען.

ווען דאָקטאָר לוריא איז געפֿאָרן צו באַזוכן די רודמאַנס, און באַטראַכטן די מומע זײַנע וואָס איז געלעגן צו־בעט, האָט ער מיט זיך פֿאַרנומען דעם דיכטער יוחנן פֿעלדשטיין.

ווען דאָקטאָר לוריא איז אַרײַן צו די רודמאַנס, האָט ער געפֿונען ביי דער מוטערס געלעגער זיצן די על־טערע טאָכטער יוסטינע, וואָס האָט צוליב דער מאַמעס קראַנקייט אָפּגעלייגט גיין אין שאַפּ אַרבעטן. די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער משפּחה זײַנען נאָך ניט געווען אינדערהיים.

— געקומען קיין אַמעריקע קרענקען? — האָט פֿעלדשטיין מיט אַן אַרויפֿגעשרויפֿטן מוט געדריקט די האַנט יוסטינען — אפֿשר דערפֿאַר וואָס איר האָט דאָ געפֿונען אַן אייגענעם דאָקטאָר אין דער משפּחה.

— מײַן שוועסטער ברכה האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון אײַך.

יוסטינע האָט געשפּירט ווי איר האַרץ האָט אויפֿגעוואַכט, אַזש אין די שלײפֿן האָט עס אָפּגעהילכט.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך צוגעזעצט צו דער מוטערס געלעגער, גענומען איר האַנט און באַטראַכט איר פּנים וואָס איז שטאַרק אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט געוואָלט אין געדאַנק פֿאַרבינדן איר שוואַכקייט מיט זײַן אייגענער

מוטער, וואָס האָט אין די אַכציקער יאָרן ניט געהאט קיין כוח צו דערפאָרן קיין אַמעריקע.

— נו, וואָס, טאַנטע, אפשר בענקט איר צוריק? זייט זיך מודה.

— צוריק איז דער וועג אָפּגעשניטן — האָט יוסטינע געענטפערט פאַר דער מאַמעס־וועגן — אפשר וואָלט איך אויך צוריק געפאָרן.

— אָט, זעט איר — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געווענדט צו פעלד־שטיינען — ווי אַמאָל, אַזוי איצטער, מען בענקט צוריק.

— ס'איז אפשר דערפאַר וואָס דער צוריק איז אָפּגעשניטן — האָט יוס־טינע זיך אָפּגערופן, מיט דעם פאַרלאַנג צו הערן איר אייגענע שטימע.

— מען זאָגט דאָרטן באַנ'אייך אין סאָוועטנפאַרבאַנד בויט מען אַזאַ פּאָס־קודנע אַמעריקע ווי מיר האָבן עס דאָ — האָט פעלדשטיין ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון יוסטינען — אַמעריקע איז א גראָב־יונגיִשע, חוצפּהדיקע מדינה. ס'הייסט ביי אונדז: — אַ יונגע מענטשהייט. און די קאָמוניסטן דערציילן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אויך דער אייגענער נס געשען וואָס אַן אַלטע, אַביסל פון אַלקאָהאָל פאַרסמטע מענטשהייט, איז מיט אַמאָל יונג אויפגע־שטאַנען. אַזוי ווייט יונג — אַזש פון ליבע האָט זיך די יוגנט דאָרטן פאַר דער צייט אָפּגעזאָגט. ווי גייט עס דאָרטן מיט ליבע?

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע אַ לאַך געטאָן — מיר זאָגט מען, אַז ביי אייך דאָ איז די ליבע אויך אַ שטאַרק אָפּגעניצטע ווען חתן־כלה גייען צו דער חופּה.

אויף אַ ווייל איז מען שטיל געוואָרן. דאָקטאָר לוריא האָט אויסגעהערט זיין מומען, וואָס האָט פאַר אים אויפגעקלערט די סיבה פון איר קראַנקהייט.

— דאָרטן — האָט גאָלדע רודמאַן גערעדט איראָניש — האָט מען אַ סך גערעדט פון עסן. אַז מ'האָט זיך באַגעגנט, האָט מען געוואָלט איינס ביים אַנדערן דערגיין וויפיל אייגער האָט באַוויזן אויסצושווינדלען כאַרטש ביי דער מלוכה. מען האָט מער גערעדט פון עסן ווי מ'האָט געגעסן אין אמתן. אַן איי, ווער זאָגט נאָך אַ פרישע איי, אויב אימעצער האָט אַזעלכעס געהאַלטן אין האַנט, האָט עס אים די האַנט געברענט. נו, נעמט מען און מען קומט אַראָפּ אין אַ לאַנד, וואו פון עסן רעדט מען גאָרנישט; עסן איז פאַראַן לרוב, נאָר ס'פעלט געזונט, לייב־און־לעבן. דערצו האָט מען ניט געדאַרפט קומען קיין אַמעריקע און אויסגעפינען, אַז מ'האָט שוין געענוג זיך אָנגעלעבט און אָנגעליטן.

— צו־פרי אַזוי צו טראַכטן — האָט דאָקטאָר לוריא געהאַלטן גאָלדעס האַנט — באַנ'אייך זיינען פאַראַן קינדער ברונעטן, און רויטע קינדער. די ברונעטן זיינען פּעסימיסטן, און די רויטע — אָפּטימיסטן. דער פעטער האָט מער אמונה אין אַמעריקע ווי איר, טאַנטע. ברכה האָט מער אמונה אין ארץ־ישראל ווי יוסטינע. אויב איר האַלט ניט פון אונדזער עסן — ווייס איך ניט מיט וואָס אייך צו שטאַרקן. אַ שאָד וואָס דער אָנקל איז ניטאָ. כ'האָב מיט אים געוואָלט איבערשמועסן וועגן אַ וויכטיקן ענין. זאָל ער אַריינגיין צו מיר אין אָפיס.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אָנגהויבן גרייטן אַוועקצוגיין, ער האָט באַ־מערקט יוסטינעס צושראָקענעם פּנים.

— פאַרוואָס איילט איר זיך אַזוי? איר זייט, ווי מ'זאָגט דאָ, שטאַרק ביזי, אמת? בלייבט איר דאָ, גאַספּאַדין פעלדשטיין... כ'האָב געוואָלט באַנ'אייך וועגן אַ סך זאַכן אויספרעגן — האָט זי מיט אַ פייערל אין די אויגן געקוקט צו פעלדשטיינען.

יוחנן פעלדשטיין האָט מיטן געדאַנק צונויפגעבראַכט די צוויי שוועסטער. די היציקע ברכה, און די אין זיך פאַרשלאָסענע יוסטינע. יענע האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל באַגעגנט. ברכה האָט אים אָפּגעצאָלט מיט אַן אמת פאַר אַן אמת. די־אַ פאַרמאַגט אַ באַהאַלטענעם פייער; כאָטש אויסערלעך מיד — איז באַהאַלטן אַ וויבלעכער ציטער אין איר שטים. העכער, שלאַנקער פון דער ייִנגערער, האָט זי געהאַט אַ טבע ביים רעדן צוגייען נאָענט, מיט דער וואַרעמקייט פון אָטעם איבערגעבן דאָס וואָרט. איצטער אויך, אַז זי האָט גערעדט צו פעלדשטיינען, איז זי צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט און אים אָנגע־רירט מיט איר שטייפער ברוסט, ווי איינצובייסן אים מיט אירע ווייסע, שאַרפע ציין.

— געבראַכט פון דאָרטן אַזאַ מויל ציינער — האָט פעלדשטיין אַ טראַכט געטאָן — און דאָס איז אַלץ פון ניט עסן...

— בלייבט דאָ, מיסטער פעלדשטיין, מיסטער איז ניט אַזוי שיין ווי גאַספּאַדין, כאַ־כאַ־כאַ.

— בלייבט דאָ, פעלדשטיין — האָט אים דאָקטאָר לוריא, שוין ביים טיר שטייענדיק, אונטערגעגעבן חשק — און קומט אין אָוונט אַלע צו מיר אַריבער.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט פאַרלאָזן די שטוב, האָט יוסטינע ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט פעלדשטיינען. „ער שפּילט, זאָגט מען, אַ גרויסע ראָלע צווישן ייִדן דאָ" — האָט יוסטינע אַ טראַכט געטאָן. אַ בלאַסער, ביינערדיקער מענטש, מיט אַ נערוועאישקייט אַרום מויל, אַזוי האָט ער אויסגעזען. דער ברייטער שטערן און די גרינלעך־בלויע אויגן... ער איז פאַר איר געווען אַ שטיקל רעטעניש.

פעלדשטיין, וואָס האָט זיך פריער צוגעהערט צו דער מוטערס רייד, האָט כסדר געוואָרט די טאָכטער זאָל אָנהייבן רעדן. אַ פאַרטייעטקייט האָט פון אירע אויגן אַרויסגעקוקט, און אַ באַהאַלטענער שמייכל אַרום מויל. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס זי האָט צו אים גערעדט ווען ער האָט זיך צופעליק מיט איר באַגעגנט. יעמאָלט, געדענקט ער, איז זי געווען אויפ־געלייגט צו רעדן. און איצטער, דוכט אים אויס, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן אין זיך אַליין.

— ווי לאַנג זייט איר שוין אין אַמעריקע? — האָט יוסטינע, ווי שפּירנ־דיק פעלדשטיינס מחשבות, — זיך אָפּגערופן.

— אויב איר ווילט, איז עס ניט לאַנג, אינגאַנצן מיט איבער צוועלף יאָר צוריק געקומען אַהער. אַ יאָר פאַר דער מלחמה. אָבער, ווען מ'זאָל אַריינרעכענען די וועלט־מלחמה און די ווייטערדיקע געשעענישן אויף דער וועלט, באַזונדערס אין דער ייִדישער וועלט, איז עס פינף מאָל צוועלף יאָר.

יוסטינע האָט אַ באַהאַלטענעם לאַך געטאָן, איבערגעגאַנגען צו דער מוטער און איר אַ קוש געטאָן אויפן בלאַסן שטערן.

— איך האָב געגלייבט, אַז די אַלע וואָס האָבן געלעבט אונטער דער סאָוועטישער דיקטאַטור, זיינען ניט מער סענטימענטאַל ; זעט אויס, איך האָב געמאַכט אַ חשבון אָן באַלעבאָס.

— איר מאַכט אַ טעות ניט פרעגנדיק ביים באַלעבאָס, כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע גאָר אויפגעלעבט — איר מיינט, אַז אונטער אַ דיקטאַטור איז אויס לעבן. ס'איז ניט אַזוי. דאָס לעבן אונטער אַ דיקטאַטור איז ווי לעבן שטענ־דיק אונטער אַ דאַך און מיט שווערע ווענט אַרום. פונוואַנען עס אַנטלויפט ניט קיין קלאַנג. דאָס אַלץ. אָבער דאָס לעבן ווייס ווי צו זיין שטום אויך, כאַ־כאַ־כאַ.

יוסטינעס קלינגענדיקער געלעכטער, וואָס האָט באַגלייט, לויט פעלד־שטיינס מיינונג, איר קלוגן געדאַנק, האָט אים צעטומלט. „אויב דאָס איז איר אייגענע פילאָזאָפיע, איז זי גאַרניט קיין נאַר" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— ווי זעט אויס דער צופרידענער מענטש אין סאָוועטנפאַרבאַנד ?

— דער מענטשלעכער כאַראַקטער האָט זיך ניט געענדערט. אַלע מע־נער זיינען נאָך אַלץ מענער, און אַלע פרויען זיינען נאָך אַלץ פרויען.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוחנן פעלדשטיין זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געלאַכט.

— וואָס קומט עס אייך אויס אַזוי אודיוויטעלנאָ ? איר אַלע האָט דאָ געמיינט, אַז די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט ליבע. אַלץ וואָס די רעוואָ־לוציע האָט געטאָן — זי האָט דעם מענטשן אויסגעטאָן נאַקעט. מאַן און ווייב, ד'האָט מען געשאַצט זייער ווערט נאָר נאַקעט.

— טאַכטער מיינע, כ'וויל ניט דו זאָלסט אַזוי ריידן — האָט די מוטער פּראָטעסטירט — דווקא דאָ וויל איך ניט דו זאָלסט באַריידן רוסלאַנד. און דו רעדסט אַזוי, ווי עס פּאַסט ניט צו ריידן.

— אָ, מאַמע, מאַמע — איז יוסטינע צוגעגאַנגען און אַרומגענומען דער מוטערס קאָפּ — איך רייד ניט אַזעלכעס וואָס מ'זאָל זיך דאַרפן שעמען. יעדער אמת איז פּראָטיוונע נאַקעט. וואָס ניט, גאָספּאָדין פעלדשטיין ?

— לאָזט אייער טאָכטער, — האָט פעלדשטיין געשפּירט אַ היץ אין פּנים —אייער טאָכטער רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען זיי וועלן דאַרטן אַליין פון זיך מאַכן חוזק צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פון מענטשן געוואָלט מאַכן אַ מענטש. ווי דער מענטש האָט געדאַרפט זיין, איז איין זאַך ; און וואָס ער איז אין אמתן, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— פונדעסטוועגן, ווען איך האָב אַ געלעגנהייט צו פאָרן צוריק, וואָלט איך — האָט יוסטינע גערעדט ווי פאַר זיך אַליין.

— איר זייט אַוועק פון סאָוועט־רוסלאַנד, און זייט נאָך קיין אַמעריקע ניט געקומען — האָט פעלדשטיין שטיל געזאָגט.

— אָ, ווי דאָס איז אמת — איז יוסטינע צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו פעלדשטיינען און געגלעט זיין לאַץ — כ'האָב שוין לאַנג אַזאַ פּראַקליאַטן אמת ניט געהערט. וואָס איז אַמעריקע ? וואו איז אַמעריקע ? איך ווייס ניט. איך ווייס ניט וואו צו זוכן. מיין מאַמע ווייס אויך ניט. דעריבער איז זי קראַנק געוואָרן. מיין עלטערער ברודער איז מיט לייב־און־לעבן אין פּאַלעסטינע. דער יינגערער — מיט לייב־און־לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איר וועט זען מיין וואָרט, אַז ברכה, וואָס איז געפאָרן דורך אַמעריקע קיין פּאַלעסטינע, איז אויף אַן אמת פאַרפאָרן קיין אַמעריקע. און איך . . . וואו בין איך, מאַמע?

— רייד ניט אַזוי, טאָכטער. ביסט יונג. לאָז זיך ניט אָפּ. טראַכט ניט ווי דו טראַכסט. קלער ניט ווי דו קלערסט.

— ניט נאָר אייער טאָכטער רעדט אַזוי. איר זייט דאָך אויך אַמאָל יונג געווען. אַזוי רעדט די אמתע יוגנט, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו דערגרייכן אַ ברעג.

— אָ, ניין, גאַספּאַדין פעלדשטיין, — האָט יוסטינע זיך געווערט — דאָס וואָס איר זאָגט האָט ניט צו טאָן מיט יוגנט און עלטער. דאָס האָט צו טאָן מיט דער צייט. אז די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן בין איך אַלט געווען פערצן יאָר. אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערן יינגלעך און מיידלעך אַ סך פריער געעלטערט. ווערן גאַנץ פרי צייטיק מיט אַלע זייערע חכמות און מיט אַלע זייערע נאַרישקייטן.

— האָט איר ליב יידן? — האָט פעלדשטיין אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— ניין.

— זייט איר אַ רעוואָלוציאָנערקע?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך בין אַ יידיש קינד.

— יידן זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערן?

— ניין.

— די וועלט באַשולדיקט דאָך יידן, אַז זיי זיינען די טרעגער פון דער רעוואָלוציע . . .

— וואו איז רעוואָלוציע? דאָרטן וואו מ'האָט דעם מענטשן אָנגעהויבן לערנען זאָגאָוואָ וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר ניט?

— טאָכטער מיינע, — האָט די מוטער ווידער פּראָטעסטירט — איך בעט דיך, רייד עס ניט!

אַ ווייל איז שטיל געוואָרן. יוסטינע האָט איר גאַנצן מוט פאַרלאָרן. זי האָט געוואָרפן נערוועאישע בליקן צו דער מוטער און צו פעלדשטיינען, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקצוגיין. יוסטינען האָט פאַרדראָסן וואָס זי האָט אין דער מוטערס קעגנוואַרט אַזוי זיך געקליגלט.

יוחנן פעלדשטיין, וואָס האָט יוסטינעס רייד אָנגענומען ווי אַ מיטל צוצודעקן אירע געפילן, וואָס זי האָט ניט געקענט קאָנטראָלירן, האָט זיך אומגעריכט צו איר געווענדט:

— קומט מיט מיר אין דער קאַלטער נאַכט אַריין, אייער מוטער וועט ניט האָבן קיין מורא בלייבן אַליין.

— איך האָב פיינט קאַלטע נעכט, ברר . . . איך געדענק זיי גוט, די קאַלטע נעכט!

— אינגיכן וועט דאָ פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג וואו אונדזערע חכמים פון רעכטס און פון לינקס וועלן זיך פאַרמעסטן מיט זייערע אמרתן. אויב איר ווילט, וועל איך אייך קומען נעמען.

— ספאַסיבאַ . . . קומט נאָך מיר, קומט!

יוסטינע האָט וואַרעם געדריקט פעלדשטיינס האַנט ביים געזעגענען זיך.

יוחנן פעלדשטיין האָט געפילט אַ קעלט אין זיינע ביינער. אים האָט אויסגעוויזן, ווי יוסטינע טרייבט אים מיטן געדאַנק אַרויס פון שטוב.

* *

אין איינעם פון די ניו־יאָרקער זאַלן איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון אַן עולם, וואָס האָט שוין לאַנג באַשטימט וואו דער אמת איז. דער גרעסערער טייל פאַרזאַמלטע איז באַשטאַנען פון מענטשן, מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געפוילט זעלבסטשטענדיק צו טראַכטן. זיי האָבן געלערנט פּאַרטיי־תורה, איינגעחזרט עס אויף אויסווייניק.

„צי זיינען יידן אַ פאָלק, אָדער יידן געהערן צו אַ מין ראַסן־פּסולת״;

„צי יידן דאַרפן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זוכן פאַר זיך אַ טעריטאָריע, אָדער דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט דאַרף פאַר יידן געעפנט דעם טויער צו דער אינטערנאַציאָנאַלער מענטשהייט״; „ארץ־ישראל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו יידן, צי אויף דעם דאָזיקן לאַנד האָבן יידן איצטער אַ זכות, אָדער ניין . . .״

האָט מען זיך געפילפּולט. די דאָזיקע, וואָס האָבן געלערנט דעם אמת, אַז יידן זיינען אַ פאָלק, האָבן דעם אמת איבערגענומען מיט אַלע זיינע חן־גריבעלעך און מיט זיינע פּרישטשיקלעך.

און געווען אויך די, וואָס האָבן דערגרייכט צום קיילעכדיקן אמת, אַז פּרעטענדירן צו ווערן אַ פאָלק איז פינצטערער שאָוויניזם; מחמת עס זיינען פאַראַן בלויז יידישע מאַסן, יידישע אַרבעטער און יידישע מענטשן, וואָס האָבן בלויז צייטווייליק אָנגענומען אויף דער צונג יידישע ווערטער. די יידישע שפּראַך איז ניט מער ווי אַ מיטל, אָבער ניט קיין ציל. און אויך די, וואָס האָבן משיג געווען בחוש, אַז יידיש איז בלויז אַ שפּחה, מחמת אין צייט, ווען די האַרנטע קען אָפּווישן דעם שטויב פון די מעבל, דאַרף מען ניט קיין שפּחה . . .

און אַז דאָס גלות־יידנטום איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, און נאָר דאָס וואָס וועט אין צייט זיך מציל זיין אין ארץ ישראל, וועט געראַטעוועט ווערן פון אונטערגאַנג — אויך תלמידים פון דעם דאָזיקן אמת האָבן מער ניט געהאַט וואָס צו לערנען.

און אויב די אַלערליי תלמידים זיינען געקומען און פול געמאַכט דעם זאַל, איז עס געווען ניט מער ווי צו קוקן דעם אייגענעם רבין אין מויל אַריין און צום הונדערטסטן מאָל הערן דעם גרויסן אמת וואָס האָט אַזוי באַרויִקט; צו הערן דעם גרויסן אמת וואָס פירט דעם „יידן״, אָדער דעם „מענטשן״ צו אַ געלייטערטער צוקונפט. און דעריבער, ווען די רביים זיינען אַרויף אויף דער בינע, האָט עקסטאַז אויפגעריסן די תלמידים און אָנגעפילט מיט קוואַליקער באַגייסטערונג.

ווען יוחנן פעלדשטיין און יוסטינע זיינען אָנגעקומען אין זאַל איז די דיסקוסיע שוין אָנגעגאַנגען. דער זאַל איז געווען פול איבער די ראַנדן. ביי דער טיר איז מען געשטאַנען איינס הינטערן אַנדערן, זיך געצויגן אויף די שפּיץ פינגער צו דער בינע וואו דער פאַרזיצער האָט אויף אַן „אומפּאַרטייאישן״ אופן געפּרואווט דערקלערן די נוצלעכקייט פון אַזאַ דיסקוסיע.

— דאָס יידישע לעבן — האָט דער פאָרזיצער, דאָקטאָר סעמיאָן דאָבקין, געפּרואווט דערקלערן אויף אַ רואיקן אופן — איז נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ לאַנגן גלות־שלאָף. דער גלות־באַגריף ביי יידן איז געווען אַזאַ, אַז מען מוז וואַרטן ביז אַ דערלייזער וועט קומען און אויסלייזן פון גלות. צווייערליי באַגריפן פאַרמאָגט דאָס יידישע לעבן וועגן גלות. ס'איז פאַראַן אויסערלעכער גלות. די ספּערע אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך און לעבט. מיט דעם צווייטן באַגריף פון גלות בין איך אויסן דעם אינערלעכן גלות, אין וועלכן די יידישע אינטעליגענץ לעבט נאָך פון פאַרן לעצטן חורבן אָן. בין אויסן דעם ווילן פון דער אינטעליגענץ צו דערגרייכן די פאָלקאָמענע אַסימילאַציע, און דערפון — אַ געפיל פון מינדערוועֹרטיקייט אין אייגענע אויגן. דאָס הייסט: אינערלעכער גלות. אויף דערדאָזיקער קראַנקייט ליידט די יידישע בורזשואַזיע אומעטום. זי האָט פון דעם געליטן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, און אויף דעם נידעריקסטן אופן — אין דייטשלאַנד, וואו זיי האָבן אַלע גייסטיקע „אייער" געלייגט אין פרעמדע נעסטן. מען האָט די מתנה פון זיי צוגענומען און זיי באַוויזן די טיר.

דאָס חזרט זיך איבער דאָ אין פרייען לאַנד, וואו די יידישע בורזשואַזיע האָט מורא אויפהויבן אינדערהויך די יידישע שטים. אָבער אין דער אייגענער צייט שאַץ איך ניט אונטער די געפאַר וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט אויף דעם יידישן, געזונטן אַרט דענקען; כ'מיין — ווי דאָס פאָלק, ניט ווי די אינטעליגענץ לעבט און פילט. די רעוואָלוציאָנערע יידישע אינטעליגענץ האָט ערשט אָנגעהויבן איר אינערלעכן גייסטיקן גלות; אינאיינעם מיט דער רעוואָלוציע, איז דער אַסימילאַציע־אַפּעטיט שטאַרקער געוואָרן. איך רייד ניט פון אַ היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט; איך נעם בלויז צונויף היסטאָרישע פאַקטן, וואָס האָבן געפירט צום יידישן רענעסאַנס אין לעצטן יאָרהונדערט, און אייַנצייטיק — צו דער צעשפּרייטונג איבער אַזויפיל לענדער, און אויך דעם יידישן פיזישן וואוקס. מיר לעבן דאָ אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד וואו יעדער איינער מעג כלומרשט טאָן און האַנדלען ווי ער וויל. מיר יידן — קיינער פאַרווערט אונדז ניט אויפצוהאַלטן און אַנטוויקלען אונדזער קולטור, אויפצוהאַלטן די שפּראַך, און אפילו דאָס בעסערע וואָס די טראַדיציע האָט אונדז מיטגעגעבן אין וועג אַריין. איז דווקא דאָ אונדזער לעבן צעריסן געוואָרן. תהומות דאָ און תהומות דאָרטן. פון די תהומות לויערט האַס וואָס פרעסט ביזן ביין אויף יעדן געזונטן אָרגאַניזם. פאַר דעם אומפּאַרטייאישן מענטשן איז קיין לופט ניטאָ.

די יידישע לעגענדע — האָט דער פאָרזיצער ווייטער גערעדט — דערציילט וועגן דעם אַמאָליקן בבל, אַז גאָט האָט די מענטשן באַשטראָפט פאַר זייערע זינד, מיט דעם וואָס ער האָט צעמישט זייער שפּראַך. ביים בויען אַ טורעם, וואָס זאָל צו די הימלען דערגרייכן, האָבן די בויער איינס דאָס אַנדערע ניט פאַרשטאַנען. האָט דער בעל־מלאכה געבעטן ליים, האָט מען אים דערלאַנגט ציגל; האָט דערפאַר דער דערלאַנגער געקראָגן צוריק דעם ציגל אין קאָפּ אַריין. אָבער, מיינע פריינט, ווייסן מיר דאָך פון אַ בבל וואוהין יידן זיינען געקומען ווי קנעכט, כ'בין אויסן נאָכן ערשטן חורבן, און האָבן זיך דאָרט דערוואָרבן גלייכע רעכט, דערגרייכט צו פאַרנעמען פּאָליטישע

עמטער. מיר ווייסן אויך פון אַ בבל נאָכן צווייטן חורבן, וואו ס'האָט געבליט יידישער וויסן, ר'תורה און חכמה. דער שפּעטערדיקער בבל־גייסט האָט דערהאַלטן יידן דורך די ווייטערדיקע דורות. איידער איך גיב איבער ס'וואָרט, בעט איך נאָר, אַז איר זאָלט אונדזער לעבן ניט דערפירן צום ערשטן בבל־באַגריף. דעם ערשטן רעדנער שטעל פאָר אונדזער פריינט ירחמיאל בינדער, ער וועט פאַר אונדז קלאָר מאַכן דעם ראַדיקאַל־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט.

דעם פאָרזיצערס רעדע האָט מען אין עולם אומגעדולדיק אויסגעהערט. אָבער אויך דער ערשטער רעדנער האָט אין זאַל ווינציק אָנהענגער געהאַט. גאַנץ שיטער האָבן זיך די אַפּלאָדיסמענטן געשאָטן. ירחמיאל בינדער, איינער פון די געציילטע טאַקטישע רעדנער, האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ ליסינע און בלויע אויגן, האָט עטלעכע מאָל באַטאַפּט זיין נאַקעטן קאָפּ, ניט דערלאָזן, די געדאַנקען זאָלן קאָנוולסיוו שלאָגן צו די ליפּן. ער האָט אָנגעהויבן אַ ביסל מיט אַ הייזעריקער שטים און רעאַגירט אויפן פאָרזיצערס בבל־געדאַנקען:

— מיר, ראַדיקאַלע ציוניסטן, זיינען פּראָדוקטן פון דער צייט. פּראָדוקטן פון אומשטענדן. איך ווייס ניט ווי די מאַרקסיסטישע טעאָריע וואָלט אויסגעזען ווען עס וואָלט זי באַגרינדעט ניט קאַרל מאַרקס דער ייִד, נאָר אַ קאַרל מאַרקס — אַ הונדערט־פּראָצענטיקער דייטש, צי ענגלענדער. קען זיין, יעמאָלט וואָלט מען דעם אינטערנאַציאָנאַלן געדאַנק גאַנץ אַנדערש פאָרמולירט, ווי עס הויבט מיט דער צייט ביסלעכווייז קלאָר צו פאָרמולירן אפילו דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל. עס קלאָגן די אַנטיסעמיטן, אַז רעוואָלוציע און סאָציאַליזם איז אַ יידישער פּראָדוקט. איך וויל זיי דעם כבוד ניט מוחל זיין. אָבער עס וואָלט אונדזער שכל געגאַנגען מיט דעם גראַדן וועג און דער פּראָגרעסיווער יידישער געדאַנק וואָלט ניט געפירט צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. כאָטש קאַרל מאַרקס האָט אין גרונט קיין יידיש־נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד ניט פּראָקלאַמירט, האָבן עס זיינע יידישע תלמידים מיט אַסימילאַטאָרישן ווינט אין קאָפּ — פאַר אים געטאָן. זיי טוען עס איצטער נאָך בעסער ווי קאַרל מאַרקסעס יידישע תלמידים פון סוף ניינצן יאָרהונדערט. וואָס זאָגן מיר, און וואָס פאָדערן מיר? — האָט ירחמיאל בינדער זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן — אַ פאָלק וואָס וואָלגערט זיך אַרום צווישן פעלקער טויזנטער יאָרן מוז מיאוס ווערן און ווערן באַטראַכט פאַר אַ פּאַראַזיט. אַ פאָלק, וואָס גיט אַוועק דעם פאָלק, ביי וועמען ס'האָט געקראָגן אַ מקום־מיקלט, דאָס בעסטע פון זיך, אָנהייבנדיק פון געזעלשאַפטלעכער עטיק אין גאָר אַלטע צייטן, און די העכסטע דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט אין דער נייער צייט, אויב נאָך דעם אַלעמען זיינען מיר נאָך אַלץ אין דער פרעמד איינגעבעטן — וועט מען סוף־כל־סוף איינאיינעם מיט אַלע גוטע מתנות אונדז שיקן אין כף הקלע! דאָס ווערט געטאָן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וואָלטן אייערע אינטעליגענטן מיט דעם אַסימילאַציע־ווינט אין קאָפּ דאָרטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט געשטרעבט צו אַסימילאַציע, נאָר אָנגענומען די נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס וואָס די רעוואָלוציע האָט געגעבן אַלע פעלקער, און עס ווייטער אַנטוויקלען, איז רעכט, מען האָט געקענט גלייבן אַז מיר שטייען פאַרן אָנהויב פון אַ גאולה פאַרן צעפלאָגטן

פאָלק. אָבער דאָרטן גראָבן מאַרקסעס תלמידים אַ גייסטיקן קבר פאַר די כלומרשט באַפרייטע יידן. אין אַזאַ קבר וויל די לינקע באַוועגונג גראָבן פאַר יידן אין יעדן לאַנד וואו זיי געפינען זיך נאָר.

אין דעם דאָזיקן גייסט האָט ירחמיאל בינדער די ערשטע צייט רואיק גערעדט.

יוסטינע רודמאַן האָט אינדערשטיל איינגערוימט פעלדשטיינען, אַז עס איז ווערט געווען צו קומען אַהער און זיך דערוויסן ווי קלוג עס זיינען די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן די נאַראָנים צוגעמאַכט די מיילער זיי זאָלן ניט פלאַפּלען וואָס זיי קומט אויף דער צונג.

— פונוואַנען האָט איר אַזויפיל גרויסע חכמים וואָס האָבן געפונען דאָס אָרט, וואו עס וואָרט ס׳גרויסע גליק פאַר טשעלאָוועטשעסטוואָ? פאַר אַזאַ רעדע וואָלט מען דאָרטן אָוועקגעשיקט צום נאָרד פּאָל. איך בעט אים ניט, ער זאָל מיין נשמה ספּאַסאַיען.

אירע ווערטער האָבן פעלדשטיינען אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך אויף אירע ווערטער ניט אָפּגערופן, כלומרשט געקוקט צו דער בינע וואו דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט דעם קעגנער.

— ווער איז ער, אַ קאָמוניסט? — האָט יוסטינע געפרעגט.

— איינער פון די טרוקענע דאָגמאַטיקער — האָט פעלדשטיין שטיל געענטפערט.

— זיינע אַנד־הענגער זיינען גרעסערע פאַנאַטיקער — האָט יוסטינע זיך געצויגן אויף די שפּיץ פינגער — זעט ווי די הענט האָבן זיך ביי זיי אַ הויב געטאָן, ווי מען נעמט אים אויף!

דער רעדנער, עזרא שאָר, האָט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל באַטראַכט דעם עולם און אַנגעהייבן צונישט מאַכן זיין קעגנער. תחילת האָט ער אָפּגעלייקנט די טעאָריע, אַז קאָמוניסטן ווילן דאָס יידישע פאָלק זאָל אונטערגיין:

— מיר שמעלצן זיך ניט מיט די ציוניסטן פעטישן — האָט ער אויסגערופן — מיר זאָגן, אַז אַ פאָלק וואָס בענקט נאָך פּאָגראָמען, וועט אין פּאָגראָמען אונטערגיין. אַ פאָלק, וואָס האָט אַנצואווייזן אויף דער רעליגיע, אַז דאָס איז די יידישע טעריטאָריע, און אויף אַ טעריטאָריע וואָס באַלאַנגט גאָר צו אַראַבער און צו ענגלאַנד, אַז דאָס איז אויך אַ יידישע טעריטאָריע — אַזאַ פאָלק, זאָגן מיר, ווילן מיר ניט. מיר זאָגן אויך, אַז די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וועלן זיך באַפרייען אינאיינעם מיט די פאָלקסמאַסן פון גאָר דער וועלט, און יעמאָלט ווען די וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם וועלן אויסגעפליקט ווערן, יעמאָלט וועט פון די יידישע מאַסן ערשט ווערן אַ פאָלק. פאַר די אַרבעטער־מאַסן דאַגהט די רעוואָלוציע, אָבער ניט פאַר די פּאַראַזיטן פון אַמאָל, און פאַר די פּאַראַזיטן פון היינטיקער צייט. מיר מאַכן ניט פון קיין שפּראַך קיין פעטיש.

— זיסער טויט, איז אייער דערלייזונג! — איז געקומען אַ צווישן־רוף פון זאַל.

— אַרט עס מיר אויך ניט . . . — האָט דער רעדנער געענטפערט.

— איז דאָס על פּי תורת מאַרקס?

— מאַרקס איז ניט קיין ייד, מאַרקס געהער צו דער גאַנצער מענטשהייט

— האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיקע פרויען־שטים.

— מענטשהייט איז אַ פיקציע!

— אייער יידישער פראָלעטאַריאַט איז אַ פיקציע!
— ס'יידישע פאָלק איז אַ פיקציע!
— העברעאיש איז אַ פעטיש!
— שטיל זאָל זיין!
— אָ ר ד ע ר!
— נעמט איין אַ שטומעניש!

די פאַרזאַמלונג האָט קיין שטומעניש ניט איינגענומען. די בינע מיט אירע רעדנער, אַלץ אינאיינעם איז דערטרונקען געוואָרן אין ווילדע אויס־רופן און פייפערייען. פויסטן האָבן זיך געהויבן, געזוכט וואו־היין צו פאַר־פאָרן. אַ געשלעג, זידלערייען, קוויטש און געשריי „פּאָליס". פּאָליציי איז געוואָרן געגרייט. די פאַרזאַמלונג, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטימען צי יידן זיינען אַ פאָלק, צי אַ פאָלקס־מאַסע; צי ארץ ישראל איז נאָך אַלץ די סטע־ליע פון וואַנען עס הענגט אַראָפּ דאָס יידישע וויגעלע — די דאָזיקע פאַר־זאַמלונג איז צוטריבן געוואָרן ווי מען צוטרייבט הינט, וואָס האָבן זיך איינס אין אַנדערן איינגעגעסן אויף לעבן און טויט.

— צוליב וואָס האָט איר מיך אַהער גענומען? — האָט יוסטינע, שוין דרויסן, געפרעגט ביי פעלדשטיינען — איר האָט געוואָלט, איך זאָל ווערן קליגער? אויב נאָך דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט בין איך ניט גע־וואָרן קליגער, וועלן מיר שוין אייערע לייט ניט העלפן. כ'האָב פיינט רייד אויף אַ ניכטער האַרצן.

— אפשר זייט איר גערעכט — האָט פעלדשטיין געשמייכלט אין דער קאַלטער נאַכט אַריין.

— איר גלייבט אויך, אַז מענטשן האָבן פאַרקלערט גוטס פאַר מענטשן, און ניט מער וואָס עטלעכע פאַרשיווצעס דערלאָזן עס ניט? איך קען דעם מענטשן, גאַנספּאָדין פעלדשטיין. וואָס מיינט איר, איך האָב פאַרגעסן וואָס עס איז פאַרגעקומען אין דער מלחמה, אין דער רעוואָלוציע, אין די פּאָג־ראָמען, און אפילו איצטער — ווי מענטש איזדעקעוועט זיך אין מענטשן?!

— צופיל געדענקט איר — האָט פעלדשטיין מיט אַ ציטער אין שטים געענטפערט.

— איך פאַרגעס עס ניט אויף קיין מינוט.
— ווי אַזוי לעבט איר, אויב איר פאַרגעסט ניט?
— וואָס מיינט איר מיט דעם?
— אויב איך געדענק אַלץ וואָס איר האָט איבערגעלעבט, און פונדעסט־וועגן איז אייך נאָך ליב דאָס לעבן . . .

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט יוסטינע גערעדט אין געזעמל אַריין וואָס האָט זיך נאָך געפּלאָנטערט אַרום זאָל פון צוטריבענעם מיטינג — יעדער טייל אין מיר באַנעמט וואָס לעבן מיינט. אין צייט פון הונגער האָב איך נאָך געפילט ווי יעדער טייל פון מיין גוף הונגערט. איך האָב דעם מינדסטן פינגער פון אָטאָ־דער־אָ האַנט מיט טרערן באַגאָסן, געקוקט ווי אונטער זיין בלאָסן נאָגל האָט דער טויט זיך פאַרקליבן. נאָר איך אַליין האָב זיך מיטגעפילט, ווייטער קיינער ניט. קיינער ניט, איר הערט? — האָט יוס־טינע מיט אַ ציטער אין איר שטים גערעדט — וואָס מיינען די באַלטונעס מיט זייערע שאַרפע רייד, אַז מיך וועלן זיי אויבעזשדאַיען? אָטאָ־די האַנט, וואָס

האָט געהונגערט, און קיינער האָט זי ניט מיטגעפילט, זי גלייבט ניט אין די קלוגע רייד פון קיינשום באַלטון, סיי דאָרטן און סיי דאָ!

פעלדשטיין האָט געלאָזן יוסטינען זיך אויסרעדן און דערנאָכדעם האָט ער שטיל געזאָגט:

— איר האָט מיר מיט אַ צייט צוריק דערציילט, אַז איר האָט פיינט יידן, האָט איר עס געמיינט?

— איך זאָג וואָס איך מיין.

— האָט איר אויסער זיך אַליין נאָך אימעצן ליב?

— איך האָב קיינעם אויסער זיך ניט ליב. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ליבע ווי איר פאַרשטייט. קיינער, ניט קיין מאַן און ניט קיין באַרישנע, גלויבט זיי ניט, ווען זיי דערציילן ווי שטאַרק זיי זיינען פאַרליבט. ניט אין יענעם זיינען זיי פאַרליבט, נאָר אין זיך אַליין. דער מאַן דאַרף די באַרישנע פאַר זיך אַליין. זי דאַרף אים פאַר זיך אַליין.

— און עלטערן, און קינדער?

— אויך דאָס אייגענע.

יוחנן פעלדשטיין האָט געפירט יוסטינען אונטערן אָרעם אין דער ריכטונג פון איר ז״היים, און האָט געהערט אירע שטאָל־קאַלטע רייד. דאָס ערשטע מאָל וואָס אים איז אויסגעקומען צו הערן דעם דאָזיקן אמת פון אַ יונג מיידל, וואָס איז געוואַקסן אויף די פעלדער פון מלחמה און רעוואָלוציע. „ווען אַ הונט און צוויג וואָלטן געקענט דערקלערן זייערע געפילן, מעגלעך זיי וואָלטן אויף אַזאַ אופן דערקלערט די באַציאונגען צווישן זיך" — האָט פעלדשטיין איבערגעטראַכט, און האָט ניט געפועלט ביי זיך איבערצושלאָגן יוסטינען — „מעגלעך, דאָס איז טאַקע די נאַטור פון מענטשן; ניט מער, וואָס דורך טויזנטער, טויזנטער יאָרן האָט די נויט אויסגעאַרבעט אַלערליי געזעצן און אַרום זיי אַ פאַלשע פילאָזאָפיע — ווי די מורא פאַר גאָט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער תקופה פון מענטשנס הילפלאָזיקייט אַנטקעגן זיין אייגענער בעסטיאַלער נאַטור".

— אויב אַזוי, מיס רודמאַן, האָבן קיין קינדער ניט געדאַרפט געבאָרן ווערן ביי מענטשן.

— איך וועל קיין קינדער ניט האָבן.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— וואָס לאַכט איר?

— רעדט ווייטער... ס'איז גוט צו הערן דעם אמת פון אַן אור־מענטשן. די רעוואָלוציע האָט אויף אַ וויל אומגעקערט דעם מענטשן צו זיינע נאַטירלעכסטע געפילן; געגעבן אים די מעגלעכקייט, ער זאָל זיך אויסלעבן מיט זיינע נאַטירלעכסטע אינסטינקטן.

— אָ, הלוואי וואָלט עס אמת געווען! — האָט יוסטינע אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן גוף.

— האָט אייך אימעצער אַמאָל געזאָגט, אַז איר זייט שיין?

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע אַ לאַך געטאָן, און זיך צוגעטוליעט נעענטער צו פעלדשטיינען — עס אודיווליאיעט מיך ווי אַ שרייבער זאָל ניט פאַרשטיין דעם ליגן וואָס סע שטעקט אין דעם.

— איר זייט אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פרוי, מיס רודמאַן, כ׳וויל עס אייך זאָגן.

— פאַרוואָס זאָגט עס דער נאַרישער מאַן דער פרוי קאַקראַז יעמאָלט, ווען ער זעט איר פּנים ניט, קאַקראַז יעמאָלט ווען ס׳איז פינצטער, און זען זעט ער די פרוי מיט זיין הינטישן אינסטינקט און ניט מיט זיינע אויגן?

פעלדשטיין האָט דערשפּירט ווי די קעלט האָט דורכגענומען זיינע גלידער.

— צוליב וואָס פילאָזאָפירט זי אַזוי ציניש? — האָט ער געטראַכט — צי וויל זי אָפּטמאָל ניט פּטור ווערן פון מיר . . .

פעלדשטיין האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון אירע ווערטער. קאַלטע, שפּיציקע ווערטער, וואָס האָבן געשניטן אין מוח. ער האָט אויפשנעל צו־בויפגענומען זיינע געדאַנקען, געפּרואווט אויסגעפינען אַ טירעלע ווי אַזוי זיך דערקלייבן צו דער פרוי מיט דעם שאַרפן מוח, וואָס לאָזט זיך פירן פון אים, און צומאָל טוליעט זי זיך צו אים, און רעדט, ווי מיט דעם וויל זי אים אָפּ־שטויסן פון זיך.

— פאַרליבט זיך אין מיין שוועסטער — האָט יוסטינע פלוצלונג מיט אַ צערטל־עכער שטים זיך אָפּגערופן, ווען מען איז שוין געווען נאָענט צו איר שטוב — זי איז אַ מענטש פון אייער באַגריף. זי גייט זייט־ביי־זייט מיטן מאַן. זי גלייבט אין מאַן. זי גלייבט, אַז זייט־ביי־זייט מיטן מאַן איז די פרוי קליגער געוואָרן, דורכדעם וואָס זי האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און טוט די שווערע אַרבעט וואָס דער מאַן, אַקערט מיט דער נאָז די ערד ווי דער מאַן . . . איך האָב זי קיינמאָל ניט געשטעלט אין דער אייגענער קאַטעגאָריע. ווען די פרוי הערט אויף צו זיין דאָס צוליב וואָס די נאַטור האָט זי נאַזנאַטשעט, יעמאָלט איז דער מאַן ביי איר זייט קיין מאַן ניט. פאַרליבט זיך אין מיין שוועסטער, גאַספּאַדין פעלדשטיין.

— צו אייער פילאָזאָפיע פּאַסט ניט, איר זאָלט זיין אַ שדכנטע — האָט פעלדשטיין געטראָגן איר האַנט צו זיינע ליפּן.

— פּראַווילנאָ, גאַספּאַדין פעלדשטיין . . . — האָט יוסטינע אַ רגע גע־האַלטן זיין האַנט ביי איר ברוסט — איר הערט ווי ס׳האַרץ קלאַפּט? פּראָס־טיטיע וואָס איך רייד נאַרישקייטן . . . גוד נאַיט!

* * *

ווען יוחנן פעלדשטיין האָט יוסטינע רודמאַן גענומען צו דער פאַר־זאַמלונג וואו מען האָט דיסקוטירט, צי יידן זיינען אַ פאָלק, צי ניין, האָט ער ניט אויסגערעכנט, אַז די אַלע קלוגע רייד פון די רעדנער וועלן אויף איר מאַכן אַ לעכערל־עכן איינדרוק, זי זאָל געפינען אַ געלעגנהייט מיט אַזויפיל גאַל אָפּצושפּעטן פון אַלץ וואָס ביי דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז הייליק.

ווען ער האָט זיך מיט יוסטינען געזעגנט און מיט די אויגן דורך דעם שוואַכן ליכט זי באַגלייט אַרויף־טרעפּ, האָט ער דערנאָך דעם וועג צו זיך אַהיים ניט געטראָפן.

— ווער איז זי? — האָט ער געשפּאַנט דורך די ביינאַכטיקע איסט־סייד גאַסן — איז זי טאַקע אויפריכטיק געווען אין אַלץ וואָס זי האָט מיר געזאָגט וועגן מאַן און פרוי? איז דאָס מעגלעך, אַ מיידל זאָל אַזוי

זיין איינגעליבט אין זיך ביז צום פארליקענען אלץ וואָס איז מיט דעם באַגריף ליבע פאַרהערלעכט געוואָרן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט? הונגעריק איז זי — האָט יוחנן פעלדשטיין ווידער געטראַכט — הונגעריק נאָך אַן אומבאַגרייפלעכער פרייהייט; הונגער נאָך אַ גרינג לעבן. הונגער נאָך דער מעגלעכקייט ארויסצורייסן זיך פון דער היים און פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט זי אָפּגעפירט אזוי פרי אהיים. יעמאָלט, ווען זי האָט אים געהייסן זיך איינליבן אין איר יינגערער שוועס־טער, מחמת איר שוועסטער האלט זייער שטארק פון דעם מאַנס מעלות, האָט ער געשוויגן, און אין הארצן געשמייכלט. „שטענדיק, ווען אַ מיידל שדכנט דיך צו אַן אַנדער מיידל, זאָלסטו איר ניט גלויבן". און אַז יוסטינע רודמאן מיינט ניט וואָס זי זאָגט — דאָס האָט ער חושד געווען. „ס'איז באַנ'איר אַזאַ מין גאוה צו מאַכן חוזק אפילו פון זיך אַליין".

— צי וואָלט זי אזוי רעדן וועגן מאַן און אויסלאַכן אַלע ליבעס געפילן צו וועלכע מיר בינדן צו אונדזער לעבנס־גליק, ווען זי באַגעגנט אַ מאַן וואָס געפעלט איר יאָ? צי וואָלט זי באמת אויך יעמאָלט אזוי ציניש גערעדט וועגן ליבע און מענטשלעך גליק?

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. אים איז שווער געוואָרן דער גאַנג, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דריטער עווענױ עלעוויטאָר, זיך געלאָזט פירן אין די בראָנקס. אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ מאַן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, די שיך אין קאָלך פאַרשמירט, און איז געשלאָפן. קענטיק געווען אויף זיין אָפּגעלאָזענעם גוף די מידקייט פון שווערער ארבעט. נעבן מאַן איז געזעסן אַ יונג מיידל מיט רויטליכע האָר און געלבלעכן פּנים, אָנגעשפּאַרט אָן ראָם פון פענצטער, און אויך געשלאָפן.

פעלדשטיינען איז אויפגעקומען אויפן זינען יוסטינע. „וואָס וואָלט זי געזאָגט אויף די צוויי וואָס זיינען אזוי מיד אנטשלאָפן געוואָרן, וואָלט זי דאָ אויך אזוי ציניש געווען? אָדער אפשר וואָלט זי געזאָגט, אַז אויך דאָס איז מעגלעך, ווען קיינער איז מיט זיי אין וואַגאָן ניטאָ, און זיי כאַפּן איבער דעם ערשטן דרימל, דערפילן פרישקייט אין בלוט, וואָלטן זיי זיך אָנגעקוקט, און אפשר גאָר איינגעליבט איינס אין אנדערן..."

— שלעכט, ווען דאָס לעבן פאַרמאָגט מענטשן מיט אַזאַ יאוש; שלעכט, ווען אַ יונגער מענטש קוקט אזוי ציניש אויף אַלץ וואָס איז שיין אין לעבן.

ער האָט געוואָלט ארויסשלאָגן יוסטינען פון קאָפּ, טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. און אפשר גאָר אַזאַ יוסטינען באַטראַכטן פאַר אַ העלדין פון לעבן, אריינפּאַסן זי אין איינער פון זיינע דערציילונגען וואָס ער קלייבט זיך שרייבן. „איך האָב קיינעם אויסער זיך ניט ליב — האָט יוסטינע אים געזאָגט — גלויבט ניט ווען אַ יונגערמאַן, אָדער אַ באַרישנע דערציילט אייך, אַז זיי זיינען איינס אין אַנדערן פאַרליבט. אין זיך אַליין זיינען זיי פאַרליבט."

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט פעלדשטיין אַ לאַך געטאָן, און זיך ארומגעקוקט, אויב אימעצער האָט באַמערקט ווי ער לאַכט אַליין צו זיך.

דאָס מיידל קעגן איבער האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעעפנט ברוינע אויגן מיט געלבלעכע ברעמען באַזוימט, אָנגעשטעלט די אויגן אויף פעלד־שטיינען, אים אָנגעקוקט מיט א זויערער מינע. איבם איז אַזש אליין זויער געוואָרן. ער האָט חשק געהאַט אַ פרעג צו טאָן, פאַרוואָס קוקנדיק אויף אים דהאָט זי אַזאַ מינע געמאַכט; האָט זי אַ ברייטן גענעץ געטאָן, נאָכ־דעם זיך ברייט צעשמייכלט, און געזאָגט אויף פעלדשטיינס זייט:

— ניטאָ אַזאַ טייערע זאַך ווי אַן אייגענע ווייכע בעט, ווען אין דיין בעט איז קיינער ניטאָ, כאַ־כאַ־כאַ.

אויף דער הונדערט נײַן און פערציקסטער גאַס, ווען דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען גרייט ארויסצוגיין, איז פעלדשטיין אויך אויפגעשטאַנען פון אָרט. ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די טיר האָט זיך געעפנט, האָט דאָס מיידל ווידער ליבלעך א קוק געטאָן אויף פעלדשטיינס זייט און אים צוגעשאָקלט א גוטע נאַכט..

— סודות פון לעבן, ניט דורכצוקלייבן זיך דורך די סודות פון לעבן — האָט יוחנן פעלדשטיין שטיל באַוועגט מיט די ליפּן — ווען זייגען מענטשן אויפריכטיק, ווען ווילן זיי מען זאָל זיי גלויבן, צי אין צייט פון א פאַרלעגנהייט, צי אין צייט, ווען אלץ אין זיי איז זאַט? „ניטאָ אַזאַ טייערע זאַך ווי אַן אייגענע ווייכע בעט, און אין בעט איז קיינער ניטאָ" — איז דאָס אויך געמיינט? אָדער בלויז אַזאַ פראַזע אַרויסגעוואָרפן אין א רגע פון פיזישער מידקייט צו א פרעמדן מאַן, וואָס האָט צו איר מיט וואַרימע אויגן א קוק געטאָן. דאָס טוט דאָך יעדע זי באַשעפעניש ווען דער מאַן באַשעפעניש הייבט אָן צו דערקלערן זיך איר אין ליבע.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך אליין פאַרלאָרן אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט, און איז צו דעם גלייכגילטיק געבליבן. דאָס אומבאַקאַנטע מיידל האָט אים געזאָגט, אז דאָס טייערסטע אויף דער וועלט איז א ווייכע, וואַרימע בעט, און נאָר יעמאָלט ווען מען איז אליין אין איר. איצטער האָט עס אים צום ווינציקסטן געצויגן צו זיין אייגענער וואַרימער בעט ארום דער אַכט און צוואַנציקסטער גאַס, נאָנט צום מזרח־טייך. ער האָט נאָר ניט געוואָלט קלערן פון דעם, אז מאָרגן וועט ער דאַרפן זיך באַווייזן פאַר זיינע שילער אין שול א ניט קיין אויסגעשלאָפענער.

אויף דער הונדערט נײַן און פערציקסטער גאַס איז ער אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, זיך אריינגעזעצט אין אַ באַן וואָס האָט אים געפירט דאַון־טאַון, אויסגעשטיגן אויף דער אַכטער גאַס און זיך אַוועקגעלאָזן צופוס מיט דער דריטער עוועניו צו דער בויערי צו. ער דהאָט זיך אָנגעשלאָגן אויף א שילד איבער א בויערי האָטעל, וואו מען זאָגט צו א נאַכטלעגער פאַר פינף און צוואַנציק סענט. יוחנן פעלדשטיין האָט באַשטימט, אנשטאָט אַהיים, אין אַן אייגענער, וואַרימער בעט — אויסצופּרואוון א געלעגער אין ביוּאָרק וואָס מען קריגט פאר א קיילעכדיקן קוואָדער. אפשר דאָרטן, וואו עס האַלטן זיך אויף אמעריקעס בעלי־גאוה קבצנים, צווישן אמעריקעס „טרעמפּס", וועלן די מחשבות אַוועק אין א קלאָרער ריכטונג; אפשר וועלן די מחשבות ארויסוואַרפן פון זייער רייסטער א מיידל מיטן נאָמען יוסטינע רודמאַן, וואָס האָט איבם געראָטן צו פאַרליבן זיך אין איר יינגערער שוועס־טער.

אין האלב־טונקעלן, שמאָלן צימער, וואו זיין געלעגער האָט געדאַרפט זיין, האָט ער געפונען אנטקעגן זיין ליידיקן געלעגער אויפן אייזערן בעטל, אַן אויסגעצויגענעם פּאַרשוין, אריבערגעדעקט מיט אַן אָפּגעריסענעם מאַנטל — דער קאָלנער אריבערגעצויגן איבערן קאָפּ. דער ריח פון אומריינע וועש האָט אָנגעפילט דאָס צימער. דאָס ביסל ליכט פון אָרימען לעמפּל אין דער סטעליע האָט רעפלעקטירט אויף זיין געלעגער. דער פּאַרשוין איז געשלאָפן אויפן בויך, זייער שטיל געשלאָפן, קוים וואָס מען האָט זיין אָטעמען געהערט.

פעלדשטיין האָט באַטראַכט זיין אייגענעם געלעגער. ער האָט ניט געוואָרט צו געפינען פּאָר אַ קוואָדער ריין וועש אויפן בעט. ער האָט פון דעם קיין וועזן ניט געמאכט. סיי־ווי האָט ער געטראַכט אַנידערפאַלן אויפן געלעגער אין אָנטאָן, אויב ער וועט בכלל שלאָפן. ס'איז בלויז אַן אויסטערלישער פאַרלאַנג געווען צו שלאָפן אַ נאַכט דאָרט, וואו דאָס לעבן און די ליבע —ביידע „שפּאַנען אויף הילצערנע פיס".

ווען ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעטל און אָנגעהויבן אומגיין מיט די אויגן איבערן אויסגעצויגענעם שכן קעגן איבער, איז זיין בליק געפאַלן אויף אַן אָפּגעדעקטער פוס העכער איבערן קנעכל, און ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז דאָס איז ניט קיין פוס פון אַ מאַן. צו דין אַרום קנעכל, און די הויט איז ניט קיין מענערשע.

דער אָנגעשוכטער פוס האָט זיך אַביסל מער ארויסגערוקט פון אונטערן מאַנטל און פאַרוקט דעם הויז ביז צו דער קני. איצטער איז נאָך בולטער געווען דער פרויען־פוס. „אַ יונגער פוס" — איז פעלדשטיינען דורכ־געלאָפן אַ מחשבה.

— ווי קומט זי אַהער? צי דערלאָזט מען, אין איין צימער זאָל מען ליגן שלאָפן מענער און פרויען?

פאַרדעכטיק איז אים אויסגעקומען די מאַנצבילשע קליידער אויף איר. ער האָט תחילת געטראַכט אראָפּגיין אונטן, מעלדן, אז מ'האָט אים עלפּי טעות געגעבן אַ געלעגער אין דעם ניט ריכטיקן צימער. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס וועט זיין ניט רעכט. אויב אַ פּערזאָן באַהאַלט זיך דאָ אויס אין פרעמדע קליידער איז ניט זיין זאַך דאָס ארויסצוגעבן.

ער האָט באַשטימט נאָכצוטאָן זיין פאַרדעכטיקן שכן. ער האָט אויס־געטאָן זיין מאַנטל, זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, און אָנגעהויבן אויסשפּרייטן אינדערקרים זיין מאַנטל, ער זאָל אים אויך מיטן קאָלנער אריבערציען איבערן קאָפּ.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך קעגן איבער פון אונטערן מאַנטל ארויסגערוקט אַ מענעריש געשוירענער קאָפּ — אין אמתן אַ קאָפּ פון אַ פרוי אין די אָנהויב דרייסיקער. אַ ברוינער, רונדער קאָפּ, מיט אַ רונדן, פולן פּנים, אָן וועלכע עס איז סמנים פון הונגער און עלנט. אַ ברוינער קאָפּ, און אַ פּאָר פולע, גלאַנציקע, ברוינע אויגן האָבן צו אים געשמייכלט:

— העלאָ! — מאַכט זי צו אים פון אונטערן צודעק.

— העלאָ, זאָגט אויס איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות מיט דעם וואָס נאָך דיין פוס נאָך האָב איך חושד געווען, אַז דאָס איז אַ פרוי.

— נו, וואָס — האָט זי אַ צעבראָשטשע געטאָן איר בלוזע און אָפּגע־דעקט צוויי שווערע בריסט — איז עס אַ קו, צי אַ מענטש?

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך ניט צעטומלט. „אַ ייד גלויבט אויך אין נסים — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — די ביבל האָט זיך ניט געשעמט צו דערציילן גרויסע מעשים פון זונות, וואָס זיינען וואויל געפעלן געווען אין די אויגן פון גאָט, און אפשר איז זי גאָרניט קיין פּראָסטיטוטקע, אפשר האָט זי אויך אַן עלנטער געפיל אַהער פאַרטריבן, ווי דאָס איז מיט מיר. ווי קום איך אַהער?"

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און אַן וועלכע עס איז די־כוונות זיך איבערגעזעצט צו זיין שכנטע. פון איר אָפּגעדעקטער ברוסט האָט געשלאָגן אַ טערפּקער ריח.

— האַ, דיר וואָלט געווען הימלעכער מיט אַ מאַן אין אַזאַ שמוציקן און פאַרלייזיקטן צימער — האָט זי מיט אַ שווערער האַנט גוטמוטיק געגלעטן זיין קאָפּ — ביסט אַ נאַר אַ קינד. פאַר צוויי מענער איז אַזאַ צימער איז צו מיזאַראַבל. לייזיקע בעטן, טפוי... פאַר צוויי פרויען איז עס נאָך מיזאַראַבלער; קענען נעמען, און קיינער זאָל ניט הערן, איינס ס'אַנדערע די אויגן אויסדראַפּען. אָבער אַ מאַן מיט אַ פרוי — האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און מיט מתיקות פאַרצויגן איר שטים — אַ מאַן מיט אַ פרוי, בפרט אומבאַקאַנט, בפרט מ'ווייסט אפילו ניט איינער דעם אַנדערנס נאָמען, בפרט מ'ווייסט ניט פון וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטענער נאַציאָנאַליטעט מ'איז — יעמאָלט ווערט אַזאַ אַ לייזיקער צימער פאַר אַ קוואָדער אַ גרינע, שמעקעדיקע לאָנקע גאָר, אַ לאָנקע מיט אָנגעקאָשעט היי... און אויב דו ווילסט — האָט זי ווידער מיט מתיקות געריידט — איז עס דער שטערן מאַרס, וואו ס'איז אוודאי קיין שטיקל זייף ניטאָ, כאַ־כאַ־כאַ. און וואָס, אַז מען נעמט און מ'ווערט צוויי פאַרליבטע אויף אַ ווייל, מען פאַר־לירט צייט און אָרט? דווקא פאַר אַ קוואָדער, אין אַזאַ שמוץ קען וואונדער געשען! קוקסט און שווייגסט? וואָס, גאַפּסט, ווען דאָס רעדט צו דיר ניט קיין קו, נאָר אַ מענטש? ווער קען דאָ אין אַזאַ לייזיקן צימער שלאָפן און דיין הויט זאָל זיך ניט קאָרטשען ווי אויף אַן אָנגעגליטער פּליטע? ווער קען עס גלויבן אָטאָ־דאָ, אַז ער לעבט אין דער גרעסטער שטאָט אין אַמעריקע, וואו איין גאַס פאַרמאָגט אַזויפיל מיליאָנערן, וואָס וואָלט געקענט אַ גאַנץ לאַנד באַשענקען מיט אַלערליי גילדערנע פאַרזעעניש, כאַ־כאַ־כאַ. ליג זיך נעבן מיר אָטאָ־דאָ, האָב פאַר מיר קיין מורא ניט. איך ווייס וואָס אַ מאַנספאַרשוין איז, און פון וואָס ער באַשטייט. לאָמיר אָטאָ־דאָ אַזוי ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און חלומען. ווילסט אויף דיין בעט? קען מען איבערגיין אויף דיין בעט. כ'האָב ביידע בעטן באַטראַכט, ביידע זיינען לייזיק.

אַ שטיק פאַרטאָג איז יוחנן פעלדשטיין אַראָפּ מיט די טרעפּ פון זיין קוואָדערדיקן האָטעל, און, מיט אַ קעלט אין אַלע ביינער, זיך געלאָזן צופוס אַרויף־שטאָט, און אויפגענומען אויף זייגע אויפגערודערטע נערוון די דערוואַכונג פון דער גרויסער שטאָט. ער איז געקומען צו זיך אין צימער, צופרידן געווען וואָס פון דרויסן דורך די שויבן האָט נאָך די

נאַכט אַריינגעקוקט. קיינמאָל איז זיין געלעגער אים אַזוי טייער ניט געוועזן. כאָטש ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרום האַלבן טאָג מיט אַ שאַרפן ווייטיק אין ביידע שלייפן, דהאָט אים דער טאָג מיט אַ קרומען פּאַס זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, דערמאָנט, אַז אין לעבן זיינען פאַראַן איינציקע מעת־לעתן, ווען אַ מענטש שטאַרבט און ווערט נאָך אַמאָל געבאָרן.

— וואָס איז מיט מיר געשען אין פאַרלויף פון נעכטיקן מעת־לעת?

— האָט יוחנן פעלדשטיין געפּרוּווט אַליין פאַר זיך קלאָר מאַכן וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן זינט ער איז מיט יוסטינע רודמאַן אַריין אין אַ זאַל, וואו מען האָט מיט גאָר דער חכמה געוואָלט באַווייזן דעם זינען פון אַ פאָלקס־לעבן — ווי נישטיק איז דאָס אַלץ אין דעם ליכט פון אַזאַ מעת־לעת, וואָס האָט אויף אַ רגע אויסגעלאָשן פאַר דיר אַלע פענצטער אין לעבן, דיך געלאָזן זיצן אין דער פינצטערניש!

די רודמאַנס... די רודמאַנס... אין קאָפּ האָט אים געזשומעט זייערע נעמען. ער האָט חשק אוועק צו דאָקטאָר לוריאַן און גלאַט אַזוי, ניט־מיר, ניט־דיר פאַרציען מיט פּערל לוריאַ אַ שמועס וועגן ליבע און לעבן, און אפשר טאַקע אויפזוכן די ייִנגערע רודמאַן, די פלאַמיקע ברכה, בעטן, זי זאָל מיט אים גיין אין זיין שול און בייזיין ביי אַ לעקציע.

ער ווייס, אַז זי אַרבעט; זי באַפרייט זיך אַרום פינף אַ זייגער ערשט. ווען פּערל לוריאַ זאָל זי אָפּוואַרטן און ברענגען פון דער אַרבעט גלייך אין שול אַריין — אים וואָלט אַ סך גרינגער געווען צו שטיין פאַר זיינע תלמידים, ייִנגלעך און מיידלעך, און זיי אויפקלערן ווי אַזוי די ייִדישע צוויי און צוואַנציק אותיות דערציילן פון אַלטע צייטן, ווען דאָס ייִדישע פאָלק האָט נאָך אַן אייגענע היים געהאַט.

— זאָל די פאַרברענטע ציוניסטקע און העברעערקע הערן וואָס ער האָט צו דערציילן די קינדער, געבוירענע אין לאַנד, קינדער פון טאַטע־מאַמע אין דער פרייער און ניט גאָר היימלעכער היים.

ווען ער איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן, און פאַר פּערלען, מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט, דערציילט וואָס ער פאַרלאַנגט פון איר, דהאָט זי גוטמוטיק, מעשה עלטערע, אים אָנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מען מוסרט אַ צולאָזן קינד:

— וואָס מיינט איר, נאַרישער בחור, אַז מיט דעם וועט איר אויסנעמען ביי אַ יונג מיידל וואָס האָט אײַך דערוויל פיינט?

— איך מיין ניט מיט דעם אויסצונעמען ביי קיינעם.

— טאָ פאַרוואָס איז עס אייך איינגעפאַלן צו טאָן?

— זאָל זי וויסן, אַז מיר דאָ לעבן ניט סתם אַ פּוסטן לעבן, אָן קיין שום אידעאיש אינהאַלט.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עס?

אים איז שווער געווען צו דערציילן וואָס ער האָט פאַרן מעת־לעת איבערגעלעבט. אים איז שווער געווען אפילו אויפצוקלערן איר וואָס פאַר אַ דערפאַרונג ער האָט געהאַט מיט ברכה רודמאַנס עלטערער שוועסטער.

— צוליב וואָס זאָלט איר עס טאָן, פעלדשטיין? — האָט פּערל ערנסט אים אָנגעקוקט — איך וויל זיין מיט אייך אָפן; איך געפעלט די עלטערע, און ס׳איז אַן ארויסגעוואָרפענער פּאַרלאַנג.

— פאַרוואָס? — האָט פעלדשטיין נאַיוו געפרעגט.

— איך קען זי ניט גוט. זי איז אַ זעלטענער טיפּ, אָבער אַ רעטעניש. ווי אַ פרוי קען איך זי ניט באַנעמען. און ווי אַ מענטש איז זי מיר אויך פרעמד.

— איז זי אויפריכטיק מיט אירע רייד?

— כ׳ווייס ניט. אויפריכטיקייט איז אפשר אַ נאַרישקייט.

— איר זאָלט עס זאָגן!

— פאַרוואָס ניט? ס׳איז נאָר געוועגדט וואָס איינער דערגרייכט מיט זיין ניט־אויפריכטיקייט. איינער וויל אויסדריקן איבערגעגעבנקייט; און דער אַנדערער וויל ביים פריינט זיינעם אזוי־אַרום עפּעס אויסנאַרן.

— ווי קומט עס, מיסיס לוריא, וואָס די לעצטע צייט שלאָגט איך זיך אַן אויף אַזעלכע פּאַראַדאָקסן?

— זייט ניט אזוי אומבאַהאָלפן, פעלדשטיין! ווי קומט עס צו אייך? איר זייט פאַרליבט. ווייזט מיר אַן אין וועמען. איר קענט דאָך אפילו ניט אָנווייזן אין וועמען איר זייט פאַרליבט.

פעלדשטיין איז געזעסן מיט אַן אויסגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט אין האַרצן מסכים געווען מיט איר.

— איר זייט אַ גרויס קינד, פעלדשטיין... איר זייט אַ גרויס קינד. פאַר גאָרניט — באַקומט מען גאָרניט. וואָס זייט איר בכוח צוצוטראָגן אַ פרוי, זי זאָל אייך זיך איבערגעבן מיט לייב־און־לעבן? האָט איר שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט וואָס איר זייט גרייט מקריב צו זיין? מיין זכריה האָט געוואַרט ביז ער איז געוואָרן פופציק יאָר. און איר — איר האָט נאָך צו וואַרטן געוויס צען יאָר ביז איר וועט באַשליסן וואָס פאַר אַ קרבן איר זייט גרייט צו ברענגען פאַר אַ מיידלס פריידהייט, כאַ־כאַ־כאַ. אויב איר ווילט זיך באַקענען, אָדער באַגעגענען נעענטער ברכה רודמאַן, טוט עס ניט אין שול. טוט עס ניט אויף אַ קרומען אופן. טוט עס אויף אַ גלייכן וועג. נעמט זי ניט אויף קיין מיטינגען, ווי איר האָט עס געטאָן מיט דער עלטערער.

— פונוואַנען ווייסט איר עס?

— זעט איר דאָך, איך ווייס.

— כ׳האָב איר געוואָלט באַקענען מיט אונדזער יידישער ווירקלעכקייט.

— זי האָט פיינט יידן. זכריהן ווערט אומעטיק, אז מען רעדט פון זיי.

— אָט דאָס איז עס — האָט יוחנן פעלדשטיין ווי פאַר זיך גערעדט — שווער צו דערקענען מענטשן. איר האָט עס גוט אויפגעכאַפּט. פונדעסט־וועגן וויל איך זיך נעענטער באַקענען מיט דער יינגערער.

— גייט אייך אייער וועג, פעלדשטיין. איר זייט אַ מענטש, דערווייל נאָך ניט קיין מאַן. ס׳איז אַ יידישער שטריך. איך האָב אַ סך, גאָר אַ סך

געלערנט זינט איך האָב חתונה געהאַט. פאַראַנען טעאָריעס וואָס שטימען מיט דער פּראַקטיק; אָבער אין באַציאונג צווישן מאַן און פרוי האָט די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט. אין דער טעאָריע איז צווישן מאַן און פרוי פאַראַן די געטלעכע ליבע וואָס בינדט זיי. אין דער ווירקלעכקייט איז צווישן מאַן און פרוי פאַראַן די געטלעכקייט אַליין וואָס שאַפט אַמאָל אין שטורעם, און אַמאָל אין אַבסאָלוטער שטילקייט.

פעלדשטיין האָט געהערט ווי פערל רעדט צו אים. אין געדאַנק ד'האָבן זיך די רייד פון די אַלע פרויען, וואָס ער האָט פאַרן מעת־לעת באַגעגנט, צונויפגעגאָסן און באַשאַפן אַ פוסטקייט אין האַרצן.

קאַפּיטל זעקס

פּנחס רודמאַן איז קראַנק געוואָרן. דאָקטאָר לוריא האָט פעסט־געשטעלט, אַז מען וועט אים דאַרפן אָפּערירן, אויסשניידן דעם אַפּענדיק. ער האָט דעם חולה אין זיין אייגענער מאַשין אַוועקגעפירט אין אַ שטאַטישן שפּיטאָל, און געשטרעבט דערצו, אַז דער באַקאַנטער כירורג, דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן, זאָל אים אָפּערירן. דאָקטאָר לוריא האָט אים דערציילט, אַז דער פּאַציענט איז אַ גרינער, געקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם פּאַציענט איז געוועזן שווער איינצושלעפערן פאַר דער אָפּעראַציע.

— ניט קיין חידוש — האָט דאָקטאָר ווילסאָן שטיל איינגערעמט דאָק־טאָר לוריאן וואָס איז געשטאַנען נעבן אים — אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע ביי די מענטשן אַזוי פאַרטריבן דעם שלאָף, אַז קיין אנעס־טעזיע ווירקט אויף זיי ניט.

איידער דער חולה האָט זיך ווי עס איז אונטערגעגעבן דעם שלאָף־טרונק, האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבן ווי פון חלום צו זינגען „התקוה".

— וואָס זינגט ער? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן שטיל געפרעגט.

— דעם ציוניסטישן הימן, ער זינגט אין העברו.

נאָך דער אָפּעראַציע, איידער מען האָט דעם חולה אַרויסגעפירט פון אָפּעראַציע־צימער, ווען די צוויי דאָקטוירים זיינען אַרויס אויפן קאָרידאָר, זיינען זיי אנטקעגן געקומען מיט צושראָקענע פּנימער דריי פרויען: גאָלדע רודמאַן, די מוטער, און די צוויי שוועסטער — יוסטינע און ברכה.

דאָקטאָר לוריא האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר דאָקטאָר ווילסאָנען:

— אָט, ווי דו זעסט — האָט דאָקטאָר לוריא בשעת מעשה באַמערקט — דאָס איז פּריש בלוט וואָס האָט זיך געריסן אַהער. די מאַמע און צוויי טעכטער. די מאַמע פון פּאַציענט און זיינע צוויי שוועסטער.

דאָקטאָר ווילסאָן איז שנעל איבערגעלאָפן מיטן בליק פון מאַמע צו די טעכטער, און פון די טעכטער צו דאָקטאָר לוריאן. אַ געוויסע פאַרלאָרנקייט האָט זיך געמערקט אין אים.

— האַ, ביי יידן, ווי איך פאַרשטיי, איז מען זייער איבערגעגעבן איינס דעם אַנדערן. אייער זון... און אייער ברודער — האָט ער זיך געווענדט צו יוסטינען — וועט געזונט ווערן. בין צופרידן וואָס דאָקטאָר לוריא האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט. איך פאַרהאָף זיך מיט אייך נאָך צו באַגעגענען, כ'מיין מיט דיר, דאָקטאָר לוריא. וועל דיר די טעג טעלעפאָנירן.

דער פעסטגעבויטער דאָקטאָר ווילסאָן, אַ מענטש אַרום די פופציקער, מיט קינדיש בלויען אויגן, האָט זיך אביסל פאַרלאָרן.

— זיי פאַרשטייען דאָך געוויס נאָך ניט קיין ענגליש... ווי וואונ־דערלעך ס׳איז — האָט ער די אויגן ניט אָפּגעריסן פון די דריי פרויען — מען קומט אַן שפּראַך און מען ברענגט מיט זיך פּערזענלעכקייט, שיינקייט, יוגנט... אָט דאָס איז אמעריקע. אויך דער פּאַציענט איז יונג, און פול מיט גייסט. כ׳האָב שוין פאַרשיידנס געהערט פון מיינע פּאַציענטן ביים איינגעבן זיי א שלאָפּטרונק. אַלערליי נאַרישקייטן דערציילן זיי ווי דורך אַ כישוף. און ער גאַר, דעם ציוניסטן הימן, כאַ־כאַ־כאַ!

מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער האָט דאָקטאָר ווילסאָן טעלעפאָנירט צו דאָקטאָר לוריאַן, און אין דעם אייגענעם אָוונט איז ער אינאיינעם מיט זיין טאָכטער געקומען זייער אַן אויפגעלייגטער.

— דאָס איז מיין טאָכטער עלווירא, מיין גאַנץ פאַרמעגן אין לעבעדיקן סטאָק, כאַ־כאַ־כאַ... שוין לאַנג אז איך בין ניט געווען אויף דער איסט־סייד — האָט דאָקטאָר ווילסאָן באַטראַכט דאָקטאָר לוריאַס באַשיידענעם, אָבער זייער ריינעם אָפּיס.

פּערל לוריא איז געווען שטאַרק גערירט פון דעם באַזוך. עלווירא ווילסאָן, א בלאָנד, צוואַנציק יאָריק מיידל, אַטלעטיש געבויט, אין פּאַטער געראָטן, האָט אויפגעלויכטן באַגעגענענדיק א יונגע פרוי זייט־ביי־זייט מיט דעם גרויען דאָקטאָר לוריאַן.

— איך האָב שוין א סך מאָל געבעטן מיין פּאַ, ער זאָל מיך באַקענען — האָט זיך עלווירא גערויטלט — אָ, ניין, איך האָב געמיינט צו זאָגן, ער זאָל מיך אַביסל מער באַקענען מיט יידן.

— יעס, טאָכטער, — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געגלעט עלוויראס קאָפּ — ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן האָבן מיר אויף יידן אַנדערש געקוקט. איצטער האָט מען טיילווייז געביטן די מיינונג. געביטן, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן. יעס, דאָקטאָר לוריא, ביסט אויף דיין אופן א „ביזי מען". יידן האָבן זיך ליב צו קורירן. יידן האָבן ליב צו פאַראַדירן פאַר קראַנקע, און פונדעסטוועגן האָט דאָס יידישן פאָלק איבערגעלעבט א סך פעלקער, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר ווילסאָנס געלעכטער האָט ניט אזוי וואויל געקלונגען. א געוויסע ביטערקייט האָבן די לוריאס געשפּירט אין די רייד פון דעם אומגעבעטענעם און זייער אַנגעלייגטן גאַסט.

עלווירא האָט געאָטעמט מיט וואַרימקייט. ס׳איז קענטיק געווען איר אומגעדולד צו איר פּאָטער, וואָס איז לויט איר מיינונג ניט טאַקטיש געווען מיט זיין באַמערקונג וועגן יידן.

— ס׳איז א סימן, אַז יידן ווילן לעבן — האָט זי גערעדט קוקנדיק אויף פּערלס זייט.

— איך האָב א סך געהערט וועגן דעם וואָס מען טוט אין פּאַלעסטינע. צווישן מיינע פריינט זיינען פאַראַן עטלעכע אַנגעזעענע יידן וואָס גיבן א סך געלט פאַר דער פּאַלעסטינער זאַך. אָבער ווי מיר דוכט זיך אויס, וועט זיך פון דעם אויסלאָזן א פיאַסקאָ.

— פאַרוואָס? — האָט דאָקטאָר לוריא געפרעגט.

— אַ שאָד, ווען א פאָלק איז נאַיוו.

— באַטראַכט איר עס פאַר נאַאיוויטעט, ווען אַ פאָלק אָן אַ באָדן אונטער די פיס זוכט אַ באָדן?

— ס'איז נאַאיוו פון יידן אויפצוגעבן די גאַנצע וועלט פאַר אַ נישטיק שטיקל ערד וואָס באַשטייט, ווי מען דערציילט, פון שטיין און זומפּ. איך קוק אויף דער וועלט מיט די אויגן פון אַ כירורג.

— יעס, דאָקטאָר, — האָט דאָקטאָר לוריאַ פריינטלעך געשמייכלט

— ס'איז אמת, אַז אַ כירורג טוט זיין פליכט צום חולה ווען דער חולה איז אונטער אַ שלאָפטרונק; אָבער דער ציל איז דאָך אַלץ דער אייגענער, דערהאַלטן ביים לעבן אַ מענטשן וואָס וויל לעבן.

— איך גלויב ניט, אַז די יידישע אינטעליגענץ וויל לעבן ווי אַ פאָלק. אָט, צום ביישפּיל, נאָך מיין ענדיקן קאָלומביאַ בין איך אוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד צו פאַרברייטן מיין וויסן. דאָרטן האָב איך מיר באַקענט מיט אַ סך סטודענטן, דאָקטוירים פון יידישער אָפּשטאַמונג. זיי האָבן קיין שום בונד ניט געהאַט מיט די יידן פון אַנדערע לענדער. און בכלל מוז איך זאָגן, אַז די איינגערעדטע שנאה צו יידן האָבן יידן שטאַרק איבערגעטריבן.

דאָקטאָר לוריאַ האָט געשמייכלט פאַר זיך. אים איז געווען אַ גרויסער חידוש צו דערהערן אַזעלכע רייד פון אַ פּערזאָן מיט אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער רעפּוטאַציע.

— דער פּאַ האָט זיך זיין בליק אויף זאַכן — האָט עלווירא פאָרזיכטיק אָנגעהויבן — אין קאָלעדזש האָב איך באַגעגנט אַ סך יידישע יוגנטלייט. אַ סך פון זיי זיינען קאַריעריסטיש. אָבער אויך צווישן זיי זיינען פאַראַנען יוגנטלייט... מיין פּאַ האָט פּאַראַיבל וואָס איך חבר זיך מיט יוגנטלייט פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, כ'מיין די וואָס קוקן אַריבער צו אַ בעסערער מענטשהייט.

אַ שטילע צעטומלעניש איז אויף אַ ווייל באַפאַלן די פיר פּנימער. אומגעריכט איז דאָס געווען פאַר דאָקטאָר לוריאַן. ער האָט ניט געוואַרט, אַז די אומגעריכטע באַגעגעניש וועט אַרויף אויף אַזאַ אומגעלונגענעם דרך. אים איז געווען דערווידער אַרומצורעדן מיט ניט־יידן דעם יידישן ראַדיקאַליזם, וואָס ווערט אין דער ניט־יידישער גאַס אַזוי שלעכט אויסגעטייטשט. דערצו האָט דאָקטאָר לוריאַ, ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל, געהאַט גרויס דרך ארץ פאַרן גאַסט.

— ס'איז אַ קראַנקע טעמע, דאָקטאָר — האָט דאָקטאָר לוריאַ געפּרואווט איבעררייסן דעם שטילשווייגן — חשד איז אַ קראַנקער שטריך ביי אַ מענטשן. חשד צו אַ גאַנץ פאָלק שטימט ניט מיט לאָגיק. קיין לאָגיק ווענדן אונדזערע קעגנער ניט אָן ווען זיי באַטראַכטן אונדזער דאָ־זיין אויף דער ערד. לאָמיר נעמען יידישן ראַדיקאַליזם פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. יידן ווי אַ פאָלק זיינען אַרויף אויף דער וועלט־אַרענע מיט דעם ראַדיקאַלן געדאַנק, אַז בלויז איין גאָט איז פאַראַן וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און פירט די וועלט אין אַן עפּאָכע פון געצנדינסט, איז עס געווען זייער ראַדיקאַל. דאָס איז דאָך געווען אין דער צייט ווען פעלקער, קליינע און גרויסע, האָבן צוגעגעבן געטלעכע קראַפט צו אַלע כוחות אין דער נאַטור, וואָס מען האָט געקענט פון זיי באַווירקט ווערן צום גוטן, ווי צום שלעכטן. דאָס האָט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון אונדזער פּראָבלעם. אָבער עטיש,

כ׳האָב אינזינען געזעל־שאַפטלעכע עטיק, און סאָציאַלע רעפאָרמען, האָף
איך, אַז דאָקטאָר ווילסאָן קען די ביבל און ווייס די דאָרטיקע סאָציאַלע
רעפאָרמען. פאַר יענער צייט האָט עס געמוזט זיין שטאַרק ראַדיקאַל דאָס
אָפּשאַפן אייביקע קנעכטשאַפט. אויסמיידנדיק די רעליגיעז־מיסטישע זייט
פון קריסטנטום, אויף וויפיל די קריסטלעכע וועלט האָט אָנגענומען ביידע
טעסטאַמענטן — האָט זי פּאַקטיש אָנגענומען דעם גאַנצן ראַדיקאַליזם פון
די ביידע תורות.

— די מענטשהייט לאַכט זיך פון דעם אויס. דו ביסט אַ סאָציאַליסט?

— איך ווייס ניט. נאָר איך גלויב, אַז אונטער סאָציאַליזם וועט די
לאַגע פון אַ מעדיקער ניט ווערן ערגער, אפשר נאָך בעסער. איך וואָלט
גאַרניט געהאַט קעגן דעם, דער שטאַט זאָל איבערנעמען די מעדיצין, און
מיר, דאָקטוירים, זאָלן נעמען אונדזער געהאַלט פון שטאַט.

— דאָס וואָלט גוט געווען פאַר דאָקטוירים אָן פּראַקטיק.

— מיר פעלט ניט קיין פּראַקטיק. איך וואָלט מיר אונטערגעשריבן
מיט ביידע הענט ווען דער שטאַט נעמט איבער אונדזער פאַך.

— איך האַלט ניט דערפון, דאָקטאָר — האָט דאָקטאָר ווילסאָן אָנגעצויגן
די ברעמען — איך באַרעכטיק פּריוואַטע איניציאַטיוו אויף יעדן געביט,
סיי אויף דעם עקאָנאָמישן און סיי אויף דעם גייסטיקן.

— פּאַ, מאַכסט, מען זאָל גלויבן, אַז דו ביסט דאָס וואָס דו ביסט ניט.

— עלווירא, דאָ רייד איך, ניט האַבנדיק אין זינען דיין גליק. איך
האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך אונטערשרייבן און מסכים זיין אויף
דעם יונגנמאַן וואָס דו וועסט אויסקלייבן; זאָל זיין אַ ייד, זאָל זיין אַן איטאַ־
ליענער... אין קיין נעגער, ווייס איך, וועסטו זיך ניט איינליבן.

— כ׳בעט דיך, פּאַ, נעם מיך ניט אריין אין אייער דעבאַטע.

— אין קאַלעדזש לערנט מען וויניק און מען רעדט אַ סך — האָט
פּערל לוריא זיך באַמיט צו זיין פריינטלעך — איך בין געגאַנגען אין סיטי
קאַלעדזש, וואו עס פעלן ניט קיין יידן. יוגנט פלאַפּלט. דאָ אין לאַנד
פלאַפּלט די יוגנט דערפאַר וואָס זי האָט ניט קיין באַזע פאַר האַנדלונג.
אַ געוויסע צייט בין איך ארויסגעגאַנגען מיט אַ ניט־יידישן באָי. בער־
נאַרד... ניט וויכטיק ווי זיין צווייטער נאָמען איז געווען. אַלץ איז גוט
געגאַנגען ביז מיר האָבן זיך צוקריגט צוליב אַ גאָר אומוויכטיקער זאַך.
עס איז געווען אין יולי, זיינע עלטערן זיינען פּונקט אינערגעצן געפאָרן,
און ער איז אליין געבליבן אין זיין היים. האָט ער פאַרלאַנגט, איך זאָל
אָנגעבן אַ תירוץ אינדערהיים און קומען צו אים נעכטיקן. האָב איך אים
אָפּגעזאָגט, און דערביי באַמערקט, אַז צו שלאָפן מיט אַ מיידל איז ניט
נויטיק צו וואַרטן ביז טאַטע־מאַמע וועלן פונדערהיים אַוועק. האָט ער זיך
ניט געקענט קאָנטראָלירן און אויסגעשאָסן, אַז ער האָט כסדר געוואַרט ווען
די נאָדל וועט ארויס פון זאַק! האָב איך אים געפרעגט: וואָס פאַר אַ
נאָדל איז ער אויסן; האָט ער פאַרגעסן, אַז מיר האָבן נאָך דערוויילע קיין
חתונה ניט געהאַט, געגומען און אַ זאָג געטאָן: „אפילו דו האָסט די יידישע
מיאוסע שטריכן ניט געקענט פאַרמאַסקירן". יעס, מיס ווילסאָן — האָט
זיך פּערל געווענדט צו עלווירען — אַ פרוי קוקט אויפן לעבן מיט אירע

אויגן, און אַ מאַן — מיט זיינע. איך זאָג, אַז די מענטשהייט איז אויף קיין שריט ניט געגאַנגען ווייטער אין איר אומצוטרוי צום מענטשן וואָס וויל זיך ניט לאָזן טרעטן מיט די פיס. איך ווייס, אַז די באַציאונג פון א יידיש מיידל צו א ניט־יידישן באָי איז ניט די באַציאונג פון א ניט־יידישן באָי צו א ניט־יידיש מיידל.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געווענדט צו זיין פרוי, וואָס האָט זיך ריידנדיק אָנגעצונדן.

— איך וויל זאָגן, אַז ליבע באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: פון א מיסטישן, און פון אַ שטרענג רעאַליסטישן. דער רעאַליסטישער עלעמענט האָט צו טאָן מיט דער רגע. דער מיסטישער — מיט א לעבן־לאַנג. אין רעאַליסטישן עלעמענט איז דער מענטש, כ'וואָלט גיכער זאָגן — דער מאַן, ווייט ניט איבערקלייבעריש. קען זיין גוט א יידישקע, אַן איטאַליענערן, א נעגערטע און א אינדיאַנערן. אָבער פאַר דער מיסטישער זייט פון דער מטבע דאַרף זיך דער מענטש היטן. דער ייד אוודאי.

— ס'איז צו הויך, מיסיס לוריא — האָט זיך באַוויזן א פייערל אין דאָקטאָר ווילסאָנס אויגן — איך קען גענוג געמישטע חתונות צווישן מיינע פריינט און צווישן מיינע קאָלעגן. געמישטע יידן מיט קריסטן, און פאַרקערט; די וועלט גייט פון דעם ניט אונטער. דער צווייטער דור איז קריסט־לעך, און דאָס מיסטישע פּראָבלעם איז געלייזט.

— דאָס קומט שוין פאָר מער ווי צוויי טויזנט יאָר ביי יידן. ביי יידן איז עס אביסל מיסטיש, ווי מיסיס לוריא וויל עס דערקלערן.

דאָקטאָר לוריא איז א ווייל שטיל געבליבן, באַטראַכט זיינע געסט, און א געוויסע פרעמדקייט האָט צו אים געצויגן פון די געסט. פונדעסט־וועגן האָט ער גערעדט ווייטער:

— אין דער לעצטער פּעריאָדע, ווען יידן האָבן געלעבט נאָך אין דעם אייגענעם לאַנד, איז אָנגעגאַנגען א שטאַרקע אַסימילאַציע צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. אין יענע צייטן האָט עס אויסגעוויזן, אַז דאָס יידישע פאָלק, ווי קליין עס איז יעמאָלט געווען, וועט אין א פּאָר דורות אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. פונדעסטוועגן האָבן מיר איצטער מער ווי אָנדערהאלבן צענדליק מיליאָן יידן איבער דער וועלט. און אויב דו וועסט מיך, דעם יידן, פרעגן ווי אַזוי דאָס איז געשען — קען איך דיר קיין קלאָרן ענטפער ניט געבן. איך באַטראַכט עס פאַר איינעם פון די סודות פון לעבן. מיר, דאָקטוירים, טאָרן אויך ניט קוקן מיט רעאַליסטישע אויגן צום פּראָבלעם פון לעבן און טויט.

— יעס, דאָס איז אמת — האָט דאָקטאָר ווילסאָן מיט א געפאַלענער שטים זיך אָפּגערופן — יידן פאַרמאָגן א גרויסע לעבנסקראַפט. כ'רעד עס אָפט מיט מיין טאָכטער. וואָס די ערשטע אַמעריקאַנער האָבן דערגרייכט אין צוויי הונדערט יאָר, האָבן עס מזרח יידן דערגרייכט אין עטלעכע צענדליק יאָר. וויפיל דורות פאַרמער זיינען אריבערגעגאַנגען, ביז פון זייערע אייניקלעך זיינען אויסגעוואַקסן שטאָטישע פּערזענלעכקייטן פון ערשטן ראַנג. און יידן, דער צווייטער דור — פּראָפעסיאָנעלן.

— דאָס פאַרגינט מען אונדז ניט — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל געזאָגט.

— כאָטש אין געלט מאַכן איז דער ניט־ייד א גרעסערער בריה.

— האַסט אַ סך ניט־יידישע פּראַקטיק ? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן פּלוצלונג איבערגעריסן דעם שמועס.

— אַ, יעס. דאָס פֿאָלק איז ניט איבערקלייבעריש.

עלווירא ווילסאָן איז געזעסן און געהערט. כאָטש אַזוי פֿרידלעך האָבן דאָקטאָר לוריאַס רייד געקלונגען אין אירע אויערן, פֿונדעסטוועגן האָט קעלט און היץ געצויגן דורך איר בלוט. זי האָט עטלעכע מאָל געוואָלט ריידן, און ס'וואָלט אויסגעקומען, אַז זי דריקט זיך אויס קעגן איר פֿאָטער. זי קען איר פֿאָטער, וואָס איז שוין אַכצן יאָר אַן אַלמן. דריי יאָר איז זי אַלט געווען ווען איר מוטער איז געשטאָרבן. איר פֿאָטער — אַכט און פֿערציק יאָר אַלט. אויף אים האָט זיך דער טרויער ניט געלייגט. אַ פֿאַרנומענער מענטש, אַרבעט צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, און געפֿינט צייט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכקייט — האָט ער אויסגעזען אַ סך יינגער ווי די יאָרן זיינע. מיט קיין פֿרעמדע פֿרויען גייט ער ניט אַרויס. עפּעס איין ליבע האָט ער געפֿירט מיט זיינער אַ סעקרעטאַרשע, אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. פֿאַר דער צייט וואָס זי, עלווירא, איז אונטערגעוואָקסן, געוואָרן אַ קאָלעדזש מיידל, באַמיט ער זיך צו זיין איר איבערגעגעבענער פֿאָטער.

אָבער איר איז אינגאַנצן ניט קלאָר צוליב וואָס איר פֿאָטער האָט אויסגעקליבן צו מאַכן אַ באַזוך ביי דעם איסט־סיידער יידישן דאָקטאָר. איר לייגט זיך ניט אויפֿן שכל, אַז דאָס האָט ער געטאָן צוליב דעם, וואָס זי חברט זיך מיט יידישע יונגעלייט. ווען דאָס וואָלט געווען זיין צוועק, כדי צו באַקענען זיך נענטער מיט יידן, וואָלט ער זי ניט מיטגענומען. זי אַליין איז אין האַרצן שטאַרק צופֿרידן מיט דעם באַזוך. איר געפֿעלט שטאַרק פּערל לוריאַ און איר פֿרייער אופֿן פֿון ריידן און דענקען. ווען איר פֿאָטער וואָלט איצטער דאָ ניט געווען, פֿילט עלווירא, וואָלט זי גאָר אַן אַנדער מין שמועס אָנגעצויגן מיט די־אָ סימפּאַטישע, יידישע מענטשן. איר חידושט ניט, וואָס מיסיס לוריאַ, אַזאַ יונגע, און ער שוין אין די הויכע פֿופֿציקער — אין אירע אויגן זעט עס אויס צו זיין אַ גלייכע פּאָר.

זי איז מיט די אויגן איבערגעלאָפֿן פֿון דאָקטאָר לוריאַן צו איר אייגענעם פֿאָטער, אַ געוויסע פֿאַרלאָרנקייט האָט זי באַמערקט אין פֿאָטערס פּנים. איר איז אַפֿילו ניט געווען באַקאַנט געוועזן אויף וואָס פֿאַר אַ אופֿן איר פֿאָטער האָט זיך פֿריער באַגעגנט מיט דאָקטאָר לוריאַ. זי איז צופֿרידן געווען וואָס דער אומפֿריינטלעכער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו זאָגן דעם פֿאָטער, אַז זי באַדאַרף זיין פֿריער אינדערהיים.

אויך דאָקטאָר לוריאַן איז קשהדיק דער באַזוך. דער שמועס האָט אים קיין באַזונדערן נחת־רוח ניט פֿאַרשאַפֿט. פֿאַר אים איז ניט געווען קיין חידוש צו הערן פֿון אַ קריסטלעכן דאָקטאָר מיט אַ הויכער רעפּוטאַציע די וואוילבאַקאַנטע אַנטיסעמיטישע תורות. כאָטש אַפֿילו אַ בעסערער קריסט איז גאָר מיט דעם ניט אויסן, פֿונדעסטוועגן איז עס דאָקטאָר לוריאַן געווען פֿײַנלעך.

— פֿאַרוואָס זיצסטו אויף דער „נידעריקער" איסט־סייד ? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין פּלאַץ און ווידער אַרומגעקוקט דעם

אָפּיס — פאַר דיר וואָלט געפּאַסט צו האָבן דיין אָפּיס אין דעם העכערן טייל מאַנהעטן. א סך פון מיינע יידישע קאָלעגן האָבן דאָרטן אָפּיסעס.

— איך בין איינער פון די לעצטע, וואָס האָט ניט געוואָלט איבעררייסן מיט דער וויג פון די ערשטע איבערוואַנדערער פון רוסלאַנד. דאָ איז געווען די וויג פון דעם יידישן מענטשן, די היים פון די סוועט־שאָפּס.

— האָסטו געאַרבעט אין א שאָפּ אַמאָל? — האָט עלווירא זיך פאַר־אינטערעסירט.

— אָ, יעס. מיר אַלע האָבן געאַרבעט אין שעפּער.

— ווי־זשע האָסטו עס געקענט באַווייזן?

— ביינאַכט, באַזוכט נאַכט־קורסן.

— וואונדערלעך, אַז מען האָט אַזאַ עקשנות און ווידערשטאַנד. מען האָט מיר דערציילט, אַז צווישן די ערשטע אימיגראַנטן זיינען געווען גרויסע אידעאַליסטן.

— כ'מאָל מיר אויס, דו קענסט די אמעריקאַנער געשיכטע.

—אפשר פאַרשטיי איך זי אויף מיין שטייגער. איך האָב מיר מיין בליק אויף זאַכן... פאַרבעט זיי צו אונדז, עלווירא. כ'האָף, אונדזער באַגעגעניש וועט ברענגען גוטע פּרוכט, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן האָט לאַנג געדריקט פּערל לוריאס האַנט, ווי צו וועלן אָפּווישן דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין אומבויטיקן שמועס וועגן יידן.

— יעס, וואָס מאַכט ער, מיין פּאַציענט, וואָס האָט געזונגען דעם ציוניסטישן הימן? כאַ־כאַ־כאַ...

ער האָט ניט געוואָרט אויף קיין ענטפער. אומגעדולדיק האָט ער זיך גענומען גרייטן צום אַרויסגיין.

* * *

די שיינע עלווירא ווילסאָן האָט אָנגעקלונגען צו דאָקטאָר לוריאַן און איז געווען צופרידן וואָס פּערל לוריא האָט איר געענטפערט. זי האָט געבעטן, פּערל לוריא זאָל זי ווי ווייט מעגלעך אויפנעמען, מחמת זי האָט מיט איר איבערצוריידן וועגן אַן ענין פון גרויסער וויכטיקייט, און זי וויל, דער שמועס זאָל זיין בסוד. אויף פיר אויגן.

דעם אייגענעם טאָג, ווען דאָקטאָר לוריא איז אַרויסגעפאָרן אויף זיין נאָכמיטאָגדיקן באַזוך צו זיינע פּאַציענטן, איז עלווירא ווילסאָן אָנגעקומען און געפונען פּערלען אויפן האַלדז. א צעפלאַמטע, האָט זי ניט געקענט אליין זיך באַהערשן; מיט טרערן און געלעכטער האָט זי גערעדט און געפּאַרשט אין פּערלס אויגן וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער מאַכן:

— האָסט געוויס, מיין טייערע, זיך געמאַטערט צו טרעפן וואָס אַזוינס איך האָב דיר צו דערציילן, ווען מיר זיינען כמעט אומבאַקאַנט. אָבער אַזוי האָט זיך עס אויפגעלייגט, צו קיין אַנדער פּערזאָן קען איך זיך ניט ווענדן. צו דיר, מיין טייערע, האָב איך דעם פולן צוטרוי. איך וויל הערן דיין מיינונג. מיין פאָטער, דער ניכטערער, אויסגערעכנטער און קאָנ־סערוואַטיווער מענטש, דער דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן האָט זיין גלייכגעוויכט

פארלאָרן. ער האָט מיך געשיקט אין אַזאַ וויכטיקער שליחות אויסצופאָרשן — ווער איז דער מענטש וואָס האָט אים דעם וועג איבערגעקרייציקט.

עלווירא איז א ווייל געבליבן מיט א פאַרשלאָגענעם אָטעם. זי האָט די אויגן ניט צוגענומען פון פערלען, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטע און געוואָלט מיטן געדאַנק פאַרלויפן פאַרויס.

— מיין פאָטער האָט זיך איינגעליבט אין א שוועסטער פון זיינעם א פאַציענט וואָס ער האָט ניט לאַנג אָפּערירט. דאָקטאָר לוריא האָט אים געבראכט אין שפּיטאָל וואו מיין פאָטער האָט אים אָפּערירט. דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין. זיינע א שוועסטער האָט ער יעמאָלט באַגעגנט. מיין פאָטער האָט גאָר אינגאַנצן זיין קאָפּ פאַרלאָרן. ביסט א פרוי. דו וועסט מיך פאַרשטיין — האָט עלווירא מיט בלויע, וואַרימע בליקן געפאָרשט אין פערלס פנים — ביסט אַן ערנסטע פרוי. וועסט מיר געוויס ארויסהעלפן. כ'וויל ניט, מיין פאָטער זאָל מאַכן א טעות. כ'האָב מיטלייד מיט אים. דיין מאַן האָט אים פאַר איר פאַרגעשטעלט. ער האָט מיט איר אפילו קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט. בלויז איר האַנט האָט ער געהאלטן און אין איר פנים אריינגעקוקט. איצטער פאַרשטיי איך צוליב וואָס ער האָט אייך יעמאָלט באַזוכט. איך בעט דיך, טייערע, העלף מיר אויפריכטיק, ווי נאָר עס פּאַסט אין אַזאַ צייט.

פערל לוריא האָט אָנגעקוקט די פולבלוטיקע, בלאָנדע עלווירא, וואָס האָט זיך בשעתן ריידן געראַטעלט און בלייך געוואָרן, ווי פאַר איר אייגענער ליבע איז זי געקומען בעטן הילף.

— באַרואיק מיך, טייערע — האָט עלווירא געבעטן — וואָרום אָט באַלד וועט ביי מיר ס'האַרץ ארויסשפּרינגען.

פערל לוריא האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר אייגענע צערודערונג. זי האָט אַן ווערטער אָנגעקוקט עלוויראַן, און ניט געוואוסט פון וואָס אָנ־צוהויבן.

— פאַרוואָס קוקסטו מיך אַזוי פאַרוואונדערט אָן? ס'איז אפשר קאָמיש אין דיינע אויגן, א מיידל זאָל קומען ריידן וועגן איר פאָטערס ליבע.

— יעס, עס איז מיר א גרויסער וואונדער — האָט פערל געהאַלטן עלוויראס ביידע הענט און געקוקט איר גלייך אין די אויגן אריין — אונדזער גאַנצע באַגעגעניש קוקט מיר אויס אומגעוויינטלעך. איך בין אביסל מיסטיש געגייגט. דאָקטאָר לוריא לאַכט פון מיר אָפּט, און זאָגט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר מיר צו זיין אַבערגלויבעריש. אָבער דאָס איז פאַרט ניט רעאַל.

— מיסיס לוריא ווייס געוויס גאַנץ גוט, אז דאָס לעבן האָט אין זיך געגוג אינהאלט פון שונד־ראָמאַנען — האָט עלווירא ווילסאָן בלאָס גע־שמייכלט — צי קען איך מיר אליין דערקלערן פאַרוואָס, אין א צייט, ווען מען הויבט דאָ אָן אלץ מער און מער זיך באַציען אומפריינטלעך און מיט חשד צו יידן, זיינען צווישן מיינע פריינט פאַראַן יידן. מיין פאָטער, וואָס מוסרט מיך כסדר פאַר מיינע ניט־פאַרזיכטיקע טריט אין לעבן, ער גאָר נעמט און ווערט אַן זיין האַרץ ביי די פיס פון א יידישער עמיגראַנטקע, וואָס ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט איר זיך צו באַקענען.

— צוויי שוועסטער זיינען זיי — האָט פּערל לוריא ווי פון אַ מעשה אַרויסדערציילט — די עלטערע, צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט; די יינגערע — צוואַנציק יאָר. די עלטערע איז אַ ברונעטע, די יינגערע — אַ פלאַמיק־רויטע. די עלטערע איז אין איר מוטער געראָטן. די יינגערע — אין איר פאָטער. נו, און ווערמען האָט זיך דיין פאָטער פאַרליבט?

עלוויראַס פּנים איז בשעת מעשה אויסגעצויגן געוואָרן, זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— די עלטערע איז אַ זעלטענער טיפּ. שווער זי ניט צו באַמערקן. אָבער מיט וואָס קען איך דיר העלפן?

— איך ווייס אַליין ניט. איך פרעג דיך וואָס צו טאָן?

— ריידן מיט איר וועגן דעם נעם איך זיך ניט אונטער.

— איך פאַרלאַנג עס ניט פון דיר — האָט עלוויראַס שטים געציטערט

— אפשר זאָלסטו זי מיט מיר צונויפברענגען. איך וויל זי אָנקוקן. אַ פרוי קען אַ פרוי דערקענען בעסער ווי אַ מאַן.

— פאַרוואָס גייט עס דיר אין לעבן?

— איך בין גרייט צו גיין אין פייער פאַר מיין פאָטער.

— ניין, מיין טייערע, גיי ניט אין פייער צוליב דיין פאָטער. יעמאָלט, ווען דו ביסט דאָ ביי אונדז געווען מיט דיין פאָטער, האָב איך מער געקוקט אויף דיר ווי זיך צוגעהערט צו דיין פאָטערס נאַאיווע רייד. זיינע רייד זיינען מיר געווען פיינלעך. איך בין ניט קיין עמיגראַנטקע. אין מיין בלוט לעבט אַמעריקאַנער שטאָלץ. איז מיר דעריבער שווער געווען אויס־צוהערן זיין מיינונג וועגן יידנס כלומרשטע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן.

— ביסט גערעכט. מיר איז אויך געווען שווער צו הערן די גאַנצע דיסקוסיע... איך זע, דיר איז שווער מיר אַרויסצוהעלפן.

עלווירא האָט אַרומגענומען פּערלען און געדריקט צו איר ברוסט. זי האָט איר געוואָלט איבערגעבן וואָס זי פילט.

— זיי ניט אַזוי אויפגערעגט, מיין טייערע, — האָט פּערל געקושט עלוויראַס הייסע באַקן — ס'איז שיין. ס'איז אויך אָרנטלעך.

— אָ, איך טראַכט איצטער אַליין, אַז איך האָב זיך געלאָזן אין אַ קאָמישער שליחות. איך בעט דיך, מאָל מיר אויס ווער זי איז, ווי זעט זי אויס? איז זי שיין? איז זי אינטעליגענט?

פּערל לוריא איז אינגאַנצן געווען אונטער דעם איינדרוק פון עלוויראַס נאַאיווען רעדן. אַ פונק ווירקלעכקייט האָט צו איר געוואונקען פון דער גאַנצער מיסטעריעזער באַגעגעניש. איר געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יוסטינע רודמאַן. זי האָט זי געהאַלטן פאַר אַ מיידל מיט אַן אויס־געפּרואווטן שכל, וואָס, וואַקסנדיק אין לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז זי אַרויסגעקומען מיט אַזויפיל סאַרקאַזם אויף די, וואָס מיינען איבער־צובויען די וועלט. פאַר דער צייט אין אַמעריקע איז יוסטינע אין פּערלס אויגן יינגער געוואָרן. אירע שוואַרצע אויגן — פולער און טיפער. ווי אינגאַנצן וואָלט זי אונטערגעוואַקסן פאַר די חדשים אין אַמעריקע. יוסטינע רודמאַן האָט פּערלען ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט: „אויב אַ פרוי קען ניט אויפבויען פאַר זיך אַ וועלט וואו זי זאָל זיין די הערשערן, איז זי ניט ווערט

אָנצוגעבן זיך פאַר איינער פון חוהס שטאַם". איצטער טראַכט פון דעם פּערל לוריאַ.

— ביסט גערעכט, מיס ווילסאָן — דאָס לעבן איז אַ שונד־ראָמאַן. אויב דיר איז ליב, וועל איך אַ חוץ דער מיס רודמאַן איינלאַדן נאָך עטלעכע פריינט, יונגוואַרג פון דער אייגענער משפחה. ס'וועט זיין אינטערעסאַנט. אייל זיך ניט. ביי אַזאַ געלעגנהייט וויל איך זאָלסט זי דערקענען.

— וואָס זאָל איך זאָגן דעם פאָטער מיינעם?

— זאָג אים, אַז פריער פון אַלץ זאָל ער בייטן זיין מיינונג וועגן יידן.

— כאַ־כאַ־כאַ, ווי קאָמיש עס איז! גיב מיר, טייערע, אַ טרונק וואַסער, מיין גאַנץ בלוט איז מיר אויסגעטריקנט געוואָרן.

נאָך דעם ווי עלווירא ווילסאָן האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, האָט זי אָנגעשטעלט אירע הייסע בליקן אויף פּערלען, און געזאָגט:

— יעס, מיין טייערע, אַ פרוי איז נאָך אַלעמען אַ טראַגישע באַשעפעניש. געוויס פּאַסט ניט פאַר מיין פאָטער, ער זאָל אריינפאַלן אין אַ יינגלשער לאַגע. כ'וועל ביי דיר זיין די טעג. איך האָף, דו וועסט מיך ניט ארויס־טרייבן, כאַ־כאַ־כאַ. לאָמיר דיך אַ קוש טאָן פאַרן אַוועקגיין.

פּערל לוריא האָט פון איר גרויסער איבערראַשונג קיין רכילות ניט געשאַפּט. זי האָט באַשטימט ניט צו מאַכן פון דעם קיין סוד. אָבער ניט מיט דאָקטאָר לוריאן האָט זי באַשטימט צו טיילן איר איינדרוק.

זי איז אוועק צו די רודמאַנס מיט אַ תירוץ, אַז זי בעט יוסטינען, זי זאָל איר העלפן עפּעס אויסקלייבן פאַר זיך אין אַ געשעפט פון פרויען־קליידער. האָט זי יוסטינען ארויסגענומען פון שטוב, געבראַכט צו זיך אַהיים, און אויף אַ גאַר סודותדיקן אופן איז זי צוגעגאַנגען צום עיקר:

— עס איז ניט, זאָלסט מיר העלפן אויסקלייבן אַ קלייד האָב איך דיך גערופן. קליידער נעמען ביי מיר ניט צו קיין גליק און ברענגען מיר ניט צוריק קיין גליק. עס איז זייער ערנסט, מיין טייערע, אַ רעטעניש, וואָס דו אליין וועסט מסתמא דעם באַשייד דאַרפן געבן.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ניט צוליב אַ קלייד־וועגן האָסטו מיך ארויסגענומען פון שטוב — האָט יוסטינע ברייט געעפנט אירע שווארצע מיט ליכט אָנגעגאָסענע אויגן — איך ווייס, אַז דו וועסט ניט אריבערגיין ווייטער פון דיינע מענטשלעכע פליכטן.

— וואָס מאַכסטו, ווי פילסטו זיך דאָ אין לאַנד? — איז פּערל ניט גלייך איבערגעגאַנגען צום עיקר — אַ שאָד וואָס מיר טרעפן זיך אַזוי זעלטן.

יוסטינע האָט אויף דעם ניט געענטפערט. איר נייגיר האָט פון פּנים ארויסגערעדט. זי האָט אָנגעקוקט פּערלען, געוואַרט, זי זאָל ענדיקן מיט דעם העפלעכן טייל פון שמועס.

— יעס, יוסטינע, — האָט פּערל זיך ניט געלאָזט וואַרטן — ביי מיר איז היינט געווען אַ ניט־יידיש מיידל, די טאָכטער פון דעם דאָקטאָר, וואָס האָט דיין ברודער אָפּערירט. געקומען זיך נאָכפרעגן אויף דיר.

— אויף מיר? — איז יוסטינען דאָס בלוט געקומען אין פּנים אריין.

— יעס, אויף דיר. איך מאַך ניט קיין טעות. איר פאָטער, דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן, האָט געשיקט זיין טאָכטער צו מיר אויסגעפינען וועגן דיר.

דו האָסט אים באַגעגנט. זכריה האָט איך אלעמען פאַר אים פאַרגע־שטעלט.

— יע, די מאַמע און ברכה זיינען אויך געווען. יע, ער האָט מיר געגעבן די האַנט, עפּעס האָט ער גערעדט וואָס איך האָב ניט אויפגעכאַפּט.

— ער האָט דיר געגעבן די האַנט, און אַפּנים אין דיין האַנט האָט ער זיין האַרץ איבערגעלאָזן, כאַ־כאַ־כאַ.

יוסטינע איז א ווייל געבליבן אָן אָטעם. זי האָט זיך געכאַפּט פאַר דער ברוסט, שפּעטער פאַרדעקט מיט די הענט די אויגן, און א ווייל געבליבן זיצן מיט א געבויגענעם קאָפּ. א פּאָר מאָל האָט איר גאַנצער גוף א ציטער געטאָן. פּערל האָט געמיינט, אז יוסטינע קלייבט זיך וויינען אויפן הויכן קול. אָבער יוסטינע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ בלאַסע, אָן אויסגעלאָשענע, האָבן בלויז אירע אויגן געפינקלט, און איינגעגעסן זיך אין פּערלען.

— וואָס, יוסטינע? האָסט גוט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט? עס איז ערנסט, יוסטינע; כאָטש עס איז א מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.

יוסטינע, א צעטומלטע, האָט געפאָרשט אין פּערלס פּנים.

— האָסטו אזויפיל שוין אָפּגעלעבט פון דיין חלק לעבן, אַז דאָס וואָס איך דערצייל מאַכט אויף דיר קיין איינדרוק ניט? ער איז דאָ געווען ביי אונדז; איז א מענטש אונטער פופציק, איינער פון די באַרימטע אין זיין פּראָפעסיע.

— ער איז דאָ געווען?! — האָט יוסטינע געשטויגט.

— ער איז דאָ געווען. געקומען זיך דורכריידן מיט זכריהן וועגן יידן; און אפשר אראָפּריידן פון האַרצן וועגן יידן. די טאָכטער זיינע, א זוניקע שיינקייט, זי איז היינט אין זיין נאָמען געקומען ריידן, און נאָכפרעגן זיך אויף דיר.

יוסטינע האָט זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן. זי איז אריינגע־פאַלן אין טיפן שטול, געלאַכט און געוויינט, און ווידער געלאַכט. אַ קינדיש געלעכטער און קינדיש געוויין איז דאָס געווען. דערנאָכדעם איז זי אויפ־געשטאַנען, אַרומגענומען פּערלס קאָפּ, אים געקושט, ליידנשאַפטלעך גע־שעפּטשעט פּערלען אין פּנים אריין:

— וואָס זיינען מיר, פּרויען? ווער זיינען מיר, פּרויען? פאַרוואָס קומט מען אונדז אָנהענגען ס׳גליק אויפן האַלדז, און מען ברענגט גאָר אַ שווערע שטריק אָנשטאָט גליק... ווער זיינען מיר, פּרויען, וואָס כסדר ברענגט אונדז אימעצער ס׳גליק צוטראָגן?

— צי האָסטו ניט געוואַרט, אָדער דו וואַרטסט דען ניט אויף דיין גליק?

— געוויס וואַרט איך. געוויס וואַרט איך... אָבער ניט דאָס איז דאָס גליק אויף וואָס מיין האַרץ וואַרט.

פּערל האָט זיך דערשפּירט נאַריש. זי האָט שנעל זיך דורכגעקליבן מיט די געדאַנקען אין יוסטינעס איבערלעבונגען. איר איז אויסגעקומען, אז ניט ריכטיק האָט זי געהאַנדלט מיטן רופן יוסטינען צו זיך און איבערגעבן איר וועגן עלווירא ווילסאָנס שליחות. קליגער וואָלט געווען, ווען זי לאָדט איין צו זיך נאָך אַמאָל דאָקטאָר ווילסאָנען און פאַרבעט יוסטינען, זיי זאָלן זיך באַקענען אין א היימישער אַטמאָספערע, און ניט אין קאָרידאָר פון

שפּיטאָל, וואו ער, ווי אַ כירורג, האָט געשעפּטלעך באַזוכט דעם שפּיטאָל, און זיי, איר מוטער און שוועסטער, זיינען געווען צופּעליקע געסט, געקומען איבערלעבן זייער שרעק אין דער אַטמאָספעריע, וואו טויט און לעבן מישן זיך אינאיינעם. אגב, האָט ביי פּערלען דער יידישער סענטימענט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן: „צוליב וואָס טאַקע זאָל איך זיך לייגן אינדערלענג און אינדערברייט כדי אַ יידישע טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידן, וואָס, ווי מיר דוכט זיך אויס, איז ער אַ באַהאַלטענער אַנטיסעמיט דערצו?" וואָס מער יוסטינע האָט געשוויגן, ד'האָט עס פּערלען פאַרדראָסן הלמאי זי איז אַריינגעקראָכן אין אַזאַ אומדאַנקבאַרער שליחות.

— איך מוז דיר זאָגן — האָט יוסטינע אַנגעצויגן אַן ערנסט פּנים — אין קאָפּ איז מיר עפּעס ווי טונקל געוואָרן. אַז איך וויל קען איך זאָגן: וואָס בין איך, ווער בין איך, וואָס אַ באַרימטער מענטש זאָל זיך מיט דעם ערשטן בליק פאַרליבן אין אַ יידיש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין? כ'וויל זאָלסט מיך פאַרשטיין. יעדעס מיידל האָט זיך אירע אייגענע חלומות. איך בין אַ פּרוי, וואָס פאַרגעסט ניט אָן איר יוגנט. ווען אַ יונג מיידל מאַלט זיך אויס איר ליבע, זעט זי פאַר זיך ניט קיין עלטערן מענטשן. ס'האַרץ גייט נאָך דער יוגנט.

— זאָג עס ניט, זאָג עס ניט — האָט פּערל איבערגעשלאָגן — וואָס איך האָב מיידלוויז געחלומט, כאָטש איך בין כמעט מיט דיר אין די אייגענע יאָרן, איז שוין לאַנג פאַרגעסן. זכריה איז פאַר מיר דער, וואָס גייט אין דעם וועג פון אַ יוגנט. ס'איז עפּעס אַנדערש, צוליב וואָס איך האָב זיך געדאַרפט האַלטן פונדערווייטנס. רעכט, ווען זכריה ווייס וואָס איך טו, וואָלט ער אויף מיר געווען אין כעס.

דאָס האָט געווירקט. יוסטינע האָט מיט איר גאַנצן גוף אויפגעציטערט, מיט דער האַנט געווישט דעם שטערן, ווי אָפּצואווישן שווערע מחשבות, און מיט אַ לויטערער שטים, רואיק און דערוואַקסן, זיך אָפּגערופן:

— איצטער פיל איך אַנדערש. איך האָב פון דעם פריער ניט געטראַכט. ווען דו דערמאָנסט עס ניט, וואָלט איך פון דעם ניט געטראַכט. דאָ גיי איך זיך מיט דיר פאַנאַנדער. איצטער, אויב ס'איז ניט קיין חלום, אויב דער מענטש... יע, כ'האָב דאָך אים געזען, כ'האָב געד'האַלטן זיין האַנט, געקוקט אויף זיין האַנט און געטראַכט וועגן דער אָפּעראַציע וואָס ער האָט געמאַכט פּנחסן. איך וויל זיין טאָכטער באַגעגענען. מיר גלויבט זיך ניט, אַז אַ טאָכטער זאָל אין אַזאַ פאַל זיין אויפריכטיק.

פּערל האָט זיך גאָר אינגאַנצן פאַרלאָרן. זי האָט ניט געוואוסט, אַז דער שמועס זאָל אַוועק אויף אַזאַ דרך.

— וועל איך דיר, יוסטינע, אַט וואָס פרעגן — האָט פּערל מעשה עלטערע איינגעהאַלטן געריעדט — די באַגעגעניש צווישן מאַן און פרוי צום ערשטן מאָל, און דער באַשטימטער איינדרוק וואָס זיי מאַכן איינס אויפן אַנדערן, ביז צו דער גרייטקייט איינס ס'אַנדערע איבערגיסן דאָס בלוט אין די אָדערן, דאָס איז אַ וואונדער פון דער נאַטור. עס האָט ניט צו טאָן מיטן צאָל טעג און יאָרן. דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דער רעאַליטעט פון לעבן, ווי זי איז איינגעשטעלט אין דער ציוויליזירטער מענטשלעכער

געזעלשאַפט. דאָס איז גיכער אַן אור־געפיל. דאָס איז נאָך דאָס גרעסטע וואָס דער מענטש טראָגט מיט זיך מיט פון די אור־אַלטע צייטן. זע איך דעריבער ניט אַרויס קיין אומנאַטירלעכקייט אין אייער באַגעגעניש. ווען ער וואָלט ניט געשיקט זיין טאָכטער, נאָר אליין געקומען, און פאַרלאַנגען, איך זאָל אים מיט דיר צונויפברענגען, ווי וואָלסטו יעמאָלט געהאַנדלט?

— פאַרוואָס איז עס טאַקע אזוי ניט געשען, פערל?

— עס דוכט מיר, איך האָב זיין טאָכטער ניט שלעכט פאַרשטאַנען.

— פאַרגעס אָן דעם, פערל! דו האָסט זיך באַנאַרישט, און איך פיל זיך אויך נאַריש.

— איך פיל זיך ערגער פון דיר. דו האָסט דערמאָנט יוגנט; יעדערער זעט זיין יוגנט אין אַן אַנדער שפּיגל.

— ווילסט מיך איינרעדן, אַז אַ יונגע פרוי דאַרף גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן אין א פרעמדן גאָרטן אריין, כדי דאָרטן באַגעגענען איר באַשערטן?

— ניט דו, יוסטינע, ער איז געקומען אין א פרעמדן גאָרטן זוכן זיין גליק.

— ווי געפעלט ער דיר? — האָט גאָר אומגעריכט מיט א טראָפּן בושה אין פנים יוסטינע שטיל געפרעגט.

— איצטער קען איך דיר קיין ענטפער ניט געבן.

— איך פאַרשטיי.

— פאַרשטייסט ניט, יוסטינע, וואָס מיר דריקט.

— איך באַמי מיך ניט צו פאַרשטיין.

— וואַרט, יוסטינע. וואַרט אויף א בעסערער געלעגנהייט. כ׳וויל, זאָלסט מיט א יידן געפינען דיין גליק אין לעבן.

יוסטינע האָט א וויַיל אָנגעקוקט פערלען. זי האָט געביסן די ליפּן. עטלעכע מאָל האָט איר פנים א ציטער געטאָן. זי האָט געקוקט צום טיר, מיט אַ פאַרלאַנג אַרויסצולויפן פון שטוב.

—וואָס׳אי, יוסטינע?

— מיר איז עס דיר שווער צו זאָגן.

— פאַרוואָס, יוסטינע? איך בין אַזוי אויפריכטיק מיט דיר. ס׳איז דערווייל א טיפער סוד. אז דו וועסט ניט וועלן, וועט קיינער פון דעם ניט וויסן. באַהאַלט זיך ניט אויס פון מיר.

— אפשר איז דווקא דאָס, וואָס ער איז ניט קיין ייד, טראַכט איך וועגן דעם יאָ.

— האָ?

— אָ,ווי גרויס איז מיין פאַרלאַנג, איך זאָל זיך קענען ערגעץ אויס־באַהאַלטן, אָדער פאַרפאַלן ווערן. אין דער יידישער וועלט איז מיר שווער, דערשטיקט צו ווערן. אפשר צוליב דעם אליין וואָלט איך געבליבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרטן איז איצטער ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן ייד און ניט־ייד. נאָר יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב זיך אויסגעמאָלן ווי איך פאַר־בינד מיין לעבן מיט א רוס, אָדער מיט ווענען עס איז פון רוסלאַנדס ווייבערשע מענער, האָט א קעלט אַרומגעכאַפּט מיין לייב. נעם ניט פאַר אומגוט, פערל, וואָס איך האָב אזוי געעפנט פאר דיר מיין האַרץ; ווייזט אויס, מיר איז באַשערט אנטקעגן צו קומען מיין אייגן גליק, אדער מיין

אייגן אומגליק. לאָז מיר איצטער, פערל, גיין אַהיים. איך דאַנק דיר, פערל. איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן.

ביי די ווערטער איז יוסטינע געפאַלן פערלען אויפן האַלדז, און איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון געוויין.

* * *

גאָלדע רודמאַן האָט זיך אומגעקערט פון גאַס אין שטוב אַריין און געפונען יוסטינען, דער אין זיך איינגעגלויבטער יוסטינען, אַ צונויפגעדרייטע אויף דער בעט, די אויגן אויסגעוויינטע, אין די בלאַסע באַקן רויטע פלעקן, דאָס לענגלעך פּנים שאַרף פאַרשפּיצט, די זאַפּטיקע ליפּן האָבן געציטערט; אין גרויס פאַרלאָרנקייט האָבן די אויגן אַפיר־געקוקט צו דער מוטער: — אָן ווערטער האָט יוסטינע געוואָלט איבערגעבן דער מוטער וואָס זי לעבט איבער.

גאָלדע רודמאַן האָט זיך צוגעזעצט אויפן געלעגער נעבן יוסטינען און מיט דער האַנט געטאַפּט איר שטערן. זי האָט גאָרניט געפרעגט. זי האָט געאַנט אַז איר טאָכטער האָט אַ סך פון איר באַהאַלטן, און איז איצטער אויך ניט גענייגט אויפצועפענען איר האַרץ פאַר דער מאַמען. גאָלדע רודמאַן האָט נאָר ניט געקענט באַנעמען, וואָס אַזעלכעס איז פאָרגעקומען מיט יוסטינען וואָס זאָל זי דערפירן צו איר איצטיקער פאַרלאָרנקייט. זי ווייס, אַז פערל לוריא איז געקומען, געבעטן, זי זאָל מיט איר גיין העלפן אויסקלייבן אַ פאַסיק קלייד. טאָ ווי קומט עס, אַז אַזוי צעבראָכן און פאַרלאָרן זאָל זי איצטער יוסטינען געפינען!

— גלעט מיר מיין שטערן, דיין קילע האַנט באַרואיקט — האָט יוסטינע, אָן אויסגעשלאָפענע, געקוקט צו דער מוטער.

גאָלדע האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגערופן. זי האָט געקענט איר עלטערע טאָכטער פאַר אַ באַהאַלטענע און פאַרשלאָסענע נאַטור; און אויב עס האָט זיך אַזוי געמאכט וואָס יוסטינע קוקט צו איר מיט חנינה אין די אויגן, איז גלייכער וואַרטן ביז זי וועט אַליין עפענען ס׳מויל און דערציילן דאָס וואָס פאַר אַ מאַמען דאַרף אַ קינד ניט באַהאַלטן.

—איך בין אַ שלעכטע טאָכטער — האָט יוסטינע מיט דער אייגענער פאַרלאָרנקייט גערעדט — איך ווייס, אַז מיט דיר האָב איך געמעגט זיין אָטקראָוונאָ, כאָטש איך ווייס ווי אַזוי מען קוקט דאָ אויף מיר.

— צוליב וואָס זאָלסטו רעדן דאָס וואָס דו באַדאַרפסט ניט? ווער, די מאַמע איז דיר אפשר אַ שונא?

— כ׳ווייס, טראַכסט, אַז אָן אומגליק האָט דיין טאָכטער געטראָפן; אָדער אפשר בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ נעשטשאַסטנער ליובאָוו.

— ניין, איך טראַכט עס גאָרניט. אַז מיין האַרץ טוט מיר ווי פאַר דיר, דאָס ווייס איך נאָר אַליין. אַ קינד ווייסט ניט ווי אַ מאַמעס האַרץ פּלאָגט זיך. איך קען מיט אייך, קינדער, ניט רעדן. איך וואָלט נאָר געווען צופרידן ווען איך ווייס, אַז איר זייט גליקלעך.

— וואו איז גליק, מאַמע? — האָט יוסטינע ניט געביטן דעם אויסדרוק אין פּנים — איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי גליק?

גאָלדע האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ניט איינמאָל האָט יוסטינע געמוסרט די יינגערע שוועסטער און באַוויזן איר, אַז גליק איז פאַראַן נאָר אין פערזענלעכן לעבן. ניט איינמאָל האָט יוסטינע געחוזקט פון איר ברודער דעם קאָמוניסט, אים אויפגעוויזן, אַז דער, וואָס גיט זיין קאָפּ אוועק פאַר יענעם, איז אַ נאַר. צום סוף גאָר ליגט זי איצטער אַ דערשלאָגענע און פרעגט ביי דער מוטער, זי זאָל איר אויפקלערן צי ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס הייסט ביי מענטשן גליק.

און פונדעסטוועגן, וואָס לענגער גאָלדע איז געזעסן נעבן איר טאַכטער, געקוקט אין איר טאַכטערס אויסגעוויינטע, רויטלעכע אויגן, אַלץ קלערער איז איר געוואָרן, אַז אין איר טאַכטערס איצטיקער לאַגע איז שולדיק אַ באַגעגעניש וואָס זי דערהאָט פון דער שטוב אויסבאַהאַלטן.

— ווען מען האָסטו באַגעגנט? — האָט גאָלדע רואיק געפרעגט — כ'מיין, ביי דאָקטאָר לוריאן; וועמען האָסטו באַגעגנט?

— דערוויילע קיינעם ניט, מאַמע. אפשר וועל איך באַגעגענען אַ מענטשן אויף וועמען איך האָב ניט געוואַרט. פערל לוריא האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער דאָקטאָר, וואָס האָט געמאַכט די אָפּעראַציע פּנחסן, ער האָט זיך אין מיר איינגעליבט.

גאָלדע איז געבליבן זיצן מיט דעם גראָבן פינגער פון איר רעכטער האַנט צווישן די ציין, אַנגעשטעלט די אָפענע אויגן אויף יוסטינען, און ס'האָט אויסגעוויזן — אַט ברעכט זי צונויף און פאַלט אַנידער נעבן דער טאַכטער.

— האַ, וואָס רעדסטו, טאָכטער מיינע? — האָט גאָלדעס שטים געצי־טערט — ער, יאָ? איך געדענק דאָך אים. ער האָט דאָך אפילו ניט גערעדט צו דיר. ער איז דען אַ ייד?

— אַטאָ־דאָס איז אַלץ וואָס טרעוואָזשעט דיך? — האָט יוסטינע בלאָס געשמייכלט.

— טאָ וואָס ביסטו אַזוי? מ'העגנט דען דיר אים אָן אויפן האַלדז?

— ס'איז פאַר גליק, מאַמע, פאַר גליק, און ניט מער.

— ווער צווינגט דיך?

— איך האָב ניט געגלויבט אין סודבא. געגלויבט, אַז אַ מענטש קען זיך דערשלאָגן צו אַלץ וואָס ער וויל. צום סוף זע איך, ווי איך בין אין די הענט פון אַ נעווידימען. ס'איז באַשערט, איך זאָל פריער דערזען יענעמס הענט וואָס ציען זיך צו מיר. רייכע הענט, באַרימטע הענט, און אַלטע הענט.

יוסטינע האָט זיך אויפגעזעצט, צוגעצויגן צו זיך דער מוטערס קאָפּ און געדריקט צו איר ברוסט. זי האָט געגלעט איר מוטערס פאַר דער ציית גרוי־געוואָרענעם קאָפּ, און געשפּירט אין אים די ענלעכקייט צו איר אייגענעם קאָפּ. עס האָט איר געחידושט וואָס די מוטער האָט ניט געמאַכט קיין שטאַרקן וועזן פון דעם וואָס ער איז ניט קיין ייד. איר האָט אויס־געוויזן, אַז די מוטער איז אין האַרצן צופרידן פון דעם וואָס זי האָט איר דערציילט, נאָר זי וויל עס ניט אַרויסווייזן.

— דערצייל ניט דעם טאַטן, דערצייל ניט די קינדער. דו ביסט אַ מאַמע, דערצייל איך עס דיר. פערל לוריא האָט מיר איבערגעגעבן, אַז

ביי איר איז געווען זיין דערוואַקסענע טאָכטער, האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. פערל וויל, איך זאָל זיך מיט דער טאָכטער באַגעגענען. איך וועל זאָגן פערלען, אַז איך וויל אים באַגעגענען.

צופיל איז עס אין דער ערשטער רגע געווען פאַר דער מוטער. איר איז אויסגעקומען, ווי די טאָכטער וואָלט עס איר פון אַ מעשה אַרויסדערציילט. און זי, איר טאָכטער, מיט איר וויינען, האָט נאָר געוואָלט בולטער אויסמאָלן פאַר דער מוטער די אויסטערלישע מעשה וואָס איז פאַרלאָפן מיט עפּעס אַ מיידל אויף יענער זייט שבעה ימים.

די מוטער, ווי אַ פרוי, האָט געוואָלט אויפנעמען איר טאָכטערס אויסטערלישע באַגעגעניש אויף אירע אייגענע נערוון. און בלאַנק איז איר געוואָרן פאַר די אויגן. זי האָט יעמאָלט אויך געזען דעם דאָקטאָר ווילסאָן, ווען ער איז עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר אין שפּיטאָל. אין אַ ווייסן כאַלאַט איז ער געווען אָנגעטאָן, אַ קאָלטער, אַ צופרידענער, מיט אַ געשעפטסמעסיקייט אין זיין יעדן קער־און־ווענד. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין ייד. אַ באַרימטער דאָקטאָר, וואָס נאָר דורך איר קרוב דאָקטאָר לוריאַן איז געלונגען, ער זאָל איר זון אָפּערירן. דאָקטאָר ווילסאָן איז זיין נאָמען. דאָס געדענקט זי. זי געדענקט אויך ווי דאָקטאָר לוריא האָט זי מיט אירע טעכטער פאַר דעם ניט־יידישן דאָקטאָר פאָרגעשטעלט. זי האָט יעמאָלט גאָרניט באַמערקט, ער זאָל אַזוי שטאַרק קוקן אויף אירע קינדער.

— ער איז ניט קיין ייד — טוט עס גאַלדען אַ קלאַפּ אין מוח — ער וועט זי פאַרגעסן, און גאָט ווייסט וואָס פון מיין קינד וועט ווערן.

און באַלד נעמט דורך אַ וואַרימקייט איר האַרץ. כאָטש עס איז אַזוי אומגלויבלעך, אָבער פאַרט איז דאָך יוסטינע אַזוי צערודערט. גאָלדע רודמאַן האָט מיט אַ קורצן אָטעם, ווי אַ סך טרעפּ אַרויפקלעטערנדיק, נאָכגעקוקט יוסטינען, וואָס האָט אָנגעהויבן אָראָפּטרייסלען פון זיך די צערודערטע מחשבות, און אָנטקעגן שפּיגל געגלעט דעם אויסגעצויגענעם פּנים פון צעקנייטשטן האַלדז. איר האָט אויסגעוויזן, אַז יוסטינען פאַרדריסט וואָס די מאַמע אירע האָט זי געטראָפן אין אַזאַ פאַרלאָרענעם מצב. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, זיך דערוויסן אַביסל מער פּרטים וועגן איר באַגעגעניש מיט דאָקטאָר לוריאַס יונגער ווייב, נאָר אַן אינערלעכער געפיל האָט ניט דערלאָזן צו שטערן די אומרואיקע שטילקייט וואָס האָט פול געמאַכט דאָס צימער, וואו זי מיט איר טאָכטער, יעדע אויף איר אופן, האָבן מיט פאַרנעפּלטער פרייד געמישט מיט אומבאַגרייפלעכן פּחד, געקוקט אַן אומבאַקאַנטן מאָרגן אין פּנים אַריין.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרניט, מאַמע ? — האָט יוסטינע מיט אַ געשעפּטלעכער מינע, ניט אָפּרייסנדיק דאָס פּנים פון שפּיגל, געפרעגט ביי דער מוטער. — דיר וועט ניט אַרן אויב איך וועל חתונה האָבן מיט אַ באַרימטן אמעריקאַנער, און אינגאַנצן אַוועק פון אייך ?

וועגן דעם וואָס די מוטער האָט געאַנט דורך די צעגליטע מחשבות, וואָס זיינען אָנגעלאָפן און פאַרשוואונדן, האָט די טאָכטער איצטער אַזוי רואיק אַרויסגעזאָגט. זי פּרוווט ביי זיך אין געדאַנק איבערלייגן דאָס וואָס זי האָט נאָר וואָס געהערט פון איר טאָכטער. דאָס מאָל קומט עס איר אויס

אזוי פשוט און אַזוי נאַטירלעך. פרייד און טרויער—ביידע געפילן קלעמען ביים הארצן. ווייטע פרייד און נאָנטער טרויער.

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיר דערציילן, ווען מיר אויף דעם עפּעס זאָגן. מער האָב איך דאָך ניט מיט וועמען צו רעדן. פּנחס, ברכה, צי דער נעגאַדאַי יעפּיבם, זאָלן זיי וואַרטן, ביז איך וועל צו זיי קומען פרעגן אַן עצה.

יוסטינע האָט גערעדט מיט דער אײנגעבוירענער גאוה, מיט דער זיכערקייט אין איר שטים, ווי אַלץ וואָלט שוין געווען אָפּגעמאַכט.

דער מוטער האָבן יוסטינעס ווערטער געשניטן מיט אַ קאַלטן מעסער. זי ד'האָט זיך אָנגענומען מיט כוחות צו בלייבן רואיק.

— וואָס קען איך דיר זאָגן, מיין טאָכטער — האָט גאָלדע געקוקט אָן אַ זייט — אויב די גאַנצע זאַך איז אַזוי ווייט פון מיר, ווען דו אַליין ווייסט ניט מער ווי דאָס וואָס פּערל האָט דיר דערציילט? מיר גלויבט זיך עס ניט. כאָטש ווי דו דערציילסט, איז זיין טאָכטער געקומען רעדן פון דעם. און דאָס אַליין וואָס אַ טאָכטער האָט זיך אין דעם אריינגעמישט...

— דעריבער זאָג איך, אַז כ'וויל מיט דער טאָכטער זיך ניט באַגע־גענען.

— ווי ווייט וועסטו זיך מיט אים באַגעגענען? ווייסט דער דאָקטאָר לוריא פון דעם?

יוסטינע איז ווידער שטיל געוואָרן. איר האָט פאַרדראָסן וואָס זי האָט דערציילט דער מוטער. וואָס מער די מוטער האָט וועגן דעם אָנגעהויבן צו רעדן, אַלץ פרעמדער האָבן דער מוטערס רייד געקלונגען. צוויי באַזונדערע וועלטן. זי קען ניט דערציילן דער מוטער ווי זי פילט איצטער, ווען זי באַטראַכט איר רעכטע האַנט, און אַנט ווי דאָקטאָר ווילסאָן האָט יעמאָלט אין שפּיטאָל דידאַזיקע האַנט געהאַלטן אין זיינער אַ סך לענגער ווי עס פאָדערט אַ פשוטע באַגעגעניש. „גיי דערצייל אפילו אַ מאַמען וואָס אַן אייגן קינד לעבט איבער?”

זי האָט חשק אָנהייבן צו לאַכן אויפן הויכן קול, מאַכן אַ שפּאַס פון דעם גאַנצן ענין, איינרעדן דער מוטער, אַז איר פריערדיקער צובראָכענער געמיט איז גאָר צוליב דעם וואָס זי גייט ארום פּוסט־און־פּאַס און איז אָפּהענגיק פון די קינדער מיט יעדער פּרוטה וואָס זי דאַרף אויף זיך אויסגעבן.

אָבער באַלד כאַפּט זיך יוסטינע, אַז אַ מאַמע איז פאָרט אַ מאַמע. אימעצן מוז מען דאָך פאַרטרויען דאָס וואָס מען לעבט איבער.

— איך בעט דיר, מאַמע, דערצייל עס קיינעם ניט. ביז־וואָס, ביז־ווען — זאָל עס בלייבן אַ סוד. טאַמער איז עס אַ ווילסטער חלום, טאָמער איז עס ווידער אַ פּראַקלאַטע ראזשערואָוניע, זאָל עס בלייבן מיט מיר.

יוסטינעס בליקן זיינען געפאַלן אויף דער ניי־מאַשין, וואָס איז נעבן פענצטער געשטאַנען אַן איבערגעדעקטע. איר האָט אויסגעוויזן, ווי אונטערן בלוי־און־ווייס געפינטלטן צודעק איבער דער ניי־מאַשין באַוועגט זיך עס און אָטעמט.

— די מאַמע האָט געמיינט, אַז זי וועט זיך מיט איר טאָכטער צו דעם צושמידן מיט אַ קאַלטער קייט, און דאָ זאָלן מיר אָנהייבן אויפסניי

אונדזער פּאַנשטשינע... — האָט יוסטינע די אויגן ניט צוגענומען פון דער נײַ־מאַשין.

דער געדאַנק האָט אַ רודער געטאָן בײַ יוסטינען. „אײדער־וואָס, אײדער־ווען וואָלט גוט געווען צו באַגעגענען דעם אינטעליגענטן באַלוואַן — פעלדשטײנען איז זי אויסן געווען — זײַן פרײַנטלעך צו אים און פון אים עפּעס הערן וועגן ייִדן און ניט־ייִדן אין אַמעריקע...״ דווקא איצטער, ווען זי האָט דערשפּירט די פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועלט וואָס עפנט אַ טיר פאַר איר, איז איר אַנטקעגן געקומען דער מענטש פון וועמען זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו מאַכן חוזק. יוחנן פעלדשטײן האָט איר בײַ אַ געלעגנהייט אָנגעוויזן דאָס הויז וואו ער וואוינט, און געזאָגט, אויב זי וועט צו אים אַרויפקומען, וועט ער איר לײענען דאָס וואָס ער שרײַבט. ער האָט איר אויך געגעבן דעם אַדרעס וואו זײַן שול געפינט זיך און געבעטן, זי זאָל צו אים אַרײַנקומען און זען וואָס נאַרישע עקשנים טוען דאָ אין לאַנד. זי האָט יעמאָלט שטאַרק געלאַכט פון אים. איצטער האָט איר אָנגעכאַפּט אַ חשק אַהין גײן.

זי האָט זיך אָנגעטאָן. מיט פאַרטראַגענע באַוועגונגען, מיט צוטראָגענע בליקן האָט זי געשפּאַנט איבערן צימער — ווי געזוכט עפּעס. זי איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען איר מוטער און אָן ווערטער אויסגעקושט איר פּנים. ווען זי איז גרייט געווען אַרויסצוגײן, האָט זי זיך באַגעגנט אין טיר מיט דעם אַלטן רב בונים לוריא. אָן אומבאַגרײַפלעכער כּוח האָט יוסטינען צוריק אַרײַנגעשטויסן אין שטוב אַרײַן.

— זע נאַר, מאַמע, ווער ס׳איז געקומען! — האָט יוסטינע אויסגערופן און זיך פאַרנומען צוריק אין שטוב אַרײַן.

דער זיבעציק יאָריקער רב בונים, וואָס איז אײנאײנער מיט די רודמאַנס געקומען קײן אַמעריקע, און וועמען די לוריא־משפּחה האָט אויסגעהאַלטן אין אַ צימער אויף דער איסט־סײַד און באַזאָרגט מיט אַלצדינג, ער איז ניט געווען קײן אָפטער אַרײַנגײער צו די רודמאַנס. כאָטש בײַ די רודמאַנס האָט מען אים ליב געהאַט, און יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען האָט מען אים אַרומגענומען מיט פיל וואַרימער הײמישקייט, פונדעסטוועגן האָט ער זיי ווי אויסגעמיטן. איצטער, מער ווי שטענדיק, איז ער געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט בײַ גאָלדען. איר איז אָבער געווען אַ חידוש וואָס יוסטינע האָט זיך מיט אים דערפרייט, און אַזוי רעדעוודיק געוואָרן.

— פאַרוואָס פעטער, זעט מען אײַך אַזוי זעלטן? — האָט יוסטינע אים איבערגעגעבן איר וואַרימקייט בײַם העלפן אים אויסטאָן דעם ווינטערדיקן מאַנטל — איז עס נויטיק געווען צו קומען קײן אַמעריקע כּדי מיר זאָלן זיך אַזוי אָטשוזשדאַיען?

— זי איז גערעכט — האָט גאָלדע אונטערגעהאַלטן יוסטינען — אַ שאָד וואָס בנימין איז ניטאָ. איר וועט דאָך שוין בלײַבן מיט אונדז ביז איבערן אָוונט, וועלן די קינדער אויך זײַן. זיצט, פעטער, זיצט.

דעם אַלטן רב בונימען איז ליב געווען וואָס מען רופט אים „פעטער״, כאָטש אין אמתן האָט ער זיך מיט זײ מער ווי אַ מחותן ניט אָנגעהערט. זינט ער רב בונים לוריא איז אין אַמעריקע, האָט ער די מערערע טעג

פאַרבראַכט אין די פאַרוואַרלאָזטע קלויזן, אַרייַנגעקוקט אין די פאַריתומטע ספרים, און איז ביי די לוריאס אויך ניט געווען קיין אָפּטער גאַסט.

— וואָס מאַכט מען ביי דיר — גאָלדע? — האָט רב בונים זיך אָנידערגעזעצט און באַטראַכט די פיר ווענט — ווי איך זע האָסטו, יעטע, זיך געקליבן אײַנערגעצן, גיי דיר געזונטערהייט.

— אַ, וואָס רעדט איר, פעטער? איר זייט געקומען, זאָל איך נעמען און אוועקגיין, אַזאַ סוויניאַ זאָל איך שוין זיין!

גאָלדע האָט געהערט ווי יוסטינע רעדט מיטן אַלטן און ניט געגלויבט אירע אייגענע אויערן. גאָרניט די אייגענע יוסטינע, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געלעגן אַזאַ פאַרלאָרענע. זי האָט נאָכגעקוקט יוסטינעס קער־און־ווענד און זיך אײַנגעהערט צו איר שטימע.

— וואָס דהאָט זי זיך מיט אים אַזוי דערפרייט? — האָט גאָלדע געטראַכט.

— זיינען נאָך עפּעס פאַראַן אַ סך פּאַטשאַטנע יידן אין ניו־יאָרק? — האָט יוסטינע גאַנץ ערנסט געפרעגט.

— וואָס הייסט ביי דיר פּאַטשאַטנע יידן? מיינסט דאָך ניט יידן וואָס דאַוונען און פאַסטן מאַנטיק און דאָנערשטיק, כאַ־כאַ־כאַ. און ווי קומט עס, וואָס דו זאָלסט זיך נאָכפרעגן אויף יידן?

— איך בין אַ יידישע טאָכטער.

— אויב דו ביסט אַ יידישע טאָכטער — האָט רב בונים געגלעט זיין באָרד — זיינען אין ניו־יאָרק פאַראַן נאָך גענוג יידן.

— כאַ־כאַ־כאַ, ס'איז אַ גרויסער אמת!

— האַלסט זיך נאָך אַלץ פאַר אַ יידישער טאָכטער? — האָט רב בונים גוטמוטיק געשמייכלט.

— ניין, פעטער, כ'בין עס ניט, און איך ווייס ניט וואָס עס מיינט אַ פּאַטשאַטנער ייד.

— דיין טאַטע איז עס. דיין מאַמע, דיינע ברידער און שוועסטער.

— אָט־דאָס מיינט איר?

— מען זאָגט מיר — האָט רב בונים שטיל אָנגעהויבן — אַז דאָ האָט מען פיינט יידן. אַז דאָ זיינען פאַראַנען שטעטלעך וואו מ'וויל קיין יידן פאַר די אויגן ניט האָבן; און אַז גאַסטיניצעס זיינען פאַראַנען וואו סע שטייט אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס — יעווריעיוו ניע זשעלאַיעט!

— איז וואָס קומט פון דעם אַרויס?

— איז פון דעם אַ־איז צו לערנען, אַז יידן, ווען זיי ווילן אַפילו ווערן אויס יידן, דערלאָזט מען ניט.

— זאָגט מיר, פעטער, וואָס דאַרף אַ יידיש מיידל טאָן אויב אין איר ליבט זיך איין אַ ניט־יידישער מאַן? אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט איר דאָך געזען וואָס זי טוט; אָבער וואָס דאַרף זי דאָ טאָן?

— דאָס איז, טאָכטערשי, העכער פון מיין השגה. מחמת, מ'האָט דאָך דעם יידן פיינט; טאָ ווי אַזוי קען נעמען אַ יידישע טאָכטער און איבערגיין אויף דער זייט פון אונדזערע שונאים?

גאָלדע איז געווען ממש צעטומלט פון דעם וואָס די טאָכטער האָט דעם שמועס אָנגעצויגן. איר האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ

אריין ווען דער אלטער האָט יוסטינען דערקלערט די סיבה צוליב וואָס א ייִדישע טאָכטער דאַרף ניט חתונה האָבן מיט א ניט־יידן.

— און איך זאָג פּעטער, — האָט יוסטינע ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דער מוטערס צעטומלטן אויסזען — א פאַרשטענדיק ייִדיש מיידל דאַרף חתונה האָבן מיט א ניט־יידן, און דורכדעם מאַכן פון א ייִדישן וואָג א ייִדישן פּרייאַטעל.

— מיר ווייסן, טאָכטער, אַז די אַלע, וואָס זיינען אוועקגעגאַנגען פון יידן זיינען געוואָרן שונאים פון ייִדישן פאָלק. ס׳האָבן יידן זיך גענוג אָנגעליטן פון משומדים.

— איך מיין ניט, מ׳זאָל זיך שמדן.

— נאָר האָבן קינדער פון א ניט־יידן? אַלץ די אייגענע זאַך! אפשר איז עס נאָך ערגער פון שמד.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געפילט די וואָרימקייט וואָס האָט פון האַרצן געשלאָגן אין פּנים אריין.

— וואָס לאַכסטו? — האָט גאָלדע רודמאַן מיט א שטילער בושה אין פּנים געפרעגט.

— עס טוט מיר הנאה וואָס דער פּעטער איז געקומען. איך האָב ליב צו הערן ווי דער פּעטער רעדט. גוט, ווען א מענטש בלייבט ביי זיינס וואו ער זאָל ניט זיין. רעוואָלוציע, רוסלאַנד, אמעריקע, — אומעטום איז דער פּעטער געבליבן ביי זיינס.

— ניטאָ, טאָכטער מיינע, מיינס און דיינס — האָט רב בונים אַפּיר געקוקט צו יוסטינען און געפאָרשט אין איר פּנים, צי זי האָט געמיינט וואָס זי האָט געזאָגט — א מענטש, בפרט א ייד, ליגט ניט אין זיינע הענט. חלילה, ס׳וואָלט גאָרניט גוט געווען ווען א מענטש זאָל האָבן די גאַנצע בחירה. מחמת, דאַרטן וואו ער האָט די בחירה און טוט וואָס אים פאַלט איין, איז ער בבחינת א צעלאָזן און שלעכט קינד, וואָס מער ווי זיינע אייגענע תאוות ווייס ער ניט.

יוסטינע האָט זיך איינגעהערט צום אַלטן רב בונימען און געוואָלט אָנמעסטן זיין פילאָסאָפיע אויף זיך. איר מוטער האָט זי מיט א שעה צוריק געטראָפן אין טרערן און ניט געוואוסט מיט וואָס איר איינצושטילן דעם שטורם אין האַרצן. דער אַלטער רב בונים, וואָס ווייסט ניט צוליב וואָס זי האָט מיט אים אָנגעצויגן א שמועס וועגן ייִדישקייט, ער האָט פּאָרט ארויסגעזאָגט עפּעס וואָס האָט אויפגערודערט איר געדאַנק. „מיר ווייסן, טאָכטער, אז די אַלע וואָס זיינען אוועקגעגאַנגען פון יידן, זיינען געוואָרן שונאים פון ייִדישן פאָלק“.

— אפשר גאָר, אז איך וועל מיט אים חתונה האָבן — האָט יוסטינען געוואָרימט א געדאַנק — וועט דער גאַנצער שטוב גרינגער ווערן.

יוסטינע איז מיט די בליקן אומגעגאַנגען פון דער מוטער צום אַלטן, און פון אים צו דער מוטער, און געוואָלט פאַר זיך אליין קלאָר מאַכן וואָס איר ווייטערדיקער שריט באַדאַרף זיין.

קאַפּיטל זיבן

די אויסטערלישע נייס, אַז דער באַקאַנטער דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן האָט זיך איינגעליבט אין דער עלטערער רודמאַן־טאָכטער, האָט ווי אַ בליץ דורכגעשניטן די גאַנצע לוריא־משפּחה. כאָטש דערוויל האָט עס נאָך געדאַרפט בלייבן אַ סוד, כאָטש דערוויל האָט בלויז עלווירא ווילסאָן באַגעגנט יוסטינען, האָט מען שוין די נאָדל מער אין זאַק ניט געקענט באַהאַלטן.

ביי די רודמאַנס גופא איז דאָס הויז פול געוואָרן מיט צעשראָקענע האָפענונגען. בנימין רודמאַן האָט מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז זיין באָרד איז אים צו קורץ געוואָרן. קלערער וואָלטן די מחשבות זיך געשפּרייט ווען ער קען, ווי שטענדיק אין אַ שווערער רגע, נעמען די שפּיצן באָרד צו די ליפּן און בשעת מעשה דערבליקן אַן אויסוועג פון אַלע צרות. דאָסמאָל איז ניט קיין געפאַר אים אַנטקעגן געקומען, ווי אין יענע יאָרן אין דער אַלטער דהיים, ווען ער האָט לאַווירט צווישן פּעטליורעווצעס און רויט־אַרמייער. בכלל איז אים נאָך אַלץ געווען טונקל זיין צוקונפט אין נייעם לאַנד. די הענט זיינען דאָ קורץ געוואָרן עפּעס צו דערגרייכן. ווען ער וואָלט געווען אַביסל שוה־בשוה מיט ענגליש, וואָלט ער געעפנט אַ „סטיישנערי". נו, איז אים אָבער שווער אָנגעקומען אויסצורײדן אַן ענגליש וואָרט, און זיינע פלענער זיינען געווען — אָנהויבן פאַבריצירן ראָזשינקע־וויין, פאַרקויפן צו שכנים וואָס מאַכן נאָך קידוש און הבדלה.

איצטער, ווען גאָלדע האָט אים בסוד איבערגעגעבן וואוהין די עלטערע טאָכטער קאָן פאַרטראָגן ווערן, האָט עס אים פאַר די אויגן אָנגעהויבן שווינדלען, די ערד אונטער די פיס האָט זיך אַ וויג געטאָן.

— יאָ, אַלעמענס בלוט איז רויט — האָט בנימין רודמאַן מיט אַ הייזע־ריקער שטים געפּרוּווט באַרויקן זיין ווייב, וואָס האָט אַ פאַרלאָרענע צו אים אַרויפגעקוקט — ווען מיר בלייבן דאָרטן, איז רעכט, מיט דער צייט וואָלט עס אַלע קינדער דער גוטער יאָר פאַרטראָגן. און מען דאַרף ניט פאַרגלייכן אַן אַמעריקאַנעם איידלמאַן צו אַ פּאָניע דבר אחר.

אָבער פּונקט ווי ס'איז שווער זיך צו באַגעגענען אומגעריכטערהייט מיט אומגליק, אַזוי איז אויך מיט אומגעריכטן גליק, וואָס באַווייזט זיך פון געדיכטן נעפּל אַרויס. „יידן זיינען מיר פאָרט — האָט בנימין רודמאַן געקלערט — וואָס פאַר אַ קללה ליגט עס אויף יידן וואָס אפילו אין אַזאַ פריי לאַנד, ווי ס'קומט צו אַ קרובהשאַפט מיט דעם ניט־יידן, פאַלט אַ פחד אָן?"

ער האָט באַמערקט אין זיין ווייבס אויגן אַ געמיש פון פחד און פרייד; אַ געמיש פון אומגעריכטן גליק און אַ פאַרטאַיעט פּייערל, וואָס האָט דורך טרערן אַרויסגעגליט.

— פאַרוואָס שווייגסטו, גאָלדע? — האָט ער געביסן זיינע נעגל — אפשר באַשערט געווען צו קומען אַהער צו דער עלטער, כדי צו זיין דערביי ווי מ׳ווערט צעריסן אויף שטיקער.

— ווערן וואָס? — האָט גאָלדע אָנגעשטעלט די אויגן אויף איר מאַן.

— ווערן וואָס, פרעגסטו? כ׳קלער, ווי צעריסן און צעפליקט דער יידישער נאַראָד איז. ביז איך בין אַהער ניט געקומען האָב איך פון דעם גאָר קיין השגה ניט געהאַט. איך פאַרשטיי איצטער גוט פאַרוואָס פנחס און ברכה רייסן איין די וועלט דייקע גיין קיין ארץ ישראל. אז איך באַטראַכט די משפחה דאָ, כ׳מיין די לוריאס — וואָס פאַר א יידן זיינען זיי? און זייערע קינדער, וואָס פאַר יידן זיינען זיי...

— אוודאי וואָלטן זיי אַנדערש געקוקט ווען מיט זייערס אַ קינד וואָלט אַזאַ גליק געטראָפן.

— דניאל עסט זיך ניט אָפּ זיין האַרץ וואָס זיין זון איז א גוי. האָסטו שוין עפּעס געהערט פון ברכהן, וואָס זאָגט זי?

פונדעסטוועגן איז די פרייד געקוואָלן פון אונטער די רייד ארויס. ווען די גאַנצע זאַך הענגט נאָך דערוויילע ניט אין דער לופטן, יעמאָלט וואָלט ביי טאַטע־מאַמע די אומרו אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר אמתער, אומדערוואַרטעטער פרייד.

גאָר ניט אזוי גלייכגילטיק האָבן פנחס און ברכה די אויסטערלישע נייס אויפגענומען. ברכה, קומענדיק אהיים פון איר ארבעט, האָט די נייס פון דער מאַמעס פאַרשלאָסענע ליפּן ארויסגעקראָגן. דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אין פּנים א שלאָג געטאָן. זי האָט געכאַפּט איר הוט און מאַנטל און זיך געלאָזט לויפן פון שטוב. איר ברודער פנחס וואָס איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי מיט גוואַלד אין שטוב אריינגעשטויסן.

— לאָז מיר, כ׳ווילל לויפן פונדאַנען, אויב טאַטע־מאַמע קוועלן אָן פון אַזאַ אומגליק. יאָ, פנחס, אַן אומגליק רוקט זיך אויף אונדזער שטוב און זיי טוט עס הנאה! — האָט ברכה א שמיץ געטאָן איר דהוט און, אָן אָנגעצונדענע, געבליבן זיצן אין מאַנטל ביים פענצטער.

— עס זיך ניט אָפּ ס׳האַרץ — האָט פנחס גערעדט אין ווינקל אריין — קיינער דאַרף פאַר יענעמס פאַרברעכן ניט צאָלן. פאַר יענעמס נאַרישקייטן — אוודאי ניט. און אז זי איז דיר א שוועסטער, איז וואָס? קאָרג ברידער און שוועסטער זיינען איינס צום אַנדערן ערגער ווי פרעמדע? אלץ קאָן טרעפן אין אַזאַ בבל, ווי די יידישע אמעריקע איז. אלץ קאָן טרעפן אין היינטיקער צייט, ווען דער ייד איז געוואָרן דער גרעסטער בעל־תכלית און פאַרטאַכלעוועט די נשמה מיטן גוף אינאיינעם פאַר אַ טאָפּ לינדזן. איז נאָר אויף יוסטינען קלאָגסטו? ווער איז זי דיר? וואָס איז זי דיר? א שוועסטער? מוחל אזא שוועסטער! זאָלן טאַטע־מאַמע נחת האָבן. א גוי איז אויך א מענטש. נאָך אַזאַ גוי, וואָס האָט א שם און איז אוודאי רייך. כאַ־כאַ־כאַ. ס׳האָט געלוינט פאַרבייטן דעם סאָוועטישן גן־עדן פאַר דעם אַמעריקאַנער גן־עדן. א גן־עדן פאַר יידן דאָרטן, א גן־עדן פאַר יידן דאָ!

— וואָס רעדסטו, זון מיינער? — האָט גאָלדע געשטוינט.

— אוודאי וועט אין גוישקן גן־עדן דאָס יידישע פאָלק אומקומען, און ניט אין גוישקן גהינום. איך בין געלאָפן פון סאָוועטישן גן־עדן און אריינ־געפאַלן אין אמעריקאַנער גן־עדן.

—וואָס ווילסטו מיין זון, איך זאָל זיך פאַר דער צייט זעצן שבעה?

דערביי איז בנימין אויפגעשטאַנען פון פלאַץ און אוועקגעשפּאַנט אין צווייטן צימער.

ברכה ד׳האָט אויסגעהערט איר ברודער, און ניט געפּרוּווט עפענען ס׳מויל. דאָס פּנים אירס, וואָס האָט מיט א ווייל פריער זיך אזוי אָנגעג־צונדן, איז אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן; בלוילעך־בלאַס האָט די מאָטע הויט אָפּגעשיינט אנטקעגן עלעקטרישן ליכט. אירע רויטע האָר האָבן געגליט, און ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן פאַרצערט דאָס גאַנצע בלוט פון איר פּנים. די פולע, ברוינגע אויגן זיינען אריין טיפער אונטערן שטערן, און די ליפּן האָבן ספּאַזמאַטיש געציטערט.

ברכה האָט אליין זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס דאָס גאַנצע חיות האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן אויסרינען פון איר יונגן גוף. וואָס האָט זי באמת געהאַט פאַר א שייכות מיט איר עלטערער שוועסטער צו וועמען זי האָט כמעט ניט געשפּירט קיין בלוט־קרובהשאַפט? ברכה׳ פאַרשטייט גוט, אז יוסטינע פּרוּווט גיין מיט בלינדע אויגן אנטקעגן איר מזל. „זי האָט דאָך שטענדיק אריבערגעקוקט צו יונגע בחורים, צו ייִנגלעך ייִנגער פון איר, און צום סוף גאָר...״

ברכה האָט דערשפּירט א בייסעניש אין פּנים. זי האָט מיט דער האַנט געגלעט ס׳פּנים, אַראָפּצוואווישן דעם בייזן חלום, וואָס קלעפּט זיך צו איר אויף דער וואָר. אַלע אין שטוב האָבן געשוויגן. יעדעס מאָל, ווען דער שווייגנדיקער פּנחס האָט זיך צורעדט, האָט עס אויף אלעמען אָנגעוואָרפן א שטילשווייגן. דאָס מאָל האָט די שטיל־קייט מער ווי שטענדיק געדריקט. גאָלדע, די מאַמע, האָט ווי איר שטייגער אין דער לעצטער צייט געוואָלט איבערשלאָגן דעם שטילשווייגן מיט אומגעריכטן געוויין. אָבער אין דער אייגענער צייט איז מיט פרייד און געלעכטער פון גאַס אַנגעקומען יוסטינע, און מיט איר, צום ערשטן מאָל ביי די רודמאַנס — עלווירא ווילסאָן.

יוסטינע, וואָס האָט באַמערקט די דערשלאָגנקייט אין די געזיכטער פון די שטובלייט, האָט מיט אן אויפגעשרויפטער שמחה פאַרגעשטעלט דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער:

— עטאָ עלווירא ווילסאָן — האָט יוסטינע גערעדט אויף רוסיש — זי וויל אייך אלעמען קענען. איז א טשודנער מענטש, פאַרליבט אין יידן!

גאָלדע, פּנחס און ברכה׳ זיינען אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, און ווי פאַר א גרויס וואונדער, מיט ברייט אָפענע אויגן אפּיר געקוקט צום אויסטער־לישן גאַסט.

— אוי, א שאָד וואָס דיינע רעדן מסתמא ניט קיין ענגליש — האָט עלוויראס פּנים ממש געלויכטן — סאָראָ אויגן ביי אייך אלעמען! און דאָס איז דאָך דיין ייִנגערע שוועסטער, ווי וואונדערלעך זי איז... איך האָב געהאַט א טאַנטע מיט אזעלכע פלאַמיק רויטע האָר, פון אירלאַנד איז זי געקומען.

עלווירא איז צוגעגאַנגען, ארומגענומען ברכהן און געדריקט צו זיך.

— דו רעדסט דאָך אביסעלע ענגליש — האָט עלווירא גערעדט מיט א פאַרשלאָגענעם אָטעם — זאָג מיר, טייערע, ווי אזוי גייט עס דיר אין אונדזער לאַנד? איך וועט גוט זיין ביי אונדז אין לאַנד. און דאָס איז דיין ברודער... לאָז מיר דריקן דיין האַנט! און דאָס איז אוודאי די מוטער... אוי, ווי עס פרייט מיך צו קענען אייער אלעמענס מוטער! ס'איז גוט צו וואַקסן, ווען א מאַמע פירט ביים האַנט. איך האָב אַזאַ מזל ניט געהאַט.

מען האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד. די נאַטירלעכע וואַרימקייט, דער ציטער אין איר שטים וואָס האָט באַגלייט אירע רייד, האָט א קינדישע נייגעריקייט ארויסגערופן ביי די שטובלייט. יוסטינע האָט נאָכגעפאָרשט יעדן ציטער אין פּנים פון אייגענע, און איז געווען גליקלעך, וואָס עלווירא האָט מיר איר רייד ארויסגערופן אַ מאַמעשן צופרידענעם שמייכל ביי גאָלדען אַרום מויל און אויגן.

— מיין פּאַ גייט אויס נאָך אייער טאָכטער. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אייער טאָכטער היינט נעמען... ער וויל זי נעמען אויף בראָדוויי, מיט איר זען א מוזיקאַלישע קאָמעדיע. איך גיי אויך מיט. געקומען בעטן אייער דערלויבעניש.

— יע, דאָס איז עס — האָט יוסטינע זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן

— פאַרוואָס באַווייזט איר ניט אביסל פריינטלעכקייט? איר קוקט זי אָן ווי זי וואָלט געווען א טשודאַווישטשע.

— טאָכטער מיינע, צי ווייס איך אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין? ווען איך וואָלט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט. אויב דו האָסט פאַרשטאַנען, זאָג עס מיר.

— זי בעט אין נאָמען פון איר פּאַפּאַ איר זאָלט מיך לאָזן ארויסגיין מיט זיי. ער וויל מיך נעמען אין טעאַטער אריין, דו קענסט דאָך אים, פּנחס, דאָקטאָר ווילסאָן.

אויף דעם איז אריינגעקומען פון צווייטן צימער בנימין רודמאַן. ער האָט פאַר דער קורצער צייט באַוויזן זיך איבערצוטאָן אין א סורדוט און אויסקעמען זיין באָרד.

— אוודאי זאָל זי גיין... — האָט בנימין רודמאַן מיט חשיבות גע־זאָגט — טו זיך אָן, יוסטינע, און גיי.

— דאָס איז מיין פּאַפּאַ — האָט יוסטינע פאַרגעשטעלט פאר עלוויראַן איר פאָטער — ער איז א דזשענטלמען. ער איז בעיוטיפול מען.

עלווירא האָט מיט חידוש אָנגעקוקט בנימינען און איז מיט די אויגן איבערגעלאָפן צו די שטובלייט:

— איצטער זע איך אין וועמען די קינדער זיינען געראָטן. איצטער דערקען איך.

בשעת יוסטינע האָט אין צווייטן צימער זיך געגרייט אוועקצוגיין, איז עלווירא געבליבן זיצן אן אויסגעשעפּטע. מיט אלע אירע חושים האָט זי געפילט ווי זאָגן די אומבאַקאַנטע מענטשן וואָס זי פילט איצטער, וואָס זי לעבט איבער. ווען זי פאַרמאָגט ווערטער וואָס דידאַזיקע מענטשן זאָלן פאַרשטיין — וואָלט זי זיי אויפגעקלערט דאָס וואָס זי לעבט איבער זינט זי האָט זיך באַגעגנט מיט יוסטינען, דערציילט וואָס זי פילט וועגן די סודות

פון לעבן. זי וואָלט אויך חשק געהאַט דערציילן עפּעס וועגן איר פֿאָטער, וואָס האָט איר מאַמען פֿאַרלאָרן ווען זי איז נאָך געווען א קינד אין וויג, און וואָס האָט, לויט איר באַגריף, אַלע יאָרן געלעבט א ריין לעבן. זי וואָלט אויך דערציילט פון איר פֿאָטערס גוטן כאַראַקטער, און פון איר אייגענער באַציאונג צו זיין פלוצלונגער ליבע צו א מיידל וואָס ער קאָן ניט, און פון א פֿאָלק, וואָס, ווי איר דוכט אויס, האָט ער ניט שטאַרק ליב.

און דאָ טוט איר א קלאַפּ אין האַרצן בשעת איר בליק פֿאַלט אויף די אַנטשוויגן געוואָרענע שטובלייט. כאָטש זי באַגרייפֿט, אַז זייער שווייגן איצטער איז צוליב דעם וואָס זיי פֿעלט די געמיינזאַמע שפּראַך; אָבער פֿאָרט איז דאָס שטילשווייגן אָנגעשטרענגט; מיטן חוש שפּירט זי, ווי מ'איז מיט עפּעס באַאומרואיקט.

יוסטינע איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער גרייט אוועקצוגיין. אָן ווערטער איז זי צוגעגאַנגען, אַפֿריער געקושט די מוטער, און דערנאָכ־דעם, מיט א שטאָלצן שמייכל א קוש געטאָן ברכה'ן, און געזאָגט:

— האָט ניט קיין מורא, אייער טאָכטער איז ניט א מענטש וואָס טיעראַיעט זיך. איך וויל דעם מענטשן קענען נענטער.

עלווירא האָט מיט הכנעה זיך געזעגנט מיט די שטובלייט, און נעמענדיק אונטערן אָרעם יוסטינען, איז זי, ווי אויף פֿרעמדע פיס, אַרויס פון שטוב.

א ווײַלע זיינען די שטובלייט געבליבן ווי פֿאַרגליווערט. דער ערשטער האָט בנימין רודמאַן געפּרואווט איבעררייסן די אָנגעצויגענע שטימונג:

— נו, וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? איך גלויב נאָך אין גאָט — האָט ער געגלעט זיין פֿאַרשוירן בערדל — אויב דאָס איז זיין ווילן, שטעל איך זיך זיין ווילן ניט אַנטקעגן. אויף איר מזל איז עס אויסגעפֿאַלן. און אפֿשר אין איר מזל וועלן מיר אַלע אויפֿגעריכט ווערן.

דאָס לעצטע האָט געטראָפֿן פּנחסן:

— עס חידושט מיך אויף דיר, טאַטע, — האָט פּנחס פֿאַרזיכטיק אָנגע־הויבן — דו שרייבסט עס צו צום מזל און צו דיין גלויבן אין גאָט. ניין, טאַטע. השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם... צו גאָט געהערן די הימלען, די ערד האָט ער איבערגעגעבן צו מענטשן, זיי זאָלן זיך אויף איר שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. איך, א ייִנגערער מענטש, וואָס האָט ווינציקער דערפֿאַרונג אין לעבן פון דיר, האָב איך זיך צו דעם ניט דערטראַכט, אַז א גליק טרעפֿט דעם ייִדן וואָס ווערט א בלוט־קרוב מיט דעם ניט־ייִדן. ניין, טאַטע, ייִדיש בלוט מישט זיך ניט. זיכער ניט דערפֿאַר וואָס ייִדיש בלוט איז רויטער; אפֿשר פֿאַרקערט, אפֿשר איז זייער בלוט רויטער. ווערסט נאָך, טאַטע, דערלעבן צו הערן פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַז די וואָס האָבן זיך געמישט, אַלע ייִדישע מיידלעך וואָס האָבן זיך דאָרטן געקוואַפּעט אויף גויאישע מענער, וועט עס זיי מיט דער צייט אויספֿאַלן באַקאָם. דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק וועט עס דאָרטן אויספֿאַלן באַקאָם.

— טאָ וואָס זאָל דער טאַטע דיינער איצטער טאָן, אדרבה, זאָג? — האָט גאָלדע רודמאַן געווישט דעם שווייס וואָס האָט איר אַרויסגעשלאָגן אויפֿן שטערן — זאָל דער טאַטע הייסן יוסטינען זי זאָל זיך אויסבאַהאַלטן? אַז א טאַטע ווי דער דאָקטאָר, וואָס האָט זיין אייגענע טאָכטער געשיקט אַרויסנעמען יוסטינען, זאָל איך חושד זיין גאָט ווייסט וואָס? אוודאי איז

עס א גאַט זאַך. אַנדערש פּאַטופּעט זיך עס מיר ניט אין קאָפּ. אפשר איז איר באַשערט באַלוינט צו ווערן פאַר אַלץ וואָס זי האָט זיך שוין אין אירע יונגע יאָרן אָנגעליטן. הלוואַי זע איך דיך און ברכהן און אפרימען אויפגעריכטע, ווי איר אַלע זייט עס ווערט.

— דאגה ניט, מאַמע, פאַר ברכה־ן — האָט ברכה מיט פאַרביטערטקייט געזעדט — איך וויל נאָך האָפן, אז אויב ניט קיין ארץ ישראל, וועל איך זיך אומקערן צוריק קיין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרטן האָב איך גע־וואוסט, אז ידישער אידעאַל ווערט געטרעטן מיט די פיס און איך האָב פאַר דעם געקעמפט. דאָ גייט מען אונטער אָן קאַמף.

— גוט, טאָכטער׳ קיינער וועט דיר דאָ ניט פאַרווערן צו לויפן, שרייען אין אַלע גאַסן, אַז יידן זאָלן זיין יידן. ביסט אוודאי ניט די איינציקע. אָבער איינס וויל איך איך זאָגן: מיר חידושט וואָס איך האָב אויסגעהאָ־דעוועט קינדער וואָס זיינען קליגער און פרימער פון טאַטן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט פנחס א לאַך געטאָן, און איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ.

— וואָס לאַכסטו? — האָט בנימין אים נאָכגעקוקט אין פאַרלעגנהייט.

— גלויבסט נאָך אַלץ אין דעם מעשי אבות ירשו בנים! ווי מיר האָבן געלעבט און ווי מיר זיינען געוואַקסן איז ביי אונדז געבליבן, ניט די ירושה וואָס דו האָסט אונדז געלאָזט, נאָר די ירושה, וואָס אונדז האָט איבערגעגעבן דער באַנקראָטירטער יידישער דור, וואָס האָט אפילו מיט דער רעוואָלוציע אויך געהאַנדלט. דו ד־האָסט געזוכט ברויט פאַר דיינע קינדער, האָסטו אָן אַלץ פאַרגעסן; און אַנדערע האָבן געזוכט א לאַך וואו באַגראָבן צו ווערן איינאיינעם מיטן יידישן פנים. ווער איז יוסטינע, ווער איז דער טייערער יעפים, און ווער בין איך און ברכה? זיינען מיר דיינע קינדער, כאָטש דו האָסט אונדז געבאָרן? איר האָט אונדז אונטערגעוואָרפן דער צייט הינטערן שוועל; און די צייט האָט אונז אויפן מיסט ארויסגעשליי־דערט. קאָן זיין, געווען אַ נאַרישקייט וואָס איך און ברכה האָבן דאָס לעבן איינגעשטעלט, געמיינט ווי עס איז דערציען די צייט, ווען פון דער ערד וועט זיך אויפהויבן א גאַנצער דור און אויסשרייען פאַר דער וועלט: „גאַנצע יידן זיינען מיר, לאָזט אונדז לעבן ווי גאַנצע יידן!" א געשריי טאָן, אז די באָלשעוויקעס זאָלן פאַרטויבט ווערן. צום סוף גאָר האָבן מיר זיך געלאָזט אָנרעדן פון רייכע אמעריקאנער קרובים, געגנבעט די גרענעץ און געקומען אהער׳ כדי אויסצוגעפינען, אז דאָרטן וואו יידן האָבן אַלע פריי־הייטן, האָבן זיי זיך גענומען די פרייד־הייט איינצונעמען א זיסע מיתה משונה. יידן דאָ העלפן דאָרטן בויען ארץ ישראל. דאָרטן! טפוי, זאָל עס ווערן...

ער איז צוגעגאַנגען צו ברכהן, אריינגענומען איר קאָפּ אונטערן אָרעם און איר אריינגערעדט אין אויער אריין:

— פאַרגעס אָן דיין שוועסטער. ס׳איז א גאָט זאַך, זאָגט דער טאַטע. איך האָב געדאַרפט קריגן א געשוואָלענעם אפענדיק, מען זאָל מיך פאַר־נעמען אין שפּיטאָל און דאָרטן זאָל א דאָקטאָר ווילסאָן, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געבליבן אָן אַלמן, אויסשניידן מיין געשוואָלענעם אפענדיק, און דאָרטן באַגעגענען מיין שוועסטער. וואָס וואָלסטו געטאָן ווען ער נעמט און

פאַרליבט זיך אין דיר? האַ? אפשר ביסטו גאָר מקנא דיין שוועסטער? זיי זיך מודה. אויב טאַטע־מאַמע זיינען גליקלעך, פאַרוואָס זאָלסטו און איך ניט זיין גליקלעך?

ברכה האָט זיך געפילט גוט וואָס איר ברודער האָט זי אזוי איינ־גענומען.

— אוודאי בין איך איר מקנא, ווי איך בין מקנא יעדן איינעם וואָס גייט אום אויפן עולם התהו, און פונדעסטוועגן זיינען פאראן די יאָלדן וואָס נעמען פאַר זיי אַראָפּ דאָס טעלערל פון הימל. לאָמיר זיי ווינטשן גליק. הלוואי וואָלט איך זיך געקענט מיט זיין טאַכטער פריי זיך צונויפרעדן, וואָלט איך איר געזאָגט. איך וועל עס איר נאָך זאָגן...

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט גאָלדע פאַרחידושט געפרעגט.

— די צייט וועט דיך קליגער מאַכן, ווי זי האָט מיך געלערנט.

— גייט, קינדער צום טיש. לאָמיר זיך אליין ניט פאַרשעלטן. ס'האַרץ ציטערט מיר גענוג.

גאָלדע, און שפּעטער ברכה, האָבן גענומען גרייטן צום טיש.

* * *

ברכה רודמאַן האָט ניט געגלויבט אירע אייגענע אויגן, ווען שטייענדיק ביי דער ארבעט אין עקספּעדיציע־צימער ביי איר קרוב דניאל לוריא אין קליידער אָפּטיילונג, איז פאַר איר אויסגעוואַקסן מאָו לוריא, הילל לוריאס יינגערער זון. זי איז געבליבן מיט די הענט אין שאַכטל, וואו זי האָט פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט א גריך, זיידן קליידל, געגרייט צום אוועק־שיקן.

זי האָט מיט די אויגן געפאַרשט ביי די עטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן ביי דער זייט געטאָן די אייגענע ארבעט, צי האָבן זיי באַמערקט איר פאַר־לאָרנקייט.

— איך האָב געדאַרפט זען דעם אָנקל דניאל — האָט מאָו לוריא געהאַלטן איר די האַנט — אָטאָ־דאָ פאַרדינסטו דיין ברויט מיט פּוטער, מהום... כ'וועל זאָגן דעם אָנקל, אז פאַר אזעלכע יונגע מיידלעך האָט ער געמעגט האָבן א פּלאַץ מיט פענצטער.

ברכה האָט געשפּירט, אז אין איר שוועסטערקינדס אריינקומען וואו זי ארבעט, איז דאָ א כוונה. זי האָט די לעצטע צייט אליין געטראַכט אים אויפצוזוכן, מיט אים זיך דורכריידן וועגן אן ענין און וואָס רודערט איר געדאַנק. איר האָט אויסגעוויזן, אז אלע אין דער משפּחה קוקן אריבער צו איר עלטערער שוועסטער, ווען דאָס מזל איז געקומען אנטקעגן.

— מיר איז א חידוש וואָס דו ביסט אהער אריינגעקומען — האָט ברכה ניט געקענט באַהאַלטן איר אויפרעגונג — דו ווייסט וואו מיר וואוינען.

— איך פאַר די טעג אַהיים. ס'איז פרילינג, דער פאַרם רופט. איך וויל כאָטש א קוק טאָן אויף אים. טרויעריק, וואָס יעדן פרילינג רייסט עס מיך אָפּ פון מיין קאָלעדזש. מיין גאַנצער קאָפּ איז דאָרטן וואו איך בין געוואַקסן. אויב דו האָסט חשק, קום מיט מיר מיט. דער אָנקל וועט דיך אָפּלאָזן אויף א וואָך צייט.

ברכה'ן איז וואַרים געוואָרן. די מחשבות האָבן געיאָגט. מאָזעס לוריא איז געקומען זי איינלאַדן אויפן פאַרם. זי ווייס, אַז ער האָט נאָך

א יאָר קאַלעדזש. וואָס איז דער צוועק פון זיין קומען דאָס איר זאָגן? פאַרן געדאַנק איז איר אויפגעקומען הילל לוריאס עלטערער זון, איזידאָר. אזוי ניט ענלעך איינס אָן אַנדערן זעען זיי איר אויס, כאָטש קינדער פון איין טאַטע־מאַמע. דער עלטערער, איזידאָר, א יונגער לאַיער, כאָטש קינדוייז איז ער נאָכגעגאַנגען דעם אַקער ביים זייט פון זיין שוויגנדיקן טאַטן, איז ער ארויסגעקומען מיט א געשליפענער צונג. א הויכער, א קרעפטיקער, אין פאָטער געראָטן, מיט שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן און האָר, האָט הנאה געהאָט צו הערן זיין אייגענע מיינונג. האָט ליב געהאט ביי יעדער געלעגנ־הייט אונטערצושטרייכן דעם אמעריקאַנעם גייסט, און ווי א פּראָקוראָר כסדר באַשולדיקט דאָס יידישע פאָלק. אויף זיין פאָטער און זיינע חלומות האָט ער געקוקט פון אויבן־אַראָפּ.

מאָו לוריאַ, דער יינגערער, וואָס איז איצטער געשטאַנען נעבן ברכהן, איז געווען דער היפוך פון זיין ברודער. כאָטש ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן קאַלעדזש, זיך געגרייט זיין א מעדיקער, האָט ער אריבער־געקוקט צו זיין פאָטער, וואָס איז די לעצטע יאָרן ארומגעגאַנגען מיט א געבויגענעם קאָפּ. ער איז געווען נידעריקער אין וואוקס פון זיין ברודער, מיט בלויע אויגן און טונקעלע האָר, אויך א ברייט־פלייציקער, איז ער מער געווען אין זיין מוטער געראָטן. אין כאַראַקטער איז ער געווען ענלעך צום פאָטער. כאָטש געבאָרן אין אמעריקע, האָט ער ווי א ייד געטראָגן א שטאַרקע אומצופרידנקייט אין זיין בלוט. פאַר זיין דמיון איז געשטאַנען דער ערשטער דור אין געשטאַלט פון זיין פאָטער, וואָס איז אריבערגעקומען קיין אמעריקע און מיטגעבראַכט מיט זיך האָפענונגען צו באַפרייען זיך ווי מענטש און ווי ייד. ער האָט געשטודירט מעדיצין, און איז, ווי זיין אָנקל, דאָקטאָר זכריה לוריאַ, געווען וואָך צו אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, און איז אויך וואָך געווען צו די דערשיינונגען אין יידישן לעבן. אים איז ניט געווען פרעמד דער יונגער אנטיסעמיטיזם וואָס האָט זיינע וואָרצלען פארשפרייט אפילו צווישן דער יוגנט אין קאַלעדזש.

ברכה איז אויטאָמאַטיש געווען פאַרנומען מיטן איינפּאַקן דאָס לעצטע זיידן קליידל, און געפילט ווי איבער אירע הענט גייען אום מאָו לוריאס בליקן. זי האָט וועגן אים געהאט א גוטע מיינונג. זי האָט געאַנט פון זיין צוגעבונדנקייט צו יידן. אַזאַ איינדרוק איז איר געבליבן פון די פּאָר באַגעגענישן ביי דאָקטאָר לוריאַן. כאָטש זי האָט נאָך אַלץ ניט גוט פאַר־שטאַנען ענגליש, און קאָמיש האָט איר געקלונגען דער אמעריקאַנער יידיש, איז אָבער זיין ערנסטקייט געווען א ניט באַפוצטע. שווערלעך, ערדיש, האָט ער באַוועגט מיט די הענט; און שווערלעך, ערדיש, האָט ער זיינע געדאַנקען ארויסגעבראַכט. אָבער זיין אריינקומען אין דעם עלעקטריש־באַלויכטענעם צימער, וואו זי האָט צווישן אנדערע מיידלעך געאַרבעט, האָט איר אויסגעוויזן ניט אין צייט און ניט אויף דעם ריכטיקן אָרט.

— באַלד וועט מען שליסן דעם סטאָר; איך וועל וואַרטן אויף דיר דרויסן ביי דער טיר.

מאָו לוריאַ האָט געשעפּטלעך ארויסגעשפּאַנט פון צימער.

פאַר ברכהן איז די באַגעגעניש אויסגעקומען ניט אין דער ריכטיקער שעה. ליבער וואָלט איר געווען ווען א מענטש, א ווילד־פרעמדער, באַ־

געגנט זי ביי איר ארבעט און זאָגט, אז דרויסן וועט ער אויף איר וואַרטן. די בלוט־קרובהשאפט האָט איר געשטערט. בכלל איז איר געווען דער־ווידער צו פילן, אז אין ניו־יאָרק האָט זי א סך קרובים, צווישן וועמען זי פילט זיך פרעמד. באמת האָט געדאַרפט דאָס בלוט הויך שלאָגן נאָך אַזאַ אומגעריכטער באַגעגעניש. צום סוף גאָר איז קיין חשק ניטאָ אָפּצו־טרייסלען פון זיך די שפּורן פון א טאָג ארבעט, ארויסגיין דרויסן, שמייכלען צו אַ מאַן וואָס איז איר אי נאָנט אי ווייט.

איר איז געקומען אויפן זינען איר עלטערע שוועסטער, יוסטינע, וואָס זיצט אוודאי אינדערהיים א נידערגעשלאָגענע צוליב דעם וואָס דאָקטאָר ווילסאָן, וואָס האָט ספּעציעל געשיקט זיין טאָכטער עלווירא ארויסצונעמען זי אויף בראָדוויי, כדי דאָרטן ביי א טעאַטער־פאָרשטעלונג מיט איר זיך באַגעגענען, האָט אין דער לעצטער מינוט געלאָזט וויסן, אז מען האָט אים אומגעריכט ארויסגערופן קיין שיקאגא צו א וויכטיקער אָפּעראַציע. פון יעמאָלט אָן איז א גאַנצער חודש אוועק, און כאָטש זיין טאָכטער עלווירא קומט אָפּט ארויסצונעמען יוסטינען, אָבער מיט דאָקטאָר ווילסאָנען האָט זי זיך נאָך אלץ ניט באַגעגנט. די צעטומלטקייט אין דער היים ווירקט שווער אויף ברכה רודמאַן. און איצטער, ווען מאַקס לוריא איז געקומען, האָט זיך איר עלטערע שוועסטער אָנגעהויבן פלאָנטערן פאַרן געדאַנק.

אָן אָנגעכמורעטע איז זי ארויסגעקומען דרויסן, און מיט א פרעמדן און אַביסל אומגעדולדיקן אויסדרוק אין פּנים באַגעגנט הילל לוריאס זון.

מאַקס לוריא האָט עס באַמערקט. ער האָט זי גענומען פאר ביידע הענט און לאַנג געקוקט אין איר אויסגעלאָשענעם פּנים אריין.

— דאָס לעבן אין אמעריקע זידט און קאָכט — האָט מאַקס לוריא באַ־מערקט — וואָס פאר א לעבעדיקער מענטשן־שטראָם אויף דער פינפטער עוועניו! אָבער יעדער איינער באַזונדער, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט צום לעבעדיקן שטראָם. ביסט ניט אויף דיין ריכטיקן פּלאַץ. זיי האָבן דיר קיין גוטס ניט געטאָן. זיי האָבן קיינעם פון אייערע קיין גוטס ניט געטאָן.

ער האָט גערעדט שנעל מיט א געדריקטער שטים אויף ענגליש. זי האָט ניט אלץ אויפגעכאַפּט. זי האָט נאָר באַגריפן, אז ער רעדט מיט א געוויסער מיטלייד. דאָס איז איר ניט געפעלן געווען.

— וואוהין גייען מיר? — האָט ברכה מיט א דערוואַכטער ענערגיע געפרעגט.

— וואוהין דו ווילסט.

— וואוהין איך וויל, וועסטו ניט גיין.

— אפשר וועל איך מיטגיין. אַ מאַן האָט ליב נאָכצוגיין א פרוי.

— אַ מאַן האָט ליב... — האָט ברכה זיך אָנגעצונדן — ס'האָט נאָך קיין פרוי ניט דערגאַנגען וואָס א מאַן האָט ליב.

— האָסט, ווי מיר ווייזט אויס, שוין געהאַט גרויסע דערפאַרונגען מיט מענער, כאַ־כאַ־כאַ.

— איך בין געוואַקסן צווישן מענער. געאַרבעט מיט מענער. געלאכט, ווען כ'האָב געוואָלט וויינען; און געוויינט, ווען אלץ אין מיר האָט געפּלאַצט

פאַר געלעכטער. אַלץ האָב איך געטאָן צווישן מענער. דעריבער האָב איך ניט קיין גרויסן צוטרוי צו מענער.

מאָו לוריא האָט אָראָפּגענומען די ברילן ווי צו באַפרייען זיינע קורצזיכטיקע אויגן.

— כ'האָב געמיינט, אַז אָן ברילן וועל איך דיך בעסער דערקענען.

ברכה האָט אַ לאַך געטאָן, גענומען איר שוועסטערקינד אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין גרעזמל אַריין.

אַ צייט האָבן זיי געשפּאַנט אַרויף מיט דער פינפטער עוועניו. ביידן האָבן געפעלט ווערטער. באמת האָט געקענט זיין נאַטירלעך, איינס ביים אַנדערן זאָל אויספרעגן וועגן היימישע ענינים. מען איז דאָך פאָרט בלוט־קרובים. זיין טאַטנס מאַמע, וואָס איז געשטאָרבן אויף דער שיף קיין אַמעריקע איבער פערציק יאָר צוריק, איז ברכהס פאָטער אַ שוועסטער געווען. פונדעסטוועגן האָט סיי איר און סיי ביי אים דאָס האַרץ געדרודערט און קיין ווערטער זיינען ניט געווען. מאָו לוריא האָט אַליין ניט געקענט באַגרייפן וואָס פאַר אַ כוח עס האָט אים אַ טראָג געטאָן זי צו באַגעגענען ניט אין איר היים.

מאָו לוריא האָט געשעפּטלעך אַ פרעג געטאָן:

— וועט טאַקע דיין שוועסטער חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידן, און אפשר פאַר דער חתונה זיך שמדן אויך?

ברכה האָט ניט געענטפערט. ווינציקער פון אַלץ האָט זי חשק געהאַט פאַרציען אַ שמועס וועגן יוסטינען.

— איך האָב עפּעס געפרעגט — איז מאָו לוריא געוואָרן אומגעדולדיק

— איז טאַקע אמת וואָס מען שמועסט ביי אונדז, אַז ביי איך האָט מען פיינט איינס דאָס אַנדערע?

— אמת — האָט ברכה פאַרטאַיעט געענטפערט.

— ביסט איר מקנא?

— איך בין מקנא איר גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס רייסט מיין האַרץ.

— אפשר איז איר פילאָזאָפיע די ריכטיקע.

— וואָס מיינסטו?

— אַז אַ דאַמבע פון אַ מיסיסיפּי זאָל אויפרייסן וועט מען מיט קיין האַנט זי ניט פאַרשטעלן. מיר איז ניט באַקאַנט ווי יידן האָבן אין דער אַלטער היים געלעבט. איך ווייס נאָר, אַז אַ דאַמבע פון אַ מעכטיקן שטראָם האָט אויפגעריסן און פאַרטראָגן אַלץ וואָס דער ערשטער דור האָט אַהער אַריבערגעבראַכט. מיר איז אַ רחמנות אויף מיין טאַטן. אַ שטאַרקער רחמנות אויף אַלע אין זיין גלייכן.

ברכה האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין אָרעם. אָן ווערטער געוואָלט אים איבערגעבן איר מיטגעפיל. גאַנץ אומגעריכט איז איר אויסגעקומען צו הערן דאָס פון אים. כאָטש איינמאָל ביי דאָקטאָר לוריאן האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז דער ערשטער דור איז אַהער געקומען מיט אַ געבויגענער פּלייצע און מיטגעבראַכט אַ גלייכע נשמה; און דער צווייטער דור איז געבאָרן געוואָרן מיט אַ גלייכער פּלייצע און מיט אַ קרומער נשמה — האָט זי פונדעסטוועגן זיך ניט געריכט, אַז אַזאַ שמועס וועט זיך צווישן זיי פאַרבינדן ביים באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל אָן זייטיקע עדות. זי

האָט געשפּירט אַ אינערלעכע מידקייט. די פרוי אין איר איז געווען מיד. ביים זייט פון אים שפּירט זי דעם עלנט פאַר וועלכן זי האָט ניט קיין אויסדרוק.

— וואוהין פירסטו מיך? — האָט מאָו לוריא געפרעגט ווען זיי האָבן דערגרייכט די נייַן און פופציקסטע גאַס.

— איך ווייס ניט — האָט ברכה, מיט די אויגן צום אַספאַלט, געענט־פערט.

— ווילסט אפשר פאַרגיין צו מיר, אין מיין בעטשלאָר־וואוינונג לעבן סיטי קאָלעדזש. איך האָב אַן עלעקטריש אויוועלע, וועלן מיר אינאיינעם מאַכן סאַפּער.

ברכה האָט אַ לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו?

— איך וועל גיין צו דיר, אָבער ניט קאָכן. איך וויל אביסל הונגערן. דאָ פאַרגינט מען זיך ניט דעם פאַרגעניגן צו הונגערן. דאָ פילאָזאָפירט דאָס לעבן אויף אַ זאַט מאָגן, ברולל, ווי כ'האָב עס פיינט!

— ווייל ס'איז פאַראַנען אַ הונגער פילאָזאָפיע, דעריבער האָבן מיר נאָך ביז איצטער ניט קיין יושרדיקע וועלט. וואָס האָסטו געוואונען פון דעם וואָס דו האָסט דאָרטן געהונגערט? אָט, זעסטו, אפשר צוליבן הונגער האָסטו געוואָרפן דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון.

— אָ, ניין, דווקא אין די הונגער יאָרן האָב איך דאָס לאַנד ליב געהאַט. כ'האָב עס פיינט געקראָגן ווען מ'האָט דאָרטן צופיל אָנגעהויבן רעדן פון עסן. ליבער איז מיר געווען די ערד וואָס איך און מיינע חברים האָבן מיט אַ הייליקער כוונה באַאַרבעט, ווי דאָס שטיקל ברויט וואָס איך האָב פון אימעצנס מויל אַרויסגעריסן.

ברכה האָט זיך געלאָזט פירן פון איר גלידשוועסטערקינד. מיט געמישטע געפילן זיינען זיי ביידע געגאַנגען. בלוט־קרובהשאַפט און פרעמד־קייט. בחור און מיידל, און געפילן, וואָס האָבן פון אונטערבאַוואוסטזיין עפּעס געמאָנט; די ערשטע באַגעגעניש אויף פיר אויגן האָט ביידן געררו־דערט. שטייענדיק, האָבן ביידע עפּעס איבערגעביסן אין אַ ביליקן רעסטאָראַן און מיט אַ שלעכטן טעה אין מויל געקומען אין אַ דירה, וואָס האָט פאַר ביידן קיין אינהאַלט ניט פאַרמאָגט.

— אויב דו ביסט געוואקסן און טאַקע געבאָרן געוואָרן אַזוי נאָענט צו דער ערד, טאָ ווי קומסטו אַהער? — האָט ברכה זיך אריינגעזעצט אין אַן אַלטפרענקישן שטול און זיך צוגעהערט צו דער מידקייט וואָס איז ארויס פון איר גאַנץ לעבן.

— וואָס מיינסטו?

— איך אויף דיין אָרט וואָלט מיר בעסער געחברט מיט די גרויסע שטיינער וואָס הינטער אייער שטוב, ווי מיט די מענטשן, וואָס דו באַ־געגנסט דאָ אין ניו־יאָרק. מיך רופט די ערד, און איך האָב דאָ ניט קיין ערד. איך קוק דיך אָן, איך האָב אָנגעקוקט דיין עלטערן ברודער, און געקלערט: זיינען עס קינדער פון דער ערד, אדער שטיינער וואָס די ערד האָט פון זיך ארויסגעשטויסן צום אויבערפלאַך?

מאָו לוריא האָט זיך פאַרקלערט. ער האָט געוואָלט צעקייען וואָס ברכה האָט מיט דעם געמיינט. ער האָט געהאַט א באַגריף וואָס ביי די רודמאַנס קומט פאָר אין הויז. מען האָט געשמועסט אין דער משפחה, אַז די רויט־האָריקע ברכה קלאָגט, און וויל צוריק קיין סאָוועט־פאַרבאַנד. דניאל לוריאס זון האָט אים דערציילט, אז ווען זי וואָלט ניט געווען קיין קרובה וואָלט מען זי ניט געהאַלטן צווישן מיידלעך וואָס וויסן זייער פליכט ביי דער ארבעט, מחמת, מיט וויפיל ענגליש זי קען, פּראוווט זי דעמאָראַליזירן די מיידלעך וואָס ארבעטן מיט איר אין דער עקספּעדיציע. כאָטש אליין איז זי געלאָפן פון לאַנד פון דער רעוואָלוציע, אָבער דאָס בלוט אירס איז א דאַרטיקס.

קיין שטארק מיידלשע פריינטלעכקייט האָט מאָו לוריא אין איר פּנים ביי דער ערשטער באַגעגעניש ניט געפונען. פאַרן געדאַנק איז אָנגעקומען דאָס געשטאַלט פון דער עלטערער שוועסטער, די דורכאויס ווייבלעכע יוסטינע, מיט איר רייסן זיך צו אנטלויפן פון דער יידישער גאַס. אים איז אין קאָפּ אריין דאָס וואָס ברכה האָט אים ארייגעזאָגט וועגן דער ערד. פון דעם האָט ער יאָ געוואָלט רעדן.

— דאָס יידישע פאָלק איז אָפּגעריסן פון דער ערד. ווען אפילו איינער אָדער מער פון די גרינגע האָט זיך באַזעצט ביי דער ערד, איז ער געבליבן ווי אן ארויסגעריסענער שטיין. אפילו מיין פאָ וואָס איז געקומען צו דער ערד ווי אן אידעאַליסט, וואָס איז געוואָרן פון אים?

— פאַרוואָס רעדסט איר אַלץ פון אייערע טאַטעס? וואו איז דער יונגער דור?

— דו קלאַפּסט אין אן אָפענער טיר — האָט מאָו לוריא געביסן די ליפּן און גערעדט מיט ביטערקייט — דאָס וואָס דו רעדסט איז מיר ניט פרעמד. איך ווייס גוט ווי די יידישע יוגנט זינקט. איך האָב שוין ניט איינמאָל גערעדט צווישן מיינע יידישע פריינט אין קאַלעדזש. איך ווייס, עס איז ארויסגעוואָרפן דאָס וואָס מיר לייגן פאָר זיך אויס אן אַלגעמיינעם פּראָגראַם, ניט קיין יידישן. איך בין א ייד, און א קראַנקער ייד. צוליב דעם וואָס קיין שום נאָרמאַלער אמעריקאנער שטעלט זיך ניט אוועק פאַר־טיידיקן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן. א געבאָרענער אמעריקאנער דאַרף זיך ניט באַפאַרבן מיט זיין נאַציאָנאַליטעט. מיר יידן, מיר זיינען עס געצוואונגען צו טאָן. פון דרויסן צווינגט מען עס אונדז צו טאָן. איך האָב געפּרוווט אָנהויבן א באַוועגונג צווישן יידישע סטודענטן, אז מ׳זאָל פאַרוואַרפן דעם פּראָפעסיאָנעלן געדאַנק. דו ביסט גערעכט, ווען דו פרעגסט: וואו איז די יוגנט.

ברכהן האָט דאָס בלוט א שלאָג געטאָן אין פּנים.

— איך בין אינגאַנצן אַלט צוואַנציק יאָר — האָט ברכה גערעדט און מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען איר קרוב, וואָס האָט געשפּאַנט הין־און־צוריק איבערן צימער. — איך בין אינגאַנצן אַלט געווען אַכט יאָר ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. איך האָב געזען די פּאָגראָמען פון אכצנטן יאָר. כ׳האָב זיי פאַרשטאַנען, כאָטש איך בין אינגאַנצן אַלט געווען צוועלף יאָר. מלחמה איז איין זאַך, און פּאָגראָמען איז עפּעס אַנדערש. אין מלחמה פאַרמעסטן זיך מענטשן מיט גלייכער גאודה. גאוה מיט גאוה פאַרמעסט זיך, און ניט

די כוחות. אין א פאַגראָם איז דער אָנפאַל פון בעל־גאוה אויף דעם נבזה. שוין יעמאָלט האָב איך געשפּירט, אז אונדז יידן האַלט מען פאר נבזים. אָבער, א סך ביי יידן האַלטן זיך אליין פאר נבזים. אפילו דאָ אין לאנד האַלטן זיך יידן פאר נבזים. אָ, וואו איז פון מיר פארשוואונדן דער ארץ ישראל געדאַנק? דאָרטן האָב איך אים געזען אזוי קלאָר, און דאָ... ווען איך וואָלט געקענט ארויסרייסן מיין הארץ, צערייסן עס אויף שטיקער און טרעטן עס מיט די פיס! צוליב וואָס דאַרף א יונג מיידל אזויפיל איבערלעבן, איז דאָס אַלץ ווייל איך בין א יידיש קינד?

„אין א מלחמה פארמעסט זיך גאוה מיט גאוה. אין א פאַגראָם באַפאַלט דער בעל־גאוה און שלאָגט דעם נבזה". אים האָבן זיך איינגעשניטן אין געדאַנק אירע ווערטער, אַזש אין די שלייפן האָט עס אָנגעהויבן צו שטעכן. אים איז געקומען אויפן זינען וואָס ער האָט ביי א געלעגנהייט געהערט פון דאָקטאָר לוריאַן, אז די אַלע וואָס זיינען געלאָפן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, געלאָפן פון דער שטרענגער דיקטאַטור, און געקומען אהער אין פרייען לאַנד, שפּירן זיך דאָ ווי אין תפיסה.

— וואָס איז באמת דער טיפער פאַרלאַנג פון אזא אומצופרידן מיידל?

— האָט פאר מאָו לוריא געבלענדט איר רויטער קאָפּ — איז דער היינט־ציטיקער צעבראָכענער אידעאַליזם דאָס וואָס עס שרייט ארויס פון איר? אָט דער אידעאַליזם וואָס ווערט דערשטיקט אין אונדזער פּראַקטישער וועלט!

ער איז צוגעגאַנגען צו ברכהן, גענומען איר האַנט און באַטראַכט יעדן פינגער באַזונדער:

— איז טאַקע אמת, אז די־אָ האַנט האָט געהאַלטן דעם אקער און איצטער פּאַקט זי אין פּאַפּירענע שאַכטלעך קליידלעך און בלוזן... ס'איז א ווייטער מהלך פון דיין פלאַץ וואו דו האָסט געאַרבעט, ביז צו אַן אויפגעריסענער, ברוינער ערד, וואָס איז אין פרילינג הונגעריק נאָך דער זריעה. מיר איז קיינמאָל ניט געווען אזוי אומעטיק ווי היינט מיט דיר. דוכט מיר, ניט דו האָסט גערעדט צו מיר, נאָר מיין אייגענער געוויסן וואָס איך האָב אים אין אַלע יאָרן דערשטיקט.

ברכה האָט געביסן די ליפּן ווי צו וויינען, און די אויגן זיינען געווען באַהעלט פון א ליכטיקן געדאַנק. זי האָט אים באַטראַכט, און נאָנט איז ער איר געווען ווי א ברודער. די בלוט־קרובהשאַפט איז פאר איר בולט געוועזן. אנדערש האָט זי אים ניט געוואָלט באַטראַכטן. אין איר פאַר־לאָרנקייט האָט זי געשפּירט, אז אין אים וועט זי אפשר געפינען איר שטיצע.

— איך האָב גוט געהערט וואָס דו האָסט מיר פריער געזאָגט — האָט ברכה אים אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט — אויב דו וועסט מיך נעמען אהין וואו די קאַלטע שטיינער וואקסן ארויס הינטער אייער הויז, וועל איך מיט דיר מיטפאָרן.

* * *

מאָו לוריא איז געקומען צו די רודמאַנס ארויסצונעמען ברכהן צו דאָקטאָר לוריאַן, וואו משפחה־יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט, און האָט געפאָר־

נען די מאַמע, גאָלדע רודמאַן, און יוסטינען פּאַרווינטע און נידערגעשלאָגענע. ברכה איז געווען אַנגעטאָן און זיך געקליבן ארויסצוגיין.

עס איז געווען אַ שטאַרק וואַרעמע יוני־נאַכט. גייענדיק אַ שטיק וועג צופוס האָט זיך מאַו איינגעשוויצט און זיינע ברילן זיינען מיט אַ טוי פאַרלאָפן געוואָרן.

— איר האָט געבראַכט אהער פרייד און פאַרביטן אויף טרויער — האָט מאַו לוריא אַראָפּגענומען די ברילן און געפּרואווט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן באַטראַכטן די אַנוועזנדע.

— הלוואי נעמט איר אונדז ווידער צו אייער טאַטן אויפן כוטאר — האָט גאָלדע געזאָגט — מיר זאָלן זיך נאָך אַמאָל אָנקוקן און אפשר באַטראַכטן וואָס צו טאָן אין אַזאַ מדינה וואו אַ מענטש איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט.

— איר דאַרפט עס ניט זאָגן, טאַנטע. אין אמעריקע איז אַ מענטש נאָר אביסל צו פריי און דעריבער עסט איינער אויף זיין שכנס פּוטער מיט ברויט. וואָס איז געשען? — איז ער צוגעגאַנגען צו יוסטינען און געגלעט איר פּלייצע. — קומט ביידע, לאָמיר זיך דאָרט טרעפן מיט די לוריאַבלומען.

— גיי, יוסטינע, טו זיך אָן; גיי, לאָז זיך ניט אָפּ — האָט די מוטער געפּרואווט מאַכן אַ מונטערן פּנים — זיי זיינען טייערע מענטשן. הלוואי וואָלט איך זיי געקענט האָבן אָפּטער ביי זיך אין שטוב.

יוסטינע האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ גאָרניט זאָגנדיק, אוועק אין צווייטן צימער.

— קום, לאָמיר גיין — האָט ברכה, ווי צו אַנטלויפן פון שטוב, זיך אַ צי געטאָן צו דער ארויסגאַנגס־טיר — זי לעבט ניט מיט מיין וועלט און איך לעב ניט מיט איר וועלט.

מיט אַ שאַרפער באַוועגונג האָט זיך ברכה אַ צי געטאָן צו דער מוטער, בערוועאיש אַ קוש געטאָן איר פּנים, און ניט וואַרטנדיק אויף איר קרובֿ, איז זי ארויס דרויסן.

לוריא האָט ניט געוואוסט ווי אויפצונעמען די אַנגעצויגענע שטימונג אין שטוב. אים איז שווער געווען צו פאַרלאָזן די מוטער אין אַזאַ געדריקטער שטימונג.

— זאָל איך וואַרטן אויף אייער טאָכטער? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— גיי דיר מיט ברכהן — האָט גאָלדע מוטערלעך געשמייכלט — אפשר וועט זי חרטה האָבן און אליין אונטערקומען.

ברכה האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף איר שוועסטערקינד. ווען ער איז ארויסגעקומען האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און זיך געטוליעט צו אים:

— פיר מיך ערגעץ אַנדערש, מאַוס, — האָט זי אים גערופן ביים פולן נאָמען — איך וויל אהין ניט גיין. איך האָב פיינט ווילד־פלייש. דו ביסט אויך איך מיינע אויגן ווילדפלייש אויף דעם יידישן גוף.

מאַו לוריא האָט אַ לאַך געטאָן, אויף דעם ניט רעאַגירט.

— דיר גייט נישט אָן וואָס איך זאָג.

— אומעטום איז לעבן, אומעטום איז ווירוואַר. פערל לוריא איז א ליבער מענטש. אז זי רופט, דאַרף מען זיך אָפּרופן. שאַדט ניט, אז די יוגנט קוקט זיך אמאָל אָן. זאָל אייגן בלוט ניט פאַרפרעמדט ווערן. זאָג מיר, וואָס איז געשען אין שטוב, פאַרוואָס איז דיין שוועסטער אזוי דער־שלאָגן?

— דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער האָט געזאָלט קומען נאָך איר. איז זי ניט געקומען. פון דער פּרעמד ד־האָט א שטיק אומגליק זיך אריינגעריסן אין אונדזער שטוב. כ'וויל פון דעם ניט רעדן.

— דאָקטאָר ווילסאָן האָט זי באַגעגנט?

— איך בין חושד, זיין טאָכטער פירט דערצו, זיי זאָלן זיך ניט באַ־געגענען.

דעם גאַנצן וועג צו דאָקטאָר לוריאן האָבן זיי ביידע געשוויגן. כאָטש ערשט אין מיטן יוני — איז א דומפּע און מידע וואַרימקייט געלעגן אויס־געשפּרייט איבער דער איסט־סייד.

— דאָ האָט א גאַנצער דור זיין נשמה אויסגעלערט אויפן ברוק — האָט ברכה אליין פאַר זיך געזאָגט אויף העברעאיש.

ווען מאָו לוריא האָט געבעטן זי זאָל אים פאַרטייטשן וואָס זי האָט געמיינט, האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— א שאָד וואָס דו ביסט א קרוב. איך קען זיך ניט איינליבן אין אייגן פלייש און בלוט.

מאָו לוריא האָט זיך ניט אָפּגערופן. אַ קעלט האָט דורכגעשניטן זיין רוקנביין. ער האָט ניט געקענט באַנעמען פאַרוואָס זי האָט עס געפונען פאַר נויטיק אים צו זאָגן.

ווען זיי זיינען אריין צו דאָקטאָר לוריאן איז דאָרט געווען גאַנץ וואַרים. אפילו קעראָלאַינס טאָכטער, די אָפּגעפּרעסענע טעלמא סטאָן, איז געקומען און מיט זיך פאַרנומען אירע רייכע שוועסטערקינדער, לואי און סילוויא זילבערמאַן, קינדער פון דער רייכער אלמנה, סטאָנס שוועסטער — די אַמאָליקע מלכה חלפן. צווישן די געסט איז אויך געווען עלווירא ווילסאָן. אין א ווינקל, איינגעקאָרטשעט, איז געזעסן יוחנן פעלדשטיין. ווען ברכה רודמאַן איז אריינגעקומען — האָט פעלדשטיין געפּרוּווט אויסגלייכן די פּלייצע, אָבער ער האָט באַגעגנט ברכהס קאַלטן בליק, ווי זי וואָלט אים גאַרניט געקענט.

הילל לוריאס עלטסטער זון, דער יונגער לאַיער איזידאָר לוריא, האָט שטייף, מעשה פּראָקוראָר, פּונקט געהאַלטן אין באַווייזן, אז אומזיסט האָט אימעצער יידן אונטערגעוואָרפן די גאווה פון א פאָלק.

— צוליב וואָס שפּילן די ראָלע פון מאַרטירער טויזנטער יאָרן — האָט ער געטענהט אויף דער זייט פון פערל לוריא, וואָס האָט צו אים איראָניש געשמייכלט — דאָס יידישע בלוט איז סיי־ווי ניט ריין. יידן, ווי איך קוקט אויף זיי איצטער, אָן אָן ארמיי, אָן א נעיווי, אָן אייגענער טערי־טאָריע זיינען א שיינער ביישפּיל; און אויב איר ווילט—א סימבאָל פון א צוקונפטיקער באַפרייטער מענטשהייט. און אפשר גאָר — האָט איזידאָר לוריא באַטראַכט דעם עולם — אפשר גאָר א נאַבטוואַנדלער, וואָס איז, איך

בעט איך איבער אייער כבוד, מיט א ליכט אין האַנט, אין איינע פּאַדזשאַמעס, ארויס אין גאַס באַטראַכטן לבנה און שטערן. איך נעם מיין אייגענעם פּאַ פּאַר אַ ביישפּיל — דהאַט ער זיך אויסגעצויגן נאָך שטייפער — ער האָט געבראַכט מיט זיך קיין אמעריקע א פאַרשפּעטיקטן אידעאַל: יידן זאָלן דאָ אין יונגן לאַנד ווערן פאַרמער! איז דאָס ניט טראַגיש? אין דער צייט ווען פאַרמער־קינדער פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, לויפן אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער, א קינד פון א ראַסע וואָס קען ניט דעם ריח פון דער ערד, א קינד פון א שטאָט־מענטשן, געוואָלט מאַכן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פאַר פאַרמער. איך ווייס ניט וואָס מיין פּאַ איז געווען ווען ער איז אהער אריבערגעקומען אין דריי און אכציקסטן יאָר פון ראַשיא. איצטער איז ער ניט קיין פאַרמער, און אויך ניט קיין אמעריקאַנער פּראָדוקט.

מאָו לוריא האָט זיין ברודער און זיין קוק אויפן יידישן לעבן גוט געקענט. כאָטש ער, ווי זיין ברודער, זינט ער איז געקומען צום שכל, האָט כסדר איינגעטענהט, דער טאַטע זיינער זאָל פאַרקויפן דעם פאַרם און ציען אין שטאָט אריין. אים האָט אָבער געגרילצט אין די אויערן זיין ברודערס באַמערקונג, אַז אזעלכע ווי זיין טאַטע זיינען ניט קיין אמערי־קאַנער פּראָדוקט.

— האָסט זיך, איזי, געדאַרפט שעמען אזוי צו רעדן — האָט מאָו לוריא, נאָך איידער ער האָט זיך ארומגעקוקט, מיט ביטול אויפגעוואָרפן זיין ברודער — פאַרוואָס חוזקסטו פון מענטשן וואָס זיינען אהער געקומען מיט א אידעאַל? פאַרוואָס זיינען די אַלע מענטשן וואָס זיינען אהער געקומען ווי רעוואָלוציאָנערן און פרייהייט־זוכער, און דאָ האָט זיי די ראָד פון די גאָלד־זוכער צעדריקט, פאַרוואָס מיינסטו זיינען זיי ניט קיין אמעריקאַנער פּראָדוקטן? א סך פון די גרינע, ניט נאָר פון צווישן יידן, זיינען אהער געקומען און געבראַכט אידעאַלן פון מענטשלעכער און גוזעלשאַפטלעכער פרייהייט; געדהאָפט, אז דאָ אין לאַנד וועלן זיי געפינען א צוגעגרייטן באָדן פאַר זייערע אידעאַלן. איז דאָס זייער שולד, אויב דאָ האָבן געלד־רויבער פאַרכאַפּט דעם באָדן פאַר זיך? וואָס איז דאָ געוואָרן פון סאָציאַליס־טישן אידעאַל? צו וואָס פאַר א טראַגעדיע האָט יודזשין דעבס דערגרייכט פאַר זיין רוף צו פרייהייט? אין צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין טורמע. אמעריקע איז דער גרויסער בית־עולם, וואו די שענסטע אידעאַלן האָבן געפונען א קבר. איך האָב מיטלייד מיט מיין טאַטן. א קינד פון א פאָלק, וואָס האָט אין דער אלטער וועלט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אן אייגן שטיקל ערד, איז דאָ צו דער ערד צוגעפאַלן מיט די בלוטן פון א פאַרליבטן. און אויב דאָ דערלעבט א פאַר־מער זיין אייגענעם חורבן ביי דער ערד, טאָ ווער איז אין דעם שולדיק?

— פאַרוואָס האָסטו איבערגעלאָזן דעם פּאָ און זיין אידעאַל און גאָר אוועק שטודירן מעדיצין? — האָט איזידאָר לוריא, מעשה אויסגעהאַל־טענער פּראָקוראָר, געפּרואווט פאַרמשפּטן זיין אייגענעם ברודער.

— אויף דעם, איזי, וויל איך דיר דאָ ניט ענטפערן. די צייט וועט באַווייזן וואו אונדזערע וועגן צעגייען זיך.

מאָו לוריא האָט נערוועיש געווישט זיינע ברילן, צעשטרייט געזוכט אן אָרט וואו זיך אוועקצוזעצן.

עלווירא ווילסאָן איז צו אים אומגערוכט צוגעגאַנגען, געדריקט זיין האַנט:

— איך דאַנק דיר זייער; איך האָב א סך געלערנט פון דיינע רייד.

אָנהויב אָווגט, האָט עלווירא זיך שטארק צוגעהערט צו איזידאָר לוריאס היכע פראַזן און איר איז עס געפעלן געוועזן. זי איז געוועזן צופרידן ווען איזידאָר האָט מיט איר פאַרפירט א שמועס וועגן קאַלעדזש־לעבן. איצטער, נאָך דעם ייִנגערן ברודערס שטאַרקן ארויסטריט איז זי צעטומלט געוואָרן.

— אינטערעסאַנט מיט וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען עס זיינען פאַרנומען די מוחות פון דער יידישער יוגנט — האָט עלווירא ווידער שעמעוודיק גערעדט — איך בין צופרידן וואָס איך בין אריינגעצויגן געוואָרן אין אייער קרייז.

— ווּעסט ווינציק דערפון לערנען, טייערע. מיין ניט, אז די מוחות פון דער יידישער יוגנט זיינען פאַרנומען מיט ערנסטע פּראָבלעמען. ביי דער מערהייט איז אין קאָפּ אזוי פּוסט ווי אין די מוחות פון דער גאַנצער סטודענטנשאַפט.

אָן אַ זייט איז געשטאַנען דער בלאָנדער מאָלער לוי זילבערמאַן, מיט אַן אויסגעווייקטן פּנים האָט ער אריבערגעקוקט צו די צוויי ברידער וואָס האָבן זיך צעוווערטלט. לעבן אים איז געשטאַנען טעלמא סטאָן און אריבער־געקוקט צו מאָו לוריאַן מיט אַן אויסדרוק פון ביטול אין פּנים. פּלוצלונג האָט לוי זילבערמאַן א לאַך געטאָן.

— וואָס־אי, לוי? — האָט מאָו לוריא פון זיין פּלאַץ אַ פרעג געטאָן

— דיר געפעלט ניט וואָס איך האָב געזאָגט? אוודאי איז די יוגנט פון דיין קלאַס ניט צופרידן מיט דעם יידישן עק.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט לוי זילבערמאַן זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול.

— לאַך ניט, זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן — איז מאָו לוריא צוגע־שטאַנען.

— אַמעריקע איז א פריי לאַנד — האָט לוי זילבערמאַן מיט א געוויסער גאוה פאַריסן דעם קאָפּ — לעכערלעך צו טראָגן אויף די פּליי־צעס אַלטע, פאַרשימלטע טראַדיציעס. איך בין א פּראָדוקט פון דער יונגער אַמעריקע. יידן זיינען פאַר מיר אַן אַנדער פאָלק. איך געהער זיך מיט דעם ניט אָן.

— דיין זיידע, מיסטער הלפן, לעבט נאָך ביי אייך? — האָט דאָקטאָר זכריה לוריא געדולדיק א פרעג געטאָן דעם יונגן זילבערמאַן.

— מיין זיידע, דער אַלטער מיסטער טשאַלפן... אַלרייט. צוליב אים בין איך ניט געצוואונגען צו זיין אַ ייד.

— דו ווילסט ניט זיין קיין ייד.

— נייך, איך בין וואָס איך בין.

— איז דאָס געווענדט אָן דיין אייגענעם ווילן?

— איך בין עס צוליב מיינע אייגענע געפילן.

— און אז דער יונגער מיסטער זילבערמאַן וועט וועלן פאַרן זומערן אַהין, וואו עס זומערן די אַמעריקאַנער „פּיר הונדערט", און מען וועט אים א פרעג טאָן צי ער איז א ייד, וואָס וועט ער יעמאָלט פילן?

— כ׳וועל זיי שיקן טו העל.

— דו זיי?

— איך פאַרשטיי ניט, דאָקטאָר, וואָס דו פרעגסט.

— איך פרעג ניט — האָט דאָקטאָר לוריא רויִק, פּאַטערלעך אַריבער־געקוקט צום בלאָנדן זילבערמאַנען — איך באַווייז דיר נאָר, אַז ניט אין דיר איז געווענדט, צי דו זאָלסט לעבן און פילן ווי אַ ייִד. עס איז ניט דערפאַר וואָס איך לעב אויף דער איסט־סייד בין איך אַ ייִד, און דערפאַר וואָס דו לעבסט מיט דיין מאַ אויף פּאַרק עוועניו ביסטו ניט קיין ייִד. ביידע זיינען מיר פאַרמשפּט צו זיין וואָס מיר זיינען. וואָלט עס זיין געווענדט אָן דער ייִדישער אינטעליגענץ, צי אָן דער ייִדישער בורזשואַזיע, איז רעכט, אַז מיט אַ טויזנט יאָר צוריק וואָלט שוין קיין סימן ייִד ניט געווען אויף דער וועלט.

— רעדסט ווי אַ שאָוויניסט — האָט לוי זילבערמאַן סאַרקאַסטיש צוגעוואָרפן דאָקטאָר לוריאַן — יעס, רעדסט ווי די ציוניסטן, וואָס ווילן פון גאָרניט אויפבלאָזן אַ פאָלק.

— ניט די ציוניסטן, מיסטער זילבערמאַן — האָט דאָקטאָר לוריא נאָך אַלץ גערודלדיק אַריבערגעקוקט צום בלאָנדן זילבערמאַנען — ניט מיר טוען עס, די שונאי ישראל טוען עס.

— פאַרוואָס טוען זיי עס?

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. איצטער קען איך מיט דיר פון דעם ניט רעדן. מיר האָבן דאָ אַ גאַסט, מיס ווילסאָן, זי קען זיך אַמאָל באַ־ליידיקן.

— אָ, דאָקטאָר לוריא... — איז עלווירא רויט געוואָרן — באַליידיקסט מיך. ערשט היינט צום ערשטן מאָל דהער איך פון דעם, אַז ייִדן זיינען אַ פאָלק. מיין פּאַ האָט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג. בין צופרידן דאָס צו הערן פון אַזאַ מענטשן ווי דו.

דאָס בלוט איז איר געקומען אין פּנים. זי האָט זיך ארומגעקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן. איר זיינען ניט געווען פאַרשטענדלעך די מיינונגען פון יונגן זילבערמאַנען און פון דעם יונגן לאָיער איזידאָר לוריא. זי האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען קען טראָגן אַ שנאה צו אַן אייגענער ראַסע.

ברכה לוריא האָט דעם גרעסטן טייל פון שמועס, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויף ענגליש, גוט פאַרשטאַנען. מיט די אויגן איז זי נאָכגעגאַנגען דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער, געפאָרשט אין איר פּנים די סיבה פאַרוואָס זי איז ניט געקומען אַרויסנעמען יוסטינען. אין די ווערטער וואו עלווירא האָט דערמאָנט איר פאָטער, האָט זי געזוכט די סיבה. זי איז געזעסן ניט ווייט פון פעלדשטיינען און די גאַנצע צייט מיט אים ניט פאַרוואָרפן קיין וואָרט. דאָס בלוט אין איר וואָס האָט געשטראָמט הייס, איז פּלוצלונג פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פּראַקטיקער כוואַליע, ממש אַ צאַן אַן אַ צאַן האָט עס איר געקלאַפּט. זי האָט געוואָלט אויפשטיין עפּעס זאָגן, און מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך ניט קענען קאָנטראָלירן. און אפשר וועט עס גאָר קלינגען קאָמיש אויב זי וועט רעדן אויף ייִדיש.

— האָ, איר הערט דאָך, פאַרוואָס שווייגט איר? — האָט ברכה זיך פלוצלונג געווענדט צו פעלדשטיינען — איר באַרימט זיך מיט די זעכצן מיליאָן יידן אין גלות. אָטאָ־דאָס וועט ווערן פון יידן מחוץ פון ארץ ישראל — האָט זי געווישט דעם שווייס פון שטערן — פאַרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד וועט איר הערן פון דער יידישער יוגנט די אייגענע אַנטיסעמיטישע רייד. דאָרטן שפייט מען אויך אויפן יידישן עבר און מען וויל אפילו ניט טראַכטן פון קיין יידישן עתיד. אָבער מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלן צו קלערן, אז די בורזשואזע יוגנט פון אמעריקע און די רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד זאָלן מכוח יידן רעדן מיט דער אייגענער שפּראַך. ממש מיט דער אייגענער שפּראַך! אָט פאַרוואָס איר זעט מיר אַלע אויס ווי פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס דער אָסיען שלײדערט אראָפּ, מען זאָל זיי טרעטן מיט די פיס. מיך ברענט א פייער ווען איך קום צווישן יידישע בריונים.

פערל לוריא האָט פון ווייטן באַמערקט ווי ברכה קאָכט זיך. זי איז צוגעגאַנגען און מיט א גוטן פנים גערעדט אויף דער זייט פון פעלד־שטיינען:

— זי איז גערעכט וואָס זי זידלט אייך. איך בין די מיסיס פון הויז. איך קען גאָרניט זאָגן. רעדט אויף יידיש, זיי וועלן אייך פאַרשטיין.

— מיר פּאַסט ניט זיך אויסצוטענהן מיט אונדזערע בבל־בלומען. עס קערט מיר שוין די גרינגע גאַל פון זייערע רייד. ער טענהט, ער וויל ניט זיין קיין ייד. איך בין אים מוחל די טובה. זאָל ער זיין וואָס ער איז, און זאָל עס אים וואויל באַקומען. מיר וואָלט געענוג געווען דריי מיליאָן יידן. פאַראַנען גאַנץ אַנשטענדיקע פעלקער אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, וואָס פאַרמאָגן אפילו ניט קיין העלפט פון יידן. און מיר אַרט ניט, אַז איך וועל זיין דער לעצטער ייד, און אז כ'וועל שטאַרבן, וועל איך באַדאַרפן אליין גיין צופוס זוכן ערגעץ אין ברוקלין דעם יידישן בית־עולם. יעס, פערל, יעס, מיס רודמאַן, איר רעדט ווי יידן, איך פיל ווי אַ ייד.

— אַזוי גאָר! — האָט ברכה ניט געוואָלט גלויבן, אז פעלדשטיין מיינט וואָס ער זאָגט — אזוי גאָר, איר גלויבט, אז איך וועט גרינג אָנקומען אליין זוכן דעם וועג צום יידישן בית־עולם!

עס האָט ברכהן געשטופּט צום לאַכן:

— אָ, ווי גוט עס איז די ציניקער, כאַ־כאַ־כאַ...

— געוויס איז דער ציניקער אויך אַ פריינט פון אימעצן אַנדערש. איר האָט מיט זיך געבראַכט אומגעדולד. און לאָמיר אַביסל חושד זיין אייער אומגעדולד — האָט פעלדשטיין געמאַכט אַן ערנסטן פנים — איר זייט א יונג מיידל וואָס איז געוואַקסן אונטער די נאַטירלעכסטע אומשטענדן: מלחמה, רעוואָלוציע, קאָנטער־רעוואָלוציע, הונגער און פּאָגראָמען, און צווישן דעם אַלעמען האָט איר אָנגעטאַפּט מיט אייערע דלאָניעס די ערד און גע־שפּירט, אז די ערד איז קיל. די זון ברענט הייס, דאָס בלוט זידט הייס, דער שטערן פלאַקערט הייס, און די ערד איז קיל. האָ... פאַרוואָס האָבן נאַרישע מענטשן געזוכט גאָט אין הימל, און ניט דערזען דעם וואונדער

אונטער די פיס? דאָרטן, פונוואַנען עס שפּראָצט ארויס, אז מען פאַרזעצט א קערנדל, דאָרטן באַגראָבט מען אויך דעם וואָס האָט דאָס קערנדל פאַר־זעצט.

אויף דעם איז צוגעקומען טעלמא סטאָן; גאַנץ אומגעריכט איז זי אָנגעקומען און זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאר פעלדשטיינען:

— מען האָט אייך פאר מיר פאַרגעשטעלט, אָבער איך האָב זיך אליין געוואָלט פאר אייך פאָרשטעלן. איך וויל, איר זאָלט מיר עפּעס אויפקלערן. איך האָב עס געפרעגט מיין מאַ, וואָס איז דאָ אויף דער איסט־סייד שיעור אויסגעוואַקסן. איך האָב עס געפרעגט א פּאָר מאָל ביים אָנקל, וואָס זיצט נאָך אויף דער איסט־סייד, קיינער גיט מיר ניט קיין צופרידענעם ענטפער.

בשעת זי האָט גערעדט האָט זי ניט געקוקט פעלדשטיינען אין פּנים. אירע טיף־שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר האָבן מיט דעם וואָס זי האָט גערעדט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. איר פּנים דורכזיכטיק בלאַס. דורך די לייכט־צוגעפאַרבטע ליפּן האָט די בלאַסקייט זיך דורכגעזיפּט.

פעלדשטיין האָט ביי דאָקטאָר לוריאַן אין הויז געקראָגן א אָנונג וועגן דער גאַנצער לוריא־משפּחה. ער האָט טעלמאַן באַגעגנט א פּאָר מאָל. מיט איר מוטער, מיט קעראָלאַין סטאָן, האָט ער עטלעכע מאָל אויף א פּאָלקסטימלעכן אופן פאַרבראַכט און אַרומגערעדט די יידישע גאַס פון די אַכציקער יאָרן. פעלדשטיינען האָט מען דערציילט, אַז טעלמא האָט פיינט יידן, דעריבער איז ער געווען פאַרזיכטיק, און ניט איבערגעפרעגט וואָס אַזעלכעס זי וויל ביי אים פרעגן.

— ווי פילסטו זיך? — האָט טעלמא אָנגענומען ברכהס דהאַנט, ניט וואַרטנדיק אויף פעלדשטיינס ענטפער — פאַרוואָס זעט מען דיך קיינמאָל ניט ביי אונדז? דעם אמת זאָגנדיק בין איך געווען ברוגז, ווען מען האָט אייך אויסגעשריבן פון ראשיא. איצטער בין איך צופרידן. יעס, מיסטער — האָט זי זיך פלוצלונג א קער געטאָן צו פעלדשטיינען — איך האָב געוואָלט פרעגן, דו זאָלסט מיר אויפקלערן מיט וואָס איז א ייד אַנדערש פון א ניט־יידן? קענסט עס מיר אין צוויי ווערטער דערקלערן?

— ווען כ׳וועל וויסן, אז כ׳וועל דיר ניט ווי טאָן. איך האָב ניט ליב ווי טאָן א מיידל וואָס איז אין זיך אליין פאַרליבט.

— כאַ־כאַ־כאַ, — דאָס איז קאָמיש, מסתּמא ביסטו קיינמאָל ניט געווען פאַרליבט.

— א סך מאָל געווען.

— כאַ־כאַ־כאַ, א סך מאָל מיינט קיינמאָל ניט. אָבער איך בעט, זאָלסט מיר ענטפערן וואָס איך האָב געפרעגט.

— יעדע דערשיינונג איז נאָר עפּעס ווערט, אויב מיר אַליין מאַכן עס זאָל ווערט זיין. אויב פליש און בלוט פון אייגענעם פאָלק האָט ביי דיר ניט קיין ווערט, האָט עס טאַקע ניט קיין ווערט. האָסט פיינט דיין אָפּשטאַם. ביסטו אליין מיט זיך ניט צופרידן.

טעלמא האָט פילדייטיק צונויפגעצויגן די ליפּן, א פאַריסענעם שמייכל געטאָן, און אוועקגעשפּאַנט צום בלאָנדן זילבערמאַנען.

אויף אירע טריט איז עלווירא צוגעקומען, האָט ארומגעכאַפּט ברכהס רויטן קאָפּ און געדריקט צו איר ברוסט.

— כ׳האָב געמיינט, אז דיין שוועסטער וועט דאָ היינט זיין. זאָג איר א סוד אין אויער, אז היינט, מאָרגן וועט צו אלץ נעמען אן עק. זאָג איר, טייערע, אז דאָס לעבן איז פול מיט וועגן און דינטערוועגן. אמאָל גייסטו מיטן גלייכן וועג, און מיט אמאָל קומט ארויס פון א זייט דער ניט־גוטער, כאַ־כאַ־כאַ. מיר וועלן דעם ניט־גוטן פאַרטרייבן, זאָג עס איר, טייערע.

ברכהן האָט דער אָטעם פאַרשלאָגן. ס׳האַרץ האָט געהאַמערט און נאָך יעדן קלאַפּ ארויסגעבראַכט א טעמפּן ווייטיק.

— זאָג איר, מאָו — האָט ברכה געגלעט איר שטערן אויף־ארויף — אז משיח זיצט צו לאַנג אויף אַן אייזל און האָט שוין אויך לאַנגע אויערן. דעריבער הערט ער ניט וואָס עס טוט זיך ביי יידן אויפן יאַריד.

ברכה האָט עס געזאָגט אויף העברעאיש. בלויז פעלדשטיין האָט פאַר־שטאַנען און זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול, ארויסרופנדיק א צעטומ־לעניש ביי די פאַרזאַמלטע.

קאַפּיטל אַכט

ווען דאָס יונגוואַרג פֿון דער לוריא־משפּחה האָט אַנגעדהויבן פֿאַרלאָזן דאָקטאָר לוריאס הויז, האָט אומגעריכט ברכה רודמאַן געמאַכט אַ פֿריינט־לעכן פּנים צו יוחנן פעלדשטיין, געבעטן, ער זאָל מיט איר אַרויס אין גאַס:

— קומט, פֿירט מיך וואו איר ווילט. קומט גאָר אַהין וואו מענטשן דרייען זיך אַרום ווי לעבעדיקע גולמס, באַלויכטן מיט ביליקע לעקטרע פֿייערן, קומט אויף בראָדוויי, כאַ־כאַ־כאַ.

יוחנן פעלדשטיין איז געווען גערן דאָס צו טאָן. ברכהס פֿאַרטאַיעטער געלעכטער, יעדעס מאָל ווען ער איז מיט איר איבערגעבליבן אויג אויף אויג, האָט ער אויסגעטייטשט אויף אַלערליי אופֿנים. „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון ליבע איז אַ פֿיל זייטיקע" — האָט ער אָפּט געטראַכט ביי אַזאַ געלעגנהייט. ווען אַ מיידל האָט געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז זי טוט אים אַ טובה ווען זי שמייכלט צו אים. וויפֿיל מאָל ער איז מיט ברכהן געבליבן אויף פֿיר אויגן האָט ער באַמערקט ווי זי ווערט אָן איר גלייכגעוויכט. זי וויל זיין קלוג, און איז גאָר שלעכט און פֿאַרביסן.

— פֿאַרוואָס, מיס רודמאַן, לאַכט איר דווקא יעמאָלט ווען מען וואָרט פֿון אייך ניט קיין געלעכטער?

— איר זאָלט עס פֿרעגן!

— איך וויל עס וויסן.

— שלמה המלך האָט געזאָגט אין משלי: דער סוף פֿון געלעכטער איז האַרצווייטיק.

— און אַז דער סוף פֿון שמחה איז טרויער, דאָס האָט ער אויך געזאָגט.

זיי זיינען אָנגעקומען אויף בראָדוויי ווען די גוזעמלען האָבן אַרויס־געשטראָמט פֿון די טעאַטערס און, אָפּשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערנס זייטן, האָט מען זיך געשטופּט צו די איינגאַנג אין סאָבווי.

— זאָגט מיר, מר. פעלדשטיין, אַטאַ־די־אַ אַלע האָבן אַ היים ערגעץ, צי זיי ווילן לעבעדיקערהייט אַריין אין דער ערד?

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט פעלדשטיין אַ לאַך געטאָן.

— זעט איר, איר קענט אויך לאַכן.

— זייט איר טאַקע אַזאַ מרשעת, אָדער דאָס איז גאָר אַן אָנשטעל?

ברכה האָט פעלדשטיינען אַריינגעקוקט אין פּנים און געזאָגט:

— ווייסט איר דעם טייטש פֿון בדמיך חיי, דעם זינען פֿון אָפּגיין מיט בלוט אין לעבן?

— אין אייער ארץ ישראל טוען עס די חלוצים.

— דער „אייער" ארץ ישראל שטעכט ווי מיט א טעמפן מעסער. אַזוי קענען נאָר רעדן מענטשן וואָס האָבן א פאַרמעגן שיינע רייד, און פאַרמאָגן ניט קיין כוח פאַר גרויסע מעשים.

— איך באַליידיק זיך ניט. איך האָב געוואָלט איך קענען אביסל נענטער. עס קומט ניט אָן שווער. איר געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי. איר גערהערט פריער פאַר אַלץ צו די וואָס שפּייען אין ברונעם פונוואַנען זיי טרינקען וואַסער.

— אַוואו זיינען עס אייערע הייליקע ברינעמער?

— איך רייד ניט פון קיין הייליקע ברינעמער. איך בין אויסן אייך און אייער גלייכן, וואָס האָבן זיך געלאָזן לויפן פון סאָוועטנפאַרבאַנד צוליב דעם וואָס מען האָט זיי ניט געלאָזט חלומען דעם פּריוואַטן חלום. איר זייט געלאָפן פון דאָרטן און דעם דאָרטן מיט זיך מיטגעבראַכט. איצטער לעבט דער ייד אין היינטצייטיקן בבל. פון אלע מינים קענט איר דאָ געפינען: אפילו אויך די קללה פון ניט רעדן מיט קיין געמיינשאַפטלעכער שפּראַך. איר זייט געלאָפן קיין ארץ ישראל און געבליבן דאָ א געפּאַנ־גענע. איר געהערט שוין אויך צו דעם־אָ געזעמל.

— אַזוי קען רעדן א קינד פון א פאָלק וואָס האָט ניט קיין דרך ארץ אפילו פאַר אַן אייגענער מאַמען. וואָס קען איך אייך ווינטשן מר. פעלד־שטיין, איר זאָלט שטאַרבן און נאָך אַמאָל געבאָרן ווערן?

— דעם נביא יחזקאלס טאָל מיט די טרוקענע ביינער קאָן מען אומעטום טרעפן. ניט מער, ביים נביא יחזקאל ווערט ניט דערציילט, אז די ביינער האָבן געפּלאַפּלט פון שלאָף.

— אָ, ווי לאַנגווייליק מיר איז אין קעסלגרוב פון די־אָ מענטשן.

— דאָס איז ניט קיין בייס צווישן בחור און מיידל.

— איר ווייסט, מר. פעלדשטיין, איך האָב אייך פיינט!

זי האָט אויף שנעל א דריק געטאָן פעלדשטיינס האַנט און איז פאַר־שוואונדן צווישן די געזעמלען.

יוחנן פעלדשטיין איז א געליימטער געשטאַנען, געקוקט צווישן די מענטשן וואָס האָבן פאַרביי געשטראָמט. ער האָט ניט געגלויבט, אז אויף אַזאַ גראָבן אופן האָט זי אים געלאָזן. ער האָט זיך געצויגן אויף די שפּיץ פינגער, געקוקט אויף אלע זייטן, געד־האַפט, ער וועט איר רויטן קאָפּ דערזען, און איר פּנים מיט דעם אויסדרוק פון חרטה. אָבער ברכה רודמאַן איז פאַרשוואונדן.

— איך האָב זיי פיינט די געשוואָלענע מוחות — האָט פעלדשטיין געזעדט צו זיך אליין, און נאָך אלץ אויסגעקוקט די אויגן מיט א ווייטיק־דיקן געפיל ארום האַרצן.

און באַלד כאַפּט ער זיך, אז די רודמאַן־משפחה איז פאַרט אַנדערש פון די דורכשניטלעכע איבערוואַנדערער פון יענער זייט ים. „א פאַר־באָרגענער פייער ברענט אין זיי אלעמען. סיי די שוואַרצע און סיי די רויטע קעפּ זיינען וואַכע. אָדער זיי וועלן דאָ אין לאַנד זיך דערשלאָגן צו אַן אומגעריכטן דערפאָלג, אָדער זיי וועלן צעטראָטן ווערן און אראָפּגעטראָגן ווערן אויף א מיסטבאַרג."

יוחנן פעלדשטיין האָט אליין ניט אָפּגעשאַצט די צייט ווי לאַנג ער איז אויף אַן אָרט געשטאַנען, אויסגעקוקט, טאָמער וועט די רויטהאָריקע ברכה רודמאַן ווידער ארויסשווימען לעבן אים און זיך צעלאַכן אויפן הויכן קול. דער נס איז ניט געשען. מיט אונטערגעבראָכענע טריט האָט ער זיך געלאָזן גיין צופוס אהיים.

ברכה רודמאַן האָט זיך אומגעקערט אהיים ארום איינס נאָך האַלבע נאַכט. געדהאַפט אריינצוקומען אויף די שפּיץ פינגער שטיל, קיינעם ניט אויפצואוועקן, און ווי דער שטייגער זיך אַנידערלייגן שלאָפן און איבער־שלאָפן אלע שווערע מחשבות וואָס האָבן זי באַפאַלן שפּאַנענדיק צופוס אהיים — האָט זי גאָר אומגעריכט געפונען די גאַנצע שטוב וואַך. דורכגענומענע מיט אַן אומרואיקער מחשבה, האָט מען אויף איר אַנגעשטעלט די אויגן אַזש די טריט האָבן זיך ביי איר אונטערגעבראָכן.

נאָך מער חידוש איז איר געווען צו געפינען דעם ייִנגערן ברודער יעפימען, וואָס וואוינט ניט מיט טאַטע־מאַמע די לעצטע צייט, זיצנדיק אַזוי נאָענט מיטן עלטערן ברודער פנחסן, און ביי ביידן איינע און די זעלבע זאָרג אין פּנים.

זי איז דורך אין צווייטן צימער, אַ וויַיל באַטראַכט אין שפּיגל איר מידן פּנים, אַ לופטער געטאָן צווישן די פינגער די רויט געקרויזטע האָר, און איז צוריק אריינגעקומען אין פאָדערשטן צימער, געוואָרט אימעצער זאָל זיך אָפּרופן.

— וואו ביסטו געווען, מיין קינד, אַזוי שפּעט? — האָט די מוטער געפרעגט.

— געקלערט, איר שלאָפט שוין אַלע. וואָס איז געשען, וואָס זיצט איר אַזוי?

יוסטינע, וואָס איז געזעסן אַ צונויפגעדרייטע ניט וויַיט פון פאָטער, האָט אויפגעוואַכט מיט ברכהס אַנקומען. זי איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ, מיט פאַרביסענע ליפּן, האָט זי אַן אומפריינטלעכן בליק אַ וואָרף געטאָן צו דער ייִנגערער שוועסטער, און איז אַוועק אין צווייטן צימער.

— וואָס האָט זי אַזאַ קוק געטאָן אויף מיר?

— אוודאי וואָלט ניט געשאַדט ווען דו וואָלסט דאָ געווען. דעם דאָקטאָרס טאָכטער האָט געלאָזט וויסן, אַז זי קומט מאָרגן אַהער פאַר־נעמען יוסטינען צו זיך אהיים. כ'וויס וואוהין?... — האָט די מוטער געווישט די טרערן.

— איר האָט דאָך אַלע אויסגעקוקט דאָס גרויסע גליק. אַז זי שרעקט זיך ניט, וואָס האָט איר זיך דערשראָקן?

— מ'האָט, טאָכטער מיינע, זיך ניט דערשראָקן — האָט בנימין רודמאַן געגלעט זיין שטערן — מען שטייט נאָר פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר.

— די טיר עפנט מען דאָך פאַר איר — האָט ברכה זיך אויסגעטענהט און געפילט, אַז מען הערט זי גוט אויס. — איר האָט אַלע געזאָרגט טאָמער איז דאָס גרויסע גליק שוין אויסגערונען. נו, איז איצטער גוט. קען מען שוין איצטער גיין שלאָפן רואיק.

יוסטינע האָט אריינגעאיילט פון צווייטן צימער.

— איך וויל ניט, איר זאָלט מיט איר ריידן וועגן מיר, — האָט איר פּנים געפלאַמט — קיינער האָט אויף מיר ניט קיין פּראָוו!

א ווייל איז שטיל געוואָרן, אלעמענס בליקן זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף יוסטינען, וואָס נאָך דעם אָפּגעזאָגטן איז זי געבליבן שטיין א צערודערטע מיט א צעפלאַמטן פּנים. ס'האָט אויסגעוויזן, אז אויב ברכה וועט נאָך אַמאָל עפענען דאָס מויל, וועט יוסטינע אויף איר זיך א וואַרף טאָן מיט ציין און נעגל, און אלץ וואָס עס האָט זיך פאַרן געניויען יאָר אָנגעקליבן אויפן הארצן וועט זי אויסלאָזן צו דער ייִנגערער שוועסטער, וועמען זי באַטראַכט פאַר אַ שונא.

ברכה האָט עס באַנומען. זי האָט פאַרקוועטשט די ציין און באַשטימט צו שווייגן. אויב וועגן אַזאַ דרייסטן שריט וואָס יוסטינע קלייבט זיך מאַכן קען מען ניט אָנקוקן רואיק אייגנס דאָס אנדערע און רואיק באַטראַכטן, ארומריידן די מעגלעכע געפאַר צו וועלכער יוסטינע גייט בלינדערהייט, איז גלייכער שווייגן. ברכהן איז ניט קלאָר געווען וואו האָט דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער באַגעגנט יוסטינען. ביי דאָקטאָר לוריאַן איז יוסטינע ניט געווען. דעם סוד, וואָס עלווירא ווילסאָן האָט איינגערוימט ברכהן און איר געבעטן איבערגעבן איר עלטערער שוועסטער, אַז אין גיכן וועט זיך אלץ אויס־לייטערן, דאָס האָט דאָך נאָך ברכה קיין צייט ניט געהאט איבערצוגעבן.

אין דער אייגענער צייט האָט גאָלדע דערלאַנגט ברכהן א דעפּעשע וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן מיט א פּאָר שעה צוריק, וואו עלווירא ווילסאָן איז מודיע, אַז מאָרגן קומט זי פאַרנעמען יוסטינען אין איר פאָטערס נאָמען צו עסן ביי זיי אין שטוב.

— פאַרוואָס זייט איר אלע אנטשוויגן געוואָרן? — האָט יוסטינע ניט געקענט איבערטראָגן די שטילקייט — דהייסט מיר ארויסגיין, וועל איך אָט אַזוי ווי איך שטיי און גיי ארויס פון שטוב. יעדערער לעבט סאַמאָסטאָ־יאַטעלנע. יעדערער לעבט און ברענט אין זיין אייגענעם פייער. אָביעס־נאַיעט מיר, וואָס איז אזוינס ייד, און וואָס איז ניט ייד? וואָס האָבן זיך יידן ארייננעמען אין קאָפּ, אַז זיי זיינען פאַרקלאַטע געוואָרן צו פוילן אין זייער אייגענער פינצטערער וועלט?

— פאַרוואָס ביסטו אזוי אויפגערעגט? — האָט גאָלדע פאַרזיכטיק גערעדט — מיר זיינען דיר ניט קיין פרעמדע. טאַטע־מאַמע, אייגן פלייש און בלוט וויל דיר ארויסהעלפן. ביסט יונג, ס'ציטערט מיין הארץ פאַר דיר. מען דערציילט, אז דאָ קויפן זיך אַלטע רייכע לייט אין יונגע מייד־לעך, שפּילן זיך אָן מיט זיי, קויפן פאַר זיי טייערע צירונג און טייערע קליידער... ווער ווייסט, אפשר פאַרקויפסטו זיך.

יעפים איז געוועזן אָנגעשטויסן אויף דער עלטערער שוועסטער נאָך פון סאָוועטנפאַרבאַנד. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אז ס'איז א פאַר־ברעכן ווען א מענטש איז פאַרקניפּט און טראָגט אחריות נאָר פאַר זיך אליין. ער האָט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט געפונען פאַר זיך א צימער, געוואָרן א „באָרדער" ביי יענעם און אָנגעהויבן אויסמיידן די אייגענע היים. צופעליק איז ער געקומען אהיים און געפונען אַזאַ צעטומלעניש אין שטוב. ער זיצט אין קרייז פון אייגענע און זעטיקט זיך אָן מיט זייער זאָרג. ער

פילט מיט דער מוטעו'ס שרעק. ער פילט ניט מיט ברכהן. „זי איז אַ שאָוויניסטקע, איר רעגט אויף דאָס וואָס ער איז ניט קיין ייד" — האָט ער געטראַכט קוקנדיק אויף דער אנטשוויגן געוואָרענער ברכהן.

— גיי דיר דיין וועג, יוסטינע, — האָט יעפים גאַנץ רואיק אָנגעהויבן — דווקא דער וואָס האָט זיך מיט דיר שטענדיק געקריגט פילט דיר מיט. אלעמענס בלוט איז רויט. יידיש בלוט איז פון קיינעמס ניט אייידעלער. פריער אָדער שפּעטער וועלן אין אמעריקע ניט זיין קיין נאַציאָנאלע שטיקלעך און ברעקלעך. ניט קיין רעוואָלוציע יאָגט דאָ ארויס פון קאָפּ דעם שאָוויניסטישן טשאַד. איך וועל זיך אייביק מיט דיר קריגן פאר דיין זיין אַ פּראָקליאַטע קאַריערסטקע. איך וועל דיר אָבער קיינמאָל ניט אויפוואַרפן פאר דיין חתונה האָבן מיט א גויאישן דאָקטאָר.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ברכה זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — דער קאָמוניסטישער רב פּסקנט שוין שאלות! טפוי זאָלסטו מיט איר אינאיינעם ווערן!

יעפים האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאָץ צו ברכהן, אָבער יוסטינע האָט אים אָנגעכאַפּט און געשטופּט צום צווייטן צימער.

— מיר איז פּראַטיוונע איר שטים, מיר איז פּראָטיוונע צו קוקן אין איר זייט.

ברכה האָט נאָך אַמאָל אויסגעשפּיגן און איז אוועק אין צווייטן צימער.

דער עלטערער ברודער פּנחס איז געזעסן א דערשלאָגענער. וויפיל מאָל ער האָט ניט געוואָלט אָנהויבן רעדן — האָט אים אין האַלדז פארקוועטשט. די רייד פון טאַטע־מאַמע, די רייד פון שוועסטער און ברודער האָבן צו אים אָפּגעקלונגען פון אַן אַנדער וועלט. ווי פון א מדבר ארויס האָבן זיך צו אים דערטראָגן זייערע רייד. זיין גאַנץ לעבן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט א שניידנדיקן טרויער. אין אמעריקע האָט ער די אויגן אויפגעעפנט און דערקענט די נייע צייט, די געפערלעכע צייט פאַרן יידישן קיום. ער האָט געאָנט וועגן אַן ערשטן דור, און וועגן א צווייטן דור. אָבער אים איז ניט געקומען אויפן זינען צו טראַכטן וועגן א לעצטן דור. אפילו אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אים אזא יאוש ניט ארומגעכאַפּט ווי דאָ אין לאַנד. דער חשק ארויסצורייסן זיך קיין ארץ ישראל איז ביי אים ווי פאַראַליזירט געוואָרן מיטן קומען קיין אמעריקע. ער איז געקומען פון צייט צו צייט אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, אויסגעהערט אלערליי רעדעס; האָט געלייענט מיט דורשט אלע נייעסן וואָס זיינען געקומען פון ארץ ישראל, אָבער אליין — „וואָס איז די פּעולה אָפּצוראַטעווען א פּאָר נויטיקע חפצים פון א ברענענדיק הויז, ווען דאָס גאַנצע הויז גייט מיטן פייער אוועק?..." דאָס האָט ער געפילט און דאָס איז געווען דער קוואַל פון זיין יאוש.

און באמת אַרט אים ניט די עלטערע שוועסטער, וואָס גייט מיט א געוויסער טעמפּקייט איר אייגענעם וועג. זינט ער געדענקט האָט יוסטינע אויסבאַהאַלטן אירע אייגענע וועגן. אפילו אין די הונגער יאָרן איז אויף איר פּנים געווען בולט די פרעמדקייט.

— איך האָב ליב די אָפיצירן, און ניט די סאָלדאַטן — האָט זיך יוסטינע אַ סך מאָל באַרימט ווען די רעוואָלוציע איז אויף די פּלייצעס פון פאָלק, אויף די פּלייצעס פון באָרוועסע קינדער פון פאָלק, ארויסגעטראָגן געוואָרן.

פנחס האָט די לעצטע צייט אויך באַמערקט אַ צערודערונג אין ברכהן מיט וועמען ער איז געווען געקניפּט מיט לייב־און־לעבן. די ערשטע צייט אין אַמעריקע איז ברכה אָפּט געקומען, זיך צוגעזעצט ביי פּנחסעס געלעגער און מיט געציילטע ווערטער, מיט דעם געדאַנק אַין דער ווייט, אַרומ־געערדט די געווינסן און די פּאַרלוסטן זינט מ'האָט זיך געלאָזן פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד. געטראַפן, ווען ברכה איז אַזוי מיטן קאָפּ אויף פּנחסעס געלעגער איינגעשלאָפן. דאָס טרעפט ניט מער. אויך זי, ברכה, איז פאַרקראָכן אין דער אייגענער פעל אַריין. דעריבער פאַרדריסט פּנחסן יעדעס מאָל ווען זי שפּרינגט אַרויס און דערפירט ביז אַ געשלעג. ברכהס איצטיקער אויפברויז איז אים ניט געווען צום האַרצן. ער האָט חושד געווען, אַז טאַטע־מאַמע זיינען באמת אין האַרצן צופרידן און באַטראַכטן יוסטינעס שריט פאַר אַ גרויס גליק. אפילו דאָס, וואָס יוסטינע וועט אַריינקומען אין אַ וועלט, וואָס וועט פאַר טאַטע־מאַמע זיין פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, דאָס אַרט אויך ניט טאַטע־מאַמע.

— ווען דיר וועט אויסקומען צו שמדן זיך, ווי וועסטו פאַסטופּאַיען?

— האָט אומגעריכט דער פּאַטער טרוקן אַ פרעג געטאָן.

יוסטינע, וואָס איז געזעסן אַן אויסגעשעפּטע ביים פענצטער, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנגעקוקט דעם פּאַטער, און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער פרעגט.

— פאַרשטייסט ניט וואָס איך פרעג?

— ניין, איך פאַרשטיי ניט.

— איך מיין דאָס וואָס איך זאָג.

— נו, גוט — האָט יוסטינע זיך אַ רודער געטאָן — ווי וואָלסטו געקוקט אויף מיר ווען קיין פּראַקליאַטע מלחמה און נאָך מער פּראַקליאַטע רעוואָלוציע געשעט ניט? דו וואָלסט געלעבט אין מאָסקווע, צי אין פּעטערבורג; צו דיר אַין שטוב וואָלטן אַריינגעקומען אָפיצערן, גאַסט־דאַרסטווענע מענטשן, אָדער דאָקטוירים, צי פּראָפעסאָרן, און איינער פון זייער אַבשטשעסטוואָ פאַרליבט זיך אין דיינער אַ טאָכטער? איך ווייס, יעמאָלט וואָלט איר זיך געהאַלטן גאַרדע; יעמאָלט וואָלט איר אַליין אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, קיינער וואָלט צו אייך קיין גלייכן ניט געווען. טאָ פאַר־וואָס האָט איר זיך דערשראָקן, אפשר דערפאַר, וואָס אייער יוסטינע וועט זיך אַליין אַרויסרייסן פון דער פּראַקליאַטער לאַגע און וועט נאָך קענען אייך אַלעמען אַרויסהעלפן, פאַר דעם האָט איר זיך דערשראָקן?

— ניט צוליב מיר, טאָכטער, דאַרפסטו מאַכן אַ טריט וואָס קען דיר חלילה פאַרדריסן אַ גאַנצן לעבן — האָט גאָלדע ניט געקענט אָפּשטעלן די טרערן וואָס האָבן געפּלייצט איבער די באַקן.

— נו גוט, לאָמיר אייך עפּעס אַנדערש פרעגן — האָט יוסטינע זיך באַמיט צו זיין רואיק ווי מעגלעך — נעמט עס אויף לאַגיטשנע. ווער האָט מיך פאַרבעטן אַהער, עפּעס אַ מיידל אַ פּראָסטיטוטקע איז געקומען און וויל מיך ערגעץ אַוועקפירן? זי איז אַ סטודענטקע פון אוניווערזיטעט. זי קומט צו מיר ווי אַ געטרייע שוועסטער. זי פאַרבעט מיך איצטער צו זיך אַהיים, דאַרף איך גיין, צי ניין? אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז איך דאַרף ניט גיין, אויב ביי אייך קומט עס אויס לאַגיטשנע, וועל איך ניט גיין.

— איך קלער, צי איך האָב גאָר פּראָוו דיר צו פּאַרווערן—האָט בנימין רודמאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ — איך האָב גוט אויסגעהערט וואָס דו האָסט מיר פריער געזאָגט.

— קיינער פאַרווערט דיר ניט — האָט פּנחס זיך אָפּגערופן — אויף דיר האָט קיינער קיין רשות ניט. ניט אין דיר און ניט אין אזעלכע פון דיין גלייכן ליגט די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. מען רופט דיך, גיי. דאָ קום איך זיך צונויף מיט יעפּימען. איך וויל דיר נאָר בעטן איין זאַך: גיי מיט א גלייכן קאָפּ, גיי מיט א קלאָרן שכל. אויב דאָרטן וועסטו געפינען, אַז וואו דאָס יידיש מיידל איז א קערן, איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פּע, זאָלסטו זיך ניט אַנגעמען פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק. פאַר דיין אייגענעם כבוד זאָלסטו זיך איינשטעלן. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב דיר צו זאָגן. מיט ברכהן וועסטו זיך איבערבעטן. גיי שלאָפן, און פאַרגעס אָן דער סצענע וואָס מ׳האָט דיר אָפּגעשפּילט.

ביי טאַטע־מאַמע איז א שטיין אראָפּגעפאַלן פון דהאַרצן.

— גייט, קינדער, שלאָפן, — איז בנימין רודמאַן אויפגעשטאַנען פון פלאַץ און זיינע אויגן האָבן א גלי געטאָן.

ביי די ווערטער האָט זיך ברכה באַוויזן אין טיר און מיט א צעפלאַמטן פּנים אריינגעקוקט אין צימער, ווי זי וואָלט געקוקט אין א פוסטן חלל אריין.

* * *

דר. פיליפ ווילסאָן האָט זיך באַטראַכט פאַר א קאַסמאָפּאָליט. אין דער שטאָט, וואָס פאַרמאָגט דעם גרעסטן פעלקער־געמיש, איז ער געווען א דער־פאָלגרייכער כירורג. זיין דערפאַרונג האָט אים באַוויזן, אַז די מענטשהייט באַשטייט פון צוויי מינים, פון מענער און פרויען. מענער שרעקן זיך מער, ווען עס קומט צום איינגעבן זיי א שלאָפטרונק. פרויען שרעקן זיך ווינציקער. מענער האָבן א גרעסערע מורא פאַרן כירורגישן מעסער ווי פרויען. אָבער ווייטער פון דעם, ווען שוין אונטערן שלאָפטרונק, ווען שוין אונטערן בעסער, שוואַרץ, צי ווייס, געל, צי ברוין — דאָס בלוט, וואָס קוועלט פון אונטערן מעסער ארויס, איז רויט!

מער ניט דאָס, וואָס א וועלט עסקט זיך מיט א „יידן פראַגע". א טייל וועלט האַלט יידן פאַר דאָס ערגסטע אין מענטשן־געזינדל. און א טייל — פאַר דעם בוימל אויפן וואַסער. דאָס האָט ער דווקא ניט באַטראַכט פאַר קיין אבסורד.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט ליב געהאַט צו פילאָזאָפירן: — אַז א מענטש איז דאָס וואָס ער איז אונטערן כירורגישן מעסער, און ניט מער. די גרויסע וועלטן וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אויף דער ערד, זיינע מלחמות וואָס ער פירט, זיינע פריידנס וואָס ער שליסט, דאָס טוט ער אַלץ אונטער א שלאָפטרונק. גאָט אין הימל האָט דעם ערשטן און בעסטן שלאָפטרונק באַשאַפן, ווען ער האָט אדמען איינגעשלעפערט.

דאָס האָט ער אויך ליב געהאַט אריינצוטענהן אין זיין איינציקער טאָכטער עלווירא, וואָס איז אים געבליבן נאָך זיין פרויס טויט, וואָס איז געשטאָרבן פון אן אָפּעראַציע אויף די נירן, לאַזנדיק עלוויראַן דריי יאָר אַלט.

די טאָכטער זיינע, וואָס ער האָט דערצויגן אין פּריוואַטע לערנאַנ־שטאַלטן, האָט דאָקטאָר ווילסאָן ליב געהאַט. זי האָט זיין בליק אויפן לעבן ניט געוואָלט אָננעמען.

— ווען מען זאָל אַלץ מעסטן מיט אַ כירורגישן מעסער, פּאַ — האָט זי אים אויפגעוויזן — וואָלט די זון אויפגעהערט צו לייכטן פאַר מענטשן.

— פונוואַנען, טאָכטער, ווייסטו, אַז זי לייכט פאַרן מענטשן?

— נו, לייכט זי פאַר נאָך אימעצן.

— ווינציקער פון אַלץ לייכט זי פאַרן מענטשן. איך פאַרזיכער דיר, טאָכטער, ווען דער מענטש וואָלט נאָר געקענט דערלאַנגען צו דער זון, וואָלט ער זי געפּאַטענטירט און פאַרקויפט דאָס ליכט אויף דער מאָס.

— אויב אַזוי, פּאַ, ווערסטו מיך איינרעדן, איך זאָל בלייבן זיצן אַן אַלט מיידל. ליבע, ווי איך זע, איז ביי דיר גאָרניט.

— ליבע אַליין איז אַ כירורגישער מעסער. ענטשולדיק, ליבע איז דער שלאָפטרונק און דאָס מעסער. איך האָב פאַרשיידנס געהערט פון חולאים. ווענדיק באַקומען דעם שלאָפטרונק, האָבן זיי דערציילט פון אַלץ וואָס זיי האָבן געגלויבט און געהאַלטן פאַר וויכטיק. אפילו פון ליבע האָבן זיי אויך גערעדט. אַלע טיילן פון מענטשנס גוף האָב איך אָנגערירט מיט מיין מעסער, פון אומעטום איז רויט בלוט גערונען: סיי פון די אָרגאַנען וואָס טראָגן דעם גוף, סיי פון די אָרגאַנען וואָס שפּייזן דער ליבע — אַלץ דאָס אייגענע בלוט.

— ס'איז ציניש, פּאַ.

— געזונט זאָל זיין דער ציניקער! נאָר איינס, טאָכטער, וויל איך דו זאָלסט וויסן, אַז דעם מענטשנס לעבן איז ביי מיר טייער, הדריבער מאַך איך זעלטן ווען אַ טעות, ווען איך שטיי מיט מיין מעסער איבערן מענטשנס לעבן.

עלווירא האָט שטאַרק ליב געהאַט איר פאָטער. זיין פילאָזאָפיע האָט זי צוגעשריבן צו זיין טיפן טרויער, וואָס ער טראָגט אין הארצן זינט איר מוטער איז געשטאָרבן. ניט קענענדיק באַהאַלטן דעם טרויער פון זיין איינציק קינד, פּרוּווט ער עס פאַרדעקן מיט אויסערלעכן ציניזם. איין זאַך האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער פאָטער מאַכט צונישט יעדן איינציקן בחור מיט וועמען זי באַגעגנט זיך. זי באַמערקט אין אים אַ צעטומלעניש, ווען זי ברענגט אַמאָל אין שטוב אַ יידישן יונגנמאַן. צייטנווייז האָט זי אים חושד געווען, אַז ער טוט עס בכיוון, מחמת ער וויל ניט בלייבן איינער אַליין. זי האָט אים אַ סך מאָל געפּרוּווט אויפקלערן, ער זאָל ניט מורא האָבן: אויב זי וועט חתונה האָבן, וועט זי אים געבן אַ וואַרימע היים. אָבער זי האָט געפילט, אַז איר פאָטער איז צו קלוג און ניכטער, טרייסטן אים מיט אַזאַ צוזאָג איז אַ נאַרישקייט. נאָר יעמאָלט, ווען דאָקטאָר ווילסאָן, קומענדיק אין אָוונט אַהיים פון שפּיטאָל, האָט ער זיין טאָכטער פאַרטרויט, אַז ער וויל, זי זאָל באַגעגענען אַ יידיש מיידל, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, באשר ער וויל הערן זיין טאָכטערס מיינונג; און ווען אנשטאָט אַן ענטפער איז זי געפאַלן אויף זיין האַלדז און געוויינט, האָט ער באַנומען, אַז צווישן אים און זיין טאָכטער, איז די לעצטע פאַר יאָר זינט זי איז רייף געוואָרן, אויסגעוואַקסן אַ טיפער סוד. דער סוד וועט מוזן אויפגעדעקט

ווערן, ווען דאָס לעבן וועט נעמען די אויבערהאַנט איבער די טויט־שטימונגען, וואָס זיינען פול אין אלע ווינקעלעך פון דער ווילסאָן־היים.

עלווירא האָט זיך יעמאָלט אין דער ערשטער רגע אליין ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס זי איז געפאַלן דעם פאָטער אויפן האַלדז, ווען ער האָט איר גאַנץ רואיק אָנגעטרויט אַזאַ שליחות. ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך. דער סוד, וואָס האָט אַרומגערינגלט איר פאָטערס לעבן, זיין צינישע באַציאונג צו זאַכן, וואָס זיינען הייליק אין אירע אויגן, איז נאָך מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. „א יידיש מיידל, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד... ווי קומט ער צו איר, און זי צו אים?" זי האָט געריבן די אויגן, צי דאָס איז ניט קיין חלום.

א רחמנות־געפיל צו זיך און צו איר פאָטער האָט זי פּלוצלונג דערשפּירט; ווי נאָך איר מוטערס טויט וואָלטן זיי ביידע געבליבן ביי א שטיפמוטער. צוויי יתומים ביי א שטיפמוטער. איר פאָטער איז נאָך מער רעטעניש געווען פאַר איר, ווען ער, ווי א פאַרזינדיקטער, האָט איר דערציילט אויף וואָס פאַר א זעלטענעם אופן ער איז אריינגעפאַלן.

— איך בין פאַרליבט אין א פרוי וואָס איך האָב קיינמאָל ניט באַגעגנט, און וואָס איך קען מיט איר אפילו זיך ניט צונויפריידן.

עלווירא האָט יעמאָלט קיין ווערטער ניט געהאַט אָפּצוענטפערן, אדער צו שטאַרקן איר פאָטער, דעם ניכטערן כירורג, וואָס איז געזעסן פאַר איר א פאַרלאָרענער. זי האָט אין יענעם מאָמענט זיך צוגעהערט צו איר אייגן האַרץ. איר פאָטערס געפילן זיינען צו איר איבערגעגאַנגען. זי אליין האָט דערשפּירט ווי עס עפענען זיך אויף די טויערן פון א תפיסה, וואו זי איז געווען פאַרשפּאַרט אַלע יאָרן.

זינט יעמאָלט איז איר ברייטער וועג, וואָס האָט זיך תחילת געעפנט פאַר איר אין לעבן, אלץ שמעלער און פאַרדרייטער געוואָרן. ווי נאָר זי האָט זיך אָוועקגעלאָזן אין איר פאָטערס שליחות, כלומרשט באַגלייטנדיק איר פאָטער, ווען ער האָט זי מיטגענומען אויף א באַזוך ביי דאָקטאָר לוריאַן; כאָטש אין פּריוואַטן קאָלעדזש וואו זי האָט געלערנט האָט זי באַגעגנט יונגע בחורים און מיידלעך פון רייכע יידישע היימען, מען האָט פאַרבראַכט, געשטיפט און געשפּילט אינאיינעם, איז איר, זיצנדיק ביי דאָקטאָר לוריאַן און צוהערנדיק זיך צום שמועס, וואָס האָט אויף א נאַטירלעכן אופן זיך ענטוויקלט וועגן יידן און זייער אָרט אויף דער וועלט צווישן פעלקער — יעמאָלט האָט זי זיך דערשפּירט ווי א קינד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל געעפנט אויגן און אויערן צו די אַלערליי דערשיינונגען אַרום זיך. יעמאָלט האָט זי באַנומען, אז די יונגעלייט מיט וועמען זי האָט צוזאַמען שטודירט אין קאָלעדזש געהערן גאָר ניט צום פאָלק, פון וועלכן דער שמועס איז אָנגעגאַנגען ביי דאָקטאָר לוריאַן.

— צווייערליי יידן זיינען אַפּנים פאַראַנען — האָט עלווירא געטראַכט — און אפשר גאָר צווייערליי יידישע פעלקער: איין פאָלק, וואָס באַהאַלט זיך אויס לעבנדיק צווישן פרעמדע און מאַכט נאָך אין אלץ דאָס פאָלק ביי וועמען עס לעבט.

נאָך מער צעטומלעניש האָט אריינגעבראַכט אין איר האַרץ און מוח דער ויכוח צווישן דער יוגנט, וואָס האָט מיט א צייט שפּעטער זיך צונויפ־

גענומען ביי דאָקטאָר לוריאַן. צום ערשטן מאָל האָט זי יעמאָלט געהערט, אַז ביי יידן זיינען פאַראַן יונגעלייט, וואָס ווילן, דאָס יידישע פאָלק זאָל וואָס פריער אונטערגיין; און אויך אַזעלכע, וואָס שעמען זיך ניט צו רעדן מיט עקל וועגן די אימיגראַנטן, זייערע עלטערן. איר געדאַנק איז פאַרטאָן געוואָרן מיט יידן. פונקט ווי זי אַליין האָט אין איר וואַנדערן פאַרבלאָנ־דזשעט צו אַ פאָלק, וואָס זי האָט וועגן דעם געהערט אַ גוטס, אַ שלעכטס.

ווען עלווירא, אַן אַנגעלאָדענע מיט איר פאָטערס סוד, האָט צום ערשטן מאָל געהאַלטן יוסטינעס האַנט, צום ערשטן מאָל געקוקט אין איר פּנים און אויגן, האָט זי תּחילת געפילט אין זיך דעם אחריות פון אַ דערוואַק־סענעם און עלטערן, וואָס איז געקומען אויספאָרשן, צי איר קינד וועט ניט געשטרויכלט ווערן אויף דעם וועג, וואָס עס האָט אויסגעקליבן. דער־נאָכדעם איז געקומען אַ געפיל פון איפּערזוכט, שפּירנדיק, אַז דאָס־אָ אומ־באַקאַנטע, פרעמדע קינד פון אַ ניט־באַליבט פאָלק, האָט אַרפּאַגעשלאָגן פון זיין גלייכגעוויכט איר ניכטערן און געראַטענעם פאָטער. עס איז אויך צוגעקומען די איפּערזוכט פון אַ קינד, וואָס פאַרשטייט, אַז מען איז געקומען צונעמען ביי איר דאָס איינציקע אין וואָס זי האָט איר שוץ געפונען, ווען איר יונג לעבן איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ שטורם. געווען אויך אַ רגע, ווען אַ טראַפּן ביטערניש האָט אַריינגעטריפט אין געווירבל פון געדאַנקען, געפאָדערט, זי זאָל איילן אהיים, און, ווי אַן עלטערע און דערפאַרענע, אויסמוסרן איר פאָטער, ווי מען מוסרט אַ צעלאָזן קינד.

דערנאָכדעם איז אַלץ געגאַנגען כּשורה. עלווירא האָט אין האַרצן באַוואונדערט איר פאָטער, וואָס אַרויסקומענדיק פון אָפּעראַציע־צימער האָט ער געקענט באַמערקן אָט אַזאַ פּנים און אויגן, וואָס דערציילן פון נאָך ניט פאַרווירקלעכטע חלומות, פון באַהאַלטענע ליידנשאַפטן. עקזאָטיש האָט איר יוסטינע אויסגעזען אין איר אומבאַהאָלפנקייט. אַ שוואַרצע פאַנטערע מיט איר פאַרטאַיעטקייט.

— צי וועט זי מיר ניט מאַכן ענג אין מיין פאָטערס הויז, אין מיין אייגענער היים? צי וועט זי ביי מיר ניט אויפדעקן די שנאה צו איר ראַסע, וואָס לעבט ביי אַ סך פון מיינע באַקאַנטע און פריינט?

יוסטינע האָט אין עלוויראס קעגנוואָרט זיך געהאַלטן שטאַרק באַשיידן. האָט זיך געלאָזן פירן ביים האַנט. יוסטינע האָט געלאָזן, אַז דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער זאָל רעדן, און אויפגענומען יעדעס וואָרט מיט אַן אויס־דרוק פון פאַרוואונדערונג אין פּנים. עלווירא, אַ באַגייסטערטע, האָט דערציילט ווי זי איז געווען אַ מאַמע צו איר פאָטער, און ווי איר פאָטער איז געווען צו איר אַן עלטערער ברודער:

— אָ, מיין פאָטער, ווי קען מען אים ניט ליב האָבן? ניטאָ נאָך איינער אין זיין גלייכן. איצטער גלויב איך, אַז עס איז פאַראַן אַ העכערע קראַפט וואָס גרייט צו אונדזערע וועגן און שטעגן. איך ווייס, מיין טייערע, דו פילסט אויך אַזוי.

דערנאָכדעם איז אַנגעשטאַנען אַ צייט וואָס דאָקטאָר ווילסאָנס בלאָנדע טאָכטער איז ממש געווען פאַרליבט אין דער פאַרטאַיעטער יוסטינען. זי האָט געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן זי צו באַגעגענען, און מיט דעם שוין יוצא געווען פאַר איר פאָטער. מיט פאַרליבטע אויגן האָט זי איבערגעגעבן

איר פֿאָטער פֿון די אײַגנאַרטיקע שטריכן וואָס זי האָט אויפֿגעדעקט בײַ דעם רודמאַן־מײדל.

— איך הויב אָן ליב האָבן דאָס ייִדישע פֿאָלק אויף צום אמתן. איצטער זע איך ווי אומגערעכט די קריסטלעכע וועלט איז צו ייִדן. איך וועל עס בײַ יעדער געלעגנהייט אויפֿווײַזן מײַנע פֿרײַנט ווי שלעכט זיי זײַנען, ווי פֿאַלש זיי דענקען.

דערנאָכדעם איז בײַ עלוויראַן אָנגעשטאַנען אַ צײַט פֿון אייגענעם חשבון הנפֿש, פֿון אומגעדולד צו איר פֿאָטער, וואָס אײַלט זיך ניט צו באַגעגענען דאָס ייִדיש מײדל, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן.

— ניט אַנדערש, ער האָט חרטה!

שפּעטער איז אָנגעקומען אַ מאָמענט, ווען זי אַליין מיט אירע אייגענע געפֿילן האָט זיך אַרײַנגעפֿאַלן אַנטערט אַלץ טיפֿער אין דער פֿרעמדער און עקזאָטישער וועלט, וואָס איז פֿאַר איר ביז איצטער געווען אויף יענער זײַט פֿון איר בענקען און פֿילן. זי האָט דערהערט דעם רוף פֿון לעבן, דעם רוף פֿון איר אייגן בלוט:

— גיי מיט אָפֿענע אויגן אויף דעם וועג וואָס דו האָסט אויסגעקליבן. קוק ניט מער אויף צוריק. ביסט ניט קיין מאַמע צו דײַן פֿאָטער, ביסט ניט קיין שוועסטער צו דײַן פֿאָטער דעם אַלמן. ביסט אַ מענטש אַליין פֿאַר זיך. דאָס לעבן איז פֿול מיט וואונדער, פֿול מיט נסים. זאָרג ניט מער פֿאַר דײַן פֿאָטער. זאָרג פֿאַר דײַן אייגענער יוגנט, וואָס איז רײַף געוואָרן.

ביז דער פֿאָטער האָט טרוקן און געשעפֿטלעך געבעטן עלוויראַן, זי זאָל אײַנלאַדן אויף אַוונטברויט דאָס רודמאַן־מײדל, מחמת שפּעטער וויל ער זי נעמען אין טעאַטער אַרײַן. אין האַרצן האָט זיך עלוויראַן אָפּגעריסן. זי האָט עס באַהאַלטן פֿון פֿאָטער. זי האָט זיך באַמיט אַרויסווײַזן צופֿרידנקייט.

דאָס ערשטע מאָל, ווען עלווירא האָט געפֿירט יוסטינען צו זיך אַהיים, האָט זי זיך געפֿילט קינדיש. זי האָט אויסגערעכנט צו קומען אַהיים אײדער דער פֿאָטער קערט זיך אום פֿון שפּיטאָל, זי זאָל מיט יוסטינען נאָך קענען דהאָבן אַ שמועס, אָבער צו איר גרויסער איבעראַשונג האָט זי געטראָפֿן דעם פֿאָטער אין טיר, ווי געוואַרט אויף זיי.

דאָקטאָר ווילסאָן איז געווען נעט אָנגעטאָן, זײַנע גרויע האָר גלאַט פֿאַרקעמט. מיט אַ נאַטירלעכן אויסדרוק אין פּנים, ווי ער האָט עס, לויט עלוויראַס באַגריף, געטאָן מיט איר מוטער, ווען זי האָט נאָך געלעבט, האָט ער יוסטינען אַרײַנגענומען אין זײַנע אָרעמס, געקושט אירע באַקן, אירע אויגן. יוסטינע האָט זיך ניט פֿאַרלאָרן, אָפּטרעטנדיק פֿון דעם מאַן, בײַ ווען אין די אָרעמס זי האָט זיך היימיש געפֿילט, האָט זי עלוויראַן אַרומגענומען און געדריקט איר קאָפּ צו איר ברוסט. ערשט יעמאָלט האָט עלווירא געהערט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט בײַם ייִדיש מײדל. אַ שאַרפֿער ווייטיק האָט איר אייגן האַרץ אַרומגעכאַפּט. ערשט נאָך דעם ווי דער פֿאָטער האָט זי אַרומגענומען, געקושט איר קאָפּ, אָן ווערטער געגלעט איר פּלייצע, האָט זי דערשפּירט ווי די כּחות לאָזן זי איבער — אָט באַלד וועט זי אַנידערפֿאַלן. עלווירא איז מיט אונטערגעבראָכענע קני

אוועק צו זיך אין צימער, אַנידערגעפאַלן אויף איר געלעגער, באַהאַלטן דאָס פּנים אין קישן, און געפילט ווי איר גאַנץ לייב גליווערט.

ווען יוסטינע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, געוואָלט נאָכגיין עלוויראַן, האָט דאָקטאָר ווילסאָן זי גענומען פאַר דער האַנט, געקושט איר האַנט, און זי אַנידערגעזעצט אין אַ טיפן שטול:

— זי האָט דיך ליב. זי איז געווען מיין מוטער. איצטער איז איר שווער אָפּצוגעבן איר דערוואַקסענעם זון.

יוסטינע איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ וויילע, געקוקט אויף אירע בלייכע הענט. שפּעטער האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט אונטער־טעניקע אויגן אפיר געקוקט צו דאָקטאָר ווילסאָנען. זי האָט געוואָרט, ער זאָל איר נאָך עפּעס זאָגן, וואָס זאָל איר געבן צו פילן, אַז אין שטוב וואו זי געפינט זיך איז ניט קיין שטייג, וואו עס ווערט פאַרשפּאַרט אַמאָל אַ גאזעל, און אַמאָל אַ פּאַנטערע.

— אַ מענטש קען זיך אַליין ניט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גערעדט מיט אַן אויער צו דער טיר וואו זיין טאָכטער איז פאַרשוואונדן — זיבעצן יאָר זינט איר מוטער איז געשטאָרבן. פיר און צוואַנציק יאָר איז זי אַלט געווען. נאָך עלוויראַס געבורט איז איר מוטער ניט געקומען צו זיך. יעס, אַ מענטש קען זיך אַליין ניט. איך האָב אַ סך פריינט צווישן יידישע דאָקטוירים. כ׳וועל דיך באַקענען מיט אַ פּאָר פון זיי. יידן דאַרפן ניט באַדויערן וואָס זיי זיינען געקומען אַהער. דאָס לאַנד דאַרף ניט באַדויערן וואָס מען האָט אַהער אריינגענומען יידן. יעס, מען וועט זיך איצטער נאָך מער דערנענטערן. ניו־יאָרק איז די קאָסמאָפּאָליטען פון דער וועלט. דאָ רעדט מען אַלערליי שפּראַכן. דאָ פלאַקערן אַלערליי ליידנשאַפטן, און דאָ לעשן זיך אויך אויס אַלערליי ליידנשאַפטן. דאָ פלאַקערט נאָך די יידישע ליידנשאַפט פאַריינגערט צו ווערן. יעס, דאָס איז מיין קאָנצעפּציע וועגן די פּראָבלעמען ביי אונדז אין לאַנד. זי האָט ליב אַמאָל זיך אויסצואוויינען... אַ טייער קינד, עלוויראַ, שאַדט ניט, זאָל זי זיך אַביסל אויסוויינען.

— איך האָב זי זייער שטאַרק ליב — האָט יוסטינע זיך אָפּגערופן, און געשפּירט דאָס בלוט אין פּנים.

— זי פאַרדינט עס.

— זי איז אייפערזיכטיק.

— דאָס איז אויך נאַטירלעך.

— מיך פאַרדריסט עס.

— מענטשלעכע נאַטור בלאָנדזשעט ניט האָריזאָנטאַל — נאָר ווער־טיקאַל. ניט ברייט און לענג, נאָר אַרויף און אַראָפּ.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— דער מענטש פאַלט פון דער הויך צו דער נידער; און אַזוי אויך די פרייד פון לעבן קריגט איר טויטקלאַפּ פון אַ האַנט, וואָס שטרעקט זיך אַרויס פון דער טיף.

— וועט זי מיר בלייבן אויף שטענדיק אַ פריינט?

— דאָס איז געווענדט מער אָן דיר, ווי אָן מיר.

— פאַרוואָס איז זי אוועק?

—איר קומט אפשר אויס, אַז איך האָב זיך פון איר אָפּגעפרעמדט. ס'איז ניט דערפאַר וואָס ביי אַ פּאַטער אין האַרצן איז דאָ ווינציק פּלאַץ פאַר קינדער־ליבע, ווען ער אליין איז אונטערגעוואָרפן דעם פּראָצעס פון איבערשמעלצן זיך אין אַ מאַן. עס זיינען גרעניצן אנידערגעשטעלט געוואָרן פאַרן גאַנג פון אונדזער בלוט. ביז אַהער ביסטו פריי, און וויטער איז דער וועג פאַרשטעלט. נייג זיך רעכטס, נייג זיך לינקס, טרעט אַמאָל אָפּ צוריק, כאַ־כאַ־כאַ.

יוסטינע האָט זיך איינגעהערט צו זיינע רייד. ער האָט גערעדט קלאָר און זי האָט כמעט אַלץ פאַרשטאַנען.

— דו האָסט ליב יידן? — האָט יוסטינע מיט אַ ציטער אין שטים געפרעגט.

— איך האָב קיינעם ניט ליב — האָט דאָקטאָר ווילסאָן סאַרקאַסטיש אַפיר געקוקט צו יוסטינען.

— קיינעם ניט?

— די באַציאונג פון מאַן צו פרוי איז ניט פאַרבונדן מיט די געפילן פון ליבע.

—איז ליבע אַ טעות?

דאָקטאָר ווילסאָן האָט ווי פאַרהערט איר פראַגע. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען יוסטינען אונטערן אָרעם.

— קום, וועלן מיר עלוויראַן געבן צו פאַרשטיין, אַז ליבע איז אייביק. זי איז ניט קיין נאַר, מיין טאָכטער. זי קען אָפּשאַצן אַ מאָמענט פון סכנה. קום, וועלן מיר איר באַווייזן, אַז ליבע איז אייביק.

אָבער צו ביידנס איבערראַשונג האָבן זיי ביי עלוויראַן אין צימער קיינעם ניט געפונען.

יוסטינע האָט באַמערקט דאָקטאָר ווילסאָנס פאַרלעגנהייט. אין האַרצן איז זי געווען צופרידן וואָס דאָס האָט פּאַסירט. אָן קיין שום געפיל פון חרטה איז זי געפאַלן אין זיינע אָרעמס, און געהערט, ווי איר בלוט רינט פון אירע אָדערן אַרויס.

קאַפּיטל נײַן

ר׳ בונים לוריא האָט געגלויבט, אַז ער פאַרנעמט פון סאַוועט־רוסלאַנד קיין אמעריקע זיינע גאַנצע זיבעציק אָפּגעלעבטע יאָרן, דורך אַ נס וועט ער אָנהויבן זיין לעבן מיט יונגן כוח און מיט יונגע השגות. אָבער אויסגעקומען איז עס אַביסל אַנדערש.

ר׳ בונים האָט געזוכט אַן אָרט פאַר זיינע זיבעציק יאָר צווישן קרובים, און ניט געפונען. ער האָט געזוכט אַן אָרט פאַר זיינע זיבעציק יאָר אויף דער איסט־סייד, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן איבערבלייבעכצן פון די אַמאָליקע גרינע און איצטיקע „זיילן״, וואָס שפּאַרן אונטער דעם שטאַרק איינגעבויגענעם יידישן בנין, אויך צווישן זיי האָט ער קיין מנוחה ניט געפונען. כאָטש ער ד׳האָט צו פינף און צוואַנציק יאָר געהאַט סמיכה אויף רבנות, איז ער פונדעסטוועגן קיינמאָל קיין רב ניט געוואָרן. זיין געטרייע ווייב חנה־רייזע, וואָס האָט אים אלע דריי יאָר אַ קינד געבוירן, זי איז געשטאַנען אין באַקאַלעי געוועלבל, מפרנס געווען די קינדער און איר מאַן, וואָס האָט זיך גאַנצע טעג אומגעקאַלאַטשעט אין קלויז, געשאַרפט דעם מוח און אָפטמאָל אַרויסגעזאָגט אַ שטיקל אפיקורסות, אַז די תורה איז שוין ניט מער די בעסטע סחורה.

אַכט און צוואַנציק יאָר איז ר׳ בונים אַלט געווען, ווען זיין עלטערער ברודער ישראל האָט פאַרנומען האַק־און־פּאַק, פאַרנומען הויזגעזינד און אַוועק קיין אמעריקע. זיין ברודער ישראל איז מיט גאַנצע צוואַנציק יאָר געווען עלטער פון אים און האָט קיין אמעריקע שוין געפירט דערוואַקסענע קינדער. אויף די אַקסלען פון די דערוואַקסענע קינדער האָט ער זיך אוועקגעלאָזן זוכן גליק סיי פאַר זיין אייגענעם נאָך גאָר יונגן לעבן, און פאַר די קינדער, וואָס האָבן אין צייט פון די פּאָגראָמען אין די אכציקער יאָרן אָנגעוואָרן די פעדים וואָס האָבן זיי געבונדן מיטן לאַנד פון זייער געבוירן ווערן.

ר׳ בונים איז יעמאָלט געווען גאָר צעטומלט, ווען זיין ברודער ישראל האָט אים געפרעגט:

— אפשר, בונים, מ׳זאָגט, אַז דאָרטן אין אמעריקע דאַוונען אויך יידן און לערנען, אפשר דייקע דאָרטן וואַרט אויף דיר אַ כסא רבנות. ביסט אַ מטופל מיט דריי קינדער איינגאַנצן, חנה־רייזע וועט דאָרטן אויך ניט פאַרפאַלן ווערן. די קינדער וועלן וואַקסן און דאָרטן געפינען אַ תכלית. ר׳תורה, שמועסט מען, וואַלגערט זיך נאָך דאָרטן אויך ניט אונטער די פיס.

האָט בונים יעמאָלט לאַנג געקראַצט זיין ניט־אויסגעקעמטע, שוואַרצע באָרד, פאַר די אויגן ד׳האָט אים געשווינדלט, און ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב זיך ניט וואָס צו אײַלן. פּאַר, פּאַר, וועט דיר זײַן גוט, וועסטו דאָרטן ארויסזען פאַר מיר א תכלית, וועסטו נעמען און מיר אָנשרײַבן פּאַדראָבנע, וועל איך מיר מישב זײַן.

נו, האָט אים דער ברודער ישראל פון אמעריקע געשריבן א בריוו פול מיט יאוש: „איך האָב מײַנע יאָרן מיט זיך ניט מיטגענומען — האָט ישראל אין בריוו געשריבן — און אפשר האָט זיי נעכע מיט זיך פאַרנומען בשעת מ'האָט זי א געשטאָרבענע געוואָרפן פון שיף אין ים אריין. איך קען דיר שוין גאָרניט געבן קיין עצה, און מיט יידישקייט איז עס דאָ אויך ניט ווי מ'האָט אין דער היים געהאָפט. יידישקייט פאַרקויפט מען דאָ פאַרן שטיקל ברויט." האָט דעריבער ר' בונים לוריא אויפגעהערט קלערן פון אמעריקע. חנה־רייזע — אוודאי ניט. אכט קינדער האָט זי ר' בונימען געבוירן, זײַנען זיי געווען די וואָרצלען, וואָס האָבן שוין טאַטע־מאַמע אויך געוואָרצלט צום קאַלטן באָדן.

ר' בונים איז אָבער פאָרט געקומען קיין אַמעריקע מיט איבער פערציק יאָר שפּעטער. שוין דרײַסיק יאָר זינט זײַן ברודער ישראל ליגט אויף ברוקלינער בית־עולם. און ער — וואָס האָט ער ניט איבערגעלעבט אין לאַנד פון וואַנען זײַן ברודער איז געלאָפן! ער איז געווען אן עדות ווי די אַלטע וועלט איז אײַנגעפאלן אין אמאָליקן רוסלאַנד און אויף אירע חורבות האָט מען אָנגעהויבן אויפשטעלן א נײַע וועלט, וואָס איז אים דערווײַל געווען פרעמד. אין די הייליקע ספרים איז קיין רמז אויף דעם ניטאָ. איינס נאָר באַנעמט ער איצטער, אַז אַ מענטשן איז באַשערט אַמאָל צופיל דורכצוגיין ביז מען דערשלאָגט זיך צום שוועל פון טויט. און זייער אָפט, אַז מען איז שוין ביים שוועל פון טויט — פאַרגלוסט זיך ווידער לעבן, פאַרגלוסט זיך ווידער אויפסניי געבוירן ווערן. א וועלט־מלחמה געווען, ר' בונים האָט ניט באַנומען אירע גרעניצן. אַהין זײַנען דריי פון זײַנע זין גערופן געוואָרן און בלויז איינער, דער ייִנגסטער, סעמיאָן לוריא, איז לעבן געבליבן, און איז אַליין אין דער נײַער וועלט געוואָרן א גאַנצער יעדנעראַל. א איבערקערעניש געוואָרן, וואָס האָט דעם וויסטן הונגער ארויסגערופן, און מענטשן, פון הונגער געשוואָלענע, האָבן אומגעוואַנדערט אין די וויסטע גאַסן מיט אָנגעצונדענע אויגן, געלעקט די געשוואָלענע און טרוקענע ליפּן... אין דעמדאָזיקן הונגער איז אים פון דריי טעכטער בלויז איינע געבליבן. שרה, וואָס איז איצטער א סאָפי לוריא, א גאַנצע באַלעבאָסטע איבער א פאַבריק, וואָס ער ווייסט אפילו ניט וואָס מען מאַכט דאָרטן. און אייניקלעך האָט ער — פליען זיי מיט עראָפּלאַנען, ממש זיי וואוינען גאָרניט אויף דער ערד.

— ווי אַזוי איז עס געשען? ווען איז עס געשען?

איצטער איז ער אין אמעריקע, און אים דוכט זיך אויס, אַז אויך דאָ גאָר, אַן א מלחמה איז דאָ אויך אַן איבערקערעניש; זײַנען דאָ אויך מענטשן געוואָרן דאָס וואָס זיי זײַנען דאָרטן אין „רויטן לאַנד".

ער האָט געפרואווט זוכן גאָטס ערלעכקייט. „מענטשן האָבן דאָך מיט זיך פאַרנומען גאָט אין הארצן. א סימן, מען האָט דאָך געבויט אזויפיל קלויזן און שולן; טאָ, ווי קומט עס, וואָס דייקע שבת האָבן זיי פאַרשעמט? צוליבן שטיקל פרנסה, טענהען זיי, האָט מען אויף שבת א מאָך געטאָן מיט

דער האַנט... א שיינער צוליבן פּרנסה! מען האָט געוואוסט, אז פּיקוח נפש איז דוחה שבת, טאַקע יעמאָלט, ווען דאָס לעבן שטייט אין קאָן; אָבער דאָ? מען האָט געשמועסט, אז יידן האָבן זיך תחילת באַזעצט אינאיינעם, מען האָט געלעבט איינס פון אנדערן. מען האָט געהאַט אן אייגענעם שבת און אן אייגענע וואָך — טאָ ווי איז עס געמאָלט אז מען האָט גענומען און פאַר גאָרנישט מיט נישט און דעם שבת ארויסגעוואָרפן פון דעם צאָל פון די טעג?"

אין הארצן באַנ'אים טאָטשעט א כפירה־ווערימל שוין לאַנג. נאָך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָרטן, וואו עס איז טאַקע איינגעפאַלן די אלטע וועלט, דאָרטן, וואו ער האָט בחוש געזען, אַז גאָטס פינגער שטעקט אין דעם: „א שטראָף פאר דורותדיקע זינד; די מענטשן האָבן זיך פאַרזינדיקט מיט דעם דיינס איז מיינס און מיינס איז אוודאי מיינס... דעריבער איז אויף זיי געקומען א וויסטע מפּלה". זיינע קינדער זיינען געווען אין אלע פייערן. זיינע קינדער האָבן געצונדן פייערן צו פאַרברענען די אלטע וועלט, און זיי האָבן געצונדן פייערן אויסצושמידן די נייע וועלט, „א וועלט פון פרייהייט", ווי זיי רופן עס דאָרטן אָן. און דאָ?"

— עפּעס איז פאַראַן א שייכות צווישן די צוויי וועלטן. סיי דאָרטן און סיי דאָ איז די תורה פאַרשעמט געוואָרן. סיי דאָרטן און סיי דאָ איז דער מענטש א בעל גאוה, האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז אלץ וואָס די וועלט פאַרמאָגט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין רשות.

ר' בונים האָט געפּועלט ביי מאָו לוריא, הילל לוריאס יינגערן זון, ער זאָל געפינען א פרייען טאָג, און אריבערכאַפּן זיך מיט אים אויף ברוקלינער בית־עולם, וואו עס רוען די ביינער פון זיין ברודער ישראל. אַהין האָט עס אים געצויגן, אפשר וועט ער דאָרט געפינען א באַשייד צו זיינע ספקות, וואָס האָבן אים ארומגעריגלט פארן יאָר זינט ער איז אין אמעריקע. ער איז מיטגעפאָרן מיט דער רודמאַן־משפחה, אָבער געלעבט האָט ער אויף דער איסט־סייד, וואו אלטע בתי־מדרשים שטייען נאָך און וואַרטן אויף זיינע טריט. משפחה האָט אים אויסגעהאַלטן.

הילל לוריאס זון, וואָס האָלט ביים ענדיקן מעדיצין, איז דעם אַלטן מקרב. ער האָט ניט געקענט זיין זיידן ישראל לוריאַן; אָבער פון דעם, וואָס ער האָט צווישן די פעטערס און פון זיין טאַטן געהערט, איז ביי אים אין דמיון בולט געוואָרן זיין געשטאַלט, ווען ר' בונים איז אָנגעקומען. מאָו לוריא האָט אין זיין געשטאַלט דערקענט זיין זיידן ישראלן.

א לויטערער, זומערדיקער טאָג האָט זיך אריבערגעבויגן און געוואַרימט די ברוקלינער בית־עולמס, געוואַרימט די שטיינערנע מצבות און געצויגן די געוויקסן פון דער ערד ארויס.

— אָטאָ־דאָ, אָנקל, איז די יידישע סעמעטערי — האָט מאָו לוריא זיך באַמיט צו ריידן יידיש מיט זיין פעטער — אין ראָשי האָבן יידן ניט אזא סעמעטערי. אין ראָשי האַלט מען ניט פון קיין טויטע. דאָרטן ווילן זיי אויסבויען א לעבן, וואָס זאָל זיין הייליק. דו האָסט ניט געגלויבט אין דעם. זאָג, גלוסט זיך דיר ניט פאָרן צוריק?

ר' בונים לוריא האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, וואָס האָט געצויגן פון צווישן די מצבות. „דאָס אייביקע לעבן איז אומעטום דאָס

אייביקע לעבן — זייגען אים דורכגעלאָפן מחשבות — א געזונטער מענטש געווען, פאַרוואָס האָט ער אַזוי פרי זיך אָפּגעזאָגט פון עולם־הזה?״ ר׳ בונים האָט געפּרוווט אוועקגיין מיטן דמיון אויף איבער פערציק יאָר צוריק, געפּרוווט נאָכגיין די טריט פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, און האָט ניט געפילט ווי פון די אַלטע, טריבע אויגן האָבן טרערן געקוואָלן.

— מען דערציילט, אַז דיין ברודער, מיין זיידע, איז געווען א גוטער מאַן. ער איז געווען שטאַרק רעלידזשעס. האָט ניט געוואָלט אַרבעטן שבת. האָט געהאַט צער וואָס די קינדער אַרבעטן שבת. מיין פּאַ האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר א פאַרמער. ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט.

— אַוואו איז גאָט? זון מיינער — האָט ר׳ בונים לוריא געווענדט זיינע פאַרטרערטע אויגן צו זיין פּלימעניק — איז ער דאָ פאַראַן צווישן די קברים, און דאָרטן, צווישן די לעבעדיקע, איז גאָר זיין זכר ניטאָ?

— וואָס פאַר אַ גאָט מיינסטו, אַנקל?

— כ׳מיין דעם גאָט פון מיינע פאָטערס, וואו איז ער איצטער? דאָרטן האָט מען אים פאַרטריבן, און דאָ איז ער ניט בנמצא.

— גאָט פאַרטרייבט מען ניט; ער באַהאַלט זיך אַליין אויס.

— ווען איך וויים, אַז דער גאָט פון מיינע אבות וואָרט דאָרט אויף מיר, אפשר וואָלט איך מיר אומגעקערט צוריק.

— גייסט דאָך אין סינאַגאָגע.

— מיינסט אין קלויז אריין? יאָ, זון מיינער, איך גיי, אָבער גאָט איז אויך דאָרטן ניט בנמצא.

— אַמאָל וואוינט גאָט ביים מענטשן אין האַרצן. אַז מ׳פאַרנעמט אים מיט זיך אין סינאַגאָגע, דאָט מען אים! אַז מען גייט מיט א ליידיק הארץ — געפינט מען אים ניט, כאַ־כאַ־כאַ. וואָס האָסטו געקלערט, אַנקל, אין אמעריקע לעבן מענטשן מיט דעם אייגענעם גאָט וואָס אין אָלד קאַונטרי? מאַכסט א מיסטייק, אַנקל. אין אַלע צייטן האָבן מענטשן זיך פאַרגעשטעלט גאָט נאָך זייער אייגענעם געדאַנק נאָך. געווען א צייט, ווען מענטשן האָבן געבעטן צו גאָט, געשיקט זייערע פרעיערס, זייערע תפילות, יאָ, אַנקל? זיי האָבן די תפילות געהאַט, אָבער גאָט ניט געהאַט.

ר׳ בונים לוריא האָט געשפּירט, ווי די קלאָרע לופט נעמט דורך זיין לייב און לאָזט דאָרטן איבער א שאַרפע קעלט. דעם סוד פון אמעריקאַנעם לעבן האָט ער אויפן יידישן בית־עולם ניט אויפגעדעקט; און ווי אַזוי זיין ברודער, אינאיינעם מיט די יידישע איינוואַנדערער אין די אכציקער יאָרן, האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כחות כדי אָנצוהויבן א ניי לעבן, דאָס האָט ער פון דער קאַלטע מצבה אַרויס ניט אַרויסגעלייענט. ער האָט זיך צווישן די לעבעדיקע דערוואוסט, ווי זיין ברודער האָט דאָ אין לאַנד חתונה געהאַט מיט א מיידל, און ווען זי איז געלעגן אין קימפּעט, איז זי גע־שטאָרבן, איבערלאָזנדיק א יתומה־לע. מען האָט אים פאַרגעשטעלט די איינציקע טאָכטער, וואָס איז פון זיין ברודערס צווייטער ווייב געבליבן. א רויטהאָריקע, און אַזאַ קלוגע. זי האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט די עלטער ניט געלאָזן אין דער אַלטער היים און אַהער ניט געבראַכט יונגע, פרישע יאָרן. ער האָט גוטמוטיק געלאַכט. אים האָט ניט געפּאַסט צו ענטפערן, אַז איר פאָטער, און זיין ברודער, איז א יונגער געקומען קיין

אמעריקע, און דער סוף איז דער אייגענער. אָט, זיצט ער דאָך ביי זיין ברודער אויפן קבר, אָנגעשפּאַרט אָן א מצבה, וואָס איז שוין אלט מער ווי דרייסיק יאָר.

מאָו לוריא האָט אויף זיין אופן איבערגעלעבט, זיצנדיק מיט דעם אלטן ר׳ בונימען אויף ברוקלינער גרויסן, יידישן בית־עולם. ר׳ בונימס שטימונג האָט אויך אים ארומגעכאַפּט. זיצנדיק ביים קאלטן שטיין מיט דעם אויפשריפט: ר׳ ישראל לוריא, האָט עס פאר דעם יונגן מעדיצין סטודענט ארויסגערופן א סך טרויעריקע געפילן. ער איז אינגאנצן נאָך איינמאָל געווען אויף דעם בית־עולם מיט יאָרן צוריק. דער גרויסער יידישער בית־עולם מיט דעם וואַלד שטיינערנע מצבות האָט שטאַרק גערודערט זיין בלוט. ער האָט געשטודירט מעדיצין, און ביים פּאַלמעסן און צעפּערטלען טויטע קערפּערס, האָט ער קיינמאָל דערביי ניט געטראַכט וועגן דעם סוד פון לעבן, וואָס יעדער געשטאָרבענער פארנעמט מיט זיך. ער האָט ווינציק־וואָס געקלערט וועגן דעם ווערט פון יחיד, וואָס איז אריי־בערגעפירט געוואָרן אויף יענער זייט איסט־ריווער און באַגראָבן געוואָרן אין שכינות מיט זיינע לאַנדסלייט.

איצטער, ביי דער זייט פון אלטן ר׳ בונימען, וואָס איז מיט אזא ווייטיק געקומען צו זיין ברודער אויפן קבר, כדי צו שפּירן די וואָרצלען וואָס יענער האָט אריבערגעטראָגן פון זיין אלטער, דורותדיקער היים, האָט ער זיך מיטן געדאנק אוועקגעטראָגן צו זיין פאָטער הילל לוריא, וואָס איז די לעצטע יאָרן געוואָרן א מין איוב. א שטאַרקע בענקשאַפט האָט אים ארומ־געכאַפּט צו לויפן אהיים, צו זיין טאַטן אויפן פאַרם, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

— ווייסט, אָנקל, איך טראַכט, אז די יידישע רעלידזשן איז ניט שטענדיק קלוג געווען. זי האָט אויף אלטע צאַמען צוגעפּיקסט נייע, ביז עס האָט זיך אינגאנצן איינגעבראָכן.

ר׳ בונים האָט טיילווייז באַנומען וואוהין זיין פלימעניק צילט. איבער־פרעגן אים, וואָס ער מיינט מיט זיינע רייד, האָט ער ניט געהאַט קיין חשק. בפרט, אין זיין אייגענעם האַרצן האָבן זיך פארקליבן אזויפיל ספקות זינט ער איז אין אמעריקע. „וואָס איז דער חילוק — האָט ער א סך מאָל געטראַכט — צי די אמונה ווערט פון די בריונים פאַרשפּיגן, ביז קינדער פון וויג פארשטייען שוין, אז ווען זיי וועלן פון וויג ארויס, זאָלן זיי פון גאָט ניט האַלטן; צי דאָ אין לאַנד, ווי מיר דוכט זיך אויס, האָט דער ייד אליין אראָפּגעוואָרפן די אמונה פון די אַקסלען? גרויסע שינויים קומען פאָר אויף דער וועלט. אנטקעגן זיי קען זיך דער מענטש ניט שטעלן.״

— זעסט, אָנקל, — איז מאָו לוריא אויפגעשטאַנען פון מצבה־צופוסנס — וויפיל דיר איז נאָך באַשערט צו לעבן, האַלט זיך צווישן יונגע און לעבעדיקע.

ר׳ בונים לוריא האָט אויפגעהויבן די אויגן צו זיין פלימעניק און באַ־מערקט אָן אויסדרוק פון רחמנות אויף זיין פּנים. ער האָט אין יונגן, געגאָלטן פּנים געוואָלט געפינען דאָס פינטעלע ייד, וואָס ווערט פאַרפאַלן, און באַווייזט זיך ווידער ווען די ריכטיקע שעה שלאָגט.

— זעסטו, איך טראַכט, אז דו וואָלסט זיך באַדאַרפט נעמען בנימינס יינגערע טאָכטער פאר א ווייב. אָטאָ די רויטע מיין איך. א שאַרף מיידל, זי דאַרף בלייבן אין דער אייגענער משפחה.

מאָו לוריא האָט א לאַך געטאָן, אַנגערירט מיט ליבע דעם אַלטנס אַקסל:

— איך זע, דו האָסט אין זינען אלעמען.

— זי רייסט זיך געביך קיין ארץ ישראל.

— יעס, אַנקל.

— איין ארץ ישראל איז פאַראַנען, ווי נאָר איין גאָט איז פאַראַנען.

— גלויבסט אזוי?

— יעדער גלויביקער ייד מיינט אַזוי.

— און וואָס וועט זיין מיט די־אַ אַלע יידישע סעמעטעריס, און וואָס וועט זיין מיט די מיליאָנען לעבעדיקע יידן?

— זעסט, מיין זון, אָטאָ־די מצבות? איבער גאָר דער וועלט זיינען פאַראַנען יידישע בית־עולמס מיט יידישע מצבות. אז משיח וועט קומען וועלן אפילו די וואָס ליגן אונטער די מצבות זיך אוועקקייקלען קיין ארץ ישראל. די ביינער וועלן פאַרצויגן ווערן מיט אָדערן, מיט פלייש און הויט, און זיי וועלן אויפשטיין לעבעדיקע ווי מיר אַלע. יאָ, מיין זון — האָט ר׳ בונים אויפגעהויבן זיין שטים — אויסגעלייזט פון אלע זינד וועלן זיי אויפשטיין.

— גלויבסטו אין דעם, אַנקל?

— אוודאי, ווי גלויבט מען עס ניט?

מער האָבן זיי פון דעם ניט גערעדט. פאַרנאַכטצו, אַנקומענדיק קיין ניו־יאָרק, האָט ר׳ בונים געבעטן דעם יונגן פלימעניק זיינעם, ער זאָל מיט אים אריינגיין אין א קלויז אריין דאַווענען מנחה.

— דו וועסט אויך דאַווענען, קענסט דאָך מסתמא דאַווענען.

— גוט, אַנקל, איך וועל מיט דיר גיין, צי דען דאַרף איך זאָגן ווערטער, וואָס דאָס האַרץ פילט איז ניט גענוג?

— אויב אזוי, גיי זיך דיין וועג, און איך וועל מיר גיין מיין וועג.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט מאָו לוריא א צייט נאָכגעקוקט דעם אַלטן אַנקל זיינעם. די געבויגענע פלייצע וואָס האָט זיך פון אים דער־ווייטערט — האָט אים דערמאָנט זיין פאָטערס פלייצע, און אים איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן. ער האָט זיך א סך מאָל געקריגט מיט זיין עלטערן ברודער דעם לאַיער, וואָס האָט צו אלץ דעם צוגאַנג פון א פראָקוראָר, און וואָס פאַרמשפּט אָפּט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, ניט קיין רעכט צו פאָדערן פאַר זיך א באַזונדערן פלאַץ אויף דער וועלט. און ווען דער אַלטער האָט אים דערמאָנט בנימין רודמאַנס יינגערע טאָכטער האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרצן.

— וואָס איז דער כוח — האָט ער געטראַכט, וואָס האָט דעם אַלטן געצויגן אויפן בית־עולם, צו זיצן אויפן קבר פון זיין ברודער? און וואָס זיינען די פעדים וואָס בינדן מיך צום אַלטן, און צום בית־עולם?

א טרויער־כוואַליע האָט אונטערגעשווענקט און אָפּגעוואַשט דעם וועג צו זיך אהיים. פון הינטער א טרויער־נעבל האָט זיך פאַר אים געוויגט דאָס געשטאַלט פון ברכה רודמאַן. נאָענט און פרעמד איז זי אים געווען,

נאָענט, ווי אַ קרובה, און פרעמד, ווי איינע, וואָס פאַרשטייט ניט אפילו זיין שפּראַך.

ברכה רודמאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בייכיק־גרויסן שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער באַגרינטער ערד הינטער הילל לוריאַס שטאָל, און געשפּירט, ווי די קילקייט פון שטיין ציט דורך איר פּלייצע און רעדט אין איר בלוט אַריין:

— מענטש און שטיין זיינען שונאים געוואָרן, זינט דער מענטש האָט אָנגעהויבן גראָבלען די ערד און זוכן אין איר זיין שפּייז. פון אַלץ לערנט ער זיך אָפּ, נאָר ניט פון שטיין. אָן וואָרצלען בין איך איינגעוואָרצלטער אין דער ערד, און שטאַרקער פון בוים, וואָס גראָבט זיך מיט די וואָרצלען אונטער מיר.

שוין צוויי טעג באַלד זינט ברכה רודמאַן איז אינאיינעם מיט הילל לוריאַס יינגערן זון געקומען צו היללן אויפן פאַרם, מיט דער דעה צו זומערן אויפן פאַרם — נאָך אַמאָל זיך אָנהייבן גרייטן פאַר ארץ ישראל. איר האָט נאָר געררודערט וואָס אויפן פאַרם גרייט מען זיך שטאַרק אויף אַ פּאָר צענדליק „באָרדער", וואָס דאַרפן אַרין אַ וואָך אַרום אָנקומען און מאַכן פון פאַרם אַ „מיסטקאַסטן".

עס איז געווען אַ וואַרימער און לויטערער זומער פרימאָרגן. די ערד האָט פון ביינאַכטיקן רעגן זיך געטריקנט אנטקעגן הימל. פון שטאָל קעגנ־איבער ד׳האָט געצויגן דער ריח פון בהמהשע מיסט און זיך אויסגעמישט מיט דעם שאַרפן ריח פון פאַליק, וואָס איז צופוסנס פון שטיין געוואַקסן, און וואָס ברכה האָט מיט די שיך צעריבן. איינגאַנצן צוויי מעת־לעת פון ניו־יאָרק, און אַזוי ווייט און פרעמד שטייט פאַר איר דמיון די ניו־יאָרקער היים צווישן טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. געשען איז עס אַלץ צוליב איר שוועסטערס אוועקגעבן זיך, לויט ברכהס באַגריף, צום טייוול — אַבי צו קריגן אביסל עולם הזה. פרעמד איז ברכהן געוואָרן די שטוב זינט יוסטינע האָט אַזוי אָפּט אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצענע טעג און אויף מאָרגן, איבערמאָרגן, זיינען אָנגעקומען פּאַפּירענע שאַכטלען פון דעפּאַרטמענט געשעפטן מיט זיידענע אונטערוועש, היט און קליידער. כאָטש דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער איז אויף מאָרגן געקומען, פאַרלאַנגט, אַז יוסטינע זאָל זיך אויספּוצן און באַווייזן ווי שיין זי איז אין די נייע בגדים, האָט עס ברכהן דערפון געקערט די גרינע גאַל. יעדעס מאָל ווען יוסטינע איז געקומען אהיים אין דער באַגלייטונג פון עלווירא ווילסאָן, איז ברכה אוועק אין צווייטן צימער, אין הארצן געשאָלטן דעם טאָג וואָס זי האָט פאַרלאָזן סאָוועטרוסלאַנד.

אגב, איז מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער פאַר איר געוואָרן די ארבעט אין ד׳הינטערשטן צימער ביי דניאלן אין „סטאָר", וואו זי האָט נאָך ביים זייט מיט אנדערע מיידלעך געפּאַקט פאַרקויפטע פרויען־בגדים. אירע הענט זיינען „פאַראיידלט" געוואָרן, קיין שפּור ניט געבליבן פון די מאַזאָלעס, וואָס זי האָט מיט ליבע געקושט יעדעס מאָל, ווען נאָך אַ טאָג ארבעט ביי דער ערד, האָט זי די הענט געוואַשן, און מיט דעם געדאַנק פאַרטראָגן געוואָרן צום אויסגעחלומטן לאַנד.

ברכהן דוכט אויס, אַז טאַטע־מאַמע זיינען אין הארצן שטאַרק צופרידן פון גרויסן גליק, וואָס האָט דער עלטערער טאָכטער אַנגעטראָפן אין נייעם לאַנד. איר דוכט זיך אויס, אַז די עטלעכע דאָלער, וואָס יוסטינע שפּאָרט אריין דער מאַמען אין האַנט, דערפרייען דער מאַמעס געמיט. די מאַמע קוקט אויף יוסטינעס ניט־פאַרהאָרעוועטע דאָלערס וואָס זי קריגט דורך עלווירא ווילסאָן, מיט די אייגענע פריידיק־פאַרטרערטע אויגן — ווי אויף די שווער־פאַרהאָרעוועטע דאָלערס, וואָס זי און פנחס ברענגען יעדע וואָך אין שטוב אריין. דאָס עגבערט ברכהן ביז גאָר.

דער ריח פון בהמהשן מיסט האָט ברכהן געצויגן אין שטאָל אריין א קוק טאָן, אויב דאָרטן איז לעבן פאַראַנען. אריינקומענדיק אינעווייניק, איז מיט א קאָ־קאָ־דאָק א הון אראָפּגעפלויגן פון איר סידעלע אויפן בוידעם, וואו זי האָט זיך געפעדערט לייגן אן איי. די הון האָט מיט די פליגל א ווינט געמאכט פאַרבייפליענדיק איבער ברכהס קאָפּ צום אָפענעם טויער. מער קיין לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען אין שטאָל ניט געווען. דער טערפקער ריח פון בהמהשן אָפּפאַל, וואָס איז, פריש פון איבערנאכט, געבליבן אויף דעם צעדעפּטשעטן שטרוי, האָט ארויסגעשטויסן די קילקייט, וואָס דער בייכיקער שטיין האָט געלאָזן אין ברכהס פלייצע.

— בהמהשע מיסט און צעאַקערטע ערד...

ערגעץ האָט ברכה געלייענט, אז אין אינדיע באַטראַכט דער מענטש סיי די קו און סיי דאָס מיסט פאַר הייליק, און איידער דער פויער פירט דאָס מיסט ארויס אין פעלד, פאַלט ער פאַר דעם און זאָגט א תפילה פול מיט ליבע און דאַנק פאַרן דערהעלפן אים צו באַפרוכפּערן די ערד, וואָס ער גייט צעאַקערן און זייען אין איר קערנער.

— גיי, דערצייל עס דעם יידן! — האָט ברכה אין דער הויך ארויס־געזאָגט, ווען פון בוידעם איז מיט א צופרידענעם קאָקאַדאַק א צווייטע הון אראָפּגעפלויגן און ארויס דורך דעם אָפענעם טויער צום וואַרימען דרויסן.

ברכה איז ארויס פון שטאָל, מיט דער דעה אריבערצוקלעטערן דעם שטעכיקן פלויט און אוועק אין קאָקאָרוזע־פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ פאָר אַקער לאַנג און ברייט, א צוויי פוס מיט דעם זאַפטיקן גרין איבער דער ערד, אָבער אַנטקעגן איז איר אַנגעקומען די שווערע מינע לוריא, אָן ווערטער אריינגענומען ברכהס קאָפּ אין די אָרעמס און געקושט וואו נאָר זי האָט געקענט.

— פאַרוואָס זאָל אַזאַ יונגער, ליכטיקער מענטש זיין פאַראומערט? — האָט מינע געקוקט מיט ליבע ברכהן אין די אויגן אריין — אלבעטשע דיר גלוסט זיך פאָרן צוריק.

— אוי, ווי איר האָט געטראָפן.

— איך מיין ניט צוריק קיין ניו־יאָרק.

— ניו־יאָרק האָב איך פיינט.

— ביסט גערעכט. ניו־יאָרקער פאַריסענע נעז, איך קער ניט פאַר זיי.

— ניט דאָס איז אַלץ, מינע — האָט ברכה מעכאַניש געענטפערט דער תמימותדיקער מינען — איך ווייס, אַז דאָס איז ניט אַלץ.

— איך פאַרשטיי דיין טראַבל... א יונג מיידל האָט טראַבל אויב ס׳מאַכט זיך איר ניט דער ריכטיקער באַי. מיין מאַן וואָלט פאר דיר א פאַרטשן אוועקגעגעבן.

— ער געפעלט מיר אויך. פון דער גאַנצער משפחה געפעלט ער מיר צום בעסטן. ער איז ווערט א געראַטענע כלה.

— אָט באַלד וועט ער פינישן קאַלעדזש און וועט זיין א דאָקטער. א ווייב וועט באַנ׳אים גאַרניט פעלן. ער וואַרט אויף דיר מיט ברעקפעסט. מירן שוין אָפּגעגעסן. רעד אביסל מיט מיין טויבען. זי איז א דאַרלינג. זי האָט געפינישט היי־סקול, זי פאַרשטייט ווי צו רעדן מיט א מענטשן.

ברכה האָט גוט באַנומען וואוהין די שווערוואַגיקע מאַמע צילט ווען זי רעדט וועגן די מעלות פון איר זון. ניט אויפן וועג וואו מען קען אָפּרייסן א בחור, אָדער א געראַטענעם באַי, ווי איר קרובה דריקט זיך אויס, האָט ברכה אָנגעוואָרן איר מוט. דאָס וואָס זי האָט אָנגעטאָן א נחת רוח מינען און געזאָגט, אז איר מאַן איז דער ליבסטער אין דער גאנצער משפחה, האָט זי געמיינט גאנץ אויפריכטיק. די לעצטע צייט האָט זי אים אָפטער באַ־געגנט, און, ווי איר דוכט זיך אויס, איז מאַן לוריא פארנומען מיטן געדאַנק ארויסצופירן זיין שוועסטערקינד אויף א נאָרמאַלערן וועג. ער האָט אָפּגעשאַצט איר בענקשאַפט צו דער ערד. זי האָט אים דערציילט מיט וואָס פאר א מסירת־נפש עס האָבן זיך אין סאָוועטנפארבאַנד צוגעבונדן צו דער ערד חלוצים, וואָס האָבן זיך געגרייט ווען־עס־איז אריבערצוואָנדערן קיין ארץ ישראל. מאַן לוריא האָט עס גוט געפילט. ער אליין, כאָטש מיט קאָפּ, לייב־און־לעבן איז ער פארטאָן מיט זיין קאַלעדזש, איז יעדעס מאָל ווען דער ווינטער גייט אוועק און דער פרילינג דערנענטערט זיך, ווערט אים פאר די אויגן פארנעפלט, און דורך דעם נעפל זעט ער ארויס זיין טאַטנס פארוואָרלאָזטן פארם, וואָס וואַרט אויף „באָרדערס״.

— מען קען ניט אויסרייסן אייגענע וואָרצלען, נעמען זיי אויף די פּלייצעס און אוועקוואַנדערן מיט זיי איבער די שטאָטישע, ברייטע גאַסן.

דאָס האָט ער אויפגעוואָרפן זיין עלטערן ברודער דעם לאַיער, וואָס האָט ליב געהאַט ביי יעדער געלעגנהייט חוזק צו מאַכן פון יידישע פאַרמער, אריינגערעכנט זיין אייגענעם פאָטער, וואָס איז מיט א כלומרשטער אידייע געוואָרן פאַרמער ביי „אָנקל סעם״ אויף דער ערד.

ברכה רודמאַן האָט אין אים אויפגעוועקט געפילן, וואָס ער האָט בירושה געקראָגן פון זיין פאָטער. ער איז געווען גליקלעך וואָס ער קען ברכה רודמאַן פארנעמען מיט זיך. אָבער ער קען ניט פאַרשטיין, וואָס שוין צום צווייטן פרימאָרגן בלאָנקעט זי זיך ארום דרויסן, גנבעט זיך פון אלעמען אָפּ כדי צו בלייבן אליין מיט זיך. הילל לוריאס טאָכטער, טויבע, א מיידל שטאַרק אין דער מאַמען געראָטן, האָט זיך אויך געפרוואוט דער־נענטערן צו ברכהן, און ס׳איז איר ניט געלונגען צו פאַרפירן מיט איר א שמועס. צו הילל לוריאן ציט עס איר. ביי יעדער געלעגנהייט פאַרציט זי מיט אים א שמועס. די קינדער האָט עס געחידושט.

— קום, קינד, אריין, וועסטו עסן ברעקפעסט. כ׳וויל, זאָלסט זיך דאָ אביסל פּיקסן, כאַ־כאַ־כאַ — האָט מינע גענומען ברכהן אונטערן אָרעם און געפירט אין שטוב אריין.

אין טיר האָט זי הילל באַגעגנט, גענומען פאַר אַן אויער און זי צוגע־פירט צום געגרייטן טיש:

— כ'וועל דיך שיקן צוריק צו דניאלן אין סטאָר, אויב דו וועסט מיר דאָ אָנוואַרפן אַ כמאַרע אויף מיין פּאַרם. וואָס טוסטו דרויסן, רעדסט צו די שטיינער אפּנים?

טויבע האָט זיך צעלאַכט, צוגעגאַנגען און געקושט איר פאָטער.

— האָ, ברכה, האָב איך ניט אַ סמאַרטן פּאָ?

כאָטש הילל האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן פרישטיק, פונדעסטוועגן האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש:

— וועסט מיר, מינע, דערלאַנגען אַ גלאָז זויערמילך וועל איך האַלטן מיט איר קאָמפּאַניע. זאָג איר — האָט ער זיך געווענדט צו זיין זון דעם מעדיקער — זאָג איר וואָס איך האָב מיט דיר שוין אַ סך מאָל גערעדט. זי מעג עס הערן פון אַן אַלטן מאַן וואָס דהאָט אָפּגעלעבט אַ לעבן ווי אַ פערד.

— כ'וויל ניט זאָלסט עס זאָגן אויף מיין פּאָ — האָט מאַו ניט אויפ־געהויבן זיינע אויגן פון שיסעלע קאַשע — איך האָב איר ניט וואָס צו דערציילן. ווען זי וואָלט געווען מיט איר קאָפּ אין אונדזער לאַנד, אפשר וואָלט זי אַנדערש געקוקט אויף אונדזער לאַנד.

— דאגה ניט, הילל — האָט ברכה זיך געווענדט צו איר גרויען און ווי אַ דעמב געבויגענעם שוועסטערקינד — קיין שום לעבעדיקע באַשע־פעניש וואָלט זיך ניט געשפּירט בעסער פון מיר, ווען מען זעצט עס אריין אין אַ לעבעדיקן מוראַווייניק. איך בין אַ יידיש מיידל, וואָס ווייס עפּעס און ווייס וואָס זי פּאַרלאַנגט. די גאַנצע יידישע וועלט, וואוהין איך בין אריינגעפאַלן, איז אין מיינע אויגן ניט מער ווי אַ צעראַיעטער מוראווייניק.

— דאָס וואָלט אפשר ניט שלעכט געווען, ברכה. עס וואָלט שוין גאָרניט שלעכט געווען. אַ חידוש, וואָס דו האָסט זיך ניט צוגעקוקט וואָס פאַר אַ אָרדענונג די מוראַשקעס האָבן. האָסט ניט געזען ווי אזוי זיי קלייבן אויף די פּאַרוואונדעטע און טראָגן זיי אהיים, און ווי אַלע אַרבעטן פאַר איין ציל, פאַר איין צוועק.

ברכה האָט אַ שאַר געטאָן די דהאָר אויף ארויף, זיך איינגעביסן מיט איר פולן מויל ציינער אין אַ האַרטער סקאָרינקע.

— איך בין געקומען אהער צו פאַרגעסן ניו־יאָרק, טרייבט מיך פונ־דאַנען ניט אַוועק. און דאגהט ניט אזויפיל. איך שטיי נאָך אויף מיינע אייגענע פיס.

— איז טאַקע אמת, אז דיין שוועסטער איז מיט ביידע פיס אריינ־געשפּרונגען אין ליכטיקן גן־עדן אריין? — האָט הילל כיטרע אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג.

ברכה האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול.

נאָך פרישטיק האָט הילל לוריאַ איינגעשפּאַנט אַ גרויען פערד אין אַ שמאָלן אַקער און איז אַוועק אויפרודערן די בראָזנעס צווישן די שורות קאַקאָרוזע־בייטן. ער האָט געשפּאַנט פּאָראויס, הינטער אים האָבן נאָכ־געשפּרייזט שווייגנדיק מאַו לוריאַ און ברכה. קומענדיק צום ראַנד פון

פעלד ד־האָט הילל אָפּגעשטעלט דאָס פערד, זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן גראָז און געוואַרט ביז זיין זון און ברכה האָבן זיך דערנענטערט.

— עס טוט מיר הנאה, קינדער, וואָס איר זייט אַהער געקומען, — האָט הילל א פאַרזאָרגטער אָנגעהויבן. זיצט. דאָ האָף איך וועט איר בעסער פאַרשטיין וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. ברכה האָט מיך געבראַכט אויפן געדאַנק. און דו, משה — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו זיין זון, וואָס האָט מיט א ד־העלצל געגראַבלט די ערד נעבן זיך — כאָטש דו וועסט אָט באַלד זיין א דאָקטער, וועט עס מיר א סך מער הנאה טאָן אויב דו וועסט ניט אויסקלייבן ניו־יאָרק פאַר דיין לעבעדיקן קבר. קלייבט אויף די אומצופרידענע, כ׳מיין אומצופרידענע יידן, און טראַכט פון א תכלית, פון א גרונטאָוונעם תכלית. פראָשעט אַראָפּ דעם שווערן שטויב פון דעם אידעאַל וואָס דער נאַר הילל לוריא און זיין גלייכן האָבן אַהער געבראַכט מיט צוויי און פערציק יאָר צוריק. מיין זון קען גוט די אַמעריקאַנער קאָנסטיטושאָן — האָט ער גערעדט אויף ברכהס זייט — דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך אויף גאָטס ערד. זאָג איך, אַז יידן זיינען אויך מענטשן. און וואו עס זאָל ניט זיין, האָבן זיי פּראַוו צו פאָדערן אַן אָרט פאַר זיך אויף דער ערד. דאָס וואָס אונדזערע „עם עולםניקעס״ איז ניט געלונגען אין די אַכציקער יאָרן, דאַרף מען איצטער אָנהויבן גאָר פון דאָס ניי. אָט ווי אַמאָל די „עם עולמניקעס״ זיינען ניט געווען קיין גראָבע יונגען, האָבן פאַרשטאַנען ווי אין א ספר אויך אריינצוקוקן, אָט אַזוי אויך איצטער נעמט זיך צונויף יונגע מענטשן, טאַקע געלערנטע מענטשן, זאָל זיין מיט קאַלעדזש און מיט נאָך עפּעס. פאַראַן גענוג גראַמע ערטער. די רעגירונג וועט אייך פון איר לאַנד געבן, און איר הויבט אָן תחילת אויפצושטעלן יידישע דערפער, דערנאָכדעם — יידישע שטעט. איר וועט אָפּראַטעווען פון אונטערגאַנג א שטיק יידיש פאָלק. יעס, ברכה, ארץ ישראל איז ארץ ישראל. דאָרטן וועט מען אפשר אָפּראַטעווען אביסל יידן. אָבער די ארבעט דאַרף מען אונטערנעמען אין יעדן לאַנד באַזונדער אויף אַן אָרט. ערד אונטער די פיס פעלט דעם יידן. אפילו דאָ אין לאַנד איז דער ייד ניט קיין מענטש, בעקאָס ער האָט ניט קיין ערד אונטער די פיס. יעס, מיין זון, א מיסטייק, אויב מען רעדט זיך איין, אַז דאָ וועט מען לאָזן יידן, פון זיי זאָל ווערן פוך־און־פראַך, גאָרניט! מ׳וועט עס ניט דערלאָזן. ווי מ׳האָט עס ביז איצטער אין קיין שום לאַנד ניט דערלאָזן.

מאָו און ברכה ד־האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן, אונטער ביידן האָט זיך די ערד א ריר געטאָן. הילל לוריא, מיט דער בייטש אין דער האַנט, מיט טרויעריקע אויגן, האָט געקוקט אין דער ווייט. ער האָט געזוכט א געלעגנהייט אַראָפּצורעדן פון האַרצן, וואָס האָט אים אַלע יאָרן שלעכט געדריקט. אים האָט אויסגעוויזן, אַז די קאָקאָרוזע פלאַנצן האָבן זיך גע־וויגט און מסכים געווען אויף דעם וואָס ער האָט געזאָגט. כאָטש בטבע איז הילל געווען א מענטש מיט פיל ספקות, געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער האָט איצטער אַרויסגעזאָגט וועט אריינפאַלן אין דעם סכום וויכטיקע רייד, וואָס זיינען מער ווי רייד ניט פאַרבליבן.

אים האָט פונדעסטוועגן געחידושט וואָס ברכה און זיין זון ד־האָבן זיך תיכף ניט אָפּגערופן אויף דעם וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

— וואָס מיינסטו, ברכה, זיין טאַטע רעדט נאַרישקייטן? — איז הילל איבערגעראַנגען מיט די אויגן פון ברכהן אויף זיין זון און פון זיין זון אויף ברכהן — איך וויל הערן וואָס דו, משה, האָסט אויף דעם צו זאָגן.

— אַזוי סימפּל איז עס ניט. גוט צו זאָגן, אַז וואו יידן זיינען, דאַרפן זיי בויען ארץ ישראל. ווי וועט מען קוקן אויף דעם ביי אונדז אין לאַנד? וועט עס ניט פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם ביי אונדז אין לאַנד?

— ביסט גערעכט, הילל, — האָט ברכה געביסן די ליפּן — אָבער ניט אַלץ וואָס גערעכט האָט אַן אָרט אונטערן הימל.

—אַטאַ־דאָ איז דאָס לאַנד וואו יידן האָבן געקענט בויען ארץ ישראל. פון ים ביז ים שפּרייט זיך דאָס פרייע לאַנד.

— ווען דו, פּאַ, דערייסט מיר אויצטער אויפהויבן אַטאַ־די־אַ ערד, וואָלט איך אפשר אויף אַ רגע געפּרואווט אַ מעסט טאָן מיינע כחות. אָבער ווען דו גלויבסט, אַז יידן קען מען נעמען און אויסמאָלן פאַר זיי געפאַרן, ווען זיי ווילן פון קיין געפאַרן ניט וויסן, מאַכסטו אַ מיסטייק.

הילל איז אויפגעשטאַנען, צונויפגענומען די לייטשעס, און זיך אוועקגעלאָזן צווישן די קוקורוזע־שורות.

— דיין טאַטע טראָגט אַ ווייטיק אין האַרצן — האָט ברכה נאָכגעקוקט היללן. — איך פאַרשטיי עס. מיט איינס בין איך מסכים, מאָו, אַז יידן וועלן נאָך דאָ אין לאַנד זיך אַמאָל פאַרבענקען נאָך דעם ריח פון אויפגעאַקערטער ערד.

* * *

מאָו לוריא איז געקומען אהיים צו זיינע עלטערן אויפן פאַרם מיט דער דעה צו פאַרברענגען עטלעכע וואָכן און דערנאָך פאַרן צוריק אין שטאַט אריין, זיין נעענטער צום קאָלעדזש, וואו ער האָט געהאַלטן ביים ענדיקן מעדיצין. האָט ער אָבער מיט אַמאָל אָנגעהויבן הערן אַ שטים פון דער ווייט, וואָס האָט ביי אים געמאָנט חשבון הנפש, געמאָנט, ער זאָל ניט פאַרטאָכלעווען זיינע צוקונפטיקע טעג פאַר אַ קאַריערע־וועגן. מעגלעך, זיין פאַטערס מרה שחורה איז אין דעם געווען שולדיק.

— איז עס אַ תכלית צו זיין אַ דאָקטערל צווישן טויזנטער אַנדערע יידישע דאָקטוירים, טאַטע־מאַמעס נחת?

אין די ייִנגערע יאָרן, ווען דהילל לוריא איז נאָך געווען דער פולער פאַרמער, האָט דאָס קליין משהלע ליב געהאַט מיטצוגיין מיט אים אין פעלד, בעטן, דער טאַטע זאָל אים לאָזן צוהאַלטן אַ הענטל פון אַקער, האַלטן די לייצעס בשעת די פערד האָבן געשלעפּט די בראָנע איבער דער צעאַקערטער ערד; ער האָט ליב געהאַט שטיין אויפן וואָגן, וואַרפן די האָבערסנאָפּעס צו דער דרעש־מאַשין, וואָס דער טאַטע זיינער האָט געהאַט בשותפות מיט שכנישע פאַרמער. ער האָט ליב געהאַט גיין מיטן טאַטן אין וואַלד, העלפן אים האַקן און אַנגרייטן דהאָלץ פאַרן ווינטער. דאָס איז אַלץ געווען יעמאָלט, ווען ער האָט געלערנט אין דער דאָרפישער פאָלק־שול, און שפּעטער — אין דערבייאיקער שטעטלשער מיטלשול. אוועקפאָרנדיק אין ניו־יאָרק אין קאָלעדזש אריין, האָט די ערשטע צייט דאָס קאָלעדזש־לעבן צוגענומען זיינע געדאַנקען פון דער היים. ערגעץ וויט הינטער אַ נעפּל האָט אים אויסגעזען זיין טאַטנס פאַרם.

דווקא די לעצטע פאַר יאָר אין קאַלעדזש, יעדעס מאָל ווען דער פרילינג איז געקומען, האָט די היים אויפגעלויכטן פון דער וויטנס, געמאַנט, ער זאָל זיך אומקערן, און ווי אין די יינגלשע יאָרן, מעסטן די פעלדער מיט די אייגענע טריט; זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ ניט־אָנגעזאָטלטן פערד און אוועקגאַלאָפּירן איבער די פעלדער. ער האָט אָנגענומען פאַר נאַטירלעך דעם טאַטנס שווייגעוודיקייט. „אָט אַזוי זייַנען זיי די פאַרמער“. דעם טאַטנס טרויעריקע בליקן, וואָס זייַנען אָפט געפאַלן אויף אים האָבן אַרויס־גערופן טרויער ביי אים. ער האָט באַגריפן זיין טאַטנס סאַרקאַסטישע באַמערקונגען וועגן די „באָרדערס“, שטאָטישע בעל־מלאכות, וואָס זייַנען יעדן זומער געקומען און פול געמאַכט זיין שטוב מיט רייד וועגן עסן און קאָרטנשפּיל. אין אים האָט עס דערוועקט אַ געפיל פון באַדויערן און רחמנות צו זיין טאַטן. עטלעכע מאָל האָט הילל לוריאַ זיין לעבן אויפן פאַרם פאַרגליכן צו אַ לעבן אויף אַ בית־עולם, וואו ער האָט זיין שענסטן אידעאַל באַגראָבן.

ס'לעצטע יאָר איז ברכה רודמאַן מיט אַמאָל אָנגעקומען אויף מאָר לוריאַס לעבנסוועג. אַ גלידשעווסטערקינד, וואָס ווייזט צו אים ניט אַרויס קיין ליבע, און דאָך איז זי אָנגעקומען ווי אַ שטורם־ווינט און אויפגעריסן דעם פאַרהאַנג וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעטיילט זיין הייַנט פון דעם נעכטן.

— וואָס וויל די רויטהאָריקע, אין־זיך־פאַרליבטע ברכה, צי איז דאָס גרייטן זיך קיין פּאַלעסטינע אַלץ וואָס זי האָט אין זינען?

ער האָט זי באַגלייט צו זיין טאַטע־מאַמע אויפן פאַרם, און אגב, אַליין געוואויר ווערן וואָס טאַטע־מאַמע און די יינגערע קינדער מאַכן. דאַסמאָל וואָלט אַפילו פאַר אים געווען אַ סך גלייכער צו בלייבן אין ניו־יאָרק. עס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר שילער, און ער וואָלט די הוצאות אויסגע־שלאָגן. נו, איז ברכה אַזוי נאָגנט צוגעקומען צו אים און געבעטן, ער זאָל זי באַגלייטן צו זייַנע עלטערן אויפן פאַרם. נאָר דאָס, און מער ניט. איז ער געקומען אַהיים, און אַ נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט און פאַרשטעלט פאַר אים די שטאָט. ברכה האָט זיך אויסגעטאָן באָרוועס, מיט אַן אונטער־געשטעקט קליידל אומגעקראָכן צווישן די קוקורוזע און קאַרטאָפל־בייטן, געמאָלקן אין דער פרי און פאַרנאַכט די קי; אומגעגאַנגען מיט אַ פאָר־באַרגענעם פייער אין די אויגן, און עס האָט אויסגעוויזן — פון איר ע באָרוועסע פיס ביז צו די שפּיצן רויטע האָר פלאַקערט אַ פייער אין איר, וואָס וועט זי סוף־כל־סוף פאַרצערן. אים חידושט וואָס זי האָט אַ ווירקונג אויף זיין יינגערער שוועסטער, אויף טויבען, וואָס איז אויך אויפגעצויגן געוואָרן אין פעלד־אַרבעט. קומענדיקן פרילינג, זאָגט זי, וועט זי אוועק־פאָרן קיין פּאַלעסטינע; אין שטאָט וועט זי זיך מער ניט אומקערן. אָבער מאָר איז חושד, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ לעצטער פּרוּוו, אַ מיידלשער פּרוּוו, אָנצינדן אַלע פייערן, כדי זיך שפּעטער איינגאַנצן אויסלעשן אין אַ מאַנס אָרעמס.

— איך לוריאַ בין ניט דער מאַן אין וועמעס אָרעמס זי וועט איר פייער אויסלעשן — האָט מאָר לוריאַ געטראַכט.

ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר די צוויי וואָכן, זינט הילל לוריאַ האָט זיי ביידן געהייסן אַ טראַכט טאָן אין צייט פון דעם „עם עולם“

אידעאַל, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע מיט איבער פערציק יאָר צוריק, האָט זי קיין איין מאָל וועגן דעם ניט דערמאָנט.

— זאָל זיין זי האָט אָן דעם פאַרגעסן?

עס איז געווען אַ קילע נאַכט. אַ שווערער, קאַלטער טוי האָט זיך געזילבערט אַנטקעגן דער פולער לבנה. אין לבנה־ליכט האָט אויסגעוויזן — ווי די בערג אַרום באַוועגן זיך, אַט באַלד וועלן זיי מיט די ווייסע וואָלקנדלעך זיך אַוועקלאָזן שווימען אינערגעץ, אינאיינעם מיט די וואָלקן זיך אויפלייזן. הינטערן פאַרם האָט דער וויפּ־פּור־וויל עקשנותדיק געדופן, געמאָנט און דערמאָנט, אַז די לבנה איז אַ פולע און דער טוי ליגט שווער אויף די גראָזן.

ברכה רודמאַן האָט אין קיך ביי אַ זייטיקן טישל, אינאיינעם מיט דעם אַלטן אַרבעטער טאַראַס ראַזומני, וואָס אַרבעט אַלע יאָרן ביי הילל לוריאַן אויפן פאַרם, געגעסן וועטשערע, זויערמילך מיט ברויט.

— איך דיר זאָג — האָט טאַראַס ראַזומני גערעדט אויף זיין אייגענעם יידיש — אַז דער פּראָקלאַטער פויגל איז אַ פאַרשאָלטענער טשאָרט. אַז ער שרייט היינט ביינאַכט, וועט מאָרגן ביינאַכט פאַר שור רעגענען, אַזוי זאָגט מען. טאַראַס זאָגט, דאָס איז אַ טשאָרט, אַ כלאָפּעץ אַ פּראָקלאַטער... האָט פאַרפירט אַ דעוווקע, געלאָזן, וועלף זאָלן זי פרעסן. און טשיקאַווע, שרייען שרייט ער ווי אַ דעוווקע, וויפּ־פּור־וויל... וויפּ־פּור־וויל... אַ טשאָרט אַ דעוווקע.

— ס'קען זיין, טאַראַס, אַ דעוווקע האָט פאַרפירט אַ כלאָפּעץ — האָט ברכה הנאה געהאַט פון שמועס — היינטיקע דעווקעס קענען צערעכט מאַכן אַ כלאָפּעץ אויך. פאַרוואָס האָסטו ניט חתונה געהאַט, טאַראַס?

— איך ד'האָב מורא פאַר באַבעס.

— באַבעס, אַז זיי ווילן, מאַכן זיי אַ לעבן זיס.

— אַמעריקאַנער באַבעס, דו גיב זיי סמאַראַדינעס, זיי זאָגן: גיב מיר קאַרשן. גיב זיי קאַרשן, זיי דיר זאָגן: גיב מיר רויטע עפּל. אַ באַבע ווייס וואָס זי האָט פאַרן באַלוואַן דעם מאַן. זי וויל אַ באַרגן. דער באַלוואַן דער מאַן, בלייבט אַ באַלוואַן. דו ביסט אַ ספּריטנע דעוווקע. דעם באַסעס בענאַק קוקט נאָך, כע־כע־כע, קוקט נאָך דיינע באָרוועסע ליטקעס. ווייז זיי אים ניט צופיל, כאַ־כאַ־כאַ.

ברכה רודמאַן האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול, פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן דעם אַלטן טאַראַסן אין פּליצע, אַרויס דרויסן, און דערפילט די קילקייט פון דער ערד.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען און געהערט דאָס רופן פון וויפּ־פּור־וויל, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די שטימען פון די „באַרדער" אויפן צווייטן שטאָק. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף איר פולער ברוסט און פאַרזיכטיק, טריט־ביי־טריט אַרויס הינטער דער שטאַל, זיך אָנגעשפּאַרט אָן פעלז, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט צום קילן דרויסן.

מיט אַמאָל האָט זי דערשפּירט ווי אונטער דער רעכטער פוס רירט זיך עפּעס. אַ זשוק, אָדער אַ וואָרים, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון דער ערד, רודערט דאָרטן און וויל זיך אַרויסקלייבן פון אונטער איר פוס. ברכה האָט איר פוס ניט גערירט. געדולדיק און מיט עקשנות זיך איינ־

געהערט צו דער לעבעדיקער באַשעפעניש אונטער איר באָרוועסן טראָט. לויט דער טרוקנקייט, איז עס געווען אַ זשוק. ניט קענענדיק ארויס פון אונטער איר טראָט, דהאָט ער זיך אָנגעהויבן גראָבן צוריק אין דער ערד אריין. איר וואָלט אפילו ניט געאַרט ווען דער זשוק הויבט איר אָן ווי טאָן, הויב זיך אָן גראָבן אין איר לייב אריין.

— ברכה, וואו ביסטו? — האָט זיך דערהערט טויבעס שטים.

ווינציקער פון אלץ האָט ברכה זי געוואָלט איצטער באַגעגענען. זי האָט מיט איר ניט געהאט וועגן וואָס צו רעדן. טויבע וואָלט מיט איר גערעדט וועגן בחורים, וועגן די „באַרדערס"; טויבע וואָלט ביי איר געפּאַרשט, זי זאָל איר דערציילן פון אירע ליבעס. איצטער איז איר גוט אַזוי צו שטיין און זיך איינהערן צום זשוק, וואָס גראָבט זיך אונטער איר פוס.

מיט ווייכע טריט איז אָנגעקומען די שטוביקע, שוואַרצע קאַץ. ווי די קאַץ וואָלט געוואוסט, אַז ברכה שטייט דאָ אליין א פאַרבענקטע. די קאַץ האָט מיט איר האַריקער און וואַרימער זייט א וויש געטאָן איר פוס איבערן קנעכל, און מיט דעם פאַריסענעם ווידל אָנגערירט די ליטקע ארום קני.

— מיאַו — האָט די קאַץ אויפגעהויבן אירע גרינע, אָנגעצונדענע אויגן צו ברכהן — מיאַו... וואָס שטייסטו דאָ אין דער פינצטערער נאַכט אליין? מיאַו, נעם מיך אויף דיין דהאַנט... מיאַו, איך בין נאַרוואָס געזעסן ביי אים אויף די קני, האָט ער מיך געשיקט זאָגן, אז ער וויל זיין נאָענט נעבן דיר... מיאַו...

ברכה האָט זיך אראָפּגעבויגן צו דער קאַץ, זי ארייַנגענומען אין שויס, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געלאָזן, די קאַץ זאָל מיט איר נאָז און וואָנצן אומגיין איבער איר פנים. וואַרעם איז די קאַץ געווען. די וואַרעמקייט האָט זיך געזיפּט דורך אירע שוואַרצע האָר, און דער פּאַספּאָר־גרינער פייער ביי דער קאַץ אין די אויגן, האָט דערציילט פון אַ קאָטער וואָס דאַרף קומען צו איר. זי וואַרט אויף אים נאַכט נאָך נאַכט, נאָר ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט און ביז איצטער נאָך ניט געקומען.

— ברכה, וואו ביסטו — האָט זיך ווידער דערהערט טויבעס שטים.

די קאַץ האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, א ווייל זיך איינגעהערט, און זיך געלאָזן לויפן אַהין פונוואַנען די שטים האָט גערופן, און איבערגעלאָזן א פיבער אין ברכהס גלידער: א קעלט האָט ארומגעכאַפּט דעם בויך, דורכגעשניטן דאָס לייב ביז צו די דהיפּטן, דורכגעשניטן זיג־זאַגיש דעם רוקנביין און אריינגעבראַכט א קלעמעניש אין דער בריסט און ארום האַרצן. דאָס עקשנותדיקע געשריי פון וויפ־פּור־וויל האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן אין די שלייפן.

אין אַ ווייל אַרום האָט זיך ווידער דערנענטערט דאָס מיאַוקען פון דער קאַץ, און טריט פון א מענטשן. מאָו לוריא איז אָנגעקומען, אַראָפּגעצויגן ברכהן פון שטיין און זי ארייַנגענומען אין זיינע ברייטע און שטאַרקע אָרעמס אריין. ער האָט זיך מיט די ליפּן איינגעזויגן אין איר האַלדז און געהערט ווי איר לייב צוקט פון די האַלדז־מוסקולן ביז אַראָפּ.

ברכה האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. די בענדער אין די קני זיינען לויז געוואָרן. זי האָט געוואָלט די באַרוועסע פיס באַהאַלטן אונטערן קליידל. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער פייכטער ערד, און אים מיט זיך מיטגעצויגן.

— דיר איז קאַלט — האָט מאָו לוריא שטיל געזאָגט.

— אַ גוטע קעלט. גוט — האָט ברכה געפילט ווי זי ווערט קלענער און קלענער אין זיינע אָרעמס.

— דיינע האָר זיינען פייכט פון טוי.

— מיין האַרץ איז קיל פון דער נאַכט.

— דיין האַרץ וועט אַמאָל איבערברענען אין אייגענעם פייער.

— זאָל עס.

— וואָרטסט פון לעבן גאָרניט.

— איך ווייס ניט.

— דו פאַרשטייסט מער ווי אַ דורכשניטלעך מיידל.

— דעריבער ווייס איך גאָרניט.

— דו האָסט געוואָרט אויף מיר?

— ניין. איך האָב געהערט דעם ווינ־פּור־וויל, און געטראַכט. מאַך צו דיינע אויגן. נעם אַראָפּ די גלעזער פון די אויגן. קוק ניט אויף מיר. איך בין ניט איך. איך האָב זיך ערגעץ אָנגעוואָרן. ס׳איז ניט מער ווי אַ פאַרשטעלעניש. דו ביסט וואָרימער פון מיר, כאָטש דו ביסט מיט צען יאָר עלטער פון מיר. גלויבסט, איך בין אַ יונג מיידל. איך בין די זאָרג, ווייטיק, אַ פאַרלאָרענער חלום. ווען פאַרסטו צוריק אין שטאָט אריין?

ברכה האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע אָרעמס, אנידערגעזעצט אויף זיינע קני, און צו זיך אויף דער ברוסט אראָפּגעצויגן זיין קאָפּ. איר האַרץ האָט געקלאַפּט — אַזש אין דער נאַכט האָט עס אָפּגעהילכט.

— זאָג מיר, ווער ביסטו און ווער בין איך? ווער ווייס, אפשר אַזוי זיצן דאָרטן חלוצים נאָך אַ טאָג שווערער ארבעט. אַ סך מער שלוה ארום זיי. וועסטו מיט מיר זיך לאָזן אַהין? האָ, משה... איך וויל דיך רופן משה. וועסטו מיט מיר פאָרן אַהין?

מאָו לוריא האָט עס שוין עטלעכע מאָל געהערט פון איר. נאָך אין ניו־יאָרק האָט זי אים געפרעגט, צי ער וואָלט געוואָרפן אמעריקע, געוואָרפן קאָלעדזש מיט זיין דאָקטאָריי און זיך געלאָזן קיין ארץ ישראל, העלפן בויען די יידישע היים. אָבער קיינמאָל איז נאָך ברכה ניט געווען צו אים אַזוי נאָענט ווי איצטער. קיינמאָל נאָך ביז איצטער האָט זי זיך אַזוי ניט קליין געמאַכט כדי צו פאַרלאָרן גיין אין זיינע אָרעמס. זי פרעגט ביי אים, און ער האָט ניט קיין חשק צו ענטפערן. אים פאַרדריסט וואָס זי האָט פון דעם אָנגעהויבן צו רעדן.

— האָסט מיר נעכטן געזאָגט, אַז דו ביסט די נאַכט. לערן זיך פון דער נאַכט. די נאַכט איז דערפאַרן און קלוג. איך האָב די נאַכט און די בערג שטאַרק ליב.

— איך האָב דיך עפּעס געפרעגט.

ברכה האָט זיך אויסגעגלייכט, אַנטקעגן שיין פון דער לבנה האָט זי אריינגעקוקט אין זיין פנים אריין.

— איך האָב דיך ליב פאַר דיין אָרנטלעכקייט. גוט אַזוי, אפשר האָב איך עס דיר ניט געדאַרפט פרעגן. ביסט דאָ געבאָרן. ביסט א קינד פון אמעריקאַנעם פאָלק. ביסט גאָר קיין ייד ניט. ביסט געבאָרן געוואָרן אָן יענע ווייטיקדיקע פעדים וואָס בינדן יידן מיט יידן און וואָס שפּרייטן שרעק אין דער יידישער מחנה.

— אפשר.

— אָ, איך קען דיך, משה. ביסט מיר פרעמד, כאָטש דו ביסט מיינער א קרוב. פאַרוואָס ביסטו מיר פרעמד, כאָטש דו האָסט מיך אָנגעוואָרימט מיט דיין לייב? האָ, פאַרוואָס ביסטו מיר אַזוי פרעמד? אפילו דאָס, וואָס דער טאַטע האָט דיר אַנומעלטן געזאָגט, איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר דיינע אויערן ווי א ווילד־פרעמדער וואָלט דיר דערציילט וואָס אַזוינס עס שטייט נאָך פאַר דעם יידישן פאָלק אפילו אין דיין אמעריקע.

מאָן לוריא ד׳האָט געהערט אירע רייד און אויף דעם זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט גענומען אירע הענט צו די ליפּן, דערנאָכדעם זיי פאַרדרייט אויף הינטן, זי אויפגעהויבן אויפן אָקסל און מיט איר אוועקגעשפּאַנט צום שטוב.

— וואוהין טראָגסטו מיך? — האָט ברכה צעשראָקן געפרעגט.

— אין שטוב אריין.

— ניין, איך וויל זיין דרויסן.

— מען ווייסט ניט אין שטוב וואוהין דו ביסט אַהינגעקומען. איך בין אַרויס דיך זוכן.

— דו האָסט מיך ניט געפונען. א ביינאַכטיקן חלום טראָגסטו אין שטוב אריין.

—וואו דען ווילסטו?

— וועל נעכטיקן דרויסן.

— ס׳איז קאַלט, א שווערער טוי.

— לאָז מיך דאָ. אינדערפרי וועל איך מיך לאָזן צוריק אין שטאָט אריין.

— ביסט דאָך געקומען אַהער זומערן?

— מאָרגן פאָר איך צוריק. בלייב מיט מיר דרויסן, ס׳איז מיין לעצטע נאַכט דאָ.

— אָ ניין, דו פאָרסט נאָך מאָרגן ניט.

— מאָרגן, מאָרגן, באַגינען פאָר איך אַוועק.

— וואָס איז דאָס פאַר אָ געאייל?

— דער וויפּ־פּור־וויל טרייבט מיך פון דאַנען.

— כאַ־כאַ־כאַ.

— יאָ, דער וויפּ־פּור־וויל, און דו, משה — ביידע טרייבט איר מיך פון דאַנען.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין אָקסל און זיך געלאָזט לויפן אין דער נאַכט אריין.

* * *

די צוויי רודמאַן־שוועסטער, יוסטינע און ברכה, האָבן זיך באַגעגנט אין טיר פון זייער הײם. יוסטינע מיטן קאָפּ אין דער הויך, די שוואַרצע אויגן ברייט אָפן, שלאַנק, דאָס ראָז־און־וויס זומער קליידל גוט געפּאַסט, ד׳האָט

געהאַלטן ביים ארויסגיין פון שטוב, ווען ברכה, מיט דעם רויט־געקרויזטן קאָפּ נאָכלעסיק, די גרינלעכע אויגן פאַרנעפּלט, איז פון גאַס אַנגעקומען.

זינט ברכה איז צוריקגעקומען פון הילל לוריאס פארם, האָבן די שוועס־טער ניט גערעדט צווישן זיך. די באַגעגעניש איז אויסגעקומען אומגעריכט. ביי ביידן האָבן זיך די פּיס אונטערגעבראָכן. אויסער זיי איז אין שטוב קיינער ניט געווען.

יוסטינע האָט אָפּגעטראָטן הינטעריקס א פּאָר טריט צוריק אין צימער אריין, באַטראַכט מיט חידוש די יינגערע שוועסטער. ברכה איז ביים שוועל געבליבן שטיין, מיט דעם אויסדרוק, ווי זי קלייבט זיך צוריק ארויס דרויסן.

יוסטינע האָט אומפריינטלעך א שמייכל געטאָן און איראָניש געזאָגט:

— דיין שוועסטער איז נאָך דערוויילֿ א מענטש, האָב קיין מורא ניט אריינצוקומען.

— א מענטש צו זיין איז ווינציק — האָט די יינגערע, ניט קוקנדיק צו דער שוועסטער, שאַרף אָפּגעענטפערט, און איז אריין מיט שנעלע טריט אין צימער אריין.

— וואָס דען דערוואַרטסטו פון א מענטשן אויב ניט דאָס טשעלאָ־וועטשעסקאָיע אין אים? — האָט יוסטינע נאָכגעקוקט איר אַנגעדרונצלטע שוועסטער.

— דאָס האָסטו קיינמאָל ניט פאַרמאָגט — האָט ברכה שאַרף אָפּגעענט־פערט.

—זאָג, וואָס בין איך דיר שולדיק, וועל איך באַצאָלן.

— מיר ביסטו גאָרניט שולדיק.

— טאָ פאַר וועמעס קריוודע נעמסטו זיך אָן? איך האָב ביי דיר קיין ליבע ניט פאַרכאַפּט.

— זיי ניט אזוי ציניש.

— איך קוק אויף אלץ מיט ראַזעווע אויגן. וואָלט איך געווען צופיל ראָמאַנטיש, האָב איך עס פיינט. צופיל ראָמאַנטיק איז א ליגן. וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? דיר אודיוולאַיעט וואָס אין אַמעריקע האָב איך א מויל צו רעדן און ענטפערן, אמת? דאָרטן בין איך געווען שטום, דאָרטן האָט מיך א אייגענע שוועסטער געקענט שיקן קטשאָרטו. דאָרטן, אז איך האָב געשמועסט, איז געווען גוט. און טאָמער האָב איך דאָ אראָפּגענומען דעם שלאָס פון מויל, בין איך ביי מיין שוועסטער קיין מענטש ניט.

ברכה, ווי איר שטייגער, האָט מיט גאוה פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו, דיך פאַרדריסט, וואָס דאָס זאָגט דיר א שוועסטער?

— איך קען דיין קוק אויפן לעבן; ס'איז די פילאָזאָפיע פון א פרוי, וואָס מער ווי איר אייגענע פעל וויל זי ניט קענען.

— אָבי דו האַלסט מיך כאָטש פאַר אַ פרוי, ספּאַסיבאָ. וויל איך דיר דערמאָנען, אַז דו ביסט אויך א פרוי, כאָטש דוווילסט אריין אין א פעל פון א מושטשינע.

— איך וויל דיר ניט דערמאָנען וואָס די פרוי איז אין ארץ ישראל. כ'וויל דיר אָבער דערמאָנען וואָס די פרוי איז איצטער אין לאַנד פונוואַנען מיר זיינען אנטלאָפן.

— אומעטום איז די פרוי ניט מער ווי א פרוי. זשענשטשינא, שוועס־טערל! ס׳וועט לאַנג ניט דויערן ביז די פרוי וועט צוריק ווערן פרוי, און דער מאַן, דאָס, וואָס ער איז שטענדיק געווען. דער מאַן אליין וועט טרייבן די פרוי צוריק אין איר אַלטער שקורע אריין.

— ווייסט ניט אין וואָס פאַר א צייט דו לעבסט. ביסט א צו גרויסע קאַריעריסטקע.

— יעדערער אויף זיין אופן איז א קאַריעריסט. איצטער בין איך אין אמעריקע. אלץ איז דאָ רעאַל, ווי ס׳איז רעאַל דער מאָמענט פון געבוירן ווערן. כ׳האָב קיין פּאַניאַטיע ניט, פון וואַנען ביי דיר אין האַרצן האָט זיך אָנגעקליבן אזויפיל ביטערניש. ווילסט ניט פאַרליידן וואָס איך לעב פון גרייטן — האָט יוסטינע גערעדט ווי צו זיך.

— מען מעג לעבן פון גרייטן אויך.

— ספּאַסיבאָ, שוועסטער. איך בין מיט צוויי יאָר עלטער פון דיר. האָסט נאָך צו וואַרטן גאַנצע צוויי יאָר ביז דו וועסט קומען צו מיין געדאנק. איך בין אויף דיר ניט ברוגז, ברכה. ניט יעדער איינער וואָס לעבט אין היינטיקער צייט איז צוגעפּאַסט פאַר דער צייט. איך בין ניט געווען צוגעפּאַסט דאָרטן; איך וועל אפשר ניט זיין צוגעפּאַסט דאָ אויך. איך האַלט פון זיך גאָרניט אזויפיל. אז איך וויל אַוועק פון שטוב און פאַרפאַלן ווערן אויף דער אַנדערער זייט פון דער זשידאָווסקער גרעניץ, זאָל קיינער ניט קלאָגן. איך זאָג עס דיר, ברכה, אז איך וועל דורכאויס זוכן דעם וועג פאַרפאַלן צו ווערן.

— וואָלסט עס אין סאָוועט־רוסלאַנד אויך געקענט קריגן.

— אָ, דאָרטן וואו מען ציילט יעדן מענטשן ווי מען ציילט שעפּסן?

— ווען האָסטו חתונה מיט אים? — האָט ברכה ניט געקענט באַהאַלטן איר איראָנישן שמייכל.

— ווייסט, ווען איך מיין.

— איך קלייב זיך ניט חתונה האָבן.

— פאַרוואָס גייסטו ניט לעבן ערגעץ באַזונדער?

— איך וויל זיין נאָענט צו מיין שוועסטער.

ביי די ווערטער האָט יוסטינע ארומגענומען איר שוועסטער, געדריקט צו זיך און געקושט אירע באַקן. ביי ביידע שוועסטער האָט דער טרערן־שטראָם א שלאָג געטאָן צום דרויסן.

יוסטינע, כאָטש ווי זי האָט אליין געמיינט, האָט זי געקוקט אויפן לעבן מיט פּראַקטישע אויגן, און איר שוועסטער האָט זי באַטראַכט פאַר אַ ראָמאַנטישע נאַטור, איז אין אמתן געווען פאַרקערט. יוסטינעס ראָמאַנ־טישער כאַראַקטער האָט זי אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע אוועקגעשטעלט אָן א זייט פון די כחות וואָס האָבן געווירקט אין לעבן פון א דערוואַכטער מענטשהייט. דווקא דאָרטן איז איר געווען וואו נאָר זי האָט געפּרואווט אַ פוס אַנידערשטעלן. דאָרטן האָט מען זי באַטראַכט פאַר א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע, כאָטש זי איז מיט גאָרניט געגאַנגען אַנטקעגן דער רעוואָלוציע. מען האָט פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל אַרבעטן, האָט זי עס געטאָן. ניט מער, וואָס אנשטאָט צו גיין ארבעטן אין א שוך־פאַבריק, ווי עס האָבן א סך מיידלעך אין איר גלייכן געטאָן, איז זי אוועק אין אַ

פאַבריק, וואו מען האָט געמאַכט קינסטלעכע בלומען, און שפּעטער — אין אַ פאַבריק, וואו מען האָט געמאַכט שאָקאָלאַד און געפּאַקט אין שיינע קעסטעלעך. זי האָט ניט געוואָלט מיטהאַלטן מיט איר שוועסטער, אָדער מיט איר עלטערן ברודער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, און דערבײַ זיך אויסבאַהאַלטן מיט דער אייגענער אידייע, וואָס האָט זיי געטריבן גאָר יונג צו מפקיר זײַן דאָס אייגענע לעבן. יוסטינע האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז אין אירע אָרעמע קליידער איז אײַנגעוויקלט אַ גוף פון אַ יונגער פרוי וואָס בענקט נאָך ליבע. „ליבע פון מאַן צו אַ פרוי" — דאָס איז אין אירע אויגן אַ סך העכער געשטאַנען פון אַלע אַנדערע אידעאַלן. „קיין שום רעוואָלוציע האָט ניט קיין פּראָוו איבער ליבע צווישן מאַן און פרוי". איר שוועסטער האָט זי באַטראַכט פאַר אַ שאָוויניסטקע, וואָס גייט אויף מסירת־נפש, פאַטערט אוועק אירע טעג און נעכט מיט נאָך אַזעלכע פון איר גלייכן, וואָס לעבן ווי חזירים אין שמוץ, מיט דעם געדאַנק ווען עס־איז גנבענען די גרעניץ און זיך אַריבערכאַפּן קיין ארץ ישראל. מיט איר ייִנגערן ברודער האָט זיך אויך יוסטינע געקריגט. וועגן ייִדישקייט האָט יוסטינע געלאַזן, אַנדערע זאָלן פילאָזאָפירן. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס די ייִנגערע, ברכה, האָט מיט אַזאַ לײַדנשאַפט געערעדט יעדעס מאָל, ווען נאָך אַ לאַנגן ברוגז איז זי געקומען אויג־אויף־אויג מיט איר שוועסטער.

אין תוך איז ברכה צופרידן געווען וואָס זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט דער שוועסטער. זי איז אויך געווען צופרידן מיט דעם, וואָס יוסטינע איז געווען געדולדיק, אָפּנהאַרציק אַרויסגעזאָגט וואָס זי טראַכט. כאָטש זי אַליין איז ניט געווען בכוח צו זײַן אָפּנהאַרציק מיט יוסטינען, דערציילן איר וואָס זי לעבט איבער טאָג־נאָך־טאָג זינט זי האָט אַריבערגעטראָטן דעם אַמעריקאַנעם באָדן.

אוודאי האָט יוסטינע קיין טעות ניט געמאַכט, ווען זי האָט ברכהן דערמאָנט, אַז זי איז אויך אַ פרוי און ניט מער. צוליב איר אומצופרידנקייט מיט אַמעריקע האָט ברכהן כסדר געגנאָגט אַ וויטיק. זי האָט ווינציק וואָס געוואָרט פון אירע טאַטע־מאַמע, וואָס, קומענדיק קיין אַמעריקע, האָבן זיי דערפילט די עלטער אין זייערע ביינער. איר איז געווען דערווידער, וואָס אירע עלטערן האָבן אַריבערגעקוקט צו די רײַכע אין דער לוריאַ־משפחה. איר פאָטער, וואָס איז געווען אַ גאַנצער ראַדיקאַל, האָט זיך דאָ געגנומען צו אַן אַלטן טאַלאַנט פון די דרום־רוסישע ייִדן, געוואָרן אַ גאַנצער ווײַן־מאַכער, און זיך אַרומגעקאַלאַטשעט אין די שולן, געזוכט בעלנים אויף זײַן כשרן ווײַן. משפּחה האָט אים אויסגעהאָלפן מיט עטלעכע הונדערט דאָלער, און אַזוי אַרום, אין לאַנד פון „גאָלדענעם קאַלב" געמאַכט אים פאַר אַ קרבן, און „אַ חונף ביים ייִדישן ברכוואַרג" — ווי איר ברודער פּנחס האָט גערופן די ייִדן פון אַלטע דור אַרום די פּאַרוואַרלאָזטע קלויזן.

ברכה איז אַרײַנגעקומען אין די פּאַרטייאישע קרייזן און איז געבליבן אומצופרידן.

— ווער עס העלפט יענעם צו טאָן פּיאָנערן־אַרבעט און זעט זיך אַליין ניט צווישן די פּיאָנערן, וואָס זיינען גרייט דאָס אייגענע לעבן פאַר אַ קרבן ברענגען, דער איז ניט מער ווי אַ היפּאָקריט.

ברכה האָט איר געדאַנק ארויסגעזאָגט אין קרייז פון פועלי־ציון, דהאָט מען איר געעצהט פאַרן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס ערשטע יאָר אין לאַנד האָט זיך ברכה אַנגעשלאָגן אין אַ סך שטרויכלשטיינער. אויף פאַרשיידענע אופנים איז זי געשטרויכלט געוואָרן. כאָטש איר איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט ביים אָנקומען אויף די רייכע קרובים איז געווען אַ גינסטיקער. יעדער איינער פון די לוריאַס איז גרייט געווען צו טאָן פאַר איר עפּעס. דניאל לוריא האָט פאַר איר געפונען ארבעט אין זיין דעפּאַרטמענט סטאָר — האָט עס ברכה באַטראַכט, ווי זי וואָלט זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט. מיט דער צייט איז בולט געוואָרן אין איר אויסזען שפּורן פון געפאַלנקייט. ווי איר האָט אויסגעוויזן, איז מען צווישן אייגענע צופרידן געווען מיט דעם. זי איז חושד, אַז איר אייגענע שוועסטער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן נאָר צוליב דעם, וואָס זי האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן.

טיף אין בלוט האָט ביי ברכהן אַן אַנדער געפיל ווי אַ וואָרים געטאָט־שעט, אַ געפיל פון איבערגעטריבענער פאַראַכטונג צו אַ מענטשן, וואָס פון אים איז זי געלאָפן, ווי מען לויפט פון אַ גרויסער געפאַר. וואָס מער זי איז פון אים געלאָפן, איז איר זיין שאָטן נאָכגעלאָפן. דאָס איז געווען יוחנן פעלדשטיין. איר האָט אויסגעוויזן, אַז ער שפּירט נאָך אַלע אירע באַוועגונגען. זי האָט צוליב דעם די לעצטע צייט אויסגעמיטן דאָקטאָר לוריאַס הויז, מורא האָבנדיק, צו באַגעגענען פעלדשטיינען. זי אליין האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון וואַנען עס נעמט זיך ביי איר אין הארצן אַזאַ האַס צו אים. איר האָט געגרילצט ווען ער האָט גערעדט. צומאָל האָט איר אויסגעוויזן, אַז דאָס גרילצט איר דאָס יידישע לשון. נאָך מער האָט איר געגרילצט צו הערן זיין מיינונג, אַז יידיש, און ניט העברע־איש, האָט זיך דערהויבן צו אַ מדרגה פון אַ היינטצייטיקער פּראָגרעסיווער שפּראַך. יעדעס מאָל ווען איר איז אויסגעקומען צו ריידן יידיש מיט אירע אייגענע, האָט עס איר ניט געאַרט. אָבער ווען ס'איז אויסגעקומען צו ריידן יידיש מיט מענטשן וואָס מיינען, אַז זיי זיינען די זיילן, וואָס האַלטן אויף די יידישע קולטור אין גלות, האָט איר בלוט געקעמפּט אין די אָדערן, איר רויטער קאָפּ איז רויטער געוואָרן.

יוחנן פעלדשטיין האָט דווקא אין אזעלכע מאָמענטן דערקענט אין ברכהן די ליידנשאַפטלעכע פּרוי, וואָס שרייט אליין אריבער די נאַטירלעכע כחות, וואָס ברויזן אין איר בלוט און מאָנען דאָס רעכט צו פאַרכאַפּן אַ פּאָזיציע פאַר די יונגע יאָרן וואָס זי האָט אריבערגעבראַכט קיין אמעריקע. ער האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן מיט איר. ער האָט ליב געהאַט, ווען מיט אַ געוויסער בלענדעניש, האָט זי זיך געוואָרפן צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס איר האָט אויסגעוויזן צו זיין איר אייגענער אמת.

ווען פעלדשטיין האָט איר אַ זאָג געטאָן, אַז אין אמתן האָט זי געדאַרפט זיין אַ מיטגליד אין „טשעקאַ", פאַרמשפּטן צום טויט די, וואָס שטימען ניט איין מיט איר אמת פון לעבן, איז זי אויפגעשפּרונגען און געזאָגט:

— הלוואי וואָלט איך עס געווען כאָטשבע אַ קורצע צייט, און איר פאַלט אריין אין מיינע הענט, כ'וואָלט אָן קיין שום רחמנות אייך געשיקט אהין וואו איר באַלאַנגט.

נאָך דעם ווי די שוועסטער האָבן שווייגנדיק אַ צייט געפּרוּווט טריקענען די טרערן, האָט ברכה, אין אויסגעשלאָשענע, מיט אַ געפּאַלענער שטים, זיך געווענדט צו יוסטינען:

— האָסט דאָך ערגעץ געוואָלט גיין, איך האַלט דיך ניט.

— ניט פון דעם, ברכה, האָבן מיר געדאַרפט אָנהויבן.

— אָנהויבן? ס'איז גוט אָנצוהויבן ווען עס זעט זיך ארויס אַ סוף. איך קען זיך ניט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען.

— דאָרטן האָסטו געלעבט אין שטענדיקער געפאַר, האָט זיך ביי דיר אויסגעאַרבעט אַ אופּאָרסטוואַ; דאָס האָט דיך געשטאַרקט. דאָ, ווען קיין שום סאָפּריטיוולעניע האָסטו ניט, קיינער שטעלט זיך דיר ניט אין וועג, דאָ דאַרף אַ מענטש האָבן נאַטירלעכן מוט.

— איך האָב מיין מוט פאַרלאָרן. דאָס איז אמרת, — האָט ברכה געערדט מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— אַ פרוי דאַרף זיך אָנשפּאַרן אָן אַ מאַן. אַ פרוי דאַרף אָנווענדן אַלע איסטאָטשניקעס פון איר ענערגיע דאָס צו דערגרייכן. יעמאָלט קען אַ פרוי גאָר אַ סך אויפטאָן. אָבער אַזוי, איינע אַליין, מיט אַ אידעע קען מען זיך ניט פאַרפאַנצערן. יעדע אידעע האָט איר קוואַל פון וואַנען צו שעפּן כחות, ס'איז דער לעבנסקוואַל. דאָרטן איז ביי דיר געווען די שטאַרקע זשעלאַניע אינאיינעם מיט דיינע טאָוואַרישטשעס. וואָס ביסטו אַליין געווען? גאָרניט. האָסט ניט געדאַרפט איבערלאָזן דיין טאָוואַרישטש נחמוני. אָדער דו האָסט אים געדאַרפט מיטנעמען, אָדער איבערבלייבן מיט אים דאָרטן. פאַר אַ מאַן מעג אַ פרוי אוועקגעבן איר לעבן. פאַר אַ פרוי מעג אַ מאַן אוועקגעבן זיין לעבן. ערלעכע ליבע ראַזרעשאַיעט עס; ניעט, זי פאָדערט עס.

ברכה האָט אָנגעקוקט יוסטינען. דאָס פּנים איז געווען קאַלט, פאַרגליווערט, קיין איין מוסקול האָט אין איר פּנים קיין ציטער ניט געטאָן. דאָס, וואָס די עלטערע שוועסטער האָט געזאָגט, האָט ברכהן זייער שווער געטראָפן. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט מען האָט פאַרלאָזן סאָוועטרוסלאַנד, וואָס איר שוועסטער האָט דערמאָנט דעם נאָמען נחמוני.

ברכה האָט דער שוועסטערס ווערטער ניט געקענט אָפּשטויסן פון זיך. ניט אַזוי וואָס זי האָט דערמאָנט איר פריינט נחמוני — נאָר דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז אַ פרוי מוז זיך אָנלעגען אָן אַ מאַן, און צו דעמדאָזיקן ציל דאַרף אַ פרוי שטרעבן מיט אַלע אירע כחות, און אפילו דאָס לעבן אוועקגעבן. ברכה וויל ניט מודה זיין דער שוועסטער, אַז דאָס מאָל איז זי גערעכט. זי האָט אָבער אויך ניט קיין מוט מער אָנצוהויבן איר אַלטע טענה, אַז אין אמעריקע זיינען מענטשן קאַריעריסטן, און מיט קאַריעריסטן קען זי איר לעבן ניט פאַרבינדן. דאָס מאָל האָבן איר שוועסטערס רייד געקלונגען שכלדיק. ס'איז איר איצטער ניט געלעגן אין זינען אָנצוהויבן נאָך אַמאָל פון יוסטינעס באַגעגעניש מיט „אַ קאָמישן גוי", אַ דאָקטאָר ווילסאָן, ווי זי האָט געהאַט ליב אַ שטאָך צו טאָן איר שוועסטער, און פון זיין טאָכטער, די „בלאָנדע שיקסע", וואָס האָט זיך אין ברכהס אויגן פאַרשטעלט פאַר אַ פאַרדעכטיקער שדכנטע.

— איך וויל, ברכה, דו זאָלסט אויפהערן קוקן ציניש אויף מיר — האָט יוסטינע, אַן אויסגעלאָשענע, גערעדט צו איר ייִנגערער שוועסטער, — באַטראַכט מיך ניט פאַר אַ שוועסטער. קוק אויף מיר ווי אויף אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. איך ווייס, דו האָסט אים ניט ליב; ניט דערפאַר וואָס ער איז שוין באַלד אַלט פופציק יאָר, נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ קריסט, און דעריבער ווילסטו פון אים ניט הערן. ליבע מעקט אָפּ גרעניצן צווישן איר און ניט־איר. ניט איך האָב אים דערזען; ער האָט מיך דערזען הינטער דער טיר, וואו פנחס איז געלעגן קראַנק. כ׳וויל דיר זאָגן דעם אמת, צייטנווייז דוכט מיר אויס, אַז זיין טאָכטער עלווירא איז מיין איינציקע שוועסטער. כ׳ווייס, ברכה — האָט יוסטינעס שטים געציטערט — דו און פנחס קוקן אויף מיר ווי אויף אַן אויסגעלאָסענער פרוי. דאָקטאָר ווילסאָן איז אַ פריידענקער, ער איז אַ ייִדן־פריינט. אָבער דערווייל בין איך ניט זיין ווייב. כ׳וועל אפשר ניט זיין זיין ווייב.

— טאָ פאַרוואָס נעמסטו ביי עלוויראַן יעדע וואָך געלט וואָס ער שיקט דיר?

— דאָס מעג איך. ער איז פאַרליבט, ער וויל, איך זאָל זיך שפּירן פריי. ער וויל, איך זאָל זיך פריי קענען לערנען, און אפשר אָנהויבן גיין אין קאָלעדזש. דאַנק איך אים דערפאַר. אפשר איז דאָס אַלץ וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען.

ברכה איז אַ צייט געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. אויף אַ ווייל איז אויסגערונען די ביטערניש, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן אויף איר שוועסטער. פאַרקערט, איצטער האָט ברכה געזוכט ביי זיך פאַסיקע ווערטער, זי זאָל איר שוועסטער קענען עפּעס זאָגן און צופרידנשטעלן.

— ווי געפעלט דיר יוחנן פעלדשטיין, דער זשאַרגאָנישער שרייבער? — האָט ברכה גאָר אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— אָן פּרעקראַסני אי אומני טשעלאָוועק — האָט יוסטינע אויף אַ קלינגענדיקן רוסיש געענטפערט.

ברכה האָט אָנגעקוקט איר שוועסטער און גוטמוטיק געשמייכלט.

— מעגסט אויך טראַכטן פון אַ גאַנץ אַנדערן מענטשן — האָט יוסטינע זיך אָנגענומען מיט כוח — דאָס איז הילל׳ס ייִנגערער זון. ער איז דאָ נעכטן געווען.

— אָ, יוסטינע, ניט דאָס, ניט דאָס פאַרלאַנגט מיין האַרץ, יוסטינע. איך ווער צעפלאָגט, איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג. איך מוז צוריק געפינען מיין אידעאַל, וואָס זאָל פון מיר פאָדערן מיין לעבן. איך שריי, יוסטינע, אָבער דאָס איז אַלץ אַ קול קורא במדבר... קיינער פאַרשטייט עס ניט, קיינער פילט עס ניט.

קאַפּיטל צען

א פאַרשוויצטע סוף־זומער נאַכט, אָנגעזאַפּט מיט קוילן־רויך און גע־זאַלין־טשאַד, האָט זיך פּיכט און שווער אָנגעלייגט אויף דער איסט־סייד. אַ דומפּיק דרום ווינטל האָט נידעריק ביים ברוק אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע, הייזעריקע און מעלאַנכאָלישע דזשעז־קלאַנגען פון גראַמאָפאָנען, זיך אויפ־געהויבן און צוריק אַראָפּ צום ברוק, געגלעט די מידע, שווייסיקע גלידער פון דורכגייער.

ברכה רודמאַן איז געשטאַנען פאַר דאָקטאָר לוריאַס אָפענעם פענצטער, אויפגעכאַפּט די אָפּגעריסענע שטיקער שמועס, און געווישט דאָס פאַר־שוויצטע פּנים. זי איז געגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן, געטראַכט, אַז זי וועט דאָס מאָל קיין זייטיקע מענטשן דאָרט ניט טרעפן. אָבער לויט די אָפּגעריסענע ווערטער וואָס קומען צו איר דורך דעם אָפענעם פענצטער, פילט זי, אַז אינעווייניק זיינען פאַראַנען צופיל מענטשן, און דאָס האַלט זי א ווייל אָפּ פון אריינגיין.

פון אלע קרובים און באַקאַנטע וואָס זי האָט דערקענט און באַגעגנט, איז נאָך אַלץ דאָקטאָר לוריא געווען דער איינציקער וואָס האָט איר געמיט דערהויבן בעת איר איז באַפאַלן אַ שטאַרקער יאוש. די לעצטע צייט זיינען געווען גענוג סיבות וואָס האָבן אין איר הייסן געמיט געוועקט דעם יאוש. איר „מאַנצבילשער שכל" האָט ניט געקענט ביישטיין דעם שטראָם געפילן, וואָס איז אָנגעקומען, מיט א הייסן נעפּל פאַרצויגן די אויגן — אזש דער יונגער גוף זאָל פיבערן. איר ניט־געצאַמטער טעמפּעראַמענט האָט איר געטאָן שאָדן. נאָך אין סאָוועטרוסלאַנד האָט זי געהאַט אויסצושטיין פון די חברים אין דער קבוצה; אָפט האָט מען איר אויפגעוואָרפן, אַז זי פאַר־שפּרייט א היסטעריע צווישן די פּיאָנערן. איצטער איז זי אין א פריי לאַנד, וואָס אויפן האַרצן קען זי אומגעשטערט ארויסזאָגן. דווקא דערפאַר וויל זי אירע געפילן באַגרעניצן, ניט רעדן אזויפיל, ניט אויפרעגן זיך און ניט געבן קיין געלעגנהייט אירע קעגנער, זיי זאָלן מיט קלוגע, צי נאַרישע רייד צומאַכן איר מויל. האָט זי דעריבער באַשטימט ארומצוגיין ברוגז מיט איר ברודער יעפּים. זי האָט ניט געוואָלט אים פאַרשאַפן דעם נחת־רוח, פאַרפירן מיט אים א מחלוקת, ווי אים איז דאָס געווען צום האַרצן. ווען ער הויבט איר אָן אויפצואווייזן איר נאַיוויטעט מיט איר נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן די לעצטע צייט און דרייט זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע.

אָבער דווקא אין דער לעצטער צייט, זינט אין ארץ ישראל האָט אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס טרייבט טויזנטער פּיאָנערן פון לאַנד, האָט זי חשק מיט אימעצן פון די שטובלייט זיך דורכריידן, אָבער

זי היט זיך צו טאָן אין איר ייִנגערן ברודערס קעגנוואַרט. איר געמיט איז געבראָכן. זי האָט זיך באַגעגנט מיט עטלעכע צוריקגעקומענע חלוצים און זיי האָבן איר איבערגעגעבן גרוסן פון דעם מצב אין ארץ ישראל, וואָס צעברעכן איר געמיט. עס האָט אַריינגעבראַכט אַ צעטומלעניש אין איר שטרעבן די ידיעה וועגן אַ קבוצה אין עמק יזרעאל, וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן, און אַ העלפט קלייבט זיך גאָר פאַרלאָזן ארץ ישראל, ציען אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו מ׳האָט אין קרים און כערסאָן אָפּגעשניטן גרויסע ערד־שטחים פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע.

ס׳איז אַ ביטערער סוד, זי האָט מורא אין שטוב אים פאָרן מויל צו ברענגען. זי האָט אפילו מורא פאַנאַנדערוויקלען אַ שמועס מיט איר ברודער פנחס, וואָס ד׳האָט ניט געוואָלט אַרויסנעמען קיין „ערשטע פּאַפּירן״ — מחמת אַן אויפריכטיקער פּיאָנער דאַרף ניט זיין קיין בירגער פון צוויי לענדער. איצטער האָט ער איר אין דער שטיל געזאָגט, אַז ביז וואַנען, ביז וואָס, דאַרף מען טראַכטן פון איינבירגערן זיך אין לאַנד.

— גיי, בירגער זיך איין אין אַ לאַנד וואָס דערלאָזט, דיין הארץ זאָל פאַר בענקשאַפט צעריסן ווערן!

ברכה האָט אַ ווייל אָנגעשטרענגט איר אויער אויפצוכאַפּן עפּעס פון די רייד, וואָס האָבן זיך פון אָפענעם פענצטער דורכגעטראָגן. די שטימען זיינען איר געווען אומבאַקאַנט.

אָנקלינגענדיק אין טיר, איז איר פּערל לוריא אַנטקעגן געקומען.

— דו האָסט געוואוסט, אַז דו וועסט דאָ טרעפן דיינע ברידער? — האָט פּערל לוריא געקושט ברכהס פייכטע באַקן.

— ווער נאָך איז פאַראַן?

— מענטשן וואָס דו ווילסט זען. אַ מענטש פון פּאַלעסטינע איז פאַראַן. וועסט פון אים אָפּנעמען אַ גרוס. און אַ מענטש, וועמען דו האָסט שטאַרק פיינט, זאָלסטו ניט אַנטלויפן. דיין פּנים איז פאַרשוויצט, אָט וועל איך דיר ס׳פּנים באַפּודערן.

יעדעס מאָל, ווען ברכה איז אַריינגעקומען צו דאָקטאָר לוריאן, האָט פּערל זי מיט אַן אומדערוואַרטעטער צערטלעכקייט אָנגענומען. ברכה האָט עס געשפּירט. זי האָט חושד געווען, אַז דאָקטאָר לוריא האָט עס איר געבעטן אַזוי צו ד׳האַנדלען, מחמת דאָקטאָר לוריא אַליין, יעדעס מאָל ווען זי וויל מיט אים ערנסט זיך דורכרעדן, געפינט ער אַ תירוץ, אָדער ער נעמט אַרום איר קאָפּ, דריקט צו זיין ברוסט, קושט איר רויט־געקרויזטן קאָפּ, און שמייכלט גוטמוטיק. איר איז ניט קלאָר, צי דערדאָזיקער גליד־שוועסטערקינד איז ערנסט, צי ער איז אַ פאַרבאָרגענער ציניקער.

אין ביבליאָטעק־צימער, וואו די געסט זיינען געזעסן איז געווען שטאַרק אָנגערויכערט. אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אין די דרייסיקער, דער קאָפּ פאַר־קוועטשט צווישן די אַקסלען, די אויגן צום דיל, האָט נערוועזיש גערעדט:

— חלוצים, דאָס האָבן מיר יידן ביז צו דער ארץ ישראל עפּאָכע ניט געהאַט. פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזן עקספּלואַטירן, דער פּועל, דער אַרויסהעלפער ביים באַלאַבעס, באַזאַרגער און אויסזייגער, דאָס האָבן מיר געהאַט. אָבער קנעכט, וואָס האָבן זיך געלאָזן שפּאַנען אין אַן אידעע־אישער טאַטשקע, פירן הייליקע ציגל פאַר אַ הייליקן בנין — דאָס האָט

נאָך דערוויל דעם אמתן נאָמען ניט. פאַרוואָס האָבן מיר געדאַרפט אַריינ־קומען מיט געזאַנג אין לאַנד, און אַרויספאָרן מיט טרערן? דאָס ווייס נאָר איין גאָט אין הימל.

דער גאַסט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַמערקט ברכהן, האָט אָפּגעווישט דעם שוויס, און אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ.

— זייט באַקאַנט, דאָס איז ברכה רודמאַן, אַ שוועסטער פון די־אַ צוויי גוים, כאַ־כאַ־כאַ. און דאָס איז אנשל קיילעס, וואָס איז דורך אמעריקע געפאָרן קיין ארץ ישראל און פּרוּוווּט זיך איצטער דורך אמעריקע פאָרן קיין סאָוועטרוסלאַנד.

פערל לוריא האָט פאַרגעשטעלט, און געפאָרשט אין ברכהס פּנים, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד האָבן געמאַכט.

— ווי לאַנג זייט איר געווען אין ארץ ישראל? — האָט ברכהס שטים געציטערט, און מיט די אויגן האָט זי געפאָרשט אין אנשל קיילעס בלאַסן פּנים.

— פון ניינצן צוויי און צוואַנציק ביז מיט אַ חודש צוריק, קיילעכדיקע פינף יאָר.

— פאַרוואָס זייט איר געפאָרן אַהין?

— פאַרווירקלעכן מיין חלום.

— קיין שום חלום טאָר ניט ווערן קיין ווירקלעכקייט.

— פאַר די צען טויזנט אַרבעטסלאָזע, וואָס הונגערן אין לאַנד, איז ארץ ישראל ניט מער קיין חלום.

— צען טויזנט?

— און אויב ניין טויזנט, איז קאַרג? מענטשן גייען אום מיט געשוואָלענע פּנימער. די הדסה שפּיטעלער זיינען פול.

נאָך דעם קורצן דיאַלאָג צווישן ברכהן מיט דעם אומבאַקאַנטן אנשל קיילעס — איז אַ ווייל אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. מען האָט זיך דורכ־געקוקט. ברכה האָט זיך מיט די אויגן אָנגעשלאָגן אָן יוחנן פעלדשטיין, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און געדרויכערט. ער האָט קיין פינטל ניט געטאָן מיט קיין אויג, ווי ברכהס אָנקומען וואָלט אים גאָרניט אינטע־רעסירט. ער איז געזעסן שטיל, מחמת ער האָט ניט געוואָלט שאַפן קיין נחת־רוח ברכהס ברודער, דעם באָלשעוויק, וואָס איז געזעסן מיט אַ צופרי־דענעם שמייכל אויפן פּנים.

— האָסט געמעגט קומען אביסל פריער וואָלסטו אָפּגענומען אַ גרוס פון דיין ארץ ישראל — האָט יעפים רודמאַן איראָניש געשמייכלט צו זיין שוועסטער.

— ס'איז מיין ארץ ישראל. מ'דאַרף מיר ניט דערציילן וואָס דאָרטן קומט פאָר.

— מען לויפט פון דאָרט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— גוט אַזוי. יעדערער דאַרף וויסן זיין אָרט.

ברכהס דרייסטקייט איז ניט געווען אין צייט. ניט וויסנדיק וואָס מען האָט דאָ פריער גערעדט, האָט זי מיט צופיל זיכערקייט זיך אַריינגעריסן אין שמועס.

אנשל קיילעס איז א ווייל געבליבן צעטומלט פון ברכהס רייד. אָבער באַלד האָט ער זיך געפונען:

— איר זאָגט, אַז יעדער איינער דאַרף וויסן זיין אָרט — האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו ברכהן — איך וואָלט מיט אייך מסכים געווען, ווען איך בין זיכער, אַז פאַר יעדן איינעם איז דאָ אַן אָרט. ווי איז אָבער, אויב אין ארץ ישראל איז ניטאָ קיין אָרט פאַר די וואָס בויען? איך בין א סטאָליער. איך בין א קאָנקריט־גיסער. איך האָב געבויט די שטאָט, און אַז עס האָט ניט געלוינט מער צו בויען, בין איך געבליבן אָן א ביסן ברויט און אָן א דאַך איבערן קאָפּ. האָב איך באַשטימט, אויב אַזוי בויט מען א יידישע היים, די בויערס זאָלן פאַר זיך קיין דאַך איבערן קאָפּ ניט האָבן, איז גלייכער, איך זאָל פאָרן אַהין, וואו בויערס האָבן יאָ א דאַך איבערן קאָפּ.

— פאַרוואָס האָט איר זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן א קבוצה? — האָט ברכה עקשנותדיק געפרעגט.

— איך בין אייך ניט שולדיק קיין ענטפער — האָט אנשל קיילעס אָפּגעווענדט זיין קאָפּ פון ברכהן.

ברכה איז שטיל געבליבן. זי האָט געשפּירט ווי איר שטים קלינגט אָפּ אין א פוסטן חלל. זי האָט באַמערקט ווי איר ברודער פּנחס זיצט א נידערגעשלאָגענער. איר האָט פאַרדראָסן הלמאי זי איז אריינגעפאַלן מיט אירע פראַגן.

— וואָס זאָגסטו, פּנחס? — האָט ברכה מיט א געפאַלענער שטים זיך געווענדט צו איר ברודער.

— דאָס אמעריקאַנער יידנטום פילט ניט אויס דעם חוב, ניט צום יידישן פאָלק, און ניט צו ארץ ישראל — האָט פּנחס רודמאַן גערעדט מיט א סך יאוש — דער חוב ליגט אויף די היגע יידן צו בויען די נאַציאָנאַלע היים. ארץ ישראל איז אויך זייער היים. א צייט וועט קומען, ווען זיי וועלן אַהין אריבערקוקן.

— וואָס פאַר א צייט מאָלט איר זיך אויס? — האָט יוחנן פעלדשטיין געפרעגט פון זיין פּלאַץ.

— די יידישע געשיכטע ווייס אָנצואווייזן אויף אַזעלכע צייטן.

— פונדעסטוועגן ווייזט מיר אָן אויף אַזאַ צייט.

— איך מיין די צאַרישע צייט אין רוסלאַנד.

— ווען מ׳זאָל איצטער עפענען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָלטן געוויס פּופציק פראָצענט יידן פון דאָרטן אַנטלאָפן.

— איז טאָקע די השגחה אליין פאַסט אויף, מ׳זאָל דאָס לאַנד האַלטן פאַרמאַכט.

— איר גלויבט אין השגחה?

— איך גלויב אין אלצדינג אין וואָס נאַראָנים גלויבן. אפילו אין ארץ ישראל גלויב איך אויך.

פעלדשטיינס סאַרקאַסטישער ענטפער האָט אלעמען צעטומלט.

ברכה רודמאַן האָט עס ניט געוואָלט דורכלאָזן:

— צופיל האָט איר זיך יידישע שרייבער איינגערעדט. איר בויט צופיל אויף אייער שרייבן. איר שרייבט אויפן וואַסער. האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם?

— ניין, מיס רודמאַן — האָט פעלדשטיין איראָניש גערעדט — מיר זיינען אויך פיאָנערן. חלוצים, אויב איר ווילט וויסן. מיר ליגן דאָ מיטן פּנים צו דער ערד און בריונים טרעטן איבער אונדז.

— וואָס פאַר אַ חלוצים זייט איר דאָ? — האָט פּנחס רודמאַן זיך אָנגענומען פאַר זיין שוועסטער — איר גיסט אייל אויף די רעדער פון דער אַסימילאַציע מיט דעם, וואָס איר שוואַכט אָפּ דעם ווילן פון פאָלק. אייך איז דאָ גוט, באשר דאָ האָט איר דעם טאָפּ לינזן, אָדער דעם טאָפּ גלות־פליש. דאָרטן קומט אויס צו ליידן. פאַרוואָס האָבן מיר ביי די באָלשע־וויקעס געשפּירט די געפאַר פון אונטערגאַנג? — האָט פּנחס רודמאַן ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון פעלדמאַנען — מיר האָבן דאָרטן געגעסן ערד מיט שטיינער, געווען אין שטענדיקער סכנה אויפגעדעקט צו ווערן. און פונדעסטוועגן זיינען מיר שטאַרק געווען. לייקנט ניט אין גלויבן. דער מענטש, וואָס גלויבט אין גאָרניט, ער שאַפט גאָרניט.

— ס'איז אַ פּחד צו טראַכטן, אַז מיר וועלן דאָ ווערן אויפגעפרעסן, ניט פון קיין לייבן — איז ברכה געקומען צוהילף איר ברודער — נאָר פון די מילבן וואָס די אַסימילאַציע פלאָדזשעט.

— מר. פעלדשטיין באַרימט זיך, ער איז אַ פּיאָנער; ווייזט מיר אָן די פּאָזיציעס וואָס איר האָט איינגענומען. ווייזט מיר דאָ דעם היינטיקן עמק יזרעאל!

— איך וועל אייך אים באַווייזן אָן אַנדערש מאָל — האָט פעלדשטיין גוטמוטיק געענטפערט.

פעלדשטיין האָט חושד געווען ברכהס אויפרעגונג. איר פאַרביטערט־קייט איז אים ניט געווען איינגאַנצן קלאָר. די פּולע מאָס האַס וואָס זי באַווייזט צו אים יעדעס מאָל ווען ער טרעפט זיך מיט איר פּנים־אל־פּנים, האָט פאַר פעלדשטיינען אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג. אים דוכט אויס, אַז זי האָט מורא צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט אים. אַלץ וואָס זי וויל, איז איבערשרייען זיך אַליין אין זיין קעגנוואָרט.

— איר, חבר, — האָט ברכה זיך געווענדט צום גאַסט פון ארץ ישראל, — איר זייט איינער פון די מרגלים, וואָס משה האָט געשיקט אויסצו־פאָרשן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, און זיי זיינען געקומען און דערציילט שלעכטס אויפן לאַנד.

— זיי ניט אַזוי אויפגערעגט, ברכה, — האָט איר ברודער פּנחס זיך אָפּגערופן. — הער אויס מיט געדולד. גוט וואָס דו האָסט דיין אייגענע מיינונג. מען באַדאַרף דעמדאָזיקן חבר מיטפילן. ער איז געווען אַ בונה. ער האָט געבויט הייזער פאַר ספּעקולאַנטן; וואָס האָט ער געקענט טאָן, אויב פאַר די ספּעקולאַנטן לוינט ניט מער צו בויען? איך ווייס, אַז דאָ אין לאַנד פירט דער אַרבעטער אָן זייער אָפּט זיינע סטרייקס. ער קעמפט, קעגן פרעמדע סטרייקט מען. פרעמדע האָט מען צען איילן אין דער ערד. אָבער וואָס טוט מען אין ארץ ישראל, וואו מען טענהט אין דיר אריין, אַז מיט יעדן בנין וואָס מען העלפט אויפשטעלן, בויען מיר

דאָס יידישע לאַנד? און אַז מען טענהט אין דיר אַריין, אַז מיט יעדן דונאַם ערד וואָס מיר האָבן אויפגעאַקערט, בעמען מיר אײַן אַ שטיק ארץ ישראל; וואָס קענען מיר טאָן, קעמפן קעגן דעם?

קענטיק געווען, אַז דער חבר אנשל קיילעס האָט געוואָלט אויסבעסערן דעם אײַנדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף ברכה־ן און איר ברודער. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו ברכהן, האָט זי גענומען פאַר אַ האַנט, און געזאָגט:

— גלויבט מיר, אַז מײַן האַרץ האָב איך איבערגעלאָזן דאָרטן. איך פאַרשטיי אײַך. איך פאַרשטיי דעם קרבן וואָס איר האָט שוין געבראַכט, און אויב איצטער זייט איר געבליבן שטיין פאַרן שוועל פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד, שפּיר איך אײַער ווייטיק. רייד זײַנען איבעריק.

— מה אתה סח?! — האָט ברכה אויסגעשריִען אויף העברעאיש — שמעון האָט איר זיך געדאַרפט צו רעדן פאַר די ציניקער וואָס זיצן דאָ; בבקשה... רעדט ניט מער.

ברכה־ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר פּלאַץ, אַ צעפּלאָמטע, מיט נערוועזישע טריט איז זי אַרויס פון שטוב.

יוחנן פעלדשטיין האָט אַ ווײַל נאָכגעקוקט ברכהן; אַ פרעמדער כוח האָט אים אַ ריס געטאָן פון אָרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, און אַרויס נאָך ברכהן. ער האָט זיך אליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס ער טוט עס.

— מיס רודמאַן, אַנטלויפט ניט — האָט פעלדשטיין איר פאַרשטעלט דעם וועג — לויפט ניט פון זיך און לויפט ניט פון מענטשן.

ברכה האָט זיך ניט געווערט. זי האָט אַ ווײַל אַרויפגעקוקט צו פעלד־שטיינען און געפרעגט:

— ווער זייט איר? וואָס מיינט איר מיט אײַער ני אַנטלויפן פון זיך?

— איך וויל אײַך העלפן.

— ווער זייט איר, אויב איר מיינט, אַז איר קענט אימעצן העלפן? מיט אײַערע מעשיות וואָס איר שרײַבט העלפט איר אימעצן? אײַערע לעזער האָט איר געפרעגט, צי זיי זײַנען געהאָלפן געוואָרן?

— ווען ברכה רודמאַן וועט מיר אויפווײַזן, אַז אין לעבן איז פאַראַן עפּעס בעסערס, וועל איך עס אָננעמען בתשואת חן, ווי איר וואָלט זאָגן. קומט אַרויף צוריק. איר האַנדלט ניט גוט. דער וואָס אַנטלויפט, מחמת ער קען ניט הערן יענעמס רייד, איז ניט קיין העלד. זייט יאָ מסכים, צי ניט, אָבער האַלט זיך אין די הענט.

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך וויל פון אײַך גאָרניט מער. איך וויל נאָר, איר זאָלט זיך אומקערן צוריק.

— אָ, ווען איך וואָלט נאָר געקענט אַנטלויפן, זײַן צווישן מענטשן וואָס זײַנען גרייט זייער לעבן מקריב זײַן פאַר אַ אידעאַל!

— איר זייט אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ קלוג מיידל, און רעדן רעדט איר ווי אַ קינד.

— כאַ־כאַ־כאַ, איר, שרײַבער, זייט דערוואַקסענע מענטשן?

— וואָס איז עס פאַר אַ אידעאַל, אויב מען באַדאַרף פאַר אים דאָס לעבן אוועקגעבן? טראַכט זיך אַריין אין דעם, מיס רודמאַן. איר קענט העברעאיש, האָט איר דאָך אוודאי געלערנט דעם תנ"ך אויך; ווייסט איר, אַז עס שטייט געשריבן: וחי בהם... די תורה, ווי יעדער אידעאַל, איז עפּעס ווערט, אַז באַהעפטנדיק זיך מיט דער תורה, צי מיט דעם אידעאַל, געווינט מען דאָס לעבן... ברכה, — האָט פעלדשטיין געדריקט איר רעכטע האַנט — איר זייט אַ רעליגיעז מיידל. איר רעדט פון מקריב זיין אַ לעבן; אַ לעבן איז מען ניט מקריב פאַר יענעם, און אויך ניט פאַר זיך. געדענקט עס. אויב אַ חלוץ איז אַנטוישט צוליב דעם וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער בויט פאַר זיך, און צום סוף בויט ער גאָר פאַר יענעם; און אויב ער איז געבליבן אונטערן פערד, ווערט זיין מצב ניט גרינגער, אויב דער וואָס איז געבליבן אויפן פערד איז אַ גרינבערג, אַ גאָלדבערג, צי אַ שטיינבערג.

— איר האָט ניט דאָס רעכט זיך אַנצונעמען פאַר די, וואָס טראָגן זייער לעבן מיט שמחה אַנטקעגן אַלע נסיונות. איך בין געוואַקסן אין דער רעוואָלוציע. אויב איר ווילט — אין דער מלחמה און אין דער רעוואָלוציע. איך בין אַ רעוואָלוציאָנערקע, וואָס וויל געבן איר לעבן צו בויען אַ נייע וועלט. אָבער מיין לעבן וויל איך געבן צו בויען אַ יידישע וועלט. דעררי־בער האָב איך געליטן. דאָרטן האָב איך געליטן און מיר איז געווען ליב. הונגעריק — האָב איך געטאַנצט פאַר פרייד. זינט איך בין געקומען אַהער באַמיט מען זיך פון אַלע זייטן אויסלעשן אין מיר יעדן פונק גלויבן. משפּחה, הוא־הוא אבן מכשול — האָט זי אויסגעשריען אויף העברעאיש — איך בין געקומען אַהער צו אַ רייכער משפּחה; וואו איך זאָל זיך ניט אויסבאַהאַלטן טרעף איך אָן משפּחה.

— איר פילט זיך שלעכט אין דאָקטאָר לוריאַס הויז?

— ס'איז אַ הויז וואו מענטשן שמועסן זיך דורך מיטן ווינט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט פעלדשטיין האַרציק געלאַכט — אפשר וועט איר עלטער ווערן, וועט איר וויסן, אַז איר זייט אַ קינד פון אַ פאָלק וואָס לעבט טויזנטער יאָרן אָן אַ היים, און איז פאַרט ניט דרויסן. מיר זיינען אַ טייל פון דער גאַנצער מענטשהייט. נאָר עס טרעפט, אַז די מענטשהייט האָט אַ צו הויכן בלוט־דרוק, מען מוז ביי איר האַקן אָן אָדער און לאָזן בלוט זאָל אָפּגיין, טוט מען עס אין דעם טייל מענטשהייט וואָס הייסט יידיש פאָלק. אַזוי איז עס געווען אַמאָל, אַזוי וועט עס נאָך זיין אין אונדזערע יאָרן געוויס.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט ארץ ישראל?

— אונדז האָט געגעבן ארץ ישראל דאָס ענגלישע פאָלק וואָס, אויב עס האָט אַ צו הויכן בלוט־דרוק, האָט עס ליב צו לאָזן בלוט ביי יענעם.

* * *

יוחנן פעלדשטיין האָט געהאַלטן ברכה רודמאַן ביי דער האַנט. זי האָט זיך געלאָזט פירן. די נאַכט איז נאָך אַלץ געווען מיט אַ הייסן, שווערן אָטעם. ביז צו דער פינפטער עווענין זיינען זיי געגאַנגען צופוס. דאָרטן האָט ער זיך מיט איר אויפגעזעצט אויף אַ „באָס", וואָס איז געפאָרן אַרויף־שטאָט.

פעלדשטיין איז געווען צופרידן וואָס זי שווייגט. איר כסדרדיקער אויפ־ברויז, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט קעגנער, איר ניט קענען קאָנטראָלירן זיך בשעת אימעצער האָט ארויסגעזאָגט א מיינונג וואָס איר איז ניט געווען צום האַרצן — מיט דעם האָט זי אים אָפּט אָפּגעשטויסן פון זיך. בכלל איז ברכה רודמאַן געווען פאַר אים א רעטעניש. ער האָט זי באַטראַכט פאַר א מאַרטירערין. „א מאַראַן איז זי געווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד מיט איר גלויבן אין דער איינציקער יידישער דערלייזונג, ארץ ישראל". זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָס עס קען מיט איר געשען ווי נאָר זי וועט אויפהערן צו זיין מאַראַן. באמת האָט זי געהאַט געלעגנהייטן צו פאָרן קיין ארץ ישראל; די לוריא־משפחה האָט ניט איינמאָל געוואָלט זי אויפזעצן אויף א שיף און אריבערשיקן אהין, וואו זי איז סיי־ווי געווען מיט איר לייב־און־לעבן. ברכה האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין טובות. זי האָט געוואָלט פאָרן ווי א פּיאָנער.

אָבער זי האָט זיך פאַרט געלאָזט באאיינפלוסן פון איר ברודער, וואָס האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פונקט ווי זי, געברענט מיט ארץ ישראל־פּיבער, און זינט דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן דער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט ער פאַרביסן די ליפּן, רעדט ווינציק פון ארץ ישראל. ברכה, וואָס איז געוואַקסן אונטער א דיקטאַטור, וואו א קעגנערישע מיינונג איז געווען א געפאַר אָפּן ארויסצוברענגען, קומענדיק קיין אמעריקע, וואו יעדערער, וואָס האָט נאָר וואָס צו זאָגן, שטערט זיך ניט און זאָגט — איז זי גאָר מבולבל געוואָרן. די קנאה, די ליידנשאַפט, וואָס האָט געטליעט אין בלוט, האָט געדהאַלטן ביים אויפגעלייזט ווערן. דאָס האָט אין ברכהן באַשאַפן א ביטערניש, א סתירה־געפיל, ניט וועלן מודה זיין, אז א קעגנער איז אמאָל אויך גערעכט, אז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אומפּאַרטייאישע מיינונג. יוחנן פעלדשטיין, דער יונגער, יידישער שרייבער, פאַר איר איז ער געווען איינער, וואָס רעדט און חלומט פון א יידישער גאַנצקייט, כאָטש ער אליין גלויבט ניט אין דעם. גאַנץ האָט אין איר דמיון אויסגעזען דאָס יידישע לעבן נאָר דאָרטן — וואו יידן זיינען פון „הפקר־מענטשן" געוואָרן מענטשן מיט נאַציאָנאַלער אחריות, וואו אינטעלעקטועלע, קולטורעלע מענטשן האָבן זיך איינגעשפּאַנט געזונט צו מאַכן א דורותדיק קראַנקן באָדן; פאַרפלאַנצן א מדבר אין ארץ ישראל, און פאַרפלאַנצן דעם אייגענעם „נשמה־מדבר" — נאָר דאָרטן, לויט ברכהס באַגריפן, ווערט באַשאַפן א גאַנץ פאָלק. איר גייען ניט אָן די יידן וואָס אסימילירן זיך. איר גייט ניט אָן איר אייגענע שוועסטער, וואָס, קומענדיק קיין אמעריקע, איז אויף איר א נייע הויט ארויף, און ווען אן אומבאַקאַנטער און ניט־ייד האָט איר א האַנט אויסגעשטרעקט, האָט זי דידאָזיקע האַנט אָנגענומען. וואָס גייט איר אָן אַזאַ איינע, און הונדערטער, און טויזנטער, וואָס שטייען מיט דער פּלייצע צום יידישן אומגליק?

ביז איר קומען קיין אמעריקע, האָט זי גאָר אליין ניט געאַנט ווי צעריסן און צעפלייקט עס איז די יידישע גאַנצקייט. וויפיל זי האָט זיך ניט געוואָלט אויסמאָלן די פיזיאָנאָמיע פון אירע קרובים אין אמעריקע, די לוריאס, איז עס ארויסגעקומען אנדערש ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. אירע גלידשוועסטערקינדער, איינס ביי איינס ד'האָט זי זיי באַטראַכט, און

ניט געפילט צו זיי קיין שום נאָענטקייט. דאָקטאָר לוריא זעט אויס אין אירע אויגן ווי דער צופרידענער, דער שטענדיק גערעכטער; אים אַרט ניט וואָס עס וועט זיין נאָך אים, אבי פאר זיין לעבן וועלן אים סטאַיען גענוג קראַנקע יידן און יידענעס, וואָס וועלן זיך קומען צו אים היילן. דניאל, דער ציוניזם, וואָס, ווי ברכה פאַרשטייט, גיט אויס א סך געלט אויף ארץ ישראל; ער האָט אפילו איינגעקויפט ערד אין ארץ ישראל און טראַכט נאָך אלץ אַהין שיקן זיין יינגערן זון — ער איז אין אירע אויגן ניט איינער פון די וואָס בויען ארץ ישראל. גיכער געהערט ער אַהין, וואוהין זיין עלטסטער זון איז אוועק. פון אים ביז זיין זון דעם קאַטאָליק און ריכטער, זעט ברכה רודמאַן א בריק וואָס פירט ארויס ווייט פון יידישן לעבן. און הילל לוריא — אים באַטראַכט זי גאָר איינגאנצן פאר א „באַלוואַן", וואָס האָט באַגראָבן זיינע טעג און יאָרן אויף א פאַרם, אויסגעהאָדעוועט קינדער, וואָס דער עלטסטער, לויט איר באַגריף, איז א שונא ישראל; און די אַנדערע קינדער, ווי דאָקטאָר לוריא, הענגען אין דער לופטן.

דער יאוש קוועלט פון דער טיפעניש. א וואָרעם טאַטשעט אין הארצן. יעמאָלט, ווען א שטים אין איר דערמאָנט: „דאָס לעבן איז דאָרטן וואו דו שטעלסט דיינע יונגע פיס, א יונגע פרוי ביסטו, און ס'איז פאַראַן א חוב וואָס דו ביסט שולדיק דיין אייגענעם איך..."

ווען דער „באָס" האָט זיך דערנענטערט צו דער נייַן און פופציקסטער גאַס, האָט ברכה רודמאַן א ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן גוף, אריינגעקוקט פעלדשטיינען אין פנים, און אַ פרעג געטאָן אויף העברעאיש:

— מי אתה?

— וואַרויל איז צו די וואָס קענען זיין אַלץ אין דער וועלט, — האָט פעלדשטיין איראָניש אָפגעענטפערט.

— א יידיש קינד קען זיין אלץ אין דער וועלט.

— וואָס מיינט איר מיט דעם צו זאָגן? וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען אנשטאָט אייער שוועסטער, באַמערקט גאָר דאָקטאָר ווילסאָן אייך, און פאַרליבט זיך אין אייך?

— פרעגט ניט קיין נאַרישקייט.

— פונדעסטוועגן וויל איך אַן ענטפער.

— אויף קיין טיפשות ענטפער איך ניט.

— און ווי איז, ווען ער פארליבט זיך אין אייך, און איז מסכים איבערצוגיין צום יידישן גלויבן?

— איר רעדט פון שלאָף, מר. פעלדשטיין.

— ניין, מיס רודמאַן, איך באַשטיי אויף מיינס. לאָמיר פאַרגעסן, אז באַנ'אייך, צי ביי מיר, איז פאַראַנען וועלכע עס איז התחייבות צום יידישן פאָלק, לאָמיר זיך נאָר אָפּשטעלן ביי דעם אמת, אז זינט דער מענטש האָט געפונען דעם אויסדרוק פאר זיינע געפילן, האָט די ליבע ביים מענטשן פאַרנומען דאָס גאַנצע לעבן אויף א וויל. איך זאָג „אויף א וויל". לאָמיר דידאַזיקע ווײַלע אָפטיילן פון אונדזערע באַשערטע הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבן. לאָמיר יענעם „דערוויל" קרוינען מיט דעם נאָמען „לעבן".

— אזוי דענק איך ניט. אזוי פיל איך ניט. מיך האָט דאָרטן צונויפגע־בראַכט א גרויסער אידעאַל, אַ אידעאַל וועגן יידן און בראשית, מיט אַ מאַן וואָס איך האָב ליב געהאַט.

יוחנן פעלדשטיין איז שטיל געבליבן. ער האָט געוואָלט אריינדרינגען אין דעם וואָס זי האָט נאָרוואָס געזאָגט. צוליב וואָס האָט זי דווקא איצטער גענומען און פאר אים ארויסגעבראַכט, אז דאָרטן האָט זי די אידעע פון אן אויפגעלעבט פאָלק צונויפגעבראַכט מיט א מאַן. „וואו איז ער? פאַרוואָס איז זי אוועק, און אים דאָרטן געלאָזן? — האָט ער געטראַכט. ער וויל ניט איבערפרעגן. יוחנן פעלדשטיין וויל מאַכן דעם איינדרוק, אַז אים אינטערעסירט עס גאָר אינגאַנצן ניט. ער האָט באַשטימט, אז כדי ארויסצודרייען זיך פון אן ענטפער האָט זי עס אים דערציילט.

— איך ווייס פון וואָס איר טראַכט, מר. פעלדשטיין. האָט ניט קיין מורא, די באָלשעוויקעס האָבן די ליבע ניט דערוואַרגן, ווי זיי האָבן ניט ביי אלעמען דערוואָרגן דעם נאַציאָנאַלן געפיל. וואוהין פאָרן מיר?

— אין ערגעץ ניט.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— באַנ׳איך פאָרט מען כסדר אין ערגעצן? איר האָט אפילו ניט באַמערקט די געגנט. ס׳איז אמעריקע, אייער לאַנד, אונדזער לאַנד. יידן האָבן א גרויסן חלק אין ניו־יאָרק, אין די־אַ אַלע גאַסן, רעכטס און לינקס. יידן האָבן געבויט ניו־יאָרק, דעריבער האָט מען אונדז דאַ־און־דאָרטן גוט פיינט.

— דאָס איינציקע מאָל וואָס איר האָט געזאָגט אן אמת.

— איך ווייס, דאָס געפעלט אייך. אנטיסעמיטיזם איז ציוניסטישע שפּייז. פון דעם אנטיסעמיטיזם ווערט דער ציוניזם גענערט.

— אזוי טענהן שונא ציון.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. ווען ניט די קוואַלן האַס וואָס שפּאַרן אויף אונדז פון אלע זייטן, וואָלט פון יידן שוין לאַנג קיין שריד ופליט ניט געבליבן. וואָלט ניט אויפגעקומען אין דייטשלאַנד דער מכלומרשט וויסנ־שאַפטלעכער אנטיסעמיטיזם, וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געהאַט א יידישן פירער מיטן נאָמען טעאָדאָר הערצל. עס וואָלט אפשר בלויז געווען א דאָקטאָר הערצל, א שרייבער אין אן עסטרייכישער צייטונג. דאָס אייגענע מיט אלע גרויסע נעמען אין ציוניזם. און ווען ניט די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן, וואָלטן קיין ביל״וצעס ניט געווען, וואָלט קיין חלוצים באוועגונג ניט געווען. דער ציוניזם איז שוין אראָפּ פון זיין אידעאישער פּאָזיציע, ער זוכט צו באַפעסטיקן זיך אויף א ריין עקאָנאָמישן באָדן. די מערד־הייט, וואָס ציט קיין ארץ ישראל, פאָרט מיט א פּראַקטישן חשבון. די אלע, וואָס זיינען די לעצטע פאָר יאָר געפאָרן אהין, ווען אמעריקע איז אָפן, וואָלטן זיי קיין אמעריקע געקומען. איך וויל איר זאָלט ניט זיין פאַנאַטיש. איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן, אז אויף א געווויסן אופן העלפן מיר אלע בויען ארץ ישראל. מיר באַקעמפן אסימילאציע, און מיר בויען ארץ ישראל.

— צו גרינג קומט עס אייך אָן.

— איר האָט א קלוגן קאָפּ, כמעט א מאַנצבילשן קאָפּ. איר פאַרמאָגט די האַרטנעקיקייט פון אַ מאַן.
— דאָס איז חלוצים־גייסט.
— אַ, ניין, ס'איז פּאַרטייאישער האָס.
— דאָס זיינען די קאָמוניסטן.
— ביי מיר זייט איר פון איין טייג געקנאָטן.
— ווער עס פאַרמאָגט האָס, דער פאַרמאָגט אויך ליבע. איך האָס יידישע צעקראָכנקייט. איך האָב ליב מסירת־נפש. איצטער זע איך ארויס, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד שמידט אויס די נייע מענטשהייט, מיט אַ שטאָלענעם ווילן, מיט אַ גלייכער פּלייצע. אומגליקלעכע זיינען מיר יידן, אומגליקלעכע ביז אלע עולמות, וואָס אַזאַ דערלייזונג האָט פאר אונדז געעפנט נאָר די טירן פון אַסימילאַציע און צעקראָכנקייט. אלע פעלקער ווערן דאָרטן שטאַרק, מיר ווערן צעריבן. אלע פעלקער, אפילו די מינדסטע פון זיי, ווערן אויפגעריכט און אויפגעבויט, נאָר מיר ווערן דאָרטן צע־שטויבט. איך מיט מיינע חברים זיינען געלעגן אין אונדזערע זעמל־יאַנ־קעס, געטוליעט איינס צום אַנדערן, געהערט, ווי דאָס גרינע גראָז פון די ווייצן וואָס מיר האָבן געזייט, קריכט פון דער ערד ארויס; ס'דהאָרץ האָט זיך געצאַפּלט און געפרעגט: — וואו איז אונדזער לאַנד? וואו איז אונדזער ערד? וואו איז אונדזער פאָלק? און איצטער בין איך דאָ.

יוחנן פעלדשטיין האָט ברכהן ניט געוואָלט איבערשלאָגן. ער האָט געהערט אירע רייד. אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס רעדט ניט דאָס מיידל מיטן רויט־געקרויזטן קאָפּ וואָס רירט אָן לייכט זיין אָרעם. דאָס איז די אייביקע שטים וואָס טראָגט זיך שוין דורך דורות צווישן אלע גרעניצן. עס קען זיין, די אייגענע שטים האָט זיך געריסן פון דער טיפעניש פון יידישן לעבן אויך יעמאָלט, ווען מען איז געזעסן ביי זיך אין לאַנד. וואָרום ווי דען האָט די יידישע ערד געקענט אין זיך אויסטראָגן די ביטערניש, וואָס האָט זי געזעטיקט, אינאיינעם מיט די פייערדיקע ווערטער וואָס די נביאים האָבן געשליידערט אין שטויב פון אמאָליקן ארץ ישראל?...

— ס'איז די היינטיקע צייט — האָט פעלדשטיין ביי זיך געטראַכט — וואָס האָס האָט א שלאָג געטאָן פון דער יידישערווירקלעכקייט, דווקא דאָרטן, וואו ליבע האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן. זי איז גערעכט, ווען זי פילט, אַז ליבע לעבט זייט־ביי־זייט מיט דער פולער מאָס האָס.

— מי אתה? — האָט ברכה רודמאַן ווידער א פרעג געטאָן אויף העברעאיש. וואָס וועט ווערן פון די חברים, וואָס זיינען דאָרטן געבליבן?
— האָט ברכה רודמאַן גערעדט ווי פאר זיך אליין — זיי קומען מיר צו חלום. איך ווייס, אַ סך פון זיי פוילן אפשר אין סיביר. קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערן, כאַ־כאַ־כאַ. ווילן זיין גאַנצן יידן, ווערט מען קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערן. מר. פעלדשטיין, איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

פעלדשטיין האָט געשוויגן. ברכה איז געווען אומצופרידן מיט זיך און מיט איר שמועס וואָס זי האָט אָנגעצויגן. זי האָט דערפילט, אז פעלד־שטיין באַטראַכט אירע רייד ווי מיידלשע באַרימערייען.

ביי הונדערט צענטער גאַס איז ער מיט איר ארויס פון „באָס". ער האָט געוואוינט אין בראָנקס, און זי — אויף דער איסט־סייד. ער האָט

געוואָלט איר זאָגן, אַז ער וויל זיך מיט איר אויפזעצן אויף אַ „באָס" וואָס גייט צוריק, און ער וועט זי באַגלייטן אהיים.

אָבער זי האָט עס אליין פאַרכאַפּט:

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גוטסקייט. איך האָב עס ניט פאַרדינט. זייט ניט ברוגז אויף מיר. אפשר וועל איך אייך אַמאָל אָפּצאָלן מיט גוטס. איצטער פאָרט צו זיך אַהיים, ס'איז שוין שפּעט. איך וועל אליין טרעפן דעם וועג אַהיים. להתראות! — דאָס האָט זי געדריקט זיין האַנט.

פעלדשטיין האָט זי נאָכגעקוקט ווי זי איז צופוס אוועק מיט דער פינפטער עוועניו. ער האָט געוואָרט, זי זאָל זיך אומקוקן, אָבער מיט שנעלע טריט האָט ברכה זיך דערווייטערט פון אים.

— איז דאָס די יידישע פרוי פון דער צוקונפט? — האָט פעלדשטיין ביי זיך אליין געפרעגט — ס'איז גיכער די פרוי וואָס איז געבאָרן געוואָרן אויף דער גרעניץ פון טאָג און נאַכט, און איז ניט דער אָנזאָג פון טאָג.

קאַפּיטל עלף

אין איינעם פון די קלענערע נאַכט־קלובן, ביי א זייטיק טישל, איז יוסטינע רודמאַן געזעסן זייט־ביי־זייט מיט דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָנען, איר קאָפּ גענייגט צו אים, זיך געגרייט איינצוהערן צו א זינגערין, וואָס איז פון צווישן די מוזיקער אויפגעשטאַנען, און ארויסגעקומען צום ראַנד פון דער בינע.

ס'איז געווען דער סדר די לעצטע צייט, צום מערסטן מיטוואָך, וואָס יוסטינע האָט באַגעגנט דאָקטאָר ווילסאָנען אין זיין אָפיס; שפּעטער איז מען געגאַנגען עסן אין א בראָדווייער רעסטאָראַן, געזען א טעאַטער־פאָר־שטעלונג, און שפּעטער פאַרבראַכט א פּאָר שעה אינאיינעם אין אַ נאַכט־קלוב. א „קרעכץ־זינגערין" האָט מיט א האַלב מאַנצבילשער שטים, ארי־בערגעבויגן צום עולם צום עסער און טרינקער, מיט פאַרבענקטער מתיקות, רודערנדיק מיט די בריסט און היפטן, אויסגעזונגען די בענקשאַפט פון א פאַרשפּילטער ליבע אין א פולער לבנה־נאַכט.

— די ליבע איז ניט אזוי זויער ווי זי מאָלט זי מיט איר אָרימען קערפּער — האָט דאָקטאָר ווילסאָן אריינגעטאָטעמט יוסטינען אין אויער אריין — דאָס גאַסן־מיידל איז צו דער ליבע ווי א זלידנע פליג אויף א פאַרשוויצטן קערפּער. ליבע איז פרילינג, ווען ער פאַרנייגט זיך צום זומער; און לידער פון דעם־אַ שניט, געזונגען מיט א שטים וואָס קומט גאָר פון די היפטן ארויס, איז געגליכן צום געזאַנג וואָס איך הער אָפטער פון קימפּעטאָרינס, אידער דער שלאָפטרונק נעמט זיי איין.

יוסטינע, אַן איבערגעבויגענע מיט דער זייט צו איר פריינט, און מיט די אויגן צו דער בלאָנדער, אומעטיקער זינגערין, האָט געהערט וואָס דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן רעדט, און געשפּירט א וואָסערדיקייט אין מויל. איר ענגליש האָט זיך גענוג פאַרבעסערט; ניט נאָר האָט זי פאַרשטאַנען אַלץ וואָס ער האָט איר אריינגעזאָגט, כאָטש מיט א חנעוודיקן אַקצענט, איז זי בכוח געווען מיט אים אָנצוהאַלטן א שמועס. דאָס ביסל וויין, וואָס זי האָט מיט אים אינאיינעם געטרונקען, האָט איבערגעלאָדן איר גלידער, געווירקט, דער קאָפּ זאָל שווימען און פאַרנעפּלט ווערן אין א שלעפּע־ריקייט. זי האָט זיך געפּוילט צו רעאַגירן אויף זיינע רייד. אגב, איז איר געדאַנק אוועק אהיים, אומגעבלאָנדזשעט דאָרטן ארום די געלעגערס פון אירע אייגענע, און זיך אָפּגעשטעלט ביי ברכהס געלעגער, וואָס א העלפט פון אים האָט אויף איר, יוסטינען, געוואַרט. איר פאַרדריסט וואָס זי מוז שלאָפן מיט ברכהן אין איין בעט — די שוועסטער, וואָס ליגט די לעצטע צייט מיט דער פּלייצע צו איר.

מיט אירע מחשבות פאַרבלאָנדזשעט זי אויך צו דאָקטאָר ווילסאָנען אין דהויז, און צו זיין טאָכטער עלווירא, וואָס, ווי יוסטינען דוכט, איז זי אָפּגעקילט געוואָרן צו איר. וועגן דעם האָט יוסטינע חשק אָנציען א שמועס. זי וואַרט, אפשר וועט דאָקטאָר ווילסאָן אַליין דערמאָנען זיין טאָכטער.

די זינגערין האָט פאַרענדיקט, דער אָרקעסטער האָט מיט דביקות אויפגעשפּילט א טאַנץ. פּאָרלעך זיינען פון זייער פּלאַץ אָפּגעשוואומען און זיך אוועקגעלאָזן אין טאַנץ, מיט א ווייכקייט אין די גלידער, בויגעוודיק, וויגנדיק זיך, ווי די ביינער זייען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווייכע ספּרו־זשינעס.

יוסטינע איז אויפגעשטאַנען, אפיר געבויגן זיך צו איר עלטערן פריינט, מיט אירע ליפּן אָנגערירט זיינע, אים אויפגעהויבן פון פּלאַץ, און מיט פרעמדלעכער באַוועגונג אוועק אין קרייז מיט די טענצער.

— פאַרוואָס נעמסטו עלווירא'ן ניט ארויס, זי זאָל זיין מיט אונדז? — האָט יוסטינע געפרעגט, און איר שויס האָט געציטערט ווי צום ווייגן.

— עלווירא... ווער איז עלווירא?

— עלווירא, דיין טאָכטער.

— אָ, מיין טאָכטער... כ'האָב פאַרגעסן, אז איך בין א פאָטער און האָב א דערוואַקסענע טאָכטער.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע אין זיך א לאַך געטאָן.

— יעס, מיין טייערע, ליבע האָט ניט קיין דריטן. ליבע האָט פיינט אָ דריטן, ווען ער איז אפילו...

— האָסט דאָך זי ליב.

— טאָ פאַרוואָס נעמסטו זי ניט מיט?

— ווילסט עס ניט. יעס, מיין טייערע, האָב איך געטראָפן?

יוסטינע האָט מיט איר ברוסט און היפטן אָנגערירט זיין קערפּער, ארויסצושפּירן נאָענטקייט און יוגנט. געוואָלט ארויסשפּירן דעם סוד, וואָס בינדט צוויי מענטשן אויף אייביק, ארויסשפּירן דעם פאַטאַלן כוח וואָס ברענגט צונויף צוויי אומבאַקאַנטע, מאַן און פרוי, צעשמעלצט האַרץ מיט דהאַרץ, בלוט מיט בלוט, און — פון צוויי פּאָר אויגן ווערט נאָר איין פּאָר, פון צוויי פּאָר אויערן ווערט נאָר איין פּאָר, איין גוף, איין נשמה, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דער פאַרשאָלטענער ערד און פאַרטראָגט אין רוים, צווישן הימל און ערד.

— האַ, פיליפּ, — האָט יוסטינע אים גערופן ביים ערשטן נאָמען — צי ווייסטו וואָס דו טוסט? צי ווייסטו אויף וואָס פאַר אַ וועג דאָס פרעמדע, יידישע מיידל וועט דיך ארויספירן? האַ, פיליפּ, צי האָב איך טאַקע געדאַרפט לויפן פון א ווייט לאַנד דיך צו געפינען? איז דאָס מיידל דער ווינט וואָס טראָגט זיך איבער ימען? איך דער ווינט, און ווער ביסטו?

זי האָט גערעדט, די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט. זי האָט גערעדט, אין די קני האָט עס געבאָגט און געצויגן צום דיל. זי האָט גערעדט, און איז גאָרניט אויסן געווען, ער זאָל ענטפערן. א פאַרבאָרגענער ביטערער געפיל האָט געשלאָגן צום האַרצן. אפשר די גלאָז שאַמפּאַניער וואָס זי האָט אויסגעטרונקען האָט דערפירט צו די בין־דהשמשותדיקע געפילן;

צי אפשר דאָס, וואָס איר געדאַנק וויל זיך ניט אָפּרייסן פון דער בעט, וואו עס ליגט איצטער איר שוועסטער ברכה, שלאָפט ניט, ליגט און טראַכט פון דער עלטערער שוועסטער וואָס איז אַוועק אויף א גליטשיקן וועג.

יוסטינע האָט צוגעטאַנצט מיט דאָקטאָר ווילסאָנען צו זייער פלאַץ, זיך אראָפּגעלאָזן מיד, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, ווי איינ־צודרעמלען.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט מיט דער האַנט געגלעט אירע שווארצע האָר, געטראַכט וועגן דעם אופן ווי זי האָט דערמאָנט זיין טאָכטער. ער אליין האָט אויך די לעצטע צייט באַמערקט א טרויער אין זיין טאָכטערס פּנים, און זייער אָפּט, ווען זי רעדט צו אים, קוקט זי אים ניט גלייך אין די אויגן אריין. ער איז אָבער ניט חושד, אז זיין טאָכטער, וואָס האָט דאָס לעבן איינגעלייגט אבי אים צוניפּצובריענגען מיט דער יידישער טאָכטער, זאָל מיט אַמאָל ווערן אייפערזיכטיק.

— דו האָסט א פּאַראַדאָקס, מיין טייערע, — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געפּרוווט באַפרייען דעם געדאַנק פון דער זינגערין, וואָס האָט ווידער פאַרצויגן א ליד וועגן פרילינג, וואָס טראָגט אין די געעפנטע קנאָספּן די זאָמען פון ליבע.

מיט זיין געדאַנק האָט זיך דאָקטאָר ווילסאָן אוועקגעטראָגן מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל ארויסגענומען עלוויראַס מוטער, די געוועזענע עלען יאַנג. עס לויפט אים דורך א פרעסטל דורכן לייב, און ער לעבט איבער יענע נאַענטקייט, וואָס ער האָט צו איר געפילט, ווען ער איז מיט איר צום ערשטן מאָל ארויס פאַרברענגען. זי איז געשטאָרבן, און די נאָענטקייט צו פרויען מיט זיך אוועקגעטראָגן. „ווער וויס — טראַכט ער — אפשר שטעקט אין דעם דער סוד, וואָס גאַנצע צוואַנציק יאָר זיינען אריבער, און ס'האָט מיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צו דער פּראָפעסיע און דערווייטערט פון פרויען".

א רעטעניש איז פאַר אים דאָס מיידל, וואָס האַלט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. דער ריח פון אירע האָר מיט אַן אויסגעוועפּטן פּערפיום געדרוך ציט אין זיינע נאָזלעכער און גייט ניט ווייטער אין זיין גוף אריין. ער פּרוווט זיך ז'ערמאָנען דעם אויסטערלישן צופאַל ווי ער האָט זי באַגעגנט. „וואָס איז דער כישוף, וואָס האָט מיך געצויגן צו איר?"

— זי איז א יידישקע — טראַכט ער איבער — א קינד פון א פאָלק, וואָס איז א שטיק רעטעניש פאַר דער גאַנצער קריסטלעכער און ניט־קריסטלעכער וועלט. זי אליין איז א שטיק רעטעניש. אירע אויגן...

כאָטש יוסטינע האָלט אירע אויגן פאַרמאַכט, איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל, אָבער פאַר זיין דמיון שטייט די יידישע טאָכטער אין אַנגעשפּאַרטע אין דער וואַנט אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל, און ווי זי האָט צו אים ארויסגעקוקט, ווען דאָקטאָר לוריא האָט זי פאַר אים פאַרגעשטעלט. ער געדענקט, אז ביים זייט איז יעמאָלט געשטאַנען נאָך א מיידל, אביסל נידעריקער, פולער, מיט א רויט־געקרויזטן קאָפּ. אויך יענע האָט צו אים פון א זייט געקוקט. אָבער פרעמד איז יענע אים פאַרגעקומען. נאָר די־אָ, יוסטינע, וואָס האַלט איצטער איר מידן קאָפּ אויף זיין אַקסל — אירע

שוואַרצע אויגן האָבן מיט אַזאַ פאַרהוילענעם פייער דורכגעלעכערט זיין ברוסט, אָנגעצונדן זיין בלוט און צעשטערט זיין רו.

ווען זיין טאַכטער האָט אים מיט א חודש צוריק געפרעגט ווען ער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט דער מיס רודמאַן, האָט דאָס גאַנצע בלוט אים אַ זעץ געטאָן אין מוח אריין. ער האָט זיך אַראָפגעלאָזן אויף א שטול, אָנגעקוקט זיין טאָכטער, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און באמת, ווען יוסטינע איז ניט פון יידישן אָפּשטאַם, ווען ער פאַרליבט זיך אַזוי שטאַרק אין א קריסטלעך מיידל, וואָלטן זיי שוין לאַנג געלעבט ווי מאַן און ווייב.

ער איז חושד, אז זיין טאָכטער האָט זיך אויך דערשראָקן בשעת זי האָט אים געפרעגט. מיט זאָרג איז געווען איר פּנים פול בשעת זי האָט אים אָנגעקוקט. זאָרג, און ניט קיין איפּערזוכט. גערעכט איז יוסטינע, וואָס זי איז חושד, אז זיין עלווירא האָט זיך אָפּגעקילט צו איר.

— אַ פרוי שפּירט אַנדערש ווי דער מאַן. א פרוי שפּירט אַ געפאַר, און איז גרייט צו פאַרטיידיקן זיך מיט ציין און נעגל. האָט די יידישע טאָכטער אַזעלכע ציין און נעגל?

— איך בין מיד — האָט יוסטינע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איבן געקושט די אויגן — פיר מיך אַהיים, איך בין שטאַרק מיד.

— אפשר וועסטו צו מיר גיין שלאָפן. עלווירא וועט זיך מיט דיר דערפרייען.

— איך האָב זי ליב עלוויראַן — האָט יוסטינע מיט א שוואַכער שטים געריידט ווי פאַר זיך אליין — ווילסט, איך זאָל צו דיר גיין נעכטיקן... אָן אַנדערש מאָל וועל איך עס טאָן. איצטער בין איך מיד. כ'וויל צו זיך אַהיים. זאָג עלוויראַן, אַז איך בענק נאָך איר. וועסט עס איר זאָגן?

— ביסט גערעכט, דאָ איז די לופט פאַרשטיקט. מיר וועלן אַביסל זיך דורכפאָרן דורכן סענטראַל פּאַרק, אפשר וועסטו זיך איבערלייגן.

דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן האָט די קאַר זיינע געטריבן אליין. יוסטינע איז געזעסן ביי זיין זייט, און דאָס מאָל זיך געשפּירט ווי אַ קליין קינד ביים זייט פון א פאָטער. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און אים איבערגעגעבן איר מידקייט. ס'איז צום ערשטן מאָל וואָס זי האָט אין זיין קעגנוואַרט געלאָזן, אַ מידקייט זאָל זי באַהערשן.

— אַזוי זיינען זיי די פרויען, זיינען ניט בכוח אויפצוהאַלטן אין די ציין די מיידלשע אַמביציע, וואָס א סך באַטראַכטן עס פאַר א פאַלשן אָנשטעל... פאַרוואָס ביסטו אַזוי מיד — האָט ער מיט דער רעכטער האַנט ארומגענומען איר קאָפּ — א פרוי ווי דו טאָר ניט זיין מיד. דיר וועט אויסקומען מיר העלפן אויפצובויען א גו. טע, שיינע וועלט. דו וועסט ברענגען דיינע מתנות, וואָס די נאַטור האָט דיר געשענקט, און איך וועל פאַר דיר עפענען אַלע אוצרות, וואָס א געטריי האַרץ קען באַהאַלטן.

— דו, פיליפּ, ביסט א דערוואַקסן קינד. ביסט ניט עלטער געוואָרן, נאָר קינדישער געוואָרן. וועסט נאָך דאַרפן אויסוואַקסן צו זיין א מאַן. איך בעט דיך ניט, דו זאָלסט צוליב מיר פאַרגעסן אָן עלוויראַס מוטער. איך וויל ניט שטערן איר רו. איך וועל זיין א גוטע מאַמע צו עלוויראַן,

אויב זי וועט זיין א גוטע טאָכטער. זאָג עס איר. זאָג עס איר אין מיין נאָמען.

— פאַרוואָס דערמאָנסטו אזוי אָפט איר נאָמען?

— איך ווייס ניט. זי איז אויך פאַרליבט.

— אין וועמען?

— אין מיינעם א קאָזין.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— פרויען ווייסן. זיי דערקענען.

— ווער איז ער?

— אַ פאַרמערס אַ זון, שטודירט מעדיצין.

— פאַרוואָס ווייס איך ניט דערפון?

— אפשר ווייס זי נאָך אליין ניט דערפון.

— אַ, דאָס איז עס...

— פיר מיך אַהיים, צו מיר אַהיים. זי, עלווירא, דאַרף מיר פאַרבעטן צו זיך, ניט דו. פאַרשטייסט?

אויף די שפּיץ פינגער, קיינעם ניט אויפצוואַועקן איז יוסטינע אריין אין שטוב, דורכגעגאַנגען אין צווייטן צימער, זיך אויסגעטאָן, און, ניט ארומגעוואַשן, אריין צו ברכהן אין בעט אריין. פּאַרזיכטיק האָט זי מיט איר קערפּער אָנגערירט די איינגעשלאָפענע שוועסטער, מיט די ליפּן פאַרזיכטיק אָנגערירט איר שוועסטערס קאָפּ.

ברכה האָט די ליבשאַפט אָנגענומען. זי איז ניט געשלאָפן. צוליב דער געוואוינהייט שלאָפן מיט דער שוועסטער, ווען זי איז געבליבן אליין, איז זי געלעגן א וואַכע. זי האָט אָבער קיין פאַרלאַנג ניט געהאַט צו פאַרפירן מיט יוסטינען אַ שמועס אין בעט. ס'איז ניט די ערשטע נאַכט וואָס יוסטינע גייט ארויס און קומט שפּעט אַהיים. ברכה ליגט אַ וואַכע, פול מיט דערוואַרטונג, ווי יוסטינע וואָלט איר געבראַכט אין דער שפּעטער נאַכט רו און שלאָף. כאָטש זעלטן, ווען יוסטינע, נאָך דעם ווי זי גליטשט זיך אריין אין בעט, זאָל זוכן איבערצוגעבן איר שוועסטער צערטלעכע געפילן.

— שלאָפסט ניט, ברכה? — האָט יוסטינע פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

ברכה האָט ניט געענטפערט. פון יוסטינעס מויל האָט געשלאָגן א שוואַכער גערוך פון וויין. ברכהן איז דאָס געוווען דערווידער. זי האָט געוואוסט וואוהין יוסטינע איז געגאַנגען, און מיט וועמען זי האָט פאַר־בראַכט ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. די לעצטע צייט באַציט זיך ברכה צו דעם גלייכגילטיק. ברכה שפּירט אַן אויסגעליידיקטקייט אין דער שוועסטערס קערפּער. קיל איז יוסטינעס קערפּער, קיל און מיד.

— דו שלאָפסט ניט, ברכה? — האָט יוסטינע ווידער געפרעגט, און מיט דער האַנט אַ וויש געטאָן ברכה'ס קערפּער אויף ארויף פון די היפּטן ביז צו איר ברוסט, געשפּירט די שטייפקייט און באַהאַלטענע קראַפט אין דער שוועסטערס קערפּער.

— ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר — האָט יוסטינע ווידער אָנגעהויבן — דאָקטאָר ווילסאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר.

— איך פאַרגין דיר דיין גליק, שלאָף רואיק.

— רעד ניט אזוי, ברכה. איך ווייס, דו ביסט א סך א בעסערע ווי דו ווילסט זיך באַרימען.

— טי פרעקראַסנאַיאַ דוראַטשקאַ — האָט יוסטינע זיך געטוליעט צו דער שוועסטער.

— גוטסקייט איז ניט קיין גרויסע מתנה. גוט זיינען נאַראָנים.

— ביי דיר שמעקט פון מויל.

— איך האָב געטרונקען שאַמפּאַניער מיט אַ מאַן, וואָס האָט געקענט ווערן א פּאָפּ.

— ער געפעלט דיר שוין ניט?

— איך האָב אים ליב. ער האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט.

צום צווייטן מאָל האָט עס יוסטינע געזאָגט, כאָטש דאָס איז ניט געווען אמת. יוסטינען האָט שטאַרק געחידושט, וואָס דאָקטאָר ווילסאָן, ווען זיי פאַרברענגען אינאיינעם, דערמאָנט ער ניט איר משפחה, פרעגט זיך ניט נאָך אויף אירע טאַטע־מאַמע. איר פאַדריסט עס. זי גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון, מעגלעך, אז דאָס איז די סיבה וואָס זי פילט ניט צו אים די נאָענטקייט, וואָס זאָל באַלייכטן אירע צוקונפטיקע טעג. זי האָט דערמאָנט, אז דאָקטאָר ווילסאָן האָט זיך אויף ברכהן נאָכגעפרעגט, מיט דעם צו פאַרשאַפן דער שוועסטער א נחת־רוח. אָבער די שוועסטער מאכט פון דעם קיין וועזן ניט.

— פאַרוואָס פרעגסטו ניט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דיר? א יונגער פרוי דאַרף זיין פריאַטנע צו הערן אַ גוטע מיינונג וועגן זיך. דו ווייסט ווער ער איז.

— דאָס איז ניט אמת — האָט ברכה זיך אָפּגערוקט פון דער שוועסטער.

— פאַרוואָס זאָלסטו מיך פאַדאָזריוואַיען?

— גייסט אום איך אַ פרעמדער וועלט, עסט צופיל האָניק. דיר וועט נאָך ביטער ווערן אין מויל.

— זאָג, זאָג, איך בין אויף דיר ניט אין כעס. ווערטער פון אַ גע־פריאַטעל איז וויכטיק אויסצוהערן, וויכטיקער ווי די ווערטער פון א פריינט.

— איך זאָג דיר ניט קיין מוסר.

— וועסט מער קיין ווין פון מיין מויל ניט הערן.

— מיך אַרט ניט, אויב דו לעבסט מיט אים.

יוסטינע האָט זיך אָנידערגעזעצט און פאַרלייגט אירע הענט ארום ברוסט. זי האָט דערשפירט א ווייטיק ארום דהאַרצן און איז ניט געווען בכוח זיך אויסצוטענהן מיט דער שוועסטער. ברכהס לעצטע ווערטער האָבן זי ווי א קאַלטע כוואַליע ארומגעכאפּט און פאַרטראָגן אין אן אויפ־געשטורעמטן ים.

— מעגסט זיין אַביסל מער וועזשליווע צו דיין שוועסטער — האָט יוסטינע פון מידקייט ניט געקענט אָפּשטעלן אירע טרערן — וואָס בין איך דיר, צו די אַלע, וואָס שלאָפן דאָ אין די בעטן, וואָס בין איך זיי שולדיק? וועמען דאַרף איך אָפּגעבן ראַשטשאָט פון מיין פּאָווידעניע? אפשר דער־פאַר, וואָס איך קום שלאָפן מיט דיר אין איין בעט?

— לייג זיך, דורע, און שלאָף — האָט ברכה געגלעט דער שוועסטערס שמאָלע פּלייצע — הער זיך ניט איין וואָס איך רייד.

יוסטינעס פּלייצע האָט געצוקט פון פאַרשטיקטן געוויין. ווען ס'איז ניט דריי נאָך האַלבע נאַכט, וואָלט זי געוויס אַרויס פון שטוב, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דורכגעפירט דאָס, וואָס זי האָט שוין לאַנג געפּלאַנט — אַוועק פון דער שטוב, וואו זי זעטיקט זיך אָן מיט שנאה, און וואוינען ערגעץ באַזונדער, ווי יעפים האָט עס געטאָן. זי קען ניט פאַרשטיין פאַר־וואָס יעפים איז די לעצטע צייט צוריקגעקומען, ממש אים האָט זיך פאַר־בענקט צוריק אהיים. זי שפּירט, ווי איר האַרץ ווערט צעריסן און איינ־איינעם ווערט איר מידער גוף פאַנאַנדערגעפאַלן. זי האָט געקלערט, אַרויס פון בעט, זיך אָנטאָן, און אַוועק נעכטיקן ערגעץ אין אַ האָטעל. אין דער לעצטער רגע האָט די מידקייט זי גובר געווען. איר קערפּער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צום צעקנייטשטן געלעגער.

זי איז געלעגן האַלב אין דרימל, אָפּגעזונדערט פון דער שוועסטער — ווי גאָרניט קיין לעבעדיקער מענטש וואָלט ביי איר זייט געלעגן.

„פון צופיל האָניק עסן ווערט ביטער אין מויל" — האָט ברכה איר געזאָגט. יוסטינע האָט אין אַלע אברים אירע דידאָזיקע ביטערקייט גע־שפּירט.

* * *

דאָקטאָר פיליפ ווילסאָנס טאָכטער, עלווירא, האָט זיך געוואָלט דער־גראָבן צו איר פאָטערס איבערלעבונגען. זינט איר מוטער איז געשטאָרבן האָט דאָקטאָר ווילסאָן, לויט זיין טאָכטערס מיינונג, פון זיך ניט געטראַכט. געהערט האָט זי אים ריידן צום מייסטן פון זיין פּראָפעסיע. ווען ער האָט זיך אָפּגערופן אויף נאַציאָנאַלע, אָדער לאָקאַלע פּאָליטיק, איז עס אויך געווען יעמאָלט, ווען קאָלעגן פון דער פּראָפעסיע האָבן אים אין אַזאַ שמועס אריינגעצויגן. עלוויראַן האָט אויסגעוויזן, אַז איר פאָטער וועט שוין בלייבן אָן אַלמן זיין גאַנץ לעבן. אַ געוויסע צייט האָט זי חושד געווען, אַז די הויז־באַלעבאָסטע, די נאָך גאַנץ יונגע, בלאָנדע מיסיס בראַיענט, וואָס האָט עלוויראַן אויפגעהאָדעוועט, וועט סוף־כל־סוף אויפ־הויבן די פאַרשעמטע אויגן און זיך באַגעגענען מיט איר פאָטערס ווילן — צו מאַכן זי מער ווי אַ הויז־פרוי. אין האַרצן האָט עלווירא אויף דעם מסכים געווען.

צום סוף גאָר נעמט איר קלוגער פאָטער, דער באַרימטער כירורג, און פאַרליבט זיך איבער די אויערן אין אַ יידיש מיידל.

— ווער איז דאָס יידיש מיידל, וואָס אידער ער האָט מיט איר זיך דורכגערעדט, האָט זי אָנגעצונדן זיינע אויסגעלאָשענע געפילן צו אַ פרוי? האָט איר יידיש בלוט אין אים אויפגעוועקט די איינגעשלאָפענע יוגנט?

עלווירא האָט אין קאָלעדזש באַגעגנט גענוג יידישע יונגעלייט. ניט שטענדיק האָט זי געקענט פאַרטרייבן דעם אומפאַריינטלעכן גייסט צו יידישע סטודענטן, וואָס הערשט אין דער טיף פון קאָלעדזש־לעבן. די מיינונגען, אַז יידן זיינען קאָמוניסטן, אָדער די פאַרקערטע מיינונג, אַז יידן זיינען קאַריערניסטן, דאָס האָט עלוויראַן ניט געררודערט. גיכער האָט זיך צו איר

געקלעפּט די ניט־יידישע מיינונג, אַז יידן האָבן גאַנץ ניו־יאָרק אין זייערע הענט פאַרכאַפּט. צי דאָס איז געווען סיבה פיינט צו האָבן אַ פאָלק דערפאַר, האָט זי, ווי אַ סך אין איר גלייכן, קיין חשבון זיך ניט אָפּגעגעבן. איז געקומען דער פאָטער, און פשוט און פּראָסט זיך געלאָזט פאַרדרייען אַ קאָפּ פון אַ יידיש מיידל, וואָס רעדט שוואַך ענגליש און קומט פון אַ לאַנד וואו, ווי מען דערציילט, האָט מען אָנגעוואָרן יעדן באַגריף פון אָנגענומענער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל. עלווירא האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס איר בלוט וויל ניט שטיל זיין זינט זי איז צוליבן פאָטער געקומען אין באַרירונג מיט יידן, וואָס טראָגן אויפן געוויסן דעם גורל פון זייער פאָלק.

— וואָס איז מיט דיר, עלווירא, — האָט די שטים פון איר מוטער, וואָס זי געדענקט אפילו ניט, גערופן פון דער נאַכט אַרויס, ווען זי איז געלעגן אויף איר געלעגער האַלב וואַך און האַלב אין דרימל.

זי האָט מיטן געדאַנק געפּרואווט אויסמאָלן, ווי אַזוי דאָס יידיש מיידל וועט אויף איר קוקן יעמאָלט, ווען זי וועט ווערן איר שטיפמאַמע. די ערד האָט אַ ציטער געטאָן אונטער איר, ווען זי האָט זיך פאָרגעשטעלט יוסטינען פאַר איר שטיפמוטער. זי האָט איינמאָל אַרומגענומען יוסטינען, געדריקט צו איר האַרצן, אַזוי אַרום געוואָלט אויספאָרשן וואָס דאָס יידיש מיידל פאַרמאָגט ביי זיך אין האַרצן פאַר איר. יוסטינע האָט איר אויסגעוויזן קלוג און שטאָלץ, אָבער מיט ווינציק צערטלעכקייט צו יענעם. געווען אַ מאָמענט, און עלווירען האָט זיך געגלוסט פאַלן איר פאָטער אויפן האַלדז, מיט טרערן בעטן, ער זאָל שאַנעווען זיין לעבן, ער זאָל שאַנעווען אויך איר לעבן און ניט לאָזן צעשטערן די מנוחה וואָס האָט פול געמאַכט זייער שטוב.

שפּעטער איז געקומען די שעה פון פאַרלאָרנקייט. אַלע וועגן זיינען פול מיט סודות. די רגע אין דער נאַטור בשעת די זון פאַרגייט אין מערב־זייט, און אין מזרח גייט די לבנה אויף, און מיט איר — די סודות פון דער נאַכט. האָט עלווירא צוליב איר פאָטער זיך אָוועקגעלאָזן פאָרשן דאָס פאָלק פון וואַנען עס קומט אַרויס די יוסטינע רודמאַן, און איז אַריינגעפאַלן אַליין אין אַ פאַרכשופטן קרייז. יונגע יידן, געבאָרענע דאָ אין לאַנד, האָבן איר אָנגעוויזן, אַז אַמעריקע איז די היים פון דער גאָלדענער קאַלב, די היים פון די כהנים, וואָס אין נאָמען פון דער גאָלדענער קאַלב הערשן זיי איבער דעם כלומרשט פרייען פאָלק. זי האָט אויך באַגעגנט יונגע יידן, וואָס האָבן איר אויפגעקלערט, אַז יידן האָבן גאָר אינגאַנצן קיין היים ניט — אויסער אין דעם לאַנד, פון וואַנען צוויי רעליגיעס זיינען אויפגעקומען פאַר דער מענטשהייט. אַנדערע האָבן אויפגעוויזן, אַז יידן זיינען אַ וועלט־פאָלק און אַלע וועלט־טיילן איז זייער היים. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איר אויפגעקלערט, אַז ווען ניט יידן, וואָלט די מענטשהייט קיינמאָל ניט אַרויסגעקראָכן פון מיטלאַלטער; אַ סימן, אַז די אייגענע רעאַקציע, וואָס באַליידיקט און פאַרפאָלגט יידן, זי שלעפּט די מענטשהייט אין דער פינצטערניש פון מיטלאַלטער. זי האָט אויך באַגעגנט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַרימט, אַז זיי וואָלט ניט אַרן, ווען דאָס יידיש פאָלק

וואָלט דורך אסימילאַציע אין היינטיקן יאָרהונדערט אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

הילל לוריאס ייִנגערער זון, דער באַשיידענער מאָו לוריא, ער האָט אַליין ניט וויסנדיק זיך אַריינגעריסן אין עלוויראס לעבן און דאָרטן אַ שטורעם אויפגעוועקט. אַ געוויסע צייט האָט זי געזוכט געלעגנהייטן, אַפשר וועט זי אים באַגעגענען ביי דאָקטאָר לוריאַן, וואוהין זי איז עטלעכע מאָל געגאַנגען מיט יוסטינען. פאַר יוסטינען האָט זי אירע געפילן ניט אויפגעדעקט. צו איר איין און צוואַנציקסטן געבוירנטאָג האָט זי באַשטימט איינצואָרדענען ביי זיך אין דער היים אַ שטיקל יום טוב, איינלאַדן געוויסע פריינט, און צווישן זיי, מיט דעם פּאַטערס הסכּמה — איינלאַדן יוסטינען. אין דער שטיל האָט עלווירא געבעטן ביי יוסטינען, זי זאָל ברענגען איר שוועסטערקינד, מאָו לוריאַן. זי האָט אין דער שטיל אויך געבעטן, יוסטינע זאָל איינלאַדן איר ייִנגערע שוועסטער. ברכה לוריא האָט די איינלאַדונג ניט אָנגענומען. אָבער מאָו לוריא איז גערן מיטגעגאַנגען.

ביים צוגרייטן דעם יום טוב האָט עלווירא באַמערקט, אַז מיסיס בראַיענט קוקט ניט אין איר זייט; זי גייט אום מיט די אויגן צום דיל. צומאָל ניט געוועזן קיין טראָפּן פריינטלעכקייט אין איר פּנים.

— גיב מיר אַ שמייכל, מיסיס בראַיענט, — איז עלווירא נאָענט צוגעגאַנגען און פאַרקוקט אין איר פּנים — דיך פאַרדריסט וואָס איך בין שוין איין און צוואַנציק יאָר אַלט... זאָל דיר, מיסיס בראַיענט, ניט אַרן וואָס איך ווער עלטער. אַבי איך געדענק גוט וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר און פאַר מיין פּאַ.

מיסיס בראַיענט האָט זיך געעסקט ביים געגרייטן טיש, געגלעט דעם טישטוך אונטערן געשיר, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס וואָס עלווירא האָט געזאָגט גייט איר ניט אָן.

עלוויראַן איז דורכגעלאָפן אַ פאַרדאַכט אין קאָפּ. מיט אַ געוויסער נאַאיוויטעט האָט זי פון דער זייט אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט דיר מיס רודמאַן?

— זי געפעלט מיר זייער — האָט מיסיס בראַיענט געענטפערט, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון דער אַרבעט.

— נאָר צווישן ייִדן קען מען אַזאַ איינע טרעפן.

— יעס, יעס... — האָט מיסיס בראַיענט, ווי פריער, צוגעגעבן.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט אַרויסזאָגן דיין מיינונג?

— מיין מיינונג איז ווינציק וואָס ווערט.

— דער פּאַ האַלט פון איר שטאַרק. דיר געפעלט זי ניט.

— איז איינע פון איר פאָלק.

— קענסט איר פאָלק?

— די קריסטלעכע וועלט ווייסט און קען זיי.

— וואָס ווייס מען פון איר פאָלק?

מיסיס בראַיענט האָט אויפגעהויבן די אויגן צו עלוויראַן און זיך אָנגעשלאָגן אָן עלוויראס פאַרטאַיעטן בליק.

— וואָס האָסטו צום ייִדישן פאָלק? — האָט עלווירא באַשטאַנען אויף אירס.

—אַז אַ וועלט האָט פּיינט, איז פֿאַראַנגען אַ פֿאַרוואָס.

— אַ וועלט האָט זיי פּיינט, פֿונדעסטוועגן זיינען זיי אומעטום פֿון אויבנאָן.

— דעריבער ד'האָט מען זיי פּיינט.

— איך האָב זיי ביז איצטער ניט געקענט. דו קענסט זיי אויך ניט.

— און איצטער קענסטו זיי בעסער?

— יעס, מיסיס בראַיענט. עס פֿאַרדריסט מיך, וואָס מ'האָט וועגן זיי אַזאַ שלעכטע מיינונג.

— דיר איז צום הארצן, די יידישקע זאָל ווערן דיין שטיפֿמוטער?

— אויב דעם פֿאָ וועט זי געבן גליק, וועל איך אויך זיין גליקלעך.

— יעס, יעס... אַ מאַן וויים ניט וואו צו זוכן דאָס גליק.

— דו האָסט אַמאָל ליב געהאַט? — האָט עלווירא געשעפּטלעך אַ פֿרעג געטאָן.

— איך האָב אַלעמען און אַלץ ליב.

— ניין, מיסיס בראַיענט, — איז עלווירא צוגעגאַנגען, גענומען מיסיס בראַיענט פֿאַרביידע הענט און געקוקט אין פּנים אריין — ניין, דאָס איז ניט אמת. צווייערליי ליבעס זיינען פֿאַראַן. אָן דער ליבע צו דעם איינעם קען מען ניט ליב האָבן אַלץ און אלעמען.

— יעס, עלווירא, די ליבע צו איינעם, ווען עס ווערט דורכגעפֿירט מיט דער הילף פֿון גאָט, ווירקט זי ווי דו מיינסט: די ליבע צו איינעם, וואָס ווערט דורכגעפֿירט מיט דער הילף פֿון אַ שלעכטן גייסט, איז עפּעס אַנדערש.

— וואו זיינען די מעשים פֿון גאָט, און וואו פֿון טייוול? ווער דער־קענט דעם אונטערשייד? דו דערקענסט דעם אונטערשייד?

— ווען די צייט וועט קומען, וועסטו עס דערקענען.

— גאָט און טייוול, מיסיס בראַיענט, טוען ביידע איינע און די־זעלבע זאַך.

— זאָג עס ניט, טאָכטערשי, דו, מיין ליבטיקע... — האָט מיסיס בראַיענט זיך איבערגעצלמט.

— יעס, מיסיס בראַיענט, — ד'האָט עלווירא גערעדט מיט נצחון — ס'איז ניט די ארבעט פֿון גאָט, וואָס האָט אָפּגעקליבן בעסערע מענטשן פֿון ערגערע. ס'איז ניט די ארבעט פֿון גאָט, וואָס פֿאַרמאָגט ליבע צו אַלע באַשעפֿענישן, ער זאָל פֿלאַנצן שנאה צווישן מענטש און מענטש, פֿאָלק און פֿאָלק, ראַסע און ראַסע. ס'איז נאָר די ארבעט פֿון טייוול און ניט מער.

— נאָך דיר קומט אויס, אַז די נעגערס און די ווייסע זיינען איינס און דאָס אייגענע!

— עס קען געמאָלט זיין, אַז די נעגערס זיינען בעסער פֿון די ווייסע.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט מיסיס בראַיענט סאַרקאַסטיש אַ לאַך געטאָן.

— לאַך ניט, מיסיס בראַיענט. פֿאַראַנען ליבע, און ס'איז פֿאַראַנען סם, וואָס פֿאַרסמט דעם מענטשנס האַרץ. ביידע קומען פֿון איין קוואַל. די אַמאָליקע גריכן האָבן צוגעטראַכט געטער פֿאַר ביידע זאַכן, אַ גאָט פֿאַר ליבע, אַ גאָט פֿאַר האַס. ביי אונדז האָט מען עס איבערגעגעבן אין רשות פֿון איין גאָט. טאַ לאָמיר דיר זאָגן, אַז ליבע איז געטלעך, און האַס —

דאָס איז מענטשלעך. איר אַלע, וואָס טראָגט האַס צו מענטשן, וואָס זעען ניט אויס ווי איר, זייט איר ניט־גלויביקע.

— כ׳ווייס, עלווירא, ביסט פאַרליבט.

— איז עס אַ זינד?

— ניין, ס׳איז ניט קיין זינד.

— איז דער טאַטע באַגאַנגען אַ זינד?

מיסיס בראַיענט האָט אויף דעם ניט געענטפערט. מיט אַ געהויבענעם קאָפּ איז זי אַרויס פון צימער.

עלווירא האָט נאָכגעקוקט די אויסגעגלייכטע פּלייצע פון דער פרוי, וואָס האָט זי אויפגעהאָדעוועט. די פּלייצע האָט אויסגעדריקט די שנאה וואָס דאָס פּנים ד־האָט מיט זיך מיטגענומען. אַ חשד איז פאַרלאָפן צו עלוויראַן אין מוח, אַז די בלאָנדע הויז־פרוי, וואָס איז אין די פערציקער יאָרן, און זעט ניט אויס מער ווי פינף און דרייסיק יאָר, באַהאַלט אונטער דער שנאה צו יידן איר אייפערזוכט צו דער פרוי, וואָס קומט ווערן באַלעבאָסטע אין שטוב.

נאָך דעם שמועס האָט עלווירא דערשפּירט אַ שטעכעניש אין די שלייפן. זי האָט זיך באַרואיקט ווען דער פאָטער האָט איר אין טעלעפאָן מודיע געווען, אַז ער איז פאַרנומען אין שפּיטאָל און גאַנץ שפּעט וועט ער זיך אומקערן אַהיים, און ער בעט, זי זאָל אויף אים ניט וואַרטן. און מיט אַ שטילערער שטים האָט דער פאָטער איר געבעטן, זי זאָל פריינטלעך זיין צו מיס רודמאַן, אויב ער קומט ניט אין צייט, זאָל זי, עלווירא, זיין צו איר פריינטלעך און פאַרהאַלטן ביז ער וועט קומען.

ווען יוסטינע רודמאַן און מאָו לוריא זיינען אָנגעקומען, האָט זיי עלווירא באַגעגנט אין טיר. אויף שנעל האָט זי געקושט יוסטינען, האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע, אַרומגעכאַפּט און געקושט מאָו לוריאַן.

אַרום טיש מיט דעם טראַדיציאָנעלן קייק אין דער מיט, איז געשטאַנען דאָס פאַרבעטענע יונגוואַרג, צווישן זיי עטלעכע בגילופנדיק. מען האָט געטרונקען און געשמאַק צוגעביסן.

עלווירא האָט מיט איבערגעטריבענער מונטערקייט פאַרגעשטעלט די נאָר וואָס אריינגעקומענע געסט, און דערביי צוגעגעבן:

— אָט דאָס שיינע מיידל איז אַ „רעפּיודזשי" פון סאָוועטנפאַרבאַנד; און מיסטער לוריא, די פּרוכט פון דער פרייער אַמעריקע. זייט באַקאַנט און אַמוזירט זיך אינאיינעם.

דאָג אַקאָנער, אַ יונגער סטודענט מיט רויטלעכע האָר, ביינערדיקן פּנים און שווערלעכע ליפּן, מיט אַ גלעזל ווין אין דער האַנט, האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום טיש:

— בראַוואָ, עלווירא! איך האָב ליב אַ פרוי אַ קאָסמאָפּאָליט — האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג — וואָס מיין איך מיט דער דעפיניציע קאָסמאָפּאָליט, וועל איך באַלד דערקלערן, אויב איר וועט מיר נאָר דערלאָזן אַ וויילע צו טראַכטן. יעס, מיין דעפיניציע פון אַ קאָסמאָפּאָליט איז, ווען אַ מענטש חלומט, אַז ער האָט אויף טיימס סקווער אָנגעוואָרן זיינע קליידער און איז, עקסקיוז מי, געבליבן אַ נאַקעטער. יעס, מיינע פריינט, קליידער גיבן דעם מענטש אַ דעפיניטיוון אויסזען. אויסוואורפן, גענגסטערס, אפילו

נאַציאָנאַלע גענגסטערס, און ווער זאָגט נאָך, אַז צום ראָק זיינעם איז א מיידל צוגעשפּילעט, כאַ־כאַ־כאַ... אָ, וויל איך זאָגן, מענטשלעכע נאַקעט־קייט איז קאָסמאָפּאָליטיש. ווען די מענטשהייט וואָלט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, וואָלט קיין גרעניץ ניט געווען און קיין גרעניץ אַפּצאָל אויך ניט. ווען נאַקעט — איז קריסטוס אַן ענגלענדער, קאַרל מאַרקס — א טערק. אין קליידער — זיינען זיי ביידע יידן. לאָמיר זיי לויבן, און טרינקען לכבוד זייערע נעז.

— מיר געפעלט ניט דיין דעפיניציע, דאַג — האָט אים איבערגעשלאָגן מילטאָן באַרעט, א זעקס פוסיקער, בלאָנדער יונג, מיט גרינלעך־בלויע אויגן אונטער א הויכן, מיט זומערשפּרינקלעך צוגעדעקטן שטערן — קאָסמאָ־פּאָליטיזם דאַרף מען דערקענען ניט אין פּאָזיטיוון זין, ווי דו ווילסט עס, נאָר אין נעגאַטיוון זינען, ווי די היינטיקע צייט פּאָדערט עס. קאָסמאָ־פּאָליטיזם איז א סטרייט־דזשעקעט, אַז אַלע פעלקער זאָלן האָבן איין ווערט. דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין. ווי ס'איז ניט גלייך די זון וואָס גיט ליכט, און די לבנה, וואָס באַרגט ליכט ביי דער זון. ביידע זיינען אָנערקענט. אָבער אין קעגנוואַרט פון זון, איז די לבנה, עקסקיוז מי, אַן פּעדזשאַמעס. טו אויס דעם מענטשן נאַקעט — וועסטו יעמאָלט אים גוט דערקענען!

— דאָס איז דורכאויס פאַלש! — איז בויד דייווים, א קורצגעוויקסיקער סטודענט מיט א רונדן שווערן קאָפּ אויף א קורצן, פעסטן האַלדז, א מעדיצין סטודענט, ארויסגעקומען אויף איין מיטן צימער און גערעדט אויף דער זייט פון יוסטינען — אויב דער באַגריף פון קאָסמאָפּאָליטיזם וואָלט געווען ווי מילטאָן וויל עס האָבן, וואָלט איך געווען דער ערשטער צו באַפעלן אויסצוטאָן נאַקעט דידאָזיקע כיטרע לייטלעך, וואָס זיינען די אמתע קאָסמאָפּאָליטן, די, וואָס האָבן קיין לאַנד ניט; די, וואָס האָבן אויס־געשטעלט זייערע טראָגען אין יעדן לאַנד, און די גאַנצע וועלט געמאַכט פאַר אַ פעלד פון זייער עקספּלואַטאַציע, און פאַשע פאַר זייער אַפּעטיט דינט כמעט די גאַנצע מענטשהייט. בלויז אין איין לאַנד, ווי מען דער־ציילט, האָט מען יענע לייט אויסגעטיילט באַזונדער. איז מיר א שאָד צו הערן, אַז דידאָזיקע מיס איז א רעפּיודזשי פון יענעם לאַנד. לאָז מיר פונדעסטוועגן דיר דריקן דיין האַנט און טרינקען פאַר דיין געזונט.

בויד דייווים איז צוגעגאַנגען און געדריקט יוסטינעס האַנט.

מילטאָן באַרעט האָט געווישט דעם שוויס פון שטערן, און איז אויך אַרויס אויפן מיטן צימער.

— אויב אַזוי — האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיטן גלעזל וויין אין דער הויך — וועל איך מיין דעפיניציע קלערער מאַכן. דו, בויד, באַהאַלט ניט דיינע נעגל, מירן זיי געפינען. ווען אפילו געהערסט ניט צו יענער אינטער־נאַציאָנאַלער נאַציע מיט דיין בלוט און פלייש, ביסטו מיט דיין מוח דאָרטן, כאַ־כאַ־כאַ. און אויב די מיס בלעקאַייז איז געפאַלן פון פיקטיוון אינטער־נאַציאָנאַל, וועט זי דאָ געפינען איר גלייכן.

— איך פאַרבאָט אַזוי צו ריידן ביי מיר אין שטוב! — איז עלווירא איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער צעטומלטער יוסטינען — מיר פאַרדריסט וואָס איר האָט מיר דאָ מיין יום טוב אַזוי מיאוס געמאַכט,

— מילטאָן, ביסט אומגערעכט — האָט זיך עלווירא׳ס חברטע ווירדזשיניא מיטשל, ארויסגעשטעלט מיט א פאַריסענעם קאָפּ — עלווירא איז דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָנס א טאָכטער, פאַרוואָס זאָל זי זיין אַנדערש ווי איר פאָטער? ער היילט אלעמען. ער וויל אומקערן צום לעבן, געזונט מאַכן יעדן איינעם פון וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל ניט זיין.

יוסטינע, א בלאָסע, אַ נידערגעשלאָגענע, האָט ניט נאָר אינגאַנצן באַנומען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ביז עלווירא׳ס פּראָטעסט, האָט זי ניט תופס געווען, אז צוליב איר האָט זיך ענטוויקלט אַזאַ אומגעלומפּערטער שמועס. איר האָט פאַרדראָסן דה־מאי זי האָט מיטגענומען דעם יונגן לוריאַן.

— זיי מונטער, מיס רודמאַן, — האָט עלווירא גענומען יוסטינעס קאַלטע האַנט — זאָל דיר ניט אַרן וואָס ער רעדט. ער איז א פאַרביסענער אַנטיסעמיט, איך האָב אים ניט געדאַרפט איינלאַדן אַהער. זאָג דו עפּעס, מאַו, — האָט עלווירא זיך געווענדט צום יונגן לוריאַן, וואָס האָט געפּרואווט דערשלינגען זיין אויפרעגונג — איך האָב דיך געהערט רעדן, איך געדענק וואָס דו האָסט געזאָגט.

— וואָס איך זאָג אמאָל צווישן אייגענע, זאָג איך עס ניט צווישן פרעמדע — האָט מאַו לוריא זיך געוואָרגן מיט די ווערטער — ווּעסט מיר ענטשולדיקן, איך גיי פונדאַנען. איך האָב גאָר געוואָלט אַהער באַגלייטן מיס רודמאַן, איך האָף, ווּעסט אויף איר אַכטונג געבן.

— איך גיי אויך מיט דיר, מאַו, — האָט יוסטינע געכאַפּט עלווירא׳ס האַנט, — ווּעסט מיר ענטשולדיקן, יאָ. ווּעסט גריסן דעם דאָקטאָר ווילסאָן.

אין דער אייגענער צייט, איז א שטאַרק אויפגעלייגטער, אָנגעקומען דאָקטאָר ווילסאָן.

— ענטשולדיקט מיר אַלע, וואָס איך ה־אָב מיט אייך דאָ ניט פאַר־בראַכט. פּליכטן... ווּעסט מיר, טאָכטער, מוזן ענטשולדיקן.

— נעם, פּאַ, מיס רודמאַן אריין אין אַנדערן צימער, מונטער זי אויף אביסל, און קומט אריין צוריק ביידע אינאיינעם. די באַיעס רעדן נאַריש־קייטן, וואָס באַליידיקן.

— גוט, גוט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געקושט עלוויראַן, — איך וויל זיך אביסל אָפּרוען, און באַלד קומען מיר אריין.

אין צווייטן צימער האָט יוסטינע זיך באַפּרייט פון דאָקטאָר ווילסאָן, א בלאָסע איז זי איבערגעגאַנגען אין צווייטן ווינקל, געוואַרט, וואָס דאָקטאָר ווילסאָן וועט איר זאָגן.

— וואָס איז, מיין טייער קינד? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געקוקט פאַרוואונדערט — וואָס שטייסטו אזוי?

— האָסט געוואוסט, אז דו האָסט אויסגעקליבן א מיידל פון א פאָלק וואָס רואינירט די וועלט?

— איך פאַרשטיי ניט, יוסטינע.

—איך בין געלאָפן פון א רעוואָלוציע און אריינגעפאַלן אין א רעאַקציע.

— האָסט זיך צוגעהערט צו אונדזער יוגנט; ניט דאָס איז די הויפּט יוגנט.

—פון וואַנען בין איך זיכער מיט וועמען איך רעד?

—איך הער, און פאַרשטיי ניט — איז דאָקטאָר ווילסאָן ווי איינגעשרומפּן געוואָרן.

— אויך דאָרטן פון וואַנען איך קום האָב איך א סך מאָל געהערט זאָגן, אַז יעדער איינציקער ייד איז אַלרייט, נאָר אַלע יידן אינאיינעם זיינען א אומגליק פאַר דער מענטשהייט. היינט האָב איך עס ביי דיר אין שטוב געהערט.

— וואָס האָסטו, מיין קינד, צו טאָן מיט דיין פאָלק? געוויס וויל איך זאָלסט מיך פאַרשטיין, אַז איך קלייב אויס איינעם ווי א מענטשן און נאָענטן, בין איך ניט פאַרפליכטעט צו טראַכטן פון זיין גאַנץ פאָלק, בין איך ניט פאַרפליכטעט צו טראָגן יענעמס פאָלק אויף מיין געוויסן. דאָס אייגענע מיט דיר; אויב דו ד׳האָסט אויסגעקליבן איינעם, וואָס צו אים האָסטו צוטרוי ווי צו אַ מענטשן, דאַרפסטו ניט נעמען אויף דיין געוויסן דאָס נישטיקע וואָס מיר האָבן דאָ אין לאַנד. מיר זיינען א יונג פאָלק. מיר וואַקסן. אין פּראָצעס פון יוגנט קומען צום אויסדרוק אלערליי נאַרישקייטן.

יוסטינע האָט זיך געוואָרגן מיט אירע געפילן. דאָקטאָר ווילסאָנס געשטאַלט האָט זיך געוויגט פאַר איר ווי אונטער א נעפּל. אָט איז זיין געשטאַלט גאָר נאָענט, און אָט איז עס ווייט און ווערט אין נעפּל פאַרשוואונדן.

— קום אריין צו דער יוגנט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גענומען איר האַנט — עלווירא האָט דיך ליב.

— איך וועל דאָ וואַרטן ביז דו וועסט מיך קענען אָפּפירן אַהיים. גיי אריין צו דייניקע. אריין צו דיין קינד.

זי האָט אים ארומגענומען, געדריקט צו זיך און שטיל איבערגעחזרט די ווערטער:

— זאָג דיין טאָכטער, אז איך האָב זי ליב, איך האָב זי שטאַרק ליב . . .

* * *

עס איז געווען ארום האלבע נאַכט, ווען דאָקטאָר ווילסאָן איז מיט יוסטינען צוגעפאָרן צום הויז וואו איר היים איז געווען. א גאַנצן וועג איז זי געזעסן מיט פאַרביסענע ליפּן, זיך געטוליעט צו זיין אָרעם, און מיט אלע כחות גובר געווען די טרערן, וואָס האָבן געגליט אין די אויגן.

— דו וועסט, מיין טייערע, גוט איבערלייגן די זאַך אין קאָפּ, וועסטו זען, אז מיר קענען ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מאָב־געפילן. דאָס זיינען מאָב־געפילן, וואָס די יוגנט האָט אין דיין קעגנוואַרט אָפּגעלאָזן. מיר חידושט וואָס עלווירא האָט ניט פאַרשטאַנען ווען איינצולאַדן, ווען זי ד׳האָט דיך פאַרבעטן. איך האָף, מיין טייערע, דו וועסט זיך אויסשלאָפן, און דעם אומגעלומפּערטן אינצידענט ארויסוואַרפן פון געדאַנק. עלווירא האָט דיך ליב. איך וויל, דו זאָלסט זיך עפּעס קויפן שיינס אָנצוטאָן.

דערביי האָט ער יוסטינען אריינגעשטעקט אין האַנט צונויפגעוויקלט עטלעכע דאָלער־בילס.

יוסטינע האָט אויף דעם מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט. וואַרימער ווי שטענדיק האָט זי אים געדריקט צו זיך, און שנעל אַריינגעאיילט צו די

טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום דריטן שטאָק, וואו די רודמאַן־דירה איז געווען.

ארויפקומענדיק צום צווייטן שטאָק, האָבן אירע קני נאָכגעגעבן און זיך אונטערגעבראָכן. איר האָט פאַרפעלט אָטעם. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף די טרעפּ, און מיט צעשראָקענע בליקן אומגעבלאָנדזשעט איבער די שלעכט־באַלויכטענע, ברודיקע ווענט. ווי צום ערשטן מאָל וואָלט זי די־דאָזיקע טרעפּ און ווענט באַמערקט.

— גוט, ווען זיי שלאָפן אַלע — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — ניטאָ וועמען צו דערציילן וואָס מיט מיר איז פאַרלאָפן. קיינער וועט עס ניט פאַרשטיין.

זי האָט דערשפּירט אין דער פאַרקוועטשטער האַנט די דאָלער־בילס, ביים טונקעלן ליכט האָט זי באַטראַכט די ציפערן אויף די בילס. פינף־דאָלערדיקע, צען־דאָלערדיקע... „צוליב וואָס האָט ער עס מיר איצטער אריינגעשטעקט אין האַנט — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — אונטערקויפן מיין סאַוועסט, דאָס האָט ער געמיינט? כ'האָב עס אים געדאַרפט אַ שליי־דער טאָן צוריק אין זיין ראָזשע אריין, זאָל ער וויסן, אז אַ יידיש מיידל לאָזט זיך ניט פאַרקויפן."

זי האָט נאָך אַמאָל באַטראַכט דאָס געלט, און דערפילט אַ בייסעניש אין פּנים. עלווירא האָט זי צופיל געקושט ביים געזעגענען זיך. דאָקטאָר ווילסאָן האָט צופיל געקושט אירע באַקן ביים געזעגענען זיך. איצטער פילט זי אַ בייסעניש אין דער הויט. וואָס לענגער זי זיצט אזוי אויף די טרעפּ, דוכט איר, ווערט אַלץ מער איר גוף איינגעשרומפּן.

אַ געדאַנק האָט אַ שלאָג געטאָן אין מוח: „אפשר אראָפּגיין שטיל פון די טרעפּ, אוועק צו דאָקטאָר לוריאַן, דאַרטן שלאָפט מען ניט; קומען און דערציילן אים וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביי דאָקטאָר ווילסאָנען אין שטוב; הערן, וואָס ער האָט וואָס צו זאָגן. ער איז ניט קיין פאַנאַטיקער, ער פאַרשטייט דאָס לעבן."

מיט אַלע כחות איז זי אויפגעשטאַנען, און דערפילט אַ ניט־גוטקייט, ווי צום ברעכן. אַ פאַרבאַרגענע האַנט האָט זי פון הינטן געשטויסן העכער, העכער — ביז צו איר אייגענער טיר אויפן דריטן שטאָק. זי האָט צו־נויפגענומען אַלע צערונענע כחות, צונויפגעצויגן די אקסלען, מיט די הענט געווישט דאָס פּנים, ווי אָפּצואווישן אַ בייזן חלום, זי איז אריין אין צימער, און האָט אויף זיך דערשפּירט פינף פּאָר אויגן: טאַטע־מאַמע, די צוויי ברידער, און ברנדה — ווי אַלע וואָלטן געפירט אַ געמיטלעכן און פריידלעכן שמועס, און געוואַרט אויף איר.

יוסטינע איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען ברכהן, אַ רגע באַגראָבן אויף איר האַלדז דאָס פּנים, און איז דערנאָך מיט אונטערגעבראָכענע טריט אַוועק אין צווייטן צימער, אין די קליידער אנידערגעפאַלן אויפן בעט.

די שטובלייט האָבן זיך דורכגעקוקט. די מוטער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, געוואָלט גיין נאָך יוסטינען, האָט זי בנימין רודמאַן געכאַפּט פאַר דער האַנט.

— לאָז זי אָפּ. זי איז קלוג גענוג און ווייסט אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז.

— גיי אריין צו איר, ברכה, פרעג וואָס איר איז — האָט די מוטער געבעטן. — זיי וועזשלעווע מיט איר. ס׳גליק האלט זיך אויפן וואַגשאַל, אַמאָל וויגט זיך דאָס צינגל אַהער, און אַמאָל אַהין. גיי אריין צוג׳איר, מיין קינד.

— זי האָט מיך ליב ווי פעפער אין נאָז.

— זי האָט דיך אזוי אַרומגעכאַפּט.

— דאָס מיינט גאָרניט.

— גיי דו, פנחס, אריין.

אויף דעם איז יוסטינע אליין אריינגעקומען, האָט צעפּליקט די דאָ־לער־בילס וואָס זי האָט נאָך אלץ געהאַט פאַרקוועטשט אין די האַנט, און די פּיצלעך אַ שליידער געטאָן אויפן טיש.

— וואָס זייט איר אזוי אודיוטליאיעט? אייער טאַכטער איז ניט קיין פּראָדאַזשנע שקורע. איך האָב נאָר געוואָלט דערגיין אין וואָס פאַר אַ לאַנד איך לעב, צווישן וואָס פאַר אַ מענטשן מיר וועט אויסקומען אָפּלעבען מיין לעבן, כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוסטינע זיך היסטעריש צעלאַכט. — ליבע האָט מען צוגעטראַכט, כאַ־כאַ־כאַ, גיב אלץ אוועק פאַר ליבע, פאַרקויף דיין לייב, פאַרקויף דיין נשמה, אלץ פאַר דער פאַרשיווער ליבע, כאַ־כאַ־כאַ!

בנימין רודמאַן האָט ניט געקענט קומען צו זיך צוליב די צעריסענע דאָלערס אויפן טיש:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט? אפשר פופציק, צי זעכציק דאָלער, וואו האָסטו עס גענומען, און וואָס רייסטו עס?

ברכה איז צוגעגאַנגען צו יוסטינען, ארומגענומען און געקושט איר קאָפּ, און אויסגעווישט די טרערן, וואָס האָבן פאַרגאָסן אירע אייגענע אויגן.

— איך וויל ניט וויסן, יוסטינע, וואָס מיט דיר האָט געטראָפן. איך וויל דיר ניט פרעגן וואָס פאַר אַ געלט דו האָסט צעריסן. אזוי האַנדלט אַ מענטש מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. כ׳האָב געוואוסט, אז צו דעם וועט עס קומען.

— וואָס דו־האָסטו געוואוסט? — איז בנימין רודמאַן אומגעדולדיק אויפגעשטאַנען — פאַרוואָס האלט איר טאַטע־מאַמע אין דער פינצטערניש? פאַרוואָס פאַסט איר ניט קומען אהער, און פאַרברענגען מיט טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן פאַר אים אויסגעכאַוועט אַ טאַכטער? טאָרן טאַטע־מאַמע אים ניט קענען אַביסל בעסער? איך האָב דאָס אייגענע געפרעגט ביי דאָקטאָר לוריאַן, האָט ער מיך אָנגעקוקט און געשמייכלט, ווי איינער זאָגט: וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? עסן מיר אויף די אויגן, יוסטינע, איך זאָל וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אום.

— פאַרוואָס האָט איר גענומען ביי מיר געלט, ווען איר האָט גע־וואוסט, אַז איך פאַרדין ניט? — האָט יוסטינע קאָלט אַ פרעג געטאָן — זאָל דיך ניט פאַרדריסן וואָס איך האָב די שמוציקע דאָלערס צעריסן.

— גיי, יוסטינע, שלאָפן, שלאָף זיך אויס — האָט פנחס געפּרואווט איינבעטן יוסטינען — איך פאַרשטיי, מ׳האָט דיר אָנגעטראָטן אויף דיין ייִדישן עק, און ס׳האָט וויי געטאָן... האָסטו געדאַרפט וואַרטן ביז מ׳וועט דיר שפייען אין פנים אריין? אזוי לאַנג האָסטו געדאַרפט וואַרטן? איז

ניט צייט, אז א ייד, ווער עס זאָל ניט זיין, יינגל, צי מיידל, זאָל וויסן אויף וואָס פאר א וועלט ער איז? וואָס איז א מענטש, א חזיר? אן אייזל?

יוסטינען האָט געחידושט וואָס די שטובלייט — ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטויסן, אז מען דהאָט זי ווי א ידיש קינד באַלײדיקט; פונקט ווי זיי וואָלטן אין פאָרויס געוואוסט וואָס פאר א פסק זי וועט כאַפּן אויף עלווירא ווילסאָנס געבורטסטאָג.

יוסטינען איז שווער געווען צו פאַרטראָגן אויף זיך די אויגן פון פנחסן און פון ברכהן. דידאַזיקע צוויי האָבן זי שווער פארמשפּט, ניט נאָר אין האַרצן. אין דער ערשטער רגע האָט זי געפילט פונקט ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון חיות און דורך א נס איז זי פאַרלאָפן אין א וואַרימער היים צווישן מענטשן. אָבער איצטער, נאָך די שטעכיקע רייד פון די אייגענע, האָט איר זייער מענטשלעך פון ווייטנס געקלונגען דאָקטאָר ווילסאָנס לעצטע ווערטער:

— צי דאַרף איך טראָגן אויף מיין געוויסן אַ גאַנץ פאָלק, ווען איך האָב ליב אן איינציקן מענטשן?

דידאָזיקע ווערטער קומען אזוי קלאָר, אזוי שכלדיק. איר דוכט אויס, אַז צווישן שונאים געפינט זי זיך איצטער. קיינער פון די שטובלייט איז איר ניט קיין פריינט. אפילו די מאַמע אויך ניט. זי פאַרדעכטיקט, אז איר טאַטן אַרט מער פון אַלץ דאָס, וואָס זי האָט צעפליקט דאָס געלט. געוויס פאַרשטייען זיי, אַז דאָס געלט האָט איר דאָקטאָר ווילסאָן געגעבן.

איר חידושט, וואָס די מוטער זיצט שטום ווי א שטיין, אפילו אירע אויגן זיינען שטום. מיט שטומע, פאַרגליווערטע אויגן קוקט די מוטער צו איר, אָט באַלד וועט די מאַמע אויסברעכן מיט א ביטערן געוויין, אדער אָנהויבן שעלטן מיט ווּיסטע קללות, אליין ניט ווּיסנדיק צוליב וואָס־און־ווען.

— סאָוועטן וואָלטן דאָ אריינגעפּאַקט אין קאָזע פאר אנטיסעמיטישע שטיקלעך דידאָזיקע לייטלעך. אַהאָ, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען ווי זיך צו האַלטן! שפּיי אויף אַלעמען, יוסטינע — האָט יעפים גערעדט מיט היץ. לויף פון פינצטערן שאָוויניזם, סיי פון ידישן, און סיי פון גויאישן שאָוויניזם לויף. אַנטיסעמיטיזם איז ניט דאָס איינציקע וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט; קאַפּיטאַל איז די ערגסטע חיה. א קרוב דהאָבן מיר, דער מיסטער לעאָנאַרד סטאָן, ער איז א וואָלף מיט צען פיסקעס; א טכויר מיט צען שטינק־אַפּאַראַטן . . . אַ שוועסטערקינד איז ער אונדזערער, קטשאַרטו אזעלכע קרובים! ס'איז שוין גלייכער, ליידן פון גוים איידער פון אייגענע יידישע חזירים און טכוירן.

— איז דאָס אַלץ? — האָט פנחס שטיל געפרעגט — זאָג נאָך עפּעס. זאָג מיט די אַנטיסעמיטן אינאיינעם, אז יידן האָבן די גאַנצע וועלט אריינגעכאַפּט אין זייערע לאַפּעס, אז צוליב זיי ליידן די מאַסן הונגער, און אז נאָר צוליב זיי האָט די קריסטלעכע וועלט מלחמות אויף דער ערד... זאָג עס, ברודערל, זאָג עס דיין שוועסטער, וואָס האָט אָנגעטאָפּט א מזוזה ביי איוואַנען אין טיר, כאַ־כאַ־כאַ.

בנימין רודמאַן האָט שטילערהייט רעסטאַוורירט די צעריסענע דאָלער־בילס, ער האָט די פאַפּירענע פינפערלעך און צענערלעך אויסגעסדרט

אויפן טיש. עס זיינען אויסגעקומען זעקס פינפערלעך און צוויי צען־דאָלער־בילס.

— פופציק דאָלער, עס זיינען נאָך אַלץ פופציק דאָלער! איך וועל עס מאָרגן צונויפקלעפּן, וועסטו עס אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט, און שיק עס אים אָפּ. שרייב אים צו: אַז דאָס איז אַ זנאַק ווי אַזוי אַ ניט־ייד צערייסט דאָס לעבן פון אַ יידן. לאָמיר, קינדער, גיין שלאָפן.

אויף מאָרגן איז יוסטינע מיט אַ שטאַרקן קאַפּווייטיק אַוועק צו דאָקטאָר לוריאַן. זי האָט אירע געפילן ניט באַרואיקט אין שטוב. אפילו די הייסע קושן מיט וועלכע איר שוועסטער ברכה האָט ביינאַכט אין בעט צוגעדעקט איר לייב האָבן איר געמיט ניט איינגעשטילט. יוסטינע איז אַריין צו דאָקטאָר לוריאַן, און איז געווען צופרידן וואָס פּערל לוריאַ איז ניט געווען דערביי. זי האָט אים געטראָפן אין זיין קאַבינעט, ביי אַ בוך.

— טרייב מיך ניט אַרויס — האָט יוסטינע אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאַס קאָפּ — ביסט אַ קלוגער מענטש, זאָג מיר, וואָס זאָל טאָן אַ מיידל, וואָס איז אַרויס שפּאַצירן אויפן אייז, און מיט אַמאָל האָט דער אייז געפּלאַצט, און דאָס מיידל איז אויף אַ שטיק אייז אַוועקגעטראָגן געוואָרן?

דאָקטאָר לוריאַ האָט אָנגעקוקט יוסטינען, געשמייכלט, און ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען עס האָט זיך צו יוסטינען גענומען אַזאַ פאַרלאַנג אין עפּעס זיך מודה צו זיין.

— אויף וואָס פאַר אַ שטראָם ביסטו פאַרטראָגן געוואָרן? — האָט ער באַטראַכט אירע שמאָלע הענט — מיר האָט אויסגעוויזן, אַז פון אַנקלס שטוב ביסטו די איינציקע וואָס האָט געפונען אַ שטיקל ערד אונטער די פיס, צום סוף גאָר. האָסטו שוין איבערגערעדט מיט דאָקטאָר ווילסאָנען?

— ניין.

— וואָס דען?

— איצטער, אַז איך בין ביי דיר, איך קוק דיך אָן, פאַרשטיי איך אַליין ניט וואָס פאַר אַ פּראַקלאַטע דאָליע עס איז אויסגעפאַלן אויף אונדז אַלעמען.

— דו האָסט אים ניט ליב — האָט דאָקטאָר לוריאַ שטיל געזאָגט — ביסט יונג, וועסט דיינס געפינען צווישן יידן.

— ס'איז ניט דאָס, זאַכאַרי דאַראַגאַי. איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן דער בעסטיע, וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם. מיט אַמאָל האָט מיך אַ דראַזש אַרומגענומען. האָב אָנגעהויבן אָשושטשאַיען, אַז איך בין אַ יידיש מיידל, און אַזוי גרינג וועט עס מיר ניט אָנקומען אָפּצוזאָגן זיך פון אייגענע.

— וואָס געשען?

— אַ סך צו דערציילן, און ווייניק צו דערציילן. עלווירא האָט געמאַכט אַ שטיקל פּראַזדניק, האָט פאַרבעטן פאַרסמאַרקעטע סטודענטן, אירע פריינט. זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט, און אַז איך בין אַריינגעקומען, האָבן זיי אויף מיר אויסגעטאַרשטשעט די אויגן, מיט אַזאַ יעחידסטוואָ אויסגעלאַכט יידן.

— דאָקטאָר ווילסאָן איז געווען דערביי?

— ניין, ער איז שפּעטער געקומען. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך פירן אַהיים.

— ער ווייס וואָס עס איז פאַרלאָפן?

— איך האָב אים דערציילט. האָט ער געזאָגט, אז צוליב זיין גוטער אטנאָשעניע צו איין פערזאָן, דאַרף ער אויף זיין סאָוועסט ניט טראָגן אַ גאַנץ פאָלק.

— אפשר איז ער גערעכט.

— איך ווייס אויך, אז ער איז גערעכט, אָבער פאַרוואָס איז מיר פאַר די אויגן פינצטער געוואָרן? מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז איין מיטן פון א פאָגראָם אויף יידן, האָב איך גענומען און זיך ווליובלאָיעט אין אַ גוי.

דאָקטאָר לוריאן איז א פרעסטל דורכגעלאָפן דורכן רוקנביין — ווי די צונג וואָלט ביי אים פאַראַליזירט געוואָרן. יוסטינע האָט עס דערפילט און איז תחילת אליין בלאַס געוואָרן. שפּעטער האָט דאָס גאַנצע בלוט איר א שלאָג געטאָן אין קאָפּ אריין — ווי א פייער וואָלט די אויגן אָנגעצונדן. איר שטים איז ווי פאַרטריקנט געוואָרן אין האַלדז.

יוסטינע האָט אָפּגעטראָטן אַן א זייט, האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף דער רויטער, לעדערנער סאָפע, און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. איר האָט ניט פאַרדראָסן וואָס זי איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאן. און איצטער באַנעמט זי, פאַרוואָס דאָקטאָר לוריא האָט שטענדיק גוטמוטיק געשמייכלט, ווען זי האָט פאַר אים דערציילט ווי זי איז פאַרטאָן מיט איר צוקונפט — ווי דאָקטאָר ווילסאָנס פרוי. זי באַגרייפט איצטער, אַז דאָקטאָר לוריא האָט וועגן איר געוויס געטראַכט ווי וועגן א מיידל, וואָס צוליב איר אייגן גליק וועט זי מקריב זיין משפחה, טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, און אויך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

פאַר דאָקטאָר לוריאָן איז יוסטינע איצטער געוועזן א רעטעניש. ווי קומט צו איר אַזאַ פאַרגלייך? פונקט ווי איין מיטן פון א פאָגראָם אויף יידן, האָט זי גענומען און זיך פאַרליבט אין א גוי... ווי קומט צו איר אַזאַ פאַרגלייך? ס'איז דער אייביקער ייד, וואָס וואַנדערט פון וועלט צו וועלט — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט — אין יעדן איינעם פון די פאַרוואָגלטע יידן, פון די אנטרונענע יידן לעבט ער דער אייביקער ייד. אָמאָל שלאָפט ער אין בלוט, און עס דאַרף נאָר קומען דער פאָגראָם־דונער, כאַפּט ער זיך אויף..."

דאָקטאָר לוריא איז איבערגעגאַנגען צו יוסטינען און זיך צוגעזעצט נעבן איר.

אן אויסגעלאָשענע האָט יוסטינע צו אים אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיט א פאַרלאָרנקייט, שטיל געפרעגט:

— וואָס פאַר א פראָקלאָטיע ליגט עס אויפן גאַנצן יידישן נאַראָד, און אויף יעדן איינציקן באַזונדער? איך האָב עס געוואָלט פון זיך ארויסרייסן. איך האָב געמיינט, אז איך האָב עס שוין ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען אינאיינעם. איך האָב מורא, זאָכארי, איך האָב שטאַרק מורא, אז יידן וועלן נאָך דאָ אין לאַנד עפּעס דערלעבן.

— קלערסטו איבעררייסן מיט אים אינגאַנצן?

— איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין.

— מענטשן זייט איר דאָך.

— כאָטיאָ צום'אים האָב איך גאָרניט, פונדעסטוועגן האָב איך געפילט, אז צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען.

מער האָט יוסטינע ניט געקענט זיך אליין קאָנטראָלירן. די טרערן האָבן פריי אַראָפּגערונען איבער די באַקן. זי איז איינגעשרומפּן געוואָרן, איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן און איז פּלוצלונג געעלטערט געוואָרן. זי איז אויפגעשטאַנען, זיך באַמיט צו באַרואיקן, און אָנגעהויבן זיך גרייטן אוועקצוגיין.

דאָקטאָר לוריאַ האָט ניט געפונען בשעת מעשה קיין ווערטער מיט וואָס צו פאַרגרינגערן איר צער:

— און אפשר איז עס בלויז א מאָמענט אַזאַ — האָט ער א טראַכט געטאָן — אפשר איז דאָס בלויז דער אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך אָפּגערופן, און זי אַנידערגעשטעלט פאַר דעם פאַקט, אַז טרויעריק וועט זיין איר לעבן, ווען זי וועט חתונה האָבן מיט א ניט־יידן; און כאָטש ער וועט זיך ארויסגעוויזן פאַר א יידן־פריינט, וועט נאָך אַלץ איר לעבן זיין טראַגיש, אויב ארום איר וועט בושעווען אַנטיסעמיטיזם.

יוסטינע האָט ווי זיך אָנגעשלאָגן אויף דאָקטאָר לוריאס מחשבות, און געפרעגט:

— ווי מיינסטו, זאַכאַרי, פילט זיך א מיידל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט א ניט־יידן, ווען ארום איר רעדט מען און מען באַרעדט איר פאָלק, מען לאַכט אויס, און מען חוזקט פון איר פאָלק?

— אפשר אזוי, ווי דו דאָסט זיך דערפילט.

— עטאָ טראַגיטשנאַ, זאַכאַרי, — האָט יוסטינעס שטים געציטערט.

— אמאָל איז עס טראַגיש, און אמאָל שטארק קאָמיש. פאַר דיר זאָרג איך ניט. וועסטו ניט זוכן מער דעם וועג צום דרויסן, וועט דער דרויסן צו דיר טרעפן. אייל זיך ניט אוועקצוגיין. באַלד וועט פּערל אריינקומען. מעגסט מיט איר אויך טיילן דיינע איבערלעבונגען. אפשר וועט זי דיר א סך בעסער פאַרשטיין און מיטפילן.

— אָ, מיר איז ענג, איך ווער דערשטיקט... ניע קודאַ דיעוואַטסאַ כאָט סדאָכני...

דערביי האָט זי זיך צוריק א וואָרף געטאָן אויף דער סאָפע, געוויינט, און אויסגעוויינט זיך אליין.

קאַפּיטל צוועלף

בנימין און גאָלדע רודמאַן האָבן אײנס פֿאַרן אַנדערן מורא געהאַט אױפֿצודעקן דעם טיפֿן טרויער װאָס האָט געגנאָגט לײב־און־לעבן. װי פֿון אַ הױך זײנען זײ בײדע אַראָפּגעפֿאַלן, כּדי צו דערשפּאָרן דעם עלנט, װאָס האָט זײ תּחילת בײם אָנקומען אין לאַנד אױסגעמיטן.

טאַטע־מאַמע האָבן די ערשטע פּאָר נעכט געהערט יוסטינעס זיפֿצן און קרעכצן, און האָבן ניט געהאַט קײן מוט ארױסצוזאָגן אַ טרײסט־װאָרט. אַ צעטומלעניש האָט די רודמאַנס אַרומגעכאַפּט. יעדערער אױף זײן אופֿן האָט אױסגעטײטשט יוסטינעס אומגעריכטן איבעררײס מיט דאָקטאָר װיל־סאָנען. פּנחס און ברכה האָבן צו זײער שװעסטער קײנמאָל קײן צוטרױ ניט געהאַט. זײ האָבן בײ יעדער געלעגנהײט אױפֿגעװאָרפֿן טאַטע־מאַמע פּאָר זײער באַהאַלטענעם גליק; אױפֿגעװאָרפֿן דאָס באַנוצן זיך מיט געלט װאָס יוסטינע האָט גענומען פֿון דאָקטאָר װילסאָנען דורך זײן טאָכטער עלװירא. איצטער האָבן זײ בײדע דערשפּירט אַ געפֿיל פֿון עקל צו זײער שװעסטער. זײ האָבן חושד געװען, אַז טאַטע־מאַמע האָבן צער, װאָס פֿון דער ליבע צום ניט־ײדן איז דערװײל אַװעק מיטן רױך.

און באמת האָט עס איצטער פּאַר טאַטע־מאַמע אױסגעװיזן, אַז די ליבע פֿון באַרימטן דאָקטאָר װילסאָן צו זײער טאָכטער איז געװען דער אָנהױב פֿון אַ גרױס גליק, ניט נאָר פֿאַר דער עלטערער טאָכטער — די גאַנצע משפּחה װאָלט דורך דעם אױפֿגעריכט געװאָרן.

אױב די מוטער האָט זיך תּחילת דערשראָקן, טאָמער װעט די פֿרעמדע, ניט־ײדישע װעלט אײנשלינגען איר טאָכטער, האָט בנימין רודמאַן אױף איר געװירקט מיט זײן „פּראַקטישער פֿילאָזאָפֿיע“:

— מיר לעבן אין אַן אַנדער צײט, גאָלדע, די גרעניצן צװישן ײד און ניט־ײד װערט װאָס װײטער אַלץ מער ניט זנאַטשנע. דאָס באַװײזט אױך, אַז אין סאָװעטרוסלאַנד איז אָנגעשטאַנען אַזאַ צײט. דאָ אין לאַנד איז דער ײד מיט דעם ניט־ײדן שױן לאַנג אַ גאַנצער שמעלקע. איך זאָג דיר, גאָלדע, װען דאָס טרעפֿט מיט אַ רבס אַ טאָכטער, װאָלט ער עס אױך אָנגענומען װי אַ גרױס גליק.

שפּעטער איז בײ טאַטע־מאַמע צו דער צופֿרידנקײט צוגעקומען אַ טראַ־פּעלע שטאָלץ. די רודמאַנס האָבן די צופֿרידנקײט אױך אַראָפּגעלײענט פֿון די פּנימער אױך בײ די לוריאַס.

— אײן קלײניקײט, גרינהאָרנס געקומען, און אַמעריקע פֿאַרכאַפּט!

כאָטש דאָקטאָר װילסאָן האָט זיך אַלײן ניט באַװיזן בײ די רודמאַנס, אָבער זײן טאָכטער עלװירא, װאָס איז גאַנץ אָפֿט געקומען, האָט געבראַכט

פרייד מיט זיך. זי האָט מיט אזויפיל ליבע געקושט יוסטינען, וואָרים געדריקט די הענט פון טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. שווער געווען צו טראַכטן, אַז עלווירא איז ניט קיין יידיש קינד.

אמת פון אָנהויב איז פריקרע געווען צו באַנוצן זיך מיט געלט וואָס איז דורך עלווירא׳ן געקומען צו יוסטינען, און שפּעטער — צום פאָטער. בנימין רודמאַן — אים איז גרינגער אָנגעקומען דאָס געלט צו באַנוצן. די מוטער האָט א צייט אויפן געלט געקוקט מיט פאַרדאַכט. ווען פּנחס האָט איינמאָל א פריסקע געטאָן, אַז אַזאַ געלט איז געגליכן צו „אתנן זונה״, צום געלט, וואָס א מיידל באַקומט פאַר פאַרקויפן איר לייב, ד׳האָט דער פאָטער דערפאַר מיט אים א צייט ניט גערעדט. א מאַמע, איז א מאַמע. ווען יוסטינע איז געקומען און געבראַכט אין שטוב א נייעם בגד, אָדער ווען זי האָט ביי א פּריוואַטן לערער גענומען לעקציעס אין ענגליש, האָט עס גאָלדען שטאַרק הנאה געטאָן.

יוסטינע אליין האָט אויפן געלט געקוקט גאַנץ נאַטירלעך. מיט יעדער ווייטערדיקער באַגעגעניש האָט יוסטינע אין דאָקטאָר ווילסאָנען געשפּירט דעם איינציקן מאַן, וואָס האָט באַהאַלטן ליבשאַפט פאַר איר. דער שכל האָט געווירקט אויף אירע עמאָציעס, אויף אירע געפילן. יוסטינע האָט זיך געהאַלטן ניט שטאַרק צוגעלאָזן צו דאָקטאָר ווילסאָנען. „זאָל ער וויסן, אַז א יידיש מיידל האָט אויסער א האַרץ אויך אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס; זאָל ער פילן, אַז איך בין אים ניט געלאָפן אַנטקעגן, האַלב וועג האָב איך אים באַגעגנט.״

דאָקטאָר ווילסאָן ד׳האָט עס באַגריפן. איר רעזערווירטע האַלטונג האָט ער באַטראַכט פאַר אַ מעלה: אויב זי וואַרפט זיך ניט אזוי גערן אויפן האַלדז, וועט זי שפּעטער אים באַלוינען מיט דער פולער מאָס ליבע און איבערגעגעבנקייט.

האָט גענומען יוסטינע אַליין, די, וואָס האָט אין זיך ניט געהאַט, לויט פּנחסן, קיין יידישן אָדער, און וואָס, לויט ברכהן, האָט זי גאָר פאַרטראַכט ווען די צייט וועט קומען זיך צו שמדן — זי גאָר האָט אליין איבערגעריסן איר ליבע מיט דאָקטאָר ווילסאָנען פּונקט ווי זי האָט צעפּליקט דאָס געלט, וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט איר אין ד׳האַנט אריינגעשטעקט אָפּפירנדיק זי אהיים; און דאָס איז געשען בלויז צוליב דעם, וואָס מיט עטלעכע נעכט פריער האָבן ביי דאָקטאָר ווילסאָנען אין הויז אמעריקאַנער יונגעלייט חוזק געמאַכט פון יידישן פאָלק, און פון דער זייט אויך איר צוגעוואָרפן א פּאָר שטעכווערטלעך.

— גיי, שאַץ אָפּ א מענטשלעכע נשמה; אָדער גיי, זאָג יוסטינען, זי זאָל ניט מאַכן קיין טעות און ניט טרעטן מיט די פיס דאָס אייגענע גליק!

ווער קען עס איר זאָגן, טאַטע־מאַמע, די, וואָס זיינען געווען אין האַרצן גליקלעך און גאַנץ אָפט דאָס גליק אויפן פּנים געטראָגן, צי קענען זיי קומען צו זייער קינד און זאָגן, אַז זי מאַכט א טעות, באשר „יידיש־פאָלק״ איז אַן אויסטראַכטעניש און ניט מער? ווער קען איר איצטער זאָגן, אַז יידישע גאווה איז א קללה פון גאָט, אַז א קללה ליגט אויף יידן מיט דעם, וואָס האָבן זיך מיט די ציין איינגעגעסן אין אייגענעם לייב?

אפילו דער יינגסטער ברודער, יעפים, דער קאָמוניסט, וואָס האָט געהאַלטן זיין עלטערע שוועסטער פאַר אַ קאַריעריסטקע, איז צעטומלט געוואָרן.

— זי איז אַ מענטש, וואָס ווייס וואו זיך אָפּצושטעלן; אויב זי וויל ניט ווערן קיין שותפטע צו פינצטערניש און רעאַקציע, האָב איך פאַר איר דעם פולסטן רעספּעקט.

דריי טעג איז יוסטינע געבליבן אין בעט. איר פּנים איז אויסגעצויגן געוואָרן, די אויגן — צום פאַלאָפּ, אין ווינקל אַפּיר, געקוקט אין איין פּינטל אַריין. אין דעם ווינקל האָט יוסטינע זיך אַליין אָפּט געזען ערגעץ אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין אַ ציצן קליידל גייט זי אַנגעטאָן, די עלנבויגנס אויפגעריסן און דאָס נאַקעטע לייב פּילט די צעריסנקייט.

יוסטינע זעט זיך ווי זי אַרבעט אין אַ שאָקאָלאַד־פאַבריק, דורך אַ רעדעלע דריקט זי אַרויס אויף די פאַרקילטע שאָקאָלאַדלעך אַ ראָזע, פאַרצוקערטע באַפּוצאַכץ; מיט אירע דינע פינגער וויקלט זי איין שאָקאָלאַדלעך אין זילבערן און גילדערן פּאַפּיר, פאַרפּאַקט עס דערנאָך אין קאַרטאָנענע שאַכטלעך; זי וויקלט עס אַרום מיט שיינעם פּאַפּיר און בינדט אַרום מיט אַ גילדערן, אָדער מיט אַ זילבערן פאָדים. זי האָט געוואוסט, אַז דידאָזיקע שאָקאָלאַד־שאַכטלעך וועט מען פאַרפּאַקן אין קאַסטנס און שיקן קיין אויסלאַנד, וואו מענטשן זיינען פריי און קענען זיך פאַרגינען צו קויפן דידאָזיקע שאַכטלעך מיט שאָקאָלאַדן, עסן און הנאה האָבן... ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָט יעמאַלט אַזאַ בענקשאַפט ארומגעכאַפּט דאָס האַרץ. זי האָט געוואוסט פון אַמעריקע. זי האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער שרייבט זיך דורך מיט קרובים אין אַמעריקע, פון דאָרטן קומט אָן געלט; פון דאָרטן קומען אָן בריוו מיט דעם אפשר...

און שפּעטער, ווען דער טאָג איז געקומען, מען האָט אויף דער אמריקן געגומען אריבערקוקן אין דער ווייטער אַמעריקע, און זי האָט געפּרוּווט אין דמיון מאָלן פאַר זיך איר צוקונפט דאָרטן — יעמאָלט איז אַ וואָגט אויפגעשטאַנען צווישן איר און דער ווייטער אַמעריקע. זי האָט אַנגערירט איר שמאָלן גוף, אירע דינע אָרעמס און לענגלעכע באַקן, און פאַר דעם אַלעמען געגאַרט ארויסצוזען אַן אָפּגעצייכנט ווינקל, וואו עס וואַרט פאַר איר ליבשאַפט און פרייהייט, צו רעדן הויך וואָס עס קומט נאָר אויפן געדאַנק, און באַגעגענען דאָרטן דעם מאַן, וואָס וועט זי אויף זיינע הענט אויפהויבן, אוועקטראָגן און ברענגען אין אַ היים, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט, און זאָגן: דאָ ביסטו אויפסניי געבוירן געוואָרן, דיין אויסגעלאָשענע יוגנט וועט דאָ אין לאַנד פון פרייהייט אויפלויכטן. לעב, האָב הנאה פון דער וועלט וואָס האָט אויף דיר געוואַרט. ס'איז דיין וועלט, פאַר דיר און פאַר דיין יוגנט.

איצטער ליגט יוסטינע מיט שווערע גלידער, די ליפּן פאַרשנורעוועט, זי וויל דערגיין דעם אמת, צי דאָ אין לאַנד איז דאָ פרייהייט. צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ זאַך ווי פּערזענלעכע פרייהייט. דער מאַן, וואָס האָט זיך אין איר איינגעליבט, איז אַ פאַרנומענער מענטש. אַ באַרימטער מענטש, אַ כירורג, וואָס האָט זיין קאָפּ, זיין האַרץ, זיין לייב־און־לעבן איבערגעגעבן זיינע פליכטן צו קראַנקע, און פונדעסטוועגן האָט ער די פיר און צוואַנציק

שעה צעצויגן — כדי צו געפינען א פרייע שעה פאר דער פרעמדער מיידל, וואס ער קאן אזוי ווינציק. איצטער דוכט יוסטינען אויס, אז ער אליין האט פאר איר קיין צייט ניט געהאט, דעריבער האט ער געבעטן זיין טאכ־טער, זי זאל זיין ליבע צו איר טראגן, מחמת ער אליין, דער טאטע פון דער בלאנדער טאכטער, וואס הייסט עלווירא — ביי אים ד׳האט די ליבע אויסגע־וועפט. נעמט די טאכטער, פארופט יונגעלייט, קריסטן, כדי יענע זאלן פון איר חוזק מאכן, אויסלאכן דאס יידיש פאלק אויף איר חשבון.

— איז דאס אלץ וואס אויף מיר האט געווארט אין דער ווייטער אמעריקע?

עס גייען פארביי איר געדאנק בחורים פון דער אייגענער משפחה, און אויך פרעמדע בחורים, וואס האבן אויף איר געקוקט, און אין האַרצן באוואונדערט. אזא געפיל האט זי געהאט. אבער זיי האבן איר אויסגעזען ארים און איינגעשרומפן.

איצטער גייען זיי פארביי איר דמיון, מיט א שטאלצער מינע קוקן זיי צו איר פון אויבן־אראפ. זי האט זיי קיינמאל מיט קיין ווארט ניט באליי־דיקט, פונדעסטוועגן קוקן זיי אויף איר איצטער פון אויבן־אראפ.

און אט שטייט פאר איר דמיון דער „ציניקער", יוחנן פעלדשטיין, וואס האט איר איינמאל ארייינגעזאגט, אז אין דער ניט־יידישער וועלט איז פאראן א ליכטיקע גרוב פאר א סך יידישע מיידלעך. זי געדענקט אפילו ניט צוליב וואס ער האט עס איר יעמאלט ארייינגעזאגט. דווקא אים וואלט זי איצטער געוואלט האבן נעבן זיך, זאל ער איצטער רעדן וואס זיין הארץ גלוסט, וועט זי אים געדולדיק אויסהערן און מיט א גוטן שמייכל אויף אלץ מסכים זיין.

א חשד לעבט אויף אין איר מוח, אז עלוויראס איבערגעגעבנקייט, און בכלל עלוויראס זוכן צו באגעגענען זיך מיט יידישע יונגעלייט, דאס איז אפשר געווען דער עיקר, און ניט איר ליבע מיט דאקטאר ווילסאנען. נאר זיך אליין האט עלווירא אין זינען געהאט, און ניט איר פאטער.

די מוטער איז ארייינגעקומען, זיך געזעצט אויפן ראנד בעט און גע־שוויגן.

— זעץ זיך בענטער צו מיר, מאמע, גיב מיר דיין ד׳האנט, אט אזוי... ווייסט, מאמע, אז א מענטש, ווען ער באגעגנט זיין גרעסטע ראזאטשארא־וואניע, האט שוין פאר איין וועגס געדארפט שטארבן.

— קינד מיינס, נעם זיך אין די הענט, איך וועל דיר מאכן עפעס עסן, וועסט זיך אנטאן און ארויסגיין אין גאס, וועסטו זיך אביסל אויסטשוכען.

— איך האב ניט קיין כוח, מאמע, אויפצושטיין.

— איך וועל דיר ברענגען אין בעט דאס עסן, יא, וועסטו עסן?

— דארפסט ניט זיין וועזשליוועו מיט מיר.

— איך בין דיר א מאמע, וואס ניט?

— אויב איך האב זיך באנארישט, האט איר ניט געדארפט דערלאזן, איך זאל פארגיין צו ווייט.

— איך ווייס ניט ווען דו האסט זיך באנארישט, פריער, צי איצטער.

— דיין טאכטער איז א מענטש, דאס האט איר ניט פריזנאיעט. מיין שוועסטער האלט איר פאר א זוער. אוודאי האט זי איצטער איר פארציע

נקמה אין מיר. זאָל זי. איך בין איר קיינמאָל קיין וואָרט ניט געווען. לאָזט מיך היינט ליגן אין בעט. לאָזט מיר טראַכטן אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז עלווירא ווילסאָן געקומען. דער פּאָטער האָט זי געשיקט געוואויר ווערן; זיין חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אז דער אַנטיסעמיטישער אויסברוך פון דער סטודענטישער יוגנט ביי אים אין שטוב, איז ניט גלאַט אָפּגעגאַנגען.

עלווירא איז אריין צו יוסטינען אין צימער, זיך אראָפּגעבויגן צו איר, געקושט יוסטינעס פּנים און געפּאַרשט אין אירע אויגן.

— וואָס איז געשען? ביסט ניט געזונט?

יוסטינע האָט אָנגעקוקט עלוויראַן און געשוויגן.

— מיין טייערע, פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר אזוי פרעמד?

— אפשר זיינען מיר פרעמדע.

— ווי קומט עס צו דיר?

— איך טראַכט אַליין ווי עס קומט צו מיר.

— מיין פּאַ האָט מיך געשיקט בעטן, דו זאָלסט צו אונדז אריבער־קומען.

יוסטינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איז דאָס אַלץ צוליב דעם וואָס די אידיאָטן האָבן געפּלאַפּלט ביי אונדז אין שטוב?

— איך ווייס ניט.

— ביסט דאָך מיט א קאָפּ אויף די פּלייצעס, יוסטינע.

— אָטאָ דאָס איז עס. איך האָב דיך ליב, עלווירא.

— איך בין אין א גרויסער פאַרלעגנהייט. איך ווייס אליין ניט ווי איך זאָל עס באַטראַכטן. פרעמד איז עס מיר. פרעמד איז מיר די יידישע וועלט, פרעמד איז מיר די יידישע מאָראַל, פרעמד איז מיר די פליכט, וואָס א יידיש מיידל טראָגט אין איר בלוט.

— ביסט ניט אַנדערש ווי איך. איך האָב פליכטן ווי א מענטש. איך בין פאַרשעמט געוואָרן ביי דיר אין שטוב.

— דיך האָט קיינער ניט פאַרשעמט.

— א גרוב האָט זיך אויפגעעפנט פאַר מיינע פיס. כ'האָב זיך געראַ־טעוועט ניט אריינצופאַלן; איך האָב זיך דערשראָקן, און האָב מיינע כחות אָנגעוואָרן. איך האָב גאָר קיין כוח ניט, עלווירא.

— ווער מיינסטו איז מיין פּאַ, דאָקטאָר ווילסאָן?

— איך האָב געמיינט, אז איך ווייס. איצטער ווייס איך ניט.

— ווילסט מיט אים זיך מער ניט באַגעגענען?

יוסטינע האָט געשוויגן. זי האָט אליין ביי זיך ניט געקענט באַשטימען, צי זי האָט איינגאַנצן איבערגעריסן מיט דעם מענטשן, וואָס האָט פאַר איר אויפגעהויבן א פאַרהאַנג צו א ברייטער, ניט־יידישער וועלט. ווען עלווירא האָט איר דאָס א פרעג געטאָן, איז איר בלאַנק געוואָרן פאַר די אויגן.

— אפשר איז עס א קאַפּריז, אָדער א פלירט אזא, נעם איך עס אויך אָן פאַר גוט. איך בין אויך א פרוי, און קען עס באַגרייפן. איך בין געקומען דיך נעמען צו אונדז.

— דאָס געלט וואָס דיין פּאַ האָט מיר געגעבן, ווען ער האָט מיך גע־בראַכט אַהיים, האָב איך צעריסן.

— אָ, דו ביסט אַ בייבי, האַנדלסט ווי אַ בייבי...

— וואָס קען טאָן אַ קינד פון אַ פּאַלק, וואָס אַ וועלט מאַכט אויף דעם פּאַגראָמען? ביי אונדז האָט מען דערציילט, אַז אין אַמעריקע איז אַנדערש; יידן זיינען מיט אַלע מענטשן גלייך. יידן מישן זיך אויס מיט ניט־יידן. איך האָב געגלויבט. איך אַליין האָב געוואָלט אַוועק פון מייניקע. איך האָב געוואָלט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייען. סוואַבאָדאַ הייסט עס אויף רוסיש. ניטאָ אַזאַ געפיל מער ווי סוואַבאָדאַ... נו, האָב איך זיך אָפּגע־נאַרט. מיר טוט וויי אַטאַ־דאַ, גיב מיר דיין האַנט, עלווירא, וועל איך דיר ווייזן וואו עס טוט וויי.

יוסטינע האָט גענומען עלוויראס האַנט צוגעלייגט צו איר ד׳האַרצן, און אַרויפגעקוקט איר אין די אויגן אַריין.

עלוויראַן האָבן די טרערן אַ ברי געטאָן אין די אויגן. זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי צו דערקלערן פאַר זיך אַלץ וואָס זי האָט געהערט. מיטן געדאַנק איז זי געלאָפן פון פאָטער צו יוסטינען, און פון יוסטינען — צום פאָטער. זי איז מיטן בליק דורכגעלאָפן איבערן צימער און באַמערקט די אָרימקייט וואָס קוקט פון יעדן ווינקל אַרויס. עלווירא איז געבליבן שטיין פאַר אַ רעטעניש. אָט איז אָן אָרים מיידל, וואָס וויל נעמען מיט די אייגענע הענט און צעטרעטן אַזאַ גליק, וואָס איז איר אויף אַזאַ אומגלויב־לעכן אופן געקומען אויף איר וועג.

— איז עס מעגלעך, אַז די־אַ מענטשן לעבן מיט אַ גאַר אַנדערער מאָראַל, מיט אַ העכערער מאָראַל ווי מיר? — איז עלוויראַן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — ווי קומט עס, וואָס צווישן מיינע פריינט איז וועגן זיי אַזאַ פאַרקערטע מיינונג?

— זאָג מיר, יוסטינע, זאָג מיר דעם אמת, איך וועל סיי־ווי בלייבן דיין פריינט, ווען דו וועסט מיר זאָגן דעם אמת, צי איז עס אָפּטמאָל גאָרניט צוליב דעם וואָס דער אידיאָט דאַגלאַס אָקאָנער האָט געזאָגט וועגן יידן?... אפשר איז עס גאָר אויף אַ נאַטירלעכן אופן געשען, דו אינטערעסירסט זיך ניט מער מיט מיין פּאַ, אָט דאָס איז אַלץ. זאָג עס מיר, טייערע.

יוסטינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ביין..

— ווייסט וואָס איך טראַכט, אַז איך אַליין בין פאַרקראָכן אין אַ לאַבי־רינט, ניט אַרויסצוקריכן מער פון אים. ס׳איז דיין יידישע וועלט, וואָס האָט מיך אַריינגעכאַפּט.

— וואָס מיינסטו?

— דו ביסט פאַר מיר אַ רעטעניש, אַלע דיינע זיינען פאַר מיר אַ רעטעניש. הער, יוסטינע — האָט עלווירא אויפגעלויכטן — איך וועל איינאיינעם מיטן פּאַ צו דיר קומען, איך וועל אים זאָגן, אַז דו ביסט ניט געזונט, זאָל ער קומען צו דיר!

— זאָג עס אים ניט. ער איז ניט מיין דאָקטאָר.

— איז דאָקטאָר לוריא דיין דאָקטאָר, וועל איך צו אים אַריבערגיין.

— גיי צו אים. פרעג אים, ער וועט ריידן פאַר מיר אויך. ער וועט דיר געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַ ייד האָט אַ קראַנקע נשמה.

יוסטינע האָט באַגראָבן דאָס פּנים אין קישן, ווי ניט וועלנדיק מער רעדן מיט עלוויראַן.

עלווירא דהאָט מיט דער האַנט אָנגערירט יוסטינעס קאָפּ, און שטיל אַרויס פון צימער.

* * *

דאָקטאָר לוריא איז געזעסן אומגעדולדיק, געהאַלטן דאָס טעלעפאָן־טרייבל ביים אויער און אויסגעהערט זיין שוואָגער לעאָנאַרד סטאָן, וואָס האָט אויסגעקלאָגט פאַר אים זיין האַרץ אויף די קרובים; מען באַגראָבט אים זיין נאָמען, אייגענע קרובים פאַרפינצטערן אים זיין נאָמען, און ערגער פון אַלץ און אַלעמען זיינען די קאָמוניסטן פון דער אייגענער משפּחה, וואָס לעקן זיך אים אונטער, און ווילן אים א מעסער אריינשטעכן אין סאַמע האַרצן אריין. יעפים רודמאַן, וועמען ער האָט פאַר רחמנות־וועגן אריינגענומען אין שאָפּ, איז אוועק מיט די בונטאָווסטשיקעס, וואָס פירן צום גרעסטן אומגליק פאַר די ארבעטער.

אין דער אייגענער צייט האָט פון דער צווייטער טיר איר פּנים באַוויזן עלווירא ווילסאָן, זי איז געבליבן שטיין אין טיר, מיטן אויסדרוק אין פּנים זיך ענטשולדיקט פאַר איר קומען ניט אין צייט.

דאָקטאָר לוריא דהאָט פריינטלעך מיט דער האַנט אָנגעוויזן עלוויראַן, זי זאָל אריינקומען און זיצן ביז ער וועט פאַרענדיקן דעם טעלעפאָן־שמועס.

לעאָנאַרד סטאָן, ווי עס האָט דאָקטאָר לוריאַן אויסגעוויזן, האָט ניט געהאַט קיין חשק צו ענדיקן אַזוי שנעל זיין געשפּרעך:

— באַפרייט מיך פון דער רודמאַן־משפּחה — האָט ער זיך געבעטן

— כ׳וועל באַצאָלן וויפיל מען וועט אויף מיר ארויפלייגן. כ׳וויל אין זייערע פּייסעס ניט קוקן.

דאָקטאָר לוריא האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט צו אים אַריבער־קומען, מחמת, מען באַדאַרף דעם ענין פאַרזיכטיק ארומרעדן, צוגעמאַכט דעם טעלעפאָן, און אויפגעשטאַנען אנטקעגן דעם גאַסט.

— וועסט מיר ענטשולדיקן, דאָקטאָר, — האָט עלווירא געדריקט דאָקטאָר לוריאס האַנט — איך בין א דאָקטאָרס א קינד, און איך ווייס, אַז צו א דאָקטאָר מעג מען קומען ווען נאָר די נויט פאָדערט. סיידן דו האָסט וויכטיקערע פאַציענטן פון מיר, כאַ־כאַ־כאַ.

— יעדער איינער, וואָס קומט צום דאָקטאָר, גלויבט ניט אין זיינע אייגענע כחות. איך האָף, דו ביסט ניט קיין געפערליכער חולה.

— איך דאַנק דיר, דאָקטאָר לוריא.

— וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט דיך געבראַכט פונקט ווען איך דאַרף ארויספאָרן צו א פּאָר ערנסטע חולאים?

— אויב אַזוי, בין איך אויך געפערלעך קראַנק, כאַ־כאַ־כאַ. שאדט ניט, אז כ׳וועל מיט דיר טאָן ווי איך טו אַמאָל מיט מיין פּאַ, ווען ער אײַלט זיך צו זיינע קראַנקע.

— ביסט גערעכט, מיס ווילסאָן.

— עלווירא איז מיין נאָמען, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט דורך עלוויראַס נערוועאישן געלעכטער איר פאַרלאָרנקייט. ער האָט זיך אַנגעשלאָגן צוליב וואָס זי איז געקומען. געדולדיק האָט ער געוואַרט, זי זאָל זיך באַרואיקן.

— זיץ, עלווירא — האָט זיך דאָקטאָר לוריא אַליין צוגעזעצט — דו דאַרפסט זיך ווענדן צו א האַרץ ספּעציאַליסט, כאַ־כאַ־כאַ.

— איך האַלט ניט פון קיין ספּעציאַליסטן. פון האַרץ־ספּעציאַליסטן אוודאי ניט.

עלווירא ווילסאָן האָט זיך אַנידערגעזעצט, און איז מיט די אויגן אומ־געגאַנגען איבער די רוקנס פון די ביכער אין די פּאָליצעס. זי האָט גע־וואַרט, דאָקטאָר לוריא זאָל נאָך עפּעס זאָגן, כדי צו האָבן פאַרוואָס זיך אַנצוכאַפּן, און אפשר וועט איר געלינגען אַרויסזאָגן דאָס, וואָס דריקט אַזוי אויף איר האַרץ און מוח.

עלווירא איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען, ווי צום אוועקגיין. זי האָט א פיבער געטאָן מיטן גאַנצן גוף, און מיט א צעבראָכענער שטים געזאָגט:

— דאָקטאָר לוריא, דו וועסט מיר ענטשולדיקן, כ׳וועל אפשר קומען אַן אַנדער מאָל, פאַר ארויס צו דיינע פּאַציענטן וואָס ליידן פיזיש. איך לייד בלויז גייסטיק, מאָראַליש. האַ, וואָס זאָגסטו?

— טו ווי דו פאַרשטייסט. כ׳וויל ביי דיר ניט פרעגן צוליב וואָס דו ביסט איצטער געקומען.

— איך בין געקומען, זאָלסט מיר עפּעס אויפקלערן. מיר איז שטאַרק אומקלאָר די נשמה פון יידן. און אפשר וועט זיין קאָרעקטער, ווען כ׳וועל זיך אויסדריקן, אַז מיר איז אומקלאָר דער געדאַנקענגאַנג פון יידן.

דאָקטאָר לוריא האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן, געפּרואווט ביי זיך קלאָר מאַכן וואָס די טאָכטער פון א הונדערט פּראָצענטיקן יענקי מיינט מיט „יידישער נשמה״, אָדער, „יידישן געדאַנקענגאַנג.״

— אפשר האָב איך זיך ניט אויסגעדריקט קאָרעקט — האָט עלווירא אויפגעהויבן איר שטים — וועסטו מיר ענטשולדיקן. מען זאָגט, אז דאָס וואָס מען האָט שרעקלעך פיינט, קען טרעפן, אז מען זאָל עס קריגן שרעקלעך ליב. ליבע און האַס זיינען ניט קיין שטיפקינדער צווישן זיך. זיינען לייבלעכע קינדער צווישן זיך. איך בין מודה, אָפטמאָל האָב איך הנאה געהאַט, ווען מען האָט אָן א זייט, אין קאָלעדזש, חוזק געמאַכט פון יידישע יונגעלייט, אָדער יידישע מיידלעך. מען האָט אויך חוזק געמאַכט פון יידן בכלל, נאָכגעקרימט דעם ייד ווי ער רעדט. איך באַשולדיק זיך איצטער אויך ניט הלמאי איך האָב הנאה געהאַט. ווען ביי אונדז אין שטוב האָבן זיך דאָקטוירים געוויצלט איבער די יידישע קאָלעגן, איז עס אויך אויסגעקומען גאַנץ נאַטירלעך. און מיט אַמאָל איז מיין פאָטערס לעבן, און טיילוויז אויך מיין לעבן, אריינגעשלעפּט געוואָרן אין א מיסטעריע וואָס הייסט יידישע ראַסע. אַזוי בין איך אויך אוועקגעטראָגן געוואָרן אויף די געדרייטע וועגן פון דער יידישער נשמה. יעס, דאָקטאָר, איך זאָג: גע־דרייטע וועגן; איך האָב ניט קיין אַנדער אויסדרוק פאַר מיינע אייגענע איבערלעבונגען, און פאַר די איבערלעבונגען פון מיין פאָטער, דעם הונ־דערט פּראָצענטיקן רעאַליסט.

דאָקטאָר לוריא האָט אויפגעהויבן די אויגן צו עלווירא ווילסאָן — דאָס בלאַסע מיידל, מיט א פּנים מילך און בלוט, נאָר אביסל אויסגעצויגן די לעצטע צייט. אין אירע גרינלעך־בלויע, פולע אויגן, דוכט אים אויס, שפּיגלט זיך אָפּ זיין געשטאַלט. דער שטאַרקער איבערברוך וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון זיין שוועסטערקינד, יוסטינע רודמאַן, ווען ער האָט באַטראַכט פאַר א מיידל, וואָס האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון סאָוועטנפאַרבאַנד א הונגעריקע נאָך אַלץ, צו וואָס דאָס לעבן האָט איר דאָרטן ניט צוגעלאָזן. צוליב איר איז עלווירא געקומען. „די פאַרדרייטע וועגן פון מענטשנס נשמה.” אים איז עלוויראס אויסדרוק שטאַרק געפעלן געוועזן.

— זי וויל, איך זאָל איר באַקענען מיט די געדרייטע וועגן פון דער יידישער נשמה; און וואָס איז מכוח דער נשמה פון איר אייגן פאָלק?

— האָט דאָקטאָר לוריא א טראַכט געטאָן.

— זוכט דער געערטער דאָקטאָר ווילסאָן אויך די פאַרדרייטע וועגן פון דער יידישער נשמה? — האָט דאָקטאָר לוריא געשמייכלט — כירורגיש קען מען צו דעם פאַרפּלאָנטערטן וועג פון מענטשנס נשמה בכלל זיך ניט דערקלייבן. וואָס ביים ניט־ייד איז א פאַרשטענדלעכע זאַך, קען עס אָפּט־מאָל פאַר א יידן זיין פרעמד. לאָמיר זאָגן, די לעצטע וועלט־מלחמה, ווען פעלקער האָבן געפירט זייערע זין צום שלאַכט. כאָטש יידן זיינען געווען געצוואונגען ווי לאָיאַלע בירגער פון א לאַנד זיך באַטייליקן אין דער מלחמה, איז פאָרט דער מלחמה־פאַקט אליין פרעמד דער יידישער נשמה. איצטער קומט נאָך א דערשיינונג, וואָס דאָ אין לאַנד איז עס נאַטירלעך:

— עס הייסט דער „שמעלצטאָפּ”. דער יידישער גרויסער שרייבער און דענקער ישראל זאַנגוויל רופט אזוי אָן אַמעריקע צוליב דעם פּראָצעס, וואָס קינדער פון אלערליי פעלקער ווערן דאָ איבערגעשמאָלצן און פאַר־וואַנדלט אין אן אמעריקאַנעם פאָלק. די אַנגלאָזאַקסישע קולטור, די הער־שערין, נעמט עס אָן פאַר נאַטירלעך, אז יעדער איינער, וואָס איז אהער געקומען, כאָטש ער איז פולבלוטיק געווען א פּראָדוקט פון אן אנדער פאָלק און קולטור, זאָל זיך דאָ אונטערוואַרפן אונטער דער העגעמאָניע פון דער אַנגלאָזאַקסישער קולטור. מיר יידן זיינען טרעגער פון אן אייגענער קולטור. אין דער נשמה פון יעדן פאָלק עקזיסטירן די געדרייטע וועגן. מיט יידן איז דאָס אייגענע. יידן זיינען א פולבלוטיקע ראַסע, מיט א געשיכטע הינטער זיך פון העכער דריי טויזנט יאָר. צו דערקלייבן זיך צו די געדרייטע וועגן פון יידנס נשמה מיט אן אינסטרומענט, וואָס הייסט ליבע, קען נאָר א פּערזאָן ביי וועמען עס לעבט ניט אין אונטערבאַוואוסטזיין דער ווילן צו הערשן און באַהערשן.

— לאָמיר רופן זאַכן ביים נאָמען. מיין פאַ און איך זיינען שטאַרק צעטומלט זינט מיין פאַטאַלן געבוירנטאָג. ווען איך נעם צונויף אַלץ וואָס איז יעמאָלט פאָרגעקומען; איך האָב אַליין אויך גענומען אביסל וויין און דער קאָפּ איז מיר אומגעשוואומען. ווען מיין פריינט דאָגלאַס אָקאָנער האָט געפלאַפּלט, האָט זיך קיינער צו אים ניט צוגעהערט אפילו. איך ווייס גאָר ניט, צי ער האָט געמיינט בכלל דאָס, וואָס ער האָט פרעך ארויסגעפּלאַפּלט אויף דעם חשבון פון יידן. איך באַנעם ניט וואָס מיט

מיס רודמאַן איז פאַרגעקומען. איז עס יידישע גאווה? איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, אז יידן פאַרמאָגן אַן איינגעבאָרענעם שטאָלץ.

— דאָס איז נאַאיוו, מיס ווילסאָן.

— אפשר איז עס די ווירקונג פון שלעכטע קאָלעגן.

— דו ביסט אינטעליגענט, געוויס וויסטו, אַז דאָ אין לאַנד איז פאַראַן א גרעסערער שיכט ביי יידן וואָס שטרעבט צו פאַלשטענדיקער אסימילאַציע. איך אליין קום אריין אין הייזער, וואו א העלפט קינדער האָבן חתונה מיט ניט־יידן. מיידלעך האָבן חתונה געהאַט מיט איטאַליענער, בחורים מיט הונדערט פראָצענטיקע אמעריקאַנער מיידלעך. דאָס איז א נאַטירלעכער פּראָצעס. פאַראַנען אָבער אויך אַזאַ זאַך ווי א נאַציאָנאַלע נשמה מיט אלע אירע פאַרדרייטע וועגן, ווי דו רופסט עס אָן, וואָס סיי ביי יידן און סיי ביי ניט־יידן פירט זי א בלוטיקן און פאַנאַטישן קאַמף פאַר איר אויפהאַלט אפילו אין דער פרעמד. ס׳איז א טעות צו מיינען, אז אונדזער לאַנד האָט שוין פאַרדייעט אלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אפילו פון די עלטערע אייג־וואנדערער, ווי די דייטשן — זיי וועלן נאָך אויך ווען־עס־איז ארויסקומען מיט די פאַרדרייטע וועגן פון זייער נשמה און פאָדערן אַן אָרט אונטער א דייטשער זון. אפשר וועלן די־יגע פראַנצויזן נאָכמאַכן די פראַנצויזן אין קאַנאַדע, וואָס ווילן ניט אויפגעבן שפּראַך און קולטור. ווער ווייס, מיס ווילסאָן, אפשר וועט נאָך אונדזער לאַנד האָבן, אַנשטאָט פרידלעכע פאַר־אייניקטע שטאַטן, אויך פרידלעכע פאַראייניקטע פעלקערשאַפטן, וואָס עס וואָלט אונדזער לאַנד געגעבן א פילפאַרביקן פּנים.

— ס׳איז וואונדערלעך צו הערן, און עס טוט ווי אַזעלכעס צו הערן, כאָטש דאָס עפּנט מיר ניט אויף די אויגן אויף דער גאַנצער זאַך. מיס רודמאַן איז געוואַקסן אין אַ לאַנד פון ניהיליזם, וואו מען פאַרלייקנט אַלץ, גאָט און זיינע אַפּאָסטאָלן; וואו נאַציאָנאַליזם, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, ווערט באַטראַכט פאַר אַ פּראָדוקט פון פינצטערער פאַרגאַנגענהייט. ווי קומט זי ארויסצואווייזן אַזאַ נאַציאָנאַלן שטאָלץ?

— זי קומט פון אַ לאַנד, וואו מען משפט פאַר אנטיסעמיטיזם. זי האָט געגלויבט, אַז זי איז געקומען אין א לאַנד, וואו אפילו דער באַגריף פון אנטיסעמיטיזם איז פרעמד די קינדער פון לאַנד.

— האָט זי מיט דיר גערעדט?

— יעס. זי איז ביי מיר געווען.

— האָט זי דעם פאָטער מער ניט ליב?

— דאָס ווייס איך ניט.

— איז דיר אומבאַקוועם צו רעדן פון דעם?... אפשר קומט דיר אויס קאָמיש, וואָס א טאָכטער רעדט וועגן איר פאָטערס ליבע. צומאָל פיל איך, ווי איך וואָלט געוועז דאָקטאָר ווילסאָנס א מאַמע. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נאָך מיין מוטערס טויט, האָב איך איר פלאַץ פאַרנומען. צוליב איר האַנדלונג בין איך צעטומלט. ווען זי זאָגט, אז איר געפעלט ניט דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן, זי האָט חרטה; אָדער, ווען זי זאָגט, אז א מענטש פון אַכט און פערציק יאָר איז שוין א צו אלטער מאַן פאַר איר, יעמאָלט וואָלט איך עס גוט פאַרשטאַנען. מיין פאָ איז א פאַרלאָרענער מענטש. איך דערקען עס אין אים.

— ווייסט דאָקטאָר ווילסאָן, אַז דו ביסט צו מיר געגאַנגען?

— ער ווייסט ניט, אַז מיין לעבן איז צוליב עפּעס אַנדערש פאַרפלאָנ־טערט געוואָרן. ממש איך פאַרליר זיך. איך אַליין בין פאַרקראָכן אין אַ מיסטעריע, און איך קען פון דעם ניט אַרויסקריכן. איך האָב מיט יענעם מענטשן נאָך כמעט ניט גערעדט. ער איז דיינער אַ קרוב. וועסט מיר ענטשולדיקן, דאָקטאָר לוריא. איך האָב אפשר ניט געדאַרפט קומען צו דיר. אָט, ווי איך זיץ און רעד, ווערט אַלץ פינצטערער די וואַנט, וואָס טיילט מיך אָפּ פון דער ווירקלעכקייט. וואָס שטייט צווישן מיר און מאָן לוריא, און וואָס שטייט צווישן יוסטינע רודמאַן און דאָקטאָר ווילסאָן? איך בין ניט קלוג. איך פאַרליר זיך ווי אַ קינד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פינצטערן לאַבירינט.

עלוויראס נאַטירלעכע דהאַלטונג האָט דאָקטאָר לוריאן ניט געחידושט. זי איז געווען אַ פּראָדוקט פון היינטיקער צייט, וואָס קוקט רעאַל און פּשוט אויף אַלע לעבנס־פּראָבלעמען. דאָקטאָר לוריאן אַליין איז די גאַנצע רודמאַן־משפּחה אַ רעטעניש. יעדערער באַזונדער פון די רודמאַנס ליידט, לויט דאָקטאָר לוריאס מיינונג, פון אַ געוויסן גאווה־קאָמפּלעקס. אָט, האָבן זיי געלאָזן, מען זאָל אויף זיי אויסגעבן טויזנטער ביז מען האָט זיי געבראַכט קיין אמעריקע, און קומענדיק אַהער האָבן זיי זיך גענומען אָפּקערן פון די לוריאס, כאָטש געוויסע צייטן לעבן זיי אין גרויס אָרימקייט. און יוסטינע, אַ פאַרוועלקטע בלום, וואָס האָט אויפגעלעבט ביים דערשמעקן וואַסער, וואָס האָט אין גרונט אויסגעלאָכט נאַציאָנאַלע געפילן, ווי דאָס טוט איר יינגערער ברודער, זי גאָר מאַכט אוועק מיטן האַנט אַ געלעגנהייט צו לעבן אין לוקסוס, בלויז צוליב דעם, וואָס ווי ער האָט זיך דערוואוסט, האָבן אין איר קעגנוואַרט צעלאָזענע סטודענטלעך אויסגעלאַכט יידן. און יוסטינען זעט עס אויס, פּונקט ווי אין מיטן פון אַ בלוטיקן פּאָגראָם אויף יידן, האָט זי גענומען און זיך איינגעליבט אין אַ גוי, ווי זי האָט עס אים אויפ־געקלערט.

דאָקטאָר לוריא איז חושד, אַז עלוויראס אַריבערקומען צו אים איז גיכער צוליב איר אייגענעם פּלאַנטער, וואָס זי האָט זיך איינגעליבט אין זיין ברודערס יינגערן זון. דאָקטאָר לוריא דהאָט עס געפילט, אָבער ער האָט ניט געפועלט ביי זיך אָנרירן דאָס, וואָס זי האָט אַליין ניט אַרויסגעבראַכט.

— אפשר האָב איך ניט געדאַרפט קומען צו דיר — האָט עלווירא איבערגעריסן דעם שטילשווייגן.

— צו די פאַרדרייטע שטעגן פון אַ מענטשנס נשמה איז קיין שכל־דיקער וועג ניטאָ. צו אים קען מען זיך נאָר דערקלייבן בלינד, מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

— פאַרוואָס?

— צוליב דעם, וואָס ליבע ביים פּרימיטיוון מענטשן, האָט געמיינט אָפּקליב פאַרן רעפּראָדוציר־פּראָצעס, ווי דאָס איז ביים מערסטן טייל לעבעדיקע באַשעפענישן. דאָ ווירקט דער כוח, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר דער מיסטעריע פון לעבן. דער מענטש אין זיין קולטורעלן שטייגן האָט אויפגעבויט אָ פאַמיליען־אינסטיטוציע, און זי אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פון געזעלשאַפטלעכער עטיק — ווי הייראט און זיין הייליקער בונד; און

גט, וואָס צערייסט דעם הייליקן בונד. וואָס איז געווען דער אימפּולס, וואָס האָט אַ טרייב געטאָן דיין פֿאָטער, ווען ער איז אַרויס פֿון אָפּעראַציאָנס־צימער, און געטראָפֿן אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט אַ שוועסטער פֿון אָפּערירטן ברודער, ער זאָל זיך גאָר אײַנגאַנצן פֿאַרלירן אין דעם בלוט פֿון דער אומבאַקאַנטער, יונגער פֿרוי? דערדאָזיקער אימפּולס האָט ניט געוואָלט וויסן קיין נאָמען, און קיין נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג. צום סוף גאָר האָט זיך אַריינגעמישט געזעלשאַפֿטלעכע עטיק. מען האָט געדאַרפֿט זיך דורכשמועסן וועגן ניט־געשטויגן און ניט־געפֿלויגן. מען האָט געדאַרפֿט דאָס באַגרייפֿלעכע פֿאַרוואַנדל'ען אין אַן אוממעגלעכקייט. לאָמיר זיך באַנוצן מיט דעם פֿאַלשן באַגריף, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי האַרץ באַזונדער און קאָפּ באַזונדער; אַז דאָס האַרץ וואָלט חשק געהאַט צו אַלץ נאָר וואָס דאָס האַרץ גלוסט, נאָר דער שכל שטעלט זיך דעם האַרצן אין וועג; וויל איך זאָגן, אַז עס איז פֿאַטאַל, ווען דער שכל שטעלט זיך די עמאָציעס אין וועג.

— אָט־אָ דאָס איז עס! — האָט עלווירא מיט איר בליק זיך איינגעגראָבן אין דאָקטאָר לוריאַס פּנים — זאָג מיר, טייערער, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט דערשטיקט מען די עמאָציעס אין זיך?

— ביי יידן ווירקט די ביטערע דערפֿאַרונג. ווי צום ביישפּיל די ביטערע דערפֿאַרונג האָט יידן געטריבן פֿון אַמאָליקער רוסלאַנד קיין אַמעריקע.

— און ניט רעליגיע, און פֿאַנאַטיזם?

— רעליגיע איז אַ פּראָדוקט פֿון מענטשלעכער דערפֿאַרונג.

— דערפֿאַרונג איז ראַציאָנאַל.

— דאָס ראַציאָנאַלע, וואָס די דערפֿאַרונג האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן, וויל דער מענטש באַשיצן מיט דער הילף פֿון רעליגיע. אָט, וועל איך עס דיר דערקלערן. די דערפֿאַרונג, וואָס האָט דעם מענטשן געהויבן אויף קולטור־שטאַפּל'ען, האָט דעם מענטשן געלערנט, אַז עס איז ווינציק, דער מאַן זאָל באַגעגענען און אַרומשמעקן די פֿרוי, ווי דאָס טוט דער הונט, און אויב זי ווערט געטריבן בשעת מעשה פֿון דער נאַטור, גיט זי זיך אים אונטער און ווערט דורך דער באַהעפֿטונג אַ מוטער. און שפּעטער: — ניט זי זוכט אים מער, און ניט ער פֿילט זיך פֿאַרפֿליכטעט צו איר. די דערפֿאַרונג האָט דעם מענטשן באַוויזן, אַז די פֿרוי איז די שוואַכערע, טאַקע צוליב דעם, וואָס זי ווערט דורך דער באַהעפֿטונג מיט דעם מאַן אַ מוטער. האָט מען מיט דער הילף פֿון רעליגיע, אין נאָמען פֿון גאָט, געצוואונגען דעם מאַן צו טראָגן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער פֿרוי, וואָס צו איר האָט אים בלויז דער רעפּראָדוקציאָן אינסטינקט געטריבן.

— עפּעס פֿאַרשטיי איך יאָ... — האָט זיך עלווירא פֿאַרטראַכט.

— וואָס קען איך טאָן פֿאַר דיר, עלווירא? — האָט דאָקטאָר לוריא ענערגיש געפֿרעגט.

— זאָג מיר דעם אמת, צי ווילסטו, דיין נעפֿיו זאָל חתונה האָבן מיט אַ קריסטין?

— מיר איז עס אלץ איינס. מיר איז ניט וויכטיק מיט א ייד מער, צי מיט א ייד ווינציקער. אין מיינע סטודענטישע יארן בין איך אויך געווען פארליבט אין א קריסטלעך מיידל; אן איריש מיידל, אזא בלאנדע ווי דו.

— פארוואס האסטו מיט איר ניט חתונה געהאט?

— זי האט מיך ניט ליב געהאט.

— דאס קען ניט געמאלט זיין.

— זי איז געווען קאטויליש, און האט געוואלט איך זאל איבערגיין צום קאטוילישן גלויבן.

— איז זי געווען א פארפלוכטער נאר!

— אפשר האט איר די רעליגיע אפגעהיט פון געפרואווט צו ווערן.

— א, ניין, דאס איז ברוטאל.

— און ווי איז, ווען אין צייט, ווען מאן און ווייב, כאטש פארליבט, נעמען און צוקריגן זיך, און איר פאלט איין מיר א שמיץ טאן אין פנים, אז איך בין א פארברעכער, באשר איך האב איר דערלייזער געקרייציקט, ווי קען מען ליב האבן אזא פארברעכער?

— איך בין ניט רעליגיעז. מיין פא, אוודאי ניט.

— מיין עלטערער ברודער דניאל האט חתונה געהאט מיט א קריסטין, אבער זי איז איבערגעגאנגען צום יידישן גלויבן, און געווארן א געטרייע, יידישע טאכטער.

— דיין ברודער? ווען, ווי? — האט עלווירא זיך אנגעצונדן.

— מיט פערציק יאר צוריק האט עס געטראפן.

— זי לעבט? זי האט געהאט קינדער מיט דיין ברודער?

— צוויי זין. דער עלטערער איז איבערגעגאנגען צוליב זיין ליבע צו דעם קאטוילישן גלויבן; דער יינגערער איז א נאציאנאלער ייד, ווי זיין פאטער. ליליען־רות איז איר נאמען. רות, האט מען ביבליש איר צוגע־געבן. איך האב זי ליב. זי איז א גרויסער פריינט פון יידישן פאלק.

עלוויראן האט דאס בלוט א שלאג געטאן אין פנים אריין. זי האט א צעטומלטע אנגעקוקט דאקטאר לוריאן, גלייך ווי ער וואלט זיך דער־שלאגן צו אירן א סוד, וואס זי האט געוואלט באהאלטן.

— איך וויל זי קענען, דאקטאר — האט עלווירא נערוועאיש געזעדט

— איך וויל ביי איר עפעס פרעגן. טו מיר א טובה, זאג מיר צו, אז דו וועסט מיך מיט איר צונויפברענגען.

— דאס איז ניט שווער. ווי דו ווילסט, מ'קען אייך דא צונויפברענגען. איך וועל מיט מיין פערלען רעדן, זי זאל אייך צונויפברענגען. קום, עלווירא, כ'וועל דיך צופירן וואו דו באדארפסט.

— ענטשולדיקט מיר, דאקטאר, — האט עלווירא ווי פון א שווערן חלום זיך אויפגעכאפט — איך באטראכט דיך פאר אזא נאענטן... דיין פערל וועט אויף מיר קיין פאראיבל ניט האבן.

עלווירא האט א ווייל באהאלטן איר קאפ אויף דאקטאר לוריאס אקסל און געשוויגן. שפעטער האט זי אויפגעהויבן די אויגן צו אים און געזאגט:

— איך דאנק דיר, דאקטאר... ביסט א וואונדערלעכער מענטש. איך דאנק דיר זייער...

קאַפּיטל דרייצן

אַ נאַסער שניי איז שיטער געפאַלן, זיך געמיגלט און געבלאַנקט מיט זיין ווייסקייט אַנטקעגן די עלעקטרישע גאַסן־לאַמפּן, און, דערגרייכנדיק דעם ברוק, זיך אויפגעלייזט אין ברודיק וואַסער.

יוחנן פעלדשטיין האָט געשפּאַנט פון זיין יידישער שול, וואו ער האָט, לויט זיינע לעצטע געפילן, „אַוועקגעגעבן די בעסטע כחות אויפצוהאַלטן א ניט־געשטויגענעם חלום.״ דער עיקר האָט ער אזוי געפילט אַנהויב זמן, ווען זיין שול האָט צוגעקראָגן א צאָל „פאַרגוישטע קינדער״, מיט וועמען ער האָט באַדאַרפט אַנהויבן קנעלן פון סאַמע אַנהויב, „עפענען זייערע פאַר־בייטע מיילער״ פארן יידישן לשון געביך. יאושדיקע מחשבות האָבן גע־שוויצלט אין מוח. כאָטש די שכירות וואָס ער האָט פאַר זיין טרחה געקראָגן, איז געווען כמעט דער גאַנצער קוואַל פון זיין חיונה, פונדעסטוועגן האָט ער אויף זיך געקוקט ווי אויף א מאַרטירער און פּיאָנער, וואָס איז מקריב זיינע טעג און יאָרן פאַר דער פאָלקסשפּראַך.

די שווערע מחשבות זיינען געקומען פון פרעמדע הענט. די שלאָפ־לאָזע נעכט, און די פאַרלאָרענע טעג, זיין אומבלאַנקען זיך אין די גאַסן אָן א ציל און אָן א תכלית, יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אָפּגעפּערטיקט מיט זיינע תלמידים — אין דעם איז שולדיק א מיידל ברכה רודמאַן, וואָס האָט אים פיינט; און פונדעסטוועגן וואַקסט זי אים אויס אויף אלע זיינע וועגן, כדי אים אויסצולאַכן אין די אויגן פון אייגענע און פרעמדע. די רויטהאָריקע ברכה האָט אין אים אויפגעוועקט געפילן, וואָס האָבן שוין יאָרן געדרימלט; אָנגעצונדן זיין בלוט, און געטריבן דורך ניו־יאָרקער גאַסן אָן א ציל און אָן א תכלית.

— די הענט פון א פרוי, ווען זי האָט דיך בלויז פאַר א שפּילכל, זיינען פרעמדע הענט, פרעמד און ברוטאַל.

דורך דעם קאַלטן, נאַסן שניי, וואָס איז געפאַלן און זיך געשמאָלצן אויף זיין פּנים, איז אַלע ווײַלע אויפגעקומען ברכהס געשטאַלט, אַ בליאַסק געטאָן מיט א לאַכעדיק פּנים אַנטקעגן אים, און איז באַלד, אינאיינעם מיטן קאַלטן, נאַסן שניי צעגאַנגען, זיך פאַרוואַנדלט אין שמוציקער פייכטקייט אונטער זיינע טריט.

— וואָס איז ליבע? — האָט יוחנן פעלדשטיין פילאָזאָפירט שפּאַנענדיק ארויף מיט דער פינפטער עוועניו. וואוהין עס פאַרשלעפּן אים די פיס די לעצטע צייט — גייט טאַקע ליבע ביים זייט פון ים האָס, וואָס שפּרייט זיך מיט דער ליבע אינאיינעם? וואָס דאָט זי געבראַכט פאַר מיר פון לאַנד, וואו אויף האָס בויט מען די וועלט פון מאָרגן? פאַרוואָס פאָרט זי ניט קיין ארץ ישראל, אויב דאָרטן איז איר נשמה? זי איז א מענטש אָן א

נשמה — האָט ער ווייטער געטראַכט — אַליין האָט זי זיך דערמיט באַרימט. פאַרוואָס טראָגט זי ניט איר רויטן קאָפּ אַהין, וואוהין איר נשמה איז פאַר־טראָגן געוואָרן?

וואָס מער פעלדשטיין האָט געפּרוּאווט ברכהס געשטאַלט דערווייטערן פון זיך, איז עס מיט מער עקשנות אַנטקעגן געקומען, אונטערגעטענצלט אַנטקעגן אים און ברייט געלאַכט אים אין פּנים אַריין:

— האַ־האַ, נאַרישער בחור — דוכט אים לאַכט אים ברכה אין פּנים אַריין — פאַרוואָס ביסטו נאַריש יעמאָלט ווען דו האָסט געמעגט האָבן אביסל מער שכל? ביסט גרייט זיך איבערגעבן אין די הענט פון אַ פרוי, ניט פּרוּאוונדיק אפילו זיך צו דערגראָבן צו אירע מחשבות און געפילן, פאַדערסט פון דער פרוי דאָס וואָס זי האָט ניט, און פאַרמאָגט ניט. ביסט אַ נאַאיווער פערד, וואָס אַ שוואַכער מענטש שפּאַנט אים איין אין אַ וואָגן, לאָדט אָן דעם וואָגן מיט משא... און אפשר גאָר ביסטו אַ רייט־פערד, וואָס לאָזט יעדן שלאָק אויף זיך רייטן, כאַ־כאַ־כאַ.

און באַלד דערשיינט פאַר זיינע אויגן ברכה רודמאַן מיט אָזאַ שטייפן, ערנסטן פּנים, די אויגן פולע, שפּילזלען מיט ליכט, וואָס דרינגט גלייך צו אים אין האַרצן אַריין. זי מוסרט אים:

— אויף וואָס פאַר אַ וועלט בלאָנקעט איר זיך אום? — ציטערט איר צעפלאַגטע שטים דורך דער נאָס־פאַרשנייטער נאַכט — דו, און אַלע אין דיין גלייכן, איר לעבט פון האַנט אין מויל. אייך אַרט ניט, אויב דער יידישער דאַך איבער אייער קאָפּ איז צעלעכערט און האַלט ביים צעפאַלן ווערן. אייך אַרט ניט, אויב איר לעבט דאָ אָן אַ גאָט אין האַרצן, אָן וועלכע עס איז פליכטן צו זיך, צו דער צייט און צום יידישן פאָלק. נאַריש און לייכטזיניק קוקט אייך אויס, ווען אַ פרוי מאָנט עס פון אייך, ווען אַ פרוי פאַרברעכט די הענט און וויינט און קלאָגט אויף אונדזער יידישן, נאַציאָנאַלן חורבן, וואָס איז ברייט און לאַנג ווי דער ים — ווי דאָס האָט אמאָל געטאָן די מוטער פון אַלע מוטערס, ביים זייט וועג פון אַלע וועגן, די מוטער רחל. איר קויפט זיך אויס מיט דעם וואָס איר קנעלט מיט היגע געבוירענע קינדער דאָס ביסל פאַרטריקנט יידיש, וואָס בלייבט אויף זייער צונג און ליפּן ביז צו דער ערשטער געלעגנהייט, ווען זיי שפּייען עס אייך צוריק אין פּנים אַריין. אויב איר באַנעמט ניט אייער אייגענע טראַגעדיע, זייט איר ניט ווערט וואָס איר לעבט אויף דער וועלט. איר קוקט נאָך אַלץ אויף דער פרוי מיט אייער אויסגעלאַסענעם געדאַנק. פלייש און בלוט איז זי פאַר אייך און ניט מער.

יוחנן פעלדשטיין האָט דערפילט אַ קלעמעניש אַרום האַרצן, דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגאָסן מיט בליי.

— אַ צייט אָנגעשטאַנען וואָס מענטשן רעדן צופיל — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אַלע רעדן! ווער עס האָט אַ צונג, דרייט מיט דער צונג, קוועלט אָן, ווען זיין שטים הערט מען אויפן פאַרשאָלטענעם יאַריד, וואָס הייסט מיט דעם קלוגן נאָמען „לעבן".

דאָס אָפּגעטראַכט, האָט ער באַשטימט זיך אַריבערכאַפּן צו די רודמאַנס. ווען ער וועט אין שטוב טרעפן — וועט זיין רעכט. פרעמדע מענטשן,

פרעמדע באַשעפענישן. ער וועט גיין איבעררייסן די פעדים וואָס בינדן אים צו יענער שטוב און צו יענע מענטשן.

ביי די רודמאַנס האָט אים דער יינגערער זון, יעפים, געעפנט די טיר און באַגעגנט מיט אַ וואַרעמען ברוך הבא:

— אָט, א גאַסט, אָט, אַ גאַסט! איר האָט אפנים געוואוסט, אז איך זיץ אליין אין שטוב, ברעך זיך די ציין איבער אַן ענגלישער מעטאָדע. קומט אריין — האָט יעפים געפירט פעלדשטיינען אונטערן אָרעם — נאָסע שנייען האָט איר אין ניו־יאָרק. זיצט, זיצט.

יוחנן פעלדשטיין האָט דעם יעפימען ווינציק־וואָס געקענט. ער האָט געוואוסט, אז יעפים איז א פאַרברענטער באָלשעוויק, שלאָגט זיך ארום מיט דער יינגערער שוועסטער. אים האָט הנאה געטאָן וואָס ער האָט די מיידלעך אין שטוב ניט געטראָפן. ס'איז ניט אזוי די לעבעדיקע מענטשן, נאָר די שטוב גופא האָט אים א צי געטאָן. פוסט האָט אים אלץ אויסגעזען. דער יינגערער זון, אויך א רויטהאָריקער, שטארק אין ברכהן געראָטן, האָט פאַר־כאַפּט זיין געדאַנק. „עפּעס ווי אַן אָריגינאַל און אַ קאָפּיע... ווער איז דער אָריגינאַל, ער, צי זיין שוועסטער?” — האָט פעלדשטיין אַ טראַכט געטאָן, און זיך מישב געווען, צי ער זאָל אויסטאָן דעם מאַנטל.

— טוט אויס דעם מאַנטל, אָט וועל איך אים אויפהענגען, ער זאָל זיך אויסטריקענען — האָט יעפים מקרב געווען פעלדשטיינען — איר וועט דאָך מסתמא טרינקען טיי, איך וויל אויך אַ גלעזל טיי.

יעפים האָט זיך מיט א רירעוודיקייט גענומען עסקן ביים איווון, האָט צוגעשטעלט א טשייניק וואַסער, און דערציילט:

— אַ סטראַנגע שטוב ביי אונדז. ווי זאָגט מען אויף ענגליש: סטראַנגאַ? יע, סטרענדזש, מיינט עס. גייך, סטרענדזש וועט ניט אויסדריקן דאָס וואָס סטראַנגאַ.

— מיט וואָס איז אייער שטוב אזוי סטראַנגע? — האָט פעלדשטיין זיך באַמיט צו שמייכלען.

— זעקס דערוואַקסענע מענטשן האָט אונדזער שטוב, זיינען זיי אין א מיניאַטורנע פאָרמע אונדזער צעקראַכענע און פאַרשיווע וועלט.

— איז דאָס אלץ? — האָט פעלדשטיין נאָכגעקוקט יעפימען, וואָס האָט צוגעגרייט דעם טיי.

— איר, מיסטער פעלדשטיין, ווייסט גוט, אז דאָס איז מער ווי גענוג. באַלד ווי מיר זיינען אריבערגעקומען פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען זיך באַנ'אונדז געהאלטן אין איין קריגן. איצטער האָט יעדער איינער פאַר־קוועטשט די צונג.

— וואָס הערט מען אין דער אַרבעטער וועלט, וואָס וועט זיגן, רעכטס, אָדער לינקס?

— לינקס קאָנטראָלירט די יוניאָנס.

— כ'הער, אז ביידע צדדים האָבן אָנגעשטעלט שלעגער.

— עס וועט זיי קיין שלעגער אויך ניט העלפן. מיר וועלן די כאַבאַרנע מאַשין צעשמעטערן. די באָסעס וועלן זיך בויגן פאַר אונדזער כוח.

— איר האָט אין אַ גאַר קורצער צייט אויפגעכאַפּט די לאַגע אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

— איך בין אין דער געדיכטעניש פון לעבן, איר, וואָס ווייסט איר פון לעבן? איך בין צופרידן צו וויסן, אז אויך דאָ אין דער רייכער אַמעריקע האָט קאַפּיטאַל אַליין צוגעגרייט דעם באָדן פאר א סאָציאַלער רעוואָלוציע. פּראָפּאָרציאָנעל האָט אַמעריקע אַזױפיל אָרימקייט ווי די אַמאָליקע רוסלאַנד.

— וואָס הייסט ביי איך אָרימקייט.

— ארבעטסלאָזיקייט, קינדער־ארבעט, דיסקרימינאַציע; נעמט א וואָך, ווי מען זאָגט באַנ׳איך, איבער די יידישע גאַסן אפילו, געפינט אויס וויפיל הענט די באָסעס האָבן פון די שעפער ארויסגעוואָרפן: אַלטע הענט, לינקע הענט, פוילע הענט און גלאָט הענט; שוואַרצע הענט, ברוינע הענט... איר קוקט מיך אָן, פון וואַנען איך ווייס עס? איר קענט אַ ייער ווינקל אין לעבן, און איך מיינעם.

— וואָס פאר א ווינקל איז מיינער?

—וואו מען פילאָזאָפירט. וואו מען רעדט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון סאָציאַליזם, אפילו פון קארל מאַרקסן און פון לענינען — נאָר קיינער וויל ניט, אז די סאָציאַלע גערעכטיקייט זאָל הערשן, ווי דאָס איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— נאָך איך נאָך קומט אויס, אז דאָרטן הערשט סאָציאַלע גערעכטיקייט — האָט יוחנן פעלדשטיין פלעגמאַטיש גערעדט — און דאָס בלוט, וואָס די רעוואָלוציע האָט פאַרגאָסן, האָט שוין די ערד איינגעזאַפּט?

— אויב איר רעדט מיט מיר מיט דעם אייגענעם נוסח ווי אלע פינצטערע נפשות, האָב איך מיט איך ניט וואָס צו רעדן. וועלן מיר טרינקען טיי און רעדן פון ניו־יאָרקער נאַרישן ווינטער.

— ס׳איז אויך א טעמע.

א ווײלע איז געווען שטיל. יעפימען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט ארײנשלעפּן אין אַזאַ אומדאַנקבאַרן שמועס. ער האָט באמת געוואָלט פאַרברענגען א פרײלעכע פאָר מינוט מיטן יידישן שרייבער. ער האָט פאַרשטאַנען, אז פעלדשטיין איז ניט געקומען צו אים. אוודאי האָט ער אויסן געווען צו טרעפן אַיינע פון זיינע שוועסטער. מיטן געדאַנק האָט יעפים געפּרוּאווט טרעפן וועמען פעלדשטיין וואָלט גערנער געוואָלט זען, די עלטערע, צי די יינגערע. די עלטערע, יוסטינע, וואָס איז מיט א נאכט פריער אהיים געקומען פאַרטאָג, איז פרי געגאַנגען שלאָפן. יעפים קלערט, צי זי שלאָפט אין צווייטן צימער, צי זי הערט זיך איין אפשר צום שמועס. טאַטע־מאַמע זיינען געגאַנגען געוואוירוּוערן צו דניאל לוריאן, וואָס ליגט שוין עטלעכע טעג קראַנק.

יעפימען האָט די שטילקייט געשטערט. ער האָט באַמערקט, אז פעלדשטיין שפּירט זיך ניט היימיש. לפנים וועגן זיצט ער געדולדיק און וואַרט אויפן טיי, וואָס ער האָלט ביים אָנגיסן.

— איר האָט חשק ארײנקומען אין אונדזערע קרייזן? — האָט יעפים באַשטימט אָנהויבן א שמועס וואָס זאָל פאר ביידן זיין צום הארצן.

— וואו זיינען עס אייערע קרייזן, דאָרטן, וואו מען האלט, אז גאָט איז געשטאָרבן, און געלאָזן זיין פאָלק ישראל זאָל זיך אויפהענגען אויף די רצועות פון די אוועקגעוואָרפענע תפילין?

— כאַ־כאַ־כאָ — כ'האָב שוין לאַנג אַזאַ אמת ניט געהערט, כאַ־כאַ־כאָ — האָט יעפים געלאַכט פון פולן האַרצן. — איך מוז עס דערציילן, מ'זאָל האָבן הנאה. זעט איר, אז דאָ האָט מען אויף דער גאַנצער יידישער רעליגיע אַ שפּיי געטאָן, און איר האָט נאָך פּאַראיבל אויב אין סאָוועטנפאַרבאַנד מאַכט מען פון קיין רעליגיע ניט קיין צימעס.

— פאַרוואָס מוז איך אויף אַלץ נעמען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַר אַ ביישפּיל, האָבן זיך טאַקע דאָרטן אַלע הונדערט און צען אמתן באַוויזן צו די פירער פון די מאַסן? איך האָב אייך פריער עפּעס געפרעגט, האָט איר מיר ניט געענטפערט. איז גוט. מאָן איך ביי אייך ניט קיין ענטפער.

— נאָר וואָס דען?

— איך האָב ניט קיין אמונה אין מענטשן; ניט אין זייערע פירער, און ניט אין זייערע געפירטע און פאַרפירטע.

— פאַרוואָס?

— אויב אָן בלוט־פאַרגיסונג קען מען קיין גליק ניט ברענגען פאַר דער מענטשהייט, וועט מען מיט בלוט־פאַרגיסונג אוודאי ניט ברענגען. איר אַליין פילט גאָרניט, אז מיט די דהענט דראַפּעט איר זיך צו מאָראַלישע הויכן, צום סאָציאַלן אויפשטייג, און מיט די פיס טרעט איר אויף די שענסטע און לויטערסטע טראַדיציעס פון אַ פאָלק. איך רעד פון אייך און אייער גלייכן, וואָס טרעטן אויף די יידישע פאָלקס־טראַדיציעס.

— ווייזט מיר אָן אויף איינער פון די טראַדיציעס, וואָס אָן איר קען אַ פאָלק ניט אויסקומען?

— די טראַדיציע, אז מיר יידן זיינען אַ פאָלק, און ניט גלאַט אזוי אַ מאַסע. אפילו אויף דעם טרעט איר מיט די פיס.

— האָט מען אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט באַפרייט אזויפיל פעלקער, און יידן אויך מיט זיי?

אויף דעם, איז אין איר יאפּאַנעזישער קימאָנע, די שוואַרצע האָר צע־וואָרפן איבער דער פּלייצע, פון צווייטן צימער יוסטינע אריינגעקומען. זשמורענדיק די אויגן, אַביסל פאַרשלאָפן, איז זי צוגעגאַנגען צו פעלדשטיי־נען און ווארים געדריקט זיין האַנט:

— צי איז עס אַ חלום, צי איז עס ספּראַוועדליוואָ אַ לעבעדיקער מיס־טער פעלדשטיין... אָט דאָס איז דער מיסטער פעלדשטיין — האָט זי נאָך אַלץ געדריקט זיין האַנט — וואו האָט איר זיך אויסבאַהאַלטן? דו האָסט געמאַכט טיי, יעפים, בלאַגאָדאַרו! איך וועל אָנגיסן.

מיט אַמאָל איז דאָס צימער פול געוואָרן מיט לעבן. ס'האָט אויסגע־וויזן, ווי די עלעקטרע האָט אַ פינקל געטאָן העלער. מיט לייכטע טריט, דורך דער קימאָנע, די בולטע שטריכן פון איר שלאַנקן קערפּער, האָט זיך יוסטינע גרינג באַוועגט איבערן צימער, שפּרייטנדיק ארום זיך דעם פּערפיום ריח פון זשעסמין.

— דערציילט, מיסטער פעלדשטיין, וואָס הערט מען עפּעס גוטע נייס... אודיוויטעלנאָ, ווי אַ מענטש ווייסט ניט וואָס אים אָזשידאַיעט.

יוסטינע האָט צוגערוקט איר שטול צו פעלדשטיינען, מיט פריילעכע אויגן באַענט אריינגעקוקט אים אין פּנים אריין.

פעלדשטיין האָט גענומען אירע הענט, באַטראַכט די לאַנגע, בלייכע פינגער, און געזאָגט:

— מיט אַזעלכע פינגער קענען מיר דערגיין אין לעבן, ווי מיר מיט אונ־דזערע חושים. דאָס זיינען פינגער, וואָס שפירן אַלץ אַרויס מיט זייער אַנריר. די־אָ פינגער האָבן אַמעריקע דערקענט אַ סך בעסער ווי מיר.

פעלדשטיין האָט צוגעטראָגן אירע פינגער צו די ליפּן און אַריבער־געקוקט צו יעפּימען.

— איר ביידע קריגט זיך דאָך אַוודאי ניט, — האָט פעלדשטיין גוטמוטיק גערעדט — די פילאָזאָפיע פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע טרעפט זיך צונויף מיט דער פילאָזאָפיע פון אונדזערע קאָמוניסטן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יעפּים אַ לאַך געטאָן — פון וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן, קומט מען אַלץ אַרויף אויף דעם גליטשיקן אייז. איך וועל אייך דאָ איבערלאָזן, איך האָב אַ מיטינג נאָך אין אונדזער...

יעפּים האָט ניט דערזאָגט: אויף שנעל אַ דריק געטאָן פעלדשטיינס האַנט, אַרויפגעכאַפּט דעם מאַנטל און אַרויס פון שטוב.

פעלדשטיין האָט פאַרלאָרן געקוקט צו דער טיר, וואו יעפּים איז פאַר־שוואונדן. יוסטינע האָט עס באַמערקט און געוואַרט ביז ער וועט קומען צו זיך.

זי איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, צוגעגאַנגען צום שפּיגל איבערן קאַמאָד, כלומרשט פאַריכט די צעוואָרפענע האָר, און געשפּירט אויף איר פּליצע פעלדשטיינס בליקן. איר איז ניט קלאָר געווען וואָס עס האָט אים געבראַכט אַהער. זי האָט געהערט אַ טייל פון שמועס וואָס פעלדשטיין האָט געהאַט מיט איר ברודער. זי איז געווען זיכער, אַז אויב זי וועט אַרויסקומען, וועט איר ברודער פאַרלאָזן די שטוב. זי האָט אין האַרצן געדאַנקט איר ברודער דערפאַר. ערגעץ־וואו האָט אין איר געטליעט אַ גוטער געפיל צו דעם „טשודאַק" פעלדשטיין, ווי זי האָט אים גערופן. „ער ווייס דאָך ניט פון מיין סטיטשקע ביי דאָקטאָר ווילסאָנען" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. זיין קומען האָט אויפגערודערט דעם טרויער, וואָס האָט ביי איר געלעבט אין די בלוטן זינט עלוויראַס געבוירנטאָג.

— גאָספּאָדין פעלדשטיין — איז יוסטינע צוגעגאַנגען און זיך צוגעזעצט נעבן אים אויפן ראַנד שטול — איר זייט אַ קלוגער מענטש, וויל איך באַנ־אייך עפּעס פרעגן.

פעלדשטיין האָט אַרומגענומען איר שלאַנקן קערפּער, און געפילט ווי זיין אָרעם פאַרלירט זיך. זי איז געזעסן רואיק, דערפון קיין ווען ניט געמאַכט.

— איר אָסוטשטשאַיעט דאָך די נשמה פון אַ פרוי, מיסטער פעלדשטיין, ווייסט איר וואָס אַ פרוי פאַרלאַנגט פון לעבן?

— קען זיין, אַז איך ווייס ניט.

— קיין שום מאַן ווייסט ניט.

— און דעם מאַן, און זיינע שטאַרקע שוואַכקייטן, ווייס די פרוי?

— אַ פרוי איז קליגער פון מאַן. אַ פרוי איז די ערד אין פרילינג. אַ מאַן איז דער שטיין אין וועסנע, ווען עס פאַקרעוואַיעט זיך מיט גרין. איר ווייסט, אַז איך האָב איך גאָר צום ערשטן מאָל באַגעגנט האָב איך זיך

אין אייך וויליובלאַיעט. ס׳קען זיין, אַז איך האָב אייך נאָך איצטער אויך ליב. דעריבער אַנטלויפט פון אייך מיין שוועסטער. אָ, סטראַנני, סטראַנני ווי טשעלאָוועק!

יוסטינע האָט מיט איר גאַנצן גוף אַ ציטער געטאָן און זיך געטוליעט צו פעלדשטיינען.

— איך ווייס ניט צו וועמען איר זייט געקומען. נאָר פונקט ווי דער ספינקס איז אַ שטיין, פונדעסטוועגן טראָגט ער אין זיך דעם סעקרעט פון לעבן, אַזוי איז דער מאַן, וועמען ער ווערט מיט אַמאָל אַ ספינקס. אָך, ווי איך וויל, מיין שוועסטער זאָל אַריינקומען און אונדז ביידן אָט אַזוי טרעפן!

— וואָס וועט זיין?

— בוריאַ בודעט — האָט זי אויף רוסיש אויסגעשריען. — איר קענט זי ניט; ווי איר קענט וואָאַבשטשע ניט דער זשענשטשינע.

— איר קענט אייער שוועסטער?

— פרויען קענען איינס ס׳אַנדערע. אַ דאַנק פאַרן קומען. בלאַגאָ דאַריו. בלאַגאָדאַריו.

ביי פעלדשטיינען ד׳האָט הויך געשלאָגן דאָס האַרץ אנטקעגן איר האַרצן בעת זי האָט מיט איר הייסן אָטעם געגליט זיין פנים. ס׳איז אים ליב געווען צו פילן ווי די ערד זינקט אונטער אים, בשעת ער פאַלט אין פרעמדע אָרעמס אַריין.

ר׳ בונים לוריאַ האָט פאַר זיינע שטילע טריט אויסגעקליבן די איסט־סייד, נעענטער צו די בריקן וואָס פירן קיין ברוקלין. פאַר זיינע „אַלטע ביינער" וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט פון סאַוועטרוסלאַנד, צום לאַנד פון „גרעס־טער עשירות און גרעסטער דלפנות", האָט ער שוין קיין צו ווייכן געלעגער ניט געזוכט. גרינג אויף די פיס, איז ער אומעטום געגאַנגען צופוס, און מיט יעדן טאָג עפּעס געלערנט.

— די צייט האָט מיר די אויגן אויפגעעפנט, ניט צו פאַרמאַכן.

דאָס האָט ר׳ בונים ליב געהאַט צו זאָגן, ווען קרעאַלאַין סטאָן, די „גילדערנע האַרץ", ווי ער האָט זיין ברודערס טאָכטער אָנגערופן, האָט אים געמוסרט, הלמאי ער וויל אויף דער עלטער קיין הנאה ניט האָבן פון לעבן.

מען האָט אים אָנגעבאָטן אין דער שול „אַנשי אמת וצדק", די שול, וואָס זיין פאַרשטאָרבענער ברודער, ישראל לוריאַ, האָט געהאָלפן בויען מיט איבער פערציק יאָר צוריק, ער זאָל פאַרנעמען דאָרטן אַ חשובן ווינקל: מען וועט אים רופן „רבי". ער ד׳האָט ניט אָנגעגעבן דעם טעם פאַרוואָס ער וויל עס ניט. „צוליב וואָס רייסן אַ וואונד מיט בלאָטיקע פינגער? — האָט ער געטראַכט — צוליב וואָס גייען, און זאָגן די שאָטנס פון יידן, וואָס פאַרבלאָנ־דזשען אין שול אַריין, אַז דאָ אין אַמעריקע איז אָרום די שולן נאָך ערגער ווי אין סאָוועטרוסלאַנד?"

— וואָס האָט דאָ די מענטשן גענייט, זיי זאָלן זיך אומקערן מיט דער פלייצע צו יידישקייט — האָט אים געחידושט — וואָס האָט מען געהאַט צום שבת, איז אין דעם טאָקע די ביטערע פרנסה שולדיק? נו, וואָס, אַרבעט

מען מיט א טאָג ווינציקער... אבי מען באַצאָלט פאר די זעקס טעג אין וואָך, איז דאָך שוין אוודאי היונה פאַראַן!

פונדעסטוועגן איז ער געווען אַן אָפטער גאַסט אין דער שול „אַנשי אמת וצדיק". יעדעס מאָל, ווען ער האָט אריינגעקוקט צו די אַלע לוריא־קינדער, זיך אָנגעזעטיקט מיט זייער גוטסקייט, האָט עס אים געצויגן אין שול אריין, וואוהין עס האָבן פאַרבלאָנדזשעט דידאָזיקע וואָס זיינען געבליבן אונטערן פערד; די אַלע, וואָס דאָס נייע לאַנד איז פאַר זיי געווען ניט קיין מאַמע, נאָר אַ שלעכטע שטיפמאַמע.

אין דער שול „אַנשי אמת וצדיק" האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף די ערשטע טריט פון זיין ברודער ישראל, און האָט באַנומען אין וואָס פאַר א יסורים־ים עס האָבן זיך געבאָדן די ערשטע איבערוואַנדערער. ער האָט זיך דערשלאָגן צו די סיבות, וואָס האָבן זיין ברודער, אין תוך אַ יונגער, געזונטער מענטש, פאַר דער צייט געטריבן פון דער וועלט. ער האָט באַגריפן, אַז ניט די פופצן שעה שווערע אַרבעט אַ טאָג, וואָס יידן האָבן אין יענע יאָרן אַנידערגעלייגט אין די שוויץ־שעפּער, נאָר עפּעס אַנדערש האָט געטאָטשעט און אונטערגעגראָבן דאָס לעבן פון אַזעלכע ישראל לוריאַס, וואָס האָבן ניט געפונען קיין באָדן וואו די וואָרצלען איבערצופלאַנצן. אַ סך האָט אים דערציילט דער גרויער, אויסגעצויגענער און איינגעטריקנטער אריה פלאַקן, וואָס איז צווישן לאַנדסמיידלעך מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק באַשאַנקען געוואָרן מיט דעם נאָמען „פלאַקן" פאר זיין אויסגעצויגענעם גוף, און וואָס איז אומגעראָטן פאַרליבט געווען אין דער יעמאָלט־דיקער קריינדל לוריא. אַן אַפּיקורס אַמאָל, איז ער געוואָרן אַ דאַוונער צו דער עלטער. נאָך דעם ווי זיין ווייב איז געשטאָרבן, זיינע צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט פאַר גוים, איטאַליענער, איז אריה פלאַקן געוואָרן א פרומאַק. אין ר' בונים לוריאַס פּנים האָט אריה פלאַקן דערקענט סמנים פון ישראל לוריאַן, פאַר וועמען ער האָט גרויס אָפּשיי געהאַט.

— עך, ר' בונים, איר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז די וועלט מאַכט אַ טעות אין חשבון. זי חשבנט, צוויי מאָל צוויי איז פיר; צום סוף גאָר — איז עס דריי. הלמאַי, ווי קומט עס, וואָס איר זייט דאָ, איך בין דאָ, און די אַלע מיט אָפּגעגאָלטע בערד קומען אריין אַ־הער זוכן נעכטיקע טעג, און קעטשן דערווייל א מנחה?

— אַמאָל, וואָלט איך געזאָגט, ס'איז א מזל זאַך — האָט ר' בונים שטיל געזאָגט פאַר זיך — אָבער איצטער קען איך עס מער ניט זאָגן. איצטער זיינען מיר זייגע דרכים אויך ניט קלאָר. דאָרטן, כ'מיין פון וואַנען איך קום, זיינען פון אויבן די זאַקאַנעס געקומען, אַז עליונים זאָלן זיין למטה, און די, וואָס האָבן קיין ווערדע ניט געהאַט, זיינען געוואָרן גאַנצע יאַטעבעדאַס. אָבער דאָ, פון אויבן האָט מען ניט באַפוילן. איך האָב דאָ געטראָפן מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן יאַקבי יאָ געווען מיט מענטשן צוגלייך, און דאָ האָט זיי ניט אָפּגע־גאָלטן. און אָט, כמעט אַלע קינדער ישראלס, וואָס זאָל מען פאַרלייקענען? מסתמא איז דאָך פאַראַנען א דרך, וואָס איז פאַר איינעם אַן אויסגעטראָ־טענער, און פאַרן אַנדערן מיט הוילע דערנער.

— ניט דאָס, ר' בונים, — האָט אריה פלאַקן געצופּט די פּאָר האָר, וואָס זיינען אים אויף דער פּאָטילניצע געבליבן — די מעשה, וואָס איז

פאַראַנען אַ רעגעלע מלחמה מיט אַרמייען, מיט ביקסן און האַרמאַטן, גאַראַדן שלאָגן זיך. בלוט פליִצט ווי וואַסער. מיליאָנען־מיליאָסן מענטשן ווערן געהרגעט. אַזעטיקע מלחמות, איז אָפּגעשלאָגן זיך, און געפּינישט. אָבער אַ אייביקע מלחמה, אייביקע בלוט פאַרגיסונג, אייביקע אומגליקן, אין דער גרעסטער פּאַיט אויף דער ערד, ווייסט איר, ר' בונים, וואו דאָס איז? דאָס זאָלט איר זוכן אין קאָלאָמבוסעס מדינה! טאַקע אין אונדזער אַמעריקע, וואו איך האָב דעם האָנער צו זיין אַ ציטיזן. אָטאָ, אין דער מדינה איז אַ מענטש הפקר. דער שטאַרקער וועט פון שוואַכן דעם קאָפּ אַראָפּדרייען, ס'בלוט אויסזויגן און די ביינער צעבראָמטשקען. פרעגט מיר, וועל איך אייך דערציילן. איך בין אַן אַלד טאַימער; בין אַהער געקומען שיער ניט אויף איין שיף מיט די לוריאַס. בין געקומען אַהער און ניט געוואָלט גיין אין שפּאַן מיט אייער ברודער ישראלן. ער האָט אויך ניט געוואָלט גיין אין שפּאַן. ס'איז שוין אַ קימאַ־לן פון פיר און פערציק יאָר, איך דהאָב זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאַיט. בין אויך אַ קאַפּעטשקע געזעסן אין זאַטל. און איצטער וואָס, בעקאָס איך לעב? צוויי קינדער, ביידע יינגלעך, האָבן ביי מיר די לונגען אויסגעשפּיגן. מיט בלוט פון האַרצן געשפּיגן. ס'הייסט ביי מיר — געפאַלן אין שלאַכט. און ווער בין איך איצטער? דער וואַטשמאַן, וואָס גיט אַכטונג אויף קברים, לעבעדיקע קברים, מיסטער לוריאַ. וואַטש יור סטעפּ, מיסטער! לאָזט זיך ניט איינ־ריידן קיין פויגעלעך אין בוזים. יעדער גריגער, ווען ער וואָלט נאָר האָבן שכל ביים אַנקומען אַהער, האָט ער געדאַרפט פאָרן קיין וואַשינגטאָן, קומען צום פּרעזידענט און זאָגן: „איך בעט אַ קליינעם פּיוואָר, מיסטער פּרעזי־דענט; בין אַ שטיקל מענטש, בין געקומען אַהער פון אַ לאַנד מיט גאַלע רשעים מענטשן, זע, גיב אויף מיר אַכטונג, אַז דיינע צדיקים זאָלן מיך אויף ברעקפעסט ניט אויפעסן, קאַ־קאַ־קאַ...״

ר' בונים האָט ליב געהאַט אויסצוהערן אריה פלאָקנס חכמות. אָבער ניט גענוג טיף זיינען זיי געווען פאַר אים.

ר' בונים לוריאַ האָט זיך פּלוצלונג דערפילט שוואַך; האָט ער זיין מיסיס געבעטן, מען זאָל אַ רוף טאָן זיין פלימעניק דאָקטאָר לוריאַן, ער זאָל זיינע אַלטע ביינער אַדורכטאַפּן. האָט דאָקטאָר לוריאַ פאַר איינוועגס מיט זיך מיטגענומען פעלדשטיינען, וואָס האָט אַ פאָר מאָל דעם אַלטן באַגעגנט, דהאָט ליב געהאַט זיצן און אויסהערן זיין תורה, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט חכמה. יוחנן פעלדשטיין האָט צום ערשטן מאָל דעם אַלטן ר' בונימען באַגעגנט ביי דאָקטאָר לוריאַן. אַזאַ איראָניש פייערל האָט ער יעמאָלט באַמערקט אין דעם אַלטנס אויגן. איצטער איז דאָס פייערל געווען אויסגעלאָשן. דער אַלטער ר' בונים איז געלעגן אויפן בעט אין אַנטאָן. דאָקטאָר לוריאַ האָט זיך צוגעזעצט צו אים, מיט גרויס זאָרג אים פאַנאַנדערגעשפילעט, און פאָרזיכטיק מיט די הענט ארומגעטאַפּט זיינע גלידער.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן:

— ווי קומט עס, וואָס צו דער עלטער האָט איר זיך געלאָזן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק אַ לאַנד, וואו יידן האָבן, ווי מען זאָגט, אלע סוואַבאָדעס?

האָט דער אַלטער ר׳ בונים תחילת אַביסל חושד געווען פעלדשטיינען, אַז ער רעדט ניט דאָס וואָס ער מיינט. ער האָט אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ און פּאַמעלעך געזאָגט:

— דעם יידן האָט די וועלט פיינט. האָב איך מיר געטראַכט, מסתמא איז דאָך עפּעס פאַראַן אין תוך אַזוינס ביי יידן, וואָס פאַרדינט, מען זאָל אים פיינט האָבן. נו, זיינען געקומען די סאָוועטשיקעס און געפּסקנט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך. ס׳דזייסט, אָדער אַלע מענטשן האָבן פליגן אין נאָז, אָדער אַלע מענטשן זיינען בטבע געבאָרן געוואָרן צדיקים, נאָר אין אַזאַ פאַלאַזשעניע האָבן זיי זיך געפונען, ווי דאָס איז מסביר קאַרל מאַרקס, זיינען זיי געוואָרן ליידאַקעס. די רעוואָלוציע האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן פון אַלע ליידאַקעס לו׳ניקעס. נו, האָב איך געטראַכט, ווי לעבט עס אַ ייד דאָרטן וואו מ׳האָט אים ליב. און וואָס פאַר ייד איז עס בכלל אַ ייד, אויב מ׳ברענט אים ניט די ערד אונטער זיינע פיס? נו, איז איידער־וואָס, איידער־ווען, האָב איך געטראַכט, לאָמיר צופאַרן אין לאַנד, וואו מיין ברודער מיט זיין משפחה האָבן זיך אוועקגעלאָזן אַהין ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן; און וואו יידן זיינען פאַראַנען דאָפּלט ווי די יוצאי־מצרים. משפחה האָט מיך אויפגענומען. משפחה דערלאָזט ניט, איך זאָל חלילה אַרומגיין מיט שווערע מחשבות. און געזען האָב איך, אַז דאָ האָבן אויך יידן צופיל עולם הזה. און געזען האָב איך, אַז אויך דאָ ראַזרעשעט מען יידן צו טאָן וואָס זיי ווילן. איז עס מיר גלייך, ווי מ׳וואָלט מיר אויף דער וועלט אָפּגעצאָלט אין פאָרויס מיין חלק אין גן־עדן.

פאַרענדיקט, האָט ר׳ בונים אַ בלינקל געטאָן מיט די אויגן, און געזאָגט:

— איך הער, איך הער, ס׳בלוט פון מיין ברודער שרייט אַרויס פון דער ערד, דייקע דאָ, וואו אַ שטיקל שוואַרץ ברויט איז אַ לאַקאָמקע.

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט פעלדשטיין געוואָלט פון אים נאָך עפּעס אַרויסקריגן.

— פאַראַנען אַ מעשה פון אַ בלינדן און אַ הינקעדיקן, וואָס ביידע זיינען זיי געגאַנגען אין וועג. דער בלינדער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן הינ־קעדיקן און זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיינע הינקעדיקע טריט. האָט אָבער דער בלינדער געשפּירט דעם כוח אין זיינע פיס; איבן איז געוואָרן מאַ־רודנע אַזוי דעם הינקעדיקן נאָכצוקריכן. פאַלט אים איין אַ געדאַנק — ער וועט נעמען דעם הינקעדיקן אויף די פּלייצעס. אַזוי אַרום וועט ער האָבן געזונטע פיס און ליכטיקע אויגן. דער הינקעדיקער איז געווען שטאַרק מיד, און איז נעביך איינגעשלאָפן אויפן בלינדנס פּלייצעס; און דער בלינדער מיטן הינקעדיקן זיינען ביידע אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב אַריין... אָטאָ דאָס איז עס, יונגערמאַן — האָט ר׳ בונים פאַרענדיקט מיט נצחון, בשעת דאָקטאָר לוריא האָט אים אויסגעקלאַפּט זיין פּלייצע — דער הינקעדיקער האָט די אויגן, און דער בלינדער האָט די פיס. דעריבער וועט עס ביים מענטשן קיין טאָלק ניט זיין. זייער קאַרל מאַרקס האָט ניט געהייסן אַלע גריבער צו פאַרשיטן. זייער קאַרל מאַרקס במחילה האָט ניט געוואוסט, אַז דער הינקעדיקער האָט תחילת די גריבער געגראָבן, אַז דער בלינדער זאָל אין זיי אַריינפאַלן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך האַרציק צעלאַכט און געזאָגט:

— פּעטער, איר זייט אַלרייט. וואָלט ניט שאַדן בלייבן אַזוי רואיק אין בעט אַ פּאָר טעג. אַז איכ׳ל דהאָבן צייט, וועל איך צו אייך ווידער אַריבערקומען, און הערן פון אייך דאָס, וואָס מיין טאַטע האָט מיר ניט דערציילט. איך מוז מיר, פּעטער, איילן איצטער צו אַ קימפּעטאָרין, איך וועל אייך איבערלאָזן דעם אַפּיקורס... איר׳ט אים, פּעטער, מאַכן פאַר אַ גוטן יידן.

ווען יוחנן פעלדשטיין איז געבליבן אליין מיט דעם אַלטן ר׳ בונימען, האָט ער דערפילט אַ טיפן טרויער אין האַרצן. ער האָט זייער געוואָלט מיט דעם אַלטן רעדן, און ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן. דער אַלטער האָט פון אויבן־אַראָפּ באַטראַכט נאָך אַמאָל פעלדשטיינען, און געשמייכלט, קענטיק, ער האָט אַליין חשק געהאַט עפּעס צו זאָגן.

— איך טראַכט, יונגערמאַן, ס׳קען מיט אַמאָל ניט ווערן ליכטיק אויף דער גאָרער וועלט, ווי ס׳קען מיט אַמאָל ניט ווערן זומער איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי איז דאָס שוין משׁשת ימי בראשית אָן, וואָס אור און חושך, ליכטיקייט און פינצטערניש שלאָגן זיך פאַרן אָרט אויף דער ערד. נאָר פּונקט, ווי בשעת די זון גייט אויף איבערן לאַנד, פאַרגייט זי אין אַן אַנדער לאַנד — אַזוי איז עס דער סדר עולם מיט מענטשן.

— מיינט איר, אַז דאָרטן פון וואַנען איר קומט איז די זון אויפגעגאַנגען?

ר׳ בונימס פּנים איז פּלוצלונג פאַרחושכט געוואָרן, טרערן האָבן אָנגעקוואָלן אין די אויגן.

יוחנן פעלדשטיין איז אַ צייט געזעסן, ניט געוואָגט איבערצושלאָגן דעם אַלטנס מחשבות. אויפהויבן זיך און אַרויסגיין, לאָזן דעם אַלטן אַליין, דאָס האָט ער ניט געקענט פועלן ביי זיך צו טאָן. אים האָט ניט פאַרדראָסן הלמאי ער האָט דעם אַלטן געפרעגט אַזאַ זאַך. ער האָט חושד געווען, אַז ניט די דאָזיקע פראַגע אַליין איז שולדיק אין דעם וואָס ר׳ בונים איז מיט אַמאָל אַזוי טרויעריק געוואָרן. דעם אַלטנס טרויער איז צו אים איבערגעגאַנגען.

דער אַלטער ר׳ בונים אַליין איז פעלדשטיינען געקומען צו הילף, און געזאָגט:

— ווי אמת, ווי אמת עס זיינען די רייד פון ר׳ שמעון בן יוחאי, ווען ער האָט געגומען און געזאָגט: וואויל זיינען יסורים, מחמת דריי מתנות זיינען צו ישראל געגעבן געוואָרן אין זכות פון יסורים, און די אומות העולם זיינען מקנא דערפאַר... דאָס איז תורה, ארץ ישראל און עולם הבא. גוט איז אויך מיר צוליב דעם, וואָס מיינע קרובים אין אַמעריקע איז ניט געלונגען מיך אויסצולייזן פון מיינע יסורים.

יוחנן פעלדשטיין האָט דערשפּירט אַ צעבראָכנקייט אין זיך. ער, דער יידישער שרייבער, וועמעס געדאַנק איז געווען פאַרנומען, צו געפינען דעם גלייכגעוויכט אין דער צעשויבערטער, יידישער גאַס, האָט מיט אַמאָל פאַר זיך געהאַט אַ שטיק יידישע אייביקייט.

אים אַליין איז ניט געווען פרעמד דאָס, וואָס אונדזערע חכמים האָבן אין דער ריכטיקער רגע געפונען וואָס צו זאָגן. ער האָט באַטראַכט אַ סך

פון די קלוגע רייד, וואָס אונדזערע חכמים האָבן ארויסגעזאָגט, פאַר ווער־טער אָן לעבעדיקן אינהאלט. און מיט אַמאָל, זיצט אַ זקן פאַר אים, ווישט די טרערן און דאַנקט גאָט, וואָס דאָ אין לאַנד האָבן גוטע קרובים אים אַ גרויסע טובה געטאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבן אים פון יסורים ניט באַ־פרייט.

— פונקט ווי עס איז פאַרבאָרגן דער גרויסער וואַסער־אוצר אין די טיפענישן פון דער ערד, און דער קוואַל, וואָס שלאָגט ארויס צום דרויסן, איז ניט מער ווי אַ צייכן, אַז די וואַסערן אין דער ערד האָבן ניט געפעלשט, אַזוי איז דער־אָ זקן געגליכן צום קוואַל פון אמת, וואָס שלאָגט פון פאָלקס טיפענישן, און זאָגט אָן, אַז ביז אין אַלע אייביקייטן וועט דער יידישער זכר ניט אויסגעמעקט ווערן.

יוחנן פעלדשטיין האָט פון דעם געטראַכט, און בשעת מעשה מיטן געדאַנק אוועק צו דער פאַנאַטישער ברכה רודמאַן, וואָס עסט זיך לעבע־דיקערהייט, און וואָס לויט זיין באַגריף, קען זי זיך אליין ניט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון צוליב וואָס זי טוט עס.

— איך וואָלט חשק געהאַט הערן אייער מיינונג, ר׳ בונים, וועגן דער רודמאַן־משפחה, צי זיי האָבן זיי געדאַרפט קומען קיין אַמעריקע ? — האָט פעלדשטיין פאַרזיכטיק געפרעגט .

— האָ, זיי מיינסטו ? — האָט דער אלטער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום — גאָטס וועגן זיינען פאַרדרייט. עס פאַטופּעט זיך מיר ניט אין קאָפּ אָטאָ דאָס, וואָס מ׳דערציילט מיר וועגן דער עלטערער, די יוכבד.

— יוסטינען מיינט איר.

— יאָ, די עלטערע, ווי זיי רופן זי אליין. ביי מיר הייסט זי יוכבד. מ׳שמועסט, אַז אין איר האָט זיך איינגעליבט עפּעס אַ גרויסער דאָקטאָר.

— אַן אַמעריקאַנער, אַ ניט־ייד.

— דאָס איז ניט קיין אומגליק. פאַראַנען חסידי אומות העולם.

— איר זאָלט עס זאָגן !

— ביי יידן איז עס קיין נאָווינע ניט.

— איז עס באַנ׳איך, זינט אין רוסלאַנד איז געקומען די איבער־קערעניש ?

— פאַרוואָס אַנהויבן פון רוסלאַנד ? פאַרוואָס ניט אריינקוקן אין דער מגילת אסתר ?

—איר וועט גיין אויף דער חתונה, אויב ס׳וועט קומען דערצו ?

— זעסט, דאָס איז איבער מיין שכל. אַ חתונה כדת משה וישראל...

וואָס, ער וועט זיך מגייר זיין ?

דער אַלטער ר׳ בונים האָט אַ ווייל געקוקט צו דער סטעליע, ברייט אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט :

— אַז מ׳האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער. אַזוי איז עס מיט יידן אויף דער וועלט.

פעלדשטיינען איז אויסגעקומען, אַז ר׳ בונים איז אומגעדולדיק געוואָרן, ווען ער האָט אים געגומען אויספרעגן וועגן די רודמאַנס. פונדעסטוועגן האָט ער געפּרואווט נאָך אַמאָל, ניט רעדן וועגן די טעכטער, נאָר וועגן די זין :

— וואָס זאָגט איר אויף דעם יינגערן זון, דעם קאָמוניסט ?

— איך קריג זיך ניט מיט אים. כ'האָב זיך דאָרטן אויך מיט זיי ניט געקריגט. אויב איך בין ניט מסכים מיט דעם יינגערן, בין איך דאָך אויך ניט מסכים מיטן עלטערן, וואָס וויל דווקא דוחה זיין דעם קץ, ברענגען משיחן פאַר דער צייט. נו, ווער איז פון די צוויי גערעכט? דער יינגערער טענהט, אַז משיח דאַרף פריער קומען איבער גאָר דער וועלט, דערנאָך וועט מען יידן פירן אונטער די הענט קיין ארץ ישראל. און דער עלטערער טענה־הט, אַז משיח איז לא היה ולא נברא. ער זינגט: „אם אין אני לי מי לי...” נו, צומאָל דוכט מיר, אַז דער יינגערער איז גערעכט.

— רעדט איר אַמאָל מיט דעם יינגערן?

— מיר קריכט ער ניט אין די אויגן. אפשר דערפאַר, וואָס איך זאָג אים, אַז פיקוח נפש איז דוחה שבת. און ס'איז בעסער אַ לעבעדיקער הונט, ווי אַ טויטער לייב.

— באַגרייפט ער וואָס איר מיינט מיט דעם?

— איך מיין מיט דעם ניט קיין סתרי תורה. יידן האַלטן אין רוס־לאַנד אין צייט פון די פּאָגראָמען אומגעקומען. מ'וואָלט זיי אויסגעקוילעט און אויסגעשאָכטן, ווי מ'שעכט חזירים. ס'האָבן זיך סיי־ווי די טויטע געוואַלגערט אין די גאַסן, און הינט, און חזירים האָבן פון זיי שטיקער געריסן. נו, איז וואָס, האָבן די טויטע געשריען שמע ישראל? און אויב זיי האָבן יאָ פאַר דער גסיסה געשריען שמע ישראל און אומגעקומען, איז וואָס?

— האַלט איר ניט פון קידוש השם?

— קידוש השם איז נאָר מעגלעך געווען יעמאָלט, ווען מ'האָט פון יידן געטרעבעוועט, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער אמונה, אַז ניט — וועט'ן זיי פאַרברענגען ווי מ'האָט עס געטאָן אַמאָל אין שפּאַניע. אָבער אין די פּאָ־גראָמען, ווער האָט דען געטראַכט פון גאָט? די רוצחים בצורת אדם, זיי ד'האָבן דען געהאַט אַ גאָט, צי אַ יוזל אין האַרצן? ס'איז דאָך עפּעס אַנדערש געווען. מ'האָט געוואָלט אויסמעקן דעם זכר ישראל.

— וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אַזעלכע ווי אייערע קרובים, לאָמיר זאָגן, דער יינגערער רודמאַן, טענהט, אַז יידן האָבן ניט קיין פּראַוו צו פאָדערן פאַר זיך אַ באַזונדערן אָרט אויף דער ערד, אַז יידן זיינען גאָר קיין פאָלק ניט, טענהט ער.

— מה רעש, אַז ער זאָגט? און וואָס איז ער? ווי אַזוי וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם גרימצאָרן וואָס וועט נאָך קומען אויף יידן, אויב ער גלויבט אין זיין אייגענעם משיח? זיין משיח וועט אויך ניט קומען אין דער פינצטער. זיין משיח וועט דאָך אויך קומען מיט שטאָלקאַרצן אין די הענט, און ס'ערשטע וואָס מ'וועט זוכן ביים ליכט פון משיחס שטאָל־קאַרצן — איז דאָס יידיש לעבן חרוב צו מאַכן. נו, אָט וואָס איז די מורא, טאָ וואָס־זשע אָרט מיר, אויב ער האָט זיך אָנגעגורט מיט כוח און מיט אמונה, אַז ער וועט ברענגען משיחן פאַר דער גאַנצער וועלט? איך קריג זיך ניט מיט אים, חלילה. מיט דער יינגערער, אָט מיט דער ברכהן, קריג איך זיך אוודאי ניט. זי איז יונג. האָט מיט דער נאָז געאַקערט די ערד און מורא געהאַט פאַר תפיסה. ס'איז אויך אַ אצבע אלוהים. קיינמאָל, קיינ־מאָל איז נאָך גאָט אַזוי ניט אומגעגאַנגען צווישן מענטשן אויף דער ערד

ווי אין היינטיקן דור. און קיינמאָל האָט ער זיין רוט ניט אויפגעהויבן אזוי איבערן קאָפּ פון יידישן פאָלק ווי אין היינטיקן דור. טאָ, צוליב וואָס זאָל איך מיך קריגן מיט דער יוגנט, וואָס גלויבט, אז די נאַכט איז אריבער, און ממש די העגער קרייען שוין, ממש דער פאַרטאָג איז שוין דרויסן?...

— און די עלטערע, יוכבד, איר קענט זי גוט? — האָט פעלדשטיין ווי דורכגעזייט דורך די ציין.

— אָ, זי... דאָס איז א חלק פון יידישע מאכלים, וואָס צו דעם גלוסט אזוי דער ניט־יידישער מאָגן. אין אלע צייטן געווען אזוי. זי איז א פּיקחות. איז ביי מיר נעכטן געווען.

— זי קומט צו אייך? — האָט פעלדשטיין געגאַפט.

— וואָס איז דער חידוש?

— אויב אַזוי, פאַרשטיי איך אויך זייער ווינציק, ר' בונים.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט דער אַלטער ר' בונים גוטמוטיק געלאַכט — טשיקאַווע צו געפינען די טריט פון משיחן אין די־אָ גאַסן אַרום. כאַטש דער דאָקטער, מיין קרוב, האָט געהייסן ליגן אין בעט, פונדעסטוועגן בין איך צופרידן וואָס דו ביסט געקומען. קום, פיר מיך אַביסל ארויס צום דרויסן.

פעלדשטיין האָט געהאָלפן דעם אַלטן זיך אויפהויבן פון געלעגער.

קאַפּיטל פּערצן

אין איינער פון די ברוקלינער יידיש־וועלטלעכע שולן איז יוחנן פעלדשטיין געשטאַנען פאַר זיינע תלמידים און געמאָלן פאַר זיי ווי דאָס יידישע פאָלק איז צעזייט איבער דער וועלט. קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, געבוירענע אין לאַנד, האָבן מיט צעשטרייטע בליקן געקוקט צום לערער, מחמת, נעבן אים ביים זייט איז געזעסן די רויטהאָריקע ברכה רודמאַן און, מיט א געוויסער זאָרג אין פּנים, געבלאַנדזשעט מיט די בליקן פון קינד צו קינד.

עס איז געווען אין מיטן לערן־סעזאָן. אין דער דאָזיקער שול איז יוחנן פעלדשטיין געווען לערער פאַר די לעצטע דריי יאָר. די קינדער האָבן אים ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט זיי מער דערציילט ווי געלערנט. ער האָט זיי ליב געהאַט צו דערציילן פון דער יידישער געשיכטע, דערציילט האָט ער די מעשיות אויף א פּשוטן אופן, די קינדער זאָלן וויכטיקע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע קענען צופּאַסן צו דער היינטיקער צייט.

נאָך דעם ווי א פּאָר קינדער האָבן פאַרגעלייענט פון די לערנביכער, געשריבן קורצע פראַזן אויפן שרייב־ברעט, האָט פעלדשטיין אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר זיינע שילער וועגן יידן איבער דער וועלט.

— יידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גרויסער וועלט. אין יעדן לאַנד, אַז אַ ייד קומט אַהין, אויב ער קען נאָר רעדן יידיש, דערפילט ער זיך ווי אין אַן אייגענער היים צווישן זיינע ברידער־יידן. מען דערוויסט זיך, אַז מען איז אַ קינד פון יידישן פאָלק. אפילו אין די וויטסטע לענדער זיינען פאַראַן יידן און יידישע קינדער, אַזוינע ווי איך און ווי איר, וואָס קוקן אריבער אַהער פון דער ווייט, און ווילן זיין מיט אונדז אינאיינעם. יידישע קינדער האָבן יידישן אויגן אומעטום. מען קען זיי גרינג דערקענען. אין ארץ ישראל, אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין אמעריקע, אין אויסטראַליע, אין אמעריקע, אין אייראָפּע — אומעטום, אַז מען קומט צופאָרן, באַגעגנט מען יידן. יידן, אַז זיי באַגעגענען זיך, ווען זיי דערקענען איינס דאָס אַנדערע, פילן זיי זיך ווי קינדער פון איין פאָלק.

אַ יינגל פון א יאָר ניין האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, געמאכט א צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, און מיט א קלינגענדיקער שטים האָט ער געפרעגט:

— וויפיל געלט דאַרף איך פאַר אַזאַ טריפּ? בעקאָס, איך האָב שוין אליין געטראַכט, אַז איך וויל פינישן סקול, וועל איך בעטן מיין פּאַ, ער זאָל מיך שיקן אויף א טריפּ איבער דער וועלט.

— מען דאַרף ניט האָבן קיין געלט, לעאָנאַרד, — האָט פעלדשטיין גוטמוטיק געענטפערט — דאַרפסט נאָר טראַכטן, אַז דיין פאָלק איז א גרויס פאָלק פון א סך מיליאָנען, און דו ביסט אַ קינד פון אַזאַ פאָלק.

ברכה רודמאַן האָט געפּרואװוט זיך דערגענטערן צו פעלדשטײנס געפילן:
— הערט ער וואָס רעדט? — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — צי דאָס זײנען בלויז ניט קײן דורכגעפּילטע רײד?

שוין עטליכע וואָכן ווי אײן ברכהס געמיט האָט דער שטורם נאָכ־געלאָזן. זינט פון ארץ ישראל זײנען אָנגעקומען ידיעות וועגן דעם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אַזוי ברוטאַל אָנגעריִרט דעם ישוב, הונדער־טער און טויזנטער חלוצים פאַרלאָזן דאָס לאַנד און מען פאָרט וואוהין די אויגן טראָגן — האָט ברכה זיך באַגראָבן אין זיך אַליין. פון אַ ווינקל אַרויס אַפּיר געקוקט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי לעבט. זי האָט נאָך אַלץ ניט שטאַרק ליב געהאַט צו פאַרפירן אַ ויכוח מיט פעלדשטײנען. אָבער אַ פאַרענדערונג צום בעסערן איז פאַרגעקומען אין איר באַציִאונג צו אים. זי האָט מער ניט געטראַכט וועגן אים ווי פון אַ ציניקער. זי האָט אָנגעהויבן באַגרײפן זײן טיפן ערנסט צום לעבן בכלל, און צום ייִדישן לעבן בפרט. אַנשטאָט ציניזם, האָט זי אין אים באַמערקט יאוש און פאַר־לאָרנקייט. אַ כאַראַקטער־שטריך, וואָס ברכה האָט באַמערקט ביים טיפ מענטשן, וואָס בענקט, און לעבט איבער די ספיקות פון ערשטן דור. די לעצטע חדשים האָט ברכה אַ סך מאָל געוואָלט קריגן אַ געלעגנהייט אַרײנ־קוקן אין די וועלטלעכע שולן, וועגן וועלכע פעלדשטײן האָט אַזויפיל דער־ציילט. זי האָט ביי דאָקטאָר לוריאן געטראָפן פעלדשטײנען, מיט אַ געוויסער באַשײדנקייט, האָט זי געבעטן, ער זאָל זי פאַרנעמען צו זיך אין שול אַרײן.

קײן סך חשק האָט פעלדשטײן ניט געהאַט זי נעמען צו זיך אין שול. ער האָט חושד געווען, אַז מיט ניט גאָר קײן רײנער כונה פאַרלאַנגט ברכה רודמאַן, ער זאָל זי מיטנעמען, דערביי זײן, ווי ער לערנט מיט ייִדישע קינדער.

— איר זוכט מאַטעריאַל צו קענען אַ חוזק טאָן פון מיר און מײן גלייכן, — האָט יוחנן פעלדשטײן באַמערקט — איך האָב ניט קײן חשק אײך נעמען אַהין.

— איר באַליידיקט מײנע געפילן, מר. פעלדשטײן, — האָט ברכה טרוקן געענטפערט — אין ערגסטן פאַל קען איך טראַכטן פון אײך, אַז איר זייט אַן אָרנטלעכער נאַר. בשעת אין דער ערשטער צייט האָב איך אײך געהאַלטן פאַר אַ דורכגעטריבענעם ציניקער.

— דאָס איז גוט צו וויסן, מיס רודמאַן.

— פאַרוואָס?

— מיר געפעלט, ווען מ'איז ניט צו מיר גלייכגילטיק.

— האָט איר זיך אויף מיר קײנמאָל ניט באַליידיקט?

— נײן, מיס רודמאַן. איך ווייס, אַז איר זייט אין מיר ניט פאַר־ליבט. אײער ניט גלייכגילטיקייט צו מיר האָט מיך אויף אַזאַ אומזיכערן וועג ניט פאַרפירט. איר ווילט קומען אַ קוק טאָן וואָס ייִדישע לערער טוען אין אונדזער בבל; דאָס איז דאָס אייגענע וואָס ייִדישע שרייבער טוען. איך בין אַ ייִדישער שרייבער, און אויב איך בין דערצו נאָך לערער, איז אין דעם שולדיק מײן פאַרשאָלטענער געוויסן, וואָס טענהט אין מיר אַרײן, אַז אַלץ וואָס מען זייעט, אַפילו אויף אַ טרוקענעם באָדן, אויב מען פאַרשטעקט עטלעכע קערנער, וועט עס אויך סוף־כל־סוף אויפגײן.

מיטן געדאַנק האָט זיך ברכה אַריבערגעטראָגן קיין סאָוועטרוסלאַנד, צו דער גרופּע באַהאַלטענע חלוצים, וואו זי איז געווען אַ מיטגליד, און פאַר די אויגן זיינען אויפגעקומען שטרעקעס שוואַרץ־ערד, וואָס זי האָט געאַקערט, און שפּעטער געזייט ווייץ און האָבער; קאַרטאָפל־בייטן, וואָס זי האָט מיט אַ רידל און מיט אַ שאַרף אייזן אויפגערודערט, אַרומגעשאַרט די קאַרטאָפל־פלאַנצן, און ליב איז געווען צו רודערן דעם שוואַרצן גרונט. געאַקערט האָט זי איין ערד, און געטראַכט פון אַן אַנדער ערד. געאַקערט האָט זי, ווי זי האָט געשפּירט, אַ פרעמדע ערד, און געטראַכט האָט זי פון אַן אייגענער ערד, ערגעץ איבער ימען. אין אַ וועלט פון רוסיש ריידנדיקע האָט זי גערעדט נאָר העברעאיש. כאָטש אַרום איר האָט מען גערעדט אויך יידיש, האָט דער קלאַנג פון דער פאָלקס־שפּראַך געגרילצט אין אירע אויערן.

איצטער זיצט זי ניט אין פעלד צווישן חברים־פּיאָנערן, אַ באַרוועסע, אין אַ געלאַטעט און פאַרצערעוועט קליידל; איצטער זיצט זי אין אַ יידישער שול, אין דער גרעסטער יידישער קהילה אויף דער וועלט,ביים זייט פון אַ יידישן שרייבער, וואָס איז אויך יידישער לערער, און הערט זיך איין ווי דער לערער דערציילט וועגן יידנס צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט. די תלמידים זעען איר אויס — ווי פון אַ מדבר האָט מען זיי צונויפגעטריבן, און אַ נאַרישער מענטש, אַ יידישער שרייבער, וויל זיי, די אָפּגעריסענע פון נאַציאָנאַלן בוים, מיט אביסל שפּייעכץ באַהעפטן צום איינגעדאַרטן און אַרומגעפליקטן שטאַם.

ווען דער ניין יעריקער לעאָנאַרד האָט אויף זיין לשון געפרעגט וויפיל געלט ער וועט באַדאַרפן האָבן צו מאַכן דעם „טריפ" איבער די לענדער וואו יידן זיינען צעזייט, האָט עס ברכהן ניט געקלונגען קאָמיש. פאַרקערט, אין האַרצן האָט עס אַ רודער געטאָן און ענג געמאַכט אין האַלדז. ס'האָט זיך געגלוסט גוט אויסוויינען. זי האָט פאַרביסן די הינטערשטע ליפּ, געוואַרט, אפשר וועט זיך נאָך אַ קינד אָפּרופן, זי זאָל אין זיינע רייד דערשפּירן נאָענטקייט.

יוחנן פעלדשטיין האָט עס געאַנט. ער איז אויך גערן געווען, אַ קינד וואָס לערנט לענגער ביי אים, זאָל אויסשטרעקן די האַנט.

זייערביידנס פאַרלאַנג האָט דערשפּירט אַן אַכט יעריקע, שוואַרץ־חנעוודיקע תלמידה, מיט אַ פאַריסן נעזל, וואָס האָט ביי פעלדשטיינען שוין געלערנט דעם דריטן זמן. ראשעל ליבמאַן איז איר נאָמען געווען. זי האָט אויסגעשטרעקט איר שמאָלע האַנט, און גלייך אָנגעהויבן:

— מיין פאַ האָט מיר דערציילט, אַז יידן זיינען אומעטום פרעמדע, נאָר אין איין לאַנד האָבן זיי אַ היים. דאָס לאַנד, האָט מיר מיין פאַ דערציילט, איז ארץ ישראל. מיין פאַ זאָגט, אַז אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן אַהין אַרויסמופן.

— דאָס איז שיין, ראשעל, — האָט יוחנן פעלדשטיין געמונטערט זיין תלמידה — דערצייל נאָך עפּעס וואָס דער פאַ האָט דיר געזאָגט. שעם זיך ניט, דערצייל, צי דו ווילסט אַהין פאָרן און דאָרטן מאַכן דיין היים?

די אַכט יעריקע ראשעל האָט זיך אליין דערשראָקן פאַר איר טאַטנס קלוגע רייד, וואָס זי האָט אזוי פלייסיק אַרויסגעזאָגט. דאָס בלויז איז איר

געקומען אין פנים אריין, ווען זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברכהס אַנגע־שטרענגטן פנים, און האָט גאָר איר מוט פאַרלאָרן.

— איך קען עס ניט עקספּליינען — האָט ראשעל געזאָגט מיט א געפּלאָנטער שטים, און צוריק זיך אראָפּגעלאָזן אויף איר פּלאַץ.

עס איז געווען פעלדשטיינס לעצטער קלאַס. ברכה, מיט איר זיצן שטיל ביי זיין זייט האָט געררודערט זיינע געדאַנקען. אים האָט פאַרדראָסן הלמאי ער האָט זי איצטער נעבן זיך. ער האָט חושד געווען, אז דאָס האָט זי זיך בכיוון פּאַרטאַיעט און שווייגט, און אז מ׳וועט ארויסקומען פון שול וועט זי, ווי איר שטייגער, עפּענען ס׳מויל און סאַרקאַסטיש א שאָט טאָן אויף אים פּעך און שוועבל.

אין אמתן איז אָבער אויסגעקומען ניט ווי פעלדשטיין האָט געוואָרט. אַרויסגייענדיק פון שול האָט ברכה גענומען פעלדשטיינען אונטערן אָרעם, זיך געטוליעט צו אים, און א צייט געשוויגן.

— פון וואָס טראַכט איר, מיס רודמאַן? — האָט פעלדשטיין איבער־געריסן די שטילקייט, ווען מען האָט זיך געלאָזן נעמען דעם סאָבוויי קיין ניו־יאָרק.

— איך קען עס אייך איצטער ניט זאָגן — האָט ברכה געשפּאַנט טרעפּ־אַראָפּ, מיט די אויגן צו די טריט.

— וועט איר מיר שפּעטער זאָגן?

— ניט אין קיין בבל לעבט איר דאָ, נאָר אין א מדבר.

— סיי פון מדבר און סיי פון בבל זיינען יידן ארויסגעפירט געוואָרן.

— איר גלויבט דאָך ניט אין דעם.

— וואָס מיינט איר, מיס רודמאַן?

— מיר האָט זיך שטאַרק געגלוסט אויסוויינען בשעת די קינדער האָבן געפּלאָנטערט מיט דער צונג. שטומע קינדער, וואָס מען האָט אויסגעלערנט ארויסזאָגן א פּאָר ווערטער. וואָס וועט עס העלפן, וואָס, מר. פעלדשטיין?

יוחנן פעלדשטיין האָט שוין לאַנג ניט געהערט ברכהן אזוי נאַטירלעך רעדן. ער האָט כסדר געוואָלט דערגיין די סיבה, וואָס יעדעס מאָל, ווען זיי באַגעגענען זיך, איז ברכה אזוי אומגעדולדיק; שטענדיק איז זי גרייט אים א זידל טאָן, אויפוואַרפן, און צומאָל — באַליידיקן. נאָך אַלעמען איז זי דאָך א פרוי, א מיידל, וואָס דהויבט אָן איר לעבן אויף א נייער ערד, און וויל געוויס ניט בלייבן אליין. זי איז גענוג לאַנג אין לאַנד, צו דערשפּירן איר עלנט און איינזאַמקייט ווי א פרוי.

אין וואַגאָן איז קיין פּלאַץ ניט געווען צו זיצן, זיינען זיי ביידע גע־שטאַנען אין דורכגאַנג. זי האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, און א מיטלייד־געפיל צו זיך און צו אים איז ביי איר געקוואָלן און ענג געמאכט אַרום האַרצן.

— פון וואַנען און וואוהין טראָגט אונדז די באַן, מר. פעלדשטיין?

— מיר איז שווער דאָס אייך אויפצוקלערן. כ׳טראַכט, ווי דווקא אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זייט איר געוואַקסן מיט אַזאַ עקשנותדיקן שטרעבן צו נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. וויפיל נאָך ווי איר זיינען דאָרט געבליבן? אָט, הערן מיר, אַז מען באַזעצט יידן אין קרים, גאַנצע געגנטן האָט מען באַ־פרייט פאַר יידן; אונדזערע אמעריקאַניזירטע, רייכע יידן שטיצן מיט זייער

געלט — יידן זאָלן זיך דאָרטן באַזעצן ביי דער ערד. איך קלער, מיט רודמאַן, אַז דאָרטן איז אייער אָרט.

— אָ, ניין, מר. פעלדשטיין, דאָס האָב איך איצטער פון אייך ניט געוואָלט הערן. דערמאָנט מיר ניט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דערמאָנט מיר אויך ניט ארץ ישראל.

— פאַרוואָס ?

— ס'איז מיין טיפער טרויער. רוסלאַנד איז מיין היים, וואָס א שטורם האָט מיטן יסוד אינאיינעם אויסגעריסן, אויפגעהויבן, אויף שטויב צעשטויבט. און דעם שטויב אויף אלע פיר זייטן צעזייט.

— אפשר שטויסט דיווירקלעכקייט יידן דאָרטן צו בויען א נאַציאָנאַלע גאַנצקייט.

— איצטער בין איך דאָ, אין אייער גליקלעכן מדבר. ניט מער, וואָס צו לעבן אין א מענטשישן מדבר איז א סך שווערער ווי אין יענעם ביבלישן מדבר, וואו דער זאַמדיקער ים האָט זיך געשפרייט. סימבאָליש איז דאָס, וואָס משה האָט געלאָזן דעם אַלטן דור אויסשטאַרבן, און מיט דעם יונגן דור האָט זיין תלמיד זיך געלאָזן איינגעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. און דאָ, דער ערשטער דור איז געגליכן צום פאַרלאָזענעם און דאָרנדיקן גרונט, וואו עס שטיקן זיך די קערנער, און פון די וואָרצלען קען זיך גאָרניט דערשלאָגן צום זוניקן דרויסן. ענטשולדיקט מיר, מר. פעלדשטיין, מיר איז א רחמנות אויף אייך. איר פאַרשווענדט אייערע כחות אומזיסט. דידאָזיקע קינדער, וואָס פרעפּלען אייך נאָך די יידישע פאָר ווערטער, וועט איר ניט מציל זיין פאַרן יידישן פאָלק.

— אויב אזוי, ברכה, זאָל קומען א ברכה אויף אייער קאָפּ, ווי אויסגעהאַלטן איר זייט! איך בין א סך גלויביקער פון אייך. אפילו דער פאַקט מיט אייער אייגענער שוועסטער, א מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון יידן און יידישקייט, האָט מיט אַמאָל דווקא דאָ אין לאַנד פאַרקערעוועט דעם דישל, און אָנגעהויבן אריבערקוקן צו יידן.

מיט דעם דערמאָנען ברכהן איר עלטערע שוועסטער, האָט פעלדשטיין אַליין ניט געאַנט, ווי שווער ער האָט זי געטראָפן. דווקא, זינט יוסטינע האָט אָנגעהויבן רעדן פון אנטיסעמיטיזם און דעם יידישן גורל אין היינטיקער צייט, האָט ברכה אָנגעהויבן אין איר קעגנוואָרט צו שוויגן. ברכה האָט איר עלטערע שוועסטער ניט געטרויט. בכלל איז ברכה געווען זיכער, אַז ווי נאָר אימעצער וועט איר אויסשטרעקן פון ערגעץ א האַנט, וואָס זאָל זי ארויספירן פון יידישן לעבן, וועט זי די דאָזיקע האַנט גערן אָננעמען. זי איז ניט געווען זיכער, צי יוסטינע האָט מיט דאָקטאָר ווילסאָנען אינגאַנצן איבערגעריסן. דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער האָט פון צייט צו צייט אָנגעקלאַפּט ביי דאָקטאָר לוריאַן. ברכה האָט עס פאַרשטאַנען אויף איר אייגענעם אופן.

אָבער טיפער פון אַלץ האָט עס אין ברכהן גערודערט דער חשד, אַז פעלדשטיין אַליין איז ניט גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק צו איר עלטערער שוועסטער. און ס'קען זיין, ווען ניט דערדאָזיקער חשד, מעגלעך, ברכה וואָלט געזוכט פעלדשטיינס דערנענטערונג.

— פאַרוואָס קומט איר צו אונדז אזוי זעלטן ? — האָט ברכה מיט א פאַרטאַיעטן פייערל אין די אויגן געפרעגט — איר ווייסט גוט, מיין שוועס־טער האָט אייך גערן, זי האָט ליב צו הערן ווי איר רעדט. זי דערמאָנט אייך גאַנץ אָפט.

פעלדשטיין האָט געשוויגן. ניט דאָס האָט ער געוואָלט פון דער רויט־ד־האָריקער ברכהן איצטער הערן. שטייענדיק אין דורכגאַנג האָבן די רעדער פון די וואַגאָנעס העכער ווי שטענדיק גערוישט, און גאָר זייער מעטאַ־לענעם געפילדער אויף אים געגאָסן.

— פאַרוואָס קענען זיך מענטשן ניט זאָגן דאָס, וואָס זיי טראַכטן ?

— האָט פעלדשטיין געפרעגט, און אַ ווייל געביסן די אויבערשטע ליפ — איר זייט פאַר מיר אַ רעטעניש. אָפטמאָל דוכט מיר אויס, אז איר פרוואוט צו פאַרשרייען די בלוטיקע געפילן, וואָס רייסן זיך צום לעבן. אייער עלטערע שוועסטער איז מיר א סך פאַרשטענדלעכער. אויב איר ווילט, האָט זי אין מיינע אויגן זיך שטאַרק אויפגעהויבן.

— וואָס מיינט איר מיט דעם ? — איז ברכה צעטומלט געוואָרן.

— וואָס איך מיין מיט דעם וועל איך אַן אַנדערש מאָל קלאָר מאַכן.

— אויב איר האָט וועגן איר אַזאַ מיינונג, זאָל עס אייך וואויל באַקומען. זי איז מיינע א לייבלעכע שוועסטער. זאָגט מיר בעסער, צי וואָלט איך געקראָגן אַ פּלאַץ ווי אַ לערעריך, ווען איך גרייט זיך צו ?

— איר וועט פריער זיך גוט מיישב זיין, צי איר ווילט עס מיט אַן אמת.

— פאַרוואָס גלויבט איר מיר ניט ?

— איר האָט אין האַרצן געלאַכט פון מיר, זיצנדיק ביי מיין זייט אין שול.

— דאָס איז אמת. איר מיינט, איר שטייט מיטן פנים צום נייעם דור ; באמת שטייט איר מיטן פנים צו א וויסטן מדבר.

ווען מען איז אַנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט פעלדשטיין אויסגעשטיגן אינאיינעם מיט ברכהן, כאָטש ער האָט נאָך גענדאַרפט פאָרן א עטלעכע סטאַנציעס ווייטער. ווי יעדעס מאָל, אזוי אויך איצטער, האָט פעלדשטיין געטראַכט, אז עס איז שוין צייט צו מאַכן א סוף, און מער זיך ניט באַגעגענען מיט די רודמאַנס. ס'איז אים שטאַרק טרויעריק געווען אויפן האַרצן. כאָטש ער אליין האָט גאַנץ אָפט פאַרלאָזן זיין שול מיט א צעפּלאָגטן געמיט, איז אים דאָס מאָל ווי פאַרנעפלט געוואָרן פאַר די אויגן, פילנדיק ביים זייט א יידיש מיידל, וואָס האָט אים אין האַרצן אויסגעלאַכט.

ארויסקומענדיק צום דרויסן האָט אים ווי דאָס לשון אָפּגענומען. ער איז געגאַנגען, און געפירט פאַרן האַנט א מיידל, וואָס האָט אירע ווייבלעכע חנען פאַרלייקנט.

— וואָס טראַכט איר, מר. פעלדשטיין ? — האָט ברכה רודמאַן איבער־געריסן די שטילקייט.

— איך טראַכט, צי וואָלט איר בייגעשטאַנען אַזאַ נסיון, ווען מיט אייך פאַרלויפט אַזאַ מעשה ווי מיט אייער עלטערער שוועסטער.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס איר רעדט.

— ווען אין אייך פאַרליבט זיך אַן אַמעריקאַנער באַרימטער דאָקטער, און אין אייער קעגנוואָרט באַנ'אים אין שטוב באַלײדיקט מען יידן, צי איר וואָלט מיט אים דערפאַר גאָר אינגאַנצן איבערגעריסן ?

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ברכה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — פאַר־וואָס האָט איר זיך אַזוי שפּעט דערטראַכט צו דעם? אָ, ווען מיט מיר טרעפט אַזאַ גליק, וואָלט איך עס פון מיין האַנט ניט אַרויסגעלאָזן. איך וואָלט געוויס אויף איין וואָג־שאָל געלייגט מיין ליבע צום באַרימטן גוי, און אויף דער אַנדערער שאָל — מיינע נאַציאָנאַלע געפילן, און בלי ספק וואָלט די ליבע איבערגעוואויגן. נאָך מער, איך וואָלט אים געאײַלט, ער זאָל מיט מיר וואָס פריער חתונה האָבן. אָט רייד איך מיט אײַך דעם ריינעם אמת, מר. פעלדשטיין!

ביים געזעגענען זיך האָט זי געלאָזן, ער זאָל קושן איר האַנט. זי האָט אַרויפגעקוקט צו איהם אין פּנים אַריין אין האַרציק געלאַכט.

* * *

ברכה רודמאַן האָט זיך דערנענטערט צו איר הויז נאָך איר באַגעגעניש מיט יוחנן פעלדשטיינען אין זיין יידישער שול, און געטראַכט, זי זאָל ביי דער ערשטער געלעגנהייט ערנסט אַ שמועס טאָן מיט דער עלטערער שוועסטער, שלום מאַכן מיט איר. „אויב אין אַ עת צרה — האָט ברכה געטראַכט — קען מען ביי אײַגן פלייש און בלוט ניט אַרויסקריגן קיין וואַרימען טרייסט־וואָרט, איז יעמאָלט צו פרעמדע ניטאָ וואָס אַריבער־צוקוקן."

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט ברכה געפונען אַ גאַנצע איבערקע־רעניש. טאַטע־מאַמע זיינען געזעסן צוטראָגענע, מיט אויגן צושראָקן און אויסגעלאָשן. פּנחס און יוסטינע האָבן זיך געעסקט אַרום יעפּימען, וואָס איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע אַ צונויפגעקאָרטשעשער, אין אַנטאָן — מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און פאַרבאַנדאַזשירטער לינקער האַנט.

די מוטער, דערזעענדיק ברכהן, האָט מיט אַמאָל אויפגעוואָכט:

— וואָס צעטרעט איר מיט די פיס אייער אייגענעם לעבן? — ד'האָט זי געיאָמערט — ווער פון די פרעמדע איז דאָ גלייך ביים אָנקומען באַשאָטן געוואָרן מיט אַזויפיל גוטס? מ'וואָלט שוין איצטער געווען אויסגעלייזט פון אַלע צרות, צום סוף גאַר, וואָס אַ טאָג אַלץ גרעסערע אומגליקן; וואָס אַ טאָג — אַלץ פינצטערער ווערט מיר. איך זאָג אײַך, קינדער — איז גאָלדעס שטים מיט אַמאָל טרוקן געוואָרן — גייט אײַך, לעבט אײַך, טוט אײַך וואָס איר ווילט, ווי איר ווילט, און פאַרפינצטערט מיר ניט מיין לעבן!

— וואָס איז דאָ געשען, ווער האָט אים אַזוי? — האָט ברכה געפּאָרשט ביי די שטובלייט — וואו האָט מען אים אַזוי צעשלאָגן?

זי איז צוגעגאַנגען צו יעפּימען, אָנגערירט פאַרזיכטיק זיין פאַרבאַנ־דאַזשירטן קאָפּ, אָנגערירט זיין קראַנקע האַנט, און געפרעגט ביי פּנחסן:

— וואו האָט עס געטראָפן מיט אים?

— אַרום דעם סטאָן־שאָפּ.

— האַ? דאָרטן גאָר?

— מען האָט דערקלערט אַ סטרייק ביי איהם אין שאָפּ. נו, זיינען די רעכטע געגאַנגען אַרבעטן. מ'האָט אַנידערגעשטעלט געדונגענע שלעגער מיט מעסערס. ער איז געווען אין פּיקעט־ליין, האָט מען אים מכבד געווען. מ'האָט אים נאָך געוואָלט אַרעסטירן, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט.

— ווער האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט?

— דאָקטאָר לוריא איז דאָ געווען.
— דו סטרייקסט אויך?
— אין קאַמף פאַר גערעכטע פאָדערונגען, שטיי איך מיט די לינקע. ס׳איז אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. ניט אויסצובעסערן די באַדינגונגען פון די ארבעטער קעמפן די רעכטע, זיי ווילן פאַרכאַפּן צוריק די מאַכט.
— וואָס־זשע וועט איצטער זיין? לעאָנאַרד סטאָן וועט אייךביידן אין שאָפּ ניט אריינלאָזן.
— לאָמיר דיר זאָגן, אַז ער איז מיר אויך נמאס געוואָרן. כ׳וואָלט שוין ליבערשט געארבעט ביי פרעמדע, מיין געוויסן זאָל זיין ריין.
— ווער בעט אייך איבערצומאַכן די וועלט? — האָט בנימין רודמאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ — שוין, איין וועלט האָט מען דאָך חרוב געמאַכט. מען ווייסט פון די סאָוועטישע גליקן. איז טאַמער איז פאַראַן אַ לאַנד, וואו מען לאָזט לעבן, וואו מ׳קען לעבן, נעמט מען און מען גראָבט אויס פאַר זיך אַ גרוב. מיט אַמאָל איז פנחס גאָר געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, כאַ־כאַ־כאַ! מיט אַמאָל איז ער גאָר געוואָרן אַ שותף מיט אים.
— לאָז צורו, טאַטע, — האָט פנחס נערוועאיש געגלעט זיין שטערן
— גוט, דיר דוכט זיך אויס, אַז דו ביסט געקומען אויף אלעם פאַרטיקן. באַלעבאַטים אליין האָבן דאָ איינגעפירט אַכט שעה ארבעט, אנשטאָט פופצן שעה ארבעט, ווי ס׳איז דאָ געווען, ווען די לוריאס זיינען אָנגעקומען קיין אמעריקע. אלע יאָרן האָט מען דאָ ניט אויפגעהערט צו קעמפן. פאַר יעדער מינדסטער פאַרבעסערונג, וואָס די ארבעטער האָבן פאַר זיך גע־קראָגן, האָט מען דאָ די קעפּ פון די ארבעטער געשפּאָלטן. שטענדיק זיינען געווען פאַררעטער, וואָס זיינען געגאַנגען ברעכן אַ סטרייק. און אין די יוניאָנס גופא, טאַקע צווישן די ארבעטער פירער, זיינען נאָך איצטער פאַראַן פאַררעטער, וואָס ווילן די ארבעטער פאַרקויפן צום באָס.
— נו, און אז איצטער איז מען געבליבן גאָר אָן ארבעט, איז בעסער?
— אפשר בעסער.
— הערסט ניט וואָס דו רעדסט, פנחס.
— איך האַנדל ווי מיין געוויסן זאָגט מיר אונטער.
— צום געוויסן דאַרף מען אויך האָבן שכל, אַ שטיקעלע ראַשטשאָט, ווי מען האָט עס דאָרטן גערופן.
— מ׳וועט ווייטער דאַרפן ארויסגיין בעטלען ביי די קרובים — האָט גאָלדע גערעדט צו זיך אליין — פינצטער איז מיר. אפילו קריינע, וואָס האָט איר לעבן געגעבן און אונדז אָהער אריבערגעבראַכט, אפילו פאַר איר וועל איך זיך שעמען ס׳פּנים ווייזן.
פונדעסטוועגן איז גאָלדע צוגעגאַנגען צום צעשלאָגענעם יעפימען, זיך צוגעזעצט, אפריער אָנגעהויבן באַטראַכטן זיין געזונטע האַנט, דערנאָכדעם ד־האָט זי גענומען די קראַנקע האַנט, צוגעטראָגן צו די ליפּן, און געקושט די שפּיץ פינגער, וואָס האָבן בלוילעך־בלייך ארויסגעשטעקט פון באַנדאַזש אַרויס.
— עס טוט דיר שטאַרק ווי, אפרים? — האָט גאָלדע געגלעט איר זונס בלאַס פּנים — אַ וועלט מיט רשעים, מיט גזלנים, ווי איז מיר... פאַר געלט וועט מען קוילענען, שטעכן, שיסן און הענגען — אלץ פאַר געלט.

ברכה האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. איר האָט שטאַרק גע־חידושט וואָס פּנחס האָט זיך געשטעלט אויף יעפּימס זייט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געהערט פּנחסן באַקלאָגן זיך אויף דער סטאָן־פירמע, וואו ער האָט מיט קעראַלאַינס חסד געקראָגן ארבעט ביי איר מאַן אין שאַפּ, ווי א לעכל אויסנייער. פּנחס האָט געהאַלטן אן אויג אויף דעם וואָס עס קומט פאָר ארום דעם אָפיס פון איינעם פון די גרעסטע קליידער־שעפער אין ניו־יאָרק. ער האָט באַמערקט, ווי פאַרדעכטיקע מענטשן קומען און גייען אוועק. ער האָט עס פאַר קיינעם ניט ארויסגערעדט, אָבער א חשד האָט ער געהאַט, אז יוניאָן־פירער לאָזן זיך אונטערקויפן. מען האָט פון א זייט אונטערגעשמועסט, אז די רעכטע יוניאָן־פירער גייען האַנט־אין־האַנט מיט די באָסעס, באַדיי חרוב מאַכן די יוניאַנס, אַבי די מאַכט ארויס־צורייסן פון די לינקע.

פונדעסטוועגן האָבן ברכהן פּנחסעס רייד געקלונגען אומנאַטירלעך. זי האָט ניט מיטגעפילט איר פאָטער, וואָס האָט געקלאָגט, אז אין וועלט, מיינענדיק די אמאָליקע רוסלאַנד, האָט מען שוין חרוב געמאַכט, און איצטער וויל מען חרוב מאַכן אַמעריקע. אָבער דער מוטערס זאָרג, אז מ׳וועט בלייבן ווי אויפן וואַסער — איז ברכהן גוט אריין אין קאָפּ. די איינציקע פאַרדינערקע איז זי, ברכה, געבליבן. מיטן געדאַנק האָט זי דורכגעלופּטערט איר פאַרמעגן. הונדערט זיבן דאָלער האָט זי געהאַט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק. זי האָט פאַרויס געזען, אז זי וועט זיך באַדאַרפן געזעגענען מיט איר ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט.

דאָס, וואָס אין א עת צרה האָט זיך פּנחס דערנענטערט צום ייִנגערן ברודער, האָט אין איר געשטאַרקט דעם פאַרלאַנג ארויסצוראַמען די ביטער־ניש, וואָס זי טראָגט אין האַרצן צו איר שוועסטער.

מעשה עלטערע, איז ברכה צוגעגאַנגען צו דער פאַראומערטער מאַמען, ארומגענומען איר קאָפּ, און באַרואיקט:

— זאָרג ניט, און קלאָג ניט. מיר זיינען ביז איצטער ניט אומגעקו־מען, און ס׳איז ניט נויטיק בעמען זיך דאָס לעבן. ס׳איז נאָר טרויעריק, וואָס מיר האָבן צופיל האָפענונג געלייגט אויף משפחה. הלוואי וואָלטן מיר זיך ביים אַנקומען אין לאַנד געריסן אליין אָנהויבן עפּעס צו טאָן, און ניט אויסקוקן אין די הענט פון אונדזערע רייכע קרובים.

— וואָס האָסטו דערלייגט צו די רייכע קרובים? — האָט דער פאָטער זיך אָפּגערופן — וואָלט איר געוועזן מענטשן און געפילט א שטיקל בלאָגאָ־דאַרנאָסט צו די, וואָס האָבן פאַר אייך געטאָן, בין איך זיכער, אז א סך מער האָבן מיר ביז איצטער געקענט דערגרייכן. כ׳וואָלט שוין איצטער געווען אין די פּעדערן, ווען מיינע קינדער פאַרייסן ניט די נאָז. פון וואַנען אַזאַ גאווה, אַזאַ גאַרדאַסט? וואו האָט מען עס גענומען, דאָרטן, וואו מ׳איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער?

— ווייסט, פּאַפּאַ, — האָט יוסטינע זיך אָפּגערופן — מיט א פּאָר טעג צוריק האָט מיך זיין טאָכטער אָפּגערופן, מ׳זוכט מיך ארום... וואָס, ס׳איז אודיווויטעלנע?

— ווער, וואָס אָפּגערופן? — האָט בנימין רודמאַן מיט אַמאָל אויסגע־גלייכט די פּלייצע — די טאָכטער זיינע? מ׳וויל מיט מיר שלום מאַכן?

דאָס האָט געווירקט, ווי מ׳וואָלט אַלעמען מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן. יוסטינעס ארויספאַר האָט אַלעמען צעטומלט.

— אויב ס׳וועט זיין שלעכט, וועל איך נאָר אַ שמייכל טאָן, וועט מען ווידער שיקן געלט, כאַ־כאַ־כאַ. ווילסט, מאַמע, איך זאָל באַנייען מיין אַטנאַשעניע מיט דאָקטאָר ווילסאָן?

כאָטש אַ וואַרימקייט האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט פון יוסטינעס רייד, האָט פונדעסטוועגן קיינער ביי זיך ניט געפועלט ענטפערן יוסטינען. ברכה האָט געפאַרשט ביי איר שוועסטער אין פּנים, צי דאָס איז אַן אמת, אָדער אפשר גאָר האָט זי מיט דעם געוואָלט הויבן די געפאַלענע געמיטער.

— ענטפערן, אַז מ׳רופט, דאַרף מען — האָט בנימין רודמאַן געציילט די ווערטער — אָבער, טאָכטער מיינע, קיין געלט זאָלסטו באַנ׳אים ניט נעמען. דאָס זאָלסטו מער ניט טאָן.

— און טאַמער וועט אויסקומען צו סטראַדאַיען?

— בין איך נאָך אַזוי נידעריק ניט געפאַלן.

— און אויב איך וועל זיך מירען מיט אים?

— איז אויך דאָס אייגענע. ס׳איז טריף געלט.

— פאַרוואָס ביסטו פריער געווען בלאַגאָדאַרנע פאַרן געלט?

— פאַרדריסט עס מיר. דער מאַמען איז עס אויך אויסגעפאַלן באַקאַם.

— גיי דיר, יוסטינע, דיין וועג. האַנדל ווי דו פאַרשטייסט און ווי דיר לוינט — האָט גאָר אומגעריכט ברכה זיך אָפּגערופן.

— מיינסט עס? — האָט פּנחס געשטוינט.

— איך מיין עס. מיר זיינען באַזונדערע מענטשן. יעדערער בויט דאָ פאַר זיך זיין וועלט ווי ער פאַרשטייט.

— וואָס פאַר אַ האַנדלונג איז געווען די פריערע, כ׳מיין, יוסטינעס האַנדלונג, פריער, ווען זי האָט מיט שטאָלץ באַוויזן וואָס אַ ייד איז, צי איצטער, אַז זי וועט קומען נאָך אַמאָל באַווייזן וואָס פאַר אַ דערשלאָגענע באַשעפעניש אַ ייד איז?

— עך, לאָזט מיר כאָטש איינמאָל קראַנק זיין — האָט יעפּים זיך אויפגעזעצט — קום מיט מיר, ברכה, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

— וואָס? — איז ברכה צוגעגאַנגען צו יעפּימען, וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

—ביסלעכווייז קומסטו צום קלאָרן שכל.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ברכה אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער — ווי קאָמיש דו זעסט אויס מיט דיינע וואונדן! איצטער זע איך ארויס אַזוי קלאָר, אַזוי קלאָר, אַז משיח רייט שוין אויף זיין אייזל, און ער לאָזט זיך מיט זיין ערשטן וויזיט צו אונדזער שטוב, כאַ־כאַ־כאַ!

דער געדאַנק, שלום צו מאַכן מיט דער עלטערער שוועסטער, האָט ברכהן ניט אָפּגעלאָזן. מען איז געלעגן אין בעט און ביידן האָט דער שלאָף ניט גענומען. נאָך דעם, ווי מען האָט ארומגערעדט קרובים, שעפער, די שווערע צייט וואָס רוקט זיך אָן, אויב מיסטער סטאָן וועט פּנחסן און אפרימען ארויסוואַרפן פון שאָפּ, איז ברכה איבערגעגאַנגען צו דעם, וואָס האָט איר צום טיפסטן אָנגעוויירט.

— איך קלער, יוסטינע, אַ סך די לעצטע צייט, אז דו לאָזט טעג און יאָרן זאָלן אַוועק אָן א ציל און אָן א תּכלית. פֿאַראַן א מענטש וואָס האָט דיך ליב. איך בין אויסן דעם יידן, פֿעלדשטיינען, וואָס לעבט אָן אָרעמען, אָבער ערלעכן לעבן. ער איז א זשאַרגאָנישער שרייבער, ער ברעדזשעט פֿון דיר.

יוסטינע האָט גלייך ניט געענטפֿערט. ניט דאָס ד״האָט זי געוואָרט פֿון איר שוועסטער. זי האָט חושד געווען, אז ברכה איז אויסן דאָקטאָר ווילסאָנען. צום סוף גאָר, אזוי אומגעריכט! ארום האַרצן איז ענג געוואָרן. זי האָט געוואָלט איבעררייסן דעם שמועס, בעטן ברכהן, זי זאָל וועגן זיך אליין זאָרגן, ווי זי האָט עס א סך מאָל געטאָן. געדריקט פֿון דער שטימונג וואָס הערשט אין שטוב צוליב דעם „לאָק־אויט” אין סטאָנס שאָפּ, די פֿאַרלאָרנקייט פֿון טאַטע־מאַמע, האָט געווירקט, יוסטינע זאָל לאָזן אירס איבערגיין. אגב, האָט זי חושד געווען, אז ברכה האָט א דאָפּלטן מיין. עפּעס וויל זי ביי איר אויספֿאָרשן. כאָטש יוסטינע האָט געוואוסט ברכהס מיינונג וועגן פֿעלדשטיינען, פֿונדעסטוועגן האָט זי חושד געווען, אַז ברכה וויל עפּעס אויספֿאָרשן.

— ניט דאָס ד״האָב איך געוואָלט פֿון דיר הערן, ברכה. ווען דו ווילסט זיין אָטקריוועגאָ מיט מיר... איך בין נאָך אַלץ די אייגענע יוסטינע. מיין ווזגליאַד אויפֿן לעבן האָב איך ניט געביטן.

— איך וויל ניט, דו זאָלסט בייטן דיין קוק אויפֿן לעבן.

— אָ, דו פֿאַרשטייסט דיין שוועסטער צו שלעכט. איך האָב אפֿילו אין דער סאָוועטסקער ראָסיי געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. איך זאַווידעווע ניט די רייכע לייט פֿון די לוריאַס און זייערע קינדער. איך ווייס נאָר, אז קיינער פֿון זיי לעבט ניט ווי די בעדניאַקעס לעבן. פֿאַרוואָס זאָל איך פֿאַר מיר גרייטן א בעדניאַטסקן לעבן? צוליב דעם האָב איך געדאַרפֿט לויפֿן פֿון רוסלאַנד, ברעכן זיך די צונג צו רעדן ענגליש, איך זאָל חתונה האָבן מיט אַ בעדניאַק? איך האָב ליב צו באַגעגענען אַ קלוגן בעדניאַק אויך. דאָס וואָס ער טוט, איז מיר ניט פֿראַטיוונע, אָבער פֿרעמד איז עס מיר געווים. איך פֿאַרשטיי אפֿילו ניט וואָס ער וויל, און צוליב וואָס ער טיערפּעט. און ווי א מאָן — ברר...

— איז דאָס אמת, אז עלווירא ווילסאָן וויל דיך זען?

— איך זאָג ניט קיין ליגן.

— ווייסטו צוליב וואָס?

— איך ווייס ניט.

— וועסטו זי זען?

— יעס, איך וועל זי זען.

— און אויב זי וויל דיך צונויפֿברענגען מיט דעם דאָקטער?

— וועל איך. איך וויל מיט אים ניט חתונה האָבן ביז איך וועל אים ניט אויספּרוּוון. וואָלט ער נאָר געווען מיט א צען, פֿופֿצן יאָר יינגער, וואָלט איך קיין מינוט ניט געטראַכט, און ווידער אָנגענומען זיין האַנט. יעס, ברכה, אויב איך וועל עס ניט טאָן, וועל איך זיך וואַלגערן אין מיסט. אין רייכן מיסט, ברכה.

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט יוסטינע זיך צוגערוקט צו איר שוועסטער, ווי זיך אײַנצוטוליען און שלאָפֿן.

ברכה האָט ניט געפּרוּווט איבעררײַסן די שטילקייט. איר חשד, אַז יוסטינע וועט נאָך חרטה האָבן, איז מקוים געוואָרן. יוסטינע ד—האָט נאָר וועגן זיך גערעדט. דאָס איז זי.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין מיטן פֿון אַ פּאָגראָם אויף ייִדן, האָב איך גענומען און זיך אײַנגעליבט אין אַ גוי — — —

ברכהן איז געקומען אויפֿן זינען, וואָס יוסטינע האָט געזאָגט יעמאָלט, ווען זי איז געלאָפֿן פֿון באַרימטן דאָקטאָרס הויז. אַזוי פֿאַרשטענדלעך איז עס געווען פֿאַר ברכהן. „יעדער מענטש האָט אַ געלעגנהייט צו זײַן אַ מענטש" — האָט ברכה יעמאָלט געטראַכט. און איצטער גאָר, אַזוי פּראַקטיש, אַזוי קאַלט אויסגערעכנט! ווען ברכה וואָלט געקענט אַרויסגיין פֿון בעט, לייגן זיך ערגעץ־וואו אַנדערש שלאָפֿן, וואָלט זי עס געוויס געטאָן.

אויפֿן געדאַנק איז איר געקומען אַ סצענע אין סאָוועטרוסלאַנד, אין דער באַהאַלטענער, ציוניסטישער קבוצה, וואו זי איז געווען אַ מיטגליד. ווען איינמאָל, נאָך אַ טאָג שווערע אַרבעט, ווען מען איז געזעסן אַרום די זעמליאַנקעס, האָט מיט אַ דערשטיקטער שטים אַ חבר אָנגעהויבן באַווײַזן, אַז צווישן די מיטגלידער פֿון דער קבוצה איז פֿאַראַנען אַ שפּיאָן; און ווען מען האָט פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל אָנווײַזן ווער דער שפּיאָן איז, האָט ער זיך גענומען קלאַפּן מיטן האַנט אין האַרצן, דערציילט, אַז ער אַליין איז עס. ער האָט געוויינט אויפֿן הויכן קול, מ׳זאָל אים מוחל זײַן. כאָטש די גאַנצע מעשה איז געווען ניט מער ווי אַן אַנשטעל, האָט מען דעמדאָזיקן חבר דערפֿאַר אָנגעהויבן פֿײַנט האָבן. און בײַ אַנדערע האָט זיך פֿאַרגנבעט אַ חשד, אַז ער איז אפֿשר טאַקע אַ שפּיאָן.

קיין צוזאַמענהאַנג צווישן דער שוועסטערס רייד און דעם פֿאַל מיט דעם חלוץ, וואָס האָט אַליין אויף זיך פֿאַרמסרט, איז ניט געווען. אָבער יוסטינעס פּלענער וועגן איר ווײַטערדיקן שריט אין לעבן איז פֿאַר ברכה־ן געווען גאַנץ אומגעריכט. פֿאַרשטענדלעך, און פֿאַרט אומגעריכט. שטיל, יוסטינע זאָל ניט חושד זײַן, האָט זי זיך אָפּגערוקט פֿון איר און באַמיט אײַנצושלאָפֿן באַזונדער.

אָבער יוסטינע האָט זיך צו איר ווידער דערנענטערט, און ווי פֿון שלאָף שטיל געפֿרעגט:

— זאָג, ברכה, ביסטו מיר אַ שוועסטער, אָדער אַ וראָג? זיי מיר בעסער אַן אָפֿענער וראָג, וועל איך ניט דאַרפֿן זיך היטן מיט יעדן וואָרט.

— האָסטו געמיינט, וואָס דו האָסט פֿריער געזאָגט?

— איך האָב מורא פֿאַר אָרימקייט. ווען ס׳איז אַרײַנגעקומען אַביסל געלט אין שטוב, האָבן טאַטע־מאַמע זיך אויך גוט געטשוסטעוועט.

בײַ ברכהן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ ביז ווייטיק. מער האָט זי ס׳מויל ניט געקענט עפֿענען.

* * *

דער ניכטערער דאָקטאָר פֿיליפּ ווילסאָן האָט אומגעריכט אָנגעהויבן חלומען אויף דער וואָר. שווערע חלומות זײַנען עס געווען. צוליב אַ ניט־געלונגענער ליבע מיט אַ „גרינק", ייִדיש מיידל, האָט ער זײַן גלײַכגעוויכט

אַנגעוואָרן, אַריינגעקראָכן אין דער „יידישער מיסטעריע”, ווי ער האָט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמפּלעקס אָנגערופֿן.

— וואו איז די לעגענדע וועגן יידישער גייציקייט, וואָס איך הער אַזויפיל צווישן מיינע פריינט און קאָלעגן פון דער פּראָפעסיע?

זיין טאָכטער עלווירא האָט גאָר דעם קאָפּ פאַרלאָרן, זינט פאַר איר האָט זיך געעפנט אַ טיר צו דער פאַרנעפּלטער, יידישער וועלט. דאָס לעצטע ביסל געלט וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט באַוויזן אַריינצושפּאָרן אין האַנט פון מיידל מיטן נאָמען יוסטינע רודמאַן, ווען ער האָט זי אָפּגע־פירט ביז איר טיר, האָט זי אים אָפּגעשיקט. ער האָט ניט געקענט פאַר־שטיין וואָס די פּאַפּירענע פינף און צען דאָלער־בילס, וואָס ער האָט איר געגעבן, זיינען געקומען צוריק, פון פּיך־פּיצלעך פאַרזיכטיק צונויפגעקלעפּט, מיט שמאָלע, ווייסע פּאַסיקלעך פּאַפּיר אונטערגעקלעפּט, עס זאָל זיך האַלטן.

— וואָס באַטייט עס — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געוואָלט, זיין טאָכטער זאָל אים אויפקלערן — צוליב וואָס האָט זי דאָס געלט צעריסן, צונויפ־געקלעפּט און אָפּגעשיקט, איז עס אַן אָנדייט, אַז פּונקט אַזוי האָט זי מיט מיר צעריסן?

— זי האָט צעריסן, אָבער צוריק צונויפגעקלעפּט — האָט די טאָכטער געקוקט אין איר צעטראָגענעם פאָטערס אויגן, און געשמייכלט.

— אָ, וואָס פאַר אַ רעטעניש איז פאַר מיר די יידישע ראַסע!

— יעס, פּאַ, מיר קענען זיי ניט.

— אַן אינערלעכע שיינקייט פאַרמאָגט די דאָזיקע ראַסע. די ניט־יידישע וועלט שאַצט עס ניט אָפּ.

— אינערלעכע נאָבלקייט, פּאַ, האָב איך ביי זיי געפונען.

— איך הויב צוביסלעך אָן באַגרייפן פאַרוואָס די קריסטלעכע וועלט האָט זיי ניט געקענט ביי קומען, ווען זיי זיינען געווען אין אַ גאָר קליינער צאָל. איצטער איז די יידישע ראַסע גרויס אין צאָל. מען שאַצט זיי אין עטלעכע צענדליק מיליאָן, כאָטש ווי זיי גיבן אָן, באַשטייען זיי אַרום און אַרום פון אַ פופצן, זעכצן מיליאָן.

— מיינסט, דאָ אין לאַנד?

—ניין, איבער גאָר דער וועלט.

—וואָס פאַר אַ מיטלען זאָל מען אָננעמען, זי צוריק אַריבערצוגע־ווינען?

— עס פּאַסט דאָך ניט, איך זאָל אַוועק קלאַפּן אין אירע טירן. צו גוט האָב איך זי ניט געקענט. צייטנווייז האָט זי מיר אויסגעזען, ווי אַ פאָל־קאָמענע עגאָאיסטקע; דאָס, וואָס איך האָב פיינט אין אַ פרוי.

עטלעכע מאָל איז דאָקטאָר ווילסאָן געווען גרייט אַראָפּצופאָרן צום איסט־סיידער יידישן דאָקטאָר, צו דאָקטאָר לוריאַן, פּשוט און פּראָסט אַראָפּוואַרפן פון האַרצן וואָס עס דריקט און שטערט זיך אָפּצוגעבן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער פּראָפעסיע. עלווירא איז אַ פּאָר מאָל געווען ביי דאָקטאָר לוריאָן. זי האָט איר פאָטער וועגן דעם ניט דערציילט — ווי זי האָט בכלל איר פאָטער ניט פאַרטרויט אירע איבערלעבונגען. זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָקטאָר לוריאַס פּלימעניק, מאָו לוריא, מיידט זי אויס. זי האָט אים איינמאָל פאַרבעטן צו זיך, האָט ער

געענטפערט, אז ער איז שטאַרק פאַרנומען. זי האָט זיך אָנגעבאָטן קומען צו אים, האָט ער ווי פאַרהערט וואָס זי האָט אים געזאָגט. ביי דאָקטאָר לוריאַן האָט זי אים א פּאָר מאָל באַגעגנט — איז ער געווען אָפּיציעל מיט איר. איר איז שווער געווען צו פאַרבינדן זיין קאַלטע באַציאונג מיט דעם טרויעריקן אינצידענט, וואָס האָט יעמאָלט געטראָפן ביי איר אין שטוב. צו איר געבורטסטאָג איז מיט יוסטינען מאָו לוריא אויך געווען. ווען די אַנטיסעמיטישע סטודענטן האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון יידן, איז ער שנעל אַוועק. זי געדענקט זיין צעטראָגנקייט. זי האָט אים עטלעכע מאָל געהערט ריידן וועגן די פּראָבלעמען פון היינטיקער יוגנט, אָבער יעמאָלט, ביי איר אין שטוב, פּונקט ווי יוסטינע רודמאַן, האָט מאָו לוריא זיך געהאַלטן העכער פון דעם אינצידענט, און איז אוועק פון שטוב.

ווען עלווירא האָט זיך דערוואוסט, אז איר פאָטער האָט איינגעלאַדן צו זיך דאָקטאָר לוריאַן, האָט זי אָפּגערופן פּערל לוריא און געבעטן, זי זאָל ווי ווייט מעגלעך אריבערברענגען מיט זיך איר פאַמיליעניק:

— א פּרוי פאַרשטייט אַמאָל א צווייטער פּרויס פאַרלעגנהייט — האָט עלווירא אַ פאַרשעמטע גערעדט — אויב זי איז פּערזענלעך ניט פאַראינטערעסירט קאַליע צו מאַכן, קען זי פיל ארויסהעלפן. דו ביסט דאָך געוויס ניט פאַרמישט אין מיין גייסטיקן פּלאָנטער. א פרוי קען אַמאָל מיט עפּעס אָפּדינען אויך. איך דאַרף דיר ניט זאָגן ווי אזוי דו זאָלסט עס טאָן, ביסט קלוג גענוג אליין.

דאָקטאָר לוריא האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, כאָטש ער האָט חושד געווען צוליב וואָס דאָקטאָר ווילסאָן פאַרבעט אים און זיין פרוי צו זיך. פּערל האָט צוליב געטאָן דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער, געפּועלט ביי מאָו לוריאַן, ער זאָל מיטקומען.

ווען די לוריאס זיינען אָנגעקומען צו דאָקטאָר ווילסאָנען, האָבן זיי דאָרט געטראָפן געסט, מענטשן פון דער אייגענער פּראָפעסיע, אָבער אומבאַקאַנט. עלטערע, ניט־יידישע דאָקטוירים, מיט זייערע ווייבער; צווישן זיי: — דער וואוילבאַקאַנטער קינדער־דאָקטאָר, ראַמסי העמילטאָן; דער כירורג, וואַלערי בענעט, און דער פרויען־דאָקטער, סטעפען וואָקער.

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט, אז ביז זיין אָנקומען האָט מען גערעדט וועגן אים. ווי אין אַלטבאַקאַנטן האָבן אים די געסט געדריקט זיין האַנט, ווען דאָקטאָר ווילסאָן האָט אים פאָר זיי פאָרגעשטעלט. פּערל האָט זיך גלייך היימיש דערפילט צווישן די פרויען, פאַר וועמען עלווירא האָט זי פאָרגעשטעלט, ווי די ברילליאַנטענע פרוי און גרויסער מענטשנפריינט. וויין איז געווען סערווירט. די אָנוועזנדע האָבן שוין געהאַט פאַרזוכט צוביסלעך, דאָס איז געווען קענטיק. נאָך דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט א וויילע ביים אָנקומען פון די יידישע געסט — האָט דער שמועס זיך ספּאָנטאַן באַנייט.

דאָקטאָר ווילסאָן, א רויטלעכער, מיט א גלאַנציקער ליסינע אויף זיין ברייט־רונדן קאָפּ, האָט זיך גערין אָנצוקניפּן צוריק דעם שמועס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט דעם אָנקומען פון די יידישע געסט:

— איך האַלט ביים דערציילן — האָט דאָקטאָר העמילטאָן גערעדט אויף דער זייט פון די יידישע געסט — אז ווי א קינדער דאָקטאָר האָב

איך די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די כאַראַקטערשטריכן פון דעם קאַלירפולן ראַסן־געזינדל, וואָס באַפעלקערט ניו־יאָרק. ביי די יידישע מאַמעס באַמערק איך איז פאַראַנען א מין פרימיטיווער געפיל צו זייערע קינדער. מיט אבערגלויבן קוקן זיי אויף די קינדערשע קראַנקייטן. גאַנץ אָפט ברענגען יידישע מאַמעס צו מיר נאָרמאַלע קינדער, און מיט שרעק אין די אויגן דערציילן זיי, אז דאָס קינד האָט קרום א ניס געטאָן, כאַ־כאַ־כאַ. וואָס זאָגסטו אויף דעם ?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך געפּרואווט דערגרונטעווען צו דעם כאַראַקטער פון שמועס וועגן יידן, וואָס איז געוויס אָנגעגאַנגען צווישן די געסט ביז זיין אָנקומען. אים איז אויך ניט געווען גאַנץ קלאָר, צי דאָקטאָר העמילטאָן איז אויסן געווען איבערצוגעבן אַ סימפּאַטישן שטריך ביי די יידישע מאַמעס.

— מעגלעך, ביי דיר האָסטו א געלעגנהייט צו שטודירן דעם רייכערן קלאַס מאַמעס און זייערע קינדער — האָט דאָקטאָר לוריא פאַרזיכטיק אָנגעהויבן — אין דער אָרימער איסט־סייד, וואו ביז ניט לאַנג איז דאָרט געווען א ריין יידישע באַפעלקערונג, און איצטער איז דאָרט די באַפעלקערונג געמישט, סלאַוון, איטאַליענער, און אפילו נעגער וואוינען דאָרטן, אין מיין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק דערקען איך ביי פאַרשיידענע מאַמעס דעם מין אבערגלויבן, וואָס דו דערמאָנסט. ווען עס האַנדלט זיך וועגן א קינדס קראַנקייט, זע איך ניט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן יידישע און ניט־יידישע מאַמעס. אַלע מאַמעס ציטערן איבער זייערע קינדער.

— איז ניט אמת, אַז יידן דאָקטערן זיך א סך מער ווי ניט־יידן ? — האָט דאָקטאָר סטעפען וואָקער געפרעגט.

— ס'איז, דוכט מיר, פאַראַן אַ טעאָריע, וואָס צעטיילט די מענטשהייט אויף מענלעכע ראַסן, און ראַסן, וואָס זיינען אין כאַראַקטער מער ווייבעריש. יידן שטעלט מען אין קאַטעגאָריע פון די ווייבערישע ראַסן. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט מען מיר אין דייטשלאַנד געוויזן א בוך אַזאַ, וואָס ענטוויקלט אַזאַ טעאָריע.

דאָס האָט געפרעגט דאָקטאָר בענעט, א ברונעט, מיט שוואַרצע, געדיכטע האָר, און פולע שוואַרצע אויגן, ביי וועמען דער סאַרקאַסטישער שמייכל איז פון פנים די גאַנצע צייט ניט אַראָפּ.

— יעס, — האָט דאָקטאָר לוריא געענטפערט — דאָס בוך האָט געשריבן א יידישער יונגערמאַן, אָטאָ ווייַנינגער, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן צו דריי און צוואַנציק יאָר. ער האָט פיינט געהאַט, ניט נאָר זיין אייגן פאָלק, ער האָט די פרויען־וועלט אויך געהאַסט.

— פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל וועגן אים ניט דערציילט ? — האָט פערל לוריא זיך כלומרשט געברוגזט — וואָס פאַר אַ ראַסע איז מענעריש אין כאַראַקטער, אוודאי דאָס דייטשישע, דאָס ענגלישע, כאַ־כאַ־כאַ.

פערל ד'האָט זיך ארומגעקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן. אירע בליקן זיינען געפאַלן אויף עלווירא ווילסאָן, וואָס איז ווי איינגעשרומפן געוואָרן, מיט א טרויער אין די אויגן געשטאַנען אָן א זייט און אריבערגעקוקט צו די יידישע געסט.

דער שמועס האָט זיך ניט געקלעפּט. דאָקטאָר לוריא האָט געהאַט דאָס געפיל, אז מיט זיין קומען האָט ער צעשטערט דעם היימיש־וואַרימען גייסט, וואָס האָט אוודאי געהערשט ביז זיין קומען.

— מיר האָבן דאָ גערעדט צווישן זיך וועגן יידן — איז דאָקטאָר ווילסאָן אויפגעשטאַנען, איבערגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן, און אנידער־געלייגט זיין האַנט אויף דאָקטאָר לוריאס אַקסל — יעס, פאַראַן אַ מיינונג, אַז די יידן פאַרמאָגן אַ אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס. דאָס שטערט זיי צו אסימילירן זיך שנעל גענוג אין זייער נייער היים. איך געדענק דיין מיינונג, ווען איך האָב דאָס פאַרגעניגן געהאַט מיט דיר צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. מיינע קאָלעגן וואָלטן גערן געוואָלט הערן דיין מיינונג.

דאָקטאָר לוריאַן איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן ווי ער האָלט אין דער וועלט מיט זיינע ניט־יידישע קאָלעגן. אומגעריכט האָט ער זיך געווענדט צו פערלען:

— אפשר וואָלסטו מיר ארויסגעהאָלפן און דערקלערן אונדזערע פריינט ווי אזוי עס פילט וועגן אַזאַ ניט וויכטיקן פּראָבלעם, ווי אבסאָלוט אסימי־לאַציע, אַ קינד, וואָס איז שוין דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן.

— אָ, זכריה, וואָס בין איך אַנטקעגן דיר, ווען עס קומט צו אַזעלכע פראַגן, וואָס רירן אָן די געפילן פון אַ פאָלק, וואָס ווערט אזוי שלעכט פאַרשטאַנען?

— מיט דעם אליין האָסטו אַ סך געזאָגט — האָט זיך אָפּגערופן דאָקטאָר העמילטאָן — יידן זיינען אַ פּראָבלעם פאַר דער קריסטלעכער וועלט נאָר צוליב דעם, וואָס זיי ווערן שלעכט פאַרשטאַנען. אַ פּאַטאָלער ווידער־שפּרוך: פון איין זייט האָט מען יידן פיינט, מ'האָט זיי וויסנשאַפטלעך פיינט; און פון דער אַנדערער זייט איז מען אומגעדולדיק, פאַרוואָס יידן אסימילירן זיך ניט שנעל. יעס, מיינע טייערע, — האָט דאָקטאָר העמילטאָן אויפגעהויבן זיין שטים — דאָס, וואָס יידן האָבן דאָ אין לאַנד באַוויזן אויפ־צוטאָן פאַר זיך פאַר די לעצטע פינף צענדליק יאָר איז קאָלאָסאַל.

— דערלויבט מיר אייך אויסצובעסערן — האָט מאָן לוריא זיך גערוויטלט — ניט פאַר זיך אליין האָבן יידן דאָ אין לאַנד אויפגעטאָן. זיי האָבן געהאָלפן בויען דאָס לאַנד פאַר זיך און פאַר אַלעמען. אָט דאָס ווערט אין דער ניט־יידישער וועלט שלעכט פאַרשטאַנען. איך געפין אין דעם וויסנשאַפט־לעך־באַגרינדעטן, דייטשן אַנטיסעמיטיזם, דאָס אייגענע. אייך, ווי דאָק־טוירים, דאַרף זיין באַוואוסט, וואָס יידן האָבן אין דייטשלאַנד אויפגעטאָן פאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט, וואָס פון דעם פּראָפיטירט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. און פונדעסטוועגן איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרן אַ אַנטיסעמיטישע פילאָזאָפיע, אַז יידן האָבן אַלץ פאַרכאַפּט.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן, און דאָקטאָר בענעט האָט זיך אָפּגערופן:

— אפשר קען דאָקטאָר לוריא פאַר מיר באַלייכטן דעם פינצטערן פּראָ־בלעם, וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם?

— עס איז זייער אומבאַקוועם צו פאַרטיידיקן זיך אליין פאַר ניט־באַגאַנגענע זינד. איך וויל מיינע קריסטלעכע קאָלעגן פרעגן, צי וואָלטן זיי געפאָדערט, אז דאָס נאַרוועגישע פאָלק זאָל אונטערגיין, צוליב דעם

וואָס עס שטערט אימעצן? אָדער דאָס שוועדישע פאָלק זאָל זיך אליין ליקווידירן בלויז צוליב דעם, וואָס עס איז שעפעריש און נוצלעך? איך וואַרט ניט אויף אייער ענטפער. איך ווייס אייער ענטפער. ווי פאַכלייט מיט וויסן וועט איר מיר זאָגן, אַז יעדע דערשיינונג אין דער נאַטור איז באַרעכטיקט. ס׳איז צום באַדויערן אַ פאַטאַלער אומגליק געווען, וואָס די יידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין אמעריקע האָט ניט געהאַט קיין פירער־שאַפט, און איז נאַציאָנאַל ניט געווען אָרגאַניזירט. מיר האָבן אַ ביישפיל פון די מאָרמאָנען ביי אונדז אין לאַנד, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַ ניט־ענטוויקלטן שטאַט יוטא, זיי האָבן דאָרט דעם שטאַט ענטוויקלט, געבראַכט אים צום לעבן, און לעבן אליין מיט זייער אייגענער רעליגיעזער דערפאַרונג. ווי וואָלט געווען ווען די איבער פיר מיליאָן יידן דאָ אין לאַנד וואָלטן פון אָנהויב אָן, מיט אַ פופציק יאָר צוריק, אונטער דער פירערשאַפט פון אַ רעליגיעזער פערזענלעכקייט זיך קאָנצענטרירט אין אַ נאָך ניט־באַלעבטן שטאַט, און איצטער וואָלטן מיר דאָרטן געהאַט אַ פאַרגעשריטענעם שטאַט, איינגאַנצן אַ באַוואוינטן פון יידן, מיט זייער אייגנאַרטיקער רעליגיע, שפּראַך און קולטור; צי וואָלט עס מיט עפּעס געשטערט דער פרידלעכקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן? וואָלט עס אויך געהייסן, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט אַ גאַנצן שטאַט? פון די דניעפּער־ברעגעס ביז איך געקומען צום ברעג פון דהאַדסאָן. דאָס יידישע פאָלק איז צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער עס איז אַ פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט. די יידן ביים האַדסאָן, און די יידן ביים דניעפּער זיינען צווישן זיך גייסטיק פאַרבונדן. ווינציקער פון אַלץ האָט געדאַרפט עקזיסטירן אַ יידן־פּראָבלעם אין אונדזער לאַנד, וואָס איז דאָס רייכסטע און פרייסטע לאַנד אויף דער וועלט, נאָר אַ דאַנק די פרעמדע. אַלע זיינען מיר פרעמדע. אַלע זיינען מיר קינדער פון „היינט״. מען קען דעם באַגריף „נעכטן״ ניט אָנווענדן צום אויפשטייג פון אונדזער לאַנד.

עלווירא ווילסאָן האָט אויפגעוואַכט און אָנגעהויבן אַפּלאָדירן דאָקטאָר לוריאָן:

— בראַוואָ, דאָס איז וואונדערלעך, דאָקטאָר! ווי קלאָר דו ברענגסט אַרויס דיינע געדאַנקען...

מיט דעם האָט זיך דער שמועס וועגן יידן געענדיקט. ווען די געסט האָבן זיך אויפגעהויבן צו פאַרלאָזן די שטוב, האָט דאָקטאָר ווילסאָן געבעטן דאָקטאָר לוריאָן, אויב ער איז ניט שטאַרק פאַרנומען, זאָל ער נאָך בלייבן — מחמת ער וויל מיט אים אויפנעמען אַ וויכטיקן ענין. מיט אַ געצוואונגענער פריינטלעכקייט האָבן די קריסטלעכע קאָלעגן זיך געזעגנט מיט די לוריאָס.

אָבער ווי נאָר די קריסטלעכע געסט זיינען אַוועק, האָט דאָקטאָר ווילסאָן אויפגעלעבט. מיט אַ יינגלשער רירעוודיקייט האָט ער געמונטערט עלוויראַן, זי זאָל עפּעס אַריינברענגען פון קיך.

— איר זייט ביי מיר אָנגעלייגטע געסט. ס׳איז אַלץ קלאָר און צו דער זאַך, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט פאַר אונדז וועגן דיין ראַסע, אָבער וואָס זאָל טאָן אַ דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַזאַ מין פעלז, וואָס איבער אים איז ניט אַריבערצוגיין, און ניט איינצוברעכן?

איך בין אויסן די האַרטנעקיקע פון דיין ראַסע, וואָס איז עס פאַר אַ האַנד־לונג ? ווי ריזיקירט אַ יונג מיידל מיט איר אייגענער קאַריערע צוליב אַזאַ נישטיקן צופאַל ? יעס, זי איז אַ מיידל מיט כאַראַקטער — האָט דאָקטאָר פילים ווילסאָן זיך געהיצט — זי איז אין מיינע אויגן צוליב איר האַנדלונג ניט געפאַלן. אָבער אומנאַטירלעך איז פאַרט אַזאַ האַנדלונג. איך האָב זי ליב — האָט ער מיט אַ געפאַלענער שטים געזאָגט — איך האָב זיך פאַרליבט אין דעם פאַרבאָרגענעם פייער, וואָס אירע אויגן דערציילן פון דעם. וואָס זאָגסטו — האָט ער זיך געווענדט צו פערל לוריאַ — איז עס אַזאַ פאַרשאָלטענער קאַפּריז, אָדער דאָס איז די מיסטעריע, וואָס דערקלערט דעם לאַנגן אויסדויער פון דיין ראַסע ?

— זי איז פאַר אונדז אויך אַ רעטעניש — האָט פערל לוריאַ מיט באַשיידנקייט איבערגעקוקט צו דאָקטאָר ווילסאָנען — מיר פאַרשטייען ניט איר האַנדלונג.

— ווי באַציִען זיך צו דעם אירע עלטערן, אָדער איר פאַמיליע ?

— פאַרשידן, דאָקטאָר ווילסאָן.

— ווי קוקסטו אויף דעם, מיסיס לוריאַ ?

— זי אַליין האָט מיר אויפגעקלערט אירע געפילן. זי האָט אין רוס־לאַנד איבערגעלעבט די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען. ווי זי דערציילט, האָט מען יידן געהרגעט און אַרויסגעשליידערט פאַר די הונגעריקע הינט. זי איז אַנטלאָפן פון דער רעוואָלוציע, אָבער זי איז אַליין אַ רעוואָלוציאָנערקע קעגן איר אייגענעם ווילן. זי האָט געגלויבט, אַז אַמעריקע איז פריי פון אַנטיסעמיטיזם. דאָ האָט זי זיך געוואָלט שפּירן ווי אַ קאָסמאָפּאָליטקע. נו, האָט זי זיך גאָר אומגעריכט אַנגעשלאָגן ביי דיר אין הויז אויף אַ יוגנט, וואָס האָט, ווי זי דערציילט, מיט גאַל געשפּיגן אויף יידן. דו ביסט געוויס אַ פּסיכאָלאָג, ווייסטו, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל די קראַנקע פּסיכאָלאָגיע פון דעם היינטצייטיקן יידן. יעס, דאָקטאָר ווילסאָן, איך בין אַ געבאָרענע דאָ אין פרייען לאַנד, און איך קען ניט זאָגן, אַז מיין נשמה איז גאָר איב־גאַנצן געזונט. אַז איך הער, ווי מען דריקט ערגעץ יידן אין אַן אַנדער לאַנד, טוט עס מיר ווי, ווי אַ לעבעדיקע וואונד וואָלט געווען אין מיין האַרצן.

— וואָס זאָגסטו ? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן זיך געווענדט צו מאַן לוריאַן — מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז דו האלסט ביים ענדיקן מעדיצין. איך בין צופרידן דיך צו קענען. דו ביסט דאָך אויך אַ געבאָ־רענער דאָ אין לאַנד. צי פאַרטראַכסטו זיך, דו, און דיין גלייכן, ווי אַזוי צו היילן די קראַנקע נשמות פון דיין פאָלק ?

— ס'איז אַ גייסטיקע וואונד, דאָקטאָר. הלוואי וואָלט די צייט די־דאָזיקע וואונד אויסגעהיילט. צום באַדויערן, ווי אַ סטודענט, קען איך דיר זאָגן, אַז די אַנטיסעמיטישע פעסט האָט דאָ טיפע וואָרצלען. איך ווייס גאָר אַ סך צו דערציילן, אָבער איך פיל, ווי ס'איז ניט נויטיק צו דער־ציילן.

— און דו אַליין, ווי פילסטו, צי וואָלט דיר געשטאַנען אין וועג דיין יידישער אָפּשטאַם, ווען דו באַגעגנסט, לאָמיר זאָגן, אַ ניט־יידישע מיידל און דו פאַרליבסט זיך אין איר ?... יעס, יעס — האָט דאָקטאָר ווילסאָן טרויעריק פילאָזאָפירט — דאָס לעבן איז ניט אַזוי רעאַל, ווי מיר וואָלטן

עס װעלן. עס איז דאָס אײגענע װי מיט דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. פֿון אױבן הױט, װאָס פּאַרדעקט אַלץ; און שפּעטער, אַז מען דערגײט אַביסל טיפֿער צו די בלוט־שטראָמען, טאַקע צום עכטן רעאַליזם, שלאָגט מען זיך אָן אין דער טיפֿער רעטעניש, װאָס הײסט לעבן. אומזיסט גלױבן מיר, אַז אין דעם שאַרף פֿון קאַלטן מעסער, װאָס שנײדט אַזױ קאַלט אױף דעם מענטשלעכן קערפּער, אין אים איז פֿאַרבאָרגן דער שנײדיקער, קלאָרער שכל, כאַ־כאַ־כאַ.

די לוריאַס, ניט װײניקער פֿון דאָקטאָר װילסאָנען, זײנען געשטאַנען פֿאַר אַ רעטעניש. ניט אין זײערע הענט איז געלעגן דער שליסל, װאָס זאָל פֿאַר דאָקטאָר װילסאָנען אױפֿעפֿענען די טיר, הינטער װעלכער זײן גליק האָט זיך אױסבאַהאַלטן. די קאָלעגן, דאָקטוירים, װאָס האָבן זיך אין קעגנוואָרט פֿון די יידישע געסט באַמיט צו באַגרײפֿן דעם מהות פֿון ייִדישן פֿאָלק, האָבן בײ דאָקטאָר לוריאַן געלאָזן אַ שלעכטן טעם אין מױל. „פֿרעמד ביז גאָר איז פֿאַר דעם אַ־אינטעליגענטן ניט־ייִדן, די ייִדישע, ברײטע מאַסע, װאָס איז דאָ געבליבן אין תּוך ייִדיש, אפֿשר קעגן דעם אײגענעם װילן״ — האָט דאָקטאָר לוריאַ געטראַכט, בשעת ער האָט אַריבערגעקוקט צו פּערלען, זי זאָל זיך אַ רודער טאָן און אָנהױבן זיך געזעגענען.

פּערל האָט עס געפֿילט. זי איז אױפֿגעשטאַנען, דערלאַנגט דאָקטאָר װילסאָנען די האַנט, און מיט אָפֿענער פֿרײנטלעכקײט געזאָגט:

— אַזױפֿיל רו און פֿרידן בײ דיר אין שטוב! איצטער פֿאַרשטײ איך, װאָו דײן טאָכטער האָט אַזױפֿיל ליכטיקן חן געקראָגן. ס'איז מײן גרױסער פֿאַרגעניגן געװען צו זײן בײ דיר צוגאַסט און באַגעגענען אַזעלכע פּראָ־מינענטע מענטשן. איך האָף, דו װעסט אײנאײנעם מיט דײן טאָכטער אונדז באַערן מיט אַ װיזיט.

— אָ, דו ביסט װאונדערלעך — האָט עלװירא אַרומגענומען פּערלען — בײ דיר אין שטוב שפּיר איך מיר װי אין דער הײם, כאַ־כאַ־כאַ. טרײב נאָר מיך ניט אַרױס, װעל איך זײן בײ דיר אַ אָפֿטער גאַסט. די לוריאַס, אױף װיפֿיל איך קען זײ שױן אַביסל, רעדן װײניק — האָט זי אַריבער־געקוקט צו מאַו לוריאַן — אָבער מענטשן, װאָס רעדן װײניק איז גרינגער צו פֿאַרשטײן, װאָס ניט? כאַ־כאַ־כאַ!

מיט אַ געזינטערער שטימונג זײנען די לוריאַס געגאַנגען צו דאָקטאָר װילסאָנען. גײענדיק אַהײם האָבן אין די אױערן געקלונגען די רײד װאָס באַרימטע דאָקטוירים האָבן גערעדט װעגן ייִדישן אינפֿעריאָריטי קאָמפּלעקס; און אױך װעגן דעם, װאָס ייִדן האָבן אין אַזאַ קורצער צײט באַװיזן אַזױפֿיל פֿאַר זיך צו פֿאַרכאַפּן אין פֿרײען לאַנד.

* * *

מאָזעס לוריאַ האָט זיך אומגעקערט קײן ניו־יאָרק פֿון זײן פֿאָטערס פֿאַרם אין די קעטסקילס, װאו ער האָט פֿאַרבראַכט אַ אומעטיקן סוף־זומער. אַרײנקומענדיק צו זיך אין צימער, האָט ער אױפֿן טיש געפֿונען אַ בריװ, געשריבן אין אײלעניש מיט אַ בלײשטיפֿט. דער בריװ איז ניט געקומען מיט פּאָסט. קענטיק געװען, אַז בײ אים אין צימער, בײ זײן טיש, האָט מען דעם בריװ געשריבן מיט דעם אײגענעם בלײשטיפֿט װאָס איז לעבן בריװ געלעגן.

— עלווירא ווילסאָן!

ס'בליט האָט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. מיט נערוועאַישע פינגער האָט ער אַרומגעטאַפּט דעם קאָנווערט, געוואָלט דערשפּירן די וואַרימקייט פון דער האַנט, וואָס ד'האָט דעם בריוו געשריבן.

נאָך דעם, ווי עלווירא זאָגט אים אין בריוו מוסר, הלמאי ער איגנאָ־רירט זי יעדעס מאָל ווען מען טרעפט זיך ערגעץ אין אַ געזעלשאַפט צוזאַמען, און דערציילט אויך פון איר פאַרלאַנג אַריינצוקומען נעענטער אין יידישע קרייזן, שרייבט זי: „איך האָב פאַרגעניגן פון מיין בלאָנדזשען. אַ מענטשן־וואַלד האָט אויך זיינע געפּערלעכע, פינצטערע ווינקלען, און מיר דוכט, אַז אין דעמדאָזיקן וואַלד בלאָנדזשעט אום אַ ייד, מאָו לוריאַ, וואָס אים זוך איך אַרום. כאַ־כאַ־כאַ, ס'איז ניט קאָמיש, אַ מיידל זאָל אין וואַלד אומגיין אליין?"

נאָך דערדאָזיקער מליצה ווערט עלווירא ווילסאָן ערנסט, און שרייבט: „איך בין געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק, דאָ אויסגעוואַקסן, און האָב גע־גלויבט, אַז איך בין אַ פּראָדוקט פון מיין פרייער אַמעריקע. טראַכט איך אָבער לעצטנס, אַז ניו־יאָרק איז ניט אַמעריקע. ניו־יאָרק איז אַ אינזל, אויף וועלכן עס בליען און וועלקן, און שטאַרבן אַלערליי נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן. איך זע, אַז ביים פאָלק, פון וואַנען דו קומסט אַרויס, שטייט נאַציאָנאַלע ליידנשאַפט העכער פון אינדיווידועל־מענטשלעכער. בין איך דיר געקומען צו איבערצייגן — ווי לעבן הויבט זיך אָן דאָ אין לאַנד ביים קבר פון נאַציאָנאַלער ליידנשאַפט. יעס, מיסטער לוריאַ, אַ יונגע פרוי איז ניט געניאַרט, ווען זי האָט צוטרוי צו אירע אייגענע געפילן. און כאָטש מען גלויבט, אַז אַ פרוי איז אַ רעאַליסטקע אין פאַרגלייך מיטן מאַן, זאָג איך דיר, אַז אויך אַ פרוי קען מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אַריינוואַרפן אין דעם לאַבירינט, וואָס הייסט ליבע. זעסטו, איך בין צו דיר געקומען, און אויף דיין בעטשלער־טיש שרייב איך דיר אין איילעניש. איך ווייס, דו ביסט איצטער ווייט פון ניו־יאָרק, פונדעסטוועגן איַיל איך מיר אַרויס־צוגיין פון דיין צימער. (אגב, וויל איך דיר דערציילן, אַז איך האָב געעפנט דעם פענצטער און אַריינגעלאָזט פרישע לופט פון דרויסן.) איך גלויב, און בין זיכער, אַז אין דיר באַהאַלט זיך אויס אַן אמתער דזשענטלמען און דו וועסט ניט וואַרטן, איך זאָל קומען אַהער און דיר אַ צווייטן בריוו שרייבן."

מאָזעס לוריאַן איז ניט פרעמד געווען דער זין פון אַזעלכע ווערטער, וואָס ער האָט געלייענט אין בריוו פון דער ניט־יידישער עלווירא ווילסאָן. געוויס האָט זי אויפגענומען גאַנץ נאַטירלעך די אַלערליי אַנטיסעמיטישע חוזק־ווערטלעך, וואָס זיינען אין איר קענגוואַרט געפאַלן אין קרייז פון דעם טיפּ סטודענטן, וואָס ער ד'האָט ביי איר אין שטוב באַגעגנט, ווען זי האָט געפייערט איר געבורטסטאָג. איר פאָטער, וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט איינגעליבט אין אַ יידיש מיידל, האָט א'רע אויגן אויפגעעפנט צו אַ פאַר־האַסטער וועלט, וואו עס לעבן מענטשן מיט „אינערלעכן שטאָלץ" — ווי זי האָט עס שפּעטער דערשפּירט אין קרייז פון די לוריאַס.

פונדעסטוועגן ד'האָט אים שטאַרק אויפגערודערט עלוויראַס בריוו, דער עיקר, די פּאָר שורות, וואו זי שרייבט, אַז ער קומט פון אַ פאָלק, ביי וועמען

נאַציאָנאַלעליידנשאַפט שטייט העכער פון דאָס אינדיווידועל־מענטשלעכע, און אַז זי האָט זיך אונטערגענומען צו באַוויזן אים — ווי לעבן הויבט זיך אָן דאָ אַ־ין לאַנד ביים קבר פון נאַציאָנאַלער ליידנשאַפט.

— פון וואַנען קומט עס צו איר? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — וואָס וויס זי פון נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן שוין דאָ אין לאַנד אַזויפיל בית עולמס?

כאָטש נאָכן דאָטום אויפן בריוו דערקענט ער, אַז גאַנצע אַכט טעג זיינען שוין אַוועק זינט עלווירא ווילסאָן איז דאָ ביי זיין טיש געזעסן און געשריבן אַ בריוו צו אים, דוכט אים, אַז אירע שפּורן זיינען דאָ געבליבן. איר בלאָנדער קאָפּ קומט ווי פון אַ נעפּל אַרויס, און אַזוי ערנסט קוקן אירע גרין־בלויע אויגן צו אים. די ליפּן באַוועגן זיך און זאָגן אים מוסר: „אַ מאַן דאַרף אַזוי ניט זיין פאַרשלאָסן אין זיך. אַ מאַן דאַרף ניט דער־פירן דערצו, אַז אַ מיידל זאָל קלאַפּן אין זיינע טירן. וואָס איז פאָלק, וואָס איז נאַציע, וואָס זיינען נאַציאָנאַלע געפילן, ווען בלוט שרייט מיט דער שטים פון לעבן און ווישט אָפּ נאַציאָנאַלע גרעניצן?"

מיטן געדאַנק גייט ער אַוועק צו זיין אָנקל דניאל לוריא, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן חתונה געהאַט מיט אַ קאַטוילישער פרוי. זי איז איבער־געגאַנגען צום יידישן גלויבן. ער טראַכט, צי קען אַזאַ זאַך געמאָלט זיין ווידער? יענע האָט זיך מגייר געווען, געגעבן אירע קינדער אַ יידישע דערציאונג. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס איר עלטערער זון, ריכטער דייוויד לאָריע האָט זיך געשמדט, און איז איבערגעגאַנגען צום קאַטאָליציזם. קען ער אַזאַ זאַך פאָדערן פון דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער, וואָס, ווי ער מאָלט זיך אויס, איז אינגאַנצן ניט רעליגיעז?

מיטן געדאַנק טראָגט ער זיך אַוועק צו די רודמאַנס, און דער יינגערער טאָכטער ברכה רודמאַן, וואָס ברענט אים דורך יעדעס מאָל מיט אירע ליידנשאַפטלעכע ברוינע אויגן. דוכט זיך, אַז ברכה רודמאַן האָט אים פיינט דערפאַר, וואָס ער איז אַ גלידשוועסטערקינד. די בלוט־קרובהשאַפט דערווייטערט אים פון איר, און אפשר דערווייטערט עס ברכהן פון אים. אַז ער שטעלט אַנידער מיטן געדאַנק ברכה־ן און עלוויראַן זייט ביי זייט, זיינען זיי אים ביידע פרעמד. ער קען זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון פון וואַנען דידאָזיקע פרעמדקייט שטאַמט.

מאָזעס לוריא, אָדער משהלע, ווי טאַטע־מאַמע האָבן אים גערופן, איז געבאָרן געוואָרן, און ביז אַכצן יאָר געוואָקסן ביי זיין טאַטן אויפן פאַרם. זיין טאַטע, הילל לוריא, דער „עם עולמניק", וואָס איז איינגעשרומפּן געוואָרן אינאיינעם מיט זיין פאַרם, האָט געוואָלט איבערפלאַנצן אין זיינע קינדער דאָס ביסל אויסגעוועפּטע יידישקייט, וואָס ער האָט אַריבערגע־בראַכט אין די אַכציקער יאָרן קיין אַמעריקע.

הילל לוריא האָט געלערנט תנ"ך מיט די קינדער, און זיי דערציילט פון אַ יידיש פאָלק וואָס איז צעזייט איבער דער וועלט. מיט דער ליבע צו דער ערד, וואָס ער האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן ביי זיינע קינדער, האָט ער אויך געפּרוּווט שטאַרקן ביי די קינדער דעם קשר צום יידישן פאָלק. דאָס איז געווען יעמאָלט, ווען הילל לוריא האָט נאָך געשפּירט דעם קליאַק אין די ביינער, און געחלומט, אַז די גרויסע יידישע איבער־

וואַנדערונג קיין אמעריקע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן נאָך דער ערשטער רוסי־שער רעוואָלוציע, וועט סוף כּל סוף לייזן דאָ אין לאַנד דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, ווען הונדערטער טויזנטער יידן וועלן זיך קאָנצענטרירן ביי דער ערד. ווען זיינע עלטערע צוויי זין זיינען נאָך געווען יונג, און דער ווייטסטער מהלך איז געווען אין דער „פּאַבליק סקול", וואָס איז גע־שטאַנען ביים זייט וועג עטלעכע מייל פון זיין פאַרם, קומענדיק פון שול, האָבן זיי מיטן פאָטער ארומגעבראַדזשעט אין פעלד. כאָטש ביי אים אַליין האָט שוין געטאַטשעט דער ספק־וואָרים, דער „למי אני עמל" — צוליב וועמען און וואָס האָב איך דאָ באַגראָבן מיינע בעסטע יאָרן? — האָט ער פונדעסטוועגן ניט פאַרפעלט אויפצואווייזן, אַז „אין דער סאָבע ליגט מזל און ברכה". אַליין ניט קיין פרומער, האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט, זיינע קינדער זאָלן קענען דאַוונען.

דאָס איז געווען אינדערהיים. ווי נאָר די קינדער זיינען אַוועק קיין ניו־יאָרק, ווען יעדער איינער איז מיט זיין שטרעבן אוועק זוכן נייע אמתן, האָט דער עלטערער, איזידאָר, וואָס האָט געשטודירט צו זיין אַ לאָיער, גלייך זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צו זיין פאָטערס פאַרם און שטרעבן. דער יינגערער, וואָס האָט באַשלאָסן צו שטודירן מעדיצין, האָט מיט זיך פאַרנומען די בענקעניש צום פאַרם. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנ־הייט אראָפּצוכאַפּן זיך אהיים, האָט ער פון זיך דעם שטאָט־גייסט ארויס־געטריבן. קומענדיק אַדהיים, האָט ער געזוכט די שפּורן פון זיינע קינדערשע יאָרן, און האָט אויך גוט באַמערקט ווי זיינע עלטערן, דער עיקר זיין פאָטער, ווערט אויסגעטריקנט. ניט אזוי דער מענטש הילל לוריא, נאָר דער ייד הילל לוריא, וואָס איז קיין אמעריקע געקומען מיט נאַציאָנאַלע און אַל־מענטשלעכע נאַציאָנאַלע האָפענונגען — גייט אונטער.

אין קרייז פון ניט־יידישע סטודענטן האָט ער שטאַרקער פון זיין ברו־דער געשפּירט דעם „גרינעם אנטיסעמיטיזם", ווי ער האָט דאָס אָפּלאַכן פון יידן מצד די ניט־יידישע סטודענטן אָנגערופן. מיט זיין עלטערן ברודער האָט ער זיך גאַנץ אָפּט ארומגעקריגט, ווען יענער האָט אים מיט חוזק אויפגעוויזן אויף דער יידישער עקשנות אויפצוהאַלטן דאָס, וואָס איז פאַר־משפּט געוואָרן צום אונטערגאַנג. דער היפּוך פון זיין ברודער איזידאָר, וואָס האָט ליב געהאַט ארויסצואווייזן זיין קענטעניש און זיינע בליקן אויפן לעבן, איז מאָזעס לוריא געווען אַ פאַרמער־טיפּ — ניט באַריידעוודיק, פאַרשלאָסן אין זיך אַליין. אין געזעלשאַפט, ווען מען האָט ארומגערעדט אלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען, האָט ער ליב געהאַט צו זיין אַ צו־הערער. זעלטן, ווען ער האָט זיין מיינונג ארויסגעזאָגט. אָבער ווען ער האָט יאָ גערעדט — האָט מען זיך צו אים צוגעהערט. אומצופרידנקייט איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער. ניט מער, וואָס זיין פאָטער האָט געוואוסט די סיבות פון זיין אומצופרידנקייט, און האָט צו די עלטערע יאָרן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד פאַר אַ פאַטאַלן טעות, האָט דער זון, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אמעריקע, ניט געקענט פאַרקניפּן זיין בענקשאַפט מיט דער אַלטער היים, פון וואַנען די לוריאס זיינען געקומען. נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען עס זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז אין סאָוועטרוסלאַנד באַזעצט די רעגירונג

יידן ביי דער ערד, און עס בויען זיך קאָנצענטרירטע יידישע ישובים ביי דער ערד — האָט הילל לוריאַ אַין דעם געזען ווי זיין יוגנט־חלום ווערט מקוים; און זיין עלטערער זון ד'האָט אין דעם געזען דעם אָנהויב פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, וואו עס וועט דאָס יידישע פאָלק זיך אויפלייזן. אָבער מאָזעס לוריא האָט מיטן געדאַנק ניט געקענט פאַרבינדן זיינע האָפע־נונגען דאָ אין לאַנד מיט די געשעענישן אין טאַטע־מאַמעס אלטער היים.

ער האָט אַ סך מאָל אויסגעהערט געדולדיק דניאל לוריאס זון, דזשייקאָב לוריאַן, וואָס איז ווי זיין פאָטער געווען איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן דעם ציוניסטישן געדאַנק, און האָט בשום אופן ניט געקענט ארויס־זען די ווירקונג, וואָס ארץ ישראל וועט האָבן אין דער נאָענטער צוקונפט אויף דער יידישער וועלט. ביי די רודמאַנס האָט ער אַ סך מאָל געהערט האַרבע רייד וועגן דעם צווייטן דור יידן, וואָס זיינען ערגער ווי אנטיסע־מיטן: — מחמת, דער אַנטיסעמיטיזם ווערט גענערט פון בלינדער שנאה צו יידן, און די יונגעלייט און מיידלעך, קינדער פון גרינע טאַטע־מאַמע, זיי האָסן אַלץ וואָס האָט אַ יידישן פנים, און דאָס איז אַלץ צוליב דער קול־טורעלער פוסטקייט מיט וועלכער זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט.

ער ד'האָט גוט איבערגעטראַכט אַטאַ־דאָס וואָס ברכה רודמאַן האָט אים איינמאָל אריינגעזאָגט, אַז איר אַרט ניט אויב פון די זעכצן מיליאָן יידן איבער דער וועלט וועלן גאַנצע צען נעמען און ווערן גוים, אבי די זעקס מיליאָן געבליבענע יידן וועלן האָבן אַ נאַציאָנאַלע צורה. ער האָט אויך גוט באַנומען איר ברודער פנחסעס פלאַן — אַז נאָך איצטער זאָלן יידישע יונגעלייט זיך נעמען צו פאַרווירקלעכן דעם „עם עולם״ געדאַנק, וואָס האָט קיין אמעריקע געטריבן אינטעליגענטע יונגעלייט מיט איבער פערציק יאָר צוריק. אין אַ צייט פון ספקות און טיפע אומצופרידנקייט ווי מענטש און ייד, איז אויף זיין וועג אים אָנגעלאָפן, פריער מיט באַ־שיידנקייט, און איצטער מיט יוגנטלעכן אימפעט, די יונגע, בלאָנדע עלווירא ווילסאָן.

עס טוט אים אַ שלאָג אַ געדאַנק אין קאָפּ:

— איר פאָטער איז אַ באַרימטער כירורג, אַ מענטש מיט אַ פאַרצווייג־טער טעטיקייט אין דער מעדיצינישער וועלט צו וועלכער איך אליין דער־נעענטער זיך. אין אַ יאָר אַרום קריג איך מיין דיפּלאָם. אַ, ווען איך קען זיין שטיצע קריגן!

ער האָט נאָך אַמאָל גענומען דאָס בריוול מיט בליישטיפט געשריבן, און אָנגעהויבן באַטראַכטן אַ פּלאַן ווי אזוי צו באַגעגענען דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער.

— אויב זי האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר מיט אַ וואָך צוריק, דאַרף איך אָפּענטפערן. זי איז שוין ניט קיין קינד. מ'קען מיט איר רעדן ווי מענטש צו מענטש.

דעם אייגענעם אָוונט האָט ער טעלעפאָנירט צו דאָקטאָר ווילסאָנען, און עלווירא איז פונקט געווען ביים טעלעפאָן. ער האָט געהערט איר שטים, און געשפּירט די פרייד אין איר שטים. ער האָט געפרעגט, וואו זי וואָלט וועלן אים באַגעגענען, האָט זי קיין איבעריקע רגע ניט געטראַכט און אָנגעבאָטן קומען צו אים.

— וואַרט אויף מיר, אין עטלעכע מינוט אַרום פֿאַרלאָז איך די שטוב.

אים האָט אויסגעוויזן, ווי עלווירא ווילסאָן איז די גאַנצע צייט געווען ביים טעלעפֿאָן, געוואַרט, טאָמער וועט ער אָנקלינגען. די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט געפּרוּווט טרעפֿן ווי זי וועט זיך דערהאַלטן, און וואָס זי וועט אים זאָגן.

— איך וויל בלויז נאָך אַמאָל פֿון נאָענטן א קוק טאָן אויף איר, און ניט מער.

אָבער עלווירא ווילסאָן איז ווי א שטורעם אָנגעקומען און געוואָרפֿן זיך אים אויפֿן האַלדז, ווי איינע וואָס איז אַ צייט פֿון איר געליבטן געווען געשיידט, האָט זי געצייטערט אין זיינע אָרעמס.

— אָ, ווי איך האָב דיך געגאַרט צו זען! די וואָך צייט, זינט איך בין געווען ביי דיר, האָט זיך פֿאַר מיר ווי א אייביקייט געצויגן. ווער ביסטו, וואָס האָט אַזוי מיין גאַנץ לעבן איינגעכאַפּט? ווער ביסטו? — האָט זי אים אויסגעקושט יעדן ווינקל פּנים.

זי איז געבליבן זיצן אויף זיינע קני, אַרומגענומען מיט דער רעכטער האַנט זיין קאָפּ. איר בויגיקער גוף האָט געאָטעמט מיט יוגנט און וואַרימקייט.

— פֿון דיר שמעקט מיט פֿעלד, מאַו, — האָט איר שטים ענערגיש געקלונגען — איך ווייס וואו דו ביסט געוואַקסן. אין דיר איז קענטיק די פֿעלזיקע געגנט. אָ, איך וואָלט שטענדיק גרייט געווען אויפֿצוגעבן ניו־יאָרק; איך וואָלט זיך געביטן, אימעצן אָוועקגעשענקט ניו־יאָרק, און אליין אַוועק לעבן אין פֿרייען פֿעלד. האָ, פֿאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרניט, מאַו?

— איך האָב ניט וואָס צו זאָגן, מיס ווילסאָן — האָט ער מיט א מידער שטים געענטפֿערט — דו ביסט געוויס ווערט, מענער זאָלן דיך ליב האָבן. אָבער איך, צי האָב איך פֿאַרדינט, אז מיס ווילסאָן זאָל מיך וועלן אַרויסנעמען פֿון מיין פֿאַראיינזאַמטן ווינקל?

— פֿאַרוואָס אַזוי סאַרקאַסטיש, מאַו? מיינסט עס אוודאי ניט. פּונקט ווי יעדע מיידל איז באַרעכטיקט צו פֿאַרלאַנגען, אז דען מאַן, וואָס איז איר באַשערט, זאָל זי דערקענען און אָוועקגעבן דאָס, וואָס עס קומט איר, אַזוי איז יעדער מאַן באַרעכטיקט צו וואַרטן, אַז די פֿרוי, וואָס איז אים באַשערט, זאָל קומען און אים ברענגען איר גאַנצע ליבע, וואָס זי וואַרימט אין איר בלוט.

— דו ביסט ניט אַבי־ווי א מיידל, און איך בין ניט אַבי־ווי א מאַן. דו ביסט עלווירא ווילסאָן, א טאָכטער פֿון א פּולבלוטיקן יענקי, און איך — אַ זון פֿון אַ יידישן פֿאַרמער, וואָס האַלט זיך אויף אין די ווינקלען פֿון לעבן. דו, א קינד פֿון אַ גרויס פֿאָלק; איך — אַ קינד פֿון א פֿאַרהאַסט פֿאָלק.

— אָ, צוליב וואָס מאַכסטו דעמדאָזיקן פֿאַראַלעל? ווער דאַרף עס? דאָס לעבן? די ליבע?

— איך קען דיך אַזוי ווינציק, עלווירא. דו ביסט יונג און פֿול מיט לעבן, פֿאַרשטיי איך ניט, וואָס דו האָסט אין מיר דערזען. געוויסע פֿליכטן, וואָס דו האָסט צו זיך אַליין, צו דיין געזעלשאַפֿט, דאָס דאַרפֿסטו ניט פֿאַרזען.

עלווירא האָט זיך געטוליעט צו אים. נאָך דעם בלוטיקן אויפברויז, האָט אַ קעלט אַרומגעכאַפּט איר גאַנץ וועזן. זי האָט זיך געגוויטיקט אין אַ כוח, וואָס זאָל זי דערוואַרימען. מאָו לוריא איז איר מיט זײַנע געפילן ניט אַנטקעגן געקומען. זי האָט פאַר אים אירע אָדערן אויפגעריסן, נאַקעטע געפילן אויסגעשפּרייט פאַר אים, און ער האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער באַמערקט עס ניט.

— וואָס פאַר אַ פליכטן האָב איך צו אימעצן, ווען עס קומט צו מײַן פּערזענלעכן גליק? זאָג מיר, מאָו, וואָס פאַר אַ פליכטן האָב איך צו דער געזעלשאַפט? וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט מיינסטו? איז דאָך מײַן פּאַ, דאָקטאָר ווילסאָן, מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געזעלשאַפט, און פונ־דעסטוועגן איז ער גרייט געווען, און איז נאָך איצטער אויך גרייט מאַכן דעם שריט, וואָס דיר איז עס באַקאַנט.

מאָו לוריא האָט אויפגעהויבן עלוויראַס קאָפּ און אַרײַנגעקוקט אין אירע אויגן. טרוקן זײַנען געווען די אויגן, מיט אַ טרוקענעם, בלוילעך־גרינעם פײַער האָבן די אויגן צו אים אַ פּיר געקוקט און אויפגעוואָרפן. ער אַליין האָט ניט באַרעכטיקט זײַן האַנדלונג. אוודאי דאַרף ער איר געדאַרפט צאָלן מיט דער אייגענער מאָס ליבע, ווי די, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. אָבער זײַן טיפע אָרנטלעכקייט האָט אים דיקטירט אַזוי ניט צו האַנדלען, און ניט נעמען בײַ דער ליבע דאָס, וואָס זי פאַרמאָגט ניט. עלווירא ווילסאָן איז געקומען צו אים און האָט מיט זיך ניט געבראַכט קיין שום באַריער. אַ מענטש איז געקומען. אַ מענטש צו אַ מענטשן. אַ פרוי איז געקומען צו אַ מאַן. ער האָט אין דער נאַטירלעכער רגע, ווען דאָס לעבן שטעלט פאַרן מענטשן אויף אַ וועלט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס פון צווישן פײַער און וואַסער אַרויסגעהויבן, דערשפּירט אין זיך דעם יידן, וואָס האָט פון זײַן בלוט די לעצטע צײַט דעם קאָפּ אַרויסגעוויזן.

— זײַ ניט אין כעס אויף מיר, עלווירא — האָט מאָו לוריא געגלעט איר בלאָנדן קאָפּ — איך ווייס ווי אָפּצושאַצן דײַן שריט. דו האָסט צו מיר דעם וועג געפונען. לאָז מיר, איך וויל צו דיר אַליין געפינען דעם וועג.

ער האָט געהערט ווי איר האַרץ קלאַפּט דהאַסטיק. זײַן האַרץ האָט אָפּגעענטפערט.

קאַפּיטל פופצן

די אינערלעכע וועלט פון מענטשן, כאָטש פאַרשלאָסן און אָפּגעהיט, ווערט גאַנץ אָפט אויפגעריסן און אָפּגעדעקט. עס קומט א דרויסנדיקער שטורם, וועקט אויף יאוש און אומצופרידנקייט, לעשט אויס די אייביקע זון און איר אינערלעכע אויסשטראַלונג.

צופיל איז דאָקטאָר לוריא געווען פאַרטאָן מיט זיין אינערלעכער וועלט, מיט זיין אויסגעקעמפטער יחידות, און מיט דער פילאָזאָפיע, אַז „וואָס איך טו פאַר זיך — טו איך אויך פאַר יענעם; און וואָס איך טו פאַר זיך — טו איך אויך פאַר מיין פאָלק". ער האָט זיך אָפּגעגעבן ערנסט מיט זיין דאָקטאָריע, ערנהאָפט זיך באַצויגן צו זיינע פּאַציענטן, וואָס זיינען צום גרעסטן טייל געקומען פון דער אָרימער יידישער גאַס. זיינע ניט-געלונגענע ליבעס אין די יינגערע יאָרן האָבן אים פאַרטריבן אין דער אינערלעכער וועלט אַריין, עס זיינען געווען צייטן, ווען ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט בלייבן אַן אַלטער בחור.

דערצו, האָט ער נאָכגעקוקט זיינע ברידער, זיין צווילינג-שוועסטער, און קלאָר ארויסגעזען ווי פאַר דעם באַוואוסטזיניקן מענטשן און יידן איז קינדער אויפברענגען דאָ אין לאַנד ניט קיין ברכה. דער נאַטירלעכער דראַנג פון מענטשן איבערצולאָזן נאָך זיך א „ממלא מקומו", א פאַרזעצונג, וואָס זאָל אויספילן דאָס ליידיקע פלאַץ נאָך אים, האָט ניט אויסגעזען גאָר נאַטירלעך פאַר דאָקטאָר לוריאן. דער דראַנג פאַרצוזעצן דאָס אייגענע לעבן דורך א צווייטן דור איז דער סוד און דער קוואַל פון לעבן. אָבער א ייד פון היינטיקן דור מיט אַ ראַדיקאַלן שכל איז ניט באַפרייט פון יסורים, נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז א ייד פון היינטיקער צייט, די צייט, וואָס וואָרנט: „זיי גאַנץ און שטאַרק. גיי ניט אויף קיין פשרות דאָרטן, וואו דער גרויל פון דיין פאָלק שטעקט אין קאָן."

— איז שוין בעסער ניט חתונה צו האָבן, און ניט באַשאַפן פאַר זיך די ביטערע פּראָבלעמען, וואָס בויערן דעם מוח און פּלאָגן דאָס האַרץ פון מאָדערנעם יידן.

פונדעסטוועגן האָט דער כוח פון לעבן גובר געווען. ווען די „ליכטיקע פערל דוביך", ווי מ'האָט זי גערופן צווישן אייגענע, האָט אים ווי א פעדערל אויפגעהויבן, אָפּגעריסן פון דער ערד, באַוויזן ווי נאַריש עס איז אַ מאַן, וואָס טרינקט אין די פילאָזאָפיש-דושנע-קעלערן, וואָס סקעפּטיקער האָבן אויסגעגראָבן אונטער די פיס פון די, וואָס „טאַנצן אָפּ די טעג פון זייער לעבן". — האָט דאָקטאָר לוריא נאָכגעגעבן. ער—פופציק; זי—איין און צוואַנציק. אַן אַנגעלעזענע אין דער פילאָזאָפיע אין די גריכישע און רוימישע סקעפּטיקער, האָט זי פונדעסטוועגן פאַרמאָגט א פאַרבאָרגענעם קוואַל פון

פרייד און לעבן. זי האָט דאָקטאָר לוריאס ד׳ אמותדיקע וועלט אויפגעריסן, אין די ערשטע פאָר יאָר נאָך דער חתונה האָט זי געזען, אַז דאָקטאָר לוריא זאָל „שניידן מיט געזאַנג דאָס, וואָס ער האָט געזייט מיט טרערן.״

דאָקטאָר לוריא האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט דאָס וואָס זי, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, האָט אים מיטגעפילט, און ניט געוואָלט נאָך דער חתונה, ער זאָל זיך ארויסציען פון דער „איסט־סייד״, — ווי עס האָבן אים שטאַרק געראָטן די רייכע מיטגלידער פון דער לוריא־משפחה. מען האָט אים געוואָלט, אלס חתונה־פּרעזענט, אויסשטאַטן א רייכן אָפיס ערגעץ העכער אין מאַנהעטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאָקטאָר, וואָס וויל פירן שטאַט. איז פּערל ארויסגעקומען און אויפגעוויזן, אַז איר אַליין איז ליב זיך אומצוקערן און לעבן אין די גאַסן, וואו זי האָט אירע קינדערשע יאָרן איבערגעלאָזן.

איז אָבער אָנגעקומען די צייט, ווען א פרוי הויבט אָן צו זוכן אין איר געליבטן, ניט נאָר דעם מאַן, נאָר אויך דעם העלד, וואָס לאָזט זיך אַוועק איינעמען וועלטן און אויף זיי ארויפצווינגען זיין מיינונג. פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אַסימילאַטאָרישע און נאַציאָנאַל־אויסגעשפּראָכענע שטרעבונגען, סאָציאַליזם און קאָמוניזם, יידיש און העברעאיש, סטרייקס און לאָק־אויטס, וואָס רירן אָן אויך די לוריא־משפּחה — האָט מען ביי דר. לוריאן אויף דעם געקוקט פון דערווייטן.

די לעצטע צייטן, ווען פריינט האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דאָקטאָר לוריאן און מ׳האָט ארומגערעדט די צעריסנקייט אין דער יידישער גאַס, מען האָט זיך אָפט געקריגט, איז ער געזעסן ווי א זייטיקער באָאָבאַכטער. זעלטן־ווען האָט דאָקטאָר לוריא ארויסגעזאָגט זיין מיינונג — וואָס דאָס איז געווען זיין טבע אין דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה. דווקא, ווען עס איז געקומען דאָס ערשטע קינד, א מיידעלע, האָט מען אָפטער אָנגעהויבן אַרומרעדן די פּראָבלעמען וועגן עלטערן און קינדער ביי יידן דאָ אין לאַנד. געווען מיינונגען, אַז אַ קינד דאַרף מען דערנענטערן צו די שטרעבונגען פון דער יידישער גאַס; מען האָט געשמועסט, אז די יידישוועלטלעכע שולן טוען אויף וואונדערלעכע זאַכן מיט די אַמעריקאַנער־געבאָרענע קינדער, אָבער דאָקטאָר לוריא האָט זיך אין די שמועסן אויך ניט באַטייליקט.

ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, ווען פּערל איז געוואָרן מער מאַמע, און אַליין אויסגעביטן אירע האַלב־פילאָזאָפישע פּראַזן אויף אויפריכטיקע מוטער־פּלאַפּלעריי וועגן חכמות פון קינד — איז זי אַליין געוואָרן אומגעדולדיק צו איר מאַן. זי האָט געזוכט א געלעגנהייט, ווען זי זאָל אים קענען אויפווייזן זיין טעות אין לעבן. זי האָט געזוכט אַ פּאַסיקע צייט אים אויפצואוואַרפן, פאַרוואָס ער באַטייליקט זיך ניט אַקטיוו אין קיין שום באַוועגונג. פּערל האָט וועגן דאָקטאָר לוריאס טיפער אָרנטלעכקייט ניט געצווייפלט. און זיין וועג אין לעבן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָט זי געפּראָוווט מיט איר געדאַנק איבערגיין מיט אים אינאיינעם נאָך אַמאָל, ווייל זי איז יונג געווען, און דאָקטאָר לוריא האָט זי באַגעגנט צום ערשטן מאָל ווען ער איז שוין געווען א פאַרטיקער, אַ פאַרענדיקטער מיט זיינע דערגרייכונגען, אויב אין דער ערשטער צייט איז דאָס געווען א געווינס

פאר איר — ד״האט שפעטער אנגעהויבן איר אויסצואוויין ווי א טרויעריקער פארלוסט. ס׳איז ניט דער גרויער קאפ זיינער, וואס האט צומאל ביי איר ארויסגערופן טרויעריקע געפילן, נאר דאס, וואס ער איז אין אירע אויגן געווען אן אפגעשלאסענער קאפיטל.

דאקטאר לוריא איז געקומען א מידער פון א שפיטאל, וואו ער איז געווען אן עדות, ווי זיינער א פאציענט, וואס האט געליטן פון א קאנ־סער, האט אויסגעהויכט דעם לעצטן אטעם, און געפונען זיין פערלען א פארוויינטע.

אים האט עס א קלאפ געטאן אין הארצן. זעלטן ווען ער האט זי גע־טראפן אין אזא טרויעריקן מצב. ער האט זי ארייגענומען אין זיינע ארעמס. געפארשט אין אירע טרויעריקע אויגן, און ניט געפועלט ביי זיך צו פרעגן — פארוואס זי איז אזוי נידערגעשלאגן.

פערל האט אים געבעטן, ער זאל ארויסקומען דרויסן:

— צופיל בין איך אליין, זכריה. איך מוז עפעס אנהויבן טאן. מיר פלאגט דער געוויסן, צופיל בין איך פארנומען מיט זיך און מיט מיין פער־זענלעכן גליק, ווען ארום אונדז איז פאראן אזויפיל אומגליק. צי ביסטו טאקע אזוי צופרידן מיט זיך?

דאקטאר לוריא האט געקושט איר שטערן, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן. ער האט זי אויפגעהויבן אויף די הענט און אנידערגעלייגט אויף דעם אפעראציאנס־טיש.

— וואס טוסטו, זכרידה? — האט זיך פערל ניט געוועדט.

— אויף דעם טיש האבן פרויען צו מיר א סך צוטרוי.

— א, זכריה, כ׳האב גארניט געוואוסט, אז דו ביסט אזוי סארקאסטיש. פארוואס ענטפערסטו מיר ניט דירעקט אויף דעם, וואס איך האב דיך געפרעגט?

— ווען איך זאל וויסן, אז פון דיר רעדט ארויס דיין אייגענער געוויסן, אפשר וואלט איך זיך געפילט שולדיק. ווייס איך אבער, אז פון דיר רעדט ארויס דער שטומער געוויסן, וואס פלאנטערט זיך אום צווישן מענטשן, און דא בין איך הילפלאז עפעס צו טאן.

— וואס מיינסטו מיט דעם שטומען געוויסן, זכריה?

— אט איז געווען א וועלט־מלחמה. ס׳איז נאך פריש אין אונדזער זכרון דאס גרויסע, בלוטיקע אומגליק. אין ניו־יארקער גאסן וועסטו נאך דערקענען שפורן פון יענעם בלוטיקן קאשמאר. יעדער איינער, מיט ווען מען האט גערעדט פון דער וועלט־מלחמה, האט ארויסגעוויזן זיין גרויסן פראטעסט, זיין צעפלאגטן געוויסן. נו, ווי נאר מען האט יעמאלט דער־קלערט וואפנשטילשטאנד, און שפעטער אונטערגעשריבן א נישטיקן פרידן, האט זיך אויפן ארט פון צעפלאגטן געוויסן ארייגעכאפט באפרידיקונג און פילאזאפישע רואיקייט. ווען ניט די סאציאלע רעוואלוציע אין רוסלאנד, וואס איז א רעזולטאט ניט פון געוויסן, נאר פון דעם ים האס, וואס האט זיך אנגעזאמלט ביי דער מענטשהייט אונטער די פיס צו די ה״ערשער פון דער וועלט, וואלט מען פון דער מלחמה שוין לאנג פארגעסן. מלחמה און פרידן גייען אזוי אינאיינעם ווי פייער מיט וואסער, לעבן און טויט. ס׳איז א נויטבאדערפטיקייט פון דער נאטור גופא. איצטער האבן מיר טאג־טעגלעך

אַ דערשיינונג ווי מענטשן ווערן פֿאַרוואונדעט ביי דער אַרבעט, קומען אום, אָדער בלייבן קאַליקעס אויף אַ גאַנץ לעבן; אויטאָמאָבילן פֿאָרן איבער הונדערטער און טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד, טויטן און מאַכן פֿאַר קאַליקעס טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד. די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט ביז איצטער, אין יעדער אָרדענונג וואָס זאָל ניט זיין, האָבן מענטשן קיין ווערט ניט געהאַט. נו, מיט אַמאָל איז דער שטומער געוויסן געקומען און האָט אַלע אומרעכטן, וואָס ווערן רעגוויַיז אָפּגעטאָן, אַלע פֿאַרברעכנס אַנט־קעגן מענטשנס לעבן וואָס די געזעלשאַפֿט גופֿא באַנייט, האָט מען גענומען און פֿאַרן געוויסן אויפֿגעהויבן דאָס לעבן פֿון צוויי מענטשן, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיט די צוויי הינגעריכטעטע איטאַליענער, סאַקאָ און וואַנצעטי. געדענקסט דאָך וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אונדזער לאַנד; אַפֿילו אין פֿראַנקרייך זיינען געווען דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם אורטייל. דער יושר פֿון דער וועלט האָט יעמאָלט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ! אמת, ס'איז ברוטאַל. דער אומשולדיקער טויט איז ברוטאַל. ס'איז אָבער די אַרבעט ניט פֿון ריינעם געוויסן, נאָר פֿון ערגסטן טייוול — צו פֿאַרטויבן אַפֿילו די געוויינען פֿון טויזנטער אַלמנות און יתומים, צו פֿאַרטויבן דאָס אומגליק, וואָס שפּרייט זיך דאָ אין די גאַסן פֿון האָדסאָן ביז צום איסט־ריווער. צוויי מענטשן זיינען געגאַנגען אומשולדיק צום עלעקטרישן טשער, אָבער אויסער דעם — איז אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג, כאַ־כאַ־כאַ.

פּערל האָט זיך אויפֿגעזעצט, מיטביידע פּיס אויפֿן אָפּעראַציאָנס־טיש, און מיט ברייט־פֿאַרוואונדערטע אויגן אַפֿיר געקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו די פּאָליצעס ביכער. אַלץ אין דער וועלט האָט זי געוואַרט פֿאַר אַן ענטפֿער, אָבער ניט דאָס, וואָס ער האָט אויף אַזאַ שניידנדיקן אופֿן פֿאַר איר אַרויסגעבראַכט. און נאָך אַ זאַך, וואָס האָט פּערלען צעטומלט — די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט מיט די אויגן אין ווינקל קעגן איבער.

— קום צו מיר — האָט פּערל אויסגעשפּרייט אירע הענט.

דאָקטאָר לוריא איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט נעבן איר, גענומען איר קאָפּ צו זיך, און שטיל געזאָגט:

— דו ביסט ייִנגער פֿון מיר, ביסט קליגער פֿון מיר. אַ שאָד, וואָס דו דאַרפֿסט מיר נאָכגיין.

— ניין, זכריה, איך פּרעטענדיר ניט צו זיין ייִנגער פֿון דיר. איך פּרעטענדיר אויך ניט צו זיין קליגער פֿון דיר. ניט מער, וואָס איך האָב מיין באַשיידענע דערפֿאַרונג פֿון לעבן; און דו — פֿון מאָמענטן, ווען דער מענטש איז אויף דער גרעניץ פֿון לעבן און טויט. מסתּמא האָסטו היינט עפּעס אויך געהאַט אַ טרויעריקע דערפֿאַרונג אין שפּיטאָל.

— אמת, איך זע צופֿיל דעם מענטשן אין זיין געפֿאַלנקייט.

— זאָג, צי האָסטו געמיינט אַלץ, וואָס דו האָסט פֿריער געזאָגט? פֿאַר־וואָס, זכריה, פֿאַרדריסט מיר איצטער, וואָס אין דיר זיינען עקשנותדיקער געוואָרן די אייגנשאַפֿטן צוליב וועלכע איך האָב דיך ליב געקראָגן? איז עס צוליב דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ מאַמע, און בין דורך אונדזער קינד פֿאַרקניפּט געוואָרן מיט דערווירקלעכקייט?

— איך צווינג, פערל, אויף דיר ניט ארויף מיינע מיינונגען. ווילסט זיך אנשליסן אן וועלכער עס איז ארגאניזאציע, קענסטו עס געזונטערהייט. מיר וועט עס הנאה טאן.

אויף דעם, האט מען אנגעקלונגען אין טיר. דאס שטוב־מיידל האט מודיע געווען, אז דאקטאר ווילסאן איז געקומען. ביידן האט עס ווי אויפגעוועקט פון א וויסטן חלום. דאקטאר ווילסאן איז געקומען און מיטגעבראכט זיין טאכטער עלווירא.

— העללא, דאקטאר, העללא, — האט דאקטאר ווילסאן געטראגן פארויס זיינע צוויי בלאסע, אויסגעוואשענע הענט — איך האב צו אייך געבראכט מיין טאכטער. העלפט איר ארויס מיט וואס איר קענט, כא־כא־כא!

עלווירא איז צוגעגאנגען, ארומגענומען פערלען, און טרויעריק אריבערגעקוקט צו די צוויי מענער.

— יעס, מיינע פריינט, — האט דאקטאר ווילסאן גוטמוטיק גערעדט — די מענטשהייט שטעלט אפטמאל אויף די פעדערן ווי א פאווע־דזשענטלמען. פונוואנען די גאווה צום מענטשן, וואס האט שוין פון איין זייט געהאט א מאזעס מיט א תורה, און א איוב מיט א שלמה המלך, און פון דער אנדערער זייט דעם אומטערטעניקן קריסטוסן?

די לוריאס האבן געקוקט צו דער טרויעריקער עלוויראן, און האבן ניט געקענט צוטרעפן ביי זיך אין געדאנק וואס דא איז פארגעקומען צווישן דעם בארימטן כירורג און זיין טאכטער. וואס האט אים אזוי אומגעריכט געבראכט צו זיי?

— יעס, דאקטאר לוריא, — האט דאקטאר ווילסאן ניט געווארט, מ׳זאל אים עפעס פרעגן — כ׳האב זי געבראכט צו דיר, דו זאלסט זי אביסל אויסשטראפן און שיקן צוריק וואוהין זי באלאנגט. ביז איך האב זיך ניט איינגעליבט אין א יידיש מיידל, האב איך יידן אנדערש פארשטאנען, און איצטער קומט מיר אויס צו בייטן מיין מיינונג.

— א, דאקטוירים, איר זייט נאאיווע מענטשן — האט פערל אנגעהויבן אומדערווארט, ווי איבערצושרייען אירע אייגענע געפילן — אוודאי, מיר פרויען האבן ליב א מאן, ער זאל זיין וויכטיק און אביסל קאמיש; מיר זאלן אים קענען פארערן און דאמינירן. מיר וויסן עס, אז אלע גרויסע פערזענלעכקייטן זיינען דאמינירט געווארן פון זייערע ווייבער, וואס זיינען געווען אויך זייערע מאמעס. איך וואלט עס פון דאקטאר לוריאן אויך געקענט מאכן, ווען איך וויל נאר, כא־כא־כא. נאר, דאקטוירים פערזענלעכקייטן, וואס זיינען פארטאן מיט זייערע הולאים, און איך וועל נאך צוגעבן, א כירורג ווי דאקטאר ווילסאן, וואס שטייט א גאנצן טאג ביי איינגעשלעפערטע מענטשן און שניידט פון זיי שטיקער — וואס פאר אמביציעס קענען אזעלכע מענטשן האבן אינערלעך אין זייער שטרעבן, הערשן צי באהערשן? איבער וועמען הערשן, איבער אן איינגעשלאפענעם און צעשניטענעם מענטשן?

— יעס, דאס איז דער מענטש, ווען ער ליגט ניט אויפן אפעראציאנסטיש, אפילו, ווען ניט אונטער דער אנעסטעזיע, איז ער היסטעריש און שרייט פון שלאף. ביי מיר זיינען נעכטן געשטארבן צוויי מענטשן אונטערן מעסער. גיי איך היינט ארום און טראכט, ווער האט מיר געגעבן רעכט צו

שניידן מענטשן און אָפּטמאָל זיי אומברענגען, קאַלעדזש און דיפּלאָמען? האָבן דאָך רעאַקציאָנערן אויך פון אימעצן דיפּלאָמען. דאָס איז דאָס אומגליק צווישן מענטשן, וואָס זיינען מיט אַלערליי דיפּלאָמען. א דיפּלאָם מיינט פון איצטער אָן און ווייטער — מעגסטו! דער לערער מעג פאַרטעמפּן די מוחות פון קינדער; דער דאָקטאָר מעג אוועקקוילען איבערגעשראָקענע, נאַרישע מענטשן; דער יוריסט, דער ריכטער, — זיי מעגן זאָגן ליגן און האַנדלען קעגן זייערע איבערצייגונגען; דער רעוורענד — צו רעדן אין נאָמען פון גאָט; און א יונג מיידל — א דיפּלאָם אויף צו חלומען אויף דער וואָר ביז צו דער חתונה, און מאַכן וואָר פון א שיינעם חלום נאָך דער חתונה, כאַ־כאַ־כאַ.

פערל לוריא האָט דאָקטאָר ווילסאָנען בלויז א פּאָר מאָל באַגעגנט. זי האָט געהאַט פון אים אַן איינדרוק, ווי פון א מענטשן, וואָס איז אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון זיין פּריוואַטן דערפאָלג. זי איז געווען פאַרחידושט צו הערן שיעור די אייגענע פילאָזאָפיע, וואָס מיט א ווייל פריער האָט דאָקטאָר לוריא ארויסגעבראַכט.

— לאָמיר אייך זאָגן, — האָט פערל צו זיך צוגעדריקט די פּאַרלאָרענע עלווירא — איך האָב מיט מיין מאַן אַרגומענטירט. איך זאָג, ס'איז פאַראַן אַ לעבעדיקער געוויסן ביי מענטשן, וואָס ליגט ערגעץ א באַגראָבענער, ביז עס טרעפט, ער רייסט זיך אַרויס און מאָנט זיינס. מיין מאַן מיינט, אז געוויסן בלייבט אייביק שטום. און דאָס, וואָס שרייט פון מענטשן אַרויס, איז גאָר אַ פרעמדע שטים. ניט אזוי, זכריה?

— איך בין אן אַלד־טאַימער און א גוטער קאָסמאָפּאָליט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן ערנסט געזאָגט — מיר האָבן זיך היינט צעקריגט, איך מיט מיין טאָכטער. כ'האָב באַשטימט, זי אָפּפירן צו אייך. כ'וועל אייך ניט שטערן. כ'מוז זיך אריינכאַפּן צו א פּאַציענט, וואָס גוססט אין שפּיטאָל. אַ גוטע נאַכט.

נאָך דאָקטאָר ווילסאָנס אומגעריכטן אוועקגיין איז אַנגעשטאַנען א שווערע שטילקייט. עלווירא האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף א שטול נעבן ביבליאָטעק, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן די ביכער, און שטיל געשלונגען די טרערן. די לוריאס האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט פאַרחידושטע בליקן, ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן.

דאָקטאָר לוריא האָט אָפּגעוואַרט א ווייל, איז צוגעגאַנגען, און היימיש געפרעגט:

— וואָס איז געשען, מיס ווילסאָן?

— לאָז עלוויראן קומען צו זיך — האָט פערל שטיל געזאָגט — ביי מיר איז טייער, וואָס צו אונדז האָט עס עלוויראן געצויגן. איך בין זיכער, אז דאָקטאָר ווילסאָן האָט נאָך זיין האַפענונג ניט אויפגעגעבן, אויב ער קוקט נאָך אַלץ אריבער אויף אונדזער זייט.

— די לעצטע צייט פאַרשטיי איך ניט מיין פּאַ — האָט עלווירא ווילסאָן זיך געמיט צו שמייכלען — דוכט מיר, ער זוכט אייער הילף. ער ווייס ניט, אַז אויך איך זוך אייער הילף. קען מען היינט אַהער פאַרבעטן מיס רודמאַן, אָדער דאָס איז שוין אַלץ א זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט?

ביי דאָקטאָר לוריאַן האָט מען געוואוסט, אז עלווירא ווילסאָן אליין האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט הילל לוריאס זון, און האָט צו אים קיין מזל ניט. די גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן „פאַרשאָלטענעם געוויסן" האָט ווי א נעפּל זיך אויפגעלייזט. דאָס לעבן גופא מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן האָט זיך אומגעריכט און נאַקעט אַנידערגעשטעלט און אויסגעלאַכט אלע אויפגע־בלאָזענע פילאָזאָפיעס.

— איך האָב געמיינט, אז דאָקטאָר ווילסאָן האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין ליבע, צום סוף גאָר...

— קומט זי צו איך, יוסטינע? — האָט עלווירא געפאָרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק זי האָט געמאַכט מיט איר קומען.

— בלייב דאָ נעכטיקן ביי אונדז — האָט פּערל זיך אָפּגערופן — מאָרגן וועל איך זי ברענגען אַהער.

— אָ, יעס, דאָקטאָר לוריא האָט מיר אַמאָל צוגעזאָגט צונויפצו־ברענגען מיט דער מיסיס לוריא, וואָס שטאַמט אָפּ פון קריסטן. איך וועל דאָ נעכטיקן, אויב איר וועט מיר צוזאָגן מאָרגן אונדז צונויפצוברענגען.

— וועסט מיר, מיס ווילסאָן, ענטשולדיקן — איז דאָקטאָר לוריא צו איר צוגעגאַנגען — פאַרוואָס האָסטו עס מיר ניט דערמאָנט? איך האָב שוין געקענט איך ביידן צונויפברענגען. זי איז א זעלטענער מענטש, און אַ זעלטענע פרוי. גוט, דו זאָלסט זיך מיט איר באַגעגענען. מאָרגן, פּערל, נעם און פאַרבעט אַהער ליליען־רות.

— איך וועל איך איצטער דערציילן דעם אמת — האָט עלווירא שעמעוודיק גערעדט — איך האָב היינט מיט מיין פּאַ געהאַט אַ קריג. איך האָב אים געהייסן, ער זאָל מיט מיר צופאָרן צו די רודמאַנס. איך וויים וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וואָלט געמאַכט אויף יענער פאַמיליע. ער קען זיי אפילו ניט. איך האָב ביי אים געוואָלט אויספירן, אז ער זאָל איבערראַשן מיט א פערזענלעכן באַזוך. נו, האָט ער געמאַכט דעם קאָמ־פּראָמיס, און האָט מיך אַהער געבראַכט. העלפט מיר אַנצוקניפּן צווישן זיי צוריק די פעדים, וואָס זיינען אַזוי אומגעלומפּערט צעריסן געוואָרן. איך האָף, איר וועט זיך שטעלן העכער פון אייערע נאַציאָנאַלע געפילן, אָדער נאַציאָנאַלן געוויסן. נאָך אַלעמען, זיינען מיר מענטשן. לאָמיר האַנדלען ווי מענטשן. איך ווייס, פּערל וועט ניט נעמען פאַר אומגוט, ווען איך זאָג עס.

זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן, ארומגענומען זיין קאָפּ, אים אריינגעקוקט אין די אויגן, און געפאָרשט:

— יעס, דאָקטאָר לוריא, איך בעט דיך, זאָלסט קומען צוהילף מיין פּאַ, דאָקטאָר ווילסאָנען. מענטשן זיינען מיר דאָך אַלע.

* * *

עלווירא ווילסאָן האָט גענעכטיקט ביי דאָקטאָר לוריאַן. אין דעם איז געווען גיכער אַ געפיל פון פאַרלאָרנקייט, וואָס האָט זי ארויסגעפירט פון איר אייגענער היים צום יידישן דאָקטאָר אויף דער איסט־סייד, גלויבנ־דיק, אַז דורך דעם וועט זי זיין נעענטער צו דער „יידישער מיסטעריע", וואוהין זי האָט געוואָלט איר לייב־און־לעבן אריינברענגען. אמת, יוגנט

האָט געפּלאָקערט און דעם וועג באַוויזן, יוגנטלעכער פייער איז פּאַראויס געגאַנגען און איר לעבן געפירט דורך אַ מדבר.

עלווירא ווילסאָן, זינט דאָס יידישע פאָלק איז פאַר איר ניט געווען מער א טעמע פאַר חוזקן און אָפּלאַכן, נאָר געוואָרן א גרויסער שטרויכלשטיין, ניט אַריבערצוגיין און ניט אויסצומיידן — האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין אַלטן טעסטאַמענט, און פאַרגליכן מיטן נייעם. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצושפירן די וועגן איבער וועלכע די יידישע ראַסע ד׳האָט געבלאָנדזשעט, און אויפן וועג פון בלאָנדזשען וועלטן איינגענומען און אויף זיי ארויף־געצוואונגען איר מאָראַל. עלוויראַן איז געפעלן געוואָרן יידנס וואַנדערן דורכן מדבר, מיט דעם פלאַם־פייער, וואָס האָט פּאַרויס געברענט און געוויזן דעם וועג. „עד היום וואַנדערט עס נאָך מיט אַ פלאַם־פייער פּאַרויס — האָט עלווירא געטראַכט — דעריבער קוקן אַלע פעלקער פון דער ערד מיט אַזויפיל פאַרדאַכט נאָך דעם יידן זיין וואַנדערוועג״. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין און זיך דערגרונטעווען צום יידישן מהות, כאָטש אומדער־פאַרן און פרעמד איז איר געווען דער צוגאַנג צום יידישן מענטשן, וועמען זי האָט, מער מיט אירע געפילן ווי מיטן שכל, געוואָלט באַנעמען.

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ביי דער גרטע, ליליען־רות וועט זי דערגיין א סך; און אפשר וועט איר יענע אויפקלערן וואָס פאַר אַ קרבן זי באַדאַרף ברענגען צו מאַכן אַזאַ שריט. צוויי מאָל שטייט זי שוין פאַר דער רעטעניש, וואָס הייסט ייד. זי האָט גוט געוואוסט פון געמישטע חתנות צווישן יידן און ניט־יידן: מען האָט זיך באַגעגנט, איינגעליבט און חתונה געהאַט — פונקט ווי אנדערע דורכשניטלעכע ליבעס און חתונות. האָט עס אין פאַל פון יידן מיט ניט־יידן געטראָפן גליקלעכע און אומגליק־לעכע באַגעגענישן. געלונגענע און ניט־געלונגענע פּאַרן. זי האָט געהאַט אַ באַגריף וועגן דעם „שמעלץ־טאָפּ״, וואו אלערליי נאַציאָנאַליטעטן מישן זיך, קאָכן זיך אויס אין א באַשעפעניש, וואָס הייסט אַמעריקאַנער פאָלק.

אָבער אין איר פאַל האָט זי אַ ביישפּיל מיט איר באַרימטן פאָטער, אַ מענטש נאָך אין די מיטעלע יאָרן, שיין, געזונט, וואָס האָט זיך איינגעליבט אין אַ יידיש מיידל, און צוליב א קאָנפליקט, וואָס איז עלוויראַן גאַרניט פאַרשטענדלעך, האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעקערט פון איר פאָטער, דעם באַרימטן דאָקטאָר ווילסאָן. זי ווייס, אַז די רודמאַנס זיינען אָרימע מענטשן, עמיגראַנטן, וואָס האָבן באַדאַרפט טאַנצן פאַר פרייד, ווען אַזאַ גליק איז זיי אַנטקעגן געקומען. עס קומט איר אויס גאָר טראַגיש צו זען דעם גייסטיקן צושטאַנד פון איר פאָטער. פאַטאַל איז אין אירע אויגן איר פאָטערס באַגעגעניש מיט א יידיש מיידל, וואָס טראָגט הויך דעם קאָפּ, און „וויל ניט פאַרשאַכערן דעם שטאָלץ פון איר פאָלק״, ווי עלווירא פאַרשטייט עס.

און איצטער האָט געטראָפן דאָס אייגענע מיט איר. זי ד׳האָט זיך איינגעליבט אין אַ סטודענט, אַ זון פון אַ יידישן, אָרימען פאַרמער, וואָס, ווי איר דוכט זיך אויס, האָט ער געדאַרפט איר אַנטקעגן לויפן, אַנטקעגן איר טראָגן זיין נשמה און לייב־און־לעבן, צום סוף גאָר, ווען זי האָט אים געבראַכט גאָר איר ליבשאַפט, האָט ער איר דערמאָנט, אַז ער איז א קינד פון אַ פאַרהאַסט פאָלק.

— וואָס מיינט עס? — האָט עלווירא זיך אליין געפרעגט — זיינען עס צוויי יידישע פעלקער פאַראַנען? אָדער, איז עס אפשר א פאָלק אין אַ פאָלק? אין פאָלק רייסט זיך פון דער אייגענער הויט אַרויס, ביי יעדער געלעגנהייט גרייט דאָס אייגענע פנים אָנצואווערן; און דאָס אַנדערע, אָדער דאָס אינעווייניקסטע פאָלק — טראָגט אין בלוט פייער פון די פראָפעטן, וואָס איך האָב לעזנדיק די ביבל אויפגענומען.

דאָקטאָר לוריאס הויז איז געוואָרן פאַר איר א מין אינזל אין אן אויפ־געשטורעמטן ים. אין די לוריאס האָט זי דערקענט דעם יידישן און אייביקן חן, וואָס זי האָט צווישן די שורות ארויסגעשעפּט לייענענדיק מגילת רות.

פערל לוריאן איז ניט שווער אָנגעקומען אריבערצוברענגען צו זיך דניאל לוריאס פרוי, די גרטע ליליען־רות. זי האָט איר אין טעלעפאָן דערציילט וועגן עס וויל זיך באַגעגענען מיט איר, און האָט איר אויך דערציילט וואָס פאַר אַ זעלטענעם כאַראַקטער עס פאַרמאָגט די פּערזאָן מיט וועמען זי וועט זיך באַגעגענען.

ווען ליליען־רות איז געקומען, האָט פערל זי צונויפגעפירט מיט על־וויראן, אריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער, זיך ענטשולדיקט דהלמאי זי קען ניט פאַרברענגען מיט זיי צוזאַמען — באשר זי מוז אין ערגעצן צוגיין, און זיי געלאָזן אויג אויף אויג אליין.

עלווירא האָט אָנגעקוקט די באַיאַרנטע, שוין גרויע מיסיס לוריא, און מיטן געדאַנק דורכגעלאָפן מגילת רות, וואָס זי האָט נאָך ביינאַכט אין דאָקטאָר לוריאס אַ ביבל דורכגעלעזן.

— דיין נאָמען איז ליליען־רות... מען האָט מיר דערציילט, אז דעם נאָמען גיט מען ביי יידן צו א קריסטן, אויב זי גייט איבער צום יידישן גלויבן, איז דאָס מיט דיר אזוי געווען? וועסט מיר ענטשולדיקן וואָס איך בין אזוי, אפשר איז דיר דערווידער, וואָס איך פרעג עס ביי דיר.

עלווירא וויל־סאָן האָט גענומען די הענט פון דער אזוי אומבאַ־קאַנטער פרוי, און געדריקט צו איר ברוסט:

— איך פיל מיך איצטער ווי איך שטיי פאַר אַ גרויסער געפאַר — האָט עלווירא ניט אראָפּגענומען די אויגן פון ליליען־רות — דערצייל מיר, דו לעבסט דאָך מיט יידן שוין אזויפיל יאָרן.

— שוין איבער פערציק יאָר, מיין טייערע, — האָט ליליען־רות רואיק געזאָגט — קוקנדיק אויף דיר, דוכט מיר, אז ערשט נעכטן איז עס געשען.

— זאָג מיר, דו ביסט איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן, צוליב וואָס האָסטו עס געטאָן, האָט מען עס פון דיר געפאָדערט?

— ניין, קיינער האָט עס פון מיר ניט פאַרלאַנגט; מיין רעליגיעזער געפיל האָט עס מיר אונטערגעזאָגט. איך בין געבאָרן איריש און בין געווען קאַטויליש.

— האָסטו קיין חרטה ניט?

— געווען פאַרשיידענע צייטן, — מיין טייערע. דאָס ערשטע קינד, וואָס איך האָב פון אים געבאָרן, איז געשטאָרבן. מיר האָט אויסגעוויזן, אז דאָס איז אַ שטראָף פאַר מיינע זינד. אָבער דאָס איז געווען אַזאַ געפיל בלויז. איך בין שוין ניט יונג, אַז איך קוק איצטער אויף צוריק, אז איך

באַטראַכט מיין וועג וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אינאיינעם מיט מיין מאַן, האָב איך ניט קיין חרטה וואָס איך בין איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן.

— פילסטו זיך יידיש?

— איך ווייס ניט, מיין טייערע. איך קען עס דיר ניט זאָגן, טאַקע דערפאַר, וואָס איך קען מיר אליין ניט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי איך פיל זיך. אָבער פאַר דער צייט, וואָס איך לעב מיט מיין מאַן, האָב איך אָנגע־הויבן א סך אַנדערש צו פאַרשטיין דאָס לעבן און די ווערטן אין לעבן צוליב וועלכע מענטשן זיינען גרייט א סך קרבנות צו ברענגען. איך בין געווען אן איינפאַך מיידל. אַ קינד פון אָרימע עלטערן. איך בין שוין געווען פאַרהייראַט ווען דניאל לוריא האָט מיך באַגעגנט. ער — א פעדלער, איך — אַ וועשין. יעס, מיין טייערע, איך שעם זיך דיר ניט צו דערציילן. אָבער דאָס לעבן איז א קאַלעדזש. איך בין דעמדאָזיקן קאַלעדזש דורכ־געגאַנגען און פון אים האָב איך אויף מיין אופן געלערנט. יעס, מיין טייערע, עס איז טרויעריק צו ריידן און דאָס דיר צו זאָגן, אין דיר שפּיר איך אייגן בלוט; אָבער איך מוז דיר זאָגן, אז די קריסטלעכע וועלט פאַר־שטייט ניט דעם יידן. די קריסטלעכע וועלט איז א סך, גאָר א סך שולדיק דעם יידן. מיין מאַן איז אַ ציוניסט. ער בלוטיקט פאַר זיין פאָלק. ער גיט אַוועק שטיקער פאַרמעגן צו העלפן בויען א יידישע היים אין פאלעס־טינע. איך בין גליקלעך וואָס ער טוט עס.

— מען האָט מיר דערציילט, אז דו האָסט צוויי זין, און דער עלטערער איז איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן צוליב זיין ליבע צו א מיידל. ווי האָסטו געפילט?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? געווען אַ צייט, ווען מיר האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס האָב איך אָפּגעצאָלט פאַר מיין זינד צו דער קאַטוילישער קירכע. בין אין האַרצן געווען צופרידן. מיין מאַן האָט מיר גאַרניט געזאָגט. ער האָט ניט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אז ער איז פאַנאַטיש, ווען איך אַליין האָב צוליב אים אַזאַ שריט געמאַכט. אָבער מיין יינגערער זון, איך בין גליקלעך, וואָס ער איז אַן איבערגעגעבענער ייד.

— איז דאָס יידישע פאָלק ניט קיין מיסטעריע אין דיינע אויגן? באַגרייפסטו עס?

— צייטנוויז דוכט מיר אויס, אז די יידישע ראַסע ליידט פאַר די זינד פון דער וועלט. צומאָל דוכט מיר אויס, אז אין דער יידישער ראַסע איז קריסטוס פאַרקערפּערט. וואָרום, שוין טויזנטער יאָרן, אַז מען יאָגט אים, מען פאַרפאָלגט אים, און פונדעסטוועגן, וואו ער קומט, זיצט ער פון אויבן־אָן.

— יעס, איך זע, אַז דו ביסט גליקלעך. דיין מאַן איז אַ עלטערער ברודער פון דאָקטאָר לוריאַן. ער מוז זיין א וואונדערלעכער מענטש.

ליליען־רות האָט געשוויגן. ווי אַן עלטערע, דערפאַרענע, האָט זי באַטראַכט די בלאָנדע, ליכטיקע עלווירא, און האָט זיך דערמאָנט אָן אירע יונגע יאָרן. בלאָנד און מיט בלויע אויגן איז זי געווען. געהאַט אַ מאַן א שיכור, וואָס האָט זי געשלאָגן און צוגענומען ביי איר די פאַר־דינסטן, וואָס זי האָט פון וועש וואַשן ארויסבאַקומען. ווי אַ מלאך פון

הימל איז ער צו איר אַראָפּגעפאַלן דער יידישער פּעדלער, א יונג, ברייט און הויך, יונג און שטאַרק, וואָס האָט מיט זיינע שוואַרצע אויגן זי דורכגעעגבערט ביים ערשטן אריינקומען. און דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס זיצט פאַר איר, א באַרימטן דאָקטאָרס א טאָכטער, וואָס באַגעגנט אוודאי יונגעלייט פון די ניט־יידישע העכערע פּענצטער, און צום סוף גאָר איז איר אָנגעקומען אַ ייד אויף איר וועג און פאַרשטעלט דעם וויטערדיקן גאַנג. ליליען־רות קען דעם יונגנמאַן, אין וועמען דאָס בלאָנדע מיידל וואָס זיצט איצטער לעבן איר, זוכט איר קעגנוואָרט און צוקונפט.

— יעס, מיין טייערע, איך קען דעם יונגנמאַן, וואָס האָט דיין לעבן אַזוי צערודערט. איך קען אים גוט. ער איז מיין מאַנס ברודערס א זון. מאָו לוריא... איך האָב אים זייער גערן — ווי איך האָב אין אלגעמיין גערן די לוריאס. עס איז מיר א וואונדער וואָס צווישן אייך קלעפּט זיך עס ניט. ער איז ניט קיין אַלטמאָדישער מענטש. א געבאָרענער דאָ אין לאַנד. א היינטיקער מענטש. אין מיין פאַל דאָט נאָך יעמאָלט געלעבט מיין מאַנס פאָטער, ישראל לוריא, א געטלעכער מענש איז דאָס געווען, וואָס איז פאַר דער צייט דאָ אין לאַנד געשטאָרבן. מיין מאַן האָט אים געוואָלט צוליב טאָן. איך אליין בין געווען גליקלעך, וואָס איך קען אויף זיך נעמען נאָך איין רעליגיע. אָבער איר בײדע, איך גלויב ניט, אַז זיין פאָטער זאָל אים שטיין אין וועג. געוויס וועט ער עס פון דיר ניט פאַרלאַנגען, דו זאָלסט איבערגיין צום יידישן גלויבן.

— ניין, עס איז טיפער. אמאָל, אין דיינע יונגע יאָרן, האָט אפשר רעליגיע געקענט שטיין אין וועג. דעם היינטיקן יידן, אויב ער וויל ניט איבעררייסן מיט זיין פאָלק, אים באַהערשט אַן אַנדער געפיל. דאָס איז ניט קיין רעליגיעזער, נאָר אַ נאַציאָנאַלער געפיל. זאָגסטו, אַז דו קענסט אים... אָ, יעס, איר זייט דאָך פאַרוואַנדטע.

— איך קלער, ווי אזוי איך וואָלט דיר געקענט העלפן — האָט ליליען־רות מוטערלעך געגלעט עלוויראַס האָר — איך בין דאָך אויך א פּרוי. איך ווייס ווי ווייט אַ פּרוי קען גיין, כאָטש היינטיקע מיידלעך זיינען ניט די, וואָס פאַר פערציק יאָרן!

— דו ביסט דאָך אזוי בראַוו געווען — האָט עלווירא געביסן אירע ליפּן, ניט צו באַווייזן אירע טרערן — דו ביסט בראַוו געווען. איך קוק דיך איצטער אָן און בין דיר מקנא, וואָס דו האָסט אַזאַ שריט געטאָן. דו האָסט צו דיין קאַטוילישער רעליגיע נאָך די יידישע אָנגענומען. אָבער וואָס זאָל טאָן א מיידל, וואָס איז גאָר אינגאַנצן ניט רעליגיעז?

א צייט זיינען די צוויי פרויען געזעסן און געשוויגן. עלוויראַן האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס, צוליב וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז ניט אָנגערירט געוואָרן. און ס'איז גאָר אוממעגלעך, אַז צווישן זיי זאָלן אָנקוועלן בשותפותדיקע געפילן, וואָס זאָלן באַלויכטן פאַר איר דעם וועג פון איר בלאָנדזשען.

עלוויראַן האָט אַ שלאַג געטאָן אין קאָפּ דאָס, וואָס די גרטע האָט איר געזאָגט, אַז די יידישע ראַסע ווערט באַשטראָפט פאַר די זינד פון דער ניט־יידישער וועלט. זי וויל זיך אין דעם אריינטראַכטן, און עס איז איר שווער צו באַנעמען. זי וויל ניט האָבן אַזאַ באַגריף וועגן יידן. ניט אין

דעם ליכט זעט זי דעם מאַן, וואָס האָט אַזוי קאַלט אָנגענומען איר אויפ־ריכטיקע רייד; און אויך ניט אין אַזאַ ליכט זעט זי דאָס מיידל, וואָס האָט איר פאָטער אָפּגעשטויסן פון זיך. זי פּרוּווט דערקענען אין דער גרטע די ניט־יידישע שטריכן. זי וויל אין איר שפּירן בלוט־קרובהשאַפט, ווי א קריסטין מיט א קריסטין דאַרפן זיך שפּירן, ווען אַזוי נאָענט פּאַרטרויט מען זיך ווען ליבע און לעבן, און קען עס ניט. צומאָל דוכט איר אויס, אַז די גרטע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ יידיש קינד, און ס'איז איר ניט געלונגען צו באַהאַלטן דאָס ניט־יידישע.

דאָס, וואָס דער יונגער ייד, מאָו לוריא, איז גאָר א קרוב צו דער־דאַזיקער גרטע, ווירקט, אַז עלווירא זאָל זיך שפּירן נידערגעשלאָגן. א סך, גאָר אַ סך האָט זי געהאַפּט פון דער איצטיקער באַגעגעניש. זי איז כמעט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, כסדר ארומגעטראַכט די דאָזיקע באַגעגעניש, וואָס זי וועט ביי דער גרטע פרעגן, ווען מ'וועט זיך באַגעגענען. אפשר איז אין דעם שולדיק דאָס, וואָס צווישן איר און דער גרטע איז אַזאַ אונ־טערשייד אין יאָרן. א מענטש פון א גאָר אַנדער וועלט און גאָר אַנדער צייט. כאָטש די גרטע זעט איר אויס ווי א מענטש מיט א סך דערפאַרונג אין לעבן. פון אָרימקייט געשטיגן צו רייכקייט אינאיינעם מיט איר מאַן.

— איך ווייס דיינע שווערקייטן — האָט ליליען־רות אַ באַזאָרגטע ווידער אָנגעהויבן — איך ווייס עס גוט. טראַכסט אוודאי, צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט איבערגיין צום יידישן גלויבן, אויב ער האָט מיך ליב געהאַט? אוודאי, ווען איך פאָדער דאָס פאַרקערטע, ער זאָל איבערגיין צום קאַטויל־ישן גלויבן, קען זיין, ער וואָלט נאָכגעקומען מיין פאַרלאַנג. אָבער איך האָב עס פון אים ניט געפאָדערט. פאַרקערט, די נייע וועלט, אין וועלכער איך בין דורך דעם נייעם גלויבן אריינגעבראַכט געוואָרן, האָט פאַר מיר אויפ־געעפנט טויערן פון גליק. עס איז אַן איבערלעבונג, וואָס נאָר א רעליגיעזע פרוי קען עס דערשפּירן.

— ליבע איז אויך א רעליגיע — האָט עלווירא שטיל געזאָגט.

— אָ, יעס, ליבע איז א רעליגיע, דאָס שטים איך איין. נאָר איך וויל זאָגן, אַז מיין פריי־ווילליקער איבערגיין צום יידישן גלויבן איז געווען פאַרבונדן מיט מיינע ליבעס געפילן. עס האָט זיך מיר געוואָלט ברענגען א קרבן, איך זאָל פאַר מיין ליבע באַלוינט ווערן. ס'איז א וואונדערלעכע איבערלעבונג. שווער עס איבערצוגעבן מיט ווערטער. איך ווינש עס יעדער מיידל, וואָס דהאָט ליב ערלעך און ערנסט, און זי זאָל אַזאַ קרבן באַדאַרפן ברענגען, ווען נאָר עס פאָדערט פון איר דאָס לעבן אליין.

— איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט — האָט עלווירא שטיל געזאָגט — הלוואי וואָלט איך געקענט איבערלעבן ווי דו ווילסט עס פאַרשטיין. דו האָסט זיך דערקליבן צום אינערלעכן קרייז, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי די יידישע פעסטונג, און האָסט אַהין דיין לעבן אריינגעוואָרפן. די יידישע ראַסע איז איצטער פלייש פון דיין פלייש און בלוט פון דיין בלוט.

— אייגן בלוט — האָט ליליען־רות זיך פאַרטראַכט — אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין.

עלווירא האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף דער גרטעס ברוסט און געשפּירט די וואַרימקייט וואָס האָט געצויגן פון איר פולן לייב.

— יעס, מיסיס לוריא — האָט עלווירא ווי פֿאַר זיך אַליין גערעדט— איך בין געוואַקסן פֿון קינדווייז אָן אָן אַ מוטער. אַליין האָב איך געזוכט אַרום זיך די געטלעכע וואַרימקייט, וואָס נאָר אַ מוטער פֿאַרמאָגט. און אַז איך בין אויסגעוואַקסן, אַ יונגע פֿרוי אויפֿן אָפֿענעם וועג פֿון לעבן, שפּיר איך מיר גאַנץ אָפּט אַליין. איך טראַכט פֿון דעם וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. פֿאַר ליבע דאַרף מען ברענגען אַ קרבן. וואָס שווערער דער קרבן, אַלץ מער באַלוינט מען פֿאַר דער ליבע. איך נעם עס מיר אַריין אין זינען, מיסיס לוריא... ענטשולדיק מיר, וואָס איך האָב דיך אַריינגעצויגן אין מיין ניט־געלונגענעם ראָמאַנס אַריין. אָבער פֿערל לוריא האָט מיר אַזויפֿיל גוטס וועגן דיר דערציילט. איך בין זיכער, דו וועסט עס ניט נעמען פֿאַר אומגוט.

די צוויי פֿרויען האָבן זיך געזעגנט. עלווירא איז פֿון דאָקטאָר לוריאן אַוועקגעגאַנגען אָרימער, ווי זי איז געקומען. אַ מידע, ווי פֿון אַ פֿרעמדער וועלט, האָט זי געצויגן צו זיך אַהיים.

קאַפּיטל זעכצן

ברכה רודמאַן איז אומגעקראָכן אויף אַלע פיר און מיט אַ נאַסער שמאַטע געווישט דעם אָפּגעקראַצבענעם, ברויען־רויטלעכן דיל. זי האָט זיך געפּלייסט ניט דורכצולאָזן קיין איין ווינקעלע, אַרונטער אונטערן בעט, און דאָרטן מיט כוונה געווישט ווי ווייט די האַנט האָט דערגרייכט.

— געזונט דיר שוין, ברכה — האָט די מוטער פון קיך אַריינגעשריען —וואָס צופיל איז אומגעזונט. ניו־יאָרקער שמוץ וועסטו ניט אָפּווישן.

ברכה האָט אויף דעם ניט געענטפערט און אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט. אַזוי דער פינפטער פרייטיק, וואָס ברכה קומט פריער אַהיים פון איר אַרבעט ביי לעאָנאַרד סטאָן אין שאַפּ, און אָן קיין שום הכנות לאָזט זי זיך אַוועק רייניקן דעם דיל, שייערן די מעשענע לייכטער, וואָס זי האָט אויף עלען סטריט געקויפט. האַנט און האַרץ אינאיינעם גייט זי די לעצטע צייט מיט איר עלטערן ברודער פנחסן. דריי יאָר צייט, זינט ער איז אַראָפּ פון שיף. ער ד'האָט געוואָלט תופס זיין און אָפּשאַצן די געווינסן וואָס יידן האָבן דאָ אין פרייען לאַנד זיך דערוואָרבן, און אויך די פאַרלוסטן וואָס דער ערשטער דור האָט דאָ געהאַט. מיט ברכהן האָט ער זייער אָפט געשמועסט, איר אויפגעוויזן, אַז די מאַראַלישע פאַרלוסטן וועגן איבער די מאַטעריעלע געווינסן, און אַז אפילו די זיכערקייט מיטן שטיקל לעבן וואָס יידן האָבן דאָ אין לאַנד, וועגט ניט איבער דעם גייסטיקן פאַרלוסט.

ברכהן איז אין קאָפּ אַריין פנחסעס אַ געדאַנק, וואָס ער האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַרויסגעבראַכט אין אַ משפחה קרייז: „דאָס ליכט פון נעכטן, אַז מען לעשט אויס, קען מען שפּעטער ניט אָנצינדן דאָס ליכט פון היינט. און אָן דעם ליכט פון היינט איז פינצטער דער מאָרגן״. זי האָט געווישט דעם דיל און די הענט זיינען נאָכגעגאַנגען אירע געדאַנקען.

פון קיך האָט זיך נאָך אַמאָל דערטראָגן דער מוטער שטים:

— געזונט דיר, ברכה. בעסער וואַש זיך אָרום, טו זיך אָן, צופיל אַבראַשטשאַעסטו דיין געדאַנק אויף זאַכן וואָס זיינען גאָרניט ווערט. קוקסט זיך ניט אַרום ווי דיינע יונגע יאָרן פאַרשווינדן און לאָכן זיך הינטער־אַרום פון דיר אויס.

דרויסן האָט געדיכט און שטיל געשאָטן אַ שניי, און ביים פאַלן ניט פאַרפעלט אָנצורירן די שויבן. ווייסלעך־גרוי ד'האָט דער פאַרנאַכט אַריינגעקוקט דורך די שויבן און דער מוטער איינגערוימט: „גיי, זאָג דיין טאָכטער, אַז דאָס וואָס דאָ האָבן מענטשן אָנגעוואָרן, האָט מען שוין לאַנג מיטן מיסט אַרויסגעפירט. זאָל זי, אַנשטאָט יידישקייט, בעסער איר יוגנט אָפּהיטן.״

די מוטער איז אריינגעקומען פון קיך, וואו זי האָט צוגעגרייט דעם מאָלצייט פאַרן מאַן און קינדער וואָס האָבן געדאַרפט קומען פון גאַס, און איז מיט פייכטע הענט געבליבן שטיין, באַטראַכט ברכהן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געעסקט מיטן רייניקן דעם דיל.

ברכה האָט געשפּירט דער מוטערס אָנוועזנהייט און האָט זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק.

— צו שפּעט צו ווערן פרום אין דער גליקלעכער אַמעריקע — האָט די מוטער גערעדט צו דער טאָכטערס געבויגענער פּלייצע — פרומקייט איז דאָ דאָס אייגענע ווי דער־אַ שניי, וואָס פאַלט און צעגייט. קיינער דאַרף עס ניט און קיינער מיינט עס ניט. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, טאָכטער, נעם זיך אין די הענט, גיב אכטונג, דיינע יונגע יאָרן זאָלן ניט אַוועק אַן אַ סל־יאָד הינטער זיך.

ברכה איז אויפגעשטאַנען פון דיל, מיט דער נאַסער שמאַטע אין דער האַנט, האָט זי אָנגעקוקט די מוטער, געוואַרט, די מוטער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? וואָס אודיוואליאעט דיר עס אַזוי וואָס די מאַמע מאַכט ניט קיין ווּזן פון פרומקייט? — האָט די מוטער גערעדט מיט פאַרשטיקטע טרערן — פרעג דיין טאַטן, וועסטו הערן וואָס ער וועט דיר זאָגן. ער האָט צער פון אייך, קינדער. ער גייט איין.

ברכה האָט דורך דער אָפענער טיר אריינגעוואָרפן אין קיך די נאַסע שמאַטע, אָפּגעווישט די הענט אָן פאַרטעך, און סאַרקאַסטיש געזאָגט:

— איך ווייס גוט, מאַמע, אז היגע פרומקייט שטינקט שוין פאַרפוילט. אויב איך באַגעגן דעם שבת אין אַ ריינער שטוב, איז עס ניט צוליב פרומקייט, מאַמע. דאָס רייניק איך פאַר זיך, פאַר פּנחסן, און אפשר פאַר אייך אַלעמען די שטוב, וואוהין עס האָט אַמאָל די מלכה שבת פאַרבלאָנדזשעט און אָנגעצונדן די נשמה יתרה ביים אָרימען יידן. ניין, מאַמע, זיי מיר ניט חושד, אַז איך בין דאָ פרום געוואָרן.

— איך רעד פון עפּעס אַנדערש, ברכה, און דו רעדסט פון עפּעס אַנדערש.. איך בין אַ מאַמע, און יעדער ניט פראַוועלנער טראָט וואָס איר מאַכט, רייסט עס מיר מיין האַרץ. און דו דערציילסט מיר אַ מעשה, פונקט ווי דו וואָלסט געקומען פון יענער וועלט.

ברכה האָט אָנגעקוקט איר מוטער, און באַשטימט, ניט אריינצוגייען מיט איר אין ווייטע ויכוחים. „אַלץ איז ביי זיי תכלית — האָט ברכה געטראַכט — מ׳וועט זיך, און אפילו די קינדער פאַרקויפן, אבי דאָס ביסעלע תכלית.״

די מוטער האָט ווי געאַנט וועגן וואָס איר טאָכטער טראַכט און האָט אויך באַשטימט אָפּצולאָזן דעם שמועס וואָס זי האָט מיט איר אָנגעהויבן. זי האָט נאָר באַמערקט:

— אויב דו ווילסט בענטשן ליכט, טוט עס מיר הנאה. וועסט שוין בענטשן פאַר דער מאַמען אויך, פאַר די אַלע יאָרן, וואָס דיין מאַמע איז געווען אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט קיין מענטש.

די האַרטקייט וואָס ברכה האָט אַרויסגעוויזן מיט אירע רייד צו דער מוטער, האָט געד־האַט דעם אָפּשטאַם פון אַ שמועס צווישן דער מוטער מיט דער עלטערער טאָכטער, וואָס ברכה האָט אונטערגעהערט. יוסטינע, וואָס

איז ווי דער שטייגער געשלאָפן מיט ברכהן אין איין בעט, איז מיט אמאָל אַוועק שלאָפן מיט דער מאַמען. ברכה האָט חושד געווען, אז יוסטינע האָט עפּעס דער מוטער צו פאַרטרויען. זי האָט פון דער מוטער געוואָלט אַרויסקריגן א מיינונג, און אויך א דערלויבעניש צו באַגעגענען נאָך אַמאָל דאָקטאָר ווילסאָנען. און ווי ברכה האָט פאַרשטאַנען, האָט איר די מוטער געהייסן זיין אַביסל פּראַקטישער.

יוסטינעס פאַרפאַלן ווערן אין די שפּעטע ביינאַכטיקע שעהן, האָט ברכהן אַרויפגעבראַכט אויף דעם פאַרדאַכט, אז זי באַגעגנט זיך ווידער מיט די ווילסאָנס. באמת האָט עס איר ניט געאַרט. ברכהן איז שוין איצטער קיין חילוק ניט געווען מיט וועמען איר שוועסטער וועט חתונה האָבן. זי האָט נאָר געגלויבט, אז די עלטערן וועט עס זיין ניט אזוי שטאַרק צום האַרצן, די טאָכטער זאָל אַוועק אין דער ניט־יידישער וועלט, דאָרטן פאַרפאַלן ווערן, און אפשר ווערן א שונא פון איר אייגענעם אָפּשטאַם. זי אליין האָט געדולדיק אויסגעהערט איר עלטערן ברודער פּנחסן, ווען ער האָט איר אין דער שטיל פאַרטרויט, אז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן א גרופּע יידישע יונגע מענטשן, א טייל שוין געבוירענע דאָ אין לאַנד, וואָס האָבן זיך פאַר־מאָסטן אומצוקערן צוריק דעם יידישן לעבן דאָס פאַרלאָרענע ליכט פון געכטן. ברכה האָט אליין ניט געגלויבט, אז דאָ אין לאַנד וועט זיך פאַר איר באַווייזן א ליכטיקער ווינקל אין לעבן, וואָס זאָל אויך באַלייכטן אירע אויסגעלאָשענע געפילן. ווען ברכה האָט מיט א פרום פּנים געבענטשט ליכט אין די לייכטער וואָס זי האָט געקויפט אויף עלען סטריט, האָט גאָלדע אָפּגעווישט א טרער. אין דעם האָט די מוטער געשפּירט — ווי די טאָכטער באַשטראָפט זי אויף אזאַ אומדערוואַרטעטן אופן.

— וואו, קלערסטו, איז יוסטינע? — האָט די מוטער איבערגעריסן די שטילקייט — האָסט מיט איר היינט גערעדט?

— איך רייד ניט מיט דעם, וואָס באַהאַלט זיינע געדאַנקען — האָט ברכה אָפּגעענטפערט, ניט קוקנדיק אין דער מוטערס זייט.

גאָלדע האָט חושד געווען, אז מיט דערדאָזיקער באַמערקונג האָט די טאָכטער אויסן געווען ניט די שוועסטער, נאָר אויף די מאַמע.

— פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ פאַרביסנקייט, ברכה? פון וועמען האָסטו עס געירשנט, פון דער מאַמען, צי פון טאַטן?

ברכה האָט א לאַך געטאָן און אויף דער מוטערס פראַגע ניט געענט־פערט.

מען האָט אָנגעקלונגען אין טיר. ברכה האָט געעפנט די טיר, און אָפּגעטראָטן אָן א זייט אריינצולאָזן די געסט.

יוסטינע איז געקומען און אריינגעפירט אונטערן אָרעם דאָקטאָר וויל־סאָנען, און ווען אריבער די שוועל — איז זי צוגעלאָפן, געקושט די מוטער און מיט פרייד מודיע געווען:

— אָט דאָס זיינען זיי, פיליפּ, די מוטער און מיין שוועסטער, וואָס וויל מיך אַרויסטרייבן פון שטוב, כאַ־כאַ־כאַ...

דאָקטאָר ווילסאָן האָט נאָכגעגעבן זיין טאָכטער, וואָס האָט אים גע־מוסרט, אז ער האַנדלט ניט ווי א מענטש פון היינטיקער צייט מיט דעם,

וואָס ער האָט זיך איינגעליבט אין אַ מיידל, זאָל זיין אַ יידיש מיידל, און אים גייט ניט אָן צו קענען נענטער אירע עלטערן, שוועסטער און ברידער.

— זי איז גערעכט, אויב זי פאַרדעכטיקט דיך אין אַנטיסעמיטיזם — האָט עלווירא ווילסאָן אריינגעטענהט אין איר פּאַטער — עלטערן, וואָס האָבן דערצויגן אַ קינד, ווילן שפּעטער וויסן, ווען דאָס קינד איז אויסגע־וואַקסן, וואוהין עס גייט פאַרפאַלן ווערן. ניט נאָר איצטער, אפילו ווען זי וועט שוין זיין מיט דיר אינגאַנצן, דאַרפסטו ניט פאַרגעסן איר אָפּשטאַם.

איצטער אַריבערטרעטענדיק די יידישע שוועל, ניט ווי אַ דאָקטאָר, וואָס קומט באַטראַכטן אַ חולה, נאָר ווי אַ חולה, וואָס קומט זוכן די רפואה, זיינען אים געקומען אויפן רעיון זיין טאָכטער רייד. ער האָט געשפּירט, אַז זיין טאָכטער איז געווען גערעכט. דאָקטאָר ווילסאָן איז צוגעגאַנגען, גענומען גאָלדעס הענט און אַ קוש געטאָן.

— איך האָף, אַז דיין מוטער קען זיך שוין צונויפרעדן אויף ענגליש — האָט ער אַריבערגעקוקט צו יוסטינען.

— זי פאַרשטייט אַלץ, פיליפּ — איז יוסטינע שטאַרק צופרידן געווען מיט זיין דהאַנדלונג — רייד וואָס דו ווילסט, זי פאַרשטייט. הלוואי קענסטו ריידן רוסיש, דאָס איז איר שפּראַך.

— און דו — איז דאָקטאָר ווילסאָן צוגעגאַנגען און געגלעט ברכהס רויטן קאָפּ — דו ביסט אַ ציוניסטקע, האָט מיר דיין שוועסטער איבער־געגעבן, אַ רעוואָלוציאָנערקע און ציוניסטקע. דאָס איז אינטערעסאַנט. איך האָב קאָלעגן פון דער פראָפעסיע, יידן, וואָס טוען אַ סך פאַר דער ציוניס־טישער באַוועגונג. ס'איז אינטערעסאַנט. אַ פאָלק אָן אַ היים וויל אויפ־בויען צוריק די צעשטערטע היים פון פאַר צוויי טויזנט יאָר. כאָטש איך אליין פאַרשטיי עס ניט גוט.

ברכהן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אריין שפּירנדיק זיין האַנט אויף איר קאָפּ. זי האָט אים גוט געדענקט פון דער באַגעגעניש אין שפּיטאָל, ווען איר עלטערער ברודער איז אָפּערירט געוואָרן. זי האָט יעמאָלט פון דאָקטאָר לוריאַן געהערט, אַז דאָקטאָר ווילסאָן איז אַ באַרימטער כירורג. איר איז יעמאָלט ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז ער וועט נאָך אַמאָל פאַרבלאָנדזשען צו איר אין שטוב צוליב דער עלטערער שוועסטער גאָר. אַ געווירבל פון מחשבות זיינען אָנגעלאָפן און פאַרשוואונדן. דווקא איצ־טער ווילט זיך ברכהן זיין העפלעך צו דער שוועסטער, און זי ווייסט ניט ווי אזוי אָנצוהייבן. אוודאי וואָלט כדאי געווען נאָטירלעך אַ לאַך צו טאָן, ארויסווייזן אַ פריינטלעכן פּנים צום באַרימטן גאַסט וואָס איז מיט איר שוועסטער געקומען, און זי ווייסט ניט ווי אזוי עס אָנצוהייבן.

ברכה האָט באַמערקט אין דער מוטערס פּנים — ווי דאָס גליק פינקלט פון די שוואַרצע אויגן ארויס; ווי זי וואָלט פון זיך מיט אַמאָל אַראָפּגע־וואָרפן אַ שווערע משא, וואָס מען האָט אויף אירע פּלייצעס אָנגעלייגט.

— זאָג דעם הער דאָקטאָר — האָט די מוטער זיך געווענדט צו יוסטי־נען — אַז ער איז אין אַ יידישער שטוב, אין אַ שטוב פון טאַטע־מאַמע, אַ שאָד וואָס דער פּאָפּאַ האָט זיך פאַרשפּעטיקט און די קינדער זיינען נאָך ניטאָ. איך האָב אַלץ געטראַכט ווי אזוי איך קען האָבן דעם טשעסט דאָ אים צו באַגעגענען.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט זיך צוגעזעצט און לאַנג אָנגעקוקט די מוטער, וואָס האָט צו דער טאָכטער גערעדט אויף רוסיש. ער האָט קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, אָבער פון דער מוטערס פּנים האָט ער אָראָפּגעלייענט איר צופרידנקייט, באַמערקט דעם גליקלעכן פייער אין די שוואַרצע אויגן. ער האָט איצטער באַמערקט — ווי שטאַרק יוסטינע איז געראָטן אין דער מוטער. כאָטש פון דער מוטערס האָר בלייכט זיך שוין אַרויס דער גרוי, אָבער די אויגן זיינען נאָך פול און ליכטיק. אַ יוגנטלעכער פייער האָט אָנגעצונדן אירע אויגן מיט זיין קומען.

— וואָס מאַכט מיין אַמאָליקער פּאַציענט, דיין עלטערער זון? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון גאָלדען — יעס, יעס, איך וואָלט שטאַרק געוואָלט זיך דורכרעדן מיט דיין מוטער. האָב איר געוואָלט דערציילן וואָס פאַר אַ טרויער דו האָסט אין מיר אויפגעוועקט מיט דיין קומען און אַנטלויפן פון אַ מאַן, וואָס האָט קיין פרייע מינוט ניט פאַר זיך, און פונדעסטוועגן האָט ער געפונען לאַנגע שעהן פונדיינעטוועגן. איך ווייס, אַז דיין מוטער איז אַ געלערנטע און אַ שטאַרק אויסגעפּראָוווטע, פונדעסטוועגן האָף איך מיט דער צייט אָנווייזן אויף דעם פאַטאַלן פעלער וואָס איר פאָלק באַגייט מיט דער איינגעשפּאַרטקייט צו וועלן אונטער אַלערליי אומשטענדן בלייבן דאָס וואָס מען איז געווען. דער יידישער ביישטייער צום אַמעריקאַנעם פאָלק, איך בין אויסן דעם בלוט און פלייש ביישטייער, דאַרף זיין אַ גאָר נאַטירלעכער, ווי עס איז ביי די מיטגלידער פון אַנדערע נאַ־ציאָנאַליטעטן וואָס האָבן אַהער אַריינגעוואַנדערט. יעס, יוסטינע, דו וועסט זיי איבערגעבן אונדזער שמועס. איך בין גליקלעך, וואָס איך קען נעענטער אָנקוקן דיין מוטער און דאַנקען פאַר אַזאַ טאָכטער, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר ווילסאָן איז צוגעגאַנגען, גענומען גאָלדען פאַר ביידע הענט און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן:

— עס פאַרדריסט מיך פאַרוואָס איך האָב ביז איצטער ניט אַריבער־געטראָטן אייער שוועל. ס'איז אַזאַ אָנהויב. אַ גליקלעכער אָנהויב. די פליכטן יאָגן מיך. עס וואַרט אויף מיר אין אַ שפּיטאָל אַ גאַנץ ערנסטע אָפּעראַציע. וועל דאַרפן אַ יונגער פרוי, וואָס איז נאָר וואָס געוואָרן אַ מאַמע, אויפעפענען איר שאַרבן און אַריינקוקן אין אירע געהירן — גוד־באַי, מיינע טייערע. זיי גוט צו דיין מוטער, יוסטינע... און דו, רויט־האָריקע — האָט ער געדריקט ברכה'ס האַנט — מיין עלווירא רעדט אַ סך וועגן דיר. קום אַריבער צו מיר אינאיינעם מיט דיין שוועסטער, ענטשול־דיקט.

ער האָט אַרומגענומען יוסטינען, אָן ווערטער מיט איר זיך געזעגנט, און אַרויס פון שטוב.

יוסטינע איז מיט האַסטיקע טריט אַוועק אין צווייטן צימער, אויסצומיידן די בליקן פון מוטער און שוועסטער. איר איז ניט אָנגעקומען שווער צו באַגעגענען דאָקטאָר ווילסאָנען אויפסניי. עלווירא ווילסאָן האָט די לעצטע צייט ניט גערוט, איר איז געגאַנגען אין לעבן צונויפצוקלעפּן דאָס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן צווישן איר פאָטער און דער יידישער מיידל. זי האָט געזוכט אַ דערנענטערונג מיט די לוריאַס, און דורך זיי

— צו דער „יידישער מיסטעריע", ווי זי האָט דאָס יידישע לעבן אויף איר אופן באַנומען.

יוסטינע אַליין איז אויפסניי אויפגעריכט געוואָרן. פאַר די עטלעכע חדשים, זינט זי האָט באַשטימט איבערצורייסן מיט דאָקטאָר ווילסאָנען צו־ליב דער דערוואַכטער יידישקייט אין אַנגעזיכט פון אַנטיסעמיטישן אויס־ברוך אויף עלווירא'ס געבורטסטאָג — איז אין איר אַנגעשטאָנען שרעק און אומרואיקייט פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג. פון איין זייט: מעגלעכקייטן צו גרינג לעבן, העכערע געזעלשאַפט, באַקוועמלעכקייט און עקזאָטישע ליבע; און פון דער אַנדערער זייט: אָרימקייט, און צומאָל עלנט; פרעמדער געפיל צווישן אייגענע, אָן קיין שום ארויסבליק צו אַ מאָרגנדיקן טאָג, וואָס זאָל אַנטקעגן קומען און ברענגען איר גליק.

יוסטינע האָט זיך דערשפּירט אומהיימלעך אַליין אין דעם ניט־באַלויכ־טענעם צימער. איר האָט געחידושט וואָס פון אַנדערן צימער, וואו זי האָט געלאָזן די מאַמע און שוועסטער, דערטראָגט זיך ניט קיין שטים, ווי דער אומגעריכטער באַזוך פון דאָקטאָר ווילסאָנען וואָלט זיי דאָרטן ביידן שטום דערשלאָגן.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, און אריין אין ליכטיקן צימער. ערשט איצטער האָט זי באַמערקט די בענטש־ליכט אויפן טיש. די רויטלעכע פלעמלעך האָבן איר אַ בלענד געטאָן אין די אויגן און ווי אין רויטלעכן נעפּל האָט איר ברכה אויסגעזען.

— וואָס ביסטו אַזוי אודיוּוליאיעט? — איז זי אַריבערגעגאַנגען און געקוקט דער מוטער אין פּנים אריין — איך בין דיינע אַ טאָכטער, און וועל בלייבן דיינע אַ טאָכטער. איך קען מער ניט אומגיין ווי אויף יענער וועלט. ס'איז געווען אַ פּרעסטופּלעניע פון מיר אַזוי צו האַנדלען צוליב די באַלוואַנעס, וואָס איך האָב דאָרט באַגעגנט. זאָג מיר עפּעס, מאַמע, זאָג מיר עפּעס.

— איך ווייס ניט וואו איך בין אין דער וועלט, טאָכטער, צי דאָס איז אַ גרויס גליק, וואָס האָט זיך פאַר מיר באַוויזן און האָט מיך אַזוי צעטומלט, צי דאָס איז עפּעס אַנדערש. הלוואי זאָל עס זיין צום גוטן. ער זעט אויס צו זיין אַן אידעלער מענטש.

— ער איז אַ אודיוּויטעלנער מענטש! ווער האָט עס געבענטשט די ליכט?... ס'איז היינט פריטיק צונאַכטס... יאָ, דו, ברכה? דו האָסט עס געטאָן? איך זאָג דיר צו, ברכה, אַז איך וועל עס ביי אים אויך טאָן. איך זאָג דיר צו, ברכה.

— ווען גייסטו צו אים אינגאַנצן? — האָט ברכה מיט אַ געפּאַלענער שטים געפרעגט.

— ווילסט מיר אַ שטאָך טאָן, פרעגסטו עס — האָט יוסטינע ניט געקענט באַהאַלטן איר אינערלעכע פרייד.

— ניין, איך מיין גאָרניט מיט דעם. איך וויל נאָר ווייסן, ווען דו קלייבסט זיך חתונה האָבן מיט אים. דאָס אַלץ וואָס איך וויל ווייסן. און צי דו וועסט דיינע לייט אַמאָל פאַרבעטן צו זיך, וויל איך אויך ווייסן.

— ניין ברכה, ניט דאָס דאַרפסטו מיך פרעגן. אַזוי רעדט אַ וואָג, ניט קיין שוועסטער.

— איך בין דיר ניט קיין שונא. דו האָסט דיר דיין וועג אויסגעקליבן. דאָס איז דער וועג פון א סך, א סך דאָ אין לאַנד וואָס זוכן ביי די גוים דעם נייעם, ליכטיקן מאָרגן. מיר איז נאָך טייער און נאָענט דאָס ליכט פון נעכטן. איך ווינטש דיר גליק, יוסטינע. די מאַמע ווינטשט דיר אויך גליק. זאָג עס איר, מאַמע, זאָל זי פילן, אז מיר ווינטשן איר גליק.

ברכה איז געזעסן אָנגעשפאַרט אָן טיש, און די פלעמלעך פון די ליכט האָבן ליכט־פלעקן געוואָרפן אויף איר פּנים.

— זאָג איר עפּעס, מאַמע — האָט ברכה פון איר פלאַץ אריבער־געקוקט צו דער מוטער — זאָג איר וואָס א מאַמע שפּירט אין אַזאַ צייט.

—מיר גלויבט זיך גאָרניט, אז ער איז טאַקע נאָר וואָס געווען ביי מיר אין שטוב — האָט די מוטער שטיל געענטפערט.

יוסטינע איז מיט נערוועזישע טריט צוגעלאָפן צו דער מוטער און שטיל געוויינט און געלאַכט אויף דער מוטערס האַלדז.

ברכה האָט פון איר פלאַץ אריבערגעקוקט צו די גליקלעכע, בשעת דאָס „ליכט פון נעכטן" האָט מיט ליכט און שאָטן אויף שטיקלעך צעבראָקלט איר געזיכט.

* * *

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ניו־יאָרקער גאַסן זיינען געווען וואַך. געווען די געלעגנהייט, ווען דערוואַקסענע מענטשן ווילן זיך ווי קליינע קינדער נאַטירלעך און נאַריש אויפפירן. מען האָט אויסגע־קליבן א פּרעזידענט, וואָס האָט צוגעזאָגט, ניט נאָר איינצוהאַלטן די שפע וואָס פּרעזידענט קולידזש האָט אראָפּגעבראַכט צום אמעריקאַנעם גלויביקן מענטשן, נאָר ער האָט צוגעזאָגט די שפע פאַרגרעסערן כופל כפלים — „ממש געבראָטענע הינער וועט יעדער קבצן זיך פאַרגינען." דער מענטש, וואָס האָט אין די אייראָפּעאישע לענדער אומגעפירט דעם צדקה־וואָגן, געקאָרמעט די הונגעריקע פון נאָך דער וועלט־מלחמה — דער מענטש הערבערט הואווער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר פּרעזידענט. האָט די גאַס דעריבער ניט געוואָלט גיין שלאָפן.

דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן האָט פאַרנומען יוסטינען מיט זיך אין אויטאָ־מאָביל, באַוויזן איר דעם געזונטן כאַראַקטער פון א פאָלק, וואָס האָט נאָך ניט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די „קינדערשע מלבושים". ער האָט דעם שאָופער באַפרייט, און אליין געטריבן דעם אויטאָמאָביל. יוסטינע האָט זיך צו אים געטוליעט און איינגעהערט צו די רואיק־דורכגעטראַכטע ווערטער, וואָס ער האָט אויף איר זייט ארויסגעזאָגט. געווען שוין אַזוי איינגעפירט, אַז יעדן דריטן טאָג איז זי ארויסגעקומען צו אים אין אָפיס. געוואָרט ביז ער וועט זיך באַפרייען, און אינאיינעם איז מען ארויסגעגאַנגען עסן אָוונט־מאָלצייט. שפּעטער האָט ער זי אָפּגעפירט ביז איר הויז, און געבעטן לאָזן גריסן די היימישע לייט.

דאָס מאָל איז זי מיט אים פאַרבליבן ביז נאָך האַלבער נאַכט. געווען שווער זיך צו שיידן. ער האָט שוין צו איר וועגן אַלץ געredט. דערציילט פון זיין ערשטער פרוי און איר טרויעריקן כאַראַקטער, וואָס האָט אין לעבן קיין שום ליכטיקע רגע ניט געפונען. גערעדט פון זיין טאָכטער, פון זיין עלוויראַן, וואָס ווייזט צו אים אָפּט אַרויס פרעמדקייט, כאָטש ער האָט זי

ליב מער ווי א פאַטער האָט ליב זיין קינד. ער האָט אויך געפּרואווט ארויס־ברענגען דעם געדאַנק, אז אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועלן די געפילן צווישן עלטערן און קינדער שטאַרק אָפּגעשוואַכט ווערן, מחמת, די געזעלשאַפט וועט אַליין אַכטונג געבן אויפן יונגן דור, אים דערציען און פאַרזאָרגן מיט א תכלית. עלטערן וועלן זיך אָפּגעבן מיט זייערע פליכטן צו דער געזעלשאַפט.

— ניט אַלץ איז ביים מענטשן אין דער בעסטער אָרדענונג — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געריידט צו דער אנטשוויגענער יוסטינען — צופיל פליכטן האָט דער מענטש, וואָס צוליב זיי ווערט ער הינטערשטעליק: צופיל פליכטן צו זיין משפחה און צו דער געזעלשאַפט. פּערזענלעכע פרייהייט טרעט ער מיט די פיס.

— וואָס איז אַזעלכעס פּערזענלעכע פרייהייט? — האָט יוסטינע כלומרשט נאַאיוו געפרעגט.

— פאַר פּערזענלעכער פרייהייט באַטראַכט איך אויך ליבע אין איר ערשטער סטאַדיע, ווען צוויי ווילד פרעמדע מענטשן, מאַן און פרוי באַגעג־נען זיך, און איינער וויל אין דעם אַנדערן פאַרפאַלן ווערן. ווי ניט לאָגיש דאָס זאָל קלינגען, באַטראַכט איך פאַרט פאַר פּערזענלעכער פרייהייט דאָס, וואָס דו האָסט, ווי איך פאַרשטיי, קעגן דעם ווילן פון דיינע לייט זיך איבערגעגעבן א מענטשן וואָס דו האָסט ניט געקענט, און וואָס דו האָסט נאָך פאַר אים אביסל מורא. כאַ־כאַ־כאַ.

יוסטינע האָט מיטגעלאַכט. איר איז געפעלן געווען זיין פילאָזאָפיע. דאָס האָט געשטימט מיט איר אייגענעם קוק אויפן לעבן און אויף די פליכטן וואָס זי האָט צו אירע אייגענע. יוסטינען איז ליב געווען צו הערן זיינע רייד. זי האָט באַוואונדערט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד.

— האָסטו געגלויבט אַמאָל, אז דו וועסט זיך איינליבן אין א יידיש מיידל?

—איך האָב געגלויבט, אז איך וועל שוין אויף אייביק זיין פאַרקנסט מיט מיין פּראָפעסיע. נו, קען אַ מענטש ניט מאַכן קיין חשבון אָן באַלעבאָס. דאָס לעבן איז נאָר עפּעס ווערט, ווען מען האַנדלט נאַטירלעך, ווען מען ווישט אָפּ אָן א זייט די גרעניצן וואָס האָבן אונדזער לעבן געמאַכט פאַר א תפיסה. געווים ביסטו, ווי א יידיש מיידל, אין א גייסטיקער תפיסה געווען.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, פיליפּ?

— איך טראַכט וועגן די פאַרשיידענע קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָ־ליטעטן אין אונדזער לאַנד, וואָס האָבן זיך געפּרואווט ארומשטעלן מיט אַ נאַציאָנאַלן צוים. צוליב וואָס זאָלן עס מענטשן טאָן? ווער דאַרף עס? איך בין ניט קיין סאָציאַליסט, אָבער אויף אַזוי ווייט בין איך אינטער־נאַציאָנאַל, און באַנעם דעם אבסורד פון דעם איינגעשרומפּענעם נאַציאָנאַלן באַגריף. אוודאי איז אין דעם שולדיק פאַנאַטיזם. נאַציאָנאַלע אומטאָ־לעראַנץ. א, אמעריקע איז ניט נאָר דאָס לאַנד וואָס האָט פאַר דער וועלט ארויסגעגעבן איר דעקלאַראַציע וועגן מענטשלעכער אומאָפּהענגיקייט; דאָס איז אפילו ניט דאָס, וואָס דער יידישער שרייבער און דענקער, זאַנגוויל, האָט כאַראַקטעריזירט מיט דעם נאָמען: „שמעלץ־טאָפּ”. אזא באַגריף איז

גראָב, ברוטאַל. דאָ קומט פאַר א פּראָצעס פון איבערגעבוירן ווערן. יעס, מיין טייערע, דאָס איז עס.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט געפונען א פרייען פלאַץ פאַר זיין אויטאָמאָביל ניט ווייט פון טיימס־סקווער. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, און זיך נענטער ארויסגערוקט צו יוסטינען. ער האָט געטראַכט, צי יוסטינע ד'האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט מיט דער באַמערקונג וועגן איבערגע־בוירן ווערן. ער האָט גוט געדענקט יוסטינעס לויפן פון זיין שטוב, ווען די סטודענטן האָבן אין איר קעגנוואַרט זיך שלעכט אויסגעדריקט קעגן יידן. געוועזן מאָמענטן, ווען דאָקטאָר ווילסאָן האָט יוסטינען מיטגעפילט. „מענטש־לעכע ווערדע איז געוויס ווערט אָפּצוהיטן און צו פאַרטיידיקן, ווען עס קומט אויס צו פאַרטיידיקן.” איצטער איז זי ווידער מיט אים. זי אליין האָט איינגעוואָרפן דעם צוים, וואָס זי האָט מיט איר אייגענעם ווילן אויפגעשטעלט צווישן זיך און אים.

— פון וואָס טראַכסטו, יוסטינע?

— איך טראַכט פון דיין טאָכטער. צי וועט זי מיך ליב האָבן, פיליפּ.

— וואָס גייט דיר אָן, צי זי האָט דיך ליב, צי ניין?

— מיר וואָלט גרינגער געווען, ווען איך ווייס, אז זי באַטראַכט מיך ניט פאַר קיין קאָנקורענטקע, וואָס איז געקומען צוצונעמען ביי דיר די ליבע צו איר.

— איך האָב זי ליב ווי מיין קינד, ווי מיין איינציקע טאָכטער. וואָס נאָך קען זי וועלן פון מיר. דאָס וועט זיין געווענדט אָן איר אליין.

— אָ פרוי גיט זיך אָוועק דעם מאָן, א פרוי איז נאָר גליקלעך יעמאָלט, ווען זי קען זיך אינגאַנצן איבערגעבן דעם מאַן. און מיט איר האָט געטראָפן פונקט דאָס פאַרקערטע ווי מיט מיר? זי וועט מיט דער צייט דיך פיינט קריגן צוליב מיר. און עס קען געמאָלט זיין, אָז דער חשבון וועט זיך אויסגלייכן, פיליפּ. דו וועסט ביי יידן צונעמען א יידישע טאָכטער, און יידן וועלן ביי דיר צונעמען דיין טאָכטער, כאַ־כאַ־כאַ.

פיליפּ ווילסאָן האָט גענומען יוסטינעס קאָפּ אין זיינע אָרעמס און געשמעקט דעם ריח פון אירע שווארצע האָר. ער האָט גוט געהערט וואָס יוסטינע ד'האָט אים געזאָגט וועגן זיין טאָכטער. „זי וועט דיך פיינט קריגן” — האָט יוסטינע אים געזאָגט. ער איז נייגעריק געווען, יוסטינע זאָל וועגן דעם נאָך עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער ניט געפונען פאַר פּאַסיק נאָך אָמאָל איבערצופרעגן, זי זאָל אים אויפקלערן, פאַרוואָס עלווירא דאַרף אים פיינט קריגן. צומאָל טראַכט ער אויך וועגן דעם.

— איך קלער, מיין טייערע, מיט וואָס איך וועל קענען העלפן דיינע עלטערן. איך וויל זיי מיט עפּעס באַדאַנקען פאַר דער מתנה, וואָס זיי האָבן פאַר מיר אזויפיל יאָרן געהאַלטן.

יוסטינע האָט זיך אונטערגעהויבן, אים א קוש געטאָן, און גאָרניט געזאָגט דערביי. דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט דערמאָנט אירע עלטערן, ער האָט דערפילט איר אייגענע זאָרג וועגן אירע עלטערן. זי האָט געוואָלט, ער זאָל נאָך עפּעס רעדן וועגן דעם. ער האָט געפילט איר פאַרלאַנג, און ווידער געזאָגט:

— ס'איז פונדעסטוועגן ניט גאָר גוט, וואָס איך ווייז זיך ניט ביי זיי אין שטוב. איך מאָל מיר אויס וואָס דיין מוטער טראַכט וועגן מיר. זי ווירקט אויף מיין געוויסן. א מוטער... א מוטער איז ניט קיין פאָטער. איך וואָלט מיך גוט געפילט, ווען איך וויים, אז איצטער זיצט לעבן אונדז דיין מוטער, און מיט אן אויסדרוק פון גליק אין איר פיינעם פנים, שפרייט זי וואָרימקייט ארום אונדז. זאָג מיר, טייערע, וואָס קען איך טאָן זייער לעבן צו מאַכן באַקוועם?

— ס'איז ניט פאַר מיר צו מאַכן פאַר דיר א פּלאַן. איך קען ביי דיר גאָרניט פאָדערן. און טאַקע צוליב דעם, וואָס דו האָסט מיר פריער אויפגעקלערט, אז אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט דער מענטש זיך וואָס פריער באַפרייען פון משפחה־פליכטן. איך טראַכט וועגן דעם.

— ווילסט זיי האַלטן נאָענט צו זיך?

— מיר איז טרויעריק, ווען איך טראַכט, אז זיי וועלן צו מיר זעלטן, גאָר זעלטן קומען. און אפשר וועלן זיי גאָר אינגאַנצן צו מיר ניט קומען.

— פאַרוואָס?

—אַזאַ געפיל האָב איך.

— דאָס איז אומגערעכט.

— אָט זיינען זיי נאָך קיין איין מאָל ביי דיר ניט געווען.

— אדרבה, דערקלער מיר, ווי אזוי זאָל איך עס פאַריכטן?

א וויילע זיינען זייביידע געזעסן שטיל. יוסטינע האָט אומגעריכט דערשפּירט א טיפן טרויער, וואָס איז ווי פון אַרום אויף איר אָנגעקומען, און צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. זי האָט אויסגעשטרעקט איר רעכטע האַנט און אָנגעגרירט זיינע ליפּן. ער האָט מיט זיין גאַנצן גוף א ציטער געטאָן און זי טיפער אריינגענומען אין זיינע אָרעמס. „ס'איז פאַטאַל, וואָס דער שכל קומט אָן ניט געבעטענערהייט דווקא יעמאָלט, ווען די געפילן האָבן פאַר דיר דעם הימל אראָפּגעצויגן צו דער ערד, דיך אָפּגעריסן פון די ערדישע, אומגעלומפּערטע שטריק, וואָס בינדן דיר הענט און פיס.״ ער פילט אַליין, ווי ניט קלוג ס'איז געווען זיין פריערדיקע פילאָזאָפיע בנוגע די פליכטן פון קינדער צו עלטערן. ווען עס איז איצטער ניט אזוי שפּעט, וואָלט ער ענערגיש א טרייב געטאָן דעם אויטאָמאָביל, אוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן, אריין אין שטוב ווי אן אייגענער, נאָענטער, — ווי א קינד וואָלט ער ארומגענומען איר מוטער און געגעבן איר צו פילן, וואָס ער קלייבט זיך טאָן פאַר איר אין די קומענדיקע טעג פון לעבן.

יוסטינע האָט זיך ווי אָנגעשלאָגן אָן זיינע געדאַנקען, און שטיל געזאָגט:

— ווייסט, פיליפּ, אז א פרוי איז א סך מאָל שטאַרקער פון מאַן. זי איז נאָר ניט צוגעגרייט געוואָרן, זי זאָל מיט איר כוח אויפטאָן גרויסע זאַכן. עד, ווען זי וואָלט געקענט אויפטרייסלען די וועלט, ווי זי פאָרדינט עס! אָט קום איך פון א לאַנד וואו עס איז געווען א רעוואָלוציע. מען האָט קלאָמפערשט באַפרייט די פרוי, זי זאָל אירע כוחות פאַנאַנדערוויקלען און באַווייזן ווי אזוי מען בויט א נייע וועלט. און וואָס איז פון דעם ארויסגעקומען? דער מאַן האָט, ווי אמאָל און אין אלע צייטן, פאַרכאַפּט אַלע רעכט פאַר זיך. פאַרכאַפּט פאַר זיך דאָס פאַרמעגן פון די רייכע און

נאָבללייט, און אין דעם פאַרמעגן אריינגעכאפּט שוין די פרוי. זי איז דאָרטן אויך דעם מאַנס פאַרמעגן. יעס, דאָס איז איר שוואַכקייט. זי קען ניט פאָדערן, און ווייס ניט וואָס צו פאָדערן.

— פאָדער פון מיר וואָס דו ווילסט.

— ניין, איך קען עס ניט. איך באַדאַרף עס ניט. ליבע איז שטאַרק און אונטערטעניק. ליבע איז מער געבערקע ווי נעמערקע. ליבע פון דער פרוי איז דער רעגנבויגן, וואָס נאָך א שטורם און נאָך א רעגן שיינט ער מיט אלע זיינע קאָלירן אזוי לאַנג ווי די זון שיינט אין נעפּל אריין. אָ, יעס, פיליפּ; ליבע איז די שיינענדיקע זון אין נעפּל.

— דאָס איז שיין, מיין טייערע.

— פון וואָס טראַכסטו, פיליפּ?

—איך טראַכט, אז פון א וואונדערלעך פאָלק קומסטו ארויס.

יוסטינע האָט עס ניט דערוואַרט צו הערן פון אים. „פאַרוואָס האָט ער עס פונקט איצטער געזאָגט?" — האָט זי געטראַכט — צי איז עס טאַקע אויפריכטיק געמיינט? איר דהאָבן זיינע ווערטער געקלונגען ניט גאָר אינגאנצן נאַטירלעך. מחמת, זי אליין האָט וועגן יידן ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג. זינט זי איז אין אמעריקע, האָט זיך איר מיינונג נאָך מער פאַרשטאַרקט, אז דאָס איז די גרעסטע נאַרישקייט פון יידן זיך צו עקשנען, אין דער צייט וואָס קינדער פון אַנדערע פעלקער האָבן זיך אַזוי נאַטירלעך, ווי וואַסער מיט וואַסער געמישט, און יידן האַלטן זיך שטענדיק ווי בוימל אויפן וואַסער. „צוליב וואָס איז עס נויטיק?" — האָט זי אָפּט זיך אליין געפרעגט. זי האָט כסדר געוואָלט אַנטלויפן, געזוכט דעם וועג, וואָס זאָל זי ארויספירן פון דער יידישער וועלט. דעריבער איצטער, ווען זי האָט זיך געטוליעט צום פרעמדן מאַן, נעמט ער און דערמאָנט דאָס יידיש פאָלק! אין אירע אויגן האָט דאָקטאָר ווילסאָן מיט זיך פאָרגעשטעלט די פרייע אמעריקע, א פאָרשטייער פון די פּיאָנערן־מענטשן, וואָס האָבן דאָ געפּרואווט אויפאַקערן אַ ערד און אין איר זייען די קערנער פון א באַ־פרייטן מענטשן. דווקא איצטער פילט זי זיך מער ווי שטענדיק יידיש. דער טרויער, וואָס קומט אָן און לאָזט אָפּ, שטאַמט פון א יידישן קוואַל.

— פיליפּ, זאָג מיר עפּעס, זאָג מיר עפּעס, פיליפּ — איז זי מיט די פּיכטע, ווייכע ליפּן אומגעגאַנגען איבער זיינע באַקן — זאָג מיר אזוינס, וואָס זאָל איינמאָל פאַר אלעמאָל מיך באַפרייען פון די קייטן, וואָס עס טראָגן אויף זייערע הענט און פּיס קינדער פון דער אַלטער וועלט. איך בין ניט קיין יידיש מיידל. איך בין א פּראָדוקט פון אַן אַלטער וועלט, פיליפּ. אַ נאַרישע וועלט איז דאָרטן. ברולל, ווי נאַריש!

דאָקטאָר ווילסאָן האָט געלאָזן דעם מאָטאָר.

יוסטינע האָט אויפגעציטערט און זיך אויסגעגלייכט:

— צוליב וואָס טוסטו עס, פיליפּ, ווילסט מיך פירן אַהיים, האַ? וואו איז מיין דהיים? פאַרוואָס ווייסטו ניט, וואו מיין היים איז, פיליפּ?

דאָקטאָר ווילסאָן האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר.

— אָ, ניין, פיליפּ, פיר מיך אהיים, אָבער...

זי האָט זיך פאַרהאַקט און ניט דערזאָגט. געוואָלט האָט זי אים בעטן, ער זאָל זי פירן צו אים אהיים, מחמת, אין איר אייגענער היים איז איר ענג.

דאָרטן איז זי אַרומגערינגלט מיט אומפּריינטלעכקייט. דאָרטן קוקט מען אויף איר און מען פאָרשט, וואו זי איז געווען, און וואָס זי האָט געטאָן פאַר דער צייט וואָס זי איז אין שטוב ניט געווען. זי קען עס אים אבער ניט זאָגן. זי וויל זיך פאַר אים ניט פאַרשטעלן אָרעם און פאַרוואָרלאָזט.

— די צייט וועט קומען, מיין טייערע, ווען דו וועסטו געפינען דיין אמתע, נאַטירלעכע היים — האָט דאָקטאָר ווילסאָן שטיל און רואיק געזאָגט — ביסט אַ בלום, וואָס לעבט אָן וואַסער. דו וועסט האָבן דיין היים, וואָס דו האָסט געחלומט צו האָבן. איך קען דיך שוין אביסל. איך ווייס דיינע בענקענישן און פאַרלאַנגען. איך ווייס וואָס דיר פעלט. און איך ווייס אויך וואָס דו ביסט ווערט און וואָס דיר קומט. איך וועל צוליב דיר ציען אין אַ גאָר אַנדערער וואוינונג. איך וועל ארויסציען פון דער גאַס און פון דעם הויז, וואו איך האָב אָפּגעלעבט אַ טרויעריקן און איינזאַמען לעבן. יעס, מיין טייערע, די־אָ שטוב, וואו איך לעב שוין באַלד זעכצן יאָר, איז ניט פאַר דיר. די ווענט, דער דיל, דער סופיט און די פענצטער — זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט דעם טרויער פון אַ סך יאָרן. דאָס איז ניט פאַר דיר. איך אליין בין פאַרבענקט. איך אליין וויל אַ נייע היים. אַ אינדערפריאיקע און זוניקע היים. דו וועסט זיין מיין פרימאָרגן־זון. דו, מיין טייערע, איך גלויב אין דיר, דו ביסט צו מיר געקומען פון אהינטער וואָלקן, ווי די ליכטיקע זון ביסטו איבער מיר אויפגעשטאַנען. האָב געדולד. דו האָסט נאָך מיך ניט געפונען.

יוסטינעס הארץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַסטיק און הויך. זיינע רייד זיינען צו איר געקומען ווי פון דער ווייט. ווי פון דעם גאַסן־גערויש און מענטשלעכן געטומל, וואָס האָט פול געמאכט דעם ארום, זיינען אזוי קלאָר און לויטער געקומען די ווערטער און זיך אָנגעשלאָגן אָן איר הארצן, אויפגעוועקט און אויפגעשטורעמט איר בלוט.

— האָ, דאָס רעדסטו, פיליפ... איך גלויב דיר. דיינע רייד זיינען געטרייע רייד, אמתע רייד. דאָס לעבן רעדט צו מיר און זאָגט צו. דאָס לעבן טראָגט מיר צו דעם, וואָס איז מיר באַשערט. איך דאַנק דיר, פיליפ. קענסט מיך איצטער פירן וואוהין דו ווילסט, אפילו צוריק צו מיר אהיים, אָבער איך נעם דיך מיט מיט זיך. איך נעם דיך מיט אין מיין בלוט, אין מיין הארצן. איך קען דיך שוין מער ניט אָפּטיילן פון זיך. איך ווער אין דיר פאַרפאַלן, פיליפ, אין דיר ווער איך נאָך אַמאָל געבאָרן.

קאַפּיטל זיבעצן

פון זיך איז ניט צו אַנטלויפן

איך האָב אויסגעסטרויעט אַ מויער
פון דריי עטאַזש די הויך;
אין מיין האַרצן ברענט אַ פייער,
עס זעט זיך ניט דער רויך.

(פאָלקס־ליד)

גאַנצע ניין יאָר האָט רעבעקא לוריא געוויכט די שוועל פון אירע שטיפברידער און איינציקער שטיפשוועסטער. דאָס לעצטע מאָל ווען זי האָט געזעגנט...

גאַנצע ניין יאָר האָט רעבעקא לוריא געוויכט די שוועל פון אירע שטיפברידער און איינציקער שטיפשוועסטער. דאָס לעצטע מאָל ווען זי האָט געבעכטיקט ביי דאָקטאָר לוריאַן, צו ווען זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן, איז עס געווען צוויי טעג איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פערלען. יעמאָלט האָט זי אין דער שטיל אָפּגעווײנט אַ גאַנצע נאַכט, און דורך די טרערן געזוכט אַ וועג ווי צו אַנטלויפן אויף שטענדיק פון די לוריאַס.

אין יענע בליענדיקע יאָרן אירע האָט מען זי חושד געווען, אַז זי וויל ביי איר שטיפשוועסטער, ביי דער רייכער קעראָלאַין, צונעמען איר מאַן, דעם קלאָוקמאַכער לעאָנאַרד סטאָן. מען האָט זי חושד געווען אין פאַרבאָרגענער שנאה צו די לוריאַס צוליב דעם, וואָס זיי האָבן, לויט איר מיינונג, ניט גענוג געטאָן פאַר זייער פאָטער ישראל לוריא, וואָס איז אויך געווען איר פאָטער, און צוליב דעם איז ער פאַר דער צייט פון דער וועלט אוועק.

אין אמתן אָבער האָט זי אַלעמען ניט געשפּירט, ווי ניט נאָר מיט איר אויסערלעכקייט, אויך מיט איר לייב און לעבן איז זי געווען געבונדן מיט דער משפחה פון איר מוטערס צד: — די באָבע פייע האַלפּערן, און איר מאַמעס יינגערע שוועסטער גישע קראַוועץ מיט אירע קינדער, וואָס זיינען געבליבן אויף דער איסט־סייד לעבן און פוילן אין אַ קעלער־וואוינונג. איר מוטער, די רויט־האָריקע רבקה האַלפּערן, וואָס האָט מיט איר זינגען ביי דער אַרבעט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון פרומען אלמן ישראל לוריא, וואָס איז יעמאָלט אַ געבויגענער געזעסן ביי דער ניי־מאַשין אין דעם חלפּן־שאָפּ, האָט ניט זוכה געווען צו לעבן אין גליק און נחת האָבן פון דער טאָכטער. אין קימפּעט איז זי געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אין בלוט פון איר קינד, וואָס מען האָט נאָך איר אַ נאָמען געגעבן, דעם חשד צו די לוריאַס, ווען זי האָט באַטראַכט פאַר גרויסהאַלטער. כאָטש געוואַקסן איז זי ביי די לוריאַס, האָט עס זי געצויגן צו דער באָבען. זי האָט די

לוריאס חושד געווען, אַז די ליבשאַפט וואָס מען ווייזט צו איר ארויס איז ניט קיין אויפריכטיקע. א קיילעכדיקע יתומה. קעראַלאין סטאַן, יעמאַלט נאָך — קריינדל לוריא, האָט די פולע מאָס מוטערלעכע ליבשאַפט צו איר ארויסגעוויזן; און פונדעסטוועגן איז איר ניט געלונגען צוצובינדן צו זיך די קיילעכדיקע יתומה, דער צייכן, וואָס איז געבליבן פון איר פאָטערס צווייטער יוגנט.

א טאָג, איידער דאָקטאָר לוריא איז געגאַנגען צו דער חופה, איז רעבעקא געקומען צו אים זיך געזעגענען.

— דו פאָרסט אין ערגעצן אוועק? — האָט דאָקטאָר לוריא געקוקט אין איר פאַרביטערטן פּנים.

—יעס, זכרידה. ניט איך פאָר אַוועק, נאָר דער לעצטער פון די לוריאס פאָרט פון מיר אוועק אויף אייביק.

דאָקטאָר לוריא האָט געוואוסט וואוהין זי צילט, און ער האָט שטיל געפרעגט:

— וואָלסטו וועלן, איך זאָל בלייבן אַן אַלטער בחור, אויסמיידן דאָס גליק, וואָס האָט זיך באַוויזן ביי מיין שוועל?

זי האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט שוין יעמאָלט געהאַט געלעבט מער ווי א יאָר מיט איר משפחה פון דער מוטערס צד. כאָטש אומגעשטערט איז זי פון צייט צו צייט געקומען בעטן אביסל געלט. דאָק־טאָר לוריא האָט געוואוסט, אַז זי קומט אויך צו קעראַלאין נאָר יעמאָלט, ווען זי איז אין נויט. דאָקטאָר לוריא האָט ביים געזעגענען פאַרבעטן, זי זאָל קומען וואוינען מיט אים אין שטוב, און אַז ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט פּערלען.

— איך דאַנק דיר, זכריה, איך וויל דיר ניט צעשטערן דאָס ביסל אָרים גליק. איך ווינש, דיר זאָל זיין גוט, אַז דו זאָלסט אין מיר פאַרגעסן.

פונדעסטוועגן, אַז ער האָט איר דערלאַנגט פינף הונדערט דאָלער, האָט זי עס גאַנץ נאַטירלעך צוגענומען — ווי דאָס וואָלט געווען געלט, וואָס זי האָט ביי אים באַהאַלטן. זי האָט יעמאָלט שנעל געדריקט דאָקטאָר לוריאס האַנט, און מיט די אויגן אין דער ווייט, ארויסגעאיילט פון שלאָפ־צימער, וואו די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען.

דידאָזיקע לעצטע באַגעגעניש האָט אויף דאָקטאָר לוריאן געמאַכט א שווערן איינדרוק. ער האָט וועגן דעם קיינעם פון דער משפחה ניט דער־ציילט. ווען פּערל האָט מיט אים אַמאָל געוואָלט פאַרציען א שמועס וועגן איר, געוואָלט אויסגעפינען וואו זי איז און וואָס זי טוט, איז דאָקטאָר לוריאן ניט געווען ליב דעם שמועס אונטערצוהאַלטן. עס איז געווען קענטיק, אַז אין דער גאַנצער משפחה איז מען צופרידן געווען וואָס רעבעקא לוריא איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אמת, עטלעכע מאָל האָט דאָקטאָר לוריא זיך געלאָזן נאָך די שפורן פון איר באָבע, מומע און אירע קינדער. ביי די שכנים האָט ער אויך ניט געקענט דערגיין וואו די אלמנה פייע האַלפּערן און די משפחה קראַוועץ זיינען אהינגעקומען.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. די גאַסן זיינען געווען געפרוירן און גליטשיק. דאָקטאָר לוריא האָט געצויגן אהיים פון א שפּיטאָל, פאַרזיכטיק געטריבן

זיין אויטאָמאָביל; ער האָט געהאַלטן ביים אריינדרייען זיך פון דער דריי־און־צוואַנציקסטער גאַס צו דריטער עוועניו, ווען אַנטקעגן אים איז אָנגעקומען א מיטליעריקע פרוי, געוואָלט אריבערגיין די גאַס אויסצומיידן זיין אויטאָמאָביל, און האָט זיך אויסגעגליטשט — אוועקגעפאלן און ניט געקענט אויפשטיין.

דאָקטאָר לוריא איז ארויס פון זיין אויטאָמאָביל, געאיילט צו העלפן דער אויסגעגליטשטער פרוי, און איז ממש דערשטוינט געווען צו געפינען זיין שטיפשוועסטער אויפן גליטשיקן ברוק. זי האָט געלאָזן, ער זאָל זי אויפהויבן. האָט זיך אָנגעשפארט אויף זיין אָרעם און פאָלגעוודיק געגאַנגען צו זיין אויטאָמאָביל. ער האָט זי אונטערגעהאַלטן, זי האָט זיך אריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. זי האָט אויסגעווישט דעם שוויס, וואָס איז איר ארויס אויפן פנים, און שטיל געזאָגט:

— אָט אַזוי פאַלט מען, ווען עס גלוסט זיך שטיין גלייך אויף די פיס.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. ער האָט אָרומגענומען איר קאָפּ און געדריקט צו זיין ברוסט. ער האָט געגלעט איר כמעט אינגאַנצן גרוי געוואָרענעם קאָפּ. דאָס לשון האָט אים ווי אָפּגענומען. ס'אייגענע איז מיט איר געווען. זי האָט געביסן די ליפּן ניט צו וויינען. אירע פולע, ברוינע אויגן זיינען געווען אויסגעלאָשן. איר יינגלשער פּנים, ווי דאָקטאָר לוריא האָט אים געדענקט, איז געווען צעקנייטשט. „אַכט און דרייסיק יאָר איז זי אַלט — האָט ער א טראַכט געטאָן — און זעט אויס ווי פופציק.“

ער איז א ווייל געשטאַנען מיט זיין אויטאָמאָביל ביים זייט גאַס, ניט געפּועלט ביי זיך צו פרעגן וואוהין, און פונוואַנען זי איז געגאַנגען.

מיט אַמאָל האָט רעבעקאַ אַ פאַרלאָרענעם שמייכל געטאָן, וואָס האָט באַלויכטן די טרערן, וועלכע זיינען געבליבן הענגען אויף אירע באַקן, נעענטער צו די אויגן, און האָט געזאָגט:

— ס'איז קאָמיש, ווי דאָס לעבן פירט דיך אונטער און פאַרפירט. איך בין היינט געקומען פון שיקאַגע. היינט אינדערפרי. און שוין איצטער זאָל איך אויף אַזאַ ווילדן אופן דיך באַגעגענען. דאָס ביסטו, זכריה?

— יעס, רעבעקאַ. מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ ניט, אז דאָס ביסטו.

— ווייזט אויס אז מיין שטראָף האָב איך נאָך ניט געקראָגן מיט דער פולער מאָס, און ווייזט אויס, אז אנטלויפן פון זיך אליין איז אויך אוממעגלעך. וואוהין פאָרסטו, זכריה?

— איך פאָר פון שפּיטאָל צו זיך אַהיים. ווערסט דאָך מיט מיר מיטפאָרן.

— ניין, זכריה.

— מאַך זיך ניט קינדיש.

— ניין, זכריה, ס'איז ניט קינדיש. כ'האָב ביי דיר אין שטוב גאָרניט וואָס צו טאָן.

— וואָס מיינסטו?

— אָט דאָס, וואָס איך זאָג.

— איך בין דיר נאָך אַלץ אַ שטיקל ברודער.

— אפשר יאָ, און אפשר ניט.

— פערל וועט זיך מיט דיר פרייען. זי האָט מיר א סך מאָל געפרעגט, געוואָלט וויסן, אפשר האָב איך וועגן דיר געהערט.

— פערל... ווער איז פערל?

— וואָס הייסט, ווער איז פערל? מיין ווייב. אַ מאַמע פון א טעכ־טערל. וועסט זיך אויסרוען.

— איך בין ניט מיד.

— וואוהין־זשע ווילסטו פאָרן?

— אין ערגעץ ניט. וועסט מיך אַראָפּלאָזן דאָ וואו מיר שטייען, און איך וועל גיין אַהין, וואו איך האָב באַדאַרפט גיין.

— איך וועל דיך צופירן.

— אַ דאַנק, זכריה.

דאָקטאָר לוריא האָט זי באַטראַכט. איר פּנים איז געווען קאַלט און אויסגעלאָשן. זי האָט גלייכגילטיק געקוקט אין פאָרויס. א געוויסע פאַרגליווערטקייט איז געווען אין איר פּנים. ער האָט געוואָלט דערגיין, צי דאָס איז נאַטירלעכער אויסזען, צי אפשר די פלוצלונגע באַגעגעניש האָט געבראַכט דערצו. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארץ־גרוילעכן מאַנטל, מיט אָן אַרימען, אָפּגעקראַכענעם ביבער־קאָלנער. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט א שוואַרצן, ווייכן הוט מיט א טונקל־רויטן פּאַסיק ארום, און א בינטעלע געקינצלטע קערשלעך ביי דער זייט.

— וואָס טוסטו, רעבעקאַ, האָסט חתונה געהאַט?

— צוליב וואָס דאַרפסטו עס וויסן?

— ס׳איז מיר ליב צו וויסן אַלץ, וואָס מיט דיר איז פאָרלאָפן פאַר די ניין יאָר וואָס כ׳האָב דיך ניט געזען.

— איך האָב גאָרניט וואָס צו דערציילן, זכריה.

— וואָס מאַכן דיינע לייט, כ׳מיין דיין באָבע, טאַנטע און איר׳ע קינדער, דו זעסט זיי אַמאָל?

רעבעקאַ האָט געשוויגן. דאָקטאָר לוריא האָט ניט געוואָלט איבער־שלאָגן די שטילקייט. זי האָט אָנגעהויבן צערעכט מאַכן דעם מאַנטל, ווי זי וואָלט זיך קלייבן אַרויסקריכן פון אויטאָמאָביל.

— דו ביסט דאָך ניט קיין קינד. אָן עקשן ביסטו געווען, דאָס געדענק איך גוט. ביסט אָנגעשטויסן אויף אונדז, איז עס דיין פּריווי־לעגיע. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דו ביסט געווען פאַרביטערט אויף די לוריאס. און אויב עס איז געווען וועלכע עס איז סיבה, זיינען מיר ניט קיין קליינע קינדער. איך וויל האָפן, אַז דו נויטיקסט זיך ניט אין קיינעמס הילף. אָבער מענטשלעכקייט איז דאָך פאַראַנען.

— דאָס האָט ביי די לוריאס שטענדיק געפעלט. אַ, יעס...

— זיי אינטערעסירן מיך ניט.

דאָקטאָר לוריאן איז מיט אַמאָל געוואָרן שטאַרק טרויעריק. אויף דער מינוט איז אים געווען שווער צו דערגרונטעווען זיך צו די סיבות פון איר איגנאָרירן זיינע פראַגעס. ער איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט פון דעם אופן ווי ער האָט זי באַגעגנט.

— מײַן פּערל טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ קרײַז פון די לוריאַס און זײערע קרובים. װי געפעלט עס דיר? אויב דו לעבסט אין ניו־יאָרק, װעסטו דאָך אויך צו דעם קרײַז צושטײן.

רעבעקאַ האָט אַ באַהאַלטענעם לאַך געטאָן, אויפגעציטערט מיט איר גאַנצן גוף, און ניט קוקנדיק אויף דאָקטאָר לוריאַס זײַט, געזאָגט:

— װילסט מיך פירן צו זיך אַהײם, גוט, פיר מיך. איך װיל זיך באַקענען מיט דײַן טאָכטער. כ'װעל אָבער בײַ דיר לאַנג ניט זיצן. איך דאַרף הײַנט נאָך פאָרן צוריק.

— װאוהין צוריק, קײן שיקאַגאָ?

— יעס.

— װאױנסטו דאָרט?

— יעס.

— אַלײן?

רעבעקאַ האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

— װײסט דאָך, רעבעקאַ, ס'איז פאַר מיר אוממעגלעך, איך זאָל קענען דיך אָפּלאָזן אָטאָ־דאָ װוּ איך האָב דיך באַגעגנט, און רואיק אַװעק אַהײם. ס'איז דאָך קײן שׂכל ניט אַזױ צו האַנדלען. איך װײס, דו האָסט מיר געװיס אַ סך צו דערצײלן. איך האָב דיר אויך אַ סך צו דערצײלן.

רעבעקאַ האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט איר מאַנטל, זיך אויסגעדרײט מיט דער ברוסט צו איר שטיפברודער און אים באַװיזן, אַז זי טראָגט אַ צלמל אויפן האַלדז.

דאָקטאָר לוריאַ האָט זיך קאָנטראָלירט, האָט דערפון ניט געמאַכט קײן װעזן. ער האָט ניט געפרעגט װאָס דאָס איז, און צוליב װאָס זי טראָגט אַ צלם. טײלװײַז איז אים געװאָרן פאַרשטענדלעך איר האַנדלונג.

— נו, װאָס, זכריה, פרעגסט ניט װי דאָס קומט צו מיר?

— אויף מיר מאַכט עס ניט דעם אײַנדרוק װאָס דו װילסט. דאָס מײנט פאַר מיר גאָרניט.

— איך בין ניט מער קײן ייִדיש־קינד.

— אָבער אַ מענטש ביסטו.

— דאָס װײס איך אַלײן ניט.

רעבעקאַ האָט פאַרשפּילעט איר מאַנטל, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף איר שטיפברודערס אַקסל, און געשלונגען די טרערן.

אין אַ װײַל אַרום האָט זי אויפגעהױבן דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— איצטער קענסטו מיך פירן צו זיך אַהײם.

בײַ זיך אין אָפיס האָט דאָקטאָר לוריאַ געטראָפן זײַן פּלימעניק מאָו לוריאַ, און פּערל לוריאַ האָט געהאַלטן אים אין באַװײַזן, אַז בײַם צװײטן דור ייִדישע קינדער געבאָרענע אין אַמעריקע, אויב אײנער פון זײ פאַר־מאָגט אַ חוש פאַרן ייִדישן פאָלק, איז ער אַ גאַנצער ייִד.

װען דאָקטאָר לוריאַ און רעבעקאַ זײַנען אַרײַנגעקומען, איז פּערל אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ און אויסגעשריען:

— גאָט אין הימל, דאָס איז דאָך רעבעקאַ!

זי האָט זיך געװאָרפן רעבעקאַן אויפן האַלדז און געלאַכט פון פולן האַרצן פאַר פרײד.

— אַט זעסטו, רעבעקאַ, כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז פּערל וועט זיך מיט דיר פריַיען — איז דאָקטאָר לוריאַ שטאַרק צופרידן געווען פון אַזאַ באַגעגעניש — און דאָס איז הילעלס יינגערער זון, מאָו לוריאַ.

רעבעקאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער סאָפע, האָט זיך באַמיט צו קאָנטראָלירן און ניט אַרויסוויַיזן איר אויפרעגונג. זי האָט זיך פאַנאַנדער־געשפּילעט, און דאָס זילבערן צלמל אויפן האַלדז האָט אַ בלישטש געטאָן.

— זעסט, פּערל, אונדזער רעבעקאַ האָט זיך באַקענט מיט נאָך אַ גאָט, אין צווייען איז שטאַרקער — האָט דאָקטאָר לוריאַ גוטמוטיק גערעדט — אַט אַזוי האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פאַרפאַלענע שוועסטער.

רעבעקאַ איז אויפגעשטאַנען, באַטראַכט די ווענט, און מיט אַ געבראָ־כענער שטים געזאָגט:

— איך בין שרעקלעך מידע. איך וויל מיך צולייגן. איך ווייס דעם וועג, איך געדענק נאָך די צימערן. אפשר די בעט, וואו איך בין אַזויפיל מאָל געשלאָפן...

פּערל האָט איר גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַוועק אין צווייטן צימער.

מאָו לוריאַ, מיט אַן אויסגעצויגענעם, פאַרחידושטן פּנים, האָט שטיל געפרעגט:

— ווער איז זי, אָנקל?

— אַ שוועסטער. דיַין טאַנטע רעבעקאַ.

— ווי קומט צו איר אַ צלם אויפן האַלדז?

— דאָס וועלן מיר זיך אפשר דערוויסן. האָב זי גאַנצע ניַין יאָר ניט געזען. יעס, מאָו, דו דאַרפסט זי געדענקען. אַ וואונדערלעכער מענטש געווען. אַ בילד שיינע מיידל, אַביסל ענלעך געווען אָן דער יינגערער רודמאַן. זי האָט געמוזט אַ סך דורכלעבן.

פּערל איז שטיל אַריַינגעקומען. זי האָט געווישט די טרערן, אָנגע־קוקט די צוויי פאַרלאָרענע מענער.

— וואו האָסטו זי געטראָפן, זכריה? זי האָט מיר מיַין האַרץ צע־בראָכן.

— פּשוט, אין גאַס. איך בין אָנגעפאָרן, ווען זי האָט זיך אויסגע־גליטשט און געפאַלן. זי האָט ניט געוואָלט פאָרן אַהער.

— מען מוז מאַכן, זי זאָל זיך פילן גוט. מאַך ניט קיין ווערן, זכריה, וואָס זי איז אפשר ניט קיין יידיש־קינד. ס׳איז טראַגיש זי אַזוי צו טרעפן. אפשר וועסטו אַריַינגיין צו איר, זכריה.

— זי איז געווען דער שטענדיקער טרויער, וואָס איז מיר נאָך מיַין פאָטער געבליבן. ס׳איז מיר אַ פינצטערע רעטעניש. וואָס מאַכסטו, מאָו?

— האָט דאָקטאָר לוריאַ זיך געפרואווט באַפריַיען פון זיַין צעטומלטקייט

— הערסטו עפּעס פון דער היים? קומט אפשר אַהער דיַין טאַטע?

— איך האָב געהאַט פון אים אַ טרויעריקן בריוו. איך ווייס אַליין ניט וואָס איך זאָל טאָן. ציַיטנווייַז איז ביי מיר רעכט איבערצורייַסן מיַין שטודיום און פאָרן אים אַרויסהעלפן. ער שריַיבט מיר, אַז טאַטע איז קראַנק, אַ פּוס טוט אים ווי, און ער איז כמעט אָן הילף.

— דאָס איז קינדיש, מאַן. אויב דו ווערסט ווע̇לן זיין אַ דאָקטאָר און ניט פּראַקטיצירן, ווערסטו עס קענען טאָן, ווען דו ווערסט ענדיקן. דיר איז אינגאַנצן געבליבן נאָך אַ האַלב יאָר צו שטודירן. דערנאָך ווערסטו באַשטימען וואָס צו טאָן.

פּערל איז געשטאַנען אַ צעטראָגענע, ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט וואָס די מענער האָבן גערעדט. מיטן געדאַנק איז זי געווען אין שלאָפצימער, וואו דער לעבעדיקער סוד האָט זיך אָנידערגעלייגט אויף איר, פּערלס בעט, זיך אויסצורוען. נאָך דער פריערדיקער אויפרעגונג איז פּערלען באַפאַלן אַ געוויסער פּחד, „אפשר וועט זי דאָ זיך באַזעצן — איז איר דורכגעלאָפן אַ מחשבה — זי האָט געבראַכט אַ פאַרדעכטיקע פאַרגאַנגענהייט מיט זיך."

פונדעסטוועגן האָט פּערל אירע מחשבות באַהאַלטן, און געזאָגט:

— ווייסט, זכריה, איך טראַכט, אז מ'זאָל איר פאַרלייגן אונדזער היים. אויב זי האָט ניט קיין היים, זאָל זי זיין ביי אונדז. וואָס זאָגסטו, זכריה?

* * *

רעבעקאַ לוריאַ איז אריין צו דאָקטאָר לוריאַן אין הויז און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ טיפן און טרויעריקן סוד. ניט אזוי דאָס צלמל אויף איר האַלדז, נאָר די גרויע האָר אירע האָבן דערציילט, און ניט דערציילט אינגאַנצן וואָס מיט איר איז פאַרגעקומען פאַר די לעצטע ביין יאָר, זינט זי איז פאַרשוואונדן פון דער לוריאַ־משפחה. זי האָט ווינציק־וואָס גערעדט. זי האָט זיך געהאַלטן שטייף, מיט אַ פאַרביטערטקייט אין פּנים. פּערל האָט זי אויפגענומען ווי אַן אייגענע שוועסטער, און אזוי האָט זי געוואָלט זיין צו איר. אויף מאָרגן, נאָך דער ערשטער נאַכט, וואָס רעבעקאַ האָט איבערגענעכטיקט ביי איר שטיפברודער, איז דאָס צלמל פאַרשוואונדן פון האַלדז, נאָר די ביטערקייט פון איר פּנים איז ניט פאַרשוואונדן.

ביי פרישטיק האָט רעבעקאַ קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַן אומעטיקער און שטילער עסן איז עס געווען. שפּעטער ד'האָט פּערל פאַרנומען דאָקטאָר לוריאַן אין אַ זייטיקן צימער, און מיט שרעק אין פּנים געפרעגט:

— זאָג מיר, זכריה, איז דאָס טאַקע דיין שוועסטער?

— פאַרוואָס פרעגסטו עס?

— איך וויל איר אַרויסהעלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען. אָבער פריער פאַר אַלץ דאַרף איך דאָך וויסן פון וואַנען זי איז געקומען און וואוהין זי וויל גיין.

—איך האָף, דו מאַכסט ניט קיין ווערן פון דעם, וואָס נעכטן איז ביי איר געהאַנגען אַ צלמל אויפן האַלדז.

—גלייכגילטיק צו דעם בין איך ניט.

— פאַרוואָס?

— קענסט מיך, זכריה, אז איך מאַך ניט קיין אונטערשייד צווישן ייד און ניט־ייד. דאָס גוטע איז ביי אַלעמען גוט, און דאָס שלעכטע איז ביי אַלעמען שלעכט. אָבער מיט איר איז עפּעס אַנדערש. דוכט מיר, זי איז געקומען עפּעס אויפמאָנען.

— זי איז די גאַנצע נאַכט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, ווי איך האָב זי אין גאָס באַגעגנט. זיי אָפנהאַרציק, פערל, צי ווילסטו, זי זאָל צייט־ווייליק וואוינען ביי אונדז אין שטוב?

— אויב דיר איז עס ליב, איז עס מיר אויך.

— איך וויל דערווייל ביי איר גאָרניט אויספרעגן. און אויב זי וועט ניט דערציילן, וועל איך עס ביי איר ניט פאָדערן.

פערל לוריא איז געווען באַאומרואיקט. איר האָט געחידושט וואָס רעבעקא האָט ביים אָנקומען אפילו ניט באַמערקט זייער קינד, דאָס זעקס יעריק מיידעלע, רחל, אָדער ראשעל, ווי פערל האָט זי גערופן. דאָס מיידעלע האָט געשמייכלט צו דער פאַרפרעמדטער מומען, אָבער די מומע האָט אפילו קיין וואָרעמען שמייכל אויפן פנים ניט באַוויזן.

דאָקטאָר לוריא, איידער ער איז ארויסגעפאָרן באַזוכן זיינע פאַציענטן, איז ער אריין צו רעבעקאן אין צימער, געפרעגט, צי זי וואָלט חשק ד'האָבן אריבערצופאָרן צו דער שטיפשוועסטער, צו קעראָלאַין סטאָן; האָט רעבעקא געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. פאַרקוועטשט די ליפּן און אפילו צו איר ברודער ניט ארויפגעקוקט.

— וואָס זיינען דיינע פּלענער, רעבעקא? — האָט דאָקטאָר לוריא געפּאָרשט איר אויסזען.

זי איז געזעסן אויף דער ניט־פאַרבעטער בעט מיט די אויגן אין דער ווייט.

— איך פרעג ביי דיר ניט וואו דו ביסט געווען די ניין יאָר, ווי דו האָסט געלעבט די גאַנצע ניין יאָר. איך וויל איצטער נאָר וויסן מיט וואָס איך קען דיר מאַכן באַקוועם.

— דאַרפסט עס ניט, זכריה. איך וועל סיי־ווי לאַנג ביי דיר ניט זיין. אפשר מאָך איך פערלען ענג, וועל איך גיין פון דאַנען.

— פערלען? איר זאָלסטו ניט חושד זיין. זי זאָרגט פונקט ווי איך. זי וויל דיר פאַרגרינגערן.

— קיינער קען מיר ניט פאַרגרינגערן. זי אוודאי ניט.

— דאַרפסט אזוי ניט רעדן, רעבעקא. קענסט זי דאָך ניט.

— און דו קענסט זי? — האָט רעבעקא אומגעריכט אויפגעהויבן אירע אויגן צום ברודער, און מיט שפּיציקע בליקן אים דורכגעשטאָכן.

דאָקטאָר לוריא האָט געפילט ווי דאָס בלוט איז אים אויסגערונען פון פנים. אלץ אין דער וועלט האָט ער זיך געריכט פון איר צו הערן; אָבער, זי זאָל ביי אים א פרעג טאָן מיט פאַרדאַכט, צי ער קען זיין פערלען, אויף דעם האָט ער זיך ניט געריכט. אים איז קלאָר געוואָרן, אז עס וועט ניט זיין געזונט פאַר זיין פרידלעכער היים, אויב רעבעקא וועט ביי אים וואוינען.

— ווילסט זיך אפשר אביסל דורכפאָרן? כ'האָב א פּאָר וויזיטן צו מאַכן, קורצע וויזיטן, וועסט קענען בלייבן אין קאַר ביז איך וועל זיך אָפּפאַר־טיקן. איך האָב געוואָלט מיט דיר שמועסן. כ'ד'האָב א סך צו דערציילן, און אוודאי האָסטו אויך גענוג צו דערציילן.

— אַ דאַנק, זכריה. שטער זיך ניט. כ'וועל נאָך היינט אפשר אוועק־פאָרן צוריק.

דעם אייגענעם טאָג איז צו דאָקטאָר לוריאַן אָראָפּגעקומען קעראָלאַין סטאָן. פּערל, וואָס האָט איר מודיע געווען, אַז אַזאַ וויכטיקער גאַסט איז פאַראַנען, ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט זי בלויז רעבעקאַס נאָמען דער־מאָנט, און ניט דערציילט אין וואָס פאַר אַ מצב זי האָט זיך באַוויזן.

קעראָלאַין סטאָן, כאָטש אַליין שוין אַ זעכציקער, איז נאָך איר קאָפּ ניט אינגאַנצן גראָ געווען. ווי אַן אונטערגעהאַקטע איז זי געפאַלן אויף רעבעקאַס האַלדז און באַשאָטן זי מיט הייסע קושן. ס׳האָט איר אויס־געפעלט אָטעם. קעראָלאַין איז אַ וויל געבליבן אָן לשון. שפּעטער, אַז קעראָלאַין איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך באַמיט ניט צו וויינען. זי האָט געשטאַמלט:

— אָט, דאָס ביסטו, רעבעקאַ... אָט, נעכטן ד׳האָב איך דיך אויף די הענט געטראָגן, און שוין ביסטו אַזוי וויס געוואָרן. וואָס פאַר אַ גוטער יאָר האָט דיך פון אונדז פאַרטראָגן? דערצייל מיר, קינד, דערצייל מיר גיכער וואָס דיר פעלט. אַלץ וואָס דיין מויל וועט אַרויסלאָזן, וועל איך טאָן פאַר דיר, אַבי דיר זאָל זיין גוט.

רעבעקאַ האָט זיך באַפרייט פון איר רייכער שטיפשוועסטער, האָט זי פון אַ זייט באַטראַכט און איראָניש געשמייכלט. קעראָלאַין האָט עס באַ־מערקט, און ניט פאַרשטאַנען וואָס אַזאַ שמייכל מיינט. פאַרן געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן איינע פון אירע באַגעגענישן ביי זיך אין הויז מיט רעבע־קאַן, ווען רעבעקאַ האָט זי גאָר אָן רחמנות באַליידיקט, אויפוואָרפנדיק איר, אַז דאָס רייכע לעבן האָט פון איר געמאַכט אַ שטיק נישטיקייט. קעראָ־לאַין האָט אין רעבעקאַס אויגן איצטער באַמערקט שנאה און פאַרבי־טערטקייט.

— עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ צוליב מיר. וואָס בין איך דיר, און וואָס ביסטו מיר? — האָט רעבעקאַ מיט גאווה גערעדט. — איך בין ניט געקומען צוריק צו די לוריאַס.

אויף דעם איז פּערל אונטערגעקומען און געוואָלט אַרויסהעלפן קע־ראָלאַין.

— איך בין צו אייך אין דער משפחה געקומען צו שפּעט, ניט געהאַט דאָס גליק אַלעמען צו קענען, ווען איר זייט נאָך געווען אינאיינעם. ווי איך פאַרשטיי, רייסט אַ מענטש ניט איבער מיט אייגענע צוליב אַ קאַפּריז. איך שלאָג מיר אָן, אַז קענגן איר איז מען באַגאַנגען אָן אומרעכט. אַנדערש קען דאָך ניט געמאָלט זיין, אַ שוועסטער זאָל אַוועק און גאַנצע ניין יאָר פון זיך ניט לאָזן וויסן.

רעבעקאַ האָט זיך גוט צוגעהערט צו פּערלס רייד, געפאַרשט ווי ווייט זי איז אויפריכטיק. פּערל האָט איר אָנגעבאָטן אַ היים, האָט זי עס ניט אָנגענומען. זי האָט געוואָרט, אַז פּערל זאָל עס נאָך אַמאָל טאָן אין קעראָלאַינס קעגנוואָרט, אָבער פּערל האָט דעם פאַרשלאָג ניט געמאַכט מער.

— איך פאַרשטיי ניט צוליב וואָס איר האָט זיך אויף מיר אָנגעוואָרפן מיט אייער גוטסקייט — האָט רעבעקאַ ווידער אָנגעהויבן — איך גלויב ניט אין דעם. איך בין געוואָקסן אָן טאַטע־מאַמע, דעריבער פאַרשטיי איך וואָס פאַר אַ מאָס פאַלשקייט מענטשן פאַרמאָגן. אויב איך בין איצטער

געקומען קיין ניו־יארק, איז עס ניט צו איך. ווען זכריה וואלט מיך ניט באגעגנט אזוי אומגעריכט, וואלט איר פון מיר ניט געוואוסט, ווי איר האט די גאנצע ניין יאר ניט געוואוסט וואו איך בין אהינגעקומען. אויב שוין זיין ביי עמיצן, ווייס איך ביי וועמען. זיי זיינען מיר בלוט און פלייש.

קעראלאין ד'האט געהערט רעבעקאס רייד, און האט שלעכט באנומען וואוהין זי צילט. א נידערגעשלאגענע איז זי געשטאנען און ניט געקענט אראפנעמען די אויגן פון רעבעקאן. זי האט געוואלט פאר איר דמיון אוועקשטעל'ן די אמאליקע רעבעקא, די שטאלצע, מיט יינגלשקייט אין פנים. ווען זי טרעפט ניט רעבעקאן איצטער ביי איר ברודער אין הויז, נאר ערגעץ אין גאס, וואלט זי זי ניט דערקענט. „צי קען א מענטש זיך אזוי פאר־ענדערן אין ניין יאר צייט?" — האט קעראלאין געטראכט.

— וועסטו אפשר מיט מיר צופארן אהיים? ביי זכריהן איז ענג. ביי מיר איז א גרויסע שטוב. א ליידיקע שטוב. וועסט זיין וויפיל דו וועסט וועלן. לעאנארד וועט זיך פרייען מיט דיר.

רעבעקא האט ניט געענטפערט. האט זיך אויסגעדרייט און אוועק אין צימער וואו זי האט געגעבכטיקט, און אין א וויילע ארום איז זי ארויסגעקו־מען אנגעטאן אין מאנטל און הוט, און ארויסגעבראכט דעם טשעמאדאן — גרייט אוועקצוגיין.

— וואוד'הין, רעבעקא? — האט פערל איר פארשטעלט דעם וועג — ווארט ביז זכריה וועט קומען. ער וועט אויף מיר זיין ברוגז, אויב איך וועל דיך איצטער אפלאזן.

קעראלאין איז געשטאנען א פארלארענע, ניט געקענט באנעמען וואס דא טוט זיך מיט איר. ווען רעבעקא ווייזט ניט ארויס אזא אומפריינט־לעכקייט צו איר, וואל'ט זי זיך גוט אויסגעוויינט.

— דו באליידיקסט מיך אומזיסט — האט קעראלאין שטיל געזאגט — איך האב ניט פארדינט, זאלסט מיך אזוי באגעגענען.

— איך בין ניט געקומען מיט אייך זיך אויסרעכענען.

זי האט געזומען גיין צום ארויסגאנג־טיר, נאר גאנץ אומגעריכט איז ברכה רודמאן אנגעקומען, און מיט איר רויטן קאפ און ענערגישן קער־און־ווענד, ווי אונטערגעהאקט רעבעקאן אירע טריט. רעבעקא האט אראפ־געלאזן דעם טשעמאדאן, און מיט גרויס חידוש אנגעשטעלט די אויגן אויף ברכהן.

— גוט, וואס דו ביסט געקומען, ברכה — האט פערל זי ארומגע־כאפט את דאס איז דיינע א שוועסטערקינד. מיט ניין יאר צוריק איז זי געווען אין דיר געראטן. את אזא געקרויזטן, גילדערנעם קאפ האט זי געהאט!

רעבעקא האט ניט געקענט אפרייסן די אויגן פון ברכהן. ס'בלוט האט איר א שלאג געטאן אין פנים אריין. מיטן טשעמאדאן אין ד'האנט האט זי זיך גערוקט אויף הינטעריקס, און זיך אראפגעלאזן אויף דער סאפע, געגומען מיט דער האנט ווישן די טרערן, וואס האבן קעגן איר ווילן א פלייץ געטאן פון די אויגן. רעבעקא האט זיך ניט געקענט קאנטראלירן. איר גאנצער גוף האט ספאזמאטיש עטל'עכע מאל אויפגעציטערט — את וועט איר גוף צעריסן ווערן! אבער אין געוויין האט זי ניט אויסגעבראכן.

רעבעקא איז שנעל געקומען צו זיך. זי האָט וואָרים א שמייכל געטאָן צו ברכהן און אויסגעשטרעקט צו איר די הענט:

— קום נענטער צו מיר, ווייל איך אזוי ניט מורא האָבן פאַר דיר. האָסט מיך איבערגעשראָקן, און כ׳האָב פאַרגעסן וואָס כ׳האָב זיך געקליבן צו טאָן. איך האָב געוואָלט לויפן פון דאַנען, אנטלויפן, מען זאָל ניט וויסן וואו איך בין אַהינגעקומען. איצטער קען איך ניט. איצטער בין איך אָן כחות געבליבן.

ברכה רודמאַן האָט געקוקט צו פּערלען, צו קעראַלאַין, ביי זיי געזוכט אַ באַשייד צו דעם אַלעמען. אויף איר האָט רעבעקא געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט ניט געווען ביים גאַנצן פאַרשטאַנד. זי האָט אין געדאַנק געפּרואווט געפינען די סיבה, פאַרוואָס רעבעקא האָט זיך מיט איר אזוי דערפרייט. מען האָט פריער דערמאָנט, אַז רעבעקא האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ רויט־געקרויזטן קאָפּ ווי זי, און איצטער גאָר האָט זיך מיט איר דער־פרייט א גרויע פרוי מיט א יונגן פּנים. „ווער וויס, אפשר אין עטלעכע יאָר אַרום וועל איך אויך אַזאַ פּנים האָבן...״

ברכה, מיט איר פלינקן שכל, האָט באַשטימט זיין צוגעלאָזן צו א פרוי, וואָס, ווי מען האָט איר פאַרגעשטעלט, איז א שוועסטערקינד, דאָק־טאָר לוריאס א שוועסטער. די אָרימקייט וואָס האָט ארויסגעקוקט פון רעבעקאָס קליידונג, האָט אויף ברכהן געווירקט, זי זאָל פון זיך אַראָפּ־וואַרפן דעם מאַנטל און צוזעצן נעבן איר.

— פאַרוואָס האָט איר מיר ניט דערציילט — האָט ברכה אַריבער־געקוקט צו פּערלען — אַז דאָקטאָר לוריא האָט ערגעץ א שוועסטער? איך האָב אַלעמען פון אונדזער משפחה געוואָלט קענען, כאָטש איינמאָל זיך באַגעגענען און אָנקוקן.

רעבעקא האָט געעפנט ברייט די אויגן און געשלונגען ברכהס ווערטער. שטיל, ווי צו זיך, האָט זי געזאָגט:

— קיין שום זאַך גייט ניט אונטער. אפילו אַ מענטשנס יונגע יאָרן, ווען זיי לאָזן דיך איבער, ווערן זיי ניט פאַרפאַלן.

קעראַלאַין האָט א וואונק געטאָן צו פּערלען, זי ארויסגערופן פון צימער, און געלאָזן רעבעקאן מיט ברכהן אליין.

ברכה האָט ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן. פאַר איר איז געווען א רעטעניש די גאַנצע באַגעגעניש. די לעצטע צייט איז זי געווען אַן אָפטע איינגייערין צו דאָקטאָר לוריאן. זי האָט געמאַכט פּלענער צו פאַרלאָזן אמעריקע, און פאָרן קיין ארץ ישראל, און מיט דאָקטאָר לוריאן האָט זי ליב געהאַט ארומצורעדן דעם ענין. זי איז איצטער אויך צוליב דעם געקומען. צום סוף גאָר אַזאַ באַגעגעניש!

רעבעקא האָט זיך ארומגעקוקט, צי קיינער הערט ניט, און בסוד גע־רעדט צו ברכהן, פאַרשנדיק איר פּנים.

— זיי זאָגן, אַז איך בין א שוועסטער. איך בין אַן אומגליק. מיין פאָטער און זכרונו־ס פאָטער איז געווען דער אייגענער מענטש. אַן אָפּריי־טער. ישראל לוריא. מיין מאַמע איז געווען מיט רויטע האָר. מ׳זאָגט, זי איז געשטאָרבן, ווען איך בין געבאָרן געוואָרן. זיי אַלעמען האָב איך פיינט.

ברכה רודמאַן האָט געוואָלט פון רעבעקאַס רייד עפּעס ארויסנעמען, און איז געבליבן ביי דער אייגענער רעטעניש. ביי איר איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געדאַנק, אז די גרויע פרוי מיטן יונגן פּנים, האָט דורכגעלעבט א שווערע טראַגעדיע, און איז ניט ביים גאַנצן פאַרשטאַנד.

פּערל און קעראָלאַין זיינען ווידער אריינגעקומען. פּערל האָט ענערגיש אָנגעהויבן:

— טו אויס דעם מאַנטל, רעבעקאַ. מאַך דאָ דיין היים. מיט דער צייט וועלן מיר אַלצדינג אויסגלייכן און גוט מאַכן. אויב דו האָסט משפחה פון דיין מוטערס זייט, וואָס נויטיקט זיך, וועסט אונדז העלפן זיי אויפזוכן, און מיר וועלן טאָן פאר זיי וואָס מיר קענען. איך ווייס, אַז זכריה האָט עטלעכע מאָל ארומגעזוכט דיינע לייט. ער איז געווען שטארק באַזאָרגט, וואָס ער האָט זיי ניט געפונען.

זי האָט אַרומגענומען רעבעקאַן, און ווי אַ מאַמע, וואָס האָט אומגעריכט געפונען איר פאַרלאָרן קינד, זי געקושט און געקוקט מיט ליבע אין פּנים אריין.

— איך לאָז דיך ניט אַרויס פון שטוב, רעבעקאַ! דאָ, מיט אונדז וועסטו בלייבן. דו וועסט מיר אין אַלץ פאָלגן. אז איך וויל, קען איך אויך זיין שטרענג.

רעבעקאַ האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון ברכהן. ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט וואָס פּערל האָט איר געזאָגט. אפילו ניט באַמערקט ווי קעראָלאַין, די וואָס האָט זי געהאַדעוועט און געווען א מאַמע צו איר, שטייט אָן א זייט מיט רויט־אַנגעוויינטע אויגן.

פּערל האָט גענומען רעבעקאַס טשעמאָדאַן און איז מיט אים אַוועק. רעבעקאַ איז איר נאָכגעגאַנגען, היבטן־ארום נאָכגעקוקט ברכהן.

קעראָלאַין האָט געבראָכן די הענט, און צעשטרייט מיט די ליפּן עפּעס שטיל גערעדט צו זיך אַליין.

— איז זי טאַקע אייערע א שוועסטער? — האָט ברכה פאַרזיכטיק געפרעגט.

— יעס, מיין קינד.

— וואָס איז מיט איר?

— מיט צען יאָר צוריק האָט זי געשיינט ווי די ליכטיקע זון. איך קוק איצטער צו דיר און זע ווי זי איז געווען ענלעך אויף דיר. אַ שרעק איז מיך באַפאַלן. גיי אריין צו איר, ברכה. זי האָט זיך געקלעפּט צו דיר. רייד צו איר. געפין עפּעס אויס ביי איר.

ברכה איז געשטאַנען צעטראַגענע. געהערט, ווי די צעשראָקענע קעראָלאַין רעדט צו איר, דערמאַנט ווי שטארק געראָטן רעבעקאַ איז געווען אין איר, און געטראַכט:

— דער מענטש און זיין שאָטן... איז זי אָפּטמאָל ניט דער מענטש, און איך — איר שאָטן?

קאַפּיטל אַכצן

ביי דניאל לוריאן האָט מען געגרייט אַ משפּחה־סדר. דאָס איז געווען אַ פּרואוון, צונויפצובריינגען פון צייט צו צייט די גאַנצע משפּחה לוריא, מחותנים און קרובים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער משפּחה: פּערל לוריאס אַמביציע, אויפצובויען אַ פעסטן משפּחה־קרייז, און אין אים צוריק אויפלעבן נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

די גרטע, ליליען־רות האָט געוואָלט, אַז ביי איר אין שטוב זאָל דער ערשטער סדר זיין. פון אַלע יידישע יום־טובים איז דער גרטע צום ליבסטן געווען פּסח. די הגדה אויף ענגליש האָט זי נאָך מיט אַ פערציק יאָר צוריק כמעט אויף אויסנווייניק געקענט. גלייך נאָך איר איבערגיין צום יידישן גלויבן האָט זי אַנגעהויבן אויפנעמען יידישע יום־טובים, און אויסגעפינען זייער זינען. פּסח, דער יום־טוב פון באַפרייאונג, האָט ביי איר נאָך באַזונדערס אויסגענומען צוליבן כשרן אלצדינג, צוליב די מצות און מרור. אַ גרויסן אינהאַלט האָט זי געפונען אין מרור. זי האָט געוואוסט דעם טייטש און דעם זינען פון מרור: „מחמת פאַרביטערט האָבן די מצרים דאָס לעבן פון די יידן".

די לעצטע יאָרן, נאָך דעם ווי איר עלטערער זון דייוויד, וואָס ד'האָט חתונה געהאַט מיט דער קאַטוילישער ראָוז מעקפּאַדן, איז אליין איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן, איז ביי איר אויף אַ צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קשר צו יידישע טראַדיציעס. אין דער שטיל האָט זי עס באַדויערט: „פון קריסטנטום אוועק, און פון יידישקייט צו דער עלטער זיך אָפּגערוקט". דעריבער, אַז פּערל לוריא האָט מיט איר ארומגערעדט דעם זינען פון אַ משפּחה־סדר, איז ליליען־רות באַשטאַנען, אַז נאָר ביי איר אין שטוב זאָל מען דעם סדר אָפּריכטן. קיינער דאַרף זיך אין דעם ניט באַטייליקן.

— איך וויל האָבן דעם כבוד איינצואָרדענען דעם ערשטן משפּחה־סדר, טאַקע דערפאַר וואָס פון דער פרעמד בין איך צו יידן און יידישקייט געקומען. מיר קומט עס, איך טרעט עס קיינעם ניט אָפּ.

פּערל לוריא האָט אָנגעבאָטן איר הילף. אינאיינעם האָט מען גערעכנט און איבערגערעכנט וועמען מען זאָל צושרייבן צו משפּחה, און וועמען מען זאָל אויסלאָזן. די גרטע האָט שטאַרק חשק געהאַט, מ'זאָל אראָפּברענגען צום סדר דעם פאַרמער הילל לוריא מיט זיין גאַנצער משפּחה. מ'האָט געוואוסט, אַז ס'וועט זיין שווער צו ד'הייבן אים פון זיין אָרט, האָט ליליען־רות אים אָנגעשריבן אַ בריוול און באַוויזן, אַז די עלטער זאָל ניט נאָכטאָן דער נאַרישער יוגנט, און אַז דאָס לעבן איז גאָרניט ווערט, אויב

אַ מענטש קען אַמאָל ניט נעמען און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם נאַרישן יאָך פון אַלערליי פליכטן. זי האָט פון אים געקראָגן אַ בריוו, וואו ער שרייבט, אַז כאָטש ער האַלט ניט פון פסח, מחמת „מענטשן האָבן פאַרגעסן דעם אמתן זינען פון פרייהייט", פונדעסטוועגן, אויב נאָר דאָס פעלד, וואָס ער וויל דאָס מאָל אָקערן און זייען, וועט אים דערלויבן, און ער וועט האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, וועט ער און זיין מינע קומען.

— דיר, ליליען־רות, אָפּצוזאָגן — האָט ער צווישן אַנדערש געשריבן — דאַרף מען שוין ניט האָבן קיין גאָט אין האַרצן.

ליליען־רות האָט חשק געהאַט איינצולאַדן עפּעס אַ רבי, צי אַ רעווערענד, וואָס זאָל דעם סדר געבן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, און ס'איז געבליבן, אַז מען זאָל דעם סדר אַנגעבן דעם אַלטן ר' בונים לוריא, דעם „פרומען אפיקורס", ווי ס'האָט אים דאָקטאָר לוריא גערופן. דניאל לוריא האָט זיך געפילט גליקלעך. זיין ערשטער פּלאַן איז געווען, מען זאָל צום סדר איינלאַדן ניט נאָר משפחה, נאָר אַ פּאָר טוץ משפחות, מיט וועמען מען טוט ביזנעס. פאַרמעגלעכע בירגער פון יידישן ניו־יאָרק, און איינלאַדן אימעצן, וואָס זאָל קענען רעדן, מאַכן אַן „אַפּיל", און זאַמלען געלט פאַר ארץ ישראל. אָבער ליליען־רות און פּערל לוריא האָבן אים באַוויזן, אַז דער סדר דאַרף טראָגן אַ משפחה־כאַראַקטער. „דער סדר דאַרף זיין אַ גייסטיקער כח, וואָס זאָל ווידער צונויפברענגען און פאַרשטאַרקן די משפחה־פעדים, וואָס זיינען אַזוי לויז געוואָרן".

ווען דער ערב־פסח איז אָנגעקומען, כאָטש ליליען־רות האָט אַריינגענומען אין שטוב אַ יידישע קעכין, וואָס האָט געוואוסט ווי אַזוי אַ גבירישער פסח דאַרף אויסזען, איז זי געווען שטאַרק אומרואיק. ביי איר איז רעכט געווען איינצוקויפן נייע כלים. פּערל האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ אין לאַנד האָבן שוין אויסערלעכע צערעמאָניעס אָנגעוואָרן זייער קאַליר. „דער עיקר איז דער טיפער, מאָראַלישער כח, וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט דורך אַלע יאָרן פון זייער גלות־לעבן, דאָס זאָל מען אַרויסברענגען אין אַזאַ יום־טוב".

— פסח איז אַ דערמאָנונג, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז געווען אַ פאָלק פון קנעכט אין דעם אַמאָליקן מצרים, האָט יעמאָלט, אונטער משהס פירערשאַפט רעוואָלטירט און אַרויס אויף דער פריי. און, ווי זכריה האָט מיר אויפגעוויזן, זיינען די יידן געווען די ערשטע אין דער אַלטער צייט צו דערקלערן, אַז קנעכטשאַפט איז אַ מיאוסער פאַרברעכן. דער באַגריף פון פרייהייט, ליליען, איז אַ יידישע זאַך.

ליליען־רות האָט געקנייטשט דעם שטערן, געוואָלט פאַרשטיין דעם טיפן געדאַנק, און געזאָגט:

— פאַרדריסט מיך טאָקע פאַרוואָס יידן פאַרגעסן אָן דעם. יעס, פּערל, דו פאַרשטייסט אַ סך. ווען מיר וואָלטן ניט געווען אַזוי פאַריאָגט, וואָלט איך צו דער עלטער ביי דיר געקענט נאָך עפּעס לערנען.

צום סדר איז די משפחה גערן געקומען. געווען אַ מין קיבוץ גליות. דניאל לוריאס זון, ריכטער דייוויד לאַריע, כאָטש אויסערלעך אַ פרומער קאַטאָליק, האָט אויף זיך אָנגעצויגן יידישקייט און האָט גוט אַרומגעשמעקט די הגדה. ער האָט פון איר אַרויסגעשמעקט אַ יידישן ריח, און עס איז

אים געפעלן געווען. זיין ווייב, די געוועזענע ראָוז מעקפּאַדן, האָט זיך געשפּירט ווי אַ פיש אין וואַסער, איז געלאָפן אין קיך און פאַרקוקט אין די טעפּ. זי האָט פאַרזוכט די מצה, געפּרוּווט דעם טעם, און אין דער שטיל געפרעגט דער שוויגער, דער גרטע, צי זי האָט אַמאָל ניט געגלויבט, אַז יידן באַנוצן בלוט אין די מצות.

דניאלס יינגערער זון, דזשייקאָב לוריא, מיט זיין ווייב פּאָולין, וואָס האָט געפּירט אין דער היים אַ כשרע קיך, און איז געווען צוקריגט מיט זיין עלטערן ברודער דעם משומד, האָט זיך איצטער מיט אים איבערגעבעטן. אין שפּאַס האָט אים דזשייקאָב אַ זאָג געטאָן: — אַז ער האָפט, ווען ער, דייוויד, וועט אָפּלעבן מיט זיין ווייב ביז פופציק יאָר קאַטויליש, וועט ער דערנאָך צוריק זיך אומקערן צום יידישן גלויבן, און ווייזן אַ גוטן ביישפּיל פאַר זיין ראָוז.

אויף דעם האָט אים דייוויד געענטפערט, אַז ער האָפט נאָך צו דערלעבן און זען ווי דער צווייטער דור פון די לוריאס וועט אַוועק פון דער יידישער טראַגעדיע, און אָנהויבן לעבן אַ נאָרמאַל און זיכערן לעבן.

הילל לוריא איז געקומען אַליין. ער איז ניט באַשטאַנען, זיין מינע זאָל מיטפאָרן. ער אַליין איז ניט געפאָרן מיטן גאַנצן האַרצן. „וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער מוזשיק ביים פּריץ?" און אויב ער איז אַליין געפאָרן, איז עס געווען צוליב דער גרטע. זי איז ביי אים געווען די אמתע אשת־חיל. הילל האָט געגלויבט, אַז צוליב איר זכות איז דניאל, דער געוועזענער פּעדלער, געוואָרן דער פאַרשטייער פון „לוריא ענד קאָמפּאַני". ווי נאָר הילל לוריא איז געקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען די גרטע, קוקן אין אירע אויגן און פאָרשן, צי זי איז נאָך אַלץ צופרידן מיט דעם שידוך אירן. ער האָט איצטער אויך גענומען די גרטע אָן אַ זייט, האָט זיך בשערת מעשה געררויטלט און געזאָגט:

— ווייסט, רות, ווען איך וואָלט גלויבן אין גן־עדן, שווער איך דיר, אַז איך וואָלט זיך איינגעלייגט דערפאַר מ'זאָל דיר דאָרטן געבן דעם אויבן־אָן.

זי האָט זיך האַרציק צעלאַכט, און, ווי גאָר אין די יינגערע יאָרן, אַ קוש געטאָן זיין גרויסן קאָפּ, אַלע זאָלן עס זען.

פרעמדלעך האָט זיך געהאַלטן דער עלטערער ברודער נייטן, דער סאָציאַליסט, וואָס האָט נאָך אין די אַכציקער יאָרן, אין נאָמען פון סאָציאַליזם, פאַרמשפּט דאָס יידישע פאָלק צום אונטערגאַנג, און וואָס איז געבליבן קאַלט צו דעם נאַציאָנאַלן שטרעבן פון זיין ברודער דניאלן. ער און זיין דינע, קינדערלאָזע, האָבן זיך אומגעדרייט ווי אויף אַ גאָר פרעמדן יאַריד. ווען ליליען־רות האָט אים אַ פרעג געטאָן וואָס ער מאַכט, האָט ער סאַרקאַסטיש, מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— דאָס יידישע פאָלק וועט מיר דער צייט דאַרפן זוכן אַ סדר ביי די ניט־יידן, כאַ־כאַ־כאַ... גוט, וואָס דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט די לוריאס, אַז ניט, וואָלטן זיך אַלע אויסגעשמדט.

דער גרטע איז דעם שוואָגערס קאָמפּלימענט ניט שטאַרק געפעלן געווען. איר ליבע צום יידישן מענטשן איז גיכער געווען אַ זאַך פון געפיל. איר

מאַנס ליבע צו ארץ ישראל האָט זי גוט פאַרשטאַנען. „אַ פאָלק דאַרף האָבן אַן אייגן לאַנד". דאָס האָט זי גוט באַגריפן.

לעאָנאַרד סטאָן און קעראָלאַין, אויסער זייער אייגענער טאָכטער, טעלמאַ, האָבן מיט זיך פאַרנומען לעאָנאַרדס שוועסטער, די רייכע אַלמנה, מילדרעד זילבערמאַן און אירע צוויי קינדער, לוי און סילוויאַ, וואָס האָבן אין די לוריאַ־קרייזן געשמט מיט זייער אָפענער שנאה צו אַלץ וואָס איז יידיש.

צווישן די אָנגעלייגטע געסט זיינען געווען די רודמאַנס. אפילו דער יינגערער זון, יעפּים, דער באַל־שעוויק, האָט זיך געפּוצט ביים שפּיגל „אויסצוזען ווי אַ בורזשוי". ער האָט גוט געדענקט דניאלס שטוב. דאָרטן האָבן די רודמאַנס, ביים אָנקומען קיין אַמעריקע, צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט דער גאַנצער לוריאַ משפּחה, און יעמאָלט האָט ער געקראַגן געזידלט פאַר זיין אויסדריקן זיך שלעכטס וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע. ער האָט אַלעמען יעמאָלט פאַרשעמט און ארויס פון שטוב. איצטער איז ער געגאַנגען צום סדר ווי אַ מענטש, וואָס קען זיין טאָלעראַנט, ווען ס'איז נויטיק. אגב, האָט ער געוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף דער גאַנצער משפּחה.

דער טיש איז געווען געגרייט רייך, זאַט און יידישלעך. אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן סדר האָט אָראָפּגעשיינט פון טיש. ווען מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, פון אויבן־אָן איז געזעסן ר' בונים, — האָט עס אויסגעוויזן, ווי פון קבר איז ר' ישראל לוריאַ אויפגעשטאַנען אָפּצוריכטן אַ סדר מיט זיינע קינדער און אייניקלעך.

דאָקטאָר לוריאַ און פּערל האָבן זיך געטיילט מיט די געפילן:

— וואָס זאָגסטו, זכריה, איז דען ניט גוט וואָס מען זיצט אַזוי נאָענט, און איינס קען ס'אַנדערע אָנקוקן?

— וואָלט מען געקענט אָרגאַניזירן די יידן פון ניו־יאָרק אַזוי...

ס'איז געווען אַ גרויסער שכל, פּערל — האָט דאָקטאָר לוריאַ שטיל געזאָגט — דורך די משפּחות קען מען אפשר קומען צו אַ ברייטערער פאַראייניקונג.

— אַ גרויסע משפּחה, אַ וויכטיקע משפּחה, זכריה. איבעראַיאָר וועל איך צונויפברענגען אויך מיין משפּחה. כ'וועל זיי צונויפברענגען מיט די לוריאַס.

פּערל האָט געפּועלט ביים יידישן שרייבער, יוחנן פעלדשטיין, ער זאָל קומען צום סדר. ער האָט זיך לאַנג ניט געדונגען. אַ פּאָר מאָל האָט ער די גרטע באַגעגנט ביי דאָקטאָר לוריאַן. ער איז געקומען איינאַיינעם מיט דאָקטאָר לוריאַן. ליל־יען־רות האָט אים באַמערקט, און שטאַרק געדאַנקט.

— פאַר מיר איז אַ כבוד, וואָס דו ביסט מיט אונדז. דו האָסט געדאַרפט אָפטער אריינקומען צו אונדז.

מיט די פיר קשיות האָט מען מכבד געווען דאָקטאָר לוריאַן, ווי דעם יינגסטן פון ערשטן דור.

אָבער דאָקטאָר לוריאַ האָט זיך ניט באַנוצט מיט די סקאַרבאָווע פיר קשיות וואָס אין דער הגדה. ער האָט מיט דעם טראַדיציאָנעלן ניגון גאָר אַנדערע פיר קשיות געפרעגט:

— פעטער — האָט ער איבערגעקוקט צו ר׳ בונים לוריאַן — איך וויל אײַך פרעגן פיר קשיות. די ערשטע קשיא איז: — פאַרוואָס דאַרף מען מיט אַ בייטש שמייסן יידן, כדי איינער זאָל דעם אַנדערן אין פּנים אַנקוקן, ווען ביי די ניט־יידן איז נאַציאָנאַלע אחדות דער כלל פון זייער לעבן?

די צווייטע קשיא איז: — פאַרוואָס די לוריאַס, וואָס זיינען אַלע אַהער אין דריי און אַכציקסטן יאָר געקומען אויף איין שיף, אַלע קבצנים, אַלע דלפנים, איז פונדעסטוועגן רייט איינער אין אַנקל סעמס מדינה אויפן פערד, און דער אַנדערער אונטערן פערד?

די דריטע קשיא איז, פעטער: — פאַרוואָס מײַן טאַטע, אײַער ברודער, האָט אַליין געהאָלפן בויען אַ שול, כדי יידן זאָלן האָבן וואו גאָט צו בעטן, טאָ פאַרוואָס איז ער אַוועק פון דער וועלט נאָך איידער זיינע קינדער דהאָבן אויפגעהערט גאָט צו בעטן?

די פערטע קשיא איז: — פאַרוואָס עסן מיר מרור צוליב דעם וואָס מען האָט יידיש לעבן פאַרביטערט מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין מצרים, און פאַרוואָס־זשע עסט מען ניט קיין האָניק, צוליב דעם נחת וואָס מיר האָבן ביי אַנקל סעם אין דער מדינה?

די פיר קשיות האָבן אַרויסגערופן געלעכטער און צעטומלעניש. עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס דאָקטאָר לוריא האָט מיט דעם געמיינט. דער אַלטער ר׳ בונים איז קיין נאַר ניט געווען. פון די עטלעכע שמועסן וואָס ער האָט געהאַט מיט דאָקטאָר לוריאַן, האָט ער תופס געווען וואו ער האַלט מיט אים. ער האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס זיין פלימעניק מיינט מיט די פיר קשיות. ווען דער עולם האָט זיך האַרציק צעלאַכט, דהאָט ר׳ בונים אויך מיטגעלאַכט. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז רעכט אין יעדן דור צו פרעגן אַנדערע קשיות. און אַז דאָ אין אַמעריקע פּאַסן זיך טאַקע ניט די קשיות פון דער הגדה.

די הגדה האָבן די טאַטעס געזאָגט געשמאַק. איינס האָט דעם אַנדערן איבערגעשריען און זיך געציקלט, ווי גאָר אין די יונגע יאָרן. די יוגנט האָט מיט די פינגער געגלעט דעם ענגלישן טעקסט. די מאכלים זיינען געווען געשמאַקע, און דער גרויסער עולם, כאָטש משפּחה, האָט ביים עסן ניט געפונען קיין בעסערע זאַך פון וואָס צו רעדן — ווי פון דער גרויסער „פּראָספּעריטי” און די גליקן, וואָס שיטן זיך אין וואָל־סטריט.

נאָכן סדר האָט זיך דער עולם צעשאָטן איבער די צימערן פון דער רחבותדיקער דירה. ווי אַ שאָטן, אַליין פאַר זיך איז אויסגעגאַנגען רעבעקאַ לוריאַ און מיט פאַרדאַכט באַטראַכט די קרובים. זי האָט פּערלס פּריינט־שאַפט אויסגענוצט, און עלעגאַנט זיך אויסגעקליידט. דאָס פּנים איז יינגער געוואָרן און די גרויע דהאָר האָבן איר צוגעגעבן חן. זי איז נאָך אַלץ געווען אַ מיסטעריע פאַר דער משפּחה; און פאַר דאָקטאָר לוריאַן, ביי וועמען זי האָט געוואוינט, אַ וואונק: — אַז פאַר יעדן מענטשן קוקט פון אַ ווינקל אַרויס סיי דאָס מזל, און סיי אומגליק.

ברכה רודמאַן, וואָס האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט רעבעקאַן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט איר, האָט זיך איצטער געהאַלטן פון דער ווייטנס. אויך זי האָט געפּאַרשט צווישן די פאַרזאַמלטע און געוואָלט אויס־

געפינען דעם שורש, וואָס בינדט זי מיט די מענטשן, וואָס האָבן הנאה געהאַט פון דער פסחדיקער וועטשערע. צוויי מענטשן האָבן פון דער זייט צו איר אריבערגעקוקט: יוחנן פעלדשטיין, וואָס האָט זי מער ווי א חודש ניט געזען, און הילל לוריאס יינגערער זון, מאָו לוריא, וואָס האָט אַלץ אָפטער געזוכט א געלעגנהייט מיט איר זיך צו באַגעגענען. זי האָט עס געשפּירט. זייערע בליקן האָבן זי אַנגערירט און געהאַלטן וואַך.

פעלדשטיין איז צו איר צוגעגאנגען ווען זי איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן טיר פון גרויסן עס־צימער און באַטראַכט די געסט.

— פון וואָס פאַר א מצרים זיינען די לוריאס ארויס? — האָט פעלד־שטיין געשמייכלט.

ברכה האָט אים אַנגעקוקט, און רואיק געזאָגט:

— ווער זאָגט עס, אַז זיי זיינען אַרויס? ווער זאָגט עס גאָר, אַז זיי ווילן אַרויס? און אויב ס׳איז טאַקע אמת, אז די רייכע יידן אין אמאַליקן מצרים האָבן אין מדבר געבענקט נאָך די געשמאַקע פיש, וואָס זיי האָבן אין מצרים געגעסן, איז טאַקע א שאַד וואָס משה האָט זיי צוליב דעם פאַר־משפּט ארומצובלאָנקען זיך אין מדבר גאַנצע פערציק יאָר. יידישע פיש איז ניט קיין קלייניקייט. איך האָב אויך ליב יידישע פיש.

— איך האָט געפּאַסט צו זיין א מאַנצביל, מיס רודמאַן — האָט יוחנן פעלדשטיין זי אַנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך בין צו קלוג דערפאַר. מיט דער מענערשער חכמה אליין וואָלט די וועלט שוין לאַנג חרוב געוואָרן.

— דאָס איז אמת.

— אָ, ניט דאָס האָב איך געמיינט. און אויך ניט אייך האָב איך געמיינט.

זי האָט זיך ענטשולדיקט, און איז מיט האַסטיקע טריט איבערגעגאנגען צו מאָו לוריאן, אָן קיין שום חכמות אים גענומען פאַרן האַנט.

— וואָס טוסטו דאָ, מאָו? — האָט איר שטים געקלונגען באַפעלעריש.

— איך בין דאָך א לוריא... ס׳איז דאָ גאַנץ לאַנגווייליק. ווילסט אפשר ארויסגיין דרויסן?

— דרויסן? אפשר. נאָר איידער איך גיי מיט דיר ארויס, וויל איך דיר עפּעס פרעגן, און פאַרלאַנג פון דיר אן ענטפער. גוט?

— פרעג.

—איך וויל וויסן צי דו וואָלסט געפאָרן קיין ארץ ישראל?

אים איז דורך א פראָסט דורכן לייב. ער האָט ניט געוואַרט, אַז דאָס זאָל זי אים פרעגן.

— מיט דיר, צי אליין? — האָט ער געפרעגט.

—דערווייל וויל איך, זאָלסט מיר ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע.

— איך האָב פון דעם ניט געטראַכט. איך בין דאָ געבאָרן געוואָרן. דאָ גרייט איך מיר צו א פּראַפעסיע.

— וואָס מיינט, ערגעץ געבאָרן ווערן? וואָס איז א מענטש, א קערנדל, וואָס לאָזט וואַרצלען אין דער ערד? צי איז ער א קערנדל, וואָס קען וואַקסן נאָר אין א געוויסער ערד? א מענטש ווערט געבאָרן, וואַקסט אויס

און אויב ער דערשפּירט אין זיך גייסט, עס ציט אים אין דער ווייט, דאַרף ער די ווייט אָננעמען!

— וועסטו מיט מיר פאָרן?

מאָו לוריא האָט עס געפרעגט און אליין זיך דערשראָקן פאר דער פראַגע. ווען זי וואָלט ניט געווען זיין שוועסטערקינד, נאָר א ווילד־פרעמדע, מעגלעך ער וואָלט גאָר אַנדערש געפילט, ווען אַ מיידל פון ברכהס כאַראַקטער פרעגט אים אַזאַ זאַך. זי איז אָבער זיין שוועסטערקינד, און שטענדיק, ווען זי רעדט מיט אים, איז זי אַגרעסיוו. ער פילט שטענדיק, ווי זי וואָלט אים באַליידיקט. אויך איצטער מיט איר פראַגע: — צי ער וואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט זי עס געטאָן, ווי מען פּרוּווט אויס א ייִנגל זיין פעאיקייט.

— וואָס וואָרט דאָרט אויף מיר, צו העלפן בויען אַ לאַנד פאַרן יידישן פאָלק?

— אין יעדן איינעם פון די בויער לעבט אַ פונק פון גרויסן דערלייזער, פון משיחן. אַט, האָבן זיי געשריען אויפן הויכן קול: „לשנה הבאה בני חורין”, איבעראיאָר זאָל מען זיין פריי... פרעג זיי, וואָס איז אזעלכעס פרייד־הייט? דו ווייסט אויך ניט. דו מיינסט, אז געבאָרן ווערן דאָ אין לאַנד, ביסטו געבאָרן געוואָרן פריי. אַ ניין, מ׳ווערט געבאָרן אַ קנעכט. פאַרן יידן איז אומעטום, אויסער ארץ ישראל, מדבר. אומעטום, אויסער ארץ ישראל, איז ער קנעכט. אַטאַ די אלע, וואָס האָבן נאָרוואָס אָפּגעגעסן די פּסחדיקע סעודה, זיינען קנעכט. איך פאָר אין גיכן קיין ארץ ישראל, ווילסט, וועלן מיר פאָרן אינאיינעם.

* * *

ביי מאָו לוריאן אין צימער איז געזעסן הילל לוריאס לאַנגיאָריקער ארבעטער און פריינט טאַראַס ראַזומני, און אויף זיין אופן, האַלב אין יידיש, געמישט מיט רוסיש און ענגלישע ווערטער, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קינדער באַגייען א גרויסע זינד, אויב זיי נעמען און לאָזן איבער טאַטע־מאַמע אליין אין פעלד און פאָרן אַוועק זוכן גליק אין שטאָט.

אין די ייִנגערע יאָרן האָט טאַראַס געאַרבעט אין ניו־יאָרק און איז געווען אַן אריינגייער צו ישראל לוריאן. ער האָט געשטאַמט פון איין געגנט אין רוסלאַנד וואָס די לוריאס. הילל לוריא, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט „פאַרפאַקן” אין אַ שוויץ־שאַפּ און „שטשאַבען” האָט אינאיינעם מיט טאַראַסן געטאָן שווערע טאָג־ארבעט אין שטאָט, אָדער אויף אַ פאַרם. ווען הילל לוריא האָט חתונה געהאט און איז אוועק אין די קעצקילס, דאָרטן איינגע־האַנדלט א פאַרם, איז טאַראַס מיט אים מיטגעגאַנגען. ביי היללן איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַן אייגענעם, און כאָטש ער האָט פון צייט צו צייט ליב געהאט נעמען דעם „ביטערן טראָפּן”, אַוועקפאַלן שיכור אויף אַ וואָך צייט, האָט מען אים ביי הילל מוחל געווען. פאַרט חברים פון די אַכציקער יאָרן. פאַר די פיר און צוואַנציק יאָר וואָס ער האָט געלעבט מיט הילל אויפן פאַרם, האָט ער א סך איבערגעטראַכט וועגן יידישער אומפעאיקייט צו פאַרמערייַ. פאַר זיינע אויגן זיינען ביי הילל לוריאן די קינדער אויסגעוואַקסן, און פאַר זיינע אויגן איז פון פאַרם געוואָרן א

„באַרדינג הויז״. טאַראַסן האָט אויסגעוויזן, ווען די קינדער וואָלטן געבליבן אויפן פאַרם, איז רעכט, מען וואָלט די ערד ניט פאַרלאָזט.

איצטער איז טאַראַס געקומען קיין ניו־יאָרק, אַז הילל לוריאַס ברודער, דאָקטאָר זכריה לוריא, זאָל אים געבן אַ רפואה פאַר זיין פוס, וואָס איז ביים קנעכל שטאַרק געשוואָלן געוואָרן. האָט ער שוין פאַר אייגוועגס באַשלאָסן זיך זען מיטן באַלעבאָס ייִנגערן זון און געבן אים צו פאַרשטיין — אַז אַ קינד טאָר קעגן טאַטע־מאַמע ניט זינדיקן.

— די ערד, — האָט טאַראַס געוואָלט ארויסזאָגן זיין געדאַנק קלאָר — זי קען אַמאָל זיין סערדיטע. דיין טאַטע האָט אָפּגעקויפט אַ באַרגן אַ ספּראַוועדליוון פאַרם. ווען טאַראַס יונג געווען, דיין טאַטע גילעל יונג געווען, האָט מען געפּאַכאַיעט, געמאַכט אַ פּאַסעוו, געווען אַ פּלעזשור צו קוקן אויף די פעלדער. קום צוריק — האָט ער געקלאַפּט מאַו לוריאַן אין פּלייצע — פּעלדער וועלן דיר זאָגן ספּאַסיבאַ.

ער האָט מאַו לוריאַן דערציילט וואָס אים האָט זיך געחלומט גאַרניט לאַנג, ווען ער איז אריין אין שטאַל צו די פערד און אַ שלאָף איז אים באַפאַלן. עס האָט אים ממש אַנידערגעלייגט אין מיסט נעבן די פערד, אַזוי שלעפעריק איז ער געווען, און פון שלאָף האָט ער געהערט ווי מאָוס טאַטע, הילל לוריא, האָט געקלאַגט אויפן הויכן קול און געבעטן, די קינדער זאָלן צוריקקומען פון שטאָט, ניט לאָזן אים אַזוי צו דער עלטער. הילל וויל צו דער עלטער זיינע פאַרשלאָפענע פעלדער אויפוועקן, אַקערן, זייען און שניידן תבואה.

— אַז איך זיך פּראָסיפּאַיעט, — האָט טאַראַס דערציילט — איך געזוכט גילעלן, געמיינט, אין באַרן געקומען קלאָגן.

מאַו לוריא האָט אויסגעהערט דעם אַלטן, שוין געבויגענעם טאַראַסן; אים האָט אויסגעוויזן, אַז ניט דער אַלטער אַרבעטער, אַ פאַרוואָגלטער פון רוסלאַנד נאָך אין די זעכציקער יאָרן, רעדט צו אים, נאָר אַ שטים פון דער ערד און איר טיפעניש מוסרט אים, הילל מאַי ער, וואָס האָט אַזוי ליב די ערד און אלץ אויף דער ערד ארום זיין פאַטערס פאַרם, האָט זיך איינגע־עקשנט צו שטודירן מעדיצין. „ניט פון דער ערד ביסטו אוועק, נאָר די ערד האָט דיך אַראָפּגעשליידערט פון זיך ווי אַ מיאוסע זאַך. די ערד האָט דיך פאַרשליידערט ביז קיין ניו־יאָרק, וואו אַספאַלט דעקט צו די ערד, קיין מינדסטע גרעזל זאָל זיך ניט דערשלאָגן צו דער ליכטיקער זון״.

— יעס, ביסט גערעכט, טאַראַס — האָט מאַו לוריא אריינגעקוקט אין דעם אַרבעטערס בלויע, איינגעפאַלענע אויגן — ביסט גערעכט, טאַראַס, אָבער זעסט דאָך אַליין ווי מ׳ווערט דאָרט ביי דער ערד אויסגעטריקנט. וואָס ניט, טאַראַס? אין ערגעץ צושיט מען זיך ניט; אומעטום קראַפירט מען, אַז די צייט קומט.

מאַו לוריא איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן. דער טיפער אמת, וואָס איז געלעגן אין דעם אלטנס רייד, האָט אָנגערירט אַ נאַקעטע וואונד. כאָטש אָט באַלד איז ער שוין אַ דאָקטאָר, אבער ער קען זיך ניט אויסמאָלן זיין צוקונפט. ער וויס גוט, אַז די מעדיצינישע פּראַפעסיע האָט ניט אַלעמען געבראַכט גליק.

— איך וועל דיך, טאראס, נעמען צו מיין אָנקל, וועט ער באַטראַכטן דיין פּוס. נאָך היינטיקן זומער וועל איך אַראָפּקומען זיך דורכשמועסן מיט מיינע לייט. ביסט געראָכט, טאַראָס, מיר זינדיקן אַנטקעגן דער ערד. שטאָט־מענטשן זיינען ניט ווערט מ׳זאָל זיי ליב האָבן.

ווען מאָו לוריא האָט געבראַכט טאַראָס ראַזומניק צו דאָקטאָר לוריאן, האָט ער דאָרט גאַנץ אומגעריכט געטראָפן ברכה רודמאַן. ער האָט זי צום לעצטן מאָל באַגעגנט ביים משפּחה־סדר ביי דניאל לוריאַן. דאָס איז געווען מיט א וואָך דריי צוריק. איצטער האָט ער באַמערקט אין איר א שטאַרקע פאַרענדערונג צום ערגערן. אומעטיק, נידערגעשלאָגן, ס׳פּנים אויסגעצויגן. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרפעלט צו באַמערקן ווי ברכהס ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, ווען ער האָט איר האַנט גענומען. איר אויסגעצוי־גענער פּנים האָט נערוועזיש א צוק געטאָן, און דאָס בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן אין די באַקן אריין.

— ווען איך זע! — האָט ברכה ניט געקענט באַהאַלטן איר אויפ־רעגונג — דאָס איז דאָך דער ארבעטער פון פאַרם, איך געדענק אים. ער איז קראַנק, וואָס?

זי איז צוגעגאַנגען און געדריקט טאַראָסן די האַנט, און מיט מיטלייד געקוקט אין זיין צעקנייטשטן פּנים.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט דעם אלטן טאַראָסן אוועקגענומען צו זיך, איז פּערל אריינגעקומען, ארומגענומען מאָו לוריאַן און אים געקושט:

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אז איך האָב געוואָלט שיקן נאָך דיר?

— האָט פּערל אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס — מיר האָבן דאָ גערעדט פון דיר.

— וואָס אַזוינס דהאָט איר גערעדט וועגן א נאַרישן בחור ווי מאָו לוריא?

— מיר האָבן טאַקע באַשטימט, אז דו ביסט ניט קיין גרויסער חכם, כאַ־כאַ־כאַ. כ׳וויל דיר דערציילן פון אונדזערע פּלענער. זאָל דיר ניט אַרן, וואָס דער פּסח־סדר איז געווען אַזוי ניט געלונגען. מ׳דאַרף די לוריאַס רעפאָרמירן. איינמאָל אַ חודש זאָל מען זיך באַגעגענען ביי אַן אַנדער מיטגליד פון דער משפּחה. היינטיקן זומער וועלן מיר אַלע לוריאַס אַריבערברענגען צו דיין פאַ אויפן פאַרם. ווי געפעלט עס דיר?

מאָו לוריא האָט אַ לאַך געטאָן. ער האָט געשפּירט, ווי די צוויי פּרויען האָבן זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין אים. ער האָט ניט גאָר איבגאַנצן באַנומען, וואָס פּערל האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ צוריק „צו־נויפצושמעלצן” די לוריאַס. „צוליב וואָס דאַרף מען עס? — האָט מאָו לוריא געטראַכט — אַ לוריא־קלען, ווי אין די פּרימיטיווע צייטן...” אין האַרצן איז ער געווען צופרידן וואָס צוליב טאַראָסן איז ער איצטער דאָ. אים האָט געדרודערט ברכהס אויסזען. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן איר, כאָטש ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון מיט וואָס ער האָט קעגן איר געזינדיקט. בכלל איז אים די רודמאַן־משפּחה געווען אַ רעטעניש.

— ברכה, ווען אים אויפקלערן מיין פּלאַן, איך וועל ארויסגיין זען וואָס מיין טאַכטער טוט, כאַ־כאַ־כאַ.

פערל איז בכיוון אַרויס. ברכה רודמאַן האָט עס פאַרשטאַנען, און איז אומעטיק געוואָרן. די צופעליקע באַגעגעניש מיט מאָו לוריאַן, וואָס האָט מיט אַ ווייל פריער ארויסגערופן אויפרעגונג, האָט גורם געווען צו איר זאָל זיך אומקערן דער טיפער טרויער, וואָס גריזשעט איר לייב און לעבן, זינט איר עלטערע שוועסטער האָט זיך צו איר אין גאַנצן אומגעדרייט מיט דער פּלייצע, און האָט פאַר איר פריינט געמאַכט דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער. פערל לוריא איז גליקלעך פון דעם געדאַנק צוזיפצוביגדן אין איין משפחה אלע לוריאס, און ביי ברכהן קומט עס אויס ווי אַ ביטערער שפּאַס.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט מאָו לוריא גענומען ברכהן ביי ביידע הענט און זי אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע — איז נויטיק צוזיפּ־צו שאַרן פאַרוועלקטע און אָראָפּגעפאַלענע בלעטער אין איין בערגל?

— מיר קריכט עס אין קאָפּ אריין ווי פאַראַיאָריקער שניי — האָט ברכה געענטפערט — ווער זיינען פאַר מיר די לוריאס? וואָס זיינען זיי מיר? אויף אַזוי ווייט בין איך נאָך אַ רעוואָלוציאָנערקע. דאָס האָב איך אין יענעם לאַנד געלערנט, אָפּצוטרייסלען זיך אפילו פון אייגן בלוט, אויב ס'איז מיר ניט צום הארצן. אַ אידעע בינדט מענטשן, אָבער ניט קיין משפחה. איך דערמאָן מיך, ווי אין סאָוועטרוסלאַנד, ווילד־פרעמדע יינגלעך און מיידלעך, האָט דער חלוצים־גייסט אינאיינעם געשמידט, ווי פון אַ העלישן פייער צונויפגעשמאָלצן, אַזוי זיינען מיר געווען. עס זיינען געווען דיליידן, אויף וויפיל מ'האָט געלאָזן ליידן פאַר דער אידעע. אויף וואָס זיינען מיר יעמאָלט ניט פעאיק געווען, אפילו מיטן קאָפּ צו פאַרלייגן, אויף אַלץ איז מען געווען גרייט! איינס פאַרן אַנדערן איז מען געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן. אַ אידעע בינדט אויך אין היינטיקער צייט, אָבער אַ פאַמיליען נאָמען?

מאָו לוריאַ האָט אָנגעצויגן די ברעמען, זיין פּנים איז ווי געעלטערט געוואָרן. ער האָט אירע ווערטער גוט פאַרשטאַנען. זיי האָבן אים גע־קלונגען אויפריכטיק. „וואָס איז די סיבה פון איר דערשלאָגנקייט — האָט ער געטראַכט — איז טאַקע אַלץ וואָס אַ פרוי דאַרף אין לעבן איז עס אַ אידעע?"

— צי ווערסטו היינטיקן זומער פאָרן צו דיין טאַטן אויפן פאַרם? — האָט ברכה געפרעגט.

— מעגלעך, ווען דו פאָרסט, וואָלט איך געוויס מיטגעפאָרן. ווען איך הויב אָן בענקען אַהיים, קומט שפּעטער די רעאַקציע, און דערנאָכדעם אַ טיפער אומעט. טאַראַס האָט געבראַכט מיר היינט אַ שטיק אומעט. ער האָט גערעדט אויף זיין אופן, און גיי זאָג אים, אַז ער איז אומגערעכט. מיין פאָטער איז דורכגעפאַלן, עס מיינט אָבער ניט, אַז די קינדער דאַרפן אויך דורכפאַלן. שאַפט דאָך אימעצער ברויט פאַר דער גרויסער שטאָט.

פערל לוריא איז ווידער אריינגעקומען, האָט זיך אריינגעזעצט צווישן ברכהן און מאָו לוריאַן, גענומען זיין האַנט און איר האַנט, עפּעס געפאָרשט, און געזאָגט:

— ווי איך זע האָט מיין אידעע אויף אייך ביידן ניט געמאַכט קיין איינדרוק. איר זייט דאָך נענטער צו די לוריאס ווי איך. ביז מיין חתונה

בין איך פאַר די לוריאַס געווען אַ ווילד־פרעמדע. פונדעסטוועגן טראַכט איך, ווען עס געלינגט מיר מיט די לוריאַס, וואָלט איך אויך מיינע לייט צוגעצויגן.

— ס׳איז אַלטמאָדיש, פערל, — האָט זיך מאַו אָפּגערופן — איך האָב געלייענט, אַז ביי די כינעזער איז די געזעלשאַפט קאָנצענטרירט אַרום משפּחות, און יעדע משפּחה איז איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן נאָר צו אייגענע משפּחה־מיטגלידער. היינטיקע געזעלשאַפט דאַרף עס ניט. אַ פריינטלעכע מענטשהייט דאַרפן מיר. גוטע באַציאונג פון מענטש צו מענטש, איינער זאָל פילן די וואַרימקייט וואָס דער צווייטער מענטש טראָגט פאַר אים; אַ מענטש זאָל וויסן, אַז דער צווייטער איז צו אים נאָענט מיט האַרץ און נשמה — אין דעם נויטיקט זיך די היינטיקע געזעלשאַפט. אָבער משפּחה־קרייזן? איך באַגרייף עס ניט. וואָס זאָגסטו? — האָט מאַו לוריאַ זיך געווענדט צו ברכהן.

ברכה האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט זיך צוגעהערט צו איר אייגענעם געמיט. די לעצטע צייט ווערט איר שטאַרק ענג אַרום האַרצן. זי פּרוּווט אַליין זוכן פאַר זיך אַן אינהאַלט אין דעם נייעם לאַנד. ס׳איז דאָ אַ מאָמענט, ווען איר דוכט זיך אויס, אַז אויב זי וועט זיך פאַרט ניט אַרויסרייסן קיין ארץ ישראל, וועט זי פאַרוועלקט ווערן ווי אַ בלעטל אין אָסיען. און צייטנווייז קומט איר אויפן געדאַנק, אַז אין אַמעריקע און אין ניו־יאָרק לעבט די גרעסטע יידישע קהילה. מיליאָנען יידן! דער אַלטער דור קוקט נאָך מיט היימישע אויגן. וויפיל זי זאָל ניט וועלן מיטן געדאַנק זיך באַפרייען פון איר שוועסטער, אַרויסוואַרפן יוסטינען פון איר לעבן — קען זי עס ניט. איר שוועסטער, וואָס האָט איינמאָל געפּרוּווט אַ שפּרונג טאָן אין פרעמדן גאָרטן אַריין, און ס׳איז ניט גאָר איינגאַנצן געלונגען, האָט צום צווייטן מאָל, ווי עס זעט אויס ברכהן, געמאַכט אַ זיכערן שפּרונג.

זי האָט זיך צוגענייגט צו פערלען און אַ קוש געטאָן איר וואַרים, ווייכן האַלדז. זי האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרוואָרלאָזט קינד, וואָס זוכט וואַרימקייט ביי פרעמדע מאַמעס.

— ס׳איז דיר אומעטיק, ברכה — ד׳האָט פערל צו זיך צוגעצויגן ברכהן — געווען אַמאָל אַ קלוגער מענטש עפּעקטעטוס, האָט ער געזאָגט: „פּונקט ווי די זון וואַרט ניט מ׳זאָל בעטן און ר׳תפילה טאָן צו איר, סיי־ווי קומט זי אַרויס און שיינט; אַזוי זאָלסטו ניט וואַרטן אויף לויב־געזאַנגען און דאַנק־ווערטער. אַליין זאָלסטו אַרויסקומען און גוטס טאָן, וועסטו אַזוי ווי די זון ווערן באַליבט״.

— איך האַלט פון די פאַרצייטיקע חכמים, פערל. מיר געפעלט עס. מער ניט, איין צרה, אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן אַמאָל איז שיין, אָבער אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן צווישן היינטיקע מענטשן איז גאָרניט אַזוי שיין. וואָס שוויגסטו, מיסטער לוריאַ? — האָט ברכה אומגעווענדט דעם קאָפּ צו מאַו לוריאַן — מיר וואָלט בעסער געווען ווען דו ביסט מיר אַ ווילד־פרעמדער.

— דאָס איז אַ געזונטער געפיל — האָט מאַו לוריאַ אָפּגעענטפערט. טאָראַס איז געקומען, און ער קריכט מיר פון קאָפּ ניט אַרויס. וואָס קען

איך טאָן? באַצאָלן אַ מענטשן אַ חוב בין איך נאָך שטאַרק געניג; אָבער אָפּצאָלן אַ חוב די פּעלדער, וואָס איך האָב ערגעץ געהאָלפן יינגלוויז מיין טאַטן אַקערן... ס'איז טרויעריק ביז גאָר. טאַראַס האָט עס אַזוי נאַטירלעך געזאָגט, אַז איך קען מיר ניט העלפן; כאַטש נעם, טו אַ מאַך מיט דער האַנט אויפן קאַלעדזש, און לאָז זיך אַוועק מיט דעם אַלטן טאַראַסן צו באַפרידיקן די פּעלדער. קום, ברכה, מיט מיר אַביסל ארויס דרויסן. פּערל וועט אונדז ענטשולדיקן. ווען מיר לאָזן זי איבער מיט איינעם פון די לוריאס, כאַ־כאַ־כאַ. זכריה לוריא איז מיינער אַן אָנקל, אַ פיינער מאַן. ער איז ווערט מ'זאָל אים ליב האָבן. טאַראַס קען ניו־יאָרק, ער האָט וואו צו נעכטיקן. די גוטע פּערל וועט אים געבן אָפּצועסן. יעס, פּערל?

ס'איז געווען אַ וואַרימע, אויסגעשטערנטע נאַכט. מאָו לוריא האָט גענומען ברכהן אונטערן אָרעם און האָט אַ צייט געשפּאַנט מיט איר אין טאַקט. זיי האָבן געצויגן צום איסט־ריווער, זי איז אים נאָכגעגאַנגען, און זיך באַמיט מיטן געדאַנק מיטצוהאַלטן מיט אים אין טראַט. ער האָט געוואַרט, ברכה זאָל די ערשטע אָנהויבן צו רעדן, אָבער זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

צוקומענדיק צום איסט־ריווער, האָט ער זי אויפגעהויבן, פאַנאַנדער־געוויגט — ווי אַריינוואַרפן זי אין וואַסער אַריין. ברכה האָט זיך גע־האַלטן שטאַרק און אַפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן.

— עך, ווען איך ווייס, אַז דו שווימסט ניט ארויס צוריק, וואָלט איך דיך אַריינגעשליידערט אין וואַסער אויף צום אמתן. אַזאַ פרוי ווי דו קומט באַשטראָפט צו ווערן. אַ פרוי, ווען זי פאַרגעסט אינגאַנצן וואָס זי איז, איז ווערט אַזאַ שטראָף. ווער ביסטו? זאָג מיר, ווער ביסטו? וואָס האָט דיר אַמעריקע געטאָן פאַר אַ שלעכטס, וואָס דו גייסט אַרום ברוגז? וואָס איז דיר דאָס לעבן שולדיק, אויב דו אַליין טרעטסט אויף דעם מיט דיינע פיס? איך טראַכט אָפט פון דיר, ברכה. די לעצטע צייט טראַכט איך אַ סך פון דיר. ס'איז ניט בלוט־קרובהשאַפט, וואָס ציט מיך צו דיר, נאָר דאָס, וואָס איך בין אַ פּראָדוקט ניט פון דער גרויסער שטאָט. איך פאַרשטיי, דיר איז אויך די גרויסע שטאָט ווי אַ דאָרן אין די אויגן. האָסט זיך שטאַרק פאַרענדערט. זעסט אויס שלעכט. דאָס דאַרף אַ מיידל ניט דערלאָזן. אַ מיידל טאָר זיך אויף קיין איין רגע ניט פאַרגעסן. דאָס לעבן באַשטראָפט פאַר אַזעלכע זינד. יעס, ברכה, דער סוד פון לעבן איז נאָר ליב און טייער אַזוי לאַנג ווי ער בלייבט אַ סוד. דאָס לעבן גופא איז אַ סוד. אָבער ווי נאָר מ'ווערט קליגער פון לעבן, ווי נאָר מ'מאַכט אַ פּנים, אַז קיין שום זאַך איז ניט פאַרבאָרגן, אַלץ איז קלאָר — איז דאָס לעבן מיאוס. איז דאָס לעבן אַ קללה.

— מיר איז טרויעריק, מאָו — האָט ברכה גענומען זיינע בײדע הענט און אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען — מיר איז שטאַרק טרויעריק. איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט. אפשר שוין צופיל גערעכט. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ניט יעדערער זעט דאָס לעבן מיט די אייגענע אויגן. ווער עס קען נעמען זאַכן גרינג; איך ניט. זינט איך בין אין אַמעריקע פיל איך מיך, ווי אַן אויסגעריסענער שטיין פון ברוק. אָט איז פּערל לוריא, אַ וואונדערלעכער מענטש! עפּעס וויל זי. ס'איז גוט, וואָס זי האָט באַקלערט

צונויפנעמען און שאַפן א גרויסע משפּחה, א געבונדענע משפּחה פון די לוריאס. זי ווייס אפשר אליין ניט, אז אין דעם איז פאַראַנען עפּעס פון א נאַציאָנאַלן געדאַנק. אַט, מיין ברודער פּנחס האָט זיך פארבונדן מיט מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אויפריכטן יידישע יום טובים. דאָס איז אויך זייער שייך. אפשר ווילסטו געהערן צו אַזאַ קרייז, מאָו? נעם אָהין אויך דיינע פריינט, זאָלן זיי זיך דערנענטערן צום יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן, וואָס ווערט באַלויכטן דורך פּאַלקס־עקסטאַז. נעם מיט אָהין דיין פריינט.

— וואָס פאר א פריינט מיינסטו, ברכה?

— זי איז ווערט, זאָלסט זי ליב האָבן, כאָטש א שיקסע.

— איך ווייס ניט וואָס דו מיינסט, ברכה.

— אויב דו ווייסט ניט, ווייס איך אויך גאָרניט דערוויילע. די צייט וועט די אויגן עפענען סיי מיר און סיי דיר. פיר מיך אַפּ אַהיים, מאָו.

* * *

דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד האָט זיך געזיפּט א דינער, וואַרימער רעגן. די פאַרגעלטע פעלדער ארום הילל לוריאס פאַרם און „באַרדינג־הויז" זיינען צוריק גרין געוואָרן. די וואָלקן האָבן געצויגן נידעריק, איינס איבערן אַנדערן זיך געוויקלט, און געאָטעמט מיט פייכטקייט, אַראָפּגענידערט און אויסגעשפּרייט א גרוי־ווייסן נעפּל איבער דער בערגיקער געגנט. אויפן פערטן באַגינען האָט דער רעגן אויפגעהערט און געלאָזן נאָך זיך א וואַרימע פייכטקייט. אויף א ווייל האָט די זון אין מזרח־זייט דורכגעריסן די וואָלקן, בינט זוניקייט האָבן דורך די צעריסענע וואָלקן דורכגעשטראָמט און זיך אַראָפּגעגאָסן צו דער פייכטער ערד. פון דרום־זייט איז ווידער אָנגעקומען א שווערער וואָלקן, נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזן און איינגעוויקלט די געגנט אין נעפּל.

דאָקטאָר זכריה לוריא איז ארויסגעקומען פון דהויז, וואו ער האָט געוואַכט ביים קראַנקן בעט פון זיין עלטערן ברודער דעם פאַרמער. זיין ברודער הילל האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף א לונגען־אָנטצינדונג, און כאָטש א דאָקטאָר פון א דערבייאיק שטעטל האָט אים באַהאַנדלט, איז משפּחה געוואָרן רואיקער ווען דער אייגענער ברודער־דאָקטאָר איז געקומען, און גע־זאָגט אַז די געפאַר איז אריבער. ער איז כמעט א גאַנצע נאַכט ניט גע־שלאָפן, און כאָטש דער דרויסן איז געווען א וואַרימער, האָט די אינער־לעכע קעלט גובר געווען. ארויסקומענדיק צום דרויסן האָט ער א שוידער געטאָן מיטן גאַנצן גוף.

דאָקטאָר לוריא איז ארויסגעקומען אויפן מיטן הויף, געפּאָרשט דורכן נעפּל — דורך וואָנען ס'איז בעסער און טריקענער ארויסצוגיין צום אָפענעם פעלד. א טיפער טרויער האָט געדריקט זיין געמיט, און ער האָט געוואָלט א ווייל בלייבן מיט זיך אליין. „בלעטער פאַלן, צו פרי האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַלן..." — איז אים דורכגעלאָפן א מחשבה. זיין ברודערס מצב האָט אים באַאומרואיקט. דהילל, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאר דעם גיבור אין דער לוריא־משפּחה, האָט זיך צו פרי אָנגעהויבן אונטערצוגעבן. אמת, א זיבעציקער; אָבער צו זעכציק יאָר איז הילל'ס פּלייצע שוין געווען געבויגן.

ביינאַכט האָט דער חולה אַ פּאָר מאָל געעפנט די אויגן, באַטראַכט דעם יינגערן ברודער דעם דאָקטאָר, אָפּגעזיפצט און גאָרניט געזאָגט.

שוין פאַרטאָג האָט הילל די אויגן געעפנט, אָנגעקוקט אַ ווייל דאָקטאָר לוריאן און אַ שטאַרקן ציטער געטאָן — ווי אַ האַנט האָט אים אָנגעכאַפּט, געוואָלט פון בעט אַרויסשליידערן.

— זיי רואיק, הילל, וועסט ווערן געזונט — האָט אים דאָקטאָר לוריא געגלעט זיין פּייכטן און געפּאַלדעוועטן שטערן — מיר וועלן נאָך פון דיר האָבן נחת, הילל.

הילל האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן, און שטיל, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— יעס, זכרידה, מיר האָט זיך געחלומט דער פּאָגראָם פון איין־און־אַכציקסטן יאָר. פּאָגראָמשטשיקעס זיינען באַפאַלן דעם טאַטן. האָב איך געכאַפּט אַ האַק, זיך געלאָזן צו די פּאָגראָמשטשיקעס... זיינען זיי אַנטלאָפן געוואָרן. און דער טאַטע האָט געחלשט. געדענקסט, זכריה, ווי ער האָט געחלשט?

דאָקטאָר לוריא איז צוגעקומען צום צוים, זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן שטעכיקן דראָט. דער נעפּל האָט זיך באַוועגט פאַר זיין געזיכט און געמיגלט אין ליכט פון פרימאָרגן. דער געדאַנק האָט אים פאַרטראָגן צו זיך אַהיים, פון וואַנען ער איז מיט צוויי טעג צוריק אַוועקגעפאָרן. אַן אומבאַגרייפלעכע זאָרג האָט אים ארומגעכאַפּט. ווען ער לאָזט זיין פּערל מיטן קינד איבער אַליין, וואָלט ער גאַנץ רואיק געווען. אָבער דאָס מאָל איז ביי אים אינדערהיים געבליבן זיין שטיף־שוועסטער רעבעקאַ, וועמען דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעהויבן חושד זיין אין שלעכטע מחשבות. „אַ היים — האָט ער געטראַכט איז פאַרן מאָן אָן אינדזל אין אַ צעשטורעמטן ים. חתונה האָבן, איז ווי ראַטעווען זיך פון אַ צעבראָכענער שיף אויף אַ אינדזל, ארום וועלכן דער שטורם הערט ניט אויף צו בושעווען”. זיין פּערל האָט אים פון אַזאַ שטורם געראַטעוועט. מיט איר יוגנטלעכן כאַראַקטער איז פּערל פאַר אים אַ זוניק־באַלויכטענער אינדזל. און זינט זיין שטיף־שוועסטער האָט זיך ווידער באַוויזן, געמאַכט איר היים אין אַ שמאָל־לענגלעכן צימער אין זיין שטוב, איז פּערל אָפּט אומעטיק. צומאָל כאַפּט אים אָן אַ מורא, ווי פאַר אַ געפאַר. כאָטש ער ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַן אופן די געפאַר צו באַזייטיקן. זיין פּערל איז טאַקטיש, פריינטלעך צו דער שטיף־שוועסטער. אָבער שוין אַ פּאָר מאָל איז פּערל צוגעקומען צו אים אַ דערשראָקענע, און געפרעגט: „זאָג מיר, זכריה, פאַרוואָס איז זי מיר אַ שונא?”

אויך איצטער שוועבט פאַר אים פּערלס געזיכט. אין נעפּל שוועבט פּערלס געשטאַלט ארום. זי פרעגט ווידער:

— זאָג מיר, זכריה, פאַרוואָס איז זי מיר אַ שונא?

אַ קעלט האָט ווידער דורכגענומען זיין לייב. ער האָט באַשטימט נאָכמיטאָג פאָרן צוריק אין שטאָט.

פון נעפּל ארויס איז פאַר אים אויסגעוואַקסן מאָו לוריא.

— כ׳האָב געמיינט, אָנקל, דו וועסט זיך צולייגן שלאָפן — האָט מאָו אַ באַזאָרגטער גערעדט — ניט אַ טרויער, ווי דער פּאַ האָט זיך אַראָפּ־

געלאָזן? וואָס זאָגסטו, אַנקל, איז עס ניט קיין על־טער־שוואַכקייט, וואָס אין איין יאָר איז ער שוין דאָס צווייטע מאָל קראַנק אויף די לונגען? מאַ האָט שטאַרק געוויינט פאַר מיר. זי וויל, מען זאָל אַלץ פאַרקויפן און ציען אין שטאָט אַריין. יעס, אַנקל. איך קלער, וואָס וועלן זיי טאָן אין שטאָט? די שטאָט וואַרט ניט אויף זיי. און דערצו וויל איך ניט, מ'זאָל עס פאַרקויפן. אפשר וועל איך נאָך אַליין אַהער אַראָפּקומען. וואָס שמייכל־סטו, אַנקל? נו, און אַז איך האָב שוין מיין דאָקטאָר־דיגרי? איך קען זיין אַ פאַרמער און אַ דאָקטאָר.

— וואָס וועט זי אויף דעם זאָגן?

— וועמען מיינסטו, אַנקל?

— איך מיין, דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער.

— כאַ־כאַ־כאַ, דער אַנקל טראַכט פון איר גאָר!

— פאַרוואָס ניט? אָט, איז זי מיטגעפאָרן, געוואָלט דיך זען. זי האָט דיך ליב.

— זי האָט ליב געקראָגן יידן, נאָר צי זי האָט מיך ליב?

— אפשר צוליב דיר האָט זי ליב געקראָגן יידן, מאָו.

— ביז איך וויים ניט וואו איך בין אין דער וועלט, וויל איך קיין פרוי דעם קאָפּ ניט פאַרדרייען. איך וועל דיר נאָכטאָן, אַנקל. איך קען נאָך גאַנצע צוואַנציק יאָר וואַרטן.

— דאַרפסט מיר ניט נאָכטאָן. ליבע איז לעבן. אַ שאָד נאַר, וואָס זי איז מיטגעפאָרן אַהער אין אַזאַ צייט.

— זי איז געזעסן נעבכן נעבן פאַ, געהאַלטן זיין האַנט, אים געטרייסט און דערציילט וויצן. זי מיט איר וואונדערלעך געזונטן כאַראַקטער. נאָר וואָס זי וועט איצטער טראַכטן פון מיר, ווייס איך אַליין ניט. אפשר וועט זי זיך ענטוישן, בין איך צופרידן.

אַרום האַלבן טאָג האָט זיך דרויסן אויסגעלייטערט. דער חולה האָט זיך געפילט אַ סך בעסער. אונטער דער זון האָבן זיך אומגעבלאָנקעט און געגלאָצט אין דער וועלט אַריין דריי שווערע פרויען און פיר מענער, באַרדערס. דאָקטאָר לוריא האָט מודיע געווען, אַז ער קלייבט זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין.

הילל לוריאס ווייב, די שווערע מינע, האָט אים אַריינגענומען אין אַ זייטיקן צימער, אַ ווייל אים אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן, און מיט אַמאָל האָט איר שווער־צעגאָסענע ברוסט אָנגעהויבן ציטערן, און זי האָט זיך צעוויינט.

— זיי נאָך אַ טאָג מיט אונדז, זכריה — האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, און מיט קילע, פייכטע ליפּן געקושט זיין פּנים — איך בין אַן אומגליקלעכע מאַמע בין איך. איך האָב מורא פאַר דעם פאַרם. אפילו פאַר די אַנדער־האַלבן באַרדער האָב איך מורא. וואָס וועט זיין פון מיר דאָ?

דאָקטאָר לוריא האָט אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל אירע שווערע, ווייכע הענט, און זי באַרואיקט.

— הילל וועט אין אַ טאָג צוויי אַרום ווידער שטיין אויף די פיס. דערווייל איז נאָך זומער, מען דאַרף אַזאַ זאַך רואיק אַרומרעדן. פרייסט זיך גאָרניט, וואָס מאַ איז שוין דאָקטאָר?

מינע האָט אים אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגן. דאָקטאָר לוריא האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו איר פּלוצלונגער שרעק. מיט א יאָר צוריק, ווען הילל איז געווען קראַנק, איז ער אויך אַראָפּגעקומען, און יעמאָלט איז מינע געווען לעבעדיק און פריילעך.

— ווי געפעלט דיר דאָס מיידל, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט?

— האָ, דאָס מיינסטו? ווער איז זי? זעט ניט אויס יידיש.

— זי איז ניט קיין יידישע. זי איז דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער. ווי געפעלט זי דיר?

— ביסט שור, אַז זי איז ניט יידיש?

— נו, אוודאי. דאָקטאָר ווילסאָן איז אַן אַמעריקאַנער.

— וואָס וועל איך האָבן פון דעם, אויב ער וועט מיט איר חתונה האָבן?

— וועסט האָבן אַ שיינע שנור.

— וועל ניט האָבן קיין שנור, און וועל ניט האָבן קיין זון.

— פאַרוואָס?

— זי וועט אים פאַרנעמען צו די גוים. צוליב דעם האָט מען גע־דאַרפט ציען די אַדערן, אים האַלטן אין שטאַט? וואָס מיינסטו, דער קאָפּ האָט מיר אויסגעדאַרט? ס'וועט הילל אויך זאָגן דאָס אייגענע. היללן איז דער קאָפּ אָנגעגאָסן מיט פייער, אַד־און־ווי איז צו מיר. גאָט ווייסט, צי ער וועט אויפשטיין.

ביי מינען האָבן ווידער די טרערן א שטראָם געטאָן פון די אויגן. מיט אַן אויפגעלאָפּענעם פנים האָט זי אים אָנגעקוקט, געזוכט ביי אים הילף.

דאָקטאָר לוריא האָט חושד געווען, אַז איר צעבראָכנקייט שטאַמט פון דעם, וואָס ער, דאָקטאָר לוריא, האָט מיט זיך געבראַכט דאָס ניט־יידיש מיידל. כאָטש אים האָט עס שטאַרק געחידושט, האָט ער פונדעסטוועגן מיטגעפילט ווען זי האָט באַמערקט, אַז חתונה האָבנדיק מיט א ניט־יידיש מיידל — וועט זיין ניט קיין שנור, און ניט קיין זון.

מאָו און עלווירא ווילסאָן זיינען אריינגעקומען. עלווירא האָט באַמערקט מינעס פאַרווינט פנים. אַ דערשראָקענע האָט זי זיך געווענדט צו מאָו לוריאן:

— ביסט אַ שלעכטער זון, מאָו. פאַרוואָס דערפרייסטו ניט דיין מוטער. זאָג איר, אַז זי דאַרף ניט זאָרגן. איך האָב נאָר וואָס גערעדט מיטן מיסטער לוריא. זיינע אויגן זיינען קלאָר. איך האָב געהאַלטן זיין האַנט, די טעמ־פּעראַטור דהאָט זיך נאָכגעלאָזן. יעס, איך בין א דאָקטאָרס אַ טאָכטער, איך פאַרשטיי א סך, כאַ־כאַ־כאַ.

מינע לוריא האָט איצטער ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט עלוויראַן. אין אירע יונגע יאָרן איז זי אויך בלאָנד געווען, האָט אויך געהאַט בלויע אויגן. זי האָט געפאָרשט אין עלוויראס פנים, געזוכט א שפור יידישקייט. ווארום, אויב ניט, האָט זיך אין איר קאָפּ ניט אויסגעלייגט, אַז עלווירא זאָל זיין אזוי פריינטלעך.

— פֿאַרדריסט מיר, וואָס מיס ווילסאָן איז אין אַזאַ צייט געקומען. מיין מאַ איז ניט קיין פּאַרוויינטע. יעס, מאַ, כ׳האָב דיך שוין לאַנג ניט געזען אַזאַ פֿאַרלאָרענע. דער פּאַ וועט געזונט ווערן. ביסטו ניט געווען אַזוי בלאַנד, ווי מיס ווילסאָן, האַ, מאַ?

מינע לוריאַ האָט געביסן די ליפּן, ווי ביי אַ צעשראָקן קינד האָט איר פּנים געציטערט, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. אין דער רגע האָט זי געזוכט בלוט־קרובהשאפט אין איר אייגענעם זון, וואָס האָט זי וואַרים אַרומגענומען און געקושט איר פאַרוויינט פּנים.

— איז עס אמת, דאָקטאָר, — האָט עלווירא זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאַן — אַז ביי יידן פֿאַרלירט מען זיך שטאַרק, ווען אימעצער ווערט קראַנק?

דאָקטאָר לוריא האָט איצטער אליין ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט מאַו לוריאַן און דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער אינאיינעם. כאָטש ביי אים אין שטוב האָט ער זיי ניט איינמאָל באַגעגנט אינאיינעם, אָבער דאָ, אין קעגנוואַרט פֿון דער צעשראָקענער מינען, האָט אים עלווירא אויסגעוויזן, ווי פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט איז זי אַראָפּגעקומען, צו באַטייליקן זיך אין דרויסישן צער.

— ס׳איז וואונדערלעך שיין דאָ אַרום פֿאַרם — האָט עלווירא ווידער אָנגעהויבן — טאַקע דאָ ביסטו, מאַו, געוואָקסן? זאָ לעבט איר שוין אַזויפֿיל יאָרן? זאָג, מאַו, דיין מוטער, זי זאָל ניט זאָרגן. איך האָב מורא, אפשר גאָר איז דיין מאַ צעשראָקן, וואָס דאָקטאָר לוריא האָט געבראַכט אַ פרעמד מיידל מיט זיך, כאַ־כאַ־כאַ. זיי רואיק — האָט זי זיך געווענדט צו מינען — איך וועל אים ביי אייך ניט צונעמען. ער איז אייער זון, האָט אייך אים. איך ווייס, אַז ער האָט ליב אַן אַנדער מיידל. איך האָב נאָר געוואָלט זיך באַקענען מיט דער ערד, פֿון וואַנען אַזאַ בוים איז אויסגעוואָקסן, כאַ־כאַ־כאַ.

מינע לוריא האָט זיך צוגעהערט צו עלוויראס רייד. דער קאָפּ איז איר געווען פֿאַרטראָגן, זי האָט אפילו ניט באַנומען, וואָס עלווירא האָט געמיינט מיט אירע רייד און קלינגענדיקן געלעכטער.

דאָקטאָר לוריא איז געווען גערירט פֿון מינעס געוויין, און האָט באַשטימט פֿאַרבלייבן נעבן קראַנקן ברודער נאָך אַ מעת־לעת. עלווירא ווילסאָן איז געווען צעטומלט פֿון דער באַגעגעניש מיט דער פֿאַרוויינטער מינען. איר האָט פֿאַרדראָסן וואָס זי דאַרף נאָך פֿאַרוויילן אויפֿן פֿאַרם. פרעמד איז איר געווען די גאַנצע סביבה. זי האָט זיך אַנגעשטויסן אין דער מוטערס צעשראָקענעם פּנים, פֿאַרשטאַנען, אַז די מוטער איז ניט צופֿרידן, וואָס צו איר זון איז געקומען אַ ניט־יידיש מיידל. פֿאַר דער צייט וואָס זי איז אריינגעקומען אין דעם קרייז פֿון די לוריאס, און אויך צוליבן צוזאַמענשטויס וואָס יוסטינע רודמאַן האָט געהאַט צוליב איר יידישקייט מיט עלוויראס פֿאָטער, האָט עלווירא באַנומען, אַז ביי יידן קוקט מען ניט שטענדיק מיט דער נאַטירלעכקייט אויף די געמישטע חתונות צווישן יידן מיט ניט־יידן.

כאָטש הילל לוריא איז געלעגן קראַנק, האָט עלווירא אים תופס געווען. זיינע שוואַרצע אויגן, האָט זי געפֿילט, האָבן צו איר אריינגעקוקט

גלייך אין הארצן אריין און האָבן עפּעס פאַרשטאַנען. אויפן וועג צום פאַרם, זיצנדיק אין אויטאָמאָביל זייט־ביי־זייט מיט דאָקטאָר לוריאן, האָט זי עטלעכע מאָל געפּרואווט אָנציען א שמועס וועגן מאָו לוריאן, און זי האָט געפילט, אז דאָקטאָר לוריא האָט ניט קיין חשק צו רעדן וועגן אים. זי איז געווען ביי דאָקטאָר לוריאן, און געשמאַק פאַרבראַכט מיט פּערלען, ווען מען האָט אָפּגערופן פון הילל׳ס פאַרם, געבעטן, דער ברודער זאָל קומען. מאָו לוריא האָט טעלעפאָנירט. עלווירא האָט זיך אָנגעכאַפּט, אז זי וויל מיטפאָרן. דאָקטאָר לוריא האָט זי ניט אָפּגערעדט. פּערל האָט איר אונטערגעגעבן חשק. און איצטער טוט איר באַנג די גאַנצע זאַך.

עלווירא האָט שטאַרק געוואָלט פאַרנעמען ערגעץ אָן א זייט מאָו לוריאן און מיט אים האָבן א „האַרץ־צו־האַרץ" שמועס, אליין ניט ווייסנדיק אין פאָרויס וועגן וואָס גענוי זי וועט מיט אים רעדן. איצטער האָט זי זיך געפילט אביסל פאַרלאָרן. זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז מאָו לוריאס מוטער איז אַזאַ שווער־צעיורענער טיפּ, וואָס פאַרמאָגט א סך טרערן. פרעמד איז איר אויסגעקומען צו באַנעמען מאָו לוריאן אין אַזאַ אַטמאָספער. כאָטש ער האָט אין אירע אויגן ניט פאַרלאָרן זיין פּנים צווישן זיינע לייט.

ווען די זון איז פאַרגאַנגען, האָט מאָו לוריא פאַרנומען עלוויראן אין פאַרנאַכט אריין, וואָס אַרום פאַרם. „ליבע איז איין זאַך, און מענטשלעכקייט איז עפּעס אַנדערש — האָט ער געטראַכט. — ליבע טאָר זיך ניט אויסלעבן אויפן חשבון פון מענטשלעכקייט".

עלווירא איז געקומען אויף זיין לעבנסוועג און פאַדערט גאָרניט פון אים. צומאָל דוכט אים אויס, אז זי, א יונג מיידל און וואַרימער מענטש, האָט זיך באַוויזן אין יידישן קרייז עפּעס צו לערנען און דערקענען. אים איז א חידוש, וואָס זי האָט זיך געלאָזן צו אים אויפן פאַרם. אים האָט אויסגעוויזן, אז דאָ וועט זיך עלווירא אויסניכטערן. פון איצטער־אָן וועט זי די לוריאס בכלל אויסמיידן.

— ווען איך וואָלט דאָ אויסגעוואָקסן אין אַזאַ געגנט, וואָלט מיר שווער געווען דאָס איבערצולאָזן. ווי פילסטו, מאָו? — האָט עלווירא א צעשטרייטע גערעדט — לאָמיר זיך דאָ אַנידערזעצן.

מען איז צוגעקומען צום וואַלד ביים ברעג פאַרם, פּונקט ווען די זון איז אויף א רגע געבליבן מיטן שאַרפן ראַנד אויפן האָריזאָנט.

— ס׳איז שיין, מאָו. אַ שאָד, וואָס דיין פאָ איז קראַנק. איך האָב געוואָלט מיט אים רעדן. דריי לוריא ברידער קען איך שוין, געוואָלט דעם פערטן קענען. וואָס, מאָו, דיך פאַרדריסט וואָס איך בין געקומען? איך בין ניט צו דיר געקומען. איך בין געקומען אַהער, און האָב ניט קיין חרטה.

מאָו לוריא האָט געשוויגן. פאַר זיין געדאַנק זיינען געווען טאַטע־מאַמע. אין די אויערן האָט געקלונגען דער מוטערס געבעט: — מ׳זאָל זיי אַרויסנעמען פון פאַרם אין שטאָט אריין. און ער? עלווירא רעדט, און אירע רייד — ווי זיי וואָלטן פון ווייט געקומען; פון איבער די פעלדער, פון דאָרטן, וואו די זון פאַרגייט, קומען די רייד.

— ביסט אומעטיק, מאָו — האָט עלווירא גענומען זיין האַנט און באַ־טראַכט זיינע פינגער — איך האָב היינט געהאַלטן דיין פּאַטערס האַנט. אַזאַ שווערע, אויסגעהאָרעוועטע האַנט, מיט שווערע, טרוקענע פינגער. און דיין האַנט, אַ שטאָטישע האַנט. פונדעסטוועגן, מאָו, וואָס מער איך באַגעגן זיך מיט דיינע לייט, טראַכט איך, און וויל דערגיין פאַרוואָס די קריסט־לעכע וועלט...

— רייד איצטער ניט אויף דער טעמע — האָט מאָו לוריא איבער־געשלאָגן עלוויראַן — דער פאַרנאַכט איז אַזוי שיין, אַלץ אַרום איז אַזוי גרויס, אַז דער מענטש זעט מיר איצטער ניט אויס מער ווי־כטיק, ווי דער פּאַרטראַכטער שמעטערלינג וואָס שטייט דאָרטן אויפן ריטל. ווייסט, עלווירא, איך האָב שוין מיין דאָקטאָר־דיגרי, אָבער איך קלער זיך דאָ באַזעצן. דעם באָרדינג־הויז וועל איך אונטערצינדן — זאָל ער אוועק מיטן פייער אינ־איינעם מיטן מיסט. סיי־ווי האָבן מיר דאָס הויז ניט געבויט.

— ווער איז דאָ פאַר איך געווען?

— מיין פאָ האָט עס אָפּגעקויפט ביי אַ מיסטער עטקינסאָן. ער איז, ווי מיסטער לוריא, געבליבן אַליין. די קינדער זיינען אוועק אין שטאָט. צו דער עלטער האָט ער גענומען און עס פאַרקויפט.

— דו ווייסט דאָ פּראַקטיצירן מעדיצין?

— איך ווייס ניט. געוואָנדערט, ווי די ערד וועט מיך אויפנעמען. אָט, זעסטו, קוק אַהין צום זונפאַרגאַנג, אַהין ציט זיך אונדזער לאַנד. הונדערט צוואַנציק אַקער לאַנד. ס׳איז פאַרלאָזן. איך שעם זיך. איך וויל עס אויפרייסן, וועל עס אויפאַקערן ביז צום לעצטן אַקער.

מאָו לוריא האָט אויסגעשפּרייט די הענט אַנצואוויזן די הונדערט צוואַנציק אַקער לאַנד, און געשפּירט, ווי דער גאַנצער דרויסן האָט אַ ציטער געטאָן אַנטקעגן דעם זונפאַרגאַנג. אים האָט זיך געדוכט, די שטיינער אַרום הערן זיינע ווערטער; די ביימער האָבן זיינע ווערטער אויפגעכאַפּט. זיינע ווערטער דערגרייכן איצטער אויף די צווייגן. לעבן אים איז געזעסן עלווירא ווילסאָן, אָבער אין דער אמתן, האָט ער געפילט, האָט איצטער נעבן אים געדאַרפט זיצן די רויטהאָריקע ברכה רודמאַן. יענע וואָלט אים איצטער בעסער פאַרשטאַנען. ניט מער, וואָס יענע קלייבט זיך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום צו פאַרלאָזן אַמעריקע. יענע איז מיט קאָפּ און האַרץ אין ארץ ישראל.

עלווירא האָט אַנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, און האָט אַ צייט געשוויגן, ווי זי וואָלט נאָכגעגאַנגען זיינע געדאַנקען. זי האָט געהערט וואָס ער האָט גערעדט. זי האָט עס איבערגעוואויגן, געוואָלט פילן, ווי וויט ער מיינט עס.

אַ פאַרשפּעטיקטע בין איז אַנגעקומען מיט אַ זשום און זיך צוגעכאַפּט נאָגן די פּוכיקע בלום איבער אַ שטעכיקער שישקע. ביידנס בליקן זיינען געפאַלן אויף דער בין.

— זע, מאָו, מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט די בין האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער בלום און זויגט! זע נאָר וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט... צי בין איך

אַרעמער פון דער דאַזיקער בלום? צי ביסטו אַרעמער און שוואַכער פון דערדאַזיקער בין? הא, מאָו?

זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ און זיך איינגעזויגן אין זיין האַלדז.

— איך, מאָו, בין די בין; און דו — די בלום אויף אַ שטעכיקן שטאָם. די זון איז פאַרגאַנגען, און ביז זי וועט אויפגיין נאָך אַמאָל, וועט זיין נאַכט. שיינע נעכט זיינען אויפן פאַרם. שיינע נעכט, שענערע ווי די טעג. וואָס ניט, מאָו?

מאָו לוריא האָט געשפּירט די וואַרעמקייט פון איר גוף, און מיט פאַר־מאַכטע אויגן האָט ער געזען ווי די זון, שוין פאַרגאַנגען, האָט זיך ווידער אַרויסגעהויבן און געבליבן שטיין אויפן ראַנד פון הימל און ערד.

קאַפּיטל ניינצן

די סוף־זומערדיקע, פּייכטע וואַרימקייט, מיט דעם מידן אָטעם פון דער איסט־סייד נאַכט, האָט אַריינגעשטראָמט דורך די אָפענע פענצטער צו דאָקטאָר לוריאן אין וואוינונג, וואו מיט געבויגענע קעפּ, איבערגעשראָקענע און פאַרזאָרגטע, זיינען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע פון דער לוריא־משפחה.

א פּאָגראָם האָט אויסגעבראָכן אויף יידן אין ארץ ישראל! — — —

פּחד, גענמישט מיט טיפן צער האָט אויפגערודערט די נאַציאָנאַלע און פאָלקסשיכטן פון דער יידישער גאַס, און האָט אויך איבערגעשראָקן א טייל פון דער לוריא־משפּחה. שטענדיק אין א עת צרה, ווען די פאַר־ביזנעווערטע מיטגלידער פון דער משפּחה האָבן געזוכט א טרייסט־וואָרט, אָדער א קלוגן ענטפער, איז מען געקומען צום שיינדל פון דער משפחה— צו דאָקטאָר זכריה לוריאן.

דניאל לוריא, דער רייכער געשעפטסמאַן, זיין ווייב די גרטע און דער יינגערער זון דזשייקאָב, האָבן געבראַכט פּחד אין די אויגן, געהאָפט, אז דער קלוגער און געלערנטער דאָקטאָר לוריא זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין: — ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז אין אייגענעם לאַנד זאָל מען קאָנען א פּאָגראָם אויס־געבראָכן. א שטאַרק פאַרנומענער מענטש, א פאַרזונקענער אין אמעריקאַ־נער ביזנעס־וועלט, האָט דניאל לוריא נאָך פונדעסטוועגן געדענקט די אַכ־ציקער יאָרן אין רוסלאַנד. דעריבער איז ער צופרידן געווען, ווען דער ארץ ישראל אידעאַל האָט אים פון צייט צו צייט ארויסגעריסן פון ביזנעס־תהום. ס'האָט אים געקאָסט אביסל געלט, אָבער פאַר דעם האָט ער, לויט זיין באַגריף, זיך איינגעקויפט אַביסל גייסטיקן פאַרמעגן. ער האָט מיט א צייט צוריק איינגעקויפט ערד אין ארץ ישראל, און געטראַכט אריבערשיקן אַהין די רודמאַנס, פּנחסן און ברכהן, זיי זאָלן זיין ערד אָנהויבן באַאַרבעטן. איצטער איז ער געקומען צו זיין יינגערן ברודער ווי איינער, וואָס מ'האָט אים פון שלאָף אויפגעוועקט און מודיע געווען: א פּאָגראָם אויף יידן, שטיי אויף און ראַטעווע זיך!

זיין יינגערער זון דזשייקאָב, א געבאָרענער אין לאַנד, האָט דעם פאָטער געקוקט אין די אויגן און ארויסגעלייענט וועגן א יידישער געפאַר. די מאַמע, די גרטע, האָט א פּאָר טרערן פאַרלאָרן; כאָטש איר איז געווען שווער צו פאַרשטיין פונוואַנען ס'אומגליק האָט זיך גענומען.

הילל לוריא, דער פאַרמער, וואָס איז מיט א פּאָר טעג צוריק ערשט אראָפּ פון קראַנקן בעט, איז אויך געקומען קיין ניו־יאָרק. די אומרואיקע נייעס פון ארץ ישראל האָט אים פון אָרט אָפּגעריסן. אליין אן „עם עולמניק" פון די אַכציקער יאָרן, וואָס האָט א לאַנגע צייט נאָך אלץ געהאָפט, אז דער

„עם עולם" געדאַנק וועט צונויפנעמען אידעאַליסטן, וואָס וועלן אין אַמעריקע בויען גרויסע יידישע ישובים ביי דער ערד; אַ לעבן־לאַנג האָט ער אָפּגעלאַכט פון די ציוניסטן, וואָס „ווילן אין אַמאָליקן ארץ ישראל באַזעצן דאָס היינטיקע יידישע פאָלק", ווען ער איז עלטער געוואָרן און אַרויסגעזען זיין אייגענעם תכלית, און דעם תכלית פון זיין פאָרם אין די קעצקילס — האָט ער זיך אָנגעהויבן אונטערצוהערן, ווען פון ארץ ישראל זיינען אָנגעקומען נייעס וועגן די חלוצים, וואָס בויען מיט מסירת נפש דאָס וויסטע לאַנד פאַר יידן. ער האָט זיך איצטער געלאָזן אין שטאָט אַריין, צונויפגענומען דאָס ביסל שוואַכע כוחות און געקומען צום ברודער דעם דאָקטאָר. זיינע צוויי זין האָבן אים באַגלייט. דער עלטערער זון, איזידאָר, וואָס איז געווען קאָמוניסטיש געשטימט און דעם ענין ארץ ישראל געהאַסט, ביים באַגעגענען דעם פאָטער, האָט ער זיך קאָנטראָלירט און ניט אַרויסגעבראַכט פאַרן פאָטער וואָס ער האָט געטראַכט פון די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל.

דער אַלטער ר' בונים כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקע אמונה אין די, וואָס זיינען „דוחק דעם קץ", און ווילן משיחן ברענגען פאַר דער צייט, האָט זיך פאַרן ענין פּאָגראָם דערשראָקן. אַ פּאָגראָם, וואו עס זאָל ניט זיין, איז אין זיינע אויגן געווען אַן אָפּקלאַנג פון חורבן. ער איז אַוועק צו די רודמאַנס, געפונען פּנחסן מיט רויט־אָנגעוויינטע אויגן, איז ער אַוועק צו דאָקטאָר לוריאַן. דעם אַלטן ר' בונימען האָט שטאַרק צעטומלט די ידיעה, אַז אין חברון האָבן די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס אויסגעקוילעט אַלע ישיבה־בחורים, און די ישיבה אונטערגעצונדן און פאַרברענט.

פערל לוריא איז אומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אַ צעטראָגענע. זי האָט זיך באַמיט צו האַלטן רויק און ניט אַרויסווייזן איר טרויעריקע דערפאַרונג, וואָס זי האָט געהאַט מיט דאָקטאָר לוריאס שטיף־שוועסטער, מיט רעבעקאַן, ווען גאָר אומגעריכט האָט רעבעקאַ איר אויפגעוואָרפן, אַז איר גאַנצע צוגעבונדנקייט צו דאָקטאָר לוריאַן איז ניט מער ווי די צוגעבונדנקייט פון אַ קאַץ צו אירע ברויט־געבער. פערל האָט באַשטימט ניט צו רעדן וועגן דעם דערוויל מיט דאָקטאָר לוריאַן, און איצטער, ווען די געסט האָבן זיך צונויפגענומען צוליב אַזאַ אַלגעמיינעם טרויער, איז זי געווען גאָר אינגאַנצן צעטומלט. ווי פון הינטער אַ וואַנט זיינען צו איר דערגאַנגען די רייד פון די פאַרזאַמלטע. זי איז עטלעכע מאָל אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער, דאָרטן געשלונגען די טרערן, און ווידער אַריינגעקומען צו די געסט, זיך באַמיט אַריינצוברענגען וואַרימקייט אין דער צערודערטער אַטמאָספערע.

ליליען־רות, האָט געוואָלט וויסן, צי סע שטייט געשריבן אין די יידישע הייליקע ספרים, אַז אַ ייד מעג אַ וויכטיקע זאַך טאָן אַליין, און ניט וואַרטן, אַז גאָט זאָל אים הייסן. דער ענין משיח, ווי עס ווערט ביי יידן פאַרשטאַנען, איז איר באַקאַנט געוואָרן נאָך אין יענע טעג, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט דניאלן, ווען דער רב איז געקומען צוויי מאָל אַ וואָך מיט איר לערנען און באַקענען מיט יידישקייט.

— איך האָב דניאלן געפרעגט, צי איז עס ניט קיין זינד, אויב יידן ווילן ניט וואַרטן אויף גאָטס צוזאָג, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז גאָט הייסט דעם מענטשן: דו טו אַ גוטע זאַך, און איך וועל דיר העלפן. האַ, וואָס זאָגסטו, זכריה, אויף דעם?

זכריה לוריא האָט געשמייכלט. האָט אין דער ערשטער רגע ניט גע־
וואוסט וואָס צו ענטפערן דער פרומער גרטע, וועמעס באַגריף וועגן גאָטס
מעשׂים האָט נאָך געשטאַמט פון איר קאַטוילישן גלויבן. פון פּאָגראָמען
אויף יידן האָט זי שוין געהאַט א באַגריף, זינט זי האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן
יידישן לעבן. אָבער א פּאָגראָם אין ארץ ישראל איז פֿאַר איר געווען
גאָר אינגאַנצן ניי.

— יעדער פּאָגראָם אויף יידן אין דער אלטער היים האָבן דורכגעפירט
די אָרימע און פֿאַרגרעבטע שיכטן פון פֿאָלק. זיי אליין אָבער וואָלטן גאָר
אויף דעם ניט איינגעפאַלן — האָט דאָקטאָר לוריא געפּרוּווט אויפקלערן
דער גרטע — עס זיינען געווען מענטשן אין דער העכערער געזעלשאַפט,
וואָס צוליב פּערזענלעכע אינטערעסן האָבן זיי געריצט דעם פּרימיטיוון אינס־
טינקט פון די אומוויסנדע מאַסן. אין דער אמאָליקער רוסלאַנד האָט מען
געגלויבט, אז יידן וועקן רעוואָלוציאָנערע כחות. האָבן די רעאַקציאָנערן,
די יעמאָלטדיקע הערשער אין רוסלאַנד, אָנגערייצט אויף די יידן די פֿאָלקס־
מאַסן; זיך ניט געשעמט אפילו אויסצוטראַכטן אויף יידן דעם באַרימטן
בילבול, אַז יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט אין די מצות אויף פּסח. איך
גלויב, אַז אין די איצטיקע פּאָגראָמען אין ארץ ישראל זיינען אויך שולדיק
אָנרייצער פון דער העכערער געזעלשאַפט.

— מיינסט ניט, אָנקל — האָט דניאלס זון געפרעגט — אז די בריטישע
לייט אליין האָבן...

— זיי האָבן די באַלפור דעקלאַראַציע געגעבן, מיין זון! — האָט
דניאל אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן — זיי אליין האָבן דאָך יידן געגעבן
ארץ ישראל, ווי אזוי גאָר קענסטו גלויבן, וואָס אימעצער האָט דיר איינ־
גערעדט? דער ענגלענדער איז דעם יידנס א פריינט, מיין זון. וואָס זאָגט
איר, אָנקל — האָט זיך דניאל געווענדט צום אַלטן ר' בונימען, וואָס איז
געזעסן מיט א געבויגענעם קאָפּ — וואָס זאָגט אייך אייער האַרץ, אָנקל,
וועלן שוין טאַקע יידן קיין נחת ניט האָבן?

דער אַלטער ר' בונים האָט זיך קיינמאָל ניט געפילט צו דהיימיש
צווישן זיינע אַמעריקאַנער קרובים. דאָרטן, וואו ער האָט זיך געקענט
רואיק צולייגן און אויסשלאָפן, האָט ער זיך יאָ געשפּירט היימיש. דאָס איז
געווען ביי די רודמאַנס. ער האָט איצטער אויך געטראַכט פון ברכהן;
א וויינענדיקע האָט ער זי געלאָזן, ווען ער איז אינדערפרי געווען ביי די
רודמאַנס. דער רייכער פלימעניק, וואָס העלפט בויען ארץ ישראל מיט
זיינע גרעסערע נדבות און אליין פירט ער געשמאַק זיינע ביזנעס, כאָטש
ער געדענקט אים נאָך פון פאר עטלעכע און פערציק יאָר צוריק פון רוס־
לאַנד, זעט אים איצטער אויס ווי א גר. דווקא אין דער גרטע שפּירט דער
אַלטער מער יידישקייט ארויס.

— דו פרעגסט, צי וועלן יידן שוין קיין נחת ניט האָבן — האָט דער
אַלטער גערעדט און געקוקט אויף זיינע מיט האָר באַוואָקסענע פינגער —
וואָס וועט טויגן יעמאָלט ווען יידן וועלן האָבן גאָלע נחת? יעמאָלט וועלן
זיי זיך ווי וואַסער מיט וואַסער אויסמישן. ערשט איצטער, אַז יידן האָבן
ניט קיין נחת, מחמת דעם וואָס יידן האָבן קיין פריינט ניט צווישן די אומות
העולם, זיינען מיר ווי בוימל אויפן וואַסער. זיינען מיר יחסנים. די

ארץ ישראל וואָס גאָט וועט אליין אויפריכטן פאַר ישראל וועגן, וועט ניט וויסן פון קיין פּאָגראָמען. אָבער די ארץ ישראל, וואָס איז ווי א שיף אין מיטן פון א צערייצטן ים, דאָרטן וועלן יידן ניט ד׳האָבן קיין מער נחת ווי אין גלות. עס פרעגט נאָך אלץ דאָס יידישע הארץ: שומר מה מליל? שומר, וואָס הערט מען עפּעס פון דער נאַכט ארויס? און וואָס איז דער ענטפער ווייסטו דאָך מן הסתם. דער שומר ענטפערט: דער טאָג איז געקומען, און ס׳איז שוין ווידער נאַכט. מ׳דאַרף האָפן אויף דעם גרויסן ליכטיקן טאָג.

— איז דאָס אמת, זכריה, וואָס איך האָב געהערט — האָט דניאל ווידער אָנגעהויבן — אז די יידישע בונטאָוושטשיקעס פראַווען יום־טובים און שיקן פּאָזדראַוולעניעס די פּאָגראָמשטשיקעס?

— הלוואי וואָלט עס ניט געווען אמת, דניאל. איך גיי ארום אָן אַ קאָפּ. דוכט מיר, דער יידישער אָרגאַניזם איז צעפוילט געוואָרן און אויף אים האָבן אָנגעהויבן אַרויסשלאָגן אַלערליי געשווירן.

— אויף דיר שמועסט מען, אַז דו ביסט א גאַנצער שמעלקע מיט יענע לייט, וואָס זאָגסטו? — האָט דניאל זיך געווענדט צו איזידאָר לוריאַן.

— ס׳איז ניט קיין פּאָגראָם — האָט איזידאָר, מיט די אויגן צום דיל, געענטפערט. — ס׳איז אַ רעוואָלוציע. די אַראַבער רעוואָלטירן קעגן גרויס־בריטאַניע. זיינען זיי שוואַך אַנטקעגן די ענגלענדער, טוען זיי עס אַנטקעגן די יידן, וואָס דינען ענגלאַנד.

— גיסטו זיי גערעכט, מיין זון? — ד׳האָט הילל מיט א שוואַכער שטים געפרעגט — איך האָב עס אויך געהערט, און ניט געגלויבט מיינע אויערן.

— איך גיב זיי ניט אינגאַנצן גערעכט, פּאַ; איך האַלט, אז יידן בויען דאָרט עפּעס, און מ׳דאַרף זיי ניט שטערן.

איזידאָר לוריא האָט זיך אין צייט פאַרכאַפּט און מיט זיין ענטפער טיילווייז זיך אַרויסגעדרייט. אָבער הילל לוריאַן האָט עס פון אָרט אויפ־געהויבן. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ און זיך אַנידערגעזעצט צוריק אַנטקעגן זיין זון, און אים גוט אָנגעקוקט. שווער איז היללן געווען אָנצוהויבן מיטן זון א ויכוח און באַוויזן, אז מיט יידיש בלויז זאָלן זיך יידישע קינדער ניט שפּילן. ער איז איצטער צו שוואַך געווען אויף דעם.

איזידאָר האָט עס באַמערקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פאָטער און צערטלעך געפרעגט:

— וואָס׳אי, פּאַ, פילסט זיך ניט גוט? ווערסט ניט האָבן קיין טראָבל פון דיין זון. ער זעט זאַכן אַביסעלע אַנדערש ווי די גרינע. אַז מ׳לעבט אין אַמעריקע, דאַרף מען ניט אַריבערקוקן ערגעץ־וואו אַנדערש.

— איך וועל רעדן צו דיר ווי א מעדיקער, איזי, — האָט מאַן לוריא זיך שטיל אָפּגערופן — פאַראַן אַזאַ דערשיינונג ווי א מענטשלעכער קערפּער, וואָס פאַרמאָגט א סך גלידער און בלויז איין הארץ צו באַדינען די גלידער. ווען אפילו עס איז דער מינדסטער פינגער אין טראָבל כאַפּט זיך ס׳האַרץ אויף. דאָס יידישע פאָלק, איצטער באַגרייף איך עס, איז איין גרויסער קערפּער צעשפּרייט איבער דער וועלט. אָבער ערגעץ־וואו איז פאַראַן א צענטראַלע ד׳האַרץ, וואָס וואַכט אויף ווען א ווייטער גליד טוט וויי. אזוי

פיל איך עס, איזי. דעריבער זאָג איך, אַז די אַלע וואָס פרייען זיך מיט די פּאָגראָמען אויף יידן אין פּאַלעסטינע, זיינען פאַרעטער פון יידישן פאָלק.

— בראוואָ, מאָו! — האָט דאָקטאָר לוריא אים געדריקט די האַנט — האָסט עס בעסער ניט געקענט דערקלערן. איך וויל זיך מיט דיין ברודער ניט קריגן. ס'איז טראַגיש, ווען אַ פאָלקס האָפענונג ווערט אויף אַזאַ אופן אויך פון אינעווייניק פאַרשוועכט.

אַנדערש האָט די טרויעריקע נייעס אָפּגעקלונגען ביי די רודמאַנס אין שטוב. ברכה האָט זיך געקליבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום פאַרלאָזן אַמעריקע און פאָרן קיין ארץ ישראל. אמת, עס איז אויסגעקומען גאַנצע פיר יאָר שפּעטער ווי זי האָט געהאָפט, ווען זי איז פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַוועק. אין זיבן־און־צוואַנציקסטן יאָר איז זי אויך גרייט געווען צו פאָרן אינאיינעם מיט פּנחסן, האָט זיך אונטערגערוקט דער עקאָנאָמישער קריזיס אין ארץ ישראל, ווען טויזנטער חלוצים האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. יעמאָלט איז אָנגעשטאַנען אַ קריזיס אין איר לעבן. געפאַלן און נידערגעשלאָגן איז די לעצטע צייט געווען פּנחס. זיי האָבן אין האַרצן באַשטימט זיך איינצובירגערן אין אמעריקע. אָבער די לעצטע צייט, ווען אמעריקע האָט זיי צוגעטיילט בלויז דאגות און שלאָפלאָזע נעכט, פון ארץ ישראל זיינען ווידער געקומען גוטע נייעס, און ווען דניאל לוריא האָט זיי געמאכט דעם פאַרשלאַג, זיי זאָלן פאָרן אויף זיין חשבון קיין ארץ ישראל, דאָרטן באַאַרבעטן זיין ערד; ווי ניט ליב דאָס איז געווען פאַר זיי — האָבן זיי זיך געגרייט אין וועג אריין. איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה פון ארץ ישראל. פּאָגראָמען, שחיטות אויף יידן. צעשטערונג, בירגער־קריג, און מיט אַמאָל איז פאַר זיי די האָפענונג ווען־עס־איז אויסגעלייזט צו ווערן, ווידער אויסגערונען.

ווען די טרויעריקע נייעס פון ארץ ישראל איז אָנגעקומען האָט עס ברכהן אריינגעוואָרפן אין אַ קעלט. זי האָט געפילט, ווי אָט באַלד ווערט ס'האַרץ איר צעריסן. זי איז געקומען צו איילן פון גאַס אין שטוב אריין, געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן, אַרויסגעקוקט אַ צעשראָקענע דורכן פענצטער און ניט באַמערקט אפילו — ווי די מוטער איז געשטאַנען אַ בלאַסע ביים אויוון און זי נאָכגעקוקט.

די מוטער האָט געוואוסט וואָס עס האָט געטראָפן, און בשעת מעשה ניט געפונען קיין ווערטער צו טרייסטן איר טאָכטער. צום גליק, און אויך צום אומגליק אינאיינעם, איז דער יינגערער ברודער יעפים אריינגעקומען. ער איז ניט געווען טאַקטיש געניט, גלייך געגומען זיין שוועסטער אויף אַ פאַרהער:

— נו, ברכה, וועסט שוין איצטער צוגעבן, אַז דיין ברודער איז געווען גערעכט? די מאַמע האָט מיך אויך געהאַלטן פאַר אַ גזלן.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט די מוטער געפרעגט.

— פליין, ס'איז אַ רעוואָלוציע אין פּאַלעסטינע! די אַראַבער האָבן צונויפגענומען זייערע לעצטע כחות און האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצויאָגן די ענגלענדער מיט זייערע יידישע משרתים, וואָס העלפן צו עקספּלואַטירן די אַראַבישע מאַסן.

ברכה האָט געהערט וואָס איר ברודער רעדט, און האָט עס אינגאַנצן ניט באַנומען. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שרעק, ווי ניט איר ברודער וואָלט פאַר איר געשטאַנען — נאָר א פּאַגראָמשטשיק מיט אַ האַק.

— איז עס טאַקע אמת? — האָט די מוטער ווידער געפרעגט — אַז דיינע לייט האָבן געשיקט א פּאַזדראַוולעניע די פּאָגראָמשטשיקעס?

— ניט קיין פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר רעוואָלוציאָנערן.

— זאָג אים, מאַמע, ער זאָל צומאַכן זיין מויל! — האָט ברכה ניט מיט אירע כחות אויסגעשריען.

— כאַ־כאַ־כאַ — קענסט דעם אמת ניט הערן? — די ביטערע פאַקטן וועלן דיינע דעמאַגאָגן ארויספירן אויפן לאַגישן וועג.

תחילת האָט ברכה, ווי איר שטייגער איז געווען, זיך געוואָלט וואַרפן אויפן ברודער און אויסלאָזן צו אים די גאַנצע ביטערקייט, וואָס האָט זיך אין איר בלוט אָנגעקליבן. אָבער אנשטאָט דעם האָט זי געכאַפּט א פאַן וואַסער, וואָס די מוטער האָט אָנגעגאָסן און געקליבן זיך צושטעלן צום פייער, זי האָט עס א פלוך געטאָן דעם ברודער אין פּנים אריין, און א צולאָג צו דעם — אים אָנגעשפּיגן אין פּנים, און ארויס פון שטוב.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט עס זי ארומגעטראָגן איבער די גאַסן. זי איז געווען ביי מאָו לוריאַן, און אים ניט געטראָפן אין דער היים. זי האָט אויך געוואָלט קריגן פעלדשטיינען און ס׳איז איר אויך ניט געלונגען. שפּעט אין אָוונט איז זי אוועק צו דאָקטאָר לוריאַן און דאָרטן געטראָפן די פאַר־זאַמלטע משפּחה. אַן אויסגעמאַטערטע, הונגעריק, מיט א בייסעניש אין פּנים, איז זי אריינגעקומען, דורכגעשניטן דאָס גאַסט־צימער, אוועק אין שלאָפצימער, און האָט זיך געוואָרגן מיט איר געוויין, מ׳זאָל אין צווייטן צימער ניט דערהערן.

פּערל לוריא האָט צו איר אריינגעאיילט, ארומגענומען איר קאָפּ און זי באַרואיקט.

— נעם זיך אין די הענט, ברכה, ס׳וועט נאָך אַלץ גוט זיין. מיר רעדן דאָ. ס׳איז אינטערעסאַנט צו הערן. וויש אויס די טרערן און קום אריין. מאָו האָט אזוי שיין גערעדט, אַז זכריה האָט אים באַדאַנקט. קום, כ׳וועל דיר אָנפּודערן דאָס פּנים און קום אריין. דער אָנקל דניאל וועט אויך זיין צופרידן דיך צו זען.

אין דער אייגענער צייט איז מאָו לוריא אריינגעקומען.

— כ׳האָב היינט געטראַכט פון דיר, ברכה... סאַראַ קאַלטע הענט דו האָסט! וואָס ניט, ברכה, אַלץ איז קעגן דיר. וועסט פאַרט מוזן ארויס־נעמען דיינע בירגער־פּאַפּירן. וועסט איצטער עפענען די אויגן און דער־זען אונדזער לאַנד. איך האָב גוטע פּלענער, ברכה. עך, דו נאַרישע רעוואָלוציאָנערקע — האָט מאָו פאַרדרייט ברכהן די הענט אויף אַהינטער — דו ביסט אַ ציוניסטקע, אָבער א רויטע, כאַ־כאַ־כאַ.

ברכה האָט זיך באַפרייט פון מאָו לוריאַן. ס׳פּנים האָט איר געפלאַמט. זי האָט שטיל געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, פּערל. איך האָב בייטאָג געדאַרפט קומען צו דיר. איך וויים, דו ביסט א מענטש וואָס פילט מיט. און דו, איך בין היינט

געווען ביי דיר, מאָו. כ׳האָב דיך געוואָלט זאָגן, אַז דיר אויף צולהכעיס וועל איך נאָך פאָרן פון דאַנען. זאָג איך דיר עס איצטער, אַז דיין לאַנד מעגסטו זיך האַלטן.

—אָ, ביסט א רויטער טייוול, כאָטש א ציוניסטקע!

— יעס, כ׳האָב מיין ברודער היינט אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, מיך פאַרדריסט עס. מיט אים און זיינע לייט וועט די צייט זיך אָפּרעכענען. די צייט וועט זיי צושמידן צום שאַנדסלופּ.

— קום אריין, ברכה, מירן טרינקען טיי.

—האַ? — האָט ברכה א צעשטריטע אָנגעקוקט פּערלען.

— נו, גוט, וועל איך דיך לאָזן דאָ מיט מאָון.

— וואָס טוען זיי דאָ אַלע? — האָט ברכה א צעשראָקענע אָנגעקוקט איר שוועסטערקינד, ווען פּערל איז ארויסגעגאַנגען — האָסט, מאָו, די ביבל געלערנט? האָסט געלייענט וועגן דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער? איר אַלע זייט טרוקענע ביינער. נאָר, אַז דאָרטן בלוטיקט מען, טוט איר זיך דאָ א רודער.

ברכה האָט זיך באַפרייט פון איר שוועסטערקינד, באַגראָבן דאָס פּנים אין קישן און שטיל געוויינט, באַקלאָגנדיק איר אויסגערונענע האָפענונג.

* * *

דאָקטאָר לוריאס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סייסמאָגראַף, וואָס האָט פאַרצייכנט די משפחה „קרבנות" פון דע[illegible]פינאַנציעלער ערדציטערניש אויף וואָל־סטריט. ס׳איז געווען א מין קורחס ערדציטערניש, ווען „די ערד האָט איר מויל אויפגעעפנט און איינגעשלונגען קורחן מיט זיין גאַנצן פאַרמעג". ניט מער, וואָס די וואָל־סטריט קורחס זיינען דווקא לעבן געבליבן, נאָר די שטאַרק אויפגעיורענע שפע, וואָס האָט איבער נאַכט פון קבצנים געמאַכט גבירים אדירים — זי איז איינגעזונקען געוואָרן און מיטגעשלעפּט מיט זיך אפילו די פאַרמעגנס פון יוסטע באַלעבאטים, וואָס האָבן זייער עשירות בהדרגהדיק אין לויף פון יאָרן אָנגעזאַמלט.

זייער שטאַרק האָט די פינאַנציעלע ערדציטערניש געטראָפן די סטאָן פירמע, צוליב די גרויסע ספּעקולאַציעס וואָס לעאָנאַרד סטאָן האָט די לעצטע חדשים געטריבן אינאיינעם מיט זיין רייכער שוועסטער, די אלמנה מילדרעד זילבערמאַן. איר גרויסער פאַרמעגן, וואָס זי האָט נאָך איר מאַנס טויט אינאיינעם מיט איר ברודער לעאָנאַרד סטאָן, אינוועסטירט אין „ריעל־עסטייט" געשעפטן — אינאיינעם מיטן וואָל־סטריט קראַך איז איר גאַנצער פאַרמעגן איינגעזונקען געוואָרן. לעאָנאַרד סטאָן האָט געהאַלטן אין איין קלינגען צום אומפּראַקטישן שוואָגער, דאָקטאָר לוריאן, געפרעגט עצות, אויסגעשטרעקט א האַנט, מ׳זאָל אים ראַטעווען פון אונטערגאַנג: — מחמת אים וועט אויסקומען שליסן זיינע קליידער־שעפער, וואו הונדערטער ארבעטער פאַרדינען זייער ברויט.

קעראָלאין איז געקומען צו איר ברודער, א שטאַרק צעשראָקענע, אָבער מיט אַ פרעמד פייערל אין די אויגן. זי איז געפאַלן דאָקטאָר לוריאן אויפן האַלדז, ווי אַ איינע, וואָס האָט זיך פון א גרויס אומגליק געראַטעוועט.

— אָט בין איך, זכרידה, — האָט זי מיט אומנאַטירלעכער פרייד געקוקט איר ברודער אין פּנים — איך וועל אפשר צו דער עלטער אָנהויבן לעבן ווי א מענטש. עס טוט מיר נאָר ווי מיין הארץ פאַר די מענטשן, וואָס האָבן ביי לעאָנאַרדן פאַרדינט ווידזשעס.

דער צווילינג־ברודער דאָקטאָר זכריה האָט געשמייכלט. אים איז געווען אומפאַרשטענדלעך וואָס זיין שוועסטער מיינט.

— ווי איך זע, האָסטו הנאה וואָס דער קראַך האָט געטראָפן. אין אַמעריקע טאָר אַ מענטש ניט גיין אויף צוריק. די אַלע, וואָס האָבן וועג־עס־איז פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן, זיך אומגעקערט צו אָרימקייט, זיינען אַראָפּ פון מאַרק און צעריבן געוואָרן אונטער די רעדער פון נייע מאַשינען. איך פאַרלאָז זיך אויף דיין לעאָנאַרדן. עפּעס איז אים געבליבן מסתמא.

— האָסטו, זכריה, עפּעס געהאַט אין וואָל־סטריט?

— איך? בין אריינגעקראָכן מיט אַ פּאָר סענט. קיין בייז ניט. פּערל האָט עס מיר ניט געלאָזט טאָן, אָבער ווייסט דאָך, אַ מענטש האָט אַ שוואַך האַרץ...

— האָסט עס אינגאַנצן פאַרלאָרן?

— עס זיינען דאָ גרעסערע אומגליקן ווי מיינע, און אפילו ווי דיינע.

— בין אוועק פון שטוב. איך קען לעאָנאַרדן ניט העלפן, און איך ווייס ניט וואָס אים צו זאָגן. גלויב מיר, זכריה, אויב איך זאָל בלייבן מיט אַביסל געלט, איך זאָל נאָר קענען לעבן ווי אַ מענטש, מער וויל איך ניט. איך וואָלט אַריבערגעצויגן דאָ צו דיר ערגעץ, טאַקע נאָר צו קענען דערציען מיינע יאָרן.

קעראָלאַין איז אַנטשוויגן געוואָרן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן איז זי געבליבן זיצן אַנטקעגן איר ברודער, געוואַרט, ער זאָל איר עפּעס זאָגן. דאָקטאָר לוריא האָט זי פון וויטנס באַטראַכט, געוואָלט זיך אויסמאָלן, אַז שוועסטער און ברודער זיינען זיי, אַ צווילינג. אים איז ניט קלאָר וואָס זיין שוועסטער באַהאַלט אונטער דער כלומרשטער שמחה, וואָס זי האָט געבראַכט צו אים.

— מיינסטו, קריינע, אַז דו האָסט חשק צו דער עלטער אָנהויבן לעבן אין אָרימקייט? איך בין היינט געווען אויף וואָל־סטריט. איך האָב מענטשן ממש ניט דערקענט. אַ נאַציאָנאַלער אומגליק האָט געטראָפן, וואָס האָט שוין מיליאָנען מענטשן געבראַכט צו בעטל־ברויט. איך האָב שוין היינט געהאַט צוויי פּאַציענטן, קרבנות פון וואָל־סטריט קראַך. האַרץ־אַטאַקעס. שפּיל זיך ניט מיט אָרימקייט. ביסט אַוועק פון דאַנען, כאָטש ווי דו רעדסט זיך איין, האָסטו קיין הנאה ניט געהאַט פון דיין רייך לעבן, אָבער איך בין דאָ געבליבן. ס'איז ניט קיין גרויס גליק צו לעבן אין אָרימקייט, קריינע.

קעראָלאַין האָט צעשראָקן אָנגעקוקט איר ברודער, ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן.

— יעס, קעראָלאַין, ס'איז ערגער ווי אַ ערדציטערניש. ס'האָט דאָס גאַנצע לאַנד געטראָפן. דאָס געלט איז ביי איינצלנע אין די הענט געבליבן. די געפאַלענע אַקציעס וועלן נאָך אַמאָל שטייגן, אָבער ניט אין די הענט פון די, וואָס האָבן זיך מיט זיי געפּרייט. עס חידושט מיר, קעראָלאַין, וואָס דו פרעגסט זיך ניט נאָך אויף רעבעקאַן, און פרעגסט

אפילו ניט וואו פערל איז. א סימן, דו ביסט פאַרטאָן מיט וואָל־סטריט. האָסט זיך אויך דערשראָקן פאַר דיין אומגליק. אָבער איך וואַרף עס דיר ניט אויף, קעראַלאַין. איך וויל דיר נאָר זאָגן, אַז אַ מענטש טאָר ניט זיין סענטימענטאַל ביים ראַנד פון אַ טיפער גרוב.

איינגעוויקלט אין אַ שוואַרץ־אַטלאַסענער קימאָנע ביז צו די טריט, אין גרוי־זיידענע שטעק־שיך — דער אייגענער קאָליר וואָס דער גרויער קאָפּ — דאָס גילדערן צלמל אויף דער אָפענער און אויסגעפּילטער ברוסט, איז מיט פּריצישער גאווה אריינגעקומען פון איר צימער רעבעקאַ און זיך אַנידערגעזעצט ווי אַ באַלעבאָסטע אין אַ טיפן שטול אַנטקעגן, אָנגעקוקט קאַלט די רייכע שטיפשוועסטער.

— נו, וואָס, קעראַלאַין, — האָט זי גאוותדיק גערעדט — איז דיין מאַן ארויס מיט אַ גאַנצן קאָפּ פון די וואָל־סטריט שאַרקס?

קעראַלאַין האָט אריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, ווי בעטנדיק, ער זאָל פאַר איר רעדן. ערשט איצטער האָט זי באַגריפן, וואָס איר ברודער האָט מיט אַ ווייל צוריק מיט אַ טרויער אין פּנים דערמאָנט פּערלס נאָמען.

— וואו איז פּערל, זכריה? — האָט קעראַלאַין ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— אפשר ווייס רעבעקאַ. איך בין אין שטוב ניט געווען. איך ווייס ניט וואָס דאָ איז צווישן זיי פאָרגעקומען.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש, גענומען אַ בלעטל פּאַפּיר און עס דערלאַנגט רעבעקאַן.

— וואָס איז דאָ צווישן אייך פאָרגעקומען, רעבעקאַ? זי שרייבט, אַז איר איז דאָ ענג אין שטוב.

—— כאַ־כאַ־כאַ — האָט רעבעקאַ אַ לאַך געטאָן.

— וואָס׳אי, זכריה?! — האָט קעראַלאַין אָנגעשטעלט איר צעשראָקענעם פּנים — וואָס הייסט, זי איז אַוועק פון שטוב?

— איך בין ארויסגעפאָרן פון שטוב עלף אַ זייגער. ווען איז זי אַוועק, רעבעקאַ?

— איך ווייס ניט. בין געווען ביי זיך אין צימער.

— האָט איר זיך געקריגט?

— ניין.

— וואָס האָסטו איר געזאָגט?

— איך האָב פיינט אַ פרוי וואָס גלויבט צופיל אין זיך, זכריה. זי האָט פון דיר געמאַכט אַ שמאַטע. אַ פרוי דאַרף וויסן איר אָרט. האָסט ניט דיין אייגענעם ווילן, האָסט ניט דיין אייגענע מיינונג. ווער איז זי, וואָס האַלט זיך דאָ פאַר דער גאַנצער באַלעבאָסטע?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן מיט קעראַ־לאַין.ביידע האָבן עפּעס פאַרשטאַנען. זינט רעבעקאַ האָט איר דהיים געמאַכט ביי אים איז אויסגערונען די היימישע וואַרימקייט פון זיין שטוב. פּערל איז געווען טאַקטיש גענוג ניט צו פאָדערן ביי איר מאַן, ער זאָל פאַר זיין שטיפשוועסטער זוכן אַן אַנדער היים. זי וואָלט גאַרניט געהאַט, ווען דאָקטאָר לוריא האַלט רעבעקאַן אויס. זיין גוטער כאַראַקטער האָט אים ניט דערלאָזט צו דערוויטערן די שטיפשוועסטער פון שטוב, כאָטש

ער האָט גלייך געשפּירט, אַז זי וועט אונטערגראָבן זיין פרידן אין שטוב. פּערל האָט איבערגעלאָזט בלויז צוויי שורות געלאַזן. זי איז אים מודיע, אַז ווען א מענטש דערשפּירט, אַז ער מאַכט אימעצן ענג, דאַרף ער אָפּטרעטן ס׳אָרט. זי פילט, אַז רעבעקאַן איז ענג מיט איר אינאיינעם, האָט זי דערפאַר אָפּגעטראָטן.

— קום אַריבער צו מיר וואוינען — האָט קעראַלאין זיך אָפּגערופן.

— ביסט דאָך אַמאָל געווען אייפּערזיכטיק, מורא געהאַט, אַז איך וועל ביי דיר צונעמען דיין לעאָנאַרדן, כאַ־כאַ־כאַ!

— איך האָב צו דיר גאָרניט. הלוואי וואָלסטו געבליבן ביי מיר אין שטוב. וואָס עס וואָלט פון דעם ניט אַרויסגעקומען, וואָלט איך געווען צופרידן. און גלויב מיר, רעבעקאַ, אויב איך זיץ איצטער דאָ פאַרזאָרגט, איז עס ניט צוליב מיין אייגענעם לעבן. אויב לעאָנאַרד וועט גיין געבראָכן, וועט עס מיר נאָר אָרן פאַר די מענטשן וואָס אַרבעטן ביי אים אין שאָפּ. איך געדענק גוט דיין מאַמען, איך האָב זי ליב געהאַט. דו ביסט געווען מיינע אַ שוועסטער. איצטער זיצסטו אַנטקעגן מיר מיט אַ צלם אויפן האַלדז. וויל איך דיר, רעבעקאַ זאָגן, אַז איך געדענק נאָך מיין אַלטע היים, געדענק די פּאָגראָמען. פאַר אַ צלם האָבן יידישע קינדער שטאַרק מורא געהאַט. איצטער האָב איך פאַר דיר מורא. האָסט ניט קיין יידיש האַרץ, אויב דו האָסט געקענט מאַכן, אַז פּערל זאָל אַוועק פון שטוב.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָסט מורא געהאַט פאַר אַ צלם! הלוואי ווייסטו ווי גוט און טייער ס׳איז צו טראָגן אַ צלם, ניט נאָר אויפן האַרצן, נאָר טיף אין האַרצן.

רעבעקאַ איז אויפגעשטאַנען, און מיט דער אייגענער גאווה ווי זי איז אַריינגעקומען, איז זי אַרויס פון צימער.

אַ ווייל זיינען ביידע, דאָקטאָר לוריאַ און קעראַלאין, געבליבן זיצן דערשלאָגענע. דאָקטאָר לוריאַס חשד, אַז רעבעקאַ איז ניט גאָר אינגאַנצן ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, האָט זיך ביי אים איצטער נאָך מער פאַרשטאַרקט. אים איז נאָר ניט קלאָר, פאַרוואָס זי איז וואָכן לאַנג געזעסן באַגראָבן אין איר צימער, געלעזן ביכער, און האָט אפילו ניט געהאַט קיין חשק ווען־עס־איז זיך אָנטאָן, אַרויסגיין זיך ווייזן פאַר מענטשן. נאָר איצטער, אין צייט פון גרויס כאַאָס צוליבן וואָל־סטריט קראַך, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אַמעריקאַנעם מענטשן אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק, האָט זי גאָר אויסגעגלייכט די פּלייצע, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. זי האָט הנאה, ווען עס דערגייט צו איר, אַז אימעצער פון דער משפּחה האָט געבראָכן דעם קאָפּ אין וואָל־סטריט.

— וואו איז זי איצטער פּערל, זכריה? איך וויל פאָרן זיך דורכרעדן מיט איר.

— איך בין צעטומלט, ווי מ׳וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ שווערער זאַך איבערן קאָפּ. איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. פאַרוואָס האָט מיר פּערל ניט דערציילט, וואָס דאָ קומט פאַר צווישן זיי? פאַרוואָס האָט זי, אַזאַ קלוגער מענטש, געגומען און געוואָרפן די שטוב?

— וואו רעכנסטו איז זי איצטער?

— אויב זי וועט ניט טעלעפאָנירן, ווייס איך ניט וואו זי צו זוכן.

ווען קעראָלאַין איז אַוועק, האָט דאָקטאָר לוריא נאָך אַמאָל גענומען פון טיש דאָס פּאַפּירל מיט פּערלס פּאָר שורות, און איז אַוועק צו רעבעקאַן אין צימער אריין. ער האָט זי געפונען אויסגעצויגן אויפן בעט מיט א ציישונג אין האַנט.

— ענטשולדיק מיר, רעבעקאַ, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישן דיר און פּערלען?

— ביסט טאַקע אין איר פאַרליבט?

— איך פרעג בלויז אייך זאַך, וואָס איז דאָ צווישן אייך פאָרגעקומען?

— ווען זי וואָלט דיך ליב געהאַט, האָט זי געקענט מיך ארויסטרייבן און אליין בלייבן אין שטוב. זי איז אַוועק, ווייל זי האָט דיך פיינט.

— וואָס איז ליבע, קענסטו מיר אפשר זאָגן? אפשר איז אין דיין האַנדלונג פאַראַן ליבע?

— יעס, זכריה.

— אויב אַזוי, זאָג מיר, וואו ביסטו געווען די גאַנצע יאָרן, וואָס איך האָב דיך ניט געזען? און וואָס באַטייט דער צלם אויף דיין האַלדז? איך האָב געהערט וואָס דו האָסט פריער געזאָגט.

— דו קענסט מיר הייסן גיין פון שטוב. אַז דו וועסט הייסן, וועל איך אויספאָלגן.

רעבעקאַ האָט זיך אויפגעזעצט, פאַרנומען די פיס אונטער דער קימאָנע, און קאַלט אַנגעקוקט איר שטיפברודער.

— פאַרוואָס הייסטו מיר ניט גיין פון דאַנען?

אויף דעם האָט דאָקטאָר לוריא ניט געענטפערט. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין אָפיס און דאָרטן געפונען יעפים רודמאַן. ער איז געשטאַנען ביים וואַנט אומגעדולדיק. אים האָט זייער געחידושט צו באַגעגענען ביי זיך דעם יינגערן רודמאַן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פון די לוריאס. אין די פריערדיקע צייטן, ווען דאָקטאָר לוריא איז געקומען צו די רודמאַנס, האָט יעפים געהאַט א טבע זיך ענטשולדיקן און ארויס פון שטוב.

— העללאָ, דאָקטאָר, — האָט יעפים אים באַגריסט — כ׳האָף, איר וועט מיך ניט ארויסטרייבן פון אָפיס. איך בין ניט קיין חולה און בין ניט געקומען מאַכן קיין טראַבל. בין געקומען זיך דורכרעדן, דאָקטאָר.

— וויפיל טויזנטער האָסטו פאַרלאָרן אויף וואָל-סטריט? — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געוויצלט — געדאַרפט האָב איך דיך ארויסטרייבן.

— אוודאי צוליב מיינע גרויסע זינד פאַרן יידישן פאָלק.

— פאַר דיינע זינד צום יידישן פאָלק וועסטו קריגן באַצאָלט פון אימעצן אַנדערש. כ׳האָב דיך געדאַרפט ארויסטרייבן צוליב דעם, וואָס דו ווייסט מיין שטוב. וואָס וועסטו זאָגן גוטס?

— מיסטער סטאָן האָט אָפּגעזאָגט א צאָל אַרבעטער. מיך האָט ער דורכגעטריבן פון די ערשטע. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער מיך אַנגעקוקט מיט דאָס און ניט געענטפערט. ער האָט מיר ניט געדאַרפט דערקלערן. די היילינקע ציוניסטן האָבן עס צוגעדינט, אפשר מיין אייגענע שוועסטער האָט עס געטאָן.

— וואָס זאָגט די יוניאָן אויף דעם?

— איצטער איז די לאַגע אַרויס פון דער יוניאָנס קאָנטראָל. שפּעטער נאָך שפּעטער מאַכן זיך צו.
— וואָס קען איך העלפן?
— איך וויל אויסגעפינען ווער עס האָט עפּעס קעגן מיר אונטער־געטראָגן. ער אַליין איז גאָר אַ גראָבער יונג.
— ער גיט געלט אויפן ציוניזם. אויב אימעצער האָט אים דערטראָגן, אַז אייערע מענטשן האָבן באַגריסט די אַראַבער, ווייסט ער ווער דו ביסט. ער האָט קאָמוניסטן אין שאַפּ.
— פּירט מען אַן אַ באָיקאָט אויף די קאָמוניסטן?
— ווער עס טוט עס, פּירט זיין אייגענעם חשבון; און אפשר — אַ יידישן חשבון.
ביי די ווערטער איז אריינגעקומען עלווירא ווילסאָן. אריינגעקומען שטאַרק אויפגעלייגט. זי האָט דערלאַנגט יעפּימען די האַנט, און ארומגע־נומען און געקושט דאָקטאָר לוריאַן.
— גוט דיך צו באַגעגענען, מיין טייערער דאָקטאָר לוריא! ווי גייט עס דיר, האָסטו אויך פאַרלאָרן געלט אויף וואָל־סטריט?
— איך דהאָב עפּעס בעסערס פאַרלאָרן, אָבער ניט אויף וואָל־סטריט.
— אָ, מיין פּאַ האָט אַ פאַרמעגן דאָרט פאַרלאָרן. ער וויל מיר ניט זאָגן וויפיל. ער איז ווייט געקראָכן. אָ, וואָס מאַכסטו? — האָט זי נאָך אַמאָל געכאַפּט יעפּימס האַנט — גאָר אינגיכן, זאָגט מיר מיין האַרץ, וועט דיין שוועסטער איבערגיין צו אונדז אין שטוב. איך קען זיך שוין ניט דערוואַרטן, כאַ־כאַ־כאַ.
— גוד־באַי, דאָקטאָר... — האָט יעפּים זיך אויף שנעל אָפּגעזעגנט און אַרויס פון שטוב.
עלווירא, אַביסל צעטומלט, האָט געקוקט צום טיר דורך וואַנען יעפּים איז אַרויס, און שפּעטער זיך אָפּגערופן:
—איך וויל זיי דערקענען, און זיי לאָזן זיך ניט. די יינגערע שוועסטער האָט מיך פיינט, און ס'אייגענע אירע צווי ברידער. פאַרוואָס איז עס אַזוי דאָקטאָר? ביי מיר איז געוואָרן אַן אַמביציע דורכצוברעכן די וואַנט וואָס טיילט מיך אָפּ פון יידן. פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן ווען איך בין אריינ־געקומען?
— איך ווייס ניט, מיס ווילסאָן. איך פיל זיך היינט זייער נידערגע־שלאָגן. ס'איז די וואָל־סטריט ערדציטערניש, וואָס האָט מיך אויך אַ טרייסל געטאָן.
— וויפיל, דאָקטאָר לוריא, האָסטו אַהין אריינגעפּאַקט?
— אַ פאַרמעגן.
— דאגה ניט. געזונט ביסטו, וואָס צו טאָן האָסטו; ס'איז אונדזער לאַנד, אונדזער לאַנד קומט שנעל צוריק. יעס, דאָקטאָר לוריא, זינט איך בין געוועזן ביי דיין ברודער אויפן פאַרם, האָב איך ניט קיין רו. ס'איז דאָרטן אַזוי שיין, און אַזוי טרויעריק... אַזוי טרויעריק. מאַו האָט מיר דערציילט, אַז דער מיסטער הילל לוריא איז דאָ געוועזן. ער דהאָט מיר דערציילט צוליב וואָס ער איז געקומען. פאַרוואָס קען איך ניט מיטפילן אָט די אַלע טראַגעדיעס און די פריידן פון אייער פאָלק, ווי איך פיל מיט

די פריידן און טראגעדיעס פון אנדערע פעלקער? דאָקטאָר, פאַר מיר האָט זיך אויפגעעפנט א גאָר נייער קאַפּיטל געשיכטע, וואָס איך קען ניט דורכקריכן. איך וועל דיך נאָך בעטן, ווען דו וועסט זיך באַרואיקן, אַז דו זאָלסט מיר עפּעס דערקלערן.

דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעקוקט די באַגייסטערטע און פאַרליבטע עלווירא, כאָטש אים איז ניט גאָר איינגאַנצן קלאָר געווען אין וועמען דאָס קריסטלעך מיידל איז פאַרליבט. פאַר זיין רעיון איז געשטאַנען רעבעקא און זיין פּערל, און מיט זיינע אַלע חושים האָט ער געוואָלט דערגיין וואָס דאָ איז צווישן זיי פאָרגעקומען. דער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט זיין אייגענער טראַגעדיע, און עלווירא איז אים אויסגעקומען, ווי דורך א נעפּל זעט ער זי.

— ניין, עלווירא, דערצייל מיר פונדעסטוועגן, וואָס פאַר אַ קאַפּיטל געשיכטע דו ווילסט דורכקריכן, אפשר וועל איך דיר קענען מיט עפּעס העלפן?

— אָ, גוטער, גוטער, דאָקטאָר לוריא! איך בין גליקלעך וואָס איך האָב דיך באַגעגנט אויף מיין לעבנסוועג. אַוואו איז טאָקע פּערל?

— זי איז אין צווייטן צימער, זי פילט זיך ניט גוט, האָב איך זי געראָטן, זיך צולייגן.

— זי שלאָפט, אפשר קען איך צו איר אריינגיין?

— איך וואָלט דיר ניט געראָטן דאָס צו טאָן.

עלווירא האָט געפאָרשט אין דאָקטאָר לוריאַס פּנים, געוואָלט דערגיין די סיבה פון דעם טרויער, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

* * *

פּערל לוריא איז אַרויס פון שטוב מיט איר זעקס יעריקער טאָכטער ראשעל, און געלאָזן אויפן טיש א פּאָר שורות, אַז זי פאַרלאָזט די שטוב — מחמת, זי וויל דעם גאַסט, וואָס הייסט רעבעקא לוריא, ניט מאַכן ענג. אין הייסן מאָמענט, ווען זי האָט געשפּירט, אַז דער אומגעריכטער גאַסט איז באמת געקומען ארויסצוטרייבן זי פון איר אייגענער היים, האָט זי אַנדערש ניט געקענט דערהאַנדלען. איר קינד האָט זי ניט דערציילט וואוהין זי גייט. זי האָט אינזינען געהאַט אַוועק צו אירע אייגענע לייט, צו משפּחה. אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס פון שטוב, האָט דער שכל גובר געווען די צעררודערטע געפילן.

פּערל, כאָטש מיט א סך יאָרן יינגער פון דאָקטאָר לוריאן, האָט זי אים מיט איר געזונטן אינסטינקט גוט באַגריפן; האָט זיך דערקליבן צו זיינע שוואַכקייטן, און אויך צו די שטאַרקע שטריכן פון זיין כאַראַקטער. אויך יעמאָלט, ווען ער איז געווען מאָטעמאַטיש אויסגערעכנט, איז ער איר געווען נאָענט. פּערל האָט דאָקטאָר לוריאן, ווי דעם מענטשן, ליב געהאַט, און אויך ווי דעם איבערגעגעבענעם מאַן, וואָס האָט ניט אריבערגעקוקט, ניט רעכטס און ניט לינקס; זיין פולע מאָס געטרייקייט געהאַלטן פאַר איר. דורך אים האָט זי געקראָגן א צוטריט צו דער „יידישער נשמה", ווי זי האָט געפּרוּווט פאַרשטיין איר אומגעריכטע צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק. צוליב דאָקטאָר לוריאן האָט זי ווי אַ מאַמע, אָנגעהויבן פילן א

שטאַרקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום יידישן פאָלק, כסדר געמאַכט פּלענער ווי צו דערנענטערן איר קינד פון דער יוגנט אָן צום יידישן פאָלק. ווען זי האָט וועגן דעם געשמועסט מיט דאָקטאָר לוריאַן, האָט ער זי מיט א סך ליבשאַפט אָנגעקוקט.

באַלד נאָך דער חתונה מיט דאָקטאָר זכריה לוריאַן, זיינען צו איר דער־גאַנגען מעשיות וועגן דער שטיפשוועסטער, וואָס האָט ביי אים אין שטוב געלעבט. זי האָט אָבער געוואָלט דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס רעבעקא איז פאַרשוואונדן, ווען דאָקטאָר לוריא האָט חתונה געהאַט, און ניט געקענט. אַ פּאָר מאָל, צוליב נייגעריקייט, האָט זי אויסגעפרעגט דאָקטאָר לוריאַן וועגן רעבעקאַן. ער האָט פּערלען געפרואווט אויפקלערן, אַז רעבעקא, א קיילעכ־דיקע יתומה, כאָטש א גראַטענע, איז געווען פאַרביטערט אַלע יאָרן, אליין ניט ווייסנדיק קלאָר פון וואַנען די ביטערקייט שטאַמט.

— זי איז געוואַקסן, און מיט איר איז געוואַקסן די שנאה צו א טייל משפחה פון איר פאָטערס צד. איר מוטער, ווי איך האָב זי געקענט, האָט אויך פיינט געהאַט די לוריאס. דאָס איז צו רעבעקאַן אין בלוט איבער־געגאַנגען. מיט מיר איז זי אויסגעקומען. זי האָט מיך געהאַלטן פאַר דעם שלימזל, וואָס קלייבט זיך ניט חתונה האָבן. רעבעקא אליין, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט זיך פאַרמשפּט צו בלייבן אַן אַלט מיידל. און דו ווייסט דאָך, פּערל, אַז אַלטע מיידלעך לעבן ניט מיט א לעבנס־פילאָזאָפיע. פאַראַנען בלומען, ווי רויזן, וואָס וואַקסן אויף דאָרנדיקע שטאַמען. אַן אַלט מיידל איז ניט די רויז, נאָר דער טרוקענער, דאָרנדיקער שטאַם.

פּערל האָט האַרציק געלאַכט פון דעם פאַרגלייך. זי האָט שפּעטער אַ סך מאָל געפרואווט אַנמעסטן איר מאַנס דערקלערונג צום לעבן, ביז אומגעריכט איז דערדאָזיקער דאָרנדיקער שטאַם פון דער לוריא־משפחה ווידער אויסגעוואַקסן אין דער אייגענער פּרידלעכער היים. די ערשטע צייט האָט פּערל געשטרעבט צו דערנענטערן רעבעקאַן צו זיך; זי האָט געוואָלט אויסגעפינען וואָס איר פעלט און מיט וואָס זי קען איר העלפן. און וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צו רעבעקאַן — האָט יענע זיך פון איר דערווייטערט. אומפריינטלעכקייט, געמישט מיט גאווה, דאָס איז אלץ וואָס רעבעקא האָט געהאַט פאַר פּערלען. דאָקטאָר לוריא האָט זיך עטלעכע מאָל ענטשולדיקט פאַר פּערלען, דערציילט, ווי ער איז צעוויייטיקט פון רעבעקאַס האַלטונג, און אַז ער ווייסט אליין ניט ווי אַזוי ארויסצוקריכן פון דעם קריזיס. בעטן רעבעקאַן, זי זאָל פאַרלאָזן די שטוב, איז דאָקטאָר לוריאַן ניט איינגעפאַלן. פּערל אליין האָט אויך ניט געפּועלט ביי זיך צו בעטן איר מאַן, ער זאָל זיין שטיפשוועסטער דערווייטערן פון שטוב.

איז געקומען א רגע, ווען פּערל האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן. פאַר איר איז געווען איינס פון די צוויי: — אָדער נעמען און ארויסטרייבן פון שטוב דעם „פינצטערן גייסט”, וואָס האָט זיך אריינגעקליבן צו איר און פאַרשטערט איר דאָס לעבן, אָדער נעמען און אליין לויפן פון שטוב. „אויב א מאַן איז ניט שטאַרק גענוג, באַנעמט ניט וואָס עס מיינט חתונה האָבן און ליב האָבן, איז נאָך צייט צו רעווידירן וואו איך בין אין דער וועלט”.

ווי נאָר פּערל איז אַרויס דרויסן, ס׳איז געווען אַרום האַלבן טאָג, האָט דער פרישער סוף־אָקטאָבער ווינט זי דורכגענומען און אויסגעניכטערט.

— ניין, פּערל, — האָט דער קילער ווינט איר איינגערוימט אין אויער — ניט אַזוי האַנדלט אַ פרוי. וואָס האָט ליב איר מאַן און איז אַ געטרייע מאַמע צו איר קינד. גיי אַוועק פון דיין שטוב, אָבער דיין האַרץ לאָז דאָרטן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איר האַרץ האָט פּערל פון דער היים ניט מיטגענומען. שווער איז איר מיט אַמאָל געוואָרן צו נעמען און זיך לאָזן צו אייגענע און דערציילן פון איר אומגליקלעך לעבן.

— ווייסט, קינד מיינס, — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און געקושט איר טאָכטער — איך וויל דיך נעמען אין אַ „דזשואיש סקול״, דו זאָלסט זיך אויסלערנען לייענען און גוט רעדן יידיש.

פּערל איז אַוועק צום יידישן שרייבער און לערער יוחנן פעלדשטיין. אים געטראָפן ווי ער קלייבט זיך אַרויסגיין.

— וועמען איך זע! — האָט יוחנן פעלדשטיין אויסגעטאָן צוריק זיין מאַנטל — וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט אייך צו מיר געבראַכט? וואָס איז עס פאַר אַ יום־טוב, דער וואָל־סטריט קראַך האָט אייך צו מיר געבראַכט?

— קומט, פעלדשטיין, אַביסל אין גאַס שפּאַצירן, איך האָב מיט אייך וועגן עפּעס צו רעדן.

— אָ, ניין, איך האָב מיט אייך אַ סך פון וואָס צו רעדן! דרויסן קען מען עס ניט. מיר וועלן דאָ גוט פאַרברענגען. וואָס זאָל איך דיר געבן, ראַשעל? — האָט ער אויפגעהויבן דאָס קינד און אָנגעקושט די ראָזע באַקן.

פּערל האָט באַשטימט צו באַגראָבן ביי זיך אין האַרצן אַלץ וואָס זי האָט איבערגעלעבט. פעלדשטיינען האָט זי שוין מער ווי אַ חודש ניט געזען. זי האָט צו אים געהאַט אַ סך וואַרימע געפילן. ער האָט זי באַקענט מיט דער יידישער שפּראַך, און אויך טיילווייז מיט דער יידישער געשיכטע. אין פעלדשטיינס פריידיקן פּנים האָט זי אויך דערקענט צייכנס פון טרויער אַרום די ווינקלען פון מויל.

— איך האָב געבראַכט מיין טאָכטער, פעלדשטיין. פון מיר איז שוין געווען שפּעט צו מאַכן אַ גאַנצע יידישע טאָכטער; העלפט מיר, אַז מיין טאָכטער זאָל וואַקסן, און ביי איר זאָל ניט זיין קיין ווידערשפּרוך צווישן מענטש און ייד.

— כאַ־כאַ־כאַ, איך האָב נחת פון אייך, פּערל — האָט פעלדשטיין געערוקט דאָס מעבל, צו מאַכן באַקוועם פאַר די געסט — וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט אייך טאַקע געבראַכט אַהער?

— בין געקומען פרעגן, פאַרוואָס מען זעט אייך ניט ביי אונדז.

— איך דאַנק אייך, פּערל. אויב דאָס איז די גאַנצע סיבה, דאַנק איך אייך זייער. נאָר איך דערקען אין אייך, אַז איר זייט מיר עפּעס אומעטיק.

— דאָס האָט צו טאָן מיטן האַרבסט. דער סוף־זומער ווירקט שטענדיק אויף מיר. פאַרוואָס קומט איר ניט צו אונדז?

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, פּערל; איך האָב פיינט אייער שוועגערין. איך ווייס ניט, ווי איר קענט דאָרט לעבן מיט איר אינאיינעם. זי איז אַוועק אַ שטיקל מענטש, און זיך אומגעקערט אַן אַנטיסעמיטקע. איך האָב מיט איר פאַרבראַכט, געוואָלט עפּעס דערגיין, וואָס אַ מענטש

האָט איבערגעלעבט אויף דער פרעמד. שווער געווען עפּעס צו דערגיין. פאַראַנען מענטשן, פּערל, וואָס זייער אַרבעט אויף דער ערד איז אויפצו־מאָנען חובות. איצטער איז זי געקומען מאָנען די חובות, ניט ווי אַ יידיש מיידל, נאָר ווי אַ גויע מיט אַ צלם אויפן האַלדז. איך בין חושד, אַז זי איז געווען אין אַ מאָנאַסטיר. און אין דער שטיל האָט זי עפּעס אַ פינצטערע מיסיע, וואָס זי וויל דורכזעצן אין דער לוריא־משפחה. איך האַלט דאָקטאָר לוריאַן פאַר אַ קלוגן מענטשן. עס וואונדערט מיך, וואָס ער דולדעט זי. ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט פאַרלאַנגען פון איר, זי זאָל מוחל זיין גיין וואוינען ערגעץ אַנדערש.

פּערל ד־האָט געהערט, און ניט געגלויבט אירע אויערן. ווי פעלד־שטיין וואָלט וויסן וואָס ביי איר אין האַרצן קומט פאָר! אין דער ערשטער רגע האָט זי געהאַט חשק דערציילן פעלדשטיינען וואָס מיט איר איז פאָר־לאָפן. אָבער דאָס, וואָס פעלדשטיין האָט דערמאָנט דאָקטאָר לוריאס נאָמען, האָט פּערלען אָפּגעהאַלטן פון אַנצוהויבן אַזאַ שמועס, וואָס זאָל נעמען אויפן וואָג־שאָל איר ליבע צו דאָקטאָר לוריאַן. „דאָס טאָר אַ מענטש ניט טאָן״ — האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח. דאָס בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן אַריין.

— קום, קינד, — האָט יוחנן פעלדשטיין גענומען ראַשלען אויף די קני — וואָס זאָל איך דיר מאַכן פון פּאַפּיר, אַ פויגעלע, צי אַ שיף? איך קען ביידע זאַכן מאַכן אינאיינעם... עס זאָל ביי איר ניט זיין קיין ווידער־שפּרוך פון צווישן ייד און מענטש, דאָס ווילט איר זאָל אייער טאָכטער זיין. ס'איז ניט געווענדט אינגאַנצן אָן אונדז. אונדזער יידישעווירקלעכ־קייט איז פול מיט צופיל סתירות.

— וואָס שרייבט איר איצטער, פעלדשטיין? לייענט מיר עפּעס.

— איר זייט ביי מיר אַזאַ טייערער גאַסט, וועל איך אייך ניט מאַטערן מיט מיין שרייבן. ס'איז ניט פאַר איצטער, פּערל, וואָס איך שרייב. קיינער שרייבט ביי אונדז ניט פאַרן היינט, מיר שרייבן פאַרן מאָרגן.

— דאָס איז שיין.

— ניין, פּערל. ביי אַן אַנדער פאָלק איז דאָס שיין; ביי אונדז איז עס טראַגיש. דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט אַ צו לאַנגע געשיכטע הינטער זיך. פאַקטן זיינען בולט. געשיכטלעך שפּאַנט דאָס יידישע פאָלק אינאיינעם מיט אַנדערע פעלקער דורך צייט און דורך תקופות, און איז אַן עדות פון פעלקער־אויפגאַנג און פון אונטערגאַנג. דאָרטן, וואו עס זיינען געקומען צו אַ צונאָמענשטויס צוויי תקופות, צוויי מענטשלעכע עפּאָכעס, זיינען מיר יידן אַריינגעפאַלן צווישן די חורבות פון אַן אונטערגייענדער עפּאָכע. אַזוי איז עס איצטער אויך. עמאַנציפּאַציע, דאָס אויסגלייכן יידן מיט ניט־יידן, איז פאַר יידן ניט קיין סם החיים. נאַציאָנאַל איז עס — סם המות.

— וואָס מיינט עס?

— דאָס מיינט, אונטערגאַנג דורך דעם לעגענדאַרישן קוש.

— פאַרוואָס־זשע שרייבט איר, און אייער גלייכן? צוליב וואָס גיט איר אַוועק אַזוי פיל פון אייער ענערגיע, אַז קינדער, געבאָרענע דאָ אין לאַנד, זאָלן קענען די פאָלקשפּראַך?

— איך וויל, אַז וואָס מער יידישע קינדער זאָלן לעבן מיט דער יידישער טראַגעדיע, און ניט מיט דער אוממענטשלעכער צופרידנקייט, אין וועלכער די קריסטלעכע וועלט לעבט. היינטיקע עפּאָכע ביי יידן קען נאָר פאַרגליכן ווערן מיט דעם צווייטן פעריאָד אין בבל, די עפּאָכע פון צווייטן חורבן, וואָס האָט אונדז געלאָזן דעם תלמוד בבלי, און שפּעטער — די אַלע ספרים, וואָס ד'האָבן אַ שייכות מיט דעם תלמוד בבלי. דער יידישער גייסט שוועבט איצטער איבערן לעבן, און דרינגט ניט אריין אין יידישן לעבן אריין.

— האָט איר באַגעגנט ברכה רודמאַן?

פעלדשטיין האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ער האָט פריער גערעדט, און אין דער אייגענער צייט געפאָרשט פּערלס פּנים, געוואָלט דערגיין די סיבה, פאַרוואָס זי איז פון שטוב אַוועק און געקומען צו אים. זי איז ביי אים אַ פּאָר מאָל געווען אינאיינעם מיט דאָקטאָר לוריאַן; דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אָבער קומען אַליין! אמת, זי האָט געבראַכט איר טאָכטער; אָבער אים איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, פאַרוואָס פּערל איז צו אים איצטער געקומען. ער האָט אָנגעצויגן אַ שמועס וועגן רעבעקאַן, האָט זי אין שמועס קיין אָנטייל ניט גענומען.

— פאַרוואָס ווילט איר מיר ניט ענטפערן, צי איר האָט געזען ברכה רודמאַן?

— זייט ניט, פּערל, קיין שדכנטע.

— פאַרוואָס ניט? איך טראַכט אָפט פון אייך ביידן. איר האָט געקענט זיין גליקלעך ביידע.

— אָ, פּערל, ווי קומט איר צו מאַכן אַזאַ טעות?

— זי איז אַ מיידל מיט הייס בלוט, מיט אַ יידיש האַרץ.

— וואָס איז הייס בלוט, קען מיר קיינער ניט דערקלערן. וואָס איז אַזוינס אַ יידיש האַרץ, האָב איך אַ שטיקל באַגריף. עס טוט מיר לייד פאַר איר. זי ד'האָט שוין געדאַרפט לאַנג צוריק פאָרן קיין ארץ ישראל, און פון דאָרטן צוריק קיין סאָוועטרוסלאַנד. דאָ איז פאַר איר קיין אָרט ניטאָ. אָדער אפשר גאָר, האָט איר געדאַרפט טרעפן אַזאַ גליק ווי איר עלטערער שוועסטער.

— כאַ־כאַ־כאַ... איר זייט היינט צו קלוג, מיסטער פעלדשטיין. עס לאָזט זיך אויס, אַז פאַר דער חתונה, קען אַ מאַן די פרוי בעסער ווי נאָך דער חתונה. יאָ, פעלדשטיין, נאָר מיט די אויגן פון ליבע דערקענט מען די פרוי. מיט די אויגן פון דער ווירקלעכקייט זיינען מאַן און פרוי צוויי באַשעפענישן פון צוויי באַזונדערע פּלאַנעטן. ווי איך זע, האָט איר זי ליב, מיסטער פעלדשטיין.

— ווען גייט איר אהיים, פּערל, וועל איך אייך אָפּפירן אהיים.

— ס'איז מיר גוט ביי אייך, מיסטער פעלדשטיין. איך וויל אייך זייער זען אַ צופרידענעם און גליקלעכן מענטשן אין לעבן.

— ניין, פּערל, — האָט פעלדשטיין אַראָפּגעלאָזן די אויגן — איך ווייס ניט ווי מען טיילט ארויס ליבע פון האַס. האָניק פון וואַקס קען מען יאָ ארויסטיילן. און ליבע פון האַס — — —

— איר קענט די פרוי ווי אַ דיכטער, און דאָס טויג ניט. איר דאַרפט זי דערקענען ווי אַ שמשון הגבור. האַ, האָב איך עס גוט ארויסגעזאָגט?

יעס, פעלדשטיין, די פרוי האָט ליב יעמאָלט, ווען מען נעמט זי און מען טראָגט זי ארויס אויף די הענט פון איר היים און איר געפּענקעניש. יעס, מיסטער פעלדשטיין, דאָס רעדט א פרוי צו אייך. די פרוי האָט ליב, אז דער געליבטער זאָל זי ווי א פעדערל ארויסטראָגן פון איר געפּענקעניש און ברענגען צו איר אויסגעחלומטער וועלט.

— איך וויל אָנקלינגען דאָקטאָר לוריאן, זאָל איך אים זאָגן, אז איר זייט דאָ ביי מיר?

— טוט עס דערוויילע ניט. ער איז שטאַרק פאַרנומען. משפחה טראָבלט אים צו שטאַרק צוליבן וואָל־סטריט קראַך. ווי איך פאַרשטיי האָט ער אויך פאַרלאָזן עטלעכע דאָלער, כאַ־כאַ־כאָ.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען פּערל אליין האָט אָנגעקלונגען אהיים. דאָקטאָר לוריאן האָט אַזש דאָס לשון אָפּגענומען, ווען ער האָט דערהערט פּערלס שטים אין טעלעפאָן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זי איז ביי פעלדשטיינען, און ניט ביי איר משפחה. ער איז געווען זיכער, אז פּערל האָט דערציילט פון אַלץ וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

ווען דאָקטאָר לוריא איז געקומען צו פעלדשטיינען, איז אים פּערל ארויפגעפאלן אויפן האלדז, געוויינט און געלאַכט פאַר גליק.

— ווענסט מיר, זכריה, פאַרגעבן פאַר מיין נאַרישער האַנדלונג. איך וויים, אז דאָס האָב איך ניט געדאַרפט טאָן. האָסט צעריסן די עטלעכע שורות, וואָס איך האָב דיר איבערגעלאָזט, האַ?

פעלדשטיין איז געשטאַנען א פאַרחידושטער. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן דאָקטאָר לוריאן און פּערלען איז עפּעס פאָרגעקומען.

— פאַרוואָס האָסטו געלאָזן, דיין מאַ זאָל אוועק פון שטוב? — האָט דאָקטאָר לוריא גענומען זיין טאָכטער אויפן האַנט און געגלעט איר קאָפּ.

— די מאַ זאָגט, איך זאָל לערנען דזשוּאיש... יעס, מאַ?

— אָט אַזוי איז עס, פעלדשטיין. פּערל האָט מיך היינט אוועקגע־וואָרפן. נו, א מענטש איז ניט מער ווי א מענטש, אויב ער איז א מענטש. עס פאַרדריסט מיר, פּערל, ביז גאָר וואָס דערצו איז עס געקומען. איך וויל זיך האַלטן אַן עצה מיט פעלדשטיינען. מיין שוועסטער האָט זיך אריינגעריסן אין מיין לעבן אריין, איך וויים ניט ווי צו האַנדלען. איך האָב זי פון ברוק אויפגעהויבן, און איצטער זוך איך אַן אויסוועג, ווי אומצוקערן פרידן אין מיין שטוב.

ערשט איצטער האָט פּערל זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן. טרערן האָבן פריי געשטראָמט איבערן פּנים. זי האָט זיך אָנידערגעזעצט מיטן פּנים צום פענצטער, און געפילט ווי דאָס בלוט האָט אויפגעקאָכט אין די אָדערן און שוימט ארויס צום דרויסן. איידער דאָקטאָר לוריא איז געקומען האָט זי געפילט, אז זי האָט בידים צעריסן איר אייגן לעבן. איצטער שטייט פאַר איר דאָקטאָר לוריא, בעט, זי זאָל אים ענטשולדיקן. ער בעט פעלד־שטיינען, ער זאָל אים העלפן אומקערן צוריק פרידן אין שטוב אריין.

— טו עס ניט, פּערל — איז דאָקטאָר לוריא צו איר צוגעגאַנגען — ניט איך בין שולדיק, ניט דו ביסט שולדיק. א פרעמדער גייסט האָט זיך אריינגעמישט. א שטאַרק פרעמדער גייסט, און מיר וועלן זיך פון אים

באַפּרייען. האָסט גוט געטאָן, וואָס דו ביסט געקומען זיך זען מיט פּעלד־שטיינען. ער פאַרשטייט אַזאַ פּראָבלעם א סך בעסער ווי משפּחה. זאָל עס בלייבן צווישן אונדז.

— וואָס קלערסטו טאָן, זכריה? — האָט פּערל ענערגיש געווישט דאָס פּנים — קלערסטו זי אַרויסשיקן פון שטוב? דאָס וועל איך ניט דערלאָזן. צוליב מיר דאַרפסטו עס ניט טאָן.

— פאַרוואָס, פּערל? — האָט פעלדשטיין באַגריפן וואָס עס איז פאָר־געקומען צווישן דאָקטאָר לוריאַן און זיין ווייב — א מענטש קען און דאַרף געבן פון זיך אַלץ וואָס ער קען געבן. אָבער א מענטש קען ניט אוועקגעבן דאָס, וואָס ער קען ניט. רחמנות איז איינע פון די טייערסטע מידות ביים מענטשן. אָבער ווען איז עס געוואָרן, ווען דורך רחמנות בויט מען. ווי איז, אויב דורך רחמנות צעשטערט מען? איר זייט א דאָקטאָר, און אויב איר וואָלט רחמנות האָבן אויף אייערע פּאַציענטן, וואָלט איר ביי זיי קיין געשוויר ניט אויסגעשניטן. רעבעקא איז א געשוויר אין אייער לעבן, א געשוויר אויף א געזונטן גוף. שניידט איר אויס.

— איך וועל זיין געדולדיק — האָט פּערל געזעדט צו די צוויי מענער — איך האָב מיין געדולד אַנגעוואָרן און אויף א רגע געצווייפלט אין דער ליבע, וואָס ד האָט פאַרקניפּט מיין און זכריהס לעבן אינאיינעם. דאָס איז געווען א פאַרברעכן. איצטער פיל איך עס. וואו איז זי איצטער?

— זאָל דיר ניט אַרן וואו זי איז, מיט געדולד וועלן מיר עס איבער־קומען.

— פעלדשטיין איז חושד, אַז זי איז געווען פאַרשפאַרט אין א מאָנאַסטיר, און איז אַרויס מיט א מיסיע צו צעשטערן אונדזער פרידן... נעם מיך אַהיים, זכריה. בעט פעלדשטיינען, ער זאָל צו אונדז קומען אָפטער. איך האָב זיך גייסטיק אָפגערוט דאָ.

ווען דאָקטאָר לוריא איז מיט זיין פּערלען אריינגעקומען אין שטוב, איז זיי אַנטקעגן געקומען רעבעקא; צוגעגאַנגען, ארומגענומען פּערלען און זיך צעקושט מיט איר.

— איך פאָר היינט אַוועק פון ניו־יאָרק. האָב ניט געמיינט צו שטערן אייער רו. פּערל איז ווערט, דו זאָלסט זי ליב האָבן, זכריה. זי איז ווערט.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז רעבעקא מיט נערוועישע טריט אוועק צו זיך אין צימער.

קאַפּיטל צוואַנציק

דער ווינטער איז אָנגעקומען, און מיט אים — דלות און הונגער דאָרטן וואו עס איז געווען ברויט און פרידן. דער וואָל־סטריט קראַך האָט אַרויס־געיאָגט מיליאָנען פאַר הענט פון די שעפער אַרויס, אַרויסגעשליידערט אָרימקייט מיט די בעביכעס צום ברוק. דעם פּרעזידענט הוואווערס צוגע־זאָגטע „געבראָטענע הינער" זיינען געבליבן אין די שטייגן, הונגעריקע מאָגנס האָבן זיך געזעטיקט מיט גוטע האָפענונגען, אז אין דער גילדערנער אַמעריקע גייט עס שוין אַזוי. קיין שום זאַך איז ניט אייביק: — סיי די שפע און סיי דער דלות. דערווייל האָט דער דלות זיך ברייטלעך אויס־געשפּרייט און געבויט פון בלעכענע, פאַרזשאַווערטע קעסטלעך „פּאַלאַצן" די הינטער שטאָט און שטעטל. „הוואווער־פּאַלאַצן", וואו קינדער פון דלות האָבן זיך אונטערגענומען לעבן א הינטישן לעבן.

דער דלות האָט ברייטלעך אַריינגעקוקט צו די רודמאַנס. קאַרטאָפ־ליעס מיט הערינג זיינען אַרויסגעשוואומען אויפן סאַמע אויבן אָן. א פולע שטוב מיט ניט־פאַרדינער; חוץ יוסטינע, וואָס האָט אירע שכירות געקראָגן דורך עלווירא ווילסאָן וועכנטלעך. אָבער די ייִנגערע שוועסטער האָט זיך פאַרלייגט אויף דעם, קיינער אין שטוב זאָל פון אַזאַ געלט קיין הנאה ניט האָבן. ביי דאָקטאָר ווילסאָנען האָט מען עס געוואוסט. יוסטינע האָט געווירקט דורך עלוויראַן, אז דאָקטאָר ווילסאָן זאָל אַראָפּקומען צו די רודמאַנס, פאַרברענגען ביי זיי אין שטוב א גאַנצע שעה, מיט יעדן באַזונדער פריינטלעך א שמועס טאָן, און דער עיקר — פאַרהערן אביסל די ייִנגערע שוועסטער, וואָס וועגן איר האָט אים זיין טאָכטער אָנדערציילט, אז זי וועט נאָך ווערן א ראַבאַי אין אַמעריקע.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט ברכהן צום ערשטן מאָל נאָענט באַטראַכט. זי האָט זיך גערויטלט, און אין האַרצן געווען צופרידן, וואָס ער שענקט איר אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט.

— יידן דאַרפן פאַר זיך קיין באַזונדער לאַנד ניט זוכן — האָט דאָקטאָר ווילסאָן אין איר אַריינגעטעהט, ווען זי האָט אים דערציילט, אז זי האָט געטראַכט פאָרן קיין ארץ ישראל, נאָר די פּאָגראָמען האָבן אָפּגעהאַלטן — יידן האָבן גאַנצע צוויי טויזנט יאָר געלעבט צווישן פעלקער און האָבן זיך ניט פאַרלאָרן צווישן זיי. אָט זעט מען דאָך דאָ אין אַמעריקע, אַרום פינף מיליאָן יידן. זיי האָבן אַלע מעגלעכקייט זיך אויסצומישן און ווערן מיט דער צייט עכטע יענקיס. אנשטאָט צו ווערן ווינציקער, ווערן זיי מערער. און ווי מען דערציילט מיר, האָבן דאָ יידן געשאַפן אן אייגנאַרטיקע ליטעראַטור אויף דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און אַז ערשט איצטער פאַרנעמען זיך

יידן צו שאַפן ביי זיך א נאַציאָנאַלן פּנים. יעס, יוסטינע האָט מיר א סך דערציילט פון דיר — האָט ער פאָטערלעך געשמייכלט צו ברכהן — דו ביסט פאַנאַטיש יידיש. טאָ, זיי עס דאָ; אָבער העלפן אויפבויען אַן אייגן לאַנד... וואָס איז אייגן אין היינטיקער צייט? שאַרקס זיינען פאַראַנען, וואָס וועלן די יידישע מדינה צערייסן און איינשלינגען, ווען עס וועט זיי נאָר לוינען.

ברכה איז ניט געווען דרייסט גענוג ארויסצוקומען אים אנטקעגן. ווען א קריסט רעדט וועגן יידישער אייביקייט צווישן פעלקער, צי קען זי ביי אים עפּעס אָפּדינגען?

— און דו — האָט זיך דאָקטאָר ווילסאָן געווענדט צו פּנחסן — איך הער, אז דו ביסט אין דיין ייִנגערער שוועסטער געראָטן. דו האָסט געזונגען דעם יידישן הימן, ווען איך האָב דיר איינגעגעבן א שלאָף־טרונק. איך געדענק עס גוט. ביסט א יונגער מענטש, א געזונטער מענטש, כאָטש איך האָב ביי דיר דעם אַפּענדיקס אָפּגעגנבעט. פאַר דיר זיינען פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן דאָ אין לאַנד. פאַרליב זיך, האָב התונה, בירגער זיך איין אין אונדזער לאַנד. מאַכט ניט, וואָס דער וואָל־סטריט קראַך האָט א וועלט מענטשן רואינירט. אַמעריקע וועט ווידער אָפּכאַפּן דעם אָטעם. און איר, מיינע טייערע — האָט ער זיך געווענדט צו די פרישמעלעטע טאַטע־מאַמע — איר זאָלט ניט זאָרגן, אזוי לאַנג ווי איר האָט אַזאַ געטרייע טאָכטער ווי אייער יוסטינע. איך האָף, זי האָט אייך איבערגעגעבן, וואָס איך האָב איר געהייסן אייך זאָגן.

און געהייסן דהאָט דאָקטאָר ווילסאָן יוסטינען, זי זאָל האָבן א פרייע האַנט אין זיין קעשינע, ארויסנעמען פון דאָרטן וויפיל זי געפינט פאַר נויטיק — צו פאַרהיטן די עלטערן פון מאַטעריעלער נויט. יוסטינע האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט. אפילו דער פאָטער איז געווען אָנגעשראָקן נאָכן שטיק מוסר וואָס פּנחס האָט אים אריינגעזאָגט. דער מוטערס פּנים האָט זיך אויסגעוויקט אין טרערן, ווען ברכה האָט איר דערציילט, ווי אמתע יידן האָבן זיך אין אלע צייטן, אין אַלע לענדער געפּלאָגט און ניט געלעבט פון „אתנן זונה" — דאָס געלט, וואָס א פּראָסטיטוטקע ברענגט פון גאַס אין שטוב אריין, ווי זי האָט יוסטינעס געלט באַטראַכט. ביי דער מוטער האָט דאָס פּנים געפלאַמט יעדעס מאָל, ווען יוסטינע האָט איר פאָרט אריינגעשפּאַרט עטלעכע דאָלער, זי זאָל האָבן מיט וואָס זיך דורכצושלאָגן. דירה־געלט דהאָט יוסטינע אליין געטראָגן צום לענדלאָרד. נאָך אידער ער האָט געמאָנט.

יוסטינע האָט געפּרואווט אונטערצוקויפן ברכהן, ארויסגעוויזן ליבשאַפט, אונטערחנפט ברכהן, געגעבן איר קאָמפּלימענטן פאַר איר עקשנות. ברכה האָט עס גוט פאַרשטאַנען.

—איך האָב צו דיר גאָרניט, יוסטינע, גיי דיר דיין וועג. איך וויל, דו זאָלסט שוין מיט אים חתונה האָבן און נעמען פון לעבן וואָס דיר קען נאָר איינפאַלן. אויב איך וועל אין דער רייכער אמעריקע דאַרפן אָנקומען נאָך נדבות, וועט עס זיין ניט דורך דיין האַנט.

דאָס איז געווען חנוכה פריטיק צונאַכטס, ווען ברכה האָט זיך באַ־געגנט מיט יוחנן פעלדשטיינען, אים פאַרבעטן, ער זאָל קומען ביינאַכט

באַגעגענען שבת ביי זיי אין שטוב. ברכה האָט פאַרבויגן איר גאווה, אוועק צו אים אין שול און דאָרטן אים דערציילט, אז די לעצטע צייט האָט זי א סך געטראַכט פון אים. פעלדשטיין איז געווען שטאַרק גערירט פון איר באַזוך. קומען באַגעגענען דעם שבת ביי איר אין דער היים — האָט פאַר אים געהאַט א דאָפּלטן מיין.

— ניט אזוי דעם שבת, ווי די נשמה יתרה באַגעגענען — האָט אים ברכה געגעבן צו פאַרשטיין — דער יום שכלו שבת, ווי איך שטעל זיך פאָר, אז דאָס וועט זיין נאָר אין ארץ ישראל, וועגן דעם טראַכט איך נאָך דערווייל ניט. איך ווייס, אז דאָרטן איז דער אַיין טאָג שבת אויך דערווייל נאָך אַן איינגעבעטענער. אָבער די נשמה יתרה, מר. פעלדשטיין, — האָט ברכה צונויפגענומען די ליפּן, ווי אימעצן א קוש טאָן — מען מוז זי אָנהויבן זוכן. אָן איר וועט מען שטאַרבן הינטער א פּלויט.

פעלדשטיין האָט זיך קאָנטראָלירט. אירע רייד האָבן אים דערוואַרימט. אַ מיידל זאָל רעדן פון א נשמה יתרה, איז אין דעם פאַראַן אַ מיין. „ליבע ברענגט די נשמה יתרה צום מענטשן" — האָט פעלדשטיין געטראַכט, און קיין חשק ניט געהאַט עס אַרויסצוזאָגן. כאָטש פעלדשטיין האָט שוין גענוג מאָל אין קעגנוואַרט פון פרויען, וואָס האָבן אים ליבע אַרויסגעוויזן, באַשטימט, אז ער וועט ניט חתונה האָבן, האָט פונדעסטוועגן ברכה מיט איר אָנקומען, אים אויפגעהויבן פון דער ערד און אוועקגעטראָגן אין די הויכע עולמות.

— ווער נאָך וועט קומען צו אייך באַגעגענען די מלאכים פון פרידן, מיס רודמאַן? — האָט פעלדשטיין געפאָרשט ברכהס פאַרטאָיעטן שמייכל
— ס'איז שיין צו לעבן אין היינטצייטיקן בבל און חלומען חלומות פון די מלאכי השלום, וואָס באַגלייטן דעם יידן א גאַנצע וואָך, און וואָס נאָר ערב שבת באַווייזן זיי פאַר אים דעם לויטערן פנים.

— איך קען אייך איצטער ניט זאָגן ווער ס'וועט נאָך זיין.

— איר אליין גייט ארום א גאַנצע וואָך מיט א נשמה יתרה.

— הלוואַי וואָלט עס אמת געווען.

— איך מיין וואָס איך זאָג, מיס רודמאַן.

— איך דאַנק פאַר אַזאַ קאָמפּלימענט. הלוואי וואָלט עס אמת געווען.

— איך האָב וועגן אייך, מיס רודמאַן, מיין אייגענע מיינונג. איך ווייס ניט וואָס אַנדערע פריינט אייערע טראַכטן פון אייך.

— איך האָב ניט קיין פריינט, מר. פעלדשטיין.

— יעדער מענטש האָט פריינט, ער דאַרף זיי נאָר זוכן.

— א פריינט דאַרף א מענטש ניט זוכן. פריינט זוכן דעם מענטשן.

— ניין, מיס רודמאַן; פריינט, ווי אומפריינט, אז מען מאַכט זיי ניט, האָט מען זיי ניט. איך קען אייך שוין ניט פון נעכטן אָן, מיס רודמאַן. איר באַמיט זיך מאַכן אומפריינט, האָט איר זיי אפשר. באַמיט אייך צו מאַכן פריינט, וועט איר זיי אויך האָבן. אויב איר האָט צו זיך אין שטוב אַראָפּגעבראַכט דעם גרויסן שבת, דעם שבת פון אלע שבתים, און די ברענענדיקע ליכט, אָנשטאָט אויפן טיש, וועט איר זיי אומטראָגן אין הארצן, איך פאַרזיכער אייך, אז נאָך אייך וועלן פריינט זיך ציען ווי חסידים נאָך א חסידישן רבין.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ברכה פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און האַרציק געלאַכט — איך דאַרף קיין סך פריינט ניט האָבן. איינער, און א רעכטער, איז פאַר מיר גענוג. כאַ־כאַ־כאַ.

ברכה האָט דעם גאַנצן פרייטיק זיך געעסקט מיט באַשאַפן אין שטוב דעם גייסט פון שבת. זי האָט געשייערט די פיר באַזילבערטע לייכטער. זי האָט אײַנגעקויפט א ביליקן חנוכה־לעמפּל, געזוכט א פּאַסיקן אָרט פאַר אים, ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. דאָקטאָר לוריא און פּערל לוריא זיינען געקומען. מאָו לוריא איז געקומען אינאיינעם מיט עלווירא ווילסאָן, און האָט זיין עלטערן ברודער איזידאָרן אויך פאַרנומען מיט זיך. פּנחס האָט געבראַכט פינף געסט, וואָס האָבן געהערט צו א „שומרי־שבת" קרייז. צוויי יונגע פאָר פאָלק, דייוויד און גאָסי סאָפּירשטיין, לוי און איידא האָדעס, און א מיסטער פינגערמאַן, א העברעאישער לערער אין א תלמוד תורה.

דאָס מאָל האָט ברכה פאַרקוקט, געלאָזן, אז די מוטער זאָל אויסגעבן אַביסל געלט, כדי דער שבת־טיש זאָל זיך ניט פילן באַליידיקט. ווייַן און פרוכט האָבן באַשיינט דעם טיש. די מוטער האָט געבענטשט ליכט, און בנימין רודמאַן האָט מיט כוונה געבענטשט חנוכה ליכטלעך, און שפּעטער געמאַכט קידוש. פּנחס האָט אַריינגעדרייט שטאַרקערע עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט מער ליכט דעם שבת צו באַגעגענען.

ווען יוחנן פעלדשטיין איז אָנגעקומען, איז מען שוין געזעסן ביים טיש. פּנחס האָט געהאַלטן אין דערקלערן וועגן דער נויטיקייט אָנצוהייבן דאָ אין לאַנד א באַוועגונג אויפצולעבן די טראַדאַציעס, וואָס דער ערשטער דור האָט דאָ אָנגעוואָרן זוכנדיק די ביטערע פּרנסה.

— דערמאָנען דאַרף מען דעם עלטערן דור, און וואָרנען דאַרף מען די יוגנט פון דעם גייסטיקן דלות, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס יידישע לעבן אין פרייען לאַנד. וואָרנען די יוגנט, וואָס איז דאָ געבאָרן געוואָרן, און באַווייזן מיט פאַקטן פון דער געשיכטע, אז דאָרטן, וואו א טייל יידן האָבן ערנסט געמיינט אַרויסצוקריכן פון דעם נאַציאָנאַלן און טראַדיציאָנעלן יידישן עול, האָבן זיי געבראַכט אומגליק פאַרן גאַנצן פאָלק. די קריסטלעכע וועלט וועט יידן לאָזן צורו אזוי לאַנג, ביז זיי וועלן זיין יידן, און אויפהיטן די יידיש־נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע. נאָר דאָרטן, וואו יידן באַמיען זיך אליין איינגעשלונגען צו ווערן, דאָרטן ווערן זיי ניט פאַרדייעט. דאָרטן ברעכט מען זיי אויס. און די אָרטיקע באַפעלקערונג דערקלערט זיך קראַנק צוליב יידנס אסימילאַציע.

— וואָס פעלט יידן אין דייטשלאַנד? — האָט אינזדאָר לוריא מיט גאווה א פרעג געטאָן. — דאָרטן האָבן זיי זיך שוין באַלד אסימילירט, און וואָס פאַר אַן אָרט זיי פאַרנעמען אין דעם פּראָגרעס פון לאַנד איז באַוואוסט יעדן אינטעליגענטן מענטשן. און וואָס פעלט די יידן דאָ אין לאַנד, וואָס האָבן פון זיך אָפּגעווישט יעדן יידישן שפּור?

— מיט יידן אין דייטשלאַנד? איך בין מיט זיי גאָרניט אזוי זיכער, אַז מיר האָבן זיי שוין אָנגעוואָרן. אפשר וועט נאָך אונדזער דור זיין אַן עדות פון זייערער א טראַגעדיע. וועגן די אסימילירטע יידן דאָ אין לאַנד... זעט איר, וועגן זיי מוז איך שווייגן. דאָ האָב איך ניט קיין רעכט צו זיין א בייזער נביא.

פאַר פעלדשטיינען איז פּנחסעס זיכערע האַלטונג געווען פאַרשטענדלעך. כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו הערן אים רעדן, האָבן אים פּנחסעס רייד געקלונגען נאַטירלעך און אמתדיק.

— פאַרוואָס ניט זיין קיין בייזער נביא? — איז ברכה אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ — יעדער אמתער נביא איז אין זיין צייט געווען אַ פאַלשער נביא אין די אויגן פון די, וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט.

— הייסט עס, מיס רודמאַן איז אויך סוף־כל־סוף געוואָרן אַ גלות־מיידל. האָב איך אייך גוט פאַרשטאַנען?

פעלדשטיין האָט בכיון זי אַרויסגערופן, און פּראָוואָצירט, זי זאָל נאָך עפּעס זאָגן. ער האָט אין איר באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג צום גוטן. איר פּנים, רואיקער; די אויגן פולער און וואַרימער.

— ס׳איז ניט קיין חרפּה צו זיין אַ גלות־מיידל — האָט ברכה מיט חשק גערעדט — ס׳איז נאָר געווענדט וואָס מען מיינט מיט דעם באַגריף גלות. מיר האָבן אַלערליי גלותן געהאַט. געווען אַמאָל אַ גלות־רוסלאַנד אונטערן צאַר, ווען ייִדן האָבן געלעבט אין אַ געטאָ, און דווקא אונטערן נידעריקן דאַך האָט דער ייִדישער גייסט הויך געשטיגן. און איצטער לעבן דאָרטן ייִדן אין גלות־סאָוועטן, וואו די געטאָ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, און דער ייִדישער דאַך דערגרייכט ביז צו דער לבנה, און פונדעסטוועגן איז דער ייִדישער גייסט געפאַלן ביז צום שטויב. איר, מר. פעלדשטיין, — האָט זי אויפגעהויבן איר שטים — איר האָט אַ טבע אָנצורופן אונדזער היגן גלות מיטן נאָמען גלות־בבל. וואָס פאַר אַ גלות־בבל איז עס? אויב אין גלות־בבל האָבן ייִדן געשאַפן גייסטיקע ווערטן, וואָס האָבן אונדז דערהאַלטן צוויי טויזנט יאָר; וואָס זיינען די גייסטיקע ווערטן וואָס ייִדן שאַפן דאָ, אַז מיר זאָלן קענען האָפן און בויען אויף זיי אונדזער קיום פאַר די קומענדיקע טויזנט יאָר? ווייזט מיר עס אָן, מר. פעלדשטיין. אין אייערע שולן, וואו קינדער לערנען זיך אויס פּרעפּלען עטלעכע ייִדישע ווערטער, דאָרטן שאַפט מען עס גייסטיקע ווערטן פאַר די דורות?

פעלדשטיין האָט זיך געפילט גוטמוטיק. אים איז געפעלן געווען ברכהס פאַריסנקייט.

— דאָס איז פיין, מיס רודמאַן, איצטער זעט מען וואָס אַ נשמה יתרה קען אויפטאָן. איר האָט געוויס זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף די מלאכי השלום.

לוי האָדעס, אַן אַרטיסט יואווילירער, מיט פינקלדיק שוואַרצע אויגן און מיט אַ שטענדיקן שמייכעלע אַרום זיין שמאָלן מויל, האָט זיך האַרציק צעלאַכט, צוגעגאַנגען, אַרומגענומען ברכהן און אַ קוש געטאָן.

— מיין אײדעלע ווערט ניט זיין ברוגז אויף מיר. ווען אַ מיידל רעדט אַזוי, דאַרף זי גלייך אויף אַן אָרט באַלוינט ווערן. אַזעלכע רייד האָבן געדאַרפט אַרויסגעבראַכט ווערן אין פּאַבליק. גאַנץ פליק, זיך שטעלן אויף אַ קאַרנער גאַס און רעדן. ייִדן וועלן קומען הערן. אַלבעטשיע, מיס רודמאַן, איר האָט עס געדאַרפט טאָן. וואָס פאַר אַ שלעק הערן מיר דאָ ניט פּריטשן אויף די קאַרנערס!

— איך וועל זיך שטעלן בייבם זייט אַכטונג געבן, מ׳זאָל אין איר קיין פאַרפוילטע טאָמייטעס ניט וואַרפן — האָט איזידאָר לוריא זיך געוויצלט

— וועסט זיך ?טעלן אויף א קעסטל, שרייען, אַז יידן זאָלן היטן שבת, וועט מען דיר זאָגן: באַזאָרג, שוועסטערל מיט זעקס טעג ארבעט און ווײדזשעס, זאָגן מיר דיר צו היטן שבת, כאַ־כאַ־כאַ.

עלווירא ווילסאָן איז געזעסן זייט־ביי־זייט מיט מאָו לוריאַן, און מיט גרויס כוונה זיך צוגעהערט צו די רייד. מאָו לוריאַ האָט אין דער שטיל איר דערקלערט וואָס מען רעדט.

— עס פּאַסט מיר ניט ארויסצוזאָגן א מיינונג — האָט זי אים שטיל איינגערוימט אין אויער — איך בין א קריסטן, און מיין מיינונג קען דאָ קלינגען פרעמד.

— וואָס ווילסטו זאָגן?

— אַז עס פּאַסט ניט פאַר פאָרגעשריטענע מענטשן צו פרײדיקן רעליגיע.

— ניין, ניט קיין רעליגיע פרײדיקן זיי. דאָ רעדט מען ארום די עטישע זייט פון שבת, וואָס יידן האָבן דאָ צוליבן „מאַכן א לעבן" אוועקגעוואָרפן.

— יידן דהאַלטן ביידע טעג ניט.

— זיי אַרבעטן ניט זונטיק.

— אָבער זיי האָבן ניט די שבת־רו.

— וואָס איז אַזוינס שבת־רו, מאָו?

— אַטאָ דער מיסטער פעלדשטיין וואָלט עס דיר געקענט דערקלערן.

דאָקטאָר לוריאַ איז געזעסן שטאַרק אומעטיק. אים זיינען געקומען אויפן געדאַנק די אַכציקער יאָרן, זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, די יום־כּיפּור בעלער, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן איינגעאָרדנט, און די „טריפהנע" דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט אנטקעגן איבער די שולן יום־כּיפּור צו נעילה און אָפּגעלאַכט פון יידישער פרומקייט. ער דערמאָנט זיך די אלערליי מיטינגען, וואו רעדנער האָבן איינס נאָכן אנדערן צונישט געמאַכט יידישקייט און יידישע טראַדיציעס. אַלץ אין דער וועלט האָבן די יעמאָלטדיקע אַנאַרכיסטיש־סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ געטאָן, כדי וואָס פריער אריינברענגען דעם גלות־יידן אין דער „באַפרייטער געזעלשאַפט". און איצטער, פּונקט דאָס פאַרקערטע. א פּחד איז באַפאַלן די איבערגעבליבענע אויף דער יידישער גאַס; א פּחד, אַז מ'גייט אונטער! שבת איז ניטאָ, יום־טובים זיינען פאַרשוואונדן, און קיין יידן זיינען מער ניטאָ! „צי קען מען מיט א שפּענדל פאַרשפּאַרן דעם האָדסאָן בשעת ער שטראָמט אַראָפּ צום ים?" כל־זמן מ'האָט פון דעם ניט גערעדט, האָט ער פון דעם ניט געטראַכט. אָבער יעדעס מאָל ווען מ'האָט אויפגענומען עפּנטלעך דעם ענין שבת־און יום־טוב, מיט דער וואָרנונג, אַז אויב מ'וועט די נשמה יתרה ניט ברענגען צוריק צום יידן, וועט עס זיין אויס מיט יידן אויף אייביק, איז אים טרויעריק געוואָרן ביז ווייטיק.

זיין פּערל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים, האָט עס באַמערקט, און שטיל געפרעגט:

— איז ניט ברכה א טייער מיידל, דהאַ, זכריה? פאַרוואָס זאָגסטו גאָר קיין וואָרט ניט?

— זאָלן די ייִנגערע רעדן. הלוואי וואָלטן מיר אַזוי גערעדט מיט פינף און פערציק יאָר צוריק, אפשר וואָלט די יידישע גאַס אַנדערש אויסגעזען.

— ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט, זכריה.

— דאָס ביסטו גערעכט. אָבער וואָס האָט עס פּאַר אַ ווערט, ווען מען רעדט דאָ היינט בייגאַכט פון שבת און נשמה־יתרה?

— אפשר רעדט מען היינט ביינאַכט פון דעם אין א סך הייזער. מיר ווייסן ניט. זכריה, אַז עס איז פאַראַן דער גייסט פון דער צייט וואָס באַאייג־פלוסט מענטשן, גלויבסטו דאָך אין דעם. זיי האָבן אָנגעהויבן דערפאַר, וואָס אַ העכערער גייסט האָט אָנגערירט זייער לעבן און ארויסגערופן די אומצו־פרידנקייט. איך גלויב אין דעם. וואָס ניט, זכריה? דו גלויבסט ניט אין א העכערן גייסט, א דהעכערער, און א יידישער גייסט.

— ביסט גערעכט, אָבער דאָס פאַרגרינגערט ניט מיינע דאגות.

— פאַרוואָס?

— איך האָב מורא, מיר האָבן פאַרשפּעטיקט.

— אונדזער טאָכטער וועט זיין א יידישע טאָכטער. ווערסט זען, זכריה, זי וועט זיין אביישפּיל פאַר אַנדערע.

— איך וויל ביי דיר דיין גלויבן ניט צונעמען, פּערל.

— זי קען שוין דעם יידישן אלף־בית.

— דאָס טוט מיר הנאה.

— ס׳איז דאָך דער דריטער דור, זכריה!

אין דער צייט האָט פּנחס אָנגעהויבן מיט התלהבות זינגען שלום עליכם מלאכי השלום, און צוגעפּאַטשט מיט די הענט. ברכה האָט אים מיט דער אייגענער התלדהבות אונטערגעהאַלטן. די פּלעמלעך פון די שבת־ליכט האָבן געטאַנצט. די מלאכי השלום זיינען אריין און האָבן די אָרימקייט פון שטוב אויף א ווייל ארויסגעטריבן.

* * *

— איך בין פול מיט האָפענונג, עלווירא, אז איך מאַך דאָ ניט קיין טעות. איך גלויב אין איר, אַז זי וועט מיין לעבן אָנפילן מיט רו און פרידן, און אויך מיט געטריישאַפט. שלעכט, וואָס מיין גערדאַנק קען זיך ניט באַ־פרייען פון איר אָפּשאָם; איך מיין איינפאַך אירע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס זיינען פאַר מיר אַ רעטעניש. פון איר שוועסטערס אויגן קוקט צו מיר ארויס אומפריינטלעכקייט און מורא; און פון עלטערן ברו־דערס אויגן — פאַראַכטונג, אָדער גרינגשעצונג. וואָס איז עס פאַר אַ פאָלק, פאַרשטיי איך ניט. פון איין זייט איז מען דעם יידן מיט רעכט חושד, אַז פאַר געלט וועט ער אַלץ מיט אַן אַנדער פאַרקויפן; און פון דער אַנדערער זייט, זעסטו, אַז טויזנטער יאָרן ווי זיי האַנדלען צווישן פעלקער, און זיך אליין האָט מען פונדעסטוועגן ניט פאַרהאַנדלט.

— דאָס איז דער „אייביקער ייד״, פּאַ. איך האָב לעזנדיק זייער געשיכטע, אים דערקענט. ערגעץ ווערט ער פאַרפאַלן, ערגעץ באַהאַלט ער זיך אויס; און אַט, איז ער ווידער אויף דעם ברייטן שליאַך פון דער מענטשלעכער געשיכטע! זי האָט דיך ליב, פּאַ. איך ווייס ניט, וואָס דו לייגסט עס אָפּ. האָב חתונה מיט איר, נעם זי אריין אין שטוב. האָסט מיין גוטן ווילן. איך האָב זי ליב. איך דהאָף, מיר וועלן זיין גוטע פריינט שפּעטער אויך.

דער דאָזיקער שמועס איז פֿאָרגעקומען צווישן דאָקטאָר פּיליפּ ווילסאָנען און זיין טאָכטער עלווירא שפּעט ביינאַכט ביי אים אין אָפיס. ער האָט זיך אומגעקערט א מידער פון א שפּיטאָל, וואו ער האָט דורכגעפירט אן ערנסטע אָפּעראַציע איבער אן אַנגעגריפּענעם מח ביי אן עלטערער פרוי. עלווירא האָט אים גוט פאַרשטאַנען. זי האָט געקענט זיינע שטימונגען. קומענדיק פון שפּיטאָל, האָט זי שטענדיק דערקאַנט אָן אים וואָס פאַר אָפּעראַציעס ער האָט דעם טאָג געמאַכט.

עלווירא האָט מיט לייב־און־לעבן געוואָלט, איר פאָטער זאָל חתונה האָבן מיט יוסטינען. דורך דעם וואָלט זי אליין זיך אָנגעהויבן שפּירן א באַפרייטע פון די פליכטן צו דער היים און צום פאָטער. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז דעם פאָטער אירן קוועטשט עפּעס די לעצטע צייט, וואָס שטערט אים מאַכן א סוף פון זיין לעבן ווי אַן אלמן אזויפיל יאָרן. איצטער האָט זי געהערט עפּעס, וואָס ד׳האָט טיילוויז קלאָר געמאַכט איר פאָטערס איבער־לעבונגען.

— צי דען ווילסטו מיט איר אָפיציעל אין קירכע חתונה האָבן, פּאַ?

— האָט זי געקוקט אין איר פאָטערס אומעטיקן און מידן פּנים.

— וואָס פעלט עס דיר איין, עלווירא?

— דעריבער פאַרשטיי איך ניט וואָס דיר שטערט די באַציאונג פון איר שוועסטער און ברודער.

— וואָס פעלט איר שוועסטער, אפשר קען איך איר מיט עפּעס העלפן?

— איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי טעראָריזירט אלעמען, דערלאָזט ניט, מען זאָל מאַכן א נוצן פון דעם געלט וואָס איך גיב איבער יוסטינען.

— ווי ווייסטו עס?

— יוסטינע האָט מיר דערציילט.

— אויסערגעוויינטלעך!

— איך האָב זי גערן. כאָטש מיר שטערן אירע רויטע האָר, און איר מאַנצבילשער, שטרענגער בליק.

— איך האָב מיט יוסטינען גערעדט א פּאָר מאָל, געבעטן, זי זאָל מיר אויפקלערן, מיט וואָס איך קען פאַרגרינגערן מאַטעריעליש אירע לייט. זי האָט אויסגעהערט און אויף דעם ניט געענטפערט. ס׳איז אויסערגע־וויינטלעך. כאַ־כאַ־כאַ, ניט איך באַנעם וואָס פאַר א מענטשן זיי זיינען, און האָב גאָר ביי זיי געפונען די פרוי, וואָס דאַרף מיר פול מאַכן מיין טרויעריק לעבן. איך וויל וויסן ווער זיי זיינען; קען איך אַזאַ באַשיי־דענעם פאַרלאַנג ניט דורכפירן? איך בין א מענטש מיט בירגערלעכע טראַדיציעס. רייך און אָרים טייל איך ניט פאַנאַנדער. כ׳האָב געוואָלט די גאַנצע משפּחה זייערע איינלאַדן צו זיך, זאָלן זיי וויסן וואו זייער בלוט און פלייש קומט אַהין. זאָלן זיי אין אלגעמיין וויסן דעם אַדרעס. ס׳איז מענטשלעך, עלווירא.

— ווען ווילסטו עס טאָן?

— איידער איך נעם זי אריבער אַהער. עס קען אויך זיין שפּעטער. איך וויל פאַרבעטן פריינט, קאָלעגן; וואָלט איך עס באַטראַכט פאַר גאָר נאַטירלעך, אירע לייט זאָלן דאָ אויך זיין.

— פאַרוואָס קענסטו עס ניט? איך קען די לוריאַס. דו קענסט דאָקטאָר לוריאַן. מען קען זייערע לייט פאַרבעטן.

— פון דעם האָב איך אויך געטראַכט. די לוריאַס זיינען מענטשן פון דער בעסערער געזעלשאַפט. איך טראַכט אָבער פון אירע לייט, צי וועלן זיי גאָר אָננעמען די איינלאַדונג?

— און אויב זיי וועלן עפּעס צוגרייטן ביי זיך אין שטוב?

— דאָס וואָלט געווען צום בעסטן. איך האָב מיט יוסטינען אָנגערירט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. כאַ־כאַ־כאַ, איך רוף עס אַן פּראָבלעם... איך האָב באַמערקט טרערן אין אירע אויגן, און האָב אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען וואָס די טרערן מיינען. אָבער דאָס זיינען אַלץ זייטיקע זאַכן. איך דאַנק דיר, טאַטער, וואָס דו דערמוטיקסט מיך צו האַנדלען, ווי עס דאַרף האַנדלען אַ מאַן, וואָס הויבט נאָך ערשט איצטער אָן זיין לעבן. דיין היים וועט ניט געשטערט ווערן, עלווירא. זי איז אַ מענטש מיט אַ סך טאַקט. איך וואָלט געזאָגט: — מיט אַ געוויסער מאָס נאָבלקייט. איך בין זיכער, אַן אַנדערע אויף איר פּלאַץ וואָלט ניט געוואָלט וואַרטן אַזוי לאַנג. זי איז טאַקטיש. פאָדערט ניט, מאָנט ניט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן אָנגעקלונגען צו דאָקטאָר לוריאַן, און אים פאַרבעטן צו זיך. ער האָט פערלען געקראָגן אויפן טעלעפאָן, אין שפּאַס איר פאַרזיכערט, אַז ער וויל, זי זאָל אים העלפן זיך רעפאָרמירן.

— איך וויל נאָך אַמאָל האָבן דאָס פאַרגעניגן זיך וואַרימען אין פייערל פון דיינע אויגן. פאַרנעם דיין גוטן דאָקטאָר לוריאַן מיט זיך. זאָג אים, אַז איך באַדאַרף ווי אַ דאָקטאָר מיט אים זיך האַלטן אַן עצה.

דאָקטאָר לוריא און פערל האָבן ביי אים זיך געפילט היימיש. דאָקטאָר ווילסאָן האָט פאַרמאָגט אַ געוויסע געצאַמטקייט. זינט ער האָט זיין גורל דורך ליבע פאַרבונדן מיט אַ יידיש מיידל, האָט ער זיך געשפּירט קאָסמאָפּאָליטיש. און בכלל, מיט דאקטאר לוריאַן, ווי קאָלעגן פון דער פּראָפעסיע און, „אַן אינטעליגענטער פאָרשטייער פון זיין ראַסע“, ווי דאָקטאָר ווילסאָן האָט דאָקטאָר לוריאַן כאַראַקטעריזירט, האָט ער ליב געהאַט אין זיין קעגנוואַרט צו זיין אָפנהאַרציק.

מען האָט תחילת גערעדט פון דעם וואָל־סטריט קראַך און די טרויעריקע רעזולטאַטן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דעם באָדן פון דעם אמעריקאַנעם פאָלק. דערנאָך איז דאָקטאָר ווילסאָן איבערגעגאנגען צו זיין פּריוואטן לעבן, וואָס האָט זיך „אַריינגעצווייגט אין יידישן וואַלד“.

— יעס, מיינע פריינט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גערעדט מער אויף פערלס זייט, וואָס איז געזעסן זייט־ביי־זייט מיט עלוויראַן — אונדזער לאַנד איז אייגנאַרטיק, ניט אַזוי מיט דעם פאַרשיידנאַרטיקן לאַנדשאַפט, וואָס שפּרייט זיך פון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפיק, און פון גאָלף אָף מעקסיקאָ ביז דער קענעדער גרעניץ; דערווייל איז אונדזער לאַנד אייגנאַרטיק מיט אירע אַלערליי נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אַזוי ניט באַמערקט פאַר אַ סך פון אונזערע אומגעדולדיקע, וואָס וואָלטן שוין וועלן זען אַ מאָנאָליטישע ראַסע אויפן אמעריקאַנעם באָדן.

פאַר דאָקטאָר לוריאַן איז דידאַזיקע אויפקלערונג געווען גאַנץ ניי. ער האָט זיך דערמאָנט א פּאָר אַנדערע באַגעגענישן מיט דאָקטאָר ווילסאָנען, אויך אין שייכות מיט זיין פאַרשלעפּטער ליבע, און יעמאָלט האָט ער פון אים אויסגעהערט טענות צום יידישן פאָלק, וואָס עקשנט זיך אַזוי אויפצוהאַלטן אן אייגענע פיזיאָנאָמיע אין צייט, וואָס קינדער פון אַנדערע ראַסן האָבן שוין געמאַכט שלום מיטן שמעלץ־טאָפּ. איין באַגעגעניש איז דאָקטאָר לוריאַן שטאַרק ניט געפעלן געווען, ווען דאָקטאָר ווילסאָן האָט די יידישע עקשנות כאַראַקטעריזירט ווי די גאווה פון קבצן, וואָס, כאָטש ער בעטלט ביי פרעמדע טירן, קוקט ער פון אויבן־אַראָפּ אויף דעם וואוילטעטיקן באַלעבאָס, וואָס עפנט אויף די טיר און דערלאַנגט אים ארויס א נדבה.

דאָקטאָר לוריא האָט באַמערקט, ווי זיין פערלס פנים האָט אויפגעלויכטן. זעט אויס, זי איז שטאַרק צופרידן מיט דאָקטאָר ווילסאָנס פילאָזאָפיע וועגן דער מענטשלעכער טראַגעדיע אויף דעם אמעריקאַנעם באָדן.

— ווערסט מיר, זכריה, דערלויבן, וועל איך עפּעס זאָגן אונדזער געערטן דאָקטאָר ווילסאָנען. יעס, עלווירא, איך פיל מיך גליקלעך, ווען איך קען דאָ אַזוי זיצן ביי דיר און, ווי אין דעם אַמאָליקן גריכנלאַנד, זיך פילן העכער פון ווירקלעכן לעבן. אָט וואָס מאַרקוס אוירעליוס זאָגט ביי אזא געלעגנהייט: „פּונקט ווי די מעדיקער האָבן שטענדיק זייערע אינסטרומענטן און מעסערס גרייט, טאָמער וועט מען אומגעריכט זייער פלינקייט דאַרפן האָבן, אַזוי זאָלסטו זיין גרייט צו קענען באַנעמען זאַכן, וואָס זיינען מענטשלעך און געטלעך. אפילו בשעת מען טוט א זאַך וואָס איז קליין און ניט וויכטיק, איז נויטיק צו געדענקען דאָס געטלעכע און מענטשלעכע, וואָס פאַרקניפּט זיי. ווארום קיינמאָל וועט ניט געלינגען צו טאָן א זאַך גאַנץ און גוט, אויב מען זאָל ניט האָבן די איבערצייגונג, אַז טוענדיק דאָס מענטשלעכע — טוט מען אויך דאָס געטלעכע; און פאַרקערט, טוענדיק דאָס געטלעכע, טוט מען אויך דאָס מענטשלעכע.” אָט־אָ־דאָס וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט דורך זיין ליבע דערגרייכט, איז געטלעך און מענטשלעך. געבורט איז מענטשלעך און געטלעך. אין געבורט איז פאַראַן דאָס גרויסע און דאָס נישטיקע. דאָס געלייטערטע און דאָס עקלהאַפטע. דאָס עסטעטישע און דאָס מיאוסע. איך האָב אויך אַמאָל געטראַכט און געפילט, ווי א סך יידישע קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אויף דעם אַמעריקאַנעם באָדן. איך ה־האָב געמיינט, אַז איך בין ניט פון מיין יידישער מוטערס אינגעווייד ארויס, נאָר פון דעם אמעריקאַנעם שמעלץ־טאָפּ. לאָזט זיך אויס גאָר אַנדערש: געבורט פון א נאַציע איז ניט אַזוי איינפאַך. אמעריקע איז שוואַנגער געוואָרן אין די צייטן פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אָבער נאָך געננוג יאָרן וועלן אַוועק אין געבורטס־ווייען.

— אָ, איך בין גרייט צו פאַרליבן זיך אין דיר, דו, געשליפענער צונג און ליכטיקער קאָפּ, כאַ־כאַ־כאַ!

דאָקטאָר ווילסאָן האָט געכאַפּט פערלס הענט, און אויסגעקושט יעדן פינגער.

— האָסטו זי גענוג ליב, דאָקטאָר? — האָט ער זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאַן — אַזאַ מענטשן דאַרף מען טראָגן אויף די הענט, כאַ־כאַ־כאַ.

— מאַכסט חוזק, דאָקטאָר ווילסאָן — איז פּערל רויט געוואָרן איבער די אויערן.

— ניין, פּערל, מיין פּאַ האָט וועגן דיר זיין אייגענע מיינונג — האָט עלווירא זיך אָפּגערופן — רייד זיך דורך מיט זיי וועגן דיינע ביזנעס, כאַ־כאַ־כאַ. העלפט אים אַרויס, דעם פאַרליבטן יינגל. איך וויל, ער זאָל חתונה האָבן.

סיי דאָקטאָר ווילסאָנס רייד, און סיי פּערלס פילאָזאָפיע האָבן אָפּגע־קלונגען אין דער רחבותדיקער היים ווי אין א פּוסטן חלל. דאָקטאָר לוריא האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער איז פאַרבעטן געוואָרן. ער האָט אָבער אליין קיין חשק ניט געהאַט אָנצוהויבן פון דאָקטאָר ווילסאָנס אינ־טימען לעבן. ער האָט גערעדט וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט גערעדט, און וואָס זיין פּערל האָט גערעדט, און גוט באַנומען וואוהין זי האָט געצילט. פּערל איז געווען באַקאַנט מיט עלוויראַס גייסטיקן פלאַנטער אין דער לעצטער צייט. ער האָט אויך געוואוסט, אז ביי די רודמאַנס אין שטוב איז אַרימקייט און נויט, און האָט אליין געטראַכט, אַז ווען די עלטערע טאָכטער זאָל ווערן זעלבשטענדיק, איר חתונה זאָל זיין אַן אָפּגעטאָנענע זאַך, יעמאָלט וואָלטן זיי איר שטיצע אָנגענומען.

— יעס, מיינע טייערע. איך האָב באַשלאָסן אוועק אויף דעם וועג, וואָס א מיסטעריעזע האַנט האָט פאַר מיר אָנגעצייכנט. איך שטיי אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דער מיס רודמאַן. מיר האָבן גענוג צייט געהאַט איינס דאָס אַנדערע צו דערקענען, וועגן און מעסטן, צי דער שריט איז ניט קיין פאַטאַלער. איך אליין האָב מיר גענומען גענוג צייט, געוואָלט איר געבן א געלעגנהייט, זיך איינצולעבן מיט דעם געדאַנק, אז זי גייט אוועק פון איר אייגענער וועלט. איבערהויפּט, נאָך דעם טרויעריקן אינ־צידענט וואָס האָט געטראָפן, און ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט, האָב איך באַשטימט ניט צו האַנדלען אין געאייל. זי איז א קאָמפּליצירטער כאַראַקטער, אָבער אַן אָרנטלעכער כאַראַקטער.

— אין וואָס איז געווענדט איצטער, דאָקטאָר? — האָט פּערל געפרעגט.

— איך קלער, אַז דאָס איז אין קיינעם ניט געווענדט. איך מיט איר אינאיינעם דאַרפן איצטער האַנדלען ווי דערוואַקסענע מענטשן. ניטאָ מער קיין שטער. ס׳איז גיכער א סענסיטיוויטעט פון מיין זייט.

— וואָס איז געשען פאַר דער צייט? — האָט דאָקטאָר לוריא גע־פרעגט.

— וואָס איז געשען... וואָס איז געשען? מיר איז שווער אויפצוקלערן מיט ווערטער וואָס איך האָב געפילט ביי די רודמאַנס אין שטוב, ווען איך בין פּלוצלונג צו זיי אַראָפּ מיט עטלעכע וואָכן צוריק. כ׳האָב געפילט, ווי מ׳האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר. וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיר איז געווען א וואונדער ווי יוסטינע פילט זיך מיט זיי. כ׳האָב ביי איר געוואָלט אויסגעפינען, האָט זי מיר ניט דערציילט. ווי קענסטו מיר עס אויפקלערן, דאָקטאָר?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך געפילט אומבאַקוועם. אים איז גאָרניט געלעגן איצטער אין זינען צו פאַרפירן א שמועס וועגן יידישן כאַראַקטער, וואָס באַווייזט זיך גאַנץ אַנדערש אין אַזעלכע פאַלן, וואו עס איז פאַראַנען

נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין. דאָקטאָר לוריאַן אַליין האָט שטאַרק געחידושט, וואָס יוסטינע, נאָך דעם ווי זי האָט צוליב אַ באַליידיקונג פון יידישע געפילן, צעריסן מיט דאָקטאָר ווילסאָנען, האָט זיך ווידער דערנענטערט צו אים. דאָקטאָר לוריאַ האָט גאַנץ נאַטירלעך געקוקט אויף געמישטע חתונות. און פאַר אים וואָלט גאָר קיין חידוש ניט געווען, ווען די רודמאַנס עלטערע טאָכטער וואָלט חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידן. אין די יידישע הייזער, וואוהין ער איז אַריינגעקומען ווי אַ דאָקטאָר, האָט ער גענוג געמישטע חתונות געטראָפן. ער האָט אָבער גוט געוואוסט ווי ווייט פּנחס און ברכה טעראָריזירן די עלטערן אפילו איצטער, ווען ביידע זיינען געבליבן אָן אַרבעט, און אין שטוב אַריין קוקט דער דלות, דערלאָזן זיי ניט, אַז מ'זאָל נעמען פון יוסטינעס געלט.

— איך וועל זיין שטאַרק צופרידן צו זען אייך אינאיינעם — האָט דאָקטאָר לוריאַ זיך אָפּגערופן — זייער שטוב איז ניט קיין שטאַרקער אויסנאַם ביי אונדז. ס'איז בלויז אַ צופאַל, וואָס דערוואַקסענע מענטשן דאַרפן נאָך לעבן ווי קליינע קינדער מיט אייגענע עלטערן. עס האָט זיכער געדאַרפט זיין גאַנץ אַנדערש. איין קינד מיטן אַנדערן האָט ניט וואָס צו טאָן. אַלע קינדער אינאיינעם דאַרפן אויך זיגען האָבן עלטערן, ניט צו באַליידיקן זייערע געפילן. ביי אונדז זיינען פאַראַנען ארץ ישראל נאַציאָ־נאַליסטן, מענטשן, וואָס גלויבן, אַז נאָר אין פּאַלעסטינע וועלן יידן זיכער זיין מיט זייער נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. די מאַיאָריטעט, וואָס בלייבט אויסער ארץ ישראל, דאַרף אין יעדן לאַנד, וואו זיי זאָלן ניט זיין אַ מינאָריטעט, מיט דער צייט אַריינפאַלן אין דעם אַלגעמיינעם שמעלץ־טאָפּ אַריין. און פאַראַנען ביי אונדז דיאַספּאָראַ־נאַציאָנאַליסטן, וואָס לערנען פון דער צווייטויזנט יעריקער פאַרגאַנגענהייט, אַז ווען אַפילו צעזייט צווישן פאַר־שיידענע פעלקער, איז מען דאָך געבליבן מיט אַ יידישער נאַציאָנאַלער פיזיאָגנאָמיע. דידאָזיקע מענטשן ביי אונדז האָבן ניט אָנגעוואָרן זייער האָפענונג אַפילו דאָ אין לאַנד. זיי געפינען דאָ אויך דעם יידיש־נאַציאָנאַלן זאָמען פריש און שטאַרק. איך האָב אַ פריינט, אַ יידישער שריפטשטעלער, ער כאַראַקטעריזירט אַמעריקע מיט דעם היינטצייטיקן „בבל".

— אָ, מיסטער פעלדשטיין! — האָט עלווירא זיך אָפּגערופן.

— יעס, דאָס איז ער — האָט פּערל זיך אַריינגעמישט — ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גאַנצן יידישן מענטשן.

— אָבער דאָס האָט אינגאַנצן ניט צו טאָן מיט דאָקטאָר ווילסאָנס זאָרג — האָט דאָקטאָר לוריאַ זיך אָפּגערופן — איך באַגרייף אַביסל אין וואָס פאַר אומבאַקאַנטער וועלט עס פאַלט אַריין אַ מענטש ווי דאָקטאָר ווילסאָן, וואָס וויל פירן אַ פולן, נאָרמאַלן לעבן, און וויל אויך טראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום לעבן גופא.

— מיין פּאַ וויל צונויפרופן פריינט, כאַ־כאַ־כאַ, איך לאַך, ווי דער פּאַ מיינער שטעלט זיך פאָר, אַז ער גייט קידנעפּן אַ יידיש מיידל. מיין פּאַ איז אַן אָלד־טאַימער, אָבער מיט געוואוינהייט פון אַ יינגל, כאַ־כאַ־כאַ.

— איך האָף, אַז איך וועל האָבן די מעגלעכקייט עפּעס טאָן פאַר זיי, ווען יוסטינע וועט זיין די מיסיס ווילסאָן. אָט די רויטע שוועסטער אירע איז אַ פאַרביסענע. הלוואי נעמט זי, און ליבט זיך איין אין אַ עכטן

אַמעריקאַנעם יונג. דו, עלווירא, לייג זיך אין דעם אריין, כאַ־כאַ־כאַ. און דער ברודער אירער, וואָס איך האָב אַמאָל ביי אים דעם אפּענדיק ארויס־גענומען, ער האָט זיך געבלאָזן ווי אַ האָן, ווען איך האָב זיי באַזוכט. יעס, יעס, איך האָב עס צו לאַנג פאַרצויגן, מיינע טייערע. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב דאָס באַשטימט צו טאָן. דו, מיסיס לוריא — האָט דאָקטאָר ווילסאָן זיך געווענדט צו פּערלען — דו האָסט אַ קלוגן קוק אויפן לעבן. מענטשלעך און געטלעך... דאָס איז אַ סך פאַרלאַנגט פון מענטשן. מיר קומט אויס צו באַטראַכטן דעם מענטשן, ווי ער איז צופיל מענטשלעך, כאַ־כאַ־כאַ.

— דו פירסט זיך אויף, פּאַ, ניט ווי אַ דערוואַקסענער מאַן, נאָר ווי אַ קאַלטער כירורג. דאָס איז גוט ווען מען באַדאַרף אָפּערירן יענעם. פאַר־שטיי איך, אַז אַ כירורג טאָר ניט זיין סענטימענטאַל. אָבער ווען עס איז געקומען, דו אַליין זאָלסט אָפּשניידן דיין היינט פון דיין נעכטן, האָסטו ניט קיין הארץ עס צו טאָן.

— כאַ־כאַ־כאַ, אַזוי לאַכט מיין טאָכטער פון איר איינציקן פריינט — איז דאָקטאָר ווילסאָן אויפגעשטאַנען — יעס, יעס, מיר זעט אויס קאַמפּ־ליצירט און פאַרפּלאָנטערט דער גאַנצער געדאַנקענגאַנג פון אַ יידן. עפּעס ווערט מיר אביסעלע קלאָר זייער אַנדערשקייט, און וועגן די פאַקטאָרן וואָס ווירקן, די ניט־יידישע וועלט זאָל אויף דעם יידן קוקן מיט פאַראַכט. איר, מיינע פריינט, איר וועט זיך דאָך ניט לאָזן בעטן, אויב איך וועל פאַרופן עטלעכע פריינט גאָר אינגיכן צו זיך, און דערקלערן, אַז די מיס רודמאַן און דאָקטאָר ווילסאָן גייען ביידע אינאיינעם אראָפּברענגען דעם משיח פאַרן מענטשן. כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר לוריא און פּערל זיינען געפאָרן אומעטיק אהיים. ביידע האָבן גוט געפילט וואו עס קוועטשט דעם דאָקטאָר ווילסאָן. דאָס, וואָס ער האָט געקלערט ארויסצוזאָגן, האָט ער סוף־כל־סוף באַהאַלטן.

— מען זאָגט אין פאָלק: „די קו פון שטאָל, און די שטאָל פאַרברענט"

— האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט ווי פאַר זיך אַליין — דאָס איז, וואָס ער וויל טאָן. ער קלערט, ווי אַזוי די שטאָל ניט צו פאַרברענען. אָבער עס וועט אים ניט געלינגען אויפצוהיטן די יידישע שטאָל. צוויי וועלטן. פרעמדע וועלטן. איך קלער נאָר, צי זי וועט זיך אריינפּאַסן אַהין. דער ייד האָט אויפגעבויט אַ רעליגיעזע וואַנט צווישן זיך און דעם ניט־יידן. איצטער ווילן ביידע דידאַזיקע וואַנט איינוואַרפן, און עס גייט ניט. וואָס מער איך לעב, אַלץ מער זע איך אַרויס, ווי פאַלש ס'איז די טעאָריע, אַז אויף יידן וואַרט אַ פולשטענדיקע אַסימילאַציע. ס'איז פאַטאַל, פּערל. ס'איז אַן אייביקער פּראָבלעם פאַר דעם ניט־יידן, ווי פאַר דעם יידן. ס'איז דער פּראָבלעם פון לעבן און טויט. וויפיל דער טויט טוט ניט זיין פליכט — איז דאָס לעבן אויך ניט הינטערשטעליק.

* * *

עלווירא ווילסאָן איז געזעסן אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק אויף דער צווייטער און פערציקסטער גאַס, און מיטן גאַנצן מהות אירן געווען פאַרטיפט אין פּראָפעסאָר גרעצעס יידישע געשיכטע.

זי האָט געלייענט וועגן יידישן מסירת־נפש אין צייט פון גירוש שפּאַניע; געלעזן, ווי יידן האָבן געלאָזן הינטער זיך דאָס לאַנד וואו מ'האָט דורות געלעבט, געלאָזן הינטער זיך פּאַרמעגן און האָפּענונג אויף מאָרגנדיקן טאָג, און זיך געשטעלט מיטן פּנים צום ים און צו א פיינטלעכער וועלט — אַבי דעם יידישן גלויבן מיטגענומען מיט זיך!

זי האָט די יידישע געשיכטע ניט געלעזן מיט א סדר. אומגעדולדיק, ד'האָט זי געוואָלט וואָס שנעלער דערגיין צום סוד, וואָס וויקלט איין דאָס יידישע פאָלק. אין דעם איז ניט גאָר אינגאַנצן שולדיק געווען איר ליבע צום יידישן פאַרמערט זון, וואָס איז שוין דאָקטאָר און אַרבעט אין א שפּיטאָל. מאָו לוריא האָט עלוויראַן ניט געשיקט אויף דעם וועג וואָס פירט צו די סודות פון יידישן ווידערשטאַנד, פון יידישן דערהאַלטן זיך טויזנטער יאָרן ווי א גאָר קליינע מינדערהייט אין דעם ים פון פעלקער און ראַסן. גיכער האָט אויף איר געווירקט איר פּאָטערס ליבע צו א יידיש מיידל מיט אינערלעכער „יידישער גאווה".

די יידישע אָפּטיילונג אין דער גרויסער ביבליאָטעק איז פאַר איר געווען א שטיק חידוש. דאָרטן האָט זי זיך דערוואוסט פון ביכער אין צוויי שפּראַכן מיט די אייגענע בוכשטאַבן, וואָס, ווי זי האָט באַמערקט, מישט מען די בלעטער פון לינקס אויף רעכטס! און אויף וויפיל זי דערקענט נאָך די באַוועגונגען פון די אויגן — לעזט מען פון רעכטס צו לינקס. א מיסטעריעזע וועלט. פאַר איר האָט זיך א שטיקל טיר אויפגעעפנט צו דערדאָזיקער וועלט. איר פּאָטער, דאָקטאָר ווילסאָן, איז געווען צופרידן וואָס זיין טאָכטער איז באַרייכערט געוואָרן גייסטיק. ווען זי האָט אים דערציילט פון אירע דערפאַרונגען אין דער יידישער געשיכטע, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט ליבע, און געשמייכלט. איינמאָל האָט ער איר אפילו געזאָגט, אז די יידישע רעליגיע, וואָס ווייזט דורך יידן ארויס אזא עקשנות, אויב רעליגיע אין היינטיקער פאָרמע וועט אין די צוקונפטיקע דורות לעבן, וועט עס זיין די יידישע רעליגיע, ווי זי שטראַלט ארויס פון דער פראָ־פעטישער שפּראַך.

— געוויס, עלווירא, — האָט דאָקטאָר ווילסאָן צוגעגעבן — אויב מיר זאָלן נעמען די רייד פון די יידישע פּראָפעטן ווי א באַזונדערע דער־שיינונג, און ניט ווי מיר האָבן זיי אינאיינעם געבונדן מיט דעם נייעם טעסטאַמענט, איז דער גאַנצער נייער טעסטאַמענט קינדערשע רייד אין פאַרגלייך מיט די דערוואַקסענע רייד פון די נביאים. דורך די יידישע פּראָפעטן זעט מען די מעגלעכקייט ווי דער מענטש האָט געקענט שטייגן צו דער מדרגה פון געטלעכקייט. דעם מענטשנס באַנקראָט אויף דעם לייטער פון דער ד'היינטצייטיקער ציוויליזאַציע זעט זיך בולטער ארויס, ווען מען באַקענט זיך מיט די פּראָפעטן, אין מיינע קאַלעדזש יאָרן איז די ביבל געווען שטענדיק אויף מיין טיש. איך האָב יעמאָלט כירורגיש פאַנאַנדערגעטיילט: — דעם אַלטן טעסטאַמענט באַזונדער, און דעם נייעם טעסטאַמענט באַזונדער.

איצטער איז עלווירא געזעסן צווישן צוויי מענער, וואָס האָבן אריינ־געקוקט אין יידישע ספרים און עפּעס אויף פּאַפּיר פאַרצייכנט. זי האָט געוואָלט דערשפּירן ווי אזוי מען פּילט בשעת מען שרייבט פון רעכטס צו

לינקס. זי האָט ארײַנגעקוקט אין גרעצס געשיכטע, און מיט א פינגער נעבן זיך אויפן טיש, געפּרוּווט כלומרשט שרײַבן אומבאַקאַנטע בוכשטאַבן פון רעכטס צו לינקס.

פּלוצלונג האָט עלווירא דערשפּירט, אז אימעצער שטייט הינטער איר. זי האָט אומגעווענדט דעם קאָפּ, און צו איר גרויסן חידוש — איז עס געווען ברכה רודמאַן. זי איז געשטאַנען מיט ברייט־פאַרוואונדערטע אויגן, באַטראַכט דעם ספר וואוהין עלווירא האָט ארײַנגעקוקט.

עלווירא האָט זיך א ריס געטאָן פון פּלאַץ, אין דער שטיל צוגעצויגן צו זיך ברכהן, און איר געקושט אין די באַקן.

— דיך צו באַגעגענען, מיס רודמאַן... איך גלויב ניט מײַנע אויגן!

— האָט עלווירא מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם גערעדט, און באַמערקט, אז אויך ברכה איז צעטומלט — קום ארויס, טייערע, אויף א ווײַל. דאָ טאָר מען ניט רעדן. קום, טייערע.

ברכה האָט זיך געלאָזט פירן פון עלוויראן. איר איז שווער געווען קומען צו זיך. זי האָט געוואָלט באַהאַלטן איר אויפרעגונג. זי אליין איז געקומען לייענען א העברעאיש בוך, ווי איר שטייגער איז געווען די לעצטע צייט, כדי ניט צו פאַרגעסן דאָס ביסל העברעאיש, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע; פאַרברענגען אביסל אין יחידות אין צענטער פון דער שטאָט ניו־יאָרק. צום סוף גאָר טרעפט זי דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער אין דער יידישער אָפּטיילונג!

כאָטש ענגליש רעדן איז איר ניט אָנגעקומען אזוי גרינג ווי איר עלטערער שוועסטער, האָט זי דאָך פאַרמאָגט א חוש פאַר דער שפּראַך. אין נויט האָט די אדאָפּטירטע שפּראַך איר גוט געדינט. ס׳האַרץ, וואָס האָט תחילת אויפגעוואַכט און געקלאַפּט ווי פאַר א שטורם, האָט זיך ביסלעכווײַז באַרואיקט, און א מידקייט איז באַפאַלן אירע גלידער.

עלווירא האָט זי אראָפּגעפירט טרעפּ־אראָפּ צו די קילע, צעמענטענע בענק, זיך אַנידערגעזעצט, און מיטגעצויגן ברכהן.

— זאָג מיר, טייערע, ווי האָט עס געטראָפן, מיר זאָלן זיך באַגעגענען אין א יידישער ביבליאָטעק? — האָט עלווירא געהאַלטן ברכהס האַנט — איך דערצייל קיינעם ניט, אַז איך גיי אַהער. אפילו מײַן פּאַ ווייס אויך ניט פון וואַנען עס קומט מײַן באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער געשיכטע.

— יעס, איך האָב זיך געוואונדערט, ווען איך האָב דיך דערזען — האָט ברכה באַטראַכט עלוויראן פון אויבן־אראָפּ.

— פאַרוואָס קוקסטו אזוי אויף מיר, טייערע, פאַרוואָס וואונדערט עס דיך אַזוי מיך דאָ צו טרעפן?

— אוודאי האָב איך ניט געקלערט צו טרעפן דאָ א קריסטלעך מיידל.

— ס׳איז מיר אליין א רעטעניש. מיט גרויס דורשט לערן איך און באַקען זיך מיט דײַן פאָלק.

— צוליב וואָס טוסטו עס?

—צוליב וואָס איך טו עס, צוליב וואָס... אפשר ביסטו חושד, אז דאָס איז צוליב א ליבע. יעס, מיר קענען זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון וואָס מיר טוען. מיר פרוּוען טוען א סך זאַכן אויסגערעכנט, אָבער ווי עס קומט צום מאָמענט, ווען מען באַדאַרף זיך אײַנגאַנצן אוועקגעבן, טוען מיר

עס אויף א פאַטאַלן שטייגער. איז דען פאַראַן אַ קלאָרער חשבון אין מיין פאַטערס ליבע? קענסט געוויס דיין שוועסטער. קענסט זי אפשר אביסל בעסער ווי איך, און געוויס בעסער פון מיין פאַטער. ס'איז פאַטאַל. צוריק איז קיין וועג ניטאָ. ס'אייגענע מיט מיר.

עלווירא האָט גערעדט שנעל, און אַליין זיך צוגעהערט ווי אירע ווערטער קלינגען. זי האָט אין דער אייגענער צייט געטראַכט פון ברכהן, און איר באַציאונג צו מאַו לוריאַן. דעריבער, האָט עלווירא געטראַכט, איז ברכה אַזוי צעטומלט פון דער באַגעגעניש. אַ געפיל אַזאַ האָט עלוויראַן אָפּט אונטערגעזאָגט, אז ברכה איז ניט גלייכגילטיק צו הילל לוריאס זון. ניט מער, וואָס ברכה איז אנדערש. „אין איר ברענט א קאַלטער פייער.“ באַוואוסטזיניק באַהאַלט זי איר מיידלשע וואַרימקייט. יוסטינע האָט גע־פרואווט א סך מאָל אויפקלערן פאַר דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער, און קלערער מאַכן איר אָפּשטאַם. מיט א סך ליבע האָט יוסטינע גערעדט וועגן איר יינגערער שוועסטער, וואָס אָטעמט מיט איר נאַציאָנאַלן אידעאַל, ליידט אַ סך צוליב דעם, וואָס איר גיט זיך ניט איין צו לעבן גאַנץ און פול. איצטער, בלייבנדיק אַזוי נאָענט נעבן ברכהן, האָט עלווירא געוואָלט ארויסשפירן ברכהס פרעמדע האַלטונג, איר אומפריינטלעכקייט, וואָס זי לייענט אַזוי אָפט פון אירע אויגן ארויס, ווען זיי טרעפן זיך ביי דאָקטאָר לוריאַן.

איצטער האָט עלווירא אין ברכהן דערקענט טיפן ערנסט, אבער ניט קיין אומפריינטלעכקייט. א סך עלטער פון זיך האָט איר יוסטינעס יינגערע שוועסטער אויסגעוויזן. זי האָט געזוכט אַ מיטל ווי צו מאַכן ברכהן רעדעוור־דיק. ווינציקער פון אַלץ האָט עלוויראַן אויסגעזען פאַסיק אָנהויבן דעם שמועס וועגן יוסטינען, וועמען איר פאָטער קלייבט זיך גאָר איינגיכן מאַכן פאַר אַ באַלעבאָסטע איבער זיין לעבן. דאָס פאַסיקסטע וואָלט געווען, אָנהויבן פון דעם פלאַץ וואו זיי האָבן זיך אַזוי אומגעריכט באַגעגנט.

— איך וויל זיך דערנענטערן צו דיין פאַלק, מיס רודמאַן.

— איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט מיט דעם, און איך ווייס ניט צוליב וואָס דו דאַרפסט עס, כאָטש צוליב ליבע טוט מען א סך קלוגע זאַכן, ווי אַ סך נאַרישקייטן; א סך גוטע, ווי א סך שלעכטע זאַכן.

עלוויראַן האָט ברכהס ענטפער געקלונגען צו טרוקן, און מיט א פאַר־דעכטיקן מיין. זי האָט עס ניט ארויסגעוויזן. זי איז געווען גרייט צו טאָן אַלצדינג, אבי צו געווינען צוטרוי ביי דער יידישער טאָכטער מיט פלאַמיק־רויטע האָר, וואָס מיידט שטענדיק אויס צו רעדן מיט איר.

— דו ביסט געקומען אַדהער ניט מיך צו באַגעגענען, און איך בין אויך געקומען ניט דיך צו באַגעגענען, פונדעסטוועגן זיצן מיר דאָ ביידע. אפשר וואָלסטו צוגעפאָרן צו מיר אַהיים?

— צו וועמען אַהיים?

— צו מיר אַהיים.

— איך וויל, זאָלסט אביסל נענטער דערקענען דעם דאָקטאָר ווילסאָן. ער וועט זיין גליקלעך דיך צו באַגעגענען.

— איך בין ניט גוט גענוג אָנגעטאָן צוליב אַזאַ וויזיט.

— אָ, ווי קומט עס צו דיר? מאכסט שפּאַס, מיס רודמאַן.

— איך זאָג זיך ניט אָפּ פון אַזאַ פאַרגעניגן, כאָטש וואָס קען איך רעדן מיט דאָקטאָר ווילסאָנען?

— זיי ניט אַזוי באַשיידן. ביסט נעט אַנגעטאָן, און דו וועסט געפינען וואָס צו רעדן מיט מיין פּאַ. וועסט עס טאָן? איך וועל נאָר אריינגיין צומאַכן דאָס בוך, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען. ענטשולדיקט מיר.

ווען ברכה איז געבליבן א וויילע אליין, האָט זי ארומגעטאַפּט אירע גלידער, ווי אויסצוגעפינען, צי איז זי ביי זיך אין די בגדים. כאָטש זי האָט עלוויראַן א סך מאָל באַגעגנט, האָט איר אויסגעוויזן, ווי צום ערשטן מאָל, בלאַנדזשענדיק איבער דעם גרויסן ניו־יאָרק, האָט זי אויף אזא אויס־טערלישן אופן אַנגעטראָפן א ניט־יידיש מיידל, וואָס וויל זי אריינגעמען אין אַ וואַרימער היים. זי האָט דערפילט אַ נערוועאישע וואַרימקייט אין לייב, וואָס האָט ארויסגעשלאָגן א דינעם שוויס אויפן שטערן.

ווען עלווירא איז צוריקגעקומען, און מיט פריידיקע אויגן אָן ווערטער ברכהן באַטראַכט, איז ברכה אויפגעשטאַנען, ארומגענומען עלווירען, מיט די ליפּן אַנגערירט אירע בלויע אויגן, און שטיל געזאָגט:

— נעם מיך צו זיך אַהיים. כ׳ווייס, אז דו האָסט מיר אַ סך צו דערציילן.

דאָקטאָר ווילסאָן איז אין דער היים ניט געווען. עלווירא און ברכה רודמאַן, ביידע זיינען צופרידן געווען דערפון. אריינקומענדיק אין רחבות־דיקן גאסט־צימער, האָט ברכה געשמעקט די לופט, געוואָלט עפּעס ארויס־שפּירן. אויפן שרייב־טיש איז געשטאַנען א מענטשלעכער שאַרבן, און פון די אויסגעהוילטע אויגן־לעכער האָט עס טונקל אויף איר ארויסגעקוקט.

עלווירא האָט ווי געשפּירט ברכהס מחשבות, און געזאָגט:

— דאָ איז ניט אינטים. אַ צו גרויסער צימער פאַר אַ מענטשלעך־ריינעם שאַרבן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אפשר א געראַטענעם מאַרך. קום צו מיר אין צימער. אַן אָפּגעלאָזענער און ניט־צוגעקליבענער צימער. קום, טייערע.

דערביי האָט עלווירא ארומגענומען ברכהן און נאָענט פאַרקוקט אין אירע אויגן:

— יעס, כ׳האָב נאָך אזעלכע ערנסטע אויגן ביי א יונג מיידל ניט געטראָפן. איך באַקען זיך איצטער מיט דיין געשיכטע, איך טראַכט, אז דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס מיר קענען אַזוי ווינציק יידן.

עלווירא האָט זיך באַקוועם אויסגעצויגן אויף דער גראַמער, טונקל־ראָזער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען ביי א ברייטן ווינער פענצטער צו דער גאַס, און אויסגעשטרעקט די הענט צו ברכהן.

— קום, לייג זיך דאָ נעבן מיר. גוט אביסל צו רוען נאָך א באזוך אין אַזאַ לאַבירינט, ווי די צענטראַלע ביבליאָטעק. ווילסט ניט, טאָ, קום זעץ זיך נעבן מיר. איך וויל, זאָלסט וויסן, אַז איך וועל ווערן א טייל פון דיין פאָלק, כאַ־כאַ־כאַ. וועסט מיר אפשר ניט דערלויבן אריינצוקומען אין דיינע פּאַלאַצן אריין, וועל איך אויפברעכן די טירן און אריינקומען, כאַ־כאַ־כאַ.

ברכהן איז עס געפעלן געווען. אַ פאַרליבט קריסטלעך מיידל, וואָס זוכט וואַרימקייט ביי יידן, פילט זיך גליקלעך, ווען זי שטעלט זיך פאַר א

פאַרקניפּטע מיט יידן. און זי אַליין, דווקא וואָס זי איז דורכאויס יידיש, איז איר לעבן די לעצטע צייט אָנגעפילט מיט טרויער. א רעטעניש איז עס איר, כאָטש זי באַגרייפט דעם קוואַל פון וואַנען עס קוועלט עלוויראַס פריד.

— זאָג עפּעס, מיס רודמאַן. איך בין אַזוי גליקלעך וואָס דו ביסט דאָ נעבן מיר. דערצייל מיר עפּעס. פאַרוואָס ווילסטו אַוועקפאָרן פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער אַמעריקע?

— ס'איז דיין אַמעריקע. דיין לאַנד. דיר איז וואַרים אין דיין לאַנד. מיר איז דאָ טרויעריק און קאַלט.

— פאַרוואָס? אַזויפיל יידן וואוינען ביי אונדז אין לאַנד; אַזויפיל יידן אין דער שטאָט ניו־יאָרק!

— אַלע, אַלע זיינען זיי ניט אין דער אייגענער היים.

— האָסט זיך ניט איינגעליבט אין קיינעם, דעריבער פילסטו אַזוי. ליבע פירט צו פרעמדע טירן, און מאַכט זיי פאַר אייגענע.

— איך בין פאַרליבט, שטאַרק פאַרליבט, און מיין געליבטער איז ניט דאָ אין לאַנד.

— וואו איז ער?

— אויף די פעלדער פון גליל, וואָס אין פאַלעסטינע.

— ווער איז ער?

— איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען.

עלווירא האָט זיך אויפגעזעצט, גענומען ברכהן פאַר ביידע הענט, שווע־רע, ברייטע הענט, און זיי צוגעטראָגן צו די ליפּן.

ברכהן האָט א קעלט דורכגעשניטן דאָס לייב, און זי האָט א ציטער געטאָן.

— פאַרטראַגסט ניט מיין ליבע, מיס רודמאַן. איך האָב א סך געטראַכט ווי אַזוי דיך צו דערנענטערן צו זיך. דו האָסט מיך אויסגעמיטן. איך ווייס, דו רעדסט ניט מיט דיין שוועסטער. מיין פאָ איז אויך באַזאָרגט, ער וויל אייך אַלעמען פירן נאָענט צו זיך. יעס, מיס רודמאַן, ס'איז דאָך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי מענטשלעך בלוט, וואָס פליסט אין די אָדערן ביי קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן — ביי ניט־יידן, ווי ביי יידן. אפשר שפּראַך טיילט פאַנאַנדער, אָבער בלוט דערנענטערט. מענטשלעך, וואַרעם בלוט האָט אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן דערנעענטערט דיין שוועסטער מיט מיין פאָטער. און איצטער אויך, איך האַלט דיינע הענט, קוק אין דיינע אויגן, און פרעג: פאַרוואָס קענען מיר ניט זיין נאָענט? פאַרוואָס ניט זיין נענטער נאָך ווי צוויי שוועסטער? יעס, איך האָב ליב א יידן. איך האָב אים ליב, און ער? איך ווייס ניט, מיס רודמאַן. מיר דוכט, אַז אים שטערט זיין נאַציאָנאַליטעט. אמתער וואָלט געוועזן, אים שטערט, וואָס איך בין ניט־יידיש. וויל איך ווערן יידיש. איך מיין ניט איבערצוגיין צו דער יידישער רעליגיע. איך בין ניט רעליגיעז, נאָר נאָענט צום יידישן פאָלק, פילן אים, באַגרייפן אים. דאָס האָב איך אָנגעהויבן צו טאָן. און ווען אפילו ער וועט מיין ליבע ניט וועלן דערקענען, וועל איך אויף צוריק ניט גיין. פאַרקערט, וועל איך נאָך נענטער צוקומען צו דיין פאָלק. דו ווערסט פאַרפאַלן אין דיין קרייז. איך וויל דיך אריינפירן אין קרייז פון מיינע

פריינט, קריסטן. איך וויל, אז איינער פון די שענסטע זאָל זיך אין דיר פאַרליבן, כאַ־כאַ־כאַ. עקזאָטישע ליבע איז וואונדערלעך.

עלווירא האָט גערעדט. ברכהן איז ליב געווען צו הערן. איר איז אויסגעקומען, ווי עלווירא רעדט צו זיך אליין און איז אַנטציקט מיט אירע אייגענע רייד. דער לעצטער געדאַנק עלוויראס, אריינצוברענגען זי אין קרייז פון ניט־יידישע יונגעלייט, כדי דער שענסטער זאָל זיך אין איר פאַרליבן — האָט ווידער אויפגעוועקט ברכהס הארץ.

— ס׳איז דאָך שיין אמאָל א פלירטיר צו טאָן — איז עלווירא ארויפ־געקומען אויף ברכהס געדאַנקען — צוליב וואָס איז חוה געבאָרן געוואָרן? אזוי איז דאָך וואונדערלעך געווען, ווען חוה האָט די אומבאַקאַנטע באַשע־פעניש, וואָס האָט געהייסן מאַן, דערזען און דערפילט אין זיך דעם חשק אים צו פאַרפירן. יעס, מיס רודמאַן, אין דיר איז באַהאַלטן א קאַלטער פייער. ס׳האָט איבער נאָך קיינער אין דיר ניט אויפגעוועקט, ער זאָל אַ פלאַקער טאָן. איך האָב דיך ליב, כאָטש דו קוקסט אויף מיר קרום.

— אויב דו אליין פרואווסט זיך דערנענטערן צו יידן, פאַרוואָס ווילסטו אין מיר זאָל זיך איינליבן א ניט־ייד?

— ס׳איז א נאָבעלער געפיל ביי מיר. יעס, אויב ער וועט דערשפירן וואָס איך טראָג אין מיין בלוט פאר אים. ווען ער זאָל עס נאָר פילן! איך וואָלט אים מיטגעהאָלפן, ער זאָל דורכפירן זיין פלאַן, — זיך אומצוקערן צום אָרט, וואו ער איז געוואַקסן. זאָל ער אויפרייסן די פאַרלאָזטע ערד ארום זיין פאַרם. זאָל ער. זאָל ער מיך אזוי באַהאַנדלען ווי דעם פאַרלאָזטן, און מיט דערנער־באַוואַקסענעם גרונט. ליבע מיינט, איינגאנצן זיך אוועק־געבן און פאַרפאַלן ווערן. איך וויל דורך מיין ליבע פאַרפאַלן ווערן, זיך אויפלייזן אין דיין פאַלק.

וואָס מער עלווירא האָט גערעדט, אלץ שענער האָבן פאר ברכהן געקלונגען אירע ווערטער. עלווירא האָט גערעדט ווי א פאַרליבט מיידל, און דערביי ארויסגעזאָגט אזעלכע אמתן, וואָס האָבן ברכהן גערירט ביז טרערן. זי האָט זיך דערפילט שולדיק, וואָס יעדעס מאָל, ווען עלווירא האָט זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי ארויסגעוויזן אומפריינטלעכקייט. כאָטש ברכהן איז ניט קלאָר וואָס פאר א דערנענטערונג עס קען ווערן צווישן איר און דעם קריסטלעך מיידל, האָט איר גאַנץ לייב געפיבערט, און קיין ווערטער זיינען ניט געווען אנטקעגן צו קומען דער פאַרליבטער עלוויראן. מיד איז זי געלעגן, און געפילט, ווי דער קריסטלעכער מיידלס ווערטער צעגייען זיך איבער איר לייב. ווי אין א וויטער, אומבאַקאַנטער און פאַרכישופטער וועלט האָט זי זיך געשפירט, און בשעת מעשה פאַר־שטאַנען איר עלטערע שוועסטער, וואָס האָט דורכגעבראָכן א וועג צו דער פרעמדער וועלט.

ווען ברכה איז אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעהויבן גרייטן אוועקצוגיין, איז עלווירא אויך אויפגעשטאַנען און געוואָרט, ווען ברכה וועט איר עפּעס פאַרן אוועקגיין זאָגן.

אָבער ברכה האָט גאָרניט געזאָגט. אָן ווערטער האָט זי אריינגענומען אין אירע אָרעמס עלוויראן, אָן ווערטער איר איבערגעבן דעם פיבער פון איר לייב, און מיט א הייסן נעפּל פאר די אויגן, ארויס פון שטוב.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

יוסטינע רודמאַן איז געוואָרן מיסיס ווילסאָן. כאָטש אויף דעם האָט מען אין דער משפּחה אויסגעקוקט שוין לאַנג, איז עס פּאָרט אויסגעקומען אומגעריכט, ווען דאָקטאָר פּיליפּ ווילסאָן האָט איינגעלאַדן יוסטינען, זי זאָל גיין מיט אים אין געריכט — אָפּיציעל זיך פאַרשרייבן ווי צוקונפטיקע מאַן און ווייב.

מיט א טאָג פריער איז דאָקטאָר ווילסאָן געקומען צו די רודמאַנס. רואיק, ביזנעסמעסיק איז ער געקומען. אין דער היים זיינען געווען בלויז טאַטע־מאַמע און יוסטינע. מען האָט געוואָרט אויף איבם. ער האָט וואָרים געדריקט די האַנט בנימין רודמאַנען, און זיך צעקושט מיט גאָלדען. יוסטינע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ, געפאַלן אויף זיין האַלדז, און לאַנג באַהאַלטן דאָס פּנים אויף זיין אַקסל, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר די פיר ווענט פון צימער, וואו אַזויפיל מאָל זיינען קריגערייַ געווען צווישן איר און דער יינגערער שוועסטער, און וואו זי האָט א סך מאָל טרערן פאַרגאָסן.

— איך האָב פאַר דער צייט זיך נענטער באַקאַנט מיט דער יידישער פּסיכאָלאָגיע — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גערעדט אויף דער זייט פון די עלטערן, וואָס זיינען ביידע געזעסן זייט־ביי־זייט — עס איז ווערט געווען. איך בין אינערלעך רייך געוואָרן מיט אַזאַ דערנענטערונג. אייער טאָכטער האָב איך ליב פאַר איר גלייכן כאַראַקטער און נאָבעלע געפילן. איך האָב אין האַרצן איר געדאַנקט, ווען זי האָט מיך באַליידיקט און איבערגעריסן מיט מיר. יעדער איינער פאַרטיידיקט זיין שטאָלץ אויף זיין אייגענעם אופן. אייער טאָכטער האָט יעמאָלט געהאַנדלט ווי יידן פון בעסערן געוויסן האַנדלען. איך האָב דערפון עפּעס געלערנט. מיין טאָכטער איז אויך געוואָרן א סך ערנסטער צום לעבן זינט יענעם קאָנפליקט מיט דער נאַרישער אַמעריקאַנער יוגנט. איך האָב פון אָנהויב געקלערט, אַז אונדזער פאַראייניקונג זאָל מען פייערן אויף א גאַר ברייטן אופן. אָבער אייער טאָכטער אליין האָט מיר געזאָגט, אַז איר איז ליב, אונדזער גליקלעך לעבן זאָל זיך אָנהויבן אין דער שטיל. זי האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איר אַליין זייט ניט געגרן צו מאַכן פון אונדזער באַגעגעניש אַ עפנטלעכע אַפּערע. איך וויל האָפן, אַז איר וועט זיין מיינע אָפטע געסט, און אַז אייער קלוגע און גוטע טאָכטער וועט אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז זי האָט ביי מיר די פולע פרייהייט צו האַנדלען און טאָן פאַר אירע עלטערן וואָס נאָר זי וועט געפינען פאַר נויטיק, צו מאַכן אייער לעבן באַקוועמער.

סיי די מוטער, און סיי יוסטינע זיינען בשעת מעשה געזעסן מיט די אויגן אַראָפּ און ניט באַהאַלטן זייערע טרערן. פאַרשיידענע טרערן זיינען

עס געווען. יוסטינע האָט געהערט די איינפאַכע, אויפריכטיקע רייד פון דעם באַרימטן מענטשן, און די פרייד פאַר וועלכער זי האָט קיין קלאָרן אויסדרוק ניט געהאַט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די הייסע טרערן, וואָס האָבן געבריט די ראַנדן פון די ברעמען. אַלץ אַרום איר האָט זיך פאַר אירע אויגן ווי אין אַ ליכטיק־ראָזן נעפּל געוויגט. אירע פאַרגאַנגענע טעג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איר גנבענען די גרעניץ, איר קומען קיין אַמעריקע — דאָס איז געווען דער מאַרשרוט צו דער נייער וועלט, וואָס דער מענטש פיליפּ ווילסאָן, אַן אַמעריקאַנער, האָט פאַר איר אויפגעעפנט. איצטער איז ער געקומען, נעמען זי ביי דער האַנט און אַריבערפירן אין דער נייער וועלט. כאָטש אַן ווערטער האָט ער פאַר איר קלאָר געמאַכט, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פאַלק און פאַלק, נאָר — מענטש און מענטש. און ווען דורך טרערן באַטראַכט זי אירע אייגענע, סיי די וואָס זיצן נעבן איר, און סיי די צוויי ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען בכיוון פון שטוב אַוועקגעגאַנגען, דוכט איר אויס, אַז זי שווימט פון אַלעמען אוועק קעגן איר אייגענעם ווילן. כאָטש דאָקטאָר ווילסאָן זאָגט אַרויס זיין האָפענונג, אַז יוסטינע וועט ניט פאַרגעסן אַן טאַטע־מאַמע, טאָן אַלץ, אַבי צו פאַר־גרינגערן זייער לעבן — פילט זי פאָרט, ווי איר דערווייטערונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אין נעפּל דרייט זיך איצטער אין קרייז איר אייגענע ווירקלעכקייט. בלאַסער און אויסגעלאָשן ווערן די געשטאַלטן פון אייגענע. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק און שטאַרק אַנטקעגן די שיינע, פרייע טעג, וואָס קוקן צו איר אַרויס דורכן נעפּל. ניי־געבאָרן איז זי. דער מענטש דאָקטאָר פיליפּ ווילסאָן וועט זי אַט באַלד נעמען אויף זיינע הענט און אוועקטראָגן אַנטקעגן די יונגע טעג, וואָס וואַרטן אויף איר אויף דער אַנדערער זייט פון דער פאַרנעפּלטער וועלט, וואו זי זיצט איצטער.

אַנדערש זיינען געווען דער מוטערס טרערן. מאַמע־גליק, אויסגעמישט מיט אומבאַגרייפלעכן טרויער, וואָס נאַגט דאָס לייב און קנייפּט דעם מח ביז קאָפּ־ווייטיק, וואָס כאַפּט זיך אויף אַמאָל אין שטערן, און אַמאָל אין הינ־טערשטן טייל קאָפּ; דער ווייטיק כאַפּט זיך אויף און לאָזט איבער אַ פאַר־בלאָנדזשעטע וואַרימקייט, וואָס גייט איבער אין פּנים אַריין.

די מאַמע האָט אויך פאַרשטאַנען וואָס איר צוקונפטיקער איידים האָט גערעדט. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן, זי זאָל פאַרשטיין. ער האָט ממש די ווערטער איר אין האַרצן אַריבערדערלאַנגט. און וואָס מער ער האָט אַרויסגעוויזן זיין מענטשלעכקייט, אַלץ טיפער איז ביי דער מאַמען דער טרויער געוואַקסן. ווי אַ מאַמע האָט זי געוואָלט זען איר קינדס גליק. ווי אַ מאַמע האָט זיך אויך געשפּירט, אַז איר טאָכטער אין דער איצטיקער רגע טראַכט פון דער היים, פון וואַנען זי דאַרף אוועקגיין. אָבער, אַנשטאָט וואָס אַ טאָכטער, אַז זי האָט חתונה, ברענגט זי אַן איידים אין שטוב אַריין, און ווי אַנדערע מאַמעס ווילן האָבן — איז עס גאָר אַ געטרייער זון, וואָס די טאָכטער ברענגט נאָך דער חתונה טאַטע־מאַמע אין שטוב אַריין; איצטער דוכט זיך גאָלדען אויס, אַז אַט באַלד וועט איר טאָכטער פון איר אוועק, ווייט און הויך וועט זי אוועק — אַזש דער קאָפּ וועט זיך פאַרדרייען, ווען מ׳וועט שפּעטער נאָך דער חתונה וועלן צו איר אַרויפקוקן.

און בנימין רודמאַן, דער טאַטע... ער האָט געהערט, און טײַלווײַז פאַרשטאַנען, וואָס דאָקטאָר ווילסאָן רעדט. ער האָט באַמערקט ווי די מאַמע מיט דער טאָכטער ווישן די טרערן. שטערן זיך ניט מיט זייערע טרערן, און מיטן געדאַנק איז ער אַוועק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו ער האָט געזען, ווי „אַ גאַנצע וועלט איז אײַנגעפאַלן", און צווישן די חורבות דהאָט ער נאָכגעקוקט ווי די געטאָ־יידן, יידן אָן „פּראַוועס", אָן וועלכן עס איז מענטשלעכן רעכט, האָבן זיך פראַנק־און־פרײַ אוועקגעלאָזן, יעדערער אין אַן אַנדער ריכטונג צו געפינען אַ פרײַען פּלאַץ אונטער דער זון.

ביי זיך אין שטוב האָט ער געזען אַ צערודערטע וועלט. שנאה, קנאה צווישן די קינדער, אָבער ער האָט שטאַרק מיטגעפילט דווקא דעם ייִנגסטן זון, וואָס האָט געטענהט, אַז די רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעלייזט די מאַסן און די אונטערדריקטע פעלקער, האָט אויך באַפרייט דאָס „בעספּראַוונע יידישע פאָלק". באַפרייט אויף צום אמתן. ווילט איר, איז גאָר אָן שמד, גאָר אָן פאַרפליכטן זיך צו שפּיען דעם אַלטן גאָט אין פּנים אַרײַן, קענט איר ווערן אויסגעלייזט פון גלות און פון נאַציאָנאַלע פליכטן. איר קענט ווערן פרײַע פייגל און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם דורותדיקן יידישן עול. אַראָפּוואַרפן פון זיך די חובות, וואָס דער ייד דאַרף צאָלן דער פאַרגאַנגענהייט.

— פאַרוואָס זאָל אַ מענטש און אַ ייד זײַן אַ קנעכט צו דער פאַרגאַנגענהייט? — האָט אים יעפים איינמאָל שטאַרק אַרײַנגעזאָגט — פאַרוואָס זאָל אַ מענטש און אַ ייד ניט טראַכטן פון אַ מאָרגן? די פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט יידן אַנידערגעשטעלט ווי אַ שמוציקע באַשעפעניש, ווי אַ פּראָצענטניק, די פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט דעם יידן געדהאַלטן כסדר אויפן שאַרף פון אַ שווערד, און באַוויזן פאַר דער וועלט דעם שווינדלער... אין דער ערד זאָל אַזאַ פאַרגאַנגענהייט גיין, ווען מען גיט דיר אַ געלעגנהייט צו העלפן בויען אַ פרײַען מאָרגן!

בנימין רודמאַן האָט יעמאָלט געהערט דעם זונס רייד, און אַ האַלבן אמת האָט ער אין זײַנע רייד געפונען. ס'האָט דאָך פאָרט דער הײַנט צעוואָרפן די געטאָ־ווענט, צעשמעטערט די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", און געלאָזן יידן זיך פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד פראַנק און פרײַ. אים האָט צומאָל אויסגעוויזן — ווי פון אַ תפיסה איז ער אַרויס, כאָטש אין צאַרס צייטן, צוליב זײַן סוחרישן שטאַם, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו פאָרן און לעבן אַ קורצע צייט אין די הויפּט שטעט.

— אַ פינגער איז מיר אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין מויל, אַז דאָס וואָס ער איז געווען, איז שוין מער ניטאָ, און וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. דאָס וואָס דער ייד איז אַמאָל געווען, וועט ער שוין מער ניט זײַן.

איצטער איז ער אין אַמעריקע. אַ פרײַ לאַנד. דאָ איז ניטאָ לויט זײַן באַגריף קיין „טשערטאַ". ניטאָ קיין געטאָ. אויב יידן זיצן געדיכט אויף דער איסט־סייד, פאַרלאָזן ניט די ענגע, דומפּיקע גאַסן, איז עס זייער אייגענער ווילן, אָדער שולד. „אַרום און אַרום קען דאָ אַ ייד לעבן פראַנק און פרײַ ווי אין משיחס צייטן".

אָט זיצט איצטער אַזאַ באַרימטער מענטש ביי אים אין שטוב. עפּעס דורך אַ נס דהאָט ער באַגעגנט זײַן טאָכטער יעמאָלט, ווען דער עלטערער

זון איז געווען אין שפּיטאָל, און דאָקטאָר ווילסאָן האָט אים אָפּערירט. בנימין רודמאַן הערט זיינע רייד. פּשוטע רייד. מענטשלעכע רייד. עס רעדט צו דער טאָכטער, און דערמאָנט טאַטע־מאַמע, דריקט אויס זיין האָפענונג, אַז די טאָכטער וועט ניט פאַרגעסן אַן טאַטע־מאַמע. אים דוכט אויס, אַז מיט דער טאָכטערס אַוועקגיין אין דער פרעמדער, ניט־יידישער וועלט, וועט זיין לעבן אויך ווערן אויפגעריכט. דורכדעם וועט ער קריגן די מעגלעכקייט צו דערקענען בעסער דאָס נייע לאַנד, וואו אַזויפיל יידן לעבן אויסגעלייזט פון גלות.

— עך, ווען איך קען איצטער עפענען ס'מויל, אַ דריי טאָן מיט דער צונג, ווי מיין טאָכטער טוט עס — האָט בנימין רודמאַן געטראַכט — איך וואָלט אים עפּעס אריינגעזאָגט. איצטער איז די איינציקע געלעגנהייט. איך וואָלט אים געזאָגט ווי מיך פרייט צו באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט וואָס אַ ייד איז, אַז אַ ייד איז אויך אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. איך וואָלט אים באַדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציקייט. אָבער ווי אַ מאַן, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז איך בין נאָך געזונט און שטאַרק, איך האָב געזונטע הענט, און זאָל די טאָכטער מיינע נעמען פון לעבן וואָס איר איז באַשערט. דער טאַטע אַליין וועט נאָך זיין שטעטל באַשטיין.

נו, איז די צונג ניט שטאַרק פריי. איז אַלץ, וואָס בנימין רודמאַן האָט געקענט טאָן, איז אַביסעלע זיך אונטערהויבן און זאָגן: „טהענק יו, מיס־טער דאָקטער, טהענק יו וועריַ מאַטש". דאָס בלוט האָט אים בשעת מעשה אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אריין, אַזש אָט וועלן די אויגן ארויסשפּרינגען! אויך אים איז הייס געוואָרן אין די אויגן, שוין צו הייס, אַזש די פּאָר טרערן וואָס זיינען ארויסגעקוואָלן, זיינען מאָמענטאַל אויסגעטריקנט געוואָרן.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט תופס געווען די שטימונג. ער איז אומגע־גאַנגען מיט די אויגן פון פאָטער צו דער מוטער, און פון זיי ביידן — צו זיין כלה. ער האָט ביי זיך געזוכט שיינע ווערטער, ווי אַזוי אויפצו־מונטערן די יידן, צווישן וועמען ער האָט זיך געפילט דאָסמאָל, ניט ווי אַ כירורג, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס איז פון אַ הויך אַראָפּגעפאַלן אין דער נידער; דערציילן, אַז דאָרטן, אין דער הויך פון וואַנען ער קומט, איז אויך אַ סך מענטשלעכקייט דאָ. ער לאַדט זיי איין, יעדעס מאָל, ווען זיי וועט זיך פאַרבענקען צו דער טאָכטער, זאָלן זיי זיך ניט שטערן און קומען, זיי וועלן ביי אים זיין אָנגעלייגטע געסט.

— איך ווייס, איך ווייס וואָס עלטערן פילן אין אַזאַ מאָמענט — איז דאָקטאָר ווילסאָן אויפגעשטאַנען און געגלעט יוסטינעס פּלייצע — עס פרייט מיך שטאַרק צו פילן די איבערגעגעבנקייט צווישן אייך. ס'איז מענטש־לעך אַמאָל טרערן פון פרייד; ווי ס'איז מענטשלעך טרערן פון טרויער. מיר אַליין קומט אויס אַזויפיל מאָל צו זיין אַן עדות און צוקוקן, ווי קינדער, אָדער עלטערן וויינען פאַר פרייד, ווען דער פּאַציענט וואָס איך האָט געזונט געמאַכט איז אַרויס פון שפּיטאָל און אַוועק צו אייגענע אַהיים. און פאַרקערט, בין איך אָפטמאָל אַן עדות, ווי יעמאָלט, ווען איך האָב ניט געקענט העלפן, און דעם קראַנקן האָט מען שפּעטער ארויסגעטראָגן צו זיין אייביקער רו — ווי טרערן פון אומגליק האָבן געוואַשן די באַקן פון אייגענע. יעס, יעס, דער מענטש, ווען ער איז אַ מענטש, איז ווערט מען זאָל אים ליב האָבן.

איך האָב ליב דײַנע לײַט. איך װעל זײַן אַ גוטער אײדים צו דײַנע עלטערן. בעט זיך נאָר איבער מיט די פֿון דײַנע, װאָס זײַנען ברוגז אויף מיר. אָט, איז מײַן עלווירא אוועק איר אײגענעם װעג. זי האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט אײנעם פֿון אײערע. איך בין גליקלעך װאָס דאָס איז געשען.

ער דהאָט זיך צעקושט מיט די עלטערן. שװײַגנדיק געװאָרט ביז יוסטינע האָט זיך איבערגעטאָן, און איז אינאײנעם מיט איר אַרויס פֿון דער ייִדישער שטוב.

דאָקטאָר װילסאָן האָט בײַם אַרויסגײן געפֿונען פֿאַר נויטיק צו דער־מאָנען זײַן טאָכטער עלווירא, און צוגעגעבן, אַז זי האָט שטאַרק ליב גע־קראָגן די ייִנגערע מיס רודמאַן, און אַז די טאָכטער האַלט אין אײן רעדן פֿון איר.

עלוויראס צופֿעליקע באַגעגעניש מיט ברכה רודמאַן אין דער צענט־ראַלער ביבליאָטעק, אין דער ייִדישער אָפּטײלונג, װאו עלווירא װילסאָן איז געװען פֿאַרנומען מיט פֿראָפֿעסאָר גרעצעס ייִדישע געשיכטע, האָט װי דורך אַ נס אײַנגעװאָרפֿן די װאַנט, װאָס האָט אָפּגעטײלט ברכהן פֿון איר אײגענער שװעסטער, װאָס האָט זיך געקליבן חתונה האָבן מיט אַ ניט־ייִדן. ברכה אַלײן האָט מיט אַמאָל דערפֿילט אַ באַגער צו די ניט־ייִדישע מענטשן, װאָס האָבן זיך פֿאַרקניפּט, ניט נאָר מיט איר שװעסטער, נאָר טײלװײַז אויך מיט איר. אין איר עלנטן לעבן, װאָס איז די לעצטע צײַט פֿול געװען מיט יאוש, אָן דער האָפֿענונג אַרויס אויף דעם װעג, װאָס זי האָט פֿאַר זיך אָנגעצײכנט נאָך אײדער זי איז געקומען קײן אַמעריקע, דהאָט אַ ליכט געטאָן אַ שטראַל האָפֿענונג. כאָטש איר איז ניט קלאָר געװען מיט װאָס איר לעבן װעט זיך אויסלײַטערן, אויב דאָקטאָר װילסאָנס טאָכטער האָט איר אַרויסגעװיזן אַ סך ליבע.

װען זי איז יעמאָלט געקומען אַהײם פֿון דאָקטאָר װילסאָנען, האָט זי עס ניט געהאַלטן פֿאַר קײן סוד. זי האָט דערצײלט דער מוטער, און אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז פּונקט װי עס טרעפֿט די דערנענטערונג פֿון ייִדן צו ניט־ייִדן, אַזוי טרעפֿט עס אויך פֿאַרקערט. איר פֿאַרדריסט ניט, װאָס יוסטינע גײט אַװעק פֿון דער ייִדישער הײם. די מוטער האָט מיט חידוש געקוקט ברכהן אין פּנים אַרײַן. זי האָט ניט געקענט באַנעמען פֿון װאַנען האָט זיך גענומען דער בײט אין איר ייִנגערער טאָכטער.

— מײנסט װאָס דו זאָגסט? — האָט די מוטער ניט געקענט באַהאַלטן איר חשד.

— אװדאי מײן איך װאָס איך זאָג, מאַמע. די לעצטע צײַט האָב איך אַ סך געטראַכט. איך האָב געטראַכט, װי װײַט האָט אַ מענטש רעכט צו שטערן דעם אַנדערן אין זײַן גליק; זאָל עס אַפֿילו זײַן, אַז אין דעם זײַנען פֿאַרװיקלט נאַציאָנאַלע געפֿילן. אויב יוסטינע װעט זיך פֿילן גליקלעך, פֿאַרװאָס זאָל איך איר שטערן?

ברכה האָט גערעדט, און אַלײן זיך צוגעהערט צו אירע װערטער. זי האָט זיך אַלײן דערשראָקן, און צוגעגעבן:

— עס פֿאַרשטײט זיך, איך קען יוסטינען צו גוט. זי װאָלט אין סאָװעטנ־פֿאַרבאַנד אויך גיכער חתונה געהאַט מיט אַ ניט־ייִדן. איך פֿיל, אַז זי

וועט ניט זיין אָפּגעריסן פון אונדז. איך האָב זיין טאָכטער אָנגעהויבן צו־ביסלעך דערקענען.

אין אָוונט, נאָך יענער באַגעגעניש מיט ווילסאָנס טאָכטער, איז יוסטינע איז געקומען, האָט איר דער אינסטינקט דערנענטערט צו דער ייִנגערער שוועסטער.

— איך ווייס, ברכה, אַז דו ביסט היינט געווען ביי דאָקטאָר ווילסאָנען. גוט האָסטו געטאָן. דאָרטן וועט נאָך אַמאָל ווערן דיין היים, ברכה. קענסט זיי ניט. דאָקטאָר ווילסאָן האָט מיר דערציילט, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן. לאָמיר אַלע פיר זיך דאָרטן באַגעגענען.

— ס'איז עפּעס אַנדערש, יוסטינע — האָט ברכה גערעדט צעשטרייט. — מיט מיר האָט עס ניט צו טאָן. איך וויל דיר ניט שטערן אין דיין וועג. איצטער פאַרדריסט מיר, וואָס איך האָב געטראָגן שנאה אין האַרצן צו דיר. איך זאָג עס דיר איצטער אַרויס, אַז איך פאַרשטיי דיין לאַגע גאָר אַנדערש. איך ווינטש דיר גליק. כ'ווייס, ער איז שטאַרק אומגעדולדיק. ער וויל דיך ניט אָפּרייסן מיט גוואַלד, כל־זמן דו אַליין קומסט ניט מיט דיין גאַנצן האַרצן. זיין טאָכטער האָט דיך אויך ליב.

— זי האָט ליב דעם אייגענעם מענטשן וואָס דו, ברכה — האָט יוסטינע מיט אַ פּייערל אין די אויגן געזאָגט — זי האָט עס מיר דער־ציילט.

— ניין, יוסטינע, זי נעמט ביי מיר קיינעם ניט צו.

יוסטינע האָט באַמערקט שרעק אין ברכהס פּנים. זי האָט איר שוועס־טערס עקשנות געקענט. זי האָט געוואוסט, אַז ברכה איז פעאיק צו באַ־הערשן אירע איבערלעבונגען, פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן, ווען עס לוינט איר ניט צו רעדן. ווען ברכה האָט פאַרלייקנט אירע געפילן צום מאַן, וואָס עלווירא ווילסאָן האָט ליב, האָט יוסטינע פון דעם מער ניט גערעדט. זי איז נאָר צופרידן געווען, וואָס ברכה שיקט זי ניט אַרויס מיט אַ קללה אויף די ליפּן, ווי זי האָט עס דערוואַרט.

ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָקטאָר ווילסאָן קומט אַרויסנעמען יוסטינען אין געריכט, „זיך אָפּשרייבן ווי מאַן און ווייב", האָט ברכה זיך אַרויסגעדרייט פון צו זיין אין שטוב. אינאיינעם מיט איר עלטערן ברודער, מיט פּנחסן, האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, אינאיינעם אַרומגערעדט די גרויסע געשעענישן אין לעבן פון דער רודמאַן־משפּחה.

— איך זאָג ניט, פּנחס, אַז צוליב דעם איז ווערט געווען צו פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער איך קוק איצטער אויף דעם אַנדערש. איך האָב עס איר געזאָגט. איך האָב איר געוואונטשן גליק. אפשר, מיט גוואַלד קען מען פון לעבן ניט נעמען וואָס מען וויל. אַלץ קומט ווי דורך אַ צופאַל. אַלץ — ווי דורך אַ נס. אונדזער גאַנצער זיין אין אַמעריקע איז אַ צופאַל, אָדער אַ נס. איר באַגעגעניש מיט אַן אַמעריקאַנעם באַרימטן דאָקטאָר איז אויך אַ נס, אָדער אַ צופאַל.

פּנחס האָט געהערט, און ניט געגלויבט זיינע אויערן. ער האָט איצטער ניט פאַרשטאַנען וואָס זיין שוועסטער האָט זיך די גאַנצע צייט גענומען ס'לעבן, הלמאי די עלטערע שוועסטער גייט חתונה האָבן און לעבן מיט אַ ניט־יידן.

— אַזוי איז עס, ברכה — האָט פנחס גערעדט מיט אַ סך יאוש אין זיין שטים — איך קוק אַריבער קיין ארץ ישראל, איך קוק אַריבער צום סאָוועטנ־פאַרבאַנד, און פיל, ווי איך אַליין שטיי אויף אַ פעלז, און אַרום — אַן אויפ־געשטורעמטער ים. איך ווייס איצטער ניט וואָס יוסטינע קער זיך מיט מיר אָן, און וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט מיט מיר, אויב זי האָט בכלל חתונה געהאַט. זינט די אַכציקער יאָרן, זינט יעמאָלט, ווען די לוריאַס זיינען אַהער אַריבערגעקומען, זיינען שוין אַ סך וואַסערן דורכגעלאָפן דורכן יידישן לעבן. אַ סך יידישע משפחות זיינען צעריבן געוואָרן און אָפּגעווישט געוואָרן. אָט זע איך דאָך קלאָר אַרויס וואָס פון די לוריאַס איז דאָ געוואָרן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי פאַר דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט? זיי זיכער, ברכה, אויב מיר וועלן זיך ניט ראַטעווען, וועלן מיר אויך טיילן זייער גורל. יוסטינע איז אַ צייכן פאַר מיר וואוהין מיר אַלע גייען, ברכה. אויב ניט ראַטעווען זיך אין ארץ ישראל, וועלן מיר דאָ צעשמאָלצן ווערן. אויב יוסטינע איז נאָך אַלץ דיינע אַ שוועסטער, פרייט עס מיר זייער, וויל איך ביי דיר, ניט די פרייד און ניט די האָפּע־נונגען צונעמען.

ברכהן איז שטאַרק קאַלט געוואָרן פון איר ברודערס ווערטער. זי האָט געשפּירט, אַז איר ברודער האָט אויפגעכאַפּט דעם פונק קנאה, וואָס האָט אַ גלי געטאָן אין איר האַרצן צו דער גליקלעכער שוועסטער.

* * *

איידער יוסטינע רודמאַן איז אַריינגעקומען צו דאָקטאָר ווילסאָנען אי־בערנעמען זיין נאָמען און די גראָמע היים מיט דער גוט איינגעפונדעוועטער ווירטשאַפט, האָט דאָקטאָר ווילסאָן פאַרשטאַנען, פריינטלעך צו באַפרייען פון אירע פּליכטן די לאַנגיאָריקע הויזווירטין, און, אַנשטאָט איר, אַריינגע־נומען אַ מיטליעריקע איירישע פרוי, בלוט און מילך, מיט אַ רונדן, זאַטן פּנים און פולע, בלויע אויגן — אַ מיסיס מערי פלינט. יוסטינען דהאָט זי אָפּגעגעבן גאָר דעם כבוד, און נאָך דעם ערשטן טאָג, ווען יוסטינע איז אַריינגעקומען אין קיך, האָט מיסיס פלינט איר געגעבן אַ קאָמפּלימענט:

— אַז וואו זי שטייט, ווערט ליכטיקער.

עלווירא ווילסאָן האָט יוסטינען לאַנג אָנגעקוקט אין פּנים, ווען זי איז מיט איר צום ערשטן מאָל געבליבן אַליין, געוואָלט אין איר אַרויסזען אַן אָפּשטראַלונג פון איר אייגענער מוטער וואָס זי האָט ניט געדענקט, און האָט באַשטימט: — בעסער זיך פאַרהאַלטן צו איר ווי צו אַן עלטערער שוועסטער, וואָס איז פון ווייט געקומען איבערצונעמען די פירונג אין הויז.

יוסטינע האָט באַגריפן עלוויראַס איבערלעבונג, און האָט געזאָגט:

— וואָס דו ווילסט נאָר וועל איך זיין צו דיר. ווילסטו, איך זאָל זיין דיין מוטער, לערן מיך ווי אַזוי, וועל איך. ווילסטו איך זאָל זיין דיין שוועסטער, אַ יינגערע, צי אַ עלטערע, וועל איך. און ווילסטו זיין צו מיר בלויז אַ מיידל־פריינט, מיט וועמען איך וועל דאַרפן טיילן אַלץ, סיי פרייד און סיי טרויעריקע מאָמענטן, וועל איך דיר געבן אַ דאַנק.

עלוויראַן האָבן דידאָזיקע רייד גערירט ביז טרערן. זי האָט זיך באַ־הערשט, און געזאָגט:

— אַ מענטש דאַרף קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס ער איז. פאַראַן מעשיות וועגן שלעכטע שטיפמאַמעס, וויל איך דיך ניט האַלטן פאַר קיין שטיפמאַמע. איך וויל נאָר, אַז מיין פאָטער זאָל אין דיר געפינען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. אויב ער איז גליקלעך, בין איך עס אויך. די־אַ שטוב איז מיר ענג געוואָרן נאָך איידער מיין פאָ האָט דיך דערקענט — ד־האָט עלווירא גערעדט מיט אַ געפּאַלענער שטים — דו האָסט זיך דער־ווייטערט פון דיין פאָלק, און איך זוך אַ דערנענטערונג. איך האָב דיר געהאָלפן זיך דערווייטערן; דו, העלף מיר, זיך דערנענטערן.

דאָס לעצטע, וואָס די טאָכטער פון דעם ניט־יידישן דאָקטאָר און איר מאַן, האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט, האָט יוסטינען פאַרטונקלט אויף אַ ווייל דאָס ליכט פאַר די אויגן. די נייע, רייכע היים איז ווי פאַרטונקלט געוואָרן. „איך האָב דיר געהאָלפן זיך דערווייטערן פון דיין פאָלק, דו, העלף מיר זיך דערנענטערן צו דיין פאָלק". כאָטש יוסטינע האָט קלאָר פאַרשטאַנען וואוהין עלווירא צילט, האָט זי פאָרט געפילט, ווי מ'וואָלט זי מיט עפּעס שווערס דערלאַנגט איבערן קאָפּ.

— וואָס אזוינס מיינסטו מיט דעם, עלווירא? — האָט יוסטינע זיך געמאכט ניט פאַרשטיין — איך בין קיינמאָל ניט געווען שטאַרק נאָענט צו מיין פאָלק, ווי דאָס איז מיין יינגערע שוועסטער, אָדער מיין עלטערער ברודער. מיך האָט מען ניט געדאַרפט אָפּרייסן פון מיין פאָלק. דאָס איי־גענע איז מיט דיר, עלווירא. ביסט ניט רעליגיעז, ווי איך בין עס ניט.

— די ליבע איז מיין רעליגיע. איך זוך דעם גאָט, וועמען איך זאָל קענען דינען מיט מיין ליבע.

עלוויראס לעצטע ווערטער האָבן ווידער אַ גרילץ געטאָן יוסטינען אין אויער. „צוליב וואָס דערציילט זי עס? — האָט יוסטינע געטראַכט — זי איז פאַרליבט אין הילל לוריאס זון. ער איז ניט רעליגיעז. וואָס פאַר אַ ייד איז ער?"

— יעס, יוסטינע, — האָט עלווירא ווידער גערעדט, און געפאַרשט יוסטינעס געדאַנקען — ס'איז ניט רעליגיע, וואָס עס שטייט דעם היינטיקן מענטשן אין וועג. איך האָב פון דער שטאָט ניו־יאָרק און איר פילפאַר־ביקער באַפעלקערונג קיינמאָל ניט געטראַכט ביז מיט אַ יאָר צוריק, ווען דער טייערער דאָקטאָר לוריא האָט מיר אזוי גרינג די אויגן אויפגעעפנט. איך בין שפּעטער אַ גאַנצע נאכט געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט פון דעם. „איך הער דאָס געשריי פון פעלקער און ראַסן וואָס ווילן לעבן און ניט שטאַרבן אין שמעלץ־טאָפּ, — האָט מיר יעמאָלט דאָקטאָר לוריא גע־זאָגט, — אַ פאָלק, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון דריי טויזנט יאָר, שרייט העכער פון אַלעמען, אַז עס וויל ניט אונטערגיין. דעריבער זאָל ניט וואונדערן קיינעם, וואָס יידן האַלטן זיך אזוי שטאַרק באַזונדער אין אַ לאַנד, וואָס האָט זיי געגעבן פרייהייט". יעס, יוסטינע, דאָס האָט ער מיר יעמאָלט געזאָגט. ס'איז געווען אזוי קלאָר און שאַרף, אַז פון יעמאָלט אָן דוכט מיר, אַז איך אליין הער דאָס געשריי פון פעלקער איבערן גאַנצן לאַנד. יעס, יוסטינע, איך דאַרף פאַר דיר ניט פאַרלייקענען, אַז איך האָב ליב דעם פּאַרמערס זון. כאָטש אַ מעדיקער, איז ער פאַר מיר אַ פאַרמער. ער איז ניט רעליגיעז, דאָס ווייס איך. אָבער איך באַגרייף גוט וואָס מיט אים

איז. איך האָב אים אַרויסגעוויזן מער ליבע, וויפיל א מיידל דאַרף עס טאָן. און ער, איך פיל, אַ וואַנט שטייט צווישן אונדזביידן.

— יעמאָלט ביינאַכט, ווען מ׳האָט מיך דאָ אין דעם־אַ צימער באַליידיקט, האָב איך געזען אַ סך שענערע און גראַטענערע יונגעלייט, וואָס האָבן דיך ליב. פאַרוואָס האָסטו פונקט אים אויסגעקליבן ?

— איך ווייס, דיין שוועסטער האָט אים אויך ליב.

— מיין רויטע שוועסטער... זי האָט קיינעם ניט ליב.

— קענסט ניט דיין אייגענע שוועסטער.

— ס׳קען זיין. ליבע איז דער גאָט, וואָס שאַפט איבער דעם מענטשן. פונקט ווי דיין פּאַ איז איצטער אַן אַנדערער, אַזוי בין איך אַן אַנדערע. מענטש און מענטש האָבן זיך צונויפגעטראָפן, מיין טייערע, און קיין שום וואַנט האָט אונדז ניט געקענט פאַנאַנדערטיילן. אויב איך האָב זיך יעמאָלט געפילט באַליידיקט, איז עס געווען, ניט ווי א יידיש מיידל, נאָר ווי א פרייער מענטש. יענע ייִנגלעך האָט מען גערדאַרפט אָפּשמייסן. האָב איך גענומען און אויסגעלאָזן מיין ביטער האַרץ צו מיין ליבע און געליבטן. איצטער פיל איך אַנדערש. איצטער בין איך דאָ צוליב איין זאַך — צו ברענגען גליק דעם מענטשן, וואָס איך האָב ליב, און וואָס האָט מיך ליב.

פונדעסטוועגן איז ביי דער יונגער מיסיס ווילסאָן וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער פאַרלאַנג אַריבערצוברענגען צו זיך אין דער נייער היים די גאַנצע משפחה אירע. עס איז דאָך איר היים, פאַרוואָס זאָל זי געשטערט ווערן. די מיסיס פלינט האָט איר א פּאָר מאָל געפרעגט, צי זי וועט האָבן דאָס פאַרגעניגן אויפצונעמען די עלטערן פון אַזאַ „לויטערן און גוטהאַרציקן מענטשן".

וואָס איז געווען די מניעה, אַז די רודמאַנס זאָלן קומען ווי משפחה צו דאָקטאָר ווילסאָנען אין הויז, וואו זייער יוסטינע איז געוואָרן באַלעבאָסטע ? דאָס איז די גייסטיקע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ צוויי וועלטן. ווען יוסטינע איז אַוועק פון דער היים צו דאָקטאָר ווילסאָנען — האָט זי קיינער אַהין ניט באַגלייט. ווי אין אַן אַנדער וועלט איז זי אַוועק. יוסטינע אַליין איז וואָך־איין, וואָך־אויס געקומען צו טאַטע־מאַמע, און איבערגעלאָזט אין שופלאָד פון קאַמאָד, וואו אירע זאַכן זיינען אַמאָל געלעגן, א פּאָר צענדליק דאָלער. ווען די טאָכטער, אַנקוקנדיק זיך גענוג אין טאַטע־מאַמע איז אַוועק צו זיך, האָט מען די צוויי צענדליק דאָלער אַרויסגענומען, באַטראַכט — פונקט ווי דורך א נס וואָלט עס זיך באַוויזן אין שופלאָד, און דערמאָנט, אַז א טאָכטער איז ערגעץ־וואו פאַראַן אין אַ פּאַלאַץ, אויף א הויכן באַרג. פּאַר פנחסן און יעפימען האָט יוסטינע גאָרניט געמיינט, ווען זי איז נאָך געווען אין שטוב. פּאַר פנחסן — אַ פאַררעטערן צום יידישן פאָלק; פאַר יעפימען — א בורזשויקע, וואָס וועט אפילו איר לייב פאַרקויפן פאַר אַ שטיקל עולם הזה.

דווקא ברכה, וואָס האָט איר עלטערע שוועסטער געוואָלט שוין זען וואָס פריער ווייט פון זיך, האָט אָפּט געטראַכט פון דאָקטאָר ווילסאָנס שטוב צוליב עלוויראַן. שווער איז איר געווען צו באַגרייפן דעם כח, וואָס האָט זי געצויגן צו דעם ניט־יידיש מיידל. עלווירא האָט ביי ברכהן אין האַרצן פאַרפלאַנצט א שטומע בענקשאַפט וואָס אָפּטער מיט איר זיך צו זען. עלווירא

גאָר האָט אַלץ אָפּטער אָנגעהויבן קומען צו די רודמאַנס, ווי צו פאַרנעמען דאָס ליידיקע אָרט פון יוסטינען. געקומען איז זי אַליין, און אַרויסגענומען ברכהן, באַוויזן איר די שיינקייטן פון ניו־יאָרק, און דערווייל אַרויסגע־קראָגן ביי איר „סודות" פון העיר יידישער וועלט.

— איז טאַקע אמת, אַז די יידן איבער גאָר דער וועלט האָבן אַ געהיימען בונד, וואָס פאַראייניקט זיי?

דאָס האָט עלווירא געפרעגט ביי ברכהן, ווען ביידע זיינען געזעסן אין אַ בראָדוועיער רעסטאָראַן, וואוהין עלווירא האָט ברכהן אַריינגענומען שפּעט ביינאַכט עפּעס טרינקען.

— איצטער זע איך אַרויס — האָט עלווירא ווידער גערעדט, — אַז יידן זיינען גאָרניט אַזוי רעליגיעז ווי מען מיינט. פונדעסטוועגן איז דאָך פאַראַן אַזאַ כח, וואָס האַלט זיי אינאיינעם.

— די שנאה צו יידן פון דער קריסטלעכער וועלט האַלט יידן ענג געבונדן — האָט ברכה גערעדט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן צו עלוויראַן — אפילו שפּעטן פאַרשטייען עס אין צייט פון אַ געפאַר צו האַלטן זיך אינאיינעם. פאַרוואָס זאָלן עס מענטשן ניט פאַרשטיין? מען האָט דאָ אין לאַנד אויך פיינט יידן. איך דערקען דעם קוק פון ניט־יידן. אוודאי זיינען פאַראַן אויסנאַמען. איך גלויב אין מענטשן. אָט איז דיין פאָטער פאַר מיר אַ גוטער ביישפּיל.

— זאָג מיר, צי דאַרפן יידן האָבן אַן אייגן לאַנד?

— אויף דעם ווייס איך דיר ניט וואָס צו ענטפערן.

— ווילסט דאָך פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

— ניט הערפאַר, וואָס דאָרט איז אונדזער לאַנד; נאָר דערפאַר, וואָס דאָרטן בויען יידן אַ נאָרמאַל לעבן. אַן אייגן לעבן. איך האָב ליב די ביבלישע שפּראַך. איך רייד גערנער די ביבלישע שפּראַך. איך וויל זיך פילן ווי אַ גאַנצער מענטש, אַ געזונטער מענטש.

— דאָס פאַרשטיי איך יאָ, און פאַרשטיי עס פאָרט ניט. גלויבסטו ניט, אַז דיין שוועסטער איז אַ גאַנצער און נאָרמאַלער מענטש? אָדער, ווען איך זאָל מיין גאַנצן איך אָוועקגעבן אַ יידן, וועל איך ניט זיין מער קיין גאַנצער מענטש? פאַרוואָס פאַרליבסטו זיך ניט אין דעם מענטשן, וואָס איך האָב ליב? ביי יידן מעגן דאָך שוועסטערקינדער חתונה האָבן צווישן זיך.

ברכה האָט אָנגעקוקט עלוויראַן, און געפילט, ווי דאָס בלוט האָט אַרויפגעשטראָמט צום פּנים. זי האָט חושד געווען, אַז עלווירא פּרואווט זי אויסוויל דערגיין, וואָס פאַר אַ מיינונג זי האָט וועגן מאָו לוריאַן. איר איז עס ניט געפעלן געווען, און ניט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן.

— דו האָסט זיך באַליידיקט וואָס איך האָב דיך געפרעגט אַזאַ זאַך.

— מיר האָבן גערעדט פון עפּעס אַנדערש. כ'האָב געמיינט, אַז דו טראַכסט פון דעם וואָס דו רעדסט.

עלווירא האָט זיך אַריבערגעבויגן צו ברכהן, האָט צוגעצויגן צו זיך ברכהס רויטן קאָפּ, אַ קוש געטאָן, און געזאָגט:

— איך האָב ליב דעם מענטשן. איך קען אים אַביסל. ווען אפילו ער באַשטימט אויפצוגעבן זיין מעדיצין, און גיין צו זיין פאָטער אויפן פאַרם,

וועדן אַליין צוריק פאַרמער, וואָלט איך מיט אים מיטגעגאַנגען. איך בין זומער דאָרט געווען איין טאָג. איך האָב באַטראַכט דאָס אָרט וואו ער איז געוואַקסן. איך האָב געשפּירט, ווי די ערד ד־האָט מיך געצויגן צו זיך און געוואָלט, איך זאָל ווערן אַ טייל פון איר. ער איז געווען שטאַרק פאַרבענקט צוליב דעם, וואָס די ערד אַרום זיין פאַרם־הויז איז אַזוי שטאַרק פאַרלאָזן. איך האָב עס דערקענט אין אים. קוקסט מיך אָן, דיר קומט עס אויס קאָמיש? ניין, ס׳איז נאַטירלעך. אויב איך וועל חתונה האָבן אין שטאָט מיט אַ היינטצייטיקן שטאָט־מענטשן, וועל איך האָבן איין קינד, ניט מער. און דאָס וועט זיין צען יאָר נאָך דער חתונה. איז וואָס וועל איך זיין, אַ פרוי? ניין, דאָס ניט. אַ פרוי נאָך דער חתונה דאַרף ווערן אַ מאַמע און געבערן קינדער. דאָרטן וואָלט איך נאָכגעטאָן דער ערד, די קי, די פערד — אַל׳ע יאָר האָבן אַ קינד. און צווישן איין געבורט און צווייטן ניין חדשים שוואַנגערשאַפט. ווי די ערד ווערן, ווי די ערד פילן, ווי די ערד זיין געראָטן און נאָכגעביק. יעס, איך האָב עס אים געזאָגט, האָט ער געלאַכט. האָט ער געמיינט, אַז איך רייד פון שלאָף.

ברכה האָט אָנגעקוקט עלוויראַן מיט אַן אויסדרוק פון אויפריכטיקער צופרידנקייט. די אויגן האָבן געלויכטן, די ליפּן ד־האָבן זיך פאַרצויגן דיך, ווי צונויפגעוואַקסן. עלוויראַס מאָלן איר צוקונפט ווי אַ מאַמע איז ברכהן געווען ניט פרעמד. ווען זי איז נאָך געווען צוגעבונדן צו דער ערד אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט זי גאַנץ אָפּט אַזוי געפילט. אַנדערש האָט זי זיך יעמאָלט ניט געקענט אויסמאָלן איר לעבן, ווי נאָכטאָן דער גאַנצער נאַטור. און ווי זי אַליין, יאָר־איין, יאָר־אויס, זיך באַנייען און באַפרוכפּערן. „אָבער ווי קומט צו איר, דער שטאָטישער, אַזאַ מין געדאַנק? — האָט ברכה געטראַכט — דאָס זיינען פרימיטיווע געפילן פון פאַרליבטע, וואָס קענען זיך אַנדערש ניט פאָרשטעל׳ן די באַציאונג צום מאַן, וואָס מען האָט ליב; אָבער ווי קומט צו אַ גרויסשטאָטישער אַזוי צו טראַכטן און פילן?״

— ניין, עלווירא, — האָט ברכה פון אונטער די ברעמען אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער — איך קאָנקוריר מיט דיר ניט. ער איז ווערט, אַ פרוי זאָל אים ליב האָבן.

— און דו, ביסט קיין פרוי ניט?

— איך ווייס אַליין ניט וואָס איך בין. דאָ אין לאַנד האָב איך אָנגעוואָרן דעם שטעג, וואָס פירט צום פערזענלעכן גליק.

דעם אייגענעם ביינאַכט האָט עלווירא אָנגעקלונגען צו מאָו לוריאַן, אַז זי וויל קומען. זי האָט געבעטן ברכהן, זי זאָל מיט איר מיטגיין, אָבער ברכה האָט זיך אָפּגעזאָגט, און דערביי צוגעגעבן, אַז עס איז ניט גוט, ווען אַ מיידל איז ניט אויפריכטיק מיט אַ מאַן. און נאָך ערגער איז, ווען אַ פרוי פאַרוואָסערט אירע געפילן. עלוויראַן האָבן ברכהס ווערטער אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. זי האָט חושד געווען, אַז ברכה האָט אַ געוויסן מיין דערביי.

ווען עלווירא איז אַריינגעקומען צו מאָו לוריאַן, איז ער איר אַנטקעגן געגאַנגען, און זיך געוואונדערט וואָס זי איז אַליין.

— וואו איז דיין פריינט, האָט ער דיך אוועקגעוואָרפן?

— איך האָב ניט קיין פריינט. פון וואָס פאַר אַ פריינט רעדסטו?

— מיס רודמאַן, אַז זי איז געוואָרן דיין פריינט, מעגסטו אויף איר רעכענען.

— אָ, יעס, זי איז אַ וואונדערלעך מיידל. איך האָב מיט איר פאַר־בראַכט. זי האָט מיך באַגלייט ביז צו דיין שטוב, און ניט געוואָלט ארויפ־גיין. איך רעד זי צו, זי זאָל זיך אין דיר איינליבן.

מאָו לוריא האָט אָנגעקוקט עלוויראַן. אים איז ניט שטאַרק געווען געפעלן איר באַרעדעוודיקייט. און נאָך מער איז אים ניט געפעלן געווען עלוויראס קרענקלעכע דערנענטערונג צו יידן. אים האָט עס אויסגעקוקט אומנאַטירלעך. ווען דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער נעמט און פאַרליבט זיך אין אַ יידן, וואָלט עס אים אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך. אָבער איר ניט־געצוואונגענע דערנענטערונג צו יידן האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין. בפרט, ווען זי האָט פאַר זיך געהאַט אַביישפיל פון איר אייגענעם פאָטער. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל און פון דעם קיין שום פּראָבלעם ניט געמאַכט. אַ מאַן האָט באַגעגנט אַ פרוי, זיך פאַרליבט, און חתונה גע־האַט.

ער האָט באַמערקט אַן אומעט אין עלוויראס פנים.

— אפשר קענסטו ווירקן אויף איר, אויפהויבן איר מוט? — האָט מאָו לוריא געוואָלט פּראָוואָצירן עלוויראַן, זי זאָל דערציילן די סיבות וואָס האָט זי אַזוי דערנענטערט צו ברכה רודמאַן — זי איז אַן עקזאָטישע פלאַנץ, וואָס אימעצער האָט אויסגעוואָרצלט און אַריבערגעטראָגן אויף אַ טרו־קענעם באָדן. איך האָב מיטלייד מיט איר.

— איך האָב מיט איר גערעדט פון דיר, מאָו — האָט עלווירא שעמעוודיק דערציילט — איך האָב מיט איר אַ סך גערעדט פון דיר. אַז איך קוק אויף דיר, טראַכט איך פון דער ערד. מיין באַזוך ביי דיר אויפן פאַרם, האָט אין מיר אויפגעוועקט געפילן, וואָס איך האָב פון זיי ניט געוואוסט. יעס, מאָו, איך אַליין בין ניט קיין צעאַקערטע ערד. איצטער באַגרייף איך, אַז אַ ווייטן, גאָר ווייטן וועג האָב איך נאָך דורכצומאַכן ביז איך וועל מיין גליק געפינען.

— אויב גליק איז ערגעץ־וואו פאַראַנען!

— איר, יידן, זייט פעסימיסטן.

— איך קלער, אַז דאָס מענטשלעכע גליק האָבן די פעסימיסטן גע־פונען, און ניט די אָפּטימיסטן.

עלווירא איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען מאָו לוריאַן, געקוקט אין זיינע אויגן, טרויעריק געשמייכלט אַ וויילע, און געזאָגט:

— וועסט פרעגן מיס רודמאַן, זי זאָל דיר דערציילן וואָס איך האָב איר געזאָגט וועגן דיר. איך וויל דיך נעמען אַהין, וואו דיינע וואָרצלען זיינען. איך וועל דיך פירן אַהין, מאָו. נאָך מער, איך וועל דיר העלפן אָרגאַניזירן אַ גאַנצע קאָמונע פון יונגע מענטשן, יידן און ניט־יידן, אלע אינאיינעם. צוריק צו דער ערד! דאָס זאָל זיין דער רוף און די אידעע. וואָס זאָגסטו, מאָו? און ווייסט, איך וויל נאָך פון דיר, זאָלסט ווערן מער ייד. דו זאָלסט טראָגן די יידישע אידעען ווי אַ פאַן אין דער הויך. איך האָב דורכגעלייענט די גאַנצע יידישע געשיכטע, און עפּעס איז מיר

קלאָר געוואָרן. איך פיל פּאַרוואָס דו האָסט מיך פיינט. יע, יע, ניט גלייכ־גילטיק, נאָר פיינט. דו ביסט א ייד, און איך, אין דיינע אויגן בין א קריסטין. ייד און קריסט — צוויי פּאָלוסן.

— איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ווערן אַ יידיש־קינד. מיר האָבן צופיל יידן, עלווירא.

— באַליידיקסט מיך, מאָו.

— צופיל יידן אויף דער וועלט. צופיל יידן אין ניו־יאָרק, און קיין יידיש פּאָלק איז פּאָרט ניטאָ. בלייב דיר, עלווירא, דאָס וואָס דו ביסט. זיי דיר דאָקטאָר ווילסאָנס א טאָכטער. קריך ניט אין קיין אומגליק.

עלווירא האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן. די אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. מיט א צעשראָקענער שטים האָט זי געזאָגט:

— וואָס נעענטער איך קום, אַלץ ווייטער בין איך. וואָס איך באָמי מיר מער צו פאַרשטיין, אַלץ אומקלאָרער ווערט איר מיר. אַלץ איז ווי אויף יענער זייט וואַנט. אָט איז אַ יידיש־קינד ביי אונדז אין שטוב געוואָרן מיין שטיפמאָמע. שוין זעקס וואָכן, אַז זי איז מיסיס ווילסאָן, און אירע עלטערן, אירע ברידער און שוועסטער זיינען נאָך ביי אונדז אין שטוב ניט געווען. א טאָכטער אַוועקגעגאַנגען, און אליין האָט מען זיך אָפּגערוקט. וואָס איז עס, מאָו? פּאַרוואָס איז עס אַזוי, מאָו? גלויב מיר, מאָו, ניט ווי קיין געליבטע רייד איך איצטער צו דיר, נאָר ווי א ניט־יידיש מיידל, וואָס האָט געקראָגן א יידיש־מיידל פאַר א שטיפמאָמע, פרעג איך עס דיר, און בעט ניט קיין ענטפער. דו האָסט ניט פאַר מיר קיין ענטפער. אָבער איך וועל אים אליין געפינען.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַרום דריי פֿאַרטאָג האָט דער טעלעפֿאָן אויפֿגעוועקט דר. לוריאן. זיין שוועגערין, דינה לוריא, האָט מיט אַ וויינענדיקער, צעשראָקענער שטים אים אריינגעשריען אין אויער, אַז איר נייטן האָט זיך פּלוצלונג דערפֿילט שלעכט, און זי בעט ער זאָל די מינוט קומען אים ראַטעווען.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען וועקט אים אין מיטן דער נאַכט, ער זאָל קומען צו אַ חולה, וואָס איז „פּלוצלונג איינגעפֿאַלן”; אָבער דאָס מאָל האָט דר. לוריא פֿאַרגעסן אָן זיין פּראָפֿעסיע, זיין געוויסן האָט אַ רודער געטאָן, הלמאי ער האָט זיך אַזוי דערווייטערט פֿון ברודער נתן. כאָטש אין אמתן האָט דער עלטערער ברודער, דער סאָציאַליסט, מיט דער צייט אליין זיך אָפּגערוקט פֿון משפּחה. אָן קינדער, איז ער אויסגעטריקנט געוואָרן און געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף די „צעקראָכענע מענטשן און פֿאַרשימעלטע יידן.”

נתן, אָדער נייטן לוריא, איז געטריי געבליבן די אסימילאַציע אידייען פֿון די אַכציקער יאָרן. קיין שום וועלט־געשעעניש האָט אים פֿון זיין גייסטיקער פּאָזיציע ניט אַראָפּגעפֿירט. קאָמוניזם, ציוניזם, ביידע באַווע־גונגען האָט ער באַטראַכט פֿאַר אַ וויסטן אומגליק. ער איז נענטער געשטאַ־נען צו די קריסטלעכע מיטגלידער פֿון דער ארבעטער באַוועגונג. מיט דעם וואוקס פֿון דער באַוועגונג איז זיין פּאָזיציע ניט געוואַקסן. ער האָט ווינציק געדאַרפֿט, און ווינציק פֿאַרלאַנגט. אז ער האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן מיט משפּחה האָט ער זיך גאַנץ אָפּט געהאַלטן ווי אַ פֿרעמדער. די קינדער פֿון צווייטן דור האָבן דעם אָנקל נייטן באַטראַכט פֿאַר אַ פֿרעמדן. נייטן לוריא, וואָס איז אין דריי און אַכציקסטן יאָר, ווען די משפּחה לוריא איז געקומען קיין אַמעריקע אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר, איז איצטער געווען אַ זיבעציקער. ער האָט יעמאָלט אלעמען געשלעפּט אין שוויץ־שאָפּ אריין, געוואָלט פֿון אַלע לוריאס מאַכן פּראָלעטאַריער. „דער ייד דאַרף דורך ארבעט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך,” — איז זיין פֿילאָ־זאָפֿיע געווען אין יענער צייט. ביי דעם איז ער געבליבן.

איידער דר. לוריא האָט באַוויזן ארויפֿציען אויף זיך די קליידער האָט דער טעלעפֿאָן נאָך אַמאָל געקלונגען. דינה לוריא האָט נאָך אַמאָל געבעטן, דר. לוריא זאָל וואָס שנעלער קומען ראַטעווען זיין ברודער. אָבער ווען דר. לוריא איז אָנגעקומען איז שוין נייטן ניט געווען ביים באַוואוסטזיין. דער שכנישער דאָקטאָר איז לעבן זיין געלעגער געשטאַנען און געמאַכט אַ צייכן צו דר. לוריאן, אַז עס איז ניטאָ מער וואָס צו טאָן. אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע האָט דעם באַוואוסטזיין צוגענומען. פֿאַר דער שעה, וואָס דר. לוריא האָט ביי זיין ברודערס געלעגער געוואַכט, האָט נייטן די

אויגן שוין מער ניט געעפנט. מיט א צוואַנציק מינוט שפּעטער האָט ער דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט.

דר. לוריא איז שוין געבליבן ביים זייט פון דער שוועך־געטראָפענער שוועגערין. די ידיעה, אַז נייטן איז געשטאָרבן, האָט זיך ווי אַ שטורעם דורכגעטראָגן איבער דער גאַנצער לוריא משפּחה. דר. לוריא האָט אַלעמען דורכן טעלעפאָן איבערגעגעבן די טרויעריקע בשורה. צו דער איינציקער שוועסטער, צו קעראַליין, איז ער אַליין צוגעפאָרן און געפונען זי איינגאַנצן אַ פאַרלאָרענע אין טרערן. פון דניאלס דיוויז האָט מען איר די בשורה אַנגעזאָגט.

— לאָמיר אויף דעם קוקן ווי דערוואַקסענע מענטשן, קריינע — האָט דר. לוריא זי באַרואיקט — ער איז אַלט געווען זיבעציק יאָר. אויך אונדזער צייט וועט קומען, מען זאָל זיך פאַרקלייבן אויסרוען אויף ברוקלינער בית־עולם, ביים זייט פון טאַטן און שלמהן.

— ניין, זכריה, ניט אויף דעם קלאָג איך — האָט זי אויף איר ברודער אָנגעשטעלט איר צעבראָכענעם און מיט טרערן דורכגעווייקטן פּנים — איך ווייס, אַז אַ מענטש לעבט ניט אייביק. מיין האַרץ איז מיר שוין לאַנג צעבראָכן. ווי שטיקער פּרוכנע וועלן מיר איינציקווייז אַנידערפאַלן. ניט אַזוי האָט אונדזער לעבן געדאַרפט זיך אויסלעשן. ניט איך האָב געלעבט אין רייכקייט; איך פויל אין רייכקייט.

— איך קלער, מען דאַרף הילפלן געבן צוזאַמען.

— ער איז אַ צעבראָכענער מענטש.

— ער וועט האָבן פּאַראַליבל, און וועט זיין גערעכט.

— איך וועל עס, זכריה, ניט טאָן.

— איך וועל איינעס פון זיינע קינדער אריבערשיקן.

— שיק דעם יינגערן זון, ער איז מער מענטש. ער וועט וויסן ווי אים אָנצוזאָגן. אוי, נתן, נתן... פאַרוואָס איז מען אַזוי פאַרפרעמדט געוואָרן?

קעראַליין האָט אָנגעהויבן וויינען אויפן הויכן קול.

— נעם זיך אין די הענט, קריינע. ס'איז אויף עפּעס אַ צייכן דאָס וואָס ער איז געשטאָרבן אין דעם אייגענעם חודש וואָס מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע. אָט נעכטן איז עס געווען. שטאַרק זיך, קריינע. פּאַר אַראָפּ און זיי לעבן דינהן. זאָל זי פילן אַז זי איז ניט אַליין. איז מען ביים לעבן צערונען געוואָרן. זאָל מען כאָטש אין שאָטן פון טויט זיך אָנקוקן.

די לוויה איז געווען אַ באַשיידענע. משפּחה האָט זיך באַגעגנט אין שאָטן פון טויט ווי דר. לוריא האָט זיך אויסגעדריקט. אויסצואווייזן איר האַרץ איז אויך געקומען צו דער לויה די אַלמנה מילדרעד זילבערמאַן. אין די אַכציקער יאָרן — מלכה חלפן, וואָס איז אומגליקלעך פאַרליבט געווען אין דעם יעמאָלדיקן שלאַנקן נתנען. זי האָט איצטער געוויינט, און געשפּירט דעם אייגענעם ווייטיק ווי מיט גענויע פערציק יאָר צוריק, ווען זי האָט געדאַרפט צו דער חופּה גיין מיטן ניט באַליבטן קרוב אירן, דייוויד זילבערמאַן. זייט ביי זייט האָבן זיך געהאַלטן אירע צוויי קינדער, לואי און סילוויא. ביידע האָבן תופס געווען פון וואַנען דער מוטערס געוויין

שטאַמט. אגב, האָבן די טרערן געלינדערט דעם צער צוליבן וואָל־סטריט קראַך, וואו זי האָט דעם גרעסטן טייל פון איר פאַרמעגן פאַרלאָרן.

שטאַרק צעבראָכן איז אויך געווען די גרטע, ליליען־רות, דניאלס ווייב, וואָס האָט צו די לוריאס געהאַט אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע. ביי איר זייט זיינען געווען ביידע זין מיט די שניר. דער עלטערער זון, ריכטער דייוויד לאַריע, האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס זיין מוטער בעמט זיך אַזוי צום האַרצן. אים איז געווען דערווידער צו פאָרן ביז צום יידישן בית־עולם. ער האָט עס פאַר דער מוטער אויסגעדריקט, אָבער זי האָט אים מיט אַ קרענקלעכקייט איבערגעשלאָגן: „דניאל לוריא איז נאָך אַלץ דיין פאָ־טער, כאָטש ער איז אַ געטרייער ייד. די קאַטוילישע רעליגיע הייסט אויך זיך האַלטן מענטשלעך צו יענעם אין צייט פון אומגליק און טרויער.“

דער געטויפטער זון האָט געוואָלט זאָגן דער מוטער, ווי רואיק זיין נשמה איז צוליב דעם וואָס ער איז איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן, און עס איז צייט, אַז זי אַליין זאָל אַ טראַכט טאָן, אפשר וועט זי אין דער שטיל זיך אומקערן אַהין פון וואַנען זי איז געקומען. אָבער ער האָט גע־שפּירט, אַז איצטער איז ניט די צייט.

הילל לוריא איז געקומען צו דער לויה, און פאַר אלעמען אַ חידוש, האָט ער אויסגעזען מונטער, די פּלייצע גלייך; יום־טובדיק אָנגעטאָן, און האָט זיך געדהאַלטן נאָענט צו זיין ייִנגסטן ברודער, צו דר. לוריאַן.

די גאַנצע רודמאַן משפחה איז געווען פאַרטראָטן אויף דער לויה. די אויפגעקומענע יוסטינע האָט מיטגעבראַכט איר שטיפטאָכער עלווירא וויל־סאָן. צוזאַמען האָבן זיי זיך געהאַלטן. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אַ לויטערער. דער פרילינג האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזן איבערן בית־עולם און געטריקנט די טרערן ביי די לוריאס.

— אָט דאָס איז די הים... — האָט הילל לוריא געזאָגט צו זיך אליין — דאָ רוט שוין קרוב צו פערציק יאָר דער טאַטע ישראל, און דאָ רוט דער ברודער שלמה שוין זעקס און צוואַנציק יאָר. צי וועלן די היינטיקע בית־עולמס האָבן דעם הייליקן כח פון לעבן, ווי די אַמאָליקע? מצבות... אונדזער דור, דאָס אמתע יידישע פאָלק!

הילל האָט אויסגעוויזן, ווי די קאַלטע מצבות פאַרנעמען זיינע טרויער־דיקע מחשבות, וויגן זיך אַנטקעגן זיינע ביטערע מחשבות אונטער דעם זוניקן און בלויען דהימל.

מען האָט קיין חזן ניט איינגעלאַדן, ער זאָל מאַכן אַ אל מלא רחמים, מחמת מען האָט געוואוסט וואו דער פאַרשטאָרבענער בייטן איז איינגעשטאַ־נען מיט זיין יידישקייט. אָבער ר׳ בונים לוריא האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן מאַכן אַ אל מלא רחמים, און האָט מיט אַ ציטריקער שטים פאַרענדיקט דעם „בגן עדן תהי נשמתו“. שטיל האָבן זיך געהאַלטן די באַגלייטער, בלויז קעראָלאַין סטאָן און מילדרעד זילבערמאַן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווען ר׳ בונים האָט דערמאָנט דעם נאָמען — ר׳ נתן בר׳ ישראל.

נאָך דער לויה האָט קעראָלאַין געראָטן, מען זאָל זיך כאָטש אויף אַ ווײַלע אַרויסטאָן פון ביזנעס און אריין צו דער אלמנה אָפּגעבן זיך אַ שטיקל חשבון וואו די לוריאס האלטן אין דער וועלט. זי האָט זיך געהאלטן צוגעטוליעט צו דער אלמנה, כאָטש ביים לעבן פון נייטן לוריאַן דהאָט מען

זיך זעלטן באַגעגנט. די אַלמנה האָט געבעטן, מען זאָל בעסער צו איר, צו קעראַלאַין סטאַן, פאַרפאָרן פון בית־עולם מחמת א פחד פאַלט איר אָן אומצוקערן זיך אין דער פוסטער שטוב.

אַזוי אַרום האָט מען זיך נאָך דער לויה, מיט שווערע גלידער און שווערן געמיט, צונויפגענומען אין דער רייכער היים ביי די סטאַנס. דאָס יונגוואַרג, אויסער הילל'ס קינדער און ברכה רודמאַן, האָט זיך אַריבער־געקליבן אין א זייטיקן צימער. דער עלטערער דור איז געבליבן אין גאַסט־צימער און מיט טרויער און חידוש איינס דאָס אַנדערע באַטראַכט.

— וואָס זיינען אונדזערע יאָרן אַוועק? — האָט דניאל אויפגעהויבן די אויגן צו די לוריאס, וואָס זיינען געזעסן צוזייט איבער דעם גרויסן גאַסט־צימער — ס'האַרץ האָט מיר אונטערגעזאָגט, אז טאָמער האָט מען זיך פון רוסלאַנד געריסן, וועט גאָר זיך אויסוועפּן דאָס ביסל יידישקייט. ד'האָט־זשע אויף מיר קיין פאַראיבל ניט, אויב כאָטש מיט מיין געלט, אויב ניט מיט מיינע הענט, סופאָרט איך די וואָס בויען די אייביקע יידישע היים אין ארץ ישראל.

— אַוואו איז יידישע היים אייביק, דניאל? — האָט הילל געריבן נער־וועאיש דעם געפאַלדעוועטן שטערן — ס'איז גיכער נייע היים. אומעטום איז איצטער אונדזער נייע היים, נאָך דעם ווי די אַלטע רוסלאַנד האָט מיטן קאָפּ פאַרלייגט. יעס, קינדער, מ'האָט פאַרשפּעטיקט. דאָס, וואָס איז שוין אויסגערונען, וועט מען ניט סייפן. ווער־ווער, אונדזער יוגנט וועט ניט בויען די יידישע היים, און אוודאי ניט קיין יידישע וועלט. אָט זיינען מיינע זין, ווי אַזוי האָב איך זיי געקענט צובינדן צו זיך און צום יידישן פאָלק, אז די פרייהייט־ווינטן האָבן זיי אוועקגעטראָגן פון מיר?

דער אַלטער ר' בונים איז געזעסן מיט א געבויגענעם קאָפּ און אויס־געהערט ד'הילל'ס רייד. נאָך דעם „אל מלא רחמים" אויפן בית־עולם האָט ער דערשפּירט די עלטער אין די ביינער און האָט זיך איצטער, אין זיין רייכער פלימעניצעס היים, ניט געפילט אויף דעם ריכטיקן אָרט. טרערן זיינען אים אַנגעקוואָלן אין די אויגן, האָט ער זיי מיט די טרוקענע פינגער אויסגעווישט.

— קיין יורש האָט ער נאָך זיך ניט געלאָזן, קיין קדיש אויך ניט. כאָטש, ווי איך פאַרשטיי, האָט ער פון יידישקייט ניט געהאַלטן. אויב כ'וועל דעם יאָר איבערציִען, וועל איך נאָך אים זאָגן קדיש.

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט דער אַלטער ר' בונים, מיט א געבויגענעם קאָפּ, גענומען זוכן די טיר ארויסצוגיין.

הילל ד'האָט נאָכגעקוקט דעם אַלטן ר' בונימען, וועמען קעראַלאַין האָט אַרויסבאַגלייט, און געזאָגט:

— מיר זיינען דאָ אויך דער אַלטער דור המדבר. ניט מער, וואָס יענער אַלטער דור איז אויסגעשטאָרבן אין משך פון די פערציק יאָר, און מיט דעם יונגן דור איז מען געגאַנגען איינצונעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. דער היגער דור המדבר וועט אַוועק, און דער יונגער דור וועט אויסגעטרונגען ווערן ווי גאָר ניט געווען. אין דעם נייעם לאַנד און פרייער היים איז מיר, קינדערלעך, פינצטער פאַר די אויגן.

מאָו לוריאַ איז געזעסן אַ פאַרביטערטער. די לעצטע צייט פירט ער זיין אייגענעם חשבון הנפש. אין אים האָט אויפגעוואַכט זיין אייגענע יוגנט, וואָס מאָנט אַ תכלית, אַ יידישן תכלית, און ווייסט ניט ביי וועמען. איצטער, אין שאָטן פון טויט, אין קעגנוואַרט פון די לוריאַ־טאַטעס, וואָס פילאָזאָפירן און ווייסן אַליין ניט ווי צו באַקעמפן דעם אייגענעם יאוש, האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אריינזאָגן דעם אייגענעם טאַטן זיינעם וואָס האָט קרוב צו פופציק יאָר פון זיין לעבן געלאָזט אויסרינען אין זאַמד, און איצטער האָט ער זיך ארומגעקוקט, אַז אַלץ האָט מען פאַרשפּילט.

ער האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט די בליקן אָן זיין עלטערן ברודער דעם לאַיער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן ראַם פון קאַמין און גע־שמייכלט. מאָו לוריאַ האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער פאַרשטאָרבענער אָנקל בייטן איז אין דער יוגנט געווען ענלעך צו דעם ברודער זיינעם.

איינציקוויטז זיינען פון צווייטן צימער אריינגעקומען לואי און סילוויאַ זילבערמאַן און מיט זיי — טעלמאַ סטאַן. מיט אַ פרעמד פּיערל אין די אויגן האָט טעלמאַ באַטראַכט די עלטערע לוריאַס. די לעצטע צייט האָט מען געשמועסט, אַז דאָס גבירישע טעכטערל האָט אָנגעהויבן אריינקוקן אין קלויסטער אריין, און אַ סברה, אַז אין גיכן וועט זי חתונה האָבן מיט אַ הערפּאָלגרייכן, ניט גאָר יונגן לאַיער, אַ מיסטער דזשיימס גאָלדאָני, אַן איטאַליענער.

מאָו לוריאַ האָט באַטראַכט זיין אייגענעם ברודער און טעלמאַן, און ניט געקענט זיך אַליין קאָנטראָלירן:

— איר, טאַטעס אונדזערע, איר האָט געזינדיקט. אייך וועט עס ניט פאַרגעבן ווערן. איינציקוויטז האָט איר פאַרלייגט אַ בית־עולם מיט וועלדער מירמלשטיינערנע מצבות! וואָס האָט איר פאַרן צווייטן דור אין לעבעדיקן לעבן געבויט? וואָס ליגן דאָ צוויי מיליאָן יידן אין ניו־יאָרק, רייסן די אויגן פון די ניט־פאַרגינערישע באַלעבאַטים אונדזערע? פאַרוואָס האָבן זיי ביז איצטער אויף די אמעריקאַנער פּריירים, בערג און טאָלן ניט אויפ־געבויט און אַנטוויקלט אַן אייגענעם שטאַט? אונדזער קאָנסטיטוציע דער־לויבט דאָך עס! די מאַרמאָנען האָבן געפונען פרייע לאַנד און האָבן געשאַפן דעם שטאַט יוטאַ; האָט איר מיט פופציק יאָר צוריק ניט געקענט אָנהויבן טאָן דאָס אייגענע? געגנטן האָבן געפּוסטעוועט, און איר האָט ניט פאַר־זען אויף אייביק. איצטער רייסט מען אויף די אויגן ביי די געשוואָלענע אַנטיסעמיטן. איר פאַרכאַפּט ניו־יאָרק, כאָטש יידן האָבן ניו־יאָרק געבויט! קיינער וואָלט ניט געהאַט די חוצפה אונדז אויפוואַרפן, אַז מיר האָבן עפּעס פאַרכאַפּט, ווען אַנשטאָט אַ פאַרפלוכטער שטאָט וואָלטן מיר אויף אַ יונג ערד געבויט אַ שטאָט!

אומגעריכט האָט טעלמאַ אַ טרוקענעם לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו, טאָכטער מיינע? — האָט קראָלאַיק, וואָס איז גע־שטאַנען ביי דער טיר, אַ צעטומלטע געפרעגט.

—איך לאַך ווען אַ יונגער מענטש, אַ גראַדואירטער מעדיקער, זאָגט אַן אבסורד.

— בראַוואָ, טעלמאַ — האָט היללס עלטערער זון אויפגעלעבט — מער ווי לאַכן קען מען ניט פון אַ שאָוויניסטישער פאַנטאַזיע. לאָז די יוגנט

גיין איר אייגענעם וועג, מאָו! וואָס פריער די יידישע יוגנט וועט אוועק און הינטער זיך אָפּוױשן די יידישע שפּורן, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר אונדז אַלעמען. שטעל זיך ניט אין וועג דעם נאַטירלעכן גאַנג פון אַסימילאַציע. לעבסט אין אַ פרייען לאַנד מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג, וואָס האָט דעם ווילן און די פּאָטענץ אויפצושטעלן אַ גרויס פאָלק, אַ מאָנאָליטיש פאָלק. שטיי ניט אין וועג דעם נאַטירלעכן פּראָצעס! פון די לוריאס איז דער אָנקל בייטן געוועזן דער איינציקער, וואָס האָט מיט פופציק יאָר צוריק באַגריפן וואוהין דער וועג פון היגן געבאָרענעם פירט.

— פאַר דער צייט שטאַרבט קיינער ניט, מיין טייערער קאָזין, — האָט ברכה רודמאַן זיך געפּלייסט צו זיין מונטער — אייערע לייט ווען דאָס יידישע פאָלק ניט אויסראָטן פון דער וועלט. איך בין צופרידן וואָס איך האָב היינט געזען דעם גרויסן יידישן בית־עולם. אין יידישן הייסט עס אויך: „בית החיים". עס וועלן די יידישע בית־עולמס נאָך אַמאָל אָנהייבן רעדן מיט דער שפּראַך פון לעבן. יע, מאָו, פּונקט יעמאָלט, ווען דו ביסט פּעסימיסטיש, דערשפּיר איך אין זיך אַ פונק גלויבן.

— מען האָט אויסגעהאַקט אַ בוים ציטערט דער וואַלד... שאַדט ניט — האָט דר. לוריאַ, אַ צושטרייטער, גערעדט אויף דער זייט פון זיין ברודער הילל — אונדזערע זיבן און פערציק יאָר אין אַמעריקע זיינען אויסגערונען געוואָרן, אָבער פינף מיליאָן יידן ציילט פאַרט די פרייע אַמעריקע. דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין איין לאַנד. מאָו האָט אַרויסגעבראַכט אַ וויכטיקן געדאַנק. אפשר איז עס נאָך ניט פאַרשפּעטיקט. אפשר האָט געדאַרפט אוועקגיין אַזאַ שורה יאָרן, כדי זיך אויסצורוען פון וועג. ווען מיר רייסן זיך יעמאָלט, אין דריי און אַכציקסטן יאָר, ניט אָפּ פון דער גרויסער ערד, ווער ווייסט וואו מיר וואָלטן איצטער אָנגעשפּאַרט.

— קיין ארץ ישראל, זכריה, האָבן מיר יעמאָלט געדאַרפט ציען. ניט מיט דעם „עם עולם", נאָר מיט די „בילועווצעס!" דאָרטן וואָלטן מיר געשפּירט די וואָרצלען. און די קינדער אונדזערע, ווער זיינען זיי? וועסט מיר, לילי, פאַרציילן — האָט דניאל אַריבערגעקוקט צו זיין פּאַרטראָגענער ווייב — איך וועל נאָך מיט דער צייט פאָרן אַהין, אויב דו וועסט מיט מיר מיטהאַלטן. קום צו מיר — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו ברכה רודמאַן — אַט זאָג איך פאַר אַלעמען אין אַזאַ טאָג וואָס מיין הארץ איז מיר צובראָכן און טוט ווי... גרייט זיך אין וועג אריין. דו און דיין ברודער, גרייט זיך אין וועג אריין. איך וועל מיט אַלץ באַזאָרגן.

בנימין רודמאַן, וואָס איז געזעסן און די גאַנצע צייט געשוויגן האָט זיך אונטערגעהויבן און געזאָגט:

— איך וואָלט וועלן, זיי זאָלן שוין בלייבן אַרום טאַטע־מאַמע, אַניש...

ער האָט ניט דערזאָגט, און צוריק זיך אַנידערגעזעצט.

מיט דרייסטע טריט איז ברכה צוגעגאַנגען צו דניאלן, זיך אונטער־געהויבן, אים אַ קוש געטאָן, און געזאָגט:

— אוודאי וואָלט מיר ליב געווען, איך זאָל אַליין קענען פאַר זיך אויסלייגן דעם וועג... איך דאַנק...

זי האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים און, מיט אונטערגעבראָכענע טריט, איז זי אַרויס פון צימער.

* * *

מאַו לוריא איז געזעסן ביי זיין אָנקל, דר. לוריא, אין אָפיס און געווישט דעם שווייס פון פּנים. ער איז געגאַנגען צופוס פון א שפּיטאָל אַרום דער הונדערטער גאַס, וואו ער איז ווי א יונגער דאָקטער געווען באַשעפטיקט. די פיס האָבן אים געטראָגן דורך די געזעמלען אַראָפּ צו דער איסט־סייד. אָהין ציט עס אים די לעצטע צייט. ער האָט אויס־גערעכנט צו טרעפן דר. לוריאן אינדערהיים און מיט אים זיך דורכרעדן וועגן א פּאָר פּערזענלעכע ענינים, אָבער קיינער, אפילו פּערל, איז אויך אינדערהיים ניט געווען.

ער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט פון לאַנגן שפּאַציר, געטראַכט אָנשרייבן עטלעכע ווערטער, אַז ער איז געווען, און זיך אַוועקלאָזן צופוס צו די אבצי־קער גאַסן וואו ער האָט געוואוינט — איז פּערל מיט איר טעכטערל, ראשעל, אָנגעקומען און געבראַכט מיט זיך גאָר די היימישקייט.

— ווי קומסטו איצטער אַהער, טייערער מאַו? — האָט פּערל אים געטראָגן ביידע הענט אָנטקעגן — וואָס פּאַר א גוט יאָר האָט דיך אין אַזא היץ געבראַכט אהער? באַלד וועט זכריה קומען, ער האָט טעלעפאָנירט, אַז פיר א זייגער וועט ער דאָ זיין.

מאַו האָט געקושט פּערלס הענט, און באַטראַכט איר לעבעדיקן פּנים. „וואָס איז דער סוד פון איר יוגנט? — האָט ער געטראַכט — פון וואַנען שעפּט א מענטש אַזוי פיל גלויבן אין זיך, אין לעבן?"

— ביסט די לעצטע צייט אומעטיק, מאַו. עס פאַרדריסט מיך שטאַרק. האָסט אַזויפיל יאָרן אַוועקגעגעבן דעם קאַלעדזש, געשטרעבט צו זיין דאָס וואָס זכריה איז; האָסטו געענדיקט, דערגרייכט דיין ציל און, ווי איך פאַרשטיי, ביסטו מיט זיך ניט צופרידן.

— צופרידנקייט איז א זעלטענער אַרטיקל, פּערל.

— אָט בין איך אַ צופרידענער מענטש.

— איך גלויב עס ניט.

— פאַרוואָס, מאַו, גלויבסטו ניט? פאַראַן די פילאָזאָפיע פון לעבן, וואָס יעדן טאָג באַנייט זי מיט פרילינג. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? גלויבסט ניט אַז אַ פרוי קען האָבן אַ מאַן וואָס טראַכט, און טראַכט אויך לאָגיש? וואָס א פרוי זוכט מיידלוויז געפינט זי דאָך קיינמאָל ניט. און זאָגן, אַז איך האָב ניט געחלומט אויף דער וואָר, ווי דאָס טוען די מערסטע מיידלעך, וואָלט איך פאַרלייקנט מיינע מיידלשע אייגנשאַפטן.

— וואָס איז דיין פילאָזאָפיע פון לעבן? דערקלער עס מיר, פּערל, אין א פּאָר ווערטער.

פּערל האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט איר פּלימעניק, און באַשטימט, אויף דעם ניט צו ענטפערן. זיינע שטימונגען האָט פּערל באַגריפן. דר. לוריא האָט מיט איר א סך מאָל גערעדט וועגן אים. פּערל האָט אין אים דער־קענט א שטאַרקע ענלעכקייט צו איר מאַן. די אייגענע אומצופרידנקייט און א סך ענלעכקייט אין אויסזען, ניט מער וואָס דר. זכריה לוריא האָט

מיט זיך געבראַכט פון דער היים אַ קוואַל ייִדישע טראַדיציע, ייִדיש בלוט און ייִדישע בענקשאַפט. און דאָ אין לאַנד צווישן די מיליאָנען ייִדן איז עס אַלץ אויסגעטריקנט געוואָרן. מאָו לוריאַ איז אין ניו־יאָרק געבאָרן געוואָרן, און געוואָקסן איז ער שפּעטער אויפן פאַרם אין די קעצקלס. זײַן פאָטער הילל לוריאַ, אין די ערשטע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געגלויבט אין זײַן אויפטו, געהאָפט, אַז אַ געדיכטער ייִדישער ישוב וועט בײַ דער ערד אויסוואַקסן, ייִדן וועלן גאַנצע געגנטן צעאַקערן און פלאַנצן אַ ייִדישעווירקלעכקייט — אין יענער צײַט האָט ער די קינדער געלערנט ווי מען שרײַבט אַ ייִדישן אות, געלערנט לעזן און אַביסל שרײַבן. שפּעטער, ווען זײַנע האָפענונגען זײַנען פון אים פאַרשוואונדן, די קינדער, אינאיינעם מיט ניט־ייִדישע קינדער, פריער אין „פּאַבליק סקול" און שפּעטער אין „הײַ־סקול" האָבן אָנגעהויבן אײַנזאַפּן שפּראַך, געשיכטע און נאַציאָנאַלן שאָוויניזם — האָט ער אַראָפּגעלאָזן די הענט. און נאָך שפּעטער, ווען די זין זײַנען אַוועק אין שטאָט זוכן אַ פּראָפעסיע — זײַנען זיי אינגאַנצן אַרויס פון זײַן רשות. האָבן אַרײַנגעבליקט אין דער ברייטער אַמעריקאַנער וועלט, זאָל עס זײַן ניו־יאָרק, און דאָרטן זיך פאַרלאָרן. דער עלטערער זון, איזידאָר, האָט געגלויבט, אַז דער איצטיקער וועג פאַר דער ייִדישער יוגנט איז אַסימילאַציע. אָבער דער ייִנגערער, מאָו, דווקא ווען ער האָט שוין געהאַלטן בײַם ענדיקן זײַן מעדיצינישן קורס, האָט ער דערשפּירט, אַז ער איז אָן וואָרצלען און לעבט אין אַ פּוסטן חלל. „אַ דאָקטער... וואָס איז אַזוינס אַ דאָקטער? ... אַ דאָקטער מעדיצין." — האָט ער אַליין בײַ זיך געפרעגט, און געענטפערט: „דאָקטער מעדיצין איז אַבסטראַקט, אָבער אַ ייִד געבאָרן ווערן, אַפילו אין דער פרײַער אַמעריקע, איז אַ טרויעריקער פאַקט. און עס איז אַ פאַטאַלער טעות צו מיינען, אַז וואָס ווײַטער מען דער־ווײַטערט זיך פון אייגענעם שורש — אַלץ אויסדערלייזטער ווערט מען!..."

די לעצטע צײַט, זינט ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין שפּיטאָל, איז אים שטאַרק טרויעריק. די דאָקטוירים, ייִדישע און ניט־ייִדישע, מיט וועמען אים קומט אויס צו אַרבעטן, זײַנען אים פרעמד; זעען אים אויס ווי מענטשן פון אַן אַנדער וועלט.

ער טראַכט אָפט פון זײַן פעטער דניאל לוריאַ. אים איז גוט באַקאַנט געווען דער גײַסטיקער מצב זײַנער און פון זײַן ייִנגערן זון דזשייקאָב. בײדע איבערגעבענע ציוניסטן; פאַרמעגלעכע און פאַרהאָרע־וועטע מענטשן, וואָס קויפן זיך אויס די נאַציאָנאַלע זינד דורך דעם וואָס מען גיט געלט אויף ארץ ישראל. עפּעס, זאָל זײַן אַ גרויסער עפּעס, העלפן זיי בויען דאָרטן. אָבער דאָ, וואָס בויען זיי דאָ? בײַ זיי איז דער עלטערער זון אַ משומד, און אַ ריכטער. „מיט וואָס איז ער אַנדערש פון זײַן טאַטן און עלטערן ברודער?" מאָו לוריאַ האָט צווישן זיי ניט געפונען קיין גרויסן אונטערשייד. ער באַנעמט גוט דער רויט־האָריקער ברכה רודמאַנס פאַר־לאָרנקייט. אים באַפאַלט אַ פחד ווען ער נעמט פאַר אַ בײַשפּיל אַזעלכע ווי זי, אָדער איר ברודער פּנחס. ער האָט די לעצטע צײַט אָנגעהויבן שטאַרק שפּירן זײַן פאָטערס טראַגעדיע, וואָס איז סוף כל סוף אויך זײַן אייגענע טראַגעדיע.

מיט זיין פעטער, דר. לוריא, האָט ער אַ פּאָר מאָל אויפגענומען דעם ייִדישן פּראָבלעם דאָ אין לאַנד, און ער האָט ארויסגעזען, אַז דר. לוריא האָט ניט פאַר זיך קיין פּונק האָפענונג, ווען עס איז זאָל דאָס פּאַרלאָרענע צוריק געפונען ווערן, דעריבער לעבט ער אָן אַפּגעזונדערט לעבן. ער איז וואָך צו אַלץ וואָס קומט פאַר אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט, און באַטייליקט זיך אַליין ניט אין קיין שום ייִדישער, נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

פּערל האָט זיך געוואָלט דערקלייבן צו מאַו לוריאַס איבערלעבונגען:

— זכריה האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט ניט צופרידן מיט דיין פּראָפעסיע — האָט פּערל געפּאָרשט אין זיין פּנים — צי האָסטו געדאַרפט וואַרטן ביז דו ווערסט ענדיקן און דערבאַכדעם זיך אַנטוישן?

דר. לוריא איז אַריינגעקומען. ער איז געווען פאַרחידושט צו טרעפן זיין פּלימעניק.

— פּוילסט זיך, מאַזעס, — האָט אים דר. לוריא באַטראַכט — וואָס האָסטו געהערט פון דיינע לייט, ווי פּילט זיך דער פאָטער?

— מיטן אָנקומען פון זומער קומט מיין פּערזענלעכע טראַגעדיע, אָנקל — האָט מאַו לוריא גערעדט מיט אַ געפּאַלענער שטים — איך בין היינט אַ פּאַרלאָרענער מענטש. יעס, אָנקל, איך טראַכט: וואָס האָט איר דאָ אַלע געטאָן זינט איר זייט געקומען קיין אַמעריקע? אַרבעטן און עסן און נאָך אַזעלכע פליכטן, איז דאָס אַלץ וואָס איר האָט דאָ באַוויזן? פאַרוואָס האָט איר ניט צוגעגרייט קיין ייִדישן באָדן פאַר די קינדער וואָס זיינען דאָ געבאָרן געוואָרן? פון איין זייט, פּילן, אַז דו ביסט אַ ייִד, און קיין ייִדישן באָדן שפּירסטו ניט אונטער די פיס! ביסט אַ ייִד, אָן קיין שום פליכט צו אָן אָרגאַניזירטן ייִדנטום — ווייל דאָ עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך ווי אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל די פינף מיליאָן ייִדן האַלטן — איין גוף און איין נשמה.

מאַו האָט זיך אָראָפּגעלאָזן אויף דער זאָפע, ער האָט אויסגעזען שטאַרק געעלטערט. אין דער ערשטער רגע איז דר. לוריא געווען צעטומלט פון זיין פּלימעניקס טענות. געווען שאַרף און קלאָר געפרעגט. און אויף וויפיל די פראַגע איז אים געשטעלט געוואָרן, האָט ער זיך געשפּירט אַ שולדיקער. פאַר אים האָט זיך אויפגעעפנט אַ טירל צו דער טראַגעדיע פון דעם טייל צווייטן דור, וואָס שפּירט נאָך דעם קשר מיטן ערשטן דור.

— איצטער פאַרשטיי איך עפּעס — האָט פּערל זיך צוגעזעצט לעבן מאַו לוריאַן — איצטער איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן. אָבער, מאַו, אַז אַ מיידל צעשפּיליעט איר האַרץ פאַר אַ מאַן, און ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, איז עס אויך אַ זינד.

מאַו לוריא האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט פּערלען. ער האָט גוט געוואוסט וואוהין זי צילט. ער איז ניט געווען גערן איבערצוגיין רעדן אויף דער טעמע, וואָס פּערל איז נייגעריק געווען צו רעדן. „דאָס זיינען זיי די פרויען — האָט מאַו געטראַכט — זיי ווילן אַזוי לאַנג רעדן פון עפּעס, וואָס האָט מיט די אייגענע געפילן גאָרניט וואָס צו טאָן, און ווילן מיט דער צייט אַליין אָנהויבן אין דעם צו גלויבן."

— יעס, מאַו, עלווירא ווילסאָן איז אַ שטיק אַמעריקאַנער געזונטע און נאָרמאַלע ערד, כאָטש אין ניו־יאָרק איז זי געבאָרן געוואָרן. איך האָב

מיטלייד מיט איר. די לוריאס פעלט עפּעס. אַלע זייט איר ניט ווערט, אַז אַ פרוי זאָל אייך ליב האָבן.

— דאָס האָט מיט דעם ניט צו טאָן, פּערל — האָט דר. לוריא, אַ צעשטרייטער, זיך אָפּגערופן — דאָס, וואָס מאָו האָט אונדז אויפגעוואָרפן, איז ברוטאַל און טראַגיש. ער איז גערעכט. אויב ער פילט און לעבט איבער דאָס וואָס ער זאָגט, מאָנט ער עס ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר הונדערטער טויזנטער אין זיין גלייכן, וואָס האָבן אפשר ניט דעם קלאָרן אויסדרוק פאַר זייער אומצופרידנקייט. מיר האָבן דאָ צופיל געזאָרגט פאַר אונדזער קינדערס גוף, אָבער מיר האָבן פאַרגעסן צו זאָרגן פאַר זייער גייסט און נשמה. מיר האָבן בלויז געזאָרגט פאַר זייער ברויט און פּוטער. מען איז געקומען פון אַ לאַנד, וואו דער ייד איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, אין אַ לאַנד אַריין, וואו אַלע מעגלעכקייטן זיינען פאַר אים אָפן און ניט באַגרעניצט; געקומען פון אַ לאַנד, וואו פאַרן קינד איז דער חדר געווען די היים פון יידישן גייסט, אין אַ לאַנד, אַריין, וואו די „פּאָבליק סקול" האָט אויסגעשפּרייט פאַר דעם קינד דאָס גאַנצע לאַנד, פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק.

— מיר דוכט, אַז מאָו איז ענטוישט אין זיין פּראָפעסיע, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. זאָג אים, זכריה, אַז מעדיצין קען זיין ניט נאָר אַ פּראָפעסיע, נאָר אויך — אַן אויסוועג פאַרן כאַראַקטער, וואָס זוכט גוטס צו טאָן. יעס, יעס, ווען איך בין דר. מעדיצין, וואָלט איך אין זיך אַנטוויקלט דעם גלויבן, אַז איך פאַרמאָג דעם כח צו מאַכן פון טויט לעבעדיק. איך קען פאַרגרינגערן גייסטיקע און פיזישע יסורים. איך קען אריינברענגען פרייד אין ים מענטשלעכן טרויער; איך קער אום עלטערן צו זייערע קינדער און קינדער — צו זייערע עלטערן.

— ווען אזוי דענקען און פילן אלע מעדיקער, וואָלטן זיי אָן מעדיצין געזונט געמאַכט דעם חולה. דאָס ווייס מסתמא מאָו, און אַזאַ דאָקטער וועט ער זיין. וואָס ניט, מאָו? ווילסטו נאָך דערלעבן צו נעמען אַנטייל אין אַ באַוועגונג, אויפצושטעלן אַ נאָרמאַלע, געזונטע, נאַציאָנאַל-יידישע סטרוקטור, וואָס וועט דינען ווי אַ מוסטער פאַר קינדער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן דערפילט, אַז עס פעלט זיי נאַציאָנאַלע לופט אין פרייען לאַנד. ביסט גערעכט מיט דיין טענה, אַז יידן האָבן דאָ געדאַרפט נאָכטאָן די מאַרמאָנען, און באַשאַפן אַן אייגענעם שטאַט. אפשר וועט זיך נאָך אַזאַ באַוועגונג אָנהויבן. די רעגירונג אליין וועט אַזאַ באַוועגונג שטיצן.

גערעכט איז געווען פּערל, וואָס האָט מאָו לוריאן דערמאָנט זיין זינד אַנטקעגן אַ מיידל וואָס ד'האָט אים ליב. אינאיינעם מיט זיינע שווערע שטימונגען איז פאַר אים אַלץ אָפטער אויפגעקומען דאָס געשטאַלט פון דר. ווילסאָנס טאָכטער, פון עלוויראַ. זיין זוכן אַן אינהאלט אין יידישן לעבן, וואָס פון דעם האָט ער ביים אָנקומען אין קאלעדזש ניט געטראַכט, איז אויף אַ געווויסן אופן, גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק, האָט אים צו דעם געשטויסן די אייגענע עלווירא ווילסאָן. מיט יעדער באַגעגעניש האָט זי אַלץ מער ידיעות אַרויסגעוויזן אין יידישער געשיכטע, און אויך באַקאַנטשאַפט מיט די רייד פון די נביאים.

— אמתע ליבע האָט דעם כישוף און די קראַפט, וואָס קען פון טאָג מאַכן נאַכט און פון נאַכט מאַכן טאָג — האָט מאַו לוריא אַליין צו זיך גערעדט — אָבער, אַז ליבע זאָל שטויסן, זי זאָל מיט בלינדע חושים זיך אַוועקלאָזן פאַרשן דעם צוטריט צו דער יידישער מיסטעריע, דאָס איז אוי־סערגעוויינטלעך!

נאָך מער האָט אים געחידושט, וואָס ער האָט אויף דעם קריסטלעך מיידל קיינמאָל ניט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז צווישן זיי ביידן איז די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ ייד פון קריסט. זי האָט אומגעשטערט ארויסגעוויזן איר ליבע צו אים ווי צום געזונטן פאַרמער־זון, און ניט ווי צום יידן. אויב ער האָט געפילט די יידישקייט אין זיך יעמאָלט, ווען זי האָט געזוכט זיין נאָענטקייט, האָט ער עס פאַר איר ניט ארויסגעבראַכט. זי אַליין האָט חושד געווען, אַז ער וויל צוליב איר ניט אַוועקגיין פון יידישן פאָלק. זינט עלווירא ווילסאָן איז דורך דר. לוריאס הויז געקומען נעענטער צו יידישע פּראָבלעמען, יידישע זאָרגן און פריידן, איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דאָ אין אמעריקע, אין פרייען לאַנד, שפּילן זיך אָפּ נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס. „פעלקער, ווי איינצעלנע מענטשן, ווילן ניט שטאַרבן מיטן גוטן ווילן. אַמאָל איז עס זעלבסטמאָרד, און אַמאָל צווינגען אויסערלעכע אומשטענדן אַ מינאָריטעט אונטערצוגיין. מיר יידן, מער ווי טיילן פון אַנדערע מאַסן, ציטערן פאַר אונדזער אונטערגאַנג; און מסתמא וועלן מיר ניט אונטערגיין אפילו אין אַזאַ פרייען לאַנד ווי אונדזער אַמעריקע", דאָס האָט אים אַמאָל דר. לוריא אויפגעקלערט.

און דווקא יעמאָלט, ווען דאָס קריסטלעכע מיידל האָט אים באַוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסע יידישע וועלט, האָט ער דערשפּירט אַ פּוסט־קייט ארום זיך. די ליבע פון קריסטלעך מיידל איז ניט געווען גענוג אים אַרויסצופירן פון דערדאַזיקער פּוסטקייט. מאַו לוריא האָט איצטער איבער־געלעבט דאָס אייגענע וואָס דר. זכריה לוריא האָט בחורוויז איבערגעלעבט, ווען ער האָט באַשטימט ניט חתונה האָבן, כדי ניט צו פאַרפּלאָנטערן זיך אין קיין שום פּראָבלעמען און פאָדערונגען, וואָס דאָס יידישע לעבן רוקט ארויס פאַרן יידישן מענטשן.

עלווירא ווילסאָן האָט אים ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט, אַז זי איז גרייט אַוועקגיין מיט אים לעבן אויף זיין פאָטערס פאַרם, וואו ער וואָלט געקענט זיין אַ נוצלעכער דאָקטער פאַר די איינוואוינער פון דער געגנט, און אין דער אייגענער צייט אויפלעבן די פאַרלאָזטע ערד, מיטלעבן מיט דער נאַטור. אויך דאָס האָט ביי אים בלויז געוועקט דעם טרויער.

ער האָט אָנגעהויבן אָפּטער באַזוכן דר. לוריאַן, אויפגעדעקט פאַר אים זיינע ספקות ווי ייד און מענטש, און גרינגער איז אים דורך דעם ניט געוואָרן. ער האָט מקנא געווען און באַוואונדערט פערלס אָפּטימיזם. דאָס וואָס פּערל האָט אים געזאָגט, אַז ווען זי איז דאָקטער מעדיצין וואָלט זי אַנטוויקלט אין זיך אַ כח צו מאַכן פון טויט לעבעדיק, און וואָלט אריינ־געבראַכט פרייד אין מענטשלעכן ים פון טרויער — אירע ווערטער קלינגען אים ממש אין בלוט.

ער קוקט צו פערלען און טראַכט: „איז זי טאַקע גליקלעך מיט אַ מענטשן וואָס איז כמעט מיט דרייסיק יאָר פון איר עלטער? אפשר רעדט

זי אזוי הויך וועגן די ליכטיקע מאָמענטן אין לעבן דערפאַר, וואָס באמרת איז זי אומצופרידן מיט איר אייגענעם גורל. אפשר פאַרשטייט זי איר אייגענעם טרויער!

ער איז געזעסן א געעלטערטער, געגאַרט, פערל זאָל נאָך עפעס זאָגן.

— איך בין אויך אמאָל געגאַנגען זוכן פאָלקאָמענהייט אין קאַלעדזש — האָט פערל ווי דערשפירט זיינע מחשבות — אז איך קוק איצטער אויף צוריק און וויל אויספאָרשן, וואָס איז אין אמתן דאָס פּאָזיטיווע וואָס קאַלעדזש גיט דער יוגנט אין צייט פון פיזישער אַנטוויקלונג, ווערט מיר טרויעריק אויפן דהאַרצן.

— פאַרוואָס? — האָט מאָו לוריא געפרעגט.

— מיר איז עס שווער אין קורצן צו דערקלערן. איצטער ליגט עס מיר ניט אין זינען, מיין טייערע מאָו. איצטער טראַכט איך נאָר פון דיר איבאיינעם מיטן בלאָנד מיידל, וואָס גייט אַזאַ לאַנגן, שווערן וועג, כדי ביי דיר ליבע צו געפינען.

מאָו לוריאן איז דאָס בלוט געקומען אין פנים. ער האָט זיך פאַר־שעמט, און געזאָגט:

— איך דאַנק איך, טאַנטע, דערפאַר וואָס איר גייט צו דער זאַך מיטן גלייכן און קאָרעקטן וועג.

— כאַ־כאַ־כאַ, — ביסט א בייבי, מאָו... צי איז יעדער מאַן אַזוי, ווען מען דאַרף פון אים מאַכן א מענטש, צי דאָס איז נאָר מיט אמתע יידן אַזוי? וואָס זאָגסטו, זכריה?

אין טיר האָט זיך באַוויזן עלווירא ווילסאָן. אלעמענס בליקן זיינען אויף איר געפאַלן. זי האָט דערפילט, אַז פון איר האָט מען גערעדט.

מאָו לוריא האָט זיך געגעבן אַ ריס פון פּלאַץ און איר אַנטקעגן גע־גאַנגען:

— אָ, פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אז מיר רעדן פון דיר?

— ווי אזוי האָט עלווירא געוואוסט, אז דו זיצסט דאָ און לאַנגוויי־ליגסט זיך? — איז פערל צוגעגאַנגען און ארומגענומען עלוויראן — דו ביסט א טייער מיידל, פון טאָג צו טאָג ווערסטו שענער... וואָס טוסטו צו ווערן שענער?

— איך לעב א דאָפּלטן לעבן, אָט דאָס איז עס. איך האָב זיך איינגע־רעדט, אַז איך בין פאַרליבט, כאַ־כאַ־כאַ... איך גיי איצטער פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק, וואו איך האָב זיך דערוואוסט, אז ביי יידן זיינען געווען פאַלשע משיחים, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אז צו דער־לייזן דאָס יידישע פאָלק זיינען זיי געשיקט געוואָרן, און דאָס פאָלק האָט זיך א צייט געלאָזט פאַרפירן. און איינער האָט גאָר גענומען און איז איבערגעגאַנגען צום מאכמעדאנישן גלויבן. שאבאטי... שאבא... מיר איז שווער אַרויסצורײדן זיין נאָמען. פרויען זיינען אים נאָכגעגאַנגען, פרויען, נאַרישע און גלויביקע, כאַ־כאַ־כאַ...

דר. לוריא האָט מיט חידוש אָנגעקוקט עלוויראן.

— דאָס געפעלט מיר, מיס ווילסאָן. גוט ווען דורך ליבע ווערט מען גייסטיק רייכער און דערהויבן — האָט דר. לוריא, א צושטרייטער, גע־

רעדט — און ווען דורך ליבע באַגרייפט מען נאָך א פרעמד פאָלק און זיין גאָט...

— ניט קיין באַווייז, דאָקטער, ניט קיין באַווייז. וואָס זאָגט איר, פערל, איז ניט ווערט צוליב ליבע אָנהויבן גלויבן אין גאָט? פאַרוואָס אזוי אומעטיק, מאַו?

— איך האָב פון דיר געטראַכט, עלווירא. צווישן צוויי באַזונדערע וועלטן האָט דער טרויער זיין היים.

עלווירא האָט אים א ווילדע אָנגעקוקט, און מיט א געפּאַלענעם טאָן געזאָגט אויף דער זייט פון דר. לוריאַן פערלען:

— ביי אונדז זיינען היינט ביינאַכט געסט, אפשר וועט איר אלע אונדז באַזוכן?

— איך בין פאַרנומען, — האָט דר. לוריא זיך אָפּגערופן — אפשר דו פערל?

— ניין, איך דאַנק. היינט קען איך ניט.

— און דו מאַו — האָט עלווירא זיך א רודער געטאָן — יע, דו וועסט גיין... וועסט ניט חרטה האָבן. איר וועט ניט האָבן קיין פּאַראיבל אַז איך וועל אים פון אייך צונעמען. קום מיט מיר, מאַו, אויב דו האָסט נאָר צייט. איך דאַרף אינערגעץ צוגיין, באַגלייט מיר. גוד־ביי, מיינע טייערע...

זי האָט גענומען מאַו לוריאַן ביים האַנט, און ארויסגעפירט פון שטוב.

* * *

עלווירא ווילסאָן האָט קלאָר באַגריפן ווי איר אייגענע, ניט־יידישע וועלט ווערט אָפּגערוקט אַן א זייט און באַהאַלט זיך צומאָל הינטער א נעפּל. אין אַזאַ רגע האָט זי זיך פאַרלאָרן און געזוכט אַן אָנהאַלט און קרייז פון אירע נאָך ניט נאָנט־געוואָרענע יידישע פריינט, וואוהין זי איז אויף גאָר אַן אומדערוואַרטעטן אופן ארייגעשטויסן געוואָרן.

עס קען זיין, אַז דאָס יידישע מיידל מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, וואָס איז פון א פרעמד לאַנד און פרעמדער וועלט אריינגעקומען אין איר וואַרימער היים, און געוואָרן איר שטיפמאַמע, האָט גורם געווען, אַנטקעגן איר אייגענעם ווילן און וויסן נאָכצוטאָן איר קלוגן, געראָטענעם פאָטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט א יידישער טאָכטער.

— פאַר מיר איז זי א פרוי, וואָס איך האָב ליב. איר נאַציאָנאַליטעט האָט מיט מיר און מיט מיין ליבע ניט צו טאָן.

דאָס האָט דר. ווילסאָן געזאָגט זיין טאָכטער; אָבער געווירקט האָט עס אויף זיין טאָכטער גאַנץ אַנדערש:

— א פרוי איז אזוי לאַנג א פרוי ביז זי באַהערשט דעם מאַן. שפּע־טער איז שוין געווענדט וואָס פאַר א בלוט עס שטראָמט אין אירע אָדערן.

דר. ווילסאָן האָט זיך האַרציק צולאַכט, ווען זיין טאָכטער ד־האָט אים אַזוי קלוג געענטפערט. ער האָט יעמאָלט ניט געפונען פאַר נויטיק אריינ־צולאָזן זיך מיט זיין טאָכטער אין א וויכוח, באַווייזן איר, אַז מיט זיין חתונה האָבן א צווייטן מאָל, איז ער נאָך אַלץ איר פאָטער, וועמעס בלוט עס שטראָמט אין אירע אָדערן.

דר. ווילסאָן האָט אויך ניט אויסגעפרעגט זיין טאָכטער וואו זי ווערט אזוי אָפט פאַרפאַלן. ער האָט ניט חושד געווען, אז עלווירא גייט אזוי אָפט

אַוועק פון שטוב ווען ער קומט אהיים, כדי אים ניט צו שטערן אָנצוזעטיקן זיך מיט זיין ליבע, וואָס האָט ערשט אַיצטער אויפגעבליט אין זיין שטוב. זינט יוסטינע רודמאַן איז געוואָרן מיסיס ווילסאָן. ער האָט געאַנט וואוהין זי צילט און וואו זי זוכט איר באַגייסטערונג. ער האָט געוואוסט, אַז זי איז אַן אָפּטער גאַסט ביי דר. לוריאַן; און, באַגעגענדיק עטלעכע מאָל אַליין דר. לוריאַן און פּערלען, איז ער געווען רואיק, און געגלויבט, אַז וואָס פאַר אַ וועג זיין טאָכטער זאָל זיך ניט אויסקלייבן אין לעבן — וועט זיין פּאָטער־ליבע ניט פאַרשעמט ווערן.

אמת, דר. ווילסאָן האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עלווירא, וואָס ד'האָט אַזוי ענערגיש געאַרבעט דורכצוברעכן די וואַנט וואָס איז געשטאַנען צווישן אים און יידישן מיידל, איז איצטער גאָר, ווען דאָס יידישע מיידל האָט איבערגענומען די היים, באַמערקט ער ווי עלווירא ווערט אָפּגעקילט צו יוסטינען. זעלטן באַמערקט ער ביידע פרויען גאַנץ צוזאַמען, ווי דאָס איז געווען איידער יוסטינע איז אריינגעקומען צו פאַרנעמען די היים. מיט טרערן אין די אויגן האָט יוסטינע אים געפרעגט, צי איז אָפּטמאָל זיין טאָכטער גאָר אומצופרידן וואָס ער האָט חתונה געהאַט.

— פאַרוואָס איז עלווירא מיט מיר מער ניט אַזוי נאַטירלעך ווי זי איז געווען יעמאָלט, ווען איך האָב זיך דערוויטערט פון דיר?

אויף דעם האָט דר. ווילסאָן געענטפערט:

— דאָס איז די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע. ביי געוויסע חיות, אַז איינע קומט צו פאַרכאַפּן אַן אָרט, וואָס איז געוואָרימט געוואָרן פון אַ צווייטער, ברעכט אויס אַ בלוטיקער געשלעג. מענטשן זיינען ציוויליזירט. מענטשן באַמיען זיך אָפּצוטרעטן דאָס אָרט, אויב עס פאָדערט די עטיק פון היינטיקער געזעלשאַפט.

— בין איך געקומען איר אָרט פאַרנעמען?

— דו ביסט עס ניט אויסן געווען.

— דערקלער עס מיר.

— עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם פּלאַץ אין מיין גרויסער היים; עס האַנדלט זיך וועגן פּלאַץ, וואָס אַ קינד פאַרנעמט אין בלוט פון עלטערן.

— האָב איך איר ענג געמאַכט?

—— דאָס אוודאי ניט. ענגשאַפט איז נאָר אַ באַגריף. עס איז אפשר איר באַגריף, אָבער ניט דיין ד'האַנדלונג. איך באַשולדיק דיך ניט אין אַ זינד, וואָס דו ביסט ניט באַגאַנגען. דאָס איז צייטווייליק. עלווירא וועט געפינען דאָס וואָס זי זוכט. מיין בונד מיט דיר האָט איר געגעבן דעם ערשטן שטויס, ניט צו בלייבן אַן אַלט מיידל. איך ווייס וועמען זי זוכט. וואָס פאַר אַ קרבן זי וועט ברענגען — וועט עס ניט זיין צופיל, אויב זי וועט נאָר דערגרייכן איר ציל.

— האָט זי ליב יידן?

— אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

— פאַרוואָס האָט זי זיך אריינגענומען אין קאָפּ דעם יונגן לוריאַן? זאָל זי ניט קריכן מיט אַ געזונטער קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט אריין.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— ער איז אַ נאַציאָנאַלער ייד.

— איך האָב עס ניט אויסגעפּאַרשט.

— מיך פּאַרדריסט עס. יידן דאַרפן שוין אַמאָל פון זיך אָפּווישן זייער פאַרגאַנגענהייט. מיין ברודער און די ייִנגערע שוועסטער וועלן געוויס אָוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע. זאָלן זיי. אַהין איז זייער וועג.

— האָסטו דאָס געזאָגט עלוויראַן?

— איך האָב איר געראָטן, ניט אויסצובייטן אַ געזונטע וועלט פאַר אַ קראַנקער און אומנאָרמאַלער וועלט.

— ניין, מיין טייערע, איך האָב גאָר ניט דאַגעגן, אויב דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט דערצויגן פון די אוראַלטע צייטן ביז צום הייַנטיקן טאָג, זאָל ווייטער לעבן ווי אַ פאָלק, כאָטש צעשפּרייט איבער אַלע וועלטן.

— האָסט ביז גאָר ניט לאַנג געהאַט אַן אַנדער מיינונג. בין איך שולדיק וואָס דו האָסט געביטן דיין מיינונג?

— עס קען געמאָלט זיין.

ווען עלווירא ווילסאָן איז מיט איר אינסטינקט געקומען צו דר. לוריאַן, דאָרטן געפונען מאָן לוריאַן אַ טרויעריקן, און אים ארויסגענומען דרויסן, האָט ער גערעכנט, אַז זי וויל אים פירן צו זיך אַהיים, ווי זי האָט עס געפּראוווט טאָן די לעצטן צייט. אָבער עלווירא האָט אים געבעטן, ער זאָל זי פירן איבער דער איסט־סייד.

— איך וויל קענען די גאַס וואו דיין פאָטער האָט בחורווייז געלעבט, איך מיין וואו די לוריעס האָבן זיך באַזעצט ביים אַנקומען אין לאַנד. אין די אַכציקער יאָרן איז עס געווען; יעס, מאָן?

מאָן לוריאַן האָט אַ וואַרימקייט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אריין. ער האָט פאַרקוקט עלוויראַן אין די אויגן, געוואָלט אויסגעפינען די כוונה, וואָס טרייבט דאָס קריסטלעכע מיידל אַהין, וואו מיט געניע פופציק יאָר צוריק האָבן די לוריאס אַראָפּגעוואָרפן די פּעקלעך. „מיינט זי ערנסט מיט איר שטרעבן צו דערקענען נענטער דאָס יידישע לעבן?״ — האָט מאָן געטראַכט און געשמייכלט.

— פאַרוואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי פאַרדעכטיק, מאָן? — האָט עלווירא גענומען זיין אָרעם — גלויבסט ניט, אַז אַ מענטש קען זיך שיידן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, און אַנהויבן אַלץ פון דאָס ניי?

— וואָס ווילסטו דאָ זוכן, ווען איך געפין דאָ גאָרניט?

— איך וויל ניט בלאָנדזשען אין אַ פרעמדער וועלט; איך וויל דאָס פרעמדע מאַכן פאַר אייגן. אַוואו איז לודלאָו סטריט, מאָן?

— כאַ־כאַ־כאַ... — האָט מאָן געלאַכט.

זיין געלעכטער איז ניט געווען אין צייט. עלווירא האָט זיך געפילט באַליידיקט. מאָן האָט זיך צו אירע איבערלעבונגען ניט דערקליבן. עלווירא איז געוואָרן אַ גוטע שילערין און מיט אַלע חושים גרייט געווען אַנצוהויבן שטודירן אַ ניי קאַפּיטל מענטשלעכע געשיכטע אין איר אייגענעם לאַנד. ווי אַ סך אַנדערע אין איר גלייכן, האָט זי געגלויבט, אַז אין אַמעריקע האָט זיך שוין אויסגעפורמט דאָס שענסטע פאָלק אויף דער וועלט. צום סוף גאָר האָט זי זיך דערפילט — פונקט ווי ביז איצטער וואָלט זי געזעסן אין דער אויבערשטער שאָל פון אַ וואָגשאָל, האָט גענומען אַ פאַרבאָרגענע האַנט און איר שאָל אַראָפּגעשלעפּט אויף אַראָפּ. „וואָס ווילסטו דאָ זוכן, ווען

איך געפֿין דאָ גאָרניט?" — האָט דער יונגער יידישער דאָקטער ביי איר געפרעגט, און זי פילט זיך פאַרשעמט, וואָרום וואָס קען זי ענטפערן, אַז די ליבע איז שולדיק אין דעם וואָס זי האָט אָנגעהויבן אוועקבלאָנדזשען פון איר רייכער און גראַמער היים און וועלט, צו זוכן אַן אינהאַלט אין דער אָרעמער, יידישער וועלט?

עלווירא האָט באַשטימט ניט צו ענטפערן אויף זיין פראַגע. זי איז אַליין אַריין אין דער פושקאַרט־וועלט אויף העסטער סטריט, און מיט־געפירט אונטערן אָרעם מאָו לוריאַן. אַלע חושים אָנגעשטרענגט, פונקט ווי אַלע יאָרן איז זי געלעגן און געחלומט אין איר באַקוועמער דהיים, און איצטער ערשט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, כדי אויסצוגעפינען, אַז ביז איצ־טער האָט זי געלעבט אין טעות.

— ווער זיינען זיי אָט די אַלע ביי די פושקאַרטס, מענער, פרויען — האָט עלווירא געטראַכט — האָבן זיי אויך ליבעס געפירט ווען זיי זיינען יונג געווען? אויב דאָס האָבן זיי דערגרייכט דאָ אין לאַנד, האָט עס געלוינט קומען אַהער, איינאיינעם מיט די פליגן זיך וואַלגערן אויף דעם שמוציקן ברוק?

— האָבן דידאַזיקע לייט ניט געקענט דערגרייכן עפּעס בעסערס, ווי אַ סך אַנדערע פון אייערע לייט? פאַרוואָס שווייגסטו, מאָו? — האָט עלווירא זיך געטוליעט צו זיין אָרעם.

— מיין געמיט פאַלט מיר די לעצטע צייט ווען איך קום אַהער. ערשטנס זע איך אַרויס אונדזער עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָס לאָזט מענטשן אויפן מיסט. צווייטנס, די פאַרלאָרנקייט פון מיינע לייט, וואָס האָבן מורא געהאַט צו מאַכן אַ שריט ווייטער אין לאַנד אַריין. אָטאָ דאָס איז לודלאָו סטריט . . . אַהער האָבן די לוריאַס זייער יוגנט געבראַכט. דאָ ערגעץ זיינען פאַרצייכנט די טריט פון די טאַטעס... קום עלווירא פון דאַנען, מיר איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן.

— ביסט ניט מקנא דיין אָנקל, דר. לוריאַ, וואָס האָט זיך פון דער געגנט ניט אַרויסגעקליבן, און לאָזט ניט, זיינע טריט זאָלן אָפּגעווישט ווערן?

מאָו לוריאַ האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון העסטער סטריט צו דער דריטער עוועניו און עלוויראן מיט־געצויגן. ניט דערפאַר וואָס ער האָט מער קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער איסט־סייד האָט ער אַזוי געהאַנדלט; פאַרקערט, די לעצטע צייטן גייט ער אום ווי אַ שפּיר־הונט און וויל דערגיין וואו עס האַלט זיך אויף דער אייביקער קוואַל, פון וואַנען ער זאָל זיך אָנטרינקען מיט גלויבן, אַז די יידישע וואָרעמקייט, וואָס די טאַטעס און די מאַמעס האָבן אַהער אין זייער בלוט געבראַכט, איז נאָך ניט אויסגערונען אינגאַנצן.

עלווירא איז פאַר אים געוואָרן אַלץ מער רעטעניש. שיין, יונג, אַ קינד פון אַ דערפאָלגרייכן דאָקטער, אַ קינד פון אַ רייכער היים און רייכער ניט־יידישער וועלט — וואָס פאַרט טרייבט זי צו אים? דווקא איצטער, ווען זי גייט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און דערוווייטערט זיך פון איר קריסטלעכער וועלט; און ניט נאָר צו אים רייסט זי זיך, נאָר — צום אומגליקלעכן יידישן פאָלק, איז דעריבער די גאַנצע באַציאונג צווישן זיי

ביידן פאַר אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיסטעריע. אנשטאָט פרייד — וועקט יעדע באַגעגעניש אין אים בלויז דעם טרויער.

— דו ביסט היינט ניט געווען אין שפּיטאָל, מאַו — האָט עלווירא אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווען, אַזוי שווייגנדיק, האָבן זיי דערגרייכט צום „טשעטעם־סקווער". ווען פאַרסטו צו דיינע לייט אויפן פאַרם, מאַו? פאַרגעס ניט מיך מיטצונעמען.

— דו קענסט דעמדאָזיקן בית־עולם, עלווירא?

— אָ, יעס אַ בית־עולם... איך האָב אים גאָר ניט באַמערקט. וואָס איז דאָס פאַר אַ בית־עולם?

— אַ יידישער, עלווירא. איבער צוויי הונדערט יאָר אַלט. פּיאָ־נערן...

עלווירא איז דאָס בלוט אָפּגערונען פון פּנים.

— אין מיטן שטאָט אַ יידישער בית־עולם — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט — אין מיטן שטאָט אַ יידישער...

זי האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן; טרערן האָבן פאַרגאָסן די אויגן.

— וואָס־אַי, האָסט קיינמאָל קיין בית־עולם ניט געזען אין מיטן שטאָט?

— ניט דאָס, ניט דאָס... פאַרוואָס האָסטו מיך אַהער געבראַכט? וואָס האָסטו מיט דעם אינזינען געהאַט, מאַו?

מאַו לוריא האָט פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט. אים אַליין איז אַ רעטעניש געווען זיין האַלטן זיך געאַרעמט מיט אַ קריסטלעך מיידל, וואָס קען ניט קאָנטראָלירן אירע טרערן. „געוויס איז דער בית־עולם ניט שולדיק אין אירע טרערן — האָט ער געטראַכט — געוויס איז אַ פיל טיפערע סיבה פאַראַנען." ער האָט אָנגעהויבן איבערקלערן, אַז אפשר איז אין עלוויראַס פאַרלאַרנקייט שולדיק דאָס, וואָס נאָך איר פאָטערס חתונה האָט זי זיך דערפילט עלנט אין איר אייגענער דהיים.

אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו זען עלוויראַן אין טרערן. ער האָט זיך ניט געקענט אויסמאָלן, דאָס זאָל אין זיין קעגנוואַרט טרעפן.

אַ טעקסי איז אָנגעפאָרן, האָט ער זי אָפּגעשטעלט, גענומען עלוויראַן אונטערן אָרעם, געהאָלפן אַריינגיין, און נאָנט זיך לעבן איר צוגעזעצט.

— פאָר אַרויס צום ריווערסאַיד און פאָר אַזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך — האָט ער זיך געווענדעט צום טעקסי־מאַן — און זע פאָר ניט צו שנעל. מיר האָבן גענוג צייט.

— אַ דאַנק דיר, מאַו, — האָט עלווירא שטיל געזאָגט — נעם ניט פאַר אומגוט, אויב איך טראַכט פון דיר שלעכט. ביסט אַ וואונדערלעכער מענטש, כאָטש דו ביסט אַן אומבאַקוועמער מענטש.

מאַו לוריא האָט אַ לאַך געטאָן, און זי צוגעצויגן צו זיך. „וואָס מיינט זי מיט דעם אומבאַקוועמען מענטשן" — האָט ער געטראַכט, און געוואַרט, זי זאָל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער עלווירא איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, גערודליק זיך געלאָזט פירן אַזוי אָן אַ ציל.

— זאָג מיר עלווירא — האָט מאַו צוגעלייגט די ליפּן צו איר בלאָנדן קאָפּ — פאַרוואָס האָסטו פריער געוויינט?

— איך ווייס ניט.

— פאַרוואָס ?

— פרעג ניט מיך, פרעג די טרערן ; מיר האָבן איבער זיי ניט קיין קאָנטראָל.

— דאָס איז אמת. איך פיל דיר מיט. איך באַגרייף וואָס עס מיינט אָן א היים. גאַנץ אומגעריכט ביסטו געבליבן אָן אַ היים.

עלווירא האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. די טעקסי האָט פאַרקירעוועט צום דרייוו. עלווירא האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ און ארויסגעקוקט צום האָדסאָן.. „וואָס פאַר אַ היים מיינט ער ? — איז איר דורכגעלאָפן א געדאַנק אין קאָפּ — מיין אַמעריקאַנער היים, צי מיין פאָטערס היים ?" זי האָט זיך געשפּירט נידערגעשלאָגן. ווען זי וואָלט געווען זיכער, אַז ביי זיך אין דער היים וועט איר געמיט זיך באַפרייען פון דעם טרויער וואָס האָט זי ארומגעכאַפּט, וואָלט זי געהייסן פאָרן אַהיים. אָבער מער פון אַלץ איז איר שווער געווען איצטער זיך לאָזן אַהיים, און דאָרטן באַגעגענען איר שטיפמוטער, וואָס איז אויך יידיש.

פאַרן געדאַנק איז איר געקומען יוסטינעס יינגערע שוועסטער, ברכה רודמאַן, וועמען זי איז חושד, אַז זי שטייט צווישן איר און דעם מאַן, וואָס זיצט איצטער אַ שוויגנדיקער לעבן איר.

— געוויס איז אומנאַטירלעך, אז א פרוי זאָל ארויסווייזן דעם מאַן צופיל ליבע, יעמאָלט, ווען דער מאַן איז ניט גרייט צו ענטפערן אויף דער אָנגעבאָטענער ליבע — האָט עלווירא זיך אליין געטאַדלט — צופיל האָב איך גענומען אויף זיך און דעריבער האָב איך פאַרשפּילט. צופיל, צופיל איך קאָן איינגעשטעלט.

עלווירא האָט געפּרואווט וועגן און מעסטן — וואָס זי האָט געוואונען און וואָס זי האָט פאַרלאָרן מיט איר פרואוו ארויסצורייסן זיך אינגאנצן פון דער וועלט אין וועלכער זי איז געבאָרן געוואָרן און געוואָקסן, און וואו עס שטייט נאָך איר ווערימער געלעגער.

— א פרוי, אז די צייט קומט — האָט עלווירא פילאָזאָפירט — איז זי ווי א צייטיקע פרוכט, וואָס אויב זי ווערט ניט אָפּגעריסן פון בוים, פאַלט זי אַליין אַראָפּ און ווערט צעשלאָגן אָן דער קאַלטער ערד. אַ פרוי האָט אירע פליכטן צו זיך און צו דער נאַטור. אויב דער מאַן איז דער ווינט אין פעלד, איז די פרוי דער ווינט אליין...

איר איז דער פאַרגלייך געפעלן געוואָרן. זי האָט אָפּגענייגט דעם קאָפּ פון פענצטער, און מיט א גוטן שמייכל באַטראַכט מאָו לוריאן, וואָס איז ווי א פאַרגליווערטער געזעסן אין אַנדערן ווינקל פון טעקסי :

— וואָס, מאָו, ביסט ווי יענער פרינץ ארייגעפאַלן צו א מיידל אין געפאַנגענשאפט, און זי האָט גענומען און אים ארייגעשליידערט צו די לייבן, זיי זאָלן אים צערייסן... זאָג, מאָו וואָס וויל פון דיר אַ בלאָנד מיידל וואָס הייסט עלווירא ווען דו ביסט גאָר א ברונעט און אליין אין זיך פאַר־ליבט ? כאַ־כאַ־כאַ.

מאָו לוריא האָט גענומען עלוויראס רעכטע האנט, א קוש געטאָן, און נאָנט באַטראַכט. עלווירא האָט נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זיינע און געשוויגן. איר האַרץ האָט געשלאָגן הויך. זי האָט זיך באַמיט ניט ארויס־

צואווייזן איר אויפרעגונג. זי האָט מורא געהאַט צו רעדן, טאָמער וועט זי ווידער ניט קענען באַהערשן אירע טרערן, אָבער שווייגן איז איר איצטער אויך געווען שווער.

— ווייסט, מאַו, איך האָב באַשטימט, מיר זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין אויף א צייט, און אפשר אויף שטענדיק — האָט זי גערעדט, און געקוקט צו איר האַנט, וואָס איז נאָך אלץ געלעגן אין זיינער — דו וועסט צייט האָבן צו טראַכטן און דערגיין וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידל, וואָס איז גאַר פון דער פרעמד געקומען, דיך צו דערנענטערן צו דיין אייגענעם פאָלק; און איך וועל צייט האָבן צו באַטראַכטן די זייטיקע שטעגן אויף וועלכע איך האָב זיך אָוועקגעלאָזן. מיך פאַרדריסט ניט וואָס איך האָב דיך באַגעגנט. פאַרקערט, איך דאַנק דעם צופאַל, וואָס האָט מיך מיט דיינע און מיט דיר צונויפגעבראַכט. איך בין אינערלעך רייכער געוואָרן, און פון דעם שטאָמט מיין טרויער. איך בין איצטער א מיידל, וואָס ווייס איר ווערט. איך בין איצטער א פרוי, וואָס דאַרף איר אייגן לייב דערקענען און איר אייגענע ליידנשאַפט פאַרשטיין. הייס אים, מאַו, ער זאָל מיך פירן אהיים. איך פרעג ביי דיר גאַרניט, ווייל איך מאָן ביי דיר גאַרניט.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

— די יאָרעלעך לויפן, און די וואָרצלען טריקענען, אָדער פוילן.

אַזוי האָט פילאָזאָפירט פּנחס רודמאַן, באַטראַכטנדיק אַ ארץ ישראל מאַפּע, און מיט די אויגן אומגעגאַנגען צווישן די אָנגעצייכנטע קבוצות און ישובים אין עמק־יזרעאל.

— דאָס זאָג איך דיר, מאַמע, — האָט ער די אויגן ניט אַרויסגע־נומען פון דער מאַפּע — גלייכער שוין געווען צו בלייבן אין לאַנד פון באָלשעוויסטישן גן־עדן, און ניט קומען אַהער זוכן חסד ביי די לוריאַס. איין מאָל לעבט מען, איין מאָל שטאַרבט מען; אָבער לעבן זאָל מען ווי אַ מענטש און שטאַרבן זאָל מען אויך ווי אַ מענטש. נו, האָט דיר דאָס גרויסע גליק געטראָפן, דיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי אַ למד וואָווניק. אָבער, אַז דו קומסט אַמאָל אַהין אַ קוק טאָן אויף דיין טאָכ־טער — זיצסטו ווי אויף הייסע קוילן ערגעץ אין קיך.

דאָס איז געווען אַ ביינאַכט טיף אין האַרבסט. אויסער זייביידן איז אין שטוב קיינער ניט געווען. כאָטש צו דער נסיעה קיין ארץ ישראל איז נאָך געווען צו וואַרטן ביז פרילינג, איז פּנחס רודמאַן שוין געזעסן ווי אויף שפּילקעס. אגב, איז אים ניט קלאָר געווען, וואָס ברכה טראַכט די לעצטע צייט. אמת, זי גיט אָן די סיבה פאַר איר זיין גלייכגילטיק צו דער רייזע קיין ארץ ישראל, דאָס, וואָס זי וויל ניט נעמען אויף דער הוצאה פון משפחה, אָבער פּנחס איז חושד, אַז אין ברכהן איז פאָרגעקומען אַ גייס־טיקער איבערברוך, זינט איר שוועסטער האָט חתונה געהאַט און אַרויס פון דער יידישער וועלט.

—איך ווייס אויך, מיין זון, אַז איין מאָל לעבט מען און איין מאָל בלויז שטאַרבט מען; נאָר ס'איז געווענדט וואָס מען מיינט מיטן לעבן. מיטן שטאַרבן איז מען שוין ווי ס'איז דורכגעקומען, מיין זון.

— וואָס מיינסטו? — האָט פּנחס באַטראַכט די פאַרטרויערטע מאַמע.

— איך בין אַ מאַמע, אייער מאַמע. איך האָב געמיינט, אייך זאָל זיין גוט, אָבער איך האָב ניט געטראַכט, איר זאָלט פאַר דער צייט פון מיר זיך אָפּרייסן; איך זאָל זיך דאָ געפינען ווי אויף אַ פאַרוואָרפענער וועלט אליין. וואָס איז מיר דער חילוק וואו איר ווערט פאַרטראָגן, קיין ארץ ישראל, צי כ'ווייס דאָרט וואָס, אַבי מיר ווערט פינצטער פאַר די אויגן. יוסטינע איז שוין מער ניט מיינע. דו און ברכה וועט איר אין וועסנע אַוועק, זאָל עס זיין קיין ארץ ישראל; און יעפּים... איך זע אים ניט פאַר די אויגן. האָב איך געדאַרפט קומען קיין אַמעריקע, שטאַרבן אַ פאַמעלעכן טויט? ווער האָט געבעטן, די רייכע פריצטע זאָל ווערן ווייכהאַרציק און

מיט געוואַלד אַרויסרייסן פון דאָרטן, וואו אַלץ, סיי די דערנער און סיי די קוויטן וואַלטן מיט דער צייט מיר געוואָרן ליב?

— אַז מירן זיך איינאָרדענען אין ארץ ישראל, וועלן מיר אייך ארויס־נעמען אַהין. גוט, מאַמע?

— איך בין נאָך ניט זיכער, צי ברכה וועט מיט דיר מיטפאָרן.

— פאַרוואָס קלערסטו אַזוי? — האָט פנחס געוואָלט הערן א מיינונג פון דער מוטער.

— א מיידל איז ניט קיין בחור. א מיידל מוז פירן אַן אַנדער ראָס־טשאָט מיט דער סודבאַ.

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס דו מיינסט מיט דעם, מאַמע.

— די יאָרן לויפן. עפּעס האָט זי פאַרשפּילט. זי איז שוין ניט מער דאָס, וואָס זי איז געווען דאָרטן.

פנחס האָט אויף דעם זיך ניט אָפּגערופן. עפּעס האָט ער פון דער מוטערס רייד פאַרשטאַנען. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. כאָטש אים איז שווער צו גלויבן, אַז ברכה האָט אָנגעהויבן מקנא זיין די עלטערע שוועס־טער, איז אָבער ניט גאָר פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ברכה דהאָט זיך צוגע־בונדן צו דר. ווילסאָנס טאָכטער. און פאַרוואָס זאָל עס זיין, אַז בשעת דאָס ניט־יידישע מיידל זוכט מיט אַלערליי וועגן און שטעגן צו דערנענ־טערן זיך צום יידישן לעבן — איז איר ווירקונג אויף ברכהן גאָר א פאַר־קערטע?

— איך שעם זיך ניט צו נעמען שטיצע פון א רייכן קרוב. דניאל לוריא איז א ציוניסט; זאָל זיין, ער וויל אויסקויפן זיין איגענעם געוויסן מיט דעם וואָס ער שיקט אונדז אויף זיינע הוצאות, מעג מען עס אָננעמען. ארץ ישראל ווערט געבויט אויף אַזעלכע געלדער, אויסקויף געלדער.

אַזוי האָט מיט א צייט צוריק פנחס געפּרוּווט אויפקלערן זיין שוועס־טער, און האָט באַמערקט א פאַרטייעטן שמייכל אויף איר פּנים; און שפּע־טער א ווייל האָט זי געזאָגט מיט א סך ביטערניש:

— פאַר מיין אידעאַל וויל איך ניט בעטלען. אפשר זיינען עס בישטיקע עטלעכע דאָלער, וואָס האָבן ביי אים ניט קיין ווערט, אָבער איך וועל עס ניט טאָן, פנחס. איך פיל אַן עקל צו די לוריאָס, צו אַלע, אָן אויסנאָם. אפשר אויף איינעם פון זיי האָב איך רחמנות, דאָס איז דער פאַרפויערטער הילל. אין אים, פיל איך, קלאָגט נאָך דאָס אויסגעליידיקטע האַרץ.

געוואָלט האָט פנחס אריינזאָגן זיין שוועסטער, אַז ער מערקט ווי אין איר האַרץ איז אויך צוביסלעך אויסגעליידיקט געוואָרן; אָבער ער האָט עס ניט געטאָן: „אפשר זיינען עס מיידלשע שטימונגען" — האָט ער גע־טראַכט. זאָגט דאָך די מוטער אויך, אַז א מיידל איז ניט קיין בחור. „א מיידל מוז פירן אַן אַנדער חשבון מיט דער סודבאַ . . . "

— און מיר וועט זיין ליבער, אויב ברכה וועט בלייבן ארום מיר — האָט די מוטער שטיל פאַרענדיקט.

— ווי יוסטינע איז געבליבן ארום דיר; דהא, מאַמע... דאַרפסט ניט וויינען אויב איך האָב עס געזאָגט. איך האָב ניט געמיינט דיר ווי טאָן. אָן אמת מעג מען הערן.

„איין מאָל לעבט מען, און איין מאָל שטארבט מען..." ברכה רודמאַן איז געווען ווייט פון אַזאַ פילאָזאָפיע. די זעקס יאָר אין אמעריקע האָבן זייערס געטאָן. יוגנט־פייער, אויפגעשטורמטן געמיט — דאָס האָט זי מיט־געבראַכט פון סאָוועטנלאַנד. גלויבן אין אייגענע כחות און קענען זיך איינגאַנצן אוועקגעבן, אויב דאָס איז א געבאָט פון דער שעה. אמעריקע איז ניט געווען איר חלום. ארץ ישראל איז געווען איר וואָר. אמעריקע איז ניט אריינגעקומען אין פּראָגראַם פון איר לעבן. אמעריקע איז פאַר איר געווען א מין באַכטלעגער, איבערצונעכטיקן אין מיטן וועג. עס איז יידיש. ניט קיין קלאָרן חשבון האָבן א סך געהאַט אין זייער וואַנדערן, ווען מען האָט בלויז געזוכט א סטאַנציע, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אין לאַנגן, שווערן וועג; כאָטש מיטן אָפּכאַפּן דעם אָטעם האָט מען דאָס גאַנצע לעבן פאַרשפּילט.

דאָס האָט ניט איינמאָל פאַר זיך קלאָר געמאַכט דר. לוריא אין די בחורשע יאָרן, ווען ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין בלייבן זיצן אַן אַלטער בחור. איצטער אויך, ווען שוין א טאַטע פון א זיבן יעריק טעכטערל, וואָס קען שוין רעדן און אביסעלע לייענען יידיש, איצטער פילט ער, סוף כל סוף האָט ער בלויז פאַרלענגערט זיין צייטווייליקן רו־אָרט.

ברכה רודמאַן האָט ניט געשפּירט, ווי ביים „זייט וועג", וואו זי דהאָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף א ווייל, האָט זי זעקס יאָר פאַרפלאַנצט, און שווער איז איצטער פון זיי זיך אָפּצורייסן. אין שטייענדיקן ניו־יאָרקער גרונט האָבן ניט ווילנדיק די זעקס יאָר וואָרצלען געלאָזן.

— אומעטום איז דער קאַמף פאַרן שטיקל לעבן גרויס. סיי דער יחיד און סיי דער כלל קעמפט. אויך דאָ קעמפט די יידישע נשמה אין פאַר־יאָגטן און אויסגעליידיקטן יידן — האָט איר געזאָגט אַמאָל יוחנן פעלד־שטיין.

זי האָט יעמאָלט אים אריינגעלאכט מיט ביטערקייט אין פנים אריין. דאָס איז געווען מיט פיר יאָר צוריק. איצטער שלאָגן ווי מיט האַמערס דידאָזיקע ווערטער און דערמאָנען, אַז יוחנן פעלדשטיין איז ניט דער איינציקער וואָס פילט אַזוי. „א פאָלק אין גלות פילט אַזוי, און וואָס ברייטער אונדזער צעשפּרייטקייט — אַלץ טיפער און ברייטער דער נאַ־ציאָנאַלער ווייַ; פון וואָס ווייטער עס דערטראָגט זיך דער גרויס, צי דער ווייַ־געשריי, אַלץ נענטער דער אָפּקלאַנג." און דעריבער, ווען נאָך ביי־ן לוריאס לויה האָט דניאל לוריא פאַר אַלע קרובים אין די אויגן מודיע געווען, אַז ער וועט אויף זיינע הוצאות שיקן די ביידע רודמאַן קינדער קיין ארץ ישראל; און כאָטש ברכה איז יעמאָלט צוגעגאַנגען און געדאַנקט דניאלן הערפאַר, איז זי אין הארצן געווען טיף באַליידיקט, און זיך דער־פילט ווי א בעטלערקע. בעת איר ברודער האָט געמאַכט הכנות אין פרילינג אוועקפאָרן אין ארץ ישראל, האָט זי פון דעם איינגאַנצן ניט גערעדט.

עלווירא ווילסאָן דהאָט גאָר אומגעריכט ברכהן אָראָפּגעפירט פון איר שמאָלן שטעג, און באַוויזן, אַז די פרוי האָט גאָר אַנדערע פליכטן צום לעבן, און גאָר אַנדערע פליכטן צו זיך אַליין. עלוויראס רעדן פון יידישער געשיכטע און יידישע גבורה און אויסדויער דורך די דורות פון וואַנדערן, האָט ברכהן שטאַרק צערודערט. „איז עס אָפּטמאָל ניט א

גילגול פון אמאַליקע קדושים, וואָס לעבט אויף מיט אמאָל אין בלוט פון א ניט־יידן?״ — האָט ברכה אָפּט זיך אליין געפרעגט. עלוויראַס ליבע צום יידישן יונגן דאָקטער, וואָס, לויט ברכהס אָפּשאַצונג, איז ער עלוויראַן ניט ווערט, האָט ברכהן אויסגעזען מיסטעריעז־שיין.

די לוריאַס האָבן ברכהן ניט ליב געהאַט. זי האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס. דורך די לוריאַס האָט איר דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויסגעזען פוסט און פאַרקריפּלט. א פּחד איז איר צומאָל באַפאַלן דערפילנדיק, ווי פאַר די עטלעכע יאָר אין לאַנד האָט זי אליין אָנגעהויבן אויסגעליידיקט צו ווערן פון איר פריערדיקן אינהאַלט.

— ווער ווייסט — האָט זי די לעצטע צייט געטראַכט — אפשר איז פעלדשטיין גערעכט, ווען ער זאָגט, אז א פּיאָנער קען מען זיין אומעטום; דעם יידישן יסוד קומט אויס אומעטום צו באַפעסטיקן, וואו נאָר יידן האָבן אין דער נייער צייט זייערע פיס אַנידערגעשטעלט. מיט דער מוטער האָט זי ניט ליב געהאַט צו רעדן פון אירע איבערלעבונגען. מיטן פאָטער — אוודאי ניט. פּנחס, וואָס איז אָפּט געווען איר וועגווייזער, אין וועמען זי האָט אָפּט דערקענט דעם יידישן מאַרטירער, זינט די עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאַט און איז געוואָרן א מיסעס ווילסאָן, האָט זי אויפגעהערט רעדן מיט אים וועגן וויכטיקע יידישע פּראָבלעמען. איין מאָל בלויז, ווען די פאַרזאַמלונג פון די „שומרי שבת״ איז פאָרגעקומען ביי איר אין הויז, האָט זי זיך געלאָזט אריינציען אין זייער שטימונג. ווען די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ערגעץ אנדערש, האָט זי ניט געוואָלט גיין אַהין.

די לעצטע צייט איז זי געווען אָן אָפּטע אריינגייערין אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק אויף דער צווייט און פערציקסטער גאַס, אָפּצופרישן איר העברייאיש, וואו זי האָט אזוי אומגעריכט באַגעגנט דר. ווילסאָנס טאָכטער. די לעצטע צייט האָט זי ניט געאַרבעט, און האָט מער ניט געמאַכט קיין ווענן פון דעם, וואָס דאָס געלט אויף דער הוצאה קומט דורך יוסטינען. פּונקט ווי איר פאַרביטערטקייט צו דער עלטערער שוועסטער האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבן אויסוועפּן.

גאָר אומגעריכט האָט קעראָלאין סטאָן צו זיך איינגעלאַדן ברכהן. זי האָט געשיקט נאָך איר די טאָכטער טעלמא. אויפן וועג האָט טעלמא מיט איר זיך דורכגערעדט, געוואָלט וויסן פאַרוואָס ברכה האַלט זיך גרויס:

— צו זיין א פאַנאַטישער ייד, דאַרף מען אויך פיינט האָבן דעם יידן וואָס איז צופעליק א שטיקל מענטש?

ברכהן האָט עס א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. איר האָט געהאַט אויסגעוויזן, אַז קעראָלאַינס טאָכטער, לויט דעם אופן ווי זי האָט זיך ביי א פּאָר געלעגנהייטן אויסגעדריקט וועגן גרינע יידן, איז א שטיק אַנטיסעמיטקע, און ווען עס זאָל זיך ווענדן אָן אזוינע ווי טעלמא סטאָן, וואָלטן זיי די טויערן פון לאַנד פאַרשפּאַרט פאַר די גרינע יידן. ברכה האָט אויף דעם ניט געענטפערט. איר איז געווען א חידוש די גאַנצע איינלאַדונג. בפרט, טעלמא איז אין איר אויטאָמאָביל געקומען זי נעמען, און גאָר פריינטלעך זיך באַגריסט מיט דער מוטער.

ביים אריינקומען צו די סטאַנס האָט טעלמא א קוש געטאָן די מוטער, מיט א געצוואונגענעם שמייכל זיך געזעגנט מיט ברכהן, און איז פאַר־שוואונדן געוואָרן.

קעראַלאין איז דירעקט צוגעגאַנגען צו דער זאַך:

— איך קוק דיך אָן, שוועסטערקינדער זייגען מיר. דו האָסט מיין מאַמען ניט געקענט, אָבער איך האָב דיין טאַטן געקענט פון קינדווייז אָן. איך בין געווען די, וואָס האָב די וועלט איינגעלייגט, אייך אריבערברענגען אַהער, און איצטער דוכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב אייך אַלעמען קיין טובה ניט געטאָן. אָבער ניט פון דעם וויל איך איצטער רעדן. מיר האָט דניאל דערציילט, אַז ער וויל דיך און דעם ברודער אריבערשיקן קיין פּאַלעסטינע. זאָגט ער מיר, אַז דער ברודער וועט טאַקע אין ספּרינג אוועקפאָרן, אָבער דו האָסט קיין חשק ניט. געפעלט עס מיר זייער. וויל איך וויסן וואָס איך קען טאָן פאַר דיר דו זאָלסט אויפהויבן דעם קאָפּ.

ברכה האָט געהערט וואָס קעראַלאין האָט גערעדט, און א טרויער האָט זיך אומגעכאַפּט. זי וויל פאַר מיר עפּעס טאָן, איך זאָל אויפהויבן דעם קאָפּ: וואָס ווייסט זי פון מיין געבויגענעם קאָפּ?״

אָנגעשטאַנען א שטילשווייגן. קעראַלאין האָט באַמערקט ווי ברכה איז צעטומלט, און האָט זיך ניט געקענט דערקלייבן צו אירע איבערלע־בונגען. זי האָט באמערקט ווי ברכהן האָט דאָס בלוט א שלאָג געטאָן אין פּנים אריין, און באַלד איז דאָס פּנים אויסגעלאָשן געוואָרן.

— איז עס אמת, אַז דו ווילסט ניט פאָרן קיין פּאַלעסטינע? — האָט קעראַלאין גענומען ברכהס האַנט און אריינגעקוקט אין אירע ברוין־שוואַרצע אויגן — איך קען פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס איז אזוי.

— איך זע, מען מאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס — האָט ברכה גערעדט, מיט די אויגן צום גרויסן גאָסטצימער — איך וויל פאָרן, און איך וועל פאָרן. איך בין אין מערב און מיין הארץ איז אין מזרח, האָט זיך גאָר אַמאָל באַקלאָגט א יידישער דיכטער... נאָר איך וועל פאָרן פאַר מיין אייגן געלט. ניט מער וואָס איך האָב אַהער ניט געדאַרפט קומען. צווישן אייערע זיינען ביי מיר אָפּגעשטאָרבן א סך פון מיינע האָפענונגען.

— אויב אזוי, פאַרשטיי איך ניט פאַרוואָס דו זאָלסט באַליידיקן דניאלן. ער טוט א זאַך מיטן גאַנצן האַרצן. איך ווייס ווי דו האָסט געליטן פון דער שוועסטערס אוועקגיין פון אונדז. וואָס זאָל מען טאָן? מיין טעלמא... באַלד וועט זי אויך אַוועקגיין פון אונדז. דניאל האָט א סך צער. ער האָט געבעטן, איך זאָל מיט דיר רעדן. נאָר איצטער, אַז דו ביסט לעבן מיר, פאַרלאַנג איך פון דיר, דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס דו קלערסט אָנהויבן צו טאָן. זאָג מיר, טייערע. איך וועל דיר מיט דער פולער האַנט העלפן. מענטשן האָבן דאָ אָנגעהויבן פון א קלייניקייט, און זיינען אויסגעוואַקסן. וואָס קלערסטו צו טאָן?

— איך קלער צו פאָרן מיט פּנחסן אינאיינעם.

ביי די ווערטער האָבן די טרערן א שטראָם געטאָן פון ברכה׳ס אויגן. זי האָט אָפּגענייגט איר געבויגענעם קאָפּ אָן א זייט, געלאָזן די טרערן פריי זיך קייקלען איבער די באַקן.

—טו דאָס ניט, טייערע — האָט קעראַלאַין אַרומגענומען ברכהס קאָפּ און געטולייעט צו איר פולער ברוסט — איך ווייס וואָס פון מיינע פּאַר־גאַנגענע טרערן איז אַרויסגעקומען. וואונדן אין הארצן האָבן זיי מיר גע־לאָזן, דאָס אַלץ. איך בין מקנא זכריהן. די, וואָס זיינען דאָרטן געבליבן זיצן אין אָרימקייט — זיי איז בעסער פון אונדזערן א מענטשן, וואָס האָט געמאַכט א פאַרמעגן און איז געבליבן הענגען אין דערלופטן. באַלד ווערט שוין פופציק יאָר זינט מען איז אריינגעקומען דורך קעסטל־גאַרדן... איך גיי אַמאָל אַהין; א פיש־אַקוואַריום איז דאָרטן. איך קוק אויף די פיש און וויין אויף מיינע פאַרשוואונדענע יאָרן.

ברכה האָט זיך איינגעהערט צו קעראַלאַינס רייד, זי האָט געוואוסט פון דער רייכער שוועסטערקינדס יוגנט אין אמעריקע, און פון אירע אומגליקלעכע ליבעס אין די „גרינע" יאָרן אין אַמעריקע. קעראַלאַינס שטימע האָט זייער יונג געקלונגען; דאָס אייניציקע יונגע, וואָס איז איר פון יענע גרינע יאָרן געבליבן. די רייכע קרובה באַט אָן ברכהן צו העלפן ווערן זעלבשטענדיק... „אוודאי מיינט זי, מיר העלפן עפּענען א געשעפט פון קליידלעך און זיידענע זאָקן..." לויפט ברכהן דורך אַ געדאַנק.

זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און געזאָגט:

— אוודאי מיינט מען, איך זאָל ווערן א קרעמערקע. אויף אַזוי ווייט בין איך נאָך א רעוואָלוציאָנערקע. אויב איך האָב זיך געריסן קיין ארץ ישראל, איז עס דערפאַר, וואָס איך האָב געחלומט צו קענען העלפן דאָרטן בויען די יידישע היים, אָבער ניט ווערן קיין קרעמערקע. איך קען ניט טאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל מיינען אינזינען האָבן נאָר זיך אַליין. א פאַרברעכן ווי אַזוי די מיליאָנען יידן לעבן דאָ. אַ פאַרברעכן, וואָס די יידישע געשיכטע וועט עס קיינמאָל ניט מוחל זיין. אַרבעטן און עסן, אַרבעטן, און זיך וואַלגערן אין אייגענער גייסטיקער שמוץ... אָט אָ דאָס טוען מיר דאָ!

— יידן מאַכן ניט נאָר זיך אַליין רייך; זיי מאַכן רייך אַמעריקע. — האָט קעראַלאַין, ווי פאַר זיך אַליין, שטיל געזאָגט.

ברכה איז אויף א וויילע שטיל געבליבן. די טרערן האָבן אויסגעט־טריקנט; דאָס פּנים טרויעריק און געעלטערט. זי האָט באַמערקט קעראַ־לאַינס צעטומלטן אויסזען, און איר האָט פאַרדראָסן, הלמאַי זי האָט פאַר־פירט מיט איר אַזאַ אומגויטיקן שמועס. „וואָס ווייסט זי פון יידישן צער, פון פאָלקס אומגליק?" — האָט ברכה געטראַכט, און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטהאַרציקייט. ווען איך זאָל קלערן פאַרן איינאיינעם מיט פנחסן, וואָלט איך שוין גיכער ביי דיר גענומען אויף דער הוצאה. איך ווייס ניט פאַרוואָס דניאל איז מיר פרעמד... יאָ, איך וועל דאָ ניט בלייבן לענגער אין לאַנד. איך וויל אָנהייבן אַלץ פון דאָסניי. כל זמן ס'איז נאָך ניט שפּעט.

— גוט, ברכה, דניאל וועט ניט האָבן דאַגעגן, אויב איך וועל עס טאָן.

— ער רעכנט, מיר זאָלן באַאַרבעטן דאָרטן זיין ערד, וואָס ער האָט איינגעקויפט. דאָס וויל איך ניט... איך וויל זיין מיט די בויער, און ניט מיט די קנעכט... איך ווייס, דאָרטן זיינען פאַראַן גרויסע בעל־טובות, וואָס דערלאָזן יידישע קנעכט אויף זייער ערד. איך וויל זיי ניט קענען.

— אַט דאָס איז עס... — האָט קעראַלאַין זיך פאַרטראַכט — הייסט עס, דו ווילסט דאָרטן ארבעטן פאר זיך אליין... וועל איך דיר העלפן, ברכה.

— איך דאַנק דיר, קעראַלאַין. מיר וועלן נאָך רעדן פון דעם. איך וועל קומען צו דיר אַ רואיקע. איך דאַנק דיר...

זי ד'האָט געלאָזן, קעראַלאַין זאָל אויסקושן אירע אויסגעלאָשענע באַקן, מיט דעם פאַרלאַנג, וואָס שנעלער אַרויס פון דער רייכער שטוב.

* * *

ריכטער דייוויד לאַריע, כאָטש ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט ליב געהאַט אונטערצושטרייכן, אַז מיט יידן האָט ער גאָרניט וואָס צו טאָן, און אַז די קאַטוילישע קירכע, וואָס האָט אים אריינגענומען ווי אירן אַן אייגענעם, איז זיין גייסטיקע הייבם — האָט פונדעסטוועגן ליב געהאַט אונטערצושטעלן אַן אויער צו דער לוריא־משפחה, נייגעריק געווען צו וויסן וואָס מען טוט און וואָס מען רעדט דאָרטן. ער האָט נאָך אַלץ גע־האָפט, אַז זיין מוטער, די גרטע ליליען־רות, וואָס איז אין אירע יונגע יאָרן איבערגעגאַנגען פון קאַטוילישן, צום יידישן גלויבן, וועט ווען־עס־איז זיך ריין וואַשן פון איר פאַטאַלן טעות".

די אַלע לוריאס האָט ער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, חוץ — דר. לוריאַן. וועגן אים האָט ער אָפט געטראַכט ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט זיין נשמה ניט פאַרקויפט. מער ניט, די איינציקע נאַרישקייט ד'האָט ער אים ניט פאַרגעבן, וואָס כאָטש ער איז ניט רעליגיעז, פילט ער זיך צו־געבונדן „צו דער פיקציע, וואָס הייסט יידיש פאָלק". מיט זיין פאָטער דניאל לוריאַן האָט ער, וואָס ווייטער, אַלץ זעלטענער זיך געטראָפן, כאָטש ער האָט אים געהאַט אויפן זינען. דאָס, וואָס זיין פאָטער העלפט בויען ארץ ישראל, האָט ער אָנגענומען פאר נאָרמאַל צוליב עפּעס אנדערש. אַ קאַטוילישער גלח האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ארץ ישראל איז די היים פון קריסטוסן: „איבער ארץ ישראל שוועבט דער קאַטוילישער גייסט, דאָרטן, ביי די ברעגעס פון ירדן האָט אומגעשפּאַצירט קריסטוס מיט זיינע אַפּאָסטאָלן. ניט קיין עוולה, וואָס יידן בויען אויף די היים פאר זייער פאַרטריבענעם און געקרייציקטן זון. דאָרטן ערשט, אין זייער אַלטער היים, וועלן די יידן דערבליקן דעם גרויסן אמת און זיך באַהעפטן מיטן גייסט פון גרויסן דערלייזער..."

דעם ריכטער דייוויד לאַריע האָט זיך עס געלייגט אויפן שכל. ער האָט חשק געד'האַט דעם געדאַנק אויפצוקלערן זיין מוטער, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַר פלייש און בלוט פון דער קאַטוילישער קירכע; און, אַז איר בלוט אין זיינע אָדערן האָט אים דערהויבן פון יידישער שפלות.

ער האָט געוואוסט, אַז זיין פאָטער האָט געקויפט ערד אין ארץ ישראל און האָט באַשטימט אַהין אַריבערשיקן די צוויי רודמאַנס, פּנחסן און ברכהן. אים איז געגאַנגען אין לעבן זיי צו באַגעגענען, איידער זיי פאָרן אוועק, און אויפקלערן זיי דעם „גרויסן אמת", וואָס זיי וועלן באַדאַרפט דאָרטן האָבן אין זינען און פון אים שעפּן באַגייסטערונג. באמת וואָלט אים געפּאַסט צו זיין אַ פאַנאַטישער, קאַטוילישער גלח, און ניט קיין ריכטער אין אַ נאַכט־געריכט.

ריכטער דייוויד לאַריע האָט אָנגעקלונגען צו דאָקטאָר לוריאַן, נאָכ־געפרעגט וועגן זיין געזונט און געזונט פון ווייב און קינד, און גלייך זיך אָנגעהויבן, ווי זיי שטייגער, צו קליגלען.

— איך וויל זיך צו דיר אָראָפּכאַפּן, אָנקל, פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט דיר. מיר בענקט זיך נאָך אַביסל חכמה פון אַלטן קוואַל, פאַרבעט די צוויי סאָוועטישע אפיקורסים, וואָס פאָרן קיין פּאַל־עסטינע. כ׳וויל זיך מיט זיי געזעגענען פארן אנטלויפן פון אונדזער לאַנד.

דאָקטאָר לוריא איז אַ רגע געווען צעטומלט פון זיין פּלימעניקס „קלוגע רייד״. העכסטנס האָט ער אים איינמאָל אַ יאָר אָנגעקלונגען, און שטענדיק האָט ער זיך געוואָלט ארויסווייזן קלוג אין טעלעפאָן. מיט אַ געוויסער ד־הנאה האָט ער אים אָנגערופן „אָנקל״.

— יעס, אָנקל, — האָט ריכטער דייוויד לאַריע גערעדט אין טעל־עפאָן — איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר. מיין פלאָרא דערמאָנט אויך דיין נאָמען נאָר צום גוטן. און אז איך דערמאָן די חכמה פון אַלטן קוואַל, מייז איך עס. די ביבל איז דאָך געוויס אַ בשור־תפותער אוצר. בפרט, די קריסטן מאַכן פון איר מער נוצן.

— דיין אָנקלס חכמה, דייוויד, האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט. וועסט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אויב דו וועסט אַריבערקומען. איך וועל פאַר־בעטן דיינע לייט אויך, אויב דו האָסט ניט דאָגעגן.

— אָ, אָנקל, פאַר וועמען האַלסטו מיך? צי האָב איך זיך דערווייטערט פון מיינע עלטערן? ווייזט אויס, אין דער לוריא־משפּחה פאַרנעמט מען זיך מיט אביסל רכילות אויך.

— דאָס איז מענטשלעך, דייוויד. דו לעבסט אין דער אמתער וועלט, און מיר אין דער וועלט פון שקר.

— מאַך ניט קיין חוזק, אָנקל. ביסט ניט אַזאַ שלעכטער, ווי דו ווילסט זיך ארויסווייזן.

— קום ניט נאָך חכמה, דייוויד. וואָס האָט דער לייב צו לערנען ביי דער שאָף? קום, וועסטו זיין אַ גאַסט. איך קען דיר ניט צוזאָגן אויף זיכער, אַז די רודמאַנס וועלן זיין. איך וועל איבעררעדן מיט פערלען.

— אַ שאַד, אָנקל, וואָס מען ווערט דערווייטערט איינס פון אנדערן. ניט אַזוי איבערצייגונגען און מיינונגען דערווייטערן; שולדיק איז די ביזי וועלט, וואָס רויבט ביי אונדז אוועק דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן.

דאָקטאָר לוריאַן איז שווער געווען זיך אָנצושטויסן צוליב וואָס זיין קאַטוילישער פּלימעניק האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן די רודמאַנס.

— וואָס גייט אים אָן, צי זיי פאָרן קיין ארץ ישראל? — האָט ער געטראַכט — וואָס פאַר אַ כוונה האָט דער אָפּגעפרעמדעטער דייוויד לאַריע, וואָס לעבט גאָר אינגאַנצן אין זיין ניט־יידישער וועלט, ווען ער פאַר־בענקט זיך פלוצלונג צום אַלטן, יידישן קוואַל?

פערל לוריא, וואָס האָט ליב געהאַט דניאל לוריאַן, און ממש פאַר־געטערט די גרטע לילי׳ען־רות, איז ניט גערן געווען צו באַגעגענען דעם ריכטער דייוויד לאַריע. דאָס סאַרקאַסטישע שמייכעלע, וואָס איז געלעגן ביי אים צווישן די קנייטשעלעך ארום די אויגן, איז איר געווען דערווידער. פונדעסטוועגן, אַז דאָקטאָר לוריא האָט געבעטן, זי זאָל אויף אירס פאַר־

בויגן, האָט פערל פאַרבעטן דניאל לוריאַן מיט דער גרטע, און ס'איז איר ניט אָנגעקומען שווער צו פועלן ביי עלווירען און יוסטינען, זיי זאָלן אויך פאַרנעמען דאָקטאָר ווילסאָנען. ברכה און פנחס רודמאַן האָבן ניט געוואוסט צוליב וואָס מען פאַרבעט זיי. ס'איז נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען, צי ברכה פאַרט אינאיינעם מיט איר ברודער. פאַר די אויגן האָט איר געשווינדלט יעדעס מאָל, ווען מען האָט איר דערמאָנט די נסיעה. כאָטש מיט דניאלס צושטימונג האָט קעראָלאַין סטאָן פאַר איר איינגעקויפט א שיפסקאַרטע צו פאָרן מיטן ערשטן קלאַס.

דייוויד לאָריע איז געווען שטאַרק גערירט, ווען מען האָט אים פאָרגע־שטעלט פאַר דאָקטאָר ווילסאָנען. ער האָט פון אים געהערט, און אויך געוואוסט, אַז ער איז אַריין מיט איין פוס אין דער יידישער וועלט. די רודמאַנס זיינען נאָך ניט געווען, ווען דייוויד לאָריע איז אָנגעקומען. פערל האָט אים אויפגענומען מיט א פריינטלעכן פנים. דניאל לוריא האָט ניט געדהאַט קיין צייט צו קומען; אָבער ליליען־רות האָט גערן די איינלאַדונג אָנגענומען. ווען איר זון איז אריינגעקומען, איז זי אים געגאַנגען אַנטקעגן. זי איז געווען בייגעריק — ווי איר זון האַלט זיך אין אַ יידיש הויז.

— וואו זיינען די פּיליגרימער, כ'מיין... יאָ, זיי זיינען ניטאָ — האָט ריכטער דייוויד לאָריע אָן א זייט געפרעגט פערלען.

— זיי וועלן מסתמא באַלד קומען. זיי היימיש, פאַרברענג מיט די ווילסאָנס.

פערל האָט אָביסל אויפגעהויבן איר שטים אַלע זאָלן הערן, און געזאָגט:

— איך קלער אָפט, ווי אַזוי עס פילן זיך ריכטער אין זייער פּראַ־פעסיע; צי גלויבן זיי טאַקע, אַז פון הימל איז זיי געגעבן געוואָרן דער שליסל צו יענעמס לעבן? און צי פילן זיי זיך טאַקע באַרעכטיקט צוצו־טיילן איינעם פאַר זיין פאַרברעכן א יאָר געפענגעניש; דעם אַנדערן — צוויי, צי דריי יאָר...

זי האָט ניט פאַרענדיקט. זי האָט געקוקט צו די געסט, וואָס פאַר אַן איינדרוק איר פראַגע האָט געמאַכט. אגב, האָט זי עס בכיוון געטאָן, מחמת, זי האָט ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן דעם לוריא, וואָס האָט זיין פאַמיליען נאָמען פאַרצויגן אויף „לאָריע".

ריכטער דייוויד לאָריע דהאָט זיך דערשפּירט אומבאַקוועם פון פערלס פראַגע. ער האָט זי געהאַלטן פאַר א קלוגע און טאַקטישע פרוי, און צום סוף גאָר האָט זי, לויט זיין באַגריף, אין זיין קעגנוואַרט ארויסגעוויזן אַזא אומטאַקטישקייט!

ער האָט באַשטימט ניט שולדיק בלייבן קיין ענטפער, און געזאָגט:

— איר ווילט וויסן ווי עס שפּירט א ריכטער ביים ארויסגעבן א ווערדיקט אַ שולדיקן... געוועגדט ווער דער ריכטער איז, און ווי ער קוקט אויף זיין באַרוף.

— ניין, איך האָב עפעס אַנדערש געמיינט — האָט פערל ניט געוואָלט נאָכגעבן — איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א בליק האָט א ריכטער אויף מענטשן, ווען ער נעמט זיך דאָס רעכט צו משפּטן מענטשן?

— ער נעמט זיך ניט דאָס רעכט אַליין. די געזעלשאַפט גיט אים אַזאַ רעכט.

— די געזעלשאַפט גיט גאָרניט, — איז פּערל באַשטאַנען אויף אירס — יעדערער נעמט ביי דער געזעלשאַפט לויט זיין געשמאַק און גלויבן. אָט, איז דאָקטאָר ווילסאָן, דאָקטאָר לוריא, און דער יונגער מאָן לוריא... זיי זיינען מעדיקער. זיי האָבן געשפּירט אין זיך דעם ווילן און די טרייב־קראַפט צו קריגן די פּריווילעגיע — היילן קראַנקע מענטשן. און א ריכטער האָט געשטרעבט צו עפּעס אַנדערש!

— מיר היילן אויך גייסטיק קראַנקע מענטשן. זעצן אין א געפענ־געניש, איז לויט אונדזער באַגריף, איינצוגעבן אַזאַ מין מעדיצין, וואָס רעפאָרמירט א מענטשנס כאַראַקטער.

— זון מיינער, — האָט ליליען־רות צו זיך צוגעצויגן פּערלען — קענסט זי ווינציק, און האָסט איר פּראַגע גענומען צו ערנסט. איך קען זי גוט. הלוואי וואָלטן מענטשן פאַרמאָגט לויטער אַזעלכע פּערל לוריאס, וואָלסטו, מיין זון, ווי א ריכטער, ניט געדאַט קיין פּלאַץ אין דער געזעל־שאַפט.

אָבער דייוויד לאַריע האָט זיך ניט באַרואיקט, און ווייטער גערדרשנט:

— איך מוז זאָגן, אז יידן זיינען א פאָלק מיט א סך גאווה. אליין האָבן זיי מיט טויזנטער יאָרן צוריק געשאַפן א געזעץ־בוך, וואָס זאָגט אָן גאַנץ שטרענג וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט; אפילו אויסגעטיילט פאַר־ברעכנס פאַר וועלכע עס קומט טויט־שטראָף, און פונדעסטוועגן — גלויבט מען אין זיך צופיל: גלויבט מען, אַז מיט דידאָזיקע געזעץ־ביכער האָט מען גאָר די יידן ניט אין זינען געהאַט, כאַ־כאַ־כאַ.

דערווייל זיינען פּנחס און ברכה רודמאַן אריינגעקומען. ברכה איז צוגעגאַנגען און זיך צעקושט מיט פּערלען, און שפּעטער — מיט עלוויראַן. צו יוסטינען האָט זי א קינדישן שמייכל געטאָן, און איז איבערגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט צו דאָקטאָר לוריאַן.

— קום צו מיר, דו, שלעכט קינד וואָס דו ביסט — האָט דאָקטאָר ווילסאָן אויסגעצויגן די הענט צו ברכהן — פאַרוואָס פּאַסט עס דיר ניט צו ווייזן אָפטער דיין פּנים אין דאָקטאָר ווילסאָנס הויז? שעמסט זיך מיט דיין שוואָגער, כאַ־כאַ־כאַ.

ברכה איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר ווילסאָנען, געלאָזן, ער זאָל ארומנעמען איר קאָפּ און א קוש געטאָן. פאַר איינוועגס האָט זי זיך צעקושט מיט איר שוועסטער. און, מיט א צעפּלאָמטן פּנים, אַריבער־געגאַנגען צוריק צו דאָקטאָר לוריאַן.

— אָט דאָס זיינען זיי — האָט ריכטער לאַריע אריבערגעקוקט צו די רודמאַנס — בין געקומען אָנקוקן און זאָגן א זיי־געזונט די פּיליגרימער, וואָס וואַנדערן פון דער פאַרשאָלטענער רוסלאַנד דורך דער געבענטשטער אמעריקע, אַהין, וואו עס ברענען דערווייל אונטערערדיקע פייערן. מיין פאָ איז איצטער דאָ ניטאָ, דערלויב איך מיר אזוי צו רעדן. אָבער זאָל מען אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, אויב איך וועל אויסדריקן מיין אייגנאַרטיקן בליק וועגן דער יידישער עקשנות אויפצולעבן א לאַנד, וואָס שוואַנגערט מיט געפאַרן.

א ווייל איז שטיל געבליבן. ברכה און פנחס האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן. ביידע האָבן ניט באַנומען וואָוהין דער געשמדטער לוריא, וועמעס פּאָטער עס שיקט זיי קיין ארץ ישראל, צילט מיט זיינע רייד.

— וואו לויערן עס ניט קיין געפאַרן אויף יידן? — האָט עלווירא ווילסאָן ווי פאר זיך געזאָגט — דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט באַוויזן שוין טויזנטער יאָרן, ווי דער פעניקס, פון פייערן ארויס, מיט גאָר דער גייס־טיקער, און אפשר פיזישער שיינקייט.

ליליען־רות איז אויפגעשטאַנען, מיט א פרום פנים צוגעגאַנגען און אַ קוש געטאָן עלוויראן.

— מיר ווערט גרינגער אויף דער נשמה, אז איך הער אזעלכע רייד. דו, מיין זון, — האָט די מוטער געשמייכלט, און גערעדט מיט אַ ציטער אין שטים — ביסט ארויס פון א ברענענדיקער שטוב. איז אזוי וואויל צו דיר. אָבער די, וואָס לעבן אין דער ברענענדיקער שטוב און האָבן זיך מיטן פייער איינגעלעבט, האָבן קיין באַדערפעניש ניט צו פאַרגיסן טרערן. איך האָב מיין מאַן אָנגעבענטשט א פולן קאָפּ, פאַרוואָס ער שיקט זיי אריבער קיין פּאַלעסטינע. ער האָט דאָרטן געקויפט ערד; איצטער, מיט זייער אַוועקפאָרן, וועל איך מיר אויסמאָלן, אז די ערד האָט אָנגעהויבן גרינען און בליען.

— יעס, מאַ, — ד׳האָט מען געשפּירט ווי ריכטער לאָריע האָט הנאה פון זיינע רייד — יידן ווייסן אליין ניט, אַז זיי בויען די וועלט פון מאָרגן, און די היים פאַר דעם גלויבן, וואָס וועט אין דער וועלט פון מאָרגן באַ־הערשן די מענטשהייט. איך מיין מיט דעם צו זאָגן, אַז די וועלט פון מאָרגן וועט זיין קאָטויליש. די הערשאַפט פון קריסטלעכן גלויבן! דער טראָן פון דערלייזער וועט ניט שטיין אין רוים, נאָר אין ירושלים, די הייליקע שטאָט.

דאָקטאָר לוריא האָט דערפילט א קלעמעניש ארום האַרצן. „אָט אזוי רעדט בלוט פון אונדזער בלוט — איז אים דורכגעלאָפן א מחשבה — איז ער דער איינציקער, וואָס רעדט אזוי, און גלויבט אין דעם וואָס ער רעדט? אפשר איז עס א סוד פון דער קאָטוילישער וועלט, וואָס דערדאָזיקער שוטה האָט ארויסגעלאָזן פון זאַק...״

דאָקטאָר לוריאן איז ניט איינגעפאלן צו פאַרפירן א וויכוח מיט זיין פּלימעניק.

— לאָמיר רעדן פון עפּעס בעסערס — האָט פּערל באַמערקט דאָקטאָר לוריאס צעטומלטן בליק.

— זאָל עס מיר פונדעסטוועגן ריכטער לאָריע אויפקלערן וואָס ער מיינט מיט זיין „וועלט פון מאָרגן?״ — האָט דאָקטאָר ווילסאָן זיך אויפ־געהויבן פון זיין פּלאַץ — מיר, מעדיקער, פאַריאָגטע כירורגן, האָבן גאָר קיין צייט ניט אריינצוטראַכטן זיך אין דער פאַרכישופטער וועלט, אין וועלכער עס לעבן נאָך גאָטס קינדער.

— איך מיין עס איינפאַך — האָט ריכטער לאָריע מיט א צופרידענעם שמייכל גערעדט — די יידן קומען פון דעם לאַנגן „נעכטן״, לעבן מיטן „היינט״, אָבער זיי וועלן באַשטימט פאַרשוואונדן ווערן, און קיין חלק ניט האָבן אין דער וועלט פון „מאָרגן״, ווען איין גלויבן וועט באַהערשן

די וועלט; דער גלויבן, אז דעם איביקן פרידן האָט צו די מענטשן־קינדער געבראַכט דער, וועמען יידן האָבן פאַריאָגט פון זיך. און איצטער, כדי אויסצוקויפן זייערע זינד, גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק, בויען יידן די פאַר־וואַרלאָזטע היים פון אונדזער דערלייזער. יעס, מיינע הערן, — האָט ריכטער לאַריע גערעדט אויף דאָקטאָר ווילסאָנס זייט — וועמען איר מעדיקער היילט, דאָס זיינען די איינצלנע קראַנקע. אָבער די היילונג פאַר דער קראַנקער מענטשהייט ליגט ניט אין אייערע הענט, מיינע געערטע מעדיקער!

מאָו לוריא איז אויפגעשטאַנען פון זיין פלאַץ, מיט די אויגן צום דיל, האָט ער זיך פאַרנומען צו דער טיר.

— וואוהין, מאָו? — איז אים פערל פאַרלאָפן דעם וועג.

מאָו לוריא איז געבליבן שטיין, אָנגעקוקט צעשטרייט פערלען, און געוואָלט אַרויס פון צימער.

— איך לאָז דיך ניט, מאָו. אנטלויפן פאַסט ניט פאר א מאַן פון דיין קאַליבער.

— כאַ־כאַ־כאַ . . . — האָט אומגעריכט מאָו לוריא, אָן אָפּגעהאַקטן און טרוקענעם לאַך געטאָן, און זיך געלאָזט פון פערלען פירן צוריק צו זיין פלאַץ.

— לאָך ניט, מאָו, — האָט ברכה רודמאַן א צעשראָקענע זיך אָפּגע־רופן — איך האָב א צו כיטרע תורה געהערט. נאָר אין חלום קען מען אזעלכעס הערן, אז יידן בויען ארץ ישראל ניט פאַר זיך, נאָר פאר דער קריסטלעכער וועלט, וואו מ׳זאָל קענען אָנידערשטעלן דעם טראָן פאר דעם דערלייזער. ס׳איז א ביטערע נבואה, מאָו. פון וואַנען האָט איר עס גענומען? — איז ברכה צוגעגאַנגען נאָענט און ארייננעקוקט דעם ריכטער לאַריע אין פנים אריין — איך וויל וויסן פון וואָס פאר א קוואַל איר האָט עס געשעפּט? איך בעט אייך . . .

ריכטער לאַריע איז אָ ווייל געבליבן צעטומלט. ברכהס דרייסטקייט האָט אים אַראָפּגעשלאָגן פון זיין זיכערן טאָן. אָביסל צעטומלט, האָט ער אָנגעהויבן:

—איך בין א ריכטער. מיינע פליכטן זיינען ביינאַכט. די ביינאַכטיקע פאַרברעכער, וואָס ווערן טאָקע ביינאַכט געכאַפּט, ברענגט מען צו מיר. דורך די ביינאַכטיקע פאַרברעכער, מיין טייערע, קוק איך אריין אין דעם מהות פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָרטן, וואו גלויבן, איז קיין פאַרברעכן ניטאָ. די גלויביקע האָבן א געוויסן. יעס, מיין טייערע, אָן געוויסן איז דער מענטש א שאקאל מיט א פאַנטאַזיע פון א פוקס. וואָס ווייטער פון גלויבן, אלץ ווייטער פון מענטשלעכקייט. די יידישע רעליגיע איז שוין לאַנג אויפגעלייזט געוואָרן אין דער קריסטלעכער. יידן וויסן עס אליין. א פאָלק, וואָס ציט א היסטאָרישן פאָדים מער ווי דריי טויזנט יאָר, אָזאַ פאָלק טראַכט פאַמעלעך, און באַנעמט די לאַגע זייער פאַמעלעך. מיר לעבן אין דעם יאָרהונדערט פון ניט־גלויבן. אין דעם געוויסנלאָזן יאָרהונדערט. יידן זיינען שטענדיק געווען ווי ביימל אויפן וואַסער. דורך זיי דערקענט מען ווי מען האַלט מיט דער וועלט פון היינט, וואָס איז

צעשפליטערט ווי א צעבראָכענע, גלעזערנע כּלי. יעס, מיין טייערע, די צעשפליטערטע כּלי וועט צוריק גאַנץ ווערן נאָר מיט דעם כּח פון גייסט. פּאָרט, פּאָרט ווי פּיאָנערן אַהין, וואוהין עס ציט אייך; בויט, און דער־פרייט דאָס פאַרחלשטע, אָבער הייליקע לאַנד. דאָס בין איך געקומען אייך זאָגן, און ווינטשן אייך א גליקלעכע רייזע. א גוטע נאַכט, מיינע טייערע.

ער האָט געדריקט ברכהן די האַנט; צוגעגאַנגען און געדריקט פּנחסן די האַנט; מיט פעסטע און זיכערע טריט צוגעשפּאַנט צו דער מוטער, א קוש געטאָן איר גרויען קאָפּ, און ארויס פון שטוב.

א ווייל האָט געהערשט א געדריקטע שטילקייט, אלעמענס בליקן צו דער טיר געווענדט, ווי דורך דער טיר איז פאַרשוואונדן עפּעס אן אויס־טערלישע באַשעפעניש אין געשטאַלט פון א מענטשן, וואָס האָט אַזאַ ביטערע נבואה ארויסגעזאָגט.

— נעמט ניט פאַר אומגוט, מיין זון איז קאַטוילישער פון פּויפּסט — האָט ליליען־רות באַטראַכט די אַנוועזנדע — ער איז מיין זון, און איך זאָג נאָך אַמאָל, אז ער איז פרימער פון פּויפּסט אליין. ער איז א ריכטער מיט א ריינעם געוויסן.

—ער האָט דאָ פאַרמשפּט ניט קיין נאַכט־פּאַרברעכער — האָט דאָקטאָר לוריא גוטמוטיק גערעדט אויף דער זייט פון דער גרטע — ער האָט פאַרמשפּט א גאַנץ פאָלק צום אונטערגאַנג. און אפשר דאָס שענסטע וואָס דאָס אידישע פאָלק בויט איצטער פאַר דעם טרויעריקן היינט, האָט ער אוועקגעשענקט דעם אומבאַקאַנטן „מאָרגן".

דאָקטאָר ווילסאָן איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, צוגעגאַנגען און ארויפ־געלייגט די האַנט אויף דאָקטאָר לוריאַס אַקסל:

—עס איז ניט אינגאַנצן קלוג וואָס ער האָט דאָ פאַר אונדז פאַנאַנ־דערגעוויקלט; אָבער עפּעס, וואָס שטימט מיטן אמת האָט ער ארויסגע־בראַכט. זינט איך בין אביסל נענטער צוגעקומען צו דער יידישער מיס־טעריע, טראַכט זיך אָפט, אז פאַטאַל איז דער יידישער וועג צווישן פעלקער. דער ייד בויט פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע ראַסע, און לאָזט עס איבער אין וועג. און דאָס, וואָס ער האָט ארויסגעבראַכט, אז יידן בויען פּאַלעסטינע ניט פאַר זיך, נאָר — א היים פאַר דעם דערלייזערס טראָן, האָט ער א ביטערן אמת ארויסגעזאָגט. די וועלט, האָב איך מורא, ווערט אין היינטיקן יאָרהונדערט פאַרפלייצט פון פאַנאַטיזם. דו, מיין טייערע, — האָט ער אריבערגערעדט צו ברכהן — האָסט זיך געמעגט צוהערן צו זיינע רייד. ביסט דאָ אין א פריי לאַנד; צום ווינציקסטן דער־לויבט מען דיר דאָ צו חלומען דיין אייגענעם חלום. קוק ניט אריבער ווייטער פון דעם־א לאַנד.

ברכה האָט געהערט וואָס דאָקטאָר ווילסאָן האָט גערעדט, און עס איז איר אויסגעקומען, ווי די ווערטער זיינע וואָלט זי אין חלום געהערט. ער איז א קריסט; לעבן אים שטייט זיין ווייב, אירע, ברכהס, א לייבלעכע שוועסטער, וואָס מיט אַזאַ אייז־קאַלטן מוח, הערט זי זיך איין צום מאַנס רייד. און זי, ברכה, פילט, ווי דאָס בלוט פון האַרצן רינט ארויס צום

דיל. אַט, וועט זי ביז די קני בלייבן שטיין אין איר אייגענעם בלוט! איר בליק איז געפֿאַלן צו דער בלאַסער עלווירא ווילסאָן. א פרעמדע, א קריסטין, וואָס פילט זי מיט. זי קוקט צו איר ברודער, ער שווייגט. ניטאָ פאַר וועמען דעם ווײַ אויסצושרייען.

— „אין דער וועלט פון מאָרגן וועט דער ייד קיין אָרט ניט האָבן״ — האָט ריכטער דייוויד לאַריע מיט אַזאַ זיכערקייט געזאָגט, און אלעמען אזוי צעטומלט — האָט דאָקטאָר לוריא געטראכט — אין דער וועלט פון מאָרגן וועט אַזאַ ריכטער דייוויד לאַריע קיין אָרט געוויס ניט האָבן.

פנחס רודמאַן איז אויפגעשטאַנען פון זיין פלאַץ, און זיך גענומען געזעגענען.

— מהרסיך ומחריביך ממך יצאו... — האָט פנחס צו זיך אליין גע־רעדט — ס׳איז אונדזער בלוט, אונדזער מכה... א גוטע נאַכט.

האלטנדיק איר האַנט אין עלוויראס ווייכער, וואַרימער האנט, האָט ברכה מיט פאַרטרערטע אויגן נאָכגעקוקט איר ברודער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

הילל לוריא האָט דערהאַלטן א בריוו פון זיין זון מאָו, וואו ער בעט אים דינגען אַרבעטער, אויפצורייסן אַ צען אַקער לאַנד און פאַרזייען תבואה:

— דאָס איז מיין פאַרלאַנג, פאַ, און אפשר אויך דיינער — האָט דער יונגער דאָקטער געשריבן צו זיין פאָטער דעם פאַרמער — אַז די הונדערט און צען אַקער לאַנד, וואָס דו האָסט איבערגענומען מיט א דרייסיק יאָר צוריק, זאָלן ניט צוגעדעקט ווערן מיט דערנער. טו עס אויף מיין חשבון. אויב דו וועסט ניט האָבן דאַגעגן, וועל איך באַצאָלן. און אַז איך וועל זומער זיך אַראָפּכאַפּן צו דיר, זאָלן דיינע און מיינע בליקן רוען אויף דעם פאַרזייטן און גרינעם פעלד.

ווען הילל לוריא האָט דעם בריוו געלעזן פאַר דער מוטער, פאַר דער שווערגופיקער מינען, האָט זי איר דאָס פּנים אָנגעצונדן פאַר פרייד.

— טו עס טאָקע, הילל — האָט זי געווישט די טרערן מיטן פאַרטעך — ער איז אַ געטריי קינד. ער וויל אָפּצאָלן פאַר אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן פאַר אים. זאָל ער טאָקע קומען און האָבן אביסל פלעזשור.

אַנדערש האָט הילל געפילט לייענענדיק דעם בריוו. אים האָט אויס־געוויזן, אַז דאָס שרייבט דער יונגער הילל פון פאַר אַכט און פערציק יאָר צו א הילל, וואָס איז שוין דאָ געזעסן אויפן לאַנד אַזויפיל יאָרן. ער אַליין האָט זיך אָן זיינע יונגע יאָרן דערמאָנט, בחורוויזע, ווען ער האָט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן, אבי צו קענען ארבעטן ביי פאַרמער ארום ניו־יאָרק. ער האָט דעם זון צוליב געטאָן, און אויפגעריסן צוואַנציק אַקער לאַנד, ניט ווייט אָפּגעלייגט; אויף א טייל — פאַרזייט האָבער, אויף א טייל — קאָקאָרוזע, אויף דריי אַקער האָט ער פאַרזעצט קאַרטאָפליעס. און ווען מאָו איז געקומען אָנהויב זומער, האָט דאָס אויפגעגאַנגענע פעלד זיך גע־וויגט אים אנטקעגן.

אָבער געקומען איז מאָו ניט אַליין. ברכה רודמאַן און עלווירא ווילסאָן זיינען מיט אים מיטגעפאָרן. ברכה איז מיט איר ברודער קיין ארץ ישראל ניט געפאָרן. ווען פנחס רודמאַן האָט פאַר פסח זיך געלאָזן אין וועג אריין, האָט ער אַליין געראָטן זיין שוועסטער, זי זאָל וואַרטן אויף זיינעם אַ בריוו שוין פון דאָרטן. „אויב אַזויפיל געוואַרט, שאַדט ניט, אויב דו וועסט נאָך עטלעכע חדשים וואַרטן, ביז איך וועל געוואויר ווערן, צי עס איז ווערט ברענגען זיך אַליין פאַר א קרבן.” באמת אבער, האָט פנחס ניט געהאַט קיין חשק מיטצונעמען ברכהן. ער האָט אין איר דערקענט א גרויסן בייט, און האָט חושד געווען, אז ברכה האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן

איר וועלט, ניט ווי א פיאַנערקע, וואָס האָט זיך אליין ניט אין זינען, נאָר, ווי איינע, וואָס פאָדערט איר רעכט אויף דער ערד. „אפשר זיינען די יאָרן אין דעם שולדיק. פינף און צוואַנציק יאָר איז ניט צוואַנציק ביי א מיידל מיט הייס בלוט". ער איז געווען צופרידן צו פאָרן אליין; און זי איז געווען צופרידן צו פירן דעם חשבון הנפש אליין מיט זיך.

די ערשטע נאכט, נאָך דעם ווי פנחס איז אוועקגעפאָרן, האָט ברכה ניט געגעכטיקט אין דער ד"היים. זי האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון על־וויראַן, און איז אוועק נעכטיקן צו איר שוועסטער יוסטינען, מיט וועמען זי האָט שלום געמאַכט. באמת האָט זי יעמאָלט געוואָלט זיין ווייט פון טאַטע־מאַמע. און כאָטש מען האָט פאַר איר געמאכט א געלעגער אין א באַזונ־דערן צימער, ווען עלווירא ווילסאָן איז צו איר אַריינגעקומען, זען צי זי האָט א וויכן געלעגער, האָט ברכה געבעטן, זי זאָל מיט איר שלאָפן אין איין בעט, מחמת איר איז שטאַרק טרויעריק.

— איך לעב צווישן טאָג און נאַכט — האָט זי גערריקט עלוויראַס קאָפּ צו זיך — איך ווייס ניט, צי דער טאָג איז אוועק און די נאַכט קומט אָן פאַר מיר; צי די נאַכט גייט אַוועק, און דער טאָג קומט אָן. ס'איז באַ־גינען... האָב ניט קיין פאַראיבל, עלווירא, וואָס איך אליין בין טרויעריק, און האָב אויך דיין לעבן פאַרשאָטנט. יע, עלווירא, איך שפיר, אז איך בין אַ סך שולדיק אין דיין אומעט. דו ביסט געווען אַ ליכטיק קינד אין דעם לאַנד, און דאָס לאַנד איז פאַר דיר פריי און ברייט.

עלווירא האָט יעמאָלט אויף דעם ניט געענטפערט. מיטן געדאַנק האָט זי זיך געוואָלט דורכקלייבן צו ברכהס איבערלעבונגען. „א לעבן צווישן טאָג און נאַכט איז פול מיט אלערליי שרעק..." כאָטש עלווירא אליין האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון ווי ווייט זי אליין איז אָפּגעשוואוּמען פון איר טאַגיקן, העלן לעבן. זי אליין האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי ווייט זי איז אוועק מיט א וועג, פון וואַנען אומקערן זיך צוריק איז שוין שווער. איר אליין איז נאָך ניט קלאָר געווען וואָס פאַר א קרבן זי וועט באַדאַרפן ברענגען, כדי צו געפינען רו און פרידן אין די ווייטער־דיקע טעג פון איר לעבן.

איצטער איז זי אינאיינעם מיט ברכה רודמאַן ארויסגעפאָרן פון דעם ניו־יאָרקער שטאָל און שטיינערנעם גערויש, און געקומען אַד"היך, וואו עס רעדן זיך דורך די שטיינער מיט די ביימער, וואָס באַשאָטענען זיי, און די גראָזן רעדן זיך דורך מיט די טראָפּן טוי, וואָס נידערן אויף זיי אראָפּ אינאיינעם מיט דער נאַכט. יעדע איינע האָט פון שטאָט מיטגעבראכט איר בענקשאפט, וואָס איז אונטער דעם פרייען הימל, אין אַנגעזיכט פון יונגן זומער, נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן און געדודערט דאָס האַרץ. דאָ, אין דער היים פון אומצופרידענעם מאָו לוריא, האָט ער זיך ווי אָפּגערוקט פון זייערביידנס געמיט. פאַר ברכהן איז ער געווען אַ פריציייטיק אַראָפּגעפאַלענער עפּל, וואָס האָט זיך פאַרקייקלט ווייט פון בוים, און פוילט, און בענקט צום צווייג פון וואַנען ער איז אראָפּגעפאלן. און פאַר דער ניט־יידישער עלווירא ווילסאָן — א פענצטער, דורך וואַנען זי האָט אריינגעקוקט אין א אומצו־פרידענער און צעטומלטער יידישער וועלט. ביידע האָבן זיך געפילט נענטער צו הילל לוריאן, וואָס האָט לכבוד די געסט אויסגעגלייכט די פלייצע, און

פון זיינע שווערצע אויגן האָט ארויסגעשטראַלט אַן אַנגעצונדענע קינ־דישקייט. אים איז אין מוח בשום אופן ניט קלאָר געוואָרן, דער „פּאַרוואָס״, און „צוליב וואָס״, אַזאַ מיידל ווי עלווירא ווילסאַן האָט געבומען אריינקוקן אין דער יידישער וועלט אריין.

אויך מינע איז געווען צעטומלט, וואָס איר זון איז אראָפּגעקומען מיט צווי מיידלעך. איר הארץ האָט געציטערט גאָר אָן חשבון. „ביידע מייד־לעך ווייזן שטיקער גאָלד, אָבער ווער איז ווער, און וואָס איז וואָס ?״

עס איז געווען נאָך דער ערשטער נאַכט אויפן פאַרם. עלווירא, איבערשלאָפנדיק אין איין בעט מיט ברכהן, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז זי אויפגעשטאַנען, און ארויס דרויסן. זי האָט געוואָלט אליין בלייבן מיט זיך אין דער אָפענער וועלט, זיך צוהערן צו איר אומרואיקן הארצן, וואָס האָט זי אזוי פרי פון געלעגער אויפגעהויבן. אָבער זי איז געווען שטאַרק פארחידושט, ווען הילל לוריא איז איר אנטקעגן געקומען פון פעלד, וואָס ער האָט לכבוד זיין זון באַארבעט. הילל איז געווען ניט ווינציקער פארחידושט צו באַגעגענען עלוויראן אזוי פרי דרויסן.

עלווירא איז מיט א יונגן טראָט אים אַנטקעגן געקומען, און דערלאַנגט איר שמאָלע, ווייכע האַנט.

— גוט מאָרגן, מיסטער לוריא! ווי פרי א פאַרמער שטייט אויף...

— ווי קומסטו דרויסן אזוי פרי ? דאָ דאַרף זיך שלאָפן א סך רואיקער ווי אין שטאָט. איך, אז איך קום אין שטאָט אריין, שלאָף איך ניט.

עלווירא האָט א לאַך געטאָן, און אליין ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן דעם אַלטן יידישן פאַרמער, וועמעס זון זי גייט אין שטאָט נאָך ווי א שאָטן.

— עס איז מיר א פאַרגעניגן צו וויסן, אַז מיין זון איז נאָך צוגעבונדן צו דעם־אָ פאַרם — האָט הילל באַטראַכט עלוויראן — ער רירט זיין מוטער ביז טרערן מיט זיינע פאַרבענקטע בריוו. איך האָב אים צופרידנ־געשטעלט און געבראַכט צום לעבן אָט דאָס פעלד דאָרטן.

— ער איז אַן אייגנאַרטיקער מענטש, דער זון דייַנער — האָט עלווירא ניט אראָפּגענומען די אויגן פון היללן — ווי איך זע איצטער, איז ער אין דיר גאָרניט געראָטן. ער איז מער געראָטן אין זיין אָנקל, אין דאָקטאָר לוריאן, וועמען איך אַכט זייער שטאַרק.

הילל לוריא האָט זיך איינגעדערט צו אירע רייד. פון אַזאַ ווייט האָבן זיי אים געקלונגען! „ווי קומט צו מיר דר. ווילסאַנס טאָכטער ? — האָט ער געטראַכט, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון איר לענגלעך־ליכטיקן פּנים און בלויע אויגן, וואָס האָבן אין פרימאָרגן־ליכט געפינקלט.

הילל איז מיטן געדאנק אריבער צו זיין זון, און צום שמועס וואָס ער האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאַט מיט ברכהן וועגן אָט־אָ־דער ניט־יידישער מיידל. א רעטעניש איז עס אים. נאָך מער רעטעניש, וואָס ווי אים דוכט זיך אויס, לויפט זי נאָך זיין זון, און ער, האלט זיך פונדער־ווייטנס. אפילו דאָ, האָט הילל ניט באַמערקט, זיין זון זאָל קוקן צו איר מיט פאַרליבטע אויגן. הילל האָט אויך באַמערקט, אז דאָקטאָר ווילסאַנס טאָכטער האַלט זיך מערער נעבן ברכהן. ער האָט עס בשום אופן ניט געקענט צעקייען.

אויף דער אַלטער, צעבראָכענער און פאַרזשאַווערטער קאַר, וואָס איז געלעגן ניט ווייט אָן איבערגעקערטע מיט די רעדער ארויף, איז ארויפגעפלויגן א ווייסער, שווערער האָן; א וויל, מעשה באַלעבאָס, באַטראַכט דעם פרימאָרגן, א פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, און אויסגעקרייט א הייזעריקן קאָ־קאָ־רי־קאָ־אָאָ — — —

עלווירא האָט אויפגעציטערט, און זיך צעלאַכט.

— איך לאַך, מיסטער לוריא... מיס רודמאַן האָט מיר דערציילט פון אַ שפּריכוואָרט אין די יידישע שריפטן, אז דער האָן איז דער גרעסטער גרויסהאַלטער צווישן פייגל, און דער ייד — צווישן פעלקער. עס איז פיין, ווען מענטשן קענען זיך אליין קריטיקירן.

— וואָס מיינסטו, איז עס קלוג געזאָגט?

— איך קען יידן אזוי ווינציק, איך זאָל האָבן דאָס רעכט ארויסצוזאָגן א מיינונג. איצטער פאַרשטיי איך, אז אין אלגעמיין ווייסט מען אין דער ניט־יידישער וועלט זייער ווינציק וועגן יידן. איך זוך אַ דערנענטערונג, אָבער עס קומט מיר אָן ניט אַזוי גרינג. עס איז דאָ אזוי שיין, אַזוי רואיק — האָט עלווירא איבערגעריסן דעם שמועס וועגן יידן — איך פאַרשטיי גוט דיין זון, וואָס האָט גראַדואירט, און איז אַ פּיאַיקער דאָקטאָר, און בענקט צוריק אַהער.

— איך קען מיין זון. ער איז אַ ייד דורך און דורך, דעריבער איז ער מיט זיך אומצופרידן.

— איז דאָס אַ יידישער שטריך, אומצופרידנקייט?

— די אומרואיקייט פון עלטערן גייט איבער צו קינדער. מיר זיינען אַ וואַנדער פאָלק. אין דער יוגנט, ווען איך בין אַריבערגעקומען קיין אמעריקע, האָב איך אויך קיין אָרט ניט געפונען. איך האָב אין ערגעץ קיין וואָרצלען ניט געלאָזן. איך פאַרשטיי, דיר איז עס פרעמד. אמעריקאַנער פאַרמער זיצן דאָ אין דער געגנט שוין גאַנץ לאַנג און איינגעוואָרצלט, ווען נאָר די בענק און די חובות וואָלטן זיי ניט אויסוואָרצלען.

— ביסט אומצופרידן?

— מיין אומצופרידנקייט איז ניט קיין פערזענלעכע, טייערע. איך האָב עפּעס פאַר זיך געוואָלט, און געטראַכט, אַז דאָס אייגענע וואָלט אויך גוט געווען פאַר הונדערטער, טויזנטער יידן אין שטאָט. איך בין געקומען קיין אמעריקע מיט אַכט און פערציק יאָר צוריק, און איך טראַכט: אָט־אָ־די שטיינער דאָרטן פילן זיך דאָ א סך היימישער, ווי איך, מעגטש.

הילל לוריא האָט באַמערקט א אומעט אין עלוויראַס פּנים, און איבם האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיט איר אָנגעצויגן אַזאַ שמועס. „מאַכט ניט אויס, וואָס זי איז אַהער געקומען — האָט ער געטראַכט — ליבע פּירט און פאַרפירט, ליבע מאַכט, אז אין שטאַל, ביי פאַרמאַכטע טויערן, זאָל די זון אויפגיין און שיינען״.

— אַ שאָד וואָס דו פאַרסט שוין מאָרגן צוריק — האָט הילל איבערגעשלאָגן זיינע מחשבות — די מיס רודמאַן פאָרט אויך מיט דיר אין שטאָט. אַ קלוג מיידל, כאָטש זי האָט געמאַכט א פעלער מיט דעם, וואָס זי איז ניט געפאָרן מיט איר ברודער אינאיינעם.

פאַרנאַכט האָט ברכה רודמאַן מודיע געווען, אַז זי וויל מעלקן די קי.

אויף חידושים זיינען אין שטאָל אריינגעקומען הילל און מינע; עלווירא און מאָו לוריא זיינען געשטאַנען געאָרעמט, געקוקט אויף א גרויס וואונדער, ווי ברכה דריקט אזוי געשיקט ביי דער ווייס־און־שוואַרץ געפלעקטער קו די שטייפע ציצן, און שנירלעך מילך שטראָמען אין עמער אריין. כאָטש שוין באַלד זעקס יאָר זינט ברכה האָט געמאָלקן די דריי קי פון זייער „קבוצה" אין דרום רוסלאַנד, האָבן די הענט און פינגער ארויסגעוויזן געשיקטקייט. א וואַרימקייט האָט געשטראָמט דורך איר לייב. דער גערויש פון דעם מילך־שטראָם אין שעפל האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון ערד און שפע, און דערמאָנט, אז דאָס לעבן איז פאָרט עפּעס ווערט.

— קום, עלווירא, ווערסטו אויך פּרואוון, ווערסט קענען, — האָט ברכה אָפּגעווענדט איר רויטן קאָפּ פון דער קוס ווייסן בויך — קום, עלווירא, פּרואוו, ווערסטו פילן, ווי די ברכה פון גאָט וועט פון צווישן דיינע פינגער ארויסשטראָמען.

עלווירא האָט זיך צעלאַכט. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, א קוש געטאָן ברכהס רויט־געקרויזטן קאָפּ, א נעם געטאָן מאָו לוריאן אונטערן אָרעם, און איז מיט אים ארויס פון שטאָל.

א רויט אָנגעצונדענע זון האָט מיטן שאַרפן ראַנד אָנגערירט די בערג, ווי פאַרדהאַלטן זיך אביסל פאַרן פאַרגיין.

— ווער איז זי, די וואונדערלעכע גאָלד־האָריקע מיידל? ביי איך מעגן דאָך שוועסטערקינדער חתונה האָבן צווישן זיך, פאַרוואָס, מאָו, דערקלערסטו איר ניט דיין געטריישאַפט און ליבע?

מאָו לוריא האָט פאַרזשמורעט די אויגן און נאָכגעקוקט די פאַרגייענדיקע זון. עלוויראס ווערטער זיינען ניט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. ער איז נאָכגעגאַנגען אירע געדאַנקען, און חושד געווען, אז זי טראַכט וועגן זיין באַהאַלטענער ליבע צו זיין שוועסטערקינד; כאָטש זי זאָגט עס ניט אַרויס מיטן אָפענעם מויל — איז זי אים חושד. זי איז אויך חושד ברכהס ניט־מיטפאַרן מיט איר ברודער קיין פּאַלעסטינע.

— ווער איז זי, מאָו? — האָט עלווירא נאָך אַמאָל געפרעגט, ארויסקומענדיק צום אָפענעם פעלד — גלויב מיר, זי איז מיר טייער נאָך מער ווי אן אייגענע שוועסטער, און דאָך פרעג איך ביי דיר, זאָלסט מיר אויפקלערן איר אינערלעכע וועלט.

— זי איז די נשמה פון אָפּשטאַרבנדיקן ערשטן דור, וואָס האָט אַהער אריינגעוואָנדערט פון דער פרעמד.

— דאָס איז שיין געזאָגט, מאָו, אָבער פאַר מיר איז עס א פאַרשלאָסענער אוצר. איך שפּיר אים, און קען אים ניט אָנרירן. דיין יידישע וועלט, וואָס נענטער איך דערקלייב זיך צו איר, אַלץ ווייטער רוקט זי זיך אָפּ פון מיר.

— וואָס פאַר א דערנענטערונג זוכסטו?
— ביז צום פאַרלאָרן גיין.
— וועגן דעם חלומט יעדע מיידל, וואָס איז פאַרליבט.
— איך בין ניט פאַרליבט אין דיר, איך בין פאַרליבט אין דיין פאָלק.
— ביסט ניט פאַרליבט, ביסט פאַרפירט.

— דאָס איז ניט קיין אומגליק. איך האָב אפשר צען מאָל איבערגע־לייענט די ביבלישע געשיכטע וועגן רות, וואָס איז ביינאַכט געקומען צום פּאַרמער בועז, און געבעטן, ער זאָל איר דערלויבן אויסשפּרייטן איר בענקשאַפט פאַר זיינע פיס. זי איז אויך פון דער פרעמד געקומען. און עס ווערט דערציילט, אז פון דערדאָזיקער ליבע איז ארויסגעקומען דער יידישער דערלייזער מיט דעם נאָמען ד ו ד. זעץ זיך אַנידער, מאָו, איך וועל זיך זעצן נעבן דיר. כאַ־כאַ־כאַ, איך גיי ניט טאָן וואָס יענע רות האָט געטאָן. עס איז נאָר אַ צופאַל, וואָס איך בין דאָ היינט, און דו ביסט דאָ. מיס רודמאַן האָט געבעטן, איך זאָל מיטפאָרן. זי איז מיר נענטער ווי דו.

מאָו לוריא האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיין. עלווירא האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים. אַ צייט האָבן ביידע געשוויגן. די בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דעם געל־רויטן ראַנד פון מערב־הימל. עלווירא, ווען זי האָט באַמערקט, אַז ניט צוליב אים איז זי דאָ, האָט זי עס געמיינט. אויף אזויפיל האָט זי פאַרמאָגט זעלבשטענדיקייט. און ווען זי האָט געזאָגט, אַז ניט צוליב אים, נאָר צוליב ברכהן איז זי איצטער אויף זיין פּאַטערס פאַרם — איז עס אויף אַ געוויסן אופן געווען אמת. סיי עלווירא ווילסאָן, און סיי ברכה רודמאַן, ביידע האָבן ניט באַגריפן דעם כח, וואָס שטויסט זיי איינס צום אַנדערן.

— וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם פריער, אז מיס רודמאַן איז די נשמה פון אָפּשטאַרבנדיקן ערשטן דור אין אַמעריקע, וואָס פאַרשטייסטו מיט דעם? און וואו איז דער צווייטער דור, נעמט ער ניט איבער די נשמה פון ערשטן דור?

— צו טיף איז ביי אונדז דער ריס.

— גיב עס מיר צו פאַרשטיין.

— מיס רודמאַן וועט עס דיר אויפקלערן.

— און ווען איך גיי איבער צום יידישן פאָלק, ווי דאָס האָט געטאָן מיסיס דניאל לוריא?

— צוליב וועמען וואָלסטו עס געטאָן?

— ניט צוליב אַ מאַן.

— צוליב וואָס דען?

— צוליב אַ נייער היים פאַר מיין גייסט.

— צוליב וואָס דאַרפסטו בייטן דיין היים?

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגן.

— פונדעסטוועגן...

— איך וויל געהערן צום פאָלק, וואָס האָט דעם אַלטן טעסטאַמענט געגעבן דער וועלט.

— וואָס האָט די וועלט פון אַלטן טעסטאַמענט, און וואָס האָט זי פון נייעם? פון ביידע טעסטאַמענטן האָט זיך דער הערשנדיקער קלאַס אויס־געלאַכט.

— ניין, ניט איך טראַכט פון דער וועלט; איך טראַכט פון זיך אַליין. ווען איך, מיט מיין איצטיקן באַנעמען די וועלט און מענטשן, וואָלט געווען

אַ געבאַרענע פליייש און ביין פון דיין פאָלק, וואָלט איך איצטער מיט דיר אַנדערש גערעדט.

— קלייבסטו זיך איבערגיין צום יידישן גלויבן?

— ניין.

— טאָ, וואָס דען?

— איך וויל אויך האָבן דאָס געפיל, אז איך געהער צו אַ פאָלק מיט אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן הינטער זיך, וואָס האָט צוויי רעליגיעס געגעבן דער וועלט, און וואָס איז צעשפרייט איבער דער גרויסער וועלט. איך וויל ליב האָבן, און ניט פיינט האָבן. דאָס האָב איך אין דער לעצטער צייט באַגריפן. איך זאָל ניט קענען אַנווייזן וואו מיין פאָלקס ארמיי איז, מיין פאָלקס נייווי, און מיין פאָלקס קאַנאָנען געפינען זיך; איך זאָל מיט דער שפראַך פון דיינע פראָפעטן קענען דערציילן פון טאָג, וואָס וועט קומען, ווען פאָלק וועט אויף פאָלק ניט אויפהויבן קיין שווערד, ווייל גאָטס גייסט וועט שוועבן איבערן לעבן. אָט, דאָס איז עס, מאָו. איך האָב ניט אין זינען קיינעם, קיינעם. דיך אוודאי ניט. דו ביסט ניט גענוג ייד פאַר מיר.

מאָו האָט אריינגעקוקט עלוויראַן אין פנים אריין, געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס פון די מחשבות וואָס באַהאַלטן זיך הינטער דידאָזיקע ווערטער. איר פנים איז געווען פאַרטראַכט, די אויגן — טיף־בלוי, ווי דער הימל, וואָס האָט זיך אראָפּגעבויגן אין מזרח־זייט. דאָס פנים לענגלעך, די ליפּן צו־נויפגעצויגן, אָפּגעשלאָסן אין זיך אליין. אים האָט אויסגעוויזן, אז דאָס האָט זי לפנים ווענן צו אים גערעדט, אָבער באמת האָט זי אויסן געווען — דער דרויסן זאָל עס הערן.

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן ברכה רודמאַן. אַ באָרוועסע, מיט די אויגן צו דער ערד, האָט זי געשפּאַנט זיי אַנטקעגן. שווייגנדיק האָבן זיי אָפּגעוואַרט איר קומען.

ברכה איז צוגעקומען, זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן עלוויראַן, אנידערגעלייגט איר קאָפּ אויף עלוויראַס שויס.

— מיין קאָפּ איז דיר שווער? — האָט ברכה שטיל געפרעגט.

— דיין קאָפּ איז פול מיט גייסט און שיין, און איז מיר גרינג.

— אָ, ניין, וואו איז איצטער פאַראַנען גייסט? איך בלאָנדזשע אַ גייסטלאָזע, און פיל, אַז איך בין שווער.

— פאַר וועמען? — האָט עלווירא געגלעט ברכהס קאָפּ.

— פאַר זיך, און פאַר יענעם.

— רייד ניט אזוי. זאָג עס איר, מאָו, אז זי טאָר אזוי ניט רעדן. פאַרוואָס, אַז איך טראַכט פון דיין פאָלק, נעמט דער גייסט אין מיר די אויבערהאַנט. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

— ווייל דו לעבסט מיט דער יידישער ביבל, אָבער ניט מיט דעם יידישן פאָלק.

דאָס האָט מאָו לוריא אָפּגעזאָגט, איז אויפגעשטאַנען, זיך ענטשול־דיקט, און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון שטוב.

* * *

עלווירא ווילסאָן און ברכה רודמאַן האָבן אינאײנעם זיך אומגעקערט פון הילל לוריאס פאַרם, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט צוויי טעג. אַ גאַנצן וועג מיט דער באַן האָבן זיי ווינציק גערעדט. ביידע זיינען געווען ענטוישט, און ביידע האָבן באַהאַלטן זייערע געפילן. אויף ברכהן האָט שטאַרק געווירקט די אָפּגעלאָזנקייט פון הילל לוריאס פאַרם, און איר האָט פאַרדראָסן הלמאי זי איז ניט מיטגעפאָרן מיט איר ברודער קיין ארץ ישראל. זי האָט עס ניט געוואָלט ארויסזאָגן פאַר עלוויראן, וואָס, ווי ברכה האָט פאַרשטאַנען, האָט זי זיך גייסטיק פאַרפלאָנטערט מיט איר זוכן אַ דערנענטערונג צו יידן.

אָנקומענדיק קיין ניו־יאָרק, האָט עלווירא אריינגעקוקט אין ברכהס אומעטיקן פּנים און שטיל געזאָגט:

— וועסט מיר ענטשולדיקן וואָס איך בין היינט אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך אַליין. מיר איז טרויעריק, און איך וויל מיט קיינעם מיין טרויער ניט טיילן. דו ביסט מיר איצטער דער נענטסטער מענטש. אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן.

עס איז געווען ארום האַלבן טאָג, ווען עלווירא איז אָנגעקומען אהיים. זי האָט אין גאַסט־צימער באַגעגנט איר שטיפמוטער, יוסטינען, האָט אויטאָמאַטיש זי באַגריסט, אַרומגענומען, זיך צעקושט מיט איר, און אפילו ניט געפרעגט וואָס איר פאָטער מאַכט. זי איז אריין צו זיך אין צימער, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, און דאָרט שוין געבליבן דעם גאַנצן טאָג. יוסטינע האָט אַ פּאָר מאָל אריינגעשיקט די הויזווירטן, פרעגן וואָס איר שטיפטאָכטער וויל, אָבער עלווירא האָט באַדאַנקט און געזאָגט, אז דערוויילי וויל זי גאָרניט.

פאַרנאַכט, ווען דאָקטאָר ווילסאָן איז געקומען, האָט יוסטינע, מיט טרערן אין די אויגן, געבעטן, ער זאָל איר ארויסהעלפן און איינשטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן איר און עלוויראן.

— איך בין ניט געקומען עפּעס פאַרנעמען ביי איר. אויב איך האָב איר ענג געמאַכט, בין איך גרייט איר אָפּצוטרעטן די היים.

— איז זי שוין געקומען צוריק?

— זי איז געקומען פון פאַרם און זיך פאַרמאַכט אין איר צימער. עס קען דאָך ווייטער אַזוי ניט גיין. זי האָט מיך פיינט. זי קוקט אין מיין זייט ניט.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט אין דער רגע ניט געהאַט די פּאַסיקע ווערטער צו באַרואיקן זיין יידישע פרוי. ער האָט גענומען יוסטינעס הענט, זיי צוגעטראָגן צו די ליפּן, און איז אריין צו זיין טאָכטער, אויסצוגעפינען, צי ער קען מיט עפּעס פאַרגרינגערן איר צעבראָכענעם געמיט.

עלווירא איז אויפגעשטאַנען איר פאָטער אנטקעגן, טרויעריק געשמייכלט, און שטיל געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו פּאַ? איך פאַרשאַף דיר אומזיסטיקע ליידן. איך ווייס, יוסטינע האָט זיך באַקלאָגט פאַר דיר; אָבער גלויב מיר, איך האָב צו איר גאָרניט. זי האָט ביי מיר גאָרניט פאַרנומען, און איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך קען אָנקניפּן מיט איר די אייגענע פריינטשאַפט וואָס מיט איר שוועסטער. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, פּאַ?

דאָקטאָר ווילסאָן האָט זי אַרומגענומען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַנגעקושט אירע בלויע, ליכטיקע אויגן. ער האָט זי אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע, אַליין זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן איר, גענומען איר האַנט, באַטראַכט די לענגלעכע פינגער, און גערעדט ווי פאַר זיך אַליין:

— דאָס לעבן, מיין טאָכטער, איז פול מיט מיסטעריעזע אויגן וואָס קוקן דיך נאָך אויף יעדן שריט און טריט. קוקן נאָך, און זאָגן גאָרניט. ווער איז זי געווען, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען? צוויי שוואַרצע אויגן, און מער גאָרניט! איך האָב אין יענע אויגן זיך ניט אָפּגעגעבן. זי איז אַ וואונדערלעכער, זעלבשטענדיקער מענטש. זי האָט דיך ליב, זי וויל, דיר זאָל זיין גוט. אָבער זי האָט פאַרדראָס, וואָס דו האָסט זיך איינגעליבט אין דעם יונגן לוריאַן. מיר דוכט, זי איז גערעכט. כאָטש איך וויל דיר ניט אָנווייזן ווי אַזוי דו זאָלסט איינאָרדנען דיין צוקונפט. און ווייסטו וואָס יוסטינע האָט מיר געזאָגט? זי פאַרדעכטיקט, אַז דו קלייבסט זיך איבערגיין צום יידישן גלויבן. איז וואָלט איך קעגן דעם אויך גאָרניט געהאַט, ווען איך ווייס, אַז דורך דעם וועסטו געפינען רו און פרידן. עס איז אָבער ביי יידן, ווי ביי אַ ראַסע, ניטאָ ניט קיין רו און ניט קיין פרידן. מעגלעך, אַז דו שטעלסט מיט דעם איין אַ סך.

עלווירא האָט גוט געהערט דעם פאָטערס ווערטער. זי האָט דערוויל איר מיינונג וועגן אים ניט געביטן. כאָטש, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט דער יונגער יוסטינע רודמאַן, דוכט עלוויראַן אויס, אַז איר פאָטער האָט אָנגעהויבן נעמען זאַכן אין לעבן אַ סך גרינגער. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ דערפאַרענעם און אויסגערעכנטן מענטשן, וואָס, כאָטש ער פאַרברענגט זיינע גאַנצענע טעג, און אָפט נעכט אין די שפּיטעלער, וואו ער אָפּערירט אַלערליי חולאים, האָט ער פונדעסטוועגן אַ קלאָרן בליק אויפן לעבעדיקן לעבן.

אָבער איצטער, ווען ער האָט אָנגערירט איר צעפּלאָגטן געמיט, האָט זי שטאַרק חשק געהאַט מיט אים צו רעדן, בתנאי, ער זאָל יוסטינען ניט דערציילן וועגן דעם.

— יעס, פּאַ — האָט זי צו אים אַרויפגעקוקט — איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרכישופטן קרייז, און איך ווייס ניט ווי אַזוי פון אים אַרויס.

— וואָס מיינסטו מיט דעם פאַרכישופטן קרייז?

— מיר איז פרעמד געוואָרן דאָס אייגענע, און נאָענט געוואָרן דאָס פרעמדע.

— איך ווייס ניט, מיין טאָכטער, וואָס איז אייגנס, און וואָס איז פרעמדס אין מענטשלעכן זינען. אָט, ווי איך האָב מיין לעבן באַרייכערט דורך אַ יידישער פרוי, וואָס איז פאַר מיר אויפן ערשטן פּלאַץ — די פרוי, וואָס איך האָב ליב; אַזוי קען דאָך מיט דיר דאָס אייגענע זיין. איך האָב מיט איר פאָלק ניט חתונה געהאַט. און דו, אויב דו האָסט ליב אַ יידישן מאַן, דאַרפסטו צוליב דעם ניט חתונה האָבן מיטן יידישן פאָלק.

עלווירא האָט אַ לאַך געטאָן, און געזאָגט:

— לאָמיר פון דעם איצטער ניט רעדן, פּאַ. פאַר מיינע געפילן האָב איך דערוויל ניט קיין ווערטער. און אפשר זיינען ווערטער איבעריק, ווען מען איז פאַרלאָרן אין דער וועלט פון געפילן.

תחילת האָט דאָקטאָר ווילסאָן געטראַכט, פאַרבעטן צו זיך מאָו לוריאַן און האָבן מיט אים „א האַרץ צו האַרץ" שמועס. פשוט, פרעגן אים, וואָס ער טראַכט וועגן זיין עלוויראַן; און אפשר גיין אזוי ווייט און צוזאָגן אים אויפצובויען זיין קאַריערע ווי א מעדיקער.

האָט עס אָבער דאָקטאָר ווילסאָן אָן זיין טאָכטערס וויסן ניט געפּועלט ביי זיך צו טאָן. אָנשטאָט מאָו לוריאַן, האָט ער באַשלאָסן פאַרבעטן צו זיך דאָקטאָר לוריאַס פרוי, פּערל לוריאַן. ער האָט געוואָלט האָבן מיט איר א שמועס אין עלוויראַס קעגנוואַרט, מיט איר ארומרעדן דעם גאַנצן פּלאָנטער, אין וועלכן זיין טאָכטער איז אריינגעפאַלן. ער האָט געפרעגט עלוויראַן, צי זי האָט ניט דאַגעגן. עלווירא האָט זיך דערפרייט, און געזאָגט, אז אדרבה, אפשר אין פּערלס קעגנוואַרט וועט זי קענען קלאָר מאַכן וואָס עס דריקט איר די לעצטע צייט.

עלווירא אליין האָט פּערלען פאַרבעטן צו זיך, און האָט זיך אפילו ניט געשעמט, וואָס איר שטיפמוטער איז געזעסן דערביי. דאָקטאָר ווילסאָן האָט זיך געווענדט צו איר ווי א פאָטער ווענדט זיך צו א דערוואַקסן קינד, וואָס איז אין א שווערער לאַגע, און דערמאָנט — אַז אַ פאָטער איז זיין גאַנץ לעבן א פאָטער צו די קינדער.

עס איז געווען א זונטיק נאָכמיטאָג. דאָקטאָר ווילסאָן האָט קעגן זיין צוזאָג פאַרטרויט יוסטינען צוליב וואָס פּערל לוריא איז געקומען. ער האָט געבעטן, יוסטינע זאָל זיין ווי ווייט מעגלעך טאַקטיש, ניט אריינפאַלן מיט קיין עצה, ווען דאָס וועט האָבן צו טאָן מיטן יידישן פאָלק.

דאָקטאָר ווילסאָן האָט געהאַט א סך צוטרוי צו פּערלען. ער האָט געהאַלטן פון איר קלאָרן שכל. אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, און פאַרט — מיט אַן אָריגינעלן בליק אויף דערשיינונגען אין לעבן.

— איך בין אַ דאָקטאָר — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גוטמוטיק גערעדט — און איר ווייסט דאָך, אַז אַ דאָקטאָר קען זיינע אייגענע קינדערס קראַנק־קייטן ניט היילן. האָב איך אייך פאַרבעטן. איך האַלט פון פרויען דאָקטוי־רים, כאַ־כאַ־כאַ.

— אָ, פּאַ, איך בין ניט אַזאַ ערנסטער חולה — האָט עלווירא זיך צוגערוקט נאָענט צו פּערלען — אפשר האַלט יוסטינע מיך פאַר אַ גייסטיק קראַנקער, כאַ־כאַ־כאַ... פאַרזיכער איך, אז מיין ליבע וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט פאַר מיין פּאַ, האָב איך גלייך אויף גלייך צעטיילט. ניט מער וואָס אין אונדזער גליקלעך לאַנד איז די באַוואוסטזיניקע יוגנט גאָרניט אַזוי גליקלעך. יעס, פּערל, טייערע, מיין פּאַ האָט איך אויסגעקליבן פאַר מיין דאָקטאָר, און איך ווייס אַליין ניט וואָס מיר טוט וויי, כאַ־כאַ־כאַ!

עלווירא האָט אויסגעווישט די טרערן, וואָס האָבן פאַרגאָסן די אויגן, איז אויפגעשטאַנען, זיך ענטשולדיקט, צוגעזאָגט באַלד צוריק אריינקומען, און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ ארויס פון צימער.

— יעס, פּערל, — האָט יוסטינע די ערשטע זיך אָפּגערופן — איר קענט איר אויפוויזן, אַז זי איז פאַרפירט געוואָרן צוליב איר עקסטרעמער אָרנטלעכקייט. איך האָב אים ניט ליב. ער איז אַ פאַרמער אין כאַראַקטער, אים פעלט איידלקייט. זי דאַרף עס פאַרשטיין און איבעררייסן מיט אים

אינגאַנצן. וואָס זאָגסטו, פּיליפּ, האַנדלט זי דען ניט ווי א נאַאיווו און איבערגעוואַקסן קינד?

— איך וויל הערן פּערלס מיינונג — האָט דאָקטאָר ווילסאָן אָפּגעענטפערט

— איך וויל הערן א מיינונג פון אַ פרוי.

— ניט דאָס, וואָס איר שרייבט צו צו אייער טאָכטער, איז די סיבה פון אירע שווערע איבערלעבונגען — האָט פּערל געקוקט דר. ווילסאָנען אין פּנים אריין — איך בין זיכער, אז מאָן לוריא פאַרערט עלווירען, און איז ניט דרייסט גענוג קומען איר אַנטקעגן. דאָס איז איין זאַך. מיר איז אבער באַקאַנט פון זיינע אָפטע שמועסן מיט מיין מאַן, אַז ער לעבט איבער א ביטערע ענטוישונג ווי א ייד, און, ווי מיר דוכט, האָט ער באַשטימט ניט חרטונה צו האָבן אינגאַנצן. דאָס איז אויך דאָקטאָר לוריאס מיינונג. פאַרן לעצטן יאָר האָט ער זיך שטאַרק געביטן. איך האָב אים שטאַרק גערן. ער איז אָרנטלעך, ער וועט קיין פרוי ניט פאַרפירן. ערליידט ווי אַ קינד פון צווייטן דור, וועמען דער ערשטער דור האָט געלאָזן אין א גייסטיקער ליידיקייט. דאָס האָט צו טאָן מיט אים. אָבער וואָס איך טראַכט וועגן עלווירען, איז עפּעס אנדערש. סאָקראַטעס האָט קלוג פאַנאַנדערגעטיילט די באַציאונגען פון מענטשן צו זאַכן. איינער, זאָגט ער, האָט פאַרגעניגן, ווען ער פאַרבעסערט זיינע פעלדער; דער צווייטער — ווען ער פאַרבעסערט זיינע פערד; און דער דריטער — ווען ער בעסערט אויס זיך אַליין, זיין אינערלעכע וועלט. אָט־דאָס וויל איצטער עלווירא טאָן. זי וויל אויס־בעסערן דעם אינהאַלט פון איר לעבן. ווי איך האָב עס די לעצטע יאָרן געטאָן. איך בין אויך א קינד פון צווייטן דור, כאָטש איך בין געבאָרן געוואָרן אויף דער איסט־סייד, בין איך אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער שיטערער קאַלעדזש לופט. איך האָב אויך געדרייניקט מיין אינער־לעכע וועלט. איך בין איצטער א יידישע טאָכטער דורך און דורך, און פיל מיר גאַנץ און געזונט. אויב איך האָב פאַרביטן מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אויף נאַציאָנאַלע; און אויב מיינע פּערזענלעכע אומבאַ־קוועמלעכקייטן אַרן מיר ווינציקער ווי די נאַציאָנאַלע, איז מיין אינערלעכע וועלט רואיקער, מחמת — פולער.

— אָבער, פּערל טייערע, דאָס איז זייער שיין און נאַטירלעך. איר זייט געבאָרן יידיש; אומבאַוואוסטזיניק געפילט יידיש. איז געקומען דער באַוואוסטזיין און אַנגעוויזן וואו די גייסטיקע טעריטאָריע איז. אנדערש איז דאָך מיט מיין טאָכטער. ווען זי איז אַוועק אין דער צענטראַלער ביב־ליאָטעק פאַרשן די יידישע דריי טויזנט יאָריקע געשיכטע, איז זי אריין אין א פאַרכישופטן קרייז. דאָס גיט זי אַליין צו. מיר איז אומבאַקוועם צו פרעגן ביי איר... אָט, איז עלווירא. זאָל זי אַליין זאָגן מיט וואָס מיר ־ענגען איר העלפן.

עלווירא איז אריינגעקומען, זון אויפגעלייגטע און באַפרייטע. דאָס פּנים ליכטיק און גוטמוטיק, די אויגן — מיט דעם נאַטירלעכן, פריידיקן פייערל.

— נעמט זיך ניט אזוי שטאַרק צום האַרצן — האָט עלווירא גערעדט מיט אַ זיכערער שטים — איך האָב אביסל פאַרבלאָנדזשעט, אָבער מיך פאַרדריסט עס ניט. דער איינער האָט מיך ניט אויסגעמיטן, ווילע איך

ווייס גאַרניט, צי מיר האָבן זיך שוין אפילו באַגעגנט. אַז מיר ווען זיך באַגעגענען, מעגלעך, מיר וועלן זיך ניט אויסמיידן. אויב מיך פאַרדריסט עפּעס יאָ, איז דאָס, וואָס איך בין ניט רעליגיעז. ווען איך בין אַ גלויביקע, וואָלט איך שוין לאַנג איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן, מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, וואָס עס פאָדערט זיך ביי אַזאַ געלעגנהייט. בין איך אָבער ניט קיין גלויביקע. גיי איך אום פון דרויסן, און קען אין מיין באַליבטער שטוב ניט אַריינקומען.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ געדאַנק, עלווירא? — האָט דאָקטאָר ווילסאָן געוווּשט מיט דער האַנט זיין שטערן — אויב עס איז, ווי פּערל דערקלערט מיר, ברענגסטו אין אָרדנונג דיין אינערלעכע וועלט, איז עס נויטיק גיין אַזוי ווייט, ווי בעטלען אַ ווינקל פאַר זיך ביי אַן אַנדער פאָלק מיט אַן אַנדער גלויבן? און צי איז עס אַ שכל, אַרויס פון אַ גוט־באַזאָרגטער היים און אַריינוואַרפן זיך אין אַ אינטערנאַציאָנאַלן שטורם אַריין?

— האָסט עס גוט כאַראַקטעריזירט, פּאַ, כאַ־כאַ־כאַ... אין אַ דרייטויזנט יאָריקן שטורם, כאַ־כאַ־כאַ... איך וויל האָבן אַ ציל אין לעבן, און וויסן צוליב וואָס איך לעב.

— קאַרג פּראָבלעמען פאַראַנען פאַר וועלכע מען מוז דאָ קעמפן אין דער אייגענער היים? אָט שטייען הונגעריקע אין דער ריי, וואַרטן, מ׳זאָל זיי דערלאַנגען אַ קאַווע מיט אַ סענדוויטש... אָט לייען איך פון די „הוואַוערשטעטלעך״, וואָס זיינען איצטער אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, וואו די אַרויסגעוואָרפענע פון זייערע היימען האַלטן זיך אויף... ווען איך דו האָב צייט, ווען איך בין יונג, וואָלט איך געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער און געקעמפט פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדענונג. די יידן דאָ אין לאַנד האָבן ניט קיין באַזונדערע פּראָבלעמען. זיינען אַ טייל פון אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער סטרוקטור. אונדזער קאָנסטיטוציע גיט זיי אַ היים צוגלייך מיט אַנדערע.

— דאָס, פּאַ, האָט ניט צו טאָן מיט מיינע געפילן. דאָס האָט ניט צו טאָן מיט מיינע חלומות, מיט מיינע שלאָפלאָזע נעכט. לאָמיר וועגן דעם איינגאַנצן ניט רעדן. איז ווייס, פּאַ, ביסט אַ פריידענקער. האָסט אַ ראַציאָנאַלן צוגאַנג צו פּראָבלעמען און דערשיינונגען, לאָמיר וועגן מיינע פּראָבלעמען איצטער ניט רעדן. איר וועט מיר, פּערל, ענטשולדיקן. איר זייט אונדז ליב אַזוי טייער, ווען נאָר איר קומט אַריבער צו אונדז. זייט מיר ניט חושד אין גאַרניט — האָט עלווירא זיך געווענדט צו דער צעטומלטער יוסטינען — איך ווייס, אַז איך פיר זיך ניט אויף גוט אין שטוב; אַנשטאָט צו זיין צו דיר ווי אַ געטריי קינד, בין איך גאָר ווי אַ שטיפמוטער, כאַ־כאַ־כאַ. איך וועל זיך רעפאָרמירן, איך זאָג צו.

פּערל לוריא האָט פון איר באַזוך ביי דאָקטאָר ווילסאָנען אַ סך געלערנט. עלוויראַס איבערלעבונגען האָט זי געגומען שטאַרק צום האַרצן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט זי פאַרבעטן מאַו לוריאַן צו זיך, אויף פיר אויגן אים דערציילט פון איר באַזוך ביי דאָקטאָר ווילסאָנען.

— דו טו ניט נאָך דיין אָנקל, מאַו; און עלווירא דאַרף מיר ניט נאָכטאָן. איך האָב דיין אָנקל באַגעגנט און אָפּגעשלאָגן זיינע טירן. ווען ניט איך, וואָלט ער איצטער געווען אַן אַלטער, פאַרוועלקטער בחור. איך

האָב אים געזוכט און באַוויזן, אַז איך בין די זון, וואָס גייט אויף ניט־געבעטענערהייט. בין איך אפשר די איינציקע נאַרישע פּערל, וואָס ד'האָט געהאַט די עקשנות ניט אָפּצוטרעטן, און האָט אירס אויסגעפירט. אָבער דאָס דאַרפן פרויען ניט טאָן. וואָס זאָגסטו, מאַו, האָסט אפשר אן אנדער אויסטייטשונג פאַר ליבע?

— איך זוך אַן אָנהאַלט אין יידישן לעבן, און געפין ניט. אליין בין איך דאָס וואָס איך בין. בין איך נאָך אַלץ הילל לוריאס אַ זון. וועל איך זיך פאַרבינדן מיט אַ קריסטלעך מיידל, וואָס דערקלערט זיך אין ליבע צום יידישן פאָלק, וועט אין שטוב איר גייסט נעמען די אויבערהאַנט. איך שטרעב צו לעבן ווי אַ גאַנצער און נאַטירלעכער ייד. און אויב מיר איז באַשערט לאָזן נאָך זיך אַ יורש, איז עס ניט צו ירשנען מיין פאַרמעגן, נאָר מיין נשמה און בלוט. אָטאָ דאָס איז עס, פּערל. איך ווייס, זי האָט מיך ליב, נאָך מער, איך זאָג, אַז זי פאַרדינט צו באַגעגענען אַ בעסערן מאַן ווי איך. איך זאָג עס פון פולן האַרצן.

— זי איז מער יידיש ווי דו, און ווי איך.

— זי איז אַזויפיל יידיש ווי די טאַנטע ליליען־רות, וואָס ביי איר איז דער קאַטאָליק דיוויד לאַריע טייערער ווי דער ציוניסט דזשייקאָב לוריא. אָבער ניט דאָס האָב איך געמיינט צו זאָגן. איך בין אליין. איך האָב זיך אליין געפונען אין דעם פוסטן חלל, וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן דאָ פאַר אונדז צוגעגרייט. צווישן מיר און דער קערפּערלעכער ליבע — איז די יידישע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע דאָ אין לאַנד. איך בין אַרויס־געשפּרונגען פון שמעלץ־טאָפּ און שטיי דערווייל גייסטיק אַ נאַקעטער. ווי אַזוי קען איך אָננעמען די ליבע פון אַ מיידל, וואָס גייט אַרום די יידיש־נאַציאָנאַלע פענצטער, און קען אינעווייניק ניט אַריינקומען צוליב דעם, וואָס די ליבע צום מאַן, וואָס זי קען ניט, שטייט איר אין וועג. דו, טאַנטע, ביסט עפּעס אַנדערש. איך זע ווי דו דערציסט דיין קינד. דו ביסט די מאַמע. ביסט איצטער אַ יידישע מאַמע. און איך ווייס וואָס דו ביסט פאַרן אָנקל זכריה.

— איך דאַנק דיר, מאַו, פאַר אַזאַ מיינונג וועגן דיין טאַנטע פּערל. דאָס האָט אָבער ניט צו טאָן מיט דער ליבע פון אַ ליכטיק מיידל, ווי עלווירא ווילסאָן. ווען אַ פרוי דערשפּירט אין וואָס פאַר אַ אָרעמס זי וויל אַריינ־פאַלן, פון יענעם מאָמענט אָן איז זי ניט מער קיין גאַנצער מענטש. אין יענער איינגעליבטער מענערשער וואַרימקייט זוכט זי איר גאַנצקייט. ווי צו דער פרוי, וואָס איז פאַרליבט אין אַ מאַן, און ער וויל אויף איר ליבע ניט ענטפערן. איך פאַרזיכער דיר, אַז ווען ביי יידן וואָלטן געווען מאָנאַס־טירן, וואָלט־זיין אַ מיידל וואָלט געקענט פאַרנעמען איר ליבע, און דאָרט מיט איר אינאיינעם טריקענען, וואָלט עלווירא שוין לאַנג געווען אין אַ יידישן מאָנאַסטיר. זי איז פאַרליבט אין יידישן פאָלק דורך דיר. דו ביסט דער פענצטער, מאַו. ווער אויך די יידישע הימס, וואוהין זי זאָל איר האַרץ ברענגען צוטראָגן.

מאַו לוריא האָט געהערט זיין טאַנטעס רייד, און האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אין איר האָט גערעדט דער פרויען־שכל, און ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס איר צו דערווידערן. עס קען זיין, אַז דווקא אין

דעם וואָס עלווירא האָט זיך אוועקגעלאָזן אויסצופאָרשן די יידישע געשיכטע און די יידישע מיסטעריע, איז שולדיק געווען, וואָס מאָו לוריא האָט איר נאָענטקייט ניט געשפּירט. זי האָט דאָך אים שוין איינמאָל אויפגעוואָרפן, אַז ער איז ניט גענוג ייד פאַר איר. ווען זי האָט אים אָנגעבאָטן גיין מיט אים אויף זיין פּאָטערס פאַרם, דאָרטן ווערן זיין ווייב און א מאַמע פון א סך קינדער — האָט עס אויף אים געמאכט א פאַרקערטע ווירקונג.

— יעס, מאָו, „בלעטער וואָס דער ווינט צעזייט איבער דער ערד, אַטאָ דאָס איז די מענטשלעכע ראַסע...״ — זאָגט ערגעץ מארקוס אוירעליוס. ער איז גערעכט געווען. דו — אַ בלעטל, זי — אַ בלעטל אין די הענט פון ווינט. נעמט זיך ביידע פאַר די הענט. זי וויל, זאָלסט זי פירן צו אונדזער פאָלק און זאָגן: — איך האָב צו דיר א פאַרבלאָנדזשעט קינד געבראַכט.

— שיין צו הערן ווי איר רעדט, טאַנטע.

— אָבער נאָך ערגער פון דער טאַנטעס רייד איז דער לעבעדיקער פאַקט, מאָו!

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

ביי דאָקטאָר לוריאַן איז געזעסן אַ גאַסט פון דייטשלאַנד; דאָקטאָר מארטין פרידלאַנד, אַ כירורג, אַ בלאַנדער מיט אַ רונדן קאָפּ און שווערלעכן קאַרק, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, און — אַ ייד פון „משה רבנוס גלויבן". רואיק, אין אַן ענגליש מיט אַ סך „דזשיען", האָט ער דערציילט וועגן אַ גרויס אומגליק, וואָס רוקט זיך באַשטימט אויף די דייטשע יידן.

עס איז געווען אַ רעגנדיקער פרייטיק צו נאַכטס שפּעט אין האַרבסט. פּערל לוריאַ האָט, ווי איר שטייגער, די לעצטע צייט, געבענטשט ליכט אין דעם פינפערנעם שבת־לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אין גאַסט־צימער אויף דעם פאַרשפּרייטן טיש. דאָקטאָר לוריאַ האָט דעם גאַסט באַגעגנט אין שפּיטאָל. דאָרטן האָט ער זיך מיט אים באַקענט און אים פאַרבעטן צו זיך. פּערל האָט פאַרבעטן יוחנן פעלדשטיינען. עלווירא ווילסאָן איז געקומען זיך וואַרימען אין די ערב־שבתדיקע ליכט־פלעמלעך.

דאָקטאָר פרידלאַנד האָט דערציילט, ווי זיין אינסטינקט האָט אים אין צייט אויפגעהויבן פון אָרט, ממש מיט די וואָרצלען אויסגעריסן: „גיי, זע, וואָס האָט די וואונדערלעכע אַמעריקע אויפגעטאָן אין דער מעדיצין; אָבער אין דער אייגענער צייט לייג צו אַן אויער צו דער ערד, פאַרנעם, וואו איז איצטער פרידן פאַרן אייביקן יידן".

אליין אַ פּייאיקער כירורג, זיינען אים באַקאַנט געווען די דערגרייכונגען פון זיין פאַך אין אַמעריקע. שוין דאָ אין לאַנד — האָט אים אָנטקעגן אַ בלאָז געטאָן דער „פרייער ווינט", און ער האָט באַשטימט אַראָפּברענגען זיין משפּחה.

— און איך מוז אייך זאָגן — האָט דאָקטאָר פרידלאַנד פאַרזיכטיק געריידט — אַביסל האָט מיר שאָקירט צו טרעפן אַזויפיל יידישע יידן אין איין שטאָט. אָסט־יידן, וואָס האָבן זיך איינגעקשנט צו באַווייזן דער וועלט, אַז דאָס, וואָס מוז לעבן, קען קיין שום פּלאָג ניט אומברענגען, כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט געפאָרשט וואָס פאַר אַ איינדרוק זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף די אַנוועזנדע. ער האָט באַשטימט אַביסל אָפּצוואווייכן דאָס אַרויסגעזאָגטע וועגן די „אָסט־יידן".

— מיר יידן פון מאַזאַישן גלויבן — האָט ער גערעדט אויף דער זייט פון די מאַנצבילן — מיר האָבן פון זיך אָפּגעטרייסלט אַלץ וואָס דער ייד האָט געשאַפן אויפן קולטורעלן באָדן פאַר די צוויי טויזנט יאָר אין דער פרעמד. נאָר פון איינס האָבן מיר זיך ניט אָפּגעזאָגט — פון דער ביבל . . . דאָס איז אונדזער פאַרמעג. די קריסטלעכע וועלט פאַרגינט אונדז ניט. עס איז פּסיכאָלאָגיש. דער אויפגעקומענער יחסן קען ניט פאַרטראָגן דעם

איינגעבאָרענעם, נאָבעלן קבצן מיט דעם יחוס־שריפט, וואָס הייסט ב י ב ל. דער ייד טראָגט אויפן ברוסט אַ גרויסן טייל פון די צען געבאָטן. דער קריסטלעכער וועלט גרילצן אין די אויערן אַ פּאָר פון די וויכטיקסטע געבאָטן. לעגיטימע בלוט־פאַרגיסונג דורך קריג איז דער ברוטאַלער לייטער פון דעם קריסטלעכן העלדס שטייגן. און דאָ קומט דער ווידערשפּרוך. ווי קומט קריג צום קריסטנטום? וואָס האָט קריסטוסעס לערע מיט דעם צו טאָן? פון פאַלשער גאווה און ברוטאַלער טוגנט ווערן געבאָרן אַזעלכע ממזרים ווי דער אויסוואורף היטלער, וואָס רייסט זיך צו מאַכט, און וועט די מאַכט קריגן. און יעמאָלט? ווי וועט זיין, ניט נאָר צום יידן, נאָר צום גאַנצן דייטשן פאָלק. יאוואָל, מיינע הערן, ביי אייך קוועטשט מען מיט די פּלייצעס, וואָס א גייסטיקע פאַרזעעניש האָט פאַרפּאַסט א גייע ביבל, וואָס הייסט: „מיין קאַמף". דאַרטן איז ניט באַהאַלטן דער נשמה־געפּיל, וואָס ד'האָט צום אויסדרוק געבראַכט דעם ווינסשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט ביסלעכווייז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. איך האָב אויפגעגעבן מיין פאָטערלאַנד. איך וויל ניט בייגעוואוי־נען דאָס גרויסע אומגליק וואָס וועט זיכער באַפאַלן דאָס דייטשע יידנטום. איך בין א כירורג; אָבער דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט וואָס באַגלייט פּיזישע קראַנקייט, איז מיר באַקאַנט. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז קראַנק. עקאָנאָמישע פאַרקריפּלונג איז פּיזישע פאַרקריפּלונג. און פון דעם — גייסטיקע פאַרקריפּלונג. דייטשלאַנד איז נאָכן קריג אַרויסגעקומען א עקאָנאָמישער קריפּל. און לאָמיר אייך זאָגן, מיינע פריינט, איך בין דאָ אין לאַנד אינגאַנצן א צוויי מאָנאַטן, און איך האָב דאָ געפונען די אייגענע פאַרקריפּלונג. ביי אייך שטייען מענטשן אין דער ריי, וואַרטן אויף א טעלער זופּ, א סענדוויטש מיט קאַווע, מענטשן מיט געזונטע פּלייצעס און מוסקולן שטייען ווי בעטלער; אָט־דאָס איז עקאָנאָמישע פאַרקריפּלונג. אויף דעם פאַרקריפּלטן דייטשן קערפּער איז אויסגעוואַקסן דער לומפּ, וואָס האָט שוין מיליאָנען אַהנענגער צווישן די, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער מענטשלעכע ווערדע. עס קענען זיך ביי אייך אויך געפינען לומפּן מיט אַמביציעס צו הערשן, און מיט דעם באַקאַנטן רוף: „א טויט אויף די יידן!"

דאָקטאָר לוריא און יוחנן פעלדשטיין האָבן זיך איבערגעקוקט; ביידע האָבן געטראַכט פון דעם, וואָס דאָס אויסערלעכע זאַטע אויסזען פון דעם גאַסט שטימט ניט מיט דער פינצטערער נבואה אויף די דייטשע יידן. פעלדשטייענען האָט געביסן די צונג, אים האָט זיך געגלוסט פרעגן דעם דאָקטאָר פרידלאַנד: צי ווי א כירורג, וואָס ווייסט אָפּצוטיילן און אָפּשניידן דאָס אומגעזונטע פון געזונטן טייל קערפּער און, וואָס האָט אוודאי טויזנטער קראַנקע אַפּענדיקסעס אויסגעשניטן, צי באַטראַכט ער ניט די ביבל פאַר די דייטשע יידן ווי א מין קראַנקער אַפּענדיקס?

אָבער עלווירא ווילסאָן האָט איבערגעשלאָגן זיינע מחשבות, ווען זי האָט, מיט א פאַרב אין פּנים געפרעגט:

— צי ווייסן די היינטיקע דייטשע יידן, אַז זייערע עלטער־זיידעס האָט מען שוין אַמאָל געטריבן פון דייטשלאַנד, געטריבן און זייער פאַרמעגן צוגענומען?

— איר וועט מיר ענטשולדיקן, עס וועט ניט זיין גאָר דהעפלעך — איז דאָקטאָר פרידלאַנד אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ — איר זייט דאָך ניט יידיש, ווי איך פאַרשטיי.

— איך בין האַלב־יידיש... — האָט עלווירא זיך אביסל פאַרלאָרן און איבערגעקוקט צו פערלען — דאָס וואָס איך האָב איצטער געהערט, כאָטש שוין צו שטאַרק פּעסימיסטיש, ווילט זיך גלויבן, אז אייער אינסטינקט נאַרט אייך ניט אָפּ. אויב איר פילט ווי א ייד, זיינען אייערע געפילן באַרעכ־טיקטע. אמת, דייטשלאַנד האָט דער וועלט געגעבן באַכן און בעטהאָווענען, געטהען און שילערן... דאָס איז דער העכערער גייסט וואָס שוועבט איבער דער ערד, ווי די ביבל דערציילט, און האָט אונדזער זינדיקע ערד איבער־געלאָזן, אויסוואורפן זאָלן אויף איר געוועלטיקן.

יוחנן פעלדשטיין איז געווען שטאַרק פאַרחידושט פון עלוויראס רייד. פערל האָט אים דערציילט וועגן עלוויראס אָפּזיצן גאַנצענע טעג אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק, וואו זי לערנט אויף אויסנווייניק די יידישע געשיכטע. ער האָט זי עטלעכע מאָל באַגעגנט ביי דאָקטאָר לוריאַן, און ער וויל אין איר פּנים דערקענען דעם גרויסן בייט, וואָס איז אין איר פילן און דענקען פאָרגעקומען.

— צו ווייט איז דאָס מיידל אַוועק פון איר וואַרימער היים — האָט פעלדשטיין געטראַכט — צי וועט זי די אייגענע וואַרימקייט געפינען אין אונדזער אויפגעשטורעמטער וועלט?

— איך טראַכט זייער וועגן דעם, וואָס מען האָט מיר דערציילט, אז ביי רעליגיעזע יידן איז איינגעפירט — האָט עלווירא איבערגעשלאָגן פעלד־שטיינס מחשבות — אויב אַ קריסט קומט און בעט מען זאָל אים אריינגעמען אין דער יידישער וועלט, דאַרף מען אים אָפּרעדן דערפון, דערציילן אים — וואָס פאַר אַ אומגליק ער נעמט אויף זיך, אויב ער וויל ווערן אַ ייד. און וואָס וועלן טאָן די יידן, וואָס האָבן זייער יידישן אויסזען אָנגעוואָרן, און ווערן געטריבן זיך אומצוקערן צום יידנטום?

דאָקטאָר פרידלאַנד האָט זיך געשפּירט געטראָפן פון עלוויראס פראַגע. אים איז נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען, צי דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס רעדט מיט אַזאַ קלינגענדיקער שטים און איז אַ טאָכטער פון דאָקטאָר ווילסאָן, פון וועמען ער האָט געהערט ביים אָנקומען אין לאַנד — צי רעדט זי אָפּטמאָל ניט מיט אַ געוויסער כוונה ווי צו טאָן.

עלווירא האָט עפּעס געזאָגט, און געזוכט צווישן די ליכט־פלעמלעך אין שבתדיקן לייכטער — ווי די וויגנדיקע פלעמלעך וואַלטן פון איר גע־מאָנט, זי זאָל נאָך עפּעס זאָגן. זי ווייסט שוין איצטער, אַז די מערהייט יידן אין דער פרייער אַמעריקע, דער עיקר, קינדער פון צווייטן און דריטן דור, באַמיען זיך אויף אַלערליי אופנים פאַרשוואונדן צו ווערן אין דער גרויסער מערהייט. „צוליב וואָס איז דער דייטשער דאָקטאָר געקומען ז־ זיינע רייד געפעלן עלוויראן ניט. ער רעדט ניט ווי קיין ייד, און ניט ווי קיין קריסט, נאָר ווי עפּעס א מענטשלעכע באַשעפעניש, וואָס איז דאָקטאָר מעדיצין, און זוכט אַ לאַך, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן. ברכה רודמאַן האָט איר געעפנט די אויגן אויף דעם מין יידן, און אין שפּאַס איר פאַרגע־לייגט, זי זאָל קומענדיקן פרילינג מיט איר מיטפאָרן קיין ארץ ישראל.

„דאָרטן איז די יידישע היים, אָבער ניט דאָ", — האָט ברכה איר געזאָגט. איר האָט יעמאָלט שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן, און זי האָט ברכה'ן אויף דעם ניט געענטפערט.

איצטער קוקט זי אָן דעם דאָקטאָר פרידלאַנד, זי וואַרפט פון א זייט אַ בליק צו דאָקטאָר לוריאַן און פעלדשטיינען, זי וויל געפינען ענלעכקייט צווישן זיי און דעם דייטשן יידישן דאָקטאָר, וואָס וויל דאָ געפינען א היים, מחמת א פחד איז אים באַפאַלן אין זיין אייגענעם פאָטערלאַנד, וואָס הייסט דייטשלאַנד. זי פאַרגלייכט די געזיכטער, אויגן און כאַראַקטערשטריכן פון פנים, און זי געפינט ניט קיין שום ענלעכקייט. ניט מער, די רייד וועגן אומגליק וואָס רוקט זיך אויף יידן אין דייטשלאַנד — זיי זיינען איר באַקאַנט. ערגעץ האָט זי שוין עס געהערט, אָדער געלעזן.

פערל איז איבערגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט נאָענט צו עלווירען, און שטיל געפרעגט:

— איז עס געשמאַק צו טרינקען אַלטן וויין פון א נייער, צעבראָכענער גלאָז?

עלווירא האָט שלעכט אויפגעכאַפּט פערלס פראַגע, און ניט פאַרשטאַנען וואוהין זי צילט.

— צי מיינט זי ניט דעם דייטשן יידן, אז ער איז די נייע, צעבראָכענע גלאָז, און זיינע געדאַנקען וועגן יידן איז דער אַלטער וויין?

אין עלוויראס קאָפּ האָבן זיך געטומלט אַלערליי טרויעריקע געדאַנקען וועגן יידן, און גלאָט אזוי מאַרטירער. דוד המלך מיט זיין תהילים, און דערדאָזיקער דאָקטאָר פון דייטשלאַנד. פרעמדע, אָבער טרויעריקע, און פאַרט נאָענטע געפילן.

מיטן געדאַנק טראָגט זיך עלווירא אַוועק צו איר היים. איר פאָטער, דער הונדערט פּראָצענטיקער יענקי, וועמעס רו עס שטערן ניט קיין שום נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען; און דאָס יידיש מיידל, וואָס וואַרימט אים איצטער זיין געלעגער, און רעדט קיינמאָל ניט פון איר אָפּשטאַם און ניט פון דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט פון אירע זיידעס. און דווקא זי, די טאָכטער פון דאָקטאָר ווילסאָן, אַ טאָכטער פון אַ בלאָנדער מאַמען, וואָס האָט געטראָגן סקאַנדינאַווישע בלוט אין די אָדערן — זי גאָר איז מיט אלע חושים וואַך; און אלץ, וואָס די חושים ווילן אויפכאַפּן — איז עס דעם דער־האַרץ־קלאַפּ פון א פאָלק, וואָס איז איר ביז גאָר ניט לאַנג אזוי פרעמד געוועזן.

אויפן געדאַנק קומען איר יונגעלייט און מיידלעך פון קאָלעדזש, פריינט, וואָס האָבן ביי יעדע געלעגנהייט געהאַט א טבע אויסצולאַכן און חוזק מאַכן פון די יידישע קאָלעגן אין קאָלעדזש בפרט, און פון יידישן פאָלק בכלל. גאַנץ אָפּט האָט זי געהערט די „חכמה", אז פאַר יידן, אויף וויפיל מ'קען שוין פון זיי ניט פטור ווערן, וואָלט דאָס גלייכסטע געווען, מען זאָל פאַר די קינדער און יוגנט בויען ספּעציעלע יידישע פאָלקסשולן, הויכשולן און קאָלעדזשעס. איצטער דוכט איר, אז דאָס האָט זי געהערט ערגעץ ווייט, לאַנג, גאָר לאַנג צוריק. ניט אין איר ליכטיקער, פרייער אמעריקע איז עס פאָרגעקומען.

— ווי קומט עס, וואָס גאַנצע צוויי מיליאָן יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין איין שטאָט? — האָט דאָקטאָר פרידלאַנד אָנגעשטעלט זיינע באַברילנטע אויגן אויף די מאַנצבילן — איז דער געטאָ־אינסטינקט אין דעם שולדיק?

— ווען עס עקזיסטירט ניט קיין יידן־פּראָבלעם, וואָלט עס קיינעם ניט געאַרט וויפיל יידן עס לעבן אין ניו־יאָרק — האָט דאָקטאָר לוריא אָפּגעענטפערט.

— הייסט עס, איר האָט דאָ אויך אַ יידן־פּראָבלעם... — האָט דאָקטאָר פרידלאַנד ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט.

— דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גייסט פון דער יידישער אַסימי־לאַציע אין דייטשלאַנד — האָט פעלדשטיין גאָר אומגעריכט זיך אָפּגערופן — די אלע, וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום יידישן פאָלק, אוועק זיך אויפלייזן צווישן די שטאַרקערע, האָבן ניט געשפּירט די קללה, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען. אויב די קללה האָט ניט דעריאָגט די טאַטעס — האָט זי אָנגעיאָגט די אייניקלעך. דאָס איז היסטאָריש אויסגעהאַלטן. אייערע לייט פון משה רבנוס גלויבן האָבן פון דער יידישער געשיכטע גאָרניט געוואָלט לערנען. ביי אייך אין דייטשלאַנד איז די היים פון דער אַנטיסעמיטישער וויסנשאַפט. אייערע געלערנטע באַדינען די אַנטיסעמיטן פון גאָר דער וועלט. איך האָב גוט געהערט וואָס איר האָט אונדז דער־ציילט. אויב אייער נבואה זאָל מקוים ווערן, וועט עס זיין אַן אומגליק, ניט נאָר פאַר די דייטשע יידן; עס וועט טרעפן די יידן איבער גאָר דער וועלט. עס קען טרעפן די יידן דאָ אין לאַנד אויך.

— אָ, ניין, מיסטער פעלדשטיין, — האָט עלווירא זיך אָנגעצונדן — איר לעבט דאָך ביי אונדז; שפּירט איר ניט, אַז ביי אונדז איז מיט פּיאָנערן־גייסט דורכגעזאַפּט די ערד? ווייסט איר ניט, אַז אונדזער לאַנד אָטעמט מיט די טראַדיציעס פון אונדזערע גרויסע פאָטערס? זאָלן די דייטשע יידן קומען אַהער, און ניט מורא האָבן צו לעבן ווי יידן, ווי עס לעבן אָטאָ די טייערע מענטשן, וואוהין איך קום זיך וואַרימען אין די אָנגעצונ־דענע ליכט יעדן פרייטיק ביינאַכט.

— יאָ, דאָס איז וואָר — האָט דאָקטאָר פרידלאַנד אַ זיפץ געטאָן — דאָס אומגליק שטעקט אין דעם, וואָס דער ייד, כאָטש ער פאַרדינט ווייניקער פון דעם ניט־יידן, גיט ער אויס אלץ וואָס ער פאַרדינט, און מאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס לעבט פון יענעמס מי. עס פעלט דעם יידישן אַרט לעבן באַשיידנקייט.

— זוכט ניט קיין זינד ביי די געשלאָגענע — האָט פערל זיך אָפּגע־רופן — זוכט עס ביי די שלעגער. יעס, עלווירא, עס טוט מיר הנאה וואָס דו ביסט היינט דאָ מיט אונדז.

דאָקטאָר מאַרטין פרידלאַנד איז אויפגעשטאַנען און, אויסווישנדיק די ברילן, האָט ער אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער נייער באַקאַנט־שאַפט:

— זייער שיין געווען צו פאַרברענגען אין אַ הויך קולטורעלער הויז. איך האָף, אַז אונדזער באַקאַנטשאַפט, ווען מיינע לייט וועלן קומען, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאָענטער פריינדשאַפט.

צוגייענדיק נאָענט צו עלוויראַן, האָט ער געזאָגט:

— ווי איך פאַרשטיי, זייט איר א טאָכטער פון באַקאַנטן כירורג ווילסאָן. פרייט מיר אייך צו קענען. איך האָף, עס וועט געשאַפן ווערן א געלעגנהייט, מיר זאָלן זיך מיט דאָקטאָר ווילסאָנען באַגעגענען.

דאָקטאָר פרידלאַנד איז ארויסגעגאַנגען, און געלאָזן נאָך זיך א שווערע שטימונג. פון א פרעמדער וועלט איז ער געקומען מיט זיין ניט־יידישן אויסזען און געבראַכט אַ ביטערע בשורה פאַר יידן.

דאָקטאָר לוריא איז אויפגעשטאַנען פון זיין פלאַץ, א צעטראָגענער האָט ער זיך אומגעדרייט איבערן צימער, ווי ס׳וואָלט אים ענג געווען.

— וואָס׳אי, דאָקטאָר? — האָט יוחנן פעלדשטיין אים נאָכגעקוקט — איר נעמט זיך שטאַרק צום הארצן פון דעם וואָס איר האָט געהערט. איך ניט. דאָס איז א צייכן פון דער צייט. יעדער פאַרברעכן קריגט ווען־עס־איז די שטראָף. און אז א טייל פון יידישן פאָלק שפּייט זיך אליין אין פּנים אריין, איז עס, דאָקטאָר, ניט קיין פאַרברעכן? ער רעדט פון דער ביבל; צי האָבן דען די דייטשע יידן ניט פאַרשוועכט די ביבל מיט זייער אונטער־לעקן זיך צו די יונקערס? זיינען דען די דייטשע יידן ניט אַ פאַרזעעניש פון ביבל? פאַרוואָס האָסן זיי די מזרח־יידן, איז עס ניט צוליב דעם, וואָס דאָס מזרח־יידנטום האָט נאָך דעם יידישן פּרצוף ניט אָנגעוואָרן. אויב אויף זיי רוקט זיך א שטראָף, האָבן זיי עס כשר פאַרדינט. און איך זאָג אייך, אַז דידאָזיקע יידישע יונקערס, אויב זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו אונדזערע ברעגעס, וועלן זיי מיט זייער זאַטן גוף אויך ברענגען דעם וויסטן גייסט זייערן, דעם גייסט פון קנעכטישער אסימילאַציע.

— מען טאָר אזוי שטרענג ניט זיין — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל געזאָגט — פעלדשטיין איז גערעכט, ווען ער גיט עס צו א געשיכטלעכן קאַליר; אָבער זאָגן, אַז דעם פאַרברעכער קומט די שטראָף, איז צו ברוטאַל. יעמאָלט רעדט איר אין נאָמען פון יידישן גאָט, וואָס, פון אַן אל רחום וחנון האָט מען געמאַכט פאַר אַן אל קנא ונוקם.

— כאָטש פעלדשטיין איז זייער שטרענג, פונדעסטוועגן איז ער אין אַ סך גערעכט — האָט פּערל זיך אָפּגערופן — איצטער, ווען איך אליין האָב זיך געראַטעוועט פון די לעבליכע כוואַליעס פון אַסימילאַציע, פיל איך מיט פעלדשטייַנען. אונדזער פאָלק איז פאַרבונדן מיט דער אייביקייט פון פעלקער. יעס, זכריה, דו וויסט עס אזוי גוט ווי איך.

א ווייל האָט זיך די צונג ביי קיינעם ניט געקלעפּט. כאָטש פעלד־שטיינען ד האָט אַביסל פאַרדראָסן, וואָס דאָקטאָר לוריא נעמט זיך אָן פאַר דעם טיפּ מענטש, וואָס האָט נאַרוואָס פאַרלאָזן די שטוב, האָט ער זיך פונדעסטוועגן זיך באַנוגנט מיט פּערלס שטיצע, און האָט מער ניט געוואָלט אין עלוויראַס קעגנוואַרט זיך ארויסווייזן פאַר א פאַנאַטיקער.

עלווירא ווילסאָן האָט באַטאַפּט איר פּנים, ווי זי וואָלט געשפּירט, אז איר פּנים האָט זיך פאַרן אָוונט אויסגעצויגן. אַגב, האָט זי געהאַפּט צו באַגעגענען מאַו לוריאַן. זי ווייס, אז פּערל האָט אים איינגעלאַדן, און ער איז ניט געקומען.

— וואָס, עלווירא? — האָט פּערל ארומגענומען די צעטראָגענע עלווירא — טראַכסט נאָך אלץ, אז עס איז ווערט זיך איינצוליבן אין דער פאַרצייטיקער אומה?

— איך בין צעטומלט. איך טראַכט אַ סך, און קיין שום זאַך איז מיר נאָך דערוויילע ניט קלאָר. איינס זע איך, אַז דאָס יידישע לעבן איז איין טיפע טראַגעדיע. די פּראָבלעמען וואָס אַ נאַציאָנאַלער ייד האָט פאַר זיך, זיינען אומבאַקאַנט דעם ניט־יידן. אָט־דאָס וואָס איך האָב היינט ביינאַכט געהערט אילוסטרירט מיר דאָס, וואָס איך האָב אין ביכער געלייענט. איך קלער, אָט רייסט זיך מיס רודמאַן אוועקצופאָרן קיין פּאַלעסטינע; איר ברודער שרייבט איר, אַז דאָרטן וועט זי לעבן ווי אַ גאַנצער מענטש און גאַנצער ייד. נאָר צי דאָרטן איז דאָס יידישע לעבן פריי פון דעם טראַגיזם, וואָס דאָס האָט מיך שוין אַריינגעשלעפּט? איך לעב מיט אייער טראַגעדיע, אָבער ניט מיט אייער פרייד. ווי מיר דוכט, פאַרמאָגט גאָר דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע לעבן ניט קיין פרייד. און איר, מיסטער פעלדשטיין, איר זייט אַ יידישער שריפטשטעלער און אַ יידישער לערער. די קליינע ראַשעל האָט אייך שטאַרק ליב. איז עס אייערע אַ באַפרידיקונג? אפשר ט'איר מיך אַריינבעמען צווישן די יונגע קינדער, איך וויל זיך אויך לערנען.

— איר דאַרפסט עס ניט, — האָט פעלדשטיין קורץ אָפּגעענטפערט.

— פאַרוואָס? טאַקע צוליב דעם, וואָס מען דאַרף דעם ניט־יידן שווערער מאַכן די דערנענטערונג?

— מאָו לוריא האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך נאָר יעמאָלט ליב קריגן, ווען איך וועל פאַרגעסן אַלץ וואָס איך האָב וועגן יידן זיך אָנגעלייענט אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק. פאַרוואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט, ווען ער אַליין ליידט ווי אַ ייד? וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר לוריא?

— איך טראַכט פון דעם דאָקטאָר מאַרטין פרידלאַנד, און זיין גלויבן, אַז גאָר אײַנגיכן וועט דער אויטאָר פון „מיין קאַמף" ווערן דער הערשער פון דייטשלאַנד, און יעמאָלט וועט מען יידן טרייבן פון זייער פאָטערלאַנד. ווען יידן זיינען אַרויס פון מצרים, זיינען איינגעבאָרענע עגיפּטיאַנער מיטגעגאַנגען מיט די יידן. דאָס זיינען געווען גרויס אַזעלכע, וואָס האָבן די יידן באַטראַכט פאַר באַפרייטע מענטשן. אפשר זיינען מיר יידן אויף אונדזער היסטאָרישן, אויסגעפייניקטן וועג די פרייסטע צווישן פעלקער. אפשר וועלן די דייטשע יידן, אויב זיין נבואה האָט אַ גרונט, ערשט איצטער אַרויס אויף דער פריי, ווען זייער ביטערער וועג וועט זיך אָנהויבן.

— אָ, דאָקטאָר לוריא! — האָט עלווירא געכאַפּט דאָקטאָר לוריאַן פאַר ביידע הענט — יעדעס מאָל ווען איר רעדט איז עס אַ באַלזאַם צו מיין האַרצן. זאָג, פּערל, דיין פלימעניק, אַז ניט אים האָב איך ליב. איך פאַרזיכער דיך, פּערל, אַז ניט אים האָב איך ליב. כאָטש איך ווייס אויך, אַז יסורים זיינען די בלומען פון ליבע, כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט געלאַכט און געווישט די טרערן.

— אַלץ איז מעגלעך אין אונדזער בבל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — האָט פעלדשטיין ווי פאַר זיך גערעדט — דער דייטש האָט מיר געלאָזן אַ שלעכטן טעם אין מויל. הלוואי בלייבן זיינע לייט דאָרטן, וואו זיי זיינען. דער מזרח־ייד איז דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק, פונקט ווי פון מזרח־זייט קומט דער טאָג.

* * *

דער זעקס און זיבעציק יאָריקער ר׳ בונים לוריא האָט די לעצטע פּאָר יאָר, ווי זיין שטייגער, ווינטערצייט זיך געפּילט אָפּגעשוואַכט, און עס האָט אים געצויגן צום געלעגער. ער האָט עס ניט צוגעשריבן צו זיין עלטער, נאָר צו זיין עלענט.

— אַ מענטש, אז ער האָט זיך ניט אָן וואָס אָנצושפּארן, אפילו אין געדאַנק בלויז, מוז ער אומפאַלן. אז אין דער גרויסער אמעריקע האָב איך ניט קיין אָנלען, טאָ ווי קען מען איינשטיין אויף די פיס?

דאָס האָט ר׳ בונים פאַרשטאַנען, און געהאַלטן עס ביי זיך אין האַרצן.

עס איז געווען ארום ניין אין אָוונט. ביי אים, אין שמאָל־לענגלעכן צימער, נעבן זיין געלעגער זיינען געזעסן דאָקטאָר לוריא און יוחנן פעלד־שטיין. יעדע עטלעכע טעג איז דאָקטאָר לוריא צו אים פאַרלאָפן, ניט אזוי ווי א דאָקטאר, נאָר ווי איינער, וואָס האָט גוט געדענקט דאָס אויסלעשן זיך פון זיין אייגענעם פאָטער, ישראל לוריא — ר׳ בונימס עלטערער ברודער. יעמאָלט, מיט גענויע פערציק יאָר צוריק, האָט נאָך דאָקטאָר לוריא ניט באַגריפן אזוי קלאָר דעם טרויער פון די, וואָס האָבן אין עלנט און אין יאוש אפילו אין זומער געפרוירן. יוחנן פעלדשטיין האָט גאנץ אָפט געזוכט אַ געלעגנהייט „אָנצוזעטיקן זיך מיט דעם אַלטן ר׳ בונימס פאָלקס חכמה״. כאָטש פעלדשטיין, ווען ער האָט פאַרצויגן א שמועס וועגן תורה און גאָטס ענינים, האָט ער באַמערקט א איראָנישן שמייכל אין אַלטנס פּנים.

— איר, פעטער, — האָט דאָקטאָר לוריא געמונטערט דעם אלטן — זייט ניט דער איינציקער, וואָס האָט ניט ליב אונדזער ווינטער. ניט מער, וואָס א שלעכטן ווינטער קען מען ניט שיקן אַהין פון וואַנען ער איז געקומען.

— וואָס מיינסטו, זכריה, — האָט ביים אלטן א גלי געטאָן א פייערל אין די אויגן — איך בין ניט קיין מבין אויף א רעכטן ווינטער? אלץ וואָס ס׳איז פאַלש איז אומגעזונט. אפילו א פאַלשער ווינטער.

— דאָס איז אמת, פעטער, — האָט דאָקטאָר לוריא געהאלטן דעם אַלטנס ביינערדיקע האַנט — דער טאַטע האָט זיך אויך געקלאָגט אויף אונדזערע ווינטערס.

— און נאָך עפּעס — האָט ר׳ בונים געקוקט צו דער טעליע — מע לעבט אין דער פינצטער. גלות, מיינט ביינאַכטיקע פינצטערניש. אַמאָל, ווען גאָט האָט נאָך געהאט אן אויג אויף זיין פאָלק ישראל, האָט ער צווישן איין לאַנגער נאכט און דער אַנדערער אריינגעבראכט דעם ליכטיקן טאָג. און איצטער, באלד צוויי טויזנט יאָר, פון איין נאכט ארויס, אין א צווייטער נאכט אריין... קיין אמתער טאָג פאַרן יידן איז ניטאָ.

יוחנן פעלדשטיין האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דאָקטאָר לוריאָס בליקן.ביידע האָבן באַגריפן וואוהין דער אַלטער צילט. אין די ערשטע פּאָר יאָר, ווען דער אלטער ר׳ בונים האָט זיך באקלאָגט פאר דאָקטאָר לוריאן, האָט ער אים אָנגעבאָטן ארויסהעלפן, ער זאָל קענען פאָרן צוריק קיין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ער האָט געהאט זיינע קינדער. די לעצטע צייט האָט ער אים מער אזעלכע פאָרשלאָגן ניט געמאכט. דאָקטאָר לוריא האָט גוט פאַר־

שטאַנען, אַז ר׳ בונים מיינט ניט זיך אַליין, ווען ער רעדט פון דעם גרויסן ביינאַכט אין גלות.

— ווייסט איר דאָך די מעשה — האָט ר׳ בונים ווידער אָנגעהויבן — וואָס עס ווערט דערציילט וועגן דעם בלינדן, וואָס איז ביינאַכט אומגעגאַנגען מיט אַ לאַמטערנע. אַז מען האָט אים געפרעגט: סטייטש, דו זעסט דאָך סיי־ווי ניט בעסער בייטאָג ווי ביינאַכט, נאָכסאַל־זשע דאַרפסטו האָבן אַ לאַמטערנע ביינאַכט? האָט ער געענטפערט: איך טראָג אַ לאַמטערנע, כדי די זעעוודיקע זאָלן מיך אויסהיטן פון אַ גרוב.

— אַנטקעגן וואָס דערציילט איר עס, פעטער?

— אָ, ווי אַזוי האָבן עס יידעלעך געגומען און אויסגעלאָשן דעם אור התורה? יעדע אומה האָט איר לאַמטערנע, איר ביסל ליכט, וואָס זי טראָגט עס בייטאָג און ביינאַכט. און די זרע ישראל, כ׳מיין טאַקע די קינדער פון ישראל לוריא... אויף דער ערד איז מיר פינצטער. און אין דער ערד, כי־כי־כי... — האָט דער אַלטער זיך קינדיש צעלאַכט.

א ווייל איז געווען שטיל. דער אַלטער האָט מיט דער האַנט אויס־געווישט די פאַרטערטע אויגן, און געפרואווט זיך אויפזעצן.

דאָקטאָר לוריא האָט אים אונטערגעהאָלפן, אונטערגעשפּאַרט זיין פּלייצע מיט צוויי קישנס.

יוחנן פעלדשטיין האָט געשפּירט ווי זיין האַרץ קאַרטשעט זיך. עס זיינען אים אויסגערונען די ווערטער וואָס ער וואָלט איצטער געדאַרפט ארויסזאָגן, כדי אויפצומונטערן דעם אַלטן. ר׳ בונים האָט גערעדט פון יידישן פאָלק אין גלות, פון פאָלק ישראל אין דער פינצטערער נאַכט; און צום סוף גאָר האָט ער דעם אויספּיר געמאַכט וועגן ישראל לוריאן, וואָס זיין הויזגעזינד האָט דעם אור התורה אויסגעלאָשן.

ער האָט חשק געהאַט צו פאַרטיידיקן א טייל פון די לוריאַס, אָנווייזן אויף זיין פּלימעניק, וואָס זיצט נעבן אים, אָבער די טיר האָט זיך געעפנט, און מיט שטילע טריט און אַפּגעשפּיצטע אויגן, איז ברכה רודמאַן אריינ־געקומען. זי איז ניט געווען פאַרחידושט צו טרעפן דאָקטאָר לוריאַן און פעלדשטיינען. מיט א בלאָסן שמייכל האָט זי זיי באַגריסט, איז צוגעגאַנגען, אַ קוש געטאָן דעם אַלטנס אויפגעפּאַלדעוועטן, הויכן שטערן, זיך צוגעזעצט נעבן אים אויפן געלעגער, פאַרלייגט איר אָרעם אונטער די קישנס און געפילט זיין געבויגענע פּלייצע.

— האָסט געדאַרפט אָפּטער אריינקומען, אויפמונטערן דעם פעטער — האָט דאָקטאָר לוריא באַטראַכט ברכהן — וועסט פאָרן קיין ארץ ישראל, פאַרנעם דעם פעטער, זאָל ער זען מיט זיינע אויגן ווי ערגעץ־וואו גייט די נאַכט אַוועק, און דער טאָג באַווייזט זיך שוין.

דעם אַלטנס אויגן זיינען ווידער פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן. ער האָט די פאַרטערטע אויגן אָנגעשטעלט אויף דאָקטאָר לוריאַן, און א צייט געשוויגן.

— מיינסט ניט, ברכה, אז דער פעטער וואָלט גאָר געדאַרפט פאָרן קיין ארץ ישראל? מע וועט אייך ביידן אויפזעצן אויף אַ גרויסער שיף. איצטער רעגנט דאָרטן. דער ים איז אויך א ווינטערדיקער. אין אפּריל איז די רעכטע צייט. וואָס זאָגט איר, פעטער?

— איר וועט פאָרן? — האָט ברכה געפּאָרשט ביים אלטן אין פּנים.
יוחנן פעלדשטיין איז אויפגעשטאַנען, אַוועק צום פענצטער, און אריינ־געקוקט אין דער נאַכט אריין.
ברכה האָט אַריבערגעקוקט צו פעלדשטיינס פּלייצע. ווי צום ערשטן מאָל וואָלט זי אים געזען. זי איז נייגעריק געווען צו הערן זיין שטים. איר האָט אויסגעוויזן, אז איידער זי איז אריינגעקומען האָט מען דאָ א סך גערעדט. אפשר פון איר האָט מען אויך דאָ גערעדט, און דעריבער איז מען אזוי אנטשוויגן געוואָרן, ווען זי איז אריינגעקומען. זי האָט געוואוסט, אז זי וועט פעלדשטיינען טרעפן. זי איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאן, האָט איר פּערל דערציילט, אַז דאָקטאָר לוריא און פעלדשטיין זיינען אַוועק באַזוכן דעם אלטן ר׳ בונימען, און איר אונטערגעגעבן חשק, זי זאָל אויך אַהין גיין. איר פאַרדריסט ניט וואָס זי איז דאָ. זי באַמערקט, ווי פעלד־שטיין איז פאַר די חדשים, וואָס זי האָט אים ניט געזען, געעלטערט געוואָרן.
ברכה האָט איבערגעריסן די שטילקייט, זיך צוגעבייגט צום אַלטן ווי צו א יונג קינד, מיט ליבשאַפט געפרעגט:
— איר האָט דאָך געהערט וואָס דער גוטער זכריה האָט אייך געפרעגט, ווילט איר מיטפאָרן מיט מיר?
— דו, מיין קינד, דאַרפסט אויך ניט פאָרן.
יוחנן פעלדשטיין האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן אַלטן. דעם אַלטנס קורצער ענטפער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, און אויפגעוועקט דאָס האַרץ. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אריין.
— פאַרוואָס דאַרף איך ניט פאָרן קיין ארץ ישראל? — האָט ברכה זיך באַמיט צו זיין רואיק.
— אימעצער דאַרף דאָך האַלטן אַן אויג אויפן גלות. ווען ניט די וועכטער אין גלות, וואָס זיינען אין אַלע צייטן אומגעגאַנגען אין די פינצטערע נעכט מיט דער לאַמטערנע, געוויזן, וואו א פאָלק דאַרף זיך היטן פון אַ גרוב, אַזוי איז עס אין היינטיקן דור. און אפשר אין היינטיקן דור, נאָך מער ווי ווען־עס־איז, טאָרן די וועכטער דעם גלות ניט איבערלאָזן.
— איך בין געוואָרן א שלעכטע וועכטערן, פעטער. איך היט איצטער מיין אייגענעם וויינגאָרטן, און מער גאָרניט, — האָט ברכה מיט א איראָנישן שמייכל אַריבערגעקוקט צו פעלדשטיינען — איך מיין עס, פעטער.
— ניין, מיין קינד, איך בין דיר ניט קיין פעטער.
— איך האַלט אייך פאַר אַ פעטער. איך וויל, איר זאָלט מיט מיר מיטפאָרן.
— דו האָסט דאָך געהערט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.
—איי, פעטער, פעטער... ניטאָ וועמען צו היטן אין גלות. ס׳ברענט דאָס יידישע הויז. ווי פון א שרפה דאַרף זיך יעדערער, וואָס וויס, אַז זיין הויז ברענט, זיך ראַטעווען.
— א טעות, מיין קינד. דער מענטש איז ווי דער בוים. א בוים, דוכט זיך, לעבט ניט אייביק. ווערט אַלט, פאַרפוילט, און פאַלט איין. קומען אָבער ארויס פון די וואָרצלען יונגע שפּראָצונגען, און ווערן מיט דער צייט בוימער. דאָס איז דער סוד פון וואַלד. דאָס איז אויך דער סוד פון מענטשנס לעבן. און אויב די לוריאס דאָ זיינען צעפוילט געוואָרן,

שפּראַצן דאָך יונגע בוימעלעך פון די אַלטע וואָרצלען אַרויס. אַזוי, מיין קינד, וויל גאָט. און אויב איך בין דער אַלטער, צעפוילטער בוים, ביסטו די יונגע שפּראָצונג, מיין קינד. אָט, איז אַ מענטש — האָט ער מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף פעלדשטיינען — ער איז אַ אוהב עמו; האָט ליב זיין פאָלק און זיין גאָט. ארץ ישראל איז אים מסתמא איינגעבאַקן אין האַרצן, און ווייסט אוודאי וואו דער ברייטער שליאַך איז, וואָס גאָט האָט אָפּגעצייכנט פאַר זיין פאָלק; פונדעסטוועגן, טוט ער דאָך עפּעס אַרום די יונגע שפּראָצונגען. האָט ער דאָך אויף זיך גענומען די עובדה פון אַ שומר. וואָס מיינסטו דאָרטן, וואו מיר האָבן איבערגעלאָזן אונדזערע אייגענע און אונדזערע האָפענונגען, און וואו עס דוכט זיך אויס, אַז אויס־געלאָשן אויף אייביק האָט מען דאָרטן דעם אור התורה; אַז דאָרטן דהאָט מען אַפילו דעם אויפשריפט „גלות" אָפּגעריבן פון יידנס האַרצן... פאַר־זיכער איך דיך, מיין קינד, אַז אויך דאָרטן זיינען פאַראַנען די וועכטער, וואָס האָבן די לאָמטערנע פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

— מוסרט זיי אויס, פעטער, שאַדט ניט. איך איל זיך אַהיים, איך דאַרף נאָך זען אַ פּאָר חולאים. בלייבט דאַ אַביסל מיטן פעטער. מאָרגן וועל איך ווידער אַרויפקומען.

אומגעריכט פאַר ברכהן און פעלדשטיינען, האָט דאָקטאָר לוריא אָנגע־טאָן דעם מאַנטל און אַרויס פון צימער. ברכה האָט זיך דערשפּירט אומגעדולדיק. אויף וויפיל זי געדענקט איז פעלדשטיין שטענדיק אין געזעלשאַפט געווען אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער. און איצטער, פאַר דער קורצער צייט זינט זי איז אַריינגעקומען, ווי ער וואָלט בכיוון געשוויגן.

פעלדשטיין האָט אין דער ערשטער רגע געוואָלט אָנטאָן זיין מאַנטל, טאָן דאָס אייגענע וואָס דאָקטאָר לוריא. אים איז נאָר ניט באַקוועם געווען אַנטקעגן דעם אַלטן, וואָס האָט אַזוי טיפזיניק גערעדט וועגן דעם אַלטן און נייעם דור, און וועגן די „וועכטער אין גלות".

פאַר יידנס דמיון האָבן זיך אַ וויג געטאָן די זעקס פאַרגאַנגענע יאָר, און זייער ערשטע באַגעגעניש ביי הילל לוריאן אויפן פאַרבם, ווען די יעמאָלטדיקע ברכה דהאָט אויף אים אויסגעלאָדן גאָר איר מיידלשע גאווה, אָפּגעלאַכט פון די „גלות־אויפטואַכצן", איינאיינעם מיט די גלות־אידעאַליסטן און פאַרטיידיקער. „ווי קומט זי אַהער?" — האָט פעלדשטיין געטראַכט. איר אויסזען האָט זיך ניט קיין סך געענדערט. דער קאָפּ פייער־רויט, און די אויגן — פול, און מיט פאַרטאַיעטן, פייערדיקן ברויק. ניט מער, וואָס זי קוקט ניט איצטער אַזוי דרייסט יענעם אין די אויגן אַריין. ווען זי רעדט, וואָלט זי אָפּט די אויגן אַראָפּגעלאָזן. אויך איצטער, ווען ער וויל אַריינקוקן אין אירע אויגן, זיינען אירע בליקן פאַרנומען מיט זיך.

— פאַרוואָס איז זי ביז איצטער ניט אוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל? וואָס דרייט זי זיך אַרום אין ניו־יאָרק?

האָט פעלדשטיין געפרעגט זיך אַליין, בעת ער האָט באַטראַכט פון אַ זייט ברכהן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן ביים אַלטן ר' בונימען אויפן געלעגער.

דער אַלטער ר' בונים האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, און זיך צוריק אַני־דערגעלייגט. ברכה האָט אים אונטערגעלייגט די קישנס אונטערן קאָפּ,

גענומען זיין טרוקענע, רעכטע האַנט, צוגעטראָגן צו אירע ליפּן, אומגע־ריכט פאַר איר האָבן די טרערן אַ שלאָג געטאָן פון די אויגן, און עטלעכע שווערע, וואַרימע טראָפּנס זיינען געפאַלן אויף ר׳ בונימס האַנט.

— ווייסטו ניט, אז טרערן צעברעכן דעם גוף, ברכה? און אז טרערן שרייען צו הויך, גאָר צו הויך...

ברכה האָט אַ לאַך געטאָן, אין האַרצן באַדאַנקט דעם אַלטן ר׳ בונימען פאַר זיין באַמערקונג.

איבערצוררייסן די געדריקטע שטימונג, האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילט איר טאָקע מיט מיר ניט פאָרן קיין ארץ ישראל? עס וועט אייך דאָרטן גאָרניט פעלן. איר וועט אפילו ניט דאַרפן אָנקומען צו די היגע קרובים. מירן אייך העלפן.

אויף דעם האָט ר׳ בונים ניט געענטפערט. ער האָט אַ ווייל אריבער־געקוקט צו פעלדשטיינען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענצטער, און געפרעגט:

— קענט איר הילעס ייִנגערן זון?

— איר מיינט דעם יונגן דאָקטער... — איז פעלדשטיין צוגעגאַנגען נענטער.

— ער איז ביי מיר נעכטן געווען. האָב מיט אים גערעדט. האָב אַ סך פון זיינע רייד פאַרשטאַנען. אָט־דאָס האָב איך געמיינט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז אַ מענטש איז ווי דער בוים. איך בין אַ מאמין אין אונדזער קיום. ער איז געקומען, געוואָלט מיר באַווייזן, אַז ער איז שוין אַ דאָק־טער; און האָט גאָר מיר באַוויזן, אַז כי לא אלמן ישראל... איך טראַכט פון דעם פון נעכטן אָן.

— איך פאַרשטיי ניט, פעטער, וואָס איר האָט געמיינט.

ר׳ בונים האָט באַמערקט, ווי ברכה האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע רייד.

— דאָס איז אַלץ, מיין קינד, — האָט דער אַלטער ווידער גערעדט — קעגן דעם, וואָס איך האָב דערמאָנט וועגן די וועכטער אין גלות. דער ייִדישער וועכטער, ער שלאָפט ניט. ער דרימלט קיינמאָל ניט. אַזוי וויל גאָט. אַזוי וויל אונדזער גרויסער גאָט.

ר׳ בונים האָט אָנגעהויבן צומאַכן די אויגן, און איינדרעמלען.

ברכה האָט אַ ווייל פאַרחידושט געקוקט צו ר׳ בונימס באַרואיקטן פּנים, צו זיין ברוסט, וואָס האָט זיך רעגלמעסיק געהויבן און אַראָפּגעלאָזן.

זי האָט אָפּגעווענדט איר פּנים, באַמערקט פעלדשטיינען און אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן גוף.

פעלדשטיין איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, געקוקט צו ברכהן, און גאָר־ניט געזאָגט.

— וואָס אי, מר. פעלדשטיין, אייך חידושט, וואָס איך האָב אַ ציטער געטאָן. מיר איז קאַלט געוואָרן.

פעלדשטיין האָט געשמייכלט, און גאָרניט געענטפערט.

— ווייסט איר פאַרוואָס מיר איז קאַלט געוואָרן?

— איך ווייס ניט.

— איך האָב זיך פאַר אייך דערשראָקן.

— געמיינט, אז קיין זאַך שרעקט איך ניט אָפּ. אפילו די זעקס פאַר־לאָפּענע יאָרן, זינט מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

ברכה איז רויט געוואָרן. א הייסער שטראָם האָט א שווענק געטאָן איר לייב, זי האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן. די אויגן זיינען געוואָרן הייס און אויסגעטריקנט. זי האָט געגאַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, פאַר־טומלען די שטילקייט, וואָס האָט ביז צום טויב ווערן געשפּאַרט אין די אויערן אריין.

פעלדשטיין האָט באַמערקט איר פאַרלאָרנקייט.

— וואָס, ברכה — האָט ער זי היימיש גערופן ביים נאָמען — איר קענט די זעקס פאַרלאָפענע יאָרן ניט קוקן גלייך אין די אויגן אריין, יע?

ברכה האָט געביסן די ליפּן, איר פּנים איז איינגעשרומפּן געוואָרן. פאַר איר דמיון זיינען פאַרבייגעלאָפן אירע באַגעגענישן מיט פעלדשטיינען; זי האָט שטענדיק זיך באַמיט איבם אָנצוגרייפן, מיט איר אומדערוואַרטעטן געלעכטער, אים געגעבן צו פילן, אַז ער גייט איר אינגאנצן ניט אָן. זי וואָלט איצטער אויך וועלן צונויפנעמען איר מוט, פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער, ווי איר שטייגער, זיך צעלאַכן אויפן הויכן קול. דער גייסט פון דעם אַלטן, איינגעפאַלענעם בוים, אין געשטאַלט פון ר׳ בונימען, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אין מיטן ריידן איינגעשלאָפן, ווירקט, זי זאָל זיך אָפּגעבן א חשבון צוליב וואָס זי איז איצטער דאָ. זי האָט געפּאָלגט פּער־לען, אָבער אין אמתן האָט א פרעמדער כח זי געשטויסן אַהער.

— איך ווייס, ברכה — האָט פעלדשטיין מיט אַן איינגעדאַלטענער שטים פון זיין אָרט גערעדט — איך ווייס וואָס זעקס יאָר פאַרגאַסענע טרערן טוען אויף. ר׳ בונים האָט עס ארויסגעזאָגט, און איך ווייס ניט צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן. אָבער איך ווייס, אַז איר האָט פאַר מענטשן געלאַכט אויפן הויכן קול, און אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט הערן, האָט איר געוויינט. איך ווייס ווען עס ווייגט דאָס בלוט, און דאָס פּנים לאַכט. וואויל איז צום בוים וואָס ווייסט, ווען ער וועט פון אַלטקייט איינפאַלן — וועלן יונגע שפּראָצונגען ארויסקומען. נאָר ווייַ איז צו א יוגנט, וואָס ווייסט ניט, אַז עס איז פאַראַנען אַ לעבן אין אַ לעבן; אַז עס איז פאַראַנען א יידיש לעבן, וואָס איז איינגעפּאַסט אין דעם אַלגעמיינעם, און מישט זיך ניט אויס, ווי ביימל מיט וואַסער מישט זיך ניט אויס. און ווייַ צום יחיד־ייִד, וואָס האָט פאַרמשפּט די מיליאָנען צום אונטערגאַנג.

— וואָס רעדט איר, מר. פעלדשטיין? — האָט ברכה א פאַרלאָרענע שטיל געפרעגט.

— הלוואי וואָלט איך עס ניט געדאַרפט רעדן.

— פאַרוואָס האָט איר שטענדיק געזוכט צו פאַרשווייכן מיינע געפילן?

— איך האָב בלויז געוואָלט אָפּשוואַכן די רייד, וואָס האָבן געוואָלט איבערשרייען די געפילן.

ברכה איז אנטשוויגן געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געקילט איר צעגליטן שטערן אָן דער קאַלטער שויב. זיינע ווערטער האָבן דורכגעשטאָכן איר לייב. זי פילט איצטער, אז גאַנצע זעקס יאָר האָט דער־דאַזיקער מענטש, ווען זי האָט געוואָלט פאַרלייקענען, נאָכגעשפּירט אירע טריט. איצטער שפּירט זי, ווי זי וואָלט אריינגעפאַלן אין א נעץ,

וואָס ער האָט די גאַנצע זעקס יאָר אומבאַמערקטערהייט געשפּרייט אויף אירע וועגן.

ברכה האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז אפשר שלאָפט גאָרניט דער אַלטער ר׳ בונים. אפשר האָט ער זיך פאַרטאַיעט און קוקט פון אונטער די ברעמען אָפיר צו זיי ביידן. זי האָט זיך אומגעקערט, מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום אַלטנס געלעגער, זיך אַראָפּגעבויגן, און באַטראַכט זיין פּנים. ר׳ בונים האָט שטיל געאָטעמט. זיין ברוסט האָט רואיק זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן. אַ פּחד האָט דורכגענומען איר לייב. „גיי פון דאַנען אַזוי שנעל ווי דו קענסט! — האָט עס פון איר בלוט אַרויסגעשריען — גיי, ראַטעווע דיין גוף און דיין נשמה!...״

און ווי יוחנן פעלדשטיין וואָלט גאָר אין צימער ניט געווען, האָט זי אויף שנעל אָנגעטאָן איר מאַנטל, און אַ „גוטע נאַכט״ איז זי אַרויס פון צימער.

יוחנן פעלדשטיין האָט נערוועאיש מיט דער האַנט געווישט דאָס פּנים, געקוקט צו דער טיר, דורך וואַנען ברכה איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול, וואַרטן — אפשר וועט דער אַלטער זיך אויפכאַפּן, ער זאָל זיך מיט אים געזעגענען.

אָבער ר׳ בונים האָט אויפגעעפנט די אויגן. דאָס פּנים אָפּגעפרישט, זיין בליק — קלאָר. ער האָט אַריבערגעקוקט צו פעלדשטיינען אַ וויל. דערנאָכדעם האָט ער זיך אונטערגעהויבן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט, און ווי עפּעס צוגעגעבן צו דער גאַנצקייט פון די רייד, וואָס ער האָט פאַרן איינשלאָפן גערעדט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך בין ניט געשלאָפן. בין געלעגן און געטראַכט: וואָס איז חורבן? וואָס איז פאַרט חורבן? און געקומען צו דער מסקנה: אַז אויב אַ מענטש נעמט דעם גוף און פירט אים ערגעץ אַוועק, און די נשמה לאָזט ער איבער, איז עס אַ קליינער חורבן. און אַז אַ פאָלק, וואָס איז אַוועק אין גלות, האָט די נשמה ערגעץ דהינטער זיך איבערגעלאָזן, איז עס אַ גרויסער חורבן. אָפטמאָל לעבט אַ מענטש איבער צוויי חורבנות, זיין אייגענעם, באַזונדער; און דעם חורבן הכלל באַזונדער. שטאַרק דאַרף מען זיין. שטאַרק דאַרף מען זיין...

* * *

— ווי אַ קינד זעט ער וויט, ווי אַ קינד זאָגט ער דעם אמת פאַר זיך, וואָס איז אויך פאַר יענעם; און ווי אַ קינד איז ער דער נביא און דער גלויביקער.

דאָס האָט יוחנן פעלדשטיין געטראַכט, בלייבנדיק אַליין מיט דעם אַלטן ר׳ בונימען, נאָכדעם ווי ברכה רודמאַן איז אָן „אַ גוטע נאַכט״ אַרויס פון צימער.

„אויב אַ מענטש נעמט דעם גוף, פירט אים ערגעץ אַוועק, און די נשמה לאָזט ער איבער, איז עס אַ קליינער חורבן. און אַז אַ פאָלק, וואָס איז אַוועק אין גלות, האָט די נשמה ערגעץ הינטער זיך איבערגעלאָזן, איז עס אַ גרויסער חורבן. אָפטמאָל לעבט אַ מענטש איבער צוויי חורבנות: זיין אייגענעם באַזונדער, און דעם חורבן הכלל — באַזונדער״.

דאָס האָט דער אַלטער יעמאַלט ווי פאַר זיך אליין ארויסגעזאָגט, אָבער פעלדשטיינען האָט עס לכתחילה דעם מוח באַלויכטן, זיין בלוט דערוואָרעמט, און שפּעטער אין א קעלט אריינגעוואָרפן. ער איז נאָכדעם אַ נאַכט ניט געשלאָפן.

— יעדערער פון אונדז האָט אַהער אַריבערגעבראַכט מער גוף ווי נשמה—האָט פעלדשטיין געטראַכט—אַ שטיק נשמה האָט מען געלאָזן דאָרטן, פון וואַנען מען איז געקומען; דעריבער די גרויסע בענקעניש פון אַהויב, און די גייסטיקע אויסגעליידיקטקייט שפּעטער. דאָס איז די שטראָף וואָס דער ערשטער דור קריגט.

וועגן ברכה רודמאַן האָט ער געוואוסט, אַז זי האָט אין סאָוועטרוסלאַנד אימעצן איבערגעלאָזן. ביי דעם „אימעצן" איז א טייל פון איר נשמה געבליבן. פון דעם שטאַמט איר פאַרביטערטקייט, און אויך איר פאַר־לאָרנקייט די לעצטע צייט, וואָס האָט געפירט דערצו זי זאָל בלייבן אין אַמעריקע, ווען איר ברודער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. ברכהס באַציאונג צו אים האָט פעלדשטיין באַטראַכט פאַר אומנאָרמאַל. איר ניט קענען זיך קאָנטראָלירן אין זיין קעגנוואָרט, ביז צו פאַרלאָזן די געזעל־שאַפט און אַנטלויפן, האָט פעלדשטיין אויסגעטייטשט אויף זיין אייגענעם אופן: „די נשמה געלאָזן ביי אַ מאַן, וואָס האָט אפשר זיין בלוט מיט אירס געמישט, דעריבער צענטרעגצלט זי אירע כחות אויף גאָרניט, גייט אַרום אויפן עולם התוהו; דעריבער באַטראַכט זי אַמעריקע ווי אַ קרעטשמע, וואו זי דאַרף איבערנעכטיקן בלויז עטלעכע נעכט, ביז אַ שיף וועט אָנקומען, זי פאַר־נעמען, און אוועקפירן קיין ארץ ישראל, כאָטש אין דער קרעטשמע האָט זי זיך אָפּגעוואַלגערט גאַנצע זעקס יאָר".

זינט די אומגליקלעכע באַגעגעניש ביי דעם אלטן ר' בונימען, האָט פעלדשטיין א צייט אויסגעמיטן זי צו טרעפן; אויסגעמיטן דאָס אָרט, וואו ער האָט חושד געווען זי צו באַגעגענען. ער איז צוליב דעם אפילו זעל־טענער געקומען צו דאָקטאָר לוריאן. און באמת, אויב פעלדשטיינען האָט עס די ערשטע צייט, ווען די רודמאַנס זיינען אָנגעקומען קיין אמעריקע, געצויגן אַהין, איז אין דעם געווען גיכער שולדיק די עלטערע שוועסטער, יוסטינע. פעלדשטיין האָט חושד געווען, אַז דאָס איז געווען דער קוואַל פון שנאה, פון וואַנען ברכה רודמאַן האָט געשעפּט פאַר זיינעטוועגן; און אויך פון דאָרטן האָט געשטאַמט איר האַס צו דער שוועסטער, מיט וועמען זי האָט שלום געמאַכט דווקא נאָך דעם, ווען די שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט דעם ניט־יידן. יעדעס מאָל, ווען ברכה האָט געזוכט זיין נאָענטקייט, איז ער געווען נאָכגעביק. ער האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך די דערנענטערונג אָנצוהאַלטן. ברכה רודמאַן איז יעדעס מאָל געווען די, וואָס האָט פעלדשטיינס וואַרימע געפילן צעשטערט און פאַרשוועכט.

נאָך איר צוזאַמענשטויס מיט פעלדשטיינען ביי ר' בונימען, איז זי מיט אַ צייט שפּעטער אומגעריכט געקומען צו פעלדשטיינען אין זיין יידי־שער שול, געזעסן אַ צעטראָגענע, כלומרשט זיך צוגעהערט צו זיינע פראַגן און קינדערשע ענטפערס, אריינגעקוקט און געבלעטערט יידישע לערן־ביכלעך, און מיט אומגעדולד געוואַרט ביז פעלדשטיין האָט זיך באַפרייט. אים האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. די קינדערשע פנימער האָבן ווי פון

הינטער א גרויען נעפּל זיך געטוקט אנטקעגן אים, און אויך די קינדערשע שטימען האָבן צו אים ווי ניט פון דער וועלט געקלונגען.

נאָכן לערנען, ווען ער האָט זי גענומען פאַרן האַנט, געפרעגט, וואָס פאַר אַ גוטס האָט זי געבראַכט צו אים; האָט זי פאַרטאַיעט געלאַכט, ניט דערמאָנט אפילו מיט קיין וואָרט וועגן איר איינדרוק פון די תלמידים און זיין לערנען יידיש מיט זיי.

— זייט מיר מוחל, מר. פעלדשטיין, וואָס איך האָב אייך יעמאָלט באַליידיקט — האָט זיך ברכה צו אים געטוליעט — איך בין געקומען זיך ענטשלודיקן איידער איך פאָר אַוועק. ניט נאָר פאַר דער לעצטער באַליידיקונג — פאַר אַלע צוזאַמענשטויסן וואָס מיר האָבן געהאַט, ענטשולדיקט מיר. איך קען אייך צו גוט און וויס וואָס איר לעבט איבער. איך וויל אייך נאָר וואָרנען, איר זאָלט ניט זיין קיין ראָמאַנטיקער; ניט נאָר לגבי מיר, נאָר לגבי יעדע פרוי, וואָס איר וועט נאָך מסתמא באַגעגענען.

יוחנן פעלדשטיין האָט גוט געדענקט וואָס ער האָט איר יעמאָלט ביי ר' בונימען געזאָגט. אויך איצטער האָט ער געטראַכט וועגן „דאָס בלוט וואָס ווייַנט אין די אָדערן, בשעת דאָס פנים לאַכט . . . ״

— וואָס מיינט איר מיט דעם ניט זיין קיין ראָמאַנטיקער? — האָט ער געפרעגט — וואָס פאַר א פרוי פאַרלאַנגט פון מאַן ניט צו זיין קיין ראָמאַנטיקער?

— צווישן מאַן און פרוי איז קיין נאָרמאַלע באַציאונג ניטאָ — האָט ברכה מיט אַ געוויסער פאַרלאָרנקייט גערעדט — אָדער מען האָט זיך אומנאַטירלעך ליב, אָדער אומנאַטירלעך פיינט.

— איך וויס, אז איר האָט מיך פיינט — האָט פעלדשטיין שטיל געזאָגט.

— געבאָרן ווערט א מענטש נאָר איינמאָל, מר. פעלדשטיין, אָבער שטאַרבן שטאַרבט ער בהדרגהדיק פון געבוירנטאָג אָן. ליבע איז לעבן. אָבער עס איז ניט פאַראַן קיין אמת און דויערהאַפטע ליבע צווישן מאַן און פרוי, אויב זייער ליבע בויט ניט די אַלגעמיינע וועלט. אַט באַלד, אַט באַלד וועל איך אַראָפּגיין פון אייער מאַפּע. דער פרילינג איז נאָענט. אויב איך וועל דאָרטן אויך בלייבן אַ האַלבער מענטש, וועל איך יעמאָלט קיינעם ניט באַשולדיקן. איך קען ניט לעבן אין א פוסטקייט, וואָס צוויי מיליאָן יידן האָבן געשאַפן אַרום זיך.

א בריוו איז אָנגעקומען ברכהן פון איר ברודער פנחס, וואָס האָט שוין קרוב צו א יאָר געלעבט אין ארץ ישראל. צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער איר געשריבן: „איצטער זע צו געפינען צוריק דיין פאַרלאָרענע ענערגיע און הויב אָן אַלץ פון דאָסניי. באַטראַכט דיינע זעקס יאָר אין אַמעריקע ווי יאָרן פון חשבון הנפש. דאָ שטיי איך אויף דער ערד, כאָטש די ערד איז וואולקאַניש, איז עס וייט ניט ווי דאָס הענגען איבערן גלות־תהום, וואו מיר וועלן סוף־כל־סוף איינגעזונקען ווערן. דיין גוף געהער צום פאָלק און אוודאי איז דיין נשמה מיט דיין פאָלק. פאַרגעס אָן דעם וואָס דו האָסט הינטער זיך געלאָזן. דאָ אָטעמט דער שטיין, און עס קלאַפּט דיין פאַרבאָרגן הארץ מיט דעם גאַנג פון דיין אייגן בלוט. פאַרשלאָף ניט דעם קומענדיקן פרילינג, און דורכדעם — דיין צוקונפט. מיר לעבן דאָ מיט דעם גייסט פון עזרא און נחמיה. גוט איז צו האַלטן אין

איין האַנט די שפּאַכלע, און אין דער אַנדערער — דעם גלויבן אין קיום פון אַ פאָלק אויף דער אייגענער ערד".

זי האָט דעם בריוו פאַרקוועטשט אין האַנט. פּונקט אַזוי, האָט זי געשפּירט, האָט עס איר ביים דאַרצן פאַרקוועטשט. „בעסער שטיין אויף אַ וואולקאַנישער ערד, איידער הענגען איבער דעם גלות־תהום..." מיט פרייד און טרויער האָט געשטראָמט דאָס בלוט. דער טרויער האָט גובר געווען, און עס האָט זיך געגלוסט שטאַרק אויסוויינען. „אַנהויבן אַלץ פון אָנהויב, און אויב ניט דעם קומענדיקן פרילינג פאַרלאָזן אַמעריקע, איז שוין אַלץ פאַרשפּילט".

— פאַרוואָס מיינט ער אַזוי?

צום לעצטן מאָל איז זי אַוועק צו פעלדשטיינען, אָפּגעוואַרט, ביז ער וועט זיך באַפרייען פון שול. זי האָט אים אַרויסגענומען דרויסן, באַוויזן דעם בריוו, און געוואַרט, וואָס פעלדשטיין וועט איר זאָגן וועגן דעם. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט דעם בריוו צונישט מאַכן.

אָבער פעלדשטיין האָט רואיק און ערנסט געזאָגט:

— איך באַוואונדער ניט אייער ברודער. אויף זיין אופן האַנדלט אַזוי אַ מענטש, וואָס פילט דעם אחריות צו זיין פאָלק און צו זיך אַליין.

— איך האָב ניט געוואַרט, אַז דאָס וועט איר מיר זאָגן.

— ארץ ישראל בויט מען. ער געהער צו די בויער. און ארץ ישראל איז, און וועט זיין פאַר די, וואָס וועלן ארץ ישראל אויפריכטן.

— און ווער זייט איר?

— מיר גראָבן די גלות־ברונימער, פון וואַנען ארץ ישראל וועט נאָך אַ צייט קומען שעפּן וואַסער. אָבער דאָס איז ניט קיין ענטפער אויף אייער פראַגע. אויף דעם האָב איך ניט קיין ענטפער; ווי עס האָבן ניט קיין ענטפער אויף דעם די מיליאָנען יידן אין חוץ לארץ, אָדער אין גלות.

— איר מאַכט אַ טעות, מר. פעלדשטיין.

— אפשר וואָלט איר אַנדערש געפילט און גערעדט, ווען איר גלויבט אין קיום פון אַ מיליאָנען פאָלק.

— ניין, מר. פעלדשטיין, איר מאַכט אַ טעות. איך פאַר אויף געוויס. אָטאָ־די הענט וואַרטן אויף אַרבעט, וואָס זאָל באַלוינט ווערן ניט מיט דאָלערס.

— איך רעד אייך ניט צו דאָ צו בלייבן. פאָלגט אייער ברודער. ער איז דורכאויס גערעכט. ניט מער, וואָס דאָס גלות־יידנטום דהענגט ניט איבער קיין אָפענעם תהום. אויך מיר שטייען אויף אַ ערד. וועמעס ערד? גאָטס ערד! וואָס מיר טוען איז פאַר אייך אומוויכטיק און נישטיק. אָבער שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר הענגען איבערן תהום... און דאָס וואָס מיר האָבן געשאַפן אין חוץ לארץ איז ניט קיין לחם עוני. דאָס זיינען די ביטערע ווייַנטרויבן, וואָס וועלן נאָך אַמאָל זיין זיס. פייער האָבן זיי דאָרט אייגענעם, אָבער וואַסער טרינקען זיי פון גלות־ברונעם. גיט מיר נאָך אַמאָל דעם בריוו.

— אַ גוטע נאַכט, מר. פעלדשטיין...

ווי איר שטייגער, האָט ברכה אים יעמאָלט געלאָזן אין מיטן גאַס. זי איז אַוועק צו דאָקטאָר ווילסאָנען, געקלערט, טיילן אירע געפילן מיט דער

ניט־יידישער עלווירא. אבער עלווירא איז ניט געווען. איז איר אויס־געקומען איסצואוויינען זיך ביי איר שוועסטער, מיסיס ווילסאן, אויפן ברוסט, און ווארטן, אז איר אפגעפרעמדטע שוועסטער זאל פאר איר געפינען עטלעכע ווארימע ווערטער, וואס זאלן איר געמיט שטארקן.

יוסטינע האט גוט געקענט איר ייִנגערע שוועסטער. אמת, ווען נאך אין דער היים, האט געטראפן, אז א יאר צייט האבן די שוועסטער צווישן זיך ניט גערעדט, האט יוסטינע פונדעסטוועגן געהאלטן אן אויג אויף ברכהן. לויט יוסטינעס באגריף, איז איר ייִנגערע שוועסטער געווען פאר־פירט פון א פאלשער אידעע, וואס האט איר יוגנט אויסגענאגט.

יוסטינע האט, מעשה מאמע, געגלעט און געקושט דער שוועסטערס קאפ, און גארניט געזאגט. זי האט געווארט ברכה זאל זיך בארואיקן און דערציילן וואס עס דריקט איר.

— נעם ניט פאר אומגוט, וואס איך בין געקומען צו דיר זיך אויס־וויינען. צופיל וויין איך, אפשר וועט צו דעם אלעמען קומען א סוף. גאר אינגיכן וועט איר פון מיר פטור ווערן.

יוסטינע האט ניט געפונען פאר נויטיק אפצורעדן ברכהן. זי האט גוט געוואוסט, אז איר שוועסטער האלט ווינציק פון איר. אין הארצן איז יוסטינע געווען צופרידן, וואס ברכה קלייבט זיך אוועקצופארן.

— פארוואס איז עס, ברכה, — האט יוסטינע זיך באמיט צו שמייכלען — וואס נאר דיין אגארטשעניע ברענגסטו מיר?

— ניין, איך האב דיר איצטער געבראכט מיין פרייד. און דאס וואס איך האב געוויינט, איז אויך פאר פרייד. אלע האבן מיר טרערן. אלע דארפן מיר אין לעבן אויסוויינען דאס ביסל ווייבערשע טרערן.

— אז דו וועסט קומען אהין, וועסטו ווידער וויינען. פארוואס? ס׳איז מער יעסטעסטווענע דיך צו זען וויינען, ווי לאכן.

ברכהס קלייבן זיך קיין ארץ ישראל איז פאר די לוריאס פארוואנדלט געווארן אין א משפחה־זאך. דניאל לוריאס משפחה האט זיך גאר נאענט געהאלטן מעשה מחותנים. אויף זייערע הוצאות איז איצטער ברכה געפארן. צום שיף זיינען אלע געקומען. געווען א ליכטיקער, שיינענדיקער טאג. אפילו דער ריכטער דייוויד לאריע, דער משומד, איז צום שיף געקומען. איר ברודער יעפים, וואס האט גאנצע צוויי יאר מיט איר ניט גערעדט, האט אין דער לעצטער מינוט געמאכט מיט איר שלום, און ביים שיף האט ער געפונען פאר נויטיק איר אריינצוזאגן:

— אויב דו פארסט אהין, זע, ווער ניט ביי ענגלאנד א קנעכט. זיי א מענטש, ווייס וואס ליב צו האבן און וואס פיינט צו האבן.

ברכה האט אים גוטמוטיק אנגעקוקט, געגלעט מיט דער האנט זיין שטערן, און געזאגט:

— איך האב זיך מיט דיר געקריגט אלע יארן, וויל איך איצטער מיט דיר זיין שלום. איך וועל נאר ווארטן אזוי לאנג, ביז איך וועל זיך פון דיר דערווארטן א בריוול, וואו דו וועסט מיר שרייבן, אז דו האסט אלע יארן געלעבט אין טעות. יעס, יעפים, זע, האב חתונה, נעם א יידיש מיידל, און הויב אן גיין דריי מאל א טאג דאווענען כא־כא־כא.

יעפים האט עס גוטמוטיק אנגענומען און געזאגט:

— פּאַלעסטינע איז אַ וויסט לאַנד. איך ווייס וואָס יידן טוען דאָרטן. מיך פאַרדריסט ניט וואָס יידן ווערן האָרעפּאַשניקעס. פאַר געזונט, און לעב גליקלעך מיט דיין אייגענעם שטרעבן.

טאַטע־מאַמע זיינען געקומען געבויגענע, פאַרעלטערטע. די זעקס יאָר אַמעריקע האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ שווערע משא, און איינגעבויגן. דער עלטערער זון איז אַוועק. די עלטערע טאָכטער איז אין איר אייגענעם גליק דערטרונקען געוואָרן. איצטער פאַרט טאַטע־מאַמעס ליבלינג אַוועק. בלייבט נאָר דער יינגערער זון, וואָס האָט זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט, קומט אפילו ניט געוואויר ווערן וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן. זיי האָבן געוואָרט, אַז די טאָכטער וועט לפּנים וועגן פאַרלייגן, זיי זאָלן אויך פאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער ברכהן איז דאָס גאָר ניט איינגעפאַלן צו טאָן. זי האָט באַמערקט איר מוטערס אָפענע טרערן און איר פאָטערס באַהאַלטענע טרערן. ווי צוויי קליינע קינדער האָבן זיי איר אויסגעזען, איינגעשרומפּענע, דערשראָקענע צוליב דעם, וואָס די מאַמע פאָרט אַוועק; און זי, די כלומרשטע מאַמע, האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן.

דאָקטאָר לוריא און פערל זיינען געקומען צו דער שיף שטאַרק אויפגעלייגטע.

דאָקטאָר לוריא האָט איר שטיל געזאָגט:

— הלוואי זאָל ארץ ישראל ווערן דער ליכט־טורעם פאַרן גאַנצן וועלט־יידנטום, און דו, העלף יענעם טורעם אויפבויען וואָס העכער און ליכטיקער.

ברכה איז אים אין האַרצן געווען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר די דאָזיקע ווערטער.

פערל איז, ווי איר שטייגער, אַרויסגעקומען מיט אַ שטיקל פילאָזאָפיע.

— אַ מענטש, ברכה, איז געבאָרן געוואָרן אָן אַ היים. טאַטע־מאַמע האָבן דאָס קינד געבראַכט אויף דער וועלט, אָבער קיין היים גיבן ניט טאַטע־מאַמע. אַ היים בויט אַ מענטש אַליין פאַר זיך. ווינטש איך דיר, דו זאָלסט דאָרטן געפינען דיין היים.

— איך וויל זיך ווידער פילן ווי בלויז אַ קליינער טייל פון אַ פאָלק.

— אוודאי קענסטו עס. ווי איך האָב אַזאַ געפיל דערגרייכט.

— אין גלות האָב איך עס ניט געקענט. הלוואי געלינגט עס דיר, פערל.

זי האָט אַרומגעכאַפּט פערלס קאָפּ, מיט דהונגער געקושט און געדריקט צו איר ברוסט. שטיל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, האָט זי גערעדט פערלען אין אויער אַריין:

— דיך האָב איך ליב, דיך, די איינציקע... דו, ליכטיקע מיינע...

מאָו לוריא איז געקומען אינאיינעם מיט עלווירא ווילסאָן אין דער לעצטער מינוט, ווען די שיף האָט שוין געהאַלטן ביים געבן דעם דריטן סיגנאַל. ברכה האָט זיך אַ ריס געטאָן צו עלוויראַן, ווי גאָרניט באַמערקנדיק מאָו לוריאַן. אָבער איר האָט דאָס לשון אָפּגענומען. אַ סך, גאָר אַ סך וואָלט זי געדאַרפט זאָגן עלוויראַן, וואָס קלייבט זיך אַריין אין דער יידישער וועלט. אָבער דאָס, וואָס עלווירא איז געקומען מיט הילל לוריאס זון, האָט אויפגערודערט ברכהס בלוט. האָט זיך אַליין ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס דאָס איז געשען. ניט קיין געפילן פון קנאה, אָדער

אייפערזוכט איז דאָס געווען. עלוויראס קומען מיט אים האָט אָבער פאַרט פאַרדראָסן. זי וואָלט וועלן פרעגן עלוויראן וועגן איר באַציאונג צו הילל לוריאס זון, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט.

עלווירא האָט געשפּירט ברכה'ס געדאַנק, און געזאָגט:

— איך האָב דאָ אויף די טרעפּ זיך באַגעגנט מיט מאָו לוריאן. פאַר־וואָס האָסטו אים אַזוי קאַלט באַגעגנט? אַנטשולדיק מיר, וואָס איך דער־צייל עס דיר. איך וויל, זאָלסט רואיק אוועקפאָרן. איינס זאָג איך צו, אַז דער וועג, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, ווערט פאַר מיר אויסגעלייגט. קיין דערנער ביים זייט זיינען ניטאָ. ווערסט נאָך קומען צוריק. אויב איך האָב דיין פאָלק ליב געקראָגן — איז עס צוליב אַזעלכע פרויען ווי דו.

— דו ווערסט נאָך קומען צו אונדז, עלווירא... בין זיכער, אַז דו וועסט קומען.

צוליב דעם וואָס ברכה האָט איגנאָרירט מאָו לוריאן, האָט עלווירא זיך געפילט פאַרלאָרן. שוין נאָכן דריטן סיגנאַל איז מאָו לוריא אַליין צוגעגאַנגען צו ברכהן, און אויף גיך איר געוואונשן:

— פאָר געזונט און זיי גליקלעך. דיין גאָט איז אויך מיין גאָט. דיין פאָלק איז אויך מיין פאָלק. אָבער דיין לאַנד איז ניט מיין לאַנד. דאָ וועלן נאָך יידן בויען דעם היכל, דערהויבענעם אָרט, פון וואַנען די מיליאָנען יידן וועלן זיך ארויסזען. אונדזער נשמה האָט אויך דעם יידישן שטעמפּל. פאָר געזונט, ענטשולדיק, וואָס איך האָב דיך אַ סך מאָל פּיינט געהאַט.

אירע עלטערע שוועסטער איז אין דער לעצטער מינוט ארויפגעפאַלן ברכה'ן אויפן האַלדז, געציטערט מיט איר גאַנצן גוף, און וועלנדיק באַ־האַלטן אירע טרערן, איז זי אָפּגעגאַנגען, און באַהאַלטן דאָס פּנים ביי דער מוטער אויפן אַקסל.

ווען די שיף האָט זיך גערירט, איז ברכה געשטאַנען איינגעשרומפּן, אָנגעשפּאַרט אָן פאַרענטש פון שיף, און די פאַרטרערטע אויגן האָבן ווי אין נעפּל געזוכט דאָס געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס איז צום שיף ניט געקו־מען. דער מענטש, וואָס האָט איר אַזוי געפעלט, איז געווען יוחנן פעלד־שטיין, וואָס האָט איר אַזוי ביטער ביי דער לעצטער באַגעגעניש אויפגע־קלערט דעם ענין גלות און ארץ ישראל.

זי איז אַראָפּ צו זיך אין קאַבינע. איר געלעגער איז געווען באַלאָדן מיט בלומען. זי האָט באַגראָבן איר אויסגעמאַטערטן פּנים אין די בלומען, געקילט דאָס פּנים אין די בלומען. די טרוקענע אויגן האָבן געשמאַרצט; אָבער ס'איז קיין טראָפּן טרערן ניט געווען די הייסע אויגן אָפּצוקילן.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

קעראָלאַין סטאָן האָט אָנגעקלונגען צו איר צווילינג־ברודער, דאָקטאָר לוריאָן, מודיע געווען, אַז זי פאָרט ארויס צו אים. זי וויל, ער זאָל מיט איר פאָרן אויף ברוקלינער בית־עולם, צום פאָטער אויפן קבר. גענויע פערציק יאָר, זינט ישראל לוריא, איר פאָטער, האָט שוין דאָרטן זיין רו, האָט זי פּלוצלונג א בענקשאַפט אָנגעכאַפּט, צו גיין אויסקלאָגן אַביסל דאָס האַרץ אויפן טאַטנס קבר. קיין חידוש ניט. ווען ישראל לוריא איז געשטאָרבן, איז זי נאָך געווען קריינדל, וואָס האָט געפירט א ליבע מיט דער אָרימקייט. צו יענער צייט איז די בענקשאַפט געווען א נאַטירלעכע.

דאָקטאָר לוריאָן איז די גאַנצע זאַך ניט געווען צום האַרצן. א הייסער זומער טאָג. ער האָט נאָך געדאַרפט באַזוכן עטלעכע חולאים, און מיט אמאָל — פאָר אויפן בית־עולם! אָבער דער איינאיינציקער שוועסטער, וואָס מיט איר אינאיינעם איז ער ביז צום ערשטן געוויין געוואָקסן ביי דער מאַמען אונטערן האַרצן, ווי קען מען איר אָפּזאָגן אַזאַ מענטשלעכע בקשה?

ער האָט געפּרואווט זיך דערשלאָגן צו דער סיבה, פאַרוואָס די שוועסטער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן טאַטנס קבר. ער ווייס, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד און דערגרייכט זיין קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער אין די לעצטע חדשים פון הואַווערס פּרעזידענטשאַפט, האָט שטאַרק אָנגעגריפן איר מאַנס געשעפטן. זיין געלט, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין ריעל־עסטייט, איז אָפּגעווישט געוואָרן, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן שווער אויף זיין גרויסער קליידער־פאַבריק, ביז ער האָט געמוזט העלפט „העגנס" ארויסוואַרפן פון שאַפּ. אָבער דאָקטאָר לוריאָן איז באַוואוסט, אַז די שוועסטער לעבט ניט מיטן מאַנס דערפאָלג, אָדער דורכפאַל. גיין צום טאַטן אויפן קבר, בעטן, ער זאָל זיך דאָרטן אין הימל מיען פאַרן מאַנס געשעפטן — דאָס וועט קעראָלאַין אוודאי ניט טאָן.

בשעת די שוועסטער האָט אים אָפּגערופן אין טעלעפאָן, האָט ער ניט געפרעגט צוליב וואָס זי דאַרף גיין אויפן בית־עולם. איצטער, ווען זי איז אריינגעקומען, האָט ער אין איר פּנים דערקענט דעם קינדערשן, פאַרלאָרענעם שמייכל, בשעת א קינד טוט אָפּ אַ נאַרישקייט.

— קוקסט מיך אָן, זכריה... איך קען מיר ניט העלפן. איך ווייס, ווען דער טאַטע לעבט איצטער, וואָלט ער געהאַט אַ סך צער.

— ווען ער לעבט ביז היינטיקן טאָג, וואָלט ער אפשר ניט געווען מער דער אַמאָליקער ישראל לוריא.

— פאַרשטייסט דאָך וועגן וואָס איך רעד.

— ניין, קריינע, איך פֿאַרשטיי גאָרניט.

— באמת האָב איך ניט וואָס צו דערציילן. א האַרץ טוט ווי, און מאָנט. דער טאַטע איז מיר די לעצטע צייט געקומען צוויי מאָל צו חלום. ער האָט אויסגעזען ווי יעמאָלט, ווען ער איז שוין קראַנק געווען. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט דעם אייגענעם שטרענגן בליק, וואָס ער האָט געהאַט די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן. אָנגעקוקט און גאָרניט געזאָגט. ער איז מיר געקומען צו חלום די אייגענע נאַכט, ווען טעלמא האָט מיר דער־ציילט, אַז זי וועט חתונה האָבן מיטן איטאַליענישן לאָיער.

דאָקטאָר לוריא האָט באַטראַכט זיין שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען מיט איר גרויען קאָפּ געבויגן, ווי זי וואָלט ניט געהאַט קיין מוט אָנצוקוקן איר ברודער גלייך אין פּנים אַריין. ער האָט געוואוסט, אַז קעראָלאַינס טאָכטער פֿירט זיך אַרום מיט א מיסטער דזשיימס גאַלדאַני, א איטאַליע־נישער לאָיער. אים האָט עס ניט געחידושט. פֿון אַלע קינדער פֿון צווייטן דור, אַריינגערעכנט דניאל לוריאס זון דעם משומד, האָט זיך טעלמא גע־האַלטן פֿון אים צום ווייטסטן. אַ ניט גאָר יונגע מיידל, האָט זי פֿאַרמאָגט אַ סך גאווה, און זיך געשעמט מיט איר ידישקייט.

— זיך, קריינע. באַלד וועט פּערל אַריינקומען, אפשר וועט זי אויך מיטפֿאָרן.

— איך בין זיכער, אַז פּערל וועט לאַכן פֿון מיר.

— קענסט דאָך פּערלען. זי האָט דיך ליב.

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר ניט אַרויסגעהאָלפֿן, זכריה, איך זאָל מיינע קינדער געבן א ידישע דערציאונג?

— דאָס וואָלט סיי־ווי ניט געהאָלפֿן, דו זאָלסט פֿירן דיין וועלטל ווי אונדז איז געפֿעלן. מילא, דיין ישראל, אים איז דאָך קיין חילוק ניט. די וועלט־מלחמה האָט אים אומגעבראַכט, און א סוף. אויב דו געדענקסט, און באַווייזנסט אים, איז עס א מאָמעס געפֿיל. קעגן דעם קעמפֿן מיר ניט. קען זיין, ווען ער לעבט, וואָלט ער חתונה געהאַט מיט א ניט־ידיש מיידל. דיין טעלמאַ גייט מיט איר אייגענעם וועג. זי איז אויפֿגעצויגן געוואָרן ווי א גבירישע מיידל. וואָס האָט גבירישקייט צו טאָן מיט ידישקייט? און וואָס פֿאַר א ייד איז דיין מאַן? ער איז דאָך געווים צופֿרידן, וואָס זיין טאָכטער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט א איטאַליענער. און דו, קריינע, גיי ניט צוליב דעם איבערשרעקן דעם טאַטנס ביינער. ער וועט דיר ניט קומען צוהילף. נו, אפשר פּלאָגט דיך דיין ידישער געוויסן, ווילסט זיך פּשוט אביסל אויסוויינען, ווי אַ קינד וויינט זיך אויס פֿאַר טאַטע־מאַמע, איז עס עפּעס אַנדערש.

קעראָלאַין האָט צעשטרייט אָנגעקוקט איר ברודער. מיט טרערן זיינען פֿאַרלאָפֿן אירע אויגן. איר האָט ניט געחידושט וואָס איר ברודער האָט פֿון אירע עטלעכע ווערטער פֿאַרשטאַנען וואָס עס דריקט זי. איר האָט אָבער וויי געטאָן, וואָס דער ברודער פֿילט זיי ניט מיט.

— נו, גוט, זכריה; איך וועל דיך ניט טראַבלען. איך וועל אַליין פֿאָרן. איך וועל זיין קבר געפֿינען.

— איך האָב ניט געמיינט דיך צו באַליידיקן, קריינע. מיר צייכענען ניט אָן קיין וועג פֿאַר אונדזערע קינדער. ס'איז נאָר געווענדט, פֿון וואָס

פאר אַ זייט דער ווינט בלאָזט. אויב די אומרואיקע ידיעות פון דייטשלאַנד האָבן אַ גרונט, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז די דייטשע יידן שטייען אויף דער שוועל פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועט עס אפשר האָבן אַ ווירקונג אויף אונדזערע יידן דאָ, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז מ'קען זיך אַליין באַגראָבן אין דער ניט־יידישער וועלט, און פאַרפאַלן ווערן. דערווייל בלאָזט צו אונדזערע קינדער דער וואַרימער ווינט פון דער ניט־יידישער זייט. דיין טעלמאַ האָט פיינט אַלץ וואָס איז יידיש. ווען זי איז דאָ געווען, האָט מיין ראָשעלע געזונגען פאַר די געסט אַ יידיש לידל, איז זי אַרויס פון צימער.

קעראָלאַין האָט זיך ניט געריכט, אַז איר ברודער וועט אַזוי קאַלט מיט איר רעדן, דווקא יעמאָלט, ווען איר איז באַפאַלן אַזאַ טרויער. איר האָט אויסגעוויזן, אַז דער ברודער האָט עגמת נפש דערפון, וואָס איר טעלמאַ קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידן. אַ פאַרלאָרענע איז זי געשטאַנען פאַרן ברודער, ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, קריינע — האָט דאָקטאָר לוריאַ געקלאַפּט דער שוועסטער אין פּלייצע — דאָ אין לאַנד איז אַ קינד אַ באַוועגלעך שטיקל מעבל. עס שפּאַצירט אַרויס פון טאַטע־מאַמעס היים, ווען נאָר עס דערפילט די ענגשאַפט. ביי אונדז יידן דערפילן קינדער די ענגשאַפט גאָר באַצייטנס.

— דו האָסט עגמת נפש, זכריה.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן... מיר זיינען ניט קיין יונגע קינדער. אָט באַלד ווערט פופציק יאָר זינט מיר זיינען אַראָפּ אין קעסל־גאַרדן. פופציק יאָר. אַז דו וועסט מיטן געדאַנק אַוועק אויף פופציק יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך געקליבן צו דער גרעניץ, טאַטע־מאַמע און די קינדער, ווי אַ בוים מיט זיינע ברייטע־שטאַרקע צווייגן האָט זיך פון דער ערד אַרויסגעריסן — ערגעץ־וואו זיך איבערצופלאַנצן. מאָל דיר אויס, ווען מיר קלייבן זיך ניט אַריבער אַהער, איז זייער מעגלעך, אַז די לוריאַ־משפחה וואָלט געוואַקסן ברייטער און שטאַרקער. דו, אַנשטאָט צוויי קינדער, וואָלסטו אַ האַלבע טוץ געהאַט. נתן וואָלט ניט געשטאָרבן אָן קינדער. און דאָ? וואָס איז פון דעם לוריאַ־בוים געוואָרן פאַר די ניין און פערציק יאָר? אומעטיק איז צו לעבן; אָבער נאָך אומעטיקער וועט זיין צו ליגן שפּעטער אויף ברוקלינער בית־עולם, כאַ־כאַ־כאַ.

קעראָלאַין האָט געהערט איר ברודערס רואיקע רייד, און אַ קעלט האָט דורכגעשניטן איר לייב.

— ער פאָדערט ניט פון איר, זי זאָל זיך שמדן, זכריה... — האָט קעראָלאַין צעשראָקן געקוקט צום ברודער.

— ס'איז קיין שום אונטערשייד ניט, קריינע. פאַרשטיי מיר, קריינע; אַז אַ ניט־ייד האָט פיינט אַ יידן, איז עס איין זאַך. און אַז אַ ייד האָט פיינט און אַנטלויפט פון יידן, איז עס עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַזעלכעס, וואָס פרעסט ביזן זיבעטן ריפּ. אין אונדזער משפּחה וואָלט אַזאַ מין ייד ניט געדאַרפט האָבן קיין אָרט.

— איך האָב געהאַפּט, אַז מיט דעם אַראָפּברענגען אַהער די רודמאַן־משפּחה וועט ביי אונדז ווערן אַביסל היימישער. זעסטו דאָך וואָס אין איינע זעקס יאָר איז פון זיי געוואָרן.

— גיי ניט באַדערן דעם טאַטן. איך הער, אַז דו קלייבסט זיך מאַכן אַ אמתע חתונה, ווי גאָט האָט געבאָטן.

— וואָס רעדסטו? — האָט קעראָלאַין זיך דערשראָקן — צי דען איז עס אָן מיר געווענדט? זי וויל אפילו ניט, איך זאָל משפּחה צונויפפּרופן. ער האָט שוין אפילו געדונגען אַן אַפּאַרטמענט. לעאָנאַרד האָט מעבל אריינגעשטעלט. ווי נאָר זיי קומען פון קאָורט מיט לייסענס, גייט זי אוועק פון שטוב.

— קענסטו אים גוט?

— ער איז נעכטן ביי מיר געווען. האָט מיך ארומגעכאַפּט און געקושט. זעט אויס ווי אַ ייד, מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר. איך וועל רעדן מיט טעלמאַן, זי זאָל אים ברענגען צו דיר. איך וויל, דו זאָלסט זיך מיט אים באַקענען.

— איך וועל צו דיר אריבערקומען. איך וויל אים אויך קענען.

— ווייסטו, זכריה? — האָט זיך קעראָלאַין קינדיש דערפרייט.

— זיי ניט אַזוי פאַרלאָרן. פאַר אונדזער וועלטל האָבן מיר געהאַט געננוג.

— מיינסט עס ניט, זכריה. עפּעס דערקען איך דיך היינט ניט. מיר דוכט, אַז אין האַרצן לאַכסטו אָפּ פון מיר.

— עד, קריינע, קריינע... — האָט דאָקטאָר לוריא ארומגענומען זיין שוועסטער און אַ קוש געטאָן איר פּייכטן שטערן — פאַרוואָס זאָלסטו הושד זיין דיין ברודער? אָט, האָב איך דערמאָנט, אַז באַלד ווערט שוין פופציק יאָר זינט מיר זיינען אַהער געקומען. מירביידע זיינען אַ צווילינג. געדענקסט יעמאָלט אויף דער שיף, בשעת מען האָט די טויטע מאַמע אין ים אַראָפּגעלאָזן, ווי דו האָסט געהאַלטן מיין האַנט ביי דיינע ליפּן און געציטערט... ווען די שיף נעמט און פאַרקערעוועט יעמאָלט צוריק, באשר אָן אַ מאַמען איז אַ שרעק צו פאָרן ווייטער... דהאַ, וואָס זאָגסטו?

— אַנטקעגן וואָס דערמאָנסטו עס מיר איצטער?

— אַנטקעגן דעם, וואָס אונדזער מאַמעס ביינער ליגן אויך באַלד פופציק יאָר ערגעץ אויפן דנאָ פון אַטלאַנטיק; און דעם טאַטנס ביינער, באַלד פערציק יאָר ווי זיי רוען אויף אַ ברוקלינער בית־עולם. און דו, קריינע, שטייסט אַ צעשראָקענע, באשר דיין איינציקע טאָכטער, וואָס דאַרף זיין אַ נאָמען נאָך אונדזער מאַמען, קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ איטאַליענער. יעס, קריינע, דיין טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט ערגעץ טאַטע־מאַמע, און וואָס וועלן אפשר אירע טאַטע־מאַמע ווערן. מיר זיינען קיילעכדיקע יתומים. ווען איך זאָג „מיר", מיין איך ניט דיך, און ניט דיין נאַרישן ברודער זכריה. איך בין אויסן דעם גאַנצן ערשטן דור יידן, וואָס זיינען געקומען אין אונדזער צייט, צי שפּעטער, דאָס איז אַ יתום־דור. אָן טאַטע־מאַמע. איז עס אַ חידוש, וואָס דיין טאָכטער זוכט ערגעץ טאַטע־מאַמע?

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט טעלמאַ סטאָן אַליין אָנגעקלונגען צו דאָקטאָר לוריאַן, געפרעגט פּערלען, צי זי וועט ניט האָבן דאַגעגן, אויב זי וועט קומען מיט איר פריינט. זי וויל, איר פריינט זאָל באַקאַנט ווערן מיט די אמתע לוריאַס.

פּערל לוריאַ האָט איר צוגעגעבן מוט. און אַז, אדרבה: — פּאַר איר וועט עס זיין אַ פאַרגעניגן, זיי ביידן אויפצונעמען. פּערל האָט צוליב דעם איינגעלאַדן דניאלס משפּחה; הילל לוריאַס צוויי זין, און פון דאָק־טאָר ווילסאָנען זיינען געקומען — יוסטינע און עלווירא ווילסאָן. מאַן לוריאַ איז אבער ניט געקומען.

דזשיימס גאַלדאַני, אַ ברונעט מיט אַ שמאָלן, פאַרשאַרפטן פּנים, אַ מענטש פאַר די פערציקער — האָט ביי די שלייפן שוין געהאַט גרויע האָר. בכלל האָט ער זיך געהאַלטן זייער יונג, לעבעדיק גערעדט און זשעסטיקולירט מיט די הענט. טעלמאַ סטאָן האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו פּערלען, געפאַרשט ביי משפּחה אין די אויגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק איר פריינט מאַכט אויף זיי.

דזשיימס גאַלדאַני האָט מיט אַ זאַפטיקער טענאָר שטים פּאַרטיי־דיקט זיין פאָטערלאַנד איטאַליע, פון וואַנען ער איז צו דריי יאָר אינאיינעם מיט די עלטערן, ניט פאַרמעגלעכע פאַרמער, ארויסגעפאָרן קיין אמעריקע. ער איז פאַר די לעצטע צען יאָר דריי מאָל געווען אין איטאַליע.

— איך האָב דערשמעקט דעם בלומען־ריח און דעם ריח פון דער איטאַליענישער זון... יעס, מיינע פריינט, — האָט ער אריבערגעקוקט צו דניאל לוריאַן, וואָס איז אַ מידער געזעסן נעבן זיין ליליען־רות — בלוט וועבט זיך ניט אויס. וואָס מען האָט מיטן בלוט פאַרנומען, לעבט עס אין דעם גייסט. עס לעבט דער גייסט אין בלוט. איך זאָג עס טעלמאַן, אַז איר פאָלק איז אַ סך ענלעך צום איטאַליענישן פאָלק. דעריבער האָט מען אונדז ביידן דאָ ניט שטאַרק ליב, כאַ־כאַ־כאַ. איך האָב צוגעזאָגט טעלמאַן, אַז גאָר צום ערשטן וועלן מיר מאַכן אַ רייזע קיין איטאַליע. אויב איר וועט דאָרטן געפעלן, וועל איך זען, מען זאָל מיין פּראָפּעסיע לעגאַליזירן. איך בין ניט קיין קעגנער פון דוטשע און זיין פילאָזאָפיע. ער האָט איטאַליע דערהויבן צו דער שטופע פון אַ גרויסמאַכט. דאָס פאָלק פאַרגעטערט אים, און ניט דעם קעניג. אַ פאָלק דאַרף פאַרגעטערן זיינע פירער. און אויב אין היינטיקן יאָרהונדערט האָט אַ קעניג פאַרלאָרן די פאַרגעטערונג פון פאָלק, דאַרף דאָס אָרט פון קעניג אימעצער אַנדערש פאַרנעמען. אין איטאַליע איז דער דוטשע דער פאַסיקסטער מענטש. דיסציפּלין איז פאַר אַ פאָלק דאָס אייגענע, ווי דיסציפּלין פאַר אַ צעלאָזן קינד. אַ פאָלק בלייבט שטענדיק קינדיש און נויטיקט זיך אין דיסציפּלין.

ער איז געווען זיכער, אַז די צוהערער זיינען מיט אים מסכים, און האָט באַשטימט אַביסל זיך דערנענטערן מיט זיין טעמע צום יידישן אויער:

— ווי ווייט דער דוטשע פאַרשטייט זיין לאַנד, ווי ווייט ער איז אויך אַ פּסיכאָלאָג, קען מען זען פון דעם, וואָס אין איטאַליע האָבן יידן אַלע רעכט. אין דער ארמיי, אין דער נעיווי, אין מיין פאַך — פאַרנעמען

יידן דעם אויבנאָן. זעט איר, אין דייטשלאַנד, אויב היטלער וועט זיין אַמביציע דערגרייכן, וועט עס פאַר יידן ניט זיין פריילעך. איך בין באַקאַנט אויך מיט זיין פילאָזאָפיע. כאָטש, אויב ער וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ער דייטשלאַנד ארויסשלעפּן פון אונטער דעם באַרג אַש, אונטער וועלכן דאָס לאַנד איז באַגראָבן זינט דעם וועלט־קריג.

— פאַרוואָס, דזשיימס, ביסטו פאַרקראָכן מיט אונדזערע לייט אין פּאָליטיק? — איז טעלמאַ געוואָרן אומגעדולדיק — ביסט דאָך ניט קיין פּאָליטיקער. קענסט דאָך דערציילן אזעלכע שיינע מעשיות, צום סוף גאָר...

זי איז צוגעגאַנגען צו מיסטער גאָלדאַני, געלאָזן, ער זאָל אירעביידע הענט צוטראָגן צו זיינע ליפּן.

— פאַרוואָס רופסטו עס פּאָליטיק? — האָט פּערל זיך אָפּגערופן — ס'איז לעבן. פּונקט ווי קנעכטשאַפט און פריידהייט קלאַסיפיצירט מען ניט מיט פּאָליטיק. פּונקט ווי ליבע און האַס איז ניט קיין פּאָליטיק. מיסטער גאָלדאַני האָט ליב זיין איטאַליע, און ער דערקלערט עס פאַרוואָס. ס'איז זייער אינטערעסאַנט.

— צוליב וואָס אריבערקוקן אהיים? — האָט איזידאָר לוריאַ זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ — דאָס אייגענע פרעג איך אָפּט מיינע אייגענע לייט. וואָס איז אמעריקע פאַר די אַלטע, וואָס זי האָט ווי א מאַמע אויסגעטראָגן, אויף די פיס געשטעלט און דערצויגן, אויב מען קוקט אריבער צו א ניט־געשטויגענעם פאָטערלאַנד? יעדעס פאָלק טראָגט זיך ארום מיט אַ שאָוויניסטישער מיסיע. וואָס האָבן מיט דעם היימישן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם צו טאָן די, וואָס אָטעמען אַמעריקאַנער לופט?

עלווירא ווילסאָן איז צעטומלט געוואָרן פון זיינע רייד. זי האָט איצטער געהאָט צום ערשטן מאָל אַ געלעגנהייט הערן מאַן לוריאַס עלטערן ברודער וועגן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. יוסטינע האָט איר דערציילט וואָס פאַר אַ פאַרגעשריטענעם בליק אויפן לעבן מאַן לוריאַס עלטערער ברודער האָט. זי האָט זיך ארומגעקוקט, געוואַרט, אימעצער וועט אים אָפּענטפערן. זי האָט באַמערקט, אַז דער הויפּט־גאַסט, מיסטער גאָלדאַני האָט זיך פאַרלאָרן, און איז רויט געוואָרן.

ביי די עלטערע פון דער משפחה איז דער געדאַנק געווען פאַרנומען מיט דעם מיסטער גאָלדאַני גופא. יעדערער אויף זיין אופן האָט אין אים געזען דעם פרעמדן, וואָס האָט זיך ווי א ווינט אריינגעריסן, אוועקצוטראָגן א לוריא־טאָכטער אין א פרעמדער וועלט. דאָס וואָס ער האָט גערעדט איז קיינעם ניט אָנגעגאַנגען. דניאל לוריא האָט בשעת מעשה געטראַכט פון די רודמאַן־קינדער, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט און אוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל. דאָקטאָר לוריא האָט גוט געהערט וואָס דער מיסטער גאָלדאַני האָט דערציילט פון זיין איטאַליע. ער האָט אריבערגעקוקט צו זיין שוועסטער און איר מאַן, און באַמערקט אין זיי ביידן א שטאַרקע פאַרלאָרנקייט. אַלטע לייט. טאַטע־מאַמע פון דער צופרידענער טעלמאַן. זיין פלימעניקס פילאָזאָפיע האָט ער שוין פון לאַנג געקענט. עס איז אָנגעשטאַנען א אומבאַקוועמע שטילקייט.

אומגעריכט האָט עלווירא ווילסאָן זיך אָפּגערופן:

— איך טראַכט די לעצטע צייט א סך פון אונדזער לאַנד, און בין מקנא די, וואָס קענען נאָך דערציילן פון זייער אַלטער היים. איך קען זיך ניט דערמאָנען אָן קיין שום אַנדער היים, וואָס מיין בלוט זאָל עס פילן, און דאָס האַרץ זאָל אָנהויבן העכער צו קלאַפּן ביים דערמאָנען זיך אָן דעם. דעריבער איז מיר שטאַרק פרעמד, ווען איך הער מענטשן, קינדער פון טאַטע־מאַמע, וואָס געדענקען נאָך זייער אַלטע היים, זיינען אַזוי אומגעדולדיק און ווילן וואָס גיכער צעשמאַלצן ווערן, ווי א שטיקל אייז, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אייז־באַרג און שווימט אין וואַרימע וואַסער...

עלווירא ווילסאָן איז א וויילע שטיל געבליבן, באַטראַכט דעם עולם, און אירע בליקן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן מיסטער גאָלדאָניס צעשראָקענעם פּנים.

— איך הער ווי מיסטער גאָלדאָני מאכט פּלענער, נעמען זיין פריינט קיין איטאַליע, און דאָרטן... — האָט עלווירא זיך אליין דערמוטיקט מיט די רייד — יעס, דאָרטן וועט מיס טעלמא סטאָן אונטער דער איטאַליענישער זון ווערן א איטאַליענערן. פאַרוואָס פאַלט ניט איין דעם מיסטער גאָלדאָני פאַרקערט, נעמען און זאָגן זיין געפונענעם פריינט: „אָט, נעם מיך ביי דער האַנט, פיר מיך אַהין אין יענער עקזאָטישער וועלט, פון וואַנען דו אליין שטאַמסט..."? יעס, מיסטער לוריא, — האָט זי אַריבערגעקוקט צו איזידאָר לוריאן — איך האָב זיך גרינטלעך באַקענט מיט דער געשיכטע פון אייער פאָלק, און מיר דוכט, אז דאָס וואָס איר האָט נאָרוואָס געזאָגט, האָט מען שוין געהערט צווישן אַמאָליקע יידישע לאַיערס מיט א פּאָר טויזנט יאָר צוריק. עס איז אַ זינד אַזוי צו רעדן. איר ווי א לאַיער ווייסט, אַז פאַר זינד ווערט מען אין דער געזעלשאַפט באַשטראָפט. ביי אונדז איז ניט לאַנג געווען דאָקטאָר פרידלאנד פון דייטשלאנד. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אזוי ווי איר רעדט, האָבן די יידישע לאַיערס דאָרטן געהאַלטן אין איין אויפּווייזן, ווי געזונט עס איז פאַרשוואונדן צו ווערן אין דייטשן פאָלק. איצטער הער איך האָט מען זיי אויפגעזוכט אייערע לאַיערס. און ווי דאָקטאָר פרידלאנד האָט מיר דערקלערט, וועט מען זיי געוויס אַרויסטרייבן פון לאַנד. און אויב איר ווילט, וועל איך, א ניט־יידיש מיידל אייך זאָגן, אַז דאָ אין לאַנד האָט מען פיינט, ניט דעם, וואָס האָט זיין נאַציאָנאַלן פּנים אָפּגעהיט, נאָר דעם, וואָס האָט זיין נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע באַשפּיגן, און אָפּגעווישט.

— בראַוואָ, עלווירא! — איז פּערל אויפגעשטאַנען — לאָמיר מיט דעם ענדיקן. איך דאַנק דיר, טעלמא, פאַרן פאַרשאַפן אונדז אַזאַ פאַרגעניגן. „מענטשן פאַרערן איינס דאָס אַנדערע און חנפענען איינס דאָס אַנדערע; מענטשן ווילן הערשן איבער יענעם, און בויגן זיך פאַר יענעם" — זאָגט אַן אַלטער חכם — דאָס איז צווישן מענטש און מענטש, און דאָס איז צווישן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנען. זאָגט אייך די נאַרישע פּערל. קומט צום געגרייטן טיש. כאָטש א לוריא־טיש — איז ער א אינטערנאַציאָנאַלער טיש, כאַ־כאַ־כאַ.

מיסטער גאָלדאַני האָט מיטגעלאַכט. ער האָט גענומען טעלמאַן אונטערן אָרעם, געפירט זי צום געגרייטן טיש, און געשפּירט, אַז ווי אַ לאַיער האָט ער זיין עסק געוואונען.

קעראָלאַין איז צוגעגאַנגען צו איר צווילינג־ברודער, און שטיל גע־פרעגט:

— ווי געפעלט ער דיר, זכריה?

— אויב ער געפעלט דיר און לעאָנאַרדן, און געפעלט דיין טאָכטער, געפעלט ער מיר אויך.

קעראָלאַין האָט איר ברודערס מיין באַגריפן. איידער זי איז געגאַנגען צום געגרייטן טיש, איז זי אַוועק אין אַ זייטיקן צימער, און אויסגע־ווישט די טרערן.

* * *

עלווירא ווילסאָן איז געזעסן אין דער פינצטער ביי זיך אין צימער און זיך צוגעהערט צום אָפּקלאַנג פון ווייטע אויסגעשרייען, געפייפערייען, וואָס האָבן דורכן אָפענעם פענצטער געצויגן צו איר. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט געקליבן אַ נייעם פּרעזידענט און, ווי דער שטייגער, מער ניט האַרץ ווי מיט קאָפּ זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאָליטישן הו־האַ. פון צייט צו צייט האָבן זיך דערטראָגן צו איר פון גאַסט־צימער האַלבע און גאַנצע טאָזן. דאָרטן זיינען געזעסן טעלעכע געסט פון דער לוריאַ־משפחה — גאָר ווענען יוסטינע האָט זיך פאַרבענקט. דאָקטאָר לוריאַן און פּערלען דאָט דאָקטאָר ווילסאָן אַליין פאַרבעטן. יוסטינע האָט שטאַרק געוואָלט האָבן דעם ריכטער דייוויד לאַריע, דעם משומד פון דער משפחה, און ער, דייוויד, אויסער זיין ווייב, האָט ער אויך פאַרנומען זיין מוטער, ליליען־רות, די גרטע.

עלווירא האָט די לעצטע צייט ניט געקענט באַהאַלטן איר טרויער גער. זי האָט געבעטן יוסטינען, זי זאָל אין איר אייגענעם נאָמען איינלאַדן מאָר לוריאַן. יוסטינע האָט עס צוגעזאָגט. מאָר לוריאַ איז ניט געקומען. עלווירא איז חושד, אַז איר שטיפמאַמע האָט אים ניט פאַרבעטן, דערי־בער האָט זי ניט דערמאָנט מער וועגן אים. פון די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס דערשלאָגן זיך צו איר, דערקענט זי אָפּטער פּערל לוריאס שטים. עטלעכע מאָל האָט זי איר געלעכטער געהערט. עס וואָלט איר גוט געווען, ווען זי קען רואיק אַריינגיין צו די געסט און זיך זעצן נאָענט נעבן פּערלען, אָבער דער טרויער לאָזט ניט אָפּ. דער גאַנצער שמועס, ווי זי באַ־גרייפט, האָט צו טאָן מיט די איצטיקע וואַלן. עס איז כמעט זיכער, אַז די רעפּובליקאַנער האָבן פאַרלאָרן, און אַ גאָר נייער מענטש, אַ דעמאָקראַט, וועט זיין פּרעזידענט; אַ מענטש מיט אַ קלינגענדיקן נאָמען: פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט. אַ נאָמען, וואָס פאַרבינדט אין עלוויראס געדאַנקען נאָך אַ נאָמען: — טעאָדאָר רוזוועלט.

עלוויראס מחשבות זיינען אָבער מיט די וואַלן ניט פאַרקניפּט. ווען די פּרעזידענט־וואַלן טרעפן מיט אַ יאָר צוריק, וואָלט זי אוודאי איצטער אינאיינעם מיט קאַלעדזש־קאָלעגן אומגעשפּאַנט ארום טיימס־סקווער, הויך גערעדט, געלאַכט און געשטיפּט, אָבער איצטער — — — אמת, פאַרן געדאַנק טראָגן זיך נאָך די הויכע, ראַדיקאַלע ווערטער וועגן דעם „פאַר־

געסענעם מענטשן", און וועגן די, וואָס נעמען פאַר זיך אַלץ און לאָזן פאַרן פאַרמער גאָרניט; שיינע ווערטער, וואָס דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט האָט אין זיינע רעדעס אריינגעפלאָכטן. זי אליין און איר פאָטער האָבן געשטימט פאר דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט. זי איז אין הארצן צופרידן וואָס זיי האָבן געשטימט יושרדיק. אָבער ארויסגיין דרויסן, אָדער אריינגיין אין גאַסט־צימער איצטער — איר גייסטיקער מצב דערלאָזט עס ניט. זי האָט איר אינערלעכע וועלט געריניקט פאַר א נייעם אינהאלט, אָבער קיינער קלאפט דערווייל ניט אין איר גייסטיקער טיר.

די לעצטע צייט האָט עלווירא ווילסאָן געהאט עטלעכע צוזאמענשטויסן מיט איר שטיפמוטער, ווען יענע האָט איר פריער, ווי א איבערגעבענע מאַמע, און שפעטער, ווי א קלוגערע שוועסטער, אויסגעמוסרט — הלמאי זי האָט גענומען און „אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון איר גראַמער היים, און איז אוועק זוכן אַ היים אין א דומפן קעלער". עלווירא זעט דורך דעם אַרויס יוסטינעס האַס צום יידישן פאָלק, וואָס האָט זי אויף די הענט ארויסגעטראָגן. נעמען און אויפמישן פאַר דער פרוי פון יידישן אָפשטאַם איר אייגענע געשיכטע, און ווערן דערביי אַ בייזער נביא, איז עס עלוויראן שווער צו טאָן. זי האָט איינמאָל שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן איזידאָר לוריאן, ווען ער האָט פאַרטיידיקט דעם אסימילאציע־גייסט פון צווייטן יידישן דור, האָט עס איר אויך שפעטער שטאַרק פאַרדראָסן. איר פלאָגט א געפיל פון באליידיקונג. אימעצער, וואָס שטאַמט פון דער יידישער וועלט, איגנאָרירט זי, און זי האָט אפילו ניט קיינעם פאר וועמען אויפצודעקן איר פאַרדראָס.

פערל לוריא איז אריינגעקומען אין צימער, אין דער פינצטער אויפגעזוכט עלוויראןביים פענצטער, און זיך צוגעזעצט נעבן איר אויף איין שטול.

— ביסט, מיין טייערע, אויף דער שוועל פון באַגינען, דעריבער זיצסטו אין דער פינצטער... האַ, עלווירא? פאַרוואָס קומסטו ניט אריין? האָסט אויך עפעס וואָס צו זאָגן וועגן דעם נייעם פרעזידענט. ווען נאָך גאָר א קליין מיידעלע האָב איך געזען דעם ערשטן רוזוועלט. ער איז יעמאָלט געקומען רעדן אויף דער איסט־סייד. פאַרוואָס, עלווירא, אזוי טרויעריק?

— דיר, פערל, דאַרף מען דאָך קיין סך ניט דערציילן. פאַרוואָס אַ הארץ איז אַמאָל צעפלאָגט, פאַרשטייסטו דאָך אויפן וואונק.

— דאָס הארץ דאַרף א מענטש האלטן צוגעבונדן. טרעפט, א האַרץ איז שטיל ארויס און אוועקגעוואנדערט, כאַ־כאַ־כאַ. א שרעק כאַפּט אַרום, ווען ס'האַרץ געפינט זיך ביי אימעצן אַנדערש.

עלווירא האָט אַ לאַך געטאָן, ארומגענומען פערלען און זי געקושט.

— מיט דיר, פערל, האָב איך א סך צו רעדן. ביסט א גאַנצער מענטש. דאָס בין איך אויך. מיין גייסט איז רייכער געוואָרן, איבערגעלאָדן. מיר איז דעריבער שווער צו געפינען א גלייכגעוויכט. איך בין א מענטש מיט אַ גאַנצער נאַטור. איך ווייס וואָס איך וויל. איך וועל דערגרייכן וואָס איך וויל. האָסט גוט געזאָגט, פערל, אַז איך זיץ אין דער פינצטער, ווייל עס פאַרנעמט זיך אויף טאָג. איך האָב א סך מאָל געקוקט, ווי איידער דער מאָרגנשטערן קומט ארויס, לעשן זיך אויס אלע אַנדערע שטערן.

— שטיי אויף, עלווירא. דיין פּאַ האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיך אַריינבעמען.

— יאָ?

— ער האָט פֿאַרדראָס וואָס דו ביסט ניט מיט די געסט. צוליב וואָס זאָל מען מיינען, אַז דו ביסט צעקריגט מיט דאָקטאָר ווילסאָנס פּריינט?

ווען פּערל האָט אַריינגעפֿירט עלוויראַן אונטערן אָרעם אין ליכטיקן גאַסטצימער אַריין, האָט ריכטער דייוויד לאַריע געהאַלטן אין פֿאַנאַנדער־ווייקלען דעם געדאַנק פֿאַרוואָס ער האָט אָפּגעגעבן זיין שטים פֿאַר דעם רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט.

— מען דאַרף געבן אַ געלעגנהייט אַ מענטשן צו מאַכן אַ בעסערן דזשאָב — האָט ער געשמייכלט אויף עלוויראַס זייט — צופֿיל מענטשן האָט אונדזער לאַנד, און עס איז שווער יעדן איינעם צו באַזאָרגן מיט אַלדאָס גוטס. דערצו נאָך האָב איך פֿיינט רעוואָלוציאָנערע פּראַזן, וואָס זיינען ביי היינטיקן טאָג אַ געפֿאַר זיי אַריינצולייגן אין מויל פֿון דער פֿאַרגרעבּ־טער מאַסע. ווער זיינען עס די געלט־זעק, וואָס דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט האָט דערמאָנט? דאָס זיינען דאָך די, וואָס האַלטן אונטער די זיילן פֿון אונדזער עקאָנאָמישער סטרוקטור. פּרוּוּט, נעמט צו די רעכט וואָס אונדזער קאָנסטיטוציע האָט יעדן אינדיווידיום געגעבן, מיינט עס, ביי אונדז ווערט אַ צווייטע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. ניין, מיינע פֿריינט, מיט קיין פֿייער טאָר מען זיך ניט שפּילן. מיט קיין רעוואָלוציאָנערע פּראַזן טאָר מען זיך דאָ אוודאי ניט שפּילן.

דייוויד לאַריע האָט געענדיקט רעדן, און באַמערקט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף דאָקטאָר לוריאס פּנים.

— וואָס, אָנקל, איר האַלט, אַז איך בין אומגערעכט? — האָט ריכטער לאַריע אַביסל אַ צעטומלטער געפֿרעגט.

— דיין פֿילאָזאָפֿיע, דייוויד, גייט ניט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון גערעכט און אומגערעכט.

— וואָס דען, אָנקל?

— אויב דו וועסט ניט נעמען פֿאַר אומגוט, וועל איך דיר זאָגן, אַז דאָס גייט גיכער אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון קורצזיכטיקייט.

— אַ, יעס, — האָט זיך פּערל אָפּגערופֿן — דער ריכטער לעבט זיך איין מיט דעם געדאַנק, וואָס ווערט שפּעטער אויך אַ געפֿיל, אַז די געזעל־שאַפֿט באַשטייט פֿון שולדיקע און אומשולדיקע. און דווקא צווישן די הונגעריקע געפֿינט מען שטענדיק די שולדיקע. שלעכט, אויב ביי אונדז איז שרייען אין דער הויך: „איך בין הונגעריק", געוואָרן אַ פֿאַרברעכן, און דער, וואָס רעדט אין נאָמען פֿון די הונגעריקע איז אויך אַ פֿאַר־ברעכער.

— צו זאָגן, אַז אונדזער לאַנד האָט צופֿיל מענטשן, איז אַ פֿאַטאַלער טעות — האָט דאָקטאָר ווילסאָן גערעדט, און ניט צוגענומען די אויגן פֿון עלוויראַן — וואָס זאָגסטו, עלווירא, האָבן מיר צופֿיל מענטשן אין אונדזער גרויסן לאַנד? קוקסט מיר אויס פֿאַרשלאָפֿן, טאָכטער. ווייסט אַפֿילו ניט, אַז מיר האָבן שוין אַ דעמאָקראַטישן פּרעזידענט, וואָס וועט אונדז אַראָפּברענגען די שטערן אויף אַ גילדערנעם טעלער. איך קלער,

מייַנע פּריינט, אַז מיר, מעדיקער, זייַנען צופֿיל פֿאַרנומען מיט אונדזער פּראָפֿעסיע. מיר פֿאַרזעען וואָס עס טוט זיך אָפּ אַרום אונדז. גראָבע יונגען טוען אָפּ פֿאַר אונדזערטוועגן די נידערטרעכטיקסטע זאַכן. מיר שרייַבן זיך אונטער, און גיבן אונדזער צושטימונג. די עקאָנאָמישע סטרוקטור איז צעפֿוילט ביי אונדז אין לאַנד. דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר איצטער ביי אונדז אין לאַנד, איז מיר אומבאַגרייפֿלעך. דאָס, וואָס אונדזער נייַער פּרעזידענט האָט אָנגערופֿן ביים נאָמען — הלוואַי האָלט ער זיך ביי דעם. וואָלט איך באַטראַכט, אַז מיר שטייען איצטער אין לאַנד פֿאַר אַ נייַעם באַגינען. דוכט מיר, פֿולע פֿעסער מיט גאָלד זייַנען ביי יעדן איינעם אין קעלער געשטאַנען; דוכט מיר, אַז פֿאַר אַלעמען איז אַלץ געווען, און מיט אַמאָל... אָט הער איך, אַז אייערע לייט האָבען אין ריעל־עסטייט אַלץ פֿאַרלאָרן. מען שמועסט, אַז יידישע ריעל־עסטייט מענטשן זייַנען די גרעסטע קרבנות איצטער. מען ווילצלט זיך, אַז די בענק האָבן דאָס צוגענומען פֿון יידישע הענט. אַ מין בלוטלאָזער פּאָגראָם. ווי איז אייער מיינונג, קאָלעגע? — האָט זיך דאָקטאָר ווילסאָן געווענדט צו דאָקטאָר לוריאַן.

— דאָס איז אמת — האָט ליליען־רות זיך אָפּגערופֿן — מען פֿאַרגינט ניט דעם יידן. דאָס ווייס איך.

— מאַ, פֿאַרוואָס זאָלסטו עס זאָגן? — איז ריכטער דייוויד לאָריע צוגעגאנגען צו זייַן מוטער, און אַ קוש געטאָן אין קאָפּ — ווייסט גוט, אַז קיינער שטייט דעם יידן ניט אין וועג. ער טוט וואָס ער וויל.

— עס טוט מיר לייד, מייַן זון, וואָס איך דאַרף מיט דיר ניט איינשטימען. איך בין צופֿרידן, וואָס דער נייַער פּרעזידענט דערמאָנט די הונגעריקע און די פֿאַרגעסענע מענטשן. יעס, מייַנע טייערע, — האָט זי מיט אַ יוגנטלעכער שטים גערעדט — איך געדענק גוט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע איך און מייַנע עלטערן האָבן זיך געפֿונען אין יענע יונגע יאָרן. איך האָב ניט פֿאַרגעסן — וואו און ווי אַזוי דניאל, יעמאָלט אַ פֿעדלער, האָט מיך, די אירישע וועשין געטראָפֿן. איך בין פֿון יענעם אָרימען מיסט־באַרג. דניאל האָט מיך אויף די הענט אוועקגעטראָגן, אָבער דאָרטן וואַלגערן זיך אַנדערע אויף מייַן אָרט. דאָס הויז אויף דער ערשטער עוועניו שטייט נאָך. פֿאַר די זיבן און פֿערציק יאָר זינט דניאל האָט מיך פֿון דאָרטן אַרויסגענומען, האָבן זיך נאָר די הונגעריקע געביטן מיטן פּלאַץ, אָבער הונגער האָט זייַן פּנים ניט געביטן. דער פֿאַרגעסענער מענטש... אוי, ווי ריכטיק ער האָט עס געזאָגט!

— איך בין גליקלעך צו הערן פֿון דיר, מאַ, אַז דו געדענקסט דאָס אָרט, וואו דייַנע מיידלשע טעג האָבן זיך אין אָרימקייט ניט אויסגעלאָשן. אָבער אין פּאָליטיק שטים איך מיט דיר ניט איין.

אַרום צוויי נאָך האַלבע נאַכט האָבן זיך די געסט געזעגנט. עלווירא האָט ביים געזעגענען זיך וואַרים געדריקט צו זיך די גרטע, ווי איבערצוגעבן איר אירע אייגענע געפֿילן. יוסטינע, וואָס האָט זיך כמעט ניט באַטייליקט אין שמועס, ווען די געסט זייַנען אוועק, איז זי צוגעגאנגען, אַ קוש געטאָן עלוויראַן אין פּנים, געוואונטשן „אַ גוטע נאַכט", און אַרויס פֿון צימער.

דאָקטאָר ווילסאָן איז געבליבן אין גאַסט־צימער, נאָכגעקוקט עלוויראן, וואָס האָט אומגעשפּאַנט דהין און צוריק, ווי קיין אָרט זיך ניט געפונען.

— קום צו מיר, עלווירא, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן.

עלווירא איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, פרעמדלעך אָנגעקוקט דעם פאָטער.

— וואָס איז, עלווירא? פאַרוואָס האָסטו זיך געהאַלטן אַזוי פרעמד דעם גאַנצן אָוונט? ביסט דאָך ניט געשלאָפן ביי זיך אין צימער.

— ניין, פאָ.

— טאָ, וואָס־זשע דען?

— ביסט מיד, פאָ. גיי, רו זיך אויס. האָסט דיינס אויסגעפירט. מען האָט דיין קאַנדידאַט אויסגעקליבן. גיי שלאָפן.

— יוסטין וויל מיט דיר רעדן.

— וועגן וואָס?

— איך ווייס ניט אויף קלאָר וועגן וואָס.

— עס איז שפּעט. זי איז דאָך אויך מיד, און זי איז שוין סיי ווי אַוועק שלאָפן.

— איך בין ניט שלעפעריק, מיין טאָכטער. דו האַלסט מיך וואַך.

— איך גאָר?

— איך דערקען דיך ניט, עלווירא. ביסט ניט מער די עלווירא פון פאַראַיאָרן, און אוודאי ניט פון פאר צוויי יאָרן.

— מען ווערט ניט יינגער, פאָ.

— אָ, ניין, איך רעד ניט פון יונג און אַלט. איך רעד פון א מיידל ווי דו, וואָס יונגעלייט זיינען נאָכגעלאָפן; האָסטו גענומען און זיך פאַרקליבן אין אן אויסגעליידיקטן מאָנאַסטיר.

— דערלויב מיר, פאָ, אַוועק פון דיין שטוב, וועל איך מער פאר קיינעם קיין פּראָבלעם ניט זיין.

אויף דעם איז יוסטינע אריינגעקומען. זי האָט אונטערגעהערט דעם שמועס. איר פּנים איז געווען קאַלט, און אויסגעדריקט געקינצלטע חשיבות. זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, האָט זיך דאָס פּנים אומפריינטלעך פאַר־קרימט.

עלווירא האָט באַמערקט יוסטינעס אויסדרוק אין פּנים, און נאָך אַמאָל איבערגעזאָגט:

— איך בעט פון אייך נאָך אמאָל, דערלויבט מיר ארויסצוגיין פון דער־אָ שטוב, און קוקט ניט נאָך וואוהין איך גיי.

— רעדסט ניט קלוג, מיין טאָכטער — איז דאָקטאָר ווילסאָן צוגעגאַנגען צו עלוויראן — קיינער מאַכט דיר ניט ענג אין שטוב; און דו מאַכסט קיינעם ניט ענג. גלויב מיר, איך וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען דער יונגערמאַן, וואָס האָט דיין באַדן פון אונטער די פיס ארויסגעריסן, דהאָט דיך ליב. איך בין אויך אמאָל געווען פאַרליבט און האָב מיין אַמביציע געהאַט. דו האָסט מיך פאַרשטאַנען און מיטגעפילט. פאַרוואָס ווילסטו ניט, אז איך זאָל דיר מיטפילן?

— אויב איך האַלט זיך באַזונדער, אויב איך האָב פאַרבראַכט אַליין ביי זיך אין צימער, בין איך זיכער, אַז קיינער פון די געסט האָט עס ניט גענומען פאַר אומגוט.

— פאַרוואָס האָסטו דיין לעבן אוועקגעגעבן, מיך אריינצוברענגען אין דער־אַ היים, און איצטער טוסטו אַלץ אין דער וועלט מיך ארויסצוטרייבן פון דער־אַ היים? יעס. פיליפּ — האָט זיך יוסטינע אומגעווענדט צו דאָקטאָר ווילסאָנען — באַפריי מיך. איך בין ניט געקומען צו שטערן דיין פרידן. באַפריי מיך, איך בין גרייט איצטער גלייך זיך אָנטאָן, און ארויס פון דאַנען. מיינע אָרימע טאַטע־מאַמע וועלן מיך צוריק אריינעמען. פאַר־וואָס פאַרשעמט זי מיך, ווען מיינע נאָענטע קומען אַהער? — איז יוסטינע היסטעריש געוואָרן — פאַרוואָס האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין צימער, ווען די לוריאַס זיינען אהער געקומען? מיך צו פאַרשעמען ד'האָט זי עס געטאָן! יעס, פיליפּ, מיך צו פאַרשעמען פאַר די, פון וועמען איך וויל זיך דערווייטערן. איך בעט דיר, פיליפּ, פאָר ארויס פון ניו־יאָרק. דיין נאָמען איז באַקאַנט איבערן גאַנצן לאַנד. פאָר מיט מיר ארויס פון דער יידישער שטאָט. זאָל מען אויף מיר ניט גלאָצן מיט די אויגן. אויב דו גלויבסט אין מיין האַרץ, אין מיין ליבע — באַפריי מיך... די פריערדיקע יוסטינע איז געשטאָרבן; לאָזט דער איצטיקער קומען צום לעבן.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז זי מיט נערוועאישע, שנעלע טריט ארויס פון צימער.

דאָקטאָר ווילסאָן און זיין טאָכטער האָבן זיך א ווייל פאַרלאָרן אָנגעקוקט.

— אָט דאָס איז עס, פּאַ, — האָט עלווירא זיך באַמיט צו האַלטן רואיק

— איך האָב איצטער מער גאָרניט וואָס צו זאָגן. א גוטע נאַכט, פּאַ.

— וואַרט אַ ווילע, עלווירא.

— איך בין מיד... ענטשולדיק, פּאַ.

עלווירא איז אריין צו זיך אין צימער, אין אָנטאָן אַנידערגעפאַלן אויף איר געלעגער, און באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן. דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. די אויגן זיינען געווען טרוקן. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען יוסטינעס ווערטער, וואו זי בעט, איר פאָטער זאָל זי אוועקנעמען פון אייגענע און פריינט.

— ווי קען איך מיט אירריידן, אויפדעקן פאַר איר מיינע געפילן — האָבן די געדאַנקען געשלאָגן אין מוח — זי האָסט דאָס, וואָס איך האָב ליב. זי האָסט איר פאָלק, איר אייגן בלוט.

עס האָבן זיך דערנעענטערט טריט, און ווידער דערווייטערט. עלווירא האָט דערקענט יוסטינעס טריט, און זיך אויפגעזעצט, אין דערוואַרטונג.

די טריט ד'האָבן זיך ווידער דערנעענטערט, אין איין העמד איז יוסטינע אריינגעקומען, מיט איר האַלב־נאַקעט לייב זיך אָנגעוואָרפן אויף עלוויראַן, געקושט, וואו די ליפּן האָבן אין דער פינצטער געטראָפן, און מיט א ציטעריקער, וויינענדיקער שטים געבעטן:

— פאַרשטיי מיך, עלווירא... איך בין איצטער דיין מאַמע, דיין שוועסטער און דיין פריינט. איך מיין נאָר דיין גוטס. וואוהין טראָגסטו דיין לעבן, דיינע יונגע יאָרן, וואוהין, עלווירא?

— דו האָסט מיר אָנגעוויזן אויף דער טיר — האָט עלווירא שטיל געררעדט — ווען דאָקטאָר ווילסאָן באַגעגנט דיך ניט, וואָלט איך געבליבן ביים אַלטן. אָבער ער האָט מיך געשיקט אויף דעם פרעמדן וועג. איך האָב אויף יענעם וועג מיינע טריט שוין צו טיף פאַרצייכנט.

— פאַרוואָס נעמסטו מיך ניט פאַר קיין ביישפּיל?

— ווען דו האָסט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דיין פאָלק, בין איך געבליבן מיט מיין האַרץ צו דיין פאָלק. מיין האַרץ איז איצטער מיט די, וועמען די קריסטלעכע וועלט האָט פיינט און האָסט. מיין נשמה איז איצטער מיט די, וואָס האָבן פון זייער האַרץ און בלוט ארויסגעשריען די פייערדיקע צען געבאָט פאַר דער וועלט. אין זייערע רייען גייען ארום די הייליקע, דאָס פיל איך. זייער בלוט איז פאַרפייניקט פאר די זינד פון דער קריסטלעכער וועלט. צוליב דיר בין איך נאָענט געקומען צו דיין פאָלק. איך דאַנק דיר.

— פאַרלייקן ניט דיין אומגליקלעכע ליבע, וואָס צוליב איר ליידסטו.

— עס איז ניט קיין אומגליקלעכע ליבע. ס׳איז ניט די ליבע צו א מענטשן. ס׳איז די ליבע צו א פאָלק, אויף וועמען אייגענע און פרעמדע בעטן דעם טויט.

— ער איז דיך ניט ווערט.

— ער איז נאָבל און ערלעך. ער לעבט איבער אַ טיפן טרויער. און איך פאָדער ניט זיין ליבע. איצטער בין איך בלויז די אָרימע רות, וואָס האָט געפונען א פעלד זאַנגען צו קלייבן. איך האָב דאָס פעלד געפונען. לאָך ניט אויס מיין אָרעמקייט. אויב מיין פאָטער פאַרשטייט מיך, פאַרשטיי מיך אויך. קוק ניט אויף מיר מיט די אויגן פון א מיס רודמאַן; קוק אויף מיר מיט די אויגן פון א מיסיס ווילסאָן, וועסטו מיך באַגרייפן, און אפשר מיטפילן.

— איך וויל דיר העלפן, עלווירא.

— איך זוך ניט קיין הילף. איך וועל איבערגיין צום יידישן גלויבן. וועל עס טאָן גאָר אינגיכן. דאָס וועט זיין מיין ערשטע ליבעס דערקלערונג צו דיין פאָלק. און וואָס ווייטער? ס׳איז איצטער באַגינען. אז עס וועט ליכטיק ווערן, און אויף דער אָרימער רות וועט די זון א לויכט טאָן, וועט זיך געפינען דער ערלעכער מאַן, וואָס וועט זי דערקענען, און אָננעמען איר געטרייע האַנט.

יוסטינע איז מיט שנעלע, באָרוועסע טריט ארויס פון עלוויראס צימער. זי איז אריין צו דאָקטאָר ווילסאָנען, ער איז שוין געלעגן אין בעט. זי איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויף זיין ברוסט, זיך געוואָרגן מיט א געלעכטער, וואָס איז ביסלעכוויז איבערגעגאַנגען אין א פיינלעכן געוויין.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

די, וואָס האָבן געהאַט זייער האַרץ און בלוט וואַך צו פֿאַרנעמען די וואָרנונג פֿון אייביקן יידישן שומר, האָבן מיט אומדערוואַרטעטן פּחד באַגעגנט די שוואַרצע נבֿואה, וואָס האָט זיך איבערן אַטלאַנטיק געטראָגן פֿון דער קראַנק־געוואָרענער דייטשלאַנד — אַז דער טאָג פֿון גייסטיקער מנוחה ביז פֿאַרגעסונג פֿאַר דעם דאָרטיקן יידישן ישובֿ האַלט ביים סוף, און אַ פּחדימדיקע, וויסטע נאַכט איז געקומען פֿאַר די, וואָס האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט פֿאַרגעסן, אַז יידן זיינען זיי.

די לעצטע צייט איז דאָקטאָר מאַרטין פֿרידלאַנד אָפֿט געזעסן ביי דאָקטאָר לוריאַן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, געד־הערט די בטחון־רייד פֿון דעם רוסישן איבערוואַנדערער, וואָס האָט אין די אַכציקער יאָרן געגנבֿעט די גרעניץ פֿון יעמאָלטדיקן צאַרישן פּאָגראָם־לאַנד, און אַליין ניט געפֿילט ווי די טרערן האָבן גערונען איבער די באַקן. זיינע שטילע טרערן האָבן צום שטאַרקסטן געווירקט אויף דעם דערוואַקסענעם, אָבער נאָך יונגן דאָקטאָר מאָו לוריאַ. די שוואַרצע נבֿואה וואָס האָט געצויגן פֿון דייטשלאַנד, וואו היטלערס מאַכט פֿון רשעות צו יידן האָט שוין געהאַט די ווירקונג, אַז די וואַכע, אין געשטאַלט פֿון דאָקטאָר פֿרידלאַנד, זאָלן באַצייטנס לויפֿן פֿון לאַנד, האָט אין אים געוועקט זיין בלוט, וואָס איז די לעצטע צייט שוין סיי ווי געווען וואַך. ער איז אַלץ אָפֿטער געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן, צו פֿילן גאַנצער דעם יידן אין זיך; און אָן אַ פֿריערדיקן חשבון דאָרטן אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן עלווירא ווילסאָן. קוקנדיק אויף איר מיט אַ אינערלעכער בושה, האָט ער באַמערקט, אַז פּונקט יעמאָלט, ווען אים פּרעסט דער טרויער, שטראַלט די פֿרייד פֿון אירע אויגן.

— איך גלויב ניט די קריסטלעכע וועלט — האָט מאָו לוריאַ אַ סך מאָל אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן פֿאַר פּערלען — איך טייל ניט פֿאַנאַנדער די וועלט אויף לענדער און באַזונדערע פֿעלקער, נאָר — אויף אַ קריסטלעכע און ניט־קריסטלעכע וועלט. מיר געהערן צו דער ניט־קריסטלעכער וועלט. דאָס איז אַ מענטשהייט, וואָס וויל פֿרידן און רו. דאָס איז די קריסטלעכע וועלט, וואָס האָט באַקומען די געשוואָלענע גאווה פֿון איבערמענטש, און גיט זיך אָפּ מיט פֿאַרניכטן איינס דאָס אַנדערע. אויך ביי אונדז דאָ אין לאַנד ווערגט מען זיך מיט דעם סם פֿון ראַסן־האַס. אַ גליק נאָר, וואָס אין אַ גליקלעכער שעה איז אונדז געגעבן געוואָרן די „דעקלערײשן אָף אינדעפּענדענס", און ס'איז אויסערלעך פֿאַרשפּרייט פֿרידן איבער די באַזונדערע שטאַטן.

דאָס איז געווען אַ מין דערקלערונג פֿאַרוואָס ער ענטפֿערט ניט אָפּ מיט ליבע פֿאַר דער ליבע, וואָס אים ווייזט אַרויס דאָקטאָר ווילסאָנס טאָכטער.

ברכה רודמאנס פאַרבייטן אַמעריקע אויף ארץ ישראל, האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט פון ברכהן ניט געהאַלטן. ער האָט געגלויבט, אז אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט — איז האָס צו דער לוריא־משפחה, און איינגעבאַרענע פוסטע גאווה פון א מיידל, וואָס גלויבט אין זיך צופיל. יעדעס מאָל, ווען זי איז מיט אים געווען צוגאַסט אויף זיין פאָטערס פאַרם, האָט זי געזוכט א געלעגנהייט אים ארייַנצוזאָגן, אז דער אָפּגעלאָזענער פאַרם סימבאַליזירט דאָס, וואָס עס איז געוואָרן מיט די גרויסע אידעען וואָס יידן האָבן מיט זיך אריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע.

ביי א געלעגנהייט, טרעפנדיק פעלדשטיינען ביי דאָקטאָר לוריאן, האָט מאַו לוריא מיט אים פאַרפירט א שמועס, געוואָלט דערגיין, ווי ווייט פאַרוואָרצלט אין היגן לעבן איז די האָפענונג פון די געציילטע, אז דאָס יידישע לעבן האָט אויף דעם אַמעריקאַנעם באָדן פאַרזייט לעבעדיקע קערנער, וואָס פון זיי וועט סוף־כל־סוף ארויסשפּראָצן א ניי יידיש לעבן, וואָס וועט צוריק אויפריכטן יידישע טראַדיציעס, און מיט דעם — די יידישע נשמה.

יוחנן פעלדשטיין האָט אים יעמאָלט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויפגעקלערט די גרונט־סיבה, פאַרוואָס דער ערשטער דור אפילו האָט זיך דאָ אויסגעליידיקט פון אייגענעם אינהאַלט צוליב דעם, וואָס דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים איז געווען אַ קליינשטעטלדיק לעבן. יעדער ייד, אַז ער איז דאָרטן ארויס פון שטוב און האָט באַגעגנט אַן אַנדער יידן, האָט ער אים באַגריסט. איינער האָט דעם אַנדערן געקענט און געוואוסט וואָס ער טוט. כאָטש צעטיילט אין קלאַסן, איז מען געווען רעליגיעז פאַרבונדן. אַ ייד האָט ניט געקענט ביי זיך פועלן ניט צו גיין אין קלויז אריין דאַווענען מיט א מנין, אָדער פאַרנאַכלעסיקן דעם שבת. אויף אַזאַ איינעם האָט מען געקוקט ווי אויף אַ כופר בעיקר. וואָס אין טיפערן זינען האָט עס געמיינט, אז דערדאָזיקער ייד רייסט זיך אָפּ פון כלל און וויל לעבן פאַר זיך אליין... און צי מען האָט געוואָלט, צי ניט, האָט יעדער איינער געשיקט זיין קינד אין חדר, און אויף אַן אַלטמאָדישן אופן באַהעפט אים מיט יידישקייט.

— ווען דידאָזיקע קליינשטעטלדיקע יידן זיינען איינציקווייז געקומען קיין אַמעריקע — האָט פעלדשטיין אים דערקלערט — האָבן זיי איינס דאָס אַנדערע אָנגעוואָרן. כאָטש געבונדן האָט זיי די ערשטע צייט דער שאַפּ, האָבן זיי פאַרט איינס דאָס אַנדערע אָנגעוואָרן. איצטער, ווען ניו־יאָרק אליין פאַרמאָגט אפשר צוויי מיליאָן יידן, קען איינער דעם אַנדערן ניט! איינער מאָנט ביי דעם אַנדערן ניט דאָס, וואָס ער פאַרלייקנט ביי זיך אין הארצן. דעריבער גיי איך אָפּט אום צווישן די הונדערטער און טויזנטער יידן, קיינעם קען איך ניט, קיינער דערקענט מיך ניט. איך בין זיי גאָרניט שולדיק, און זיי זיינען מיר גאָרניט שולדיק. אָבער איך גלויב באמונה שלמה — האָט פעלדשטיין פאַרענדיקט — אז די בענקשאַפט איינס דאָס אַנדערע צו דערקענען, און פילן אַ פליכט איינס צום אַנדערן, וועט מוזן קומען. וועט עס ניט טרעפן אין דער צייט, ווען עס לעבט נאָך א גרויסע טייל פון ערשטן דור — וועט עס טרעפן מיטן צווייטן, אָדער דריטן דור. איצטער, אז עס קומען אָן די שרעקלעכע ידיעות פון דייטשלאַנד, זייט איר ניט דער איינציקער וואָס ווערט באַהערשט פון א פחד.

זיין שמועס מיט פעלדשטיינען האָט אים עפּעס אויפגעקלערט, אָבער ניט פאַרגרינגערט זיין געמיט. און ווען ער האָט זיך מיטן געדאַנק אריבער־געטראָגן צו זיין פאָטערס פאַרם, וואו ער איז געוואַקסן און מענטש געוואָרן, האָבן צו אים די מאַסיווע שטיינער הינטער זיין היים גערעדט און געפּאָדערט רואיקייט און באַשלוס.

— די שטאָט וועט דיין גוף און דייך נשמה פאַרדאַרבן, וועסט דאָרטן זיין איינער פון די טויזנטער, וואָס שלאָגן זיך אָפּ די זייטן, טרעטן אָפּ איינער דעם אַנדערנס פיס, ווילן איינס דאָס אַנדערע אין פּנים ניט קוקן. פאַרפלאַנץ צוריק דאָ דיין אויסגעוואָרצלט לעבן, זיי פאַר זיך אליין דערווייל מענטש און פאָלק.

די לעצטע צייט איז ער אָפטער געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן, אויפ־צונעמען די אומרואיקע ידיעות וועגן יידן אויף יענער זייט אַטלאַנטיק, און הערן טרייסט־ווערטער פון די גלויביקע אין געשטאַלט פון דאָקטאָר לוריאַן און זיין פרוי פּערל. פונדעסטוועגן, אז ער האָט פאַרבראַכט אן אָוונט ביי די לוריאס און עלווירא ווילסאָן איז ניט געקומען, האָט אים אַ שאַרפע בענקשאַפט גענאָגט. דער פּסח האָט זיך דערנענטערט. אַלץ אָפטער האָט מען דערמאָנט, אז אָט באַלד ווערט פופציק יאָר זינט די לוריאס זיינען געקומען קיין אמעריקע. אויך דאָס האָט גערודערט זיין געמיט. ווען פּערל לוריא האָט אויפגעבראַכט דעם געדאַנק, אז די לוריאס האָבן אויף א געוויסן אופן געדאַרפט פייערן די פופציק יאָר, האָט ער זיך דערשפּירט אַלט, ווי ער אליין איז מיט פופציק יאָר צוריק געווען צווישן די וואנדערער, וואָס האָבן פאַרבלוטיקטע וואָרצלען געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד, ביז מען האָט די וואָרצלען געבראַכט קיין אמעריקע, איז דאָס בלוט אָפּגערונען, און די וואָרצלען — אויסגעטריקנט.

עלווירא ווילסאָן האָט מיט חדשים צוריק אים געזאָגט, אז זי גייט זיך מיט אים פאַנאַנדער, און האָט איר וואָרט געהאַלטן. ווען זי האָט זיך מיט אים באַגעגנט ביי דאָקטאָר לוריאַן, האָט זי פריינטלעך מיט אים גערעדט. אַלטע באַקאַנטע, אָבער ניט מער. זי האָט אים מער ניט געבעטן, ווי איר שטיגער איז געווען, ער זאָל זי באַגלייטן אַהיים. פאַרקערט, זי האָט אויסגערעכנט, זי זאָל קענען אליין אוועקגיין, ווי זי איז אליין געקומען. זי האָט געאַנט וועגן זיינע שווערע איבערלעבונגען ווי א ייד, וואָס איז אַנגעגריפן געוואָרן פון אומטאָלעראַנץ, און עס דאַרף נעמען צייט ביז דער כח פון לעבן וועט זיינס אין דער ריכטיקער שעה באַווייזן. זי האָט געהאָפט אויף דעם נאָענטן פרילינג, ווען ער, ווי זיין שטייגער, וועט פאָרן אויף אַ באַזוך אהיים און וועט זי איינלאַדן, זי זאָל מיט אים מיטפאָרן. אמת, מיט א יאָר צוריק איז ברכה רודמאַן אויך מיטגעפאָרן, און זי קען ניט פאַרשטויסן דעם חשד, וואָס האָט ביז ברכהס פאַרלאָזן אַמעריקע גערודערט איר גע־מיט, אַז מאַו לוריא טראַכט פון זיין שוועסטערקינד פיל מערער, ווי ער ווייזט עס אַרויס.

גאָר אומדערוואַרטעט האָט מאַו לוריא, באַגעגנדיק אין אָוונט עלווירא'ן ביי דאָקטאָר לוריאַן, זי איינגעלאַדן, מיטצוגיין מיט אים צו זיין אַלטן עלטער־פעטער, צו ר׳ בונים לוריאַן, וואָס איז שוואַך און ליגט צו בעט.

— ווערסט זיך באַקענען מיט א יידישן פּאַטריאַרך, וואָס דערלעבט אפשר די לעצטע טעג זיינע, מיין פּאַטערס פּאַטערס א ברודער.

עלוויראַן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. זי האָט ניט געוואוסט, צי זי זאָל לאַכן, צי וויינען. זי האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, מאַו. ביסט נאָך אַלץ אַ טייערער מענטש, מאַו.

— גיי טאַקע אַריבער צו אים, ער וועט זיין שטאַרק צופרידן — האָט דאָקטאָר לוריא אים אונטערגעגעבן חשק — איך בין נעכטן ביי אים געוועזן. ער איז שוואַך, אָבער זיין געדאַנק איז נאָך אַלץ קלאָר. ווערסט אים לאָזן גריסן, זאָג אים, אַז מאָרגן וועל איך זיין ביי אים. דערצייל אים ווער מיס ווילסאָן איז, זאָל ער זיך פילן מיט איר היימיש.

ארויסקומענדיק דרויסן, האָט עלווירא זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן. זי האָט גענומען איר באַגלייטער אונטערן אָרעם און אויפגעציטערט מיט איר גאַנצן גוף.

— אפשר ווילסטו, מיר זאָלן גיין ערגעץ אנדערש — האָט ער רואיק געפרעגט.

— ניין, מאַו, נעם מיך אַהין, וואו דו האָסט געוואָלט.

—ווייסט דאָך ניט וואוהין איך האָב דיך געוואָלט פירן.

— איך ווייס... כאָטש איך האָב דעם מענטש קיינמאָל ניט געזען.

— ער איז אַלט און שוואַך, און ווערסט מיט אים זיך ניט קענען צונויפרעדן.

— איך וועל אים אָנקוקן. יעדן איינעם, וואָס טראָגט אין די אָדערן בלוט פון דיין בלוט, וויל איך קענען. יעס, מאַו, איך האָב געטראַכט וואַרטן ביז פרילינג, און אַליין, שטיל, קיינער זאָל ניט באַמערקן, ארויספאָרן צו דיין פּאַטער אויפן פּאַרם, זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די גרויסע שטיינער הינטער אייער פּאַרם, און דאָרטן אויף דיר וואַרטן. איצטער, אַז איך האָב דיך דאָ געטראָפן, וועט דער פרילינג דעריבער א סך פריער ארויס־קומען מיך באַגעגענען. איך וויל ניט, מאַו, זאָלסט איצטער מיט מיר ריידן. נעם מיך אַהין, וואו דו האָסט געוואָלט.

דער אַלטער ר׳ בונים איז געזעסן אויף זיין געלעגער, די פיס אַראָפּ־געהאַנגען, און אויף די קני איז אים געלעגן א „חובת הלבבות״, וואו ער האָט די לעצטע צייט אַריינגעקוקט.

ווען מאַו לוריא האָט געעפנט די טיר און איז, זייט־ביי־זייט מיט עלוויראַן אריינגעקומען, האָט ר׳ בונים אראָפּגענומען די ברילן פון די אויגן, מיט חידוש באַטראַכט די געסט, ווי ער וואָלט מאַו לוריאַן ניט דערקענט.

— העללאָ, אַנקל . . . דו דערקענסט ניט . . .—האָט מאַו אויסגעשטרעקט די האַנט צום אַלטן — איך בין דאָך היללס זון. און דאָס איז דאָקטאָר ווילסאָנס א טאָכטער, דער מיס רודמאַנס א שטיפטאָכטער. זי וויל דיך קענען, אַנקל.

ר׳ בונים האָט צוגעמאכט דעם ספר, איז אויפגעשטאַנען, באַטראַכט פון נאָענטן די געסט, און זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויפן געלעגער.

— אַ גרוס דיר, אַנקל, פון דאָקטאָר זכריה לוריא. ער וועט ביי דיר זיין מאָרגן: ווי פילסטו, אַנקל?

דער אַלטער האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. עלווירא האָט עס באַמערקט, און געזאָגט אויף מאָוס זייט:

— מיר פאַרדריסט, וואָס איך האָב געשטערט זיין רו. זאָג אים, אז איך בין האַלב־יידיש, און וועל מיט דער צייט ווערן אינגאַנצן יידיש.

— ער איז צו קלוג, איך זאָל עס אים דאַרפן זאָגן.

און צו דעם אַלטן האָט ער זיך געווענדט אויף יידיש:

— מיין פאָ האָט אין אַ לעטער זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר. ער פרעגט, צי דו וואָלסט ניט וועלן פאָרן צו אים. מיין פאָ וועט אויף דיר נעמען קער ווי אויף אַ בייבי.

ר' בונים האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון עלוויראן. קענטיק געווען, ער האָט געוואָלט עפּעס פרעגן, און ניט געוואוסט ווי אזוי עס צו טאָן.

— פאַרוואָס קומען מיר מבקר חולה זיין נאָר די דאָקטוירים פון דער משפחה? — האָט דער אַלטער זיך באַמיט צו שמייכלען.

— איך וועל ניט פּרואוון דיין פּולס, איך וועל ניט טראָבלען דיין פּלייצע, ווי אַנקל זכריה טוט עס. בין געקומען דיך אָנקוקן אביסל. וועסט מיר ענטפערן, אז איך וועל דיר עפּעס פרעגן?

— די יוגנט איז קליגער פון דער עלטער. די עלטער איז קינדיש און נאַריש.

— זאָג עס ניט, אַנקל. וויפיל איך זאָל ניט פאַרשטיין, ווייס איך וואָס און ווער דו ביסט.

— זי רעדט ניט קיין יידיש...

— ניין, אַנקל. זי איז אָבער זייער יידיש.

—יענעמס אַ שטיפטאָכטער, מהום . . . האָבן זיך געביטן מיט די ערטער — האָט דער אַלטער געקוקט אויף זיינע הענט — יענע איז א יידישע שטיפטאָכטער.

מאָו האָט אַ לאַך געטאָן, און איז רויט געוואָרן.

— זכריה און זיין פּערל האָבן מיר דערציילט פון איר — האָט דער אַלטער גערעדט ווי פאַר זיך — הייליק זיינען די וואָס קומען פון דער פרעמד צו אונדז, מיט דער ליבשאַפט צו אונדזער גאָט. ס'איז ביי מיר אָנגעלייגט, וואָס זי האָט מיר דעם כבוד אָנגעטאָן.

עלווירא האָט געקוקט דעם אַלטן אין פּנים, געוואָלט פון זיינע ליפּן אַראָפּלייענען וואָס ער זאָגט. זי האָט געשפּירט, אז וועגן איר רעדט דער אַלטער. ווען זי קען מיט אים פריי זיך צונויפרעדן, וואָלט זי געוועזן מיט אים אָפנהאַרציק און געפרעגט, פאַרוואָס איז אזוי שווער דעם ניט־יידן צו ווערן אַ ייד; און פאַרוואָס קומט דעם יידן אָן אזוי גרינג צו ווערן אויס ייד? עלווירא האָט באַמערקט ר' בונימס הויכן שטערן און קלוגן אויסדרוק אין פּנים. „אָט, דאָס איז ער דער ייד, וואָס האַלט דעם סוד פון יידישן אויסדויער — האָט זי געטראַכט — דאָס זיינען זיי די איינציקע, וואָס האַלטן אויף דעם גייסט פאַר די טויזנטער".

עלווירא איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט נעבן אַלטן, גענומען דעם ספר, וואָס איז געלעגן נעבן אים, אויפגעעפנט, און די בליקן האָבן געבלאָנדזשעט צווישן די אומבאַקאַנטע אותיות און ווערטער. גאַנץ אומגע־

ריכט האָט זי אָוועקגעלייגט דעם ספר צוריק, גענומען ר׳ בונימס רעכטע האַנט, אַ קוש געטאָן, און געוואונשן אים אַ גוטע נאַכט.

— איך וועל אויף דיר וואַרטן דרויסן, מאָו, אייל זיך ניט ארויסצוגיין.

הינטערווײַלעכס, מיט א לויטערן שמייכל, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון דעם אלטן ר׳ בונימען, איז זי ארויס פון צימער.

מאָו איז געבליבן א צעטומלטער. ער האָט געוואָרט, ר׳ בונים זאָל עפּעס זאָגן וועגן עלוויראַן. אבער ר׳ בונים האָט ארויפגענומען די פיס אויפן געלעגער, זיך אָנידערגעלייגט, צוגעמאכט די אויגן, און ווי פאַר זיך אליין גערעדט:

— האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר ניט־יידן. רייניקן די זינדיקע וועלט פון זינד. פון רות, די טאָכטער פון מואב, ביז היינטיקן טאָג, זיינען זיי עס, וואָס קלייבן די זאַנגען, גאָטס ברכה, וואָס ווערט אזוי צעטראָטן אונטער די יידישע פיס.

— דו רעדסט צו מיר, אַנקל? — האָט מאָו זיך אראָפּגעבויגן צו ר׳ בונימען.

ר׳ בונים האָט אויפגעעפנט די אויגן, מיט טיפן ערנסט באַטראַכט זיין יונגן קרוב, און געזאָגט:

— כאָטש נאָך א פופציק יאָרעלעך לעבן... און אפשר, ווי חוני המעגל איינשלאָפן אויף פופציק יאָר, און דערנאָך אויפשטיין, געפינען אייניקלעך, וואָס האָבן געלעבט מיט דעם יידישן חלום.

מאָו לוריאַן איז מיט אַמאָל ענג געוואָרן. ער האָט דערשפּירט א קלעמעניש און טיפע בענקשאַפט. א אומבאַמערקטע האַנט האָט אים געצויגן פון שטוב אַרויס. ער האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ בונימען, ארויס דרויסן, און — עלוויראַן ניט געפונען. א שוויס האָט אים ארויסגעשלאָגן אויפן פנים. ער האָט אָנגעשטרענגט געפאָרשט אין דער נאַכט אַרום. אין די אויערן האָבן געקלונגען ר׳ בונימס לעצטע ווערטער וועגן די, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאר ניט־יידן און רייניקן די זינדיקע וועלט.

ער איז א צייט געשטאַנען ביים הויז, ניט געקענט פועלן ביי זיך אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ער זאָל זיך לאָזן. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, ער זאָל נעמען שפּאַנען איבער די גאַסן, אזוי לאַנג אומוואַנדלען, ביז ער וועט זיך אָנשלאָגן אויף עלוויראַן, וואָס וואַרט ערגעץ אויף אים. ער וועט זי באַגעגענען און דערציילן, וואָס דער אַלטער אַנקל האָט וועגן איר געזאָגט. ער וועט איר אויך דערקלערן, אז דער אַנקל האָט אים אין מויל אריינגעלייגט די פאַסיקע ווערטער, וואָס ער האָט א יאָר לאַנג געזוכט, כדי מיט זיי קענען קומען צו איר און מודה זיין — ווי ווייט זיין לעבן איז אָן איר זינדיק און טרויעריק. דאָס וועט ער איר זאָגן, און ער האָפט, אז זי וועט אים פאַרגעבן פאַר זיין אויסמיידן זי די גאַנצע צייט.

— זי האָט דאָך קלאָר געזאָגט, אז דרויסן וועט זי וואַרטן, וואו איז זי?

— האָט אים געקלאַפּט אין מוח.

ער האָט אָוועקגעשפּאַנט איבער די אַרומיקע גאַסן, געפאָרשט צווישן די דורכגייער, און איז ווידער געקומען צום הויז, וואו דער אַלטער ר׳ בונים האָט זיך אויפגעהאַלטן.

— פאָר צו זיך אַהיים! — האָט אַ געדאַנק באַלויכטן זיין מוח.

מאָו לוריא איז אריין אין דער ערשטער טעקסי וואָס האָט זיך באַוויזן, און געבעטן וואָס שנעלער צו פאָרן. אויף צו להכעיס האָט דער וועג זיך געצויגן.

ווען ער איז אריינגעקומען צו זיך, איז די עלטערע געווען אַנגעצונדן, אָבער קיינער איז אין צימער ניט געווען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, ער הערט עלוויראס שטים, זי רעדט מיט אַ ציטער:

— דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט... פאַרוואָס מיידסטו מיך אויס, מיין ליכטיקער בועז? פאַרוואָס מיידסטו מיך אויס?

* * *

— ווי פון אַ טיפן שלאָף האָט זיי דאָס אומגליק אויפגעוועקט, און אַרויסגעטריבן אין די גאַסן. איינער ביים אַנדערן דערקענט די שרעק אין פנים, און אפשר אויך דאָס פנים אליין. דאָס איז די יידישע טראַגעדיע.

— ניין, פעלדשטיין, טרויער איז טיפער ווי פרייד. טרויער איז אייביקער ווי פרייד.

— אָבער לעבן, מיסיס לוריא, איז פון טרויער און פרייד געשפונען און געוועבט; און פאַרוואָס רופט דאָס נאָרמאַלע לעבן ניט ארויס אזא אחדות־גייסט, ווי דאָס נאַציאָנאַלע אומגליק האָט איצטער ארויסגערופן? די וועלט וואָלט דאָך אויף אונדז אַנדערש געקוקט. אונדזער כלומרשטע וועלט־אייניקייט איז אַ ביילבול פון אונדזערע שונאים, וואָס גיט אונדזערע שונאים באַקוועמלעכקייט פון אונדז חוזק צו מאַכן און האַסן. אמתע אחדות, נאַציאָנאַלע אחדות, וואָס זאָל פאַר דער וועלט באַווייזן ניט דאָס צעשויבערטע יידל, וואָס לויפט פון גרעניץ צו גרעניץ זיך ראַטעווען, נאָר — די נשמה פון אַ וועלט־פאָלק, וועמעס גייסט עס שוועבט איבער די פאַרגאַנגענע דורות, יעמאָלט וואָלטן אויף אונדז קיין פאָגראָמען ניט געווען. עס וואָלט אין צוואַנציקסטן יאָר הונדערט ניט אויפגעשטאַנען אַ היטלער מיט דעם ווילדן חלום, אויסצוראָטן, פריער די יידן פון דייטשלאַנד, און שפּעטער — די יידן פון גאָר דער וועלט.

— איך זע עס אַנדערש, פעלדשטיין; נאָר אַ וואַכע נשמה און לעבעדיקער גייסט שטויסט די מענטשן איינס צום אַנדערן, און אַלע אינאיינעם פאָרויס — האָט דאָקטאָר לוריא רואיק באַמערקט — דאָס איז מער ווי אַ פּראָטעסט־מאַרש. עס טרעפט, ווען אַ פאָלק ווערט געבאָרן אין שעה פון נאַציאָנאַלן אומגליק. איך בין גליקלעך וואָס איך האָב דערלעבט אַזעלכעס צו זען, און אַליין אָנטייל נעמען אין אַזאַ מאַרש.

— און נאָך מער גליקלעך בין איך — האָט פערל צוגעגעבן וואָס מיין ראַשעל, כאָטש אינגאַנצן ניין יאָר אַלט, האָף איך, אַז זי וועט היינטיקן טאָג ניט פאַרגעסן.

דערדאָזיקער שמועס צווישן פערל לוריא, דאָקטאָר לוריא און יוחנן פעלדשטיין, איז פאָרגעקומען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, דעם צענטן מאַי, אין יאָר ניינצן הונדערט דריי און דרייסיק, אין דער צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָבן די נאַציס געברענט אויפן שייטערהויפן יידישע ספרים, און אין ניו־יאָרק, אויף דעם רוף פון יידישן קאָנגרעס, זיינען הונדערטער טויזנטער יידן, רעכטס און לינקס, מאַן און פרוי, אַלט און קינד, ארויס־

געקומען צו דער גאַס און זיך אָנגעשלאָסן אָן א פּראָטעסט־מאַרש, וואָס האָט פון מעדיסאָן סקווער פּלאַץ ווי א מעכטיקער מענטשן־טייך געשטראָמט אַראָפּ־שטאָט צו דער בעטערי, צום אָרט, וואו אמאָל איז דער קעסל־גאַרדן געווען; וואו רעדנער יידישע און ניט־יידישע האָבן געדאַרפט אָפּ־שטעמפּלען שוואַרץ די נייע הערשער, וואָס זיינען אין דייטשלאנד פון דער פינצטער אַרויס ווי א קללה פאַר דער גאַנצער וועלט.

פון אָנהויב טאָג האָט האָט אויסגעזען, אז עס וועט רעגענען. שפּעטער זיינען די וואָלקן פאַרשוואונדן; אונטער דעם בלויען הימל איז א פאָלק געבאָרן געוואָרן, און אויפן פּנים אַרויסגעטראָגן צו דער גאַס דורותדיקן טרויער און דורותדיקן פּחד. דאָס, וואָס האָט מיט יידן געטראָפן אין דייטשלאנד, איז אויך א מאָמענט מיט יעדן יידן דאָ פאַרלאָפן. די שאַנד און דער פּיין, וואָס די נאַציס האָבן אויפגעוועקט ביי די פון יידישקייט אַרויסגעטאָנענע דייטשע יידן, האָט אַרומגעכאַפּט די יידן פון אמעריקע, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער פּראָטעסט־מאַרש פון די ניו־יאָרקער יידן, וואָס האָט זיך שפּעט נאָך האַלבן טאָג אָנגעהויבן, וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

די לוריאס האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם. דניאל לוריא און זיין פרוי, די גרטע, האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו דאָקטאָר לוריאן און פּערלען. מיט זיי איז מיטגעגאנגען יוחנן פעלדשטיין און געפירט די קליינע ראָשעל ביים האַנט. ליליען־רות האָט ניט געקענט שטעלן קיין גרעניץ פאַר אירע טרערן. כאָטש שוין קרוב צו פופציק יאָר מיט יידן, האָט זי זיך געשפּירט פאַרשעמט, ווי א ניט־יידישע, וועמעס געוויסן עס האָט זיך געפּלאָגט פאַר פרעמדע זינד. א נידערגעשלאָגענע האָט זי געשפּאַנט, האַלטנדיק הילל לוריאן אונטערן אָרעם, און אונטער דעם אַנדערן אָרעם — איר יינגערן זון. דער עלטערער זון, דער קאַטאָליק, איז ניט אַרויסגעקומען. און דאָס האָט דער גרטע פאַרשאַפט אַ באַזונדערן עגמת נפש.

— זאָג מיר, הילל, — האָט ליליען־רות א צעשראָקענע גערעדט צום שווער־געבויגענעם פאַרמער, וואָס איז אין געאייל געקומען אַנטייל נעמען אין מאַרש — זאָג מיר, פאַרוואָס זע איך ניט ביי קיינעם קיין טרערן, און ביי מיר וואַשט זיך דאָס האַרץ אין טרערן?

— אפשר דערפאַר, ליליען, וואָס יידן זיינען אויסגעפּרואווטע. אונדז האָט דאָך קיין אמעריקע כמעט אזא אומגליק געטריבן. דורך דער גאַנצער צוויי טויזנט יעריקער ביטערער ווירקלעכקייט האָט מען זיך צוגעוואוינט. פאַר דיר איז ניי דאָס יידישע פאָלק. אין דיינע אָדערן שטראָמט דאָך בלוט, וואָס איז פאַריידישט געוואָרן. דעריבער ביסטו אזוי צעשראָקן.

— און דו, מיין זון, דיך שרעקט עס ניט? — האָט זיך די גרטע געווענדט צו דזשייקאָבן.

— איך ווייס, מאַ, אַז אַנטלויפן איז ניטאָ וואוהין. אָט אזוי פאַסירט עס. דער צאָרן פון גאָט לאָזט זיך אַראָפּ אויפן פאָלק, וואָס איז אויסגע־קליבן געוואָרן צו לעבן און זיין א ציל־ברעט פאַר די פיילן פון לעגיטימע גזלנים.

— ווי מען שלעפּט מייז פון די לעכער, אזוי שלעפּט מען איצטער אין דייטשלאַנד די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין יענעמס בלוט —

האָט הילל גערעדט ווי פאַר זיך — אָט, די אַלע געטויפטע, וואָס שוין פון צוויי, אָדער מער דורות האָבן זיי פון זיך ייִדישקייט אַראָפּגעוואָרפן און מיט די פיס צעטראָטן. מען שלעפּט זיי אַרויס צו דער זון; זיי פאַרשעמט מען נאָך מער. זייער פּלאָג איז פיל גרעסער פון די, וואָס האָבן מיט זייער ייִדישקייט זיך ניט באַהאַלטן. וואָרוּיל איז איצטער דאָרט צו די ייִדן, וואָס זייער האַרץ האָט זיי קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. אָבער ווי איז צו די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז הונדערט פּראָצענטיקע גוים זיינען זיי.

אָפּגעזונדערט פון די עלטערע לוריאַס, געאָרעמט, האָבן צום טאַקט געשפּאַנט עלווירא ווילסאָן און מאָו לוריא. דער איצטיקער מאַרש, אין־איינעם מיט די הונדערטער טויזנטער, איז געווען דער אָנהויב פון זייער געאייניקטן וועג אין לעבן. די פרייזענלעכע פרייד האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן טרויער. די ייִדישע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע, וואָס איז אין ניו־יאָרק געקומען צום אויסדרוק דורך דעם פּראָטעסט־מאַרש, האָט אָן ווערטער אויסגעשריען, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט ניט אונטערגיין, כאָטש אין יעדן דור שטייען אויף אַנדערע שונאים דעם ייִדן צו פאַרטיליקן. דאָס האָט די צוויי מענטשן־קינדער, די קריסטלעכע עלוויראַן, און דעם ייִדן אין אַמעריקע געבאָרן, מאָו לוריאַן, נאָענט צונויפגעבראַכט, אַזוי נאָענט — אַז איינער האָט דעם אַנדערנס גאַנג פון בלוט פאַרנומען.

— זייער אומגליק איז מיין דערלייזונג, מאָו — האָט עלווירא אַ באַגייסטערטע גערעדט, און מיט די בליקן זיך געריסן פאָרויס — איצטער ווייס איך צוליב וואָס איך לעב. כאָטש אַ ניט־ייִדישע מוטער האָט מיך אויסגעטראָגן, און אַ ניט־ייִדישער פאָטער האָט מיך דערצויגן, שפּיר איך, אַז ערשט איצטער, פאַרבינדנדיק מיין גורל מיט דיין פאָלק, האָב איך געפונען דעם זינען פון מיין לעבן. איך פאַרנעם אַ שטים, וואָס שרייט מיר אין בלוט אַריין, אַז די מענטשהייט וועט ניט אויסגעלייזט ווערן, און וועט ניט באַפרייט ווערן פון דער קללה, וואָס עס ליגט אויף איר, אַזוי לאַנג — ווי עס וועט די קריסטלעכע וועלט טאָן מיט ייִדן דאָס, וואָס מען האָט אין שפּאַניע געטאָן מיט איבער פיר הונדערט יאָר צוריק, און וואָס מען טוט איצטער צו ייִדן אין דייטשלאַנד. איך וועל מיין לעבן פאַרקניפּן מיט די בעסטע פון דיין פאָלק, און האָפן אויף דעם ייִדנס דערלייזונג, ווי עס האָפט דער רעליגיעזער ייִד, וואָס גייט אום מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן.

מאָו לוריא האָט זיך צוגעהערט צו זיינע טריט וואָס האָבן אויפן ברוק אין טאַקט אָפּגעקלונגען אינאיינעם מיט עלוויראַס טריט. ער האָט מיטגעלעבט מיט דער ליידנשאַפט וואָס עלווירא האָט אַרויסגעוויזן אין שייכות מיט דעם פּראָטעסט־מאַרש. אָבער אים אַליין האָט דער מאַרש ניט באַהערשט. קיין באַגייסטערונג האָט ער אין אים ניט געשעפּט. כאָטש ער האָט באַמערקט, אַז עס באַטייליקן זיך אין פּראָטעסט אַ סך ניט־ייִדן, האָט עס ניט פאַרגרינגערט זיינע שווערע מחשבות בנוגע דעם אַסימילאַציע־גייסט, וואָס הערשט ביי ייִדן אין אַמעריקע. אָט איז זיין אייגענער ברודער ניט אַרויסגעקומען. ער זוכט אים מיט די אויגן רעכטס און לינקס. על פּי שכל האָט ער זיך געדאַרפט האַלטן נאָענט צו די לוריאַס, אָבער ער איז ניטאָ. ווען עס איז געווען אַ רייד, מען זאָל פייערן פופציק יאָר זינט מען איז

אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט זיין ברודער איזידאָר זיך געוויצלט, און געזאָגט, אַז ער וועט פייערן דעם טאָג וואָס מען וועט פאַרגעסן פון וואַנען מען איז געקומען.

— אָט זיינען זיי אַלע אַרויסגעקומען, — האָט אים אַ מחשבה געעג־בערט אין מח, אַלע ציען זיי צום ראַנד פון מאַנהעטן. אַז דער שטראָם וועט אַהין דערגרייכן, די רעדנער וועלן זייערס אָפּזאָגן, וועט מען זיך צעשפּרייטן אויף אַלע זייטן, יעדערער וועט אַוועק אין זיין אייגענעם ווינקל.

עלוויראס רייד האָבן ביי אים געוועקט און דערמאָנט געפילן פון אַ קינד, וואָס טוליעט זיך צו אַן עלטערן און שטאַרקערן פון זיך. ער האָט געדהערט אירע גלוביקע און דורכגעלעבטע רייד; דאָס האָט אין אים אויפגעוועקט אַזאַ לויטערן טרויער. „עס רעדט די ליבע מיט דער שפּראַך פון אַ דערוואַכט פאָלק...‟ ער האָט זיך דערמאָנט וואָס דער אַלטער ר׳ בונים האָט אים דערציילט וועגן די פאַרשטעלטע ניט־יידן, וואָס לייטערן דאָס יידישע לעבן.

— צי וועט זי זיך ניט ענטוישן אין יידישן פאָלק, אין ווען זי איז אַזוי פאַרליבט, און דורך דעם אַנהויבן קוקן אויף מיר, ווי עס קוקן בכלל ניט־יידן אויף דעם יידן? האָט זיך איינגעלעבט אין דער ביבל, האָט זיך אריינגעלעבט אין דער עפּאָכע פון די פּראָפעטן, און זי גלויבט, אַז צווישן היינטיקע יידן גייען אום אומבאַמערקטע פּראָפעטן.

— זאָג עפּעס, מאָו, — האָט עלווירא איבערגעשלאָגן זיינע מחשבות, ווען דער מענטשן־שטראָם איז פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב דעבס, וואָס די ערשטע האָבן שוין דעם ראַנד מאַנהעטן דערגרייכט.

— איך בין דיר מקנא, עלווירא, וואָס דו רעדסט ווי אַ גלוביקע.

— און דו, צי גלויבסטו ניט אין מיין ליבע צו דיין פאָלק?

— איך גלויב שטאַרק, עלווירא.

— און אין מיין ליבע צו דיר?

—אין דעם גלויב איך אויך, עלווירא.

— זעסטו ניט דעם ליכטיקן וועג פאַרויס?

— מיט דיר אינאיינעם וועל איך אים דערזען.

— דאָס איז אַלץ וואָס פאַרליבטע דאַרפן זען. און ווען איך וועל באַהערשט פון דער יידישער מיסטעריע, וועל אַ טייל פון איר, פאַרוואָס זאָל מיין האַרץ ניט שפּרינגען פאַר פרייד. ווען איך דהאָב דיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, האָסטו מיר ניט אויסגעזען הויך אין וואוקס. איצטער ביסטו אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן מיט צוויי קעפּ העכער ווי דו ביסט געווען. איך דאַנק דיר, מאָו, — האָט זיך עלווירא געטוליעט צו אים, — איך וויל אינאיינעם מיטן פרילינג זיך באַגעגענען און דיך נאָך אַמאָל זען אויף דער ערד, וואו דו ביסט געוואָקסן. טייער זיינען מיר יענע שטיינער, וואָס האָבן דיך נאָכגעקוקט, און יענעביימער, וואָס זיינען מיט דיר אינאיינעם גע־וואָקסן. איך ווייס, מאָו, דו האַלסט מיך פאַר אַ נאַריש מיידל.

— דאָס איז אמת.

— ווי גוט עס איז צו פילן זיך נאַריש, מאָו. אין אומגליק איז מען קלוג; אין גליק — נאַריש. שיין און נאַריש. אַ, פאַרגיב מיר, מאָו, וואָס איך פּלאַפּל אַזוי קינדיש. ס׳איז היינט דער גרעסטער טאָג אין מיין

לעבן. ווייל ס'איז א גרויס גליק צו שטאַרבן, און געבאָרן ווערן אויפסניי מיט דעם פּולן באַוואוסטזיין און טיפער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין א זוניקן זונטיק נאָכמיטאָג, זיינען, מיט אימפּעט און מיט געפּיפּעריי אריינגעפאָרן פיר אויטאָמאָבילן צו הילל לוריאן אויפן פאַרם־הויף. פון די אויטאָמאָבילן האָבן זיך ארויסגעשאָטן די לוריאס. געקומען איז מען באַגריסן הילל צו זיינע זיבעציק יאָר, און אגב, זיך דערמאָנען — אז שוין פופציק יאָר זיינען אָפּגעלאָפן זינט מען איז פון צאַרן לאַנד דורך „קעסטל־גאַרדן" אריין אין דער ליכטיקער אמעריקע — „נעוויאָרק".

הילל לוריא און זיין שווערע מינע זיינען צעשראָקענע ארויס פון שטוב און מיט חידוש און נייגער, מיט הייס בלוט ארום הארצן און פּנים, אביסל צעשראָקן געקוקט צו יעדן גאַסט באַזונדער. דניאל לוריא, ליליען־רות און דער יינגערער זון דזשייקאָב מיט זיין וויב זיינען זיי די ערשטע אנטקעגן געקומען. דערנאָכדעם זיינען אנטקעגן געקומען דאָקטאָר לוריא און פּערל, און דער אַלטער ר' בונים. יוחנן פעלדשטיין האָט ביים האַנט געפירט די ניין יעריקע ראַשעל. די איינציקע שוועסטער קעראָלאַין איז געקומען מיט איר מאַן, מיט לעאָנאַרדן, און פאַר די אויגן איז איר געווען ווי מיט א טוי פאַרצויגן. די טאָכטער איז ניט מיטגעפאָרן. מיט זיי זיינען געקומען, געעלטערטע, די רודמאַנס. ווי מען וואָלט זיך יאָרנלאַנג ניט געזען און געווען דערווייטערט איינס פון אַנדערן — אזוי האָט זיי די פרייד, איינ־איינעם מיט א פאַרנעפּלטן טרויער, ארומגעכאַפּט. די ברידער, ווי זיי וואָלטן צום ערשטן מאָל באַמערקט, אז אַלט און גרוי איז יעדערער פון זיי; אזוי אַלט ווי די איבערגעוואַקסענע טאַפּאָל־ביימער ארום פאַרם, וואָס דער ווינט האָט לייכט געוויגט.

מינע האָט פאַר פרייד זיך צעוויינט אויפן הויכן קול, און ניט געוואוסט וועמען זי זאָל זיך פריער וואַרפן אויפן האַלדז. אין צעטומלעניש האָט זי אפילו ניט באַמערקט איר יינגערן זון, וואָס איז געשטאַנען אָן א זייט מיט עלווירען, און מיט פאַרטרערטע אויגן געקוקט צו דער צערודערטער און אויפגעהייטערטער עלטער. הילל לוריא און מינע זיינען ווי קלענער און איינגעשרומפּן געוואָרן אין אָנעגזיכט פון דער גאַנצער משפחה.

— וואָס גלאָצסטו אזוי די אויגן, הילל? — האָט דניאל ארומגענומען און זיך צעקושט מיט הילן — אויב מען האָט פאַרגעסן אָן מיינע זיבעציק יאָר פאַר צוויי יאָרן, האָט מען דיינע זיבעציק יאָר ניט פאַרגעסן. און, אגב, איז שוין פופציק יאָר, ברודערל, זינט מען האָט צום ערשטן מאָל אונטער די־אַ דהימלען זיך באַוויזן.

— אוי, זון מיינער, — האָט מינע פלוצלונג זיך געכאַפּט, אז איר משהלע שטייט א בלאַסער אָן א זייט — הילל, וואו ביסטו, ס'האַרץ שפּרינגט מיר ארויס, אז איך ווייס אליין ניט...

— דערצייל דעם פאַ און דיין מאַ, וואָס איך בין איצטער צו זיי — האָט עלווירא מיט שטילער בושה גערעדט אויף מאָוס זייט.

טאַטע־מאַמע האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָסמאָל איז זייער זון ניט געקומען אליין. נאָר בייביידן האָבן ווערטער אויסגעפעלט אויסצודריקן די פרייד, וואָס האָט געיערט אויף דער פרילינג־ערד אונטער דעם בלויען הימל.

מינע האָט אומגעלומפּערט ארומגעכאַפּט עלוויראַן, געדריקט צו איר אויפגעיורענער ברוסט, בשעת טרערן ווי באָב האָבן זיך פון די אויגן א קייקל געטאָן איבער די באַקן.

— ווי ווערט מען עס אַלט אויף גאָטס וועלט? — האָט פּערל געטריקנט די טרערן אין דער פּרילינג־זון — גוט, אז מען טוט א גוטע זאַך אין דער ריכטיקער שעה. איך וואָלט אונטער אַזאַ ליכטיקן הימל געוועזן אייביק יונג. דאָס איז דיין אַנקל, ראַשעל, ער איז געוואָרן זיבעציק יאָר אלט, גיב אים אַ קוש אין זיין קלוגן שטערן.

הילל לוריא האָט אויפגענומען אויף זיין אַקסל די קליינע ראַשעל, מיט איר אַוועקגעשפּאַנט אין שטוב אריין, און נאָך זיי האָט זיך די גאַנצע משפחה געלאָזן.

אין דעם אָפּגעלאָזענעם, געראַמען גאַסט־צימער, וואָס דינט זומערצייט ווי א עסן־צימער פאַר די „באָרדערס", האָט זיך משפחה מיט א געוויסער מידקייט אויסגעזעצט. אין א טיפן, צו ווייסן שטול, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער אַלטער ר' בונים. מיט זיבן יאָר צוריק, ווען ער איז מיט די רוד־מאַנס געקומען צופאָרן, און דאָ ביי הילל לוריאן די ערשטע עטלעכע טעג פאַרבראַכט, כאָטש שוין א זיבעציקער, איז ער געווען מונטער און געהאַלטן דעם קאָפּ הויך. איצטער איז ער געווען שוואַך און געבויגן. ווען ניט קעראַלאַין, וועמען ער האָט שטאַרק אָפּגעגעבן כבוד, וואָלט ער די נסיעה ניט אונטערגענומען.

— האַ, וואָס זאָגט איר, קינדער, — איז הילל אומגעגאַנגען מיט די אויגן פון גאַסט צו גאַסט — יידן זיינען נאָך יידן, אויב אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן זיך באַוויזן אויסצושרייען דעם ווייטיק, האַ? וואָס־זשע מאַכט איר אַלע? טאַקע פופציק יאָר, זינט מען איז געקומען קיין אַמעריקע? וואָס זאָגסטו, קריינע, און וואָס זאָגסטו, זכרידה, זיינען עס טאַקע פופציק יאָר אוועק, זינט מען איז געקומען און זיך אוועקגעזעצט שבעה נאָך דער מאַמען? האַ, קינדער, רירן זיך ערגעץ אויפן דנאָ פון ים דער מאַמעס ביינער איצטער?

הייסע טרערן האָבן היללן אַ ברי געטאָן די אויגן. ער איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, און געווישט דאָס פּנים.

א ווייל איז געווען שטיל. מען האָט געוואַרט, הילל זאָל קומען צו זיך. הילל האָט זיך אומגעקערט צו די געסט מיט אַן אויסגעלייטערט פּנים.

— ניט נעמט פאַר אומגוט, וואָס איך האָב אייך מיט אַזאַ נאַרישן פּנים אויפגענומען — האָט ער אַ צעוואַרימטער גערעדט, — כ'האָב געשפּרייזט מיט דעם האַלבן מיליאָן יידן, און געטראַכט: „זיינען עס טאַקע יידן? אויב יאָ, טאָ, וואוהין ציען זיי? אפשר וועלן זיי אָט אזוי ארויסשפּאַנען פון דער שטאָט ניו־יאָרק און זוכן אַ ווינקל אויף דער פרייער, גראַמער ערד, ווי איך האָב עס אַמאָל געזוכט... אַזאַ פרייע ערד ווי מיט פופציק יאָר צוריק". איך האָב דערנאָך א גאַנצע נאַכט ניט געקענט מיט אַן אויג צומאַכן. איך האָב זיך א גאַנצע נאַכט געקריגט מיט מיין עלטערן זון.

— איר זייט מיד, פעטער, — האָט קעראָלאַין געגלעט דעם אלטנס ר' בונימס פּלייצע, און געשפּירט, ווי קעלט און היץ שניידן אין זיג־זאַג איר לייב.

— ווי פּלעווע האָט אונדז אונדזער גאָט צעשפּרייט איבער דער ערד — האָט דער אַלטער ר׳ בונים צעשטרייט געקוקט צו זיינע קרובים — אבער מיט דער פּלעווע האָט ער אויך קערנער פּאַרזייט. יידישע קערנער, וואָס וועלן קיינמאָל ניט אונטערגיין.

— אַזוי לאַנג, פּעטער, ווי יידן וועלן זיין, און ניט־יידן וועלן זיין — האָט דאָקטאָר לוריא געפּרואווט זיין מונטער — וועט מען יידן דערמאָנען ווער זיי זיינען, און וואָס איז זייער עובדה אונטער הימל. שטיי אויף, ראַשעל, — האָט דאָקטאָר לוריא געמונטערט זיין בת־יחידה — לייען אונדז דאָס, וואָס דו האָסט אויסגעלערנט. זאָלן זיי וויסן, אַז אַ יידישע טאָכטער ביסטו, און, אַז דו וועסט זיין אַ גרויסע, און אַ מאַמע ווי דיין מאַמע, וועט דיין קינד, ווי דו, זיין אַ ציטעריק קינד ביי יידן.

— שטיי אויף, ראַשעל, שעם זיך ניט, — האָט יוחנן פעלדשטיין זי אַנידערגעשטעלט אויפן טיש.

פעלדשטיין האָט ביי דער געלעגנהייט אויסגעלערנט מיט איר צוויי פּערזן, וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעשריבן.

ראַשעל איז געשטאַנען אויפן טיש. אַ שטאַרק פּאַרויטלטע, דהאָט זי אַ וויַיל באַטראַכט די סטעליע, און מיט אַ קלינגענדיקער שטים אָנגעהויבן:

ביסט יונג, מיין פאָלק, ווי איך, דיין קינד,
אַ בלעטעלע גרין אין פרילינג־ווינט;
אַ וואָרצל פאַרפלאַנצט אין אַ פרייער ערד —
יידיש זיין איז מיר באַשערט.

ביסט יונג, מיין פאָלק, ווי איך, דיין קינד,
כאָטש ניין יאָר אַלט בין איך אַצינד.
איבער גאָר דער וועלט ביסטו צעשפּרייט,
פאַר דיר מיין לעבן האַלט איך גרייט.

פרייד און טרערן ביי די מאַמעס, און אַ טיפע בענקשאַפט ביי די עלטערע מאַנצבילן האָט דאָס קינד אויפגעוועקט מיט איר לייענען.

— געבענטשט זאָלסטו זיין, פּערל, וואָס דו טוסט דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן צו טאָן...

מיט די ווערטער האָט קעראָלאַין זיך געוואָרפן פּערלען אויפן האַלדז, שטיל געוויינט, און סימפּאַטיש געציטערט מיט איר גאַנץ לייב.

דערנאָכדעם האָבן אַלע מאַמעס געהאָלפן מינען צוגרייטן אַ מאָלצייט. ווען די געמיטער האָבן נאָכגעלאָזן ביי די מאַנצבילן, האָט מען זיך אַנידערגעזעצט דערמאָנען וואָס פאַר אַ פּופציק יאָר איז פאַרלאָפן אויף דער וועלט, און מען איז ווידער געקומען צום גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די דייטשע יידן.

פאַר זון־פאַרגאַנג האָט מאָו לוריא אַרויסגענומען עלוויראַן פון שטוב און איז מיט איר אַוועק הינטערן פאַרם. פייגל האָבן אריינגעזונגען אין פאַרנאַכט אריין, דערמאָנט, אַז עס איז פרילינג איבער דער ערד. אַ צייט דהאָבן זיי געשפּאַנט זייט־ביי־זייט מיט דעם שטעג צווישן די גרינלעכע פעלדער.

— אָרים זיינען די זאַנגען אין יידישן פעלד, עלווירא.

— פאַרוואָס מאָו?

— דאָס שענסטע און דאָס רייכסטע וואָס יידן שאַפן, גיבן זיי עס אוועק דער ניט־יידישער וועלט, און קיין דאַנק קריגן זיי ניט. שטיינער קריגן זיי, ווי איצטער אין דייטשלאַנד.

— אָ, ניין, מאָו. גאָר אַנדערש שפּיר איך. דריי טויזנט יעריקע זאַנגען, און זייערע קערנער זיינען זיס, שמעקן נאָך אַלץ מיט רייפן זומער, מאָו. אויב די געשיכטע מיט רות פון מואב איז א לעגענדע, איז אונדזער דאָ־זיין ניט קיין לעגענדע, מאָו. איך וועל דיר א סך קינדער געבוירן, א מתּנה דעם יידישן פאָלק וועט עס זיין. מיט זיי וועלן מיר אייביק יונג זיין. איך ווייס פאַרוואָס דו ביסט אומעטיק. האָסט ליב די־אָ ערד. זי איז אויך מיין ערד. זי האַלט אונדז אויף זיך, ווי אַ מאַמע אירע קינדער.

פון ווייטנס האָבן זיך פון שטוב אין פאַרנאַכט אַריין אַרויסגעלאָזן די לוריאס. פאָרוויז האָבן זיי געשפּאַנט פון שטוב אין פאַרנאַכט אַריין. גאָר פון הינטן איז געגאַנגען יוחנן פעלדשטיין, ר׳ בונים, און צווישן זיי — די קליינע ראַשעל.

— זיבעציק יאָר איז א סך, אָבער פופציק יאָר איז צייטנווייז א סך מער.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף א שטיין, געוואַרט אויפן זון־פאַרגאַנג. עלווירא האָט זיך געטוליעט צום מאַן, וואָס האָט איצט פאַרמאָגט שטילקייט אנשטאָט ווערטער. זי האָט זיין האַנט געדריקט צו אירע ליפּן, און מיט אַ ציטער אין האַרצן שטיל גערעדט:

— איך ווייס פאַרוואָס דו ביסט טרויעריק. דיין גאָט איז מיין גאָט. דיין פאָלק איז מיין פאָלק. אַ דאַנק דיר בין איך געוואָרן א קינד פון אַ מאַרטירער־פאָלק. אַ קינד פון דער גאַנצער וועלט, ווי דו ביסט עס.

ביידע זיינען שטיל געבליבן. מיטן געדאַנק האָבן זיך ביידע אוועק־געטראָגן צו דאָקטאָר ווילסאָנען.

— אויב דו, מיין טאָכטער, האָסט אָפּגעטאָן דיין איין־און־איינציקן פאָטער, באַשטימט אויפצוגעבן דיין פרייהייט און דינען דעם פאָלק, פאַר וועמען די גאַנצע וועלט איז ניט מער ווי אַ תּפיסה, איז עס דיין אויסוואַל. האָב איך, ווי א מענטש, אויף דיר קיין דעה ניט. ווי א פאָטער וויל איך דיר ווינשן, אַז דו זאָלסט שעפּן פון דיין לעבן די פולע מאָס גליק, ווי נאָר מאַרטירער פאַרדינען עס. יעס, דאָקטאָר מאָו לוריא, האָט ער געקלאַפּט איבערן אַקסל זיין צוקונפטיקן איידים, — פאַר דיין פאָלק, וואָס האָט צוויי גלויבנס געגעבן דער וועלט, הויבט זיך ערשט איצטער אָן דער מאַרטירער־וועג. לאָזט מיך איך ביידע דריקן צו מיין האַרצן.

דאָס האָט ער זיי ביידן געזאָגט מיט א טאָג פריער, ווען זיי האָבן פאַר אים אויפגעדעקט זייער ליבע. ביידע האָבן איצטער אין טיפן שווייגן פון דעם געטראַכט.

א דורכזיכטיקער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער געגנט אנט־קעגן דעם פרילינג־געזאַנג, וואָס די פייגל האָבן אין פאַרנאַכט אַריינגעזונגען.

סוף